STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04605

KIMAT A LEGENDE

Mikhail Lev

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Donald & Phyllis Cohen
in memory of
their grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



מ. לעוו

קימאט
א
לעגענדע

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“
מאָסקווע • 1973

С(Евр)2
Л34

„קימאט א לעגענדע" איז א בוך וועגן אויסדויער און גוורע. דער דאָזיקער טעמע איז געווידמעט אלץ, וואָס מ. לעוו האָט געשאפן, זינט עס זײַנען צוריק מיט פינף און צוואנציק יאָר דערשינען זײַנע „פארטיזאנישע וועגן". א וועזנטלעכע אלגעמיינע אייגנשאפט פאריייניקט די דרײַ דערציילונגען „אזוי איז געווען", „קימאט א לעגענדע" און „די יוגנט־יאָרן פון זשאק אלבראָ", — זיי זײַנען נית „אויסגעטראכט". דאָס, וואָס ווערט אונדז דערציילט, באזירט זיך אף געשעענישן, וועלכע זײַנען בעממעס פאָרגעקומען אין לעבן, ס'איז עכטע וואָר און אין דער זעלבער צײַט עכטע קינסטלערישע פראָזע לויט דער קראפט פון פאראלגעמיינערונג, אויסדריקלעכקײַט פון די געשטאלטן און אייגנארטיקער לירישער באהויכטקײַט.

„אזוי איז געווען" איז אין גרונט אווטאָביִאָגראפיש. מ. לעוו האָט אָנטיילגענומען אין די שלאכטן בא מאלאָיאראָסלאוועץ, ווען די פאָדאָלסקער קורסאנטן האָבן אין גוירלדיקן אָקטיאבער פון 1941 מעסירעסנעפעשדיק אָפּגעשלאָגן די אטאקעס פון די פאשיסטישע כאיאָלעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו מאָסקווע.

וועגן העלדישן אופשטאנד פון די אסירים אין טויט־לאגער סאָביבור ווערט דערציילט אין „קימאט א לעגענדע".

נית „פארפאסט" איז אויך די לעבנס־געשיכטע פונעם צירק־ארטיסט זשאק אלבראָ — דאָוויד גאָלדפארב, וואָס האָט מוטיק געקעמפט אף די שלאכטפעלדער פונעם בירגערקריג און פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

© Издательство «Советский писатель», 1973

Л $\frac{733\text{-}276}{083(02)\text{-}73}$ 213-73

די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין אָקטיאַבער 1941 אף די ווײַטע צוטריטן צו מאָסקווע, — געווידמעט.

אזוי איז געווען



ערשטער טייל

קורסאַנטן

סאָלדאַטישער זיקאָרן

דער הארבסט האָט זיך אויסגעגעבן א וואַרעמער, די לופט איז געווען דורכזיכטיק, ווייך, און פארשיקערטע פונעם נאָך אלץ שטארקן סמאָלע־גערוך, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם נאָענטן וועלדל, האָבן די אָפּגעבלעטערטע קוסטעס באם טראָטואר ווידער, ווי אין פרילינג, געגומען אליין שמעקן מיט נײַ־געבוירענע קנאָספּן און צווייטען.

אזוי האָט זיך געצויגן ביז מיט אָקטיאבער, ווען ס'איז מיטאמאָל אָנגעלאָפן א קאלטער צאָפן־ווינט און א בלאָז געטאָן מיט אזא בייזקײַט, אז דער קוועקזילבער אין טערמאָמעטער האָט האסטיק זיך א וואָרף געטאָן אראָפּ און קוים באוויזן זיך פארטשעפּען ערגעץ בא דעם נול.

איך שטיי בא דער צוגעמאכטער באלקאָן־טיר און קוק ארויס אין דרויסן. מיר האָבן אָפּגערעדט מיט באָריס גריגאָריעוויטשן, אז ער וועט קומען נאָך מיר אף זײַן מאשין האלב זיבן, אָבער דערווײַל איז נאָך פרי. די פענצטער אין די ארומיקע הײַזער זײַנען אומעטום בלינד, עס זיפּט זיך א דין רעגנדל, נאָר פריִער האָט, ווײַזט אויס, געשאָטן מיט ווײַסע גרײַפּעלעך אײַז. דער אספאלט איז באדעקט מיט א צוגעפרוירן הײַטל. ס'איז אוואדע אף דעם שטארק גליטשיק. איבערן שמאָלן טראָטואר אײַלט צום אווטאָבוס א פרוי. דער הארבער ווינט רײַסט פון אירע הענט דעם שטײַף אָנגעצויגענעם שירעם.

אין שטוב בא מיר איז געמיטלעך ווארעם, בין איך צופרידן פאר די מענטשן, וועלכע שטייען דאָרט פון אונטן אין דער ריי, וואָס באלד וועלן זיי זיך אויך אויסבאהאלטן פון דער עסעריקער קעלט: ס'האָט זיך ענדלעך באוויזן דער לאנג־דערווארטער אווטאָבוס. די, וואָס שטייען פון די ערשטע, האָבן גענומען אראָפּלאָזן די אופגעשטעלטע קעלנער פון די מאנטלען, אָפּטרייסלען פון זיך די פארגליווערטע טראָפּנס. יעדערער וויל וואָס גיכער ארײַן און זיך אײַנמאָסטען אף די ווייכע שטולן. איינער וועט ארײַנקוקן אין א נעכטיקער צײַטונג אָדער אין א בוך, א צווייטער וועט גאָר נאָך א ביסעלע דרעמלען. קיינעם ווילט זיך ניט גלײַך פון אָנהייב טאָג שטיין אף די פיס און בא יעדן קער פון דער מאשין זיך כאפּן פארן הענג־רימען.

ווידער טו איך א קוק אפן טערמאָמעטער, וואָס איז צוגעפעסטיקט צו דער דרויסנדיקער ראם. דאָס קוועקזילבער האלט אין איין פאלן. דאכט זיך, אז ס'שמעקט מיט ווינטער. ווען פון הויף דערהערט זיך אן אומגעדולדיקער רוף פון קלאקסאָן, שיט שוין דער ערשטער שניי. באָריס גריגאָריעוויטש ווארט אף מיר באם אָפּענעם טירל פון דער מאשין.

— גיכער, גיכער, — אײַלט ער מיך אונטער, ווי נאָר ער דערזעט מיך ארויסגיין, — פארגעס ניט, אז צו עלף דארפן מיר זײַן אפן אָרט, און פאָרן וועט הײַנט זײַן שווערלעך, פארשטייסט?

מיר ווילט זיך גאָר שטיין א ביסל אונטערן שניי. שטויסנדיק און דרייענדיק זיך, פאלן די שנייעלעך אפן פּאָנעם, און ביז זיי צעגייען, איז אזוי גוט צו פילן זייער איידעלן צוריר. זיי פאלן אף דער ראבינע, וואָס האָט נאָך פארהיט איר פײַערדיקע קרוין. אלץ ארום ווערט פארצויגן מיט א ווײַסן צודעק. כאָטש נעם א שליטל און לאָז זיך צו א נאָענטן בארג. נאָר מײַן קינדהײַט און יוגנט איז שוין לאנג פארבײַ.

צוזאמען מיט באָריס טארקאָוון, א געוועזענעם לייטענאנט פון דער פּאָדאָלסקער אינפאנטעריע־שול, אין וועלכער איך בין אין יאָר 1941 געווען א קורסאנט, פאָרן מיר הײַנט צום ברודער־קייווער אף יענעם שלאכטפעלד, וווּ מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין דעם טאָג, זײַנען געפאלן פיל פון אונדזערע פרײַנט. דאָרט וועט הײַנט פאָרקומען אן אָנדענק־מיטינג, אף וועלכן עס קלײַבט זיך צונויף די יוגנט פון די ארומיקע ראיאָנען און מ'האָט אונדז פארבעטן ארויסטרעטן אף אים.

די מאשין רירט פון אָרט, און מיט א דערשיטערנדיקער קלאָרקײַט גיבן זיך א ריר די גרויזאמע זעענישן, וואָס האָבן מיך פאר די דרײַסיק יאָר נאָך ניט פארלאָזט אף קיין טאָג און אף קיין נאכט. צומאָל דאכט זיך, אז זיי שוועבן שטענדיק אינדערלופטן, און אָט, ווי פייגל, קומען זיי זיך צונויף, צעפליִען זיך און קומען זיך באנײַס צונויף. באטאָג איז צו דערלײַדן, דער הו־הא פון לעבן לאָזט זיי זיך ניט אף לאנג פארהאלטן, אָבער באנאכט איז ווידער דורכויס מילכאָמע. יאָ, ס'איז טאקע

אין שלאָף, נאָר איך פיל נאָכאמאָל, ווי די ערד הוידעט זיך אונטער די פיס, מישט זיך איבער מיטן הימל, צום אויער דערטראָגט זיך דאָס גרויליקע קאַוועטשען פון פרעמדע מינעס און נאָך בוילעטער — דער צום ערשטן מאָל דערהערטער זאַלפ פון אונדזערע „קאַטיושעס”. מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך דאָס פילשיכטיקע פײַער, ווען א קויל פון מײַרעוו קאָן אָנטרעפן אין א קויל פון מיזרעך, די פלאַמיקע צונגען, וואָס רײַסן זיך צום באַנאַכטיקן הימל, און דאָס פעלד ארום אונדזער אײַנציקן דזאָט, ווו יעדער ווערשאָק ווערט אופגעריסן פון באָמבעס און סנאַריאַדן.

הײַנט באַנאַכט האָב איך ווידער זיך געזען ליגנדיק, ווי א פּראָש, צוגעפלעטשט צו דער פאַרפרוירענער ערד. איך מוז וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צום אָקאָפּ פון אונדזער ווזוואָד. כ'דאַרף איבערגעבן דעם ווזוואָדנע א באַפעל פונעם ראָטע־קאָמאַנדיר. א פאַרבינדלער טאָר אַף קיין מינוט זיך ניט פאַרזאַמען, שפּאַר איך זיך אָן אין עלנבויגן און טו א שטאַרקן שטופּ מיטן פוס. אַזוי וואָלט איך זיכער געטאָן, ווען מע זאָל אַפילע ניט געווען מיט אונדז אײַנקנעלן אין מיליטערישן לאַגער באַם דאָרף לוזשקי הינטער סערפּוכאָוו, ווי מע דאַרף קריכן „פּאָ־פּלאַסטונסקי”, און ווי־דעראַמאָל אַפן עלנבויגן און מיטן גאַנצן קויעך נאָך א שטופּ מיטן פוס, נאָר גוואַלד, די הענט, די פיס, כאָטש האַק זיי און בראָק, פאָלגן ניט. איך ווייס, אין שלאָף ווייס איך, אַז דאָס איז ניט מער ווי א בייזער כאָלעם. דעמלט, אַף דער וואָר, בין איך דאָך געקראָכן. און ס'נעמט מיך אָן א פּאַכעד, וואָס איך קאָן דעם באַפעל ניט איבערגעבן, ס'דאַכט זיך מיר, אַז דער אָקאָפּ וואָלט ווי מיר אַפצולאָכעס גענומען זיך רוקן אַף צוריק, און איך כאַפּ זיך אויף פון מײַן אייגענעם געשריי. דאָס האַרץ פויקט ווי א האַמער.

אָט פאַרוואָס כ'האָב באַ זיך געפויעלט זיך צעשיידן מיטן ווייכן קישעלע א סאַך פריִער, איידער באָריס גריגאָריעוויטש האָט באַדאַרפט קומען.

אַזאַ פאַרבאָרגענע דערמאָנונג איז אופגעשווומען: אָט דאָס קישעלע... דאָס אײַנציקע פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער מאַמען. מיט אירע אָנגעבראַקנטע פינגער האָט זי יעדע פרײַע מינוט געפליקט א פעדער נאָך א פעדער, ביז זי האָט ניט אָנגעפילט דעם טיקענעם אײַנשיט און אים מיטגעגעבן דעם מיזיניק, וואָס האָט פאַרלאָזט די דאָרפישע היים אַף קריוואָראָזשיע און זיך געלאָזט זוכן זײַן גוירל אין דער גרויסער מאָסקווע. צופיל שפּליטערס וואָלט מען באַדאַרפט ארויסשלעפּן פון זיקאָרן, אַז ס'זאָלן זיך כאָלעמען די געבענטשטע פרימאָרגנס אין די קריוואָראָגער סטעפּעס, ווען כ'פלעג אויך אופשטיין פריי־פרי און שטענדיק זיך טרעפן מיט אַזאַ ווונדער: איבער דער קוזניע, וואָס איז אָנגעטאָן אין א מאָכיק פּעטשעריצע־היטל, באַווײַזט זיך די זון, און אירע ערשטע שטראַלן טוען א לײַכטן גלעט די אויסגעצוואָגענע גראָזן, אַף וועלכע עס צעבלישטשען זיך מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן טראָפנדלעך טוי. די פאַרבן פון זון־אופגאַנג לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. נאָר ניט זיי קומען צו כאָלעם. עס האַלט זיך אין איין אומקערן דער אָקטיאַבער פון 1941. יעדער טאָג, יעדע שאָ און אַמאָל אויך א רעגע.

באַ טאַרקאָוון, כאָטש ער פירט די מאַשין, איז אויך דער קאָפּ ערגעץ אין אַנדערע אוילאָמעס. זײַענדיק א קורסאַנט, האָב איך אים געקענט פונדערווײַטן — ערשט מיט א יאָר זעקס צוריק האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און זייער גיך זיך באַפרײַנדעט. זעלטן ווען כ'האָב באַגעגנט אַזאַ גוטמוטיקן מענטשן. ער איז א הויכער, א לײַביקער, פון יענע קרעפטיקע מענטשן, וואָס זײַנען שטענדיק אופגעלייגט, מיט אַזעלכע איז גוט צו פאַרברענגען. מיר דאַכט, אַז אָט ער טאַקע לעבט

לויטן וואָרט, וואָס ער האָט זייער ליב איבערצוכאַזערן: „פּאַטער קיינמאָל ניט זיך און ניט יענעם די שטימונג, פאַרשטייסט?״

האַלטנדיק פעסט דאָס רעדל אין די הענט און וויגנדיק זיך אַהין־אַהער, דער־ציילט ער:

— גאַלינע האָט צו מיר א טײַנע, — גאַלינע איז טאַרקאָווס פרוי, — ווען, פרעגט זי, וועסטו שוין פאַרשטיין, אז א האַרץ טאָר מען ניט איבערלאָדן, א האַרץ האָט ניט ליב, מע זאָל זיך פון אַלצדינג נעמען צום האַרצן. וואָס זאָל איך איר ענטפערן? כ׳שווײַג. דאָס האָט זי פּײַנט. נעכטן, נאָכדעם, ווי מיר האָבן מיט דיר אָפּגערעדט אין טעלעפאָן, האָט זי מיר קאַטעגאָריש געמאָלדן: „טאַרקאָוו, — אזא טעווע האָט זי, אַז זי איז מיט מיר ניט צופרידן, רופט זי מיך בא דער פאַמיליע, — וועסט אין ערגעץ ניט פאָרן! קלינג אים אָן און דערמאָן, אז ביידע זײַט איר שוין באוואָפנט ניט מיט קיין נאַגאַנען, נאָר מיט ניטראָגליצערין־פּאַטראָנען. וווהין טראָגט עס אײַך? זאָלן בעסער אונדזערע קינדער אָפּטער קומען אַהין. זיי שטערט ניט פון צײַט צו צײַט דערציילן, וואָס פאַר א מילכאָמע מיר האָבן איבערגעלעבט״. איך האָב איר גאָרניט געענטפערט. זי ווייסט דאָך גוט, אז איך וועל סײַווי פאָרן, איז צוליב וואָס זיך און איר דערצו נאָך פאַטערן די שטימונג, פאַרשטייסט? אָבער ווער זשע וועט טאַקע דערציילן די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס קלײַבן זיך הײַנט צונויף צום דענק־מאָל אפן ברודער־קייווער, אויב ניט מיר, די לעבן־געבליבענע, ווער?

פאָרן קומט אויס זייער פאַרזיכטיק. דער ווינט איז קימאַט שטיל געוואָרן, נאָר דער שנײ טוט זײַן שטיקל ארבעט: ווי נאָר מע דריקט אָן אפן טאָרמאָז־פּעדאַל, אזוי פאַרטראָגט עס די „וואָלגע״ אין א זײַט. אף דער בריק איבערן מאָסקווע־טײַך האָבן פאַר אונדזערע אויגן צוויי אווטאָמאָבילן זיך א קראַץ געטאָן אין די זײַטן. קיין אומגליק איז ניט געשען, נאָר שטיקלעך פאַרב זײַנען אָפּגעשפּרונגען. מיר האָבן זיך אויך געמוזט אָפּשטעלן. ביז וואָס־ווען האָט דער „אָרודעוועץ״ בא ביידע שאָ־פערן אָפּגענומען די „רעכט״.

דאָס לאָשן קערט זיך אום צו טאַרקאָוון פון יענער זײַט בריק, אף דער אָסי־פּענקאָ־גאַס:

— אין אָט דעם הויז ביסטו קיינמאָל ניט געווען? — ווײַזט טאַרקאָוו מיר אָן אף א מאַסיוון דרײַשטאָקיקן מויער. — מיר איז אויסגעקומען. דאָ האָט זיך געפונען דער שטאַב פונעם מאָסקווער מיליטער־קרײַז. פונדאַנען האָבן מיר באַקומען דעם באַפעל ארויסטרעטן קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. דו האָסט געלייענט די מעמואַרן פונעם גענעראַל טעלעגין? דאָרט זײַנען געזאָגט געוואָרן ניט ווייניק וואַרעמע ווער־טער וועגן אונדזערע קורסאַנטן און באַזונדערס וועגן דער דאָרעם־גרופּע, וואָס האָט געקעמפט אינעם ראַיאָן פון דעטשינאָ, ווו דו ביסט געווען.

אפילע אף קיין איין אויגנבליק ווילט זיך מיר ניט אָפּווענדן טאַרקאָוון פון דער ווינט־שויב: מיר פאָרן איצט דורך זייער א רוישיקן און ענגן מאָסקווער פּלאַץ. דעם בוך „ניט אָפּגעגעבן מאָסקווע!״, וועלכן ס׳האָט אין זינען באַריס, האָב איך געלייענט, און כ׳געדענק ניט, ווען א בוך זאָל מיך געווען אזוי אופרודערן. מיך האָבן דעריקער איבעראַשט די שטעלן, ווו עס ווערט דערציילט וועגן די אומשטענדן, וואָס האָבן געצוווּנגען דעם גענעראַל, דאַן דיוויזיע־קאָמיסאַר, טעלעגין דעם 5 אָקטיאַ־בער 1941 אָננעמען א באַשלוס, די פּאָדאָלסקער מיליטערישע שולן זאָלן דרינגענדיק, לויט אַן אַליאַרם, ארויסטרעטן אפן פראָנט. קאָן זײַן, דאָס האָט געמאַכט אף מיר אזא

רוישעם דערפאר, וואָס סאָפקאָלסאָף, ווען ניט אָט די אומגעווייגלעכע אומשטענדן, וואָלט געוויס אויך מײַן מילכאָמע־גורל געווען אַן אַנדערער.

ווײַל טאַרקאָוו האָט זיך ניט דערוואַרט אַף מײַן ענטפער און די מאַשין איז אַרויס אַף אַ ברייטן הינטערשטאָטישן שאָסיי, זעצט ער פאָר:

— דו פאַרשטייסט? דער גענעראַל טעלעגין האָט פעסטגעשטעלט זייער אַ וויכ־טיקע זאַך: די ווירקלעכע דאַטע פונעם ערשטן שאַרפן קריזיס אַף די צוטריטן צו מאָ־סקווע.

איך פאַרשטיי, איך ווייס עס. אַ לענגערע צײַט איז אין דער ליטעראַטור וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פאַרשוויגן געוואָרן, אַז די ערשטע סאַקאָנע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט דירעקט אַף מאָסקווע, איז אַנטשטאַנען דעם 5 אָקטיאַבער 1941. עפּשער איז דאָס פאַרגעסן געוואָרן, עפּשער האָט געהאַט איר ווירקונג די טראַדיציאָנעלע קאָנ־צעפּציע בענעגייע דעם, ווען גופע די הויפּטשטאָט איז צום ערשטן מאָל באַדראָעט געוואָרן. אַזוי צי אַנדערש, נאָר בייס ס׳האָט זיך געגרייט צום דרוק דער צווייטער באַנד פון דער „געשיכטע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע״, האָט דער גענעראַל־לייטענאַנט ק. פּ. טעלעגין געווענדט אַף דעם די אויפמערקזאַמקײַט פון די רעדאַקטאָרן. מע האָט געצווייפלט, צי האָט ער אַ סמאַך אָפּצופרעגן דעם אָנגענומענעם שטאַנדפּונקט. דאַן האָט קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָוויטש געזאָגט: אין אָקטיאַבער 1941 האָב איך אַלס מיטגליד פונעם מיליטערישן ראַט פון מאָסקווער מיליטער־קרײַז פאַר־שריבן אַלע געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דער פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט, מינוט נאָך מינוט, אין אַ ספּעציעלן אַרבעט־בוך. ער געפינט זיך איצט אין פּאָדאָלסק אין צענטראַלן אַרכיוו פון דעם לאַנדשוץ־מיניסטעריום, טוט אַ לייען דעם דאָזיקן בוך, און עס וועט אַלץ קלאָר ווערן.

מיט קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָוויטשן האָב איך זיך באַגעגנט, גערעדט מיט אים, און דערפאַר קאָן איך זיך אים איצט אויסמאָלן אין יענעם גוירלדיקן טאָג, ווען ער האָט אין גרויסן קאָנטאָר־בוך מיטן נאָמען „פאַרנאָטירונגען פון די שלאַכט־באַפעלן און פאַראָרדענונגען פונעם מיטגליד פון מיליטערישן ראַט פון מאָסקווער מיליטער־קרײַז טעלעגין ק. פּ.״ פאַרצייכנט אַלץ, וואָס ס׳איז דאַן פאָרגעקומען.

— דו דרעמלסט, — פרעגט באָריס, — ביסט זיך ניט אויסגעשלאָפן? מיר זײַנען שוין באַלד אין פּאָדאָלסק.

ניין. כ׳האָב ניט געדרעמלט, מיך האָט גאָר פאַרטראָגן אין אַן אַנדער צײַט און אין אַן אַנדער אָרט.

אין דעם דרײַשטאָקיקן מויער אַף דער אָסיפּענקאָ־גאַס בין איך קיינמאָל ניט געווען, און דאָך האָב איך געזען דעם געראַמען קאַבינעט, איבער וועלכן ס׳האָט אַרומגעשפּאַנט, פאַרטאָן אין טיפע מאַכשאָוועס, דער דיוויזיע־קאָמיסאַר טעלעגין. בא אים איז אַ ריין־געגאָלטער קאָפּ, אַפן שטערן — ערשטע סימאָנים פון קומענ־דיקע קווער־קנייטשן און קנייטשעלעך, אין מויל שטעקט די אייביקע פײַקע, וואָס ער לאָזט אַף קיין רעגע ניט אויסלעשן זיך. ניט געקוקט אַף דער איבערמענטשלע־כער מידקײַט, ער האָט די פּאָריקע נאַכט זיך צוגעשפּאַרט עפּשער נאָר אַף אַ שאָ אָדער אָנדערהאַלבן אַפן דיוואַן אין דערבײַיקן צימערל, שטעמפּלט ער די טריט מיליטעריש־פעסט, אַזש דער גלאַנציק־געוועקסלטער פּאַרקעט סקריפּעט אונטער. ווי געוויינלעך, 8.00 האָט דער שעף פון שטאַב באַוויזן די אָפּעראַטיווע סוואָדקע וועגן די געשעענישן אַפן פראָנט פאַר דער לעצטער נאַכט. לויט דער סוואָדקע זײַנען קיין באַזונדערס וויכטיקע געשעענישן ניט פאָרגעקומען. און אָט ערשט, ס׳איז נאָך

קיין צווײ שאָ ניט פארבײַ, האָט מען אָנגעקלונגען פון מאלאָיאראָסלאוועצער באפעסטיקטן ראיאָן, אז גאנצפרי האָבן די פאטרולן פארהאלטן אווטאָמאשינעס, וועגענער פון די אָבאָזן, וועלכע געהערן צו דער 43־טער ארמײ. די פארהאלטענע מיליטער־לײַט האָבן מיטגעטײלט, אז די דײַטשן גרײַפן אָן מיט גרויסע קויכעס. אײניקע דיוויזיעס זײַנען ארומגערינגלט, עס גײען שווערע שלאכטן. דאָס קאָן דאָך אָבער ניט זײַן! ניט אין גענעראַל־שטאב, ניט אין די געהעריקע אמטן פונעם קרײַז־שטאב ווייסט מען ניט וועגן דעם, אז די דײַטשן זאָלן זיך באוועגן אין דער ריכטונג צו מאלאָיאראָסלאוועץ, צו יוכנאָוו. יוכנאָוו — דאָס איז דאָך סאכאקל 180 קילאָמעטער פון מאָסקווע. עס קאָן ניט זײַן.

ניין, טראכט דער דיוויזיע־קאָמיסאר, דאָס האָבן אויסגעטראכט פאניקיאָרן, וועלכע עס האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן, אָדער ס'איז א פּאָרטל פון א פײַנט, וואָס וויל ארײַנפירן אין א טאָעס. אָבער דער מיטגליד פון מיליטערישן ראט איז ניט פון די, וואָס ווערן גלײַך אָנגעצונדן און באהערשן ניט די אײגענע געפילן. די זאך פאָדערט אומבאדינגט א צוגאָב־קאָנטראָל. אזוי טוט ער טאקע, אויסדריקלעך און קלאָר גיט ער אָפּ די געהעריקע פאראָרדענונגען, און ערשט דערנאָך פארנעמט ער זיך מיט אנדערע איניאָנים, וואָס לאָזן זיך אויך בעשום־אויפן ניט אָפּלייגן אף שפּעטער.

ווידער קלינגט דער טעלעפאָן. נאָר צוערשט האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאר בלויז פון דער זײַט א קוק געטאָן אף אים. אין דער רעגע איז ער געזעסן באם ארבעטטיש און באטראכט, לאָמיר זאָגן, א פּראָיעקט פון שוץ־אײַנריכטונגען, דערנאָך האָט ער האמעטענע־שווער זיך א וויג געטאָן צו דער טומבע, אף וועלכער עס שטײט דער טעלעפאָן. אים וואָלט זיך זײער געוואָלט, אז ער זאָל באלד דערהערן די שטים פון דעם באלעבאָס פון אָט דעם קאבינעט, פון דעם הויפּט־קאָמאנדיר פונעם מאָסקווער מיליטערישן קרײַז גענעראַל־לײטענאנט ארטעמיעוו, וועלכער געפינט זיך שוין דעם דריטן טאָג אין טולע, דאָרט האָט זיך אויך געשאפן א שווערע לאגע. נאָר מאלע וואָס אים ווילט זיך.

געקלונגען האָט דער קאָמאנדיר פון די לופט־קויכעס פון קרײַז דער פּאָלקאָווניק סביטאָוו, וועמען דער דיוויזיע־קאָמיסאר האָט פריִער פאראָרדנט ארויסשיקן אעראָפּלאנען, וואָס זאָלן דורכקאָנטראָלירן די וועגן ארום ראָסלאוול, יוכנאָוו, מאלאָיאראָסלאוועץ.

מיט א שטים, וואָס האָט פון שטארקער אופגערודערטקײַט זיך איבערגעהאקט, האָט דער פּאָלקאָווניק ראפּאָרטירט, אז צו יוכנאָוו דערנעענטערן זיך דײַטשישע טאנקען. קײן שום רעגולערע טײלן פון אונדזער ארמײ זײַנען אף זײער וועג ניטאָ.

אָט ווען מע קאָן אינמיטן העלן טאָג דערזען שטערן אין הימל!

— קומט גלײַך ארײַן צו מיר! — האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאר באפוילן.

סביטאָוו האָט באשטעטיקט, אז זײַנע פליִער האָבן געזען א פאשיסטישע קאָלאָנע פון טאנקען און מאָטאָראָזירטער אינפאנטעריע, וואָס ציט זיך פון ראָסלאוול אף א לענג פון פינף און צוואנציק קילאָמעטער. די פליִער זײַנען דערפארענע, און מע מעג זײ פולקום גלייבן. זײ האָבן נאָכגעשפּירט דעם סוינע פון ניט קײן גרויסער הייך.

איצט קאָן מען פארשטײן, פארוואָס באם דיוויזיע־קאָמיסאר האָבן זיך אופגעבלאָזן די אָדערן אף די שלײפן און דאָס הארץ איז פארצאפּלט געוואָרן. ווערטער זײַנען באשאפן געוואָרן, קעדײ אויסדריקן דאָס, וואָס דער מענטשלעכער פארשטאנד קאָן אופנעמען, איז ניטאָ זיך וואָס צו כידעשן, וואָס צוערשט האָט טעלעגין געענטפערט,

אז דאָס איז אומעגלעך, און ערשט דערנאָך קאטעגאָריש געפאָדערט: „דורכקאָנטראָ־לירן! ווידער דורכקאָנטראָלירן!”

ביז די דאָזיקע יעדיעס וועט ניט באַשטעטיקט ווערן, האָט ער קיין רעכט ניט מיטצוטיילן וועגן איר דער העכסטער ארמיי־אָנפירונג.

אין דער ריכטונג יוכנאָוו — מאלאָיאראָסלאוועץ — מאָסקווע האָבן אין דעם מאָ־מענט זיך געפונען בלויז בוי־באַטאַליאָנען, וואָס האָבן דורכגעלייגט אָקאָפּעס, קעגנטאנקען־גראָבנס, געבויט גרויסע קאָמפּליצירטע שוץ־אײַנריכטונגען פון אײַזנ־בעטאָן און שטאָל. נאָר ווער וועט די דאָזיקע ד'רינגענדיקע אויסשטאטן מיט ארטילעריע, קוילנוואַרפער, מינענוואַרפער, ווער וועט פון די טראַנשייען באַגעגע־נען דעם סוינע מיט פײַער?

די רעאַלע קויכעס, וואָס קאָנען הײַנט־מאָרגן ארויסגעשטעלט ווערן קעגן די פאַשיסטן, זײַנען בלויז די מיליטערישע שולן, די אקאדעמיעס און אייניקע טיילן פון דער קעגנלופט־שוץ. פון זיי אַלע זײַנען איצט נעענטער צום פראָנט די פּאָ־דאָלסקער אינפאַנטעריע־ און ארטילעריע־שולן. דער דיוויזיע־קאָמיסאַר האָט מיט צוויי פינגער א וויש געטאָן די טיפע מויל־ווינקלען און עפּשער אַפילע שווער און ביטער א קרעכץ געטאָן.

אַלס מיטגליד פון מיליטערישן ראַט איז ער מעכויעוו געווען אָפּמערקן אין אַר־בעט־בוך יעדע וויכטיקע געשעעניש, ווי אויך זײַנע באַפעלן און פאַראָרדענונגען. איצט וואָלט ער באַדאַרפט גלײַך אָנשרײַבן: „5 אָקטיאַבער 1941, 12 אַזייגער באַ־טאָג”... נאָר די אומשטענדן זײַנען געווען אַזעלכע, אַז פון צוועלף ביז פיר באַטאָג האָט ער זיך צום בוך ניט צוגערירט.

מע זאָגט, אַז ווארטן אויף א גוטער יעדיעס איז אַמאָל בעסער ווי די יעדיעס אַליין. נאָר אַז אַן אומגליק פארלויפט דעם וועג, דאַן פאַראַקשענען זיך די ווײַזערס אויפן זייגער און שלעפּן זיך קוים־קוים. מיט הונדערטער איניאָנים איז באַשעפטיקט דער מיטגליד פון מיליטערישן ראַט, עס גייען ארײַן און ארויס מענטשן, עס קלינגען די טעלעפאָנען, נאָר אים עגבערט דעם מויעך איין זאָרג — מיט וואָס וועט קומען סביטאָוו. קנוילן רויך ציִען זיך פון דער פּײַקע, אין קאַבינעט איז אָנגערייכערט, ווי ס'וואָלטן אין די ווינקלען געטליעט האָלעוועשקעס.

ארום צוויי אַזייגער איז דער פאָלקאָווניק אריבערגעטראָטן די שוועל. ער איז געקומען מיט צוגאָב־פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די פריערדיקע יעדיעס: די דײַטשישע טאנקען־קאָלאָנע געפינט זיך אין וועלכע־ניט־איז פופצן — צוואַנציק קילאָמעטער פון יוכנאָוו.

אין א מינוט ארום האָט דער שעף פון דער פאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול דער גענעראַל־מאַיאָר סמירנאָוו באַקומען דורכן טעלעפאָן דעם באַפעל ד'רינגענדיק ארויס־שיקן קעגן דעם אָנגרײַפנדיקן סוינע דעם ערשטן אָטריאַד קורסאַנטן. אויף דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן מיר פאָרן אצינד מיט באָריס גריגאָריעוויטשן, האָט געיאָגט קיין פּאָדאָלסק א מיליטערישע מאַשין, אין וועלכער ס'איז געזעסן דער קאָמבריג יעלי־סייעוו. ער האָט באַדאַרפט באַוואָרענען, דער באַפעל זאָל אויסגעפילט ווערן מיט דער מאַקסימאַלסטער שנעלקײַט.

און איצט איז פאַרגעשטאַנען אָפּגעבן באַפעלן אַלע מיליטערישע שולן, אקאדע־מיעס, אַלע טיילן פון גאַרניזאָן, אַלעמען, ווער ס'איז פייִיק פאַרשטעלן דעם סוינע דעם וועג אויף מאָסקווע.

נאָך סביטאָווס דריטן באַריכט האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר באַשטימט אָנצוקלינגען דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב. ער האָט שוין היינט צוויי מאָל גערעדט מיטן מאַרשאַל שאַפּאָשניקאָוו, זיך אָנגעפרעגט וועגן דער לאַגע אַפן מיירעוו־פראָנט. אויך דאָס מאָל האָט ער דערפון אָנגעהויבן. דער מאַרשאַל שאַפּאָשניקאָוו האָט ניט אויסגעהאַלטן. כאָטש ער האָט געשעמט אין דער אַרמיי מיט זיין העפלעכקייט, האָט ער מיט רוגזע א זאָג געטאָן, אַז פאַר די לעצטע דריי שאָ שטעלט אים דער דיוויזיע־קאָמיסאַר שוין צום דריטן מאָל אָט די פראַגע. קאָנסטאַנטין פּיאָדאָראָוויטש האָט זיך ניט פאַרענטפערט, אָן א שום איבערגאַנג, ווי פון א האַרמאַט, האָט ער אויסגעשאָסן: „דייטשישע טאַנקען זיינען אַריין קיין יוכנאָוו". אין טרייבל האָט מען געשוויגן. נאָך דעם האָט דער מאַרשאַל געבעטן געגעבן דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייסט. און ווידער איז שטיל געוואָרן. דאָס האָט געדויערט לאַנגע דריי אָדער אַפילע פיר מינוט. און מיטאַמאָל איז די שטילקייט אויפגעריסן געוואָרן מיט א פּאָדערנדיקן קלונג פונעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט, וואָס איז פאַרייניקט דירעקט מיטן קרעמל.

דער דיוויזיע־קאָמיסאַר האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל. דער צווייטער עק פון טעלעפאָן־שנור איז געווען אין דער האַנט פונעם אויבערהויפּט־קאָמאַנדיר. סטאַלין האָט זיך נאָכגעפרעגט, אַף וויפל די יעדיעס פון דער אוויאַ־אויסשפּירונג אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט, וואָס פאַרא מיטלען זיינען שוין פאַרגענומען געוואָרן. אום יעדן פּרייז, האָט ער פאַרענדיקט דעם געשפּרעך, נאָר דער סוינע מוז אָפּגעשטעלט ווערן אַף פינף־זיבן טעג, ביז עס וועלן אונטערגעצויגן ווערן די רעזערוון פון דער סטאַווקע.

אין יענעם טאָג האָט דער דיוויזיע־קאָמיסאַר טעלעגין ניט באַמערקט דעם אָנקום פונעם אָוונט. פון זיין שטול איז ער אויפגעשטאַנען בא האַלב־נאַכט, ווען די ליכטפּאַסמעס פון די פּראָזשעקטאָרן האָבן צעפּאַסעוועט דעם מאָסקווער הימל...

אין פּאָדאָלסק פאַרט באָריס גריגאָריעוויטש גלייך אַרויס אַף דער צענטראַלער גאַס. ער ווייסט דאָ אין שטאָט יעדן קער און יעדן ווענד. ער האָט דאָך עטלעכע יאָר געדינט אין דער אינפאַנטעריע־שול. און איך בין געווען א קורסאַנט און האָב אַפילע די געביידע פון דער שול ניט געזען, וויטער פונעם וואָקזאַל בין איך דאָ ניט געווען.

— די שול וועל איך דיר וויזן אַף צוריקוועגס, — זאָגט טאַרקאָוו, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס איך טראַכט, — עפּשער וועלן מיר אַפילע אַריינגיין אַהין. איצט איז דאָרט אַן אינדוסטריעלער טעכניקום, מע האָט מיר געשריבן, אַז צווישן די סטודענטן זיינען פאַראַן אייניקלעך פון אונדזערע קורסאַנטן. די גיב נאָר א קוק, וואָס עס טוט זיך! אַף אַזוינס האָב איך זיך ניט גערייכט.

לענגויס דער גאַנצער גאַס, וווהין מיר פאַרקערעווען איצט, שטייען אווטאָבוסן, לאַסטמאַשינעס. די טראָטואַרן זיינען פול מיט יוגנטלעכע. פאָנען, טראַנספּאַראַנטן, בלומען־קראַנצן. פונדאַנען, פון דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן, וועט די יוגנט פון דער שטאָט און ראַיאָן אָנהייבן איר פייערלעכע פּראָצעסיע צום ברודער־קייווער, קעדיי באַערן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע.

די מאַשין שטעלט זיך אָפּ. טאַרקאָוו לאָזט זיך צו דער ווינט־שויב, אויסווישן זי. ער הינקט אַפן רעכטן פוס, און דערפאַר איז בא אים דער לינקער שוך קימאַט א

נײער, און דער רעכטער צעטאָפּטשעט. איך גײ ארויס אפן טראָטואר. איך װיל מיט די אײגענע אויגן זען דאָס שילדל, אף װעלכן ס'איז אָנגעשריבן „גאס אפן נאָמען פון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן".

אבי מע זאָגט, אז די צײַט איז דער בעסטער רופֿא. עפּשער איז דאָס אזוי, נאָר פאר מיר גילט עס ניט. אין האלדז װאַקסט אָן א קנויל. גאָרנישט האָט זיך ניט פארהײלט, די װוּנד איז נאָר מיט א דין הײַטל פארצויגן.

באָריס גײט צו צו מיר.

— פּאַטער ניט די שטימונג, — זאָגט ער, און אלײן נעמט ער ארויס פונעם פּעקעלע א פּאפּיראָס. אף זײַן באַק האָט א ציטער געטאָן די הויט.

װער פּאַטערט די שטימונג װער? פּאָשעט, דער סאָלדאַטישער זיקאָרן לעבט.

בערעזעס װײנען

דער שניי שיט און שיט, װי עס װאָלט שוין אף אן עמעס זיך געשטעלט דער װינטער. עס לאָזט זיך גאָר ניט גלײבן. ערשט מיט צװײ טעג צוריק נאָך א דריבנע רעגנדל האָט די פֿאַרנאַכטיקע זון אזוי זומערדיק א פינקל געטאָן, אז ס'איז געבוירן געװאָרן א רעגנבויגן פון אײן עק הימל ביז צום צװײטן. ער האָט זיך איבערגעגאָסן מיט אלע זײַנע זיבן פארבן, װעלכע קומען אים, און ס'האָט זיך געדאַכט אפילע, אז ער פּאַרמאָגט נאָך עטלעכע.

קימאַט אף אלע באלקאָנען זײַנען געשטאַנען מענטשן מיט הויך־פּאַריסענע קעפּ. ס'איז אויך ארויסגעגאַנגען א קוק טאָן אפן װוּנדער מײַן שאָכנטע מאַניע גאָרעליק, א באָבעשי פון פיר און נײַנציק יאָר, א קלײנינקע, א גרינגיטשקע — אף אוועק־צופליען.

אינגאַנצן פּופּציק סאַנטימעטער און צװײ שמאָלע אײַזערנע פּאַרענטשעס טײלן אָפּ אונדזערע באלקאָנען. די באָבע מאַניע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אף א סור־קעװאַטן שטעקן מיט א פארבויגן הענטל און אויך געפּרוּװט פארהײבן דעם זקײניש געבויגענעם קאָפּ, װאָס װיל זי שוין ניט פּאָלגן. װי זי װאָלט זיך דאַרפן פאר מיר פּאַרענטפערן, װאָס איר גײען נאָך אָן אזעלכע נאַרישקײַטן, האָט זי, פּאַװאָלינקע ארויסבאַרענגענדיק יעדער װאָרט, געזאָגט:

— בא מיר איז די ריזע אָפּגעשװאַכט, נאָר מע זאָגט — א רעגנבויגן אין האַרבסט, איז װי גײט מען ניט ארויס? אזא שפּעטן קימפּעט געדענק איך עפּעס ניט. אין פּאָבאָלאָװו — איר װײסט דען, װוּ דאָס שטעטל שטעקט? — ס'איז צװישן ראַהאַטשאָװו און זשלאָבין — האָט אזױנס פּאַסירן ניט געקאָנט. נאָר ס'איז דאָך איצט אן אנדער װעלט. ס'איז באַק און פּרעגל. אײַ, װעל איך אײַך זאָגן, איז אן אװײרע, װאָס די יאָרן לויפן אזוי גיך. מאַמעש אף זיך אלײן א ראַכמאָנעס. װאַרט נאָר װאָרט, עפּשער װעט דער פינצטערער מאַלעכהאַמאָװעס אויך איבערפּלאָנטערן די יאָצרעס, װי די ליכטיקע זון, און ט'פּאַרגעסן אַרײַנקוקן אין מײַן לויעך.

די באָבע מאַניע פאַריכט מיט די אויסגעקרימטע פון אלטקײַט פינגער דאָס אלטמאָדישע זײַדענע קאָפּטיכל, קערעװעט זיך אויס צו דער גלעזערנער טיר און טוט מיר א מאַך מיט דער האַנט אף געזעגענען זיך:

— האָט קײן פּאַריבל ניט, װאָס איך מאָראָטשע אײַך דעם קאָפּ. ס'הײסט, איר זײַט אלײן אויך א ביסל שולדיק. פאר מײַנע אײניקלעך און אור־אײניקלעך בין איך

שוין גאָר א שטומע. זיי מיינען, געזונט זאָלן זיי מיר זײַן, אז איך רעד אף פויגל־לאָשן, און איר, איך ווייס גאָרניט, ווי ס׳קומט צו אײַך, פארשטייט נאָך א ייִדיש וואָרט. כ׳גיי, כ׳גיי. אף דער עלטער, זאָגט מען, איז בעסער צו זײַן ווײַטער פונעם הארמידער...

אזוי זאָגט זי און אליין ציט זי זיך צו מענטשן, ווי א בלאט פון א געוויקס צו זונען־ליכט.

...עמעצער טוט מיך א טאָרקע. דאָס האָט מיך באָריס אָפּגעזוכט צווישן יונגגן אוילעם.

— די קאָלאָנע רירט זיך באלד. וואָס גייסטו ארום א פארכאָלעמטער און שמייכלסט?

טאקע, דער גוטעריאָר ווייסט עס, וואָס ס׳איז מיר פּלוצעם אופגעקומען אפן געדאנק די באָבעניו מאניע און דער רעגנבויגן...

די מאָטאָרן ארבעטן. עס הודעט ווי אף א גרויסן אעראָדראָם, ווען עטלעכע עראָפּלאנען זײַנען גרייט זיך צעיאָגן איבערן פלי־פעלד און זיך אָפּרײַסן פון דער ערד. א גרינע ראקעטע צעשיט זיך אין דער הייך — דאָס איז א סיגנאל אף צו פאָרן. אפגיך דערנעענטערן מיר זיך צום שיידוועג. אויב נעמען לינקס, פירט די אספאלטירטע מאגיסטראל אף דאָרעם און אָנטרעפן קאָן מען אזש קיין סימפעראָפּאָל. מיר פארקערעווען אף מײַרעוו. דאָס איז מיסטאם די וויכטיקסטע טראנספּאָרט־ארטעריע פון לאנד. ניט אומזיסט האָט מען זיך פאר איר אין צוויי פאָטערלענדישע מילכאָמעס אזוי געשלאָגן. זי פארייניקט ניט בלויז רעפּובליקן, לענדער, נאָר פארקערפּערט די געמיינזאמקײַט פון אמאָליקע און הײַנטיקע דוירעס. פונעם קוטוזאָוו־פּראָספּעקט אין מאָסקווע פירט זי קיין בריסק, ווארשע און נאָך ווײַטער. נאָר מיר דאָרפן הײַנט ניט ווײַטער פון מאלאָיאראָסלאוועץ. דערנאָך וועלן מיר פארקערעווען אפן נײַעם קאלוגער שאָסיי און מיט אים שוין קומען צום פעלד, ווו עס האָט געקעמפט די פערצעטע ראָטע פון דער דאָרעם־גרופּע. דאָרט האָט די יוגנט פון פאָדאָלסקער און מאלאָיאראָסלאוועצער ראיאָנען אופגעשטעלט מיט די אייגענע הענט דעם דענקמאָל די אומגעקומענע קורסאנטן.

באנאנד מיט מיר זיצט איצט אין מאשין א יונגע פרוי. פון אונטער דעם אָרענבורגער וואָלענעם טיכל קוקן ארויס בלאָנדע לאָקן. ווערע פעטראָוונע איז א היסטאָריקער, א קאנטקענער, איינע פון די ענטוזיאסטן, וועלכע האָבן אָרגאניזירט די הײַנטיקע אָנדענק־פּראָצעסיע. קיין בעסערן גיד באדארף מען זיך ניט ווינטשן. יעדער מאָל, ווען מיר באגעגענען זיך מיט איר, האָט זי עפּעס נײַס צו דערציילן וועגן אָט דעם וועג, וואָס לעבט שוין העכער הונדערט דרײַסיק יאָר, און וועגן דעם קאנט ארום אים.

ניט ווײַט פונעם דאָרף גאָרקי שטעלן מיר אוועק די מאשין בא א זײַט פון דער טראסע און לאָזן זיך מיט ווערע פעטראָוונען צו דרײַ הויכע בערעזעס, וואָס שטייען איינע אליין אין פעלד. טארקאָוו הינקט, נאָר באמיט זיך גיין מיט אונדז אין איין ריי.

— אָט דאָ, — זאָגט ווערע פעטראָוונע, — גרענעצט מאָסקווער געגנט מיט קאלוגער, און אין איין־און־פערציקסטן איז דאָ געווען די גרענעץ פון צוויי וועלטן. אף אָט די פעלדער הינטער מאָסקווע האָט מען ענדגילטיק אָפּגעשטעלט די פאשיסטן

און דערנאָך אויסגעקערט זיי מיט די פּענעמער אַף מײַרעוו און גענומען טרײַבן אַף צוריק. כ׳גלייב, אַז מיט דער צײַט וועט דאָ אוועקגעשטעלט ווערן אַ דענקמאָל, און דערווײַל פאַרבײַטן אים דרײַ וויינענדיקע בערעזעס.

בערעזעס... וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן זיי צו דער בלוטיקער מילכאָמע?

אײַנגעשפּאַרט האָבן די היטלעראָווצעס צוערשט זיך געריסן צו דער הויפּטשטאָט און מיט נאָך מער אײַנגעשפּאַרטקײַט דערנאָך זיך געקלאַמערט אין יעדער בערגל און טײַכל. פּאַר אַ פאַרפרוירענער הרודקע זײַנען זיי גרייט געווען זיך פּאַרטשע־פּען. אַף אעראָפּלאַנען, אין אײַזנבאַן־וואַגאָנען, אַף פּלאַטפאָרמעס, מיט לאַסטמאַשי־נעס, וועגענער, שליטנס, אַף די אייגענע פּלייצעס האָט מען געבראַכט אַהער באָמבעס, סנאַריאַדן, מינעס, קוילן, וואָס האָבן טאָג און נאַכט געצונדן, געלעכערט, געריסן די ערד, יעדער ווערשאָק אירן.

דאַכט זיך, אַלץ אַרום האָט באַדאַרפט אומקומען. און צום אַלעם ערשטן די בייִ־מער. צום אַלעם ערשטן, ווײַל ביימער קאָנען דאָך זיך ניט צופּלעטשן צו דער ערד, פאַרמאַסקירן זיך, מאַנעווורירן, אַף אַ צײַט אַנטרינען. דאָרט, וווּ ס׳האָט זיך אויסגע־פּיקט אַ ביימל, דאָרט איז זײַן שטענדיקע היים. און דאָך איז געשען אַ ווונדער. אָט די דרײַ בערעזעס זײַנען אויסגעשטאַנען. נאָר באַ בערעזעס אויסשטיין באַטײַט נאָך ניט לעבן בלײַבן. טויטע שטייען זיי אויך ווי לעבעדיקע. די וואָרצלען זײַנען שוין איבערגעהאַקט, און זיי בײַטן ניט די ווײַסע העמדער, שטייען נאָך אַלץ מאַיאָווע. אָבער פּרווו צולייגן גוט די האַנט, און זיי וועלן אומפאַלן, זיך אַפילע אַף שטיקלעך צעברעקלען.

די דרײַ יונגע בערעזעס (דעמלט זײַנען זיי נאָך זייער יונג געווען), צאַרטע, דינינקע, ענלעכע איינע אַף דער אַנדערער, ווי לײַבלעכע שוועסטער, האָט דאָס פײַער ניט געשאַנעוועט. ווי דין ס׳זאָל ניט זײַן דער שטאַם, טרעפט אין אים דער שפּליטער. וואָס צאַרטער די קאָרע, אַלץ שרעקלעכער די ווונד. ווען מע האָט די מערדער פאַרטריבן, האָבן מענטשן ניט געגלייבט, אַז די דרײַ ביימלעך לעבן. אָבער ניין, זיי האָבן זיך געלאָזט בייגן, נאָר ניט אומגעפאַלן. און מע האָט זיי גענומען ראַטעווען. מיט אָפּצווענגעס האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון זייערע לײַבער די שפּליטערס און קוילן. מיט וואַלד־זאַלבן האָט מען באַשמירט און מיט שמאַטקעלעך פאַרבאַנדאַזשירט זייערע ווונדן, מיטן ערשטן ביסל הני האָט מען אונטערגעהאָדעוועט די ערד אַרום זיי. אין עמער האָבן קינדער זיי געטראָגן וואַסער אַף צו טרינקען. לאַנג האָבן די ביימלעך געקרענקט, אָבער אַפן צווייטן פרילינג האָבן זיי שוין עטוואָס געבליט, געציילטע גאָלדענע אוירינגלעך האָבן צוגעדעקט די ערשטע העל־גרינע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך ציטעריק אַרויסגעשלאָגן פון די קנאָספּן.

און אין די ווײַטערדיקע פרילינגען האָבן זיי שוין געקאָנט אָנהייבן צאָלן מיט גוטס פאַר גוטס. פון אויסגעהיילטן וואָרצל ביז דעם לעצטן צווײַגל זײַנען זיי גרייט מעכאַבעד זײַן זייערע רעטער מיטן טערפּקע בערעזע־זאַפט, וואָס אויב לאָזן אים זיך אײַנשטיין, איז ער שטאַרק און דורכזיכטיק ווי אַלטער ווײַן.

שטייען איצט דרײַ שוועסטער־בערעזעס שוין אָנגעטאָן אין ווינטערדיקן מאַל־בעש. מע זעט די קאַרבן פון די פאַרצויגענע ווונדן ניט אָן, און סײַווי דערמאָנען זיי אין פאַרגאַנגענע שלאַכטן און אין מענטשלעכער מילדקײַט. מע רופט זיי וויי־נענדיקע. מענטשן ווייִנען פון ווייטעק, ווייִנען פון פרייד. איך מיין: בערעזעס אויך אַזוי...

די קאַלאָנע אויטאָבוסן איז אוועק ווײַט פאָרויס און טאַרקאָוו האָט א יאָג געטאָן זײַן „וואָלגע‟. ער ווייסט, אז איך וויל אָנקומען אפן געוועזענעם שלאַכטפעלד עט־וואָס פריִער, ווי דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן. פון אלע די, וואָס וועלן אין א שאָ ארום שטיין באם דענקמאָל, וועל איך הײַנט זײַן דער איינציקער, וואָס האָט גע־קעמפט בא יענעם דאָרף, ווו דער ברודער־קייווער איז. מיר ווילט זיך דאָרט, ווו עס ליגן באהאלטן מײַנע אומגעקומענע פרײַנט, אָן זײַטיקע בליקן, אוועקשטעלן זיך אף די קני און פארנייגן דעם אנטבלויזטן קאָפּ. נאָך דאָרף איך זײַן בא אונד־זערע אָקאָפּעס, באם איינציקן דזאָט אינמיטן פעלד, און עפשער וועל איך אויך אויסזוכן די שטוב, ווו מיר זײַנען נאָך דאן אלע צוזאמען, טויט־מידע, מיט די אונטערגעשפארטע הענט צוקאָפּנס, אײַנגעשלאָפן אפן הוילן דיל.

...דאכט זיך, אז אף א סאך פריִער, ווי מע האָט עס געקאָנט דערוואַרטן, האָבן מיר זיך צוגעווינט זײַן באנאנד מיט דער געפאר. די ווערטער, ווי ערשט דאָ, אין די אָקאָפּעס, וואָלטן מיר זיי זיך אויסגעלערנט שעצן, זײַנען געווען געציילטע, קורצע. זייער אָפט האָט מען זיי פארביטן מיט א שאָקל פונעם קאָפּ, א פינטל מיטן אויג, א מאך מיט דער האנט, און אפילע אָן דעם אלעמען האָבן מיר גאָר ניט שלעכט פארשטאַנען איינער דעם צווייטן.

עס קאָן זײַן, אז גראָד דערפאר האָט זיך מיר אזוי גוט פארגעדענקט דער געשפרעך פון מײַנע פרײַנט פעדיע פימענאָוו און ניקאָלײַ סערגייעוו. דאָס איז געווען דעם זעכצעטן אָקטיאבער. מיטן אָנקום פון דער נאכט האָבן אונדז די דײַטשן געלאָזט צורו. נאָרוואָס האָבן מיר אראָפּגעלאָזט דרײַען פון אונדזער אָפּטיילונג אין דער פריש אויסגעגראָבענער גרוב. מיר האָבן נאָך פון די דלאָניעס ניט אָפּגעווישט די צוגעקלעפּטע ערד. באם פרישן קייווער האָבן מיר אראָפּגענומען די פּילאָטקעס פון די קעפּ, נאָר קיינער האָט קיין רעדעס ניט געהאלטן, און מיט קיין סאליוט פון די ביקסן האָבן מיר אונדזערע כאווערים ניט באגלייט אין לעצטן וועג — מיר האָבן פארמאָגט אזוי ווייניק קוילן, און אף מאָרגן, האָבן מיר געוווסט, שטייט אונדז פאָר נאָך א שווערערע שלאכט.

פארטויבטע פון די אופרײַסן, וואָס האָבן געדונערט א גאנצן טאָג, פארמאטערטע, מיט קיין גליד ניט צו רירן, האָבן מיר געשליאָפּעט אין די שווערע שטיוול איבערן שלאַכטפעלד, וואָס האָט איצט געשוויגן, אין דאָרף ארײַן, ערגעץ אין א שטוב. און כאָטש קיינער האָט מיסטאם ניט געקלערט וועגן דעם, — געפילט, ווי מיר זײַנען הײַנט אף טאָמיד פארברידערט געוואָרן.

מיטאמאָל האָט ניקאָלײַ א זאָג געטאָן:

— אויב מאָרגן וועלן אָנגרײַפן בלויז די זעלבע פאשיסטן, וואָס הײַנט, קאָן מען האָפן, אז זיי וועלן אונדז ניט אײַנבײַסן. אָבער מיר זײַנען דאָך שוין פארבליבן בא זיי אין הינטערלאַנד. דאָ וועלן מיר אומקומען, און קיינער וועט אפילע ניט וויסן, ווו אונדזער געביין ליגט. ווער, כוץ טאַטע־מאַמע, וועט זיך אפילע נאָכפרעגן אף אונדז? עד, כעוורע, ווען איך וואָלט געקאָנט כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן אף די, וואָס וועלן טרײַבן דעם דײַטש אף צוריק! זיי וואָלט איך דאָ אוועקגעשטעלט א דענקמאָל. וואָס, פעדיע, איך בין ניט גערעכט?

כ׳האָב שוין געמיינט, אז פּימענאָוו קלײַבט זיך אים ניט ענטפערן, נאָר עס האָט אין אים א רעד געטאָן דער ביזמילכאָמעדיקער לערער פון קאשירע:

— ס׳איז א רעטאָרישע פראגע, צי דו וואַרטסט אף ענטפער? וואָס, אייגנטלעך, ווילסטו?

— איך וויל, זאָלסט יעדער ניי לערניאָר אָנהייבן פון דעם, וואָס ועסט דער־ציילן דיינע שילער, וויאזוי מע האָט איבער דעם ווארשעווער שאָסיי געטריבן אָף צוריק די היטלעראָווצעס. און דערציילן זאָלסטו דעם ריינעם עמעס, ניט נאָר וועגן גליקלעכן סאָף, נאָר אויך וועגן ביטערן אָנהייב.

— גוט, קאָליע, נאָר קעדיי אויספילן דיין צאַוואָע, וועט מיר אויסקומען זיין ווי יענער פויגל פעניקס, וואָס ווערט פארברענט און לעבט ווידער אוף פונעם אש.

סערגייעוו האָט זיך, מיסטאָם, געמאכט ניט הערנדיק. ער האָט געהאט זיינס אין זינען:

— זאָל זיין אין צען צי אין צוואנציק יאָר ארום, נאָר אויב עס וועט פאָרט געשען, אז עמעצער פון אונדז וועט דערלעבן ביזן סאָף פון דער מילכאָמע, מוז ער קומען אהער אפן פעלד און דערציילן וועגן די, וואָס האָבן דאָ זייער לעבן אָפּגעגעבן. ווער־ווער, נאָר מיר ווייסן דאָך, אז עס וועט בא אים פון זיקאָרן זיך קיינמאָל ניט אויסוועפּן.

פארוואָס האָט זיך מיר דאַן געדאכט, אז דאָס רעדט א „פרעמדער" סערגייעוו, און דער עמעסער איז ער ווידער געוואָרן, ווען ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער שטוב, ווו מיר האָבן זיך געקליבן א פּאָר שאָ א שלאָף טאָן, ווייל דער וויזוואָדנע האָט עס אונדז דערלויבט, האָט פארייכערט איבערן גלעזל פון קראָסיק־לעמפּל א טראָפּיי־סיגארעט און, צוזעצנדיק זיך אף דער הוילער בעט אין טיף פון דעם צימער, א זאָג געטאָן:

— ערן־וואָרט, כ'האָב שוין פארגעסן, ווי עס שמעקט א געקעכץ. אפילע צו א שטיקל פּיסנע ברויט איז ווייטער ווי צו דער לעוואָנע. ווי נאָר כ'האָב היינט אראָפּגעשלעפּט דעם עסעסאָוועץ פונעם מאָטאָציקל, האָב איך גלייך א נישטער געטאָן אין זיין פעלענעם רוקזאק. אָנגעראבעוועטע זאכן זיינען דאָרט געווען, נאָר מיט קיין עסן האָט ניט געשמעקט. קיין „מאָסקאו" האָט ער געצילט — ווען וועלן זיי שוין אלע זיין, ווי ער, אין „מאָסקאו"?

ווידער אפן שלאכטפעלד

פונדערווייטן האָט זיך באוויזן אן „אָרודאָוועץ", און טאַרקאָוו, מוירע האָבנדיק, ער זאָל ניט אריינכאפּן קיין שטראָף, האָט שארף פארטאָרמאָזירט. די מאשין האָט, ווי א היציק פערד, זיך א בריקעווע געטאָן, מיך האָט עס א בייג געטאָן פאָרויס, און גלייך בין איך ווידער אריבערגעשפרונגען פון איין לעבן אין א צווייטס. נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן די דריי בערעזעס, האָט ווערע פעטראָוונע זיך אוועקגעזעצט באנאנד מיט באָריסן. פארוואָס זי האָט מיך פארביטן, קאָן איך זיך גראָד אָנשטויסן — זי איז געוווינט ניט נאָר, זי זאָל ריידן, נאָר מע זאָל אויך צו איר ריידן.

אינעם אויסוואל צווישן מיר מיט באָריסן האָט ווערע פעטראָוונע זיך ניט אָפּגעבארט. טאַרקאָוו איז טאקע פארטאָן מיט דער מאשין, נאָר געפינט אויס צייט אויך אף א שמועס צו טאָן. מיך כידעשט עס ניט, ווייל כ'וויס, פונוואנען עס נעמט זיך. באָריס גריגאָריעוויטש איז א „יונגער" זיידע, און ווי אלע זיידעס, מוז ער א פרישן מענטשן דערציילן וועגן זיין אייניקל און דערביי, אויב סע לאָזט זיך, אויך א פילאָסאָפיר טאָן.

— נײַן כאַדאָשים פּאָדערט זיך אַף אויסטראָגן אַ קינד, נאָר די אויגן קריכן ארויס פון קאָפּ, ביז מע דערזעט עס אַ לעבעדיקס אַף דער וועלט. די נעכט, ווען דאָס באַשעפעניש לאָזט קיינעם ניט שלאָפן, פאַרגעסט מען. דערפאַר וויפל גליק ברענגט עס מיטן ערשטן שמייכל, טראָט, וואָרט. ווען בא סעריאָזשקען האָט זיך אויסגעשניטן דער ערשטער צאָן, איז די שטוב געגאַנגען כאַדאָראָם. עפּעס אַ קלייניקײַט — אַ צאָן וואַקסט. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר, האָט ער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ גענעץ געטאָן, האָט גאַליע, די באָבע, גלײַך ארויסגערופן אַ דאָקטער. אַזוי איז אויך געווען מיט זײַן טאַטן, מיט אונדזער זון. פעליקס איז אַפן גליטש אומגעפאַלן און זיך אויסגעלונקען אַ פינגער פון דער האַנט, האָב איך אים געפירט צו אַ פּראָפעסאָר. איך געדענק, אין וואָס ער איז געווען אָנגעטאָן, ווען מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל אָפּגעפירט אין די יאַסליעס, אין קינדערגאָרטן, אין שול, און אַפילע ווען ער איז אַוועק האַלטן דעם ערשטן עקזאַמען אין אינסטיטוט. הײַנט וואָס האָט זיך געטאָן אַרום דעם, מיט וועמען ער זאָל זיך יאָ כאַווערן און מיט וועמען ניט. אַפן צווייטן טאָג, ווי ער איז אַוועק דינען אין אַרמיי, האָבן מיר שוין געוואַרט אַף אַ בריוו.

אָט אַזוי טראָגן מיר זיך מיט זיי אַרום, צאַצקען זיך, און אַז זיי וואַקסן אונטער, איז ניט שטענדיק ווייסן מיר, צי פאַרשטייען זיי אונדז. קינדער גייען דאָך אַוועק ווײַטער פון די עלטערן. פעליקס איז געקומען אין אורלויב, בין איך פּאָרט אַן אַלטער סאָלדאַט, פרעג איך בא מײַן לייטענאַנט: „וואָס פאַר אַ באַפעל, זון, וואָלסטו אָפּגעגעבן, אַשטייגער, אין אַזאַ סיטואַציע?" און וויל צעשטעלן, ווי טשאַפּײַ, אַפן קיך־טיש קאַרטאָפל. לאַכט ער פון מיר, ווי כ'וואָלט פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן אָדער אַ לעבן אָפּגעשלאָפן איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קאָלדרע. ווען זײַן מאַמע זאָל ניט געווען זײַן דערבײַ, וואָלט איך, עפּשער, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און אַוועק צו זיך אין צימער, נאָר פּרוּוו, ווען זי איז דאָ, אָנרירן איר זונס קאָוועד. ס'וואָלט געווען „פריילעך". שטיי איך שוין ניט ווי קיין עקזאַמענאַטאָר, נאָר ווי אַ לערנייִנגל, וואָס קאָן נאָך אַפילע קיין פראַגע ניט שטעלן.

די קאַרטאָפליעס האָט גאַליע צוגענומען, וואַשן, שיילן, — ווי דען? — זי האָט זיך אירס אין זינען. פעליקס האָט געלאַכט, ווײַל ער, זעט איר, דאַרף האָבן קאָמ־פּיוטיערן, וואָס זאָלן אַ רעכן טאָן די פילצאָליקע וואַריִאַנטן. אָן דעם, זאָגט ער מיר — אַן אינזשעניער־מעכאַניקער, — איז אים ניט נאָר שווער, נאָר ער קאָן ניט אָפּגעבן קיין באַפעל.

איז ער גערעכט? גערעכט. איז נעם, אַלטער נאַר, און זאָג אים „מאָלאָדיעץ". קריכט פון ערגעץ ארויס אַ ווערעמל, וואָס לאָזט ניט אָנרירן דעם „אַמאָל". און עפּשער האָט זיך געוואָלט אַ ביסעלע צעקוויטעווען, האָב איך אים גענומען דער־ווײַזן, אַז פאַרלאָזן דאַרף מען זיך אַפן קאָפּ און צוהערן זיך דאַרף מען צום האַרצן, אָט אַזוי ווי אונדזערע קורסאַנטן, וואָס זײַנען מיט פלעשער ברענשטאָף געקראָכן קעגן די טאַנקען און באַגעגנט מיט באַגנעטן די פאַשיסטישע פּעכאָטע. שווער איז דעמלט, ווען עס גייט אַף דיר דער סוינע און דו פאַרמאָגסט ניט קיין קוילן.

הערט ער מיך רויִק אויס, לייגט אַוועק די הענט אַף מײַן אַקסל און זאָגט מיט אַ שמייכל: „מיר קלײַבן זיך דען מיט דיר קעגנשטעלן איינער דעם צווייטן אָדער אָפּגרענעצן זיך? ס'איז גיכער אַן איבערוף פונעם אַמאָל און הײַנט. אַלטער, באָרבל זיך ניט, ווײַל פון מײַנע הענט וועסטו זיך ניט ארויסרײַסן. כ'בין אַ באָקסיאָר פון

ערשטן ראַזריאַד, און אַף אַ קוש טאָן דיך דאַרף איך קיין עלעקטראָן־מאַשינעס ניט האָבן".

אָט האָט איר אײַך בלויז אַ שטיקל דיאַלאָג מיט מײַן אייגענעם זון. און וואָס זאָל איך זאָגן די ייִנגלעך, די מיידלעך, וואָס פאָרן איצט צום ברודער־קייוועך? מיינט ניט, אַז מיך אַרן זייערע געדיכטע פאַטלעס און איך בייזער זיך, ווען כ'ווייס ניט, ווער ס'גייט מיר אַנטקעגן, אַ ייִנגל צי אַ מיידל. נאָר צי וועלן זיי מיך פאַרשטיין? איר, ווערע, ווילט, כ'זאָל אַרויסטרעטן, און איך ווייס ניט, וויאַזוי דערציילט מען זיי, די יונגע, אַז די, וואָס ליגן אין די ברודער־קוואָרים, האָבן אויך געקאָנט זײַן טאַטעס און זיידעס. עס פאָרן שולן, יוגנט־בריגאַדעס, סאָלדאַטן, און איך זוך אייניקלעך פון יענע קורסאַנטן און אָפיצערן. אין פאָדאָלסק, ווען מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער מאַשין, האָבן זיי אָנגעהויבן אַפילע ריידן שטילער. מיר האָבן זיי ווי געפּענטעט...

כ'ווייס, אַז אַלע וועטעראַנען, וואָס וועלן הײַנט שטיין באַם דענקמאָל, זײַנען די נאַכט ניט געשלאָפן און מיט צוגעמאַכטע אויגן געזען די אָקאָפּעס. כ'האָב געמיינט, ס'וועלן אַוועק יאָרן, און מיר וועלן צוביסלעך אָנהייבן פאַרגעסן, אָבער די דעריינערונגען האַלטן אונדז אין קלעם און לאָזן ניט פון זיך אַנטלויפן. מיר האָבן ניט קיין שליטע איבער זיך. גוט צי שלעכט. אַזוי איז עס. ווען די פאַרוווּנדעטע בעריעזעס זאָלן פאַרמאָגן אַ זיקאָרן, וואָלטן זיי אויך אים ניט געקענט טייטן.

ווערע פּעטראָוונע האָט אים אַ ריר געטאָן באַ דער האַנט:

— באָריס גריגאָריעוויטש, מע וועט אײַך פאַרשטיין, נאָך אַ מין פאַרשטיין! אָט אַזוי טאַקע זאָלט איר ריידן מיט די ייִנגלעך און מיידלעך, און זיי וועלן אײַך פאַרשטיין.

דער אַספאַלט לויפט אונטער די רעדער פון דער „וואָלגע". דער שאָסיי איז איצט גאָר אַן אַנדערער, ווי דעמאָלט, ווען מיר מיט טאַרקאָוון זײַנען אַף אים געגאַנגען.

מאַלאָיאַראָסלאַוועץ איז אַ שטאָט פון דענקמעלער. ווי מיר זאָלן ניט אײַלן, שטעלן מיר זיך אָפּ באַם סקווער אַף מאָסקווער גאַס. דאָ שטייען פיר דענקמעלער, געווידמעט דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1812, איינער שענער פונעם צווייטן.

באַם דאָרעמדיקן ראַנד פון דער שטאָט, קימאַט סאַמע באַם אָרט, ווו אונדזער פערטער באַטאַליאָן האָט דאָן, דעם 6 אָקטיאַבער פון איין־און־פערציקסטן, זיך פאַרפעסטיקט אַף עטלעכע שאָ, האָבן מיר שאַרף פאַרקערעוועט אַפן שאָסיי, וואָס פירט קיין קאַלוגע. דאָס איז דער אַזויגערופענער נײַער קאַלוגער וועג. שווער אָנגעלאָדענע, האָבן מיר דאָ געטאָפּטשעט די בלאָטע און מיט אַלע איירורים צוגעפאַלן צו איר, ווען אַף אונדז און אַף הונדערטער עוואַקויִרטע, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צופוס און מיט פערד־און־וואָגן אַף מיזרעך, זײַנען אָנגעפלויגן דײַטשישע אַעראָפּלאַנען.

ווער האָט עס דאַן געקענט באַמערקן דאָס זעלטן שיינע טײַכל קאַריזשקע, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די ווערבעס, דעם באַשיידענעם געדענק־שטיין אַלעקסאַנדער ראַדישטשעוון, וואָס האָט דאָ ניט ווײַט, לעם דאָרף דעטשינאָ, געוווינט.

נאָך דעטשינאָ, ווו מיר האָבן דאַן אַפילע ניט באַוויזן פאַרנעמען די צוגעגרייטע אָקאָפּעס און זײַנען גלײַך אַוועק ווײַטער, שיידן מיר זיך מיטן שאָסיי־וועג. הינטער אונדז אַף העכער אַ קילאָמעטער האָט זיך געצויגן די יוגנט־קאָלאָנע פון מאַלאָ־

יאראָסלאַוועצער ראַיאָן. וועדע פּעטראָוונען האָט זיך פאַרוואָלט „דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע ביינער", ווי זי האָט אין א שפּאַס געזאָגט, און זי איז אַוועק מאַר־שירן צוזאַמען מיט די דעטשינער סטודענטן.

די טעג, וואָס האָדעווען דעם ווינטער, זײַנען שוין פאַרבײַ. אַלץ, וואָס די ערד האָט געקענט, האָט זי שוין אַרויסגעגעבן. איצט וואַרט זי אף א געדיכטערן שניי. אָבער אין די דערפער גייט מען ניט אַרום ליידיק. עטלעכע קאָלווירטניקעס בויען א בריקל. מיסטאָמע האָבן מיר אויך אָט די ריטשקע געהאַט איבערגעבראָדזשעט. די ציין פון דער זעג בלאַנקען, די קלאָץ שפּריצט מיט זעגעכץ.

טאַרקאָוו עפנט דאָס טירל פון דער קאַבינע און, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ אין דרויסן, פרעגט ער:

— וויאַזוי זאָלן מיר דאָ דורכפאָרן קיין סאָווינאָווקאַ?

גלײַך קומט דער ענטפער:

— איר דאַרפט צו די פּאַדאָלסקער קורסאַנטן? פאַרקערעוועט אף רעכטס. האָט ניט קיין מוירע, די מאַשין וועט ניט פאַרסטראַנעט ווערן, מיר האָבן דעם וועג אָפּגערייניקט.

„איר דאַרפט צו די פּאַדאָלסקער קורסאַנטן?" דרײַסיק יאָר, ווי זיי זײַנען ניטאָ, און ס'איז געזאָגט וועגן זיי ווי וועגן לעבעדיקע.

— שטיי, טאַרקאָוו, שטיי! צי איז עס ניט יענץ בערגל, וווּ ס'האָט זיך באַוויזן א דײַטשישער אָפּיצער און אונדז האָט זיך אַזוי געוואָלט גלײַך אָנקוועטשן אפן צינגל, נאָר דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין האָט ניט געלאָזט. און ווייסט? ער איז געווען גערעכט. צום אָפּיצער זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ, און ערשט דאַן האָט ער באַפוילן שיסן.

טאַרקאָוו שטעלט אָפּ די „וואָלגע". ווײַטער וועלן מיר גיין צופוס.

ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט איך אף מײַן לעבן ניט געווען דאָ. בלויז פאַר א זײַטיק אויג איז דאָס א דאָרף ווי אַלע דערפער. פאַר מיר איז עס ניט קיין אומ־באַוווּסט אָרט, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין אייגן פּינטעלע אפילע אף דער קאַרטע פון דער געגנט.

אף אָט דעם גרויסן פאַרשנייטן פעלד בין איך געקראָכן אף אַלע פיר. אופגע־שטאַנען, געלאָפן און ווידער געקראָכן. וויפל ערד האָב איך דאָ איבערגעגראָבן מיט דער קליינער סאַפּיאָר־לאָפּעטע! כ'דאַרף גאַרניט אופשטעלן די געשעענישן פון יענעם האַרבסט, ס'איז ווי כ'וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן א שינעל פון גרויען גע־וואַנט, א פּילאָטקע מיט א שטערנדל.

אף אונדזער ראָטע האָט אָנגעגריפן א פּאָלק עסעסאָווצעס. אכט אַרטילעריע־באַטארייעס האָבן אָנגעצילט אין איר זייערע רערן. די „מעסערשמיטן" זײַנען געפלויגן אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן שיר ניט אָנגערירט מיט די רעדער דאָס פעלד, און דערבײַ האָבן זיי געשאָסן, געשאָסן... גלײַך אומפאַלן האָט מען באַדאַרפט, נאָר כ'ווייס ניט, פאַרוואָס כ'האָב א קלער געטאָן, אַז אויב כ'וועל אָפּלויפן נאָך צען שפּאַן, וועט אַלץ זײַן גוט. דערנאָך בין איך אומגעפאַלן, און אין א מינוט אַרום האָט פון א באָמבע־אופרײַס די ערד מיך א שטויס געטאָן אין בויך.

דעמלט איז מיר אַזא געדאַנק ניט אופגעקומען, און איצט קלער איך, עפּשער האָט וואַלענטין באָקאָוו, וואָס איז אַרויס צו מיר אַנטקעגן פונעם אָקאָפּ, אויך גע־מיינט, אַז אויב ער וועט אָפּלויפן נאָך צען שפּאַן, וועט אַלץ זײַן גוט. נאָר אומגע־פאַלן איז ער ניט ווי איך, וואָס לעבט אויך אין דרײַסיק יאָר אַרום. ער איז

געלעגן טויט. און איך האָב געמיינט, אַז ער טרײַבט קאַטאָוועס, און פֿונדערווײַטן געשריגן: „וואַליע, אויב דו שפּאַסט, וועל איך דיך אַ זעץ טאָן מיטן שטיוול אין הינטן".

ניטאָ מער דער אַקשן באָקאָוו, וואָס האָט אָפֿט געליטן פֿון צײַנווייטעק. פֿאַרוואָס האָט מײַן האַנט ניט געציטערט און קיין טרער איז ניט אַנגעלאָפֿן? עס מוזן אַוועק יאָרן, מע זאָל אָנהייבן פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס... באָקאָווס זון, וואָס איז דאַן נאָך געווען אין קינדער־וויגעלע, איז איצט עלטער פֿון אים.

איך הער, ווי דער קאָמאַנדיר פֿון וזוואָד שרײַט:

— באָקאָוו, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? איר האָט עפּעס פֿאַרלוירן? זוכט ניט, איר וועט גאָרניט געפֿינען. באָקאָוו, אַ ליד!

...פֿיר וזוואָדן — פֿיר פֿאַרבינדלער. וויפֿל מינענוואַרפֿער האָט מען עס אַרויסגעשטעלט קעגן אונדז? אַרום ווירבלט און קאָכט, ווי אין אַ זודיקן קעסל. די מינעס טראָגן זיך אַזוי געדיכט, אַז איינע קאָן אָנטרעפֿן אויף אַ צווייטער. נאָך ביז דער אַטאַקע טראָגן מיר שווערע פֿאַרלוסטן. פֿון פֿיר פֿאַרבינדלער איז שוין איינער טויט און איינער שווער פֿאַרוווּנדעט. די פֿאַשיסטן ווילן אונדז פֿאַרניכטן פֿונדערווײַטן.

אָלעג יורעניעוו האָט באַדאַרפֿט אײַנגיכן ווערן אַ קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן, נאָר ער האָט לאַנג זיך ניט געקענט אויסלערנען פֿאַנאַנדערנעמען און צונויפֿשטעלן דעם ביקס־שלאָס. סערגייעוו האָט אים געקרויגט מיט אַ צונאָמען „פּראָפֿעסאָר", און זײַן מאַמע, ראַיסע יאַקאָוולעווע, האָט אים גערופֿן „אָלעשקע, אָלעשינקע".

מע האָט געמוזט פֿאַרכאַפּן אַ לעבעדיקן היטלעראָוועץ, און ווײַל אָלעג האָט גוט געקענט דײַטש, האָט מען אים פֿאַרעכנט אין דרײַלינג, וואָס האָט באַדאַרפֿט ברענגען די „צונג". יורע יאַקימאָוויטש און ניקאָלײַ סערגייעוו האָבן זיך אומגעקערט. איך האָב געפֿרעגט:

— יורע, ווו איז אָלעג?

— אָלעגן האָבן מיר אָפּגעטראָגן אין אָקאָפּ און אוועקגעלייגט באַנאַנד מיט באָקאָוון. אָט איז זײַן נאָטיץ־ביכל. דאָרט איז פֿאַראַן זײַנע אַ ליד: „סאָלדאַטישע פֿרײַנטשאַפֿט". ס'איז וועגן אונדז...

— טאַרקאָוו, קיין בעסערע פֿרײַנט האָב איך ניט געהאַט און וועל ניט האָבן. באָריס, דו הערסט? שטיי ניט אָפּ. ביזן וואַלד איז שוין ניט ווײַט. כ'ווייס, אַז דיר איז שווער. אין אילינסקאָיע וועל איך מיט דיר גיין צו יעדער דאָט. מײַן כאַווער סעניע יאָפֿע ליגט אין ברודער־קייווער באַ אילינסקאָיע. ער איז געווען אַן אַרטילעריסט. דעם 6 אָקטיאַבער האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפֿן באַ דעם וואָקזאַל אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. ער איז שטילערהייט צוגעגאַנגען פֿון הינטן, מיר פֿאַרשטעלט די אויגן און געוואָלט, איך זאָל טרעפֿן, ווער ס'האָט מיך בלינד געמאַכט.

— אײַ ניט אַזוי. דו סאָפּעסט דאָך אויך, ווי אַ פּאַראָוואָז, — זאָגט באָריס, — באַם וואָקזאַל האָט איר זיך כאָטש אָנגערעדט, געזעגנט זיך?

— געזעגנט זיך. ער האָט מיר געזאָגט: „זײַ געזונט, פּעכאָטע", און איך אים: „זײַ געזונט, אַרטילעריע".

אין וואַלד שמעקט מיט וויאַנעדיקע בלעטער. נאַסע פֿון שניי, שטייען זיי צו צו די אָפּצאַסן, צו די פּאָדעשוועס. ס'איז אומעטיק, ווי נאָך אַ סרייפֿע. ווער וועט מיר דאָ ווײַזן דאָס אָרט, ווו ס'איז אויף שטענדיק אומגעפֿאַלן דער סערזשאַנט יעלײַסייעוו? ער איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט זומער־שפּרענקלעך. זיי האָבן זיך באַ

אים אזוי פאַרמערט, אַז ס'האָט שוין ניט געסטייעט קיין אָרט אויפן פּאָנעם און אויפן האַלדז. זיי האָבן זיך איבערגעקליבן אויף די אַקסל, אויף די הענט און אַפילו אויף זיין פּלייצע. פּאַוועל יעליסייעוו איז דערהאַרגעט געוואָרן דעם 16 אָקטיאַבער, ווען די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן אונדז אַרומרינגלען. יורע יאַקימאָ־וויטש און וויקטאָר רוזין זיינען אומגעקומען אויפן צווייטן טאָג, דעם 17 אָקטיאַבער. יורע — בייס אונדזער לעצטער באַגנעטן־אַטאַקע. וויקטאָר — אין צוויי שאָ אַרום. די עסעסאָווצעס האָבן אים פאַרכאַפּט אין אָקאָפּ א פאַרוואונדעטן, צוגעבונדן צו זיין פוס א שטריק און אים געטריבן ביז צו דער אַמבראַזור פון דזאָט, ער זאָל אונדז פאַרלייגן זיך אונטערגעבן. און ער האָט געפונען אין זיך קויכעס אונדז צו וואָרענען: „גיט זיך ניט אונטער! אַרום דעם דזאָט ליגן אָן א שיר דערהאַרגעטע דייטשן. גיט זיך ניט אונטער!" און געבעטן: „קאָמאַנדיר! דערשיסט מיך!.."

ערגעץ אָט דאָ, ניט ווייט פון וואַלד, איז געווען אונדזער דזאָט. דאָס שכיינעס־דיקע פעלד, דאָרט, ווו עס שטייט איצט דער דענקמאָל, איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. און עס קומען אָן אַלץ נייע קאָלאָנעס. פון די אַרומיקע דערפער ציט זיך אַהער קינד־און־קייט. לעם טאַרקאָווס „וואָלגע" וואַרט אויף אונדז ווערע פעטראָוונע. זי קען אין דאָרף א סאַך מענטשן און וויל, מיר זאָלן מיט איר, ביז דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן, צופאָרן צו איינער א שטוב. איך וואָלט אוודאי געוואָלט אויס־זוכן יענע שטוב, ווו אונדזער אָפּטיילונג האָט איבערגענעכטיקט, נאָר דאָס וועט זיך מיר שוין קיינמאָל ניט איינגעבן. די פאַשיסטן האָבן פאַרברענט דאָס גאַנצע דאָרף. אַלע הייזער דאָ זיינען אויסגעבויט שוין נאָך דער מילכאָמע.

עטלעכע טרעפּ. א קוועטש אויף דער קליאַמקע, און מיר קומען אַריין גלייך אין פאָדערצימער, ווו עס שטייט בלויז א גרויסער געהובלטער טיש. אויף אים — א רעשעטע מיט עטלעכע אייער, שקאַרמיצלעך, וויינז אויס, מיט זריע. אויף די ווענט הענגען קראַנצן ציבעלעס.

נאָך א קליאַמקע. שוין פון דער שוועל פאַרשמעקט מיט הרעטשענע לאַטקעס. אויפן טיש — א געוועבטער טישטעך. מיסטאַם האָט מען דאָ געוווּסט, אַז הייַנט קאָן מען דערוואַרטן געסט. פונעם זייטיקן אַלקערל, וואָס האָט קיין טיר ניט, זעט זיך אַרויס א גרויסע הילצערנע בעט מיט א הויכן צוקאָפּנס פון קישנס אין בונט־געבלימלטע ציכן. באַם רוסישן אויוון, אויף א פּוסבענקל, זיצט אַן אַלטע פויערטע און שיילט קאַרטאָפל. איר פּאָנעם איז פאַרפּאַראָשעט מיט מעל. דער באַלעבאָס, א זאָקן פון א יאָר אַכציק, זיצט דערנעבן אויף א קאַנאַפּקע און שניצט עפּעס אויס פון האָלץ.

ווערע פעטראָוונע רופט ער „טאָכטערקע", כאָטש ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אויף איר באַרויגעז:

— מיסטאַם זייט איר שוין געווען אין אַלע שטיבער, ביז איר האָט זיך דערמאָנט, אַז דער זיידע טראָפים לעבט נאָך. שוועך זיך ניט, כ'וועל דיר אַלציינס ניט גלייבן. ווע מען פעלן מיר אויס, אַלטע לייט? ווען עמעצער פון די קורסאַנטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר אונדזער דאָרף, זאָל לעבן, וואָלט ער אייך אַלעמען געגעבן אין קאָלנער אַריין. די סופּאָסטאַטן זיינען שוין געווען אין דאָרף, און איך מיטן שאָכן האָבן באַנאַכט באַגראָבן די דערהאַרגעטע קורסאַנטן. זאָג, ווער האָט דיר אָנגע־וויזן, ווו מע דאַרף זוכן זייערע ביינער, ווו זייער דזאָט איז געשטאַנען? טאָ־טאָ!

ניט בא עמעצן אנדערש, נאָר בא מיר איז איַינגעשטאַנען זייער עלטסטער קאָ־מאַנדיר. אזא ריז האָב איך אף מײַן לעבן ניט געזען. די סטעליע איז געווען פאר אים צו נידעריק, און די גרענאַדיאָרן זײַנע — אויך ווי ער, זיי האָבן זיך געמוזט בא מיר אין שטוב אָנבייגן. קיין קויל האָט זיי ניט גענומען. יעדערער פון זיי האָט געקאָנט בלויז מיט די פויסטן אוועקלייגן צען דײַטשן. די סופּאָסטאַטן האָבן געמוזט ברענגען מאשינעס, וואָס האָבן מיט אזוינע פײַלן געשניטן בא די אונדזעריקע די קעפּ, אניט וואָלטן זיי דען זיך עפּעס דערשלאָגן?

קאָן זײַן, אז די לעגענדע האָט דער זאָקן פארוועבט נאָך מיט יאָרן צוריק, נאָר פאר מיר ווערט זי ערשט געבוירן. דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין איז, עמעס, געווען פעסטגעבויט, אָבער העכער פון מיטעלן וווּקס איז ער ניט געווען.

וועגן די אומגעקומענע העלדן וואַקסט און פארשפרייט זיך א פאָלקס־מעסוירע. צי דארף איך איצט עפּעס אָפּפרעגן אין איר? באם זאָקן איז דאָס פּאָנעם ווי איבער־געטריקנטער פּארמעט, ער רופט ארויס צו זיך אָפּשײַ. בלויז איין זאך וועל איך בא אים פרעגן:

— זיידע, און בייס דער שלאכט זײַט איר געווען אין דאָרף?

— ווי דען? מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן אין א טיפער גרוב. מיינט ניט, אז מע האָט מיך הײַנט ניט גערופן צו די קורסאַנטן, נאָר די קריזשעס ברעכן מיר אזוי, אז כ׳קאָן קוים אריבערטרעטן די שוועל.

— מיר וועלן אײַך צופירן, זיידעניו, אף א מאשין.

דער אלטער טראָפּים טוט אָן די וואָליקעס, דעם פּעלץ, פארגארטלט זיך מיט א ברייטן פּאס. נעמט אין האנט דעם שטעקן. מיר העלפן דעם זאָקן ארײַנזעצן זיך אין דער „וואָלגע״. צוריק אהיים וועלן מיר אים אויך אָפּפירן.

עס קומט די סאמע שווערע מינוט. א קורצע קאָמאַנדע, און צום ברודער־קייווער, ווו עס הויכט זיך דער אָבעליסק, מארשירן מיט פעסטן מיליטערישן טראָט די פאָנענטרעגער און נאָך זיי א קאָלאָנע סאָלדאטן פון מאָסקווער גארניזאָן. פאָרויס גייט א קאפּיטאַן. עס בלאַנקט די שארף פון זײַן אנטבלויזטער שווערד. פוןביידע זײַטן דענקמאָל שטעלט זיך אויס דער ערן־קאראול. עס הילכן דעם דיכטערס ווערטער, פארשריבן אף א פאָנאָגראַמע:

Знаю:
солнце в пустые глазницы
не брызнет!
Знаю:
пламя
тяжелых могил
не откроет!
Но от имени сердца,
От имени жизни
повторяю:
Вечная
Слава
Героям [1].

---

[1] כ׳וויס: אין פוסטע אויגנלעכער וועט די זון ניט א שפּריץ טאָן! כ׳וויס: קיין פלאם וועט די שווערע קוואָרים ניט עפענען! נאָר אין נאָמען פון הארצן, אין נאָמען פון לעבן, כאזער איך איבער: אייביקער רום די העלדן (פון ראָבערט ראָזשדעסטווענסקיס „רעקוויעם״).

די וועררטער טראָגן זיך ווײַט. דער וואַלד־עכאָ פאַרשטאַרקט זיי. מיר שטייען פאַרגליווערט אין טרויער. די קעפּ פאַרנייגט. די אַקסלען אַראָפּגעלאָזט. א טרערן־נעפּל פאַרציט די אויגן. טאַרקאָוו, מיט מאַכטלאָז־אַראָפּגעלאָזענע הענט, טרייסלט זיך פון אינערלעכע שלוכצן. וויאַזוי וועט ער באַלד אַרויסטרעטן? און פּלוצעם טוט א שאָל דער מיליטערישער אָרקעסטער. די שטיינערנע שטילקייט פּלאַצט. עס הילכט די מוזיק פון דער ערשטער מילכאָמע־ליד: „שטיי אויף, מײַן ריזיק לאַנד, שטיי אויף אין טויט־געפעכט!"

דער טרויער־ציטער קאָן ניט גלײַך פאַרשווינדן, נאָר ער איז שוין אן אַנדערער. עס וואַקסט אָן א געפיל פון שטאָלץ פאַר די אומגעקומענע. קיינער האָט ניט גע־קענט באַ זיי פאַרניכטן דעם גלויבן אין זיג. אין קאַלטן האַרבסט פון איין־און־פערציקסטן האָבן זיי געגלייבט אין ליכטיקן מײַ פון פינף־און־פערציקסטן.

עס ווערט געמאָלדן א מינוט פון שטילשווײַגן. דערנאָך קלינגט פײַערלעך די שוווּע, וואָס די יוגנט פון די זיבעציקער יאָרן גיט באַם קייווער פון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן. א וואַלד מיט הענט האָט זיך פאַרהויבן איבער די קעפּ:

„...מיר שווערן טרײַ זײַן דעם ליכטיקן אָנדענק פון די העלדן!

...מיר שווערן טרײַ זײַן דער זאַך, פאַר וועלכער זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן...

— מיר שווערן!"

דער זאַלפּ פון סאַליוט האָט א וויג געטאָן די יונגע בערעזקעס, וואָס באַזוימען דעם ברודער־קייווער. די צווײַגעלעך האָבן א ציטער געטאָן און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שנייַ, ווי זיי וואָלטן היטלען אויסגעטאָן.

א באַרג פון קרענץ און לעבעדיקע בלומען איז אויסגעוואַקסן אויפן ברודער־קייווער, ווו עס ליגן באַהאַלטן מײַנע פרײַנט. צוריק מיט דרײַסיק יאָר האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט, און געווען איז דאָס אַזוי.

אַנדערש קאָן איך ניט

ס'איז געווען זונטיק, נאָר אופגעשטאַנען בין איך א סאַך פריִער ווי אין א וואָ־כעדיקן טאָג. צו צוויי אַזייגער באַדאַרף איך זײַן אין היגער־אויגיקן אינסטיטוט, ווו עס שטייט מיר פאָר אָפּגעבן א מינדלעכן עקזאַמען. כ'וואָלט ניט געזאָגט, אַז א שווערן, דער אומגליק איז נאָר, וואָס כ'האָב ביז הײַנט נאָך ניט אַרײַנגעקוקט אין לערנבוך. פאַרוואָס? ווײַל דער זומער איז א שיינער, ווײַל כ'בין אַלט דרײַ און צוואַנציק יאָר, ווײַל... וואָס איז דער כילעק? קיין שום טערוצים וועלן פאַרן פּראָ־פעסאָר, וואָס אונטעריכטעט שול־היגיִענע, ניט אָנגיין. ער דאַרף, מע זאָל אים ענט־פערן פּינקטלעך, ווי עס שטייט אין לערנביכל, וואָס ער איז דער אַווטאָר דערפון. זיץ איך און קנעל שוין די וויפלטע שאָ נאָכאַנאַנד, פון פינף פאַרטאָג. ס'איז נאָר א פראַגע, צי וועל איך מײַנע אָפּגיך באַקומענע קענטעניש דערטראָגן פונעם הינטער־מאָסקווער ייִשעוו אודעלנע ביז דער פּיראָגאָוו־גאַס אין מאָסקווע. פאַר א שאָ פאָרן אין דער עלעקטריטשקע און א מינוט פערציק מיטן טראַמווײַ פון קאַזאַנער וואָק־

זאָל ביזן אינסטיטוט קאָן זיך נאָך אַלץ פֿון קאָפּ אויסטרייסלען. גענוג! וואָס צו, איז איבעריק. צו דער אָזערע!

א שפּרונג איבער די דרײַ הילצערנע טרעפּלעך, און כ׳בין שוין אין דרויסן. אַף א ווײַלע בלײַב איך שטיין א פֿאַרגאַפֿטער אינעם גרין־פֿאַרוואַקסענעם הויף. נאָכן באַנאַכטיקן רעגן איז דער הימל ווי אויסגעשווענקט. אַלץ אַרום איז זויבער־ריין, ווי ערשט געבוירן. עפּעס ענלעכס אַף א שאָטן האָט דורכגעשווינדלט צווישן די ביימער. דאָס האָט א בלויערל מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך אַפֿן ווײַסן פּיסקל זיך אויסגעקליבן א צווײַג אַף אַן אַנדער בוים. ס׳האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל צו דער ערד און קערעוועט עס אַהין־אַהער, הערט זיך אײַן. צי דען האָב איך עס אָנגעשראָקן?

צו דער אָזערע גיי איך מיט מײַן אייגן שטעגל, וואָס כ׳האָב אַליין אויסגעטראָטן דורך די דערבײַיקע הויפֿן. פֿון איין זײַט איז דאָס באַזוימט מיט ביימער, פֿון דער אַנדערער אָפֿן פֿאַר דער זון. עס בריט און עס קילט, — ווי דו ווילסט. נאָך פֿונדערווײַטנס גיט דער וואַסער־שפּיגל א בלענד אין די אויגן. איך האָב דאָ אויך באַם ברעג א פֿאַרבאָרגן ערטל, ווײַט פֿון טומל, נאָר דאַכט זיך, אַז ס׳איז שוין פֿאַרנומען. אַף א בײַכיקן קוסט איז צעהאַנגען קינדערש אָנטאָן, און באַם סאַמע וואַסער זיצן אָדעם־נאַקעט די באַלעבאַטים פֿון די פּלודערן מיט די שלייקעס. דאָס זײַנען צוויי אַלטע באַקאַנטע מײַנע, וואָס האָבן אָקאָרשט פֿאַרענדיקט דעם פֿערטן קלאַס, פֿאַרברענטע פֿישפּאַנגער. איינער — מיט צוויי שײַנענדיקע ביין־גריבלעך אַף די באַקן — בויטעט מיט א שטעקן דאָס וואַסער, ווי ער וואָלט וועלן אופֿוועקן די אָזערע פֿון דרעמל, און דער צווייטער, אין א קאַרטוזל מיט א גלאַנציקן דאַשעק, האָט פֿאַרוואָרפֿן א ווענטקע.

— די פֿישפּאַנגער א הייסן פֿיזקולטור־גרוס!

מיט קיין „הורא" האָט מען מיר ניט געענטפֿערט. דער, וואָס מיט דער ווענטקע, האָט א פֿאַרנומענער, ווי ער וואָלט יעדע מינוט אַרויסגעצויגן לעבעדיקע פֿיש, מיך קלוימערשט ניט באַמערקט, און דער צווייטער, וואָס האָט געבויטעט דאָס וואַסער, האָט אָן שרעק מיך גענומען איבערקרימען:

— א גרוס, א גרוס! געקומען און אַלע פֿיש אָנגעשראָקן. איצט וועלן זיי זיך שוין ניט לאָזן פֿאַרנאַרן. קום, וואַלעריק, זאָל ער דאָ אַליין בלײַבן.

זיי האָבן אַראָפּגעכאַפּט דאָס אָנטאָן פֿון קוסט און באַרויגעזע אַוועק לענגויס דעם ברעג.

שײַעך צו זאָגן, פֿאַרטרײַבן זיי האָב איך ניט געוואָלט, נאָר וואָס האָב איך באַדאַרפֿט טאָן, גיין אַף די שפּיץ פֿינגער? מײלע, דער אומגליק איז ניט גרויס. מיר וועלן זיך נאָך איבערבעטן.

איך גיי אָפּ פֿון ברעג, צעיאָג זיך, און — פֿליוך אין אָזערע. די זון הייבט זיך אַלץ העכער און העכער. נאָך א פּאָר שאָ, און זי וועט שוין ניט וואַרעמען, נאָר בראָטן. א שאָד, וואָס מע מוז זיך שיידן מיטן וואַסער און פֿאָרן קיין מאָסקווע באַקומען כאָטשבי א „דרײַ". אַפּצוריקוועגס פֿון דער אָזערע וואָלט איך באַדאַרפֿט נאָך אַרײַנגיין צו מייער יאָפֿע און א פֿרעג טאָן, וואָס שרײַבט אים סעניע.

סעניע איז מײַנער א כאַווער. איצט לערנט ער זיך אין א מיליטער־שול, און אוודע טאָר איך ניט פֿאַרבײַגיין זײַן טאַטנס הויז. נאָר ס׳איז אַזאַ שטוב, וואָס אַף אַרײַנגיין איז די טיר ברייט, און אַף אַרויסגיין שמאָל. ביז דו וועסט זיך ניט לאָזן גוט אָנהאָדעווען און וועסט ניט אויסהערן, וואָס דער באַלעבאָס האָט הײַנט צו דערציילן, און וואָס צו דערציילן פֿאַרמאָגט ער שטענדיק, וועסטו פֿון דאָרט ניט אַוועק.

נייִן, דעם וויזיט מײַנעם מוז איך אָפּלייגן אויף סאַמע טאָג, ווען איך וועל זיך אומקערן פֿון דער שטאָט, אָדער גאָר אויף מאָרגן נאָך דער ארבעט, און איצט וועל איך א כאַפּ טאָן עפּעס אין מויל, זיך אָפּגיין איבערטאָן, און הײַדא אין אינסטיטוט.

אויף דער אײַזנבאַן־פּלאַטפֿאָרם איז הײַנט רוישיקער ווי געוויינלעך. זונטיק פֿאָרן א סאַך מענטשן ארויס הינטער דער שטאָט. ס׳איז באלד האלב טאָג, נאָר די צוגן טראָגן זיך איינער נאָכן אנדערן און די וואַגאָנען זײַנען פֿול געפּאַקט. עס טרומייטערט דער ראַדיאָ־הויכרייידער. מע טראַנסלירט מוזיק, אָבער ווער קאָן זי אין אָט דעם טומל אויפֿנעמען?

מײַן עלעקטריטשקע דאַרף אָנקומען פֿון ביקאָוואָ 12 אזייגער מיט 5 מינוט. האָב איך נאָך צײַט ארויסנעמען פֿון דער קעשענע די „פּראַוודאַ״ און ארײַנקוקן אין איר. וואָס האָבן מיר הײַנט אין נומער? א לייטאַרטיקל „די פֿאָלקס־זאָרג וועגן דער שול״, אַן ארטיקל צו לערמאָנטאָווס הונדערטסטן יאָרצײַט. איראַקלי אנדראָניקאָוו שרײַבט. דאָס איז קעסיידער אינטערעסאַנט. מיטאַמאָל דערהער איך, — יאָ, דאָס האָב איך מאַמעש דערהערט, — ווי דער הויכריידער איז שטיל געוואָרן. די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן ערגעץ אינמיטן, ערגעץ אויף א האַלבער נאָטע, און נאָך א קורצער פּאַוזע — די אומגעווייינלעך אָנגעשטרענגטע שטים פֿון דיקטאָר: „עס ריידן אַלע ראַדיאָסטאַנציעס פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד...״ און נאָכאַמאָל: „עס ריידן...״ עפּעס זייער וויכטיקס איז פּאַרלאָפֿן.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז באַלד וועלן מיר דערהערן: היטלער איז אָנגעפֿאַלן אויף אונדזערע גרענעצן.

ס׳איז אָנגעקומען מײַן צוג, נאָר איך שטיי און ריר זיך ניט. איך גלייב ניט מײַנע אויערן. ווי צוגעשמידטע צום אָרט, שטייען די פּאַסאַזשירן, וואָס דאַרפֿן ארויס פֿון די צעעפֿנטע וואַגאָן־טירן, און די, וואָס דאַרפֿן אין זיי ארײַנגיין. דער הויפּט־קאָנדוקטאָר קומט ענדלעך צו־זיך און לייגט צו דאָס פֿײַפֿל צו די ליפּן, קעדיי ארויספֿירן פֿון פֿאַרגליווערטקײַט דעם מאַשיניסט.

אין אינסטיטוט פֿאַר איך, נאָר איך ווייס ניט צוליב וואָס. מאָרגן וועל איך דאָך אוועק אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט און מעלדן: „שיקט מיך אויפֿן פֿראָנט!״

יעדן פֿון אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז אויסער אים וועט קיינער צו די עקזאַמענס ניט קומען, נאָר געיאָוועט האָט זיך די גאַנצע גרופּע. דער פּראָפֿעסאָר איז, ווי שטענדיק, געווען שטרענג און געפּאַדערט, מע זאָל אים ענטפֿערן לויט זײַן לערנבוך. נאָר, דאַכט זיך, אַז קיין שלעכטן באַל האָט קיינער ניט באַקומען. ווען מיר אַלע האָבן שוין געענטפֿערט אויף די דרײַ פֿראַגן, וואָס יעדערער האָט ארויסגעצויגן, און אויף אַלע צוגאָב־פֿראַגן, האָט דער פּראָפֿעסאָר צום שלוס, ווי ער פֿלעגט טאָן אַלע יאָר, זיך געקליבן האַלטן א רעדע וועגן דער וויכטיקײַט פֿון דעם קעגנשטאַנד „שול־היגיענע״ פֿאַר קומענדיקע לערער, נאָר אין דער מינוט האָט מען אינמיטן העלן טאָג אײַנגעשלאָסן די עלעקטרישע שײַן און אין אַאודיטאָריע איז ארײַנגעקומען א פֿײַערלעשער און גענומען פֿאַרהענגען די הויכע ברייטע פֿענצטער מיט שוואַרצע בויגנס פּאַפּיר.

דער פּראָפֿעסאָר האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, אָפּווענדנדיק דעם בליק פֿון די מיטאַמאָל בלינד געוואָרענע פֿענצטער, בלויז געזאָגט:

— באַהיט גאָט, די זון זאָל פֿאַרלאָשן ווערן.

אף דעם האָט ער די רעדע פאַרענדיקט. איך וויל פאַרלויפן דעם וועג און דאָ זאָגן וועגן דעם, וואָס מיר איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן. אָנהייב יול 1941 איז דער באַיאַרטער פּראָפעסאָר פּריווּוויליק אַוועק אין דער אָפּאָלטשעניע. ער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַר דעם, די זון זאָל שײַנען.

ביז אָנהייב נאַכט האָב איך געבלאָנקעט איבער מאָסקווע. גרויס און קליין זײַנען אַרויס אף די גאַסן. קיינער קאָן הײַנט ניט אײַנזיצן אין שטוב. וואָס נעענטער צו דער אַלטער קרעמל־וואַנט, וווּ עס האָט זיך אויסגעשטעלט אַ וואַך פון ליכטיקגרינע טענענביימער, אַלץ מער מענטשן. פון די טראַיִצקער טויערן לענגאויס דעם אַלעקסאַנדראָוו־סאַד און אף רעכטס באַרג־אַרוף צום רויטן פּלאַץ ציִען זיך געדיכטע מענגעס מענטשן צום לענין־מאַוזאָליי.

די לאַנגע אַכצן שאָ, זינט עס האָט זיך באַוויזן די טאָג־שײַן, זײַנען פאַרבײַ. אַ לינדער וואַרעמער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אף מאָסקווע. אַן אומרויִקער אָוונט.

באַם אַרויסגאַנג פון מעטראָ לעם קאַזאַנער וואָקזאַל האָט דער מענטשן־שטראָם מיך אײַנגעפּרעסט אין אַ ווינקל פאַרשוין. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און איך האָב דערקענט מייער יאַפּען, סעניעס טאַטע. איצט זיצן מיר אינעם ניט באַלויכטענעם וואַגאָן פון דער עלעקטריטשקע, און מייער רעדט זיך אויס פאַר מיר דאָס האַרץ:

— נו, ווי געפעלט עס דיר? אַז כ'האָב עס דערהערט, זאָג איך דיר, האָבן מיר גענומען שווינדלען שוואַרצע בעזעמלעך אין די אויגן, און מאַניע, זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין, ווי אַ קליין קינד: „גוואַלד, מייער, וואָס וועט זײַן מיט אונדזער איין־און־איינציק קינד?" „וואָס הייסט, פרעג איך באַ איר, וואָס? ער וועט מילכאָמע האַלטן. סעניע מיט זײַנע כאַווײרים וועלן זיך פאַרנעמען מיט היטלערן". „איין קלייניקײַט, — ענטפערט זי אָפּ, — מע זאָגט דאָך, אַז דער טאַליען איז מאָווערשטאַרק. אַזוי שטאַרק, אַז ער איז אף אונדז ראַפּטום אָנגעפאַלן". „שטאַרק... שטאַרק וואָלט ער נאָך עפּשער געווען, דערקלער איך איר, ווען ער זאָל אונדז ניט געווען פאַרטשעפּען. אַצינד וועט זיך זײַן מעמשאָלע ענדיקן. נאָר אויב, כאָלילע, דאָס וואַסער וועט דערגיין ביז צום האַלדז, וועל איך אויסטאָן די ספּעצאָווקע, אָוועקלייגן שער־און־אײַזן, און אויך בעטן אַ ביקס". פרעג שוין ניט, וואָס פאַר אַ געוויין ס'האָט זיך אָנגעהויבן.

מײַן שאָכן האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילן, פאַרדומפּענעם קרעכץ. ווען אין וואַגאָן זאָל ניט זײַן פינצטער, וואָלט איך מיסטאָמע געזען די כמאַרע אף זײַן פּאָנעם. ער האַלט אין איין ריידן. דער אומגליק שפּאַרט פון אים, ווי פון אַן איבערגעפולטער קיילע.

— כאַפּ זיך ניט פון אָרט. דערווײַל זײַנען מיר נאָך צווישן קראַסקאָווע און מאַלאַכאָווקע, און מירן נאָך באַוויזן זיך דערקלײַבן צום טאַמבור. איז הער, וואָס איך וויל דיר זאָגן. איך וועל אויסהאַלטן אַ וואָך, נו, זאָל זײַן צוויי, און מעגסט מיר גלייבן, איך וועל אַוועק אָפּן פראָנט. ביז אַלץ וועט ניט זײַן אין דער מאָס, וועל איך זיך צו דער שער ניט צורירן. כ'וועל שיסן... כ'בעט נאָר גאָט, מײַן סעניע זאָל זיך אומקערן אַ לעבעדיקער. וועסטו פרעגן: און מאַניע? מאַניע וועט די האַנט נאָך קיין נעדאָווע ניט אַרויסשטעלן. זי איז אויך אַ האַרעפּאַשניצע.

דער עלעקטראָ־צוג מאָסקווע — ראַמענסקאָיע האָט פּאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג. ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער פּלאַטפאָרמע אודעלנע.

דער זאַוואָד, ווו איך אַרבעט, איז ניט פון די, וועגן וועלכע מע שרײַבט אין די צײַטונגען, מע רעדט וועגן זיי אויף דער ראַדיאָ. דאָס, וואָס מיר אַרבעטן אויס, פירט מען פון דאַנען אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, קאָנטייגערן אָדער אויף לאַסטמאַשינעס מיט פאַרדעקטע קוזאָוועס.

עפּעס מער פון אַ יאָר איז דורך, זינט איך בין אָנגעקומען אַהער אַרבעטן, נאָר אַ געפיל איז בײַ מיר, ווי ס׳וואָלט אין די ווענט פאַרבײַ אַ העלפט פון מײַן לעבן. מיט אַ סאַך פון די מענטשן דאָ פיל איך זיך היימיש. אייניקע פון זיי האָב איך פּאָשעט ליב באַקומען, און ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט זיך מיר אויף געוויס ניט געוואָלט געזעגענען מיט זיי.

לאָזט זיך אויס, אַז ווייניק ווער פון אונדזער זאַוואָד וועט מאָביליזירט ווערן אין אַרמיי. פאַראַן פון פריִער צוגעגרייטע צעטלען פון פאַכמענער, וואָס ווערן ניט גע־רופן צו מיליטער־דינסט. שוין פאַרבײַ צוויי וואָכן זינט דעם 22 יון, און איך בין נאָך אַלץ אַ ציווילער. אין צעך בײַ דער אַרבעט באַווײַזסטו זיך ניט אַרומקוקן, און ס׳איז אויס מיט אַ טאָג. גייסטו אַרויס פון די זאַוואָד־טויערן, ציט זיך יעדע מינוט ווי אַ שאָ. דערצו איז פּאָשעט אַ ביזאָיען קוקן מענטשן אין די אויגן. עס גייט אַזאַ מילכאָמע, און דו...

אַ סאַך מאָסקווער זײַנען זונטיק, דעם 6 יול, אַוועק אין דער פאָלקס־שוץ. איך בין אַרײַן אויפן זאַמלפּונקט זיך געזעגענען מיט מײַנע באַקאַנטע. פאַראַן צווישן זיי אַזוינע, וואָס זײַנען אין צוויי מאָל עלטער פון מיר. שוואַכע, קורצזיכטיקע, אויף דורך און דורך ציווילע מענטשן נעמען ביקסן אין די הענט, און איך?

אַ באַיאָרטער לייטענאַנט האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרפן זײַן בליק אויפן רויט־עמאַלירטן צייכן, וואָס איז צוגעפעסטיקט צום לאַץ פון מײַן זומער־רעקל. ווען איך האַלט שוין באַם אַוועקגיין, שטעלט ער מיך אָפּ, און אָנווײַזנדיק אויפן צייכן, וואָס זאָגט איידעס, אַז איך האָב אַ שײַכעס צום שיסער־ספּאָרט, פרעגט ער:

— צו מיר אין ראָטע ווילט איר? איר וועט לערנען מײַנע מענטשן שיסן.

— אויב, כאָווער לייטענאַנט, איר וועט מיך נעמען.

— פון וועלכער אונטערנעמונג זײַט איר? בײַ וועמען איז אײַער צעטל?

— אין צעטל וועט איר מײַן פאַמיליע ניט געפינען.

אָן איין וואָרט צו זאָגן האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז מער אינטערעסיר איך אים ניט און ס׳איז אַ שאָד די פּאָר טײַערע מינוט, וואָס ער האָט אויף מיר אומ־זיסט געפּאַטערט.

ווען כ׳האָב באַגלייט מײַן ברודער איזי אין אַרמיי, האָב איך אין מיליטער־קאָ־מיסאַריאַט געבעטן, מע זאָל מיך אויך מאָביליזירן און אונדז שיקן אין איין טייל, נאָר אַלע זײַנען געווען אַזוי פאַרדרייט, אַז קיינער האָט מיך אפילע ביזן סאָף אויס־הערן ניט געוואָלט. עמעס, איינער אַ לייטענאַנט, זייער אַ הויכער און דערפּאַר אַ ביסל אַ סוטולער, האָט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פאַרשריבן די פאַמיליע פון אַ סער־זשאַנט אין רעזערוו, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען פּוסטריט מיט אַ טײַנע, אַז נאָר

אַלפֿי־טאָעס האָט מען אים ביז איצט ניט מאָביליזירט, און דערנאָך אויך מײַן פֿאַמיליע. דאָס איז געטאָן געוואָרן אַזוי פֿאַרבײַלויפֿיק, אַז ניט איך, ניט דער סערזשאַנט, זײַן פֿאַמיליע איז יעליסײעוו, האָבן עס ניט אויפֿגענומען פֿאַר ערנסט. גיכער, האָט זיך געלאָזט מיינען, דער לייטענאַנט האָט פֿאַשעט געוואָלט, מיר זאָלן זיך אָפּטשעפּען פֿון אים. דאָס פּאַפּירל וועט ער מיסטאָם פֿאַרלירן, מיט אַזעלכע ביטעס ווענדן זיך דאָך צו אים הונדערטער מענטשן אַ טאָג. און דאָך האָב איך אָנגעזאָגט די שכנים, אַז ווי נאָר עס וועט עפּעס אָנקומען פֿאַר מיר, זאָל מען מיר גלײַך אָנקלינגען אויף דער אַרבעט. פֿאַר דער לעצטער וואָך בין איך בלויז איין מאָל געווען אין דער היים.

עס גייט שוין צום סאָף די דריטע וואָך מילכאָמע. די שול אַנטקעגניבער אונדזער זאַוואָד איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאַזאַרמע. פֿון די קלאַסן האָט מען אַרויסגעטראָגן די פּאַרטעס און אַוועקגעשטעלט דאָרטן נאַרעס, דער שטאַב פֿון טייל געפֿינט זיך אין לערער־צימער. די שטאָט, די מענטשן, די מאַשינען טוען אָן אָנצוגן פֿון כאַקי־קאָליר. פֿאַרשטעלט זײַנען די מאַגאַזין־וויטרינעס. מיט צענדליקער טויזנטער טאָן טײַך־זאַמד זײַנען אָנגעפֿילט די זעק, וואָס ליגן צונויפֿגעלייגט אין שטאַבעלן אויף די ראָגן. דער מיליציאָנער, וואָס רעגולירט די גאַסן־באַוועגונג, טראָגט שוין מער ניט קיין ווײַסע הענטשקעס אויף די הענט, דערפֿאַר הענגט אויף זײַן אַקסל אַ ביקס, און דער קאָפּ איז באַשיצט מיט אַ שטאָלענער קאַסקע.

אין מײַן רעשוס פֿאַרמאָג איך אַ פֿרײַען האַלבן מעסלעס. פֿאַר איך קיין אודעלנע. כ׳דרעמל אין דער עלעקטריטשקע און הער בײַסמײַסע, ווי צוויי פֿרויען אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַגאָן־באַנק באַהאַנדלען שטיל די ביטערע סוואָדקעס פֿון סאָווינפֿאָרמביוראָ. בײַ איינער זײַנען אַלע דרײַ קינדער אין אַרמיי. זי שעפּטשעט:

— מיילע, די זין — שרײַ, וויין, זיי מוזן. נאָר די טאָכטער, וויפֿל איך האָב זיך בײַ איר ניט געבעטן, געטײַנעט, אַז מע וועט זיך אָן איר באַגיין, האָט זי מיר מיט קיין וואָרט ניט געענטפֿערט, נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט אויף ניין. האָט איר געהערט אַזוינס? זי, אַ קאַלע־מויד, שערט אָפּ די לאַנגע צעפּ און ווערט אַ סאָלדאַט, און דער כאָסן אירער, געזונט ווי אַ בער, אַרבעט ווי פֿריִער און שעמט זיך גאָרניט קוקן מענטשן אין די אויגן.

— יאָ, — כאַפּט אונטער די שכיינע, — וואָס איז דאָ צו ריידן, פֿאַראַן אַזוינע כאַסאַנים. ס׳איז נאָך אַ פֿראַגע, צי אַרבעטן זיי, אָט די סוביעקטן. באַנאַכט הוליעט מען, באַטאָג דרעמלט מען, און זאָג זיי אַ וואָרט, וועט מען דיר אַזוי אָפּענטפֿערן, אַז וועסט זײַן צופֿרידן זיך אָפּטשעפּען פֿון זיי.

ווי אָן אָפּגעשמיסענער, הייב איך זיך אויף פֿון אָרט און גיי אַרויס אין טאַמבור. יאָ, טראַכט איך, ס׳איז גאָרניט אַזוי ווײַט פֿונעם עמעס. איך זיץ אין וואַגאָן, דער קאָלנער פֿונעם העמדל צעשפּיליעט, שלינג די פֿרישע לופֿט, וואָס רײַסט זיך אַרײַן דורכן האַלב אָפֿענעם פֿענצטער, גיי ניט צופֿוס — די רעדער דרייען זיך און פֿירן יעדערן, ווער וווהין עס דאַרף. קוילן פֿײַפֿן, באָמבעס פֿאַלן פֿאָרט ערגעץ אַנדערש. מע דאַרף האָבן מוט זיך מודיע זײַן...

ס׳איז ערשט טכילעס אָווגט, נאָר אומגעוויינלעך שטיל איז מיטאַמאָל געוואָרן

באַ אונדז אין זייער רווישיקן הויף. קימאַט אַלע מײַנע שכנים זײַנען שוין אַוועק אין אַרמיי. ווען כ׳האָב זיך דערקליבן צום געלעגער, בין איך טייקעף אײַנגעשלאָפן ווי אַ געוויקלטער. דורכן שלאָף באַנעם איך קוים, אַז דאָס קלאַפּט מען אין מײַן טיר, נאָר די אויגן זײַנען צונויפגעקלאַמערט און ווילן זיך ניט עפענען, אַפילע ווען דער קאָפּ האָט זיך שוין אָפּגעריסן פון דער פוכענער קישן און די צונג פרעגט שוין:

— וואָס איז געשען? ווער קלאַפּט עס אַזוי?

— נו, ברודערקע, שלאָפסטו! כאַפּ זיך גיכער, אַז דו האָסט באַקומען די פּאָוועסטקע. מאָרגן צו 8 אַזייגער אינדערפרי דאַרפסטו זיך מעלדן אין מיליטערישן קאָמיסאַריאַט מיט אַלע זשעטשעס. זאָל גאָט געבן, זאָלסט לעבן בלײַבן און זיך אומקערן ניט קיין קאַליקע.

אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. ווען איך פאַרמאָג אַ קאָל פון אַ גיבער, וואָלט איך מיט איין מאָל געגעבן צו וויסן אַלע מאַמעס, פרויען און שוועסטער פון אָט דעם הויף, וואָס האָבן שוין אַרויסבאַגלייט זייערע נאָענטע מיט זעקעלעך אויף די פּלייצעס, אַז כאָטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אויף אַכצן טעג, נאָר אויך איך גיי אויפן פראָנט.

דער מומע פּאַשע, די פענצטער פון אונדזערע דירעס קוקן אַרײַן איינע צו די צווייטע, פאַרשפּאַר איך עס אָנזאָגן. זי שטייט באַ מײַן שוועל און קוקט אויף מיר מיט וואָרעמער לאַסקע ווי אַ מאַמע. איר זון איז פון ערשטן טאָג אויף דער מילכאָמע.

וואָס מע דאַרף מיטנעמען מיט זיך, ווייסט זי בעסער פון מיר. גראָד הײַנט, ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, האָט זי אָפּגעבאַקן עטלעכע קאַרזשיקלעך מיט מאָן. צײַט אויף צוגרייטן זיך איז טאַקע פאַרבליבן ווייניק, נאָר זאָל עס מיך ניט קימערן, ווײַל זי וועט עס מאַכן אײנס־און־צוויי. אויב איך וויל, וועט זי מיר אַפילע די טשופּרינע אָפּשערן און ס׳וועלן קיין טרעפּ ניט בלײַבן. דער שליסל פונעם צימער וועט זײַן באַ איר. איך וועל איר איבערלאָזן אַ געטרוי־צעטל אויף באַקומען דעם אַרבעט־לוין, וואָס מע דאַרף מיר אויסצאָלן אויפן זאַוואָד. שטאַרק האָפן, אַז מײַנע עלטערן וועלן קומען אַהער, איז ניטאָ וואָס, און דאָך, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. אויב יאָ, איז זאָלן זיי האָבן כאָטש אויף די ערשטע טעג.

מײַנע עלטערן זײַנען ניט געקומען קיין מאָסקווע. ניט דעמלט, ווען כ׳האָב געלאָזט דער מומע פּאַשען דאָס געטרוי־צעטל, ניט שפּעטער, קיינמאָל ניט. מײַנע עלטערן און זייער דאָרפישע שטוב אין די קריוואָראָגער סטעפּעס האָבן די פאַשיסטן פון דער ערד אָפּגעמעקט.

צווישן די פילצאָליקע באַשולדיקונגס־דאָקומענטן, וואָס האָבן פיגורירט אויפן אייכמאַן־פּראָצעס, איז געווען אויך אַזאַ ראַפּאָרט, אַדרעסירט צו אייכמאַנען:

„מע דאַרף דערמאָנען אַלס ניט קיין געוויינלעכע דערשײַנונג די ייִדישע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן. צווישן קריוואָראָג און דניעפּראָפּעטראָווסק זײַנען פאַראַן ייִדישע ווירטשאַפטן, אין וועלכע ניט נאָר די דירעקטאָרן זײַנען ייִדן, נאָר אַבסאָליוט די גאַנצע אַרבעטס־קראַפט איז אַ ייִדישע. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען מענטשן פון נידעריקער אינטעליגענץ, און דעריבער האָט די פּאָליטישע לייטונג זיי אַריבערגעפירט אויף ערדאַרבעט. די אײַנזאַץ־אײנהײַט נומ. 6 האָט אין

דעם פאַל באַשלאָסן דערוויַיל אויסצומיַידן צו דערשיסן די דאָזיקע ייִדן, קעדיי זיי צו דערמעגלעכן אַראָפּנעמען די ריַיכע גערעטעניש און דערנאָך פאַרניכטן. די ייִדי־שע לייטונג איז שוין ליקווידירט און פאַרביטן...״

אַף דער פּרוכטבאַרער ערד פון קריוואָראָזשיע האָט זיך צעשפּרייט אונדזער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן. איינער פון די דריַי, וואָס זיַינען געווען אין אוקראַי־נע. אַרום הונדערט קאָלווירטן, ייִדישע און אוקראַיִנישע, האָבן דאָ ברידערלעך גע־לעבט. די דריַי מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס פון ראַיאָן האָבן פאַרמאָגט העכער צוויי הונדערט טראַקטאָרן, צענדליקער קאָמביַינען און פיל אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. דער „דניעפּראָהעס״ האָט געגנערט דעם ראַיאָן מיט עלעקטראָענערגיע. אַלע ייִשוּווים זיַינען געווען דורכויס עלעקטריפיצירט.

מיט אויסגעצייכנטע גערעטענישן פון ווייץ און ויַינטרויבן האָט געשעמט דער ראַיאָן אַף אוקראַיִנע.

— כאָוועז וויַינטרויבן איז ווי כאָוועז אַליין די זון. דאָס זיַינען זון־שטראַלן, צונויפגעקליבענע אין טראָפּנס, — אַפילע אַזוינע ווערטער האָט געקאָנט א זאָג טאָן מיַין טאַטע, וואָס איז געווען א ויַינצוכטלער.

ס׳איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע און מע האָט געוואָלט באַזאָרגן די רויטע אַרמיי מיט ברויט, האָט מען זיך ניט געאיילט פון אָרט, כאָטש דער דיַיטש איז שוין געווען נאָענט. ערשט דעם 14 אויגוסט, נאָך א טאָג שניַידן, דרעשן, האָט מען איַינגעשפּאַנט די פערד. צום דניעפּער איז מען אָנגעקומען דעם אַכצעטן. שפּעט. דעם טיַיך־איבער־גאַנג האָבן שוין קאָנטראָלירט די דיַיטשן. א טייל קאָלווירטניקעס האָט מען אומ־געבראַכט אַפן אָרט, בא די איבעריקע איז קיין אַנדער ברירע ניט געווען, ווי זיך אומקערן. אָן פערד־און־וואָגן האָט מען געמוזט פאַרקערעווען אַף צוריק.

ווי נאָר ס׳איז דורכגעגאַנגען די ערשטע כוואַליע פון דער רויב־אַרמיי, האָבן אין די ייִשוּווים און דערפער א פלייץ געטאָן עסעסאָווצעס פון דער איַינזאַץ־איינ־היַיט נומ. 6. אין קאָלווירט „אוריצקי״ האָבן זיי זיך אַריַינגעריסן אינמיטן העלן טאָג אין די היַיזער און אַלעמען אויסגעקוילעט.

אין קאַלינאָווקע — א גרויסער ייִשוּוו בא דער איַיזנבאַן־ליניע — האָבן זיי דורכגעפירט די מאַסן־שכיטע דעם 24 סענטיאַבער 1941. דאָרט האָט געוווינט מיַין עלטסטע שוועסטער. זי, איר מאַן און זייערע צוויי קינדער האָט מען צוגעבונדן צו פערד און פאַר די פיס געשלעפּט איבערן סטעפּ ביז צום שכיטע־אָרט. בא דער באַל־קע האָט מען דערשאָסן אַלע איַינוווינער פון ייִשוּוו פון גרויס ביז קליין. אין פינף יאָר אַרום האָב איך דאָרט אויסגעזוכט צעפוילטע קינדער־שיכעלעך.

אין וויקאָוודאָרף, ווו ס׳האָבן געוווינט מיַינע עלטערן, האָבן די מערדער פריִער באַראַבעוועט די באַפעלקערונג, צוגענומען אַלץ ביז א שפּענט. אין די ערשטע טעג סענטיאַבער האָט דער סטאַראָסטע פון וויקאָוודאָרף, דער דיַיטש ריץ פאַרזאַמלט אַלע מאַנצבלעך. מע וועט קלוימערשט זיי פירן אַף אַרבעט קיין ניקאָפּאָל. אין אָוונט זיַינען אָנגעפאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן. אַף זיי האָבן די מערדער אַוועקגע־פירט דעם פאַרזאַמלטן אוילעם און דערשאָסן בא א ריוו ניט וויַיט פון דאָרף.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען צונויפגעטריבן צו דער קאָלווירטישער פערד־שטאַל אַלע פרויען און קינדער. אויך זיי האָט מען געמאָלדן, אַז מע וועט זיי פירן קיין ניקאָפּאָל. מע האָט זיי אויסגעשטעלט צו פינף אין א ריי און מיט די ביקס־קאָלבעס געשלאָגן, זיי זאָלן זיך אויסגליַיכן, ווי סאָלדאַטן. אויך זיי האָט מען אָפּ־

געפירט ניט ווײַט. פון דער פערד־שטאַל ביז אונדזער גאָרטן איז פיר הונדערט מעטער. בא דער גרוב, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט מען זיי באַפוילן זיך אויסטאָן און דערנאָך פּאַרטיעסווײַז צו צען מענטשן דערשאָסן. די קינדער האָט מען אָנגעכאַפּט פאַר די העלדזלעך, געוואָרפן אין גרוב אַרײַן.

צווישן די קאָרבאָנעס איז געווען מײַן מאַמע.

די גרוב האָט מען קוים־קוים פאַרשאָטן מיט א ביסל ערד פון אונדזער גאָרטן. עס זײַנען צוגעפאָרן פיר פורן און אוועקגעפירט דאָס אָנטאָן.

„כּאָוועו ווײַנטרויבן איז ווי כּאָוועו אליין די זון. דאָס זײַנען זון־שטראַלן, צונויפגעקליבענע אין טראַפּנס"...

אף „זון־שטראַלן, צונויפגעקליבענע אין טראַפּנס" זײַנען אויך פאַשיסטן מעווינים. דעם טאַטן האָט מען נאָך געלאָזט „כּאָוועו אליין די זון". צי האָט ער זיך געפּרוּווט נעמען דאָס לעבן, דאָס ווייס איך ניט, וועל איך עס ניט זאָגן. נאָר איך ווייס פון לעבעדיקע אײדעס, אז ער האָט געבעטן אף זיך דעם טויט. אין יענע טעג פלעגט ער זיך שווערן ניט „זאָל איך אזוי לעבן", נאָר „זאָל איך אזוי שטאַרבן".

נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט מיט זײַן סאָד־שער אָפּגעשניטן די ווײַנטרויב־הענגלעך, האָבן די כּײַעס־ראָעס צוגעטראַכט פאַר אים און נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס זײַנען אף א צײַט געווען נוצלעך, אן אומגעהייער שוידערלעכן טויט. מע האָט זיי אָפּגעפירט אף א לאַסטמאַשין צו א לאַנג פאַרקאָנסערווירטער שאַכטע לעם דער סטאַנציע טשאַרטאָמליק און לעבעדיקערהייט — ניט אַראָפּגעוואָרפן, נאָר אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד. אַראָפּגעלאָזט און ווידער פאַרקלאַפּט, פאַרקאָנסערווירט...

אזוי איז געווען.

זייער ווייניק, אָבער ס׳זײַנען דאָך פאַרבליבן לעבעדיקע אײדעס. קראַנקע, צעבראָכענע, נאָר זיי לעבן. אייניקע פון זיי קען איך. זיי האָבן מיר עס דערציילט.

אַלץ לאָזט זיך אײַנאָרדענען. נאָר ווי גייט מען עס אוועק אָן א זײַ־געזונט פון א זאַוואָד־קאָלעקטיוו, וואָס איז דיר נאָענט און טײַער? אפן זאַוואָד דאַרף מען ניט וויסן, אז מע רופט מיך אין אַרמיי, עפּשער בין איך אויך אין די צעטלען פון די פאַכמענער, וואָס האָבן „בראָן". ניין, נאָר אין דער לעצטער מינוט וועל איך אָנקלינגען און זיך געזעגענען. כ׳וועל זאָגן:

— קיין ספּעציאַליסט, אָן וועלכן מע קאָן זיך ניט באַגיין, בין איך ניט, און אַנדערש האָב איך ניט געקענט. א גרויסן דאַנק אײַך פאַר אײַער זאָרג, גוטסקײַט צו מיר. אויב כ׳וועל זיך אומקערן, וועל איך אומבאַדינגט קומען צו אײַך, און דערווײַל זײַט מיר געזונט און שטאַרק.

ווען כ׳האָב אפן צווייטן טאָג אָנגעקלונגען פון וואָקזאַל, איז די געזעגענונג פאָרגעקומען אָן ערעך אזוי, ווי כ׳האָב זיך עס פאָרגעשטעלט. נאָר די לעצטע ווערטער פון מײַן צעך־נאַטשאַלניק זײַנען געווען אזעלכע:

— קוקיעוון פון דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג קענסטו דאָך, און טורטשאַקן פון דריטן צעך אויך? ביידע האָבן זיך הײַנט געזעגנט פונקט ווי דו. די טעג וועלן די מיליטער־קאָמיסאַריאַטן באַקומען שטרענגע אָנווײַזונגען, וועלן זיי אזוי פּאַשעט פון אונדזער אונטערנעמונג קיין מענטשן ניט נעמען. שרײַב און ווייס, אז מיר וועלן די גאַנצע צײַט וואַרטן אף אײַך. קערט זיך וואָס גיכער אום מיטן ניצאָכן.

באם דאָרף לוזשקי

אוואדע האָב איך וואָס גיכער געוואָלט וויסן, אין וועלכן מין מיליטער האָט מען מיך פאַרעכנט, אָבער דערווײַל ווייס איך נאָר, אַז איך בין אין איין קאָמאַנדע מיטן סערזשאַנט יעליסייעוו. דער הויכער סוטולעוואטער לייטענאַנט, וואָס האָט דאָן פאַרשריבן אונדזערע פאַמיליעס, האָט, גאָרניט צוזאָגנדיק, דאָך זיך אַרויסגעוויזן פאַר א וואָרט־מענטש.

אורטיילן וועגן עפּעס לויטן באַשטאַנד פון דער קאָמאַנדע איז פּאַשעט אוממעגלעך. צווישן די צוואַנציק כעוורע, מיט וועלכע איך וועל אָנטרעפן אין איין טייל, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען אין אַרמיי, און אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבעס קיינמאָל ניט געדינט. פאַראַן צווישן אונדז פּאַשעטע פּוסגייער און פאַראַן סאַפּיאָרן, פאַרבינדלער, אַפילע איינער א טאַנקיסט. נאָר, דאַכט זיך, אַז קיינער איז ניט עלטער פון פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר. אַלע האָבן געאַרבעט אין מאָסקווע, פּאַרמאַגן, אויב ניט קיין הויכע, איז מיטעלע בילדונג. געוויס איז דער אָפּקלײַב ניט צופעליק, א מיין דאַרף דערין זײַן, אָבער גיי טײַטש אויס...

אינעם הויף פונעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט ליגן אָנגעוואַלגערט געזונטע קלעצער, זיצן מיר און וואַרטן, וואָס וועט מען אונדז באַלד מעלדן. ביז וואָס־ווען איז מײַן סאָלדאַטישע טערמינאָלאָגיע באַרײַכערט געוואָרן מיט א נײַ וואָרט — סידאָר.

— נישקאָשע פון א סידאָר שלעפּסטו מיט זיך אַפּן פראָנט, — האָט זיך אָנגערופן יעליסייעוו צו א באַכער, וואָס איז ווי א וועכטער געזעסן לעבן זײַן אָנגעשוואָלענעם רוקזאַק, מוירע געהאַט אָפּצוטרעטן פון אים אַף א שפּאַן, — ניט אַנדערש, ער איז בא דיר אָנגעפּאַקעוועט מיט אַלדאָסגוטס.

דער באַלעבאָס פונעם רוקזאַק, פונעם סידאָר הייסט עס, געפינט זיך ניט וואָס צו ענטפערן, נאָר ס׳זוכן זיך אָפּ געננוג שאַרפע ציינגער אָן אים. מע מאַכט זיך פריי־לעך. מע קוועלט אָן פונעם באַכער און זײַן סידאָר, ביז ס׳קומט ווידער צו דער לייטענאַנט, וואָס האָט אונדז דאָ אוועקגעזעצט. ער מעלדעט, אַז יעליסייעוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס עלטסטער פון אונדזער קאָמאַנדע. ביידע גייען אַוועק צו־גרייטן אונדזערע דאָקומענטן.

— נו, גיב דו אָן אייצע, — ווענדט זיך צו מיר מײַן שאָכן, וואָס זיצט דאָ, אַף די קלעצער, מיט זײַן יונג ווײַבל, וועלכע באַגלייט אים מיט טרערן אַרויס אַף דער מילכאָמע, — זי מוז שוין וויסן, ווהין זאָל זי מיר שרײַבן. זעסט דאָך, — גיט ער צו פאַרשטיין דעם ווײַב, — אַז דאָס איז א מיליטערישער סאָד.

דער באַכער איז, קאָנטיק, א ביסל בעגילופן. די אויגן־לעפּלעך זײַנען אופגע־לאָפן, די ווײַסלען פאַרויטלט. ער האָט שוין מיט מיר געשלאָסן באַקאַנטשאַפט און צו וויסן געגעבן, אַז לויטן פאַך איז ער א טאָפּאָגראַף און די פאַמיליע זײַנע איז שעמשור.

עס קערט זיך אום יעליסייעוו. זײַן פעלד־טאַש איז אָנגעפּיקעוועט מיט דאָקו־מענטן.

— נו, כעוורע, — רופט ער האָפּערדיק אויס און קלאַפּט דערבײַ צו מיט דער האַנט איבערן טאַש, — אָט דאָ געפינט איר זיך בא מיר אַלע לויטן אַלפאַוויט. אויב איר ווילט ניט, מע זאָל אײַך אַרויסגאַנווענען, איז גייט מיר נאָך פּוסטריט.

— צי ניט פאַר דער נעשאָמע און דערצייל, וואָס דו ווייסט, — שלאָגט אים איבער שעמשור.

— אַט דאָס איז די מעשׂה, וואָס איך ווייס ניט אַף קיין סאַך מער פון אײַך.

— און דאָך, — וויל פון אים שעמשור ניט אָפּשטיין, — ווּהין דאַרפן מיר דיר נאָכגיין פוסטריט? אויב דו טאָרסט ניט אָנרופן דאָס אָרט, וועלן מיר דיך פאַר דער צונג ניט שלעפּן. דו זאָג נאָר די ריכטונג און וויפל קילאָמעטער ס'איז פונדאַנען, וועל איך אליין שוין דיר דאָס איבעריקע דערקלערן.

יעליסייעוו וואַרפט אַ שטרענגן בליק אַף שעמשורן, נאָר יענער קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן:

— עמעצער וועט אונדז באַגלייטן אין וועג? עפּשער מעג מען זיך דערווײַל אַרײַנכאַפּן אין רעסטאָראַן?

— שעמשור, — זאָגט שוין יעליסייעוו מיט אַ טאָן פון אַ קאָמאַנדיר, — גענוג צו פּראַווען קונצן. איר זײַט דאָך אַ טאָפּאָגראַף, ניט קיין צירקאַטש, איז שטייט, ווי אַלע, רויִק און הערט. קיין ספּעציִעלן באַגלייטער האָט מען אונדז ניט אויסגעטיילט. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אַז די קאָמאַנדע זאָל צו דער צײַט און בעשאָלעם אָנקומען אין טייל, דערפאַר וואָרן איך, אַז אָן מײַן דערלויבעניש זאָל קיינער אין ערגעץ ניט אַוועקגיין. מיר האָט מען געגעבן אַ פאַרשטעמפּלטן קאָנווערט. צו וועמען און וואָס ס'איז דאָרט געשריבן, האָט מיר קיינער ניט דערציילט. איצט פאָרן מיר קיין מאָסקווע, דאָרט דערלאַנגען מיר זיך פונעם קאַזאַנער וואָקזאַל אַף קורסקער, ווו דער מיליטערישער קאָמענדאַנט וועט לויטן שיפער אַפן קאָנווערט אונדז אָנווײַזן דעם ווײַטערדיקן מאַרשרוט. און אַצינד לאָמיר זיך געזעגענען מיט אונדזערע אייגענע, ווײַטער דאַרפן זיי אונדז ניט באַגלייטן. קלאָר? וואָס נאָך, שעמשור? נאָר ווייניקער געפּלאַפּלט.

— כאַווער עלטסטער! נו, און אויב מײַן פרוי דאַרף אויך קיין מאָסקווע און טאָקע גראָד צום קורסקער וואָקזאַל?

שעמשור לעצעוועט אַלץ, נאָר עס נעמט בא קיינעם ניט אויס. אָן יעליסייעוון באַצאָלט מען אים זײַן כיילעק, און אין עטלעכע מינוט אַרום לאָזן מיר זיך אין וועג. אַפן קורסקער וואָקזאַל האָבן מיר זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

— קיין פּאָדאָלסק! — האָט אונדז אָנגעזאָגט יעליסייעוו, נאָך דעם, ווי ער איז געווען באַם קאָמענדאַנט.

— אין דער מיליטערישער שול, — זאָגט עמעצער אַרויס אַ האַשאַרע.

מער פעלט אונדז איצט ניט ווי אַ יאָר אָדער צוויי זיך לערנען. ביז אַפן קעלנערל פון דער גימנאַסטיאָרקע וועלן זיך באַווײַזן עמאַלירטע קוביקעס, וועט זײַן אויס מילכאָמע.

דאַכט זיך, ס'האָט אונדז אויסגעמיטן. אין פּאָדאָלסק בלײַבן מיר ניט. אין וואָקזאַל־צימערל, ווּהין יעליסייעוו איז אַרײַנגעגאַנגען, איז דאָס פענצטער געווען האַלבאָפן, האָבן מיר געהערט, ווי דער קאָמענדאַנט פרעגט זיך אָן דורכן טעלעפאָן: „פּאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול צי אַרטילעריע־שול?" אַ ווײַלע איז געווען שטיל, און דערנאָך ווידער די שטים פונעם קאָמענדאַנט: „פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען. און איך האָב געמיינט, אַז צו אונדז".

גוט, וואָס ער איז געבליבן באַם מיינען און מע האָט אים געהייסן אונדז אָפּשיקן ווײַטער, קיין סערפּוכאָוו. מיר וועלן זיך שוין יאָקאָס באַגיין אָן גלאַנציקע כראָמאָווע שטיוול, אָן טונקל־בלויע גאַליפע־הויזן פון דיאַגאָנאַל, אָן דער גימנאַסטיאָרקע פון קאָווערקאָט, וואָס איז איבערגעצויגן מיט אַ פּאַרטופּייע און אַ ברייטן אָפּיצעריש רימען, אַף וועלכן ס'הענגט די קאָבורע מיטן פּיסטאָלעט. שיסן פון אַ ביקס, אַז

די נײַן גראַם בלײַ זאָלן טרעפֿן אין אַ פֿאַשיסט, קאָנען מיר. מיט אַ קוילנוואַרפֿער וועלן מיר זיך אויך ספּראַווען — דאָס דאַרף איצט פֿון אונדז דער פֿראָנט. אַזוי מיינען מיר.

קיין פּינקטלעכע קאָאָרדינאַטן, ווו אונדזער טייל געפֿינט זיך, האָט מען יעליסייעוון אויך אין סערפּוכאָוו ניט אָנגעוויזן. נאָר איצט ווייסן מיר כאָטשבי, אַז מיר דאַרפֿן זוכן אַ מיליטערישן לאַגער ערגעץ אין וואַלד לעם דעם דאָרף לוזשקי. גייען מיר לענגאויס דעם לינקן ברעג פֿון דער אָקאַ און קלערן, צי ס׳איז שוין צײַט צו פֿאַרקערעווען אין וואַלד אָדער מע קאָן נאָך פֿאַרלענגערן דעם פֿאַרגעניגן צו שטעמפּלען מיט די באָרוועסע פּיס דעם פֿײַכטן זאַמד און פֿון מאָל צו מאָל זיי אַפֿילע אַ שווענק טאָן אין דעם קילן וואַסער.

אונדז קומט אַנטקעגן אַ פּאַטרול, אַ יונגער סערזשאַנט און דרײַ סאָלדאַטן. נאָר אָנשטאָט אונדז ווײַזן, וווהין זיך אַ קער טאָן, האָבן זיי גענומען אויספֿרעגן, ווער און וואָס מיר זײַנען, ווי גלײַך מיר וואָלטן אַהער אַראָפּגעקומען פֿון אַן אַנדער פּלאַנעטע. יעדערער אויף אונדזער אָרט וואָלט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז אין דעם דערבײַיִקן וואַלד פֿאַרמירן זיך נײַע מיליטערישע טיילן, אַנדערש וואָלט די קליינע גרופּע זעלנער, וואָס האַלט דאָ די וואַך, געוווּסט, וווהין מיר דאַרפֿן.

ערטערווײַז דערנעענטערט זיך דער וואַלד צום סאַמע ברעג פֿון טײַך. די זון, וואָס לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ צום מײַרעווודיקן הימל־ראַנד, טראָגט נאָך מיט זיך איבערגעגנוג וואַרעמקײַט און ליכט; ניט פֿאַרזשמורענדיק זיך קאָן מען איר אַלץ ניט אַרײַנקוקן אין פּאָנעם. באַלד וועלן מיר אויפֿהערן שלעפּן נאָך זיך אונדזערע אײגענע שאָטנס, מירן זיך אויסבאָדן, איבערקלײַען און דערנאָך זיך נעמען אויף לינקס, אין וואַלד אַרײַן, ווו עס פֿינקלט דער גרינער געבלעטער.

די אָקאַ פֿליסט אין איר געלעגער אַזוי שטיל, אַז דאָס קלענסטע רעגן־ריטשקעלע וואָלט זי, דאַכט זיך, פֿאַרטױבט מיט זײַן בולקען. צי דען איז עס טאַקע אַ שיפֿיקער טײַך? סײַדן אין פֿרילינג. ס׳איז ניט צו זען, קיין מינדסטע כוואַליע זאָל זיך וואָר־ניט־ווו אַ וויג טאָן. בײַ אַזאַ רויִקן שטראָם וואָלטן דאָ געמעגט וואַקסן ליליעס און אויף זיי זאָלן זיך הוידען שמעטערלינגען מיט דורכזיכטיקע, ווי פֿון דינסטן צעלאָפֿאַן, פֿליגעלעך.

איצט וואָלט גוט געווען אַ שווים טאָן, נאָר מיר זײַנען שוין העט־ווײַט אין טײַך, און דאָס וואַסער גרייכט קוים ביז די קני, כאָטש פּויזע אויף אַלע פֿיר איבערן זאַמדיקן דנאָ. קיין פֿאַרדראָס איז ניטאָ וואָס צו האָבן. אַלציינס קוויקן מיר זיך מיט דער מעכײַעדיקער קילקײַט, פֿון וועלכער עס פֿאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. זאָל שוין דאָס וואַסער אונדז מוחל זײַן, וואָס מיר האָבן אָפּגענומען דאָ די מונטערנדיקע פֿרישקײַט און איבערגעלאָזט די אייגענע מידקײַט.

מיר געפֿינען זיך גאַנץ נאָענט פֿון אַ שטאָט, וואָס פֿאַרמאָגט קאָרעוו הונדערט טויזנט אײַנוווינער, און דאָ קאָן מען זיך, ווי די אורמענטשן, באַגיין אַפֿילע אָן פֿאַרטעכער פֿון בלעטער. ס׳דוכט זיך, אַז אויסער אונדז און די באַריידעוודיקע פֿייגל, וואָס האָלובען זיך מיט אַ צאַרטער צוויטשערײַ, איז אויף דעם אָרט קיינער ניטאָ און ניט געווען. לאָמיר וועלן איצט פֿאַרן אַוועקגיין פֿונדאַנען זאָגן עמעצן „אויף ווידערזען", איז סײַדן די זעלבע פֿייגל. זײַנען זיי, די פּוסטעפּאַסניקעס, אויך מיטאַמאָל אַוועקגעפֿלויגן אַנטקעגן די דינע לײַכט־שווימענדיקע וואָלקנדלעך.

דער וואַלד האָט זיך צעוואַקסן מיטאַם אַף טויזנט העקטאַר. מיר ווײַזט זיך אויס, פּרווו אָפּגיין עטלעכע צענדליק שפּאַן אין א זײַט, וועסטו שוין ניט וויסן, ווי זיך אַרויסקלײַבן פון דער געדיכטעניש.

אונדזער וועגפירער אין וואַלד איז יורע יאַקימאָוויטש. זײַן פּאָנעם איז פאַר־ברענט, די גרויע אויגן זעען אויס, ווי ווײַסע, די סטאַרטשענדיקע העלע הערלעך אַפן קורץ אונטערגעשוירענעם קאָפּ האָבן אויך פון דער זון באַקומען אַן אַש־קאָליר. זיי פאַרקרײַזן זיך אין קליינע דינע רינגעלעך און גיבן אים צו, דעם שיינעם יונג, נאָך מער כיין. די אויסגענייטע קאָסאָוואָראָטקע טראָגט ער אין דער האַנט, און דער פאַרגייענדיקער זון האָט ער אַרויסגעשטעלט די נאַקעטע פּלייצע. ווי יורע דערציילט, איז ער אויסגעוואַקסן אין פּאָלעסיע. זײַן טאַטע, זײַן זיידע און עלטער־זיידע זײַנען געווען וואַלד־אופזעער. וועגן א שלאַבעריק שפּראַצל, וואָס איז ניט אַף קיין סאַך גרעסער פון א פינגער, זאָגט ער מיר:

— דו קוק זיך צו צו דעם, ווי עס שפּאַרט אַרויס. די ערד דאַרף מען גאָר ניט שטאַרק בעטן אַרויסגעבן איר פאַרבאָרגענע שעפע. זי העלפט אַרויסקלײַבן זיך אַף דער ליכטיקער וועלט אַזאַ זויגלינג און זאָרגט, עס זאָל דערנאָך קאָנען אויסשטיין אַלע בייזע געוויטערן, ס׳זאָל זיך אָנעמען מיט קויכעס, ביז ס׳וועט ווערן א בוים און אַליין שוין יאָר־אײַן, יאָר־אויס לאָזן נײַע שפּראָצן.

יאַקימאָוויטש איז, דאַכט זיך, בעטעווע א שווײַגער, נאָר פאַר זײַן ליבגעזאַנג דעם וואַלד פאַרמאָגט ער אַן אויצער מיט ווערטער. ער ווערט ניט מיד צו באַווײַזן און אופקלערן די וווּנדער פון דער נאַטור. פיל פון דעם, וואָס ער באַווײַזט, האָט זיך אונדז שוין ניט איין מאָל געטראָפן אין וועג, נאָר מיר, שטאָטישע, האָבן געקוקט אַף דעם מיט בלינדע אויגן. אין אַן אַנדער צײַט, ווען איך בין אין זומער־אָרלויב, לעמאָשל, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן אָנגעטאָן א שטרויענעם בריל צי גאָר א פּאַפּירן מיצל און, ווי א שילער, גאַנצע טעג נאָכגעגאַנגען פּוסטריט יאַקי־מאָוויטשן. נאָר איצט האַלט עס ניט דערבײַ, זאָל שוין גיכער נעמען א סאָף צו אונדזער פאַרצויגענעם מאַרש. איז ווידער אַן אָפּשטעל. וואָס האָט געטראָפן? שעמ־שור איז פאַרפאַלן געוואָרן. אַזאַ אָנשיקעניש! געבאָדן האָט ער זיך מיט אונדז — דאָס איז אַף זיכער. באַם איבערקלײַען, ווען יעדערער האָט אַרויסגענומען פון רוק־זאַק די פּראָוויזיע, האָט ער נאָך, געדענק איך, באַרימעריש באַוויזן, ווי צוליב קילקײַט־וועגן האָט דאָס ווײַב זײַנס אײַנגעוויקלט אין גרויסע בלעטער פון קרויט דאָס געקאָכטע פלייש, וואָס זי האָט פאַרפּראַוועט מיט פאַרשיידענע געווירצן. באַם טײַך האָבן מיר קיינעם ניט איבערגעלאָזט, און דאָך איז ער ווי אין וואַסער אַרײַן.

אַלע שיטן מיר אַף אים פּעך און שוועבל. ווי דען אַנדערש? עמעצער איז גרייט גיין אין געוועט, אַז דאָס איז א נײַער קונץ שעמשורס. ער באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ נאָענט אויס און לאַכט פון אונדז. איז אויס מיט די שטיק! זאָל ער, דער לעקיש, זיך קײַקלען צו אַלדי רוכעס. יעדער איינער גייט מיט זײַן וועג. פּאַטערן צײַט טאָר מען ניט. יעליסייעוו זאָגט מיט ביזקײַט:

— פאַרגעדענקט, כ׳קאָן אײַך ניט ברענגען אין טייל און מעלדן, אַז איינעם האָבן מיר אין וועג פאַרלאָרן. ניין, ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן. ווער ס׳האָט גע־דינט אין אַרמיי, פאַרשטייט עס זייער גוט. איז אָט: איר, יאַקימאָוויטש, בלײַבט אָנשטאָט מיר עלטסטער פון דער גרופּע, און איך מיט יורעניעוון קערן זיך אום קיין סערפּוכאָוו, קעדיי מיטיילן דעם קאָמענדאַנט וועגן דער אויסעראָרדנטלעכער

געשעעניש. ביז מיר וועלן זיך ניט אומקערן, וואַרט איר דאָ אַף אונדז. נעכטיקן וועט איר אויך דאָ, לעם דער סטעזשקע. קלאָר?

קלאָרער קאָן שוין ניט זײַן. דערלאָזן א געדאַנק, אַז שעמשור האָט באַשטימט צו דעזערטירן, ווילט זיך ניט. עס לייגט זיך ניט אַפן סייכל. וואָס דען? ער האָט זיך אומגעקערט קיין סערפּוכאָוו שיקערן. נישקאָשע, זאָלן זיי אים נאָר אויסזוכן. יעליסייעוו וועט אים שוין באַצאָלן די פּירער, און דערנאָך וועלן מיר נאָך צוגעבן.

יאַקימאָוויטש קנעלט מיט מיר אײַן:

— דאָס לעבן אין וואַלד איז ווי אין א פּילשטאָקיקן מויער. די מײַזלעך פאַרקלײַבן זיך טיף, טיף צו די וואָרצלען. דער סאָלאָוויי פלעכט זײַן נעסט בא דער ערד. דאָס דראָסל — אַף א קוסט, דער פּיקהאָלץ, די סאָווע — אַף א בוים. העכער פאַר אלעמען וווינט דער שפּארבער. ס'איז אָבער ניט עמעס, אַז דער וואַלד איז טומלדיק בלויז אין די אייבערשטע שטאָקן. אָט הער, ווי אויך דאָ, אין פּאַפּאָראָטניק, ברויזט א לעבן. פאַר אָן א שיר לעבעדיקע באַשעפענישן איז עס א היים.

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, איז ניט שווער זיך איבערצײַגן. געגוג וואָרפן א בליק אַפן ברוינעם מוראַשניק באַם פאַרוואַקסענעם פּניאַק, אַף וועלכן יאַקימאָוויטש זיצט. איך זיץ אַף א צווייטן פּניאַק לעבן צוויי איבערגעפלאָכטענע לינדן־ביימלעך, פון וועלכע מע קאָן דאָס אויג ניט אָפּרײַסן. מעגלעך, אַז טיף אונטער דער ערד קריגן זיך און שלאָגן זיך זייערע וואָרצלען, און די ביימלעך האָבן זיך ארומגענומען, ווי צוויי הייס־פאַרליבטע. ווען עמעצער זאָל מיר אמאָל געוועזן פּרוּוון אויסמאָלן אַזא בילד, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס דערציילט מען מיר א מײַסעלע.

באַנאַנד שטייט אָן אויסגעקרימטע עספּע, און הינטער איר א ריז א דעמב מיט א געדיכטער מאַסע פאַרפלאָנטערטע סוקעוואַטע צווײַגן. דער גרעסטער טאַנק וועט ניט זײַן בעקויעך אים אומוואַלגערן. ביימער, אויב זיך ארײַנטראַכטן, זײַנען ווי מענטשן, — שטאַרקע און שוואַכע, גײַוועדיקע און באַשיידענע, גרויסע און קליינע. אָבער שטאַרקע ביימער, דערקלערט מיר יאַקימאָוויטש, וואַקסן פּאַמעלעך. זיי מוזן לאָזן טיפע וואָרצלען.

פאַרן זון־פאַרגאַנג שפּרייטן זיך די שטראַלן נידעריק, זיי באַלײַכטן שוין ניט די ביימער־שפּיצן, נאָר בלויז די שטאַמען. די שקיִע־רויטקײַט לעשט זיך, און עס רוקט זיך אָן די אָוונטיקע שטילקײַט. ניט ווײַט פון אונדז איבער א גוט אויסגעטראָטענער סטעזשקע גייען צוויי מיליטער־לײַט, און נאָר ווי אומיסטן, מיר זאָלן זיך מוזן פאַרטײַען, שטעלן זיי זיך אָפּ פאַררייכערן.

— אַפן פּאָליגאָן פיל איך זיך זיכער, — דערציילט איינער. — צו א סנײַפּער, עמעס, פעלט מיר נאָך א סאַך, אָבער די נייטיקע צאָל אייגלעך נעם איך שטענדיק אָן. וואָס שײַעך טאַקטיק, איז קאָנסטו דאָך דעם פּאָלקאָווניק, מער ווי א „פיר" וועסטו בא אים ניט קריגן. ער האַלט, אַז אַף א „פינף" ווייסט ער אליין ניט. דעם העכסטן באַל, טײַנעט ער, וואָלט ער געגעבן בלויז פאַר אויסשפּילן א וויכטיקע שלאַכט בא די פאַשיסטן.

דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, קורסאַנטן, און זיי טיילן זיך מיט דער דערפאַרונג פון אָפּגעבן עקזאַמענעס.

— וואָס האָט ער בא דיר געפרעגט? — וויל זיך דערקונדיקן דער צווייטער.

— ווי ווײַט הערט מען און מע זעט באַנאַכט.

— נו, און וואָס האָסטו געענטפערט?

— גיב מיר נאָר נאָכאמאָל צורייכערן. אָנגעהויבן האָב איך אזוי: כאוועך פאָל־קאָווניק, באנאכט קאָן מען דערהערן... — און בין אוועק, ווי ער האָט מיט אונדז איינגעכאזערט, — אין אעראָפּלאן — פאר פערציק קילאָמעטער, דעם טומל פון א שטאָט — פאר דריי קילאָמעטער, אווטאָמאשינעס — פאר צוויי קילאָמעטער, דאָס צאָקען פון פערד־טלאָען — פאר א האלבן קילאָמעטער. שײַטערס קאָן מען דערזען פאר זעקס־אכט קילאָמעטער, די שײַן פון א קעשענע־לאמטערן און דאָס פײַערל פון א פּאפּיראָס — פאר א האלבן קילאָמעטער... „גוט, — מאכט ער צו מיר, — און ווי וועט איר פעסטשטעלן, אף אוועלכן מעהאלעך איר געפינט זיך פון א געוויסן געגנשטאנד?"

— זאָג טאקע וויאזוי, ווײַל מאָרגן קאָן ער עס בא מיר פרעגן.

— קום, ווײַל די צײַט שטייט ניט.

מאָדנע, קאָן זײַן, אז גראָד אָט די צוויי מיליטער־לײַט וועלן מאָרגן זײַן אונדזערע קאָמאנדירן, און מיר דארפן זיך דערווײַל אויסבאהאלטן פון זיי.

די ערשטע נאכט אין וואלד זעט אויס שווארץ און איימעדיק. אָט ווען דער בייזער קוילער, דער פילין, קאָן ארויסשטעלן זײַנע לאנגע נעגל און זיך פארנעמען מיט גאזלאָוואַיע. מיר איז אמאָל אויסגעקומען זען זײַן טשוטשעלע. מע האָט זיך צערעכנט מיטן נאכט־רויבער, אים ארויפגעשאָסן און אָנגעפילט די אינגעווײדן מיט זעגעכץ, נאָר אפילע אף זײַן דיקטענעם אונטערשטעל האָט ער ניט געוואָלט אויסזען סטאטעטשנע. אלציינס האָט ער, ווי א סטראשידלע, אָנגעדראָדלט געקוקט מיט זײַנע ארויסטארטשענדיקע גלעזערנע אויגן.

אף אן אונטערבעט פון סאָסנע־צווײַגן ליגן מיר צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. אָנשטאָט א קישן צוקאָפּנס — די האנט, וואָס איז אָנגעשפּארט אין סידאָר. מיר דאכט זיך, אז ניט איך, נאָר דער וואלד שלאָפט אײַן. איז ווינטש איך אים א רויִקע נאכט און גוטע כאלוימעס. דערווײַל ווייס איך עס נאָך ניט, נאָר גאנצפרי וועל איך שוין פארשטיין, אז א וואלד זעט אויס א מענטשן פרעמד, ביזוואנען ער איז דאָרט כאָטש איין נאכט ניט איבערגעשלאָפן.

צי קאָן אמאָל אויסשפּילן דער, וואָס גייט ניט מיט קיין גלײַכן וועג? ס'איז אוודע פּארדראָסיק, נאָר עס טרעפט אויך אזוינס. אלס באוויַיז קאָן דינען דער זעלבער שעמשור. צום מיליטערישן קאָמענדאנט אין סערפּוכאָוו האָט ער זיך אליין געיאווועט, און מע האָט אים איבערגעפירט פון אונדזער גרופּע אין א טייל, וואָס איז אוועק אפן פראָנט. און מיר האָבן טאקע אָנגעטראָפן אין פּאָדאָלסקער אינפאנ־טעריע־שול. ס'האָט אונדז ניט אויסגעמיטן. לעבן דעם דאָרף לוזשקי האָט זיך געפונען דער זומער־לאגער פון דער דאָזיקער שול. מיט יעליסייעוון, וואָס איז אצינד קאָמאנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג, קאָן מען זיך נאָך איבערוואָרפן מיט א וואָרט וועגן דעם, ווי פײַן מיר האָבן זיך ארײַנגעכאפּט, נאָר מיט עמעצן פון די העכערע קאָמאנדירן — באהיט גאָט. דאָ איז פאראן בלויז איין ברײרע — הערן און פאָלגן. ווער עס פּרווט זיך אמאָל, ווי ער איז געווינט געוועזן אין זײַן ציווילן לעבן, א כקירע טאָן, דעם איז ניטאָ וואָס מעקאנע צו זײַן. אין ארמיי איז עס אזוי געוועזן אפילע פרידנס־צײַט. הײַנט נאָך, אז ס'גייט אזא מילכאָמע!..

— איינס, צוויי, דריַי! איינס, צוויי, דריַי! לינקס! לינקס! פעסטער דער טראָט! נאָך פעסטער! אַף רע־כטס! — דאָס לערנט אונדז דער לייטענאַנט מאַליכין מאַרשירן. ער איז אונדזער ווזוואָד־קאָמאַנדיר. — יורעניעוו, עפשער איַך צובינדן צו דער רעכטער האַנט א בינטל שטרוי און צו דער לינקער א בינטל היי?

יורעניעוו, וואָס איז לאַנג, ווי א דראָנג, און דאַרער פון א באַקסער, איז אונדזער רעכטפלאַנגאָווער. אייגנטלעך, וואָלטן מיר אַלע געדאַרפט טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער, נאָר, ווי אַפּצולאַכעס, טוט ער קיינמאָל ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. כאָלילע ניט אומיסטן. אַזאַ מענטש איז ער שוין. אַז מאַליכין שריַיט אַף אים אָן, פאַרלירט ער זיך שוין ביז לעצט. מאַליכין ווערט שרעקלעך בייז:

— וואָס איז דאָס פאַר א באַלאַגאַן? אופהערן! איינס, צוויי, דריַי! ווער רעדט עס דאָרטן? באַקאָוו, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? איר האָט עפּעס פאַר־לוירן? זוכט ניט. איר וועט גאָרניט געפינען. באַקאָוו, א ליד!

מיט א הייזעריקלעכער באַסאָווער שטים פאַרציט באַקאָוו א מאַרש־ליד, כאָטש ניט אים און קיינעם פון אונדז ווילט זיך ניט זינגען.

דעם עמעס געזאָגט, זיַינען מיר נאָך קיין קורסאַנטן ניט און דאָס לערנען אונדז מאַרשירן איז דערוויַיל ניט מער, ווי א ביַיזאַך, ווען מע פירט אונדז אַף דער אַרבעט און אַפילע פון איר. די אַרבעט איז שווער מיט רוכעס. מיר בויען דאָ אין וואַלד באַמבע־באַהעלטענישן פון בערווענעס און וואַלגערן אַליין די ביימער, פון וועלכע ווידער טאַקע מיר דאַרפן אויסטעסען די קלעצער.

יאַקימאָוויטש און איך אַרודעווען מיט איין זעג. לערנען זיך גרינג און פלינק פירן די זעג איז שוין גראָד דאָ בא ווענען. מיט אים איז א כּיַיעס צו אַרבעטן. און נאָכשפּירן, ווי די יאָדערדיקע מוסקולן באַוועגן זיך אונטער זיַין פאַרברוינטער הויט, איז אויך ניט קיין קליינער פאַרגעניגן, אָבער פון אים איז ניט אויסצוהאַלטן איבער אַן אַנדער זאַך. ער דערגייט זיך אַליין די יאָרן און פאַריינוועגס אויך מיר. יעדער בוים, אַף וועלכן ס׳איז מיט רויטער פאַרב אָוועקגעשטעלט א ציילעם, — א סימען, אַז מע דאַרף אים אומוואַלגערן, — האַלט ער אין איין באַקלאָגן און באַוויינען.

נעכטן האָט יורע געפרווט מיטן קעשענע־מעסערל שטילערהייט אַראָפּשאָבן פון א הונדערטיאָריקן דעמב — אַן אָנגעמערקטן קאָרבן — דעם פאַרב־צייכן, און מאַלי־כין האָט אים געפּאַקט בא דעם שטיקל אַרבעט. נו, נו, פרעגט בעסער ניט, וואָס פאַר א פּסאַק יאַקימאָוויטש האָט אַרײַנגעכאַפּט. נאָך א גליק, וואָס צו אונדז, ציוויל־געקליידטע, ווענדט מען נאָך, דאַכט זיך, דערוויַיל ניט אָן מיט דער גאַנצער שטרענגקיַיט די דיסציפּלינאַרע טאַקאָנעס. דאָס, וואָס ס׳איז וויַיטער פאָרגעקומען, איז שווער זיך פאָרשטעלן, נאָר א פאַקט איז: יאַקימאָוויטש האָט זיַינס געפּויעלט. דאַנקען פאַר דעם האָט ער באַדאַרפט א מאַיאָר, וואָס איז גראָד אין דעם מאָמענט פאַרביַיגעגאַנגען ניט וויַיט פון אונדז. יורע, ברעכנדיק ווידער די עלעמענטאַרסטע אַרמיי־קלאָלים, וויַיל אָן א דערלויבעניש פון א ייִנגערן קאָמאַנדיר האָט מען ניט קיין רעכט זיך ווענדן צו אַן עלטערן, איז צוגעלאָפן צום מאַיאָר, ווי עמעצער וואָלט פאַרהויבן די האַק ניט אַף דעם בוים, נאָר אַף זיַין אייגענעם קאָפּ, און אָן אופגערעגטער אויסגעשריַיען:

— כאַווער מאַיאָר, איך בעט מיך אויסהערן. איר זעט אָט דעם דעמב? אַזוינע דעמבן זיַינען הינטער מאָסקווע עפשער פאַראַן ניט מער פון צען. זיַין קרוין דער־גרייכט א הייך פון דריַיסיק מעטער, מיר וועלן איַנפּירן אים ניט אַרומנעמען, טוט א קוק, סאַראַ זויבער־ריינע קאָרע. אַזאַ ריז, אויב אים שאַנעווען, קאָן אויסשטיין

דריי און אפילע פיר טויזנט יאָר. ארײַנשנײַדן זיך מיט דער זעג אין זײַן לײַב, אים אומברענגען, איז, גלייבט מיר, א פארברעכן.

צוערשט, איז קאָנטיק געווען, האָט דער מאיאָר אים געוואָלט איבערשלאָגן, נאָר וואָס ווײַטער, האָט ער מיט אלץ מער אינטערעס געקוקט אף דעם קורסאנט, וואָס שטעלט זיך אזוי אײַן פארן בוים. דאָך האָט ער געזאָגט:

— צי דען דארף מען אײַך דערמאָנען, אז ניט נאָר שטארקע, שיינעביימער קומען איצט אום? טויזנטער מענטשן זײַנען מאקריוו זייער לעבן אפן פראָנט. דאָס קאָנען מיר מיט אײַך, אין הינטערלאנד, זיך דערלויבן זײַן אזוי פילבאר צו א בוים.

— כאווער מאיאָר, שיקט מיך כאָטש באלד אָפּ אפן פראָנט, וועל איך אײַך קיינמאָל ניט פארגעסן. ווען מע זאָל אָן דעם דעמב זיך ניט קאָנען באגיין, וואָלט איך ניט געוואגט זיך ווענדן צו אײַך. אָט שטייען דאָך אנדערע ביימער...

דער מאיאָר האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט צו מאליכינען:

— עפשער זאָלן מיר, אלס אויסנאַם, ניט טשעפּען דעם בוים? גוט? דעם לייטע־נאנט טארקאָוו, וואָס פירט אָן מיט דער ארבעט, וועל איך וועגן דעם אליין זאָגן.

באַם גליקלעכן יורען איז אף דער שפּיץ צונג געהאנגען דער דאנק, נאָר ארויס־ברענגען אים איז שוין ניט געווען פאר וועמען.

איבערלאָזנדיק א שטויב הינטער זיך, שפּאנען מיר מיט ברייטע טריט איבער דעם פּריש־אויסגעטראָטענעם וועג. דער ווזוואָד דערנעענטערט זיך צום אָרט, ווו נעכטן איז בעשאָלעם געלייזט געוואָרן דעם דעמבס גורל. מיר דאכט זיך, אז אלע, אלע, און אפילע מאליכין, ווינקען זיך פריילעך איבער מיט יאקימאָוויטשעס בוים. א סימען — אָן א שום קאָמאנדע קערן מיר אויס צו אים די קורץ־געשוירענע קעפּ. כ׳הער, ווי אַלעג יורעניעוו טוט שטיל א זאָג: „גוט מאָרגן, דעמב!״

א זעלטן שארפן געהער פארמאָגט מאליכין. ער, דאכט זיך, וועט אונדז נאָך געבן שמעקן פעפער מיט כריין. אַלעגס שעפּטשען האָט ער אויך אופגעכאפּט. אזוינס, פארשטייען מיר שוין אליין, קאָן ער ניט פארשווײַגן, צערעכנט ער זיך מיט אַלעגן אף זײַן אופן:

— יורעניעוו, ריידעלעך! מאכט א סאָף צום באלאגאן! איינס — — — איינס — — — — איינס, צוויי, דרײַ! באַקאָוו, א לידי!

דאָס מאָל אויך מיט ניט קיין איבעריקן כיישעק, נאָר דאָך צעעפענען זיך די ליפּן א ביסל ברייטער און לאָזן די ליד הענגען איבערן וואלד. אונדזערע צוהערער זײַנען די קווייטן, וואָס מינען זיך מיט אלע פארבן פונעם רעגנבויגן, דאָס בלויערל מיט די פעדערלעך פון זײַד, די סאָסנעס מיט די אויסגעשטערעקטע העלדזער, די יאָדלע־צווײַגן, וואָס ווי נאָר א ווינטל טוט זיי א מונטער, דערמאָנען זיי נאָך מער אין צעשפּרייטע פינגער, די ליכטיק־גרינע בלעטער פון דער שעמעוודיק־ווײַסער בערעזע, וואָס באָדן זיך אין שײַן, ווי ענטלעך אין טײַך, די ליפּע, וואָס הערט אונדז און אײַנצײַטיק באַוויזט זי נאָך זיך א סוידע טאָן מיטן ציטערבוים.

זאָל אײַך, שיינע ביימער, אלעמען ווויל באקומען, נאָר מיר וואָלטן איצט באַ־דארפט ניט זינגען פאר אײַך, נאָר מיט קלייזײַען אין די הענט שלאָגן דעם פאר־שאָלטענעם סוינע.

קורסאנטן

ענדלעך, זײַנען מיר שוין ניט קיין רעקרוטן, נאָר קורסאנטן. יעדערער פון אונדז טראָגט מיט זיך אין מארש א ביקס, א פאטראָנטאש, א גראנאטע, א קעסעלע, א גאז־מאסקע, א גראָב־אײַזן, א פולן רוקזאק און א שינעל צונויפגעלייגט, ווי א בייגל. אין סארפעדיק־הייסע טעג, ווען עס באקט ווי אין א קאלך־אויוון און די ערד איז אזוי איבערגעטריקנט, אז ווען מע גיסט אויס א פאס מיט וואסער, וואָלט פארבליבן ניט קיין קאליוזשע, נאָר א טונקעלער פלעק, איז גאָרניט אזוי פאָשעט קימאט אלע טאָג זיך לאָזן מיט אָט דעם באגאזש אין א ווײַטן מארש. פון גוט אויסגעפאָרענע שליאכן האלטן מיר זיך ווײַט. אונדזערע וועגן זײַנען פול מיט בערג און בערגלעך, גריבער און גריבעלעך, און אף פארבײַסנס וועלן מיר נאָך צוקומען צו קעגנטאנקען־ריוון, וואָס מיר אליין האָבן אויסגעגראָבן, און צו א בלאָטיק טײַכל, וואָס מע וועט מוזן פאָרסירן אין די קליידער, האלטנדיק די ביקס איבערן קאָפ.

איבער דער געלבלעכער שטעכיקער סטערניע, ווו עס ליגן צונויפגעלייגט פרישע קאָפיצעס, גייען מיר האסטיק פוס אין פוס. פון געלאסענעם גאנג זײַנען מיר שוין פון לאנג אָפגעווינט, נאָר אלציינס האלט מען אונדז אין איין דערמאָנען: „ברייטער דעם טראָט!“, און ווידער „ברייטער דעם טראָט!“. דאָס איז נאָך דעם, ווי מיר האָבן קימאט פון האלבער נאכט געגראָבן אָן אופהער א לאנגע טראנשיי מיט רעזערוו־דורכגענג. פארשפיליעט אף אלע קנעפ, מעסטן מיר אָן אָפרו דעם צווייטן צענדליק קילאָמעטער. דאָס מויל, די נאָזלעכער זײַנען פארקלאָפט מיט שטויב. מיט פארע שלאָגט פון די רויטגעוואָרענע פענעמער, און די פיטש־נאסע גימנאסטיאָרקעס באדעקן זיך מיט ווײַסלעכע פלעקן פון שווייס־זאלץ. אלע ווײַלע פאלט אף מיר אָן א מאָדנע פינצטערניש, עס ווערט מיר מלאָסנע, מאמעש איך עק זיך, און אָט ערשט דאן קומט די קאָמאנדע:

— לויפן! — און בייז: — יורעניעוו, צו אײַך האָט עס אויך א שײַכעס. לויפן!

א שווערלײַביקער מענטש איז מאליכין. נאָר אדעראבע, פרווו אים דעריאָגן. בא יורעניעוון זײַנען די טונקל־קארע אויגן ווילד צעשפארט, דער קין ציטערט. ער רופט ארויס צו זיך ראכמאָנעס, ווי א פויגל מיט צעבראָכענע פליגל. אים, דאכט זיך, וואָלטן אפילע קיין כאלאָשעס־טראָפנס ניט געהאָלפן. קיין כאלאָשעס־טראָפנס ניט, נאָר כ׳באמערק, אז וויקטאָר רוזין, וואָס לויפט זײַט־בא־זײַט מיט אָלעגן, איז אָנגעלאָדן מיט צוויי רוקזאקן. דאָס איז שוין פאר מיר גאָר אומגעריכט. קיינער פון אונדז ווייסט ניט, וואָס פארא געדאנקען באהאלטן זיך אויס בא וויקטאָרן אין קאָפ, דערווײַל האָט ער זיי נאָך אין אונדזער אָנוועזנהײַט ניט ארויסגעזאָגט. געוויינלעך איז זײַן געשטופלט פאָנעם מיט די שטארצנדיקע קינבאקן שטענדיק פארגליווערט, און מער ווי א צוק מיט די אקסלען פון קלוימערשט גאָרניט וויסן, אָדער א טמימעסדיק געלאסענעם שאָקל מיטן קאָפ „יאָ־ניין“ וועסטו פון אים זיך ניט דערווארטן. אויך פריִער האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן, אז זײַן שווײַגן קומט ניט פון גלײַכגילט, נאָר איצט ווערט מיר אינגאנצן קלאָר, אז אזא כאווער, ווי רוזין, מעג מען זיך ווינטשן.

בא מיר וואכט אוף א פלעמעלע זיכערקײַט: אויב וויקטאָר ספראווועט זיך מיט צוויי סידאָרן, וועל איך מיט איינעם ווי־ניט־איז אויסקומען. ס׳גלייבט זיך ניט, אז מאליכין האָט ניט באמערקט רוזינס אופטו, און פונדעסטוועגן איז ניט צו זען אין

זײַן בליק קיין בײַסיקן כויזעק און ער כאַפּט זיך ניט אַרויסלאָזן פון מויל זײַנע צוויי באַליבטע ווערטער: „אופהערן" און „באַלאַגאַן".

באַנאַנד מיט אונדז לויפט דער ראָטע־קאָמאַנדיר דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין, נאָר אויך אין זײַנע בלוי־גרויע אויגן איז ניט פאַרבאָרגן קיין פאָרוואָרף. איוואַשין איז אַ פעסט־געקנאָטענער, מיט אַ ברייטלעכער פּלייצע, נאָר דאָך, פרעגט זיך, פונוואַנען נעמט זיך צו אים אַזויפיל קויעך, וואָס ער ווערט גאָר קיינמאָל פיזיש ניט אויסגעשעפּט. מיר האָבן אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַפילע אַ מידן. ער, גראָד, סטאַרטעט זיך ווייניקער קאָמאַנדעווען. ווען מיר זײַנען טויט־מידע, פאַרמאַ־טערטע צוגעפאַלן צו דער ערד, האָט איוואַשין מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— גוטע פערד בלאָנדזען ווײַט, נאָר ווײַל הײַנט איז זונטיק, וועלן מיר עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל, — און דערנאָך שוין, ווי אַ לאַנג באַקלערטע זאַך, — פאַר אײַך, קומענדיקע קאָמאַנדירן, דאַרף זײַן אויף שטענדיק אַ געזעץ: שאַנעווען דעם רויטאַרמייער בייס מע לערנט אים באַטײַט אים ניט שאַנעווען. ווער עס קאָן עס ניט פאַרשטיין, דער וועט קיין גוטער קאָמאַנדיר ניט זײַן.

פּיל קורסאַנטן פון אונדזער וזוואָד זײַנען געוועזענע לערער. יורעניעוו איז אַ פּילאָלאָג, אין האַרבסט האָט ער באַדאַרפט פאַרטיידיקן אַ קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע. אַלץ ווייסט ער. אויב איר ווילט, וועט ער אײַך געבן דערציילן וועגן די דאָרעם־אַפריקאַנישע בושמענער, און ווילט איר, וועט ער אײַך לערנען סטענאָגראַפיע. אויף אַזוינע זאַכן איז ער אַ כוואַט, נאָר אַליין פאַנאַנדערנעמען און צונויפשטעלן דעם ביקס־שלאָס האָט זיך אים נאָך דערווײַל ניט אײַנגעגעבן. יעליסייעוו און פּי־מענאָוו האָבן אים שוין וויפל מאָל געוויזן, ווי דאָס צו טאָן, און כאָטש ער האָט שטאַרק ליב צו אַלץ זיך אַליין דערגרונטעווען, באַקומט זיך עס בא אים ניט. אָט זעט איר, די הילצערנע פּאָלירטע קאָלבע פון דער ביקס גלעט ער מיט דער דלאָניע אַזוי צאַרט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן שלאָגן מיט די פּאַשיסטן, ניט אָנקוועטשנדיק אויפן אַראָפּלאָז־ציִנגל, נאָר דערלאַנגענדיק זיי מיט דער קאָלבע אײַ־בערן קאָפּ. ווען ער האָט געריייניקט מיטן שאָמפּאָל די רער, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געגעבן, און איצט איז בא אים די ליפּ אופגעלאָפּן, ווי אַ בין וואָלט זי אַ ביס גע־טאָן. דעם לינקן פוס האָט ער זיך אָנגעריבן ביז בלוט. אַליין דער ראָטע־קאָמאַנדיר זיצט לעבן יורעניעוון און באַווײַזט אים, ווי מע דאַרף פאַרוויקלען די אָנעטשעס. איוואַשין פאַרשטייט, ווײַזט אויס, אַז עס רירט אָן דאָס געפיל פון אייגנליבע, און דערפאַר רעדט ער צו אים רויִק, גוטמוטיק:

— איך האָב זיך אויך מיטאַמאָל ניט אויסגעלערנט, נאָר דאָס איז געווען מיט העכער צען יאָר צוריק. אַנו, נאָכאַמאָל. אָט אַזוי. נישקאָשע. און איצט מיט פאַר־מאַכטע אויגן. מיט דער לינקער האַנט דריקט צו דעם עק פון דער אָנעטשע און מיט דער רעכטער גלײַכט אויס די קנייטשן. פאַרגעסט ניט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אײַך אויסקומען אַנדערע לערנען. אַ סאָלדאַט הינקט פון דעם סוינעס אַ קויל, אַ שפּליטער, נאָר ניט ווײַל אַ שטיוול קוועטשט אים.

דער עלטערער לייטענאַנט הייבט זיך אויף פון זײַן אָרט, און אויסגלײַכנדיק די גימנאַסטיאָרקע אונטערן ברייטן רימען, גיט ער אָפּ אַ באַפעל זיך אומקערן אין לאַגער.

מיסטאָמע האָבן מיר זיך דאָ אַלע שטאַרק געענדערט, נאָר יורעניעוו מער פון אַלעמען. פון זײַן איידל אָפּגעצויגן פּאָנעם איז פאַרשוווּנדן דער אויסדרוק פון אַ צוגעלאָזענעם מענטשן און ס'איז צוגעלאָשן געוואָרן דער בליק פון די אויגן, כאָטש

אויך איצט בלאָנדזשען זיי נאָך אָפּט אין אַזאַ ווײַטן טרוים, אַז ער פאַרגעסט זיך און פּרוּווט לויט דער געוווינשאַפט פאַרקעמען אַפן ריין געגאָלטן קאָפּ די האָר אַף אַ שרונט.

דער וועג צוריק איז שטענדיק לײַכטער. אונדז דערוואַרט אַ מיטיק און עטלעכע שאַ אָפּרו. אין אָט די מינוטן איז אונדזער ערשטער טרוים, ס׳זאָל זײַן וואָס מער הירזשענע קאַשע און דער זופּ זאָל זײַן געדיכטער, אַניט טרעפט, אַז ער איז שוין צו שיטער. דאַן שטעלט צו אונדזער גוואַר ניקאָלײַ סערגייעוו זײַן גרויסע דלאָניע ווי אַ דעכעלע צו די אויגן און קוקט זיך אײַן אין טעלער:

— כעוורע, איך לאָז זיך שווימען. אויב איך וועל כאַפּן אַ גרויפּ, וועל איך זיך מיט אײַך אָרנטלעך צעטיילן.

ווען ניקאָלײַ האָט צום ערשטן מאָל אַזוי אַ שפּאַס געטאָן, האָט אויך באַ יעלי־סייעוון דער קנאָפּ פונעם גאָרגל זיך אַ טרייסל געטאָן פון געלעכטער, נאָר אַ צווייט מאָל האָט דער סערזשאַנט שטרענג געוואָרנט, אַז מער זאָל ער אַזוי קיין קאַטאָוועס ניט טרײַבן. שפּעטער, מאָלט אײַך, איז אַ קאָמפּראָמיס געפונען געוואָרן. אויב דער זופּ ציט דער באָרשטש איז שוין טאַקע זייער שיטער, שטעלט מען צו די אויגן צו אַ דלאָניע־דעכעלע, נאָר די ליפּן בלײַבן פאַרשלאָסן.

דער ברעזענטענער צודעק באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַטקע איז אופגעהויבן, און אַלצייַנס איז דושנע. עס בלאָזט ניט קיין מינדסט ווינטעלע. נאָר אונדז קימערט עס ניט שטאַרק. אַף אונדזערע פּענעמער נידערט שוין אַ ווייכער שלומער. ווען מע זאָל אונדז ניט וועקן, וואָלטן מיר בעשום־אויפן ניט פאַרביטן דעם שלאָף אַף דער וועטשערע, נאָר ביז טאָג געלעגן אַזוי מיט די נאַקעטע פאַרברוינטע רוקנס אַף אַרוף. איין יעליסייעוון נעמט ניט די זון. ער איז בלויז אַנגעשפּיקעוועט מיט זומער־שפּרענקלעך. זיי האָבן זיך אַזוי פאַרמערט, אַז עס סטײַעט פאַר זיי שוין ניט קיין אָרט אַפן פּאָנעם און אַפן האַלדז. זיי האָבן זיך איבערגעקליבן אַף די אַקסלען, אַף די הענט און אַפילע אַף זײַן פּלייצע.

מיר איז אינגאַנצן ניט באַשערט געווען זיך אויסשלאָפן. צו יורעניעוון זײַנען געקומען צוגאַסט זײַנע עלטערן, און דער דעזשורנע איבערן לאַגער האָט זיי דער־לויבט ניט נאָר זיך טרעפן מיטן זון, נאָר אויך מיט זײַנע כאַווירים. פאַרוואָס ווייס איך ניט, נאָר אָלעג האָט אײַנגעלאַדן פּימענאָוון, יאַקימאָוויטשן און מיך. לאָזן מיר זיך צו דער לאָנקע אין וואַלד, ניט ווײַט פון די סטאַנדאַרטע פּאַניער־שטיבלעך, ווו עס ווױנען עטלעכע פאַמיליעס פון אונדזערע קאָמאַנדירן. לאַנג פאַרהאַלטן קלײַבן מיר זיך דאָרט ניט, ווײַל מאַלע וועגן וואָס אויסגעבענקטע טאַטע־מאַמע ווילן אָן איידעס זיך דורכריידן מיט זייער זון. אָלעגס מאַמע האָט זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער, אָנגעבויגן צו זיך דעם זונס קאָפּ און האַלט אין איין שעפּטשען: „אָלעשקע, אָלעשינקע". מיר ווייסן ניט וווהין אַהינטאָן אונדזערע אויגן.

באַם טאַטן איז די פּלייצע שוין אַ ביסל זקייניש פאַרקײַלעכיקט. ער טראָגט שיינע ברילן מיט פּירעקיקע דיקע גלעזלעך. די געדיכטע לאַנגע וואָנצעס הענגען באַ אים ווי וואָגשאָלן. ער האַלט אין איין סמאָטשקען אַ ברוינע פּיפּקע מיט אַ הילצערנעם לייבן־קאָפּ, אַף וועלכן ס׳איז אויסגעשניטן אַ געפלעכט פון אייַלבירט־בלעטער. אָלעגס טאַטע פאַרגייט פון איין זײַט, פון אַ צווייטער, נאָר אַרײַנקוקן דעם זון אין פּאָנעם גיט זיך אים ניט אײַן, און דערפאַר בעט ער זיך:

— ראַיסע, גענוג. איך וויל דאָך אויך אַף אים א קוק טאָן, — און ווײַל ער האָט זיך זײַנס ניט דערשלאָגן, דערמאָנט ער איר, — ראַיסע, אַלעגס כאַווײרים שטייען דאָ, און מיר האָבן זיך נאָך אפילע ניט באַקאַנט מיט זיי.

אַף אונדז וואַרפט ער בייסמײַסע א בליק, וואָס קאָן אויך אויסגעטײַטשט ווערן: „איצט, כעוורע, זעט איר, צוליב וואָס כ׳האָב אײַך באַדאַרפט האָבן", נאָר באַלד פאַרשטייען מיר, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַלעגס עלטערן גרייטן שוין „צום טיש". מיר זיצן אין אַן ענגן קרײַז, און לעבן יעדערן פון אונדז איז אָפן גראָז אויסגעשפרייט א קוואַדראַט טישטעכל מיט דינעם און איידעלן האַנט־געניי. מיר שעמען זיך שוין ניט און קײַען אַף ביידע באַקן ווייצנברויט, וווּרשט, קעז, געמישט מיט גרינע ציבעלעס און אוגערקעס, פאַרטרינקען מיט גוטן ביר.

נאָך דעם, ווי ראַיסע יאַקאָווליעווגע האָט זיך מיט אונדז צעקושט און וויטאַלי סערגייעוויטש האָט פעסט געדריקט אונדזערע הענט, פילן מיר זיך, ווי גלײַך אויך צו אונדז זײַנען געקומען לײַבלעכע קרויווים. פון זיי ביידע הויכט מיט וואַרעמקײַט און היימישקײַט. מיסטאָם ווײַזט זיך עס מיר אויס, נאָר ווען ראַיסע יאַקאָווליעווגע האָט אַראָפּגענומען דאָס אַלטמאָדישע זײַדענע קאָפּטיכל פון קאַרנבלום־קאָליר, און כ׳האָב דערזען אירע גלאַט־פאַרקעמטע קימאַט גראָווע האָר, האָט זי מיר דערמאָנט מײַן מאַמע, און עפשער האָט זיך עס אויסגעוויזן ניט נאָר מיר, נאָר אויך פעדיען און יורען.

וויטאַלי סערגייעוויטש דערציילט אונדז וועגן די אָנפאַלן פון די פאַשיסטישע עראָפּלאַנען אַף מאָסקווע, וועגן טאַלאַליכינס נאַכט־טאַראַן. מיר קוקן זיך איבער סוידעספּול, ווײַל מיר ווייסן ניט, צי מעגן מיר דערציילן ציווילע מענטשן, אַז אונדזערע קורסאַנטן האָבן אָנטיילגענומען אין אויסזוכן דעם „הײנקעל־111", וואָס דער סאָוועטישער אַס האָט א פאַרווונדעטער אַראָפּגעקלאַפּט באַם דאָרף קוזנעטשיקי, ניט ווײַט פון פּאָדאָלסק. זיי פרעגן באַ אונדז גאָרניט אַזוינס, אַף וואָס מע זאָל ניט טאָרן ענטפערן. עס דאַכט זיך, אַז די איינציקע זאָרג זייערע איז אונדז אָנהאָדעווען צו זאַט מיט די געשמאַקע מײַכאָלים. א פעקל פּראָדוקטן איז נאָך פאַרוויקלט אין הארטן קראַפט־פּאַפּיר. דאָס איז פאַר די איבעריקע כעוורע פון אונדזער אָפּטיילונג. פרעגן, פונוואַנען זיך אין מילכאָמע־צײַט גענומען אַזא גוטס, פּאַסט ניט. אַוואַדע אַרבעטן זיי ערגעץ, און דאָס איז זייער פּאַיאָק אַף א לענגערער צײַט.

צו די שטיבלעך גייען צוויי אָפיצערן. מיסטאָם וועלן זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן אונדז ניט באַמערקט, און פאַרבײַגיין. באַדאַרפט געווען זיך טיפער פאַרקלײַבן אין וואַלד, נאָר איצט איז שוין שפּעט. איינער פון די אָפיצערן — דאָס איז דער זעלבער מאַיאָר, וואָס האָט געהאָלפן יאַקימאָוויטשן פאַרהיטן דעם דעמב, — האָט מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צו אונדז. מיר, די פיר קורסאַנטן, זײַנען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, אַלעגס עלטערן האָבן זיך עטוואָס פאַרלוירן. דער מאַיאָר הייסט זיך אונדז צוריק אַוועקזעצן. ניט צוליב אונדז איז ער אהער צוגעקומען. ער ווענדט זיך צו אַלעגס טאַטע:

— וויטאַלי סערגייעוויטש, איר געדענקט מיך געוויס ניט, נאָר איך בין זייער צופרידן אײַך זען, מײַן טאָליע האָט אין א בריוו זיך נאָכגעפרעגט וועגן אײַך. אַנטשולדיקט, איך רעד וועגן מײַן זון. איר האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

— אַזוי טאַקע, געראַטעוועט?

— יאָ, פּראָפעסאָר. איר האָט אים אָפּערירט. ער איז געווען אײַערער א סטודענט. טאָליע יאַקאָווענקאָוו, עפשער געדענקט איר? איר האָט זיך צו אים שטענדיק גוט באַצויגן און אפילע רעקאָמענדירט אין אספּיראַנטור.

— ווי רופט מען אײַך, כאַווער מאַיאָר?

— אלעקסיי מאַקאַראָוויטש.

— יאָ, אלעקסיי מאַקאַראָוויטש, איך געדענק אײַער זון. א פּײַיִקער באָכער. זייער א פּײַיִקער און א שיינער, א שטאַלטנע. דו הערסט, ראַיִסע, א זעלטענער מענטשן־עקזעמפּליאַר. א פיגור ווי בא אַן אַנטישער סטאַטוע. ניט אָפּט טרעפן זיך אַזוינע, אפילע בייס דער אָפּעראַציע האָב איך וועגן דעם א קלער געטאָן. אויב כ׳האָב קיין טאָעס ניט, איז ער געוואָרן א מיליטערישער דאָקטער?

— יאָ.

— באַקומט איר בריוו פון אים?

— דעם לעצטן — מיט דרײַ וואָכן צוריק.

— אף דער פּאָטשט, אלעקסיי מאַקאַראָוויטש, קאָן מען זיך איצט ניט שטאַרק פאַרלאָזן.

— ניין, די פּאָטשט איז ניט שולדיק. זײַן כאַווער האָט אונדז געשריבן, אַז טאָליע איז שווער פאַרוווּנדעט, און ווײַטער ווייסן מיר גאָרניט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז אונדזערע קינדער וועלן פריִער, ווי מיר, אַוועק אפן פראָנט.

— אלעקסיי מאַקאַראָוויטש, — פּרוווט ראַיִסע יאַקאָוולעוונע טרייסטן דעם מאַיאָר, — אונדזערע א שכיינע האָט העכער א כוידעש ניט געוווּסט, ווו איר מאַן איז אַהינגעקומען, און הײַנט גאַנצפרי האָב איך מיט מײַנע הענט איר איבערגעגעבן פון אים א בריוו. איר ווייסט דאָך אליין, אַז מע טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג.

— א דאַנק פאַר די גוטע ווערטער. עפשער קאָן איך אײַך מיט עפּעס באַהילפיק זײַן? דאָ דינט עמעצער פון אײַערע קרויווים? — און ווײַל וויטאַלי סערגייעוויטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין, האָט דער מאַיאָר זיך אויסגעקערט צו אונדז. נאָר געפינען עפּעס ענלעכס צווישן אָלעגן און זײַנע עלטערן איז געווען ניט אַזוי גרינג. יאַקימאָוויטשן האָט ער גלײַך דערקענט. ראַיִסע יאַקאָוולעוונע האָט ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעוויזן אף אָלעגן:

— דאָס איז אונדזער זון, אָלעג.

— אָ, לעקאָוועד אַזאַ באַגעגעניש לאַד איך אײַך אײַן צו זיך. מײַן פרוי וועט זײַן צופרידן אײַך אופנעמען. ביטע, קומט מיט מיר. צוליב אײַך וועלן מיר זיך אויך מעכאַבעד זײַן מיט טיי פון סאַמאָוואַר. בא אונדז קאָנט איר איבערנעכטיקן, און גאַנצפרי וועלן מיר אײַך אַרויסבאַגלייטן צום וואָקזאַל.

— מיט גרויס פאַרגעניגן וואָלטן מיר אָנגענומען אײַער אײַנלאַדונג, — האָט וויטאַלי סערגייעוויטש זיך אַלטמאָדיש פאַרנייגט, — טיי פון א סאַמאָוואַר האָבן מיר מיט ראַיִסע יאַקאָוולעוונען שוין טאַקע לאַנג ניט געטרונקען, נאָר, צום באַדויערן, וועלן מיר עס מוזן אָפּלייגן אף אַן אַנדער מאָל.

— איר וואָלט אונדז גאָרניט באַדאַרפט אײַנריידן, — האָט מיט א באַהאַרצט קאָל דערקלערט ראַיִסע יאַקאָוולעוונע, — נאָר מיר וועלן זיך נאָך הײַנט אומקערן קיין מאָסקווע, ווײַל באַנאַכט דאַרפן מיר מיט וויטאַלין זײַן אפן אַעראָדראָם.

— דער אַעראָפּלאַן פליט אפן פראָנט? — האָט דער מאַיאָר געפרעגט, נאָר דאָס פּאַרפּאָלק האָט געשוויגן. — דאָס באַגלייט איר הײַנט וויטאַלי סערגייעוויטשן, און איך דול אײַך א קאָפּ, — יאַקאָוועקנאָוו האָט א ווײַלע זיך געקווענקלט, נאָר דער־

נאָך פאַרט געזאָגט, — אַנטשולדיקט מיר, פּראָפעסאָר, נאָר עס טרעפן פאַרשיידענע צופאַלן, ווער ווייסט, עפּשער אַף אונדזער גליק וועט איר עפּעס הערן וועגן מיליטער־דאָקטער אַנאַטאָלי יאַקאָווענקאָוו, איז זײַט שוין אַזוי גוט און שרײַבט וועגן דעם אָן כאָטש עטלעכע ווערטער אײַער זון. אין וועלכער ראָטע דינט איר, אָלעג?

דאָס מאָל וואָלט אַליין מאַליכין אַנערקענט, אַז אָלעג האָט געענטפערט ווי אַן עמעסער מיליטערמאַן. ער איז אופגעשפּרונגען און דײַטלעך אָפּגעראַפּאָרטירט:

— קורסאַנט יורעניעוו, פערצעטע ראָטע, פערטער באַטאַליאָן!

— בא איוואַשינען?

— טאַק טאָטשנאָ, דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין איז קאָמאַנדיר פון אונדזער ראָטע.

שוין נאָך דעם, ווי דער מאַיאָר איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ניט נאָר דער פּראָפעסאָר וויטאַלי סערגייעוויטש יורעניעוו, נאָר אויך דער מיליטער־דאָקטער פון צווייטן ראַנג, ראַיִסע יאַקאָוולעוונע יורעניעוואַ, פליט הײַנט באַנאַכט אָפּ אַפן פראָנט. באַם געזעגענען זיך האָט זי אונדז געזאָגט: „יִינגלעך, ווען איר אַלע זאָלט זײַן אַפן פראָנט אין איין טייל, וואָלטן מיר שוין געווען אַ ביסל רויִקער. קינדער, מיר, אײַערע עלטערן, בעטן אײַך, ווי ווײַט מעגלעך זיך האַלטן אינאיינעם און אָפּהיטן איינער דעם צווייטן”.

שײַעך צו זאָגן, אַלץ הייסט זײַן אינאיינעם. טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אַלע פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס זײַנען מיר אינאיינעם און דערווײַל נאָך איינער דעם אַנדערן ניט דערעסן געוואָרן.

דער ברייטביינערדיקער ניקאָלײַ סערגייעוו, אַ פאַרוואַקסענער מיט האָר, ווי אַ בער, זיצט האַלב נאַקעט און בײַסט געשמאַק דעם שטיק קאָלבאַס, וואָס פעדיע פּימענאָוו האָט אים געבראַכט פון דער סודע. פון מאָל צו מאָל וואַרפט ער אַ בייזן בליק אַף פעדיען. ניט אַף קיין קאַטאָוועס פאַרדריסט אים, וואָס פעדיע האָט זיך געלאָזט פאַרבעטן אָן אים. ניט נאָר אין אונדזער אָפּטיילונג, נאָר עפּשער אין גאַנצן לאַגער איז ניקאָלײַ דער סאַמע געזונטער, און דאָך פאָדערט ער צו זיך אופמערקזאַמקײַט, ווי אַ קראַנקער. ער דאַרף שטענדיק האָבן אַן אָנשפּאַר, און דאָס איז דאַפקע דער קלייניקער שטשופּלער פעדיע, וואָס איז קימאַט מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון קאָליען. ניט אומזיסט זאָגט מען וועגן זיי ביידן: וווּהין די נאָדל, אַהין דער פאָדעם. „די נאָדל” ווערט געמיינט פּימענאָוו. זאָל אַן אַנדערער פּרוּוון זאָגן ניקאָלײַען, אַז די צונג שפּרינגט בא אים פאַרן געדאַנק, וואָלט ער געהאַט קאַלטס און וואַרעמס, פעדיע אָבער מאַכט אָפּט אויסצודרייען פון זײַן פרײַנט, און שאַ — קיין אויסגאָב באַקומט ער ניט. קאָליע קאָן אים אַפילע גלײַך נאָך דעם באַשענקען מיט עטלעכע רויטע פּילעניצעס, ערשט אַראָפּגעריסן פון קוסט.

קימאַט אַלע נאַכט עפנט די זעניט־אַרטילעריע, וואָס אַרום סערפּוכאָוו, פײַער. עס טרעפט, אַז אויך באַטאָג באַווײַזן זיך אינדערלופטן דײַטשישע אויסשפּירער און אַפילע באָמבאַרדירער. זייער הויפּט־ציל איז, פאַרשטייט זיך, מאָסקווע, נאָר ניט זעלטן וואַרפן זיי אַראָפּ זייער פראַכט אויך דאָ. באַזונדערס לאָזן זיי ניט צורו די אײַזנבאַן־בריק, איבער וועלכער עס גייען טאָג און נאַכט שווערגעלאָדענע צוגן. באָמבעס זײַנען שוין אויך געפאַלן אין אַ דאָרף ניט ווײַט פון אונדזער לאַגער.

אַ טייל אונדזערע קורסאַנטן פּאַטראָלירן אין ראַיאָן פון קאַשירע, דאָמאָדעדאָוואָ, עלעקטראָסטאַל, ווײַל די פאַשיסטן קאָנען דאָ פּרוּוון אַרויסוואַרפן אַ דעסאַנט אָדער דיווערסאַנטן. אונדז נעמט מען ניט אין דער פּאַטראָל־וואַך. מיר דאַרפן פריִער, דערקלערט מען אונדז, באַהערשן דעם עלעמענטאַרן קורס, וואָס אָן אים זײַנען מיר נאָך בּיכלאל קיין מיליטער־מענטשן ניט. עפּשער איז דאָס אַזוי, אָבער וויפל איז דער שיר אונדז דאָ צו האַלטן? די דײַטשן שפּאַרן פון אַלע זײַטן, און מיר זײַנען סאַכאַקל איין מאָל געווען אויפן פּאָליגאָן און געשאָסן בלויז אין פאַשיסטן, אָנגעמאָלטע אויף ציל־ברעטלעך. מיר זײַנען מעקאַנע די בײַן הונדערט לייטענאַנטן, וואָס האָבן די טעג פאַרענדיקט אונדזער שול און זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט.

ניט קיין פערד — אַ קליאַטשע מיט סטאַרטשענדיקע קליבעס איז אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן, אָט־אָט וועט זי אַרויספאַלן פון דער אויסגעדייוועטער פּעל, און דאַן וועלן די טרוקענע ביינער זיך מיט אַ טראַסק צעשיטן, נאָר דערווײַל פאַרשקעט זי נאָך, די קליאַטשע, מיט די נאָזלעכער און פּרוּווט מיטן קורצן עק אָפּטרײַבן פון אירע זײַטן, וועלכע הייבן זיך, ווי בלאָזזעק, די זלידנע פליגן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין איר.

אויפן וואָגן זיצט אַ יִינגל פון אַ יאָר פערצן, ער איז פאַרפאַראָשעט מיט שטרוי און פּאָלאָווע, די העלע צעפּאַטלטע האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן, ער האַלט אין איין וויאָקען און פאָכן מיט דער בײַטש, אים ווילט זיך איבעריאָגן דעם באַטאַליאָן קורסאַנטן, וואָס האָט זיך קימאַט אויף אַ קילאָמעטער צעצויגן באַנאַנד מיטן גוט אײַנגעפאָרענעם דאָרפישן וועג. אים דאַכט זיך, אַז הונדערטער אויגן האָבן זיך אין אים אײַנגעגעסן און פרעגן: „צי דען פאַרטרויט מען דיר ניט קיין בעסער פערד?” גיי דערצייל, אַז נאָך צוריק מיט צוויי־דרײַ כאָדאָשים האָט ער אַרומגעיאָגט אויף אַ בריטשקע מיט רעסאָרן, אין וועלכער ס׳איז געווען אײַנגעשפּאַנט אַן אָדלער — ניט קיין פערד. נאָר אויף יענעם אָגער, אויב ער איז ניט אומגעקומען אין אַ הייסער שלאַכט, יאָגט איצט אַרום מיסטאָם אַ דרייסטער קאַוואַלעריסט מיט אַ שווערד.

פּוסט איז דאָס דאָרף, פאַרלאָזט פון מענטשן און פון באַלעבאַטים.

מיר גייען צווישן צוויי שורעס דאָרפישע הײַזער, וואָס זײַנען ווי אויסגעשטאָרבן. ווער ס׳האָט געקאָנט נעמען אַ ביקס אין דער האַנט, איז אַוועק אויף דער מילכאָמע. אין קאָלווירטישן הויף, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַלעבאַטעווען פרויען און יִינגלעך עפּשער בלויז אויף אַ פּאָר יאָר עלטער, ווי דער אָנטרײַבער, וועלכן מיר האָבן איבערגעיאָגט. קינדער קומט איצט אויס צו האָרעווען.

נאָך אַ מאַרש פון פערציק קילאָמעטער וועלן מיר צוויי שאָ אָפּרוען אין דאָרף. כ׳האָב באַ זיך געפּויעלט, אַז אַלע הונדערט צוואַנציק מינוט וועל איך ליגן אויף דער ערד, און זאָל אַפילע דונערן און בליצן, וועט באַ מיר קיין אייוועד זיך ניט אַ ריר טאָן. דאָס פאַרשטייט אויך דאָס שפּערל, וואָס שפּרינגט דאָ אַרום, און דערפאַר האָט עס פאַר מיר קיין קאָפּ מוירע ניט.

— כאַווער סערזשאַנט, — הער איך יאַקימאָוויטשעס שטים, — דערלויבט מיר אַרײַנגיין אין אַ שטוב זיך אָנטרינקען, און אויב מע מעג, וועל איך אַ ביסל אָן אַרבעט טאָן.

יעליסייעוו האָט נאָך ניט באוויזן צו ענטפערן, און מיט דער זעלבער ביטע ווענדט זיך שוין פּימענאָוו. יאַקימאָוויטשן און פּימענאָוון קאָן מען נאָך פאַרשטיין, נאָר יורעניעוון ווער וועט באַרגן קויעך אַפילע אַף אופשטיין פון אָרט. און דאָך איז ער דער דריטער, וואָס וויל אַן ארבעט טאָן. דער סערזשאַנט ווענדט זיך צו מאַליכינען. מאַליכין צו איוואַשינען. אין אַרמיי, ווי באַוווּסט, פרעגט מען ניט מאַסקים צי ניט מאַסקים, דעם קאָמאַנדירס וואָרט איז א באַפעל, וואָס מוז אויסגעפילט ווערן, און דאָך וויל דער עלטערער לייטענאַנט וויסן, ווער נאָך איז גרייט אַרויסוואַרפן הילף די פאַמיליעס פון די פראָנטאָוויקעס. אַלע זײַנען גרייט. און דאַן באַפעלט ער:

— ראָטע, מאַרש!

אונדזער אָפּטיילונג שטעלט ער אָפּ בא א שטיבל מיט א געשניצט אויסגעצאַצקעט גאַנעקל, אַף וועלכן עס זיצט, אָנגעשפּאַרט אין א שטעקן, א זאַקן מיט ציטערדיקע ווײַס און קלעפּיק־פּאַרקיסנטעטע אויגן. אין הויף איז צעוואָרפן היי, וואָס איז שוין ניט נאָר אויסגעטריקנט, נאָר איבערגעטריקנט.

— זיידעניו, מירן דיר באַלד פאַרסקירדעווען דאָס היי.

דער אַלטער הערט שוין, ווײַזט אויס, גאָרניט. אַף זײַן פּאָנעם וועט איר ניט געפינען קיין שפּור פון צופרידן צי אומצופרידן. ער הייבט אוף די האַנט און ווײַזט אַף דער טיר: גייט, הייסט עס, אַרײַן.

ווי עפענען א דאָרפישע טיר, געדענקען מיר גוט. קיינער קומט צו אונדז ניט אַרויס. אין שטוב איז ריין, נאָר דער אומעט שטעקט אין אַלע ווינקעלעך. אַף די ווענט הענגען פאָטאָגראַפיעס. כ׳וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער בראַווער סאָלדאַט מיט דער שאַשקע בא דער זײַט און מיטן געאָרגי אַף דער ברוסט איז דער זעלבער אַלטער, וואָס זיצט איצט מיטן שטעקן, ווי א פּאַסטעך, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן סטאַדע. דער, וואָס אין דער בודיאָנאָווקע, איז, מיסטאַמע, זײַן זון, און אין העלם פון א טאַנקיסט איז, מעגלעך, זײַן אייניקל. פון קיך טראָגט זיך א רייעך פון געקעכץ. עמעצער ווײַנט נאָך געוויס אין דער שטוב, כוץ דעם אַלטן.

מיר פרוּוון זיך אויסזוכן אין שטאַל א פּאָר ווילעס, הראַבליעס. ניטאָ. וועלן מיר סקירדעווען דאָס היי מיט די הענט. מיר טראָגן עס צונויף, טאַפּטשען עס אײַן מיט די פיס און לייגן עס אויס בעסער, ווי א מוליער א וואַנט. ס׳וואַקסט אויס א סקירדע, ווי א היטל צוקער. מיט אַלטן בלעך און ברעטער ווערט דאָס היי אַרומגעלייגט אַזוי, אַז דער ווינט זאָל עס ניט צעטראָגן און דער רעגן זאָל עס ניט נעצן. אין הויף וואַלגערן זיך א סאַך קלעצער, וואָס טויגן נאָר אַף האָלץ. א זעג און א האַק האָבן מיר געפונען. זעגן מיר און האַקן, לייגן צונויף דאָס האָלץ אין שטאַבעלן. ס׳איז עפּעס גאָר ניט צו פאַרשטיין, אַלפּי־סייכל דאַרפן מיר ווערן נאָך מידער, ווי מיר זײַנען געווען, און בא אונדז גייט די אַרבעט גיך און גוט, גלײַך מיר אָטעמען דערבײַ אויס די מידקײַט.

ווען די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, האָבן מיר שוין געקליבן זיך אַוועקגיין. זי האָט, ווײַזט אויס, געוווּסט, ווער עס אָרודעוועט בא איר אין הויף, און געקומען פריִער ווי געווײנלעך. מיט א צופרידענעם שמייכל האָט זי זיך מיט אונדז באַגריסט און נאָך דעם, ווי זי האָט פאַרטריבן אין שטאַל די בעהיימע און זי אויסגעמאָלקן, איז די באַלעבאָסטע אונדז מעכאַבעד מיט פרישער וואַרעמער מילך און מיט צוגעפּראַזשעטע שוואַרצע קערלעך, פון וועלכע עס שמעקט מיט בוימל.

באם געזעגענען זיך איז אַף איר פאַרבריענט פּאָנעם אָנגעלאָפן א שאָטן. דריבלענ־דיק א רײַפע קאָרן־זאַנג צווישן די ברייטע דלאָניעס, האָט זי שטיל א פרעג געטאָן:

— צי דען וועט איר ניט אָפּשטעלן דעם פאַשיסט?

אומגעריכט פאַר אונדז אַלעמען האָט איר געענטפערט דער שטענדיק שווײַגנ־דיקער רוזין:

— מיר וועלן זיי ניט נאָר אָפּשטעלן, זיי וועלן לויפן אַף צוריק, און די ערד וועט ברענען אונטער זייערע פיס.

געזאָגט, און ווידער זײַנען בא אים די דינע ליפּן שטײַף צונויפגעשלאָסן.

— אזוינע ווערטער האָבן מיר שוין ניט איין מאָל געהערט, און איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר, ווי „ער" שפּאַרט שוין אָן. אָט וועט איר קומען אַף דער פּאָזיציע, וועט „ער" פון הונדערט הארמאַטן א שאָט טאָן מיט פײַער, וועט האלב פון אײַך גלײַך אומקומען, און די איבעריקע וועלן אַנטלויפן.

שוין זײַענדיק באם טויער, האָט פּימענאָוו אויסגעקערט צו איר דעם קאָפּ:

— אומקומען קאָנען מיר, נאָר אַנטלויפן וועלן מיר ניט.

„זײַ געזונט, פּעכאָטע!"

ווידער גייען מיר לענגאויס דעם לינקן ברעג פון דער אָקא, נאָר דאָס מאָל ניט פון, נאָר קיין סערפּוכאָוו. ס'איז אָנגעקומען א באַפעל, מיר זאָלן זיך אַריבערקלײַבן אין קאַזאַרמעס. זײַענדיק די גאַנצע צײַט אין וואַלד, האָבן מיר ניט באַמערקט, ווי ער האָט פאַר די לעצטע טעג געענדערט זײַנע קאָלירן. די ביימער ווערן דאָך ניט אויסגעטאָן מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווײַז, און יעדער בוים באַזונדער. אינווייניק אין וואַלד וואַרפט זיך עס ניט גלײַך אין די אויגן.

באַנאַנד מיט די טונקעלע ווײַן־רויטע און גרעל־געלע בלעטער טרעפן זיך נאָך אויך קימאַט אינגאַנצן גרינע. אין סענטיאַבער זײַנען געווען אזוינע וואַרעמע טעג, אַז מע האָט נאָך געקענט הערן די ציקאַדע זינגען. די פּאַלנדיקע בלעטער שעפּטשען, ווי דאָס וואָלטן זיי אַרויסגעזאָגט געזעגענונגס־ווערטער באם צעשיידן זיך אַף שטענדיק, נאָר פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן א יונג־האַרבסטיקער ווינט, און די בלעטער האָבן זיך צעטאַנצט און צעטומלט. אַפילו די אָקא האָט מיט א שטילן טויבלעכן גערויש, וואָרטשענדיק, זיך פויל א בויטע געטאָן און פאַרנעצט אונדזערע פאַרשטויבטע קירזעווע שטיוול.

אויך מיר א געשעעניש! נאָר ווײַל דער שלים־שלימאַזל אַלעג יורעניעוו איז אָפּגעשפּרונגען פון דער וואַסער אין א זײַט און עמעצער האָט זיך צעלאַכט אַף א קאָל, וועט דער שטרענגער מאַליכין באַשטראָפן אונדזער ווזוואָד. אַף יעדער קלענ־סטער געשעעניש, וויבאַלד זי איז באַמערקט געוואָרן פונעם קאָמאַנדיר, וועט אומ־באַדינגט קומען אַן אָפּקלאַנג. אין טײַך, פאַרשטייען מיר, וועט ער אונדז ניט טרײַבן, ווײַל ברודיקע אין שטאָט אַרײַן טאָר ער אונדז ניט ברענגען, נאָר דערפאַר וועט ער אונדז באַלד א יאָג טאָן, אַז דער וועג וועט אַזש אַנטלויפן פון אונטער די פיס. אזוי טאַקע טוט ער.

נאָך אַזאַ שנעל־מאַרש גייט אונדז שוין ווייניק אָן די גאָלדענע פּראַכט פון די ביימער. דאַכט זיך, אָט ערשט האָבן זיי געשפּילט מיט אַלע קאָלירן און כיינען,

און איצט זײַנען זיי פּאַשעט האַרבסטיקע ביימער. מיך כידעשט אפילע, וואָס יורע־ניעוון פּאָלגט נאָך די צונג און ער ענטפערט אף מאַליכינס פראַגע:

— הײַנט, כאָווער לייטענאַנט, איז מיטוואָך, דער ערשטער אָקטיאַבער.

— איז פאַרגעדענקט די דאַטע, און מער זאָלט איר זיך פאַר קיין ביסל וואַסער ניט שרעקן.

— פאַראַן זיך ניט שרעקן.

ס׳איז שוין גאַראַנטירט דער פרײַערדיקער יורעניעוו. פון דעם ביסל וואַסער איז ער טאַקע אָפּגעשפּרונגען... אָבער די ביימער האָבן זיך דאָך אויך ניט מיטאַמאָל באַפרײַט פון אַלע אַלטע בלעטער.

אונדזער קאַזאַרמע געפינט זיך אין אַ שול־געבײַדע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקן. דאָ שלאָפן מיר נאָר, און קימאַט דעם גאַנצן טאָג זײַנען מיר אפן לערן־פעלד. ווי עס איז ניט שווער, נאָר ווען איוואַשין לערנט מיט אונדז טאַקטיק, פאַרשטייען מיר, אַז דאָס איז ביז גאָר נייטיק. אָבער אַ טייל פון די פּילצאַליקע שאָען, וואָס מיר מאַרשירן מיט מאַליכינען, וואָלט מען געמעגט בעסער אויסנוצן אף באַקענען אונדז ווי געהעריק מיט די קוילנוואַרפער און מינענוואַרפער. פאַר אייניקע איז נאָך אַ סאָד, ווי פאַנאַנדערנעמען דעם שלאָס פון אַ קוילנוואַרפער. יעליסייעוון האָט מאַליכין דערקלערט, אַז ס׳איז קיינעם ניט דערלויבט אָפּטרעטן פון דער באַשטעטיקטער פּראָגראַם. עמעס, ווען אונדזער ווזוואָד איז איינער אַליין אין פעלד, דערלויבט זיך אפילע מאַליכין, מיסטאַם מיט איוואַשינס האַסקאָמע, „איבערפּלאָנטערן״ די לימודים, און אָנשטאָט ווידער לערנען אונדז מאַרשירן, באַ־פעלט ער אויסשטעלן טשוטשעלעס, וואָס מיר דאַרפן דורכשטעכן מיט די באַגנעטן איינע נאָך דער צווייטער. ביז מיר האָבן דערהערט פון אים די ווערטער „מיט דעם באַגנעט און דער קאָלבע אַרבעט איר ניט שלעכט״, זײַנען די אויגן פאַרלאָפן מיט געזאַלצענעם שווייס.

מיר ליגן אפן שטאַטישן פּלאַץ, וווּ מיט הונדערטער יאָר צוריק האָט מען אויסגעבויט אַ ווײַסשטיינערנעם קרעמל מיט פינף טורעמס. גוט אַזוי צו רוען און קוקן אף די טורעמס־שפּיצן. אינדערלופטן ציִען זיך שפּינוועבס־פעדעם, טשאַטעס פייגל פליִען אף דאָרעם, און אונדז ווערט מען מיסטאַם באַלד ווידער באַפעלן שטור־רעמען די פעסטונג. אָבער איוואַשין האָט ווי פאַרגעסן אין אונדז. ער האָט זיך פאַרעדט מיט אַ פּאָליטרוק, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אף מיליצעס. נאָר אָט האָבן זיי פאַרענדיקט שמועסן.

— ראָטע, אופשטיין! — קלינגט די קאָמאַנדע. — אויסשטעלן זיך!

שטייען מיר ווזוואָד צו ווזוואָד. צוויי אין דער ברייט, צוויי אין דער לענג, און דער פאַרוווּנדעטער פּאָליטרוק רעדט מיט אונדז. מיר קענען די אויגן ניט אָפּרײַסן פון דעם אָרדען, וואָס פינקלט אף זײַן ברוסט.

אַזוי האָט נאָך מיט אונדז קיינער ניט גערעדט. אפילע דער באַטאַליאָן־קאָמיסאַר, וואָס זײַנס אַ וואָרט דערגייט צום האַרצן.

— קאָמאַנדירן ווערט איר ווערן ניט דאַן, ווען מע וועט אײַך איבערלייענען דעם געהעריקן באַפעל און אַרויסגעבן די קוביקעס, נאַגאַנען צי פּיסטאָלעטן, נאָר ווען

איר וועט באַקעמפן די מוירע פאַרן דײַטש. איך האָב געזען, ווי ניט מער פון א ווזוואָד רויטארמייער האָט ארויסגעקלאַפּט פון א דאָרף און געטריבן צוריק א באַטאַליאָן פאַשיסטן, וואָס איז געווען באַוואָפנט ביז איבער די ציין. דאָס הייסט שרעקלאָזיקײַט.

יאָ, די דײַטשן פאַרמאָגן א סאַך עראָפּלאַנען, טאַנקען, האַרמאַטן און גאָר א סאַך מינענוואַרפער. דער קאָמאַנדיר דאָרף וויסן, ווי אויסצוהיטן זײַנע סאָלדאַטן פונעם פײַער. ס׳איז טאַקע א מילכאָמע פון מאַטאָרן, נאָר דאָס לעצטע וואָרט איז בא דער פעכאָטע. אונדזער פעכאָטע איז שטאַרקער פון זייערער, און מיט ביקסן וועלן מיר זיי גיכער אַוועקלייגן אַף טויט, ווי זיי אונדז מיט די אויטאָמאַטן. קעדיי באַפרײַען זיך פון שרעק, דאַרף מען אַרײַנזעצן כאָטש איין קויל אין איין פאַשיסט.

עמעס, מיר טרעטן אָפּ, נאָר מיט יעדן טאָג וועט די דײַטשן ווערן אַלץ שווע־רער. אונדזער פראָנטאָוויק הערט אוף מוירע צו האָבן פאַרן סוינע, און דער סוינע, פאַרקערט, שטעקט זיך אָן מיט אָט דעם באַציל. פאַר אים איז עס א סאַך געפער־לעכער, ווײַל זײַנע זעלנער זײַנען געקומען, ווי רויבער, און מיר פאַרטיידיקן אונדזער ערד, די טאַטע־מאַמע, די קינדער. יעדער רויבער איז דרייסט אזוי לאַנג, ביז ער כאַפּט ניט אין פּיסק אַרײַן. נאָר דאָס ווייסט איר דאָך אָן מיר. אײַער עלטערער לייטענאַנט האָט מיך געבעטן דערציילן א פּאָר פראָנט־עפּיזאָדן. איך האָב אײַך אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מיר דאַכט, אז איצט איז עס דאָס סאַמע וויכטיקסטע.

„...ווען איר וועט באַקעמפן די מוירע פאַרן דײַטש“. אַלע טאָג הערן מיר און לייענען ניט נאָר וועגן דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקײַט, נאָר אויך וועגן מוט, גע־וואַגטקײַט, שרעקלאָזיקײַט. אָט דאָס וואָרט „שרעקלאָזיקײַט“ האָבן מיר שטענדיק פאַרשטאַנען ווי העראָיזם. דער פּאָליטרוק האָט עס עפּעס ווי א דריי געטאָן, און ס׳האָט באַקומען זײַן אורטײַטש — ניט מוירע האָבן. יעדערן פון אונדז ווילט זיך וואָס גיכער זײַן אַפן פראָנט. יעדערער פון אונדז טראַכט ניט וועגן זיך, ווי וועגן א פאַכדן, און אויב שוין גאָר דעם עמעס זאָגן, טרוימען מיר וועגן העלדנטאַטן. לאָזט זיך אויס, אז צום אַלעם ערשטן דאַרף א קריגסמאַן דערשטיקן אין זיך די שרעק. אוודע איז עס אזוי, נאָר צוליב וואָס ספּעציעל אַקצענטירן? צי עפּשער מיינט ער, דער פּאָליטרוק, אז מיר קאָנען אין דער ערשטער שלאַכט אויסקערעווען די האָלאָבליעס אַף צוריק און אַנטלויפן? ניין, ער מיינט ניט אזוי. דאָס האָט ער מיט אונדז אײַנגעקנעלט דעם אַלעפּבייס פון שלאַכט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר עס זייער גוט פאַרשטאַנען.

אינמיטן העלן טאָג — ווידער אַן אַליאַרם. ניט נאָר אין זומער־לאַגער באַם דאָרף לוזשקי, נאָר אויך פאַר די פינף טעג, וואָס מיר געפינען זיך אין סערפּוכאָוו, איז א לערן־אַליאַרם שוין פאַר אונדז געוואָרן א וואָכעדיקע זאַך. אָבער דאָס מאָל, האָבן מיר געמיינט, וועט עס אונדז אויסמײַדן. ס׳איז געווען זונטיק, און פון מאָסקווע, פון אַנדערע נאָענטע שטעט זײַנען צו א סאַך קורסאַנטן געקומען קרויווים, באַ־קאַנטע. פון דער שול־טעריטאָריע לאָזט מען הײַנט קיינעם ניט אַרויס, שטייט מען געדיכט אויסגעשטעלט פון ביידע זײַטן פאַרקן און מע קאָן זיך צו זאָט ניט אָנרעדן. די ציווילע בעט מען אַוועקגיין. די מילכאָמע האָט זיי שוין אויך צוגעווינט

צו דיסציפּלין. זיי פּאָלגן. מע רוקט זיך לאַנגזאַם אָף צוריק, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון די אייגענע.

צו מיר איז געקומען צוגאַסט אַ כאַווער, אַ יינגערער לייטענאַנט, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער מיליטערישער לופט־אַקאַדעמיע. ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען אים קאָמאַנדירט אין סערפּוכאָווער אוויאַ־שול. איצט שרײַבט ער איין ראַפּאָרט נאָכן צווייטן, אַז מע זאָל אים שיקן אָפן פראָנט. ער איז זיכער, אַז ער וועט אַהין טרעפן פריִער פאַר מיר. איך באַוויַיז אים אַ זאָג טאָן:

— דאָס איז, דאַכט זיך, אָף אַן עמעס, ס׳איז ניט קיין לערן־אַליאַרם. אויב מיר וועלן זיך די טעג ניט אומקערן, וועסטו, זײַענדיק אין מאָסקווע, אַרײַנגיין...

ס׳האָבן זיך גרויליק צעיאָמערט די פאַבריק־קוימענס און אַליאַרם־סירענעס. די זעניטלער האָבן געעפנט אַ פײַער. מײַן כאַווער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט לויפן צו זיך אין טייל, און מיר, אַקסל צו אַקסל, שפּאַנען צום וואָקזאַל. אין עטלעכע שאָ אַרום, פאַרנאַכט שוין, זײַנען מיר געווען אין פּאָדאָלסק, ווו ס׳האָבן געוואַרט אָף אונדז פראַכט־וואַגאָנען.

לאַנג האָט דער עשעלאָן קורסירט איבער דער אײַזנבאַן־ליניע אַרום מאָסקווע. די שפּאַרונעס אין וואַגאָן זײַנען אַזוינע, אַז מע קאָן דורכשטופּן אַ האַנט. אַנטקעגן טראָגט זיך אַ קאַלטער ווינט, און מיר זײַנען אין זומערדיקן אָנטאָן. נאָר מיילע, ס׳איז צו דערלײַדן. מאַליכין באַפוילט אונדז שלאָפן. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום כראָפּעט ער שוין טאַקע גאַנץ פײַן. איך ליג צווישן יורעניעוון און פּימענאָוון. אָלעג שעפּטשעט מיר אין אויער:

— אין פּאָדאָלסק האָב איך אַרײַנגעוואָרפן אַ בריוול. זאָל די מאַמע וויסן, אַז דערווײַל זײַנען מיר אַלע צוזאַמען. כ׳האָב געשריבן אין דער פינצטער, נאָר זי וועט פאַנאַנדערקלײַבן. וועמען האָסטו געשריבן אַ קאַרטל?

— דעם ברודער.

— ער איז שוין אָפן פראָנט?

— כ׳ווייס ניט. ער לערנט זיך אויך אין אַ מיליטערישער שול ניט ווײַט פון מאָסקווע.

— אַזוי, — זאָגט ער מיר, — קאָנט איר דאָך ביידע טרעפן אָף איין באַצירק, אַפּילע אָף איין פאַרטיידיקונג־ליניע. אָדער לאָמיר זאָגן, דו אין דער ערשטער, און ער אין דער צווייטער. אָף דער פּאָדער־פּאָזיציע וועט איר איינער דעם אַנדערן בײַטן און ניט וויסן וועגן דעם.

— ביסט אַ פאַנטאַזיאָר, אָלעג.

— און דערפאַר געפעל איך דיר ניט?

— ביסט דאָך ניט קיין מיידל, וואָס דו דאַרפסט מיר געפעלן.

— מאַליכינען בין איך צוערשט ניט געפעלן געווען. דאָס איז עמעס. און ער איז געווען גערעכט. דיר, פעדיען, יורען, דעם שטומען וויקטאָר, ווייס איך, בין איך פונעם ערשטן טאָג געפעלן געוואָרן.

— ביסט אַן אידיאָט.

— ווייסט, פונוואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט „אידיאָט״?

— כ׳ווייס ניט און וויל ניט וויסן. טשעפּע זיך אָפּ פון מיר.

— אָט, אַז מע וועט מיך פאַרווונדן, דאַן וועל איך זיך ערשט אין דיר אָנטשעפּען.

— עס ציטערן שוין בא דיר די קני?

— און בא דיר?

— דערוויַיל ניט.

— באַ מיר אויך ניט. ווילסט א שטיקל ברויט? ס'איז פאַרבליבן פונעם אָנבייַסן. בייַס אָפּ א שטיקל און גיב איבער פעדיען.

— אָט פון דעם האָסטו באַדאַרפט אָנהייבן.

סערגייעוו האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ:

— אליין פרעסט מען, און אז איך האָב אויך קיין וועטשערע ניט געגעסן, אַרט קיינעם ניט.

— כ'האָב געקלערט, אז דו שלאָפסט שוין פון לאַנג, — האָט יורעניעוו זיך גענומען פאַרענטפערן. — דיר, קאַליע, וואָלט דאָס שטיקל ברויט אָף קיין איין צאָן ניט געקלעקט.

— געקלערט. צופיל, פּראָפעסאָר, קלערסטו.

מיסטאם וואָלט נאָך ניקאָלייַ לאַנג געבורטשעט, נאָר פעדיע האָט אים געהייסן אָנשפאַרן דעם קאָפּ אין „סידאָר” און ליגן מיט פאַרמאַכטע ליפּן. אים האָט ער געפאָלגט. פּימענאָווס א וואָרט איז פאַר סערגייעוון ווי איוואַשינס א באַפעל.

ארום צען אזייגער אינדערפרי האָט זיך דער עשעלאָן אָפּגעשטעלט און מע האָט אונדז באַפוילן ארויסגיין פון די וואַגאָנען. מיר האָבן געמיינט, אז פאַר העכער א האַלבן מעסלעס זייַנען מיר פאַרפאָרן ווער ווייסט וווהין, נאָר אָנגעקומען זייַנען מיר קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. די וויַיטע צוטריטן צו מאָסקווע זייַנען, לאָזט זיך אויס, גאָרניט אזוי וויַיט — סאַכאַקל הונדערט פיר און צוואַנציק קילאָמעטער. די שטאָט אויפן הויכן רעכטן ברעג פון א שמאָלן טייַך האָט אויסגעזען פּוסט. ווי אָף שטענדיק פאַרקאָנסערווירטע, האָבן אויך אויסגעזען די צוויי מאַגיסטראַלן, וואָס גייען זיך דאָ צונויף: מאָסקווער אייַזנבאַן־וועג און דער שאָסיי אָף ברעסט, וואָס האָט נאָך מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פאַרבונדן וואַרשע מיט מאָסקווע. מע דאַרף ניט זייַן קיין סטראַטעג, קעדיי צו פאַרשטיין, אז דאָס זייַנען די וויכטיקסטע אָפּעראַטיווע מאַגיסטראַלן, וואָס פאַרייניקן די הויפּטשטאָט מיט די דאָרעם־ און מייַרעוו־קאַנטן פון לאַנד.

נאָענט פון וואָקזאַל סטאַרטשעט אן ערד־אָנשיט, אין וועלכן ס'איז אייַנגעפּאַסט א טיר, ס'איז מיסטאמע אן אייַזקעלער. האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אויפן בערגל און וואַרטן אָף וויַיטערדיקע פאַראָרדענונגען. פונעם הימל־רוים טוט זיך א גליטש א פרייש־געבוירן ווינטעלע און בייט א ציטער טאָן די העל־בלויע ווילדע אַסטרע, וואָס האָט זיך פאַרהיט דערנעבן. איך ליג אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן און הער, ווי סערגייעוו ווענדט זיך מיט א טייַנע צו באַקאָוון:

— ווער וואַרפט עס ארויס קימאַט א האַלבן פּאַפּיראָס? קוק, וויפל מאָל כ'וועל זיך נאָך פאַרציִען. אָט ווי מע רייכערט אויפן פראָנט.

עס דערטראָגט זיך אן אָפּהילך פון אופרייַסן. צי דען זייַנען מיר שוין אויפן פראָנט? ניט שוין זשע זייַנען טאַקע ערגעץ דאָ ניט וויַיט די פאַשיסטן? קוים שוין אָפּגעגעבן אזא בערגל, ווי דאָס, אָף וועלכן מיר זיצן, דאַרפן זיי פאַר דעם טייַער באַצאָלן. און פאַרוואָס עפּעס אָפּגעבן? אויב זיך אייַנגראָבן אין דער ערד, קאָן מען לאַנג קיינעם ניט צולאָזן צו זיך. אָפּטרעטן האָט מען אונדז ניט געלערנט. אַלע טאַקטישע איבונגען זייַנען געווען אויסגערעכנט אָף אָפּשלאָגן דעם סוינע און טרייַבן אים. אָבער אזוי האָט מען דאָך אויך געלערנט די קאָמאַנדירן, וואָס די מילכאָמע האָט זיי גע־

טראָפֿן באַ דער גרענעץ, און פֿונדעסטוועגן זײַנען זיי געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן אין דער טיף פֿון לאַנד. זיי שלאָגן זיך איצט מיט די אָקופּאַנטן פֿאַר יעדער בערגל, און דאָס איז נאָך שווערער, ווי אָנגרײַפֿן.

ווער מאַכט זיך דאָרט נאַריש, ווי אַ קינד? צוויי שערשאַווע הענט האָבן מיך פֿון הינטן אָנגענומען באַם קאָפּ, און איך קאָן אים ניט קיין קער טאָן. עמעצער האָט מיט די פֿינגער ווייטעקלעך צוגעדריקט מײַנע אויגן און זיי בלינד געמאַכט. דאָס שפּיצל האָט זיך אײַנגעגעבן, ווײַל איך האָב זיך פֿאַרטראַכט, און דער קאַטאָוועס־טרײַבער איז צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט.

קינדווײַז האָבן מיר ליב געהאַט אָט די שפּיל. ביז דער „געפֿאַנגענער" פֿלעגט ניט אָנרופֿן דעם נאָמען פֿון דעם צי פֿון דער, אין וועמעס הענט ער איז ארײַנגעפֿאַלן, האָט ער זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז מע וועט אים באַפֿרײַען, סײַדן שרײַען אַף אַ קאָל: „איך גיב זיך אונטער". עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז דו האָסט יאָ דערקענט, ווער ס'האָט דיך אַרומגעכאַפּט, נאָר ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט די צאַרטע מיידלשע הענט, און דאַן פֿלעגסטו אָנרופֿן נעמען, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, אַבי פֿאַרלענגערן דעם פֿאַרגעניגן.

עטלעכע רעגעס פֿון אַ גוטן כאָלעם אַף דער וואָר...

נאָר ווער איז עס פֿאָרט? ווען דאָס זאָל זײַן עמעצער פֿון אונדזערע קורסאַנטן, וואָלט יעליסייעוו אָנגעשריגן אַף אים. קיין קאָמאַנדיר וועט זיך אַזוינס ניט דערלויבן, און מיט קיינעם פֿון זיי בין איך, פֿאַרשטייט זיך, אַף אַזויפֿיל ניט היימיש. מײַנע אויגן זײַנען פֿאַרמאַכט, אָבער די הענט האָט דאָך מיר קיינער ניט פֿאַרבונדן, פֿאַרבייג איך זיי אַף הינטן צו דעם מענטשן, וואָס שטייט הינטער מײַן פּלייצע אַף די קני, און הייב אים אָן אַרומטאַפּן. די שינעל איז באַ אים פּונקט אַזאַ, ווי מיר טראָגן. די שטיוול בעסערע, ניט קיין קירזעווע. העכער פּונעם רימען, מיט וועלכן ער איז אונטערגעגאַרטלט, קאָנען די הענט ניט דערגרייכן. איז אומזיסט די טירכע, כאָטש אוואַדע ווילט זיך וואָס גיכער וויסן, ווער איז ער, דער מענטש. יורעניעווס זאָג, אַז איך קאָן זיך דאָ טרעפֿן מיטן ברודער, כאָטש ס'איז ניט מער ווי אַ האַשאָרע, אַ טרוים, איז מיר דאָך אַרײַן אין דער נאָז.

געַנוג. דער, וואָס האַלט מײַן קאָפּ, מיינט געוויס, אַז כ'וועל זיך ניט פּרוּוון אַרויסרײַסן פֿון זײַנע הענט, נאָר „איך גיב זיך אונטער" וועל איך אים אויך ניט זאָגן. מע דאַרף שוין אָבער ניט אָנווענדן קיין קויעך. מײַנע אויגן זײַנען שוין פֿרײַ. איך קער אויס אַפּגיך דעם קאָפּ און דערזע סעניע יאָפּען. אָט זיצט ער פֿאַר מיר פּאָנעם־על־פּאָנעם. ווי שטענדיק, אַ גוטמוטיקער, אַ שמייכלענדיקער, אַ שיינער, די גרויסע אויגן — שוואַרץ, ווי שוואַקס. ער פֿרעגט באַ מיר:

— וואָס כידעשסטו זיך? דו האָסט דאָך געוווּסט, אַז איך בין אין פּאָדאָלסקער אַרטילעריע־שול. מיינסט, נאָר אײַך האָט מען אַהער אַראָפּגעבראַכט? פֿריִער אָדער שפּעטער האָבן מיר זיך געמוזט טרעפֿן. אונדזער אַרטדיוויזיאָן טרעט אַרויס אין דער ריכטונג פֿון יוכנאָוו, — סעניע האָט וווּליוונגעריש פֿאַרוקט די פּילאָטקע אַף אַ זײַט, אַ פּאָר שטאַרקע ציִ געטאָן דעם פּאַפּיראָס און, אָנבייגנדיק זיך קימאַט צו מײַן אויער, פֿאָרגעזעצט: — אונדזערע צוויי באַטאַרייעס און אָן אָטריאַד אײַערע קורסאַנטן פֿירן שוין דאָרט, זאָגט מען, פֿון פֿאַרטאָג אָן אַ שלאַכט. אַף פֿיר און צוואַנציק לאַסטמאַשינעס זײַנען זיי נאָך נעכטן אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּאָדאָלסק. הער, ווילסט

איבערלייענען א בריוו פון מײַן טאַטן? צו דיר איז דאָרט אויך דאָ א גרוס. ער איז געוועזן ניט ווײַט פון קויבישעוו, נאָר איצט קער ער שוין זײַן אפן פראָנט. דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן מײַן טאַטן פאר א סאפיאָר? אָט אזוי, פרײַנט מײַנער.

כ׳וואָלט ניט געזאָגט, אז אונדזער פרײַנטשאפט האָט אופגעפלאַמט גלײַך פון די ערשטע טעג, ווי מיר האָבן זיך באקאנט מיט סעניען, נאָר איך גלייב, אז זי וועט שוין ניט פארלאָשן ווערן א גאנץ לעבן. זיך פאָרשטעלן מייער איסאקאָוויטשן פאר א סאפיאָר קאָן איך. וועט מען אים באפוילן אופרײַסן א בריק, וועט ער דאָס שטיקל ארבעט אָפטאָן מיט דער זעלבער פינקטלעכקײַט, ווי ער וואָלט צוגעשניטן אן אָנצוג. א געפערלעכע פראָפעסיע — א סאפיאָר. נאָר פאר די פאָלעס האָט אים דאָך קיינער ניט געשלעפט. ער איז אליין פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. כ׳וואָלט באַדארפט דערציילן סעניען וועגן געשפרעך, וואָס כ׳האָב געהאט מיט זײַן טאַטן אין עלעקטריטשקע, אים איבערגעבן די ווערטער, וואָס כ׳האָב געהערט פון מייערס מויל: „איר מעגט מיר גלייבן, — ביז אלץ וועט ניט זײַן אין דער מאָס, וועל איך זיך צו דער שער ניט צורירן. כ׳וועל שיסן...”

פארוואָס טאקע דערצייל איך ניט סעניען וועגן דעם? קאָן זײַן דערפאר, וואָס מיר ביידע באהאלטן אויס אונדזער געמיט־צושטאנד, די אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס האָט אונדז באהערשט פאר דער ערשטער שלאכט, וואָס שטייט אונדז פאָר עפשער הײַנט נאָך. מיר אלע מיינען, דאכט זיך, אז מע דארף זיך שעמען פאר דעם, און ווײַל אָט דער אינערלעכער ציטער לאָזט זיך ניט פארניכטן, פרוון מיר אים פאר־טרײַבן מיט א האָפערדיק וואָרט. אומגעריכט פאר זיך אליין טו איך א זאָג:

— ווען איר ווייסט, כעוורע, ווי מײַן כאווער שיסט! וואָ! — הייב איך אוף דעם גראָבן פינגער. — אף זײַנע סנאריאדן קאָן מען זיך פארלאָזן. זיי וועלן אלע טרעפן.

דער ביטערער אקשן באָקאָוו, בא וועמען די רעכטע באק איז נאָך דערצו שטארק אופגעלאָפן פון ציינווייטעק, און דעריבער זעט ער איצט אלץ פון דער טונקעלער זײַט, האָט אָפגעענטפערט:

— דאָס וועלן מיר נאָכדעם זען.

סעניע איז רויט געוואָרן, ווי א בורעק. ווי האָב איך עס פארגעסן, אז אפילע אויב מ׳זאָל אונטער פיר אויגן אָנשטעלן אף אים א פינגער, איז עס גענוג, ער זאָל זיך פארשעמען און עס זאָלן ארויסשפארן בלוט־פלעקן אף זײַן לענגלעך פּאָנעם. איבער מיר מוז ער זיך פארענטפערן פאר באָקאָוון.

— אוואדע זײַט איר גערעכט. און ער, — ווײַזט סעניע אָן אף מיר, — לויבט מיך דערווײַל פאר דער צײַט. באלד וועל איך אויסקויפן זײַן זינד. גוטע עפל ווילט איר? די מאמע איז נעכטן געוועזן בא מיר.

א פראגע, צי מיר ווילן. מיר זײַנען באלאָנים אפילע ניט אף קיין גוטע. אלץ, וואָס לאָזט זיך נעמען אין מויל, וועלן מיר אײַנשלינגען. סעניע צעבינדט דעם רוקזאק, און מיר באקומען יעדערער א גרויסן קײַלעכדיקן רויטן עפל. זיי זײַנען הארטע, ריינע. דאָס עפל־פלייש קנאקט אונטער די ציין, און דער מעכײַעדיקער זאפט איז פריש, ווי קוואל־וואסער.

צו די בעסטע באגעגענישן קומט ווען־ניט־איז א סאָף. עס דערהערט זיך א קאָמאנדע, די ראָטע זאָל זיך אויסשטעלן. ווײַזט אויס, אז אונדזער גאנצער פערטער באטאליאָן וועט באלד ארויסטרעטן. א שאָד, וואָס מיר מוזן זיך שוין צעשיידן מיט סעניען. און ס׳איז א גרויסע פראגע, צי וועלן מיר נאָך ווען־ס׳ניט־איז זיך ווידער טרעפן. צי וועט הײַנט־מאָרגן ניט געשען אזוי, אז איינער פון אונדז וועט קאָנען

בלויז פון טרוים־פעדעמער העפטן א פּאָרטרעט פון זײַן כאווער? איז פּארוואָס, פרעגט זיך, זאָלן מיר זיך ניט ארומנעמען, אפילע צעקושן, אָדער כאָטש פעסט א דריק טאָן איינער דעם צווייטן די האנט? ניין, צו דעם קומט עס ניט. ניט אזוי זײַנען מיר דערצויגן. מיר זײַנען ביידע, ווײַזט אויס, ניט פון די גרויסע כאכאָמים, און דערפאר פרווון מיר זיך פארבײַטן דאָס הארציק־ווארעמע מיט א שאָקל פונעם קאָפּ און מיט געציילטע ווערטער:

— זײַ געזונט, פּעכאָטע!

— זײַ געזונט, ארטילעריע!

און ניט מער. ווי גלײַך די צונג אין מויל וואָלט זיך געפוילט א ריר טאָן. בא סעניען, עמעס, האָט זיך באוויזן א סאמעטן וואָלקנדל אין די טיפע אויגן. נאָך א רעגע, און מיר לאָזן זיך אין וועג. סעניע שרײַט עפּעס, לויפנדיק צוריק צו אונדז. אָבער ניט איך בין שוין איצט באלעבאָס איבער זיך, און דערפאר האָב איך, דער־הערנדיק זײַן קאָל, זיך געווענדט צו מאליכינען:

— כאווער לייטענאנט, דערלויבט מיר זיך געזעגענען מיט מײַן כאווער.

— גוט, נאָר איינס — צוויי און פארטיק.

אף איין אויגנבליק האָבן אונדזערע הענט זיך צונויפגעפלאָכטן. יעליסייעוו האָט אָנגערירט סעניען בא דער פּלייצע:

— לויף, קורסאנט, אניט וועסטו אָפּשטיין פון דער ארטילעריע. מיר וועלן זיך נאָך עפשער מיט דיר טרעפן, און דערווײַל זשאלעווע ניט קיין סנאריאדן פאר די פּאשיסטן.

— גוט, סערזשאנט, — און שוין פונדערווײַטן, — קיין סנאריאדן פאר די פּאַ־שיסטן וועלן מיר ניט זשאלעווען. אף אונדז, פּעכאָטע, מעגט איר זיך פארלאָזן. מיר וועלן אײַך ניט אונטערפירן.

יאקימאָוויטש האָט אויסגעקערט צו מיר דעם קאָפּ:

— א ווילער באָכער דײַן כאווער.

— יאָ, יורע, זייער א ווילער.

דאָרט, ווו ס'איז געשטאנען פּלאטאָווס פּאָלק

איוואשין האָט זיך פארהאלטן אין שטאב פון באטאליאָן. מיט דער ראָטע קאָ־מאנדעוועט דערווײַל מאליכין. אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך סעניעס ווערטער: „קיין סנאריאדן פאר די פּאשיסטן וועלן מיר ניט זשאלעווען". אויך מיר וועלן ניט זשאלעווען קיין קוילן. אף איבערלאָדן די ביקסן פּאָדערט זיך אונדז ניט מער ווי פינף סעקונדעס. אויב די דײַטשן מיינען, אז דער גלײַכער וועג אף מאָסקווע איז פאר זיי שוין אָפן, האָבן זיי א גרויסן טאָעס. עס וועט זיי נאָך גיין מיט דער פּו־טער אראָפּ. פאר יעדן ווערשאָק ערד וועלן זיי טײַער באצאָלן. אונדזער באטאליאָן־קאָמיסאר האָט געהאט די פולע רעכט צו זאָגן, אז פּונקט ווי די קורסאנטן, וואָס האָבן געקעמפט הינטער פּעטראָגראד אין טויזנט נײַן הונדערט נײַנצעטן, אפן דאָ־רעם־פראָנט קעגן ווראנגעלן זומער פון טויזנט נײַן הונדערט צוואנציקסטן, באם דערשטיקן דעם אופשטאנד אין קראָנשטאדט פרילינג טויזנט נײַן הונדערט איין־און־צוואנציקסטן, אזוי וועלן אויך די פּאָדאָלסקער קורסאנטן איצט, אין הארבסט

פון טויזנט נײַן הונדערט איין־און־פערציקסטן, הינטער מאָסקווע, זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

ס'איז א פערטל אף צוועלף. מיר גייען לענגויס דער אײַזנבאַן־ליניע, פאַרקערע־ווען אין א פוסטן הויף, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט מיסטגראָז. מיט א שמאָלן דורכ־גאַנג, וואָס פירט צו א זײַטיק געסל, דערקלײַבן מיר זיך צו דער פאַרשטאָט לעבן טײַך. אין א טאָלכל, וואָס פונוויַיטן האָט זיך אונדז גערדאכט, אז עס איז ארומגע־גאַרטלט מיט א ברייטן פּאַס פון רויכיקן נעפּל, וועלן מיר, ווײַזט אויס, ווארטן אף איוואַשינען און אפן באַפעל, וואָס אונדזער ראָטע דאַרף באַקומען.

די לופט איז פול מיט רייכעס פון דורכגעווייקטע ווערבעס, מיט עפּעס א שטאַר־קײַט, וואָס שיקערט. איך שפּאַר זיך צו לעבן א דוירעסדיקער ווערבע. צו איינער פון אירע לאַנגע צווײַגן איז צוגעפּעסטיקט א נעסט. געבויט איז זי פון סאָסנע־נאָדלען, פּאַסיקלעך קאָרע, האָר, געדעקט מיט פלעכטגראָז. עפּעס א פויגל האָט דאָ, צווישן הימל און ערד, אוועקגעשטעלט אף יאָרנלאַנג ניט קיין שלעכט וויגעלע.

זיך קוים באַוויזן צוזעצן, און יורעניעוו פרעגט שוין:

— כעוורע, ווער פון אײַך ווייסט, וויאַזוי הייסט אָט דער טײַך?

קיינער ווייסט ניט, מאַליכין אויך ניט, נאָר קעדיי אַלעג זאָל אונדז זאָגן, ווי דער טײַך הייסט, דאַרפן מיר פריער אנערקענען, אז מיר ווייסן טאַקע ניט, און דער־פאַר פרעגט ער איבער:

— איז וויאַזוי?

— ווי מע האָט אים א נאָמען געגעבן, — ענטפערט אַפּ באָקאָוו, — און די מײַסע, וואָס דו קלײַבסט זיך דערציילן, פּראָפּעסאָר, האָט ניט די ווערט קיין דענעשקע.

— בר־בו, — קרימט אים יורעניעוו איבער. — וואָס ביסטו הײַנט אופגעשטאַנען אף דער לינקער זײַט? דאָס איז דער טײַך לוזשא. א באַוווסטער טײַך. פון אָט די ברעגן, — באַווײַזט ער מיט דער האַנט, — האָט זיך דעם צוועלפטן אָקטיאַבער פון טויזנט אכט הונדערט צוועלפטן יאָר אָנגעהויבן דער קאָנטר־אַנגריף פון דער רוסי־שער אַרמיי און נאַפּאָלעאָנס צוריק־מאַרש. — און ווײַל יורעניעוו זעט, אז מאַליכין קלײַבט זיך אים ניט איבערשלאָגן און דער פאַרטאָרג פון דער ראָטע איוואַן ניקיפאָ־ראָוויטש סטעפּאַנאָוו הערט אופמערקזאַם און שאָקלט דערבײַ צו מיטן קאָפּ, וואָס דאָס דאַרף באַטײַטן: „דערצייל, ביזוואַנען מיר פאַרמאָגן נאָך פרײַע צײַט. דאָס מאָל וועט דיר קיינער קיין באַמערקונג ניט מאַכן", זעצט ער פאָר. — נאָך דעם, ווי נאַ־פּאָלעאָן איז ארויסגעטראָטן פון מאָסקווע, האָט ער זיך געלאָזט מיטן אַלטן קאַלוגער וועג, וואָס גייט דאָ ניט ווײַט דורך. זײַן מיין איז געווען פאַרכאַפּן קאַלוגע און זיך דערקלײַבן צו די דאָרעמדיקע, רײַכע מיט ברויט און פוראַזש גובערניעס, איבער־ווינטערן דאָרט און ווידער אָנהייבן אַן אַנגריף־קאַמפּאַניע.

דער פעלדמאַרשאַל קוטוזאָוו האָט פאַרשטאַנען נאַפּאָלעאָנס פּאַרטראַכט. דאָ אף דעם רעכטן ברעג פון דעם ניט ברייטן, נאָר טיפן טײַך לוזשא האָט ער באַשלאָסן פאַרנעמען די אנטשיידענע שלאַכט, פון וועלכער ס'איז געווען אָפּהענגיק דער גוירל פון רוסלאַנד. הערט, כעוורע, ווי דאָס איז פאַרגעקומען. ס'איז קימאַט א לעגענדע. ווען נאַפּאָלעאָנס גרענאַדיאָרן זײַנען אין אײַלעניש צוגעקומען צום טײַך, האָבן זיי קיין בריק דאָ ניט געטראָפן. די אײַנוווינער פון שטאָט האָבן זי פאַרברענט. די פראַנ־צויזישע סאַפּיאָרן האָבן גענומען בויען א פּאָנטאָן־בריק. זייערע שיפלעך האָבן שוין קימאַט דערגרייכט דעם צווייטן ברעג, נאָך עטלעכע מינוט, און זיי וועלן זײַן אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. וואָס טוט מען? מיט אומגעהייערער שנעלקײַט האָט מען מיט

זעג און העק צענומען די דאַמבע בא דער שטאָטישער מיל. דער זיבנקילאָמעטערדיקער וואַסער־באַסיין האָט מיט א מוירעדיק רעווען זיך א ריס געטאָן פון אָרט און אַף אייביק אײַנגעשלונגען די פראַנצויזישע סאַפּיאָרן.

דער טײַך לוזשא האָט זיך פאַרכלינעט. דאָס וואַסער איז אַרויס פון די ברעגן, נאַפּאָלעאָנס אַוואַנגאַרד האָט קוים באַוויזן אָפּטרעטן אַף צוריק. נאַפּאָלעאָן האָט קיין אַנדער ברייירע ניט געהאַט, ווי א גאַנצן מעסלעס — א נאַכט מיט א טאָג — שטיין און וואַרטן, ביז דאָס צעבושעוועטע וואַסער וועט אָפּפאַלן. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, זײַנען די פראַנצויזן אַרײַן אין שטאָט, אָבער ניט אַף לאַנג. פאַר דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך געטאָפּטשעט אַף איין אָרט, זײַנען אַהער צוגעקומען פּלאַטאָווס פּאָלק, דאָכטוראָווס זעקסטער קאָרפּוס און דאָראָכאָווס לײַכטע קאַוואַלעריע. אָט דאָרטן, פון יענער זײַט ברעג, — אָלעג האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אין דער ווײַט, — איז געשטאַנען נאַפּאָלעאָן, אַרומגערינגלט מיט זײַן סוויטע, און נאָכגעשפּירט נאָך דער פאַרביסענער שלאַכט. ער האָט נאָך געהאָפט, אַז אים וועט זיך אײַנגעבן אַרויסרײַסן זיך אַף קאַלוגער וועג. נאָר אין דעם מאָמענט האָבן זיך פונדערווײַטן באַוויזן די גרונט־קויכעס פון דער רוסישער אַרמיי בעראָש מיט קוטוזאָוון. די שלאַכט פאַר מאַלאָיאַראָסלאַוועץ האָט געדויערט אַכצן שאָ נאָכאַנאַנד. דעם צוועלפטן אָקטיאַבער איז די שטאָט צוועלף מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

נאַפּאָלעאָנס געשולטע אַרמיי האָט ניט אײַנגענומען מאַלאָיאַראָסלאַוועץ און איז ניט אַרויס אַפן קאַלוגער וועג, כאָטש געקומען איז זי אַהער, ווען דאָ איז נאָך ניט געווען קיין איין רוסישער סאָלדאַט. דעם דרײַצעטן אָקטיאַבער זײַנען פאַר נאַפּאָלעאָנען געלעגן רויִנען פון א שטאָט, דורך וועלכער ער האָט ניט געקענט דורכגיין. פאַר זײַנע אויגן איז געפלאָסן גאָר ניט קיין גרויסער טײַך מיטן נאָמען לוזשא, וועלכן ער האָט ניט געקענט אַריבערשפּאַנען.

דאָס, וואָס אָלעג דערציילט אונדז, איז פאָרגעקומען מיט הונדערט נײַן און צוואַנציק יאָר צוריק. נאָר ווײַל מיר געפינען זיך באַם ברעג פון דעם זעלבן טײַך, אין דער זעלבער שטאָט, וועגן וועלכער ער רעדט, און איבער איר הענגט, פּונקט ווי דעמלט, א טויט־געפאַר, האָבן מיר אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן. יורעניעוו וואָלט נאָך דערציילט און דערציילט, נאָר עס גייט שוין אַהער איוואַשין.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט צום פאַרגלײַכן, נאָר אונדזער באַטאַליאָן איז אויסגעפאַלן צו פאַרטיידיקן מאַלאָיאַראָסלאַוועץ גראָד דאָרט, ווו עס איז געשטאַנען פּלאַטאָווס פּאָלק. אונדז איז באַפוילן צו פאַרפעסטיקן זיך אַף דער דאָרעם־מײַרעווודיקער זײַט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. אַלע איבעריקע קורסאַנטן פון ביידע מיליטערשולן זײַנען מיטן וועג אַף ברעסט אַוועק פאָרויס, קעדיי פאַרנעמען פּאָזיציעס אַף דער פײַער־ליניע. דער באַטאַליאָן געפינט זיך אין רעזערוו פונעם מאָסקווער מיליטער־קרײַז, און אין שלאַכט וועט מען אים וואַרפן אין פאַל, אויב דער סוינע וועט דורכרײַסן די שוץ־ליניע בא דעם אָפּעראַטיוו־וויכטיקן דאָרף איליִנסקאָיע.

מיט קליינע סאַפּיאָרישע זאַסטופּעס גראָבט יעדערער אַן אָקאָפּ פאַר זיך. דער איבערשטער שיכט לאָזט זיך גרינג אַראָפּנעמען, נאָר וואָס ווײַטער אין די אינגעווייִדן פון דער ערד, איז כאָטש האַק מיט א קירקע. רוזין האָט אָנגעטראָפן אַף א דורכגעזשאַווערטער שווערד. אָט האָסטו דיר אַן איליוסטראַציע צו דעם, וואָס יורעניעוו האָט נאָרוואָס דערציילט. דאַכט זיך, אַז די אָקאָפּעס זײַנען שוין פון פולן

פראָפיל, אזוי ווי מע האָט אונדז געלערנט, נאָר מאַליכין און יעליסייעוו פאָדערן: „טיפער, ברייטער“. מיר גראָבן נאָך אַן אַלגעמיינע טראַנשיי, קעגנטאַנקען־ריוו. דערנאָך צעשיקט מען אונדז אין פאַרשיידענע ריכטונגען, קעדיי אויספאָרשן די געגנט ארום דער שוץ־ליניע. ווי דאָס קאָן שפּעטער צוניץ קומען, דאַרף מען אונדז ניט דערקלערן.

שטיל איז ארום די פּאָזיציעס פון אונדזער באַטאַליאָן, ווי גלייך ס׳איז גאָר קיין מילכאָמע ניטאָ אַף דער וועלט. וועלדלעך שטייען, ווי שאָמרים, בא די ראַנדן פון ערטערווייז אופגעאַקערטע פעלדער. וווּ־ניט־ווו טרעפט זיך א בערגל, א ריוו. מיר סטאַרען זיך פאַרגעדענקען יעדער בייג פון דער ערד. ווען וואָלט אַמאָל אַפּן זינען געקומען, אַז אַהער קאָנען זיך דורכרייסן דעם סוינעס טאַנקען? און איצט איז דער ערשטער געדאַנק וועגן דעם. זעלטן ווען עס באַגעגנט זיך א מענטש. נאָר אָט זיינען מיר ארויס אַף א שמאָלן פעלד־וועג, און אונדז אַנטקעגן קומען אָן פאַר־שמאַכטע מענטשן, וואָס טרייבן א טשערעדע. ס׳איז קאָנטיק, אַז זיי גייען פון גאָר וויים. בא עטלעכע בעהיימעס זיינען מיט שמאַטעס איבערגעבונדן די פיס, די העלד־זער. בא א איין קו באַמבלט זיך א שטיק אָפּגעריסענער אויער, בא א צווייטער ציט זיך איבערן ווייסן שטערן א פּאַס פאַרטריקנט בלוט. מיר האָבן ניט וואָס צו פרעגן און מיר האָבן ניט וואָס צו זאָגן די מענטשן: מיט וואָס קאָנען מיר זיי טרייסטן? א פרוי, וואָס טראָגט אַפּן אַקסל צווי פולע בערעסטענע קוישן, איבערגעבונדענע מיט אַן אויסגעניייטן האַנטעך, פאַרשטעלט אונדז דעם וועג מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַף צו כאַפּן אַן אָף:

— עפּשער קאָנט איר אונדז זאָגן, ווו איז ערגעץ נאָענט דאָ א דאָקטער צי א פעלדשער? — פרעגט זי מיט א הייזעריק, צוגעקילט קאָל. — מיר פירן דריי פאַר־וווּנדעטע. אָט דאָרט, אַפּן פעלד, האָבן זיך אָפּגעשטעלט וועגענער. איר זעט, האָ? אָט דאָרט ליגן זיי. צוויי עלטערע מענטשן און א קינד, א יינגעלע. טוט עפּעס, כ׳בעט אייך.

אַלע אונדזערע מעדיקער זיינען אַציַנד אין אילינסקאָיע. אַזאַ איז געווען דער באַפעל פונעם גענעראַל, דעם שעף פון דער שול. ס׳איז פאַרשטענדלעך. האַרבע שלאַכטן שטייען פאָר אין אילינסקאָיע. נאָר סײַווי, ווען אין באַטאַליאָן זאָל אַפילע זיין דער פעלדשער, דאַרף נעמען ניט ווייניק צייט, ביז ער וועט קומען אַהער. יעדער קורסאַנט קאָן איבערבינדן א וווּנד. דאָס האָט מען אונדז געלערנט. אָבער צי האָבן מיר רעכט זיך פאַרהאַלטן? מיר דאַרפן זיך אומקערן צו א באַשטימטער שאָ און מינוט. מאַליכין וועט אונדז אַפילע ניט דערלויבן זיך צו פאַרענטפערן.

אָט אַזוי־אָ קאָן איצט ערגעץ ליגן פאַרוווּנדעט מיין מאַמע, דער טאַטע, די על־טערע שוועסטער מיט אירע קינדער, צי דען וועלן רויטאַרמייער פאַרבייגיין און זיי ניט ארויסווייזן קיין שום הילף, אַפילע ניט איבערבינדן זייערע וווּנדן? ניט איך איינער האָב מיסטאָם אַזוי א טראַכט געטאָן. יעליסייעוו הייסט מיר און רוזינען גיין צו די וועגענער.

— צוויי בינטן האָט איר, נאָט אייך א דריטן, — גיט ער אונדז אָפּ זיין אינדי־ווידועלן פּאַקעט, — וועט איר האָבן מיט וואָס איבערצובינדן אַלע דריי.

די אָפּטיילונג קערט זיך אום אין טייל. און מיר אינצווייען לאָזן זיך אַפּגיך צו די וועגענער.

פאַרוווּנדעטע זיינען געווען ניט דריי, נאָר צוויי. א מאַנצבל מיט א הילצערנער קוליע אָנשטאָט א פוס איז ערשט געשטאָרבן. א שפּליטער פון אַן אווי׳א־באָמבע

האָט מיט צוויי שאָ צוריק אים געטראָפן אין ברוסט, — דערציילן אונדז מענטשן בא די וועגענער.

אין צווייטן וואָגן ליגט צונויפגעשרומפּן אַן עלטערע פרוי, זי איז פאַרוווּנדעט אין בויך און לאָזט ניט, מע זאָל זיך צו איר צורירן, זי בעט נאָר עפּעס אַ רעפּוע אַף אַ ביסל אײַנשטילן דעם ווייטעק, און ווײַטער זאָל מען זי רויִק לאָזן שטאַרבן. קיין רעפּועס פאַרמאָגן מיר ניט. דאַנקט זי אונדז פאַרן ביסל וואַסער, וואָס מיר האָבן איר געגעבן פון דער פליאַגע, און מיט די לעצטע קויכעס שעפּטשעט זי:

— געלעבט אַזאַ ליכטיק לעבן, און דער פאַשיסט האָט עס פאַרפינצטערט. דעם צווייטן כוידעש זײַנען מיר שוין אין וועג, און אַלע טאָג שיסן זיי אין אונדז. דער באַנדיט היטלער האָט געשיקט, ווײַזט אויס, ספּעציִעלע עראָפּלאַנען אַף אונדז אומ־ברענגען. די וועלט איז גרויס, און ס'איז ניטאָ זיך ווו אַהינצוטאָן. הײַנט זײַנען זיי דרײַ מאָל אָנגעפאַלן. די בעהיימעס, ווי נאָר זיי דערהערן, אַז די עראָפּלאַנען לאָזן זיך אַראָפּ נידעריק, אַזוי צעלויפן זיי זיך, און די פאַשיסטן יאָגן זיך נאָך יעדערער באַזונדער.

עפּעס נאָך האָט זי געוואָלט זאָגן, נאָר ס'האָט איר שוין קיין קויכעס ניט גע־סטײַעט.

רוזין פּאָרעט זיך אַרום אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צען.

— בא דיר זײַנען די הענט ריינע? — פרעגט בא מיר וויקטאָר. — בא אים שטעקט אַ שפּליטער אין פוס, און איך האָב געהאַלטן די פאַרזשאַווערטע שווערד.

שײַעך צו זאָגן, נעכטן גאַנצפרי, אין סערפּוכאָוו, האָב איך זיך געוואַשן. נאָכדעם האָב איך גערייניקט די ביקס, געגראָבן די אָקאָפּעס. אויב דער שפּליטער שטעקט אַזוי, אַז מע קאָן אים גלײַך אָנעמען, וועל איך מיט דער פּאָלע פון שינעל אויסווישן די הענט און זיך פּרוּוון. דאָס ייִנגל זיצט ווי צוגעצוועקעוועט צום וואָגן. ער קוקט אַף דער וווּנד, און ניט נאָר מע הערט ניט קיין קרעכץ פון אים, מיט קיין אויג טוט ער ניט קיין פינטל.

— ס'טוט דיר שטאַרק וויי?

— יאָ.

— קוק ניט אַף דער וווּנד. באַלד וועלן מיר זי איבערבינדן.

— איר מיינט, כ'האָב מוירע צו קוקן?

— ניין, מיר מיינען ניט, מיר ווייסן, אַז דו ביסט אַ דרייסטער יאַט, אויב דו האָסט זיך אַרויסגעריסן פון די פאַשיסטן.

— כ'האָב זיי מעסוקן פײַנט. כ'וויל זיך אויך שלאָגן מיט זיי. נאָר אַצינד וועט איר מיך ניט וועלן נעמען מיט זיך.

— ווו זײַנען דײַנע עלטערן? וואָס שווײַגסטו? דו הערסט, וואָס איך פרעג בא דיר?

— איך האָב שוין ניט קיין עלטערן. איך בין אַנטלאָפן.

— פונוואַנען ביסטו אַנטלאָפן?

— פון דער געטאָ, — אַפּן קינדס פּאָנעם לויפט דורך אַ שאָטן, — איך האָב געטראָגן אַ געלע לאַטע, נאָר אַז כ'בין אַנטלאָפן, האָב איך זי אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך, זי זאָל דערטרונקען ווערן.

— וואָס פאַר אַ לאַטע? — פאַרשטייט ניט וויקטאָר.

איך דערקלער אים, דערצייל דאָס ווייניקע, וואָס כ'האָב געהערט וועגן די ייִדן־געטאָס אין אָקופּירטן פּוילן.

— פונוואנען ווייסט איר וועגן דעם? — פרעגט דאָס ייִנגל. — איר זײַט אויך א ייִד, יאָ?

— יאָ.

— און דער פעטער איז א רוס?

— א רוס, — באַשטעטיק איך.

— און איך פאַר מיט ווײַסרוסן. איר האָט מיך גוט איבערגעבונדן. עס טוט מיר שוין קימאַט ניט וויי.

— איז זאָל דיר טאַקע ניט וויי טאָן. זײַ געזונט.

מיר געזעגענען זיך מיט די פּליטים.

— איצט קאָנט איר שפּאַנען די פערד. אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ זאָלט איר אומ־באַדינגט פאַרפאָרן אין שפּיטאָל.

— מיר האָבן מוירע, די דײַטשן זאָלן אונדז ניט דעריאָגן.

— זיי וועלן אײַך ניט דעריאָגן, — זאָגט רוזין, — מיר וועלן זיך דאָ שלאָגן מיט זיי אָף טויט.

דרײַ וועגענער האָבן מיט א סקריפּ פון לאַנג ניט געשמירטע רעדער זיך געלאָזט צום פעלד־וועג. מיר האָבן זיי א ביסל באַגלייט און גענומען אָף רעכטס. עטלעכע מאָל האָבן מיר אויסגעקערעוועט די קעפּ. צוערשט האָבן זיי זיך נאָך אָנגעזען, און דערנאָך האָט זיי ווי אײַנגעשלונגען דער שטראָם פון עוואַקויִרטע, וואָס איז גע־פלאָסן פון מײַרעוו אָף מיזרעך.

אין הימל האָט זיך דערהערט א הודען פון פרעמדע מאָטאָרן. שווערע דײַטשישע באָמבאַרדירער פליִען אין דער ריכטונג צו מאָסקווע. וויקטאָר רעדט עפּעס צו מיר, נאָר איך קאָן ניט פאַנאַנדערקלײַבן וואָס. אַז די עראָפּלאַנען פאַרשווינדן, פרעג איך:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— דו האָסט געלייענט אמאָל אַזא בוך: „דער גאָרטן פון פײַניקונגען”?

— געלייענט, אַנטקעגן וואָס פרעגסטו?

— איך טראַכט וועגן ייִנגעלע פון דער געטאָ.

א מאָדנע מענטש וויקטאָר, ער איז אַזוי קאַמצאָנעסדיק אָף א וואָרט, אַז מע דאַרף קעסיידער זיך אָנשטויסן, וואָס ער האָט צו זאָגן. נאָר איצט פאַרשטיי איך אים אָן איבעריקע ווערטער. מיר גייט אויך ניט אַרויס פון קאָפּ דאָס ייִנגעלע. גע־טאָ... וואָס איז דאָס אַזוינס? א גאָרטן פון פײַניקונגען? איך געדענק, אַז ווען איך האָב געלייענט דעם בוך, האָט דאָס בלוט באַ מיר געגליווערט אין די אָדערן. איך האָב ניט געגלייבט, אַז מענטשן קאָנען באַגיין די גרויליקע רעציכעס, וואָס אָקטאַוו מירבאָ שילדערט. מיר האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז די, וואָס האָבן פאַרגעוואָרפן דעם שרײַבער, אַז אַזעלכע בילדער קאָנען געבוירן ווערן בלויז אין דער פאַרדאָר־בענער פאַנטאַזיע פון א סאַדיסט, זײַנען גערעכט. נאָר אָט האָבן מיר ערשט אליין געזען א קאָרבן פון נײַע הענקער — א קינד, וואָס זײַן מויעכל באַנעמט נאָך אפילע ניט דעם גאַנצן שוידער, וואָס איז אויסגעפאַלן אָף זײַן גורל. רוזין האָט הײַנט צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן ייִדן־געטאָס און געזוכט, מיט וואָס עס צו פאַר־גלײַכן. מיר האָבן נאָך דעמלט ביידע ניט געוווּסט, אַז די אַכזאָריעס אין מירבאָס גאָרטן פון פײַניקונגען זײַנען א קינדער־שפּיל אין פאַרגלײַך מיט די מײַסים־טאַ־טוים פון די פאַשיסטן. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געוווּסט, איז אויך געווען גענוג, אַז דאָס האַרץ זאָל ברענען פון צאָרן. זיי זינגען, די הענקער:

אויב די גאַנצע וועלט וועט ליגן אין רויִנעס,
צום טייַוול, מיר שפּייַען זיך אויס דערויף,
מיר וועלן אַלצייַנס מאַרשירן ווייַטער,
ווייַל הייַנט געהערט אונדז דייַטשלאַנד,
מאָרגן די גאַנצע וועלט.

נייַן, און ווידער נייַן. די וועלט טאָר ניט און וועט אייַך ניט געהערן. אָט זייַנען מיר אַ הייַפּעלע קורסאַנטן, אַ קראַפּט, וואָס האַלט נאָך אין רייַף ווערן, מע האָט זיך ערשט געקליבן אונדז לערנען אויף מאַפּעס און אויף קאַסטנס מיט זאַמד פירן שלאַכטן, נאָר ס׳איז געקומען די גוירלדיקע שעה, און מע האָט אונדז באַפוילן פאַרשטעלן אייַך דעם וועג קיין מאָסקווע, וועלן מיר דאָ שטיין אַזוי לאַנג, ביז עס וועט דינען דער קאָפּ, די אויגן, די הענט. אַזוי לאַנג, ווי מיר פאַרמאָגן קוילן, וועלן מיר שיסן אין אייַך. מירן אומקומען, נאָר איר וועט אין מאָסקווע ניט זייַן!

מיר האָבן מיט וויקטאָרן געטראָפן פּוסטע אָקאָפּעס. אַזוי געסטאַרעט זיך, מיט אַזאַ פלייַס געגראָבן, און איצט שפּאַצירן דאָ אום פייגל, וואָס זוכן ווערעמלעך אין דער פרישער ערד. צום ווייַטן אָפּהילך פון די אופּרייַסן זייַנען זיי שוין צוגעווינט, און אויב זיי צעפליִען זיך, איז ניט אויף לאַנג, מע גיט זיך אַ ריס פון אָרט, נאָר ווייַט פאַרקלייַבט מען זיך ניט. עס גייט דורך אַ רעגע, און זיי פאַרקען זיך שוין ווידער בא די שוצגראָבנס. אָט וואַלגערט זיך אַ ברעטל, האָט מען דאָך געקאָנט עס אַרייַנשטעקן אין דער ערד און אויף דעם אָנשרייַבן אַ פּאָר ווערטער, מיר זאָלן וויסן ווּהין גיין. אויך מיר אַ טייַנע. מיר דענקען נאָך אַלץ ווי ציווילע. טאַקע ניט געקאָנט, ווייַל דאָס איז דאָך אַ מיליטערישער סאָד. אַ פויגל טאָר פון דעם ניט וויסן. פאַטערן צייַט טאָר מען ניט. מע דאַרף גיין אין שטאָט. אויב מיר וועלן ניט טרעפן אונדזערע, וועלן מיר זיך מיסטאָם דערוויסן, אין וועלכער ריכטונג זיי האָבן זיך געלאָזט. צו קיין אַנדער טייל וועלן מיר ניט צושטיין. עמעצער גייט אַהער. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פּאַכט איבערן קאָפּ מיט זייַן פּילאָטקע. ס׳איז דאָך סערגייעוו! נאָך פונדערווייַטן שרייַט ער:

— כעוורע, גיט מיר כאָטש אַ פּענעצל ברויט. כוץ אַן עפּל, האָב איך נאָך הייַנט גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל.

— ווו איז אונדזער ראָטע?

— קומט, דאָס האָט מען מיך געשיקט נאָך אייַך. אַליין האָט איר זיך מיסטאָם גוט אָנגעגעסן, און אונדז האָט איר עפּעס געבראַכט?

— ווו האָבן מיר זיך אָנגעגעסן?

— דער סערזשאַנט האָט געזאָגט, אַז איר האָט זיך פאַרהאַלטן לעם עוואַקויִרטע, וואָס טרייַבן אַ טשערעדע.

— באַלד וועלן מיר דיר אויסטרייסלען עסן פונעם אַרבל. די עוואַקויִרטע זייַנען זאַט מיט צאָרעס, קאָנסט עס פאַרשטיין?

— דאָס פאַרשטיי איך, נאָר עסן ווילט זיך.

אים ווילט זיך. אונדז, הייסט עס, ניט. דאָס ווייסט ער ניט, אַז ווען מיר זאָלן געווען עפּעס רעכטס פאַרמאָגן, וואָלטן מיר דאָרט, בא די וועגענער, אויסגעליידיקט די קעשענעס.

...דער באַטאַליאָן איז געבליבן אויף דער דאָרעם־מייַרעוודיקער זייַט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, מע האָט אים נאָר איבערגעוואָרפן צו דער סאַמע פאַרשטאָט. אַ פּאָר

הונדערט מעטער פאר אונדז איז ארויסגעשטעלט א פּאָסטן, וואָס קאָנטראָלירט די דאָקומענטן בא די, וואָס קלײַבן זיך ארויסגיין אָדער ארײַנגיין אין שטאָט. עפּעס האַלט מען דאָרטן שוין צו לאַנג צוויי רויטארמייער, ווײַזט אויס, זיי רופן ארויס א כשאַד באַם פּאָסטן. נאָר ניין, מע האָט זיי דורכגעלאָזט אין שטאָט. אויב אַזוי, וועלן מיר זיי אויך ניט אָפּשטעלן. די רויטארמייער שטעלן זיך אָבער אליין אָפּ לעם אונדז און בעטן פאררייכערן. מאכאָרקע און פּאַפּיראָס־פּאַפּיר פארמאָגן מיר דערווײַל גענוג, וועלן מיר זיי נאָך געבן א ביסל מיט זיך. נאָר די צוויי זײַנען שוין גאָרניט אזעלכע אָרעמעלײַט. די מאכאָרקע נעמט מען, און אונדז איז מען מעכאַבעד מיט דײַטשישע סיגארעטן. דאָס ווערט שוין א ביסל פארדעכטיק, נאָר מיר פאררייכערן.

קליינערהייט, ווען איך האָב, ווי א מאַלפּע, געוואָלט נאָכמאכן די דערוואקסענע, האָב איך גערייכערט שטרויענע ציגארן. אָט אזא טאַם, ווי יענע ציגארן, האָבן די דײַטשישע סיגארעטן. ס׳איז זיך נאָר צום נאַריש מאכן. פון אונדזער מאכאָרקע ווערט אַזש אין די קישקעס ווארעם, און דאָ זעט מען אפילו ניט קיין רויך, נאָר א בלויליכן נעפּל, וואָס צעגייט גלײַך. אָבער פונוואַנען קומען צו אָט די צוויי דײַטשישע סיגארעטן? איינער פון זיי ווארט ניט, מיר זאָלן פארגעבן די דאָזיקע פראַגע.

— וואָס קוקט איר? מיר גייען דאָך פון פראָנט. טאַקע פון דאָרטן, ווו אײַערע קורסאַנטן שלאָגן זיך. אויב איר וועט זיך דאָ האַלטן, ווי די קורסאַנטן לעבן יוכנאָוו, וועלן די דײַטשן דאָ אויף לאַנג בלײַבן שטעקן.

— ווען האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די שלאַכט? — פארינטערעסירט זיך אונדזער פּאַרטאָרג, איוואַן ניקיפּיראָוויטש.

— זיי שלאָגן זיך פון פאַרטאָג אָן. די דײַטשן האָבן געמיינט, אַז דער וועג אויף מאָסקווע איז שוין פרײַ, און דאָ לאָזט מען זיי ניט אויפהייבן דעם קאָפּ. מע באַשיט זיי מיט פײַער פון ביקסן, קוילנוואַרפער, האַרמאַטן, טאַנקען.

— איר האָט אליין געזען דאָרט אונדזערע טאַנקען? — פרעגט ווידער איוואַן ניקיפּאָראָוויטש.

— מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך געזען א טאַנקעטקע און אין א האַלבן קילאָמעטער הינטער איר צוויי באַטארייעס. די פאַשיסטן האָבן פון יוכנאָוו געעפנט אַזאַ פײַער, אַז מיר האָבן געמיינט, פון אײַערע כעוורע וועט קיין סימען ניט בלײַבן. איצט מעגט איר א קוק טאָן, וויפל היטלעראָווצעס עס וואַלגערן זיך דאָרט. נאָר מיילע, אַז קורסאַנטן טרעטן ניט אָפּ, דאָס פארשטייען מיר. איר זאָלט אָבער געוועזן זען די יינגלעך, ניט עלטער פון זעכצן אָדער אפילו פופצן יאָר, וואָס האָבן זיך דאָרט געשלאָגן, איידער אײַערע זײַנען צוגעקומען. באַוואָפנט זײַנען זיי מיט דײַטשישע אווטאָמאַטן און קוילנוואַרפער. אין אַטאַקע פליִען זיי, ווי מאַטאָרן וואָלטן זיי געטראָגן. מיט זיי קאָמאַנדעוועט טאַקע א קאַפּיטאַן אַן אוויִאַטאָר. וואָס קוקט איר ווי איך וואָלט דערציילט באָבעמײַסעס? איך האָב גאָרניט אויסגעטראַכט.

— פארענטפער זיך ניט, ברודערקע, כ׳האָב שוין וועגן דעם געהערט.

איצט וועלן מיר שוין ניט אָפּטרעטן פון איוואַן ניקיפּאָראָוויטשן, ביז ער וועט אונדז ניט דערציילן, וואָס ער ווייסט וועגן דעם קורסאַנטן־אָטריאַד לעם יוכנאָוו און פונוואַנען האָבן זיך דאָרט גענומען אָט די יינגלעך מיט די דײַטשישע אווטאָמאַטן. קיין סאַך ווייסט ער אליין ניט.

דער קורסאַנטן־אָטריאַד איז ארויסגעפאָרן פון פּאָדאָלסק נעכטן צוויי אַזייגער באַטאָג מיטן וואַרשעווער שאָסיי דורך מאַלאָיאַראָסלאַוועץ קיין יוכנאָוו. איצט גייט די שלאַכט באַם טײַך אוגראַ. נאָר דאָס איז עמעס, פאַר אונדזערע קורסאַנטן האָט א

מעסלעס צײַט אײַנגעהאַלטן דעם וועג פון יוכנאָוו א גרופּע קאָמיוגיסטן פון די אָקופּירטע געגנטן, וואָס איז איבערגעגאַנגען דעם פראָנט. פאַר דער קורצער צײַט בא היטלערס „נײַער אָרדענונג" האָבן זיי, ווײַזט אויס, אַזוינס געזען און איבערגעלעבט, אַז זיי וואַרטן נאָר אַף דער קאָמאַנדע „אין אַטאַקע!". מיסטאַמע האָט מען זיי שוין אויך בא אונדז באַוויזן עפּעס אויסצולערנען. זייער קאַפּיטאַן איז דאָך פון הימל ניט אַראָפּגעפאַלן... דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַזא האַשאַרע וואָלט ניט שטאַרק אָנגערירט דעם עמעס. דאָס איז געווען דער קאַפּיטאַן איוואַן סטאַרטשאַק, דער שעף פון דער פּאַראַשוט־ און דעסאַנטן־דינסט פונעם מײַרעוו־פראָנט.

איינס קאָנען מיר ניט פאַרשטיין: אויב אונדזערע קורסאַנטן פירן שוין שלאַכטן, פאַרוואָס סטאַרטשעט דאָ אַזוי לאַנג אונדזער פּערטער באַטאַליאָן? אין רעזערוו קאָן מען דאָך אוועקשטעלן א טייל, וואָס מוז איבערכאַפּן דעם אָטעם. אַז אַזוינע טיילן זײַנען דאָ פּאַשעט ניטאָ, האָבן מיר נאָך אין יענע טעג ניט געוווּסט. מיר האָבן געקאָנט ריידן וועגן דעם, וויפל מיר האָבן געוואָלט, נאָר וואַרטן האָט מען געמוזט, ביז דער באַפעל וועגן האַלטן אונדז אין רעזערוו וועט אָפּגעשאַפן ווערן. ענדלעך איז עס פאָרגעקומען. נאָר אַוועק צו דער פראָנט־ליניע זײַנען מיר ניט מיטן וואַרשעווער שאָסיי, ניט צו אילינסקאָיע, ווו עס האַלטן דעם פראָנט אונדזערע קורסאַנטן, נאָר מיטן קאַלוגער וועג, וועגן וועלכן ס'האָט הײַנט דערציילט יורעניעוו.

די דאָרעם־גרופּע

אַזוי שווער אָנגעלאָדן און מיט אַזא שנעלקײַט זײַנען מיר נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען. די געוויינלעכע „אַלטיטשקע" ביקס מיטן באַגנעט, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אַף דער וועלט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק, ווערט מיט יעדן קילאָמעטער שווערער. זי ציט דעם אַקסל און וויל אים אײַנבייגן ביז צו דער ערד. ס'איז, ווי זי וואָלט גערעדט צו דיר: „דו קלײַבסט זיך דאָך ניט שיסן אין הימל אַרײַן, איז וואָס שטעק איך די גאַנצע צײַט, ווי א פלאָקן? לייג זיך אַליין צו, און איך וועל באַנאַנד מיט דיר ליגן". ס'הייסט, אַזוי קאָן איך טראַכטן, ווײַל כ'פאַרמאָג א שלאַכט־ביקס. ווייניק, נאָר ס'זײַנען פאַראַן בא אונדז אַזוינע, וואָס דאַרפן זי ערשט באַקומען אָדער קריגן בא א געהאַרגעטן פאַשיסט, דערווײַל טראָגן זיי לערן־ביקסן.

מײַן ביקס גלייב איך, ווי זיך אַליין. ניט אומזיסט היט איך זי אַזוי. די הענט און די אויגן וועלן מיר אויך ניט פאַראַטן. זאָל ער זיך נאָר באַווײַזן, דער פאַשיסט. עמעס, סערגייעוו שיסט בעסער פון מיר. מיט אים קאָן איך זיך ניט גלײַכן. בא אים טרעפט קיינמאָל ניט, אַז זײַנע א קויל זאָל אַוועק, ווי מע זאָגט, „נאָך מילך". בא אים לייגן זיי זיך איינס צו איינס, און אַלע אין „עפּעלע". דאָס איז איצט טויזנט מאָל וויכטיקער, זאָגט יורעניעוו, ווי מיט דערפאָלג פאַרטיידיקן א קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע. ניקאָלײַ איז מיט אים מאַסקים.

אונדזער באַטאַליאָן פאַרמאָגט צוואַנציק קוילנוואַרפערס „מאַקסים", אַכט האַנטקוילנוואַרפערס, נײַן מינענוואַרפערס און א רעזערוו פון קעגנטאַנקעווע און געוויינלעכע גראַנאַטעס. מיט אַזא גוטס, אויב מיר וועלן נאָר פאַרנעמען א געלונגענע פּאָזיציע, באַווײַזן זיך אײַנגראָבן אין דער ערד, און דערצו נאָך האָבן זיכערע שכייִנים, מע זאָל ניט דאַרפן מוירע האָבן פאַר די פלאַנגען, וועט אונדז קיין שיסערפאָלק ניט אײַנברעכן. מע קאָן זאָגן: „איר האָט דאָך נאָך קיין פולווער ניט גע־

שמעקט, איז ספּראוועט זיך פריִער מיט א באטאליאָן". אוואדע, גערעכט. נאָר אויב ס'וועט אויסקומען, זײַנען מיר גרייט באגעגענען א פּאָלק. אין מײַן אָפּטיילונג האלטן זיך אלע בא אזא מיינונג. ס'איז נאָר א פּארדראָס, וואָס מע האָט אונדז צעשיידט מיט אלע אנדערע באטאליאָנען פון דער שול. נאָר מיסטאם קאָן אנדערש ניט זײַן. וואָס ווייסן מיר? ווייניקער, ווי אפן שפּיץ מעסער, און עמעצער קלערט דאָך וועגן גאנצן פראָנט. שיין וואָלט עס אויסגעזען, ווען יעדערער זאָל זיך לויט זײַן ווילן אויסקלײַבן א שלאכט־באצירק און א שאָכן.

אזוינע מאכשאָוועס האָבן זיך געדרייט, געפּלאָנטערט באם אָנהייב פונעם מארש, אָבער נאָכן צוואנציקסטן קילאָמעטער, וואָס מיר האָבן אָפּגעמאָסטן, ניט אָפּשטעלנ־דיק זיך אף קיין רעגע, זײַנען שוין קיין געדאנקען אין קאָפּ ניט געקראָכן. דעם מויעך, די פיס, דאָס בלוט, וואָס קלאפּט אָן אופהער אין די שלייפן, אלע אָנגע־האָרעוועטע אייוורים האָט באהערשט איין באגער — אָפּרוען, צופאלן צו דער ערד. אונדזערע קאָמאנדירן גייען באגלײַך מיט אונדז, זיי האָבן אויך, פּונקט ווי מיר, נאָך הײַנט ניט געגעסן, און דאָס קער זיי מיסטאם אָנקומען שווערער, ווי אונדז, כאָטשבי דערפאר, וואָס זיי זײַנען עלטער לויט די יאָרן.

צו דער ערד זײַנען מיר איינגיכן צוגעפאלן, און אפילע ניט איין מאָל, אָבער ניט ווײַל ס'איז געקומען די קאָמאנדע „אָפּרו". גאנצפרי איז דער הימל געווען באדעקט מיט וואָלקנס. דערנאָך האָבן זיי גענומען צוביסלעך טײַען. אין באזונדערע ערטער האָבן זיך באוויזן „פענצטער". הויך איבער אונדז זײַנען אין דער ריכטונג אף מײַרעוו דורכגעפלויגן עראָפּלאנען, ענלעכע אף אונדזערע לײַכטע באָמבאר־דירער По-2, דערנאָך האָבן מיר געהערט שטארקע אופרײַסן. דאָס האָבן אונדזערע פליִער „באארבעט" די דײַטשישע פּאָזיציעס. אומגעריכט האָט פון צווישן די וואָלקנס זיך באוויזן א דײַטשישער קאָרעקטיר־עראָפּלאן מיט שטארק פארבויגענע אף צוריק פליגל. ער זעט אויס, ווי א הויקער, און אלע רופן מיר אים שוין ניט אנדערש, ווי „גאָרבאטש".

— לופּט!

מיר צעלויפן זיך און פאלן אנידער. מאסקירן זיך איז דאָ ניטאָ וווּ. ניט קיין וועלדל, ניט קיין קוסטעס. א נאקעט פלאכלאנד. דער פליִער האָט אונדז באמערקט, באלד האָבן זיך באוויזן צוויי אנדערע עראָפּלאנען. זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזט נידעריק, נידעריק. איינער פון די פליִער האָט אפילע ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאבינע, כאָטש נעם א שטיין און לעכער דורך זײַן קופּערנעם שטערן.

צום גליק האָבן זיך אומגעקערט אונדזערע באָמבארדירער, און די רויבפייגל האָבן געמאכט פּלייטע. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנפאל, וואָס איך האָב איבער־געלעבט. צענדליקער מאָל האָב איך זיך דערנאָך דערמאָנט אָן אים, און ביז הײַנט קאָן איך ניט באנעמען, פארוואָס האָבן מיר דאן און אויך אין די נאָענטסטע טעג ניט געשאָסן אין די דײַטשישע עראָפּלאנען. אזא באטאליאָן זאָל געבן איבער זיי בלויז פון די ביקסן עטלעכע זאלפּן, וואָלט מען כאָטשבי איינעם פון זיי געמאזיקט. אז דאָס איז אזוי, האָבן מיר זיך דערנאָך איבערצײַגט אף דער אייגענער דערפארונג.

יענער פּאָליטרוק, וואָס האָט אונדז אין סערפּוכאָוו געוואָרנט, ווי וויכטיק ס'איז זיך באפרײַען פון דער שרעק פארן אָנגרײַפנדיקן סוינע, וואָלט מיסטאם בא א צופאל אונדז דערקלערט די גרויסע ווערט פון מילכאָמע־דערפארונג. נאָר, אגעוו, איז דאָס ריידן וועגן דעם קימאט אומנוצלעך. אין שלאכט באנעמט מען עס גיכער און בעסער.

...ערגעץ אפן עטלעכע־און־דרײַסיקסטן קילאָמעטער האָט דער מארש זיך פארענדיקט. מיר גרייטן ווידער פּאָזיציעס. אונדז איז באפוילן אום יעדן פּרײַז ניט דערלאָזן, אַז אין ראַיאָן פון די דערפער רעדקינאָ, פּעסאָטשניא, זאזשאַראָוואָ, פּראָלאָוואָ, דעטשינאָ זאָל דער סוינע זיך דורכרײַסן אין מאלאָיאַראָסלאַוועצער ריכטונג. אין באפעל פיגורירן מיר איצט אלס „דאָרעם־גרופּע”, אָבער אין דער אינערלעכער סטרוקטור פון באטאליאָן האָט זיך גאָרניט געענדערט. די קאָמאנדשאפט איז אויך געבליבן די זעלבע, וואָס געווען. די פראָנט־ליניע, וואָס מיר האָבן פארנומען, האָט זיך צעצויגן אַף א שטרעקע פון דרײַסיק קילאָמעטער. ניין, קיין טאָעס איז דאָ ניט דערלאָזט. יעדע קורסאנטן־גרופּע האָט אײַנגעהאלטן דרײַסיק קילאָמעטער.

אין די ערשטע טעג האָט דער סוינע מער אָנגעגריפן אין ראַיאָן פון אילינסקאָיע. דאָרט איז געווען קאָנצענטרירט דער הויפּט־פּויסט פון די פּאָדאָלסקער קורסאנטן. דעם סוינע איז פארשטעלט געוואָרן דער וועג ניט אַף פינף און ניט אַף זיבן טעג, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער אויבער־הויפּטקאָמאנדיר, נאָר אַף צוועלף. די דײַטשן האָבן צוערשט ניט דערשאצט די „רויטע יונקערס”, און ס'קאָן זיך מאכן, אַז גראָד דערפאר טאקע זיי דערנאָך איבערשאצט, באשטימט, אַז עס זײַנען קעגן זיי ארויסגעשטעלט געוואָרן היפּשע פרישע קויכעס. דער סאָד האָט ניט געקאָנט לאנג דויערן. ער איז ארויסגעשווומען, ווי בוימל אפן וואסער, נאָר צוליב דעם האָט זיך געפאָדערט צײַט, און די צײַט האָבן מיר אויסגעשפּילט. קיין טײַערערע זאך איז פאר אונדז דאַן ניט געווען.

טאקע ווײַל די שוץ־ליניע איז אזא גרויסע, האלט מען אונדז אין איין איבערווארפן פון איין אָרט אפן צווייטן. מיר טרעפן אמאָל אָן אַף צוגעגרייטע פּאָזיציעס, נאָר געוויינלעך גרייטן מיר אליין פאר זיך נײַע אָקאָפּעס און דעקן זיי מיט קלעצער. איוואשין איז א גרויסער מײַסטער אַף גיך אויסזוכן א פּלאַץ, וואָס איז צוגעפּאסט אַף באגעגענען דעם סוינע און איז גוט באשיצט פון זײַן ארטילעריע.

פון גאנצפרי אָן נישטערט הײַנט א „גאָרבאטש” מיט שווארצע האקנקרייצן אַף די פליגלען. פארמאסקירט האָבן מיר זיך אזוי, אַז ער טאפּט אינדערפינצטער. אָבער בא א צוויי קילאָמעטער לינקס איז אונדזערן א ווזוואָד באפוילן דעמאסקירן די פּאָזיציע. מיסטאם האָט מען אפן פראָנט שוין הונדערטער מאָל זיך באנוצט מיט אזוינע פּרימיטיווע שפּיצלעך, און דאָך ציט אהין דעם אויסשפּירער ווי מיט א מאגנעט. ער וועט זיך דרייען אזוי לאנג, ביז עס וועלן אָנפליִען באָמבארדירער און רײַסן די אינגעווייד פון דער ערד.

די שוצגראָבנס פון דער ראָטע און פון דער האלבער באטארייע, וואָס איז איר צוגעגעבן, געפינען זיך בא א וואלדעכע־ניט־איז וואלד־ראנד. אין אוועלכע־ניט־איז פינף הונדערט מעטער פאר אונדז, אין א שמאָלן טאָל, פליסט א טײַכל. פון רעכטס ציט זיך א גוט אײַנגעפאָרענער וועג. באלד נאָך דער בריק איבערן טײַכל ליגט פאנאנדערגעווארפן א היפּש דאָרף. דאָרט פּאטרולירן אונדזערע קורסאנטן. פאררייגנס האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט די פּויערים, אַז מע וועט אונדז הײַנט אָנהאָדעווען. אייניקע האָט שוין אָפּגעגליקט: געווען, אָפּגעגעסן צו זאט און זיך אומגעקערט. די איבעריקע וועלן שוין ביז שפּעט אין אָוונט קיין הייס געקעכץ ניט באקומען. דער הארבסטיקער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, טאָר ניט שפּארן קיין רויך פון צופיל קוימענס, אניט וועט זיך באקומען, אַז מיר צאָלן מיט בייז פאר גוטסקײַט. אונדזערע קאָמאנדירן האָבן נאָך אויך ניט געגעסן, כאָטש קיינעם וואָלט אפן געדאנק ניט געקומען, אַז ווען זיי זאָלן געווען זיך אראָפּכאפּן אינדערפרי אין דאָרף און אָפּעסן, באגייען

זיי דערמיט אַן אוּלע קעגן אוּנדז. פאַרקערט, מיר האָבן עס געוואָלט. סטעפּאַנאָוו האָט עס זיי אין אוּנדזער אָנוועזנהײט אַרויסגעזאָגט.

פּלוּצעם דערטראָגט זיך פון דאָרף אַן איינציקער שאָס. קיין טעלעפאָן־פאַר־בינדונג מיט דער אָפּטײלונג, וואָס פּאַטרולירט דאָרט, איז ניטאָ, און דאָס איז א סיגנאַל: איין שאָס — „אַכטונג!", דרײַ נאָכאַנאַנד — „אַליאַרם!". דער עלטערער לײַ־טענאַנט קוקט אין פעלד־בינאָקל, עפּשער וועט קלאָר ווערן, וואָס דאָרט קומט פאָר, ביז עמעצער פון דער פּאַטרול־אָפּטײלונג וועט קומען אַהער. נאָר מע זעט שוין אָן א פאַרגרעסער־גלאָז, ווי א מאַן דרײַסיק, ציוויל געקליידעטע, לויפן מיטן דאָר־פישן וועג צו דער בריק.

ס'ווילט זיך אַרויסשפּרינגען פון די אָקאָפּעס און זיי אָפּשטעלן, אַזוי אַנטלויפן פונעם סוינע פּאַכדאָנים. דערלויבט ניט דער ראָטע־קאָמאַנדיר. ער און די וזוואָד־קאָמאַנדירן וועלן זיך אַליין ספּראַווען. אויב ס'וועט ניט העלפן די קאָמאַנדע „שטיי!", וועלן זיי אַרויסנעמען די נאַגאַנען. צו דעם קומט ניט. מיר הערן איוואַ־שינס אויפגעבראַכט קאָל:

— שרײַט ניט אַלע מיטאַמאָל! שווײַגן! באַ אײַך פרעג איך ניט! כאַוועך לייטע־נאַנט, וואָס איז עס פאַר א ווילדע סטאַדע און איר אײנמיטן?!

— רעקרוטן, נעכטן אָנגעקומען. ניט באַוויזן זיי אַפילע איבערטאָן. טאַנקען! דײַטשישע טאַנקען!

— פּאַניקיאָר! ווער האָט אײַך דערלויבט אָפּטרעטן? וועגן דעם, וואָס איז געשען, וועט איר מיר דערנאָך ראַפּאָרטירן. איר זײַט דאָ דער עלטסטער?

— איך, דאַכט זיך?

— „דאַכט זיך"!.. באַפעלט שוין דעם סטאַרשינאַ אַלעמען אויסשטעלן! באַלד וועט איר זיי פירן צוריק. ווער עס וועט זיך פּרוּוון אַנטלויפן — דערשיסן אָפן אָרט. דורך מײַן זאָנע וועט איר ניט דורכגיין, מיר וועלן אײַך, ווי דעזערטירן, פאַרניכטן. קלאָר? אויספילן דעם באַפעל!

אָף א „זיס־105" פאָרט אוּנדזער אָפּטײלונג צוזאַמען מיט די אַרטילעריסטן, וועלכע באַדינען דעם האַרמאַט, וואָס די מאַשין פירט, אין פאַבריק־יישעוו, פונוואַ־נען עס זײַנען געלאָפן די רעקרוטן. אין דער קאַבינע באַנאַנד מיטן שאָפער זיצט איוואַשין. פון דעם דאָרף, אַנטקעגן וועלכן מיר שטייען, ביז צום יישעוו איז היפּשע עטלעכע קילאָמעטער. אַן ערעך אָף האַלב וועג שטעלט איוואַשין אָפּ די מאַשין. דאָ ערגעץ נאָענט געפינט זיך אוּנדזערער א „סעקרעט" — א פאַרמאַסקירטער פּאָסטן. אָפּשטעלן די פּאַניקיאָרן האָט ער ניט געטאָרט, דערמיט וואָלט ער זיך אויסגעגעבן. דער עלטסטער פונעם סעקרעט, א סערזשאַנט, ראַפּאָרטירט דעם ראָטע־קאָמאַנדיר, אַז קיין פינקטלעכע ידיעס, וואָס אין יישעוו איז פאָרגעקומען, האָט ער ניט. ווערדליק ער פאַרשטייט, איז דאָרט געווען דעם סוינעס אַן אויסשפּיר־אָטריאַד, וואָס איז גיך אָפּגעטריבן געוואָרן.

— מע האָט געהערט פון דאָרטן א שיסערײַ. אין יישעוו געפינען זיך גרויסע שפּײַז־שפּײַכלערס, און די וואַך האָט ניט געקענט אָפּטרעטן. געלאָפן זײַנען מיסטאָם רעקרוטן פונעם בוי־באַטאַליאָן, וואָס אַרבעטן דאָרטן, — זאָגט דער סערזשאַנט.

„ניט געקענט". האַלעווײַ וואָלט עס אַזוי געווען...

באַם אַרײַנפאָר אין יישעוו טשעפּען אָפּ די אַרטילעריסטן דעם האַרמאַט, שטעלן אים אײַן און פאַרדעקן מיט צווײַגן. מיר לויפן דורך א גאָרטן צו דער עקסטער שטוב. יעליסייעוו פרעגט באַ דער באַלעבאָסטע:

— דײַטשן זײַנען דאָ געווען?

— איך האָב זיי ניט געזען, נאָר מע זאָגט, אז מיט א פּאָר שאָ פריִער זײַנען זיי דאָ געווען מיט טאַנקען.

— ווער זשע האָט זיי דורכגעטריבן?

— אַנטאָניטש.

— ווער?

— מע זאָגט, אז דער וועכטער פון דער פּאַפּיר־פאַבריק אַנטאָן אַנטאָניטש האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן פון זײַן ביקס, זײַנען זיי אַנטלאָפן. איך אַליין האָב מיט אים ניט גערעדט, נאָר אַזוי דערציילט מען.

די באַלעבאָסטע איז אַלט, גראָוו און געהויקערט. וואָס קאָן מען האָבן צו איר? מע זאָגט, גלייבט זי. מיר לויפן צו די שפּײַז־שפּײַכלערס. אין וועג דערהערן מיר אַן איינציקן שאָס. ס׳איז פון א נאַגאַן. דאָס האָט א מיליציאָנער געשאָסן אינדער־לופטן, צעטריבן די יעניקע, וועלכע האָבן זיך דערפּרייט, ווען די שפּײַכלערס, ווו עס איז פול מיט פּראָדוקטן, אַז א זאַטער מעג זיי עסן, זײַנען געבליבן ניט באַוואַכט. אַמאָל וואָלטן מיר געזאָגט: קוים איז שוין דאָ מיליציע, וועט זײַן אַן אָרדענונג. איצט העלפן מיר די מיליציאָנערן וואָס גיכער זי אײַנשטעלן. באַ זיי טאַקע דערוויסן מיר זיך, אַז געווען איז אין יִישעוו איין דײַטשישע לײַכטע טאַנקעטקע. פונדער־ווײַטן האָט מען געזען באַ א ווזוואָד זעלנער. לויט די שפּורן איז קאָנטיק, אַז די טאַנקעטקע איז צוגעגאַנגען ביז צו די שפּײַכלערס און פאַרקערעוועט אָף צוריק. ווער האָט זי געצווונגען זיך אָפּטראָגן? ווידער דאָס זעלבע — אַנטאָניטש. ווונדער איבער ווונדער.

— מיר וועלן אומבאַדינגט א קוק טאָן אָף דעם לעגענדאַרן אַנטאָניטשן, — זאָגט דער ראָטע־קאָמאַנדיר, וואָס איז צוגעקומען אהער קימאַט גלײַך מיט אונדז.

ס׳איז שטאַרק פאַרדראָסיק, וואָס ער דערלויבט אונדז ניט אָנלאָדן די מאַשין מיט פּראָדוקטן. ס׳איז ווי שטיין באַ א ברונעם און שטאַרבן א טרונק טאָן. דעם עמעס געזאָגט, זײַנען מיר גרייט געווען א באַלעבאַטעווע טאָן דאָ, ווען ער קומט ניט אָן. עטלעכע זעק מיט סוכאַרעס האָט אונדז דאָך די מיליציע מיטגעגעבן.

צוריק צו דער מאַשין זײַנען מיר געגאַנגען פאַרבײַ דער פאַבריק. באַם הילצערנעם טויער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, איין מאָל א קלאַפּ געטאָן, א צווייט מאָל, ביז מיר האָבן דערהערט א יאַדישלעוון הוסט.

— וועמען דאַרפט איר?

— אַנטאָניטשן, — רופט זיך אָפּ דער עלטערער לייטענאַנט.

— נו, איך בין אַנטאָניטש.

— מיר ווילן אָף אײַך א קוק טאָן.

— וואָס בין איך אײַך? א קאַלע צי א פערד, וואָס איר קלײַבט זיך קויפן?

דורך דער שפּאַרונע צווישן די טויער־העלפטן זעען מיר א מענטשן פון א יאָר זעכציק, ער איז אויסגעטריקנט ווי א פאַרלעגערטער סוכאַר, שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער ביקס, ווי אין א שטעקן.

— עפנט, מיר ווילן זיך מיט אײַך דורכריידן, איר האָט דאָך ניט צו טאָן מיט קיין דײַטשן.

— אַניט ווייס איך ניט, מיט וועמען כ׳האָב צו טאָן. כ׳קוק אײַך נאָך, זינט איר זײַט צוגעגאַנגען צו די סקלאַדן. איך האָב ניט וואָס צו עפענען. אָף דעם דאַרף איך א דערלויבעניש פון דעם מענטשן, וואָס האָט מיך דאָ אוועקגעשטעלט.

— וויאזוי האָט איר אָנגעשראָקן די דײַטשן?

— וויאזוי... איר דארפט בעסער פון מיר וויסן, וויאזוי מע קאָן זיי אָנשרעקן. ווי נאָר כ׳האָב זיי דערזען, האָב איך אָנגעהויבן שיסן. טרעפן, וווהין מע דאַרף, קאָן איך.

— וויפל מאָל האָט איר אויסגעשאָסן אין דער טאנקעטקע?

— דער רועך ווייסט עס, כ׳האָב ניט געציילט, קוילן פארמאַג איך גענוג.

— איר זײַט א מאָלאָדיעץ, אנטאָן אנטאָניטש. מיט אזעלכע, ווי איר, וועט דער דײַטש קיינמאָל זיך ניט ספראווען.

— אוואדע.

מיר פאָרן אף צוריק. אין דאָרף איז טאקע גרייט פאר אונדז אן אָנבײַסן, אָבער פארהאלטן זיך דאָ קאָנען מיר שוין ניט. פאר דער צײַט, וואָס מיר זײַנען געווען אין י׳ישעוו, איז אהער געקומען א פארבינדלער פון באטאליאָן און ווארט אף איוואשינען מיט א באפעל, די ראָטע זאָל ווידער בײַטן די פּאָזיציע. דאָס מאנעווריר־ן מיר אזוי מיסטאָם, קעדיי די דײַטשן זאָלן מיינען, אז אף דעם באציר־ק זײַנען דאָ א סאך מיליטערישע טיילן. גראָד די איצטיקע שוץ־ליניע האָט זיך אונדז זייער ניט געוואָלט פארלאָזן. די פאשיסטן האָבן דאָ ניט ווו צו פארקערעווען, ניט אף רעכטס, ניט אף לינקס. ווו וועלן מיר נאָך האָבן פאר זיך א צווייטע בריק אזא? וואָלטן זיי זיך נאָר באוויזן אף איר! מיר האָבן פאר זיי צוגעגרייט אזא באגע־געניש, אז די ברעטער אונטער זייערע פיס זאָלן גליִען די פיאטעס. דאָ קאָן מען ווי עס דארף צו זײַן איבערמאָלן די טעכניק און די לעבעדיקע קראפט פונעם סוינע. דערווײַל פארלאָזן מיר ניט די אָקאָפּעס דערפאר, וואָס דער „גאָרבאטש” שנאָרעט שוין דאָ ווידער. עס גלייבט זיך אים ניט, אז אין אזא אָרט, ווו מע וואָלט געקאָנט גוט אָנברעכן די ביינער ניט איין רעגולערע טייל פון דער ווערמאכט, זאָל ניט זײַן קיין סאָוועטיש מיליטער. אָבער געפינען אונדז קאָן ער אלץ ניט. אזאס!

ס׳האָבן זיך אומגעקערט די קורסאנטן פון דער אָפּטיילונג, וואָס האָט פאטרולירט אין דאָרף. זיי דערציילן, אז די קאָלווירטניקעס ווארטן נאָך, מיר זאָלן קומען צו זיי אף וועטשערע; אויב מיר דארפן גראָבן קעגנטאנקען־ריוון, וועט דאָס גאנצע דאָרף ארויס אף דער ארבעט. מע שארפט שוין אפילע די זאסטופעס.

פון יענער זײַט טײַך, בא דער בריק, שטייט א פרוי אין א געשטעפּט וואטאָווע לײַבל און וואשט גרעט. נאָר פארוואָס האָט זי מיטאמאָל געגעבן א לאָז אראָפּ דאָס קליידל, וואָס איז געווען פארקוועטשט צווישן די קני, און זיך געלאָזט לויפן אין א זײַט? עס פאָרט א פאסאזשיר־אווטאָמאָביל. די מאשין איז שטיין געבליבן. מאָ־ליכין קוקט אין בינאָקל.

— דײַטשן, — גיט ער צו וויסן. — איינער איז ארויסגעקראָכן פון דער מאשין און גייט צו דער אנטקעגנדיקער שטוב. אויב מע וועט אים דאָרט זאָגן, אז מיר זײַנען ערשט געווען אין דאָרף, וועלן זיי גלײַך פארקערעווען אף צוריק.

ניין. פאמעלעך, נאָר זיי פאָרן ווײַטער.

איבער דער קורסאנטן־קייט ווערט איבערגעגעבן איוואשינס וואָרענונג:

— אָן מײַן באפעל ניט שיסן!

די ביקסן זײַנען אָנגעצילט אף דער מאשין. דער וועג פירט אזוי גלײַך צו אונדז,

אז מע דארף קימאט ניט רירן די רער. נו, נעענטער, גרינע פרעש, קריכט גיכער אין זאק. אויסדרייען וועט איר זיך שוין ניט. איר זײַט בא אונדז אין די הענט, און באלד וועלן מיר אײַך אָפּשפּילן א ווײַוואט. נאָר ס׳ווילט זיך נעמען כאָטש איינעם א לעבעדיקן. ער, דער ראסיקער אריער, וואָס האלט מיך און מײַן פרײַנט פאר קיין מענטשן ניט, ער, דער „איבערמענטש", וואָס לויט זײַן נײַעם עטישן פּרינציפּ מעג ער פארשקלאפן און אויסראָטן גאנצע פעלקער, זאָל ער, „דער אויס־דערוויילטער, וואָס איז געבוירן צו הערשעווען", שטיין מיט פארפרעסטע ציין און די קני זאָלן בא אים ציטערן.

בא דער בריק האָט זיך די מאשין ווידער אָפּגעשטעלט. ווי לאנג שטייט זי שוין? מיר האָבן אופגעהערט פילן די צײַט. וויפל קאָן מען זיך האלטן ווי אין א פויסט? מע קאָן דאָך פּלאצן. דער דײַטש, וואָס זיצט באנאנד מיטן שאָפער, האָט צעפּראלט דאָס טירל, נאָר ער גייט ניט ארויס. אין דעם מאָמענט האָבן בא איינעם פון אונדז די נערוון ניט אויסגעהאלטן, עמעצער האָט אויסגעשאָסן. דער אווטאָ־מאָביל האָט פארקערעוועט אף רעכטס. קיין וועג איז דאָרט ניטאָ, — קוסטעס.

זיך דערוואָרט אפן באפעל! א זאלפּ. דער צווייטער איז שוין געווען איבעריק. די מינעטווארפער האָבן שוין זיכער ניט געהאט וואָס צו טאָן. אויב הינטער אָט דער מאשין גייען אף אונדז טאנקען, הארמאטן, — זאָלן זיי! מיר זײַנען ניט קיין פוקסן אין די נאָרעס. מיר האָבן געלאָזט וויסן: „מיר זײַנען דאָ, גייט, פּרוּווט אונדז נעמען". און עפּשער, ווײַל זיי האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעבריט, וועלן זיי זיך אזוי גיך ניט באווײַזן.

רויטע יונקערס

א מיליטערישע טייל אין מארש — צי זי איז גרויס, צי קליין, נאָר זי ווערט באוואכט פון אלע זײַטן. אף א געוויסן אינטערוואל גייט פאר איר א באוואכונגס־גרופּע, נאָך איינע פון הינטן, און צוויי — פון ביידע זײַטן. אונדזער אָפּטיילונג איז אין דער זײַט־באוואכונג. שטארק דערווײַטערן זיך טאָר מען ניט, ווײַל מיר קאָנען פארבלאָנדזשען, מע זאָל דערנאָך אונדז דארפן זוכן. ס׳איז פינצטער. א קרעפּטיקער ווינט פּאטשט אין פּאָנעם, אים העלפט צו א געדיכטער רעגן מיט א שניי אינייינעם. אָט ווען דו ביסט מעקאנע די, וואָס גייען מיט אן אײַנגעטראָטענעם וועג. בא זיי זינקען ניט אזוי די שטיוול אין דער בלאָטע און א סאך מער פּלייצעס פארשטעלן זיך, געוויינלעך, פונעם ווינט און רעגן. צוביסלעך ווערט דאָס אויג צוגעוווינט צו דער כאשכעס. נאָר ווידער רײַסן זיך פײַערן אין הימל. עס הילכן אופרײַסן. עס ווערט ווידער שטיל.

צו יעליסייעווס האלב־אווטאָמאט איז צוגעפּעסטיקט א ווײַס שטיקל צײַג. ס׳האָט זיך אראָפּגעלאָזט. דאָס באטײַט, אז ער האָט איבערגענומען דאָס געווער פונעם אקסל אין דער האנט. אלע טוען דאָס זעלבע. מיר שטייען און הערן זיך אײַן. די פּילאָטקע איז בא מיר שטארק אראָפּגערוקט. א נאסע, וויל זי זיך ניט פארבייגן אף צוריק. רײַס איך זי גאָר אראָפּ פון קאָפּ. כ׳הער שוין אויך, אז מע גייט אין דער ריכטונג צום וועג.

מיר האָבן זיי פריִער דערהערט, ווײַל אונטער אונדזערע פיס קאוועטשעט ניט די בלאָטע אזוי, ווי אונטער זייערע. מיסטאם זײַנען זיי שווערער אָנגעלאָדן. ס׳גלייבט זיך ניט, אז דאָס זאָלן זײַן דײַטשן. אין אזא נאכט, אף דער פּאָדער־פּאָ־

זיציע, קאָן זיך אָנהייבן א שלאַכט אויך צווישן אייגענע. מיר ליגן שוין אין א האַלבקריַיז אַף דער אופגעאַקערטער צעווייקטער ערד. באַלד וועל איך אָנצינדן דאָס ביקס־צינגל. יעליסייעוו קאָמאַנדעוועט:

— שטיי! ווער גייט?

מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר מע שוויַיגט.

— ווער גייט?

— אייגענע!

— איינער צו מיר, די איבעריקע ניט פון אָרט.

שליאָפּ, שליאָפּ. דער, וואָס גייט צו אונדז, שפּאַנט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט יעדן טראָט אַריַינגעקלאַפּט א פּלאָקן אין דער ערד.

— לאָז אַראָפּ די ביקס! ווער ביסטו?

— א רויטאַרמייער.

— וויפל זיַיט איר?

— צוויי.

אין דער רעגע דערטראָגט זיך אַזאַ הילכיק שליאָפּען, אַלצייַנס, ס׳וואָלטן געגאַנגען עטלעכע מענטשן.

— שטיין אַפּן אָרט, אַניט וועלן מיר שיסן! — באַפוילט יעליסייעוו. — רוזין, דורכקאָנטראָלירן!

רוזין קערט זיך אום און פּירט באַם צײַמל א פערד, אַף וועלכן ס׳זיצט א רײַטער. דער רויטאַרמייער, כאָטש קיינער פרעגט שוין בא אים ניט, דערקלערט:

— דאָס איז מײַן קאָמאַנדיר, א ייִנגערער לייטענאַנט. ער איז שווער פאַרוווּנדעט. אַזוי פיר איך אים פון הינטער וויאַזמע. קיין לאַזאַרעט איז דאָ ערגעץ ניטאָ?

— כאַווער ייִנגערער לייטענאַנט, אײַערע דאָקומענטן!

— כ׳האָב ניט.

— פונעם פערד קאָנט איר אַראָפּקריכן?

— שווער. דער לינקער פוס איז בא מיר פאַרוווּנדעט.

— איז בייגט זיך אָן צו מיר. נאָך נידעריקער. לײַגסט! דו ביסט ניט קיין קאָמאַנדיר. ווו זײַנען דײַנע קוביקעס? איך בין א סערזשאַנט, קאָנסטו אַף מײַנע פּעטליצעס אָנטאַפּן די דרײַעקן.

— סערזשאַנט, איך פאַרבאָט אײַך אַזוי ריידן מיט מיר, און די האַנט נעמט צו. איר האָט זיך שוין איבערצײַגט, אַז מײַן פוס איז איבערגעבונדן. פאַרגעסט ניט, אַז כ׳האָב אַן אויטאָמאַט. פּירט מיך צו אײַער קאָמאַנדיר.

— אין ערגעץ וועל איך דיך ניט פּירן. א זייגער האָסטו? איז אָט, צוואַנציק מינוט זאָלט איר זיך ביידע ניט רירן פון אָרט.

מיר גייען ווײַטער. וואָס איז עס מיט רוזינען? ער האַלט אין איין בורטשען. יעליסייעוו הייסט אים גיין שטילערהייט, און ער, ווי אַפּצולאָכעס, קאָן זיך ניט באַרויִקן:

— סערזשאַנט, עפּעס זײַט איר בא אונדז הײַנט צו א גוטינקער. פאַרוואָס האָט איר ניט צוגענומען דעם אויטאָמאַט? צום זאָטל איז צוגעבונדן א זעקל מיט נאָך עטלעכע דיסקן.

— דו מיינסט, אַז דאָס זײַנען איבערגעטאָנענע פאַשיסטן?

— דאָס געוויס ניט. דעם לייטענאַנט קען איך. מיט זײַן ברודער האָבן מיר אַמאָל זיך געלערנט אַף איין קורס אין אינסטיטוט. דער רויטאַרמייער וועט אים דאָך ניט

איבערלאָזן, און ער האָט א נאָגאַן. מיר פארמאָגן אפן גאנצן באטאליאָן איין פאַ־טערלענדישן אוטאָמאט. דעם קאָמאנדיר פון ראָטע וועט זײַן אוטאָמאט גיכער צוניץ קומען. איר דערלויבט?

— מיט וועמען ווילסטו גיין?

— איינער אליין.

— צו קיין שיסערײַ ווילט זיך ניט דערלאָזן.

— טאקע דערפאר וועל איך גיין איינער אליין.

אײַנצווייען מיט יאקימאָוויטשן בלײַבן מיר וואַרטן, ביז רוזין וועט זיך אומקערן: עפשער וועט אויסקומען אים ארויסווײַזן הילף. שוין צו לאנג דויערט עס. זיך דערוואַרט, נאָר וויקטאָר גייט ניט אליין.

— כעוורע, — פרעגט ער בא אונדז, — עמעצער פון אײַך האָט נאָך סוכארעס? זיי האָבן שוין דרײַ טעג ניט געגעסן, ווײַל זיי האלטן זיך ווײַט פון דערפער.

פינף סוכארעס האָב איך נאָך געהאט. פונעם רעגן זײַנען זיי צעווייקט געוואָרן, נעם איך זיי, ווי קאשע, צונויף אין דער זשמעניע. כ'האָב צום אלעם ערשטן אליין אָנגעשטופּט א פול מויל און דאָס איבעריקע אָפּגעגעבן דעם רויטארמייער. זאָלן זיי זיך אליין טיילן. כ'וואָלט געדארפט ניט אײַנשלינגען, נאָר אויסשפּײַען. די סו־כארעס זײַנען געווען איבערגעמישט מיט מאכאָרקע. אויסשפּײַען? ווער קאָן וויסן, ווען כ'וועל ווידער דערטראָגן א שטיקל ברויט צום מויל? גיכער איז מיר א שאָד די ברעקלעך מאכאָרקע. אליין קאָן איך זיך בא א נויט באגיין אָן איר, נאָר סער־גייעוו וואָלט זי בא מיר פון דער האנט ארויסגעריסן. זײַן קיסעט איז שוין פון לאנג פוסט. קיינער פון אונדז רייכערט ניט אזוי געשמאק, ווי קאַליע. מיט גרויס פארגעניגן פארציט ער אין זיך דעם רויך און לאָזט אים דערנאָך לאנגזאם ארויס פון מויל, פון די נאָזלעכער, דאכט זיך, שיר ניט פון די אויערן.

מיר דארפן אָניאָגן די אָפּטיילונג. רוזין טראָגט אף איין אקסל א ביקס, אף דער צווייטער אן אוטאָמאט. איך פרעג בא אים:

— ס'איז דיר שווער אָנגעקומען?

— יאָ. אים דארף מען דאָך אויך פארשטיין. מע האָט שוין ניט איין מאָל גע־פּרוווט בא אים אָפּנעמען דעם אוטאָמאט, און דאָך האָט ער אים ניט אָפּגעגעבן. ער טראָגט אים פון דער סאַמע גרענעץ. די ווונד איז אזא, אז סײַוויסײַ וועט דער אוטאָמאט אים אזוי גיך ניט צוניץ קומען. זאָל ער זיך נאָר דערקלײַבן צו א לאזארעט.

— ער האָט ניט געדארפט אראָפּנעמען די צייכנס פון א קאָמאנדיר, מע קאָן אים מישפּטן.

— פארשטייט זיך. געווען א בראַווער באָכער, ער האָט אָבער מוירע געהאט, אז אויב ער וועט ארײַנפאלן צו די דײַטשן אין די הענט, וועלן זיי זיך נאָך מער איזדיעקעווען איבער אים, ווײַל ער איז א קאָמאנדיר. דו געדענקסט דעם פּאָליטרוק, וואָס האָט גערעדט מיט אונדז אין סערפּוכאָוו? ערשט איצט פארשטיי איך, ווי ער איז געווען גערעכט.

ס'איז אי בעסער, אי ערגער, וואָס דער הארבסט בושעוועט אזוי.

בעסער, ווײַל דער סוינע דארף פאר זײַן טעכניק האָבן בלויז גוטע וועגן. אָט דארף ער דעם ווארשעווער שאָסיי. אָבער וויפל די דײַטשן פּרווון ניט פארניכטן

אָדער כאָטש אָפּוואַרפֿן די קורסאַנטן, וואָס האַלטן אײַן דעם שאָסיי אַף דער פֿראָנט־ליניע פֿון אילינסקאָיע, גייט זיך עס זיי דערווײַל ניט אײַן. בײַ אַ טײַכל, וואָס אויב גוט צעיאָגן זיך, קאָן מען עס איבערשפּרינגען, האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט דרײַ באַטאַליאָנען קורסאַנטן, און שוין דער זיבעטער טאָג, ווי זיי שלאָגן אָפּ אַלע אַטאַקעס, לאָזן זיך ניט נעמען אין קעסל־קלעם. דאָס מאַסירטע פֿילשיכטיקע פֿײַער פֿון אַלע מינים געווער האָט שוין איבערגעאַקערט ניט נאָר דעם פֿראָנט, נאָר אַלץ ווײַט אַרום אים, און דער ווידערשטאַנד ווערט ניט שוואַכער. די „רויטע יונקערס" שיסן. זיי האָבן שוין פֿאַרניכטעט בײַ פֿינף טויזנט דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן.

ערגער, ווײַל גראָד דערפֿאַר, וואָס דער גלײַכער וועג דורך מאַלאָיאַראָסלאַוועץ קיין מאָסקווע איז פֿאַרכאַסמעט, קריכן די פֿאַשיסטן נאָך כוצפּעדיקער אַף די פֿלאַנגען. דער קאַלוגער שאָסיי איז פֿאַר זיי אויך ביז גאָר אָפּעראַטיוו וויכטיק. ער פֿירט ניט בלויז קיין קאַלוגע, נאָר קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ אויך, און ווידער טרעפֿן זיי דאָ אָן אַף „רויטע יונקערס".

אין פֿאַרגלײַך מיט דער אילינסקער גרופּע זײַנען מיר אַ סאַך קלענער אין צאָל און פֿאַרמאָגן אַפֿילע ניט קיין פֿערטל פֿון דער אַרטילעריע, וואָס איז דאָרט פֿאַראַן. דער ערשטער באַטאַליאָן פֿון 616־טן שיסער־פּאָלק און די זעקסטע ראָטע פֿון 175־טן, וועלכע זײַנען צוגעגעבן דער דאָרעם־גרופּע, זײַנען ביז גאָר אָפּגעשוואַכט. עס איז נאָר געזאָגט „דער ערשטער באַטאַליאָן". ער גייט פֿון דער סאַמע גרענעץ און באַשטייט פֿון קנאַפּע אַכציק מענטשן.

אָן דער הילף פֿון די אינטענדאַנטן, וואָס מײַדן אויס צו ווײַזן זיך פֿאַר די אויגן, האָב איך פֿאַרביטן די צעריסענע שטיוול אַף גאַנצע. כ'האָב געמיינט, אַז אָ־די פּאָר וועט מיר לאַנג דינען, נאָר איינער, ווידער דער רעכטער, קוקט שוין אויך אַקשאָנעסדיק מיט אַן אָפֿן אויג אין אַ זײַט. קיין דײַטשישע שטיוול וועל איך בעשום־אופֿן ניט אָנטאָן. ס'איבלט. אַראָפּנעמען פֿון אַ געהאַרגעטן כאַוער, כאָטש מיר האָבן זיך שוין געווינט אַנגעזען מיט טויטע, קאָן איך ניט.

עס פֿרעסטלט שוין ניט אַף קיין קאַטאָוועס, און ס'איז שווער זיך באַגיין אָן וואַרעמע אָנעטשעס. ווער ס'איז פֿלינק, האָט אַ קאָפּ אַף די פּלייצעס, גייט זיך אָן אייצע. ווײַל מיר זײַנען פֿון סערפּוכאָוו אַוועק אין זומערדיקן אָנטאָן, האָט מען דערלויבט נעמען מיט זיך די קאָלדרעס. די מערהײַט קורסאַנטן האָט זיי אין די ערשטע טעג פֿאַרלוירן אָדער אַפֿילע בעקיוון אַוועקגעוואָרפֿן. ס'האָבן זיך אַפֿילע געפֿונען אַזוינע, וואָס האָבן געפּרוווט מאַכן דעם זעלבן קונץ מיט די גאַז־מאַסקעס, אָנגעשטופּט די פּוסטע רענצלעך מיט פּאַפּיר אָדער גאָר אונטערגעשפּאַרט פֿון אינווייניק די ווענטלעך פֿונעם רענצל מיט אַ פּאָר צווײַגלעך. נאָר פֿון דעם האָט מען אונדז זייער גיך אָפּגעוווינט. איז אָט, ווער ס'פֿאַרמאָגט גרויסע שטיוול און וויל שטאַרק, דער קאָן נאָך בײַ עמעצן אויסבעטן אַ שטיקל קאָלדרע אַף אָנעטשעס. פֿון אַזאַ „אָפּעראַציע" שפּילן אויס בײדע צדאָדים: איינעם וועט זײַן וואַרעם אין די פֿיס און דעם צווייטן אַ ביסל גרינגער אין וועג.

די דײַטשן האָבן אײַנגענומען דאָס דאָרף אוסטיע אין דער זאָנע פֿון אונדזער שכיינעסדיקער, פֿופֿצעטער ראָטע. אין די דאָרפֿישע הויפֿן שטייען אויטאָמאַשינעס. די פֿאַשיסטן זײַנען אַף אַזויפֿיל זיכער, אַז קיין שום געפֿאַר דראָעט זיי ניט, — קוים

איינגענומען, איז עס שוין אף שטענדיק, ביז די וועלט וועט זיך ניט איבערקערן, — אז זיי גייען ארום פראנק־און־פרײַ פון שטוב צו שטוב. איין הויז האָבן זיי שוין געלאָזט מיטן רויך. זיי זײַנען דאָ די ערשטע פאָרשטייער פון דער רויב־ארמיי, נישטערט מען אין די יערושע־קאסטנס, מע יאָגט זיך אין גאס נאָך א יונגער פויערטע, מע כאפט א הינדל אין הויף. „זיגער״ — האָבן זיי אף אלץ רעכט. זיי ווייסן נאָך ניט, אז ניט ווען־עס־איז, נאָר אָט־אָט וועט קומען די שאָ פון גערעכטן אָפּצאָל און פון פארדינטער שטראָף. מיר זײַנען פאר זיי א קליין ביינדל, נאָר זיי וועלן זיך דערווארגן מיט דעם.

הײַנט האָט מען אונדז ווידער באשאָטן מיט פלוגבלעטלעך. פון עטלעכע אעראָ־פלאנען פארוואָרפן מיט באָמבעס, און פון איינעם מיט שטיקלעך דין פאפיר. די פאשיסטן פארמאָגן א קרענקלעכע טעווע צו שרײַבערײַ. ווידער די זעלבע כניפע־ווערטער: „געוואגטע רויטע יונקערס! מיר אכטן אײַער העראָיזם!״ דערבײַ רוימען זיי אײַן א סאָד, אז אונדזער ווידערשטאנד האָט ניט קיין שום זין. וועמען קלײַבט איר זיך נארן? אויב דאָס איז אזוי, איז פארוואָס זשע זײַט איר ניט דערפאָרן, ניט דערגאָנגען, פארוואָס טאָפּטשעט איר זיך אזוי לאנג אף איין אָרט?

ווי גלײַך זייער גאָלדענער טרוים וואָלט געהאלטן באם פארווירקלעכט ווערן, בארימען זיי זיך, אז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיי זײַן אין מאָסקווע און אָפּהאלטן דאָרט א זיג־פאראד. באלד, שאקאלן, באלד וועלן מיר אײַך דעם פאראד אנטקעגן טראָגן.

אוואדע וואָלט בעסער געווען אָנגרײַפן אומגעריכט, שפעט באנאכט, ווען די דײַטשן וועלן אײַנשלאָפן און מ׳וועט קאָנען שטילערהייט באזײַטיקן די וואך, נאָר ווער ווייסט, וויפל נאָך פאשיסטן וועלן ביז דעמלט צוקומען? מיט די, וואָס זײַנען אצינד אין דאָרף, ווייסן מיר, וועלן מיר זיך ספראווען. אויב זיי דארפן אזוי נייטיק האָבן אונדזער ערד, איז זאָלן זיי באקומען זייער כיילעק און בלײַבן ליגן אין איר.

אונדזערע ארטילעריסטן גרייטן די הארמאטן צו דער שלאכט. גאָלדענע כעווערע זײַנען די קורסאנטן פון דער פאָדאָלסקער ארטילעריע־שול. מיר האָבן זיך באפרײַנ־דעט מיט זיי, פונקט ווי מיר וואָלטן א גאנץ לעבן אָפּגעווען אינעינעם. זאָלן זיי נאָר די הענט דינען און ס׳זאָל זײַן פון וואָס און מיט וואָס צו שיסן.

די הארמאטן זייערע וואָלטן געמעגט זײַן א ביסל יינגער. און דאָך שיסן זיי בא די קורסאנטן.

די פופצעטע ראָטע איז אוועק אין אָנגריף. מיר קוקן ארויס מיט אומגעדולד, מע זאָל אונדז אופהייבן אין אטאקע... די פאשיסטן זײַנען גוט געשולט, גוט באַ־וואָפנט, דאָס איז עמעס, נאָר די רויטע יונקערס שטורמעווען מיט אזא אימפעט, אז ס׳איז זיי ניט אָפּצושטעלן. די דײַטשן האָבן א ציטער געטאָן.

ווײַל מיר נעמען נאָך ניט קיין דירעקטן אָנטייל אין שלאכט, נוצט אויס איוואַ־שין די געלעגנהײַט און דערקלערט אונדז:

— א שלאכט איז א ביז גאָר קאָמפליצירטער מעכאניזם, ווו דער קאָמאנדיר איז פאראנטוואָרטלעך פאר אלץ. פון אומגעריכטקײַט האָבן די דײַטשישע אָפיצערן זיך פארלוירן, פון די סאָלדאטן איז שוין אָפּגערעדט. מיט פארלוסטן, נאָר זיי וואָלטן נאָך אפילע איצט געקענט אָפּטרעטן, אָבער בא אזא פאניק פארמאָגט יעדערער פון זיי ווייניקער שאנסן צו לעבן בלײַבן, ווי אף א שיף, וואָס טרינקט זיך. איר זעט, ווי זיי לויפן!

דער ערשטער גוטער סימען — זיי סיגנאליזירן פון די ראקעטניצעס, בעטן הילף.

מיר האָבן ניט באַ וועמען צו בעטן הילף, — דאַרף מען זיך וואָס גיכער ספּראַווען מיטן שווערן שטיקל אַרבעט.

— אַכטונג! צוגרייטן זיך! אין אַטאַקע!

ווען מיר זײַנען אַרײַן אין דאָרף, האָבן מיר אין דער דײַטשישער שטאַב־מאַשין געפֿונען אַ ראַציע, טאָפּאָגראַפֿישע קאַרטעס פֿון מאָסקווער און קאַלוגער געגנטן, אין וועלכע מיר נייטיקן זיך אַזוי, אָפּעראַטיווע דאָקומענטן, אַ סטערעאָ־טרויב. און אָט וואַלגערן זיך נײַנקע אָפֿיצערישע שינעלן, פּאַראַד־אָנצוגן. קורסאַנטן טאָפּטשען אין דער בלאָטע די פֿאָן מיטן האַקנקרייץ, וועלכע איז אויך געווען אין דער שטאַב־מאַשין.

דערנאָך האָבן מיר די פֿאַשיסטן דערלאַנגט נאָך אַ גרעסערן נערעק באַם דאָרף קאַראַמעשעוואָ. די דײַטשן זאָלן געווען וויסן, ווי ווײַט זיי שטײַגן אונדז איבער אין צאָל און אין באַוואָפֿענונג, וואָלטן זיי געוויס גאָר אַנדערש געפֿירט די שלאַכט. אָבער צוערשט האָבן זיי וועגן דעם ניט געוווּסט, און שפּעטער — שפּעטער איז שוין געווען צו שפּעט...

מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז קימאַט שוין זײַענדיק אַרומגערינגלט, זײַנען מיר בעקויעך שלאָגן די פֿאַשיסטן. ס׳ווערט גוט אָפּן געמיט, אַז דו זעסט: אַ דײַטש פֿאַרשטעקט אונטערן רימען די פּאָלעס פֿון שינעל און אַנטלויפֿט מיט אַלע קויכעס, ווי אַן אָנגעשראָקענער האָז. אַזאַ איינער, אויב אַפֿילו אונדזערע אַ קויל יאָגט אים ניט אָן, איז ער שוין ווײַט ניט אַזוי געפֿערלעך, ווי פֿריִער. ער וועט ניט איין „קאַמראַד״ אַ שעפּטשע טאָן אָפּן אויער: „ביז מאָסקווע איז נאָך זייער ווײַט און צום טויט איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען״. וואָס דען, ס׳איז דאָך טאַקע אַזוי.

אַ שוואַך ווינטל, וואָס האָט זיך געקליבן, דאַכט זיך, אײַנשלאָפֿן, האָט מיטאַמאָל איבערגעקלערט און, בורטשענדיק אַ ווילדן ניגן, זיך צעוואַקסן אין אַן אײַז־קאַלטן ווינט, וואָס רײַסט דאָס אָנטאָן, און ווײַל ער בלאָזט פֿון צאָפּן, נייט ער דיך, זאָלסט זיך אויסקערעווען מיטן פּאָנעם אויף דאָרעם. מיר וואָלטן, פֿאַרשטייט זיך, בעסער געגומען אים פֿאַר אַ שותּף, ער זאָל אונדז אונטערשטופּן אין פּלייצע. נאָר ניין, איז ניין. מיר גייען אָקשאָנעסדיק אַנטקעגן ווינט, אַהין, ווו ס׳איז אונדז באַפֿוילן. דעם באַטאַליאָן שטייט פֿאָר אַ שווערע שלאַכט.

באַם דאָרף בעריאָזאָוועקע האָבן די דײַטשן פֿאַרנומען אונדזערן אַ וויכטיקן שטיץ־פּונקט — די הייך 202,9 — פֿאַרנומען, און, אָנגעלערנטע אין די פּאָריקע טעג, זיך גלײַך פֿאַרפֿעסטיקט, אָנגעבראַכט אַזויפֿיל טעכניק און זיך אַרומגערינגלט מיט אַזאַ נעץ פֿון שוץ־אײַנריכטונגען, אַז מיט איינע ביקסן, קוילנוואַרפֿערס און אַ פּאָר האַרמאַטן איז ניטאָ וואָס צו רוקן זיך אַהין. און דאָך פֿאָדערט זיך, מיר זאָלן צוריק אײַנעמען די הייך. פֿון פֿאַרטאָג אָן אַטאַקירן מיר און לײַדן בלויז פֿאַרלוסטן.

ווען ס׳האָט זיך געדאַכט: קיינער פֿון אונדז וועט זיך פֿונדאַנען אַ לעבעדיקער ניט אַרויסקלײַבן, האָבן, ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אַ גאָט אין הימל, אומדערוואַרט ניט בלויז פֿאַר די דײַטשן, נאָר אויך פֿאַר אונדז, זיך אַ טראָג געטאָן אָפּן בערגל, ווו דער סוינע האָט זיך פֿאַרגראָבן, הונדערטער צעגליטע קאָמעטעס. אַזוינס האָבן מיר ניט געזען און פֿאַרשטעלן זיך ניט געקאָנט. אונדז האָט זיך דאַן אויסגעוויזן,

אז זיי קאָנען צעטרייסלען די העכסטע בערג און צעהוידען די טיפסטע טאָלן, ניט נאָר אזא שפּילקע־קעפּל, ווי די הייך 202,9. דער גאנצער ארום האָט געברענט, ווי איין שטיק פייער. דער פארטויבנדיקער דונער איז שוין לאנג פארביי, און דער אָפּהילך האָט זיך נאָך אלץ געקייקלט פון אלע זייטן.

דאָס האָבן מיר צום ערשטן מאָל דאן געזען און געהערט א זאלפ פון אונדזערע „קאטיושעס". ס'האָט באדארפט אוועק א סאך צייט, ביז ס'איז באוווּסט געוואָרן, אז שוין צום אָנהייב פון דער מילכאָמע איז געווען זיבן „קאטיושעס" און בא דריי טויזנט ראקעטעס צו זיי, אז אין דער נאכט אפן 3 יול האָבן זיי זיך פון מאָסקווע געלאָזט צום פראָנט און דעם 14 יול הינטער אָרשע אָנגעזאָגט דער וועלט וועגן זייער געבוירן מיט א פייער־הוראגאן, וואָס האָט פאר עטלעכע רעגעס פארניכטעט דעם אייזנבאן־קנופּ, די טייך־איבערגאנגען, אומגעבראכט טויזנטער פאשיסטן און אַף די איבעריקע אָנגעוואָרפן א גרויליקע איימע. אויך בא בעריאָזאָווקע האָט דער זאלפּ פון דער ראקעטן־ארטילעריע פארטשמעליעט די דייטשן, און זיי האָבן לאנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. די אטאקע מיט דער הילף פון די „קאטיושעס" האָט זיך איינגעגעבן. אין דער צווייטער העלפט טאָג דעם 15 אָקטיאבער איז די הייך 202,9 ווידער געווען בא אונדז.

אונדזער ראָטנע

פון בעריאָזאָווקע איז מיט דער האנט צו דערלאנגען ביז סאווינאָוואָ. איצט איז דער ראָטע באפוילן פארטיידיקן פון מייִרעוו דאָס דאָזיקע דאָרף. אונדזער אָפּטייל־לונג האָט צוויי שאָ אָפּרו, גייען מיר אריין אין א שטוב זיך באהאלטן פונעם הארבסטיקן אינדרויסן, איז זי אָבער פארנומען.

אפן דיל, אָנגעשפּארט אין דער וואנט, זיצט אומבאוועגלעך א גרופּע רויטאר־מייער, ווי מע זאָל זיך קלייבן זיי באלד פארייביקן אַף א מישפּאָכע־בילד. אין די ווינקלען שטייען צוויי האנט־קוילנוואָרפערס. בא דער שוועל, לעבן א צעבער מיט פארמישטער פּאָלאָווע, זיצט פארגליווערט א סטארשינא מיט טיף איינגעגעסענעם ערד־שטויב אין די קארבן פון פּאָנעם. פונעם ציגאר, וואָס איז ווי צוגעקלעפּט צו זיין ליפּ, שלענגלט זיך א רויך, די האנט האלט ער אין די קעשענעס פון די גאליפע־הויזן. מיר זיינען שוין געוווינט צו טרעפן וואנדערנדיקע גרופּעס רויט־ארמייער. יעליסייעוו פרעגט:

— איר קלייבט זיך דאָ לאנג זיין?

קיין ענטפער קומט ניט, כאָזוערט ער איבער די פראגע.

— איך בין ניט קיין טויבער. אויב דאָ איז פאר אייך ווייניק אָרט, זוכט זיך אַף אן אנדער כאטע.

— סטארשינא, עס שטייען אונדז פאָר שווערע טעג, ניט איר וועט אָט דאָס דאָרף פארטיידיקן. איך זע, אז איר האָט איבערגענוג קוילן און גראנאטעס. לאָזט אונדז איבער א טייל.

— מיין ביקס ווילסטו ניט? — זאָגט דער סטארשינא מיט כויזעק און וואַרפט א בליק, וואָס ברייט אָפּ, ווי מיט זודיק וואסער.

— אייער ביקס דארפן מיר ניט.

— אין די שכיינעסדיקע שטיבער זיינען פאראן נאָך רויטארמייער, פּרווו, עפּ־

שער וועסטו זיך דאָרט פּאָזשיווען. באַ אונדז וועסטו גאָרניט קריגן. זעסט די רענצלעך פון די גאַז־מאַסקעס? אין זיי ליגן אויך קוילן. לאָפּע ניט. זיי זײַנען ניט דײַנע. אַנו, לאָז אָפּ! פאַר די קוילן וועל איך דעם האַלדז איבערהריזען.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ בייזע צונג איז ערגער, ווי אַ שלעכטע האַנט. אַף אַזעלכע ווערטער, אויב מע ענטפערט ניט אָפּ, שלינגט מען זיי אײַן, ווי אַ ביטערע פּיל.

יעליסייעוו ענטפערט אָפּ:

— איר זײַט דאָך ניט שיקער. צי דען פאַרשטייט איר ניט, וואָס מע רעדט צו אײַך? מיר דאַרפן איצט ניכטיקער, ווי איר, די קוילן.

— כ׳פאַרשטיי, אַגיטיר מיך ניט. ס׳וועט ניט העלפן. קיינער ווייסט ניט, וועמענס מאָרגן ס׳איז. איך רעד מיט דיר נאָר דערפאַר, ווײַל איר טרעט ניט אָפּ, כאָטש דער דײַטש קוועטשט אַף אײַך.

— קום צום עלטערן לייטענאַנט.

— ער האָט מיך ניט גערופן, און איך האָב צו אים קיין איניען ניט.

— וואָס זשע ווילט איר, ער זאָל צו אײַך קומען?

— ס׳איז זײַן זאַך.

יעליסייעוו שיקט באָקאָוון צום קאָמאַנדיר פון דער ראָטע. דער סערזשאַנט און דער סטאַרשינאַ זיצן איינער קעגן אַנדערן, ווי צוויי קעץ אין איין זאַק. אויב איוואַשין וועט רופן צו זיך דעם סטאַרשינאַ און ער וועט ניט וועלן גיין, וועט יעליסייעוו שוין ווי־ניט־איז אים נייטן.

דער עלטערער לייטענאַנט איז אַהער אַליין געקומען. און דער סטאַרשינאַ איז, פּונקט ווי מיר, די קורסאַנטן, אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. זײַן פאַמיליע איז יעוווסטיגנייעוו. זיי ביידע, אונדזער קאָמאַנדיר און דער סטאַרשינאַ, קוקן איינער אַפן צווייטן און שווײַגן אַזוי לאַנג, ביז יעוווסטיגנייעוו האָט עפּעס איבערגעלייענט אַף איוואַשינס אָפּגעצויגן־בייזערדיק פּאָנעם און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זײַנע רויטאַרמייער:

— אויפשטיין! כ׳בעט אַנטשולדיקונג, כאַווער עלטערער לייטענאַנט!

— זיצט. איר זײַט אַלע פון איין טייל?

— פינף און צוואַנציק זײַנען מיר פון איין שלאָג־ראָטע, וואָס האָט באַדאַרפט אײַנהאַלטן די דײַטשן ביז נאַכט, קעדיי אונדזער פּאָלק זאָל זיך קאָנען צוריקציִען. בײַן זײַנען צו אונדז צוגעשטאַנען. דעם באַפעל האָבן מיר אויסגעפילט.

— אויב איין ראָטע האָט זיך ספּראַוועט, פאַרוואָס זשע איז אײַער פּאָלק אָפּ־געטראָטן? אַף דער פראַגע מעגט איר ניט ענטפערן. ניט איר זײַט פאַר דעם פאַר־אַנטוואָרטלעך.

— כאַווער עלטערער לייטענאַנט, דער פּאָלק איז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט באַקומען אַ נײַע שלאַכט־אויפגאַבע, אָבער מיר האָבן שוין ניט געקענט זיך פאַרייניקן מיט אים. באַ אונדז זײַנען געווען אַ סאַך שווער־פאַרוואונדעטע, צווישן זיי דער ראָטע־קאָמאַנדיר. אַף פינף וועגענער האָבן מיר זיי אַרויסגעפירט און באַם טײַך פּראָטווואַ איבערגעגעבן אַ קאַפּיטאַן פון מעדיציניִשער דינסט. כ׳האָב פון אים אַ צעטל. דערלויבט באַווײַזן?

— מע דאַרף ניט. פאַרוואָס האָט איר זיך אומגעקערט צוריק און ווו האָט איר גענומען אַזויפיל קוילן און גראַנאַטעס?

— מיר האָבן געהאַפּט זיך פאַרייניקן מיט אונדזער פּאָלק ערגעץ דאָ, אין ראַיאָן

פון דעטשינאָ, נאָר אים שוין ניט געטראָפן. די קוילן און גראנאטעס האָבן מיר געגומען בא די, וואָס קאָנען שוין ניט שיסן.

— איר וועט זיך אונטערנעמען ארויספירן פונדאנען מײַנע פארוווּנדעטע?

— אויב איר וועט באפוילן, מוז איך אויספילן, נאָר מיר, פינף און צוואנציק, וועלן זיך אומקערן אהער, פאר די איבעריקע נײַן בין איך ניט פאראנטוואָרטלעך. זיי האָבן אָנטיילגענומען מיט אונדז בלויז אין איין שלאכט באַם איבערגיין דעם שאָסיי. איך קען זיי ניט. אײַער פאָזיציע האָט א כיסאָרן, דער וואלד איז נאָענט, ס'איז גוט פאר פאכדאָנים, מע קאָן אנטרונען ווערן. כ'האָב מײַנע געוואָרנט: ווער עס וועט אָפטרעטן, שיס איך פריִער אין אים, דערנאָך אין די פאשיסטן.

— וויפל פאשיסטן האָט איר פערזענלעך געטייט?

— כ'האָב ניט געציילט, נאָר ווייניק.

— איר וועט נאָך באווײַזן, אָבער ניט פון אונדזערע אָקאָפּעס. איר קאָנט דאָ עטלעכע שאָ אָפּרוען. אָנהאָדעוועו האָב איך אײַך ניט מיט וואָס, מיר פארמאָגן אליין גאָרניט. א העלפט פון די קוילן און גראנאטעס באפעל איך אײַך איבערלאָזן. די וואך וועט אײַך ניט פארהאלטן. מיר טאָרן ניט פארלאָזן דעם באצירק, אויב אפילע ס'וועט אנטשטיין א געפאר פון פולער ארומרינגלונג, און איר האָט אַף דעם רעכט, קיינער וועט אײַך ניט טאדלען דערפאר.

— כאווער עלטערער לייטענאנט, מײַן קאָמאנדיר איז אויך א שטרענגער, נאָר ער וואָלט...

— געגוג, סטארשינא! כ'האָב אלץ געזאָגט!

איוואשין האָט א רוף געטאָן יעליסייעוון, און זיי זײַנען ביידע ארויס פון שטוב.

מיר האָבן געזען, אז איוואשין איז אופגעבראכט. ווען דאָ זאָלן ניט געווען זײַן קיין קורסאנטן און רויטארמייער, וואָלט דער סטארשינא מיסטאם ארײַנגעכאפּט ניט אזא כיילעק. אָבער דער עלטערער לייטענאנט האָט געקאָנט הערשן איבער זיך אפילע אין גרעסטן גרימצאָרן. אונדזער ראָטנע וואסילי איוואנאָוויטש איוואשין איז געווען א שטרענגער קאָמאנדיר, נאָר מיר אלע זײַנען געווען אין אים מאמעש פארליבט. ווײַל שטרענגקײַט צו שטרענגקײַט איז ניט גלײַך. זײַנע ווערטער, ווי האַרב זיי האָבן צומאָל ניט געקלונגען, זײַנען געגאנגען פון אָן האַרץ. זײַנען מיר אויך געווען מיט אים קעסיידער אָפנהארציק. אליין ניט באמערקנדיק עס, האָבן מיר אים געקאָנט פארטרויען די פארבאָרגנסטע סוידעס, דערציילן וועגן דער היים, וועגן די אייגענע, אפילע וועגן די ליבעס אונדזערע. מיט אים איז געווען לײַכט צו ריידן, ווײַל מיר האָבן געפילט, אז ער גלייבט אונדז, שטעלט זיך ניט העכער, און דערפאר האָבן מיר אים נאָך מער געשעצט, געאכט און ליב געהאַט. אַף זײַנעם א רוף וואָלטן מיר זיך געלאָזט צו אים לויפן אפילע דורך א מינענפעלד.

אין א פרײַער שאָ איז ער געווען צוגעלאָזט, פארשטאנען א שפאס און אליין געקאָנט א שפאס טאָן. אין שלאכט געווען אנטשלאָסן און געוואגט. מיר האָבן זיך געגרויסט מיט אים, ניט איין מאָל צווישן זיך גערעדט וועגן אים, און ווער ווייסט, צי וואָלט ער ניט קיין געשריי געטאָן, ווי הײַנט אפן סטארשינא, „געגוג!״, ווען ער דערהערט עס. האקלאל, אין אונדזערע אויגן איז איוואשין געווען דער אידעאַל פון א קאָמאנדיר. און אז ס'פלעגט טרעפן, ער האָט צונויפגענומען די ראָטע אַף צו זאָגן איר עטלעכע גוטע אָדער שלעכטע ווערטער, האָבן מיר אים געהערט מיט אָפענע מויל און אויערן. אזוי איז אויך געווען הײַנט. יעליסייעוו האָט זיך אומגע־קערט און געמאָלדן, אז דער עלטערער לייטענאנט וועט באלד ריידן מיט דער ראָטע.

ווי ס׳האָט זיך ניט געוואָלט פארבלײַבן אונטער א דאך, האָבן מיר קיין פארדראָס ניט געהאט. איוואשין וועט אומזיסט ניט רופן.

— קורסאנטן! — האָט זיך געווענדט צו אונדז דער ראָטע־קאָמאנדיר. — ס׳זײַנען פאראן יעדיִעס, אז מאָרגן וועלן אונדז די דײַטשן אטאקירן. וויִאזוי מיר שלאָגן זיך, ווייסן זיי שוין גוט. מיר האָבן ניט וואָס צו דערווארטן, אז זיי וועלן אָנגרײַפן מיט א ראָטע קעגן א ראָטע. זיי פארשטייען, אז א באטאליאָן וועט זיך אויך מיט אונדז ניט ספראווען. דאָס זאָג איך אײַך, קעדיי איר זאָלט ווייסן, וואָס עס שטייט אונדז פאָר. די קאָמאנדשאפט פון דער דאָרעם־גרופע האָט בעדייע פאָרנעמען א קריגס־מאנעווער אָף אָפצוציִען א טייל קרעפטן פונעם פײַנט, נאָר עס קאָן אויך זײַן, אז זי וועט אזא געלעגנהײַט ניט האָבן און וועט ביכלאל ניט קענען ארויסווײַזן אונדז קיין הילף אין גאנג פון שלאכט. פארלאָזן דארפן מיר זיך בלויז אָף זיך אליין. איך בין הייזעריק, כאָזער איך איבער פאר די, וואָס האָבן ניט אײַנגעהערט: פארלאָזן וועלן מיר זיך בלויז אָף זיך אליין.

קוילן און קעגנטאנקען־גראנאטעס וועט אונדז אָף מאָרגן סטײַען, און דאָך פאָר־דער איך, איר זאָלט זײַן ביז גאָר שפאָרעוודיק. יעדער קויל און גראנאטע דארף טרעפן אין ציל. מיר דארפן זיך אײַנקלאמערן אין די אָקאָפעס. קיין באָמבעס, קיין סנאריאדן און מינעס טאָרן אונדז ניט ארויסקלאפן פון דאָרט. אין קלעם וועלן מיר זיך ניט לאָזן נעמען. אויב עס וועט דערגיין צו א האנט־געפעכט, קאָנען די פאשיסטן זיך מיט אונדז ניט גלײַכן. פארגעסט ניט, אז אײַער ביקס האָט א באגנעט, און זייער אווטאָמאט איז דאן בלויז א שטיק אײַזן מיט א רער. זיי וועלן אָפטרעטן, אָבער אָט אין דעם מאָמענט דארף מען זיך באזונדערס היטן פאר זייער אוויִאציע און ארטילעריע. גיסט זיך דאן צונויף מיט דער ערד. זשאלעוועט ניט די קני און עלנבויגנס. היט די קעפ. נאָך איין וואָרענונג. איך וועל ניט מויכל זײַן קיינעם, ווער ס׳וועט איבערלאָזן אָפן פעלד א פארוואונדעטן, וואָס קאָן אליין זיך ניט דער־קלײַבן צוריק אין אָקאָפ. פאר דעם וועל איך שטראָפן ווי פאר פאראט. אײַער פרײַנטשאפט וועט אויסגעפרוווט ווערן אָפן שלאכטפעלד. קורסאנטן! ס׳וועט פארבײַ די שווערע צײַט, נאָר ס׳וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן, ווי מיר האָבן זיך קעגנ־געשטעלט דעם סוינע און אים ניט דורכגעלאָזט קיין מאָסקווע. אין אזא מילכאָמע ווערט די ליבע צום היימלאנד געמאָסטן מיט דער סינע צום פײַנט.

קורסאנטן! איך האָב אין אײַך שטענדיק געגלייבט, נאָר פאר די לעצטע צען טעג, וואָס מיר זײַנען אָפן פראָנט, האָב איך אײַך נאָך מער דערקענט, און דערפאר האָב איך הײַנט מיט דער פולער זיכערקײַט געזאָגט דעם עלטערן באטאליאָן־קאָמיסאר: „מײַן ראָטע קאָן אומקומען, נאָר אָן קיין באפעל וועט זי דאָס שלאכטפעלד ניט פארלאָזן”. און איצט — רוט אָפ. פאנאנדערגיין זיך!

צי דען איז פארבײַ בלויז צען טעג, זינט מיר האָבן פארלאָזט סערפוכאָוו? מיר דוכט זיך, אז דאָס איז געווען נאָך פריִער, ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. מיר זײַנען שוין דאָ אזוי לאנג, אזוי לאנג... פאר קיין צוויי יאָר אין דער מיליטער־שול וואָלטן מיר ניט באנומען דאָס, וואָס פאר צען טעג דאָ. ווער עס וועט בלײַבן לעבן, דער וועט טאקע האָבן די פולע רעכט צו פירן רויטארמייער אין שלאכט.

דערווײַל ווייסן מיר איינס: אויב דער עלטערער לייטענאנט האָט מיט אונדז אזוי גערעדט, הייסט עס, אז מאָרגן שטייט פאָר, קאָן זײַן, די שווערסטע שלאכט פאר אלע צען טעג. נאָר ער מעג זײַן זיכער, זײַן פערצעטע קורסאנטן־ראָטע קאָן דאָ נאָר אָף אייביק פארבלײַבן, אָן קיין באפעל וועט זי פונדאנען ניט אוועק. אזוי איז

עס, און אנדערש קאָן ניט זײַן. און אצינד זאָל אונדז קיינער ניט שטערן א ביסעלע אָפּרוען, אופשטעלן די קויכעס, כאָטש איין שאָ זיך גוט אויסשלאָפן אין א שטוב. ס'איז אָרנטלעך פּאַרדינט. דאָס קומט אונדז.

צוויי שאָ זײַנען מיר געשלאָפן, ווי דערהארגעטע, און דערנאָך...

שטעכלקעס

מיט אָט דער געשלענגלטער סטעזשקע זײַנען מיר שוין הײַנט איין מאָל גע־גאנגען. דאָס איז געווען שפּעט אין אָוונט, נאָר דאן האָט מען נאָך געקאָנט עפּעס זען, און איצט איז שטאָקפינצטער, די פיס דארפן אליין אָן דער הילף פון די אויגן טרעפן דעם וועג אף צוריק. אף דער נעשאָמע איז אויך ניט גאָר ליכטיק. פריער מיט צוויי שאָ זײַנען מיר געגאנגען צום שליאך, ווו מיר האָבן צעוואָרפן „שטעכל־קעס", פארשטענדלעך, ניט קיין בודזיקעס מיט ראָזלעכע אָדער בלויע נאָדל־קעפּ, וואָס וואקסן לענגאויס די פּארקנס, נאָר שווערע און שארפע שטיקער אײַזן. איצט גייען מיר צוריק אין דאָרף, וואָס די ראָטע האלט אײַן. הינטער אונדז איז פאר־בליבן דער שליאך, וואָס איז בא די דײַטשן אין די הענט, און די סטאַדאָלע, פון־וואנען מע האָט אונדז באשאָסן.

האָט עס געלוינט מיט די לעצטע קויכעס שלעפּן די שטיקער אײַזן, וואָס האָבן געמוליעט די אקסלען ביז שארפן ווייטעק, ריזיקירן מיטן לעבן, קעדיי צעשטעלן שטעכלקעס? זאָל זײַן, אז דעם סוינעס אן אווטאָמאָביל וועט אָנטרעפן אף א שטעכל־קע, איז וואָס פאר א ווערט האָט עס בא די דײַטשן א גומענע שינע?

יעליסייעוו טוט זיך דער ערשטער א וואלגער אף דער קאלטער ערד, און מיר גלײַך נאָך אים. מיר מוזן כאָטש דעם אָטעם איבערכאפּן. אויב ס'איז עמעס, אז דער ערשטער באמערקבארער סימען פון אלדאָס לעבעדיקע איז באוועגונג, בין איך טויט. פון מידקײַט איז בא מיר אפילע די צונג אופגעלאָפן, זי קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן, און בא סערגייעוון באלעבעטשעט זי נאָך.

— עס באקומט זיך, אז ווײַל מיר האָבן ווייניק קוילן, איז קעמף מיט שטעכל־קעס. אײַזן האָט דאָ עמעצער איבערגעלאָזט א סאך, ס'וועט אף לאנג קלעקן...

די שטים בא סערגייעוון איז א שטארקע, א הילכיקע. זײַנעם א סאך קאָן מען דערהערן פאר עטלעכע שפּאן. יורע יאקימאָוויטש, וואָס זיצט באנאנד מיט אים, ענטפערט שטיל, נאָר מיט קאָס:

— נו, איז בא דיר א געמבע! באהיט מיך גאָט צו זײַן מיט דיר אינײנעם אין א סעקרעט. וואָס פּלאפּלסטו? ווער איז דיר שולדיק, אויב דו פארשטייסט ניט, אז אזא שטעכלקע קאָן אמאָל אופטאָן מער פון א קויל, פון א סנאריאַד. שוויַיג בעסער!

דאָס דאכט זיך נאָר, אז דאָ הערשט א בעסאלמען־שטילקײַט. ליגנדיק מיטן אויער צו דער ערד, הערסטו, ווי די פאָדער־פּאָזיציע איז אפילע באנאכט פול מיט גרילצעניש, שקראבעניש, פײַפעניש. אָט קאָן מען שוין פון ווײַט־ווײַט פארנעמען א קלאנג, וואָס האלט אין איין שטארקער ווערן. איצט הערן מיר שוין אלע זייער גוט דאָס הודזשען פון פרעמדע אווטאָמאָבילן. דער שליאך איז שוין טאקע אין דעם אָרט זייערער, נאָר ניט אנדערש, ווי זיי ווייסן, אז אף דעם באצירק ווערן נאָך די שלאכטן פאָרגעזעצט. די שײַן אין די פאָדערשטע פארעס איז ניט אײַנגעשלאָסן, און בלויז בא די הינטערשטע רעדער באווײַזן זיך פון מאָל צו מאָל בלייכע פײַערלעך, וואָס ווערן גלײַך אויסגעלאָשן.

יעליסייעוו האָט זיך אויסגעזידלט. אים און אונדז גריזשעט א גרויסער פאַר־דראָס: עטלעכע מאשינעס זײַנען דורכגעפאָרן דאָס אָרט, ווו מיר האָבן מיט א האלבער שאָ צוריק אָרודעוועט, און זיי האָבן זיך בא גאָרנישט ניט פארטשעפעט. דער ווינט האָט דאָך ניט געקאָנט אזוי ריין אויסקערן דעם וועג. באדאַרפט געווען צעשטעלן די „מאטאָנעס" געדיכטער, נאָר מער האָבן מיר ניט געקאָנט טראָגן מיט זיך. צי דען וועט סערגייעוו פארבלײַבן דער גערעכטער? ווען מיר וואָלטן געהאט דינאמיט כאָטש פאר איין־און־איינציקער מינע...

א הילכיקער קנאַל, ווי באם רײַסן דאָס אײַז אפן טײַך, צעבויטעט די נאכט. דערנאָך לאָזט זיך הערן, ווי א מאָטאָר האָט זיך פארכלינעט. אויב אזוי, זײַנען מיר שוין ניט אומזיסט אין אזא עסעריקער קעלט אָפּגעגאנגען מיט שווייס. וואָס עס טוט זיך אפן שליאך, קאָן מען אין אזא כאשכעס, פארשטייט זיך, ניט זען, אָבער פאָרשטעלן קאָן איך זיך...

זאָל זײַן, אז אָף דער שאַרף פונעם שטיק אײַזן האָט אָנגעטראָפן א טעמפּשנוי־ציקער אוטאָבוס מיט דעם סוינעס „לעבעדיקער קראַפט" — אזוי ווערן די פאַ־שיסטן באצייכנט לויט דער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע. אפן פאָדערשטן בענקל האָט געדרעמלט אן אָפיצער. ווען דער שאָפער האָט מיטאמאָל א צי געטאָן אָף זיך דאָס הענטל פונעם טאָרמאָז און די מאשין, שטארק אָנבייגנדיק זיך אָף רעכטס, איז שטיין געבליבן, האָט, לאָמיר זאָגן, דער הער אָבערלויטנאנט אָנגעטראָפן מיטן שארבן אין דעם מעטאל פון דער קאבינע.

— צום טויפעל! — שוימט אין אים א בייז זידעניש.

זאָל זײַן, צום טײַוול, נאָר דאָס אָנגעוואָרעמטע אָרט פארלאָז. פון דער מאשין, הנידע, וועסטו מוזן ארויסקריכן. דו דארפסט דאָך פעסטשטעלן, וואָס אזוינס איז געשען. די סאָלדאטן — געזונטע אָקסן מיט אָנגעפרעסענע פּיסקעס — מעגן קלערן: א קליינעקייט, עס טרעפט, ס'פלאצט א שינע. אויך מיר א געשעעניש. אָף צו פאַר־בײַטן די קאמערע פאָדערט זיך פופצן, צוואנציק מינוט, העכסטנס א שאָ. וואָס מער, איז בעסער. פאר דער צײַט קאָן מען א ריגעווע טאָן די פארגליווערטע פיס און אָפטאָן א באדערפעניש. ביכלאל, וווהין איז דאָ צו אײַלן. דער פראָנט איז ניט קיין קוריער־צוג, צו אים וועסטו שטענדיק באווײַזן.

אזוי מעגן טראכטן פּאָשעטע פריצן, נאָר ניט דער הער אָבערלויטנאנט. כאָטש די גאנצע רעציכע איז אים פאר איין אויגנבליק ארײַן אין פּאָנעם, ווײַל עס ווײַזט זיך אים אויס, אז אָף זײַן שמאָלן שארבן איז אויסגעוואקסן א גוליע די גרייס ווי א טאָלער, מוז ער זײַן באדאכט. ער, וואָס איז פון אן אנדער טייג געקנאָטן, מוז ארײַנ־קוקן א ביסל טיפער, ער גראָד דארף גוט וויסן די ווערט פון צײַט אפן פראָנט, און זײַן פליכט איז קומען פּינקטלעך צו דער אָנגעמערקטער מינוט אהין, ווו ס'איז אים באפוילן געוואָרן.

עס רוישט נאָך אין די אויערן דער עכאָ פונעם ערשטן אופרײַס, ווי עס קומט א צווייטער און א דריטער. זיי זײַנען נאָך שטארקער. דאָס פלאצן די שינעס בא די שווער אָנגעלאָדענע לאסט־אוטאָמאָבילן.

— הער אָבערלויטנאנט! — ווענדט זיך צו אים דער שאָפער. — עמעצער האָט אפן וועג צעוואָרפן שארפע שטיקער אײַזן. דאָס איז געטאָן געוואָרן ערשט ניט לאנג. דער וועטער איז א פּײַכטער, און דאָס אײַזן איז ניט פאראָסטעט.

דער שאָפער, ווייסט דער אָבערלויטנאנט, איז ניט דעם ערשטן טאָג אפן קריג, און דאָך ציטערט בא אים פון שרעק די שטים. אָט דער „עמעצער" שרעקט. אויב

דער „עמעצער״ האָט זיי באַגעגנט מיט שטעכלקעס, האָט ער דאָך אויך געקאָנט פּאַרמינירן דעם וועג, די ריוון, דאָס פעלד. די טיף־הארבסטיקע נאַכט האָט אַלץ צוגעדעקט, איינגעהילט. מעגלעך, אַז דער „עמעצער״ זיצט דאָ ערגעץ פאַרשטעקט און טשאַטעוועט זיי נאָך, ער טשעפּעט זיי ניט, ווייל ער וואַרט, ביז ס׳וועט זיך צונויפקלייבן אַ היפּשע קאָלאָנע, אָט דאָן...

„צום טויפעלי!״ שטענדיק מוז עפּעס טרעפן אין אַזאַ שטילקייט. ער וועט זיך פון אָרט ניט רירן, ביז עס וועלן ניט אונטערקומען די מיניאָרן. אַפילו אין שוצ־גראָבן, ווען מע שיסט אין דיר, אין אַטאַקע גיין איז אויך בעסער. דאָרט זעסטו, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן, די סאָלדאַטן פאַרשטעלן דיך אַמאָל פון אַ קויל, פון אַ שפּליטער. איצט האָט ער באַזונדערס לוסט צום לעבן. ניט צוליב דעם איז ער אַזויפיל קריגס־וועגן דורכגעגאַנגען, קעדיי דאָ, הינטער מאָסקווע, וואָס וועט אָט־אָט פאַלן, פאַרלירן דעם קאָפּ. זיינע „שרעקלאָזע העלדן״ האַלטן זיך צוזאַמען, ווי אַ טשערעדע באַראַנעס, וואָס מע האָט שוין פאַרטריבן אין בוינע, כאָטש נעם און מאַך פון זיי מיט איין שאָס קאָטלעטן־פאַרש. ער וועט באַפוילן דעם אונטער־אָפיצער, אַף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן, אויסשטעלן איין אָפּטיילונג אין צוויי שערענגעס, און זאָלן זיי, שפּאַנענדיק אַקסל צו אַקסל, טאַפּן מיט די פיס דעם וועג. נאָך צוויי גרופּעס וועט ער הייסן, ווי ווייט דאָס איז איצט מעגלעך, אויספאָרשן פוןביידע זייטן דעם שאָסיי און באַוואַכן אים.

פון איינעם צום אַנדערן גיט מען איבער דורך דער געשאַפּענער מענטשן־קייט: מע האָט אָנגעטאַפּט נאָך דרייצן שטעכלקעס. דרייצן איז אַ שלימאַזלדיקע צאָל. נאָך גיט מען איבער, אַז באַ אַ דריי הונדערט מעטער רעכטס פון וועג שטייט אַ געביידע, אַרום וועלכער עס קומט פאָר עפּעס אַ באַוועגונג.

דער אָבערלויטנאַנט איז שוין זיכער, אַז דאָרט לאָקערט עמעצער. ווער דען האָט צעשטעלט די שטעכלקעס? אים האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט באַשולדיקט, אַז ער האָט ווען־ניט־איז פאַרזאַמט אָפּגעבן דעם געהעריקן באַפעל. זיין פליכט וועט ער אויך דאָס מאָל אויספילן. ער באַפוילט עפענען אַ מאַסירט פייער אין דער ריכטונג צו דער געביידע. די געביידע — דאָס איז די סטאַדאָלע, פונוואַנען עס האָבן אונדז באַשאָסן דייטשן, וועלכע האָבן קאָנטיק געהאַט אַן אויפגאַבע אָפּשניידן דעם וועג פאַר די רויטאַרמייער, וואָס קלייבן זיך אַרויס פון דער אַרומרינגלונג.

דער אָבערלויטנאַנט איז איבערצייגט, אַז די, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין דער געביידע, וועלן באַלד אָפּטרעטן, נאָר דערווייל ענטפערן זיי מיט זאַלפּן פון קוילנ־וואַרפער, ביקסן, אויטאָמאַטן. זיינע אַ ראַקעטע וואָרנט אַף פיל קילאָמעטער אַרום, אַז ער פירט אַ שלאַכט מיטן פיינט. פון ערגעץ גאָר ווייט האָבן פראָזשעקטאָרן, ווי בלויע שווערדן, צעשניטן דעם הימל אַף שטיקער. האַרמאַטן און מינענוואַרפער האָבן ביז הייזעריק ווערן צעעפנט זייערע גאַמבעס. מע קאָן שוין ניט פאַרשטיין, ווער און פונוואַנען שיסט, ווער וועמען וויל טייטן. און נאָר מיר, וואָס האָבן גע־קאָנט אַזוי גרינג זיי צוגעבן היץ, זיינען געשטאַנען פון דער זייט און געשוויגן. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן, אויב פאַר דער מאָרגעדיקער שלאַכט האָבן מיר באַ־דאַרפט איינהיטן וואָס מער קוילן. רייצן זיי, שרייען „אוליוליו״, ווי באַם פאַרטרייבן ווילדע כייעס? — וועט אונדז קיינער ניט דערהערן.

אַ מאָטאָציקליסט האָט מיט אַ טראַסק זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דורך טעלע־פאָן־דראָטן, דורך ראַדיאָ, מיט דער הילף פון סיגנאַל־ראַקעטעס, פּילפּאַרביקע אַליאַרם־בליקן פון קעשענע־לאַמטערנס זיינען אוועק דרינגענדיקע אָנפראַגעס, וואָ־

רענונגען, פאָדערונגען, באַפעלן. און וואָס איז דאָ צו כידעשן זיך? דאָס איז דאָך ניט קיין געוויינלעכע בײַפּראַנט־זאַנע, נאָר דער וויכטיקסטער פראָנט — דער פראָנט אַף מאָסקווע. אײַנעמען די סאָוועטישע הויפּטשטאָט איז באַפוילן ווי אַמשנעלסטן.

איז אויסגעקומען אופוועקן אַן אָנגעזעענעם גענעראל פון ווערמאַכט. אַן אָנגע־בלאָזענער מיט גײַווע האָט ער בײַז א בורטשע געטאָן, און זײַן אַדיוטאַנט האָט עס פאַרשטאַנען אזוי:

— ארומרינגלען! קאָנטראַטאַקירן! אום יעדן פּרײַז גלײַך אָפּרײַניקן, פאַרניכטן און מיטיילן!

אַף דער צווייטער זײַט פון דער פראָנט־ליניע וועט א רויטאַרמייער, וואָס שטייט אַף דער וואַך, שטילערהייט א זאָג טאָן:

— ווידער א הוראַגאַן פון פײַער און שטאָל. אויך דאָרטן בײַסט מען זיי פון אַלע זײַטן.

און עפּשער וועט דער אָפּקלאַנג פון דעם שטורעם דערגיין ביז דער סאַמע הויפּט־שטאָט. מאָסקווע וועט וועלן וויסן, וואָס קומט עס פאָר אין קוואַדראַט, ווו עס אָפּערירן די פאָדאָלסקער קורסאַנטן.

איז אַט גיי וויס, פאַרוואָס עס האָגלט אַף דער פאָדער־פאָזיציע, גיי ווייס, אַז שטעכלקעס — שווערע און שאַרפע שטיקער אײַזן — פאַרמאָגן אויך א גרויסע ווערט.

ווען יעליסייעוו זאָל מיך ניט געווען א טאָרקע טאָן, וואָלט איך, זײַענדיק גאָר־ניט אין אזא אויסגעכאָלעמטער וועלט, אַף אַן עמעס אַנדערמלט געוואָרן. טאַקע טויט־מיד, נאָר מע טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן. אַף דער מילכאָמע קומט אויס צו האָ־רעווען נאָך שווערער, ווי דער אָקס אין סאָכע. די פּיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן, און מיר זײַנען געגאַנגען...

די ערד הוידעט זיך

דער וועטער האָט אונדז פון אָנהייב אָן ניט געבאַלעוועט, נאָר פונעם 10 אָק־טיאַבער האָט ער זיך גאָר פאַרערגערט. אַף א סאַך פריִער, ווי געוויינלעך, זײַנען דער האַרבסט מיטן ווינטער זיך אזוי נאָענט צונויפגעקומען, אַז ס׳איז שוין שווער אָפּצוטיילן איינעם פונעם צווייטן. דער נאַקעטער וואַלד שטייט א פאַרקלערטער. די אַלטע ביימער האָבן אינגאַנצן אָנגעוואָרן די בלעטער, און ביז שפּעט אין טאָג זײַנען די צווײַגן, די צעפוילטע היליאַקעס אין פראָסטיקן צוויט. העלע שניי־קריי־סטאַלן דרייען זיך מיט אַלע ווינטערדיקע כיינדלעך אין דער קאַלטער לופט. זיי דעקן צו דעם גראָזיקן באָדן־שיכט, מיט וועלכן ס׳זײַנען ארומגעלייגט די ברוסט־ווערס און די פאַרגליווערטע בלאָטע אין די שוצגראָבנס. אין די טיפע קאַנאַוועס איז צוגעקומען אַף א פינגערהויט שײַן. ביז ווײַסער אַלטקײַט האָט דערלעבט דער שווערער האַרבסט פון איין־און־פערציקסטן.

דעם ערשטן איבערבײַסן בא די דײַטשן באַקומט, ווײַזט אויס, דער לופט־פּיראַט, וואָס פליט אַפן „גאָרבאַטש״, און עפּשער איז ער נאָך זאַט מיט דער נעכטיקער וועטשערע. ס׳איז נאָך זייער פרי. ערשט ניט לאַנג האָט זיך געהערט א צעצויגע־נער האָנען־געקריי, און ער, אַפן „גאָרבאַטש״, די נעשאָמע פון אים, איז שוין דאָ. זײַן מיין איז אונדז קלאָר. דאָס פײַער וועט ער נאָכדעם קאָרעגירן. פריִער וויל ער

זיך איבערצײַגן, צי האָבן מיר זיך פאַר דער נאַכט ניט אָפּגעטראָגן. ער מאַכט עט־לעכע שלייפן, דעמאָנסטרירט זײַנע קענטעניש אין העכערן פּילאָטאַזש. א שפּאַר־בער — א בארימער. דערנאָך פליט ער נידעריק, קימאַט איבער די דעכער פון סאַווינאָוואָ. פון די קוימענס שפּאַרט ניט קיין רויך און קיין שום באַוועגונג איז אין דאָרף ניט צו באַמערקן. א הונט באַגעגנט אים מיט א האַווקעניש, נאָר דאָס הערט ער דאָך ניט. ווען ניט דער איינציקער דזאָט, וואָס סטאַרטשעט אין דער מיט, וואָלט די לאַנקע, ווו מיר געפינען זיך, געקענט אָנגענומען ווערן פאַר א פּלי־פעלד.

מיר האָבן שוין געמיינט, אז דער „גאַרבאַטש" האָט זיך פון אונדז אָפּגעטשעפּעט, נאָר ער, לאָזט זיך אויס, זעצט פאָר זײַן אויסשפּיר־פלוג. ער זוכט די איבעריקע ראַטעס פון באַטאַליאָן. פאַלנדיק, ווי א שטיין צו דער ערד, האָט ער דורכגעשטאָכן די וואָלקנס און דערנאָך עטוואָס אויסגעגלײַכט דעם שנאָבל, ווי ער וואָלט זיך גע־קליבן צונויפירן די רעדער מיט דער ערד און זיך אָפּשטעלן. ניט מיך איינעם האָט ער אף א רעגע אָפּגענאַרט. אָפּגענאַרט עפּשער דערפאַר, ווײַל ס'ווילט זיך שטאַרק, אז אָט די ברוינע בעסטיע, וואָס פליט איבער אונדז פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט מיר זײַנען געקומען אהער (דער נומער, וואָס איז אָנגעצייכנט באַנאַנד מיטן שלאַנ־גען־קרייץ, האָט זיך גוט פאַרגעדענקט), זאָל א לעבעדיקער ארײַנפאַלן צו אונדז אין די הענט. ווען־עס־איז, גלייבן מיר, וועט ער זיך נאָך ארײַנכאַפּן. זײַן ריין־אריש בלוט וועט פאַרגליווערט ווערן און עס וועט פון אים קיין זייכער ניט בלײַבן, נאָר דערווײַל האָט ער זיך ווידער א ריס געטאָן אין הימל און איבערגעלאָזט נאָך זיך א שמאָלן פּאַס רויך.

כ'מיין, אז דאָס זאָל געווען זײַן אָפּהענגיק פון אונדז, וואָלטן מיר באַם רעקאָג־נאָסצירן דעם שוץ־פּלאַצדאַרם אויסגעקליבן אן אנדער אָרט און, פאַרשטייט זיך, ניט אוועקגעשטעלט אין סאַמע צענטער א הויכן דזאָט, וואָס זאָל סטאַרטשען, ווי א טורעם. אויך די אָקאָפּעס, די מינען־ און קוילנוואַרפער־נעסטן, פונוואַנען מיר דאַרפן פירן אקטיווע אָפּעראַציעס, זײַנען פאַרגרייט לויטן שאַבלאָן, אז דעם סוינע קאָן מען דערוואַרטן פון מײַרעוו און בלויז פון מײַרעוו, אז קיין מאַנעווער־שלאַכטן וועלן דאָ ניט פאָרקומען, און די קעמפנדיקע צדאָדים וועלן דאָ פירן בלויז א פּאָ־זיציע־מילכאָמע, געפינענדיק זיך איינער קעגן אנדערן אין באַפעסטיקטע שוץ־גראָבנס, ווו עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקײַט שנעל און פאַרהעלטניסמעסיק אָן פאַר־לוסטן איבערוואַרפן די שלאַכטלײַט פון איין אָרט אפן צווייטן. דאָס האָבן מיר שוין אליין פאַרלענגערט די שוצגראָבנס אף די פלאַנגען, און דער פּלאַצדאַרם האָט באַקומען דעם אויסזען פון א פּאָדקאָווע.

דער עלטערער לייטענאַנט פירט אָן מיט דער ראָטע דורך פאַרבינדלער. איך בין איינער פון זיי. בייסן נעכטיקן זאַלפּ פון די „קאַטיושעס" האָב איך זיך ניט דער־טראַכט צו עפענען דאָס מויל, און דערפאַר זײַנען באַ מיר די אויערן ווי מיט וואַטע פאַרלייגט. וועגן דעם וואָלט איך באַדאַרפט זאָגן דעם עלטערן לייטענאַנט, נאָר ווײַל ער ווייסט, אז מיר האָט זיך שטאַרק ניט געוואָלט פאַרלאָזן מײַן אָפּטיילונג, קאָן ער נאָך מיינען, אז איך דערמאָן וועגן מײַן טויבקײַט, קעדיי מע זאָל מיך פאַר־בײַטן מיט עמעצן אנדערש.

פון דאָרף האָט מען געבראַכט געקאָכטע קאַרטאָפל. מע האָט זיי איבערגעציילט. עס באַקומט זיך צו צוויי מיט א האַלבער קאַרטאָפל אף א מענטשן. טיילט מען זיי:

קלענערע — צו דרײַ, און גרעסערע — צו צוויי. אין א הילצערן שעפל טראָג איך אָפּ מײַן װזװאָד דעם טייל, וואָס אים קומט. קעדיי אײַנשפּאָרן צײַט, לאָז איך זיך ניט מיט די שוצגראָבנס, נאָר מיט א גלײַכן וועג, לענגליס דער לאָנקע. די צעקאָכטע קאַרטאָפל שמעקן, כאָטש פארשטעק די נאָז, נאָר אויך די אויגן קאָן מען ניט אָפּווענדן פון זיי, באַזונדערס פון דער, וואָס ליגט א צעפּרזיעטע, א צעשפּאָלטענע מיט די אינגעווייידן אויבנאָן. שיילן וועט זי קיינער ניט, ווײַל בא איר איז שוין די שאָלעכץ אליין אָפּגעשטאַנען. כ׳וואָלט געקאָנט נעמען דאָס אָנגעבראָכענע שטיקעלע, ווו עס שווארצט זיך אַן אייגל, נאָר מײַן כיילעק וועל איך דאָך באקומען, ווען כ׳וועל זיך אומקערן, און דאָ, ווײַל די קאַרטאָפל זײַנען קליינע, זײַנען פינקטלעך אָפּגעלייגט פאר יעדן צו דרײַ. אויב כ׳וועל נעמען א שטיקל, וועט עס זײַן אף עמעצנס כעזשבן. אזוי באַגייט מען זיך ניט, דער אָפּגענאַרטער וועט עס מיר ניט מויכל זײַן, און אזא, ווי סערגייעוו, קאָן אפילע לאָזן די הענט אין גאַנג. כאָטש, ניין, מיך וועט ער ניט אָנרירן. מיר גלייבט ער.

אויב עס וועט ניט גויווער זײַן דער פארשטאַנד, וועל איך זיך אליין געבן איבער דער שוין צו צעהוידעטער לינקער האַנט, וואָס דערווײַל פאָלגט זי נאָך מיט גוטן.

א סנאַריאַד און דערנאָך עטלעכע מיטאמאָל פליִען הויך איבער מיר און טרעפן ערגעץ ווײַט הינטערן וואַלד. אדרעאַבע, האַלעווײַ זאָלן זיי אלע אזוי פליִען. נאָר דאָס איז, מיסטאַם, ניט מער ווי א רעפּעטיציע. דער דזאָט איז א בעסערער אַרזענטיר, ווי איך. אין מיר שיסט מען ניט, האָב איך זיך ניט וואָס צו היטן. ס׳איז ניט פון די גרינגע זאכן פויזענדיק שטויסן פאָרויס זיך דאָס שעפל. באַדאַרפט געווען איבערבינדן עס. דאַן וואָלט דער יעיצערהאָרע ניט געפּרוווט אָנרעגן צו טאָן א פארבאָטענע זאַך, און ס׳וואָלט ניט געווען קיין געפאר, אז באַם שלעפּן נאָך זיך דאָס שעפל וועט זיך דאָס גוטס צעשיטן.

די סנאַריאַדן לייגן זיך אַלץ נעענטער. מיט וואָס צו פארשטאָפּן בא די הארמאַטן די מײַלער, זיי זאָלן אזוי ניט האווקען, האָבן מיר ניט. מוז מען זיך צופּלעטשן צו די פארפרוירענע הרודעס, וואָס זײַנען הארט ווי מאַצייווע־שטיינער, און איבערוואַרטן. אָט דער אופרײַס איז אזוי נאָענט און שטאַרק, אז די ערד האָט ניט אויסגעהאַלטן און מיט קויעך מיר א שטויס געטאָן אין בויך. דאָס איז געווען אַן אדערוף.

פינף צי זעקס סנאַריאַדן, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך אוועקגעלייגט ניט ווײַט פונעם דזאָט. קאָן זײַן, אז דאָס איז געווען א שאָס פון זייער זעקסרעריקן הארמאַט. מיטן „קאַטיושע״־זאַלפּ איז אים ניט צו פארגלײַכן. נאָר פארניכטן דעם דזאָט קאָן ער. די סנאַריאַדן רײַסן זיך נאָך, און עס זײַנען שוין אָנגעפלויגן זייערע באַמבאַרדירער. בא מיר איז א געפיל, ווי די ערד וואָלט זיך וועלן שטעלן קאָפּויר. אָט וועט מע מעג מעקאַנע זײַן דעם סוסליק, וואָס פארגראָבט זיך טיף אין דער ערד. אים קאָן מען פון דאָרט ארויסטאָרען נאָר אויב מע וועט גיסן וואַסער, אי טאָ פארמאָגט ער געוויינלעך א צווייטן ארויסגאַנג. קעדיי מיך אומברענגען, איז גענוג א מינדסטער שפּליטער די גרייס ווי אַן ארבעסל.

די שווארצע באָמבע־גריבער מערן זיך. די אופרײַס־כוואַליע האָט ארויסגעריסן דאָס שעפל פון דער האַנט און עס ליגט איבערגעקערט.

איין פארטיע עראָפּלאַנען האָט זיך אויסגעליידיקט, און גלײַך זײַנען געקומען אַנדערע אויסלאָדן דעם טויט־פראַכט אף אונדזערע קעפּ. איך און די קאַרטאָפל זײַנען צוגעדעקט מיט א קאָלדרע פון ערד. ווער וועט גלייבן, אז פון די אופרײַסן איז בא מיר איבערגעגאַנגען די טויבקײַט? כ׳האָב מיטאמאָל דערפילט א פארלײַכטע־

רונג, אָט אזוי ווי נאָכן באָדן זיך, ווען מע טרייסלט אויס, שפּרינגענדיק אויף איין פוס, די טראָפּנס וואסער, וואָס פארקלייבן זיך אין אויער.

געוויינלעך קומט נאָך אזא ארטילעריע־ און אוויִא־צוגרייטונג די אינפאנטעריע, אָבער דערוויַיל פּילט מען ניט, זי זאָל זיַין באנאנד מיט אונדז. די ארטילעריע האָט געשאָסן פונדערוויַיטן. קאָן זיַין, אז דאָס האָבן די דיַיטשן זיך געוואָלט דערוויסן, וויפל פארמאָגן מיר הארמאטן און ווו זיַינען זיי איַינגעשטעלט, קעדיי פארפיקסירן און דערנאָך פארניכטן אונדזערע פיַיער־קנופּן. קיין ענטפער האָבן זיי ניט באקומען, וועלן זיי נאָך א פּאוזע אָנהייבן ווידער אלץ אפסניַי. פון מאָל צו מאָל דערטראָגט זיך אויך א קויל, נאָר ס׳איז ניט צו פארשטיין, פונוואנען שיסט מען. מיט א צוגע־זשמורעט אויג קוק איך אריַין אין דער רער פון מיַין ביקס — זי איז אין אָרדענונג. נעכטן האָב איך זי גוט אויסגערייניקט, בלישטשעט זי מיט א זילבערנעם גלאנץ. באלד וועל איך צונויפנעמען די קארטאָפל און זיך לאָזן אפגיך צום אָקאָפּ, עמעצער לויפט שוין מיר אנטקעגן. וואָס מיינען זיי, כ׳וועל אליין זיך ניט דערקליַיבן?

איצט האָבן פאר אונדז זיך גענומען די מינענוואַרפערס, דאָס מין געווער, וואָס איז באזונדערס געפערלעך, ווען דו ביסט אין אָפענעם פעלד. ווער פון די קורסאנטן ס׳האָט מיר געוואָלט העלפן, ווייס איך ניט, אף אזא מעהאלעך האָב איך אים ניט דערקענט. נאָר ער האָט מיך געפאָלגט. כ׳האָב צו אים עטלעכע מאָל א מאך געטאָן מיט דער האנט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אף דער ערד אוןווארט אף מיר. דאָס איז אויך איבעריק. מיַין מיין איז געווען, ער זאָל זיך צוריק אומקערן. איצט דער־קען איך אים — ס׳איז באָקאָוו, ער ליגט מיט ברייט צעשפּרייטע פיס, ווי באם קוילנוואַרפער.

— וואלענטין, — שריַי איך צו אים, — ווי נאָר ס׳וועט שטילער ווערן, לאָזן מיר זיך לויפן. איך טראָג איַיך עסן. אין קיין הילף נייטיק איך זיך ניט. דו הערסט מיך? וואָס שוויַיגסטו? — איך פּויזע צו אים, און וויַיל ס׳האָט מיך שוין באהערשט א שווער פאָרגעפיל, שריַי איך אף א קאָל, ווי הויך איך קאָן, — וואליע, אויב דו שפּאסט, וועל איך דיך א זעץ טאָן מיטן שטיוול אין הינטן. כ׳וועל זאָגן מאליכינען, וועסטו באקומען א פיַיג, און ניט קיין קארטאָפל. ביסט ניט פארוווּנדעט. באלד וועל איך זיך מיט דיר צערעכענען. אָט באלד...

אויב באָקאָוו לעבט שוין ניט מער, איז דער טויט געקומען צו אים אָט ערשט. די פארב אף זיַין אומבאוועגלעך פּאָנעם האָט זיך נאָך ניט געביטן, אפילע די ליפּן זיַינען נאָך ניט בלייך געוואָרן, און אין ערגעץ זע איך ניט קיין סימען פון בלוט. צי דען וועלן בא אים באלד ניט קיין ציטער טאָן די וויִעס און אין זיַינע אויגן וועט זיך ניט באוויַיזן קיין לעבעדיק פיַיערל? איך כאַפּ ארויס דעם אינדיווידועלן מעדי־ציינישן פּאקעט. דאָרט ליגן צונויפגעלייגט צוויי קליינע וואטע־קישעלעך, ארומגע־צויגן מיט מארליע, א בינט, אן אמפּולע מיט יאָד און אן ענגלישע שפּילקע. נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם, אויב מע זעט ניט קיין ווּנד? פּאָרזיכטיק, ווי מע וואָלט אים נאָך געקאָנט פארשאפן ווייטעק, קער איך אים אויס אף דער פּלייצע. אָט איז דאָס לעכעלע פון א קויל. קיינער וועט אים שוין ניט העלפן. איז צוליב וואָס זשע שפּיליע איך נאָך אָפּ די קנעפּלעך אף זיַין גימנאסטיאָרקע און לייג צו דעם אויער צו דער ברוסט? דאָס הארץ שוויַיגט. אפן האלדז בא אים הענגט אף א שנירל א קליין ציילעמל. איך נעם עס אראָפּ און לייג אריַין צו זיך אין קעשענע. קיין טרער לויפט ניט אָן. די האנט ציטערט ניט. מע קאָן מיינען, אז א לעבן לאנג האָב איך זיך פאר־בומען נאָר מיט אזעלכע זאכן.

...וואלענטין פעדאָטאָוויטש איז געווען ניט פון די מענטשן, מיט וועמען ס'איז לײַכט זיך צונויפגיין, גלײַך ווערן גוטע פרײַנט. מיר מיט אים האָבן זיך פּאַשעט גוט פאַרהאַלטן. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך אָפּשײַ. וועגן ציילעמל, אַשטייגער, האָבן מיר אַלע געוווּסט, נאָר פרעגן, פאַרוואָס דער געוועזענער לערער און קאָ־מענדיקער קאָמאַנדיר באַקאָוו, כאָטש אין גאָט גלייבט ער ניט, טראָגט עס אויף דער ברוסט, האָט קיינער ניט געוואָגט. איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך געבאָדן, איז מיט אַזאַ פראַגע צו אים צוגעשטאַנען אַ קורסאַנט פון אַן אַנדער וזוואָד, און באַקאָוו, וואָס האָט צוערשט פאַראַקשנט געשוויגן, האָט אים דערנאָך ווײַט ניט איידל אָפּ־געענטפערט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ס'האָט זיך פאַרקאָכט, ווי מע זאָגט, אַ קאַשע אויף ניט אײַנצושלינגען און ניט אויסצושפּײַען, גלײַך דאָס וואָלט איצט געווען די גרעסטע זאָרג פעסטשטעלן, צי שטימט מיט אונדזער עטיק, אַז אַן אַטעיִסט, אַ מענטש מיט הויכער בילדונג, זאָל טראָגן אַ ציילעמל. אייניקע האָבן געטײַנעט, אַז אַזוי קאָנען טאָן נאָר פאַלשע מענטשן, וואָס האַלטן זיך ניט בײַ קיין שום פּרינ־ציפּן, איז ווי קאָן מען אַזוינעם פאַרטרויען אין שלאַכט? די מײַסע איז דערגאַנגען ביז צו אַיוואַשינען.

אים, פאַרשטייט זיך, האָט באַקאָוו דערציילט, ווי די זאַך איז. דאָס ציילעמל האָט אים אויפגעהאַנגען אויפן האַלדז די מאַמע און פאַרשווירן, אַז ביז די מילכאָמע וועט זיך ניט ענדיקן, זאָל ער עס נישט אַראָפּנעמען ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט, וועט עס אים אויסהיטן פון אַ קרענק, פון אַ וווּנד און פון טויט, פּונקט ווי עס האָט אויסגעהיט איר טאַטן, וואָס האָט אָט דאָס ציילעמל געבראַכט אין יאָר 1878 פונעם באַלקאַנישן קריג.

— דײַן זיידע, — האָט זי געזאָגט, — איז געווען איינער פון די גענעראַל גור־קאָס שפּיץ פונעם באַרג שיפּקע, ווען די טערקן האָבן אים געשטורעמט, און, אַ לויב צו גאָט, געקומען אַהיים אַ גאַנצער.

נאָכן זיידן איז די קאַמייע איבערגעגאַנגען בעירושע צו וואַלענטינס טאַטע, פעד־דאָט באַקאָוו, וואָס איז געווען אַ סאָלדאַט בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און דערנאָך אַ רויטער קאָמאַנדיר בײַסן בירגערקריג. דער טאַטע האָט אָנטיילגענומען אין פיל שווערע שלאַכטן, און קיין קויל האָט אים ניט גענומען. איז אָט גלייבט זי, די מאַמע, אין דעם, וואָס בײַ איר איינציקן זון הייסט עס זאַבאַבאָנעס, און בעט אים מיט טרערן, ער זאָל זי פאָלגן...

— דו האָסט אים שוין געטראָפן אַ טויטן? — דאָס זאָגט מיר פּימענאָוו, וואָס האָט פויזענדיק זיך דערקליבן אַהער.

אָנשטאָט אַן ענטפער גיב איך אים אָפּ דאָס ציילעמל. פעדיע איז פון איין שטאָט מיט וואַלענטינען, און ווער ווייסט, עפּשער וועט ער נאָך אַמאָל קענען עס איבער־געבן זײַן מאַמען. וואַלענטינען לייגן מיר אוועק אויף זײַן אייגענער שינעל, און ווי נאָר די מינעס הייבן אָן פאַלן אַ ביסל ווײַטער פון אונדז, טראָגן מיר אים צום אָקאָפּ, וואָס אונדזער וזוואָד פאַרנעמט. אויב ס'וועט זײַן אַ מעגלעכקײַט, וועלן מיר נאָך הײַנט, ערגעץ דאָ באַנאַנד, אויסגראָבן אַ גרוב און באַהאַלטן אונדזער געהאַרגעטן כאַווער.

די „גרינע שינעלן" זעט מען נאָך אַלץ ניט. די דײַטשן מיינען, ווײַזט אויס, אַז זייער אַרטילעריע און אַוויִאַציע וועלן אונדז צוזאַמען מיטן שלאַכטפעלד פונדער־ווײַטן צערײַבן אָדער כאָטש אויף אַזויפיל פאַראַליזירן אונדזער פאַרשטאַנד, אַז מירן אָן אַ געשלעג אָפּטרעטן.

אז מע זיצט אין אַקאַפּ, זײַנען די באַמבעס, די סנאַריאַדן און מינעס שוין ניט אַזוי שרעקלעך. הײַנט נאָך, אַז דו זעסט פון רעכטס און פון לינקס גוט באַקאַנטע פּנימער. סערגייעוו האָט מיך פאַרכידעשט. ווער וואָלט געגלייבט, אַז ער איז פייִק זיך אָפּזאָגן אַפילו פון א ברעקל קאַרטאָפל. באַם טיילן די פּאַרציעס האָט ער, אָנ־ווײַזנדיק אויף מיר, א פרעג געטאָן:

— כעוורע, און וויאַזוי וועט זײַן, אויב אונדזער פּאָלקס־קאָמיסאַר פאַר פאַרבינ־דונג וועט ניט באַקומען זײַן כײלעק ניט דאָ, ניט בא וואַסילי איוואַנאָוויטשן, דער־צו, — ער האָט א קוק געטאָן אויף די קאַרטאָפליעלעך, — זאָגט מען, אַז פאַר א שלאַכט טאָר דער מאָגן ניט זײַן איבערגעפולט. לאָמיר אים אָפּגעבן באַקאָווס פּאַרציע, און דערפאַר וועט ער אונדז ברענגען גוטע נײַס, אַשטייגער, אַז די „קאַ־טיושעס״ וואַרטן, מיר זאָלן זיי א פינטל טאָן מיטן אויג, דאַן וועלן זיי ווידער א שפּײַ געבן מיט פײַער אויף די פאַשיסטן.

רוזין, — איצט וועט ער זײַן דער ערשטער נומער באַם קוילנוואַרפער, — שאָקלט מיטן קאָפּ: ער איז מאַסקים. יאַקימאָוויטש דערלאַנגט מיר א שמאַטקעלע, אין וועלכן ס׳איז פאַרבונדן א ביסעלע פאַרגעלטע צונויפגעקלעפּטע זאַלץ. עטלעכע מאָל טו איך מיט דער צונג א לעק פונעם קניפּל און קער עס אום יורען, ער הריי־זעט אָפּ א שטיקל און נעמט עס זויגן, ווי דאָס זאָל זײַן געשמאַק, ווי שאָקאָלאַד.

מאַליכין לאָזט ניט, איך זאָל זיך דאָ אויף אַן איבעריקער מינוט פאַרהאַלטן. ער דאַרף, אַז זײַן פאַרבינדלער זאָל די גאַנצע צײַט זײַן לעבן ראַטע, און די באַפעלן זאָלן צו אים דערגיין וואָס גיכער, און דערצו איז ער נאָך אויף מיר א ביסל אָנגע־דראָדלט. עס האָט זיך באַקומען, אַז איבער מיר דאַרף ער איצט אוועקשיקן דרײַ מענטשן פון יעליסייעווס שוין אַזוי אויך שיטער געוואָרענער אָפּטיילונג. אָבער וויאַזוי האָב איך געקענט ניט ענטפערן איוואַשינען אויף זײַן פראַגע?

פּאַרגעקומען איז עס אַזוי.

דער עלטערער לייטענאַנט פלעגט אויסנוצן יעדער פאַרהעלטניסמעסיק פרײַע מינוט, אַלציינס, צי איז פאַר אים געווען די גאַנצע ראַטע אָדער אַפילו איין קור־סאַנט, קעדיי עפּעס נאָך אונדז אויסלערנען. קוקנדיק אין פעלד־בינאָקל, האָט ער פאַריינס אײַנגעטײַנעט מיט די פיר פאַרבינדלער לעבן אים:

— פאַר יעדער שלאַכט איז וויכטיק וויסן, וואָס קלײַבט זיך פאַרנעמען דער פּײַנט. וויסן גענוי. מע דאַרף זיך ניט פּרווון לייזן אין געדאַנק אַבסאָליוט אַלץ פאַרן סוינע. דאָס קאָן ברענגען צו פעלערן, און פאַר זיי קומט אויס צאָלן מיט מענטש־לעכע לעבנס, — ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פונעם בינאָקל און זיך אײַנגעקוקט אין אונדז, ווי ער זאָל עמעצן אָנגעשטרענגט זוכן און ניט געפינען. — ווער פון די קורסאַנטן קען דײַטש?

כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס האָט ער אין זינען — פון די קורסאַנטן, וואָס זיצן דאָ, בין איך דאָך מעכוייעוו געווען זאָגן:

— א ביסל קען איך.

— און ווער נאָך פון אײַער וזוואָד? מע מוז וואָס גיכער ברענגען אהער א לע־בעדיקן דײַטש.

— זייער גוט קען יורעניעוו, א ביסל שוואַכער פימענאָוו און יאַקימאָוויטש.

— איז גיט איבער מאַליכינען, אַז דאָס וועט זײַן א גרופּע אויף צו כאַפּן א „צונג״. ניין, אָנשטאָט פימענאָוון זאָל ער שיקן סערגייעוון, ער שיסט בעסער און איז קרעפּטיקער. אויב ביז 11.00 וועלן די דײַטשן ניט אריבער אין אָנגריף, טרעט

די גרופּע אַרויס. גוט וואָלט געווען, ווען זיי כאַפּן אַ מאָטאָציקליסט. די דײַטשישע פאַרבינדלער קורסירן הין און צוריק אויף מאָטאָציקלען. דאָס וואָלט געווען די „צונג”, וואָס מיר דאַרפן. אומקערן דאַרפן זיי זיך ניט שפּעטער פון 15.00. קלאָר?

מאַליכין דערקלערט יורען, אָלעגן און קאָליען זייער אויפגאַבע, באַלד וועלן זיי זיך לאָזן מיטן וועלדל צום וועג, און איך — אויף צוריק צו איוואַשינען. די רוקזאַקן נעמען זיי ניט מיט זיך, נאָר יורע גריבלט זיך אין זײַן „סידאָר”. מיר אַלע האָבן זיך באַמיט באַפרײַען פון אַלץ, אָן וואָס מע קאָן זיך ווי־ניט־איז באַגיין, און בײַ אים איז דער רוקזאַק אָנגעשטאָפּט מיט אָן אַ שיר זאַכן, וואָס איין גאָט ווייסט, צוליב וואָס ער שלעפּט זיך מיט זיי. אָט געפינט ער דאָרט אַ קנויל דינעם דראָט. דאָס גראָד דאַרף מען איצט. בײַ סערגייעוון קלעקט ניט קיין געדולד.

— יורע מיט זײַנע שטיקעלעך. באַלד וועט ער נאָך מיר און דעם פּראָפעסאָר יורעניעוו לייענען אַ לעקציע אויף דער טעמע „דער וואַלד פאַרשיקערט בעסער ווי אַלטער ווײַן”, אָדער ער וועט אונדז אַ פּאָר שאָ דערציילן, ווי די בלעטער זינגען, און מיר הערן עס ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די קלאַנגען דערגרייכן ניט צו אונדזערע אויערן. ערשט הײַנט באַנאַכט האָט ער, ווי אַ מאָנאַך, געבעטן, אַז גאָט זאָל ניט דערלאָזן, ער זאָל זײַן מיט מיר איניינעם אין זאַסאַדע. זעט איר, מײַן געמבע געפעלט אים ניט. נעמט גאָט און טוט אונדז אָפּ ביידן אַפּצולאָכעס.

— סערגייעוו, — שרײַט יעליסייעוו אויף אים אָן, — פאַרגעסט זיך ניט, — און שוין מיט גאָר אַן אַנדער שטים, — נאַ, ניקאָלײַ, פאַררייכער. יורע, שוין צײַט. סטאַרטעט זיך גיכער אומקערן. וואָס פאַר אַ קאָמאַנדיר בין איך אָן אײַך? אָלעג, נעם נאָך איין גראַנאַטע.

ס'איז שוין באַלד האַלבער טאָג. די אַעראָפּלאַנען און האַרמאַטן לאָזן נאָך צורו אויף אַ צײַט, נאָר וואָס האָבן צו אונדז די מינענוואַרפער? די מינעס טראָגן זיך אַזוי געדיכט, אַז איינע קאָן אָנטרעפן אויף אַ צווייטער. שוין ביז דער אַטאַקע האָבן מיר היפּשע פאַרלוסטן. פון די פיר פאַרבינדלער איז אויך איינער טויט און איינער שווער פאַרוווּנדעט.

אַרום איינס אַזייגער האָבן די דײַטשן זיך באַוויזן. אָט־אָט וועלן זיי ווער ווייסט וויפל זיך אַ לאָז טאָן אויף אונדז. שיסן האָט ניט קיין זין, ווײַל זיי לויפן נאָך דערווײַל אײַנגעבויגענערהייט גאַנץ ווײַט פון אונדז. איינער, געוויס אָן אָפּיצער, האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ בערגל, זיך אויסגעגלײַכט און געבליבן שטיין, ווי אַ פלאָקן. ער איז מעשוגע, צי וואָס? ווען ניט איוואַשין, וואָלטן מיר שוין אין אים ארײַנגעזעצט ניט איין קויל. אויב לאַנג אויספּרווון אונדזער געדולד, קאָן זיך נאָך באַקומען, ווי מיט יענער מאַשין באַם בריקל.

אונדזער קאָמאַנדיר זעט מיסטאָם, וואָס פאַר אַ „פלאָקן” עס שטייט דאָרט. אַגעוו, איז ער שוין ניט אַליין. זיי זײַנען שוין אינפירן. נאָך איינער איז צו זיי צוגעלאָפן און גלײַך נעלעם געוואָרן.

איך ווייס, אַז אויב זייער לאַנג צילן זיך, קאָן מען ערשט דאַן ניט טרעפן, נאָר דאָס מאָל בין איך אין זיך זיכער.

— פײַער!

אויף איבערלאָדן די ביקס פאָדערט זיך ניט קיין קאָמאַנדע. איוואַשין באַווײַזט בייסמײַסע געבן אַ זאָג:

— באַלד וועט מען זיי נעמען אַף טראָגבעטלעך. אַכטונג! פײַער!

אײַנגאַנצן פיר אוועקגעלייגט, נאָר פאַר אַ פּאָטשאַטעק איז עס ניט שלעכט. אַרויסשטעלן דעם קאָפּ איז אומעגלעך. מינעס און קוילן האָבן זיי מער, ווי שטיינער אין יאַם. די אעראָפּלאַנען מיט די האַקנקרייצן זײַנען ווידער דאָ. איין רינג האָט שוין אונדזער שטיקל ערד צעטרייבערט און באַפרײַט אַן אָרט פאַר אַ צווייטן רינג, דער צווייטער — פאַר אַ דריטן, און באַנײַס איז דאָ דער ערשטער.

מיר זײַנען פאַרטויבט, פאַרטשאַדעט, פאַרהלושעט.

די פיס זײַנען שטײַף אָנגעשפּאַרט אין איין וואַנט פון אָקאָפּ, און די פּלייצע אין דער אַנטקעגנדיקער, און דאָך דאַכט זיך מיר, אַז איך הוידע זיך צוזאַמען מיט דער ערד. אַ שטיק צעשפּליטערט האָלץ פליט אַרײַן מיט אַ ווילדן פײַף אין אָקאָפּ און טרעפט אין מײַן שאָכן. ער פאַרשטעלט די ווונד מיט דער האַנט. מײַנע אויגן זײַנען נאָך בעקויעך באַמערקן בלוט־פלעקן...

עס פײַערט נאָך אַלץ, נאָר ביסלעכווײַז קום איך צו־זיך. האָט איוואַשין באַמערקט, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך בין געווען? אויב יאָ, וועט ער עס מיר ניט מוחל זײַן. ווו זײַנען די דײַטשן? וואָס קאָן פאַר זיי זײַן בעסער, ווי אָנגרײַפן בייס אַזאַ „קאָנצערט". ווי דאָס זאָל ניט זײַן געפערלעך, נאָר מע מוז אַרויסשטעקן דעם קאָפּ און זיך אַרומקוקן. עמעצן שטופּ איך אָפּ אָן אַ זײַט, איבער עמעצן טרעט איך איבער, און אָט איז אַ מין טרעפּל, וואָס אויב זיך אופשטעלן אַף דעם, קאָן מען זיך אַרויסרוקן ביז דער ברוסט און זען, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז.

דער דזאָט שטייט ניט גערירט. ס'איז פונקט ווי זיי זאָלן וויסן, אַז מיר האַלטן זיך וואָס ווײַטער פון אים, און דערפאַר ווילן זיי אַף אים קיין סנאַריאַדן ניט פאַרטערן. דאָס פעלד איז אײַנגעהילט אין פּולווער־רויך, נאָר דורך האַלב ליכטיקע „פענצטער" זעט מען פונדעסטוועגן, וואָס עס טוט זיך. אויב אורטיילן לויט דעם, ווי עס לייגן זיך די מינעס, זײַנען נאָך די דײַטשן ניט נאָענט. פון דעם געדאַנק ווערט אַ ביסל גרינגער. כ'טו זיך אַ קערעווע אַף רעכטס, און מײַנע אויגן באַגעגענען זיך מיט איוואַשינס אויגן, וועלכער שטייט אויך אַף אַזאַ טרעפּל, ווי איך. זײַן מאַך מיט דער האַנט באַטײַט מיסטאָם: „באַהאַלט דעם קאָפּ!" און ווײַל איך פאָלג אים ניט, באַווײַזט ער מיר אַ פויסט. איך טו, ווי ער, אַ פאָך מיט דער האַנט, וואָס דאַרף באַטײַטן דאָס זעלבע: „פאַרבאַהאַלט דעם קאָפּ!" ער קוקט אַף מיר, ווי איך וואָלט געווען ניט בײַ די געדאַנקען: אַ קורסאַנט קאָמאַנדעוועט מיט אים. און עפּשער האָט ער מיך אין אָט דעם געהענעם, וואָס ווירבלט און קאָכט אַרום אונדז, ניט פאַרשטאַנען. אָן אַ קלאַנג אַרויסצוברענגען, ווי ווען מע האָט צו טאָן מיט אַ שטומען, שרײַ איך מיט די אייגענע ליפּן, ער זאָל איבערלייענען אַף זיי:

— פאַרבאַהאַלט דעם קאָפּ! — און ווידעראַמאָל און לאַנגזאַמער: — פאַר־באַ־האַלט דעם קאָפּ!

פונעם שטאַרקן אופרײַס האָט דאָס פעלד זיך אַ הייב געטאָן. אַ הויפן הייסע ערד האָט מיך אַ פּאַטש געטאָן אין פּאָנעם, און כ'בין אָפּגעפלויגן אָפּן דנאָ פון אָקאָפּ. נאָך גוט, וואָס די אויגן־לעפּלעך האָבן אַליין פון זיך צו דער צײַט זיך פאַרמאַכט. איך האַלט אין איין שפּײַען, און צווישן די ציין, אונטער דער צונג, באַם סאַמע האַלדז איז פול מיט ערד און זאַמד.

שטיקלעך מאַכשאָוועס פּלאָנטערן זיך אין מויעך: ווי קאָן אָט דאָס פעלד אַרײַנעמען אין זיך אַזויפיל פײַערדיק אײַזן? אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס? וויאַזוי האָט עס אָלעג געזאָגט? זיך דערמאָנט: „אויב עס וועט פּאָרט געשען אַ נעס, און עמעצער

פון אונדז וועט בלײַבן לעבן, וועט ער זײַן עלטער פון זײַנע יאָרן, ער וועט זײַן אַן אַנדערער, ווי געוועזן". מיסטאָם וועט עס קיינער פון אונדז סײַוויסײַ ניט קאָנען באַשטעטיקן און ניט קאָנען אָפּלייקענען. אַ שאָד, וואָס כ'האָב אין לעבן אַזויפיל זאַכן ניט באַוויזן אָפּטאָן. אַלץ אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערשמאָל, קיין אַנדערשמאָל וועט שוין, ווײַזט אויס, ניט זײַן. אָבער אַזוי פּאַסעט וועלן מיר ניט אומקומען. מיר וועלן נאָך אויף אָט דעם שטיק פעלד נעמען נעקאָמע אין די היטלעראָווצעס, כאָטש זיי זײַנען צען אויף איינעם...

דורכויס שלאַכט

פונעם דנאָ פון אָקאָפּ זע איך אַ שטיק אויסגעשיילטן הימל־רוים, וואָס האָט אויף אַ ווײַל אופגעהערט צו כליופּען מיט פײַערדיקע בליצן. ווען אין הימל איז געווען ענג פון די „יונקערס", האָט די פאַשיסטישע אינפאַנטעריע ניט געהאַט קיין צוטריט צו אונדזערע פּאָזיציעס. די באָמבעס האָבן זיך געריסן ווײַטלעך פון די אָקאָפּעס און פאַרייניס געקאָנט פאַרטשעפּען די דײַטשן. איצט איז פאַר זיי די רעכטע צײַט אָנצוגרײַפן. דאַרף מען נעמען די אויגן אין די הענט און ניט זיצן, ווי קיין טאָם.

נאָך דער באָמבאַרדירונג ריידן מיר אַלע זייער הויך, איך דערקען אַפילע ניט מײַן אייגענע שטים.

— ווו איז דער עלטערער לייטענאַנט? — שרײַ איך.

— איוואַשין, — ענטפערט מען מיר, — איז אוועק אין דער ריכטונג צו אײַער ווזוואָד.

שיין וועל איך אויסזען, אויב דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע וועט קומען צו אונדז, און איך, דער פאַרבינדלער, וועל ניט זײַן מיט אים. עס שאָקלט מיך, ווי אַ שיקער, נאָר כ'לויף. אין אַזאַ קעלט וואָלטן אין די פאַרפרוירענע הענט געקאָנט פאַרגיין זאַשפּערעס, און איך וויש מיטן אַרבל דעם געדיכטן שוויס, ער זאָל ניט קריכן אין די אויגן.

אין אָקאָפּ בין איך אַרײַן צו דער צײַט. ווידער „באַאַרבעט" מען דאָס פעלד, אַז מע קאָן די נאָז ניט אַרויסשטעקן. צום געוואַי האָב איך זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט און כ'געדענק, אַז אויב, כאָלילע, זיך פאַרלירן אויף איין רעגע, קאָן דערנאָך זײַן שפּעט. דעם באַאָבאַכטער, וואָס שפּירט נאָך די דײַטשן, איז פיל ערגער, ווי מיר. באַ אַזאַ פײַער האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו אַ הויכער סאָסנע און רײַסט ניט אָפּ די אויגן פונעם טראָפּיינעם בינאָקל. דער קורסאַנט, וואָס ברענגט די ידיעס פון אים, איז געקומען צו לויפן און טיילט איצט מיט איוואַשינען, אַז אַ ראָטע היטלעראָווצעס פאַרגייט אונדז פון רוקן.

אין פאַרגלײַך מיט די איבעריקע קורסאַנטן פון מײַן ווזוואָד נעם איך אויף די ביטערע נײַעס אַ ביסל רויִקער. דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך ווייס, און זיי ווייסן ניט, אַז גראָד פון מיזרעך דעקט אונדז צו יעוווסטיגנייעווס גרופּע, וואָס אַפילע אין ערגסטן פאַל איז עס שוין אַ בופער, וואָס וועט אָפּשוואַכן דעם אומגעריכטן קלאַפּ אין פּלייצע. איוואַשין האָט נעכטן געזאָגט דעם סטאַרשינאַ „אָבער ניט פון אונדזערע אָקאָפּעס", האָט יעווסטיגנייעוו מיט זײַנע רויטאַרמייער פאַר דער נאַכט אויסגעגראָבן און גוט פאַרמאַסקירט באַם ראַנד פון וואַלד „אייגענע" אָקאָפּעס. דער סטאַרשינאַ האָט מיסטאָם געמיינט, אַז פאַר איוואַשינען וועט דאָס זײַן אומ־

געריכט, נאָר גאַנצפרי האָט אים דער עלטערער לייטענאַנט אָפגעשיקט די קוילן און גראַנאַטעס, וואָס מיר האָבן נעכטן „אַנטליִען", אַן עמער מיט געקאָכטע קאַרטאָפל און אַזאַ בריוועלע:

„כאַווער סטאַרשינאַ! אַ דאַנק, וואָס איר זײַט דאָ פאַרבליבן. שיקט צו מיט אַ פאַרבינדלער אַ צעטל פון אײַערע רויטאַרמייער. ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די דײַטשן וועלן פאָרנעמען אַ מאַנעווער, און די ערשטע וועט איר אַרײַנטרעטן אין שלאַכט, לאָזט זיי צו וואָס נעענטער און באַגעגנט זיי מיט אַ געדיכטן פײַער.

עלטערער לייטענאַנט איוואַשין".

מע זאָל אָנהייבן קעגן אונדז אַן אָנגריף פון פראָנט איז דערווײַל ניט צו באַמערקן. ניט ווײַט פונעם בערגל, ווו מיר האָבן אוועקגעלייגט די פיר אָפיצערן, זײַנען אַ פאָר מאָל אײַנגעבויגענערהייט דורכגעלאָפן דײַטשן. אַף אַזאַ מעהאַלעך זײַנען זייערע אויטאָמאַטן פאַר אונדז ניט געפערלעך. מעגלעך, אַז דאָס קאָנצענטרירן זיי קויכעס, קעדיי אַטאַקירן אײנצײַטיק מיט דער ראָטע, וואָס גרײַפט אָן פון מיזרעך. איוואַשין שיקט מאַליכינען צו יעוווסטיגנייעוון, נאָר ער שאַפט גלײַך אָפ זײַן באַפעל. מיסטאַמע האָט ער זיך געכאַפט, אַז דער סטאַרשינאַ וואָלט זיך געפילט דערפון געטראָפן, געמיינט, אַז מע פאַרטרויט אים אויך איצט ניט. וועט אַהין גיין יעליסייעוו מיט זײַן האַלבער אָפטיילונג. אַ קוילנוואַרפער „מאַקסים" וועט דאָרט איצט זייער גוט צוניץ קומען.

ווײַזט אויס, אַז די דײַטשישע פליִער דאַרפן אויך איבערכאַפן דעם אָטעם. זיי באַרימען זיך מיסטאַמע אַצינד איינער פאַרן צווייטן, ווי זיי האָבן עס אונדז איבערגעמישט אײנײנעם מיט דער ערד. יאָ, טאַקע עמעס, נאָר פאָרט ניט אַזוי. אַז אונדזער שוץ־ליניע אָטעמט, לעבט, אַז מיר זײַנען ניט דעמאָראַליזירט, אַז עס זײַנען ניט פאַרניכטעט די פײַער־פונקטן, אַז אונדזער גײַסט איז ניט געבראָכן, וועט זיך נאָך איבערצײַגן אײַער פעכאָטע. אַוויִאַציע און אַרטילעריע אַליין קאָנען דאָך קיין פיצעלע ערד ניט אײַנעמען, און די פעכאָטע אײַערע אָפערירט זייער פאָרזיכטיק. קאָן זײַן, אַז זי היט זיך פאַר אַ נײַעם זאַלפ פון די „קאַטיושעס". ס'איז קיין כידעש ניט, מיר ווילן דאָך אויך גלייבן, אַז די „קאַטיושעס" וועלן נאָך אַ קנאַל טאָן.

ניט בלויז אַ שיטער געוואָרענעם באַטאַליאָן, נאָר אַ פולשטענדיק קאָמפלעקטירטן פאָלק איז שווער פאַרנעמען און אײַנהאַלטן אַ דורכויסיקע שוץ־ליניע אַף אַ פראָנט פון דרײַסיק קילאָמעטער. צום גליק, האָט דערווײַל די דײַטשן ניט אינטערעסירט די גאַנצע ליניע. פאַר זייערע מעכאַניזירטע קאָלאָנעס האָבן זיי באַדאַרפט האָבן גוטע, האַרטע, ווי מע זאָגט, וועגן. נאָר גראָד אין די אָפעראַטיוו־וויכטיקע פונקטן באַ אָט די וועגן האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט און דאָ איז געגאַנגען דאָס געשלעג. קאָן זײַן, דערפאַר איז אונדזער ראָטע באַפוילן אײַנהאַלטן ניט דאָס גאַנצע דאָרף, נאָר בלויז דעם מײַרעוודיקן טייל. באַם באַדינג, אַז אַף קיין הילף האָבן מיר ניט וואָס אויסצורעכענען, איז נאָך שווערער אויסצופילן אָט די אויפגאַבע. דער באַפעל האָט באַטײַט, אַז אַפילע ווען מיר וועלן זײַטן אין קלעם, מוזן מיר אַלץ פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר דעם מײַרעוודיקן טייל. פאָרזעצן מיט דער מאַקסימאַלסטער אָנשטרענגונג אַף דער גרענעץ פון די לעצטע מעגלעכקײַטן. די צײַט, ווען די פאַשיסטן האָט ניט שטאַרק געקימערט, וואָס אין זייער הינטערלאַנד געפינען זיך רויטאַרמייִשע טיילן און צעשפליטערטע גרופעס, איז פאַרבײַ. אַף די וועגן, וואָס פירן קיין מאָסקווע, האָבן זיי עס בעשום־אויפן ניט געקאָנט דערלאָזן.

...דער ראָטנע קערט זיך אום אפֿן קאָמאַנדע־פּונקט, און די פֿאַרבינדלער מיט אים. דאָס אַליין, וואָס ער וועט איצט זײַן גאַנץ ווײַט פֿון יעווסטיגנייעוון, הייסט, אַז ער פֿאַרלאָזט זיך אַף אים און אַז די הויפּט־אַטאַקע דערוואַרט ער פֿון מײַרעוו.

און אָט האָט זיך די אַטאַקע אָנגעהויבן. די פֿאַשיסטן זײַנען געגאַנגען הינטער אַ פֿײַער־פֿאָרהאַנג פֿון מינעס. די אווטאָמאַטן באַ די בײַכער, די פֿאָלעס פֿון די שינעלן פֿאַרשטעקט, זיי זאָלן ניט שטערן אין גאַנג. פֿאַרטײַען זיך, ווי יעווסטיגנייעווס גרופּע, האָט ניט קיין זין. זיי ווייסן זייער גוט, די היטלעראָווצעס, אַז מיר זײַנען דאָ. שיסן האָט דער עלטערער לייטענאַנט דערלויבט נאָר די בעסטע שיסער. זאָלן די היטלעראָווצעס וויסן, אַז אַפֿילע פֿון אַזאַ דיסטאַנץ קאָנען די רויטע יונקערס טרעפֿן אַף זיכער. דאָס איז דערווײַל ניט מער ווי אַן אויפֿגאַב. מיט יעדער שפּאַן ווײַטער וועט זיי באַגעגענען אַלץ אַ געדיכטער פֿײַער.

אין אַ פֿראָנט־אַטאַקע, מיינען מיר, האָבן זיי זיך געלאָזט, ווײַל זיי האָבן באַקומען דעם געהעריקן סיגנאַל פֿון דער ראָטע, וואָס גרײַפֿט אָן אַף אונדז פֿון הינטן. פֿאַרוואָס זשע איז דאָרט אַזוי שטיל? קיין שלעכטס וועגן יעווסטיגנייעוון ווילט זיך ניט קלערן, נאָר עס הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז די דײַטשישע ראָטע האָט שטילערהייט אַריבערגעשפּאַנט איבער זײַנע אָקאָפּעס. אַ נאַרישער געדאַנק, און דאָך מאַטערט ער. אָפּטרעטן האָט יעווסטיגנייעוו ניט געקאָנט, ניט געטאָרט. זײַן גרופּע איז דאָך פֿרײַוויליק פֿאַרבליבן דאָ, געוווּסט, וואָס עס שטייט פֿאָר, און דאָך פֿאַרבליבן. מיר ווילט זיך וועגן דעם פֿרעגן באַ וואַסילי איוואַנאָוויטשן, נאָר איך וואָג עס ניט צו טאָן. עס קלעקן אים דײַגעס אָן מיר.

כ׳האָב געמיינט, אַז באַ אַזאַ סיטואַציע ווערט אָפּגעגעבן איין באַפֿעל נאָכן צווייטן, און דאָ פֿאַרקערט: איוואַשין שטייט, ווי ער זאָל מיט קיינעם ניט קאָמאַנדעווען. דער עלטערער לייטענאַנט איז געווען קאַרג אַף אַ קאָמאַנדע באַם לערנען, און אַזוי אויך איצט, ווען עס דערנעענטערט זיך דער סוינע, און ניט מיר זײַנען בעקויעך זיך לאָזן אים אַנטקעגן און פֿאַרניכטן, און ניט מיר האָבן רעכט אָפּצוטרעטן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אומגעהייער שטיל. דאָס איז שוין גאָר פּאַסקודנע. בעסער וואָלט שוין געווען אַ פֿאַרטויבנדיקער געהילך. מיר שיסן ניט, ווײַל די דײַטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שמאָלן טאָל. אָט־אָט, און זיי וועלן, ווי הינט פֿון אַ קייט, זיך אַ ריס טאָן. און פֿאַרוואָס איז אַנשוויגן געוואָרן זייער אַרטילעריע? ווייסט זיי דער רוועך פֿאַרוואָס, אַזוי ווילן זיי. זיי קאָנען ניט אַרײַנדרינגען אין אונדזערע מויכעס, און אונדז גיט זיך עס אויך ניט שטענדיק אײַן.

ענדלעך! אַן אויפֿרײַס פֿון אַ קעגנטאַנקען־גראַנאַטע. צי דען האָט יעווסטיגנייעוו צוגעלאָזט די פֿאַשיסטן אַזוי נאָענט, אַז מע קאָן אין זיי טרעפֿן מיט אַ גראַנאַטע? גלײַך דערנאָך האָבן גענומען שטעפּן די קוילנוואַרפֿערס. די פֿאַשיסטישע ראָטע האָט אומגעריכט פֿאַר זיך אָנגעטראָפֿן אַף אַ שקוואַל פֿון פֿײַער און טרעט אָפּ. דאָס ווײַטערדיקע איז ביכלאַל שוין ניט צו באַנעמען. די דײַטשישע מינענוואַרפֿער האָבן פֿאַרצאַמט דעם וועג אַף צוריק זייערע אייגענע סאָלדאַטן, ס׳איז, ווי מ׳וואָלט געזאָגט: „איר קאָנט זיך ניט שלאָגן, וועלן מיר אײַך פֿאַרניכטן“.

ווי פֿאַרסאַמטע מײַז, טראָגן זיך די היטלעראָווצעס הין און צוריק. מיט ניט קיין באַוואָפֿנט אויג איז זיי שווער אײַנזען. דאָס האָט מיר דער קאָמאַנדיר געגעבן זײַן בינאָקל, איך זאָל נאָכשפּירן, וואָס טוט זיך אין טאָל, אַליין איז ער אַוועק אין צווייטן ווזוואָד, ווו פֿון אַ זײַטיק אָקאָפּ־קאָרידאָרל האָט עמעצער אַף אַ שטעקן אַרויסגערוקט אַ דײַטשישע קאַסקע און באַלד האָבן זיך אַהין אַ שאָט געטאָן מינעס.

קאָן זײַן, אַז אַזוי האָט מען באַדאַרפט, און עפּשער איז עס אַ נאַריש שפּיצל. אַף איוואַשינס פּאָנעם האָב איך דאָס מאָל גאָרניט געקאָנט איבערלייענען.

...לענגויס דעם שוצגראָבן שקאַנדיבעט, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף אַ שטעקן, און עסעסאָוועץ מיט אַן „אײַזערנעם קרייץ״ אַף דער ברוסט. יאַקימאָוויטש און סערגייעוו גייען פון הינטן. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזוי נאָענט אַ פאַשיסט, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. די אויגן זײַנען בײַ אים אויפגעריסן, ווי בײַ אַ יאַם־אַקון, און ער בלינצלט מיט זיי, ווי אַ דערשראָקענע כײַע. דער רוקזאַק פון ניט באַאַרבעטער קעלבערנער פעל הענגט בײַ אים שיר ניט אַפן הינטן. ער גייט, ווי אַ באָרוועסער איבער געקרישלט גלאָז, די שרעק צווינגט אים שטאַרבן פאַרן טויט.

יאַקימאָוויטש האָט נאָך ניט דערווײַל וועמען צו ראַפּאָרטירן. איך האָב אַף אַ ווײַלע אָפּגעריסן דעם בליק פון בינאָקל און קוק אַף אים, אַף סערגייעוון. ניקאָלײַ האָט אַ פּאָר שטאַרקע ציי געטאָן דעם סיגאַרעט און אים פאַרלאָשן. שוין לאַנג, ווי מיר פאַרשטייען אײנס דאָס אַנדערע אָן ווערטער: איך פיל דאַך שוין, אַז ס׳איז געשען אַן אומגליק, איז וואָס ציִען זיי בײַ דער נעשאָמע און שווײַגן.

— יורע, ווו איז אָלעג?

יורע לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— אומגעקומען. דאָס איז געווען גאָר נאָענט פונדאַנען. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וועלדל, און אָלעג איז געגאַנגען אַ קוק טאָן, צי איז פרײַ דער וועג. ער איז אָפּגעגאַנגען ניט מער ווי אַ צוויי הונדערט טריט און דערזען פאַר זיך דײַטשן. מעגלעך אַפילע, אַז זיי האָבן אים ניט באַמערקט, און ער וואָלט געקאָנט זיך שטילערהייט אומקערן, נאָר ער האָט באַשטימט וואָרענען, אַז מע פאַרגייט אײַך אין טיל, און אַ שלײַדער געטאָן אין זיי אַ קעגנטאַנקעווע גראַנאַטע. מיר האָבן דאָך ניט געוווּסט, אַז דער סטאַרשינאַ מיט זײַנע רויטאַרמייער און גראַד אונדזער אָפּטיילונג לאָקערן נאָך און וואַרטן, זיי זאָלן צוגיין נאָך נעענטער. כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז בלויז פאַרוווּנדעט. צוקריכן צו אים איז געווען קימאַט אומעגלעך, און כ׳פאַרשטיי ניט, ווי האָט זיך עס סערגייעוון אײַנגעגעבן. אָלעגן האָבן מיר אָפּגעטראָגן אין ווזוואָד און אוועקגעלייגט לעבן באָקאָוון. אָט איז אָלעגס נאָטיץ־ביכל. דאָרט איז פאַראַן זײַנע אַ ליד „סאָלדאַטישע פרײַנטשאַפט״, ס׳איז וועגן אונדז.

מײַנע פרײַנט פּימענאָוו, יעליסייעוו, רוזין זײַנען איצט אין שלאַכט, דאָ לעבן מיר שטייען יאַקימאָוויטש און סערגייעוו, און מײַן פרײַנט יורעניעוו וועט שוין לעבן מיר ניט שטיין. איך שפּיר נאָך די דײַטשן און זע פאַר מײַנע אויגן אָלעגן. אַ מענטש איז ניט מער ווי אַ זעמדעלע אין יאַם, מער מיט אַ זעמדעלע, ווייניקער — אַלצאיינס. ניין, דאָס איז ניט אַזוי. ווען איך קלער וועגן אָלעגן, ווייס איך, אַז ס׳איז טויזנט מאָל ניט עמעס. פאַרוואָס האָבן מיר געפעלט פאַר אים גוטע ווערטער? זיי זײַנען דאַך שטענדיק געווען אַף דער שפּיץ פון מײַן צונג, און איך, נאָר, פלעג זיי, די ווערטער, דערוואַרגן, דערשטיקן און אַרויסברענגען אַזעלכע, ווי קאָליעס „פּראָפעסאָר״.

אויב מיר וועלן הײַנט בלײַבן לעבן, איז וויאַזוי וועלן מיר וועגן דעם אומגליק מיטיילן וויטאַלי סערגייעוויטשן, ראַיִסע יאַקאָוולעווונען? איך געדענק גוט, זי האָט אונדז געזאָגט: „יינגלעך, ווען איר אַלע זאָלט זײַן אַפן פראָנט אין איין טייל, וואָלטן מיר שוין געווען אַ ביסל רויִקער. קינדער, מיר, אײַערע עלטערן, בעטן אײַך, ווי ווײַט ס׳איז נאָר מעגלעך, זיך האַלטן אינאיינעם און אָפּהיטן איינער דעם צווייטן״.

מיר זײַנען אַלע איבײנעם, נאָר ווי:אזוי, ליבע מאמעס, זאָלן מיר בא אזא מיל־כאָמע אָפּהיטן אײנער דעם צווייטן? ווי:אזוי?

— כאוועך עלטערער לייטענאנט, דערלויבט מיטיילן, — הער איך יאַקימאָוויטשעס שטים.

— יאָ.

— אײַער באַפעל איז אויסגעפילט. געבראַכט אַ סאָלדאַט פון דער 44־טער עסעס־דיוויזיע. באַם אויספילן די אויפגאַבע איז אומגעקומען דער קורסאַנט יורע־ביעוו.

— יעווסטיגנײַעוס פאַרבינדלער האָט מיר שוין וועגן דעם מיטגעטיילט, דער סערזשאַנט יעליסייעוו און דער קורסאַנט יורעניעוו זײַנען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט.

מיר ווילט זיך איבערפרעגן: „דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג איז אויך אומגעקומען?”, נאָר אַנשטאָט דער פראַגע רײַסט זיך בא מיר ארויס איין וואָרט:

— דײַטשן!

איוואַשין נעמט צו בא מיר דעם בינאָקל. אויך אין דער מינוט וויל ער אונדז נאָך לערנען און עפּעס באַמערקט ער שוין אליין ניט, אַז ער טראַכט אין דער הייך:

— שפּעט האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַטאַקירן אונדז. אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן מיר זיי נייטן צופאַלן צו דער ערד און ניט לאָזן זיך שטעלן אַף די פיס. פּויזענדיק אַף אַלע פיר, וועלן זיי, ביז ס׳וועט פינצטער ווערן, זיך ניט דערקלײַבן צו אונדז. און אויב אַפילע יאָ, וועלן מיר לאָזן די באַגנעטן אין גאַנג. יאַקימאָוויטש, אָט דער טיף ווייסט, וויפל פּאַשיסטן עס גרײַפן אָן אַף אונדז?

— קימאַט אַ פּאָלק.

— אָ־אָ! און וויפל, האָט מען זיי געזאָגט, זײַנען מיר דאָ אַף אָט דעם פעלד?

— אַ פאַרשטאַרקטער באַטאַליאָן, וועלכן ס׳שטיצן „קאַטיושעס”.

— דערווײַל וועלן מיר זיך באַגיין אָן „קאַטיושעס”. סערגייעוו, איר דאַרפט אוועקלייגן אָט יענעם הויכן, וואָס לויפט פאָרויס. פײַער!

דער ערשטער זאַלפּ. ס׳איז געווען, ווי אַ הורא־אויסגעשריי, צו וועלכן מע גרייט זיך מיט אָנגעגנומענער לופט אין די לונגען. דעם סוינעס קייט איז נאָך פון פרי:ער אײַנגעטיילט אַף פיר סעקטאָרן. פאַר יעדער ווזוואָד אַ כיילעק. ווי ער זאָל ניט זײַן גרויס, מוז מען דעם כיילעק וואָס גיכער פאַרניכטן אָדער כאָטש אָפּשטעלן.

צום וויפלטן מאָל נעם איך זיך אָנצי:ען דאָס ביקס־ציגגל. די, וואָס געפינען זיך צוזאַמען מיט איוואַשינען, דאַרפן אין דער ערשטער ריי זיך צילן ניט אין די סאָלדאַטן, נאָר אין די אָפיצערן. מיר דאַרפן טאַקע, נאָר צי ווײַל דער אָוונט פאַלט שוין צו, אָדער ווײַל ס׳בלאָזט ניט קיין ווינט, וואָס זאָל צעווייען דעם פּולווער־רויך, און גיכער פאַר אַלץ דערפאַר, ווײַל די דײַטשן האָבן גאָר קיין כיישעק ניט צו לויפן אַנטקעגן אונדזערע קוילן, קלײַבן מיר ניט אויס, נאָר שיסן אין יעדן, וואָס מיר באַמערקן, אַז ער פּרוווט זיך אויפהייבן. זיי זײַנען אַ סאַך, אַ סאַך, און קוילן פלי:ען צו אונדז אָפּטער ווי צו זיי, נאָר טרעפן אין אונדז איז שווערער. די אָקאָפּעס זײַנען טיפע און ברייטע. דאָס מאָל האָבן מיר זיך ניט אומזיסט געסטאַרעט.

דער קאָמאַנדיר וויל, אַז דער עסעסאָוועץ זאָל דערקלערן, פאַרוואָס אַטאַקירן זײַנע „קאַמראַדן” אַזוי פויל. דער געפאַנגענער, וואָס ציטערט אויך איצט איימעס־מאָוועס, איז ניט קיין שטאַמלער, ער איז גרייט געטרוי דערקלערן:

— דער קריג גייט צום שלוס, הער אָבערלויטנאַנט, און דארום איסט מאַן זאַ פּאַרזיכטיק. קיינער וויל צום שלוס ניט אומקומען. דער געהילפס־קאָמאַנדיר פון אונדזער רעגימענט, זײַענדיק אופגעבראַכט, וואָס זײַן באַפעל ווערט ניט אויסגע־פילט, האָט פאַרגעסן אין פאָרזיכטיקייט און געפאָדערט, אז נאָך דרײַ אָפיצערן זאָלן זיך מעלדן צו אים אפן בערגל, זײַנען זיי אלע אומגעקומען... דרײַ אפן אָרט, און דעם געהילפס־קאָמאַנדיר, וואָס מיר איז באַפוילן געווען אָפּצופירן אים אף א מאַ־טאָציקל אין פעלד־לאַזארעט, האָבן אײַערע יונקערס...

דײַטש פאַרשטיי איך, דאַרף איך ניט וואַרטן, ביז יורע וועט איבערזעצן. דער־קלערן דעם עסעסאָווען, אז וואָס שײַעך סאָף מילכאָמע לעבט ער אין טאָעס, קלײַבט זיך איצט קיינער ניט. ער האָט ניט דערזאָגט, נאָר ס'איז אזוי אויך קלאָר: דעם אָפּי־צער, וואָס ער האָט געפירט, האָבן אונדזערע כעוורע אָפּגעשיקט אף יענער־וועלט. וואסילי איוואַנאָוויטש וויל וויסן, ווי דאָס איז פּאַרגעקומען, און יאַקימאָוויטש דער־לויבט זיך ניט ראַפּאָרטירן, נאָר קימאַט דערציילן:

— צוערשט האָבן מיר מיט אן אָנגעצויגענעם דינעם דראָט איבערן וועג גע־פּרווט פאַרהאַלטן א מאָטאָציקליסט, נאָר ער האָט געיאָגט מיט אזא גיכקײַט, אז מיר האָבן קוים באַוויזן אָנצײַען דעם דראָט. ברענגען אהער איז שוין ניט געווען וועמען. ס'איז נאָר אויסגעקומען אָפּשלעפּן פון וועג דעם טויטן פאַשיסט און דעם צעבראָכענעם מאָטאָציקל. דער, — ווײַזט יורע אפן געפאַנגענעם, — איז געפאָרן לאַנגזאַם, ווײַל אין רײַט־וועגעלע איז בא אים געזעסן א שווער־פאַרוווּנדעטער אָפּיצער, ער האָט זיך געסטאַרעט אויסמײַדן ווו א בערגל, א קאַנאַווע. פאַרן פאַר־וווּנדעטן איז ניט געווען וואָס מוירע צו האָבן, און בא דעם זײַנען ביידע הענט געווען פאַרנומען באַם רודער. באַמערקט האָט ער דעם דראָט, נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז, און גלײַך געגומען קערעווען דעם מאָטאָציקל אף צוריק. איך קאָמאַנדעווע אים: „האַלט!", און ער מיינט נאָך, אז ס'וועט זיך אים אײַנגעבן אנטלויפן. אין אזא פאַל, האָבן מיר זיך נאָך פריִער צונויפגערעדט, דאַרף סערגייעוו שיסן אין מאָטאָציקליסט און איך מיט יורעניעוון אין וועגעלע. קיין פעלדטאַש האָט דער אָפּיצער ניט געהאַט מיט זיך, און זוכן בא אים דאָקומענטן איז ניט געווען ווען. בא אָט דעם עסעסאָווען האָבן מיר צוגענומען דעם אווטאָמאַט און צוויי גראַנאַטעס. קיין וויכטיקע פאַפּירן האָבן מיר בא אים ניט געפונען, נאָר פאַרנאָגראַפישע קאַרטלעך, צווישן זיי — א פאָטאָגראַפיע, אף וועלכער ער שטייט און שמייכלט, קוקנדיק, ווי מע שיסט אין א גרופּע סאָוועטישע מענטשן. די פאָטאָ איז דאַטירט „10 יול 1941, וויטעבסק". זײַן רוקזאַק איז פול מיט אָנגערויבטע זאַכן. ער דערציילט, כאָווער קאָמאַנדיר, אז די טעג האָט מען זיי געמאָלדן: ניט שפּעטער פונעם צוואַנציקסטן אָקטיאַבער וועט מאָסקווע פאַלן און נאָכדעם וועט שוין די מילכאָמע זיך גיך ענדיקן.

באַם פאַשיסט זײַנען די אויגן פאַרלאָפן מיט ווילדקײַט. אזוי קוקט מיסטאָמע א וואָלף, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין פאַסטקע און עס שטייען שוין לעבן אים די יעגער. קיין רוסיש, האָט ער געזאָגט, פאַרשטייט ער ניט, נאָר ווען יאַקימאָ־וויטש האָט דערציילט, ווי מע האָט אים פאַרכאַפּט, האָט ער אלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אז יאָ, אלץ איז געווען פּינקטלעך אזוי, און אפילע א לויב געטאָן: „הער אָבערלויטנאַנט, די יונקערס האָבן געהאַנדלט שנעל און געוואַגט". אים, זעט איר, איז נאָר ניט געפעלן, וואָס יורע האָט אים אָנגערופן עסעסאָווען, „אײַן זאָלדאַט", — האָט ער אים פאַריכט. ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן וועגן דער פאָטאָ פון ווי־

טעבסק, האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי באַם אויסרײַסן אַ צאָן. ער האָט, דאַכט זיך מיר, אויך פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן וועגן זײַן „סידאָר".

אזוינע, ווי ער, האָבן הײַנט אומגעבראַכט יורעניעוון, יעליסייעוון, באָקאָוון.

...פרעגט באַ מיר, ווען האָט דער טאָג פאַרביטן די נאַכט, וועט מיר שווער זײַן זיך צו דערמאָנען. דאָס איז געווען — דער רועך ווייסט עס ווען דאָס איז נאָך געווען. באַלד, באַלד וועל איך צעפּלאָנטערן דעם פאָדעם. צוועלף אַזייגער באַנאַכט האָבן מיר זיך געגאַנוועט מיט די שווערע שטעכלקעס. איבער פּאַשעטע שטיקער אײַזן איז אַף אַ היפּשער צײַט געוואָרן אויס וועג, און אינדערפינצטער איז אַ רויבער באַ אַ רויבער גרייט געווען אויסשטעכן ביידע אויגן. און דערנאָך — דורכויס שלאַכט. אָפּטיילן די לעצטע נאַכט פונעם טאָג לאָזט זיך ניט.

קימאַט מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן כ'האָב גאַנצפרי געטראָגן קאַרטאָפל מײַן ווזוואָד, גייען אַהער צוויי מענטשן. אַזאַ אומזין. זאָלן זיי זיך נאָר דערקלײַבן אַהער, וועלן זיי פון איוואַשינען קריגן אַ פײַנע גאָב. דאָס באַגלייט אַ רויטאַרמייער פון יעוויסטיגנייעווס גרופּע אַ געפאַנגענעם היטלעראָוועץ. פירן אים מיט אַ מער זיכערן, נאָר לענגערן וועג, אָדער וואַרטן מיט דער „מאַטאָנע", ביז עס וועט פינצטער ווערן, קלעקט קיין געדולד ניט. אַ הײַפּעלע רויטאַרמייער האָט הײַנט אויסגעשפּילט אַ שווערע שלאַכט, און ס'איז ניט גרויס די זינד, אויב אַפילע אייגער פון זיי וויל אַ ביסל זיך אַ באַרים טאָן מיט זײַן העלדישקײַט, נאָר...

דאָרט, ווו ער איז נאָרוואָס געגאַנגען, רײַסן זיך צום הימל מוירעדיקע זײַלן ערד. מע קאָן מיינען, אַלע האַרמאַט־רערן פון פראָנט צילן אין אונדז. קיין קאַוווטשען פון באַזונדערע מינעס און סנאַריאַדן הערט מען שוין ניט. איבערן שלאַכטפעלד, וואָס איז אײַנגעהילט אין שוואַרצן רויך, טראָגט זיך אַ מעשוגעווילדער געבריל. וואָס איז עס? אַזאַ פּסיכישע אַטאַקע, מיר זאָלן ניט פאַרגעסן, וואָס עס דערוואַרט אונדז מאָרגן, אָדער מיר וועלן נאָך, ביז דער רויך וועט צעגיין, האָבן פאַר זיך דײַטשישע אווטאָמאַטלער אַזוי נאָענט, אַז עס קאָנען אויספּעלן די פינף סעקונדעס אַף איבערלאָדן די ביקסן? ס'וועט באַ אונדז קלעקן סינע און קויעך אַרײַנשטעכן די באַגנעטן אין די פּאַשיסטן, און אויב שיסן, — איז ביז דער לעצטער פּאַטראָן־ראַם, ווו עס ליגן פינף קוילן — פיר פאַרן סוינע און אייגע פאַר זיך.

ס'האָט נאָך מעהומעדיק געדונערט, און אַלץ אַרום האָט נאָך געגליט פון אויפרײַסן, נאָר ס'האָט זיך שוין געלאָזט ציילן: איין אויפרײַס, אַ צווייטער... אַ זעקסטער. שטאַרקער, שוואַכער. בליצן האָבן גענומען זיך שלענגלען אין הימל, דערנאָך זײַנען געדיכטער געוואָרן די שנירלעך טראַסירנדיקע קוילן. די דײַטשישע פּעכאָטע אין טאָל האָט, ווײַזט אויס, באַשטימט אָפּטרעטן אַף נאַכטלעגער אין די שוין פאַרנומענע דערפער. מיר זײַנען אויסגעשטאַנען נאָך איין טאָג.

פונעם שניי־דעק אַפן שלאַכטפעלד איז קיין סימען ניט פאַרבליבן. די ערד, וואָס איז געווען גאַנצפרי אײַנגעטונקען אין זויבערער ווײַסקײַט, איז געלעגן אַ דורכגעשאָסענע, אַן אופגעריסענע, אַ פאַרטשאַדעטע, און ווי אַלץ, וואָס איז בלוטיק אויסגעווייטעקט, איז אונדז נאָך מער טײַער געוואָרן איר יעדער ווערשאָק. באַלד וועלן מיר באַנאַנד מיט דעם שוצגראָבן אַף אייביק פאַרבאַהאַלטן אין אירע טיפעניש די געפאַלענע קורסאַנטן, און ווי זייערע אַ צאַוואָע, וועלן אופקומען אין געדאַנק די ווערטער: ווי די זון פאַרגייט קיינמאָל ניט אַף מיזרעך, אַזוי וועלן דאָ, אַף אונדזער ערד, קיינמאָל ניט הערשן די, וואָס זײַנען געקומען אַהער פון מײַרעוו אונדז אומברענגען.



צווייטער טייל

ווען ניט די פֿרײַנט מײַנע...

שטילקײַט אפן שלאַכטפעלד

די שלאַכט האָט געגויסעסט, נאָר ניט געוואָלט ארויסלאָזן דעם לעצטן אָטעם. סײַ מיר, סײַ דער פֿײַנט האָט געוואַרט אפן אָנקום פון נאַכט, מע וואָלט געקאָנט מיינען, אזביידע צדאָדים קימערט ניט אזוי, מיט וואָס די שלאַכט וועט זיך ענדיקן, ווי זיי פארגינען ניט איינער דעם צווייטן די האנאָע פון קאָנען זיך א וואלגער טאָן אף דער קאַלטער פײַכטער ערד, און זאָל זײַן אף געציילטע מינוטן — נאָר פארגעסן אין אלץ.

ווידער האָט די קאנאָנאדע זיך צעהילכט, ווי פאר אן אָנגריף, און גאָר אומגעריכט זיך פארכלינעט, דערנאָך אנשוויגן געוואָרן, אינגאנצן אנשוויגן געוואָרן. שטיל.

שטילקייַט אפן שלאַכטפעלד! שטילקייַט, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער נאַכט און וועט, מעגלעך, דויערן ביזן אָנקום פונעם נייַעם טאָג.

צום אויער דערטראָגן זיך גאָר נייַע קלאַנגען. ערגעץ טוט א שאָרך דער זאַמד, וואָס שיט זיך צוריק פונעם ברוסטווער אין אָקאָפּ אַרייַן. א ביסל ווייַטער, קוים מע הערט, בעט עמעצער (ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל, ווייַזט אויס א שווער־פאַרוואונדעטער): „א טרו־ו־נק, א טר־ו־נק...‟ פון ברעג וואַלד, עטלעכע הונדערט מעטער פונדאַנען, דערהערט זיך אזא נאָענט היימיש קאָל „פּאָשלא, דורא, פּאָשלא!..‟, אז טיף אין האַרצן טוט עפּעס א צאַפּל.

אף אַלץ וואָלט מען זיך דאָ געקאָנט ריכטן, נאָר ניט אף אָט דעם זאָקן מיט דער קו. גלייַך, ווי ס'וואָלט גאָר קיין מילכאָמע ניט געווען אף דער וועלט, שלעפּט ער זיך מיט איר אַרום און טוט זי אַלעמאָל א טרייַב געמיטלעך: „פּאָשלא, דורא, פּאָשלא!‟

דער ראַנד פון הימל איז טונקל געוואָרן. ערגעץ ווייַט האָבן זיך באַוויזן פייַערצונגען. א קאַלטער ווינט האָט געבראַכט מיט זיך דאָס גערוך פון שטענדיק־גרינעם מאָך און פאַרוועלקטן גראָז, דאָס טערפּקע גערוך פון טיפן האַרבסט.

עלטער־געוואָרענע אף איין מילכאָמע־טאָג, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום דאָרף, וווּ ס'האָבן געוואַרט אף אונדז פינצטערע ליידיקע הייַזער.

דאָס איז געווען דעם 17 אָקטיאַבער 1941. וועלכע־ניט־איז הונדערט פופציק קילאָמעטער הינטער אונדז איז געווען מאָסקווע.

מיר, רעשטלעך פון א קורסאַנטן־ראָטע, צוזאַמען מיט דרייַ צענדליק רויטאַרמייער פון פאַרשיידענע טיילן, וואָס קלייַבן זיך אַרויס פון אַרומרינגלונג, האַלטן איין א קליין דערפל. אף דעם דאָזיקן באַצירק האָבן די היטלעראָווצעס זיך אַרויסגעריסן שוין ווייַט פאָרויס. מיר זייַנען פאַרבליבן אין הינטערלאַנד. פאַראַן בא אונדז קוילנוואַרפערס, נאָר קוילן — שפּאָט־ווייניק. צו אונדז האָט זיך פאַרייניקט א האַלבע באַטאַרייע אַרטילעריסטן, נאָר זיי האָבן קימאַט ניט קיין סנאַריאַדן. שוין דעם עלפטן טאָג, ווי מיר באַקומען ניט קיין פּראָדוקטן, עס האָט קיין איין מאָל ניט באַוויזן זיך די פעלדקיך. ניטאָ קיין מעדיקער, די צאָל פאַרוואונדעטע וואַקסט.

פעדיע פּימענאָוו, ניקאָלייַ סערגייעוו און איך ליגן אפן דיל, וואָס איז אויסגעשפּרייט מיט שטרוי. און כאָטש מיר זייַנען טויט־מיד, קאָנען מיר ניט אייַנשלאָפן: דער מאָגן איז פּוסט, עס נאָגט אונטערן לעפעלע. און דעריקער — ס'איז ביטער אף דער נעשאָמע. די לעצטע שלאַכט פאַרשטעלט אַלץ, וואָס איז געווען ביז הייַנט.

דער ערשטער איז אייַנגעשלאָפן פעדיע. אויך איך ווייס שוין ניט, וווּ איז די גרענעץ פון וואָר און טרוים. אַלץ איז, ווי אין א געדיכטן נעפּל. נאָך א מינוט, און... די טיר עפנט זיך מיט א גרילצנדיקן סקריפּ, איך הער, ווי מע רופט אויס מייַן פאַמיליע. ווי גוט וואָלט געווען, ווען נאָך עמעצער האָט אזא פאַמיליע, ווי איך...

— וועסט אופשטיין צי ניין? — טרייסלט מיך עמעצער.

סערגייעוו שטעלט זיך איין פאַר מיר:

— דער סטאַרשינא האָט דאָך געזאָגט, אז הייַנט וועט מען אונדז אין ערגעץ ניט שיקן.

דער קורסאַנט, וואָס איז געקומען נאָך מיר, קרימט איבער ניקאָלייַען:

— „דער סטאַרשינא האָט געזאָגט‟... מיר האָט מייַן מאַמע ניט נאָר דאָס געזאָגט, און איך, ווי איר זעט, שלעפּ זיך אַרום איבער די הייַזער און זוך א מענטשן, וועלכער פעלט מיר אויס, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי.

— נו, איז גיי פונדאנען און לאָז אונדז זיך אויסשלאָפן, — בייזערט זיך נאָך אלץ סערגייעוו.

עס רופט מיך ארויס צו זיך דער קאָמאנדיר פון אונדזער ראָטע.

מע מוז גלײַך גיין.

איך קלאפ אָן אין טיר.

— ארײַן!

— כאווער עלטערער לייטענאנט! געקומען לויט אײַער באפעל!

איוואשין קוקט אף מיר מיט זײַנע גרויסע בלויע אויגן, ווי גלײַך ער וואָלט מיך צום ערשטן מאָל געזען. מיר דאכט, אז ער האָט זיך אפילע פאר די לעצטע טעג קימאט ניט געענדערט. אָט אזוי האָט ער אויסגעזען, ווען ער פלעגט דורכפירן די לימודים פון טאקטיק. עפשער נאָר דאָס פּאָנעם איז עטוואָס אויסגעצערט געוואָרן.

ער ווײַזט אף מיר און זאָגט צום לייטענאנט, וואָס שטייט לעם אים:

— אָט ער וועט זײַן דער פערטער אין דער גרופּע. אײַער אופגאבע: זיך דערקלײַבן צום שטאב, וואָס געפינט זיך אָט דאָ, — באווײַזט ער אף דער קארטע, — און מיטיילן וועגן דער אומגעבונג. אויב עס וועט זײַן א באפעל אָפּצוטרעטן, דארפט איר זיך אומקערן ניט שפּעטער, ווי פינף אזייגער, קעדיי מיר זאָלן ביז פארטאָג נאָך קאָנען דערקלײַבן זיך צום וואלד. קלאָר?

שוין קימאט א שאָ צײַט, ווי מיר בלאָנקען ארום לעבן א שמאָל טײַכל און ווייסן ניט, ווי זיך איבערצוקלײַבן אף יענער זײַט. גיין צום בריקל, וואָס אין דאָרף, איז געפערלעך, דאָרט זײַנען אף זיכער פאראן דײַטשן, זיך לאָזן אין דעם אײַז־קאלטן וואסער, וועלן מיר צום אָנגעמערקטן טערמין אין שטאב זיך ניט דער־קלײַבן. די צײַט שטייט ניט. עפּעס מוז מען פאָרנעמען.

דער לייטענאנט שיקט א קורסאנט אין דאָרף, עפשער וועט ער אָנטרעפן אין וועג אף אן איבערגאנג דורכן טײַכל אָדער ס'וועט זיך אים, מעגלעך, אײַנגעבן געפינען א וועגווײַזער. ער נעמט בא אים צו די ביקס און גיט אים זײַן נאגאן. אינגיכן האָט דער שאָליעך זיך אומגעקערט מיט עפּעס א זיידן. ווײַזט זיך ארויס, אז נאָענט איז דאָ א לײַכט בריקל. מיר זײַנען שוין עטלעכע מאָל דורכגעגאנגען דאָס אָרט, ווו עס געפינט זיך, נאָר עס ניט באמערקט, ווײַל לעצטנס איז צוגעקומען פיל וואסער. די פיס האָבן מיר אָנגענעצט, נאָר אף יענער זײַט טײַך האָט ער אונדז, דער אלטיטשקער, אריבערגעפירט. ער דערציילט אונדז:

— הײַנט האָב איך געהאָלפן א גרופּע רויטארמייער ארויס פון דער ארומ־רינגלונג. איך האָב נאָך ניט באוויזן זיך אומקערן, אָקאָרשט זיך פארנומען דורך די גערטענער צו זיך אין הויף ארײַן, ווי איך הער, עמעצער רופט שטילערהייט: „זיידעניו"...

אונדזער לייטענאנט שלאָגט אים איבער:

— דערקלער אונדז בעסער, זיידע, וויאזוי זאָלן מיר גיכער זיך דערקלײַבן אהין, ווו מיר דארפן.

דער אלטער האָט זיך א קראַץ געטאָן אונטערן אויער:

— אײַך לאָזן אליין, קאָנט איר נאָך ביז טאָג בלאָנקען, און איך ווייס אזא סטעזשקע צום אָרט, וואָס איר דארפט, מיט וועלכער עס איז פונדאנען קימאט מיט דער האנט צו דערלאנגען. דערצו איז איצט פאר מיר געפערלעך זיך אומ־קערן אהיים. מיילע, זאָל זײַן אזוי, איך גיי מיט אײַך.

ער האָט אונדז אוועקגעפירט אין א טאָל, צו א זומפּ, וואָס איז פארצויגן געווען מיט א דין הײַטל אײַז. עס וויגט זיך אונטער די פיס: פּרווו נאָר דאָ א שפּאן טאָן אין א זײַט און וועסט פארזונקען ווערן. אָבער אונדזער וועגווײַזער, ווי א קיי־שעפּמאכער, גייט מיט עפּעס א שטעג, וואָס נאָר ער איינער ווייסט וועגן אים. דאָס לאָזט ער זיך אָפּ רעכטס, דאָס אָפּ לינקס. מיר הייבן זיך אויף אַף א בערגל, שנײַדן דורך א קליין וועלדל און קומען ווידער ארויס מיטן טאָל צו א סאָד, וואָס איז ארומגעצוימט מיט א פארקן. דאָ שרײַט עמעצער פּלוצעם אויס:

— שטיי! ווער גייט?

דער אלטער ענטפערט:

— איצט איז שוין שפּעט צו שרײַען. מיר שטייען שוין סײַווי, ווײַל מיר זײַנען געקומען אהין, ווו מיר דארפן,— און צו אונדז זאָגט ער:— אָט אין דעם הויז געפינט זיך דער שטאָב.

מיר גייען ארײַן. אין שטוב איז אזוי אָנגערייכערט, אז דער קעראָסין־לאָמפּ האלט זיך אין איין לעשן. לאָזט זיך אויס, מע קען אים דאָ, דעם אלטן. דער קור־סאנט, וואָס האָט אים געבראכט, שמייכלט:

— מײַן „זיידע” איז ניט פון די פּאָשעטע.

דעם לייטענאנט רופט מען צום קאָמאנדיר פון דער דאָרעם־גרופּע. מיר קענען אים אלע. ער איז פון אונדזער שול. ער זיצט אין צווייטן צימער. דורך דער אָפענער טיר זעען מיר, אז ער איז א פארוואקסענער, אן אָנגעכמורעטער. אונדז הייסט מען דערווײַל גיין אָפּרוען. דער אלטער דערקלערט דעם לייטענאנט, אין וועלכער שטוב מיר וועלן זיך געפינען.

ער האָט אונדז פארפירט אין א גרויס, נאָך ניט פארענדיקט הויז. אין דעם איינציקן צימער, ווו עס איז שוין פאראן א סטעליע און א דיל, וווינען די באלע־באטים מיט א היפשער כאָפּטע קינדער. די באלעבאָסטע, א גאסטפרײַנטלעכע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, באדויערט, וואָס מיר זײַנען געקומען נאָך דער וועטשערע. זי גיסט אָן פאר יעדן פון אונדז א קוואָרט מילך.

עס קומט ארײַן דער באלעבאָס, א וווקסיקער, שווערלײַביקער מענטש, מיט א געדיכטער געלער באָרד. די ברעמען זײַנען בא אים ווי באשיט מיט שנייעלעך. מיט אונדזער זיידן באגריסט ער זיך, און צו אונדז קערט ער אפילע דעם קאָפּ ניט אויס. ער זעצט זיך שווײַגנדיק אוועק באם טיש. רוקט צו זיך צו א קויש ביז איבערן קויפּ אָנגעפילט מיט האָניק־געלע טאבאק־בלעטער, און נעמט זיך שנײַדן און קרישלען. עס גיט א שלאָג אין דער נאָז ארײַן א שארפער טרוקענער רייעך.

— נא,— גיט ער דעם זיידן א ביסעלע טאבאק.— פארזוך.

אפן דיל האָט מען אויסגעשפרייט היי. מיר מאָסטען זיך אײַן. אײַנשלאָפנדיק, טראכט איך: ווי פארשיידן עס זײַנען מענטשן. דער אלטער, לעמאָשל, ער וועט אזוי ערגעץ אין וועג מיסטאם אומקומען, און דער באלעבאָס, וואָס מיר נעכטיקן בא אים, ער, גלײַך עס וואָלט גאָר קיין מילכאָמע אָפּ דער וועלט ניט געווען, זיצט און פארגרייט זיך טאבאק אָפּ ווינטער. דעם זיידן האָט ער געגעבן קוים אָפּ א שמעק טאָן. און וואָס זשאלעוועט ער? מאָרגן וועלן קומען די פאשיסטן און דאָס לעצטע אָפּנעמען...

אופגעכאפּט האָב איך זיך, ווײַל עס האָט פארשמעקט מיט צוגעבראָטענע קאר־טאָפל און כאזער־פלייש. דער באלעבאָס און אונדזער אלטיטשקער זיצן באם טיש

איינער לעבן צווייטן. גיסן אָן פון א פלאש אין די גלעזער א מוטנע פליסיקייט און ווען זיי טרינקען אויס, קרעכצן זיי אזש פון פארגעניגן. דער אלטער קוויקט זיך:

— נו, וועל איך דיר זאָגן, מאמעש א טרער, ניט קיין סאמאָהאָן.

דער באַלעבאָס בייגט זיך אָן צו דעם אלטן און רעדט שטיל. איך ליג באם סאמע טיש און הער אלץ.

— איז אָט, זאָגט ער מיר, דער מאיאָר: „אויב דו וועסט ניט אָנקומען אין ארמיי, וועלן מיר דיך פארעכענען פאר א דעזערטיר". „פארעכן, פארעכן", — זאָג איך אים. ער האָט מיט מיר געפרוווט אזוי און אזוי, ביז איך האָב ניט אויסגעהאלטן און אים געזאָגט: „איך ווייס בעסער, ווי ווער ס'זאָל ניט זיַין, ווו מיַין אָרט איז". סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זיך פארשטאנען.

— אָט א פאפירענע נעשאָמע, — רויגעזט זיך קלוימערשט דער אלטער. אָבער זיַינע פיַיכטע אויגן שמייכלען. ס'צינדט זיך אין זיי אָן א פיַיערל. עס איז קאָנטיק, עפּעס ווייסט ער, דער אלטער, אזוינס, וואָס אפילע זיַין בעסטן פריַינט וועט ער דאָס ניט פארטרויען. ער דערציילט דעם באַלעבאָס, ווי ער האָט זיך געטראָפן מיט אונדז:

— אין שטוב בין איך פון נעכטן באטאָג ניט געווען. מע וואָלט באדארפט אריַין, נאָר דער רועך ווייסט ווער עס נעכטיקט בא מיר. מעגלעך אפילע, אז דיַיטשן, און דאָ דערהער איך עפּעס א קאָל „זיידעניו", ערשט, איך טו א קוק, ס'שטייט אונטער א ביימל אונדזערער א סאָלדאט. נו, טראכט איך, באלד וועט ער בא מיר בעטן עפּעס עסן. נאָר ער רוימט מיר איַין אפן אויער: „זיידעניו, העלפט אונדז זיך אריבערקליַיבן אף יענער זיַיט טיַיך. מיר האָבן דאָ ניט וויַיט אָקאָפּעס געגראָבן, און איצט גייען מיר אהיים..." דערצייל, „איינוקל", דערצייל מיר א מיַיסע, טראכט איך מיר. אניט ווייס איך ניט, ווען מע האָט דאָ אָקאָפּעס געגראָבן. קימאט בא דער סאמע שוועל פון מיַין שטוב בין איך געשטאנען און פאר מיַין אלטיטשקער אין די אויגן זיך ניט באוויזן. זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, באוויינט זי מיך דריַי מאָל א טאָג, זי האלט מיך אין איין באגראָבן.

— פרי באגראָבט זי, — זאָגט דער באַלעבאָס, — מיר דארפן נאָך מיט דיר דעם פאשיסט נערעקן.

איצט שטויס איך זיך אָן, צוליב וואָס אונדזער באַלעבאָס דארף אזויפיל טאַ־באק. מיר איז א פארדראָס, וואָס צוריק מיט א שאָ האָב איך געטראכט וועגן אים שלעכט, און איך באשטים: אף וויַיטער וועל איך זיך ניט איַילן אורטיילן וועגן מענטשן. איידער מע לויבט אָדער מע זידלט עמעצן, דארף מען צוזאמען מיט אים אופעסן א מעסטל זאלץ.

עס קיצלט אין נאָז. סאָפּקאָלסאָף האלט איך ניט אויס און טו א ניס.

— צו געזונט, — זאָגט מיר דער אלטער.

— א דאנק. אויך איר זיַיט געזונט. פרי, — זאָג איך, — שטייט איר אוף. — און דריי זיך אויס אף דער צווייטער זיַיט.

דער אלטער ענטפערט מיר:

— ווער עס שטייט אוף פרי, דער לעבט לאנג! פארגעדענק עס, זונעניו.

...זיידעניו, אויב נאָר דו לעבסט, איז זיַי וויסן: אזויפיל יאָר איז פון דאן אוועק, נאָר איך געדענק דיך און דיַין ווערטל.

אומגעקערט האָבן מיר זיך, ווען אין הימל, וואָס האָט זיך אָפּגעריייניקט פון די וואָלקנס, האָבן נאָך געפינקלט קאַלטע שטערן. פון ביידע זייטן סטעזשקע האָבן שטיל געדרעמלט ווייַסע ווערלדלעך. אויף יעדער בוים האָט דער פרי אָנגעקומענער ווינטער אָנגעטאָן א קוטשמע מיט שניי. קיין באַפעל אָפּצוטרעטן האָבן מיר ניט באַקומען. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די אָקאָפּעס.

די לעצטע אטאקע

מיר, די פיר קורסאַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון שטאַב, שטעלן מיט זיך ווידער פאַר די פאַרבינדונגס־גרופּע. זיצן מיר באַם קאָמאַנדיר פון דער ראָטע אי־וואַשינען אין דזאָט. ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די אַמבראַזורעס זייַנען צו גרויס, אַז די טיר איז ניט באַשיצט מיט קיין פאַנצער־שילדן און אַז באַם סאַמע אַרייַנגאַנג פון דזאָט שטייט א גרויסער אַלטער דעמב, גאָר ניט קיין שלעכטער אָריִענטיר פאַר די דייַטשישע פליִער, פאַר זייערע אַרטילעריסטן און מינענוואַר־פער. איוואַשין שיקט אוועק א קורסאַנט אין דאָרף אַרייַן נאָך א זעג.

איך באַמערק — אויפן קאָמאַנדירס פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן א סאַך דינע קנייַ־טשעלעך, וואָס לויפן פון די פאַרגעלטע באַקן צו די מויל־ווינקלען.

קיינעם פון אונדז ווילט זיך ניט גלייבן, אַז מיר זייַנען פאַרורטיילט. מיר ווייסן ניט, ווי עס וועלן זיך פירן די איינצלנע רויטאַרמייער, וואָס זייַנען צוגעשטאַנען צו אונדז. אָבער פאַר אונדז, קורסאַנטן, מעג איוואַשין זיך ניט קימערן. מיר וועלן זיך שלאָגן ביז דער לעצטער קויל. מיר וועלן גיכער אומקומען איידער ניט גלייַכן געראַנגל, נאָר ניט אָפּטרעטן.

די היטלעראָוצעס זייַנען איבערגעגאַנגען אין אָנגריף אָנהייב צען אינדערפרי. צו יענער צייַט האָבן זיי פאַרנומען דאָס גאַנצע דאָרף. געטייט אַלע שווער־פאַר־וווּנדעטע, וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן. נאָך א קורצער אַרטילערישער צוגרייי־טונג האָבן זיי זיך אופגעהויבן אין אַטאַקע, זיך א לאָז געטאָן אין פולן וווּקס.

פאַרוואָס די היטלעראָוצעס האָבן אונדז גלייַך ניט אַרומגערינגלט, נאָר געלאָזט זיך ווי אויף א פּאַראַד איבערן וועג, ווו סיי דאָס בריקל, סיי יעדער בערגל און יעדער סטעזשקע איז אַפּריִער נאָך געווען געצילט, איז שווער געווען צו באַגרייַפן. מעגלעך, זיי זייַנען געווען זיכער, אַז ס'איז גענוג, מיר, א הייַפעלע קורסאַנטן, וואָס פאַרצאַמט זיי דאָ דעם וועג, זאָל זיי נאָר דערזען מאַרשירן מיט די אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן, און מיר וועלן זיך גלייַך לאָזן לויפן אָדער גאָר אַרויסקומען זיי אַנטקעגן מיט אופגעהויבענע הענט. און עפּשער האָבן זיי, באַרוישטע פון זייערע דערפאָלגן אין מייַרעוו־אייראָפּע, אינדערעמעסן געמיינט, אַז זייערע פלוגבלעטלעך, מיט וועלכע עס איז געווען באַדעקט דאָס גאַנצע שלאַכט־פעלד, האָבן געהאַט א ווירקונג אויף אונדז.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר דאָס האָט זיי טייַער געקאָסט. איך ווייס ניט, ווער פון אונדזערע — די אַרטילעריסטן אָדער די מינענוואַרפער — נאָר איינעם בריקל האָט מען געטראָפן צו דער רעכטער צייַט. סיי די היטלעראָוצעס, וועלכע זייַנען שוין געווען אויפן בערגל, סיי די, וואָס האָבן געשפּאַנט ווי אויף א פּאַראַד איבערן וועג, האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין דאָרף, אי דאָס ווייַט ניט אַלע. מע האָט

אונדז גענומען באַמבירן פון דער לופט, באַשיסן פון קוילנוואַרפערס. א שוואַר־צער וואָלקן האָט זיך אופגעהויבן פון דער ערד און זיך צעשאָטן מיט א מאַבל פון שטיינער, זאַמד, שפענער, שטיקער ליים. א הייסע שלאַכט איז געגאַנגען דאָרט, ווו עס האָט זיך געפונען א גרופּע קורסאַנטן פון דער אַרטילעריע־שול. זיי צוהילף האָט זיך געוואָרפן אונדזערער א ווזוואָד. געווען א מאָמענט, ווען ניט נאָר די אַרטילעריסטן, נאָר אויך אונדזער ווזוואָד איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זײַטן, און איוואַשין האָט זיך געלאָזט אַף א ריזיקע. ער האָט איבערגעלאָזט אַף דער שוץ־ליניע געציילטע עטלעכע מענטשן, און מיר אַלע האָבן זיך געלאָזט אין אַטאַקע.

דערויף האָט דער סוינע זיך ניט געריכט. אַלץ אַפּן שלאַכטפעלד האָט זיך איבערגעמישט, פונדערלופטן האָט מען שוין ניט געקאָנט אונטערשיידן, ווו זײַנען מיר און ווו די דײַטשן. דעם סוינעס אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך אָן אופהער געדרייט איבער אונדז, האָבן מער ניט באַמבירט. אַנשוויגן געוואָרן איז אויך די אַרטילעריע. דער לינקער פלאַנג פון די דײַטשן האָט דערגרייכט ביז צו אונדזערע אָקאָפּעס. דער רעכטער — קימאַט ביז די עקסטע שטיבער פון דאָרף.

אונדזערע אַרטילעריסטן האָבן שוין פון לאַנג אויסגעשאָסן דעם לעצטן סנאַ־ריאַד, און געראַטעוועט האָט אונדז די „קעשענע־אַרטילעריע" — די האַנט־גראַנאַ־טעס. מיר האָבן זיך פאַרייניקט מיט אונדזער ווזוואָד און מיט דער גרופּע אַרטי־לעריסטן, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער פּאָליטרוק לעווין, און אונטער א האָגל פון קוילן זיך אומגעקערט אַף אונדזערע פּאָזיציעס.

ערשט נאָך דער דריטער אַטאַקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אייבצײַטיק פון אַלע זײַטן, האָט זיך די דײַטשן אײַנגעגעבן פאַרכאַפּן אונדזערע אָקאָפּעס. צו יענער צײַט זײַנען מיר געבליבן לעבן ניט מער ווי דרײַסיק מאַן. אייניציקווײַז זײַנען מיר אַלע אַרײַבערגעלאָפן אין דזאָט. דעם אַרײַנגאַנג האָבן פאַרטיידיקט די אַרטילעריסטן, אַלע איבעריקע האָבן זיך געשטעלט בא די אַמבראַזורעס. פאַר די שוווער־פאַר־וווּנדעטע, וועלכע מיר האָבן באַוויזן אַרײַנברענגען אהער, האָט מען אויסגעטיילט א באַזונדער „אָטסעק". דער פאַרטאָרג פון דער ראָטע סטעפּאַנאָוו, פּימענאָוו, סער־גייעוו און איך האָבן זיך געשטעלט מיט א האַנט־קוילנוואַרפער בא איינער פון די אַמבראַזורעס. ניקאָלײַ האָט געשאָסן פון זײַן סנײַפּער־ביקס. ער האָט, ווי א יעגער, געלאָקערט נאָכן סוינע. ווי נאָר פאַר זײַן אויג פלעגט זיך באַווײַזן א היטלעראָוועץ, אַזוי איז ער גלײַך געפאַלן פון ניקאָלײַס קויל. אַליין איוואַשין האָט צעטיילט די לעצטע פּאַטראָנען. עס איז אויסגעקומען צו צען קוילן אַף א ביקס און צו דרײַסיק אַף א קוילנוואַרפער. אויסער דעם, האָבן מיר נאָך געהאַט אַכצן גראַנאַטעס, דרײַ פולע דיסקן פאַר איוואַשינס אווטאָמאַט און בא א צענדליק אָנגעלאָדענע נאַגאַנען און פּיסטאָלעטן.

איוואַשין וואָרנט אונדז: יעדע קויל אונדזערע דאַרף טרעפן אין ציל, נאָר דאַן וועלן מיר קענען דערציִען ביז נאַכט און זיך פּרוּוון דורכרײַסן אין וואַלד. ער אַליין נעמט זיך פאַר זײַן אווטאָמאַט נאָר דעמלט, ווען די דײַטשן דערנעענטערן זיך אַף געציילטע עטלעכע מעטער צום דזאָט.

איינע נאָך דער אַנדערער פליִען אַרײַן אין דזאָט דרײַ גראַנאַטעס. דער פּאָ־ליטרוק ענטפערט מיט צוויי קורצע רייען פון קוילנוואַרפער. איוואַשין שרײַט אַף אים:

— איר האָט געהערט מײַן באַפעל? פונעם קוילנוואַרפער דאַרפט איר שיסן נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך פּרוּוון אַרײַנרײַסן! — אָבער דאָ האָט ער פּלוצעם דערזען, אַז בא לעווינען איז צעדרויבלט א קני. ער האָט פאַרזיכטיק איבערגעטראָגן דעם פאַליטרוק אין א ווינקל און ווי אַנטשולדיקנדיק זיך א זאָג געטאָן:
— און איך האָב געמיינט, אַז אויב מיט מיר וועט עפּעס טרעפן, וועסטו מיך פאַרבײַטן.

עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד איז שטיל. פון דרויסן דערטראָגן זיך באַזונדערע ווערטער פון דײַטשישע קאָמאַנדעס. עמעצער זידלט זיך דאָרטן. יעדער וואָרט גרילצט אין מויעך. און פּלוצעם דערהערן מיר, ווי פון יענער זײַט דזאָט זאָגט עמעצער שטילערהייט אויף רוסיש:
— קאָמאַנדיר, איר לעבט?

מיסטאָם ניט נאָר בא מיר אַליין האָט ערגעץ טיף אין האַרצן נאָך געלעבט א שטיקל האָפענונג, אַז עפּעס קאָן נאָך געשען, מיר וועלן געראַטעוועט ווערן, מע וועט אונדז נאָך קומען צוהילף.
ווי לויט א קאָמאַנדע, האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן צו דער אַמבראַזורע. פונ־וואַנען עס האָט זיך דערהערט דאָס קאָל. איוואַשין באַפעלט שטרענג:
— אַלע צוריק אויף די ערטער!.. דאָס איז אונדזער קורסאַנט וויקטאָר רוזין. די דײַטשן זעען אים, ס'איז גיכער פאַר אַלץ א פּראָוואָקאַציע.

איוואַשין גייט צו צו דער אַמבראַזורע און פרעגט:
— וואָס איז געשען מיט דיר, רוזין?
שטיל.
— וויקטאָר, דו הערסט מיך?
— איך בין פאַרוווּנדעט. צו מײַן פוס איז צוגעבונדן א לאַנגער שטריק, מע האָט מיך געשיקט, איך זאָל אײַך פאַרלייגן זיך אונטערגעבן. זיי זאָגן אײַך צו... — מיטאַמאָל האָט ער גענומען ריידן שנעל־שנעל: — אַרום דעם דזאָט ליגן אָן א שיר דערהאַרגעטע דײַטשן, גיט זיך ניט אונטער! קאָמאַנדיר! איך בעט אײַך, דערשיסט מיך, דערשיסט!
די פאַשיסטן האָבן אָפּגעעפנט א שקוואַל פון פײַער און מיט א ווילדן געשריי זיך א לאָז געטאָן צו אונדזער דזאָט.
דאָס איז געווען די לעצטע אַטאַקע, וואָס מיר האָבן אָפּגעשלאָגן.

פון מויל האָט בא מיר א גאָס געטאָן בלוט. צי דען בין איך פאַרוווּנדעט? קיין ווייטעק פיל איך ניט, אָבער אונטער דער רעכטער באַק, באַם קין, טאַפּ איך אָן א שפּליטער. איך קוק זיך אַרום: עס האַלטן זיך אויף די פיס עפּשער צען־צוועלף מענטשן. די איבעריקע זײַנען אָדער טויט, אָדער שווער פאַרוווּנדעט. אונדזערע קוילנוואַרפערס שווײַגן. איוואַשינס אויטאָמאַט וואַלגערט זיך אויפן דיל. ער האַלט אין דער האַנט א פּיסטאָלעט.

די היטלעראָווצעס האָבן האַרט צום דזאָט אונטערגעצויגן אַרטילעריע, טאַנקען און שיסן אָן אויפהער. אַלעמאָל גיט זיך דער דזאָט אַזא טרייסל, אַז ס'דאַכט, אָט־אָט וועלן מיר לעבעדיקערהייט באַגראָבן ווערן אונטער די קלעצער. עפּעס האָט מען אונדז אַהער אַרײַנגעשלײַדערט אַזעלכס, פון וואָס ס'איז געוואָרן שטאַרק פינצטער. דער רויך שטיקט אין האַלדז. עמעצער שרײַט:
— שיסט אין דער טיר!

די טיר פאַלט איַין מיט אַ געקראַך, און עס רײַסן זיך אַרײַן די היטלעראָווצעס. מיר שיסן אין זיי, עטלעכע פאַשיסטן פאַלן אום, נאָר עס קומען אָן נאָך און נאָך...

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט לענגויס דער וואַנט. דעם ערשטן האָט מען אַ שטופּ געטאָן צום אַרויסגאַנג איינעם פון אונדזערע אַרטילעריסטן. ער האָט באַוויזן מאַכן בלויז אַ פּאָר שפּאַן, ווי אין אים האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן עפּעס צען פאַשיסטן.

עס איז צוגעפאָרן אַ לאַסטמאַשין. מע האָט אַוועקגעפירט אַף איר איוואַשינען און דעם שווער־פאַרווונדעטן פּאָליטרוק.

אַ דײַטשישער אָפיצער האָט אַ ווײַז געטאָן אַף אונדזער פּאַרטאָרג איוואַן ני־קיפּיראָוויטש סטעפאַנאָוון:

— יודע!

מע האָט דעם פּאַרטאָרג אַוועקגעפירט אָן אַ זײַט און דאָרט דערשאָסן.

אַעראָפּלאַנען מיט שוואַרצע האַקנקרייצן אַף די פליגלען פליִען איצט נידעריק־נידעריק איבער אונדזער געוועזענער פּאָזיציע. אַ הויכער, געזונטער היטלעראָוועץ האָט ברייט צעשטעלט די פיס, פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל און שמייכלט, באַוויַיזנדיק אַ פול מויל מיט גלאַנצנדיקע מעטאַלענע ציין.

מיר גראָבן אַ גרוב

צען מענטשן גראָבן מיר אַ גרוב. קלאָר, דאָס וועט זײַן אונדזער ברודער־קייווער. נאָר צוליב וואָס דאַרף דאַן די גרוב זײַן אַזוי ברייט און טיף?

קיינער פון אונדז רעדט ניט אויס קיין וואָרט. צען זאַסטופּעס האַלטן אין איין אופהייבן זיך און אַראָפּלאָזן. די טיף איז שוין אַזאַ, אַז מיר זעען ניט די וואַך־לײַט, וואָס היטן אונדז. וואָלט זיך נאָר די צײַט ניט געצויגן אַזוי! אין ברוסט און אין האַלדז שטיקט עפּעס אַזוינס, וואָס צווינגט פאַרהאַלטן אַלעמאָל דעם אָטעם, און דאַן דאַכט זיך, אָט־אָט, און דאָס האַרץ וועט זיך אָפּרײַסן.

אַ קורצוואָקסיקער דײַטש, מיט אײַזערנע ברילן אַף דער נאָז, אַ בערישעוואַטע, מעסט, קוים וואָס ער רירט זיך, מיט אַ מעטאַלענער רולעטקע די לענג, די ברייט און די טיף פון גרוב און באַפעלט מיט אַ הייזעריק קאָל:

— סטאָפּ! מער גראָבן דאַרף מען ניט.

ניקאָלײַ סערגייעוו שטייט אָנגעשפאַרט אַפן זאַסטופּ. שווער אָטעמענדיק, פרעגט ער בא אונדז:

— נו, און אויב מיר זאָלן ניט אַרויסגיין פונדאַנען? זאָלן זיי אונדז דאָ שיסן.

— וואָס האָט דער רוס געזאָגט? — פרעגט דער דײַטש און דרייט דערווײַל צונויף די רולעטקע.

מיר שווײַגן.

ער ווערט מאָלע־רעציכע, כאַפּט אַראָפּ די ביקס פון פּלייצע, איצט שרײַט ער שוין:

— וואָס האָט דער רוס געזאָגט?! — און מיט דער האַנט ווײַזט ער ניקאָלײַען, ער זאָל אַרויסקריכן פון גרוב.

אז פעדיע פימענאָוו קען דײַטש, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. ער דערקלערט דעם קורצוווקסיקן וואכמאַן:

— מײַן גענאָסע זאָגט, מיר זאָלן אײַך בעטן וואָס גיכער מאכן מיט אונדז אַן ענדע.

כאָטש ניט באַלד, נאָר דער פאַשיסט שטויסט זיך אָן, וועגן וואָס עס גייט א רייד. ביטע־שיין, דאָס קען ער. ער הייסט אונדז אַלעמען ניט רירן זיך פון אָרט, און ניקאָלײַען באַפעלט ער זיך שטעלן בא דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. ער צילט זיך לאַנג, פרוּער אין דער ברוסט, דערנאָך אין קאָפּ, ער שטעלט זיך אױף די קני, דערנאָך צעלייגט ער זיך אױף דער ערד, פאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג. די היטלע־ראָווצעס, וואָס שטייען פון אויבן און קוקן אַראָפּ אין דער גרוב, קײַכן פון גע־לעכטער. איינער האָט זיך אַפילע צוגעזעצט, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן בויך, און זײַנע ווײַסע וואַסערדיקע אויגן האָבן אָנגעהויבן טרערן פון פרייד. ער האָט, ווײַזט אויס, אין לעבן קיין פריילעכער בילד ניט געזען.

בא סערגייעוון האָבן אױף דער בלייכער הויט פונעם פּאָנעם זיך באַוויזן צוויי פּײַערדיקע פלעקן. די ליפּן זײַנען געוואָרן טונקל־בלוי. די ווײַס ציטערן, נאָר די אויגן לאָזט ער ניט אַראָפּ.

— זאָג אים, — ווענדט זיך א היטלעראָוועץ צו פימענאָוון, — ער זאָל זיך אויסדרייען מיטן געזיכט צו דער וואַנט. דער הינטן איז בא אים א גרויסער, וועט עפּשער גרינגער זײַן צו טרעפן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — פאַרגייען זיך די היטלעראָווצעס פון געלעכטער.

סערגייעוו קערט זיך אויס צו דער וואַנט. דער דײַטש, וואָס האָט געצילט אין אים, לייגט אָפּ די ביקס אין א זײַט, דרייט אָפּ דעם קאַלפּאַק פון דער פעלד־פלאַש, קריגט אַרויס פון דער קעשענע א צוקער־קאַנדל, רוקט עס פּאַוואָליע אַרײַן אין מויל און נעמט זיך זויגן קאַווע גלײַך פונעם העלדזל.

ניקאָלײַ איז לאַנג געשטאַנען, ווי א בלינדער, געפּירט מיט די הענט איבער דער פײַכטער וואַנט פון דער גרוב און זיך אַראָפּגעלאָזט אױף דער ערד.

— אָו, שלעכט! — האָט ער אַרויסגערעדט דורך די ציין.

דאָס מאָל האָט קיינער ניט געפּאָדערט פון פימענאָוון, ער זאָל איבערזעצן ני־קאָלײַס ווערטער. ס'איז אַזוי אויך קלאָר געווען.

עס איז צוגעפאָרן א מאָטאָציקליסט און געבראַכט עטלעכע גרינע מאַסקיר־כאַלאַטן. אונדז האָט מען באַפוילן אַרויסקריכן פון דער גרוב, נעמען די כאַלאַטן און אין באַגלייטונג פון דער וואַך זיך לאָזן צוריק אַהין, וווּ עס זײַנען געווען אונ־דזערע אָקאָפּעס, אונדזער דזאָט.

— די גרוב איז דען ניט פאַר אונדז? — פרעגט פעדיע.

די דײַטשן קוקן אױף אונדז גלײַכגילטיק, ווי אױף אַן ערגעץ נידעריקע באַשע־פעניש, נאָר דאָס, וואָס פימענאָוו רעדט דײַטש, דאָס געפעלט זיי, און איינער פון די קאָנוואָירן באַגליקט אים מיט אַן ענטפער:

— דאָס איז א מאַסן־גרוב פאַר די רומפּולע דײַטשישע סאָלדאַטן פון אונדזער עסעס־דיוויזיע! עס איז צופיל ערע פאַר אײַך אַזא גרוב צו האָבן.

איך און פימענאָוו טראָגן אױף א מאַסקיר־כאַלאַט א לאַנגן היטלעראָוועץ. די קויל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ. ער איז געלעגן אין וועלכע־ניט־איז פינף מע־טער פון דזאָט. איך האָב אים דערקענט: דאָס איז געווען דער פריץ, וועלכער איז בייס איינער פון די אַטאַקעס געלאָפן דער ערשטער און געשריִען צו אונדז: „רוס

קאפּוטו!". אים האָט אוועקגעלייגט איוואַשין פון זײַן אווטאָמאַט. דער מאַסקיר־כאַלאַט, וואָס איז פאַרוואַנדלט אין א טראָגבעטל, איז פאַר אים צו קורץ און בא יעדן שפּאַן דריקן מיר אין בויך זײַנע שטיוול.

ארום דעם דזאָט האָבן מיר אָנגעציילט עטלעכע צענדליק טויטע היטלעראָווצעס. די פאַרוווּנדעטע האָט מען שוין באַוויזן צונעמען. די היטלעראָווצעס, וואָס וואַלגערן זיך דאָ טויטע, אַף אונדזער ערד, זײַנען אַלע הויכע, יונגע, בלאָנדע. אין פאַרגלײַך מיט זיי זעען אויס די, וואָס היטן אונדז, ווי קאַרליקעס, דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, סאָלדאַטן פון דער באַגרעבער־קאָמאַנדע.

א סטולער פעלדפּעבעל אין ברילן רייניקט אויס בא די טויטע די קעשענעס, נעמט אַראָפּ די זייגערס.

צו די באַקעטע ביימער אין וואַלד, וואָס האָט פונדאַנען אויסגעזען, ווי א הויכע וואַנט, האָט זיך געדאַכט, איז איצט פיל ווײַטער ווי ס'איז געווען אײַדערפרי.

דער האַלב־רויִנירטער קלויסטער, וווּהין מע האָט אונדז פאַרטריבן, איז געווען געפּאַקט מיט קריגסגעפאַנגענע. ס'איז אַזאַ ענגשאַפט, אַז עס קלעקט ניט קיין אָרט אוועקצוזעצן אַפילו די שווער־פאַרוווּנדעטע.

ניקאָלײַ סערגייעוו האָט זיך דערמאָנט, ווי?אַזוי מע האָט דערשאָסן דעם פאַרטאָרג. פּימענאָוו האָט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך שטיל א זאָג געטאָן:

— גיכער קאָן מען מיך אָנעמען פאַר א ייִדן!

סערגייעוו האַלט אין איין איבערכאַזערן:

— מירן זיך האַלטן איניינעם, נאָר איניינעם...

פאַרטאָג האָט זיך אופגעעפנט די טיר און ס'האָט זיך ארײַנגעריסן א כאָפּטע היטלעראָווצעס. זיי האָבן געזוכט שטיוול. גוטע רוסישע שטיוול. קוים האָבן זיי אָנגעוויזן אַף עמעצן און יענער האָט ניט אַזוי געשיקט זיך אויסגעטאָן, האָבן זיי אים געשלאָגן מיט די פיס אין בויך, אין דיך ארײַן. ווען זיי האָבן גענומען אַראָפּציִען די שטיוול בא א רויטאַרמייער, וואָס איז געווען פאַרוווּנדעט אין פוס, האָט יענער פון גרויס ווייטעק אָנגעהויבן שרײַען. די כײַעס־ראָעס האָבן אים דערשטיקט.

דער וואַכמאַן, וועלכער איז געשטאַנען בא דער טיר, האָט עפּעס א זאָג געטאָן צו זיי, און די מאַראָדיאָרן האָבן אפגיך זיך אָפּגעטראָגן מיטן ביסל גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט.

אין קלויסטער איז ארײַנגעקומען א דײַטשישער אָפיצער, נאָך אים א פרוי אין א רוסישער שינעל. די פרוי האָט געמאָלדן:

— פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, גייט ארויס. אײַך וועט מען אָפּפירן אַף מאַשינעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א טומל, א שטופּעניש, נאָר צום ארויסגאַנג האָט זיך קיינער ניט געלאָזט. דאַן האָט דער דײַטשישער אָפיצער געהייסן ארויספירן די פאַרוווּנדעטע, וואָס זײַנען געווען נעענטער צו דער טיר.

די פרוי האָט זיך גענומען דורכשטופּן נעענטער צו אונדז. מיר האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס זאָגט זי נאָך, אָבער וואָס — איז אומעגלעך געווען פאַנאַנדערצוקלײַבן. ווען זי איז צוגעגאַנגען נאָענט, האָב איך דערזען אירע אײַנגעפאַלענע אומרויִקע אויגן און דערהערט דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן שטילערהייט:

— מע וועט אײַך שיסן...

די נאַכט האָט אונדז ניט אָפּגעפרישט, דער קאָפּ איז ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. און אַליין בין איך ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע.

— אַפּ! אַפּ! — יאָגט מען אונדז פון קלויסטער אין הויף אַרײַן.

— שנעלער! שנעלער! — טרײַבן אונטער מיט די ביקסן די וואַכלײַט, וואָס שטייען באַם אַרויסגאַנג. מע שלאָגט אויך מיט גומענע טרײַבלעך פון גאַז־מאַסקעס און דערבײַ שרײַט מען:

— האַלט! האַלט!

יעדערן ווילט זיך דורכגיין אַזוי, אַז ער זאָל ניט כאַפּן קיין קלעפּ, שטופּט מען איינס דעם צווייטן, און אַף די פֿאָדערשטע שיט זיך אַ האָגל פון קלעפּ.

אין דרויסן איז אַן עסעריקע קעלט. דעם טאָל און דעם ברעג וואַלד האָט פֿאַרצויגן מיט אַ נעפּל. דאָס פֿאַרוועלקטע גראָז לענגאויס דעם פּאַרקן איז ווײַס פון פראָסט. די געלע בלעטער, וואָס וואַלגערן זיך אַף דער ערד, זײַנען צונויפגעקאָרטשעט, פֿאַרדרייט אין טרײַבלעך און אַרומגעזוימט מיט ווײַסן אויסגענייי.

אין אַ זײַט שטייען צוויי דײַטשישע אָפיצערן מיט אַ טאָפּאָגראַפישער קאַרטע אין די הענט. פֿאַר זיי איז דאָ אַלץ — דאָס דאָרף, די לאָנקע, דער וואַלד און דער טײַך — פֿאַרהאַסט, פֿרעמד.

איינער פון זיי האָט באַמערקט אַן עלטערן רויטאַרמייער, וואָס זיצט אַף דער ערד.

— אַאויפשטיין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, און זײַן פּאָנעם האָט פֿאַר קאַס זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

דאָס פּאָנעם באַם רויטאַרמייער איז געל, ווי פּאַרמעט, און ס׳איז פֿאַרצויגן מיט אַ נעץ פון טיפע קנייטשן. ער איז מיסטאָם אַן „אָפּאָלטשענעץ״, צי ער פֿאַרשטייט ניט, אַז דאָס געשריי האָט אַ שײַכעס צו אים, צי ער איז שוין ביכלאַל גלײַכגילטיק צו אַלץ, וואָס קומט אַרום אים פֿאַר, נאָר פון אָרט הייבט ער זיך ניט אויף. ער זיצט ווי אַ פֿאַרשטיינערטער.

דער פֿאַשיסט האָט אַראָפּגעצויגן די הענטשקע פון האַנט, אַרויסגענומען פון דער קאָבורע דעם פֿאַראַבעלום. לאַנג נאָך האָט אין דער פֿאַרגליווערטער לופט געציטערט דער אָפּהילך פונעם שאָס.

שווער אָפּקלאַפּנדיק מיט די גרויסע שטיוול יעדן טראָט, קומט אַרײַן אַ געזונטער, ווויקסיקער יונג. אַפן אָרבל — אַ בענדל, אַף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן „איבערזעצער״.

— דער הער לויטנאַנט האָט אײַך ערשט באַוויזן, וואָס עס דערוואַרט יעדערן פון אײַך, אויב ער וועט געהאָרכזאַם ניט אויספֿילן יעדן באַפֿעל. איר זעט, ווי עס וואַלגערט זיך אָט דער... און די דײַטשישע מיליטער־מאַכט ווינטשט דאָך אײַך קיין בייז ניט. פֿאַר אײַך האָט מען צוגעגרייט אַ וואַרעמען געלעגער און אַ זאַטע וועטשערע. דאָס אַלץ וועט איר באַקומען סאָף טאָג.

מע האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי. אַף דער פֿראַגע „ווער איז פֿאַרוווּנדעט?״ האָט קיינער ניט געענטפֿערט. מיר האָבן געוווּסט, אַז די פֿאַרוווּנדעטע, וועלכע מע האָט פֿריִער אַרויסגעפֿירט, ליגן אין ריוו הינטער די גערטענער, און די ערד אַרום זיי איז דורכגעווייקט מיט בלוט. די היטלעראָווצעס האָבן קיין באַזונדערן סאָד פון דעם ניט געמאַכט. פֿאַרקערט, זיי האָבן זיך נאָך באַרימט דערמיט.

אונדזער קאַלאָנע האַלט אין איין וואַקסן. אהער, צום קלויסטער, טרײַבט מען נײַע און נײַע גרופּעס געפאַנגענע.

אין איינער פון די גרופּעס דערזע איך איוואַשינען. מיר דאַכט, ער האָט מיך אויך באַמערקט און אפילו א ווונק געטאָן צו מיר. ער איז אָן א רימען, נאָר דער־פאַר איז ער דער איינציקער קאָמאַנדיר, וואָס האָט פאַרהיט די קוביקעס אַפן קעלנערל פון דער גימנאַסטיאָרקע. אַפן האַרצן איז וואַרעמער געוואָרן: דער קאָמאַנדיר איז מיט אונדז! קוקנדיק אַף זײַן פעסטער פיגור, אַף די פאַרפּרעסטע ליפּן, אַף די שטרענג צונויפגעצויגענע ברעמען איבער די באַטריבטע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויפמערקזאַם, אָנגעשטרענגט, האָט אין מיר אויפגעוואַכט א האָפענונג אַף רעטונג.

דער דײַטשישער לייטענאַנט האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַף איוואַשינען:

— אָבערלויטנאַנט, אַרויס פון דער ריי!

ער איז אַרויס. אין דעם גאַנצן שטיין און גיין זײַנעם איז איצט שווער געווען דערקענען דעם אונטערגעצויגענעם קאָמאַנדיר פון דער בעסטער קורסאַנטן־ראָטע.

— אָבערלויטנאַנט, איר וועט גיין צוזאַמען מיט מיר אין דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע און איבערכאַזערן מײַנע באַפעלן!

— איך וועל דאָס ניט טאָן!

הונדערטער מענטשן האָבן אופגעהויבן די קעפּ, אויסגעגלײַכט די פּלייצעס. מע האָט געקוקט אַף אים מיט שטאָלץ.

— וואָס? — דער דײַטשישער לייטענאַנט האָט אַראָפּגעצויגן די הענטשקע, גע־נומען אָפּשפּיליען די קאָבורע, נאָר דער איבערזעצער איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט דערלאַנגט איוואַשינען אַזא קלאַפּ, אַז יענער איז אָפּגעפלויגן ער־געץ אין מיט פון דער קאָלאָנע. דעם לייטענאַנט האָט מען אין יענער מינוט א רוף געטאָן צו דער מאַשין, וואָס איז אַהער צוגעפאָרן.

פּימענאָוו, סערגייעוו און איך האָבן שוין איצט באַוואָרנט, אַז איוואַשין זאָל ווערן ניט צום דערקענען: די קוביקעס פונעם קעלנערל אַראָפּגעטרענט, דאָס היטל פאַר־ביטן אַף א פּילאָטקע און דאָס אופגעלאָפענע אויג איבערגעבונדן מיט א שטיק לײַוונט, וואָס פּימענאָוו האָט אַרויסגעריסן פון דער שינעל־קעשענע.

דוביגין

צום סאָף טאָג זײַנען מיר אַרויס אַף אַן אַספאַלטירטן וועג.

די זון האָט געהאַלטן באַם אונטערגיין. אירע לעצטע שטראַלן האָבן שוין ניט געוואָרעמט. דאָס איינציקע, וואָס זיי זײַנען בעקוויעך געווען, — איז אָנטאָן אין א שײַנענדיקן בעגעד די קרוינען פון די ביימער, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגויס דעם וועג. דער וועג האָט פאַרקערעוועט אַף רעכטס, און אונדז האָט מען אוועקגע־פירט אַף לינקס אין אָפענעם פעלד, וואָס א גרויס שטיק דערפון איז געווען אַרומ־געצוימט מיט שטעכדראָט.

א קאַלטער עסעריקער ווינט האָט געטריפעט די פאָלעס פון אונדזערע שינעלן און דורכגענומען אַף דורך און דורך. מיר האָבן זיך אוועקגעלייגט אַף דער פאַר־פרוירענער ערד.

— אָט האָט איר אײַך א דײַטשישן וואָרעמען געלעגער און א זאַטע וועטשע־רע, — רופט זיך אָן דער מענטש, וואָס ליגט לעבן אונדז. דאָס איז א מאנצבל שוין אין די יאָרן, זײַנע שלייפן זײַנען היפש באַזילבערט. — לאָמיר אויסשפּרייטן אף דער ערד צוויי שינעלן און מיט די איבעריקע וועלן מיר זיך אײַנדעקן. מײַן פאמיליע איז דובינין, — שטעלט ער זיך פאָר, און אייצעט: — איר זײַט פיר, איך בין דער פינפטער, ווער ס'וועט ליגן אין דער מיט, וועט זיכער קאָנען אײַנ־שלאָפן. דערנאָך וועלן מיר זיך בײַטן מיט די ערטער.

אין דער לופט פילט זיך שוין, אז ס'איז עמעסער ווינטער. צו נאכט־צו איז די קעלט געוואָרן אזוי גרויס, אז קיינעם פון אונדז גיט זיך ניט אײַן אײַנשלאָפן. מער ווי געציילטע עטלעכע מינוט אף איין אָרט איז אומעגלעך צו ליגן. די פּי־לאָטקע איז בא מיר אראָפּגעצויגן ביז איבער דער באָרד, נאָר די אויערן פרירן סײַווי. איך האָב זיך צוגעדריקט צו איוואשינען און אים ארומגענומען.

— וואָס טוט מען? — שעפּטשע איך אים אפן אויער.

דעם ענטפער הער איך ניט, ווײַל די היטלעראָווצעס האָבן פּלוצעם אופגעהויבן א ווילדע שיסערײַ, עס בילן די וואך־הינט, עס צינדט זיך אָן איין ראקעטע נאָך דער צווייטער. איוואשין דרייט זיך אויס צו מיר. איצט פילן מיר איינער דעם צווייטנס אָטעם.

— וואָס טוט מען? — כאזערט ער איבער מײַן פראגע. — נאָך א פּאָר אזעלכע מארשן און אזעלכע נעכט, און מיר וועלן זיך אף די פיס ניט קענען האלטן. ווײַזט אויס, אז דאָס איז טאקע זייער ציל.

— הייסט עס, אז מע טאָר ניט אָפּלייגן אף שפּעטער, מע מוז איצט זיך פּרווון...

— דאָס איז עמעס, דערפאר אָבער וואָס ווײַטער פון פראָנט, אלץ וויניקער קאָנוואָירן, וועט גרינגער זײַן צו אנטלויפן, און אויסבאהאלטן זיך אין וועג וועט גרינגער זײַן.

— וואָס זשע טוט מען? — טײַנע איך ווײַטער איינס און דאָס זעלבע.

פריִער האָבן מיר זיך געייצעט. איצט דערהער איך אין זײַן שטים באפּעלערישע אינטאָנאציעס.

— איך האָב אין דער קאָלאָנע, — זאָגט ער, — באמערקט ניט וויניק באקאנטע פּענעמער. ס'איז אלץ קורסאנטן פון אונדזער שול. איז דארפן מיר זיך וואָס גיכער צונויפזאמלען, זיך האלטן איינעם אפילע אין מארש. אזא ווי דובינין קאָן עפּשער אויך אונדז צוניץ קומען. מע דארף זיך צו אים צוקוקן.

קורץ איז דער הארבסטיקער טאָג. נאָר ווי לאנג עס ציט זיך די לאנגע פינצ־טערע נאכט! איידער עס האָט אָנגעהויבן שארִיען אף טאָג, האָט א זעץ געטאָן א פראָסט, ווי דאָס וואָלט געווען אינמיטן ווינטער. ליגן אף דער ערד איז געוואָרן אומעגלעך. די מענטשן זײַנען אופגעשטאנען, זיך געגומען צונויפזאמלען אין גרו־פּעס. דער ווינט האָט געשניטן אין פּאָנעם, געוואָרפן גאנצע הויפנס שארפע אײַז־גרײַפּעלעך. שוין נאָך דער ערשטער נאכט זײַנען אפן פעלד פארבליבן ליגן בא צוויי צענדליק טויטע און פיל קראנקע, האלב־פארפרוירענע, וואָס זײַנען שוין ניט געווען בעקויעך אופצושטיין.

געוועזן א מאָמענט, ווען מיר אלע, ווי גלײַך מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, האָבן זיך א לאָז געטאָן צו די קלעצער מיטן שטעכיקן דראָט. נאָך איין אויגנבליק, און זיי וועלן פליִען אין א זײַט, ס'וועט זיך עפענען דער וועג צו אונדזערע, צו דער

פרײַ. אָבער ווי נאָר מיר זײַנען צו נעענטער צו די פּאַרצוימונגען, האָבן אָנגעהויבן שיסן צוויי קוילנוואַרפערס, און אַלע זײַנען אָפּגעטראָטן אויף צוריק.

פון צאַרן האָט איוואַשין געקריצט מיט די ציין:

— עך, ווי נעמט מען כאָטש עטלעכע גראַנאַטעס און אַ פּאָר צענדליק שרעק־לאָזע כעוורע. מיר וואָלטן נאָר באַדאַרפט אָנהייבן, דערנאָך וואָלט מען זיי, די פאַשיסטן, אַפילו אָן אונדז אויף שטיקלעך צעריסן. אין ערשטן לאַגער, ווּהין מיר וועלן אָנקומען, דאַרף מען אומבאַדינגט אויפזוכן אַלע קורסאַנטן.

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, האָט דוביגין געפונען אַ פאַרזשאַווערטן צוויאַק און געמאַכט זיך אַ נײַ לעכל אין רימען. דער צוויאַק איז אַוועק שפּאַצירן פון האַנט צו האַנט, אין אים האָבן זיך געניידיקט אַלע ביז איינעם.

גאַנצפרי האָט זיך געביטן די וואַך, און אַ נײַער איבערזעצער האָט פּונקט ווי דער נעכטיקער געמאָלדן, אַז פאַרנאַכט וועט פאַר אונדז זײַן צוגעגרייט אַ וואַרע־מער נאַכטלעגער און עסן. מע האָט אונדז גענומען טרײַבן צוריק צום וועג און דערנאָך ווײַטער אויף מײַרעוו.

דוביגין לערנט אונדז:

— איר קלערט ניט וועגן עסן, קעלט, צאָרעס, אַזוי וועט איר לאַנג ניט אויס־האַלטן. איר טרוימט! אָט זעט, הויך אין הימל פליט אַ לאַנגע מענגע בושלען, איז לאָזט זיך צוזאַמען מיט זיי. ווּהין? ניט אומבאַדינגט אויף דאָרעם. איר קאָנט פאַר־קערעווען אַהין, ווּהין אײַך ווילט זיך, איר קערט זיך אום צו אײַערע היימען, צו אײַערע מישפּאָכעס, קאַלעס, טראַכט, אַז די מילכאָמע איז שוין לאַנג פאַרענדיקט און מיט פּולווער באַנוצן זיך בלויז יעגערס און ספּאָרטסמענער.

— האָקסט אַ טשײַניק, — רופט זיך אָן צו אים סערגייעוו, — דער גלאַנץ פון דײַנע אויגן גיט דיך אַרויס. דיר אַליין גיט זיך ניט אײַן צו פאַרגעסן אין הונגער.

אויף דעם ענטפערט דוביגין:

— פאַרשטייט זיך, דער הונגער איז אַ בייזער באַלעבאָס, פון אים וועסטו ניט אַנטלויפן, וועסט אים ניט אָפּנאַרן און צו אים קיינמאָל ניט צוגעוווינט ווערן, אָבער פּרווון זיך מוז מען, מײַנע פרײַנט.

מיר גייען דורך אַ דאָרף, ווי אַלע הײַזער זײַנען כאָרעוו. לענגויס דער גאַס, באַנאַנד מיט די טיפע גריבער פון די אוויאַ־באָמבעס, האָבן זיך באַוויזן פרישע ערד־שטיבלעך. נאָר קיין איין מענטשן זעט מען ניט לעבן זיי. די דערוואַקסענע, לאָמיר זאָגן, זיצן אין די ערד־שטיבלעך, נאָר ווּהין האָבן זיך אַהינגעטאָן די קינ־דער? ווײַזט אויס, אויך זיי זײַנען שוין גוט באַקאַנט מיט די מידעס פון די היט־לעראָווצעס. אומעטום, ווי עס האָבן זיך דורכגעטראָגן די שוואַרצע שאָטנס פון די פאַשיסטישע עראָפּלאַנען, זײַנען פאַרבליבן בלויז רויִנען און אַש, צאָרעס און ווייטעקן.

דער שנײַ איז צעגאַנגען. באַ די זײַטן פון וועג איז בלאָטיק, ערגעץ־ווו טרעפן זיך קאַליוזשעס. אַפּגיך, די קאָנוואָירן זאָלן ניט באַמערקן, נעמען מיר אָן פולע פויסטן מיט בלאָטע און זופּן דורך די ציין אַ ביסל וואַסער אויף שטילן דעם דאָרשט. אויב גלייבן דוביגינען, איז דאָס אויך געגנוג אויף אונטערהאַלטן דאָס לעבן.

מיט יעדן טאָג ווערן מיר אַלץ מער אָפּגעשוואַכט. הינטער אונדז הערט זיך די גאַנצע צײַט אַ שיסערײַ. דאָס מאַכט מען אַ סאָף מיט די, וואָס שטייען אָפּ אָדער

פאלן אום. ס׳איז געפערלעך אַפּגיין אַף א שפּאַן אין א זײַט. מיר ווייסן שוין, אַז האלטן דארף מען זיך אין מיט פון דער קאַלאַנע. פון האנטעכער האָבן מיר גע־מאכט אזוינע לאנגע קעשענעס און זיי צוגענייט צו די שינעלן. וואָס נאָר האָבן מיר ניט געלייגט אין אָט די קעשענעס! א פּוילע קארטאָפל, א פארפרוירענעם בו־רעק, שפּענדלעך פאר א שײַטער... טראָגסטו אזא „גוטס״ ניט אונטער דער שינעל, נאָר אויבנוף — ריזיקירסטו מיטן לעבן.

אנאטאָלי סאמוילאָוו — א געוועזענער סטודענט פון א מאָסקווער הויכשול, איינער פון אונדזערע קורסאנטן, וועלכן מיר האָבן ערשט מיט א האלבער שאָ צו־ריק אופגעזוכט, האָט עפּעס באמערקט אין דער קאנאווע, וואָס באם וועג, און זיך אָנגעבויגן א קוק טאָן. א קאָנוואָיר איז פאמעלעכן אראָפּגעקראָכן פון וועלאָסיפּעד, ניט געײַלט זיך גענומען צילעווען און אים דערשאָסן.

ניט ווײַט פון וועג האָט איינער פון די געפאנגענע דערזען א טויט פערד און אים האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּשנײַדן א שטיק פלייש. ער האָט עס ארײַנגעלייגט אין רענצל פון דער גאז־מאַסקע. ער האָט שוין באוויזן אומבאמערקט זיך אומקערן צוריק אין קאָלאָנע, נאָר דאָ איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן לעם אים דובינין און מיט איין ריס ארויסגעכאפּט דאָס רענצל מיטן פלייש. אנטלויפן אָבער האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. דער געליטענער האָט אים אָנגעכאפּט פאר דער שי־נעל, עס האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג,ביידע זײַנען אומגעפאלן אַף דער ערד. עס האָט זיך דערהערט א שאָס. דובינין האָט זיך אָפּגעטראָגן א לעבעדיקער, דער צווייטער איז געבליבן ליגן.

מיט דובינינען, צו וועלכן מיר האָבן זיך שוין געהאט צוגעוווינט, האָט שוין מער קיינער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ווען מע האָט אונדז פארטריבן אַף נאכטלע־גער, האָט ער פאנאנדערגעצונדן א שײַטער און גענומען קאָכן אין צוויי קעסעלעך דאָס פלייש. פון אלע זײַטן האָבן אפן רייעך פון געקעכץ גענומען זיך צונויפזאמלען מענטשן.

מיר זײַנען געלעגן אַף דער ערד אין א קרײַז. דובינין האָט אוועקגעשטעלט די קעסעלעך אין דער מיט. נאָר קיינער פון אונדז האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דאָס עסן זאָל אונדז ווייניקער רייצן, האָבן מיר אויסגעקערעוועט די קעפּ.

דובינין, א הויכער, מיט א פארוואקסענער שווארצער באָרד און א צעדראפּעט פּאָנעם, איז געשטאנען אן אויסגעשמירטער אין סאזשע און אָפּט געפינטלט מיט די רויטע אויגן, וואָס האָבן געהאלטן אין איין טרערן. מיט דער פּילאָטקע האָט ער אָנגעכאפּט דאָס הייסע הענטל פונעם קעסעלע, צוגעלאָפן צו איוואשינען און ניט מיט זײַן קאָל גענומען שרײַען:

— נא, פרעס! פרעס! דו ביסט דאָך זייער אטאמאן.

איוואשין איז אופגעשטאנען.

— וואָס שרײַסטו? פארגעדענק, די דײַטשן זײַנען באלעבאטים פון יענער זײַט שטעכדראָט, און דאָ, ווו מיר געפינען זיך, זײַנען מיר די באלעבאטים און גילטיק זײַנען נאָר אונדזערע סאָוועטישע געזעצן. דו קרים זיך ניט. צי עס געפעלט דיר יאָ, צי ניין, נאָר אזוי איז עס און אזוי וועט זײַן אויך ווײַטער. פארנעם זיך פונ־דאנען!

— און אויב ניט?

— וועלן מיר דיך מישפּעטן פאר ראבעווען, פאר אומברענגען א רויטארמייער.

מיטן קעסעלע אין דער האנט, אן אײַנגעהויקערטער, איז ער אוועק פון אונדז. וואָס האָבן אויסגעדריקט זײַנע אויגן? האס, כּאַראָטע, ווייטעק? דאכט זיך, אלץ צוזאמען.

אונטער דער שילד פון „רויטן קרייץ"

דער ערשטער גרויסער לאגער, וווהין מע האָט אונדז פאַרטריבן, איז געווען אין סוכיניטשי. צו דער שטאָט זײַנען מיר צוגעקומען, ווען עס איז שוין געווען גוט פינצטער. נאָך פונדערווײַטן האָבן זיך געזען א סאך שײַטערס. מיר האָבן דער־הערט א טומל פון הונדערטער שטימען. מענטשן האָבן געקרעכצט, געוויינט, גלאט געשריִען, און דאָס אלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין אומופהערלעכן הו־הא! הו־הא!

מיר גייען צום לאגער איבער שמאָלע געסלעך, און אף יעדן ראָג בריט מיך דער געדאנק: אנטלויפן! צי איז איצט ניט די סאמע צײַט צו לויפן? מעגלעך, אז איך האָב אפילע פארלאנגזאמט דעם שפאן, ווײַל איוואשין האָט מיך לײַכט א נעם געטאָן אונטער דער האנט און קוים באמערקבאר א צי געטאָן צו זיך. ער איז קעגן...

ווי נאָר די קאָלאָנע איז אָנגעקומען אין סוכיניטשער לאגער, האָבן מיר זיך, ווי לויט א קאָמאנדע, געגומען פאר די הענט און שטיין געבליבן. פון איין שערענגע האָט מען איבערגעגעבן אין דער צווייטער:

— ניט פאנאנדערגיין זיך, ביז מע וועט ניט געבן עפּעס עסן.

די פאשיסטן האָבן אונדז געפּרווט פארטרײַבן אין די באראקן. א סאך פון די, וואָס זײַנען געשטאנען אין די פאָדערשטע רייען, זײַנען פון די קלעפּ אומגעפאלן. נאָר קיינער איז ניט אָפּגעטראָטן. ביז צום הימל האָט זיך געריסן דאָס געשריי:

— ברויט! ברויט!

די געפאנגענע, וואָס זײַנען דאָ געווען ביז אונדז און האָבן זיך געוואָרעמט ארום די אומצאָליקע שײַטערס, זײַנען אופגעשפרונגען פון די ערטער און זיך גע־לאָזט צו אונדז מיט א טומל. נאָך גרויזאמער האָט זיך געטראָגן דאָס געברום:

— ברויט! ברויט!

די היטלעראָווצעס האָבן אָנגעהויבן שיסן. עס איז אוועק א שטופּעניש אף אומקומען. אין דעם הו־הא האָבן מיר פארלוירן איוואשינען.

נאָך לאנג זײַנען מיר אינדרײַען דערנאָך ארומגעגאנגען איבערן לאגער און געשריִען:

— איוואשין! וואסילי! באטיא!

געפינען עמעצן אין אָט דעם יאם פון הונגעריקע, פארפרוירענע, פארפּײַניקטע איז געווען אומעגלעך. אלס ענטפער האָט זיך געהערט איין גרויזאמער קרעכץ.

נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך צעטראָגן א קלאנג, אז די, וועלכע זײַנען אָנגעקומען מיט דער נעכטיקער קאָלאָנע, דארפן זיך אויסשטעלן אין א באזונדער ריי, יעדערער וועט באקומען א פּײַקע ברויט. און די, וואָס האָבן גענעכטיקט אין די באראקן, קעלערס און בא די שײַטערס, — דארפן זיך שטעלן אין אן אנדער ריי נאָך באלאנדע.

אז די מײַסע מיט געבן ברויט איז אף געוויס א פּראָוואָקאציע, האָבן קימאט זיך אלע אָנגעשטויסן. די וואָלפישע גענג פון די פאשיסטן זײַנען שוין געווען באקאנט,

און דאָך זײַנען צוגעלאָפֿן אָן א שיר געפאַנגענע. דער הונגער איז געווען אזוי גרויס, אז דער פארלאנג צו באקומען א שטיקל ברויט האָט גוויווער געווען די שרעק.

וואָס זאָל איך טאָן? מיר איז שווער געווען אַף עפעס זיך אנטשליסן. אז איך טאָר זיך ניט שטעלן אין דער קאָלאָנע פון די נײַ־אָנגעקומענע — דאָס איז געווען קלאָר. נאָר ווי, אויב איוואשין וועט גראָד אויך זײַן אין דער קאָלאָנע?

סערגייעוו האָט פאָרגעלייגט, אז איך און פימענאָוו זאָלן זיך שטעלן נאָך באַר־לאַנדע, און ער בלײַבט אין אונדזער קאָלאָנע. טרעפן דארפן מיר זיך לעבן לאַ־זארעט.

מיר זײַנען אײַנגעגאנגען. ניקאָלײַ איז געווען אַף א קאָפּ העכער און געזינטער פון אונדז. אים וועט זײַן לײַכטער אָפּצוזוכן איוואשינען און אין א נויט־פאל זיך ארויסדרייען פון אן אומגליק. ניט אומזיסט איז ער פאר דער מילכאָמע געווען א פּראָפעסיאָנעלער ספּאָרטסמען.

פון זעקס פארטאָג ביז ארום עלף אינדערפרי זײַנען מיר געשטאנען אין דער ריי אַף באקומען באלאנדע. מיר זײַנען געווען אזוי דערשלאָגן, אז פעדיע האָט אפילע ניט באמערקט, ווי עמעצער האָט בא אים אָפּגעשניטן דאָס קעסעלע, וואָס האָט זיך געהאלטן אַף א שטריקל. וואָס טוט מען?

איך האָב אונטערגעשטעלט מײַן קעסעלע, און פימענאָוו... זײַן פילאָטקע. אָט איז זי, די ערשטע שפּײַז, וואָס מיר האָבן באקומען בא די היטלעראָווצעס — א האלבער ליטער ווארעמע קויטיקע וואסער, געמישט מיט קלײַען און צעקאָכטער שאָלעכץ פון קארטאָפל.

מיר זײַנען אָפּגעגאנגען אין א זײַט און זיך צוגעזעצט בא א וואנט פון א באַ־ראַק. איבערגעבנדיק איינער דעם אנדערן די פילאָטקע, האָבן מיר אויסגעזויגן פון איר די „יויך”, דערנאָך צעטיילט די שאָלעכץ פון קארטאָפל. צום קעסעלע האָבן מיר זיך ניט צוגערירט. מיר האָבן עס מיטגענומען מיט זיך. קיין שווערערע מאַסע האָבן מיר געוויס פאר אונדזער גאנץ לעבן ניט געטראָגן. באטראכט זיך נאָר! פארמאָגן א קעסעלע באלאנדע און זיך ניט צורירן צו דעם. דאָס איז געווען ניקאָלײַס און איוואשינס כיילעק. און מיר האָבן דאָס קעסעלע געטראָגן ווי א הייליקײַט. מיר האָבן שוין געוווסט, אז די צווייטע קאָלאָנע האָט ניט באקומען קיין ברויט און וועט ניט באקומען. קיין ברויט האָט מען דאָ נאָך קיין איין מאָל ניט געגעבן, אפילע די קראנקע פון לאזארעט, וואָס האָבן זיך געפונען קלוימערשט אונטער דער שילד פון „רויטן קרייץ”.

לאנג האָבן מיר ארומגעבלאָנקעט, ביז מיר האָבן דערזען סערגייעוון. ער האָט אונדז פרײַער באמערקט און גערופן מיט דער האנט צו זיך. פון דער קאָלאָנע, ווו ער איז געשטאנען, האָט מען קיינעם ניט ארויסגעלאָזט. מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אים. מיט זײַנע לאנגע הענט האָט ער א כאַפּ געגעבן דאָס קעסעלע און מיט איין אָטעם אלץ אראָפּגעשלונגען.

— מער האָט איר גאָרניט? — באלעקט ער די ליפּן און קוקט אונדז אין די אויגן.

אין דער מיט פונעם פלאץ, ווו מיר שטייען, הענגען אַף א גרויסן טאָוול, וואָס איז צוגעקלאפּט צו אן אפּישן־טומבע, עטלעכע מעלדונגען. זיי זײַנען אָנגעמאָלט מיט גרויסע געדרוקטע בוכשטאבן. אין איינער פון זיי ווערט צו וויסן געגעבן:

„בירגער! ווער עס וויל באקומען א פאסיר־שײַן קיין פעטראָגראַד (געוועזענער לענינגראַד), דאַרף זיך ווענדן אין דער אָרטיקער קאָמענדאַטור".

אפן צווייטן פאפיר איז אָנגעשריבן:

„נעכטן האָט אונדזער רומפול דײַטשיש מיליטער אײַנגענומען און ענדגילטיק באפרײַט מאָסקווע. נאָך פאסיר־שײַנען זיך ווענדן אין דער אָרטיקער קאָמענדאַטור".

איך בין זיכער, אַז די פאַשיסטן ליגן, ליגן פרעך און אומפאַרשעמט. און דאָך האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן. עס לויפט אָן איין דערמאָנונג נאָך דער צווייטער. איך דערזע פאַר זיך די ראַכוועסדיקע בײַדניעפּרישע סטעפּעס, וווּ מײַן קינדהײַט איז פאַרבײַ. דעם זאַוואָד, וווּ איך האָב דערנאָך געאַרבעט, דעם אינסטיטוט, וווּ איך האָב זיך געלערנט... און מאָסקווער רוישיקע גאַסן און פּלעצער, מאָסקווע — די גרויסע וועלט־שטאָט, וווּ מײַן קאָמיוגישע יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן. און אָט איז דאָס קליינע צימערל, הינטער מאָסקווע, וווּ איך האָב געוווינט. ווי אַלץ האָט אונדז דאָן אויסגעזען וואָכעדיק פּראָסט! איצט, ווי קיינמאָל ניט, פיל איך, ווי טיף דאָס אַלץ איז אײַנגעבאַקן אין האַרץ, דאָס אַלץ, וואָס פאַרמאָגט איין נאָמען — היימלאַנד. ניטאָ אַף דער וועלט קיין זאַך, וואָס זאָל מיר זײַן טײַערער, ווי די ערד, אַף וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן, די ערד, אַף וועלכער עס שטייט מײַן טאַטנס שטוב, וווּ איך האָב געמאַכט די ערשטע טריט.

איך פאַרשטיי, אַז נאָך עטלעכע טעג, און איך וועל זיך שוין ניט קאָנען אופהייבן פון אָרט. ווײַזט אויס, אַז דעמלט אין דזאָט האָב איך פאַרלוירן אַ סאַך בלוט. אין דיך זיצט אַ שפּליטער, וואָס פאַרשאַפט מיר שרעקלעכע ווייטעקן בײַסן גיין.

איך קוק אַף סערגייעוון — דעם גוואַר אונדזערן. ערשט ניט לאַנג האָבן זײַנע באַקן זיך גערויטלט, און איצט איז בײַ אים אין פּאָנעם ניטאָ קיין טראָפּן בלוט. אונטער די אויגן — קישעלעך, די ליפּן זײַנען צעפּלאַצט. נאָר איין פּימענאָוו שטייט נאָך פעסט אַף די פיס. אין זײַנע שמאָלע מאָנגאָלישע אויגן באַווײַזט זיך אַפילע ווען־ניט־ווען אַן אָנדײַט אַף אַ שמייכל. ווער האָט זיך עס אַזוינס געקאָנט ריכטן אַף דעם קלייניטשקן, דאַרן פעדיען, וועגן וועלכן אונדזער סטאַרשינאַ פלעגט זאָגן, אַז אין אַרמיי איז ער נאָר אַלפּי־טאָעס.

אפן גאַנעק פון הויז האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פאַשיסטישע אָפיצערן. איינער פון זיי, ווײַזט אויס, אַ ווײַסגוואַרדייער, ווענדט זיך צו אונדז אַף ריין רוסיש. ער וואָרנט:

— יעדער באַפעל וועט איבערגעכאַזערט ווערן דרײַ מאָל.

באַפעל נומער איינס: קאָמוניסטן, אַרויס פון דער ריי.

באַפעל נומער צוויי: ייִדן, אַרויס פון דער ריי.

עטלעכע געפאַנגענע האָבן אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס. די היטלעראָווצעס האָבן גענומען נישטערן צווישן די רייען, זיך צוקוקן צו די אַרבל, צי איז ניט פאַראַן קיין שפּורן פון אַ קאָמיסאַריש שטערנדל. לעבן אונדז איז געשטאַנען אַ מענטש, אָנגעשפּאַרט אַף אַ שטעקן. אַפן קאָלנער פון זײַן שינעל האָבן זיך געזען שפּורן פון „שפּאַלעס". צו אים האָט זיך געלאָזט דער ווײַסגוואַרדייער:

— הער קאַפּיטאַן, גייט אויך אַרויס פון דער קאָלאָנע.

ער האָט אים א צי געטאָן צו זיך און אוועקגעשלײַדערט אף די שטיינער, לאנג־זאם געווישט די הענט מיטן נאָזטיכל און צווישן די ציין א ברום געטאָן:

— הע־ר־ר...

דאָס דאָזיקע וואָרט האָב איך געהערט נאָר פון דער בינע און אין קינאָ, געלייענט עס אין ביכער. ערשט איצט האָב איך פארשטאנען דעם עמעסן באטײַט פון דעם...

קימאט אלע, וואָס זײַנען ארויסגעגאנגען פון דער ריי, האָבן אויסגעזען אזוי, אז מע וואָלט אלציינס דערקענט, אז זיי זײַנען ייִדן. לעבן מיר האָט מען שוין עטלעכע מאָל געגנישטערט. נאָר דערווײַל האָב איך ניט ארויסגערופן קיין כשאד. ניט ווײַט פון אונדז האָט זיך דערהערט א שיסערײַ פון אווטאָמאטן — דאָס האָט מען געשאָסן די קאָמוניסטן פון אונדזער קאָלאָנע.

מע האָט געמאָלדן, אז דער, וואָס ווייסט וועגן א ייִדן און וועט אים ניט אויס־געבן, וועט אויך דערשאָסן ווערן. איך האָב זיך א ריס געטאָן פון אָרט, נאָר פּי־מענאָוו און סערגייעוו האָבן מיך אָנגעכאפּט פאר די הענט.

עס איז געוואָרן טויט־שטיל.

מיטאמאָל האָט זיך דערטראָגן אן אויסגעשריי:

— טשעפּע מיך ניט! טשעפּע מיך ניט, זאָג איך דיר!

אלע האָבן אויסגעקערעוועט די קעפּ. פון אָנהייב האָב איך ניט געזען דעם, וואָס האָט געשריִען, אים האָט פארשטעלט א הויכער היטלעראָוועץ. דער ווײַס־גווארדייער האָט זיך א לאָז געטאָן אהין, נאָר דאָס זעלבע קאָל וואָרנט:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן צוגיין, פּעל איינע!

צווייען האָבן אים קאָנוואָיִרט. אלע האָבן געזען: ניט ער היט זיך פאר זיי, נאָר זיי היטן זיך פאר אים און האלטן זיך אין א זײַט, אף א היפּשן מעהאלעך.

— בינדן!

איצט איז ער געשטאנען מיט געבונדענע הענט, אין א קורצן רויטארמייִשן וואטניק, ניט קיין הויכער, מיט שמאָלע פּלייצעס, נאָר ווען דער ווײַסגווארדייער האָט אים א זעץ געטאָן מיטן פויסט אונטערן קין, האָט ער זיך בלויז א וואקל געטאָן און א קוק געגעבן אף אים מיט אזא בליק, אז יענער האָט אינסטינקטיוו גע־מאכט א טראָט צוריק.

איינס איז מיר געווען אומפארשטענדלעך: פארוואָס שיסן זיי אים ניט?

איך האָב געפּרוווט ארויסרײַסן די הענט, לאָזן זיי מיך ניט, מײַנע פרײַנט. פּי־מענאָוו שעפּטשעט:

— ביסט מעשוגע?

און סערגייעוו אין צווייטן אויער:

— וועסט אויך אונדז אומברענגען!

און דאָך איז מײַן באשלוס פעסט. אלציינס וועל איך ניט אויסהאלטן... מיט די לעצטע קויכעס רײַס איך ארויס די הענט און לאָז זיך לויפן אהין, ווו עס שטייען שוין עטלעכע צענדליק ייִדן.

איך שטעל זיך אוועק לעם דעם באָכער אינעם קורצן וואטניק. ער איז אין מײַן עלטער. איך פרעג אים:

— וויִאזוי איז דײַן פאמיליע, ווער ביסטו, פונוואנען?

— קליינמאן, — ענטפערט ער מיר, — א שאָפער פון היגטער קיִעוו. נאָר דאָס אלץ איז שוין איצט ניט וויכטיק.

איך ווייס ניט, וואָס האָבן דעמלט אויסגעדריקט מײַנע אויגן, נאָר האַלטן דעם קאָפּ אַזוי שטאָלץ, ווי ער, האָב איך ניט געקאָנט.

איינער פון די דײַטשישע אָפיצערן שטעלט אָן אויף מיר דעם ווײַז־פינגער און פרעגט:

— דו ביסט אַ ײַן יודע?

איך ענטפער אויף רוסיש:

— יאָ. איך בין אַ ייִד!

און ווידער, ווי דעמלט, ווען מיר האָבן געגראָבן די גרוב, עגבערט דעם מויעד נאָר איין געדאַנק: „גיכער, וואָס גיכער זאָל שוין קומען אַ סאָף צו דעם אַלעמען!...״

— אַפּ! אַפּ! — צעטרײַבט מען די קאָלאָנע, און אונדז פירט מען אַוועק מיטן שטיינערנעם ברוק צום הויז, וווּ עס געפינט זיך דער לאַזאַרעט. איבער דער טיר הענגט אַ פּאַניער־ברעטל, אויף וועלכן עס איז אָנגעמאָלט אַ רויטער קרייץ. עס פירן אונדז דער ווײַסגוואַרדייער, אַ דײַטשישער סאָלדאַט, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַן אויטאָמאַט, און אַ פּאָליצײַ — אַליין אַ קריגסגעפאַנגענער. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליצײַ, וועלכן איך האָב געזען. קיין געווער האָט ער ניט געהאַט, נאָר אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גאָפּרירט טרײַבל פון אַ גאַז־מאַסקע און פון אונטערן רימען האָט אַרויסגעשטעקט אַ מעסער אין אַ שיידל.

איך גיי אין דער ערשטער שערענגע. קליינמאַנען פירט ערגעץ אַוועק פון אונדז דער היטלעראָווען מיטן אויטאָמאַט. מע באַפוילט אונדז אַרײַנגיין איינציקווײַז אין הויז. און אָט קום איך אַרײַן אין קיין גרויסן צימער אויפן ערשטן שטאָק. דאָ איז, ווײַזט אויס, געווען עפּעס אַ מין שפּריצבאַד אָדער אַ וועשערײַ. אויפן דיל ליגן צונויפגעקלאַפּטע הילצערנע לײַסטלעך, בײַ דער וואַנט שטייען צוויי בענק.

דער ווײַסגוואַרדייער הייסט מיר אויסטאָן די שינעל, די פּילאָטקע, די גימנאַ־סטיאָרקע. איך בין אָנגעטאָן אין צוויי גימנאַסטיאָרקעס, די אונטערשטע איז צע־פליקט, צעריסן. איך בלײַב אין איר. ער באַטאַפּט אַלע מײַנע קעשענעס, געפינט אַ קאָמפּאַס, אַ בינט און צען רובל געלט.

— מע האָט דיך באַזוכט, ווען מע האָט דיך גענומען אין געפאַנגענשאַפט? — פרעגט ער בײַ מיר.

איך שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ניין.

פאַרן קאָמפּאַס, — טראַכט איך, — וועט מען מיך באַלד מוטשען. איך קאָן זיך ניט מוחל זײַן, וואָס איך האָב אים ניט איבערגעגעבן פּעדיען. זיי וואָלט ער נאָך עפּשער געקאָנט צוניץ קומען.

דער היטלעראָווען נעמט ניט אַראָפּ די אויגן פון מײַנע שטיוול. בײַ איינעם פון זיי איז אָפּגעריסן די פּאָדאָשווע. כ׳האָב זי צוגעפּעסטיקט מיט דינע פאַרזשאַווערטע דרעטלעך. ער באַקוקט די שטיוול און באַפוילט מיר זיי אויסטאָן. איך בלײַב אין איינע אָנעטשעס. זיי זאָלן ניט אַראָפּפאַלן פון די פיס, פאַרבינד איך זיי מיט די דרעטלעך, וואָס כ׳האָב אַראָפּגענומען פונעם שטיוול.

— פּאָלגנדיקער! — שרײַט ער אויס, דער היטלעראָווען, און מיר גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: — אַרויס!

„אָט באַלד, — טראַכט איך, — וועט מען אין מיר אויסשיסן״. נאָר כוץ אים, איז אין צימער קיינער ניטאָ. און בײַ אים איז דער פּאַראַבעלום נאָך דערווײַל אין דער קאָבורע. און ס׳איז ניט צו זען, אַז ער קלײַבט זיך אים אַרויסשלעפּן פון דאָרטן. און דאָך פיל איך, מאַמעש איך ווייס דאָס אָרט, ווו די קויל וועט טרעפן —

אָט דאָ ערגעץ, אין נאַקן, איך פיל שוין דאָ דעם ווייטעק. דורכן לײַב גייט דורך א גרויל, און איך לויף האסטיק ארויס פונעם צימער, ער זאָל ניט באווײַזן ארויסכאַפּן דעם פאראבעלום.

אָנגעשפּארט אָן דער פּאָרענטשע פון די טרעפּ, שטייט דער פּאָליצײַ און קוקט ארויס אין דרויסן, צו די, וואָס ווארטן אף זייער ריי, מע זאָל זיי ארײַנרופן אין צימער, פון וועלכן איך בין ערשט ארויסגעלאָפן. פונעם אייבערשטן שטאָק לאָזט זיך אראָפּ א געפאנגענער, אף זײַן ארבל דערזע איך א בענדל מיט א רויטן קרייץ. ער גייט קוים וואָס ער שלעפּט די פיס.

— ווער ביסטו? — פרעגט ער בא מיר.

איך שווײַג.

— ווער איז ער? — פרעגט ער שוין באם פּאָליצײַ.

— ער זאָגט, אז א ייִד, — ענטפערט דער פּאָליצײַ, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

— ער איז אזא ייִד, ווי דו ביסט א ייִד! ער איז פּאָשעט פאר שרעק פון זינען אראָפּ.

אראָפּגעלאָזט זיך פון די לעצטע טרעפּלעך, האָט דער מענטש מיטן רויטן קרייץ אפן ארבל נאָכאמאָל גוט א קוק געטאָן אף מיר, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דערנאָך, ארומקוקנדיק זיך מיט מוירע אין אלע זײַטן, שטיל געפרעגט:

— דו ווייסט, וואָס דיך דערווארט דאָ?

— יאָ. מיך וועט מען שיסן, און דו וועסט דאָ שטארבן פון הונגער, קעלט, קלעפּ.

— שרײַ ניט, — שלאָגט ער מיך איבער, — הער זיך אײַן, וואָס מע רעדט צו דיר. קיין ייִדן שיסט מען דאָ ניט. אָט טו א קוק אהין, ווו איך ווײַז דיר. הינטער יענע באראקעס זײַנען פאראן טיפע גריבער, פריִער האָט מען דאָרט געהאלטן קארטאָפל, דערנאָך זײַנען עס געוועזן אָפּטריט־ערטער, אָט אהין וועט מען דיך ארײַנווארפן. דאָרט וועסטו שטיין ביזן האלדז אין איפּעש... איך בין א דאָקטער, נאָר איך קאָן דיר ניט גאראנטירן, אז דו וועסט שטארבן פאר איין נאכט. הערסט, ווי זיי שרײַען? דו הערסט? — האָט ער מיך אָנגענומען פאר דער האנט.

מיר דאכט, אז איך האָב ניט נאָר דערהערט די געשרייען, נאָר אפילו דערזען די מענטשן, וואָס שרײַען... איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און דאָ האָב איך אף זיכער דערזען, אז ניט ווײַט פונדאנען שטייען פּימענאָוו און סערגייעוו און קוקן ארײַן אין דער צעפּראלטער טיר, זיי האָבן מיך, ווײַזט אויס, די גאנצע צײַט פון אויג ניט ארויסגעלאָזט.

קאָלזמאן דער דאָקטער האָט גערעדט, איז דער פּאָליצײַ געשטאנען און זיך ניט גערירט פון אָרט, אָבער ווי נאָר יענער האָט מיך אָנגענומען בא דער האנט, האָט ער אים אָפּגעשטופּט:

— אוועק! מיט דיר האָט עס ניט צו טאָן.

— פונוואנען ביסטו? — פרעגט דער דאָקטער באם פּאָליצײַ.

— פון וויניצער ראַיאָן.

— און דו? — פרעגט ער בא מיר.

וואָס טוט מען? דאָס, וואָס דער מענטש האָט דערציילט, איז עמעס. אומזיסט האָף איך אף א גיכן סאָף.

— ווו ביסטו געבוירן? — פרעגט ער בא מיר איבער.

דעם קאַנט אין אוקראַינע, פונוואַנען עס איז דער פּאָליציי, ווייס איך. כ'רוף אָן א שכיינעסדיקן ראַיאָן. דער פּאָליציי דרייט אויס דעם קאָפּ און צעשמייכלט זיך:
— זעמליאַקי, זנאַטשיט![1]
— נו, זעסט, — זאָגט דער דאָקטער א צופרידענער און שלעפּט מיך באַ דער האַנט, נאָר דער פּאָליציי שטופּט אים ווידער אָפּ.
— גיי אוועק, — כאַזערט ער איבער, — אויב ניט, רוף איך דעם שעף.
— פּאָלגנדיקער! — דערהערט זיך דעם ווייסגוואַרדייערס קאָל.
פּימענאָוו און סערגייעוו האָבן זיך דערנעענטערט צו מיר אַף עטלעכע שפּאַן. ווען דער פּאָליציי האָט זיך פאַרקוקט אָן א זייט, האָב איך זיי מיט דער האַנט געגעבן א צייכן, זיי זאָלן ניט אַוועקגיין. זיי האָבן מיך, דאַכט זיך, פאַרשטאַנען.
עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אַצינד וועט דער פּאָליציי שוין ניט אָפּשטיין פון מיר. איך וועל אים דערשטיקן, אָדער איך וועל זיך איינקלאַמערן אין אים און שלעפּן מיט זיך אין גרוב אַריין, דאַן וועלן זיי געצוווּנגען זײַן שיסן אין מיר.
דער לעצטער ייִד איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם צימער, ווען עס האָט גענומען טונקל ווערן. דער ווייסגוואַרדייער איז שוין, אַפּאָנעם, פאַרמאַטערט.
— וועסט זיי אַליין אָפּפירן, — זאָגט ער צום פּאָליציי.
איצט גיי איך דער לעצטער. אַלע איבעריקע געפאַנגענע, כוץ אונדזער קליי־נער גרופּע, האָט מען שוין פאַרטריבן אין די באַראַקן. איך פּרוביר אָפּשטיין א ביסל, און דאָ דערזע איך פּלוצעם: אונדז אַנטקעגן גייט מיט גיכע טריט סער־גייעוו און הינטער אים אײַלט פּימענאָוו. ניקאָלײַ האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן פּאָ־ליציי, און איך הער, ווי ער זאָגט אים:
— אָט דעם באָכער לאָז אָפּ! — ער ווײַזט אָן אַף מיר.
— און אַז ניט?
איין אויגנבליק, און דער פּאָליציי פאַלט אום ווי אַן אונטערגעשניטענער. איך ווייס גוט, וואָס פאַר א קראַפט עס פאַרמאָגט ניקאָלײַס האַנט. ניט אַזוי גיך וועט דער פּאָליציי קומען צו־זיך.

ווי לאָזט מען אומקומען א פרײַנט...

מיר לויפן וויפל עס קלעקט נאָר קויעך. דער ערשטער פּימענאָוו, איך אינ־מיטן, סערגייעוו הינטער מיר. מיר פּרוּוון זיך אַרײַנרוקן אין איין באַראַק, אין א צווייטן, — אומזיסט די טירכעס. שוין סאַמע פון דער טיר איז אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, אַז ס'איז ניטאָ ווו א פוס צו שטעלן. פאַרסאָפּעטע, לאָזן מיר זיך צו א באַראַק, פונוואַנען עס זײַנען נאָרוואָס אַרויס עטלעכע געפאַנגענע. זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין א וואַנט און גענומען ראַשיק אַרײַנעטעמען אין זיך די קאַלטע, פרישע לופט.
— נאָך א ביסל, און איך וואָלט דאָרט דערשטיקט געוואָרן,— קלאָגט זיך איינער פון זיי, — בעסער דאָ שטאַרבן, איידער זיך אומקערן צוריק אין באַראַק.
ערגעץ הינטער אונדז דערהערט זיך א צעצויגענער לאַנגער פײַף. סערגייעוו

[1] א לאַנדסמאַן, הייסט עס! (רוסיש).

לאָזט זיך אנטשיידן צום אריַינגאנג, נעמט פאר אונדז מאכן א וועג. זײַן באסאָווע שטים דונערט:

— אנו, פּאָלונדרא, מאכט א ווארע דער פּעכאָטע. — און נאָך איידער עמעצער באוויַיזט זיך ארומקוקן, ווער עס באלעבאטעוועט אזוי, צעשטופּט ער אלעמען מיט די עלנבויגנס און מיט די אקסלען וועמען אף רעכטס, וועמען אף לינקס. צום ערשטן מאָל, זינט מיר זײַנען אריַינגעפאלן אין געפאנגענשאפט, איז בא ניקאָלײַען אזא שטימונג. ניט אנדערש, ווי ער איז צופרידן מיט דער אָפּעראציע, וואָס ער האָט לעצטנס אזוי געלונגען דורכגעפירט. וויַיזט אויס, ניט נאָר מיר האָט צוגעגעבן מונטערקײַט דאָס, וואָס אונדזער פריַינטשאפט האָט אָפּגעהאלטן א ניצאָכן איבערן טויט, איבער אזא שווידערלעך־שרעקלעכן טויט...

אין דער טיף פון באראק איז עטוואָס געראמער. מײַנע כאווײרים באגיסן זיך מיט שווייס, און בא מיר טרעפט נאָך אלץ ניט א צאָן אף א צאָן...

— טוט נאָר א קוק, — באוויַיזט סערגייעוו מיט דער האנט אין דער הייך, און מיר פארהייבן די קעפּ.

אף די קראָקוועס זיצן האלב־נאקעטע מענטשן און לויזן זיך. פון א גרויסן געפלאָכטענעם קויש, וואָס איז צוגעבונדן מיט א שטריק צום באלקן, שטעקן ארויס א פּאָר באָרוועסע פיס. וויאזוי האָט זיך דער מענטש אהין פארקליבן און וויאזוי וועט ער פון דאָרט ארויסקריכן, — איז שווער צו באנעמען. די לופט איז אזוי געדיכט, אז מיר מוזן זיך אָפּשטעלן, קעדיי איבערצוכאפּן דעם אָטעם. יאָ, אצינד מוז מען שוין מיסטאם זיך אָפּשטעלן: ביז פארטאָג וועט אונדז דאָ קיינער ניט זוכן. מיר מאָסטען זיך איַין אין סאמע וויַיטסטן און פינצטערסטן ווינקל. געקומען א ביסל צו־זיך, האָט ניקאָלײַ זיך אופגעהויבן:

— רירט זיך ניט פון אָרט, ביז איך וועל זיך ניט אומקערן.

— וווהין? — פרעגן מיר.

— קריגן פאר אים עפּעס אָנטאָן, — וויַיזט סערגייעוו אָן אף מיר.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אזוי, גלײַך עס וואָלט זיך געהאנדלט וועגן צוגיין אין נאָענטסטן מאגאזין קויפן א פּאָר שטעקשיך.

פּימענאָוו האָט אף מיר ארופגעוואָרפן זײַן שינעל, צעבונדן מײַנע אָנעטשעס און זיך גענומען מיר אײַנרײַבן די פיס.

— זע, — האָט ער זיך געוווּנדערט, — און איך בין געווען זיכער, אז זיי זײַנען בא דיר אָפּגעפרוירן... דו האָסט ניט באמערקט, — טוט ער א פרעג, — די איבער־ריקע האָבן באוויזן אנטלויפן?

— ניין, — ענטפער איך, — איך האָב ניט באמערקט.

— וועגן וואָס, — פרעגט ער, — האָסטו גערעדט מיט יענעם באָכער אינעם וואַטניק?

— איך האָב זיך דערוווּסט, אז זײַן פאמיליע איז קליינמאן, א שאָפער איז ער פון הינטער קיִעוו.

איצט דערציילט פּעדיע מיר:

— ווען זיי האָבן אים אוועקגעפירט, זײַנען מיר, איך און קאָליע, זיי נאָכגעגאנ־גען און האָבן אלץ געזען. א לעבעדיקן האָט זיך זיי טאקע ניט אײַנגעגעבן אים ארײַנוווארפן אין גרוב. ער האָט זיך אזוי לאנג געוועדט, ביז איינער פון די פאַ־שיסטן האָט אים דערשאָסן. ערשט נאָכדעם האָבן זיי אים ארײַנגעוואָרפן אין גרוב.

קליינמאַן, זאַגסטו, איז זײַן פאַמיליע? — בײַ פעדיען האָבן אַ בלישטשע געטאָן די אויגן. — איך וועל פאַרגעדענקען. איך וועל עס אומבאַדינגט פאַרגעדענקען...

פימענאָוו איז זיכער, אַז ניקאָלײַ האָט דעם פּאָליצײַ אוועקגעהאַרגעט אַף טויט. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר אין דעם לאַגער איז געפּערלעך צו פאַרבלײַבן. מע דאַרף זיך פּרוּוון אַרויסקלײַבן פונדאַנען, און, דאַכט זיך, אַז ס'איז מעגלעך. ווערליק מע דערציילט, פאַרמירט מען דאָ אַלע טאָג אַ קאָלאָנע, וואָס מע טרײַבט ווײַטער אַף מײַרעוו. מיר ריידן אָפּ, אַז איך וועל אין דער ריי נאָך באַלאַנדע זיך ניט שטעלן. פאַרטאָג וועל איך זיך אַריבערכאַפּן אין ווינקל, ווו עס ליגן די קראַנקע אַף דיזענטעריע, און אַפילע ניט אַרויסרוקן דעם קאָפּ פון אונטער דער שינעל, ביזוואַ־נען מײַנע פרײַנט וועלן מיך ניט אַ רוף טאָן בײַם נאָמען.

סערגייעוו האָט זיך אומגעקערט מיט אַן אַלטער שינעל און אַ פּילאָטקע.

— אָט די שינעל, — זאָגט ער, — וואָלט איך אַף קיין נײַער ניט פאַרביטן, ווען ניט איין „קליינער" כיסאָרן: די אַרבל זײַנען צעריסן און אין איין פּאָלע איז דורכגעבערענט אַ לאָך ווי אַ קאָפּ די גרייס.

די פּילאָטקע האָט ער אויסגעביטן אַף זײַן קעסעלע, און פאַר דער שינעל האָט ער באַצאָלט מיט צוויי סיגאַרעטן.

אַף אונדזער פראַגע, ווו האָט ער זיי געקראָגן, די סיגאַרעטן, רוימט ער אונדז אײַן אַ סאָד, אַז ער פאַרמאָגט נאָך אַכט שטיק. זיי וועלן צוניץ קומען מאָרגן, קעדיי אָנקומען אין דער קאָלאָנע, וואָס וועט זיך לאָזן אין וועג.

ערגער איז מיט שטיוול. מיט קיין שוכוואַרג האַנדלט קיינער ניט. אויב איך וועל ביז טאָג ניט קריגן וואָס אָנטאָן אַף די פיס, וועלן מיר דאָ מוזן זיך פאַרהאַלטן.

מיר טוליען זיך צו איינער צום אַנדערן און ווערן אַנשלאָפן. בײַ מיר איז דער שלאָף אַן אומרויִקער. עס טוען וויי די פיס. סערגייעוו כאַפּט זיך אויך אַלעמאָל אויף.

— ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, — קלאָגט ער זיך.

פעדיע כראָפּעט, צוערשט שטיל, דערנאָך אַלץ העכער, מיט אַ פײַף, אַף אַ רעגע ווערט ער שטיל, דערנאָך פאַרגייט ער זיך אָפּסנײַ.

...אָפּזוכן אַ פרײַ אָרט אין ווינקל, ווו עס האָבן זיך געפונען די קראַנקע אַף דיזענטעריע, איז געווען אומעגלעך.

בײַ דער וואַנט ליגט עמעצער צונויפגעקאָרטשעט. ניקאָלײַ איז שוין עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו אים. צוערשט האָט ער אים לײַכט אַ טאָרקע געטאָן, דערנאָך אופגעהויבן זײַן האַנט און זי אָפּגעלאָזט. די האַנט האָט אַ פאַל געטאָן אָן אַ סימען פון לעבן.

— דער האָט זיך שוין אָפּגעמוטשעט, — זאָגט סערגייעוו. ער דעקט אים אײַן מיט דער שינעל, וואָס ליגט אין אַ זײַט. אונדז הייסט ער, מיר זאָלן אים, ניקאָ־לײַען, פאַרשטעלן, בייגט זיך אָן און נעמט אַראָפּציִען פון דעם טויטן די שטיוול. דעם לינקן האָט ער לײַכט אַראָפּגעצויגן, ערגער איז מיטן רעכטן. ניקאָלײַ שטעלט זיך אַף אַ קני, טוט אַ גוטן צי און... וואָס מיינט איר, איז געשען? דער „טויטער" האָט זיך צעשריִען:

— וואָס שלעפּסטו? וואָס ראַבעוועסטו, האַ?

ניקאָלײַ איז אָפּגעשפּרונגען. דער „לעבעדיקער מעס" האָט זיך צעשריִען העכער:

— דזשעהוב! דזשעהוב!

עס איז געוואָרן א טומל. עטלעכע זײַנען אופגעשטאַנען און געלאָזט זיך צו אונדז. אפילע ניקאָלײַ האָט זיך פארלאָרן.

— באלד,— האָט ער אונדז געוואָרנט,— וועט מען אונדז ברעכן די ביינער. ענטפערן טאָר מען ניט, עס וועט זײַן נאָך ערגער.

און טאַקע. אף אונדז האָבן זיך אָנגערוקט עטלעכע מאַן.

— ווער האָט געמאַראָדיאָרעוועט? ווער? — האָבן געשריִען אלע מיטאמאָל. — שלאָג זיי, די פאראזיטן!

איך פיל: כאָטש אונדז האָט ניקאָלײַ געוואָרנט, נאָר אליין וועט ער אָט־אָט ענטפערן מיט א קלאפּ אף א קלאפּ. אנטקעגן אים שטייט ניט קיין הויכער, נאָר א געזונטער באָכער.

— ווי־אזוי האָסטו עס געקאָנט טאָן? — לאָזט ער זיך צו ניקאָלײַען מיט די פויסטן.

איך באַווײַז זיך שטעלן צווישן זיי.

— פרי־ער הערט אויס און דערנאָך, אויב עס איז פאראן פאר וואָס, — שלאָגט.

פון א זײַט שרײַט מען:

— נערעק דעם גרויסן!

— איך בין שולדיק, און ניט ער, — ווענד איך זיך צו דעם, וואָס גרײַפט אָן אף סערגייעוון.

ווײַזט אויס, אזוי איז עס שוין פון שטענדיק, קוים אנערקענט עמעצער זײַן שולד, ווילן אלע וויסן, אין וואָס באשטייט זי. איך און פימענאָוו פרווון זיך זיי עפּעס דערקלערן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם צווייטן:

— מיר זײַנען געווען זיכער, אז ער איז טויט...

— און אונדזער כאווער, — באַווײַזט אף מיר פעדיע, — איז באָרוועס, איר זעט דאָך, אינגאנצן א באָרועסער, איז ווי לאָזט מען עס אומקומען א פרײַנט?

דער, וואָס שטייט קעגן סערגייעוון, באשטעטיקט:

— יאָ, טאַקע באָרוועס, — ער האָט אוועקגעלייגט די שטיוול לעבן געליטענעם און צוזאמען מיט אונדז געלאָזט זיך צווישן די קראנקע. ער האָט אליין אראָפּגעצויגן די שטיוול פונעם ערשטן בארמינען, וואָס האָט זיך אונדז געטראָפן, און, קוקנדיק אף מיר דורכדרינגלעך מיט זײַנע קלוגע אויגן, זיי מיר דערלאנגט מיט די ווערטער:

— נא, און פארליר ניט מער.

א טאָג אף דער פרײַ

און ווידער זײַנען מיר אין וועג. אונדזער קאָלאָנע האָט זיך צעצויגן אף העכער א קילאָמעטער די לענג. איבער אונדז שווימען נידעריקע טונקעלע וואָלקנס, פון וועלכע עס הערט ניט אוף צו טריפן א דריבנער, נודנער רעגן, געמישט מיט שניי. בלויז איין מאָל האָט זיך באַוויזן די זון, א בלוטיק־רויטע, ווי פאר א שטורעם.

מיר דאכט, אין ערגעץ האָט די מילכאָמע ניט איבערגעלאָזט אזויפיל שווערע שפּורן, ווי לענגויס די גרויסע מאגיסטראַל־וועגן. א צעגראָבענע פון אָקאָפּעס, א צעדרויבלטע פון סנאריאַדן, מיט אָן א שיר וואָראָנקעס פון די אוויִא־באָמבעס, ליגט צעשפּרייט א שווער־פארוווּנדעטע אונדזער ערד. וויפל קויכעס וועלן זיך

פֿאַדערן, קעדיי פֿון דעם אַש און די רויִנעם זאָלן ווידער אופֿשטיין די כּאָרעוועטשטעט, די פֿאַרברענטע דערפֿער, קעדיי עס זאָל ווידער אָטעמען מיט לעבן אַלץ, וואָס ארום!

מיר גייען שוין דעם דריטן טאָג, און דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געהאַט אין מויל, איז עטלעכע האַלב־פֿאַרפֿרוירענע בורעקעס, וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן אופֿקלײַבן אין פֿעלד. די קעפּ זײַנען אַראָפּגעלאָזט, דאָס אָנטאָן איז דורכגעווייקט און שלעפּט צו דער ערד. לעבן דער אײַזנבאַן־ליניע, וועלכע מיר דאַרפֿן אַריבערגיין, שטעלט די וואַך אונדז אָפּ. מיר וואַרטן, ביז די גאַנצע קאָלאָנע וועט זיך אונטערציִען. פֿון נאָענטן דאָרף לויפֿן צו קינדער, פֿרויען, זיי האַלטן אין די הענט טעפּלעך, קריגלעך, קוישלעך, פּעקלעך, פֿאַרוויקלטע אין פּאַטשיילעס.

— איוואַנטייעווקער, עפּשער איז עמעצער דאָ פֿון איוואַנטייעווקע? — שרײַט איינע.

די פֿרויען רוקן אַרײַן די קאָנוואָיִרן אין די הענט קריגלעך מיט מילך, דערפֿאַר גיט זיך איינער פֿון זיי אײַן איבערגעבן די געפֿאַנגענע כּאָטש עפּעס וואָס — וועמען אַ געקאָכטע קאַרטאָפֿל, וועמען אַ לעפֿל קאַשע, אַ ביסל זאַלץ. איינעם פֿון אונדז האָט גאָר אָפּגעגליקט — ער האָט באַקומען אַ האַרט איי.

אַן עלטערע פֿרוי שטייט אָנגעשפּאַרט אין שלאַגבאַום, זי וואַרט אָפּן קריגל, פֿון וועלכן עס טרינקט מילך אַ היטלעראָוועץ, זי קוקט אים אין די אויגן און רעדט, ווי ניט אים מיינט זי:

— ווילדע כּײַעס, וואָס טוט איר מיט אונדזערע זין? מע זאָגט, אַז אונדזערע טרײַבן אײַך שוין אָף צוריק. העלף זיי, גאָטעניו, העלף זיי, גאָטעניו!

דער קאָנוואָיִר ווישט אָפּ די ליפּן, איבער וועלכע ס׳הענגען צוויי פֿעטע ווײַסע וואָנצן. ער שמייכלט:

— גוט, מאַטקאַ, זייער גוט. — און גלײַך נעמט ער טרײַבן די פֿרויען, זיי זאָלן אַוועק פֿון די געפֿאַנגענע.

הײַנט האָב איך אָפּגעזוכט אַ לאַנגן שטעקן, שפּאַן איך, אָנשפּאַרנדיק זיך אָף אים. וועגן דעם, וווּהין מע טרײַבט אונדז, גייען אַרום פֿאַרשיידענע קלאַנגען. צום סאָף טאָג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיר גייען קיין אָרשע און פֿון דאָרטן וועט מען אונדז מיטן צוג פֿירן קיין דײַטשלאַנד.

ניט ווײַט פֿון אונדז גייט אַ קאָנוואָיִר, אַ דײַטש שוין אין די יאָרן. די אונטערשטע ליפּ הענגט באַ אים אַראָפּ, דער אויטאָמאַט באַמבלט זיך אָפּן האַלדז. די פּאָלע פֿונעם מאַסקיר־כאַלאַט האַלט זיך אין איין פֿאַרטשעפּען אין דעם וועלאָסיפּעד, וואָס ער שטופּט אונטער מיט דער רעכטער האַנט. פּימענאָוו טוט אים אַ פֿרעג אָף דײַטש:

— וווּהין פֿירט איר אונדז?

— נאָך דויטשלאַנד, — ענטפֿערט ער. — און דו קענסט דײַטש? — וווּנדערט ער זיך. — גוט! גוט! אָט וועט איר קומען קיין דײַטשלאַנד, וועלן זיי אַלע, — ווײַזט ער אָף דער קאָלאָנע, — אַרבעטן, שווער אַרבעטן, און דו וועסט זײַן אַן איבערזעצער. אונדזער פֿעלדפֿעבעל זאָגט, אַז אינגיכן וועט קומען אַ צײַט, ווען אַלע, וואָס וועלן קיין דײַטש ניט קענען, וועט מען איבערהויפּט פֿאַר קיין מענטשן ניט רעכענען.

ער גיט איבער פעדיען זײַן װעלאָסיפּעד, און אליין נעמט ער ארויס א צינד־מאשינדל און, פארשטעלנדיק עס מיט דער האנט פונעם ווינט, פארייכערט ער א לאַנגן גראָבן ציגאַר. עמעצער שרײַט צו פּימענאָוון:

— דו גיב בא אים א טאָפּ דעם וואָגן, וואָס ווייסט ער וועגן מאָסקווע?

— ווי נאָר, — זאָגט דער קאַנוואָיר, — עס וועט מיט מאָסקווע זײַן קאפוט, וועט אויך זײַן קאפּוט צום גאנצן קריג. דאן וועל איך זיך אומקערן „נאָך האוזע". איך וועל זיך נעמען עטלעכע געפאנגענע, זיי וועלן ארבעטן בא מיר אין דער ווירט־שאפט, און איך וועל אף די עלטערע יאָרן זיך אויסרוען. שוין צײַט!

קוים דערהערט ער דאָס הודזשען פונעם מאָטאָציקל, אף וועלכן עס קורסירט לענגויס דער קאָלאָנע זײַן פעלדפעבעל, אזוי שטופּט ער אָפּ פעדיען און נעמט אליין פירן דעם וועלאָסיפּעד. און דאָך איז עס פאר דער היטלער־ארמיי פון יענע צײַטן געווען אן אויסטערלישער סאָלדאט. דעם רעשט פון זײַן ציגאַר האָט ער ניט צעטראָטן מיטן שטיוול, ווי אנדערע, נאָר אים אָפּגעגעבן פעדיען. פעדיע האָט דאָס אָפּשניצל איבערגעגעבן ניקאָלײַען, וועלכער האָט זיך מיט פארגעניגן פארצויגן, נאָר איז באלד אזוי פארשיקערט געוואָרן פונעם רויך, אז ער וואָלט געוויס אומ־געפאלן, ווען איך זאָל אים ניט געווען אונטערהאלטן. בא אים האָט זיך פארדרייט דער קאָפּ, און איך מיט פעדיען האָבן אים נאָך לאַנג געפירט אונטער דער האנט.

אין דער צווייטער העלפט פון טאָג האָבן מיר זיך אויסגעגלײַכט מיט א מאָ־טאָריזירטער מיליטערישער טייל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט בא די קוסטעס, לינקס פון וועג. ווען מיר האָבן זיך געהאט דערנעענטערט, האָט מען פון דאָרטן אָנגעהויבן שיסן אף אונדז. די געפאנגענע האָבן זיך געלאָזט לויפן אף רעכטס. באַם ראנד פון וועג זײַנען געשטאנען עסעסאָווצעס און געשלאָגן די דורכגייענדיקע מיט שטעקנס, געוואָרפן שטיינער, פון מאָל צו מאָל געשאָסן אין דער קאָלאָנע פון די ביקסן און אווטאָמאטן. איך און פּימענאָוו האָבן געהערט, ווי זיי האָבן פארזיכערט דעם פעלדפעבעל, אז פון רעכטס איז א הויל פעלד און קיינעם פון אונדז וועט זיך ניט אײַנגעבן צו אנטלויפן. קיין סאך דארפן זיי ניט, זיי וועלן דערשיסן א פאָר הונדערט מענטשן, — און שוין...

אונדז דרײַען גיט זיך אײַן דורכקומען דאָס געפערלעכע אָרט בעשאָלעם. איך לייג פאָר מײַנע כאווײרים:

— אויב עס וועט זיך ווידער אָנהייבן א סומאטאָכע, לאָמיר זיך פרווון לויפן אף לינקס דורך די קוסטעס אין וואלד ארײַן. טוט א קוק, ס'איז גאָרניט אזוי ווײַט.

פּימענאָוו איז גלײַך מאסקים, ניקאָלײַ ענטפערט ניט זיכער:

— מירן זען...

איך און פעדיע וואַרפן ארויס פון די קעשענעס די שפּענדלעך, וואָס מיר האָבן פארן טאָג צונויפגעזאמלט אף צעצינדן א פײַער, ציען שטײַפער אונטער די שטריקלעך, מיט וועלכע מיר זײַנען אונטערגעגארטלט. אלץ אָפּטער און אָפּטער שיסט מען. איך טו זיך א וואָרף אף לינקס. מיך יאָגט איבער פּימענאָוו. איך קוק זיך אום: ניקאָלײַ לויפט אויך. אָט פּיל איך שוין זײַן שווערן אָטעם הינטער זיך.

אלץ איז פאָרגעקומען אזוי, ווי מע האָט זיך געקאָנט פארשטעלן. די מערהײַט געפאנגענע האָט זיך געלאָזט לויפן אף רעכטס פון וועג, און אונדז האָט מען ניט באמערקט. ס'האָט אונדז נאָך דערצו אָפּגעגליקט — ס'איז בארג־אראָפּ.

אין טאָל כאַפּן מיר איבער דעם אָטעם. מיר ליגן צוגעדריקט צו דער ערד און הערן זיך צו — מע האָט אופגעהערט שיסן. ניקאָלײַ איז פאר דעם, מיר זאָלן זיך

לאָזן ווײַטער — צום וואלד. פּימענאָוו לייגט פּאָר ליגן אזוי, ביז עס וועט טונקל ווערן. איך מיין, אז גערעכט איז ניקאָלײַ, נאָר ווײַטער לויפן האָב איך ניט קיין קויעך. מיר קוקן זיך ארום: ערשט ניט נאָר מיר אליין געפינען זיך אין טאָל — אין אוועלכע־ניט־איז הונדערט מעטער פון אונדז ליגט נאָך א גרופּע און נאָך צוויי געפאנגענע גייען אהער. ניט זיי גייען, נאָר קריכן ווי די טשערעפּאכעס. עמעס, זיי האָבן זיך עטוואָס אָנגעבויגן צו דער ערד. אויב מע וועט זיי באמערקן, זײַנען מיר אלע פארפאלן.

איצט איז שוין קלאָר, אז גלײַך זיך לאָזן אין וואלד איז געפערלעך. צופיל זײַנען מיר דאָ. מע וועט אונדז אומבאדינגט דערזען.

עמעצער פון דער שכיינעסדיקער גרופּע קריכט אהער. אָט האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט. ער ליגט צוגעדריקט צו דער ערד. ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, נאָר פאריסן די אויגן צו אונדז, פרעגט ער:

— וויפל זײַט איר?

פעדיע ווײַזט אים מיט דער האנט, ער זאָל צוקריכן נעענטער. דער מענטש איז פארוואקסן מיט א געדיכטער באָרד, ס׳איז שווער צו פארשטיין, וויפל ער איז אלט, דרײַסיק צי פופציק, אָבער די אויגן זײַנען בא אים יונגע, ברוינע, דער שטערן — א הויכער.

— איך הייס יעגאָר... — שעפּטשעט ער. — צוערשט האָב איך, ווי אלע, זיך גע־לאָזט אף רעכטס, אין פעלד, נאָר זיך פארטשעפּעט אין עפּעס און אומגעפאלן. אָט דאן האָב איך באמערקט, ווי איר זײַט ארײַן אין די קוסטעס. כ׳האָב גלײַך פאר־שטאנען אײַער פּלאַן.

— נו, און וויפל זײַט איר? — פרעגן מיר בא אים.

— אויך דרײַ. יענע צוויי האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך מיר. זיי האָבן ערגעץ געפונען א קירבעס און זיך גענומען עסן.

מיר שטויסן זיך אָן, פארוואָס ער איז פון זיי אוועקגעקראָכן.

— דיר האָבן זיי אפילו קיין שטיקל קירבעס ניט געגעבן? — פרעגט ניקאָלײַ.

— ניין.

— הייסט עס, — מאכט סערגייעוו אן אויספיר, — ניט קיין וואזשנע כעווערע, אזוי וועט קיין גוטס ניט ארויס. — ער איז גרייט גלײַך אוועק צו די דאָזיקע כעווערע, זיי לערנען סייכל. מיר האָבן אים קוים אײַנגעהאלטן.

פון אונטער די וואָלקנס האָט זיך באוויזן א שטיקל בלויער הימל. דאָ אין טאָל זעען זיך נאָך ערגעץ־ווו גרינע פלעקן. ניט דאָס גאנצע גראָז האָט זיך אונטערגע־געבן דעם הארבסט.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר, אכט מענטשן, זיך פארזאמלט אפן ראנד פון וואלד. מיר זײַנען געלעגן אונטער א הויכן געדיכטן יאָדלע־בוים. סארא וווּנדערלעכער בוים דאָס איז געווען! ווי א מעכטיקער, גרינער זײַל איז ער גע־שטאנען באם סאמע אָנהייב וואלד, א שלאנקער, א גרויסארטיקער. עס האָבן שטיל געטומלט די צווײַגן, וואָס האָבן אונדז אויסבאהאלטן, און מיר זײַנען געלעגן פאר־שיקערטע פון דעם ביטערלעכן גערוך פון די יאָדלע־נאָדלען און פון דער פרײַהײַט, וואָס האָט אזוי אומגעריכט ווידער זיך אומגעקערט צו אונדז.

מיר זײַנען געקומען צום באשלוס, אז מיר דארפן זיך דערווײַל האלטן צוזאַ־מען, גיין דארף מען צום פראָנט, דורך די וועלדער, ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדנ־דיק צענטראלע וועגן. איצט האָט מען געדארפט אויסקלײַבן אן עלטסטן. ווײַל נאָר

מיר דרײַ קענען גוט איינער דעם צווייטן, לייגט מען פּאָר אויסטיילן איינעם פון אונדז פּאר אן עלטסטן.

— אויב צווישן די איבעריקע זײַנען ניט פאַראַן קיין קאָמאַנדירן, — זאָג איך, און דאָ באַלד דערזע איך, אַז יעגאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. — דו ביסט אַ קאָמאַנדיר?

— יאָ, כעוורע, אַ קאָמאַנדיר.

— ווער ביסטו געווען אין אַרמיי?

— אַ קאָמאַנדיר פון אַ סאַפּיאָרן־ראָטע, כ׳בין אַ לייטענאַנט.

בלײַבט, אַז יעגאָר וועט זײַן דער עלטסטער, און פּימענאָוו — זײַן פאַרטרעטער. מיר ריידן זיך צונויף, אַז אַלע וויכטיקע באַשלוסן, אויב נאָר די אומשטענדן וועלן דערלויבן, זאָלן אָנגענומען ווערן צוזאַמען. אַלץ, וואָס עמעצער וועט קריגן, דאַרף צעטיילט ווערן צווישן אַלעמען גלײַך, קיין קראַנקע און פאַרוווּנדעטע ניט איבער־לאָזן. די גרעסטע שטראָף — פאַרטרײַבן פון דער גרופּע.

ערגער פּאַר אַלץ איז דאָס, וואָס קיינער פון אונדז איז אין די קאַנטן קיינמאָל ניט געווען. אָט ווען עס וואָלט צוניץ געקומען דער קאָמפּאַס, וואָס דער ווײַס־גוואַרדייער האָט בײַ מיר צוגענומען.

בייס מיר זײַנען שטילערהייט געלעגן און נאָך געשמועסט, האָט יעגאָר צוויי פון אונדז אַוועקגעשיקט אין אויסשפּיר. אומגעקערט האָבן זיך די אויסשפּירער גיך און געבראַכט ניט גאָר קיין פרייליכע ידיעות: ניט ווײַט פונדאַנען שטייען צוויי בײַדלעך און אַרום זיי — אַ סאַך פּעסער און קעסטלעך. ווײַזט אויס, דאָס איז אַ באַזע פון ברענשטאָף.

פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ געבערום פון אַווטאָמאַשינעס, עס דאַכט זיך, אַז זיי באַוועגן זיך גאָר נאָענט. מע האָט באַדאַרפט דרינגענדיק פאַרלאָזן אָט דאָס אָרט אונטערן שיינעם בוים. מיר מוזן זיך דערקלײַבן ביז צו אַ גרויסן וואַלד.

אין מעשעך פון דער נאַכט האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף צוויי דערפער. אין איינעם זײַנען געווען דײַטשן, אינעם צווייטן האָבן מיר באַשטימט ניט אַרײַנגיין, ווײַל ביז טאָג איז שוין געווען ניט ווײַט, און מיט וואַלד האָט נאָך אַלץ ניט געשמעקט.

אָבער די האָפענונג, אַז אונדז וועט געלינגען זיך ראַטעווען, האָט צוגעגעבן קויכעס, און אַפילו ניט צוזעצנדיק זיך אויף קיין רעגע, זײַנען מיר געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

נאָר אָט שאַרײַעט שוין אויף טאָג, און מיר זײַנען נאָך אין אָפענעם פעלד. פון־וואַנען האָבן זיי זיך עס גענומען אַהער, אָט די אומענדלעכע סטעפּעס? אויף אַלע פעלד־וועגן — פרישע שפּורן פון געקאָוועטע סאָלדאַטישע שטיוול, פון אַווטאָמאַ־שינעס, וועלאָסיפּעדן. ערגעץ האָבן זיך אָנגעהויבן איבערופן די הענער. אָט־אָט וועט ווערן גוט ליכטיק, און באַהאַלטן זיך איז ניטאָ וווּ. זאָלסט זאָגן אַ קוסטל, אַ פאַרטריקנט ווילד גרעזל! דער קאָמאַנדיר פּאָדערט פון אונדז איינס — נאָר ניט אָפּשטעלן זיך און זיך האַלטן וואָס ווײַטער פון דעם וועג.

עס באַווײַזט זיך אַ דאָרף. אין אַ זײַט שטייען צוויי געבײַדעס. מיר פאַרקערע־ווען אַהין. דאָס, לאָזט זיך אויס, איז אַ קליין שטיבל אונטער אַ שינדל־דאַך, מיט געשניצטע לאָדנס און מיט אַ פּאַליסאַדניקל, און ניט ווײַט דערפון — אַ גרויסע

קלוניע. אין שטוב איז איין פענצטער פארקלאפּט מיט ברעטער, דאָס צווייטע איז פאַרהאנגען. די טיר איז פארשלאָסן פון אינווייניק.

מיר טוען א שטופּ דעם טויער פון דער קלוניע, ער עפנט זיך מיט א סקריפּ. דאָ איז פינצטער, און אף יעדן טראָט שטויסן מיר זיך אין עפּעס אָן. ווי ס'ווייזט אויס, מע האָט דאָ געהאלטן דעם לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר פון קאָלווירט. מיר האָבן ארומגעשארט אלע ווינקלען און ניט געפונען קיין ברעקל עסנווארג.

דורך א שפּארונע קוקט איינער פון אונדז ארויס אין דרויסן, מיר זאָלן וויסן, וואָס ס'טוט זיך אין הויף און אפן וועג. בא יעגאָרן האָט זיך פארהיט זיין קעשענע־זייגער. ער גיט אים איבער דעם פּאָסטן, וואָס וועט זיך בייטן אלע צוויי שאָ. מיר לייגן זיך אויס איינער לעבן אנדערן און שלאָפן איין. יעגאָר האָט זיך אוועקגע־לייגט באם סאמע טויער.

איך האָב זיך אופגעכאפּט, ווען אף דער וואך איז געשטאנען א באָכער, וואָס זיין נאָמען האָט קיינער פון אונדז ניט געקאָנט פארגעדענקען, סערגייעוו האָט אים גערופן איפּטאַש, וואָס דאָס באטייט אף טאָטעריש כאווער. איך פרעג אים שטי־לערהייט:

— וויפל איז דער זייגער?

— פערציק אף איינס, — ענטפערט ער און הייבט זיך אָן קלאָגן קימאט מיט טרערן, — די באלעבאָסטע קאָכט זייער א געשמאק מייכל, איך פיל עס לויטן רויך, כ'זאָל ניט שטיין אפן פּאָסטן, וואָלט איך בא איר עפּעס אויסגעבעטן. מיין „קורסאַק“ קאָן שוין מער ניט אויסהאלטן.

— פארנאכט, — טרייסט איך אים, — איידער מיר וועלן פונדאנען אוועק, וועלן מיר צו איר ארייַנגיין.

איך קער זיך אום אף מיין אָרט. נאָר פּלוצעם פאלט אף מיר אָן א שרעק, ווי כ'וואָלט געהאט א פאַרגעפּיל, אז עס דערווארט אונדז אן אומגליק. אופוועקן פּימענאָוון איז ניט אזוי לייכט, טאָרקע איך סערגייעוון:

— ניקאָליי, די באלעבאָסטע קאָכט עפּעס. אפן פּאָסטן שטייט איפּטאַש, האָב איך מוירע, ער זאָל ניט אָפּטאָן קיין נארישקייטן.

— שלאָף, — בארויקט ער מיך, — און איפּטאַשן, אויב ער וועט מאכן פוילע שטיק, וועל איך דערשטיקן.

די לעצטע ווערטער מורמלט ער ארויס, קוים מע הערט זיי. ער שלאָפט שוין ווידער. ליגנדיק אינדערמיט צווישן מיינע כאווירים, בארויק איך זיך צוביסלעך. „נישקאָשע, — טראכט איך, — צו אָוונט־צו וועלן מיר קריגן עפּעס עסן. און פאַר דער קומענדיקער נאכט וועלן מיר זיך דערשלאָגן צו א וואלד. גרויסע וועלדער, וויסן מיר, מיידן די דייטשן אויס“. מיין לעצטער קלאָרער געדאנק: אויב עס וועט אויסקומען זיך צעטיילן אף צוויי גרופּעס, דארף מען נעמען מיט זיך יעגאָרן, מיר געפעלט ער, ער האָט א שארף אויג און א הארץ פון אן עמעסן כאווער.

וויפל בין איך נאָכדעם געשלאָפן, ווייס איך ניט. מיר האָט זיך געכאָלעמט געבראָטענע קארטאָפל ערשט פונעם פייער. יעגאָר און איפּטאַש זאלצן זיי צו און קייען אףביידע באקן.

אופגעשפּרונגען זיינען מיר אלע מיטאמאָל. ערגעץ גאָר נאָענט האָט מען אויס־געשאָסן עטלעכע מאָל נאָכאנאנד. דער טויער פון דער קלוניע איז עטוואָס אָפן. יעגאָר פּרוווט ארויסקוקן אין הויף, נאָר גלייך האָט א זעץ געטאָן א לאנגע אור־

טאָמאַטן־ריי, און ער איז געבליבן ליגן בא דער שוועל א צונויפגעקאָרטשעטער, די ברוינע אויגן צוגעמאַכט, דער הויכער שטערן פארבלוטיקט.

מע האָט אונדז ארויסגעפירט. עטלעכע שפאַן פאַר דער קלוניע איז מיטן פּאָ־נעם צום הימל, די הענט צעוואָרפן, געלעגן איפּטאַש. זײַן מויל איז האַלב־אָפן. אַן אונטער־אָפיצער דערקלערט א יונגן היטלעראָווער, קימאַט א ייִנגל, ווי ארויס־שלעפן די גאָלדענע ציין בא איפּטאַשן פון מויל.

ווען ניט פּימענאָוו, וואָלט מען אונדז זיכער דאָ אין הויף דערשאָסן. פעדיע דערציילט דעם אונטער־אָפיצער וועגן נעכטיקן אָנפאַל אַף אונדזער קאָלאָנע:

— מיר זײַנען זיך צעלאָפן, אז מע האָט אָנגעהויבן שיסן אין אונדז, און דער־נאָך פארבלאָנדזשעט. ווען מיר זאָלן געווען וועלן אנטלויפן, וואָלטן מיר דאָך פארבליבן אין וואַלד.

פּימענאָוו קוקט אפן דײַטש מיט אַזעלכע טמימעסדיקע אויגן, אז ניט גלייבן אים קאָן מען ניט. נאָר קוים דרייט ער אויס דעם קאָפּ און זײַן בליק פאלט אַף יעגאָרן, אַף איפּטאַשן, טוט א בליץ אין זײַנע אויגן אַזאַ פײַערל — אז היט זיך, מערדער!

קאָן זײַן, אז באַם אונטער־אָפיצער איז אָפּגעגאַנגען דער קאַס אין דער מינוט, ווען ער האָט ארויסגענומען פון איפּטאַשס קעשענע יעגאָרס זייגער. ער שיקט איינעם פון די סאָלדאַטן אין דאָרף פרעגן, וואָס זאָל מען טאָן מיט אונדז.

מיר זײַנען געשטאַנען לעבן פאַרקן, געקוקט אַף יעגאָרן, און איך ווייס ניט, ווי ווער, נאָר איך בין אים מעקאַנע געווען.

פון ראָסלעוו ביז מאָלעוו

ווידער טרײַבט מען אונדז איבער א שמאָלן נאַסן שאָסיי־וועג. ערשט־אָ איז דורכגעגאַנגען א קאַלטער אָקטיאַבערדיקער רעגן. דער פײַכטער ווינט שמײַסט אין פּאָנעם, לאָזט ניט מאַכן קיין שפּאַן. מיר דרײַען שלעפן זיך אין סאַמע עק פון דער לאַנגער קאָלאָנע. אויב איך האַלט זיך נאָך אַף די פיס, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס פון ביידע זײַטן שפּאַר איך זיך אָן אין מײַנע פרײַנט — פעדיע פּימענאָוון און ניקאָלײַ סערגייעווון. א טשאַטע פייגל פליט דורך הויך איבער אונדזערע קעפּ, זיי פּאַכן אָן אופהער מיט די פליגלען, אײַלן אַהין, וווּ עס איז וואַרעם — אַף דאָרעם. אונדז טרײַבט מען אַף מײַרעוו...

ראָסלעווער לאַגער. דאָ זײַנען געווען פאַרגרייט פאַר אונדז נאַרעס. נײַע פּיריאַרוסדיקע נאַרעס, פון וועלכע עס שמעקט מיט פרישׂ געהילץ. אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן פאַרכאַפּן א נאַרע אין צווייטן יאַרוס. אָך, סאַראַ גליק דאָס איז פונ־דעסטוועגן — קאָנען ליגן מיט אויסגעצויגענע פיס עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד אונטער א דאַך איבערן קאָפּ.

פעדיע און ניקאָלײַ זײַנען ערגעץ אוועקגעגאַנגען. איך בין געבליבן היטן דאָס אָרט און, ליגנדיק, אַנדרעמלט געוואָרן.

א טראַסק האָב איך דערהערט, נאָר אַראָפּשפּרינגען האָב איך שוין ניט באַוויזן. די אייבערשטע נאַרע האָט זיך אײַנגעבראָכן, איז אַראָפּגעפאַלן אַף מיר מיט דער גאַנצער מאַסע פון מענטשלעכע קערפּערס און פאַרקוועטשט די ברוסט.

א מאָדנע זאַך: וויפל מאָל האָב איך פאַר די לעצטע עטלעכע טעג געבעטן אַף זיך דעם טויט, נאָר אָט האָב איך זיך געטראָפן מיט אים פּאָנעם־על־פּאָנעם, און כ׳ווייס אליין ניט, פונוואנען עס האָט זיך גענומען בא מיר אזויפיל קויעך אויס־צושרײַען:

— פעדיע, קאָליע, ווו זײַט איר?

ווי פון אונטער דער ערד וואקסן זיי ביידע אויס לעם מיר. ניקאָלײַס שטים קאָן שפּאלטן ווענט:

— האלט זיך, ברודערל, מיר זײַנען דאָ! — ער כאפּט עמעצן פאַרן קאָלנער, אַן אנדערן פאַר דער האנט.—שטייט!—באַפוילט ער.—הערט מײַן קאָמאנדע: איינס, צוויי, גענומען זיך! איינס, צוויי, אופגעהויבן! איינס, צוויי, העכער! פעדיע, שלעפּ אים!

צוערשט האָב איך ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. עס טוט ווי די ברוסט, איך אָטעם קוים. סערגייעוו האָט מיך ארומגעכאפּט מיט די לאנגע הענט, צוגע־דריקט צו זיך. און מאָדנע, ניט איך, נאָר ער האָט מיטן ארבל פון שינעל אָפּגע־ווישט אַן אַנגעלאָפענע טרער.

— אוך, שלענג! לאָמיר זיך נאָר ארויסרײַסן פון אײַערע הענט, איז היט זיך!..

פון אלע זײַטן האָבן זיך א שאָט געטאָן קלאָלעס אַף די קעפּ פון די פאשיסטן.

— מע דאַרף ראַטעווען די איבעריקע,—האָט דער ערשטער זיך דערמאָנט פעדיע,—גענוג צו יאָמערן.

דער וועג אַף קריטשעוו איז דער לעצטער עטאַפּ, וואָס מיר זײַנען נאָך אימ־שטאנד געווען דורכמאכן צופוס.

כאָטש פון די זײַטיקע וועגן טרײַבט מען אַפן שאָסיי נײַע גרופּעס געפאנגענע, דאַך ווערט אונדזער קאָלאָנע מיט יעדן טאָג אַלץ שיטערער און שיטערער. לענגאויס דעם שאָסיי בלײַבן ליגן צענדליקער מענטשן. וועמען עס דערשיסן ניט די היטלעראָווצעס, דער שטאַרבט פאַר דער נאכט אליין פון קעלט.

יענעם טאָג האָט אפילע סערגייעוו געמוזט זאָגן:

— אויב מיר וועלן הײַנט ניט קריגן עפּעס אָפּצועסן, וועל איך ווײַטער ניט קאָנען גיין.

וואָס זשע זאָל איך שוין זאָגן... ווען ניט די פּרײַנט מײַנע, וואָלט איך יענעם אינדערפרי אינגאנצן ניט אופגעשטאנען. א גאנצע נאכט האָט געשאָטן א שניי, און מ׳האָט ניט געקאָנט שלאָפן. דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן דערזען גאנצפרי, איז געווען א געדיכטער מילך־ווײַסער נעפּל, וואָס האָט זיך נידעריק געשפּרייט איבערן טײַך. דאָס וואסער, קוים מע זעט עס, באוועגט זיך קימאַט ניט. פון יענער זײַט טײַך אַפן הויכן ברעג שווארצט זיך א וועלדל מיט יונגע דעמבלעך. וווהין זײַנען אהינגעקומען זייערע גאָלדענע קרוינען? א דיקער טעפּיך פון ניט־אָפּגע־שניטענע צוגעלעגערטע גראָזן און אראָפּגעפאלענע בלעטער האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַף דער צוגעפרוירענער ערד.

הײַנט האָבן אונדז די קאָנוואָירן צום ערשטן מאָל ניט אָפּגענאַרט. באַם ארײַנ־גאנג אין קריטשעווער לאגער, אונטער א מין פּידאשעק, וואָס האלט זיך אַף צוויי הילצערנע ווענטלעך, האָט מען געטיילט ברויט. יעדער פּײַקע איז גרויס ווי א

געגעך, נאָר שווער ווי אײַזן. דאָס זײַנען געווען פּלאַטשיקע שטיקלעך ברויט פֿון קלײַען און קאַרטאָפֿל. די אייבערשטע קאָרקע, ווי איבערגעטריקנטע ערד, — פֿול מיט שפּאַלטן און בערגלעך, די אונטערשטע — הוילע קוילן און שפּענדלעך, און אינווייניק — דאָס ווייכע — אַ טונקל־פֿײַכטער קלעפּיקער קוואַטש, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי גומי. און דאָך — ברויט! ברויט, וואָס מע קאָן אַרײַנעמען אין מויל, צעקײַען מיט די ציין, צודריקן צום גומען, דערפֿילן, ווי עס טוט דיר אַ דראַפּע דעם האַלדז, און זאָל זײַן ס׳איז ווי אַ שטיין, נאָר עס וועט פֿאָרט דערוואַרעמען דײַן מאָגן.

מיר גייען דורך אין צוויי שערענגעס. אין דער מיט, אויף אַ נידעריקער לאַנגער באַנק, שטייען פֿלייצע צו פֿלייצע צוויי דײַטשן: איינער לאָזט דורך די רעכטע שערענגע, דער צווייטער — די לינקע. אין די ווענטלעך זײַנען אויסגעשניטן פֿענצטערלעך. פֿון דרויסן דערלאַנגט מען אויף די פֿענצטער־ברעטלעך, וואָס זײַנען אַרומגעקלאַפּט מיט ווײַסן בלעך, די פּײַקעס ברויט. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שוועל, האָט דער וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם דורכגאַנג, אויסגעדרייט צו אונדז דעם קאָפּ און אַ געשריי געטאָן:

— האַלט!

עס איז גאָרניט אַזוי פּאָשעט זיך אָפּשטעלן, ווען דו פֿילסט דעם זויערן גע־רוך פֿון דעם ברויט, אויף וועלכן דו האָסט זיך קוים דערוואַרט, ווען אין מאָגן דרייט פֿון הונגער און דײַן גאַנצער גוף, דאַכט זיך, שרײַט נאָר איינס: „עסן!". דערצו נאָך שפּאַרן אויף דיר פֿון הינטן פּונקט אַזעלכע אויסגעהונגערטע מענטשן, ווי דו. ניקאָלײַ, אויף וועמען די ריי האָט זיך אָפּגעהאַקט, האָט געטאָן אַן איבעריקן שפּאַן פֿאָרויס און פֿאַר דער צײַט אויסגעצויגן די האַנט צום ברויט.

— צוריק, — טוט דער היטלעראָוועץ אַ גלאַנץ מיט די אויגן אויף ניקאָלײַען. ער וואָלט אוודאי כיישעק געהאַט אים דערלאַנגען אַ שמיץ מיט דער נאַהײַקע, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעפֿלאָכטן דראָטענע ריטלעך, נאָר זי איז צו קורץ, און אַראָפּקריכן פֿון דער באַנק פֿוילט ער זיך, ווײַזט אויס.

מיר טוען אַ שלעפּ ניקאָלײַען אויף אַ פּאָר שפּאַן צוריק, נאָר דער וואַכמאַן נעמט שוין ניט אַראָפּ פֿון אים קיין אויג. זײַנע פֿליישיקע ליפּן האַלטן זיך אין איין באַוועגן, ער כאַזוערט אָן אויפֿהער איבער:

— שווײַן! שווײַן!

באַם פֿענצטערל איז שוין קיינער ניטאָ. נאָר עס גייט נאָך אַוועק אַ היפּשע צײַט, ביז דער היטלעראָוועץ טוט אַ פּאָך מיט דער נאַהײַקע, צעעפֿנט זײַן ברייט מויל און שרײַט אויס:

— אַפּ! אַפּ!

אַפּן בלעך זײַנען אויסגעלייגט אַ סאַך פּײַקעס, און נעמען ווילט זיך די סאַמע גרעסטע. באַ ניקאָלײַען בלאָנדזשען די הענט אַהער און אַהין. נאָר אָט טוט אַ פֿײַף די נאַהײַקע, צעשנײַדנדיק די לופֿט, און ניקאָלײַ טוט זיך אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פֿאַרן פּאָנעם. עס שיטן זיך קלעפּ, די נאַהײַקע רײַסט שטיקער פֿון שינעל, זי דערקלײַבט זיך ביז צו ניקאָלײַס לײַב. פֿון די הענט, וואָס פֿאַרשטעלן דאָס פּאָנעם, טריפֿט בלוט. ניקאָלײַ דרייט זיך, ווי אַ דריידל, אין אַלע זײַטן, פּרווּונדיק זיך אויסמײַדן די קלעפּ, נאָר ער טרעט ניט אָפּ פֿון דעם אָרט, ווו מע טיילט דאָס ברויט.

אומדערוואַרט טוט זיך אַ קער אויס דער צווייטער וואַכמאַן און גיט מיטן

שטיוול א שטארקן זעץ ניקאָלײַען אין דיך. ער איז אומגעפאלן. איצט שנײַדן שוין די לופט צוויי באהײַקעס.

פימענאָוו און איך טוען אויך א פאל. מיר פארשטעלן ניקאָלײַען. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מיר זײַנען בעקויעך צו טאָן פאר אונדזער פרײַנט. מע וועט אונדז באלד צעטרעטן... זאָל זײַן... א שאָד נאָר, וואָס מיר האָבן אזוי טאקע ניט דערפילט דעם טאם פון ברויט.

יענע צוויי, וואָס האָבן דערלאנגט די פײַקעס אפן בלעך, זײַנען צוגעלאָפן, אָפּגעשטופּט אונדז, אוועקגעשלעפּט סערגייעוון אהין, ווו עס זײַנען געשטאנען די, וואָס האָבן שוין באקומען זייער פײַקע.

איך און פעדיע האָבן אויסגעצויגן די פארפרוירענע הענט צו די שטיקלעך ברויט. די פינגער האָבן זיך ניט געבויגן, און דאָך, ווי מיר האָט זיך געדאכט, האָב איך א כאפּ געטאָן דאָס סאמע גרעסטע, אָבער ווען איך האָב עס שוין געהאלטן אין דער האנט, האָט עס מיר אויסגעזען צו זײַן דאָס סאמע קלענסטע.

דערזען אונדז מיט ברויט, איז ניקאָלײַ אליין אופגעשפרונגען אף די פיס. ער איז געווען אינגאנצן א צעמיימעסטער. מיר זײַנען אָפּגעגאנגען אין א זײַט, צע־טיילט אונדזערע צוויי פײַקעס אף דרײַ גלײַכע כאלאָקים. פעדיע האָט זיך אויס־געדרייט צו אונדז מיט דער פלייצע, פאָרזיכטיק, עס זאָל קיין ברעקעלע ניט פארפאלן גיין, האָט ער איין כיילעק ארײַנגעלייגט אין זײַן פילאָטקע און געפרעגט:

— ווּעמען?

— ניקאָלײַען! — האָב איך געענטפערט.

סערגייעוו האָט א כאפּ געטאָן די פײַקע און גלײַך אָנגעשטאָפּט א פול מויל מיטן קלעפּיקן ברויט.

— ווּעמען? — שרײַט ווידער אויס פעדיע.

— דיר!

פעדיע ברעכט אָפּ א קליין שטיקעלע און טראָגט עס פּאמעלעך צו מיט דער גאנצער זשמעניע צום מויל. דערנאָך קוקט ער זיך ארום, צי איז קיין ברעקעלע ניט אראָפּגעפאלן.

מער קאָן איך שוין ניט ווארטן. איך כאפּ מײַן כיילעק און רוק אים ארײַן אין מויל. ערשט, ווען ס'איז פון אים שוין גאָרנישט ניט געבליבן, הייב איך אוף די אויגן און דערזע, אז ניקאָלײַ שטייט צו אונדז מיט דער פלייצע. אף מיר מיט פעדיען קוקן צענדליקער הונגעריקע אויגן. איך האָב זיך אויך אויסגעדרייט.

קיינער האָט ניט באמערקט, ווי אין די שווארצע האלב־פארפרוירענע קאליור־זשעס, אין וועלכע מיר זײַנען געשטאנען, האָבן גענומען פאלן גרינגע, ווײַסע שנייעלעך.

קריטשעווער לאגער האָט זיך געפונען אף דער טעריטאָריע פון א געוועזענעם צעמענט־זאוואָד.

אזא ענגשאפט און אזא שמוץ, ווי דאָ, האָבן מיר נאָך אין ערגעץ ניט געזען. דערפאר אָבער האָט מען דאָ איבער א טאָג געגעבן א פײַקע ברויט און אלע טאָג א פּאָרציע באלאנדע.

מיר האָבן אזוי לאנג געזוכט אן אָרט, ווו מיר זאָלן זיך קאָנען צוזעצן, ביז מיר האָבן פארבלאָנדזשעט אין א גרויסן קעלער, ווו מע האָט, וויַזט אויס, געהאלטן

קוילן. דער גאנצער דיל איז געווען באדעקט מיט קוילן־שטויב, איבערגעמישט מיט שלאק און צעמענט. דאָ איז אויך געווען אָנגעפּיקעוועט מיט געפאנגענע. זיי זײַנען געווען אזוי אײַנגעריכט אין קוילן, אז מע האָט קוים געקאָנט אונטערשיידן איינעם פונעם אנדערן. בא דעם גרעסטן טייל זײַנען אפילע די ציין געווען שווארץ. אייניקע זײַנען שוין דאָ געלעגן די צווייטע וואָך אָן שפּײַז, אָן לופט, קיין קויעך ניט געהאט זיך אופהייבן פון אָרט.

א מינוט צוואנציק האָבן מיר ארומגעבלאָנקעט איבערן קעלער, אָנטרעטנדיק אלעמאָל עמעצן אף די פיס, שפּאנענדיק איבער צונויפגעקאָרטשעטע, האלב־טויטע קערפּערס. אין דער מיט פונעם קעלער לעם דעם הויכן, גראָבן סטויפּ, וואָס האָט אונטערגעשפּארט דעם באלקן, האָבן זיך צעלייגט אין דער גאנצער לענג דרײַ מענטשן. ניקאָלײַ, ווי נאָר ער האָט זיי באמערקט, האָט זיך א לאָז געטאָן אהין. עמעצער וואָרנט אונדז שטילערהייט, אז דאָס זײַנען אזעלכע אויסוורפן, וואָס קאָנען אן אייגענעם טאטן דערשטיקן. זיי בארימען זיך, אז זיי האָבן אליין פרײַוויליק זיך געלאָזט נעמען אין געפאנגענשאפט, און דערפאר קומט זיי מער אָרט.

אף ניקאָלײַס צעפּאסעוועט פּאָנעם גלאנצן די אויגן מיט קאס, די נאָזלעכער האָבן זיך צעבלאָזן, אף דער באק ציטערט א דין אָדערל. איך ווייס, וואָס פאר א סימען דאָס איז. איצט וועט אים שוין קיינער ניט אײַנהאלטן. קוים וואָס מיר באוויזן אים נאָכגיין.

— אנו, טוט זיך נאָר א רוק! — טוט ניקאָלײַ א זאָג מיט ביזקײַט.

קיינער ענטפערט ניט.

סערגייעוו בייגט זיך אָן, און איינער פון די, וואָס זײַנען געלעגן, איז אָפּגעפלויגן אין א זײַט, קײַקלענדיק זיך, ווי א פּילקע. דער צווייטער האָט ניט באוויזן אופשטיין, ווי ניקאָלײַ האָט אים דערלאנגט מיטן פויסט איבערן פּאָנעם איין מאָל און א צווייט מאָל. איצט זײַנען שוין לעם סערגייעוון געשטאנען ניט נאָר איך און פּימענאָוו, נאָר צענדליקער, וועלכע האָבן ניט געהאט, ווו די פיס אוועקשטעלן.

די דרײַ אויסוורפן האָבן זיך אפגיך אָפּגעטראָגן.

איך זיץ אָנגעשפּארט אָן סטויפּ, די פיס אונטער זיך. דאָס שטיקל ברויט האָט מיר ווייניק געהאָלפן. די קויכעס פארלאָזן מיך. דאָס אונטערגעשלאָגענע אויג איז אָנגעשוואָלן אזוי, אז מע קאָן די ברעם ניט אופהייבן. ארום און ארום שטייט אן אומגעהייערער טעמפּער גערויש, ווי מע וואָלט צו מײַן אויער צוגעלייגט א ריזיק מויערקעפּל: „הר־הא, הר־הא". זאָל נאָר זײַן א מעגלעכקײַט אויסציִען כאָטשבי איין פוס, קיין שום „הר־הא" וועט מיך דאן ניט אופוועקן.

נאָר אָט ווערט אלץ שטילער און שטילער. צוערשט באנעם איך ניט, וואָס פאר א קויעך האָט עס אײַנגעשטילט דעם אופגערודערטן אוילעם. און דאָ דערטראָגן זיך צו מיר וווּנדערלעכע קלאנגען. ווי אומגעריכט זיי זײַנען דאָ. עמעצער זינגט. מיר דאכט, אז קיינמאָל אין לעבן האָב איך קיין שענערע שטים ניט געהערט. דער, וואָס זינגט, פארענדיקט איין אריע און הייבט אָן גלײַך א צווייטע. אָט נעמט ער זינגען די באוווסטע ליד וועגן היימלאנד: „ראכוועסדיק ברייט איז מײַן לאנד". די שטים איז מיר אזוי באקאנט. כ׳מעג שווערן, אז דאָס האָב איך דעם דאָזיקן זינגער געהערט אזויפיל מאָל אין ראדיאָ. איך הייב אוף דעם קאָפּ און דערזע ניט ווײַט פון זיך אן אויסגעדארטן, אויסגעצערטן מענטשן. זײַנע דינע פינגער ציטערן נערוועז, גלײַך זיי לויפן איבער די קלאווישן און ער אקאָמפּאנירט זיך אליין. אף א רעגע הערט ער אוף צו שפּילן.

— די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרווערט זינגען, — זאָגט ער, — און איך נאָר זיי אָפּ. איר זעט, איך זינג, וויפל איך וויל...

וועלכע דאָקטוירים? וואָס איז מיט אים? צי איז ער ניט געווירט פון זינען?

— דאָס איז א באַרימטער אָפּערע־זינגער, — דערציילט עמעצער, וואָס קען אים, — אפן פראָנט איז ער געקומען מיט א קאָנצערט־גרופּע, און אָט...

סערגייעוו גייט ערגעץ אַרויס.

וויפל צײַט ס'איז אַוועק, ביז ער האָט זיך אומגעקערט, איז מיר שווער צו זאָגן. איך בין אַנדרעמלט געוואָרן, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אָף פּעדיעס פּיס. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך, ווען ניקאָלײַ האָט זיך צוגערירט צו מײַן פּאָנעם מיט זײַן שטעכיקער באָרד.

— האָסט היץ? — פרעגט ער מיך.

— איך ווייס ניט. ווו ביסטו עס געווען?

— מאָרגן וועל איך דיר דערציילן.

— מאָרגן? אויב איך וועל אופשטיין.

— פּעדיע זאָגט אויך, אז דו וועסט אליין ניט אופשטיין. און איך האָב דיר געוואָלט דערציילן. איך האָב פאַר דיר נעקאָמע גענומען. דו הערסט?

ניקאָלײַ שווײַגט א רעגע, נאָכדעם זאָגט ער:

— איך וועל אויך לאַנג ניט אויסהאַלטן. זעסט, ווי איך בין געשוואָלן? ס'איז ניט פון די קלעפּ. נאָר אים, עפּשער, — ווײַזט ער אפן שלאָפנדיקן פּימענאָוון, — אים וועט עפּשער זיך אײַנגעבן אַרויסרײַסן פונדאַנען.

גאַנצפרי האָבן פּעדיע און ניקאָלײַ מיר געהאָלפן אופשטיין. זיי האָבן מיך גענומען פון ביידע זײַטן אונטער די הענט, און מיר האָבן אינדרײַען זיך אַוועקגעשטעלט אין ריי נאָך באַלאַנדע. דאָס מאָל האָט אונדז אָפּגעגליקט, מיר האָבן באַקומען דרײַ פּײַקעס ברויט און דרײַ פּאָרציעס זופּעניש. סערגייעוון איז אפילע געלונגען זיך ווידעראַמאָל אַרײַנשמוגלען אין דער ריי און באַקומען א צווייט מאָל א פּאָרציע באַלאַנדע.

מיר האָבן ניט באַוויזן אָפּצועסן, ווי א גרופּע היטלעראָווצעס האָט אַרומגערינגלט א מאַן הונדערט, און אונדז דרײַען אויך בעסויכאָם, און גענומען אַלעמען טרײַבן צום אַרויסגאַנג.

וווּהין טרײַבט מען אונדז אצינד? נאָר גוט איז שוין דאָס, וואָס מיר זײַנען, ווי פריִער, אַלע דרײַ אינאיינעם.

אונדזער גרופּע האָט מען די לעצטע געבראַכט צו דער אײַזנבאַן, ווו עס האָט זיך פאַרמירט אַן עשעלאָן מיט קריגסגעפאַנגענע. דער עשעלאָן באַשטייט פון פראַכט־וואַגאָנען און נאָר אין דער מיט — איין פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. אין אים וועט, ווײַזט אויס, פאָרן די וואַך. א מענטשן פופצן האָט מען אונדז צוגעפירט צו א פולגעפּאַקטן וואַגאָן.

— וואָס זײַט איר שטיין געבליבן בא דער טיר? — פרעגט א היטלערישער אָפיצער. — ס'איז דען דאָרט מער קיין אָרט ניטאָ?

— ניטאָ, — ענטפערן עטלעכע מיטאַמאָל, — אפילע א נאָדל דורכצוּוואַרפן איז ניטאָ ווו.

— באַלד וועלן מיר א קוק טאָן, — צוויי קאָנוואָירן נעמען אַראָפּ פון די אַקס־

לען זייערע ביקסן און הייבן אָן שלאָגן מיט די קאָלבעס די מענטשן אין וואגאָן, וואָס שטייען נעענטער צו דער טיר. א ביסל אָרט איז פרײַ געוואָרן. די היטלעראָווצעס נעמען זיך צו אונדז.

— אפּ! אפּ!

די, וואָס גייען צום סאָף, מיימעסט מען מאמעש. נאָר מער קאָן מען שוין אהער ניט ארײַנשטופּן.

די היטלעראָווצעס זײַנען צופרידן מיט זייער שטיקל ארבעט.

— אָט איצט, — לאכן זיי, — האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אז מער קיין אָרט איז ניטאָ.

מיט א סקריפּ און מיט א גרילץ פארמאכט זיך הינטער אונדז די טיר פון וואגאָן. מיר הערן, ווי פון דרויסן לאָזט עמעצער אראָפּ דעם פארוקער. דרײַ וואגאָן־פענצטערלעך זײַנען פארקלאפּט מיט ברעטער און בלעך, און נאָר איינס, וואָס איז פארגראטעוועט, לאָזט דורך א שמאָל פּאסיקל שײַן און א ביסל לופט.

אין א האלבער שאָ ארום האָט פון אלע וואגאָנען זיך געטראָגן א מוירעדיק געשריי:

— לופט! לופט! מיר ווערן דערשטיקט.

עמעצער קלאפּט מיט עפּעס שווערס צו אונדז אין וואגאָן:

— אכטונג! אכטונג! הערט אוף שרײַען און קלאפּן, אז ניט, וועלן מיר שיסן.

— שיסט! מיר ווערן אלציינס דערשטיקט.

מיר הערן, ווי מע טשעפּעט צו צום צוג א לאָקאָמאָטיוו, ער גיט זיך א ריס פון אָרט, צוערשט פאָרויס, דערנאָך מיטאמאָל צוריק. די בופערן שטויסן זיך איינער אין צווייטן. נאָר קיינער פאלט ניט אום. ס'איז אומעגלעך. מיר שטייען הארט איינער לעבן אנדערן.

ווידער האָט מען אונדז אָפּגעטאָן א שפּיצל. מע האָט דעם עשעלאָן פארטריבן אף א רעזערוו־ליניע. וויפל מיר זאָלן דאָ ניט קלאפּן און שרײַען, וועט קיינער ניט דערהערן. אונדז גיט זיך אײַן אָפּצורײַסן דאָס בלעך פון איין פענצטער, אָבער די ברעטער, ווי־אזוי רײַסט מען אָפּ די ברעטער? בא איינעם פון די געפאנגענע האָט זיך אָפּגעזוכט א שטיק אײַזן, ענלעך אף א דאָלעטע.

— גיב אהער! — שרײַט סערגייעוו.

ער שפּארט אָן דעם קאָפּ אין דעם ווענטל פון וואגאָן, און פּימענאָוון העלפט מען ארופקריכן אף זײַנע אקסל. מע גיט אים איבער דאָס שטיק אײַזן. קעדיי אָפּ־ווענדן די אופמערקזאמקײַט פון דער וואך, הייבן אלע אָן צו קלאפּן און צו שרײַען נאָך העכער ווי פריער. פעדיען גיט זיך דערווײַל אײַן אָפּקלאפּן די ברעטער און עפענען דאָס פענצטערל.

ער האָט באוויזן ארויפצוקריכן פון ניקאָלײַס אקסל, ווען איבער אונדזערע קעפּ האָבן דורכגעפּײַפט עטלעכע קוילן. אָבער מיר האָבן שוין אונדזערס דערגרייכט. פאר דורכפירן אָט די „אָפּעראציע" האָט מען אונדז אָפּגעטראָטן דאָס אָרט לעבן דעם אָפענעם פענצטערל.

און דאָך, ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין מאָלעוו און מע האָט געעפנט די טיר, האָט מען אין אונדזער וואגאָן געפונען דערשטיקטע מענטשן.

און אָט האָבן מיר דערזען פאר זיך א גרויסע אײַזנבאַן־סטאנציע, וואָס איז געווען פארשלאָגן מיט קריגס־עשעלאָנען. אינגיכן האָבן מיר אויך דערזען די שטאָט, וואָס האָט זיך צעוואָרפן אף די בערג פוןביידע זײַטן דניעפּער.

א שלעכטער סימען

מאַלעווער לאַגער פאַר קריגסגעפאַנגענע איז געווען איינער פון די גרעסטע און שרעקלעכסטע אין ווײַסרוסלאַנד. וויפל איך האָב זיך ניט אָנגעזען אין די פּאַר־שיסטישע לאַגערס און זיך ניט אָנגעהערט וועגן די רעציכעס פון די היטלעראָווער־צעס, נאָר צו די מײַסים־טאַטוים, וואָס זײַנען באַגאַנגען געוואָרן אין מאַלעווער לאַגער, קומט עס ניט. זעלטן־ווען ס׳האָט אָפּגעגליקט ארויס פונדאנען א לעבע־דיקער.

ווי נאָר מיר זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון יענער זײַט שטעכדראָט, האָט מען אונדז גלײַך אוועקגעפירט צו דער טליע, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פון דעם לאַגער־פּלאַץ, אנטקעגן דער קאָמענדאַטור. דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, די עמבלעם פונעם לאַגער. א שטאַרקער ווינט האָט געהוידעט דעם געהאַנגענעם צו־זאַמען מיטן שילדל אף זײַן ברוסט. אפן שילדל איז מיט גרויסע, פעטע בוכשטאַבן געווען אָנגעשריבן:

„קוק און פאַרגעדענק! אזוי וועט זײַן מיט יעדן איינעם, וואָס וועט אפילע איין מאָל ניט אויספילן דעם באַפעל פון דער דײַטשישער מאַכט".

געפאַנגענע, וואָס זײַנען דאָ געווען שוין א לענגערע צײַט, האָבן אונדז דער־ציילט, אז זומער, אין די סאַמע הייסע טעג, פלעגט מען זיי פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט טרײַבן פון איין עק לאַגער צום צווייטן לענגויס א ריוו מיט וואַ־סער. האָט עמעצער זיך אָנגעבויגן באַנעצן די ליפּן, פלעגט מען אים דערשיסן אָדער שלאָגן ביז טויט.

אז ס׳איז געקומען דער האַרבסט, דערנאָך דער ווינטער, האָט דער מאַלעכהאַ־מאָוועס דאָ נאָך מער גענומען הערשעווען. מענטשן זײַנען אומגעקומען פון קעלט, הונגער, פלעקטיפוס, דיזענטעריע.

דער לאַגער איז געווען ארומגעצוימט מיט עטלעכע רייען שטעכדראָט. אָפּט פלעגט מען אין דעם דראָט אײַנשליסן עלעקטרישן שטראָם. לענגויס דער פאַרצוי־מונג, אין געוויסע אינטערוואַלן, זײַנען געשטאַנען וואַך־טורעמס. די וואַך איז געווען באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפערס. באַזונדערס פלעגט זי פאַרשטאַרקט ווערן מיטן אָנקום פון דער נאַכט. ווי נאָר ס׳פלעגט פינצטער ווערן, האָט מען יעדע עטלעכע מינוט די גאַנצע טעריטאָריע באַלויכטן מיט ראַקעטעס. און דאָך איז קיי־מאָט ניט געווען די וואַך, אז עמעצער זאָל ניט פּרוּוון אנטלויפן.

ניט ווײַט פונעם לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין עק שטאָט, איז געווען א וועלדל. אָט דאָס קליינע וועלדל האָט געבוירן האָפענונגען. ניט איינער פון אונדז האָט געטרוימט, אז זומער וועט עס אים אויסבאַהאַלטן אונטער דעם געבלעטער פון די מעכטיקע דעמבעס. עך, ווי דערלעבט מען ביז זומער, און... דער וועג אין וואַלד איז געווען דער וועג צו בעקאָמע... נעקאָמע פאַר די כאַרעווע שטעט און דערפער, פאַר אלע ליידן און רעציכעס, פאַר אלע פאַרפּײַניקטע און אומגעקומענע... אזא איז געווען די האָפענונג און דער טרוים — אנטלויפן.

טרוימען — דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס די היטלעראָווצעס זײַנען ניט בעקויעך געווען אונדז צו פאַרווערן. אָבער וויאַזוי פאַרווירקלעכט מען די טרוי־מען? וויאַזוי?

איין־און־איינציקע נאכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין א באראק און באַ־שטימט, אז ס׳איז שוין בעסער פּארפרוּירן צו ווערן אף דער גאס, איידער נאָכאמאָל דאָרט נעכטיקן. ס׳איז ניט געווען אויסצוהאלטן פון די פליי און לײַז. מיר האָבן זיך צעקראַצט דאָס לײַב ביז בלוט. מיך האָבן מײַנע פרײַנט אוועקגעפירט אף עפּעס א בוידעם, אײַנגעדעקט מיט שמאטעס. איבער מײַן קאָפּ האָבן געקלאַפּט די בלעכן פונעם אלטן לעכערדיקן דאך.

אזוי זײַנען דורך צוויי טעג. איך האָב זיך ניט געקאָנט אופהייבן פון אָרט, כ׳בין ניט געגאנגען נאָך דער פּײַקע ברויט, נאָך דער פּאָרציע באלאנדע. פעדיע האָט מיר געבראכט א שטיקל ברויט און אין קעסעלע א ביסל וואסער מיט שאָלעכץ פון קארטאָפל.

— עס, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן אלץ צעטיילט אף דרײַ כאלאָקים.

איך האָב באמערקט: עפּעס איז צווישן פימענאָוון און סערגייעוון פאָרגעקומען. ניקאָלײַ גייט ארום מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קאָן פעדיען אין די אויגן ניט קוקן. ווידער איז פעדיע געקומען אליין, געבראכט א שטיקל ברויט און א ביסל באלאנ־דע. אָוונט־צו האָט זיך אומגעקערט סערגייעוו, זיך צוגעלייגט לעבן מיר און לאנג אזוי געלעגן, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט. פון טאָג צו טאָג איז ער אלץ מער און מער געשוואָלן געוואָרן. זײַנע אויגן האָט מען שוין קוים ארויסגעזען. ניט קיין אויגן — צוויי בלויע דינע שפּעלטעלעך צווישן צוויי אופגעלאָפענע זעקעלעך, אָנ־געפילטע מיט בלויער פליסיקייט. פון די יאסלעס טריפט בלוט. די ציין שאָקלען זיך. די ליפּן זײַנען פארבאקן. די שינעל האָט אף אים געפּלאצט, די שטיוול האָט ער אויסגעביטן אף אומגעלומפּערט גרויסע שיך. און דאָך האָט ער נאָך פארמאָגט אין זיך ניט ווייניק קויעך.

— דו ווייסט, — האָט ער שטיל א פרעג געטאָן בא מיר, — דו ווייסט, אז נאָר פעדיע אליין טיילט מיט דיר זײַן פּאָרציע? איך — ניט. איך קאָן ניט. הײַנט אײַנ־דערפרי האָב איך זיך געגעבן א שווּע, אז איך וועל אויך דיר אָפּגעבן עפּעס פון מײַן כיילעק, און האָב ניט אויסגעהאלטן, אופגעגעסן. דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? — האָט ער א טרייסל געטאָן מײַן האנט, — פאראן נײַס: מאָרגן, האָב איך געהערט, וועט מען אלע, וואָס קאָנען זיך ניט באוועגן, ארויסגעבן ברויט און באַ־לאנדע אפן אָרט, לעבן אונדזערע באראקן. מיר וועלן דיך פאמעלעכן אראָפּנעמען פונעם בוידעם, און ווי נאָר דו וועסט באקומען דײַנס, וועלן מיר דיך צוריק אהער ארופשלעפּן. גוט?

אף מאָרגן איז געווען דער זיבעטער נאָיאבער. א גערויש און א געטומל האָט זיך אופגעהויבן נאָך מיט א שאָ פריִער, איידער עס האָט געגומען שאריען אף טאָג. די יעדיִע, וועלכע עס האָט מיר אָנגעזאָגט ניקאָלײַ, האָבן שוין אלע געוווּסט. עס האָבן זיך אויסגעשטעלט צוויי קאָלאָנעס, אין איינער — די, וואָס האָבן זיך נאָך געקאָנט אליין באוועגן, אין דער צווייטער — די קראנקע, די, וואָס זײַנען שוין געווען ביז לעצט אָפּגעשוואכט. מיך האָבן פימענאָוו און סערגייעוו געהאלטן אונ־טער די הענט.

עס זײַנען צוגעקומען עטלעכע דײַטשן מיט א גרויסער גרופּע פּאָליצײַען, בא אלעמען אין די הענט — גומי־שטעקנס, גאָפּרירטע טרײַבלעך. צוערשט האָט מען

אוועקגעפירט די קאַלאַנע „געזונטע“. ניקאָלײַ האָט זיך לאַנג געוואַקלט, נאָר באַ־שלאָסן צו בלײַבן מיט מיר.

דער הימל איז דורכויס געווען פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס. דער נאַסער שניי איז געפאַלן שטיקערווײַז. עס בלאָזט א בייזער שנײַדנדיקער ווינט.

מיר שטייען און וואַרטן אף ברויט און באַלאַנדע. פּלוצעם האָט פונדערווײַטנס זיך דערטראָגן א טומל. פון צווייטן עק לאַגער זײַנען אָן אָן אָטעם געלאָפן אהער צעבלוטיקטע מענטשן. אָט מיט וואָס די היטלעראָווצעס האָבן זיי אָנגעהאָדעוועט. אָנשטאָט ברויט און באַלאַנדע — קלעפּ. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז אויך אונדזער קאָלאָנע איז אַרומגערינגלט. ניט אַנדערש, ווי מע וואַרט אף עמעצן.

— הערן געפאַנגענע! — האָט זיך צו אונדז געווענדט א דײַטשישער אָפיצער. מיר ווייסן שוין, אַז אויב מע רופט אונדז „הערן“, איז דאָס א שלעכטער סימען, מיט קיין גוטס וועט זיך עס שוין ניט ענדיקן. — הערן געפאַנגענע! — כאַזערט איבער דער אָפיצער. — מיר באַגריסן אײַך מיט אײַער יאָמטעוו, מיט דעם זיבעטן נאָיאַבער, און בעטן אײַך באַקומען אונדזערע א מאַטאָנע — צו צען שמיץ יעדערן.

ער האָט זיך א קער געטאָן צו די פּאָליצײַען, אופגעהויבן די רעכטע האַנט:

— אַכטונג! ניט אײַלן זיך! אָנגעהויבן!

אויך דאָס מאָל האָט סערגייעוו אַרײַנגעכאַפּט מער ווי אַלע. עמעצער האָט, ווי א ווילדע כײַע, געשריִען:

— שלאָג אים, דעם גרויסן!

...ווידער ליג איך אָפן בוידעם — כ׳פיל שוין ניט קיין ווייטעק, קיין קעלט, קיין הונגער. פון פּעדיעס כיילעק ברויט וועל איך זיך אָפּזאָגן. עס קאָן זיך דאָך ניט ציִען אייביק. מיך וועט עס שוין ניט ראַטעווען, און אַליין וועט ער אומקומען.

אין אָט דעם טאָג האָט קאָליע זיך ניט אומגעקערט צו אונדז. ניט באַוויזן האָט ער זיך אויך אָפן אַנדערן טאָג. און וויפל פּעדיע האָט אים ניט געזוכט, האָט ער אים אין ערגעץ ניט געפונען.

ניקאָלײַ סערגייעוו איז ווי אין וואַסער אַרײַן.

אַן אומגעריכטע באַגעגעניש

דער געוויינלעך צוריקגעהאַלטענער און שווײַגנדיקער פּימענאָוו איז הײַנט ווי קיינמאָל ניט אופגעלעבט און באַריידעוודיק, זײַנע אויגן גלאַנצן. איין דערינערונג רופט בא אים אַרויס א צווייטע. ער דערציילט מיר וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט אָנטיילגענומען אין אַן עקספּעדיציע, וויאַזוי ס׳איז זיי דאָרט אויסגעקומען קימאַט א וואָך צו הונגערן. ער דערציילט וועגן זײַן אַרבעט, וועגן דעם, ווי ער האָט זיך געלערנט אף דעם דײַטשישן פאַקולטעט פון נעם היגטער־אויגיקן אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפּראַכן. וועגן זײַן יונג ווײַבל דערציילט ער מיר.

אומגעריכט טוט ער א זאָג:

— ווייסט, וואָס איך האָב באַשטימט? איך וועל דיך גאָר באַלד אָפּפירן אין לאַ־זאַרעט. דאָס סאַמע שווערסטע איז דיך פון בוידעם אַראָפּטראָגן.

אין לאגער איז געווען פארבאָטן זיך באווייזן אין דרויסן נאָך דעם, ווי עס איז צוגעפאלן די נאכט. ווען דער וואכמאן פלעגט דערזען א קריגסגעפאנגענעם, וואָס איז ארויס פון באראק, פלעגט ער אָן שום וואָרענונג שיסן. וועגן דעם האָבן אלע געוווּסט.

ס'איז שוין געווען ארום האלב־נאכט, ווען פימענאָוו האָט מיך אויפגעוועקט צום לאזארעט. צוערשט האָט ער מיך בלויז אונטערגעהאלטן. נאָר דערנאָך האָב איך אינגאנצן פארלוירן די קויכעס, האָט ער מיך גענומען אונטער די פאכוועס און געשלעפּט. מײַנע אָפּצאסן מיט די אײַזערנע פּאָדקאָוועס האָבן הילכיק געקלאפּט איבער די שטיינער. נאָך יעדע עטלעכע שפּאַן לאָזט ער מיך אראָפּ און רוט זיך אָפּ.

— פארוואָס שיסן זיי ניט? — פרעגט ער.

מיך וווּנדערט עס אויך. מיר זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פונעם לאזארעט, ווען פון אונטער א בוים, וואָס איז געוואקסן בא דער זײַט פון וועג, האָט א פינקל געטאָן א שטראל פון אן עלעקטריש לאמטערנדל און עמעצער האָט אויסגעשריִען:

— האלט!

גלײַך א צווייטע קאָמאנדע:

— איינער צו מיר, די איבעריקע בלײַבן אפן אָרט!

פימענאָוו פילט אויס דעם באפעל. איך הער, ווי ער זאָגט אף דײַטש:

— מײַן כאווער שטארבט, איך פיר אים אין לאזארעט.

פעדיע קערט זיך אום מיט צוויי וואכלײַט. איינער פון זיי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר, מיך באלויכטן מיטן טאשן־לאמטערן און א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— רוס קאפוט.

— פונוואנען קומט עס צו דיר אזוי גוט ריידן דײַטש, ווער ביסטו לויטן פאך? — פרעגט בא פעדיען דער צווייטער וואכמאן.

— א פעדאגאָג.

— קאָלעגע! — שרײַט יענער אויס. — איך בין אויך א פעדאגאָג, א לינגוויסט. רוסישע ליטעראטור איז גוט. טאָלסטאָי, טורגעניעוו, — ער קוקט זיך ארום, — גאָרקי... גוט. מײַן נאָמען איז פורגעל, גיונטער פורגעל.

ער פאָדערט, אז פעדיע זאָל אויך אָנרופן זײַן נאָמען. דערנאָך נעמט ער ארויס א גרויס שטיק היטל־צוקער, ניט ווייניקער פון א האלב פונט, און צעקלאפּט עס אף צוויי טיילן. איין טייל גיט ער מיר, דעם צווייטן פעדיען. אים גיט ער נאָך אויך א פעקל סיגארעטן און גיסט אים אָן פון זײַן פליאגע אין שפּײַז־קעסעלע שווארצע, זיסע קאווע. פעדיע טרינקט, דערנאָך גיט ער מיר איבער דאָס קעסעלע. בא מײַן גאנצער אָפּגעשוואכטקײַט, בין איך דאָך געווען באם פולן באוווסטזײַן. נאָר איצט צווייפל איך אין דעם, צי איז דאָס אלץ ניט קיין כאָלעם?..

— אָט איך, — זאָגט פורגעל, — בין א פעדאגאָג און מוז דאָ שטיין אפן פּאָסטן, און מײַן קאָמאנדיר, וואָס קען זיך קוים אונטערשרײַבן, שלאָפט אף א ווארעם געלעגער. דאָס איז נאָר דערפאר, ווײַל ער איז א דײַטש, און איך מיט הובערטן, — ווײַזט ער אפן צווייטן וואכמאן, — זײַנען עסטרײַכער.

הובערטן געפעלט, ווײַזט אויס, ניט, וואָס זײַן כאווער האָט זיך שוין צופיל צערעדט, אָבער גיונטערן איז גאָר ניט אזוי לײַכט אָפּצושטעלן.

מיט פּימענאָוון האָט גיונטער פורגעל זיך צעשיידט ווי מיט א גוטן פרײַנט.

— אין צוויי טעג ארום, — האָט ער אים געזאָגט, — וועל איך זײַן דעזשורנע בא דער קיך, ווו מע קאָכט די באלאנדע, זאָלסטו אומבאדינגט קומען, וועל איך דיר אָנגיסן א פול קעסעלע. און איצט גיי, זאָג זיי דאָרט, אז איך האָב באפוילן נעמען דײַן פרײַנט אין לאזארעט און דיך לאָזן דאָרט איבערנעכטיקן.

לאנג האָט מײַן פרײַנט געקלאפּט אין דער טיר פון לאזארעט, ביז עס האָבן ענדלעך זיך דערהערט שנעלע טריט און מע האָט אופגעקייטלט די טיר. מיר האָבן דערזען פאר זיך א פארשלאָפענעם פאָליצײַ. אף זײַן פּאָנעם — אן אויסדרוק פון האכנאָע, ער איז גרייט צו ענטפערן מיט א כניפע־שמייכעלע, אויב מע וועט אים באלד נעמען זידלען, — ווער דען קאָן איינמיטן נאכט אזוי קלאפּן אין דער טיר פונעם לאזארעט, אויב ניט קיין שיקערער דײַטשישער אָפיצער?

ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אזש א ציטער געטאָן פון אומגעריכטקײַט און גענומען רײַבן די אויגן. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט גלייבן, אז צוויי געפאנגענע „דאָכאָדיאגעס", ווי ער האָט אונדז אָנגערופן, דאָס הייסט מענטשן, וואָס האלטן שוין באם גויסען, זאָלן וואגן אים אופצוועקן פון שלאָף.

אין דער טיף פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט עמעצנס א קאָל:

— ווער איז עס דאָרט?

דער פּאָליצײַ גיט זיך א צי אויס, טוט א קלאפּ מיט די אָפּצאסן און ראפּאָרטירט אָפּ:

— דאָס זײַנען „דאָכאָדיאגעס", הער אָבער־ארצט, זיי זײַנען שוין אזוי פרעך געוואָרן, אז אפילע באנאכט לאָזן זיי ניט צורו. איך וועל זיי באלד אָפּגעווייבען דערפון, אָבער־ארצט.

— מע דארף ניט. פארשליס.

איך זיץ אָנגעשפּארט אָן דער טיר, און פּימענאָוו, ער זאָל ניט דערפרוירן ווערן, שפּאנט לעבן מיר הין און צוריק — פינף שפּאן פאָרויס, פינף שפּאן צוריק...

„יאָ, מיר זײַנען טאקע אף אן עמעס „דאָכאָדיאגעס"... — טראכט איך. אָט דאָס וואָרט האָב איך דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל, נאָר כ'האָב עס גלײַך פארשטאנען. שווער צו דערווידערן. אונדז פּאסט עס אין דער פולער מאָס...

קאָן זײַן, אז עס זײַנען פארבײַ אינגאנצן עטלעכע מינוט, אָבער אונדז האָט זיך געדאכט, אז ס'איז פארבײַ א גאנצע אייביקײַט, זינט מיר פרירן דאָ הינטער דער טיר פונעם לאזארעט.

עמעצער גייט אהער. די טריט דערנעענטערן זיך. דאָס בײַט זיך דער קאראול. מע הערט, ווי די דײַטשן שמועסן צווישן זיך. אָט זײַנען די צוויי, וואָס האָבן אונדז פארהאלטן. פּימענאָוו לאָזט זיך זיי אנטקעגן.

— וואָס איז געשען? — פרעגט אונדזער באקאנטער וואכמאן.

פּעדיע דערציילט אים, וויאזוי דער פּאָליצײַ האָט אונדז באגעגנט אין לאזארעט. דער צווייטער וואכמאן הערט עס גלײַכגילטיק אויס און לאָזט זיך גיין זײַן וועג. פורגעל הייבט אָן קלאפּן אין דער טיר פון לאזארעט, ער קלאפּט מיט די פויסטן, מיט די שטיוול, דערנאָך גייט ער אָפּ אין א זײַט און שטופּט צו פּעדיען צו דער טיר:

— ענטפער, אז מע וועט פרעגן.

מיר דערהערן עטלעכע רוסישע דרײַגאָרנדיקע, דערנאָך ערשט קומט די פראגע:

— ווער איז דאָרט?
— דאָס זײַנען מיר. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז דער וואכמאן האָט באפוילן...
— אָט באלד עפן איך, וועסטו שוין מער קיינמאָל קיינעם ניט וועקן, וועסט בא מיר אליין אנשלאָפן ווערן אף אייביק.
די טיר טוט זיך א צעפראל מיט אזא האסט און קראפט, אז פעדיע באוויזט ניט אָפצושפרינגען. דער פאָליצײַ כאפט אים אָן פאר דער שינעל, טוט אים א ריס מיט קויעך צו זיך, נאָך איין אויגנבליק, און פעדיע וועט אומפאלן אף די שטיינער. נאָר פאלן... פאלט דער פאָליצײַ.
— אאופשטיין! דעם אָבער־ארצט אהער!
דער פאָליצײַ קוקט מיט פאכעד אף פורגעלן, ער הייבט זיך אוף, ציט ארײַן דעם קאָפּ אין די אקסלען און גייט האכנאָעדיק ארײַן אין הויז. מיר גייען אים נאָך און קומען ארײַן אין א ברייטן קאָרידאָר. פון א זײַטיקער טיר גייט ארויס א הויכער דארער מאנצבאל, בא אים איז אן אויסגעמאטערט פּאָנעם, נאָר אפילע איצט האָט עס ניט פארלוירן די שיינקײַט.
— איך הער אײַך, — ווענדט ער זיך צום וואכמאן.
— אָט דעם קראנקן, — באווײַזט דער עסטרײַכער אף מיר, — דארף מען אוועקלייגן אין לאזארעט.
— ניטאָ וווהין. אלע פאלאטעס זײַנען איבערגעפולט. דערצו האָט דער קאָמענדאנט פארבאָטן...
פימענאָוו זעצט איבער פורגעלן דעם דאָקטערס ענטפער.
— פרעג אים: מע שטארבט דאָ?
דער דאָקטער ענטפערט, ניט פארטראכטנדיק זיך:
— יאָ, דאָס יאָ. מע שטארבט. אלע טאָג עטלעכע צענדליק. די ציפערן, אויב זיי אינטערעסירן אײַך, טייל איך מיט אין קאָמענדאטור.
— איז מאָרגן וועט איר מיטיילן אף איינעם ווייניקער, פארשטאנען? איך ווארט. דער דאָקטער וואקלט זיך.
— איר האָט מוירע, ווײַל עס איז פאראן א פארבאָט? — גייט פורגעל צו נעענטער צום דאָקטער. — האָב איך דאָך ניט מוירע געהאט. כ׳האָב זיי באגעגנט נאָך צוועלף באנאכט, איר פארשטייט? איר רעדט דײַטש, צי זאָל מען אײַך איבערזעצן, וואָס איך זאָג?
— ניין, מע דארף ניט. איך פארשטיי, — האָט דער דאָקטער געענטפערט אף דײַטש.
— און אײַער פאָליצײַ פארשטייט דײַטש? — פרעגט פורגעל.
— ניין, — ענטפערט דער דאָקטער, און אין זײַנע אויגן באווײַזט זיך א שמייכל, — בא אים איז אזא ארבעט, וואָס אָדער ער גיט פעטש, אָדער ער כאפּט זיי אליין. גאנץ אָפט טרעפט אי דאָס, אי יענץ. קיין שפּראכקענטעניש פאָדערט עס ניט...
— קאָם היר! — רופט פורגעל דעם פאָליצײַ.
יענער לויפט צו.
פימענאָוו זעצט איבער פורגעלס באפעל:
— דער הער יעפרייטאָר באפוילט אײַך אָפּפירן דעם קראנקן אין פאלאטע.
— יאוואָל! — גיט דער פאָליצײַ זיך א צי אויס אין דער גאנצער לענג און פון גרויס אָנשטרענגונג האלט ער אין איין פינטלען מיט די אויגן. יאוואָל — דאָס איז מיסטאם געווען דאָס איינציקע דײַטשישע וואָרט, וואָס ער ווייסט.

פעדיען האָט מען דערלויבט איבערנעכטיקן איין נאכט אין לאזארעט.

פון רעכטס ציט זיך א פּאַרענטשע, פאַר וועלכער מע קאָן זיך אָנהאלטן. פון לינקס — אזא טרײַער פרײַנט, ווי פעדיע, און דאָך, ווי שווער ס'איז זיך אופהייבן אפן צווייטן שטאָק! פון אונטן, הער איך, פרעגט פורגעל:

— איר וועט מיר דערלויבן ארײַנקומען צו אײַך?

— דאָס איז מיר און אײַך פאַרבאָטן. און דערצו קאָנט איר דאָ זיך אָנשטעקן מיט פלעקטיפוס, מיט דיזענטעריע, — דאָס ענטפערט דער דאָקטער.

ווי נאָר עס איז ליכטיק געוואָרן און אהער, אין לאזארעט, האָט זיך דערטראָגן דאָס גערויש פון דער ריי, וואָס האָט זיך אויסגעשטעלט נאָך דער באַלאַנדע, האָט פעדיע זיך גענומען קלײַבן אין וועג ארײַן.

— קיין ניסים כאזורן זיך ניט איבער, נאָכאמאָל זיך דורכרײַסן אהער וועל איך ניט קאָנען... א שאָד... נאָר נעם זיך ניט צום הארצן. דאָס ביסל באַלאנדע מיט דער פּײַקע ברויט וועסטו אין א פּאָר שאָ ארום באַקומען. דאָ, אין לאזארעט, אפילע אפן הוילן דיל, איז ניט אזוי קאַלט, ווי אין דרויסן, ניט אזוי ענג, ווי אין די באַראקן, און דעריקער — אהער קומען ניט קיין דײַטשן... און איך, איך, — האָט ער געזאָגט, פּרוּוונדיק, ווײַזט אויס, טרייסטן סײַ זיך, סײַ מיך, — וועל נאָך עפּשער אָפּזוכן ניקאָלײַען.

און ער איז אוועק, מײַן בעסטער, מײַן אייינציק פאַרבליבענער פרײַנט. מער האָב איך אים שוין קיינמאָל ניט באַגעגנט. וויפל איך האָב זיך ניט נאָכגעפרעגט, האָט קיינער מיר אף זיכער גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן.

קיינמאָל אין לעבן איז מיר ניט אויסגעקומען צו הערן אָדער אפילע צו לייענען וועגן מער איבערגעגעבענע פרײַנט, ווי ניקאָלײַ סערגייעוו און פיאָדער פימענאָוו. שוין לאנג האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע, נאָר יעדעס מאָל, ווען עס קומען מיר אפן זינען די פאַרגאנגענע טעג, שווימט אוף אין מײַן זיקאָרן דער ברייטפּלייציקער ריז ניקאָלײַ סערגייעוו. איך פיל נאָך איצט דאָס געריר פון זײַנע העלבלאָנדע האָר, דערמאָן זיך אָן דער קראַפט, מיט וועלכער ער האָט געדריקט מײַן האנט, דעם ווייכן גלאנץ פון זײַנע בלויע שמייכלענדיקע אויגן, זייער טונקל־גרויזאמען בליץ אין מינוטן פון צאָרן. און באנאנד מיט אים שטייט דער קליינוואוקסיקער שווײַגער פעדיע פימענאָוו. עס לײַכטן פאַר מיר נאָך ביז איצט זײַנע קלוגע און שטרענגע אויגן. ווי אָט דער מענטש האָט עס ליב געהאַט באַגעגענען דעם זון־אופגאנג, ווי ער איז באַצויבערט געווען פון דעם שעמערירנדיקן שניי־טוי, וואָס באַדעקט פאַר דער נאכט אַלץ ארום!... פאַרגעסן אין דער עסעריקער קעלט, אין הונגער, האָט ער געשמייכלט, און, ארומנעמענדיק מיך, געשעפּטשעט:

— ס'איז גוט, האַ?

בלויז די סאמע נאָענטע פרײַנט זײַנע האָבן געוווּסט, וויפל ווארעמקײַט האָט דער דאָזיקער מענטש געטראָגן אין זײַן גרויס הארץ. ..

פרײַנט מײַנע! אין פאַרשיידענע ווינקלען האָט דאָס לעבן אונדז צעזייט. נאָר איך ווייס — מיר האָבן דאן געלעבט מיט איין פאַרלאַנג: ארויסרײַסן זיך פון דער פאַרשאָלטענער געפאַנגענשאַפט, קעדיי האָבן דאָס גליק צו אָפּרעכענען זיך מיטן סוינע פון אונדזער היימלאַנד.

מײַן טאטנס נאָמען

איך ליג אפן דיל צווישן צוויי פארזשאווערטע אײַזערנע בעטלעך. ווער עס זײַנען מײַנע שכיינים, ווייס איך ניט. ביידע ליגן זיי צונויפגעקאָרטשעט אף די הוילע ברעטער, ארופגעצויגן די שינעלן איבער די קעפּ. די ווענט און די סטעליע זײַנען שווארץ פון סאַזשע. דאָס פענצטער איז פארקלאפּט מיט שטיקלעך בלעך און פאַרשוואַרץ... די ארויסגעהאַקטע פאָרטקע איז פארשטעקט מיט א צעריסענער גימנאַסטיאָרקע. דער ארבל הענגט, ווײַזט אויס, ארויס אין דרויסן, הוידעט אים דער ווינט, און די מעטאלענע קנעפּלעך פונעם מאנזשעט קלאפּן אין דעם שטיקל פאניער, ווי מע וואָלט שיטן אף דעם שרויט.

באַם ארײַנגאנג שטייט אן אײַזערן אייוועלע, נאָר קיין פײַער ברענט ניט אין דעם. קעדיי זיך דערוואַרעמען, דריק איך צו די קני צום בויך. דאָס פארשאַפט מיר ווייטעק: דער שפּליטער אין דיך לאָזט זיך דערפון שטארקער פילן. דערפאַר אָבער קאָן איך זיך איצט אײַנדעקן מיט דער שינעל פון קאָפּ ביז פיס.

עס עפנט זיך די טיר, אין פאַלאַטע גייט ארײַן דער פעלדשער, און אונדזער סאַניטאַר נעמט זיך גלײַך קלאָגן פאר אים. ער איז א היקעוועאַטע:

— אונדזערע גע־געשעפּטן האַלטן שלעכט, פּ־פּעלדשער!

דער פעלדשער ענטפערט געלאסן, צעציִענדיק די ווערטער:

— א גוט־מאָרגן, קוזמאַ! צוערשט לאָמיר זיך באַגריסן. דערנאָך וועסטו מיר דערציילן, וואָס עס איז געשען פאר דער נאַכט.

קוזמאַ איז ניט צופרידן, וואָס מע האָט אים ניט געלאָזט ארויסזאָגן זיך ביזן סאָף. ער האָט, קאָנטיק, מוירע, אז מע וועט אים ווידער איבערשלאָגן, הייבט ער אָן שיטן מיט רייד און פארהיקעט זיך דערפון נאָך מער.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, אז דער פּרימאָרגן איז גאָר ניט קיין גוטער. אוועק א נאכט, און קיינער איז ניט געשטאָרבן. אָבער טאַקע קיין איינער ניט. דערפאר האָט מען געבראַכט א נײַינקן. זינט איך ארבעט דאָ, איז נאָך אזוינס ניט געשען. קיינער איז ניט געשטאָרבן, און א נײַינקן האָט מען געבראַכט.

— קלאָר, — ענטפערט אים אלץ געלאסן דער פעלדשער, — באַלד וועלן מיר זיי איבערציילן.

— ציילן? מע דארף ניט ציילן. איך זאָג דאָך אײַך, אז עס וועט ניט קלעקן א פּאָרציע באַלאַנדע און א פּײַקע ברויט.

ביידע גייען זיי פון בעטל צו בעטל און ציילן איבער הויך אף א קאָל, דרײַ מאָל נאָכאנאנד, די קראנקע. דער פעלדשער ציילט אָן אכט און דרײַסיק, און קוזמאַ — נײַן און דרײַסיק.

דער סאַניטאַר איז אײַנגעשפּארט און טײַנעט זײַנס:

— נײַן און דרײַסיק, און אף קיין איינעם ניט ווייניקער!

דעם פעלדשער ווערט נימעס צו שפּארן זיך מיט אים, און ער זאָגט מיט קאַס:

— קוזמאַ, גענוג! די באַלאַנדע צעטייל, און א פּײַקע ברויט זאָל איבערבלײַבן. זאָג, ווער ס'איז געשטאָרבן, וועל איך צוגרייטן די קאַרטלעך.

דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אז צוויי מענטשן זײַנען אין יענער נאכט געשטאָרבן. קוזמאַ אליין האָט זיי ארויסגעטראָגן פון דער פּאַלאַטע.

ערגעץ אין צווייטן עק פון צימער רופט זיך אָן א קראנקער:

— נו, קוזיע! דער פּאָקוס האָט זיך ניט באַקומען.

— אז קוזמא זאָגט צוויי מאָל איינס און דאָס זעלבע, זאָלט איר וויסן, אז ס׳איז א ליגן, — רופט זיך אָן א צווייטער, לויט דער אויסשפּראך, קאַנטיק, פון די וואָלגער קאַנטן.

— עמעס, מע דארף אים געבן צו פארשטיין, — מישט זיך אריַין א דריטער, — ער זאָל מער ווי איין מאָל קיינמאָל גאָרניט זאָגן. א ראכמאָנעס אף קוזיען, אליין שטויסט ער זיך ניט אָן.

— כ׳האָב שוין געפּרוּווט, — ענטפערט אָפּ דער וואָלגער, — עס העלפט ניט. נאָכן טיף גייט אונדזער קוזמא ארום, פונקט ווי מע וואָלט אים דערלאנגט מיט א שטויביקן זאק איבערן קאָפּ. אָבער טוט נאָר א קוק, וויפל קויעך ער פארמאָגט נאָך. ער וועט אונדז נאָך אלע אוועקטראָגן אין קייוועך, קיין „מאָגיליאָווסק״.

מיר ווילט זיך זייער א קוק טאָן אף דעם קוזיען. פאַרזיכטיק, מיט איין אויג, קוק איך ארויס פון אונטער דער שינעל. איך זע א קיַילעכדיק אָנגעדראָלן פּאָנעם מיט געדיכטע געלע וואָנצעס אונטער א פאַריסענער נאָז.

ס׳איז ווידער שטיל. בא פערציק מענטשן ליגן שטיל, ריידן ניט אויס צווישן זיך קיין וואָרט. קוזמא קערט אויס דעם דיל, טראָגט ארויס די פּאַראַשע, ברענגט וואַ־סער, האקט אָן שפּענדלעך.

ווען איך זאָל האָבן קויעך, וואָלט איך גליַיך באדארפט אוועק פונדאנען. פון דעם געשפּרעך, וואָס עס האָט געפירט דער פעלדשער מיט אונדזער סאניטאר קוזיע, האָב איך פארשטאנען, אז די קראנקע פארשריַיבט מען דאָ אין עפּעס א ספּעציעל קארטל. מינאסטאם וועט מען מיך פריִער באטראכטן, און איך וועל זיך מוזן אויסטאָן באקעט...

פעדיע האָט מיך ניט איין מאָל געוואָרנט: דיַין נאָמען און פאמיליע איז נאָך אהין־אהער, נאָר דעם פאָטערס נאָמען — אראָן — זאָלסטו אומבאדינגט בײַטן.

מײַן טאטנס נאָמען... די וויַיס מײַנע זײַנען אראָפּגעלאָזט, נאָר אפילו ווען איך קוק אף עמעצן מיט אָפענע אויגן, זע איך אים ניט אזוי בוילעט, ווי איך זע איצט דעם טאטן מײַנעם, זײַן לאנגע געל־רויטע באָרד, די הארטע פארמאָזאָליעטע הענט.

ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אפּן קאָלווירטישן ווײַנגאָרטן, און קוים איז געקומען די צײַט, — עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, — האָט ער זיך גע־שטעלט דאַווענען. זײַנע ליפּן שעפּטשען עפּעס הייס. מיר דוכט, אז ער בעט בא גאָט א רעגן צו דער צײַט, ער בעט וואָס מער זוניקע טעג — דער ווײַנגאָרטן זאָל ריַיף ווערן. אין אזא מינוט איז אומעגלעך געווען אָפּווענדן אים, דעם פאנאטיקער. עס פלעגט טרעפן, אז אויך בא דער ארבעט האָט ער געמורמלט א שטילע טפילע. צו מינכע פלעגט ער זיך שטעלן אזוי, אז דער ווײַנגאָרטן זאָל זײַן פאר זײַנע אויגן: ער זאָל זען, ווער עס גייט אהער, קיין ייִנגל זאָל, כאָלילע, ניט צעברעכן קיין צוויַיגל. ער האָט זיך אײַנגעהערט אין גערויש פון די קוסטעס, אין דעם סוידען זיך פון די בלעטער, אײַנגעקוקט זיך, ווי עס שפּילט זיך די זון אף דער דינער הויט פון די ווײַנטרויבן, אײַנגעטעמט דאָס טערפּקע גערוך פונעם פרישן וויַין־זאפט, מיט וועלכן ס׳זײַנען אָנגעגאָסן די ליכטיק־גרינע הײַטלעך פון די שיקערנדיקע הענגלעך.

מײַן טאַטנס נאָמען... איך בין דער ייִנגסטער פון זיבן קינדער, וואָס ער האָט אויסגעכאָוועט און דערצויגן. זיבן קינדער — מיט זיי איז ער אָפט געווען אין נויט, הונגער, נאָר ער האָט קיינמאָל קיינעם פון אונדז קיין פּאַטש ניט געגעבן. זעלטן־ווען האָט ער געשריגן אויף אַ קינד, און צוליב וואָס שרײַען, אַז עס איז גענוג, ער זאָל בלויז אַ קוק טאָן מיט זײַן איינציק געזונט אויג, — און דער פֿאַר־זינדיקטער פֿאַרשעמט זיך. מיר האָבן געוווּסט, וואָס ער וויל פון אונדז. ער וויל, אַז מיר זאָלן זײַן אָרנטלעך, אַליין ליב האָבן אַרבעט און שעצן די מי פון אַ צווייטן. און ווען איך, דער מיזיניק, דער געפּעסטעטער, בין געקומען פון אַ ווײַטער שטאָט אויף קאַניקולן צוגאַסט און האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט באַנאַכט צוזאַמען מיט אַ כאָפּטע כעוורעלײַט אין דעם ערדשטיבל, ווו עס זײַנען געלעגן די ווײַנטרויבן, האָט דער טאַטע אונדז פֿאַרשלאָסן פון דרויסן און אַליין אַוועק אין שכיינעסדיקן ישעוו נאָכן פֿאַרזיצער פון דאָרפֿראַט. זאָל ער קומען און זען, ווער עס האָט געוואַגט זיך צורירן צום קאָלווירטישן גוטס. די מאַמע האָט זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אויף אים, אָנגענומען זיך די קריוודע פון איר מיזיניק, נאָר ער, דער טאַטע, האָט זיך שטילערהייט פֿאַרענט־פֿערט:

— וואָס ווילסטו פון מיר האָבן, עס איז דאָך ניט נאָר מײַן גוטס...

מײַן טאַטנס נאָמען... זײַן לעצטן בריוו האָט מיר איבערגעשיקט מײַן ברודער, אויך אַ קורסאַנט פון אַ מיליטערישער שול. דער טאַטע האָט געשריבן אין יוני כווי־דעש פון דעם איין־און־פֿערציקסטן יאָר: „איך און די מאַמע שלאָפֿן ניט קיין נעכט, דאָס האַרץ טוט ווי פֿאַר אײַך, קינדער. נאָר מיר בענטשן און באַשווערן אײַך: שלאָגט אים, דעם בלוטיקן סוינע".

אָט דעם טאַטנס נאָמען מוז איך בײַטן.

זײַ מיר מויכל, פֿאָטער...

איין אויגנבליק, און די טויטע שטילקייט איז צעשטערט. צוויי סאַניטאַרן און דער פֿעלדשער האָבן געבראַכט עסן. צום אַלעמערשטן צעטיילט מען דאָס ברויט. אויף פֿיר מענטשן אַ האַלב לעבל. די פּײַקעס זײַנען שוין אָנגעשניטן, נאָר ווער קאָן זײַן זיכער, אַז די כאַלאָקים זײַנען אַבסאָליוט גלײַכע? עס זײַנען פֿאַראַן ווינקל־שטיקלעך, מיטל־שטיקלעך און ריפּטלעך. קעדיי עס זאָלן ניט זײַן קיין געקריוו־דעטע, איז פֿאַראַן אַן אויסגעפּרוווט מיטל...

מײַן שאָכן האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיט דער פּלייצע, פֿאַרוקט נאָך טיפֿער דעם קאָפּ אונטער דער שינעל, און איינער האָט בײַ אים אַ פֿרעג געטאָן:

— וועמען?

— דעם נײַינקן.

איך כאַפּ מײַן כיילעק. מײַן שאָכן האָב איך נאָך אין פּאָנעם ניט געזען, נאָר פון דעם איינציקן וואָרט זײַנעם איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אַז ער איז ניט קיין רוס. ווידער פֿרעגט מען בײַ אים:

— וועמען?

ווען דאָס ברויט איז צעטיילט געוואָרן, האָט מײַן שאָכן אַראָפּגעוואָרפֿן פון זיך די שינעל, באַקוקט זײַן פּײַקע, דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זײַנע טיף אײַנגעפּאַלענע שוואַרצע אויגן. קעדיי מיך בעסער זען, שפּאַרט ער זיך אָן אויפֿן עלנבויגן. די גימנאַסטיאָרקע איז בײַ אים צעשפּיליעט. אויף זײַן ברוסט איז צוגע־

קלעפּט א שטיקל ברודיקע מאַרליע. איך שטויס זיך אָן, אַז אונטער דער לאַטע איז בא אים א טיפע ווונד. ער עטעמט שווער. מיר דוכט, אַז מיט יעדן אָטעם הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ דאָס שטיקל מאַרליע.

— א לעפל האָסטו? — טוט ער מיך א פרעג.

פון זינט איך בין אין געפאַנגענשאַפט, האָב איך נאָך קיין איין מאָל ניט געזען, אַז עמעצער זאָל עסן מיט א לעפל. איך שאָקל מיטן קאָפּ אָפּ ניין.

— נא, נעם, — ער גיט מיר אַן אַליומיני־לעפל, — דאָס איז א יערושע פונעם כאַוער, וואָס איז געלעגן טאַקע דאָ אויפן דיל. א ווױלער מענטש געווען. ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געגלייבט, אַז עס וועט זיך אים איינגעבן אַנטלויפן פונ־דאַנען. „מיט אָט דעם לעפל, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך נאָך עסן רויטאַר־מייִשע קאַשע״. א סיביריאַק איז ער געווען, א טאַנקיסט. און דו ביסט פונוואַ־נען? — פרעגט ער בא מיר.

— א מאָסקווער.

— און איך בין אַן אַרמענער, אַלוואַרדיאַן איז מײַן פאַמיליע, פון לענינאַקאַן. האָסט געהערט וועגן אַזא שטאָט?

— געהערט, פאַרשטייט זיך.

— אין לענינאַקאַן, — זאָגט ער, — וואָלט איך דורכגעקראָכן דורך א מויזן־שפּאַלט, און דאָ איז מאָגיליאָוו, מיט איין וואָרט, קוואָרים... — די ווערטער זײַנע האָט ער באַגלייט מיט אַן אויסדריקלעכער זשעסטיקוליאַציע.

צו אונדז איז צוגעקומען א מענטש אין א לאַנגער קאַוואַלעריסטישער שינעל, אָן א היטל. אויף זײַן לינקער האַנט — א בענדל פון „רויטן קרייץ״. די שטריכן פון זײַן געזיכט זײַנען רויִקע. אין די באַוועגונגען — א פאַרבאָרגענע קראַפט.

ער זעצט זיך צו אויפן שאָכנס בעטל און דריקט אים די האַנט. איך באַמערק, אַז ער האָט אים איבערגעגעבן א געקאָכטע קאַרטאָפל. עפּעס ריידן זיי צווישן זיך שטילערהייט, דערנאָך זאָגט ער צו מיר:

— איך בין דער עלטערער סאַניטאַר פון פּאַלאַטע. דערציילַ, ווער און פונוואַ־נען ביסטו?

קיין בלײַער און קיין פּאַפּיר זע איך בא אים ניט. דער בליק איז בא אים א האַרבער, אָבער אַזא, וואָס רופט אַרויס צוטרוי. דער לענינאַקאַנער כאַווער, וואָס איז מיר געפעלן פון דער ערשטער מינוט, טוט א שאָקל מיטן קאָפּ — ס'הייסט: האָב ניט מוירע, מעגסט אַלץ דערציילן.

און דאָך צווייפל איך.

— אַז דו ביסט א מאָסקווער — ווייס איך שוין, — זאָגט דער סאַניטאַר.

— יאָ, איך האָב געאַרבעט אַלס מײַסטער אין א זאַוואָד.

— אין וועלכן? — וויל ער וויסן.

א ווײַלע טראַכט איך — זאָגן צי ניט? איך באַשטים: נאַרישקײַטן, קיין באַדײַטונג האָט עס איצט סײַוויסײַ ניט. און, דעריקער, מע קאָן דאָך ניט אַלעמען כוישעד זײַן אין שלעכטס.

— אין א מיליטערישן, — ענטפער איך.

ער שטעלט מיר איין פראַגע נאָך דער צווייטער. און פּלוצעם, אומגעריכט, טוט ער א פרעג:

— וויפל מאָל האָסטו זיך געפּרוּווט אַנטלויפן?

— איין מאָל.

לויט די פאַשיסטישע געזעצן איז דאָס געווען, מע זאָל מיך שיסן.

— איין מאָל איז ווייניק, — האָט ער א זאָג געטאָן. ער איז אופגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען צום טישל, וואָס לעבן אייוועלע, און ארויסגענומען פון שופלאָד א קארטאָנען קעסטעלע. דאָס קעסטעלע, פול מיט פאפיר־קארטלעך, איז ענלעך אף א ביבליאָטעק־קארטאָטעקע. מיט א פאַניערן ברעטל איז עס צעטיילט אף צוויי ניט קיין גלײַכע טיילן. פון קלענערן טייל האָט דער סאַניטאַר ארויסגענומען א קארטל — דאָס איז דעם שאָכנס, וואָס ליגט פון לינקס, ער איז מיט עטלעכע מינוט צוריק געשטאָרבן. אין לינקן ווינקל שרײַבט ער אָן מיט גרויסע בוכשטאבן „פון דיסטראָפיע" — און לייגט איבער דאָס קארטל אין דער גרעסערער אָפטיילונג.

ער פארפירט אף מיר א קארטל. איך דארף אָנרופן מײַן פאמיליע, נאָמען און פאָטערנאָמען. וויפל איך האָב זיך ניט געגרייט צו ענטפערן אף דער פראגע, האָב איך זיך דאָך פארטראכט. ער קוקט מיר אין די אויגן, ווארט אף מײַן ענטפער...

זײַן בלײַער איז גרייט צו פארשרײַבן אלץ. נאָר איך שווײַג. וואָס זאָל איך אים זאָגן? פון קאָפ גייט ניט ארויס די וואָרענונג: „ענדער דעם פאָטערס נאָמען!" ניט איין מאָל האָט וועגן דעם געטײַנעט פעדיע — פימענאָוו פיאָדער אנדרייעוויטש.

— וויאזוי זשע איז פאָרט דײַן פאָטערס נאָמען? — פרעגט ער איבער.

— אנדרייעוויטש.

— אזעלכע זאכן, — זאָגט ער מיר, — זאָלסטו מער ניט פארגעסן, קלאָר? אָט אזוי! מיך רופט מען גליעב איוואנאָוויטש טשערנאָוו.

— קוזמא! — האָט ער א געשריי געטאָן. — דאָס בעטל וועט פארנעמען אָט דער נײַינקער, קלאָר? אָט אזוי!

איך וואָלט א באלן זײַן וויסן, מיט וואָס האָט זיך גליעב פארנומען ביז דער מילכאָמע. אף קיין קאדראָוון קאָמאנדיר איז ער ניט ענלעך. מיט עפּעס דערמאָנט ער מיר מײַנעם א באקאנטן, א פעדאגאָג. נאָר פרעגן בא אים וועל איך ניט. דאָס לעבן אין געפאנגענשאפט האָט אײַנגעשטעלט זײַנע שטרענגע געזעצן. איינער פון זיי פאָדערט: „זאָלסט ניט פרעגן"...

ערשט אפן דריטן אָדער אפן פערטן טאָג האָט מיך גליעב אוועקגעפירט אין קאבינעט, ווו מע בינדט איבער די קראנקע.

מיך לייגט מען אוועק אף צוויי צונויפגערוקטע קאנצעליארישע טישן. א ווײַס מעטאלן פושקעלע מיט עטלעכע פינצעטן, א סקאלפעל, א שערעלע, א פאָר פלעשעלעך און צוויי גרויסע באנקעס שטייען אין א ביכער־שאפע. איין באנקע איז פול מיט א טונקל־געדיכטער פליסיקײַט, וואָס ווערט דאָ אָנגערופן „גאָרני דוביניאק". מע קאָכט דאָס געטראנק פון דעמבענער קאָרע און מע גיט עס טרינקען די דיזענטעריע־קראנקע. אין דער צווייטער קיילע איז די פליסיקײַט א העל־גרינע, זי האָט א ביטערלעכן רייעך פון כוואָיע. דאָס איז א געקעכץ פון כוואָיע פאר די קראנקע אף צינגא.

עס איז ארײַנגעקומען דער דאָקטער. אים איז לײַכט צו דערקענען — בלויז כירורגן פארמאָגן דאָ ווײַסע כאלאטן.

— נו, ווי גייען די געשעפטן, קראנקער?

אזוי מיסטאמע ווענדן זיך די דאָקטוירים פון גאָר דער וועלט צו זייערע פאציענטן. אָבער דאָ, אין לאגער, ווו עס ווערט געטאָן אלץ, קעדיי אומברענגען

מענטשן, קלינגט די דאָזיקע פראַגע מאָדנע ווארעם. איך לאָז ניט אראָפּ די אויגן פונעם דאָקטער. וויַיזט אויס, ער פארשטייט, אז איך האָב צו אים עפּעס א וויכ־טיקע באַקאַשע. אליין הערט ער זיך צו, וואָס אים דערציילט גליעב, און צו מיר זאָגט ער:

— נו, גוט, באלד וועלן מיר א קוק טאָן.

כוץ אונדז, זיַינען דאָ פאראַן צוויי פרויען, איינע אַן עלטערע, אלע רופן זי דאָ מומע פאשע. זי איז א קורצזיכטיקע, א פולע, מיט קלוגע און שטרענגע אויגן. די צווייטע פרוי איז א יונגע, א שיינע. יוליע הייסט זי.

— פּראַסקאָוויע מיכיַילאָוונע, — ווענדט זיך צו דער עלטערער פרוי דער דאָק־טער, — אויב איר האָט א שמאַטקעלע, נעצט עס איַין און פרוווט זיך דערקלייַבן צו זיַין פּאַנעם. ער איז אזוי קויטיק, אז עס איז שווער צו דערקענען, צי איז ער א יונגער, צי אַן אלטער.

עטלעכע מאָל שווענקט אויס די מומע פאשע דאָס שמאַטקעלע און בייַט דאָס וואסער אין שיסל. עס רופט בא קיינעם ניט ארויס קיין פארוווּנדערונג. וויַיל וואָס איז דער כידעש? אף מיר ליגט נאָך די ערד פון די אָקאָפּעס, דער רויך פון די שייַטערס, די בלאָטע פון סוכיניטשער לאַגער, די ליים פון ראָסלעווער, צעמענט און קוילן פון קריטשעווער, שטויב און שפּינוועבס פונעם בוידעם, פונוואנען פּי־מענאָוו האָט מיך געבראַכט אהער.

— געווג, — זאָגט דער דאָקטער, — אַניט וועט קיין וואסער אין ברונעם ניט קלעקן. איך זע שוין, אז קיין אייניקלעך האָט ער נאָך ניט.

גליעב העלפט מיר זיך אויסטאָן. לאנג פּאָרעט זיך דער דאָקטער. די מומע פאשע דערלאַנגט דאָס, וואָס ער פּאָדערט. ווען יוליע וויל אים העלפן, זאָגט ער איר:

— מע דאַרף ניט, שוועסטער, מיט אָט דעם קראַנקן וועל איך זיך אליין ספּראַווען.

ווען מע טראָגט מיך צוריק אין פּאַלאַטע, רוקט מיר גליעב אריַין אין דער האַנט צוויי קליינע געקאָכטע קאַרטאָפל. דאָס איז געווען די ערשטע צוגאָב־פּאָר־ציע, וואָס איך האָב באַקומען. קלאָר — דאָ זיַינען פאראַן כאַווירים, אף וועלכע מע קאָן זיך פאַרלאָזן. זיי קומען צוהילף אין א שווערער מינוט. צו זיי געהערן גליעב, מיַין שאָכן פון לעבינאַקאָן, מיסטאָמע אויך אונדזער דאָקטער אלעקסאנדער איוואַנאָוויטש זאָרינקין און די שוועסטער פּראַסקאָוויע מיכיַילאָוונע. ווער נאָך? דאָס וועט די צייַט באַוויַיזן.

א מיַיסעלע וועגן דעם קליינעם פערדל פּאָני

— זשעניע, א זשעניע, און איך האָב היַינט געזען אין לאַגער א שנייערל, און סאַראָקעס, זאָלסט א קוק טאָן, — גאַנצע סטיַיעס!

די ניַיס זאָגט אָן א פּאַרוואַקסענער מאַנצבל, וואָס שטייט לעבן זיַין בעטל, אָנגעשפּאַרט אף צוויי שטעקנס. אָנשטאָט דעם רעכטן פוס הענגט בא אים א פּוסטער פּלודער. אליין איז ער הויט און ביין.

— פּעטער וואַניע, וויאַזוי זעען זיי אויס? — פרעגט א שוואַך קעלכל.

— געוויינלעכע. דאָס שנייערל איז א רויטס, די סאַראָקעס מיט וויַיסע ברוסטלעך.

זשעניע אנטאָנאָוו איז אלט ניט מער פון צוועלף יאָר. א דערצויגלינג פון אן ארטילעריע־פּאָלק, איז זשעניע בייס אן אטאקע שווער פארוואונדעט געוואָרן. דאָ אין פּאַלאטע ליגט ער שוין העכער דריי כאַדאָשים. ער איז דער איינציקער, פאר וועמען דער קראנקן־שוועסטער האָט זיך איינגעגעבן ערגעץ קריגן א קישן, א צעריסענעם מאטראץ און אן אלטע קאָלדרע. פון שלאָף אָדער ווען ער ליגט מיט היץ רופט דאָס ייִנגל עפּעס א מאַיאָר, ער וויינט און בעט, דער מאַיאָר זאָל קומען און אים צונעמען פונדאנען. אים טיילט מען שטענדיק אויס א צוויייענדיקע פּאָרציע באַלאַנדע, עטלעכע קארטאָפל, אן איבעריק שטיקל ברויט, נאָר סיי־ווי גיט זיך ניט איין אים שטעלן אויף די פיס.

— עטלעכע מאָל, — דערציילט מיר גליעב, — האָט אונדזער הויפּט־דאָקטער זיך געווענדט אין דער קאָמענדאטור מיט א ביטע, מע זאָל דערלויבן איבערפירן זשע־ניען אין שטאָט־שפּיטאָל, קיין ענטפער איז אָבער ניטאָ.

מער פון אַלעמען האָט זיך מיט זשעניען באַפריינדעט קוזמא. צוערשט האָב איך ניט געקאָנט פארשטיין, פונוואנען שטאַמט אָט די פריינטשאַפט. דערנאָך איז מיר קלאָר געוואָרן: ביידע, סיי קוזיע, סיי זשעניע, האָבן זייער ליב געהאַט הערן מייסעלעך.

דאָס מייסעלע וועגן דעם קליינעם פערדל פּאָני האָבן זיי ביידע געקאָנט הערן אן א שיר מאָל. דערציילן פלעגט עס דער פּעטער וואניע, א געוועזענער פּעדאגאָג. ער פלעגט גערן אויספילן זייער באַקאָשע און זיי דערציילט אָט דאָס מייסעלע ניט איין מאָל. מעגלעך, דערפאר האָב איך עס גוט פארגעדענקט.

אָנהייבן פלעגט דער פּעטער וואניע פון א פראגע, געוויינלעך אזוי:

— אין מאָסקווע, קוזמא, ביסטו ווען־עס־איז געווען?

— אין מאָסקווע? — פלעגט קוזמא אראָפּנעמען דאָס צעפליקטע פוטערנע היטל און א קראַץ טאָן דעם ברייטן פליך אויפן קאָפּ. — אין מאָסקווע... הם... הם... ווייסט, וויפל מאָל איך בין דאָרט געווען?

דאָס, וואָס ס׳איז געשען מיט א סך יאָרן צוריק, געדענקט קוזמא אויסגע־צייכנט; דאָס, וואָס האָט געטראָפן מיט א וואָך צוריק, נעכטן — קאָן זיין זיקאָרן בעשום־אויפן ניט איינהאַלטן.

— האָסט דאָרט עפּשער געזען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן א קליין פערדל, וואָס מע רופט עס פּאָני?

— ניין, וואָס ניט, איז ניט, — איז קוזמא זיך מוידע.

— און זשעניע האָט געזען און איז אפילע געפאָרן ריַיטנדיק אויף א פּאָני.

— נו?! — איז קוזיע שטארק איבערראַשט.

— ערן־וואָרט! — שווערט זיך זשעניע. — באַלד וועסטו הערן, ווי־אזוי מע האָט געכאַפּט אָט דאָס קליינע פערדעלע.

דער פּעטער וואניע רעדט זייער שטיל, קוזמא האָט מוירע א וואָרט דורכצולאָזן און לאָזט קיינעם קיין פּיפּס ניט טאָן.

— אין איינעם א געדיכטן, געדיכטן וואַלד האָט געלעבט א גרויסע מישפּאָכע קליינע פערדלעך. מע האָט זיי געבראַכט אהין פון שאָטלאַנד צי פון יאַפּאַן, — פּינקטלעך וועל איך אייך ניט זאָגן, ווײַל איך ווייס ניט. אויף זיכער ווייס איך נאָר, אז געלעבט האָבן זיי צווישן זיך גוט, געהאַלטן זיך שטענדיק צוזאַמען, און דער־פאר האָבן זיי פאר קיין שום כײַע אין וואַלד ניט מוירע געהאַט.

און נאָר איין פּאָני האָט זיך געפירט ניט ווי אלע. אָדער ער לויפט פאר אלעמען, אָדער ער שלעפּט זיך פון הינטן, אָט שפרינגט ער אוועק אין איין זײַט, אָט אין א צווייטער.

„הי־האָ־האָ! פּאָני! — פלעגן צו אים די פערדלעך שרײַען. — פארקריך ניט צו ווײַט. וועסט פארבלאָנדזשעט ווערן אָדער א בייזע כײַע וועט אף דיר אָנפאלן. ווער וועט דיר דעמלט העלפן?"

אָבער פּאָני איז געווען יונג און נאריש, און דערפאר האָט זיך אים געדאכט, אז ס׳איז ניטאָ אין דער וועלט קיין פערדל, וואָס זאָל זײַן פלינקער, געזינטער און קליגער פון אים.

„הי־האָ־האָ! — פלעגט ער ענטפערן, — אָ־אָ! ווער ס׳האָט מוירע, דער טאָר אין וואלד ניט וווינען".

איינמאָל האָט פּאָני זיך געיאָגט נאָך די זון־העזעלעך, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די געדיכטע ביימער־קרוינען. און איינס א זון־העזל האָט אים, ווי א בייזער קישעפמאכער, פארפירט אלץ ווײַטער און ווײַטער אין וואלד. פּאָני האָט פאריסן דעם קאָפּ, זיך געגרייט א שפרונג טאָן, אים האָט זיך געדאכט, אָט־אָט, וועט ער פאקן דאָס זון־העזעלע, נאָר פלוצעם האָט, ווער ווייסט פונוואנען, א בלאָז געטאָן אווינטל, א הוידע געטאָן די צווײַגן, און אָט האָסטו דיר, — דאָס העזעלע האָט ניט געסטײַעט. א צווייט מאָל איז פּאָני אונטערגעשפרונגען און שיר ניט צוגעדריקט דאָס העזל מיט דער קאָפּעטע, נאָר אין דעם אויגנבליק איז דורכגעשווומען א וואָלקנדל איבערן הימל, פארדעקט די זון — און דאָס העזל איז ווידער נעלעם געוואָרן, ווי גלײַך ס׳איז גאָר ניט געווען. פּאָני האָט געקוקט און ניט פארשטאנען, וווהין ס׳איז פארשוווּנדן געוואָרן.

פּאָני איז געלאָפן און געלאָפן, ביז ער איז פארלאָפן אין אזא אָרט, ווו עס זײַנען געוואקסן איינע לינדנביימער. און ס׳איז דאָך שוין פון לאנג באוווּסט: דאָרט, ווו ס׳וואקסן לינדנביימער, איז פול מיט בינען. אז אָט די שרעקלעכע בייזע בינען האָבן זיך א נעם געטאָן צו אים, איז פּאָנין פינצטער געוואָרן אין די אויגן. עמעס, ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאר זיי, ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אף איין אָרט, געקלאפּט מיט די קאָפּעטעס, געפאָכט מיטן עק, געטרייסלט מיט דער גריווע. אָבער געראטעוועט האָבן אים... די שלאנקע פיס: ער איז אנטלאָפן פון די בינען.

א פארסאָפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן א קליין ציטער־ביימל, לעבן אן אָסינקע. ער האָט זיך קוים געהאלטן אף די פיס פון מידקײַט.

„הי־הי! האָ־האָ! ווו זײַט איר?" — האָט פּאָני גענומען הירזשען און רופן, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז מע ענטפערט אים, אָבער דאָס קאָל, וואָס האָט זיך צו אים דערטראָגן, איז געווען ניט מער ווי א ווידערקאָל. און דעריאָגן עס איז געווען נאָך שווערער, ווי פאקן א זון־העזל. מעגסט אפילע פליען, דאָס ווידערקאָל לאָזט צו זיך ניט צו, ניט נאָענט און ניט ווײַט. עס לאָזט זיך ניט פאקן, און שוין.

לאנג האָט פּאָני ארומגעבלאָנקעט אין וואלד. ווען זײַנע פרײַנט וואָלטן דערהערט זײַן קאָל, וואָלטן זיי אצינד עס אפילע ניט דערקענט, — ווו איז אהינגעקומען זײַן הילכיקער פריילעכער „הי־האָ־האָ!"

איצט האָט אלץ אָנגעוואָרפן אף אים א פּאכעד — דאָס קלאפּן פונעם פּיקהאָלץ און דער קלאנג פון אן אראָפּגעפאלענער שישקע, דאָס מורמלען פונעם וואלד־

טײַכל און דער רויש פונעם ווינט. אלץ, וואָס ער האָט אצינד געזען און געהערט, איז געווען פאר אים גאָר אנדערש, ווי פריִער.

עס איז צוגעפאלן די נאכט. שווארצע כמארעס האָבן פארדעקט דעם הימל. עס האָט געגומען דונערן. פּאָני האָט געציטערט פאר קעלט און שרעק, נאָר סאָפּ־קאָלסאָף האָט אים אָפּגעגליקט, — אזוי האָט זיך אים געדאכט, — ער האָט אָנגעטראָפן אף א שײַטער. ער האָט זיך לאנג געגאנגעוועט שטילערהייט צום שײַטער, ביז ער האָט זיך איבערצײַגט, אז קיין שום שפּיצל שטעקט דאָ ניט. עס ברענט זיך איינער אליין א שײַטער, נאָר די צווײַגן טרישטשען און די פונקען פליִען.

פּאָני האָט צוערשט זיך אוועקגעשטעלט אף די פאָדערשטע קני, דערנאָך האָט ער זיך צוגעלייגט אפן ווייכן מאָך, און עפּשער דערפאר ווײַל ער איז מיד געווען פון דעם אלעמען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פארן טאָג, אָדער עפּשער ווײַל די היץ האָט אים פארשלעפערט, נאָר ער איז אנשלאָפן געוואָרן מיט א שטארקן־שטארקן שלאָף.

א הון, זאָגט מען, כאָלעמט זיך פּראָסע, און א פערד — האָבער. נאָר פּאָני האָט קיינמאָל ניט פארזוכט קיין האָבער, האָט זיך אים געכאָלעמט א ראכוועסדיקע לאָנקע מיט געדיכטע, הויכע גראָזן. ער האָט געקײַט דאָס פעטע גראָז, זײַן מויל איז פול געווען מיט געשמאקן זאפט, און פון די ליפּן איז גערונען גרינער שוים...

פונקט דעמלט האָבן צום שײַטער זיך אומגעקערט די יעגער, מיט ביקסן, מיט שטריק.

„זע, סארא גאסט!“ — האָט געזאָגט דער יעגער, וואָס איז געגאנגען דער ערשטער, ווײַזט אויס דער עלטסטער, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

א ווײַלע האָבן זיי זיך געייצעט, דערנאָך שטילערהייט זיך צוגעגאנגעוועט און מיטאמאָל זיך ארופגעוואָרפן אף פּאָנין.

פון אָנהייב האָט ער זיך געווערט, געוואָרפן, זיך געפּרוווט ארויסרײַסן, געביסן. זײַנע נאָזלעכער האָבן זיך צעבלאָזן און עס האָט געזעצט פון זיי א געדיכטע פּארע. ער האָט זיך געבעטן, זיי זאָלן אים אָפּלאָזן, זיי געשאָלטן מיט די ערגסטע קלאָלעס, נאָר קיין רייד האָבן ניט געהאָלפן, ווער שמועסט, פערדישע.

א סאך האָט זיך אָנגעליטן פּאָני, ביז ער איז אָנגעקומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן. אלץ דערציילן, וואָס ער איז אויסגעשטאנען, וועט קיין טאָג ניט קלעקן. אין גאָרטן האָט מען אים אָפּגעגעבן א באזונדער ווינקעלע, מע האָט אים געהאָדעוועט מיט די בעסטע פערדישע מײַכאָלים, געריייניקט און געוואשן. קינדער און אפילו דערוואקסענע פלעגן שאָענווײַז שטייען און קוקן אף אים, אפן ווײַסן שטערנדל בא אים אפן קאָפּ, אפן שלאנקן און בייגעוודיקן האלדז. די שטוביקע באלעכאָים זײַנען אים מעקאנע געווען, און די ווילדע כײַעס האָבן זיך געבייזערט און געשטשירעט די שארפע ציין, נאָר פּאָני האָט גאָרניט באמערקט ארום זיך, זײַן בליק האָט געבלאָנקעט ערגעץ ווײַט־ווײַט, ער האָט מיסטאם געזען דאָרט דעם וואלד, ווו ער איז אויסגעוואקסן.

מע האָט אים אָנגעטאָן א ווײַסן רימען אפן האלדז, אופגעהאנגען א סאך שיינע מעשענע גלעקעלעך און אײַנגעשפּאנט אין א פארביק וועגעלע אף צוויי רעדער, וואָס מע האָט נאָר צוליב אים געמאכט. קיינער האָט נישט נאָר ניט געוואגט אים א קלאַפּ צו טאָן, נאָר אפילו א הויך וואָרט זאָגן, און ער האָט די גאנצע צײַט געהאלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, און די גלעקעלעך האָבן געקלונגען. די קינדער האָבן געמיינט, אז פּאָני טוט עס צוליב זייער פארגעניגן. אינדערעמעסן

אָבער האָבן די גלעקעלעך איבערגעכאַזערט איין און דאָס זעלבע וואָרט: „אַנטלויפן, אַנטלויפן".

און ער איז אַנטלאָפן. איין־און־איינציק מאָל נאָר האָט מען פאַרגעסן פאַרשפּאַרן די שטײַג, און פּאָני איז אַנטרונען געוואָרן.

אין שטײַג האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן אַנדער פערדל, נאָר די קינדער האָבן געפּאָדערט:

„מיר ווילן אונדזער פּאָני, מיטן ווײַסן שטערנדל".

גיי דערצייל זיי, אַז פאַר פּאָנין איז דאָס לעבן אין געפענקעניש קיין לעבן ניט געווען.

דער פעטער וואַניע איז אַנשוויגן געוואָרן, עמעצער זאָגט צו קוזיען:

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס פערדל פּאָני? גענומען און אַנטלאָפן...

אויף דעם ענטפערט ער:

— האָט עס דאָך פיר פיס...

— און צוליב וואָס האָסטו א קאָפּ אויף די פּלייצעס? — לאָזט מען אים אַלץ ניט צורו.

אויפן טיש דערברענט דאָס קאַנעצל, פון וועלכן עס פאַלט אויף דער וואַנט א מאַט פּאַסיקל שײַן. דאָס אייוועלע איז שוין לאַנג פאַרלאָשן. אויף דעם ברעטל, מיט וועלכן ס'איז פאַרקלאַפּט דאָס פענצטער, וואַקסט דער פראָסט. פון יענער זײַט פענצטער, הערט מען, ווי עס בושעוועט דער ווינט, און פון א ווײַטן ווינקל אין קאָרידאָר דערטראָגט זיך אַהער, אין פּאַלאַטע, א באַקאַנטע מעלאָדיע. דאָס שפּילט די קראַנקן־שוועסטער יוליע אויפן צעבראָכענעם ראָיאַל, וואָס שטייט דאָרט, די ליד „דער הייליקער קריג". מיר געדענקען גוט די ווערטער פון אָט דער שלאַכט־ליד, זיי פילן אַן דאָס האַרץ מיט אומרו און רופן צום קאַמף. איך הער די מעלאָדיע און קוק אויף מײַן לעבנאַקאַנער שאָכן אַלוואַרדיאַנען. אין זײַנע אויגן באַמערק איך א פּײַערל, וואָס פאַרלעשן קאָן עס נאָר דער טויט.

אין אָוונט האָט אַלוואַרדיאַן א פרעג געטאָן באַם דאָקטער:

— ווי קלערט איר, דאָקטער זאָרינקין, איך וועל זיך נאָך אַרויסדראַפּען?

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? באַ אײַך איז אָסטעאָמיעליט פון ברוסטקאַסטן. איר פאַרשטייט אַליין...

— א דאַנק, — האָט ביטער א שמייכל געטאָן מײַן שאָכן, — צום ערשטן מאָל רעדט איר מיט מיר, ווי א מאַנצבל מיט א מאַנצבל.

ס'איז קאָנטיק געווען, אַז דער דאָקטער אַליין איז אויך קראַנק. אונטער די אויגן — בלויע פּאַסן, די ליפּן זײַנען באַדעקט מיט א ווײַס הײַטל. ער ווענדט זיך צו מיר:

— נו, און וואָס זאָל איך טאָן מיט אײַך? לאַנג האַלטן אײַך אין לאַזאַרעט קאָן איך ניט. אויסשרײַבן — וועט איר אומקומען...

— דאָקטער, — זאָג איך, — פאַר אַלץ, וואָס איר האָט שוין געטאָן, א דאַנק אײַך, און ווײַטער טוט אַזוי, ווי איר קאָנט.

ער דריקט מיר און דעם שאָכן די הענט, און ווען ער האַלט שוין באַם אַוועקגיין, זאָגט ער צו אונדז:

— נארישע יינגלעך, פאַרוואָס דאַנקט איר מיר? א גוטע נאַכט אײַך...
— א גוטע נאַכט, דאָקטער, — ענטפערן מיר ביידע מיטאַמאָל.
אָף מאָרגן איז דעם דאָקטער ניט צו דערקענען. ער איז גלאַט אויסגעראַזירט. די מומע פּאַשע האָט אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט זײַן כאַלאַט, צו דער גימ־נאַסטיאָרקע האָט זי אים צוגענייט א ווײַס אונטערקעלנערל. די שטיוול, כאָטש עס איז שוין לאַנג צײַט צו פאַרבײַטן זיי, זײַנען אויסגעפּוצט. די האָר גלײַך פאַר־קעמט. הײַנט האָט ער אפילע א שפּאַס געטאָן מיט קוזיען.
צוגייענדיק צו אונדזערע בעטלעך, זאָגט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש:
— דעם נעכטיקן שמועס אונדזערן פאַרגעסט... אים, — באַוויַזט ער אָף אַל־וואַרדיאַנען, — גלײַך נאָכן רונדגאַנג ברענגען אין איבערבינד־צימער. און אים, — טוט ער א ווונק אין מײַן זײַט, — אים העלפט אַראָפּלאָזן זיך אַפן אונטערשטן שטאָק. פון דעם, ווי ער וועט דורכמאַכן דעם דאָזיקן שפּאַציר, איז א סאַך גע־ווענדט. און ווי פילט איר זיך? — פרעגט ער שוין בא אַן אַנדערן.

...צי האָט איר ווען־עס־איז געזען א זשוקל, וואָס ליגט איבערגעקערט אַפן רוקן? אָן אופהער דריגעט עס הילפלאָז מיט די פיסלעך, נאָר איבערקערן זיך — דאָס ניט! איך פאַרזיכער אײַך, אז צו יענער צײַט בין איך געווען אומבאַהאָלפן, ווי אָט יענץ זשוקל.
מיך האָט אונטערגעהאַלטן גליעב, נאָר אַראָפּלאָזן זיך אַפן ערשטן שטאָק האָט זיך מיר פאָרט ניט אײַנגעגעבן.
דער קאָפּ איז ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן, קוים וואָס ער האַלט זיך אַפן דין־געוואָ־רענעם האַלדז. עס קלאַפּט אין די שלייפן, די פיס האַקן זיך אונטער און פאָלגן ניט. דאָס גאַנצע הויז דרייט זיך אין א קאַראַהאָד: די סטעליע און דער דיל, די פאָרענ־טשע צוזאַמען מיט די טרעפּ, דער מענטש, וואָס גייט אַנטקעגן, — אַלץ דרייט זיך אין אַן אומענדלעכן קרײַז. עס ווערט פינצטער, און נאָר פאַר די אויגן פליִען אַרום פונקען. צוריק זיך אומקערן האָב איך פּאָשעט מוירע. שוין צום ווי־פלטן מאָל זאָגט מיר גליעב:
— גענוג, רו זיך אָפּ, און לאָמיר גיין צוריק.
איך פאַרבײַס די ליפּן, נאָר איך זאָג אים:
— ניין, גליעב, דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז פון דעם איז פיל אָפּהענגיק. אים מעג מען גלייבן.
— ווען א קראַנקער איז זיכער, אז ער וועט געזונט ווערן, איז ער שוין אָף האַלב קיין קראַנקער ניט.
די שטים, וואָס זאָגט עס, איז מיר זייער באַקאַנט. עס לאָזט זיך אויס, אז אונדז גייט נאָך זאָרינקין. ער גיט מיר עפּעס א שמעק טאָן פון א פלעשעלע, און מע פירט מיך אָפּ צוריק אין פאַלאַטע.
איך פרעג גליעבן:
— צוליב וואָס איז געווען דאָס אַראָפּלאָזן מיך אַפן ערשטן שטאָק? וואָס איז פון דעם געדרונגען?
— אַלץ, — ענטפערט ער, — הײַנט האָבן מיר מיט דיר זיך איבערצײַגט, אז דו ביסט נאָך אָף עפּעס פייִק. און אויב אַזוי, איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן. קלאָר? אָט אַזוי.

איצט ווייס איך שוין, אז ער איז א געוועזענער קאָמיוג־טוער, און אז צו דעם „קלאַר" און „אָט אזוי" איז ער צוגעוווינט פון לאנג און קאָן זיך אָן די דאָזיקע ווערטער ניט באגיין.

שוין א היפּשע צײַט, אז אלווארדיאן רעדט מיט קיינעם ניט אויס קיין וואָרט. ער אָטעמט שווער און פון צײַט צו צײַט בעט ער בא גליעבן א ביסל קאלט וואַסער. ווען ער טראָגט צו דאָס בלעכענע קווערטל צום מויל, הער איך, ווי די ציין קלאַפּן אין מעטאַל. ער האָט היץ. קיין טערמאָמעטער אָף אויסמעסטן די טעמפּעראַטור איז ניטאָ. איך טאַפּ אים דעם פּולס. דערנאָך דריק איך זײַן האַנט און דערציי׳ל אים, אז מיר איז ניט געלונגען אראָפּלאָזן זיך אפן ערשטן שטאָק.

— ס׳מאכט ניט אויס, — ענטפערט ער מיר, — זיי זײַנען ווילע מענטשן, האלט זיך בעענטער צו זיי.

— און אויך צו דיר, — זאָג איך אים.

— וועגן מיר, — זאָגט ער, — איז ניטאָ וואָס צו ריידן. איך פאָר מיט א שנעלצוג קיין „מאָגיליאָווסק". א שאָד, וואָס איך וועל ניט קאָנען מיטנעמען מיט זיך כאָטש א צענדליק פּאַשיסטן...

די פינפטע פּאלאטע

יעדעס מאָל, ווען אין דער פינפטער פּאלאטע איז קראַנק געוואָרן אָדער געשטאָרבן א סאניטאר, פלעגט מיר וועגן דעם גלײַך זאָגן גליעב. צוליב וואָס דערציילט ער עס מיר? דער טויט איז דאָ אזא מין וואָכעדיקע זאַך. און דעריקער איז דאָס, וואָס די פינפטע פּאלאטע איז די גרעסטע — דאָרט ליגן די קראַנקע אָף פלעקטיפוס. ליַיז אין לאַזארעט זײַנען ניט ווייניקער ווי אין די באראקן. איז וואָס איז דאָ דער כידעש, וואָס די סאניטארן שטעקן זיך אָן און שטארבן?

מע האָט מיך ארויסגערופן צו זאָרינקינען. געטראָפן האָב איך אים זיצן אף א טאבורעט לעבן אייוועלע, ווו עס קאָכט זיך דער „גאָרני דובניאַק". מיר האָט ער געהייסן זיך צוזעצן. אכוץ אונדז, איז דאָ קיינער ניטאָ. איך וואַרט, וואָס וועט ער מיר זאָגן.

ער נעמט אראָפּ זײַנע ברילן, איין גלעזל פעלט אין זיי, דאָס צווייטע ווישט ער אויס מיט דער פּאָלע פונעם כאלאט. אף מיר קוקט ער מיט קורצזיכטיקע אויגן. באלד, דאכט זיך, וועט ער מיר אָנטרויען עפּעס א וויכטיקע זאַך. נאָר ער פרעגט מיך גאָר:

— מיט פלעקטיפוס האָט איר געקרענקט?

— געענוי, — זאָג איך, — ווייס איך ניט, נאָר, דאכט זיך, אז ניין.

— איז אָט, — זאָגט ער, — פאַראַן א וואקאנסיע, און איך וויל אײַך רעקאָמענדירן אלס סאניטאר אין דער פינפטער פּאלאטע. איך בין אָבער מעכויעוו אײַך וואָרענען, אז גיכער פון אלץ וועט איר זיך אָנשטעקן מיט פלעקטיפוס, נאָר קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ. דערצו איז נאָך וויכטיק צו האָבן אין פּאלאטע א מענטש, וואָס זאָל אונטערהאלטן די קראַנקע, ניט דערלאָזן, מע זאָל צונעמען זייער פּײַקע ברויט, די באלאנדע, — ער האָט א ווײַלע געשוויגן, — איז ווי קלערט איר?

— איך בין מאסקים.

...נאכט. אין דער פֿאַלאַטע איז פֿינצטער. שוין עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד שיט אָן אופֿהער א געדיכטער שניי. דורך דער איינציקער גאַנצער שויב זעט מען, ווי דער ווינט הוידעט דעם גאַס־לאַמטערן. א פּאַסיקל שײַן באַוועגט זיך אפֿן דיל, שפּרינגט אריבער אף די בעטלעך, פֿאַרקלײַבט זיך אף דער וואַנט און קערט זיך ווידער אום אפֿן דיל.

הײַנט בין איך דעזשורנע אין פֿאַלאַטע. איך טוליע צו דעם שטערן צום קאַלטן גלאָז — אזוי איז לײַכטער פֿאַרטרײַבן דעם שלאָף. איך קוק זיך אײַן אין ווילדן קאַראַהאָד פֿון די ווייכע שנייעלעך ארום דעם ברענענדיקן לאַמטערן. דער דײַטשישער וואַכמאַן אף דער גאַס שפּאַנט מער ניט ארום. אָן אײַנגעהויקערטער, די הענט פֿאַרוקט אין די אַרבל, שטייט ער אָנגעשפּאַרט אין פּלויט. זײַן טונקל־גרינע שינעל איז שוין ווײַס פֿון שניי. די קעלט האָט אים געוויס דורכגענומען אף דורך און דורך. קאָן זײַן, אז ער האָט גאָר ניט געוואָלט קומען אהער, אף דער פֿרעמדער ערד.

אין אונדזער פֿאַלאַטע איז זעלטן אזוי שטיל, ווי איצט. און מיטאַמאָל... ניט שוין זשע האָט זיך מיר אויסגעדוכט? ניין, עס קאָן ניט זײַן... קיין טאָעס האָב איך ניט געקאָנט האָבן. נאָרוואָס האָט עמעצער מיט א ווײנענדיק קאָל געזאָגט אף ייִדיש: „מאַמע, קום אהער, מא־מע־ע־ע"... איך האָב זיך געלאָזט צווישן די בעטלעך, נאָר שא־שטיל, כאָטש די לופֿט איז נאָך פֿול מיטן רוף „מא־מע־ע־ע".

נאָכאַמאָל גיי איך פֿון איין בעטל צום צווייטן, קוק זיך אײַן אין די פּנעמער. ווער האָט עס געשריִען?

אין לאַגער האָט מען אומגעבראַכט אפֿילע די, וועלכע זײַנען בלויז ענלעך געווען אף ייִדן. דאָ ליגן מענטשן — מאַמעש סקעלעטן, זיי ליגן פֿאַרטראָגענע, אין היץ און אין פֿיבער. איז ווער פֿון זיי האָט עס נאָרוואָס גערעדט אף מײַן מאַמע־לאָשן? כ'נעם איבערקלײַבן אלעמען אין זיקאָרן...

וואַרט, דאַכט זיך, אז איך שטויס זיך אָן. שוין זשע יענער, וואָס ליגט אפֿן סאַמע עקסטן בעטל? זײַן פֿאַמיליע איז מיאַסניקאָוו. איך האָב נאָך פֿון אים קיין וואָרט קיינמאָל ניט געהערט. ער איז דעם צווייטן טאָג אין פֿיבער. כוץ פֿלעקטיפֿוס, האָט ער נאָך דיזענטעריע און, דאַכט זיך, אויך א גאַנגרענע פֿון א פֿוס.

איך זעץ זיך צו אף זײַן בעטל, נעם אים אָן פֿאַר א האַנט. ווישׁ אויס דעם שווייס פֿון זײַן פּאָנעם, פֿרעג בא אים:

— מיאַסניקאָוו, געבן דיר א טרונק? — ער דרייט אויס דעם קאָפּ, נאָר אכוץ א קרעכץ הערט מען פֿון אים גאָרניט. איך האַלט צו זײַן קאָפּ, און אליין שעפּטשע איך אים אין אויער אף ייִדיש:

— פֿליישמאַן... פֿליישמאַן... איך בין אויך א ייִד... — ער טוט א ציטער און פֿאַרגייט זיך אין א געוויין.

איצט ווייס איך שוין, ווער עס האָט גערופֿן די מאַמע...

פֿאַרטאָג איז מיאַסניקאָוו געשטאָרבן.

די קעלט אין פֿאַלאַטע איז אומדערטרעגלעך. דאָס ביסל וואַסער אין עמער איז פֿאַרצויגן מיט א הײַטל אײַז. דער פֿעלדשער פֿון אונדזער פֿאַלאַטע האָט מוירע, ער זאָל אליין אויך ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן, האָט ער אויסגעבעטן א דערלויבעניש אָפּצוזעגן די סאָסנע, וואָס וואַקסט ניט ווײַט פֿון לאַזאַרעט.

אפֿן שניי שיט זיך דאָס געלבלעכע זעגעכץ פֿון בוים. אזא פֿראָסט, און עס שמעקט מיט גרינס, מיט פֿרישקײַט...

אלוואַרדיאַן

וועמען האָט עס געקאָנט קומען אפֿן זינען, אַז אלוואַרדיאַן וועט זיך פּרוּוון נעמען דאָס לעבן! אלוואַרדיאַן — דער קלוגער, שטאַרקער מענטש, מיט זײַן שטאָלצן כאַראַקטער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, — ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד! איך האָב זיך ניט געקאָנט מוֹיכל זײַן, ווי אַזוי האָב איך עס אַרויסגעלאָזט פֿון זינען די ווערטער, וואָס ער האָט מיר אַנומלטן געזאָגט: „וועגן מיר איז ניטאָ וואָס צו ריידן, איך פֿאָר מיט אַ שנעלצוג קיין „מאַגיליאָווסק”...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט מיך אויפֿגעוועקט גליעב:

— גיכער צו אלוואַרדיאַנען!

אַליין איז ער אַוועק צום דאָקטער זאַרינקינען.

בײַ דער צאַנקענדיקער שײַן פֿונעם קאַנעץ האָב איך דערזען: אלוואַרדיאַן ליגט אַ שטאַרק בלייכער, פֿונעם לינקן שלייף טריפֿט בלוט. צוויי טיפֿע שניט האָבן זיך געצויגן פֿונעם שלייף צום מויל איבער דער רעכטער באַק. אפֿן דיל האָט זיך געוואַלגערט אַ דיִן פּאַראַבעלומיקט גאָלמעסערל. קוזמאַ האָט אים געהאַלטן פֿאַר די הענט. ס'איז אַרײַן טיכאָן, דער סאַניטאַר פֿון דער שכנישעדיקער פּאַלאַטע, און נאָך פֿונוויטן אַ געשריי געטאָן:

— לאָז אים אָפּ די הענט, — און אַ שפּרונג געטאָן צו אלוואַרדיאַנען: — ווי האָסטו געוואַגט, פֿרעג איך בײַ דיר? הײַנט וועסטו זיך נעמען דאָס לעבן, מאָרגן ער, איבערמאָרגן איך. טאָקע דאָס ווילן זיי.

מיך האָט פֿאַרכידעשט, וואָס טיכאָן, וועלכער האָט בעסער פֿון אונדז אַלעמען זיך געקאָנט נעמען אין די הענט, האָט דאָס מאָל זיך ניט אײַנגעהאַלטן, געקריצט מיט די ציין און געטרייסלט מיט די פֿויסטן.

אלוואַרדיאַן איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און שווער געאָטעמט. טיכאָנען האָט ער געענטפֿערט:

— איך ווייס, דו ביסט גערעכט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ...

אָט דאָ אפֿן בעטל האָט אים זאַרינקין פֿעסט איבערגעבונדן. לײַכט אים אַ שנעל געטאָן אין דער נאָז און געזאָגט:

— עך, נאַריש יינגל! און איך האָב גערעדט מיט אים, ווי מיט אַ מאַנצבל.

גוט, וואָס זאַרינקין האָט זיך אויסגעדרייט מיט דעם רוקן, עס האָט זיך מיר זייער ניט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל באַמערקן, ווי בײַ אונדזער דאָקטער פֿינקלען טרערן אין די אויגן.

אין איינעם אַן אָוונט זײַנען מיר, פֿרײַע פֿון דעזשורסטווע, געזעסן אין סאַניטאַרן־צימער. פּלוצעם האָט זיך צו אונדז דערטראָגן:

— פֿײַער! פֿײַער! הוראַ! אַ טויט די פֿאַשיסטן!

איך האָב גלײַך דערקענט אלוואַרדיאַנס שטים.

מיר האָבן אַלע זיך אַ לאָז געטאָן צו דער צווייטער פּאַלאַטע. קוזיע איז געשטאַנען און פֿון דערשטוינונג געפּינטלט מיט די אויגן, — וואָס טוט מען? פֿאַר אַזאַ צופֿאַל האָט ער קיין אינסטרוקציעס ניט באַקומען... קימאַט אַלע קראַנקע האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער. מיט אַ פֿאַרטײַעטן אָטעם האָבן זיי געהערט, ווי אלוואַרדיאַן שרײַט:

— פֿאַר אונדזער היימלאַנד! פֿאַר אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד!

מיר שטייען פאַרגליווערט, ביז גליעב צעשרײַט זיך אַף קוזיען:

— הערסט דען ניט, דער קראַנקער רעדט פון שלאָף, פאַרוואָס וועקסטו אים ניט אוף?

קוזמא האָט געגומען טרייסלען אלוואַרדיאַנען:

— דו, אומגליק מײַנער, געגוג צו פּאָפן!

אלע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס האָט זיך עס אַזוינס געכאָלעמט אלוואַרדיאַנען. יענער האָט אָפּגעווישט דעם שטערן און מיט א קרעכץ געענטפערט:

— דאָס הארץ טוט מיר וויי. די לעצטע שלאַכט לאָזט מיך ניט צורו.

אין א פּאָר שאָ ארום האָט זיך דער כאָלעם איבערגעכאַזערט. אַף מאָרגן און איבערמאָרגן — די זעלביקע מײַסע. ווי נאָר אלוואַרדיאַן שלאָפט אײַן, אַזוי נעמט ער שרײַען. עס האָט זיך געדאַכט: דאָס לעצטע ביסל קויעך שרײַט ער אויס. די קראַנקע אין די פּאַלאַטעס זײַנען ניט געשלאָפן. זיי האָבן ניט געלאָזט צומאַכן די טירן. מיט אומגעדולד וואַרט מען, אַז אלוואַרדיאַן זאָל אָנהייבן ריידן פון שלאָף, און דערהערט מען נאָר זײַנע אויסגעשרייען, אַזוי הייבן אָן די פּענעמער פון די קראַנקע צו לויכטן מיטן לעצטן ביסל פרייד.

אלוואַרדיאַן קלאָגט זיך פאַרן דאָקטער:

— פון אָט די כאַלוימעס וועל איך אראָפּ פון זינען. גיט מיר עפּעס א רעפּוע, איך זאָל רויִקער שלאָפן.

— וואָס זאָל איך דיר געבן, שלאָף־געטראַנק? ווו זאָל איך עס נעמען? נאָר דו קימער זיך ווייניקער. איך געדענק עפּעס ניט, אַז עמעצער זאָל שטאַרבן פון א כאָלעם...

דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך באַ מיר פאַרגאַנוועט א כשאַד, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. שוין צו אָפּט כאַזערן זיך איבער זײַנע כאַלוימעס.

קוזיע טײַנעט, אַז עס איז אויסערגעוויינלעך שווער אים אופוועקן:

— איך טאָרקע אים, און ער שרײַט: „מיר וועלן זיגן!"

אַז מיר דאַרפן וועגן עפּעס זיך צונויפריידן, גייען מיר מיט גליעבן אָדער מיט טיכאָנען צו דער קאָלאָנקע נאָך וואַסער. דאָס, וואָס נאָך יעדע עטלעכע שפּאַן שטעלן מיר זיך אָפּרוען, קאָן באַ קיינעם ניט ארויסרופן קיין כשאַד. גאַנצפרי לאָזן מיר זיך אינדרײַען אוועק מיט די עמער. גליעב דערציילט אונדז:

— הײַנט האָב איך דעזשורעט אין פּאַלאַטע. ווי נאָר איך האָב אײַנגעדרעמלט, האָט אלוואַרדיאַן זיך צערעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער. איך גיי צו צו אים, קוק זיך אײַן — זײַנע שוואַרצע אויגן זײַנען ברייט צעעפנט, און צו מיר מאַכט ער מיט דער האַנט, ס'הייסט: „וואַרט צו, וועק מיך ניט, איך האָב נאָך ניט פאַרענדיקט". שטיי איך און האַלט זיך קוים אײַן פון געלעכטער. אַז ער טוט עס א געשריי: „א טויט די פאַשיסטן און די פּאָליצײַען!" דאָ האָב איך שוין ניט אויסגע־האַלטן און גענומען אים טרייסלען. „שטיי אוף, — שרײַ איך צו אים, — און הער אוף צו קערן וועלטן". ער רײַבט אויס די אויגן און פרעגט מיך: „וואָס איז גע־שען? מיסטאַם ווידער געשריִען".

מיר נעמען די עמער, גייען אַפּ עטלעכע טריט און שטעלן זיי צוריק אוועק אַפן שניי. טיכאָן פרעגט איבער:

— הייסט עס, אַז די פּאָליצײַען האָט ער אויך ניט פאַרגעסן?..

אף מאָרגן האָט אלוואַרדיאַן געביטן דעם רעפּערטואַר פון זײַנע כאַלוימעס. איצט האָט ער שוין דערציילט וועגן דער מאַפּאַלע, וואָס די היטלעראָווצעס האָבן געכאַפּט הינטער מאָסקווע. דערציילט מיט אַלע איינצלהײַטן, וואָס בלויז מיר, א קליינע גרופּע געפאַנגענע, האָבן געוווּסט. בא דער טיר איז געוואָרן א שטופּעניש. אהער האָבן געאײַלט אַלע, ווען מען די פּיס האָבן נאָך געטראָגן.

— שטילער! — האָט קוזיע געשריִען. — איר קאָנט אים נאָך אופּוועקן, און דערנאָך גיי וואַרט, ביז עס וועט זיך אים נאָכאַמאָל אַזוינס כאָלעמען.

אלוואַרדיאַן האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. עמעצער פון די פּאָליציי־לײַט האָט וועגן זײַנע כאַלוימעס געמאָסערט דער קאָמענדאַטור. זאַרינקינען האָט וועגן דעם דערציילט דער איבערזעצער. וואָס טוט מען?

ווידעראַמאָל גיי איך מיט טיכאָנען נאָך וואַסער. ער זאָגט מיר:

— איין אויסוועג איז פאַראַן, דו זאָלסט אים נעמען צו זיך אין פּאַלאַטע. מיט פּלעקטיפּוס האָט ער שוין געקרענקט...

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן.

אין א פרײַער מינוט זעץ איך זיך צו צו אלוואַרדיאַנען אפן בעטל. ער דער־ציילט מיר וועגן זײַן מוטער, וואָס אַרבעט שוין לאַנגע יאָרן אַלס פּעדאַגאָג און איז א דעפּוטאַט. ער דערציילט אויך וועגן א מיידל.

— ס'קאָן זיך מאַכן, — זאָגט ער, — אַז עמעצער פון אונדז זאָל בלײַבן לעבן. איז גענוג, מע זאָל פאַרגעדענקען צוויי ווערטער: לענינאַקאַן און אלוואַרדיאַן. אויב צו יענער צײַט וועט איר פאַרגעסן מײַן פאַמיליע, איז שטעלט אָפּ אין גאַס אן אר־מענער און פרעגט, וויאַזוי איז אף אַרמעניש „א רויז". דער ענטפער וועט אײַך דערמאָנען מײַן פאַמיליע.

איינמאָל, אין א קאַלטן, פּראָסטיקן טאָג, האָט זיך געעפנט די טיר און אין פּאַלאַטע איז ארײַנגעקומען דער הויפּט־דאָקטער מיט א הויכער, שטאַלטנער פרוי, געקליידט אין שוואַרצן. אָפּשטעלנדיק זיך בא דער שוועל, האָט זי געזאָגט צום פּאָליציי:

— גאָט בייטיקט זיך ניט אין קיין איידעס, ער האָט ליב, מע זאָל ריידן מיט אים אויג־אף־אויג. דו פאַרבלײַב אין קאָרידאָר און מאַך צו די טיר.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז און זיך טיף פאַרנייגט:

— זײַט געבענטשט, גאָטס באַשעפענישן. איך בין א מאָנאַשקע.

זי האָט אַריבערגעפירט דעם בליק פון איין קראַנקן אפן אַנדערן. אלוואַרדיאַן האָט זיך צוגעצויגן צו מײַן אויער:

— אָט וועל איך באַלד מיט איר א שמועס טאָן...

און טאַקע גלײַך שטעלט ער זיך אויף אף די קני. איך פּרוּוו זיך אים אײַנהאַלטן, צעשרײַט ער זיך: „לאָז צורוּ!" — זײַנע הענט ציטערן, כאָטש זיי זײַנען אײַנגעקלאַ־מערט אין פּאָרענטשע פון בעטל:

— בא זיי אף די בליאַכעס איז אָנגעצייכנט „גאָט מיט אונדז". איז ווילן מיר וויסן, אין נאָמען פון וועלכן גאָט זײַט איר צו אונדז געקומען?.. פרוי אין שוואַרצן, היט זיך! דאָ זײַנען פאַראַן א סאַך לײַז און וויניק גאָטספּאָרכטיקע... מיר וואַרטן דאָ אף אן אַנדער מין מענטש, נאָר יענעם וועט די פּאָליציי ניט עפענען די טיר...

גרישען איז באַפאלן אַ שווערער הוסט. די מאַנאַשקע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אירע פינגער האָבן פיבערהאַפט צונויפגעדרייט דאָס נאָזטיכל, נאָר אַלוואַר־דיאַנס בליק האָט זי אויסגעהאַלטן ביזן סאָף.

— באַרויִק זיך, לייג זיך צו, — האָט זי געזאָגט, — קאַנטיק, דו ביסט ניט פון די, וואָס קאָנען שטיין אויף די קני. אויף אַלע דײַנע פראַגן וועל איך זיך באַמיִען ענטפערן. און איצט בעט איך אײַך, — האָט זי זיך געווענדט צו איר באַגלייטער, — לאָזט מיך דאָ אַליין. איך וויל, אַז נאָר איין סאַניטאַר זאָל איבערבלײַבן, — האָט זי אָנגעוויזן אויף מיר, — ער וועט מיר העלפן טראָגן דאָס קוישל.

— גיי, — האָט מיך אונטערגעשטופּט גרישע. — די שפּיל הייבט מיר אָן געפעלן.

איך האָב גענומען דאָס קוישל, וואָס איז פול געווען מיט געקאָכטע אָנגעבראַקנעוועטע ווייץ־קערנער. די קערנער זײַנען געווען צעטראַסקעט, און די אָפּעגע בײַכעלעך זייערע זײַנען געווען געלבלעך־ראָז און געשמעקט מיט פּאַרקאַכטער מעל.

די מאַנאַשקע האָט צו מיר געזאָגט:

— צייל אויס יעדערן צו צוואַנציק קערנער. שווער־קראַנקע מעגסטו געבן אַ ביסל מער. איך האָב אויך געבראַכט אהער געקאָכטע קאַרטאָפל, ברויט, וואָס מיר האָבן צונויפגענומען. נאָר מע האָט ניט דורכגעלאָזט...

מיר האָט זיך זייער געוואָלט איר געבן אָנצוהערן, אַז עפּעס שטויס איך זיך אָן, האָב איך איר געענטפערט: „מיר פאַרשטייען, שוועסטער".

זי איז אַרומגעגאַנגען פון בעטל צו בעטל, פאַר יעדערן האָט זי געהאַט אַ וואַרעם וואָרט.

— וואָס טוט דיר ווי, קראַנקער?

— דער פוס. ער ברענט, ווי אַ פײַער.

— אַנו, באַווײַז. אָ, דאָס איז אַ גאַנגרענע. ניט דיך האָט עס באַדאַרפט טרעפן. אין געהענעם אויפן פײַער וועלן ברענען די, וואָס מאַטערן אײַך דאָ.

זי פרעגט בײַ אַ צווייטן:

— וויפל ביסטו אַלט?

— אַכט און צוואַנציק. איך וואָלט אײַך וועלן בעטן, אַז אַט דער לעפל זאָל ווענדט־ניט־איז אָנקומען לויטן אַדרעס, וואָס איז דאָ אויסגעקריצט.

זי נעמט דעם אַליומיני־לעפל. מיט אַ דינעם פונקטיר איז אויסגעקריצט דער קאָנטור פון אַ פרוי מיט אַ קינד, דער אַדרעס און אַ קורצע אויפשריפט: „זײַט גליקלעך, מײַנע טײַערע"...

— דײַן ווילן זאָל אויסגעפילט ווערן! נאָר דער לעפל זאָל בלײַבן בײַ דיר.

— פאַרוואָס?

— מיר איז פאַרבאָטן עפּעס אַרויסטראָגן פונדאַנען אָדער פאַרשרײַבן עפּעס וואָס. מע קאָן מיך באַזוכן, און דעמאָלט וועל איך שוין אויף געוויס מער אהער ניט קומען... זאָג, דו ביסט אַ קינסטלער?

— ניין, אַן אינזשעניער־טעכנאָלאָג. נאָר מײַן טאַטע איז געווען אַ גראַווירער. איז נעמט איר ניט דעם לעפל?

— גוט, איך וועל אים נעמען.

עס דערהערט זיך ווידער אַלוואַרדיאַנס קאָל:

— לעבעדיעוו, נעם צו דײַן לעפל. אַזוי ריזיקירן איז נאַריש.

דער לעפל בלײַבט ליגן אפֿן בעטל. ווען די פֿרוי גייט צו צו גרישען, דערלאנג איך איר דעם איינציקן טאַבורעט, וואָס מיר פֿאַרמאָגן. זי לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פֿון די צוויי שראַמען, וואָס ציִען זיך איבער אַלוואַרדיאַנס געזיכט, און פֿונעם שטיקל מאַרליע, וואָס איז צוגעקלעפּט צו דער ברוסט. זי זאָגט שטיל־שטיל:

— אַ דאַנק אײַך, כאַווער.

אַלוואַרדיאַן האָט אַ ציטער געטאָן. אַ פֿײַערל האָט אויפֿגעבליצט אין זײַנע אויגן:

— שוועסטער, איר זאָלט פֿאַרגעדענקען אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געזען.

און דערנאָך זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ציילעמט מיך ניט...

נאָר זי האָט צונויפֿגעלייגט דרײַ פֿינגער און געטאָן אַ קרייז.

ערשט ניט לאַנג האָט אַלוואַרדיאַן נאָך געגלייבט, אַז עס וועט זיך אים אײַנגעבן מיט אונדז צוזאַמען אַנטלויפֿן. און גראָד איצט, ווען מיר פּרוּוון זיך פֿאַרווירקלעכן אונדזער טרוים, זאָגט מיר גרישע:

— מײַן לידל האָב איך שוין אָפּגעזונגען... דו ווייסט, איצט גלייב איך, ווי קיינמאָל ניט, אַז מיר וועלן זיי בײַקומען. נאָר איך, איך וועל שוין אַהיים זיך ניט אומקערן...

דער פֿינפֿטער מײַ האָט זיך אויסגעגעבן אַ ליכטיקער און אַ וואַרעמער. גליעב, טיכאָן און איך זײַנען געשטאַנען אין הויף בײַ דער קאַמער, וווּ עס זײַנען צונויפֿגעלייגט אין שטאַבעלען די מייסים. אַהער האָבן מיר געבראַכט אַלוואַרדיאַנען. מײַן בליק פֿאַרהאַלט זיך אויף אַן אַלטער שילד, מיט וועלכער ס'איז פֿאַרקלאַפּט אַ לאָך אונטער דער סטריכע. אויף דעם בלעך קאָן מען נאָך אַלץ איבערלייענען: „מאַגיליאָווסקי". די איבעריקע אויסיִעס זײַנען אָפּגעבליאַקעוועט. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן מיר געבראַכט אַהער אונדזער דאָקטער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש זאָרינקינען. וועמעס ריי איז איצט? גיכער פֿאַר אַלץ, מײַנע...

איך קוק אויף דעם שטעכיקן דראָט, אונטער וועלכן איך באַמערק גרעזעלעך, לעבעדיקע, גרינע גרעזעלעך. זיי זײַנען נאָך זייער דין, עס וויגט זיי אַ שוואַך ווינטל. זיי שעמערירן מיט אַ ליכטיקער גרינקײַט. דער פֿרילינג קומט...

אָגינסקיס פּלאַנעז

שוין דאָס דריטע מאָל, ווי מע פֿירט די סאַניטאַרן אויף אַרבעט אין שטאָט. אַלס לוין באַקומען מיר נאָך אַ פּײַקע ברויט און אַ קעסעלע באַלאַנדע. כוץ דעם, שטופּן מיר אָן די קעשענעס מיט געקאָכטע קאַרטאָפֿל און שטיקלעך ברויט, וואָס די קינדער און פֿרויען שענקען אונדז. זיי וואַרטן אין די ליקעלעך, דורך וועלכע מע פֿירט די אַרבעטס־קאָמאַנדעס.

ווי אַפּצולאָכעס, זײַנען מיר אַלע דרײַ — גליעב, טיכאָן און איך — דערווײַל קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעפֿאַלן צוזאַמען אין איין אַרבעטס־קאָמאַנדע. מיר דאַכט, אַז ווען עס גיט זיך אונדז אײַן אונטערקלײַבן נאָך אַ פּאָר מענטשן, וואָלטן מיר געקאָנט אָנפֿאַלן אויף די צוויי קאָנוואָירן, וואָס באַגלייטן אונדז.

דער קאָמענדאַנט, ווי ער וואָלט געלייענט אונדזערע געדאַנקען, האָט איינגיכן פאַרבאָטן נעמען די סאַניטאַרן אין שטאָט אַף אַרבעט.

נאָר איצט ווייסן מיר שוין, אַז ניט ווײַט פון מאָלעוו, אין די וועלדער, האַלטן זיך אויף פּאַרטיזאַנער. איצט איז שוין ניטאָ קיין רייד וועגן דערקלײַבן זיך צו דער פראָנט־ליניע. וואָלט זיך נאָר אײַנגעגעבן אַנטלויפן פונדאַנען...

איך און גליעב גיבן אָפּ טיכאָנען יעדן טאָג א פּערטל פון אונדזער ברויט. ער באַהאַלט עס אפן בוידעם, ווו מיר האָבן שוין צוויי שאַרפע מעסערס, א רידל אָן א הענטל און א קליין שערל.

א טופּען פון טריט אַף די טרעפּ. דאָס אײַלט אהער דער איבערזעצער פונעם לאַגער:

— אַלע סאַניטאַרן אפן ערשטן שטאָק! שטעלן זיך אין א ריי, שנעלער!

פון זינט איך געפין זיך אין לאַזאַרעט, איז עס דאָס ערשטע מאָל, מע זאָל פאָדערן, אַז די סאַניטאַרן זאָלן זיך אויסשטעלן אין א ריי.

— קומט, — רופט אונדז דער עלטערער סאַניטאַר פון לאַזאַרעט קאַזימיר אָוועראַוו.

ס'איז צו זען, אַז אויך ער איז באַאומרויִקט.

— פּאַשע, — כאַפּט ער אָן דעם איבערזעצער בא דער האַנט, — וואָס איז געשען?

— געענוי ווייס איך ניט. נאָר שרעקן זיך איז ניטאָ פאַר וואָס.

דער ערשטער שטעלט זיך אין דער ריי אָוועראַוו, נאָך אים די עלטערע סאַניטאַרן פון די פּאַלאַטעס. גליעב, טיכאָן און נאָך דרײַ מענטשן זײַנען ניטאָ. זיי טראָגן קאַרטאָפל פון שפּײַכלער אין קיך אַרײַן. איך רוק זיך צו נעענטער צום ווינקל, ווו עס שטייט א לייטער, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט.

אַנטקעגן אונדז איז געשטאַנען דער געהילפס־קאָמענדאַנט פון לאַגער, אָן אויסגעפּוצטער אָפיצער מיט א זאַט, געכאָליעט פּאָנעם, מיט אָן אַקוראַטער פריזור און פּאַרדרייטע וואָנצעס. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַראָפּ פון אָן אַלטמאָדישער שילד פון א שערערײַ.

דער איבערזעצער דערקלערט דעם אָפיצערס ווערטער:

— עס פאָדערן זיך סאַניטאַרן פאַר א לאַזאַרעט. דאָרט וועט איר באַקומען גוטע שפּײַז. ווער עס וויל, זאָל מאַכן דרײַ שפּאַן פאָרויס.

מיר זײַנען שוין אַזוי געוווינט ניט גלייבן די פּאַשיסטן, אַז קיינער רירט זיך ניט פון אָרט.

— נו, ווער? — כאַזערט איבער דער דײַטש. אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז איך הער, ווי ס'קלאַפּט דאָס האַרץ.

— ווער איז דאָ דער עלטערער סאַניטאַר?

— איך, — ענטפערט קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, — אָוועראַוו.

— אַרויס פון דער ריי!

קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש שטייט א בלייכער. דער געהילפס־קאָמענדאַנט האָט זיך געלאָזט לענגאויס דער ריי און באַפוילן די סאַמע יונגע אַרויסגיין פאָרויס. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ ווייניק. ער הייסט אָוועראַוון אַרויספירן פון דער ריי נאָך

עטלעכע סאַניטאַרן. אוועראַוו גייט פֿון איינעם צום צווייטן, און אַז ער ווײַזט אָן מיטן פֿינגער, דערהערט זיך דעם דײַטשס קאָמאַנדע:

— פֿאַרטרעטען!

ווען אוועראַוו דערנעענטערט זיך צו מיר, זאָג איך אים שטילערהייט:

— איך בעט אײַך, מיך נעמט ניט.

נאָר ער ווײַזט אָן אויף מיר מיטן פֿינגער, און אין א ווײַלע אַרום דערהערט זיך:

— פֿאַרטרעטען!

שוין דער דריטער טאָג, אַז מיר זײַנען אין אַלגעמיינעם לאַגער.

פֿאַרטאָג, ווי נאָר מע האָט אויסגעלאָשן דעם לאַמטערן, האָט זיך דערטראָגן א הילכיק קלאַפּן פֿון אײַזן איבער א רעלס. א פּאָליצײַ שרײַט:

— שנעלער, נאָך באַלאַנדע!

ניט ווייניקער פֿון א שאָ שטייען מיר דערנאָך אויפֿן פּלאַץ, ביז עס באַווײַזן זיך עטלעכע היטלעראָווצעס. ווען זיי גייען לענגאויס דער קאָלאָנע, וואַרפֿט איינער פֿון זיי אַראָפּ אויף דער ערד א ניט־דערייכערטן פּאַפּיראָס. א געפֿאַנגענער בייגט זיך אָן, קעדיי אויפֿהייבן דעם „ביטשאָק". דער פֿאַשיסט האָט, ווײַזט אויס, אויף דעם געוואַרט. ער טוט זיך האַסטיק א קערעווע אויס און נעמט שלאָגן דעם געפֿאַנגענעם מיט די פֿויסטן, מיט די אויסגעפּוצטע שטיוול. דעם פּאָליצײַ, וואָס שטייט לעבן אים, זאָגט ער:

— אין קאַרצער! דאָרט וועל איך זיך מיט אים באַשעפֿטיקן...

מע ברענגט צו פֿירן נאָך עטלעכע געפֿאַנגענע. אן אָפֿיצער לייענט דעם באַפֿעל פֿונעם קאָמענדאַנט שולץ. דאָרט ווערט אויסגערעכנט, וועמען פֿון די ערשט גע־בראַכטע עס קומט צוואַנציק שמיץ, וועמען דרײַסיק און וועמען גאַנצע פֿופֿציק. איך שטיי דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. אוועראַוו טאַרקעט מיך. אַלע זײַנען מיר מעכוויעוו קוקן אַהין, וווּ עס קומט פֿאָר די עקזעקוציע. עס לאָזט זיך אויס, אַז הײַנט איז נאָך א גוטער טאָג — מע האָט קיינעם ניט געשאָסן, קיינעם ניט אויפֿגעהאַנגען, פֿון די שמיץ איז קיינער אויפֿן אָרט ניט געשטאָרבן.

די היטלעראָווצעס ווילן וויסן, צי זײַנען פֿאַראַן צווישן די געפֿאַנגענע אויטאָ־מעכאַניקער, אויטאָשלאָסער, גלעזער און גערטנער. אויף דער שטעלע פֿון א גערטנער זײַנען קיין באַלאָנים ניטאָ. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל אַרבעטן וועט אויסקומען בא שולצן. אין לאַגער ווייסט מען שוין, אַז פֿון שולצס הענט איז שווער אַרויס א לעבעדיקער. טאַקע דאָ, אין לאַגער, האָט מען פֿאַרן קאָמענדאַנט צעגראָבן און פֿאַרזעצט א היפּשן גאָרטן. פֿון שולצס אָפֿענע פֿענצטער דערטראָגן זיך אַהער קלאַנ־גען פֿון באַקאַנטער מוזיק. אוועראַוו דערמאָנט זיך:

— אָגינסקיס פּאָלאָנעז...

דאָס געפּײַף פֿון ריטער איבער אויסגעדאַרטע לײַבער פֿון די געפֿאַנגענע אונ־טער דעם אַקאָמפּאַנעמענט פֿון אָגינסקיס פּאָלאָנעז...

קאָן זײַן, אַז אויך איצט, אין יאָרן אַרום, זיצט ערגעץ שולץ, קוויקט זיך מיט אָגינסקיס פּאָלאָנעז און קוקט דורכן פֿענצטער, ווי עמעצער באַגיסט אין זײַן גאָרטן די בלומען. מענטשן! אין נאָמען פֿון די אומשולדיק אומגעקומענע לאָזט ניט אַרויס פֿון אויג שולצן. פֿאַרגעסט ניט אין אים, אויב אַפֿילו ער פֿאַרנעמט זיך מיט אויס־כאָוועו טויבן.

אָנהייב זומער

טיכאָן קלײַבט זיך דערװײַל ניט לױפן פֿונעם לאגער, גליעב איז גרייט כאָטש הײַנט. זיי גיבן מיר דאָס פּארזשאװערטע קעסטל קאָנסערװירטע בעבלעך, װאָס טיכאָן האָט פֿארבאהאלטן אפֿן בוידעם. מיט גליעבן רייד איך אָפּ: אויב מע װעט אונדז ארויספֿירן אף ארבעט און איך װעל זיך ניט אומקערן, האָב איך זיך באהאלטן אין די כורװעס, ניט װײַט פֿונעם לאגער. און װי נאָר עס װעט װערן פֿינצטער, װעל איך זיך אריבערקלײַבן אין װעלדל און ביז ארום איינס אזייגער באנאכט װארטן אף אים.

צװיי פּאָליציי־לײַט פֿירן אונדז ארויס דורך די טויערן, װאָס געפֿינען זיך נעענטער צום װעלדל. ניט װײַט פֿון דער דראָט־פֿארצױמונג שטייט די כורװע, װעגן װעלכער איך האָב אײַנגעטײַנעט מיט גליעבן. ביז האלבן טאָג האָבן מיר געקליבן לענגויס דעם װעג און אפֿן פֿעלד פֿארשיידענע אָפּפֿאלן — פֿארגעלטע פּאפּירלעך, שטיקלעך אײַזן, שפּענדלעך. צוריק אין לאגער זײַנען מיר אויך געגאנגען ניט אין איין קאָלאָנע — צעזייט זיך איינציקװײַז. יעדערער האָט געזוכט אונטער די פֿיס, עפּשער װעט ער געפֿינען עפּעס װאָס צום עסן. צו אונדז, סאניטארן, איז מען ניט שטארק שטרענג.

װען מיר זײַנען צוגעגאנגען צום כאָרעװון מויער, האָב איך אומבאמערקט זיך ארײַנגעכאפּט אהין. איך שטיי און קוק ארויס דורך א שפּארונע, ביז אלע איבעריקע גייען ארײַן אין די טויערן. װײַזט אויס, אז מע האָט זיי ניט איבערגעציילט, און קיינער האָט נאָך ניט באמערקט, אז איך בין נעלעם געװאָרן. איך קריך אף אלע פֿיר, ביז איך דערקלײַב זיך צו די טרעפּ, װאָס פֿירן אין א קעלער. דאָ שטייט א גרויסער פֿארזשאװערטער קעסל. ניט אנדערש, אז עס איז דאָ געװען א קאָטשע־גארקע, כאָטש קיין קוילן־שלאק זעט מען ניט. דערפֿאר װאלגערט זיך גענוג מיסט, צעבראָכענע ציגל, ליים,ביינער, שמאטעס. איך פֿארקלײַב זיך אין א װינקל, צי זיך אויס און ליג שטיל. די גאנצע צײַט שטייט מיר פֿאר די אויגן אװעראָװו. שוין זשע האָט ער זיך נאָך ניט געכאפּט, אז איך בין נעלעם געװאָרן? אָט איצט איז ער געװיס ארײַן אין באראק און לאָזט זיך נאָכן שפּײַז־קעסעלע, װאָס שטייט אף די נארעס. גוט, װאָס מײַן קעסעלע איז מיט מיר. אנדערש װאָלט מען זיך גלײַך אָנגעשטויסן.

איך בין גרייט אָפּגעבן א האלב לעבן, עס זאָל גיכער טונקל װערן, זאָל כאָטש א גאָס טאָן א שלאקסרעגן, זאָל זיך פֿון ערגעץ אָנטראָגן א שװערע כמארע. די זון איז אָבער אין סאמע זעניט, דער הימל איז טיף און ריין, און קיין װינטל הוידעט אפֿילע ניט די גרעזעלעך.

איך זוך אָפּ א שטיקל אײַזן, לייג אװעק דאָס שאכטל קאָנסערװון אף א שמאטע, מיט א צװייטער שמאטע פֿארװיקל איך די האנט און קלאַפּ שטילערהייט אינעם אײַזן. איך בין זיכער, אז די באָבן זײַנען שוין פֿון לאנג קאליע, אז עסן װעט מען זיי ניט קאָנען, נאָר זיי זײַנען פֿריש און געשמאק. איך נעם אָן איין לעפֿל, א צװייטן, מער טאָר מען ניט. אויב דער פּלאן װעט זיך מיר אײַנגעבן, איז עס די איינציקע שפּײַז מײַנע.

װיפֿל צײַט איז אװעק, זינט איך האָב זיך אהער פֿארקליבן? א שאָ, צװיי? און עפּשער האלט שוין די זון באם זעצן זיך? גוט, װאָס הײַנט איז שאבעס און נאָך האלבן טאָג װעט מען שוין מער אף ארבעט קיינעם ניט טרײַבן. װען איך הייב

שוין אָן גלייבן, אז מײַן אָפּוועזנהײַט האָט קיינער ניט באמערקט, דערהער איך, ווי ערגעץ נאָענט רעדט עמעצער.

איך קאָרטשע זיך צונויף אין א קנויל און פארמאך די אויגן. מע האָט געטראָפן אהער א סאך גיכער, איידער איך האָב געמיינט. די סאמע קלענסטע דעטאלן האָב איך דורכגעטראכט. נאָר אז אף דער ערד וועלן פארבלײַבן שפורן פון מײַנע טריט, דאָס האָב איך ניט פאָרויסגעזען.

דעם פאס שײַן, וואָס ציט זיך לענגויס די טרעפּ, שנײַדט איבער א שטראל פון א טאשן־לאמטערן און נעמט נישטערן.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז ער איז ערגעץ אנשלאָפן געוואָרן, — דער־קען איך אווראָווס שטים.

איך רוף זיך ניט אָפּ. עמעצער טוט מיר א זעץ מיטן פוס אין פּאָנעם. איך באגיס זיך מיט בלוט. דאָס קאָנסערוון־שאכטל טוט א זעץ אין דער אנטקעגנדיקער וואנט. מע שטופּט מיך צו די טרעפּ. איצט זע איך, ווער עס איז געקומען נאָך מיר: דרײַ פּאָליציי־לײַט און אווראָוו. איינער פון די פּאָליציאנטן איז דער, וואָס האָט אונדז געפירט אף דער ארבעט. מע פירט מיך אין דער קאָמענדאטור. באם ארײַנגאנג זיצט דעמטשענקאָ, דער שעף פון פּאָליציי. איינער ראפּאָרטירט אים אָפּ, אז דער פאר־פאלענער איז געשלאָפן אין דעם צערוינירטן מויער.

— באזוכן! — באפוילט דעמטשענקאָ.

עס הייבט אָן טליען א פונק פון האָפענונג: מע האָט מיך אָנגערופן „פארפאַ־לענער", און ניט „אנטלאָפענער".

— דערצייל, — זאָגט דעמטשענקאָ.

איך וויש אויס דאָס בלוט, וואָס רינט פון דער נאָז, און הייב אָן:

— אין דער קאָטשעגארקע האָב איך געפונען א פושקע קאָנסערוון... א פּאָר לעפל אופגעגעסן, האָט מיר אָנגעהויבן שנײַדן אין בויך. איך האָב זיך אזוי לאנג געקאָרטשעט, ביז איך בין, ווײַזט אויס, אײַנגעשלאָפן...

— די מײַסע, — זאָגט ער, — איז מיר באקאנט. איינעם אזא „כאָכעם" האָבן מיר ווינטער פון דאָרט ארויסגעשלעפּט און אופגעהאנגען... ווער האָט זיי געהיט? — ווענדט ער זיך צו די פּאָליצײַען.

— איך, — ענטפערט איינער שטיל.

— קום אהער.

יענער דערנעענטערט זיך מיט א זײַט, נאָר עס העלפט אים ניט. ער כאפּט מיטן פוס אין בויך.

דעמטשענקאָ טוט א ווײַז אף מיר:

— אין קארצער!

ניט איין מאָל בין איך פארבײַגעגאנגען אָט דאָס הויז און ניט געוווּסט, אז דאָס איז דער קארצער. איך לאָז זיך אראָפּ אף פיר אָדער פינף טרעפּלעך, דערנאָך גיי איך מיט א קאָרידאָר, וואָס פארקערעוועט אף רעכטס. דער פּאָליצײַ, וואָס האָט מיך געבראכט אהער, זאָגט עפּעס דעם וואכמאן, און יענער פירט מיך צו דער עקסטער טיר.

— עפן, — באפוילט ער מיר.

ווי נאָר איך ריר אָן די טיר, טוט מען מיך אזא זעץ פון הינטן, אז די טיר צע־פּראַלט זיך און איך פלי אזש ביז דער אנטקעגנדיקער וואנט. עטלעכע מינוט ליג

איך אפן צעמענט, דערנאָך פּרווו איך אופהייבן די הענט, פּרווו זיך שטעלן אף די פיס — דאכט זיך, איך בין גאַנץ.

די איינצלקאַמער — זי איז גאָרניט אזוי קליין! פאַראַן דאָ א פענצטער, נאָר עס איז פאַרלייגט מיט ציגל, פאַרשמירט מיט ליים. און בלויז פון אויבן איז פאַרבליבן א מין פאַרגראַטעוועטע פאַרטקע. דאָך איז גענוג ליכטיק, און איך דערזע, אז די ווענט און אפילע די סטעליע זײַנען פול מיט אופשריפטן. עס זײַנען אויסגעקריצט פאַמיליעס, נעמען, דאַטעס, אַדרעסן, פּאַטריאָטישע אויסרופן, אייצעס, קלאָלעס און אפילע א ליד. מיט די נעגל קריץ איך אויס מײַנע איניציאַלן און די דאַטע. יעדעס מאָל, ווען איך דערהער טריט אין קאָרידאָר, ווערט אין מיר פאַרקילט דאָס בלוט. איך נעם זיך אָן פאַר די גראַטעס און הייב אָן אַרויסקוקן אין גאַס. דאָס פענצטערל גייט אַרויס אף מײַרעוו. זע איך, ווי די זון האַלט באַם זעצן זיך. אָט דער צווייטשטאָקיקער מויער, וואָס אַנטקעגן, וועט מיר שטערן זען, ווי זי פאַרשווינדט הינטערן האָריזאָנט. דערפאַר אָבער שעמערירן די לעצטע שטראַלן אפן בלעכענעם דאָך. לאָזט זיך אויס, אז מע דאַרף גאָר ניט זײַן קיין העלד, קעדיי פאַרן טויט ניט קאָנען אָפּרײַסן דעם בליק פון דער פאַרגייענדיקער זון.

איך קלײַב זיך שוין אוועקגיין פונעם פענצטערל. פּלוצעם דערזע איך אף דער גאַס א באַקאַנטן מענטשן. און נאָך איידער איך באַווײַז א טראַכט טאָן, שרײַ איך אויס:

— אַלעקסייעוו! אַלעקסייעוו!

ער קוקט זיך אום: ווער רופט עס אים? איך שרײַ ווידער:

— אַלעקסייעוו, גיי צו צום קאַרצער!..

— היי, דאָכאַדיאַגאַ, — דערהער איך דאָס קאָל פונעם פּאָליצײַ, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן, — ווער אַנשוויגן, אַניט וועל איך דיך באַלד איבערפירן אין שטרענגן קאַרצער, פון דאָרט וועט קיינער ניט הערן דײַן קאָל.

„אזוי, — טראַכט איך, — זײַנען, הייסט עס, דאָ בישכיינעס אויך אַנדערע קאַמערן...”

אַלעקסייעוו רעדט עפּעס מיטן וואַכמאַן, דערנאָך דערנעענטערט ער זיך צו מײַן פענצטער און פרעגט בא מיר:

— פונוואַנען ווייסטו מײַן פאַמיליע?

אַלעקסייעוו קען איך פון דער מיליטער־שול. צי דען דערקענט ער מיך ניט?

— איז אָט ווער דו ביסט! — דערמאָנט ער זיך. — און איך האָב געמיינט, אז איך בין דער איינציקער פון אונדזערע כעווורע לעבן געבליבן. איך וועל צו דיר אַרײַנגיין שפּעטער.

אַלעקסייעוו האָט זיך זייער ווינציק געענדערט, ער איז ריין אָנגעטאָן, גייט אַרום פרײַ איבערן לאַגער. צוליב וואָס האָב איך אים באַדאַרפט אָפּשטעלן? ער ווייסט, ווער איך בין. אָט איצט קאָן איך זאָגן, ווי אַלוואַרדיאַן: „מײַן לידל האָב איך אָפּגעזונגען”. נאָר מיך וועט מען דערצו נאָך פּײַניקן...

— דעמטשענקאָ האָט מיר דערלויבט צו אים אַרײַנגיין, — הער איך, ווי אַלעקסייעוו זאָגט דעם וואַכמאַן, וואָס שטייט אין קאָרידאָר. גיך, טראַכט איך, האָט ער שוין באַוויזן מיטיילן וועגן מיר דעמטשענקאָן. א וואַזשנער פויגל, אים גלייבט מען אפן וואָרט. ער קומט אַרײַן און פאַרמאַכט די טיר.

אַלעקסייעוו דערלאַנגט מיר די האַנט, נאָר ווען ער טוט א זאָג: „וואָס, זיך ניט

איַינגעגעבן אנטלויפן?" — לאָז איך זי ארויס און טרעט אָפּ צו דער וואנט. ער רעדט שטיל, קוים וואָס איך הער:

— דעמטשענקאָ איז א קלוגע בעסטיע, ער האָט אלץ פארשטאנען, נאָר ער וויל ניט, אז שולץ זאָל זיך דערוויסן, ווייַל די פּאָליציי־לייַט זייַנען אין דעם אויך שולדיק...

קיין צוטרוי רופט בא מיר אלעקסייעוו ניט ארויס, און דערפאר ענטפער איך:

— איך בין ניט געלאָפן. פון די קאָנסערוון האָט מיר אָנגעהויבן דרייען אין בויך, דערנאָך בין איך אנשלאָפן געוואָרן.

— זאָל זייַן אזוי, — שלאָגט ער מיך איבער, — איך בין ניט קיין אויספאָרשער.

— איז ווער ביסטו?

— דעמטשענקאָס דענשטשיק.

— וואָס וועט ער טאָן מיט מיר?

— וואָס עס וועט אים איַינפאלן אין קאָפּ. ביז מאָנטיק איז ער דאָ דער באלע־באָס. ער קאָן דיך דערשיסן און קאָן דיך באפרייַען. נאָר אלץ ביז מאָנטיק. איבער־מאָרגן גאנצפרי טאָרסטו שוין דאָ ניט זייַן, אניט וועט ער אליין כאפן א רעכטן פּסאק. און צי ווייסטו, אשטייגער, וואָס ער פאָדערט פאר דייַן קאָפּ? א פּרעזשע־ניצע.

— א וואָס? — פרעג איך אים.

— א פּרעזשעניצע פון פינף פרישע אייער. פון געגנדזענע צי פון היגערשע, דאָס איז אלציינס. נאָר א פּרעזשעניצע, געפּרעגלט אף פּוטער, באשאָטן מיט גרינע ציבעלקעס. איך דארף זי אים אונטערטראָגן ניט שפּעטער, ווי מאָרגן צום אָנבייַסן...

פון דער מינוט אָן איז פאר מייַנע אויגן געשטאנען נאָר איינס: אייער, גרויסע שפּיצעכיקע — געגנדזענע, עטוואָס בלוילעכע, ווייַסע, קייַלעכיקע — היגערשע. איך זע א טשאטע געגנדז שטשיפּעט דאָס יונגע גראָז. פארטאָג איַילן זיי צום סטאַוואָק און שאָקלען זיך אף די ברייטע פּיסלעך, וואָס זייַנען ראָז און פּייַכט... מייַן לעבן קאָן מען איצט געווינען פאר פינף ווייַסלעך און פינף געלכלעך, פארהילטע אין דינער שאָלעכץ...

אלעקסייעוו האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך פּרוּוון דערשלאָגן צו שולצס דענ־שטשיק. עפּשער וועט יענער קריגן אייער. אים איז לייַכט געוועזן זאָגן: „עפּשער".

א ווארעמע פרילינגדיקע נאכט לאָזט זיך אראָפּ אף דעם לאגער מיט זייַנע היכע וואך־טורעמס און שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען. דער הימל ווערט אלץ טונקעלער, און איך שטיי נאָך און האלט זיך צו מיט די הענט פאר די אייַזערנע גראטעס פונעם טפּיסע־פענצטערל. די צייַט גייט. ניין, ניט קיין טעג, נאָר שאָען, מינוטן, רעגעס — איז מייַן צייַט.

...נאָר געשען איז א נעס: אלעקסייעוו האָט געקראָגן אייער און פּוטער און אפי־לע א גרינע ציבעלקע. זונטיק באטאָג בין איך ארויס פון קארצער.

אין איינעם פון די ערשטע זומער־טעג האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אף אָפּצו־פירן צו דער סטאנציע און פון דאָרט מיט א פראכט־וואגאָן ערגעץ ווייַטער. געזע־געגען זיך מיט מיר זייַנען געקומען טיכאָן און גליעב.

מיר שטייען און ריידן שטילערהייט.

פון יענער זײַט דראָט איז א ברייטע לאַנקע, ערשט ניט לאנג האָבן דאָרט געבליט בלויע שניי־גלעקעלעך, און איצט איז זי באשאָטן מיט ווײַסע ראָמאשקעס.

— צי מיר וועלן זיך נאָך אמאָל באגעגענען, — זאָגט גליעב, — ווייס איך ניט. אזא איז שוין דער סאָלדאטישער גורל...

און טיכאָן גיט צו:

— זײַ בא זיך ניט געפאלן. צוויי מאָל איז דיר ניט געלונגען צו אנטלויפן. דאָס דריטע מאָל וועט געוויס געלינגען.

אזוי איז דאָס טאקע געווען...

פארפאלן געוואָרענע

טאָפּ־טאָפּ... — טאָפּען איבער די שטיינער שווערע דײַטשישע שטיוול. דער קאָנוואָיִר האלט די ביקס מיטן באגנעט אראָפּ. איך זע א שטיק אויסגעברוקירטן וועג, קורצע פארשטויבטע כאָליעווען, פאלדן פון א גרוי־גרינעם מונדיר און א זון־הענזל, וואָס שפּיגלט זיך אין דער גלאנציקער שארף פון שטאָל.

עס ווילט זיך אונטערשטעלן דאָס פּאָנעם דעם ווארעמען ווינט, וואָס טרײַבט פון דאָרעם די וואָלקנס. ווײַזט אויס, אז ווײַט פונדאנען האָבן זיי שוין א גאָס געטאָן מיט רעגן. צוזאמען מיטן גערוך פון מיסטגריבער דערטראָגט זיך אהער, צום עק שטאָט, אויך דער רייעך פון טריפנדיקער סמאָלע און עפּעס אזוינס, וואָס דערמאָנט אין קלעפּיקע טאָפּאָל־בלעטער נאָך א רעגן.

ניין, אָט דער פריִער דופטיקער זומער פּאָרט זיך ניט מיט דעם, וואָס דאָ קומט פאָר: מיטן הונגער, מיט דער מידקייט און פארצווייפלונג. ס׳דוכט, אז די נאטור באמיט זיך באווײַזן: „זעט, איך בין בעסער און מילדער, איידער איר, מענטשן...״

מיר, די געפאנגענע, זײַנען ווי פליגן אום ווינטער, וואָס זײַנען צוליב עפּעס א צופאל לעבן געבליבן. מיר גייען ווי אין א כאָלעם, גלײַך מע וואָלט אונדז אײַנגעגעבן שלאָפגעטראנק. די אויגן מאכן זיך אליין צו. קיין סימען פון פארב אף די אויסגעצערטע פּענעמער. מיט איין וואָרט: „דאָכאָדיאגעס״ — מענטשן, בא וועלכע עס איז בלויז געבליבן די דערמאָנונג וועגן דער פארגאנגענהײַט, ווען זיי האָבן צוגלײַך מיט אלעמען פארמאָגט א היים, גוטעפרײַנט, אן אָנשטענדיקן אָנצוג, געגלייבט אין וואָס איר ווילט, נאָר ניט אין דעם, אז עס וועלן זיי באגלייטן קאָנוואָיִרן אין שטיוול, אונטערגעשמידטע מיט גרויסע קווואדראטע טשוועקעס.

אין יאָרן ארום, ווען די שארפקייט פונעם איבערגעלעבטן וועט אָפּגעטעמפּט ווערן, וועט, מעגלעך, עמעצער פון די, וואָס שפּאנען צוזאמען מיט מיר, גאָר אָנהייבן צווייפלען אין דער ווארהאפטיקייט פון דעם, וואָס דאָ קומט איצט פאָר.

אויב ניט רעכענען מיך, וואָס איז הײַנט אלפי־נעס א לעבעדיקער, איז צווישן אונדז דער סאמע מאזלדיקער קאזימיר אווראָוו. זײַן ברייט פּאָנעם, דאָס פעסט צוגעמאכטע מויל, די קורץ אונטערגעשוירענע שטעכיקע האָר איבערן הויכן שטערן — אלץ רעדט וועגן זײַן פארשלאָסנקייט און אויך אײַנגעשפּארטקייט. ווענדליק זײַנע יאָרן, איז ער נאָך געגנוג בייגעוודיק און קרעפטיק. קויעך פילט זיך אפילע אין זײַן שטילער שטים, אין זײַנע אויגן, וואָס קוקן דיר שטענדיק טיף אין דער נעשאָמע.

אווראָוון האָב איך נאָך אלץ ניט צעקײַט. עס דוכט מיר, אז ער מאכט אן אָנשטעל, באמיט זיך באווײַזן די לינקע זײַט זײַנע און באהאלט אויס די רעכטע. איך

האָב נאָך פאַר אים אַלץ מוירע, עמעס, ווייניקער איידער פריִער. מיט אַ האַלבער שאָ צוריק, בייס איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע לאַגער־כאַווײרים, האָט ער ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— אַ מענטש אָן פרײַנט איז ווי אַ בוים אָן וואָרצלען, — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — ווינטשט אײַך איינער דעם צווייטן גליק, איך מיין, עס וועט אײַך צוניץ קומען.

וואָס האָט ער עס געמיינט, אווראַוו? צי שטעקט דאָ ניט קיין אָנצוהערעניש?..

לעבן אווראַוון גייט דער הויכער, לאַנגפּענעמדיקער סטעפּאַן שומאַוו. ער שפּאַנט מיט שטילע טריט, ווי ער וואָלט זיך געגאַנוועט. אַף אים איז צו גלייבן, אַז אויך ביז דעם, ווי ער איז אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש, איז ער געגאַנגען ניט מיטן גלײַכן וועג, נאָר דורך געשלענגלטע שטעגעלעך, געהיט זיך, ווי אַ האַז. די שטים בא אים איז אַזאַ האָניק־זיסע, אַז ניט אומזיסט האָט אים אַנומלטן טערעכאַוו געוואָרנט:

— בעסער וואָלסטו געשוויגן, ס'איז שוין פון לאַנג באַוווסט: סאַם איז צוקער־זיס, און אַ רעפּוע איז ביטער, ווי גאַל.

שומאַוו איז ניט פון די, וואָס זײַנען בעקויעך זיך צו פאַרטראַכטן. פונדעסטוועגן האָט ער גלײַך פאַרשטאַנען, אַז אין לאַגער איז שטענדיק שולדיק דער באַאַוולטער. עס לוינט בעסער צו זײַן צווישן די, וואָס באַאַוולען. דאָך מיין איך, אַז אַפילע אין זײַן קלייניגקן מויעך וועט דאָס איבערגעלעבטע לאָזן אַ שפּור.

קוזיע, וואָס שפּאַנט איצט צווישן מיר און שומאַוון, זידלט זיך אַזוי קונציק, אַז ווען ער זאָל נאָך זײַן אַזאַ בעריע אַף עפּעס נוצלעכס, וואָלט מען אים געמעגט מעקאַנע זײַן. איך ווייס ניט, ווי ער האָט אויסגעזען, ביז ער איז קראַנק געוואָרן אַף פלעקטי־פוס, נאָר איצט, כאָטש ער איז שוין אינגאַנצן גראָוו, דריקט זײַן פּאָנעם אויס בלויז נאַיִווע קינדערשע נײַגעריקײַט. אָפט רעדט ער מיט זיך אַליין און קוקט דערבײַ מיט גרויסע גוטמוטיקע אויגן. קוזיע איז ניט פון די, מיט וועמען מע קאָן זיך אָן אייצע האַלטן, אָבער קיין בייז וועט ער דיר ניט טאָן.

אַנטקעגן אונדז אײַלט אַ דײַטשישער וועלאָסיפּעדיסט. דער האַרבאַטער אַוטאָ־מאַט באָמבלט זיך אַף זײַן ברוסט, די אַרבל זײַנען פאַרקאַטשעט העכער די עלנ־בויגנס. ווען ער איז פאַרבײַגעפאָרן, האָט עמעצער פון די קאָנוואָיִרן אים נאָכגע־שריִען מיט האַרטע דײַטשישע ווערטער:

— גוטען מאָרגען, קורט!

דער וועלאָסיפּעדיסט האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעקערט דעם קאָפּ.

— גוטען מאָרגען, גיונטער!

— קום אהער, — האָט אים גיונטער גענומען רופן. — שולץ איז איצט אין לאַ־גער ניטאָ. אומזיסט אײַלסטו.

קורט האָט אַ רעגע געצווייפלט, דערנאָך אַוועקגעלייגט דעם וועלאָסיפּעד באַם וועג און מיט שווערע טריט, ווי אַ טרעגער, זיך געלאָזט צו גיונטערן.

און דאָ האָב איך זיך געכאַפּט: עס איז דאָך דער זעלבער גיונטער פורגעל, וואָס האָט מיך און פימענאָוון דעמלט, אין יענער קאַלטער האַרבסטיקער נאַכט, אָפּגעפירט אין לאַזאַרעט. איצט באַמערק איך, אַז ער איז אַ ביסל אײַנגעהויקערט, זײַן קאָפּ איז ריין געגאָלט, די אויגן זײַנען פאַרשטעלט מיט גרויסע האָרן־ברילן. מע באַפוילט אונדז אַראָפּלאָזן זיך אין ריוו, וואָס ציט זיך לענגויס דעם וועג. פּור־געל און קורט זעצן זיך צו אָפּן גראָז ניט ווײַט פון אונדז.

— דערציייל, — זאָגט גיונטער, — וועגן די רומפּולע זיגן, וואָס איר האָט אָפּגע־האַלטן. וויפל דערפער האָט איר אײַנגענומען? וויפל וואַלד־באַנדיטן האָט איר גענו־מען אין געפאַנגענשאַפט?

דאָס זאַטע פּאָנעם בא קורטן איז נאָך רויטער געוואָרן, זײַנע קורצע גראָבע פינגער האָבן גענומען פּויקן איבער דער פּוסטער פעלדפלאַש.

— גיי צום טײַוול, גיונטער. דיר איז גוט צו שפּאַסן. איך וואָלט וועלן זען, וואָס דו וואָלסט געטאָן אױף מײַן אָרט.

— איך? אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע אָפּעראַציעס פאַרטרויט מען מיר ניט. מיך וועט מען אין צוויי וואָכן אַרום אָפּשיקן אױפן פראָנט.

— אַזוי קומט דיר טאַקע. מיר, דײַנע לאַנדסלײַט, דער פעלדפעבעל הובערט און איך, האָבן דיך ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז מע דאַרף ניט זײַן קליגער פון אַלעמען... — קורט האָט אַרויסגענומען זײַן צינד־מאַשינקע, וואָס איז ענלעך געווען אױף אַ פּיסטאָלעט, און אַ דריק געטאָן דאָס ציינגל. ס'האָט זיך באַוויזן אַ טונקל רויכל, דערנאָך אַ ציטערנדיק פײַערל, וואָס האָט אַ לעק געטאָן און זיך אײַנגעביסן אין די געפּרעסטע טאַבאַק־בלעטער פונעם גראָבן ציגאַר. די גאַנצע צײַט האָט ער ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון גיונטערן.

— און אונדז, זעסטו, — האָט ער שוין ווייך פאַרגעזעצט, — האָט מען באַפוילן כאַפּן פיר געפאַנגענע, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון לאַגער. איינגאַנצן פיר. און גע־כאַפּט האָבן מיר צוועלף...

גיונטער האָט לאַנגזאַם אױפגעהויבן די שווערע ווײַסע ברעמען. זײַנע ליפּן האָבן זיך אַ קרים געטאָן:

— בראַוואָ, קורט! דיך וועט מען אױפן פראָנט ניט שיקן, כאָטש דאָס מאָל לײַגסטו. ביסט פון יענע, וואָס האָבן ליב אָפּצובײַסן מער, וויפל זיי קאָנען אײַנ־שלינגען. נאָר בייזער זיך ניט, איך בין דאָך ניט דער דרײַצעטער געפאַנגענער. בעסער זײַ אַזוי גוט און גיב מיר צו פאַרשטיין, וויאַזוי מע קאָן אָנשטאָט פיר אַנטלאָפענע כאַפּן צוועלף...

— איך ווייס, גיונטער, אַז אין ווינער אוניווערסיטעט האָט מען אײַך אַזעלכע זאַכן ניט געלערנט. אַ מענטש מיט אַזאַ פּליך מעג אָבער זײַן אַ ביסל קליגער. טו אַ קוק, — האָט ער אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט, — אָט גייען זיי אַהער, קאָנסט זיי איבערציילן.

פון די צוועלף אַרעסטירטע, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט אַהער, זײַנען נאָר פיר געווען לאַגערניקעס. בא דרײַען זײַנען די הענט געווען געבונדן אױף הינטן, דעם פערטן האָט מען געטראָגן אױף אַ צעשפּרייטן מאַסקיר־כאַלאַט.

קורט האָט באַמערקט די רויטע קרייצן אױף אונדזערע אַרבל און אַ זאָג געטאָן גיונטערן:

— זאָלן דײַנע „מעדיקער“ אַ קוק טאָן, צי לעבט ער נאָך, צי ער איז שוין קאַפּוט. אַז מע ברענגט אוף אַ טויטן, זאָגט שולץ, פאַרלירט זיך דער עפעקט. דו געדענקסט דעם רוס, וועלכן מע האָט אױפגעהאַנגען באַלד נאָכן נײַ־יאָר? דוכט זיך, הויט און ביין, קוים וואָס די נעשאָמע האָט זיך אין אים געהאַלטן, פונדעסטוועגן האָט ער באַוויזן געבן הובערטן מיטן פוס אין דיך, און שולצן... גאָט מײַנער, שולצן אָנשפּײַען אין פּאָנעם אַרײַן! נאָך דעם דאָזיקן צופאַל האָט אונדזער פעלדפעבעל ליב אױפצוהענגען טויטע. אָבער דער לאַגער־פירער האַלט, אַז דאָס איז אַן אומזיסטע אַרבעט, גאָר ניט דער עפעקט.

פעסטשטעלן, צי אָטעמט נאָך דער, וואָס איז געלעגן אפן מאסקיר־כאלאט, איז געווען גאָר ניט אזוי לײַכט. אין אים האָט אזוי שוואך געצאפּלט דאָס לעבן, אז אפילו דערפאַרענע מעדיקער וואָלטן עס געקאָנט ניט באמערקן.

ניין, ניט די יאָרן האָבן אויסגעקריצט טיפע קנייטשן אף זײַן פּאָנעם. אף דער בלויער, געשוואָלענער האנט, א באדעקטע מיט וווּנדן און בלאָטערס, איז אויסגע־טאטוירט „וואסיא — 1920". ער ליגט א צונויפגעקאָרטשעטער, א פארשמאכטער. קיינער פון זײַנע אייגענע וועט זיך שוין קיינמאָל ניט דערוויסן, ווו זײַן געביין איז אהינגעקומען...

ערגעץ אפן יעניסיי צי אף דער וואָלגע, אין א גרויסער שטאָט צי אין א דערפל האָט ער געלעבט. א גוטער יאט געווען. איצט וועט אף שטענדיק בלײַבן נאָר דער מאמעס וויי, וועלכע וועט אף אלע אירע אָנפראגעס באקומען בלויז איין ענטפער, אז איר זון וואסילי איז פארפאלן געוואָרן אף דער מילכאָמע. קיין יעדיעס וועגן אים זײַנען ניטאָ.

אויב נאָר וואסיליס מוטער איז באשערט לאנג צו לעבן, וועט זי שטענדיק אופציטערן, ווען עס וועט א סקריפּע טאָן די פאָרטקע אין הויף, צי א קלונג טאָן דאָס עלעקטרישע גלעקל אין איר שטאָטישער קווארטיר... וויפל דער בריוועטרעגער זאָל ניט פארבײַגיין איר שטוב, וועט זי דאָך אריסקוקן אף אים, גלייבן, אז דאָס וועט ער ברענגען איר די גוטע יעדיע. די צײַט שלײַפט אפילו א שטיין, מיט דער צײַט פארגעסן זיך א סאך זאכן. נאָר אומעטום און שטענדיק וועט אלץ דערמאָנען דער מוטער אין איר זון...

ניין, וואסילין טאָר מען ניט פארגעסן. באם דענקמאָל, וואָס וועט ווען־עס־איז אוועקגעשטעלט ווערן פאר יענע, וועלכע זײַנען פארפאלן געוואָרן אף דער מיל־כאָמע, זאָל מען אויך אָנרופן דעם נאָמען וואסילי.

די איבעריקע אכט ארעסטירטע זײַנען געווען „פּרימאקעס" — רויטארמייער, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאלן אין ארומרינגלונג און פארבליבן לעבן אין די דערפער. זיי זײַנען געווען דאָרפיש געקליידט און האָבן אויסגעזען אין פארגלײַך מיט אונדז, געפאנגענע, ווי מענטשן פון גאָר אן אנדער וועלט.

צי האָבן זיי געוווּסט, וואָס וואַרט אף זיי אין לאגער? געוויס. נאָר פארוואָס האָבן זיי זיך געגריבלט, ווי באטראַקעס, אף די גערטענער און זײַנען ניט אוועק אין וואלד? אף דעם איז שווער געווען צו ענטפערן.

גיונטער האָט ניט דערלאנגט קורטן די האנט באם געזעגענען זיך. מיט א גרויס בלוי טיכל האָט ער אויסגעווישט די ברילן און אונדז באפוילן זיך לאָזן אין וועג ארײַן.

אויסערן געזעץ

מאָלעוו, די אלטע שטאָט באם דניעפּער...

עס איז ארום האלבער טאָג, נאָר די גאסן און געסלעך זײַנען פּוסט. הײַזער מיט צוגעמאכטע לאָדנס. הויפן — אָן קינדערשן טומל און געלעכטער.

אפן ראָג שטייט א באיאָרטע פרוי אין א דאָרפישער פאטשיילע, אף די פיס — פּאָסטעלעס, אין דער רעכטער האנט האלט זי א געפלאָכטן קוישל. ווען מיר דער־

נעענטערן זיך צו איר, נעמט זי אין דער לינקער האַנט עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפל און, אָנווײַזנדיק אף אונדז, פרעגט זי בא גיונטערן:

— פֿאַן, מע מעג?

ער ענטפערט ניט, פאַרהוסט זיך און דרייט זיך אָפּ אין א זײַט. אף קיין אנדער ענטפער וואַרט זי ניט. זי גייט אונדז נאָך ביזן סאָף געסל און שטופּט ארײַן יעדערן אין האַנט צו צוויי קאַלטע קאַרטאָפל. געקאָכט זײַנען זיי שוין פון לאַנג — דאָס מונדירל אף זיי איז צונויפגעקאָרטשעט, ווי דאָס פּאָנעם בא דער אַלטער.

— באָבעניו, לאַנג לעבן זאָלסטו, — זאָגט שומאָוו און ציילעמט זי פונדערווײַטנס.

דער קאָנוואָיִר, בא וועמען דאָס לינקע אויג איז איבערגעבונדן מיט א שוואַרץ שטיקל מאַטעריע, דראָעט איר מיט דער לעדערנער נאַהײַקע:

— פֿאַרנעם זיך פונדאַנען, רוסישע שווײַן!

אפילע מיט אזא קאָנוואָיִר איז מען פאָרט נעענטער צו דער פרײַ, איידער דאָרט, אין לאַגער. דאָ, דוכט זיך, איז דער הימל העכער און אפילע דער שטויב אף די ביימער לענגאויס דעם וועג איז היימישער.

פון איין געסל אַרויס, אין צווייטן ארײַן. אַלץ איז דאָ אײַנגעזונקען אין דרעמל. דערפאַר, קאָן זײַן, וועקן די געסלעך דעם זיקאָרן. דער פאַרזשאַווערטער בלעכענער לאָדן אפן האַלב־כאָרעוון הויז, ווו ס'איז, ווײַזט אויס, געווען א שפּײַז־קראָם, דערמאָנט אין געשמאַקע מײַכאָלים, כאָטש איצט זײַנען אַלע מײַכאָלים געשמאַק.

ביסלעכווײַז הער איך אוף נאָכשפּירן נאָך די בייזע געשרייען פון די קאָנוואָיִרער, נאָך דעם בילן פון די וואַך־הינט, — וואָס ווײַטער, באַהערשט מיך שטאַרקער דער גלײַכגילט: ס'איז מיר אַלצייַנס, צי לײַכט די זון צי די לעוואָנע, צי ס'איז טאָג צי נאַכט. ערגעץ אין א ווינקעלע פונעם זיקאָרן טוט א שוועב דורך דאָס מיידל פון מײַן טרוים — זי איז אָנהייב מילכאָמע אוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט איר זאַוואָד...

— אַפּ־אַפּ, — דערמאָנט וועגן זיך דער קאָנוואָי.

נאָר איך קער זיך באַלד אום צוריק אין מײַן אויסגעטרוימטער וועלט.

דאָס מאָל האָט עס מיך איבערגעטראָגן צו איר אין הויף, הינטער מאָסקווע. איך הייב זיך אוף אף דעם גאַנעק, קלאַפּ שטילערהייט אָן אין פענצטער. זי רוקט אָפּ דאָס ווײַסע פאָרהענגל, קוקט אף מיר דורך דער שויב, נאָר דערקענט מיך ניט. קיין כידעש איז עס ניט — זי האָט דאָך מיך קיינמאָל ניט געזען אזא, ווי איצט: אָן אָפּגעריסענעם, אָן אָפּגעשליסענעם, א פאַרוואַקסענעם...

מע האָט אונדז געבראַכט צום וואָקזאַל. גיונטער פרעגט זיך עפּעס אָן באַם שאָפער פון א סאַניטאַר־מאַשין.

איך שפּאַר זיך אָן אין א סלופּ, אף וועלכן ס'איז אָנגעמאָלט א שאַרבן מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער, אונטן איז אָנגעשריבן: „געפערלעך פאַרן לעבן!"

פונקט ווי צוריק מיט עטלעכע כאָדאָשים, ווען מע האָט אונדז געבראַכט אַהער פון קריטשעוו, איז די סטאַנציע פול מיט עשעלאָנען, מיט טאַנקען, האַרמאַטן און אָן א שיר קאַסטנס, וועלכע זײַנען אײַנגעדעקט אין גרויסע ברעזענטן און פאַרמאַסקירט מיט צווײַגן און פאַרוועלקטע בלעטער.

א יונגער דײַטשישער סאָלדאַט שטייט אף א פּלאַטפאָרמע אינגאַנצן א נאַקעטער. איבער זײַן ברודיק־ווײַסן לײַב רינען שטראָמען וואַסער. איך קוק זיך צו אים צו — איר זאָלט זאָגן כאָטש א בראָדעווקע אפן פּאָנעם, עס זאָל זײַן אף וואָס

צו פארהאלטן דעם בליק. ער ווארפט אף אונדז א קוק פול מיט ביטל. ער ווייסט ניט, אז אים אליין האָט מען ארײַנגעוואָרפן אינעם מילכאָמע־פײַער, ווי מע ווארפט א בלינד הינטל אין א טיפן וואסער.

אף דער צווייטער באן־ליניע האָט זיך אָפּגעשטעלט א סאניטאר־צוג. דער נאָ־קעטער סאָלדאט פרעגט עפּעס בא א פארוואונדעטן, וואָס קוקט ארויס דורך דעם פענצטער פון וואגאָן.

דער סעמאפאָר ווײַזט, אז דער וועג אף מיזרעך איז אָפן. א קורצער פײַף, און דער עשעלאָן מיטן נאקעטן דײַטש רירט פון אָרט. דאָס וואסער פון עמער האָט ער אויסגעגאָסן. געוויס וועט אים נאָך לאנג באגלייטן דאָס פריקרע־זיסלעכע גערוך פונעם באוועגלעכן לאזארעט. ער קוקט אף די לעצטע פלאטפאָרמעס, וועלכע זײַנען אָנגעלאָדן מיט ברוכשטיקער פון דײַטשישע עראָפּלאנען. צי דען וועט ער ניט א טראכט טאָן וועגן די, וועלכע זײַנען געפלויגן אף אָט די עראָפּלאנען? ווו זײַנען זיי איצט?

קימאט אלע עשעלאָנען גייען אף מיזרעך. זאָל עס הייסן, אז די דײַטשן גרייטן זיך צו א נײַעם אָנגריף?

פונעם פראכט־וואגאָן, צו וועלכן מע האָט אונדז צוגעפירט, האָט געאוועדט מיט הוני און קארבאָלקע. עס האָט דערמאָנט אין מאלעגיירעדיקע קי, אין פולע אײַטערס און איינצײַטיק אין דעם לאגער־לאזארעט, אין די באראקן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך מיט עטלעכע שאָ צוריק צעשיידט.

אופמערקזאם קוק איך זיך צו צום וואגאָן, נאָר ס'איז ניט צו זען קיין סימאָ־נים, אז ער איז צוגעגרייט אף אריבערפירן געפאנגענע. דאָס פענצטערל איז איבערגעצוימט ניט מיט קיין אײַזערנע גראטעס, נאָר מיט שמאָלע הילצערנע לײַסטלעך.

— זעמליאק, וועגן וואָס האָסטו זיך פארקלערט? — טוט בא מיר א פרעג אווערראָוו.

גיי דערצייל אים, אז אין דער רעגע האָב איך זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן, ווי איך רײַס ארויס בא דעם איין־אויגיקן קאָנוואָיר זײַן ביקס, און דערבײַ געטראכט, ווי וועט ער, קאזימיר אווערראָוו, זיך אופירן. און נאָך האָב איך געקלערט: וועגן גיונטערן. וואָס וואָלט איך געטאָן מיט אים?

— וועגן וואָס, פרעגט איר, האָב איך זיך פארקלערט? אלץ וועגן זעלבן, קאָ־זימיר וולאדימיראָוויטש, גאסטראָנאָמישע כאלוימעס.

— ווען איך ווייס עס, וואָלט איך דיר ניט געשטערט... ניט אומזיסט האָסטו א ציטער געטאָן, ווי א פויגל, ווען מע דערשרעקט אים. דו ווייסט, שומאָוו האלט אין איין בעטן גאָט, ער זאָל אים פארלענגערן דאָס לעבן, קעדיי כאָטש נאָך איין מאָל זיך אָנעסן צו זאט. איז וואָס פארא מײַכאָלים האָסטו געגעסן? באלאנדע פון קראָפּעווע מיט ברויט פון זעגעכץ?

— איך האָב געגעסן דראטשעניקעס — פרישע הייסע לאטקעס פון געריבענע רויע קארטאָפל, געבראָטן אף כאזער־שמאלץ.

— אָט דאָס הייסט א ריינע קריסטלעכע נעשאָמע! אויב אזוי, איז פארקלײַב זיך ווידער אין דײַנע הימלען, און איך וועל זיך פארנעמען מיט ערדישע זאכן. ווי מיינסטו, בא דער איצטיקער נײַער אָרדענונג וועט מיר אָט דער אריִער דער־לויבן אוועקגיין אין א זײַט אָפּטאָן א קליינע באדערפעניש?

איך האָב באמערקט, אז אווראָוו איז היינט אומרויקער, צעשטרייטער און בארײדעוודיקער אײדער געוויינלעך.

מיר שטייען שוין העכער א שאָ צייט באם פארפלאָמבירטן וואגאָן, און קיינער וואגט ניט איבעררייסן דאָס דינע דרעטעלע, אף וועלכן עס האלט זיך די פלאָמבע. אף דער צווייטער ליניע ארבעטן מענטשן מיט געלע לאַטעס אף די פלייצעס, זיי לאָדן אויס א פלאטפאָרמע מיט שווערע קלעצער.

נאָך דעם, ווי דער גורל האָט מיך צעשיידט מיט מיינע פריינט, מיט איוואַ־שינען און גליעבן, מיט אלוואַרדיאַנען און טערעכאָוון, ווען בא די הענט האלטן מיך מער ניט פימענאָוו און סערגייעוו, איז וואָס שטערט מיר א לאָז טאָן זיך, ווי דעמלט אין סוכיניטשי, צו די, וואָס טראָגן מיט שטומען צאר דעם „יודען־שטעמפל”? פעדיע פימענאָווס וואָרענונג: „ביסט פון זינען אראָפ”? אָדער דאָס, וואָס נאָך אזויפיל פיין און ליידן פיל איך דאָך אפילע איצט דאָס גליק פון בלייבן לעבן? איך ווייס איצט גוט, אז זעלבסטמאָרד קומט פון פאכדאָנעס. און אזוי פאַשעט וועל איך דאָס לעבן ניט אָפּגעבן.

די אייזערנע ווענט פון דער פלאטפאָרמע זיינען געווען ניט קיין הויכע, נאָר הויך זיינען געווען די סלופעס, וועלכע מע האָט צוגעפעסטיקט צו אכט שטיק בא יעדער וואנט. די סלופעס זיינען נייטיק געווען אף איינהאלטן דאָס געהילץ. אָבער איצט, ווען דאָס געהילץ איז שוין קימאט אויסגעלאָדן, זיינען זיי פאַשעט איבעריק, ווייל איבער זיי מוז מען אופהייבן די פארבליבענע קלעצער אף א פאָר מעטער העכער. עמעצער האָט געפרווט ארויסשלעפן די סלופעס פון דער פלאטפאָרמע. ס׳האָט זיך אָבער גלייך דערהערט דאָס געשריי פונעם עסעסאָוועץ:

— דו, פארפלוכטער יודע, וואג ניט!

דער עסעסאָוועץ האָט מיט לאנגזאמע טריט געלאָזט זיך צו אונדזער איין־אויגיקן קאָנוואָיר:

— הייל! ביסטו ניט מיינער א לאנדסמאן?

אף אן ענטפער איז אים אויסגעקומען צוווארטן, ווייל בא דעם איין־אויגיקן איז דאָס מויל געווען פול מיט ברויט און וורשט. ער האָט אָפּגעווישט די ליפּן און, איינקוקנדיק זיך אינעם עסעסאָוועץ, געענטפערט:

— דאָ, אף דער פארשאָלטענער ערד, זיינען אלע דייטשן לאנדסלייט. פון הינטער לייפציג בין איך.

— און איך בין פון בערלין. פון סאמע צענטער שטאָט. איך וואָלט אָבער ניט געזאָגט, אז די ערד איז דאָ א פארשאָלטענע. דאָס איינציקע, וואָס עס האָט דאָ געפעלט, איז אונדזער נייע אָרדענונג. איך זע, דו האָסט פאר איר גאנץ טייער באצאָלט. דערפאר וועלן איבער דיין קאָפּ שוין מער קיין קוילן ניט פליען. אין ערגסטן פאל וועט מען דיך שיקן אין אָבאָז, אף דער סאמע לעצטער פור. כא־כא, — האָט ער מיט האנאָע זיך צעלאכט.

— „כא־כא”, — האָט אונדזער קאָנוואָיר אים איבערגעקרימט. — געזאָגט א וויץ און לאכט אליין! אין אָבאָז בין איך שוין געווען. טאקע אף דער לעצטער פור, ווי דו זאָגסט, האָב איך פארלאָרן דאָס אויג. דאָ ווייסט מען ניט, ווו דו וועסט גיכער אָנלייגן מיטן קאָפּ: אף דער פאָדערשטער פאָזיציע, צי אין הינטערלאנד. אָט טו א

קוק, זיי שטייען, דוכט זיך, ווי די שאָף, נאָר פּרווו כאַפּן אַף א ווײַלע א דרעמל, וועט מען דיך גלײַך דערשטיקן, דו וועסט ניט באַוויַזן אפילע קיין פּיפּס טאָן.

— דו מיינסט, מײַנע יודען זײַנען בעסער? מיט זיי האָבן צו טאָן, זײַנען צוויי אויגן קאַרג. דערצו זײַנען זיי פאַרבליבן אזוי ווייניק, אז עס איז א וואונדער, וואָס מע האַלט מיך נאָך אַף דער דינסט. ניין, אין אזא צײַט איז פאַרט גוט צו האָבן א מום. טאָמער פרעגט מען דיך, וואָס קומט דאָ פאָר, קאָנסטו ענטפערן: איך זע ניט,— צעלאַכט ער זיך ווידער.— ווי רופט מען דיך?

— ווּעמעס דײַגע איז עס, וואָס איך האָב איין אויג, און פאַרוואָס ווילסטו, איך זאָל זאָגן, אז איך זע ניט, אויב איך, קאַרל, מיט איין אויג זע בעסער, ווי דו מיט דײַנע צוויי? גלייבסט ניט? איז קום זיך וועטן אַף א פּעקל סיגאַרעטן, אז מיט דער ערשטער קויל טרעף איך אין קאָפּ אָט דעם לאַנגן אַף דער פּלאַטפאָרמע, וועלכער האַלט אונטער די קלאָץ מיטן אַקסל.

געוּערעדט און געטאָן. קאַרל האָט זיך אויסגעצויגן צווישן צוויי שפּאַלעס, די ביקס האָט ער פעסט צוגעדריקט צום אַקסל. לעבן אים האָט זיך צוגעלייגט זײַן הונט, די פאַרשפּיצטע מאָרדע אַף די פאָדערשטע לאַפּעס, די אַרויסגעשטעקטע רויטע צונג האָט פּולסירט. אָט עטעמט דער הונט אַרײַן א פאַרציע לופט, און אָט צעפּליִען זיך פון אונטער זײַן שווארצער נאָז צוויי פּאַסמעס שטויב. ער קוקט ניט אַף זײַן באַלעבאָס, נאָר ער פילט, ווײַזט אויס, יעדן ריר זײַנעם. קאַרלס שטערן שנײַדט דורך א טיפער קנייטש פון אָנשטרענגונג, און אין דער זעלבער רעגע שטעלן זיך באַם הונט אוף די האָר אַפּן קאַרק, די אויגן נעמען שפּריצן מיט גרינע און רויטע פײַערלעך.

דער מענטש, אין וועמען קאַרל צילט, רירט זיך ניט פון אָרט, ווי ער וואָלט בעקיוון זיך געריַיצט מיט זײַן גורל. וואָס טוט מען? שווײַגן קאָן איך ניט. א געשריי טאָן, וועט עס מיך קאָסטן דאָס לעבן. דערצו איז דער מענטש צו ווײַט פון מיר, איך זאָל אים וואָרענען מיט עפּעס א צייכן. אַרום אונדז איז אַן אָנגע־שטרענגטע שטילקײַט, אפילע דער מאַנעווריר־לאָקאָמאָטיוו האָט אופגעהערט צו פײַפן.

— וואַרט נאָר א ווײַלע,— האָט דער עסעסאָוועץ זיך אָנגעבויגן און אָנגערירט קאַרלען באַ דער האַנט.— פּריִער שטעל אָן די ביקס אַף עמעצן פון דײַנע. טרעפסטו אין אים, באַקומסטו אַלצייגס א פּעקל סיגאַרעטן.

— ניין, דאָס קאָן איך איצט ניט טאָן. די געפאַנגענע זײַנען אַלע איבערגעשריבן. קאַרל האָט ווידער גענומען זיך צילן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זיך דערהערט די שטים פונעם פעלדפעבעל, וואָס האָט זיך דערנעענטערט אַהער צוזאַמען מיט גיונטערן.— קאַרל, אין וועמען צילסטו עס?

— אין א ייִדן.

— אַאופשטיין! סאַקראַמענטאַ! אַף קיין איין מינוט קאָן מען אײַך אליין ניט איבערלאָזן. האָסט פאַרגעסן דעם באַפעל פונעם גאַרניזאָן־שעף? עס איז שטרענג פאַרבאָטן שיסן אָן א באַזונדער נויטווענדיקײַט!

— הער פעלדפעבעל,— האָט זיך אָפּגערופן דער עסעסאָוועץ,— איך האָב אויך ניט געוווּסט, אז אַף צו שיסן א פאַרפלוכטן ייִדן דאַרף מען האָבן א ספּעציִעלע דערלויבעניש.

— ניט וועגן יִדן גייט א רייד, נאָר וועגן דער שיסערײַ, וועגן אומזיסטן טומל אין שטאָט. פירט זיי אײַך אָפּ א ביסל ווײַטער אין פעלד און דערשיסט זיי אלע ביז איינעם, קיינער וועט אײַך קיין וואָרט ניט זאָגן.

דער מענטש אף דער פּלאטפאָרמע, וועמעס לעבן ס'איז נאָרוואָס געהאנגען אף א האָר, איז געשטאנען אין א צעריסן קורץ רעקל, אין הויזן פון א זאק, אָן אויס־געדארטער, א פארוואקסענער, און הויך אף א קאָל קאָמאנדעוועט:

— איינס, צוויי, געמומען! איינס, צוויי, העכער! איינס, צוויי, נאָך העכער!

און ווען העכער אופהייבן די שווערע מאסע האָט בא די מענטשן ניט געקלעקט קיין קויעך, האָט ער אליין מיטן אקסל אונטערגעשפּארט די קלאָץ, זי א שטויס געטאָן און אראָפּגעוואָרפן אף די געלערס. דער דאָזיקער מענטש דערמאָנט מיר שטארק סערגייעוו, אין וועלכן עס האָט אמאָל אויך געצילט א דײַטשישער סאָל־דאט. מיר שטעלט זיך פאר די אויגן דער ראָסלאוולער לאגער. ווען עס זײַנען אײַנגעפאלן די נארעס, האָט סערגייעוו, פּונקט ווי אָט דער גוואר מיט דער געלער לאטע, זיי אונטערגעשפּארט מיט די פּלייצעס און פּונקט אזוי קאָמאנדעוועט. עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס פון הונגער, צאָרעס און פּײַן פארשווינדן א סאך אינדיווידועלע שטריכן אין מענטשן ווערן ענלעך איינער אפן אנדערן.

ווער איז ער, אָט דער מענטש אף דער פּלאטפאָרמע? וואָס איז זײַן פאך? וועגן וואָס טראכט ער איצט? נאָר וואָס איז די נאפקעמינע? אויב ער לעבט נאָך, איז ניט דערפאר, וואָס דאָס געזעץ פארהיט אים, כאָטש, לאָמיר זאָגן, אזוי ווי דאָס דרעטעלע מיט דער פּלאָמבע פארהיט דעם וואגאָן. ניין, ער לעבט נאָר דערפאר, ווײַל זײַן טויט האָט געקאָנט מאכן אן איבעריקן טומל.

הובערטס פארדאכט

ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי מיר איז איבערגעטריקנט אין מויל. אָט דאָ ניט לאנג זײַנען מיר פארבײַגעגאנגען א ריטשקעלע, לעבן וועלכן עס זײַנען געוואקסן ליכטיק־גרינע זיס־שמעקנדיקע ליפּעס און א שלאנקער קליאָן. די ברייטע קרוין פונעם קליאָן האָט אויסגעשפּרייט א געדיכטן שאָטן. עמעס, דאָס ריטשקעלע איז געווען אזוי קליין און זײַן ביסל וואסער איז געפלאָסן אזוי מיד און לאנגזאם, אז ווען ניט דער ברייטער דניעפּער, וואָס רוישט ניט ווײַט פונדאנען און דער־מאָנט, אז פון קליינע ריטשקעלעך ווערן גרויסע טײַכן און יאמען, האָט זיך גע־קאָנט דאכטן, אז אליין דאָס ריטשקעלע קאָן אויסגיין פון דאָרשט...

קארל איז אין כאַס. זײַן לעדערנע נאהײַקע שנײַדט דורך מיט א פּײַף די לופט און לאָזט זיך אראָפּ מיט א טרוקענעם טראסק אף קוזיעס פּלייצע, אף זײַן קאָפּ.

דאָס קליינע לייטערל, וואָס האָט זיך געפונען אין וואגאָן, האָט קארל אופגע־האנגען אף דער אײַזערנער פרענטע פון דער טיר און באפוילן קוזיען ארײַנקריכן אין וואגאָן. דאָס לייטערל דערגרייכט אָבער ניט צו דער ערד, הוידעט זיך עס אהין און אהער. צוהאלטן דאָס לייטערל לאָזט קארל ניט, און אין וואגאָן איז ניטאָ, ווער עס זאָל קוזיען דערלאנגען א האנט.

שוין דאָס דריטע מאָל שנײַדט די נאהײַקע זיך אײַן אין קוזיעס געשוואָלענע פּיס. זײַן גליק, וואָס ער ליגט שוין מיטן בויך אף דער אײַזערנער פּלאנקע און

וואָס קאַרל פאַרשטייט ניט די צענגאַרנדיקע, מיט וועלכע קוזיע בענטשט אים און זײַנע קינדסקינדער.

אינמיטן וואַגאָן איז מיט עטלעכע דרענגלעך און ברעטער אָפּגעצאַמט אַן אָרט פאַר די קאַנוואָזירן. דער דיל איז דאָרט באַשאָטן מיט קאַלך. פון ערגעץ האָבן די קאַנוואָזירן געבראַכט און אויסגעשפּרייט אַ בינטל געפּרעסט שמעקנדיק היי. אײן העלפט פונעם וואַגאָן איז פאַרנומען מיט פּוסטע קעסטלעך. גיונטער דערלויבט אונדז אופעפענען אַ פענצטערל און זיך צוזעצן אפן דיל.

די זון האָט געהאַלטן באַם פאַרגיין. דאָ, ווײַט פון דער סטאַנציע און נאָענט צום פעלד, האָט אַף אַ צײַט זיך אײַנגעשטעלט אַזאַ שטילקײַט, אַז מע האָט מאַ־מעש געקאָנט הערן, ווי עס שושקען זיך די בלעטער אַף די ביימער. יעדער בוים האָט זיך געוויגט אַף זײַן שטייגער: די בערעזע — לײַכט, שפּילעוודיק און פריילעך, די אָסינע — פאַרטראַכט און ציטעריק... און וואָלט דאָ, טראַכט איך, געשטאַנען אַ דעמב, וואָלט פאַר זײַנע בלעטער אַזאַ ווינטל קלאַל געווען וויניק. זײַן פאַר־וואָרצלטקײַט און גרויסע קראַפט לאָזט אים ניט בייגן זיך פאַר אַבי אַוועלכן ווינטל.

דער אָנקומענדיקער ביין־האַשמאַשעס פאַרנעפּלט אַלץ. עס רוקן זיך אָן לאַנגע שאָטנס. די אויגן ווערן צוביסלעך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. דורך דער עטוואָס אָפענער טיר פונעם וואַגאָן ציט מיט פרישקײַט, מיט פײַכטער ערד.

איך האָב זיך צוגעדריקט צו קוזיען, וואָס האָט מיט ביידע הענט זיך געהאַלטן בײַ דער געשוואָלענער באַק און, ווי געוויינלעך, שטילערהייט געשאָלטן און גע־זידלט זיך. איך פרעג בײַ אים:

— עס טוט נאָך אַלץ וויי? די ציין האָט ער דיר ניט אויסגעזעצט? עפּשער איבערבינדן דיר די באַק?

— מע דאַרף ניט. איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ גוילעם האָט אים אויסגעזעצט נאָר איין אויג? אָ, איך וואָלט אים איבערגעבונדן אַזוי, אַז ער זאָל זיך אופכאַפּן שוין אַף יענער־וועלט, אַ רועך אין זײַן נעוויילישן געביין...

— איר זעט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אוועראָוו, — קוזיע ווערט פון די פּעטש אַ ביסל קליגער...

עמעצער האָט פון דרויסן אַ שלעפּ געטאָן דעם פאַרוקער און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— ווער איז? — האָט גיונטער אַ פרעג געטאָן.

— דאָס בין איך, הובערט, עפן.

פורגעל האָט אַראָפּגענומען דאָס קייטל און מיט זײַן קעשענע־לאַמטערן צוגע־לײַכט דעם פעלדפעבעל.

— נו, ווי גייט עס דאָ בײַ אײַך? אַלץ אין אָרדענונג?

— יאַוואָל!

— עפּשער, גיונטער, ווילסטו זיך אַ ביסל דורכגיין? קאָן איך דאָ דערווײַל פאַרבלײַבן.

— אַ דאַנק. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין בלינד, ווי אַ פלעדערמויז, אין אַזאַ פינצטערניש איז בעסער זיך האַלטן אונטער אַ דאַך.

— ריכטיק. איך וועל נאָר אויסרייכערן מיט דיר אַ סיגאַרעט און זיך אומקערן צוריק אין מײַן וואַגאָן. דאָרט האָט זיך צונויפגענומען אַ פריילעכע קאָמפּאַניע. מע מאַכט אַ קאָרטל, אַז עס גייט אַזש אַ רויך. און בײַ מיר אין טאַש פײַפט דער

ווינט, איינגאנצן א פּאָר צענדליק מארק פאראן. אין וואגאָן זײַנען זיך צונויפגעקומען איינע דײַטשן, קיין איין עסטרײַכער ניטאָ. צוויי פון זיי פאָרן מאָרגן אהיים אין אורלויב. מענטשן האָבן גליק! באַווײַז מיר נאָר דאָס צעטל פון דער „סכוירע", וואָס מיר פירן.

עס שורשען פּאַפּירלעך. איינס, א צווייטס, און אָט איז, ווײַזט אויס, דאָס, וואָס דער פעלדפעבעל פאָדערט. אליין צילט ער אָן דעם סנאָפּ שײַן פון קעשענעלאמטערן און לייענט לאנגזאם די אומבאקאנטע רוסישע פאמיליעס און נעמען:

— אווראָוו קאזימיר וולאדימיראָוויטש!

— איך, הער פעלדפעבעל! — רופט זיך אָפּ אווראָוו.

— דאָס זײַט איר געווען דער הויפּט־סאניטאר פונעם לאגער־לאזארעט?

— יאוואָל, הער פעלדפעבעל!

— אײַך האָט מען געזאָגט, וווהין און צוליב וואָס איר פאָרט?

— ניין.

— ביז דער מילכאָמע זײַט איר אויך געווען א מעדיקער?

— א זאָאָטעכניקער.

— און דײַטש האָט איר זיך אויסגעלערנט, זײַענדיק אין לאגער?

— דאָ האָב איך נאָר פארפולקומט די שפּראך.

ער לייענט ווײַטער. עס פארכאפּט בא מיר דער אָטעם. ניט אומזיסט האָב איך אזוי מוירע פאר א צעטל. און מיטאמאָל, ווי עס וואָלט א באָמבע זיך צעריסן:

— לעוו, לעווי, יודע! גיונטער, דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן, אז צוזאמען מיט דיר און מיט מיר געפינט זיך דאָ א יודע? א שאָד, וואָס דער לאגער־פירער שולץ איז דאָ ניטאָ. ער בארימט זיך דאָך שטענדיק, אז דעם רייעך פון שנאפּס און פון א ייִדן פילט ער אָף א מײַל. איז וואָס ווערסטו, גיונטער, זאָגן אָף אזא נײַס?

— עס איז קיין נײַס ניט, הובערט, דאָס איז ניט מער ווי דײַן פאנטאזיע. שטעל זיך פאָר, ווען דו קומסט און ראפּאָרטירסט דעם אלטן שולץ, אז צווישן די געפאנגענע, ווו ער געוועלטיקט, האָסטו זומער 1942 געפונען א ייִדן. אפילע ווען דאָס איז אזוי, וואָלט ער עס אויך דיר ניט מוחל געווען.

מיר דוכט, אז הובערט האָט זיך אפילע ניט צוגעהערט צו גיונטערס רייד, ער האָט ווידעראמאָל איבערגעכאזערט:

— לעוו, לעווי, יודע! געדענקסט, בא אונדז אָף דער קירכענשטראסע האָט געווינט א ייִד מיט א גראָוו בערדל... לעווי. איך האָב אמאָל מיט א פּילקע אויסגעזעצט א שויב אין זײַן קראָם, איז ער געקומען צו מײַן פאָטער קלאָגן זיך אָף מיר. געלט נעמען האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער איז געשטאנען און געקראצט דאָס בערדל, וואָס האָט געסטארטשעט, ווי בא א צאפּ, ביז דער טאטע האָט מיר ניט געגעבן אין האלדז־און־נאקן און מיך גענייט בעטן אנטשולדיקונג באם יודע. ווארט נאָר, מיט אונדז צוזאמען האָט דאָך געלערנט זײַן זון, ווי האָט מען אים גערופן — טאָדי אָדער דאָדי. אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, האָסטו זיך מיט אים אפילע געכאווערט. אין דער פוטבאָל־קאָמאנדע איז ער דאן געווען א גאנצער מאכער. געדענקסט, גיונטער?

— נו, איז וואָס? אויב דער פעלדפעבעל הובערט אינטערעסירט זיך, קאָן איך אים מיטיילן, אז ביזן סאמע אנשלוס, ווי נאָר איך פלעג קומען קיין ווין, פלעג איך דיך זען מיט טאָדין. א קינדער־דאָקטער איז ער געווען. איך קאָן דיר נאָך דערמאָנען, אז צוויי כאדאָשים איז בא אים אין שפּיטאָל געלעגן א געפערלעך־

קראנקער דײַנער א פּלעמעניק. די בעסטע פּראָפעסאָר פון שטאָט האָט ער אײַנ־געלאָדן אף א קאָנסיליום, אליין שאָענוויִז געזעסן בא זײַן בעט, און קיין פּפעניג בא דײַן שוועסטער, דער אלמאָנע, ניט גענומען. און דו? דאָס איינציקע, וואָס דו האָסט פאַרגעדענקט, איז דאָס, וואָס זײַן טאַטע האָט געהאַט א ציגן־בערדל און אז ער איז ניט געווען אנציקט דערפון, וואָס דו האָסט אויסגעקלאַפּט בא אים א שויב?

— גיונטער, פאַרגעס ניט, אז פּרײַנטשאַפט איז איינס, און דינסט איז עפּעס אנדערש. דײַן לעווי פון וויך אינטערעסירט מיך איצט ניט. נאָר דער לעווי...

— הער פעלדפעבעל, — האָט אין דער פינצטער זיך דערהערט אוורואָווס קאָל, — דאָס בין איך, דער הויפּט־סאַניטאַר פון לאַזאַרעט, דערלויבט מיר זיך ווענדן צו אײַך.

— רעדט!

— איך האָב זיי אויך פײַנט. רוסישע און פּוילישע יידן קען איך גוט. איך דערקען זיי גלײַך, ווי זיי זאָלן זיך ניט קליידן. מיט לעווין האָב איך זיך באַגעגנט אין לאַגער צופעליק, נאָר מיר זײַנען מיט אים פון איין שטאָט, קימאַט ווי שכיי־נים. איך קען אים און זײַן טאַטן אנדרייען. ער איז א רוסישער, און בא אים איז א ריינע, א קריסטלעכע נעשאָמע. דערלויבט, וועל איך אים אופוועקן.

— דערווײַל דאַרף מען ניט. גאַנצפרי וועל איך אליין דאָס דורכקאָנטראָלירן. אײַך שרעקט עס ניט?

— ניין! אויב איך זאָג א ליגן, מעגט איר אויך מיר דעם קאָפּ אראָפּנעמען.

— וואַרשײַנלעך, אזוי וועט זײַן.

אין וואַגאָן האָט זיך ווידער אײַנגעשטעלט אן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. אינ־דערפינצטער האָט קיינער ניט געקאָנט זען מײַן פּאָנעם, אף וועלכן עס איז געלעגן די שרעק. איך גלייב ניט מײַנע אויערן, אוורואָוו! גיי זײַ א נאָווי און ווייס, פון וועמען צו דערוואַרטן גוטס. ווײַזט אויס, אז ניט שטענדיק טוען גוטס בלויז גוטע מענטשן. קלאָר, ער צווייפלט ניט אין דעם, אז איך בין א רוסישער. איז וואָס וועט זײַן מיט אונדז מאָרגן?

שוין באַם אוועקגיין פרעגט הובערט:

— געלט וועסטו מיר לײַען, גיונטער?

— יאָ, נעם.

— א גוטע נאַכט. אָט וועל איך דיך ווידער פאַרשליסן פון דרויסן.

הובערט האָט איבערגעלאָזט אין וואַגאָן די שרעק, וועלכע האָט זיך אײַנגעע־קלאַמערט אין מיר, ווי זשאַווער אין אײַזן. עס ווילט זיך מיר איצט אַרומנעמען מײַן שאָכן און זאָגן אים געציילטע פיר ווערטער:

— קוזיע, ס׳איז ניט גוט.

איך וואָלט וועלן, ער זאָל מיר ענטפערן אן ערעך אזוי:

— דאָ, אין געפאַנגענשאַפט, איז א מינוט גלײַך צו א יאָר. מיר מיט דיר זײַנען אלט ווי די וועלט. איז באַרעכן נאָר, וויפל האָסטו שוין איבערגעלעבט אזעלכע מינוטן? דערבײַ פאַרגעס ניט, אז דיך האָט שוין א סאַך מאָל געראַטעוועט א צופאַל...

אף דעם וואָלט איך געקאָנט דערווידערן:

— דאָס איז טאַקע עמעס, נאָר וואָס נאָך פאַר א צופאַל קאָן טרעפן?

— מאלע וואָס! האָסט דאָך מיט א פּאָר טעג צוריק, נאָכן באַפרײַען זיך פון קאַרצער, געטראַכט, אַז נאָכמאָל איבערלעבן אַזאַ נאַכט וועט דיר קיין קויעך ניט קלעקן, און איצט קלערסטו שוין וועגן דעם, וואָס וועט זײַן מאָרגן...

איך עפן אויף די אויגן. איך טראַכט, אַז ניט געדעכט זײַנען די, וועלכע זאָגן, אַז אין די לעצטע מינוטן פון לעבן ווערט פאַרנעפּלט דער מויעך. איך זע אַלץ אַזוי בוילעט און קלאָר... די שווערסטע מאַטעמאַטישע אויפגאַבע וואָלט איך איצט שנעל געלייזט. עמעצן אָן אייצע וואָלט איך געקאָנט געבן, אָבער זיך אַליין — ניט. פיל לײַכטער איז געפינען אַן אויסוועג פון אַן אומענדלעכן זומפּ, וואָס פאַרציט דיך, ווי פון אָט דער טפיסע אָף רעדער.

וויפל קאָן איצט זײַן דער זייגער? מעגלעך, אַז צוועלף. עס קומט אָפן זינען, אַז אַ וועלט מיט מענטשן הערן, ווי עס שלאָגן די קוראַנטן אָף דעם קרעמל־טורעם. וואָס וואָלט איך ניט אוועקגעגעבן, איך זאָל איצט קאָנען כאָטש איין־איינציק מאָל הערן אָט די קלאַנגען!

די נאַכט קײַקלט זיך באַרג־אַראָפּ, וואָס ווײַטער אַלץ שנעלער. פון ווײַט־ווײַט דערטראָגט זיך אַ טעמפּעד אופרײַס. אין דער נאַכט־שטילקײַט, האָט מען אונדז געלערנט, הערט זיך דאָס הודען פון אַן עראָפּלאַן פאַר אַ קילאָמעטער פערציק. דער אופרײַס איז, ווײַזט אויס, נאָך ווײַטער. דורכן אָפענעם פענצטערל זע איך, ווי די פּראָזשעקטאָר־שטראַלן שנײַדן דורך די געדיכטע פינצטערניש, זיי טאַפּן דעם פאַרדעכטיקן הימל, נאָר קיין הודען פון קיין עראָפּלאַנען הערט מען ניט.

איבער מאָלעווער אײַזנבאַן־קנופּ פליִען הײַנט ניט קיין סאָוועטישע באָמבאַר־דירער. ניט מיט מיר און ניט מיט הובערטן איז פאַר דער נאַכט גאָרנישט ניט געשען, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס בײַ מיר אין קאָפּ זײַנען צוגעקומען גראָווע האָר און בײַ אים אין די קעשענעס — עטלעכע טויזנט מאַרק, וועלכע ער האָט אויסגעשפּילט אין קאָרטן. אים האָט אַזוי פאַרכאַפּט די שפּיל, אַז ער האָט, דוכט זיך, פאַרגעסן ניט נאָר אין מיר, נאָר אפילע אין זיך אַליין.

נאָך איידער עס האָבן זיך צעקרייט די הענער, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער וואַגאָן־טיר.

— גיונטער, דײַן געלט איז מאַזלדיק, שוין לאַנג איז מיר אַזוי די קאָרט ניט געגאַנגען. נאַ, באַהאַלט מײַן טײַסטער. אָט האָסטו זייגערלעך, בראַסלעטן, פינגער־לעך און אפילע אַ גאָלדענע בראָש. איך האָב דאָס אַלץ געוווּנען בײַם היינקעדיקן האָופּטמאַן, ער האָט אַן אייגענע פאַבריק. דאָס איינציקע, וואָס איך פאַרטרוי אפילע דיר ניט, איז די פלאַש ווײַן, וואָס איך האָב פאַר היפּש געלט געקראָגן אָפן וואָקזאַל. באַלד וועל איך אויסטרינקען און גיין שלאָפן.

הובערט האָט מיט דער האַנט צוגעגלעטט די האָר אָפן קאָפּ און בײַם אוועקגיין געוואָרנט:

— זע, עס זאָל זײַן אַלץ אין אָרדענונג. אויב עפּעס וויכטיקס, איז וועק מיך גלײַך אויף.

ווען דער ערשטער זונשטראַל האָט באַלויכטן דעם הימל און פון די סעדער, אַרומגעצוימטע מיט פּלויטן, געפלאָכטענע פון לאָזע, האָט זיך דערטראָגן אַ פריילעכע צוויטשערײַ, האָבן מיר זיך גערירט פון אָרט. דער צוג איז פאַרבײַגעפאָרן די סטאַנציע, דעם וואַסער־טורעם, דעם סעמאַפאָר.

דער ציגײַנערישער טאַנץ

פאַרוואָס זײַנען מיר אַזוי לאַנג געשטאַנען אין מאָלעוו? און פאַרוואָס אײַלט עס איצט אַזוי דער לאָקאָמאָטיוו?

איך האָב, פאַרשטייט זיך, דעמלט ניט געקאָנט וויסן, אַז די ווײַטע, טעמפּע אופּרײַסן — דאָס זײַנען ערשטע גרוסן פון די ווײַסרוסישע פּאַרטיזאַנער...

גיונטער און קאַרל האָבן קימאַט אַף אַ העלפט אופגעעפנט די טיר פון וואַגאָן און זיך גענומען וואַשן, אופגיסנדיק איינער דעם צווייטן וואַסער פון אַ סאָלדאַטיש קעסעלע. נאָרוואָס האָט זיך גענדוכט, אַז עס וועט ניט נעמען קיין סאָף צו דער שורע טעלעגראַף־סלופּעס, צו די דראָטן, וואָס גייען זיך צונויף און לויפן זיך ווידער פאַנאַנדער. נאָר ניט ווײַט פון דעם שמאָלן באַן־בריקל האָט עמעצער איבערגעריסן די טעלעגראַף־ליניע. פונעם אָפּגעברענטן אײַזנבאַן־שטיבל איז געבליבן בלויז דער קוימען. ווײַטער לויפן אונדז אַנטקעגן גריבער, צעבויגענע רעלסן, פאַרקוילטע ביימער, אַ הויכע בלינדע וואַנט פון אַן עלעוואַטאָר, וואָס האָט ערטערווײַז נאָך פאַרהיט איר ווײַסקייט. און גאָר מאָדנע זעט שוין אויס, ווען עס טראָגן זיך אָן אַנטקעגן די ווײַסע געקאַלכטע שטיינדלעך, מיט וועלכע עס איז אויסגעלייגט דער אײַזנבאַן־אָנשיט. ווען עס טרעפט זיך אַ סלופּל, געפאַרבט מיט שוואַרצע און ווײַסע פּאַסן, גיט שוין אַ ווייע מיט וואָרעמקייט, און באַזונדערס ווען די דערזעעסט פון שטיקלעך ציגל קימאַט אַ גאַנץ געבליבענעם רויטן שטערן...

פון לאָקאָמאָטיוו דערטראָגט זיך אַ נעבעכדיקער און לאַנג־צעצויגענער פײַף. דער צוג פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. בײַ דער ליניע שטייען רעמאָנטניקעס. אויב מיר, געפאַנגענע, פלעגן כאָטש מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מיר אַרבעטן, ווילן זיי אַפילע קיין אָנשטעל אויך ניט מאַכן. די רעמאָנטניקעס קוקן מיט סינע אַף קאַרלען, גיונטערן און אַף דעם דײַטשישן סאָלדאַט, וואָס שטייט אין טאַמבור פון אונדזער וואַגאָן.

פונווײַטן דוכט זיך, אַז דער וואַלד, וואָס דרעמלט רויִק און פרידלעך אפן באַרג, האָט זיך אײַנגעשניטן אין דער בלויקײַט פון הימל. צוערשט לויפן אָן אַנטקעגן דעם צוג דאַרע און לאַנגע ביימלעך, וואָס דערמאָנען אויסגעצערטע ייִנגלעך. דערנאָך רוקט זיך אָן, ווי אַ טונקעלע וואַנט, דער יעלניק. צווישן די יעלן וואַרפן זיך דורך מעכטיקע סאָסנעס מיט רויטע שטאַמען. פון וואַלד דער־טראָגט זיך אַ טערפּקע גערוך.

בײַם סאַמע וועג, וואָס שנײַדט דורך אַ גרויס פעלד, שטייט אַ וואָגן מיט אופגעהויבענע האָלאָבליעס. אַ פּרוי טאָפּטשעט זיך בײַם אַקער, אין וועלכן עס איז אײַנגעשפּאַנט אַ קו. אַף דעם זעלבן אָרט האָבן געוויס מיט אַ יאָר צוריק טאָג און נאַכט געהודעט טראַקטאָרן.

גיונטער האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, זיך אָנגעטרונקען מיט שוואַרצער קאַווע פון טערמאָס און מיט אַ ריין טיכל אָפּגעווישט די ליפּן. ער זיצט אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט די קני און רייכערט אַ גראָבן ציגאַר. ער האָט אַ גרויסן, קלוגן שטערן, וועלכן עס שנײַדן דורך צוויי טיפע קנייטשן. די האָר זײַנע זײַנען אויס־געבערענט פון דער זון און פון יאָרן. ווען ניט זײַן פאַרהאַסטע גרוי־גרינע שינעל, וואָלט מיך ניט געשראָקן די האַרטע שפּראַך, אַף וועלכער ער רעדט, און עס וואָלט זיך פאַשעט ניט געגלייבט, אַז ער איז אַ סאָלדאַט פון דער היטלעריסטישער אַרמיי.

קארל שפאנט הין און צוריק איבערן וואגאָן. זײַנע שטיוול סקריפּען האָזעדיק. זײַן פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט. דאָס איינציקע אויג איז אזוי ברייט צעעפנט, ווי ער וואָלט עס געצווונגען דינען אויך פארן אויסגערונענעם. ביז די קלענסטע אייזנצלהײַטן דערציילט ער גיונטערן, וויאזוי ער האָט דעם לעצטן אָוונט פארבראכט בא זײַנער א באקאנטער פראו, עפּעס איינער א מאריע. די שטים איז בא אים עטוואָס א הייזעריקע.

— דו ווייסט, — האָט ער ענדלעך איבערגעפירט דעם שמועס אף עפּעס אנדערס, — איך וויל דיך בעטן, דו זאָלסט מיר אָנשרײַבן א בריוו אהיים. מײַן פרוי קלאָגט זיך, אז ניט אלע בריוו באקומט זי. און אז זיי זײַנען אזוי געמעקט און געקלעקט, אז זי קאָן גאָרניט פארשטיין. גאנץ מעגלעך, אז עמעצער העלפט מיר מעקן און קלעקן. און דו, זאָגן אלע, ביסט א גרויסער מײַסטער אף שרײַבן בריוו.

— וועגן וואָס ווילסטו איר שרײַבן?

— פארשטייט זיך, ניט וועגן דעם, וואָס איך האָב דיר אָקאָרשט דערציילט. שרײַב איר אָן, אז דאָס מאָל האָט זיך דאָס מאזל אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו איר מאן, אינגיכן וועט זי נאָך מער דערפילן, וואָס דער פיורער האָט געמיינט מיט די ווערטער, אז אלץ וועט זײַן פאר אונדז, דײַטשן. שרײַב איר אויך אָן, אז אינגיכן וועל איך זײַן א שעף פון א גרויסן אמוניציע־סקלאד. אין מײַן רעשוס וועלן זײַן ביי־ווארשטאטן, ווארשטאטן פון שוכווארג. קאָן זײַן, אז צום סאָף יאָר זאָל איך באקומען אורלויב.

איך קוק אף גיונטערן, און ס׳ווילט זיך מיר אזוי וויסן, וואָס באטײַט זײַן איראָנישער בליק און זײַן שאָקלען מיטן קאָפּ.

ער איז א געוועזענער לערער. גאנץ מעגלעך, אז דעם פיורערס ווערטער האָבן אים דערמאָנט אין העגריך דעם פערטן, וועלכער האָט דאָס זעלבע אמאָל צוגעזאָגט די פראנצויזן.

די אויגן קלעפּן זיך צונויף, נאָר איך בין צו מיד און צו אופגערעגט, איך זאָל קאָנען גלײַך אנשלאָפן ווערן. שוין בא דרײַ שאָ, ווי מיר פאָרן אָן אָפּשטעל. דער פעלדפעבעל הובערט פאָרט געוויס אינעם איינציקן פּאסאזשיר־וואגאָן פון אונדזער עשעלאָן. ער קאָן דאָך אף דער ערשטער סטאנציע ארײַנקומען.

קוזיע ליגט פאריסן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט אונטערגעשטעלט דעם האלדז אונטער א כאלעף. בא אווראָוון איז דאָס פּאָנעם אפילע אין שלאָף א מין רעטעניש. זיי, די שכיינים מײַנע, שלאָפן הײַנט שטארק, זיי ווייסן ניט, אז איך הער זיך צו צו יעדן שאָרך. איך דריק צו די קני צום בויך, פארוק דעם קאָפּ נאָך טיפער אין קאָלנער און אין א מינוט ארום ווייס איך שוין ניט, צי דאָס פייגעלע, וואָס איז גרוי, ווי א רויכל, שטייט אינדערמעסן אפן טעלעגראף־דראָט, צי איך זע אין שלאָף מײַן שוועסטערס אלבאָם, אין וועלכן עס איז אײַנגעפּאסט א פּאָטשטקארטל מיט אָנגעמאָלטע פייגעלעך.

— אאופשטיין!

איך זוך מיט די אויגן דעם פעלדפעבעל, וועלכער האָט אָפּגעגעבן די דאָזיקע קאָמאנדע. נאָר איך אײַל זיך ניט אופצושטיין.

— אאופשטיין! — האָט מיר א ברי געטאָן אין אקסל די נאהײַקע. — אאופשטיין, רוסישע שווײַן!

עס ווילט זיך מיר א געשריי טאָן, אָבער די צונג איז ווי צוגעקלעפּט צום גומען. און דאָך איז מיר אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. דערווײַל בין איך נאָך

מיט אלעמען גלײַך. עס לאָזט זיך אויס, אז קיין שום פעלדפעבעל איז דאָ ניטאָ, און געמיינט האָט קארל ניט מיך, נאָר מײַן שאָכן, קוזיען, וועלכן ער טרייסלט, ווי אַן עפּלבוים. איך ווייס ניט, עפּשער האָט אים טאקע קארל געשלאָגן שטאַרקער, איידער מיך, ווײַל איך זע, אז אָט־אָט וועט קוזיע זיך צעוויינען.

אונדזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א פּאָלוסטאנעק. די וואגאָן־טיר איז צעפּראַלט. ניט ווײַט פונדאנען פּליסט א טײַך. באַם ברעג דרעמלען עטלעכע ווערבעס. אינדערלופטן טראָגן זיך אום שוועלבעלעך. אָט הייבן זיי זיך אוף אין הימל, ווערן פארגליווערט אף אַן אָרט און פאלן פון דער הייך מיט צונויפגעלייגטע פליגל.

לעבן וואגאָן שטייט גיונטער און דער סאָלדאט, וועלכן איך האָב געזען אפן טאמבור. ער האַלט זײַן אוטאָמאט אזוי, ווי ער וואָלט נאָרוואָס עמעצן דערשאָסן און ווארט איצט אף א צווייטן קאָרבן.

— אף לופט! — ווענדט ער זיך צו אונדז.

מע פירט אונדז צו צום עק פון צוג. פאַרבײַגייענדיק, האָב איך באמערקט, אז בא דעם פּאסאזשיר־וואגאָן האָט זיך פארזאמלט א טומלדיקע, שיקערע קאָמפּאניע.

אין לעצטן וואגאָן דערזע איך שטיין פארוואונדעטע שווערע בעלגישע פערד. די עקן קורץ אונטערגעשוירן, די פעל גלאנצט, זיי זײַנען זאט און אויסגערוט. צו אונדז האָבן זיי אויסגעדרייט זייערע לאנגע קעפּ מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און קוקן פארדעכטיק מיט די רויטע אויגן, זיי האָבן אפילע אופגעהערט צו קײַען דאָס געפרעסטע היי.

דאָס פערד, וואָס שטייט נאָענט בא דער טיר, האָט צעשפּרייט די נאָזלעכער און א טרייסל געטאָן מיט דער געדיכטער גריווע. דער קאָניוך גלעט דעם האלדז פונעם פערד און רעדט צו דעם געלאסן און מילד, מאמעש ער בעט זיך:

— שרעק זיך ניט, בארויק זיך, דיך וועט קיינער ניט טשעפּען.

אוואדע, זיי זײַנען דאָך פערד. אפילע פארוואונדעטע קאָסטן זיי טײַער.

— וווהין פירט איר זיי? — פרעגט זיך נאָך גיונטער.

— קיין באָברויסק.

אויב אזוי, איז טאקע עמעס, אז מע פירט אונדז אויך אהין. פון מאָלעוו קיין באָברויסק זײַנען פאַראַן צוויי וועגן: דורך זשלאָבין און דורך אָסיפּאָוויטשי. איז מיט וועלכן פון זיי פאָרן מיר? נאָר אלצאיינס איז עס א מעהאלעך פון קנאפּע צוויי הונדערט קילאָמעטער. אינגיכן דארפן מיר שוין זײַן אפן אָרט. איך האָב ניט קענען, אז מיר זאָלן זיך שלעפּן וואָס לענגער.

בא דעם איינציקן אײַזנבאַן־שטיבל שטייט א מאנצבל אין א פארשמאָלצעוועט העמד — ווײַזט אויס, דער באלעבאָס פון שטיבל — און זעגט אונטער א בוים אינמיטן הויף. בא אים איז א גראָווע געדיכטע באָרד, וואָס פארדעקט די גאנצע ברוסט, נאָר מעגלעך, אז דער בוים איז עלטער פון אים.

באַם אראָפּגעלאָזטן שלאגבאום האָט זיך אָפּגעשטעלט א פור, אף וועלכער ס'איז געלעגן א מאנצבל אין א ווײַסרוסישער סוויטקע. די הענט זײַנע זײַנען געווען פארבונדן אף הינטן. לעבן וואָגן איז געשטאנען א יונגע ציגײַנערן מיט צוויי קינדער. דאָס קלענערע טראָגט זי אף די הענט, און דאָס עלטערע — א שווארץ געקרײַזלט יינגעלע פון א יאָר פינף — שטייט אײַנגעהויקערט און האַלט זיך בא איר קלייד. לעבן זיי שטייען צוויי באוואָפנטע פּאָליצײַען.

— פעטער אַלעס, — שרײַט די ציגײַנערן צום באַלעבאָס פון הויז, — זײַט אַזוי גוט און ברענגט אַ קוואָרט וואַסער, די קינדער כאַלעשן אַ טרונק.

אַלעס האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו דער פור, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן פון דער זון און אָנגעשטרענגט געקוקט אױף דער פרוי. דערקענט זי, האָט ער אויסגערופן:

— גאָט מײַנער, ווּעמען זע איך? ס'איז דו, מאַשע? אָט ברענג איך גלײַך...

אהער צו דער שטוב האָט זיך דערנעענטערט די שיקערע קאָמפּאַניע, וועלכע איך האָב פריִער באַמערקט באַם פּאַסאַזשיר־וואַגאָן. מער פון אַלעמען האָט גע־טומלט דער הינקעדיקער קאַפּיטאַן.

— אַנו, קום נאָר אַהער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דער ציגײַנערן. — לייג אַוועק דײַן הינטל, וואָס דו האַלטסט אױף דער האַנט, און טאַנץ, — מיט די הענט און מיטן געזונטן פוס האָט ער באַוויזן, וואָס ער וויל פון איר.

— טאַנץ! — האָט אים אונטערגעהאַלטן די שיקערע קאָמפּאַניע און גענומען פּאַטשן אין די הענט.

די ציגײַנערן איז געשטאַנען אַ פּאַרלוירענע. זי האָט מיט שרעק אַ קוק געטאָן אױף רעכטס, אױף לינקס, דערזען אַלעסן, וואָס האָט געטראָגן אַ קוואָרט מילך מיט אַ שטיק ברויט.

— נאַ! — האָט זי אים דערלאַנגט דאָס קינד און אַ שטויס געטאָן צו אים דאָס עלטערע ייִנגל. אַליין האָט זי מיטן פאַרטעך אָפּגעווישט די טראָפּנס שווייס פונעם שטערן און מיט די פאַרברענטע בּאָרוועסע פיס געלאָזט זיך טאַנצן. נאָר קויעך האָט איר געקלעקט בלויז אױף צו באַווײַזן די ווײַסע פּערלדיקע ציין און אַ טרייסל טאָן מיט דער בײַטש בײַליקע קאָרעלן.

— הער האָופּטמאַן, — האָט עמעצער פון די אָפיצערן אים אונטערגעהעצט, — זי פירט אונדז פאַר דער נאָז, דאָס איז ניט געטאַנצט.

— זאָל זי זיך אויסטאָן נאַקעט.

— אויסטאָן זיך! — האָט באַפוילן דער האָופּטמאַן און גענומען ציילן ביז דרײַ. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די קינדער. דאָס אייפּעלע איז, אָנשפּאַרנדיק דאָס קעפּל אױף אַלעס' ברייטן אַקסל, געשמאַק געשלאָפן. דאָס עלטערע ייִנגעלע האָט זיך זאַרגלאָז צוגעלייגט אונטערןביימל אױף דער שטויביקער ערד. אים איז געווען גוט דערפאַר, ווײַל די מילך און דאָס שטיקל ברויט האָבן צום ערשטן מאָל פאַר אַ לאַנגער צײַט אים אָנגעזעטיקט.

די ציגײַנערן האָט געכאַפּט אַ קוק אױף די קינדער. אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט זי האַסטיק גענומען רײַסן פון זיך דאָס פאַרביקע ציצענע קאָפטל, דערנאָך אַראָפּגענומען דאָס קליידל און געבליבן אין איין אונטערהעמד.

— אַך, אַזוי? דו ווילסט ניט אויספילן מײַן באַפעל? — דער קאַפּיטאַן האָט אַ שפּאַן געטאָן צום ייִנגעלע, וואָס איז געלעגן אונטערן בוים, מיט ביידע הענט אָנ־געכאַפּט עס פאַרן האַלדז און אויפגעהויבן אינדערלופטן.

איך האָב געזען, ווי מע קומט אום אויפן שלאַכטפעלד, ווי מע שטאַרבט אין לאַזאַ־רעט, ווי מע גייט אויס פון הונגער און פון קעלט. נאָר דאָס זײַנען אַלץ געווען סאָלדאַטן. באַ דער כײַע אין די נעגל איז איצט צעריסן געוואָרן אַ קליין קינד.

ס'איז געוואָרן שטאַרק שטיל, געקאָנט האָט זיך דוכטן, אַז אַליין דער מערדער האָט כאַראָטע געקראָגן. נאָר ניין. מיטן פאַראַבעלום אין דער האַנט האָט ער אַ שפּאַן געטאָן צו דער מוטער, וועלכע די שיקערע קאָמפּאַניע האָט ניט אַרויסגע־

לאָזט פונעם קריִז. זי האָט ניט געשריִען, ניט געוויינט פאַר צאַר, וואָס איז צו גרויס, מע זאָל אים קאָנען אויסוויינען מיט טרערן.

— די ציגײַנער דאַרף מען אויסראָטן, פונקט ווי די ייִדן. זיי זײַנען שווינדלער און גאַנאָווים. דער פּיורער אַליין האָט עס געזאָגט, — ער האָט צערוקט דעם פאַר־שלאָסענעם קריִז, נאָר אַלעס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— פאַן אָפּיצער, זי איז אַ היגע, איר טאַטע און איר מאַן זײַנען געווען שמידן.

אויסגעשעפּט פון דער אייגענער היסטעריק, האָט דער קאַפּיטאַן אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַראַבעלום.

באַברויסקער פעסטונג

און נאָך איין מאָל האָב איך געזען דעם פעלדפעבעל הובערט. דאָס איז געווען אין באַברויסק, ווי נאָר מע האָט אונדז אַרויסגעפירט פון וואַגאָן. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען פאַרשלאָפן, ניט ראַזירט, מיט אופגעלאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן. אַף דעם שוואַך־פאַרצויגענעם ברייטן רימען האָט זיך געבאַמבלט דער שווערער פּאַראַבעלום.

— סאַקראַמענטאָ! — האָט ער געגוואַלדעוועט און געשפּיגן. — ניין, קיין בראַנפן טרינק איך מער ניט! בלויז איין קעלישעקל אַף אָפּניכטערן זיך! און ווי גייט עס בא דיר, גיונטער? אַלץ איז אין אָרדענונג?

— אַלץ, — האָט גיונטער מיט דער האַנט אַ טאַפּ געטאָן די בוזעם־קעשענע.

— איז גיב אַהער אַ ביסל געלט, און איר גייט מיט אָט דער גאַס, איך וועל אײַך אָניאָגן. אויב ניט, וואַרט אַף מיר לעבן מאַרק.

אפן מאַרק שווּיבלט און גריבלט מיט פאַרשיידענע מענטשן, עס הערן זיך גע־שרייען:

— בולבעס! הייסע בולבעס! צוויי שטיק פאַר אַ דײַטשישן מאַרק! איין בולבע פאַר אַ רוסיש פּינפערל!

— זאַלץ! אַ צענערל אַ לעפעלע! אײַלט זיך. נאָר בא מיר קריגט איר זאַלץ!

— קויפט בערעזעווע קוילן!

טישן, טישלעך, שטעלעכלעך. אומעטום קויט, שמוץ. איך קוק און גלייב ניט מײַנע אויגן. ניט שוין זשע איז דאָס דער זעלבער קאַנט, וואָס האָט באַזאַרגט פיל געגנטן מיט קאַרטאָפל, ליַין, פּרוכט און בוימל? נאָך מער וווּנדערן מיך די מענטשן: פון וועלכע שפּאַלטן זײַנען אַרויסגעקראָכן אָט די פאַרשווינען — די פּרעכע זליד־ניעס, וואָס דערמאָנען זשומענדיקע פליגן פאַר אַ רעגן? אָט, אַשטייגער, די גראָבע סעדעכע מיטן דרײַענדיקן גוידער. זי האַנדלט מיט סאַמאַהאָן. דער פּרישטשעוואַ־טער יונגערמאַן אינעם גרינעם קאַפּעליוש לייגט פאָר פאַרנאָגראַפּישע קאַרטלעך. די געפאַרבטע מויד אינעם קורצן, שמאָלן קליידל ווינקט אונטער די פאַרבײַגייער. אָט איז אַ זשאַנדאַרם מיט אַ בלעכענעם נומער אַף דער ברוסט. ער באַטאַפּט יעדערן מיט זײַנע שיקערע אויגן. עס זײַנען דאָ פאַראַן אויך אַ סאַך הונגעריקע, וואָס קאָ־נען, פונקט ווי מיר, ניט אָפּרײַסן דאָס אויג פון די אָנגעשניטענע דינע ריפּטלעך ברויט. אַ האַלבער מאַרק באַשטייט פון בעטלער. יונגע און אַלטע, קרומע און בלינדע, געשוואָלענע און אויסגעדאַרטע. זיי זײַנען זיך אַהער צונויפגעפלויגן, ווי פויגלען צו אַ פּרעמדער סודע, און אַלע בעטן:

— שענקט א נעדאָווע, גיט עפּעס די נעשאָמע אונטערצוהאַלטן.

איינער אַן אָרעמאַן מיט אַן איַינגעפאַלענער ברוסט, מיט גלאַנציקע טובערקו־ליאָז־פלעקן אויף די באַקן זיצט, די פיס אונטער זיך, דעם קאָפּ אויף א זייַט און זינגט א סאָוועטישע ליד. שטילערהייט זאָג איך נאָך די באַקאַנטע ווערטער...

עס איז קאָנטיק, אַז דער זינגער ליַידט פון שטאַרקע ווייטעקן. ער הוסט, און אויף זייַנע טרוקענע בלויע ליפּן פאַרבלייַבן ראָזע פלעקן. דער פויער, וואָס זיצט ניט ווייַט פון אים באַ א קויש מיט לינדן־קאָרע, פון וועלכער ער פלעכט פּאָסטע־לעס, רוקט אים אונטער עפּעס פון זייַן באַשיידענעם וואַרמעס. א ייִנגל מיט א פּאַריסן, ברייט נעזל און מיט פאַרפּלאָנטערטע ווייַספלאַקסענע האָר, — ער, וואָס פּילט זיך דאָ, ווי א פיש אין וואַסער, — שווענקט אויס די קוואָרט און דערלאַנגט דעם זינגער א טרונק. א ווייַלע שטייט דאָס ייִנגל ווי א דערוואַקסענער, מיט א שטרענג און באַצאָרנט פּאָנעם, דערנאָך דערזעט ער מיסטאָמע עפּעס אַזוינס, וואָס צווינגט אים פאַרגעסן אין זייַן ניט־ייִנגלשער זאָרג, און צעלאַכט זיך, ווי נאָר א קינד קאָן. ווידער קלינגט זייַן קעלכל:

— וואַסער, וואַסער, ערשט פון ברונעם, קאַלט און נאַס! ווער עס איז דאָרשטיק, שנעלער אהער!

דער זשאַנדאַרם באַוויַיזט אים פונוויַיטן זייַן שווערן פויסט. דער קליינער וואַ־סערטרעגער דערשרעקט זיך אָבער ניט. פאַרקערט, ער גייט אליין אריבער אין אָנגריף — פאַרשטייט זיך, אויף זייַן ייִנגלשן אויפן. צוערשט שטעלט ער ארויס דעם שפּיץ צונג. און ווען דער זשאַנדאַרם לאָזט זיך צו אים גיין, באַוויַיזט ער אים מיט א פינגער אין א זייַט. דאָס דאַרף באַטייַטן: שטיי, פּעמפּיק, היץ זיך ניט, דו טו בעסער א קוק, ווער עס גייט! זע, זאָלסט אליין ניט אריַינכאַפּן קיין פּסאַק. פאַר־שטאַנען?

און דער זשאַנדאַרם מוז אים פאָלגן. ער פאַריכט דעם רימען, דעם בלעכענעם נומער אויף דער ברוסט, און מיט א כּניפּעדיקן שמייכל לאָזט ער זיך באַגעגענען „נאַטשאַלסטווע“.

צו אונדז דערנעענטערט זיך אַן אָפיצערן־פּאַטרול. א הויכער אונטער־אָפיצער פרעגט שטרענג באַ גיונטערן:

— קיין אַנדער אָרט, וווּ זיך אָפּשטעלן, האָט איר ניט געקאָנט געפינען?!

— אַזוי האָט מיר דער פעלדפעבעל באַפוילן, — ענטפערט רויִק גיונטער.

— איר פירט זיי אויף ארבעט?

— ניין, אין פעסטונג.

— איז ניטאָ וואָס צו שטיין דאָ, גייט!

אַזויפיל וואַסערן זייַנען שוין אַוועקגעשוווּמען, זינט איך בין אין געפאַנגענ־שאַפט, נאָר ווידער, ווי אין די ערשטע טעג, טרייַבט מען אונדז איבערן שאָסיי־וועג מאָסקווע — וואַרשע, וואָס שנייַדט איבער אויף דער העלפט באָברויסק.

אפן ראָג פון דער הויפּט־גאַס, אויף דער איינציקער וואַנט פון א דרייַשטאָקיקן כאָרעוון מויער, האָט זיך, באַנאַנד מיטן נייַעם, ניט געבעטענעם נאָמען פון דער גאַס, פאַרהיט דאָס שילדל מיט דער אויפשריפט: Ул. Социалистическая [1] מע קאָן, פאַרשטייט זיך, אראָפּרייַסן דאָס שטיקל בלעך, נאָר דאָס וואָרט איז ניט אויסצו־מעקן פון זיקאָרן...

---

[1] סאָציאַליסטישע גאַס.

די פעסטונג איז פון דרײַ זײַטן ארומגערינגלט מיט די וואסערן פון דער בע־רעזינא. הײַנט איז זייער א הייסער טאָג, די ערד און די לופט זײַנען אָנגעגליט, די שטיינער בריִען די פיס. א פאסיקל שטויב הייבט זיך אוף נידעריק בא דער ערד — דאָס האָט א מײַזל זיך געלאָזט פונעם ערד־וואל צום שטיינערנעם טורעם.

אינווייניק, אין דער פעסטונג, ציִען זיך עטלעכע וואלן. זיי זײַנען אויסגעלייגט פון ציגל, באדעקט מיט ערד און באוואקסן מיט ווילדגראָז. אף די דעכער פון די בלינדע שטיינערנע טורעמס וואקסן בערעזעס, ליפעס. אין די ערד־וואלן געפינען זיך טונעלן, ווו עס האלטן זיך אוף פראנק־און־פרײַ טשאטשעס מײַז און שטשורעס.

אונדז האָט מען ארײַנגעפירט דורך די טויערן, ניט ווײַט פונעם ווײַסן קלויס־טער. קעדיי באהאלטן זיך פון דער ברענענדיקער זון, האָט גיונטער זיך פארקליבן אין דער וואכטיאַרקע, לעבן וועלכער ס'איז געשטאנען א סלופּ אונטער א גרין דעכל. ער האָט באפוילן צוויי אַרטיקע פּאָליצײַען, זיי זאָלן אונדז נאָכקוקן. די פּאָליצײַען האָבן וועגן עפּעס זיך גענומען סוידען, און איינער פון זיי האָט זיך געלאָזט צו דער געבײַדע, וואָס אנטקעגן.

אין לאגער, פונוואנען מיר זײַנען געקומען, האָבן די פּאָליצײַען געסטארעט זיך אָפּצוזונדערן פון די געפאנגענע, ווי הייליקע פון זינדיקע. און דאָ שמועסט מיט אונדז א פּאָליציי געמיטלעך, פרעגט זיך נאָך, פונוואנען מיר זײַנען, דערציילט אונדז, ווי ער האָט זיך געראטעוועט, בייס מע האָט אין הארבסט 1941 לעבעדי־קערהייט פארברענט א פארטיע געפאנגענע. צו קאזימיר אווערעאָוון, וועלכער שמו־עסט מיט אים, ווענדט ער זיך אף „איר".

— איר ווייסט, — שמייכלט ער צו אים קימאט פרײַנטלעך, — איך וואָלט בע־סער געוואָלט דינען אין מאָלעווער לאגער.

— פארוואָס?

— אָט זעט, ווי זיי שלעפן זיך, די געפאנגענע, ניט קיין קאָלאָנע, נאָר א קנויל שמאטעס, קיין איינער פון זיי איז ניט אָנגעטאָן, ווי איר.

— הער פּאָליציי, — מישט זיך ארײַן שומאָוו, — אויך אין מאָלעווער לאגער איז קאזימיר וולאדימיראָוויטש געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געהאט גאנ־צע הויזן, א גוטן קיטעל און לעדערנע שטיוול. ער איז געווען בא אונדז דער הויפּט־סאניטאר פון לאזארעט.

— אנו, באווײַזט נאָר אָקאָרשט אײַער רימען, — ווענדט זיך דער פּאָליציי צו אווערעאָוון.

— נאטו!

— איר זעט, ער פאסט מיר. ערן־וואָרט, ווי אָנגעמאָסטן.

צו אונדז האָט זיך דערנעענטערט דער צווייטער פּאָליציי. מיט דרײַ פינגער פון דער רעכטער האנט האָט ער געטראָגן א קויטיקן, צעריסענעם אָנצוג. ער האָט אים א שלײַדער געטאָן אף דער ערד און געזאָגט צו זײַן כאווער:

— איך אײַל זיך, מע רופט מיך...

דער פּאָליציי, וואָס האָט געשמועסט מיט אונדז, האָט מיטן שטיוול אָפּגעוואָרפן די גימנאסטיאָרקע אין איין זײַט, די הויזן אין א צווייטער און געמיטלעך, ווי פריִער, זיך געווענדט צו אווערעאָוון:

— טוט זיך איבער, אָבער שנעלער.

אין מאָלעוו וואָלט דעם „לאגער־אריסטאָקראט" אווערעאָוון אזעלכס געקאָנט באפוילן בלויז א דײַטש. אויך איצט מיינט ער נאָך, קאזימיר וולאדימיראָוויטש, אז

דאָס איז ניט מער, ווי א שפּאַס. נאָר דער פּאָליצײַ צעשפּיליעט שוין די קנעפּלעך אַף זײַן ברוסט. ער טוט עס ניט געײַלט, רויִק, אַזוי אַז מע קאָן מיינען — אליין אוועראָוו האָט זיך געבעטן אים אויסטאָן. נאָך זײַנע באַוועגונגען איז צו זען, אַז ער באַהערשט די קונסט פון ראַבעווען. זאָל נאָר דער געליטענער זיך קעגנשטעלן, וועט ער אים אַראָפּרײַסן דאָס העמד צוזאַמען מיט דער הויט, ווי מע רײַסט קאָרע פון א בוים.

אָט דער מאַראָדיאָר — דאָס איז שוין גאָר ניט דער דאָרפישער באָכער, וועלכער האָט ערשט אַזוי געלאָסן געשמועסט מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן.

בא קאַזימיר וולאַדימיראָוויטשן האָט דאָס פּאָנעם זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט זיך א שטעל געטאָן קעגן דעם פּאָליצײַ און זיך ניט אונטערגעגעבן, ביז יע־נער האָט אים ניט גענומען פּאַסעווען מיט דער נאַהײַקע.

איך מאַך עטלעכע שפּאַן אַף צוריק און הייב אָן רופן גיונטערן.

— וואָס איסט דאַס? — שרײַט ער פונדערווײַטן.

דער פּאָליצײַ איז אַזוי זיכער אין זײַנע רעכט, אַז ער געפינט ניט פאַר נייטיק צו פאַרענטפערן זיך. און עפּשער קען ער גאָר קיין דײַטש ניט?

קאַזימיר, א פאַרבלוטיקטער, אין א צעריסן העמד, לאָזט זיך אַנטקעגן גיונטערן.

— אינמיטן העלן טאָג ראַבעווען! — שרײַט ער. — אַליין, דאַכט זיך, א געפאַנ־גענער, און איז גרייט פאַר א שמאַטע איבערהריזען דעם האַלדז.

— קאָם היר! — רופט גיונטער דעם פּאָליצײַ.

איך ווייס, וואָס ער וועט באַלד טאָן.

— דעם רימען אהער! לייג זיך!

דער רימען שנײַדט מיט אַזא פײַף די לופט, אַז איך וואָלט געקאָנט שווערן: פאַר גיונטערס אויגן שטייט די ציגײַנערטע מיט איר אומגעבראַכט קינד, דער אַל־טער אײַזנבאַנער, וועלכער האָט זיך געוואַגט אײַנשטעלן פאַר איר, און, מעגלעך, אויך זײַן פרײַנט, דער ווינער דאָקטער לעווי...

— וואָס איסט דאַס?

די זעלבע פראַגע, וואָס גיונטער האָט פאַרגעבן דעם פּאָליצײַ, שטעלט איצט אים, גיונטערן, אַן עסעסאָוועץ, אַן אָבערלייטענאַנט. גיונטער פורגעל טרייסלט אָפּ פון זיך דעם שטויב, טוט א קלאַפּ מיט די אָפּצאַסן:

— הײַל היטלער!

— הײַל! וואָס קומט דאָ פאָר?

— דיזעס שווײַן, — באַווײַזט ער אַפן פּאָליצײַ, — האָט פאַרגעסן, ווער עס האָט דאָ צו שאַפן.

— גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז אַזוי. בא אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך אײַך געזאָגט א דאַנק, נאָר דאָ איז שטרענג פאַרבאָטן אין אָנוועזנהײַט פון געפאַנגענע שלאָגן א פּאָליצײַ. קלאָר?

— יאַוואָל, הער אָבערלויטנאַנט.

מיר אַלע זיצן אַף דער ערד. בלויז אוועראָוו און דער פּאָליצײַ שטייען ווי די הענער, וועלכע האָבן זיך צעטשובעט. פאַרן פּאָליצײַ איז עס, ווײַזט אויס, ניט די ערשטע און ניט די לעצטע „שלאַכט־אָפּעראַציע״. נאָר קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער ווייסט, אַז פון דעם פאַרשוין וועט ער אַזוי גרינג ניט פּאָטער ווערן. איצט, ווען אין גאַס איז א סאַרפּענדיקע היץ, טוט ער א ציטער מיטן גאַנצן לײַב. פון אונטער זײַנע געדיכטע ברעמען קוקט ער אַף אונדז.

אף מיר פארהאלט ער דעם בליק לענגער. מיר דוכט, אז ער האָט כאראָטע, וואָס ער האָט מיר ביז איצט ניט דערציילט, וויאזוי ער האָט זיך איינגעשטעלט פאר מיר. איצט, ווי קיינמאָל, דארף ער א זיכערן פריינט. ער זעצט זיך צו לעבן מיר. דער פּאָליציי שפאנט הין און צוריק. אווראָוו קלייבט אויס א פּאסיקע רעגע און פרעגט מיך:

— האָסט מיט וואָס צו פארטיידיקן זיך?

— א נאָדל און א גאָלמעסערל, — שעפּטשע איך.

א נאָדל — דאָס כידעשט אים ניט, ווייל ער ווייסט, אז איך האָב א גאַנצן ווינטער געניית פון אלטע קאָלדרעס ווארעמע היטלען. נאָר א גאָלמעסערל? ער קוקט אף מיר פארוואונדערט. איך דערקלער אים:

— געדענקסט אלווארדיאנען? דאָס איז זיינס.

— דו זאָלסט וויסן, אז איך רעכן אף דיר אויס.

— מעגסט זיין זיכער, קאזימיר.

שומאָוון ווילט זיך זייער וויסן, וועגן וואָס מיר שמועסן. זיין נייגעריקייט האָט גאָר ניט קיין גרענעץ. עס קאָן זיך דוכטן, אז ער דרעמלט, נאָר גלייבן זיינע צו־געמאכטע אויגן איז געפערלעך.

— דו, מענטש, קאָם הער! — זאָגט גיונטער אין אונדזער זייט.

שומאָוו, וואָס איז שטענדיק גרייט דינען, שטייט שוין אף איין קני, ער שמייכלט און ווייזט מיט דער האנט אף זיך.

— גיי, — שטופּט מיך אונטער אווראָוו, — דאָס מיינט ער מיסטאם דיך.

דאָס בלוט ווערט בא מיר ווידער פארקילט אין די אָדערן. געוויס האָט זיך אומ־געקערט דער פעלדפעבעל. אויב אזוי, קאזימיר וולאדימיראָוויטש, האלטן מיר ביידע שמאָל...

— איך הער אייך.

— שפּרעכן זי דויטש?

— שלעכט, — ענטפער איך.

— פערשטייען זי דויטש?

— א ביסל.

ער דערלאנגט מיר דאָס דעקל פונעם סאָלדאטישן קעסעלע, ווייזט אף דער אייזערנער פאס מיט וואסער, וואָס שטייט ניט ווייט פונדאנען, און זאָגט אף א געבראָכענעם רוסיש:

— טי מניע בודיעט פּאָליוויי[1].

אליין טוט ער זיך אויס האלב נאקעט. אָן די ברילן איז ער גאָר אף זיך ניט ענלעך. זיין פארוואקסן פּאָנעם איז ווי קלענער געוואָרן. די ליפּן — נאָך דינער. זיינע טיפע גרויע אויגן — אָט קוקן זיי אף דיר שטרענג, און אָט דוכט זיך, אז אויב ער בייזערט זיך אפילע, איז אויך אָן סינע, ווייל די גאנצע צייט לייכט אין זיי אן איראָניע־פייערל. בא אים איז א ברייטע ברוסט, שטייפע מוסקולן און א גלאטע הויט. פון זיין ביקס, וואָס ער האָט אָנגעשפּארט אין דער וואנט, נעמט ער ארויס דעם שלאָס און לייגט אים אריין אין דער הויזן־קעשענע.

ניט אנדערש, אז גיונטער האָט באמערקט, ווי איך באלעק די איבערגעטריקנטע ליפּן. ער דערלויבט מיר זיך אָנטרינקען מיטן ווארעמען ברודיקן וואסער פון דער

[1] דו וועסט מיר אופגיסן.

פאס. איך קוק, ווי גיונטער זייפט זיך דאָס פּאָנעם. ער דרייט אויס צו מיר דעם קאָפּ, נאָר די אויגן זײַנען בא אים פעסט צוגעמאכט.

— דײַן פאמיליע איז לעווי?

איך שווײַג א ווײַלע, צעטרײַב דעם גרינעם שוים אין דער פאס און דערזע אין וואסער מײַן פּאָנעם. עס וויגט זיך צוזאמען מיט די דריבנע כוואליעכלעך, וועלכע איך האָב צעהוידעט. איך און מײַן אָפּשײַן — א מיילעך פּיק. אזעלכע צווייענדיקע מענטשעלעך מאָלט מען אף קאָרטן. נאָר יענע זײַנען מער ענלעך אף מענטשן.

אָט דאָס בין איך? אויסגעדארט, פארוואקסן. ניט אף קיין ייִד, ניט אף קיין טאָטער, ביכלאל בין איך אף קיין מענטשן ניט ענלעך.

— לעווי איז מײַן פאמיליע.

— און איך האָב געמיינט, — זאָגט ער, — אז לעווי איז א נאָמען, ניט קיין פאמיליע. וועגן לעוו טאָלסטאָי האָסטו געהערט?

אויך ער, גיונטער, מיינט, אז מיר זײַנען ווילדע מענטשן.

— געהערט! — ענטפער איך.

— ווער ביסטו לויט דײַן פאך?

איך וועל אים, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז ווען ניט די מילכאָמע, וואָלט ער איצט מיך געקאָנט אָנרופן קאָלעגע.

— אן ארבעטער.

— אזוי גאָר? — כאזערט ער איבער שוין צום ווייפלטן מאָל די דאָזיקע ווערטער. — איז לאָמיר זײַן באקאנט. איך בין א פּעדאגאָג, מײַן נאָמען איז גיונטער און די פאמיליע פורגעל. צי עפּשער וועסטו זאָגן, אז אויך וועגן מיר האָסטו געהערט? — צעלאכט ער זיך.

— יאָ! איר זײַט א לינגוויסט. — צום ערשטן מאָל שטעל איך זיך אײַן און זאָג דאָס אף דײַטש. איך כאזער איבער טאקע גיונטערס ווערטער: — „רוסישע ליטעראטור איז גוט! טאָלסטאָי, טורגעניעוו, — און, ווי ער דעמלט באנאכט, קוק איך זיך ארום און זאָג שטיל און צעצויגן: — גאָרקי... גוט!״

— דאָנערוועטער! וואָס איז דאָס פאר א וווּנדער?

— הער פורגעל, קיין שום וווּנדער. איר האָט מיך שוין איין מאָל געראטעוועט. דערמאָנט זיך. עס איז געווען הארבסט־צײַט, באנאכט. איר זײַט אינצווייען געשטאנען אפן פּאָסטן, און מיך האָט מײַנער א כאווער, פּיאָדער פּימענאָוו, אויך א פּעדאגאָג, געשלעפּט אין לאזארעט. עפּשער געדענקט איר, ווי איר האָט מיך באלויכטן מיט אײַער קעשענע־לאמטערן און געזאָגט: „רוס קאפוט״... זאָגט מיר, ביטע, מער האָט איר מײַן כאווער ניט באגעגנט?

— ניין. כאָטש כ׳האָב, דוכט זיך, א טאָעס. איינמאָל, ווען איך האָב דעזשורעט אין קיך, איז ער צו מיר צוגעגאנגען. נו, מענטש, אויב נאָר דו לײַגסט ניט, ביסטו געבוירן אין א גליקלעכער שאָ. זאָג מיר, לעווי, נאָר האָב ניט קיין מוירע, איך דארף עס וויסן, דו ביסט א ייִד?

— מײַן פאמיליע איז לעווי.

— דאָס ווייס איך שוין. נעכטן, ווען דו ביסט געשלאָפן, איז געקומען מײַן פעלדפעבעל, דער זעלבער, מיט וועלכן מיר זײַנען דאַן צוזאמען געשטאנען אפן פּאָסטן. דײַן פאמיליע זעט אים אויס פארדעכטיק. פארשטאנען? א מענטש איז ער גאָר ניט קיין שלעכטער, נאָר דעם אמט זײַנעם האָט ער באקומען דאָ ניט לאנג. און ווי יעדער נײַער בעזעם, קערט ער ריין... אויב נאָר דו האָסט פאר וואָס מוירע

צו האָבן, איז געדענק, אז היינט וועט איר דארפן דורכגיין א מעדיצינישע קאָ־מיסיע. ענטפער, לעווי, עפשער קאָן איך דיר, קאמראד, מיט עפּעס העלפן?

ניט געקוקט אף דעם, וואָס אין וואָרט „קאמראד" האָט ער ארייַנגעלייגט א סאך ווארעמקייַט, האָב איך דאָך ניט געקאָנט פארגעסן, אז ער טראָגט א גרוי־גרינעם מונדיר. ווען ניט זייַן צוטרוילעכער שמייכל, וואָלט ער זיך דערוווסט פון מיר ניט מער, ווי פון אָט דער וואַנט, צו וועלכער עס איז אָנגעשפּארט זייַן ביקס.

— העלף, קאמראד!

איך האָב זיך אליין דערשראָקן פאר מייַן ענטפער און גלייַך צוגעגעבן:

— לעוו איז מייַן פאמיליע.

מייַן צערודערטקייַט האָט זיך, ווייַזט אויס, אויך אים איבערגעגעבן.

— דאָ ווייסט נאָך עמעצער וועגן דעם?

— ניין.

— און יענער, דער כאַווער דייַנער, דער פעדאגאָג, האָט געוווּסט?

— יאָ.

גיונטער טוט אָן די ברילן, כאפּט זיי נערווועז צוריק אראָפּ, ווישט די גלעזלעך, זשמורעט די קורצזיכטיקע אויגן, גלייַך ער וואָלט נאָך ניט געגלייבט די אייגענע אויערן.

אינגאנצן איז פארשווונדן מייַן אומצוטרוי, ווען ער האָט מיר א שטארקן דריק געטאָן די האנט און פייַערלעך, ווי ער וואָלט שטיין אף דער קאטעדרע, געזאָגט:

— א דאנק. אויב נאָר איך וועל ניט אומקומען, וועל איך מייַן גאנץ לעבן זיך גרויסן, וואָס דו האָסט מיר פארטרויט דייַן סאָד...

גיונטער האָט מיך ארייַנגעפירט אין דער וואכטיאָרקע, דערלאנגט מיר ברויט מיט פּוטער. דעם טאַם פון אָט דער מענטשלעכער שפּייַז וועל איך קיינמאָל ניט פארגעסן.

— כאפּ ניט אזוי, ס'איז דאָ נאָך. דו טאָרסט זיך ניט אָנעסן. נאָך אזא הונגער איז עס א זיכערער טויט.

אליין איז ער געשטאנען לעם דער וואכטיאָרקע און קלוימערשט גערייניקט דעם שלאָס פון דער ביקס.

גיונטער פורגעל

אין מאָלעווער לאגער האָבן די דאָקטוירים געהאט א דאך איבערן קאָפּ, זיי פלעגן צו דער צייַט באקומען די פּאָרציע באלאנדע, די פּייַקע ברויט. די דאָקטוי־רים האָט מען ניט געטריבן אף קיין שווערער ארבעט. כוץ דעם „אָבער־ארצט" לעאָן, פלעגט קימאט קיינער פון די דייַטשן ניט דערוועגן זיך ארייַנקוקן אין לאַ־זארעט — זיי האָבן מוירע געהאט פאר אָנשטעקנדיקע קרענק. ווען עמעצער פון די וואכלייַט פלעגט אָבער זיך ארייַנרייַסן אהין, האָט לעאָן אים גלייַך ארויסגעע־שטעלט פון יענער זייַט טיר.

שטארק דערשטוינט זייַנען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דאָ אין דער פעסטונג דערזען צוויי רוסישע דאָקטוירים, בא וועלכע עס האָבן פון אונטער די כאלאטן זיך ארויסגעזען נייַע גרין־גרויע אָנצוגן מיט דייַטשישע אָפיצערישע פּאָגאָנעס.

איינער פון זיי — א באיאַרטער, א קליינוווקסיקער, מיט א געגאָלטן פליכע־וואטן קאָפּ און גרויסע סטארטשענדיקע אויערן; דער צווייטער — א מיטליאַריקער, מיט בלאָנדע, קימאט ווײַסע האָר און מיט קאלטע בלויע אויגן, וועלכע האָבן אים ענלעך געמאכט אַף א דײַטש.

דער קליינוווקסיקער מיטן געגאָלטן קאָפּ האָט זיך געווענדט צו אווראַוון:

— איר זײַט א דאָקטער? וואָס איז אײַער פאך? אהא, איר זײַט גאָר קיין דאָק־טער ניט? איז וואָס פאר א רעכט האָט איר צו טראָגן דעם רויטן קרייץ?

אווראַוו ענטפערט מיט א פראגע:

— דערלויבט זיך דערוויסן, ווי אזוי זיך ווענדן צו אײַך?

דער דאָקטער מעסט אים אָפּ מיט די אויגן.

— איך בין קראמעץ, דער הויפּט־דאָקטער פון זאָנדער־לאזארעט, וועלכן איר וועט רעמאָנטירן. פארשטייט זיך, אויב איך וועל אײַך נעמען אהער. דערנאָך, מעג־לעך, וועל איך אײַך איבערלאָזן ארבעטן אין מײַן לאזארעט. מיך דארפט איר רופן „הער האופּטמאן".

די לעצטע ווערטער האָט ער ארויסגערעדט מיט שטאָלץ.

— הער קאפּיטאן, איך...

— א קאפּיטאן פון מעדיצינישער דינסט, — האָט ער איבערגעשלאָגן אווע־ראַוון, — בין איך געווען אמאָל אין אײַער רויטער ארמיי. דאָרט בין איך געצוווּנ־גען געווען היילן קאָמיסארן, יידן. דאָ שטייט פאר אײַך א דײַטשישער האופּטמאן, פארגעדענקט עס!

— אנטשולדיקט, הער האופּטמאן. איך בין ניט קיין קאָמיסאר און ניט קיין ייִד, איך בין א זאָאָטעכניקער, און דעם קרייץ טראָג איך אלס הויפּט־סאניטאר פון מאָלעווער לאזארעט. זיי אלע, — האָט ער געוויזן אַף אונדז, — זײַנען דערפארענע סאניטארן.

— דערלויבט, הער האופּטמאן! — האָט זיך ארײַנגעמישט שומאָוו. — איך בין צווישן זיי דער איינציקער מיט ספּעציעלער מעדיצינישער בילדונג.

— אזוי? איז מיט וועמען האָב איך די ערע? זײַט איר אן אקאדעמיקער אָדער בלויז א פּראָפעסאָר? אָך, אין ארמיי, זאָגט איר, האָט איר פארענדיקט סאניטאר־קורסן? פֿײַן, פֿײַן. איז פארגעדענקט: מעדיצינישע בילדונג האָבן דאָ בלויז אנאטאָ־לי לעאָנידאָוויטש און איך! איר, מײַנע הערן, וועט טראָגן וואסער, ליים, ציגל, קאלך, רייניקן דאָס מיסט. מאָרגן, אשטייגער, וועט איר פארשיטן דעם אלטן קלאָ־זעט. און איצט טוט זיך אויס, זײַט מוחל.

אומזיסט האָט קאזימיר וולאדימיראָוויטש מוירע געהאט אראָפּנעמען פון זיך דאָס העמדל. נארישקײַטן. דער האופּטמאן בייטיקט זיך ביט אין זײַן אָנטאָן. מוירע האָבן דארף איך. וואָלטן כאָטש די טירן און די פענצטער ניט געווען אָפן, עס זאָל ניט זײַן אזוי ליכטיק.

איך שטיי אין א ווינקל און פארשטעל זיך מיטן אָנטאָן. ווען איך קאָן, וואָלט איך זיך צונויפגעדרייט, ווי א קנויל. אווראַוון קוקט דער דאָקטער ארײַן אין מויל, ציילט אים די ציין, טאפּט זײַנע מוסקולן, בייגט זיך אָן נאָך נידעריקער, גלײַך ער ווייסט ניט, אז א געפאנגענער קאָן ניט האָבן קיין ווענערישע קרענק.

„האָט עס געלוינט, טראכט איך, אזויפיל איבערטראָגן און איצט ארײַנפאלן אין די הענט צו אָט דעם ניוזעניק? איך בין געווען נאריש, ווי אָט די־אָ פליג, וואָס שלאָגט זיך אײַנגעשפּארט אין דער שויב. די פליג ראנגלט זיך, ווײַל דאָס גלאָז איז

דורכזיכטיק. דערצו וועט זי נאָך עפּשער אָפּזוכן א שפּארונע... אָבער אף וואָס פּאר א שפּארונע קאָן איך איצט האָפן?"

דער דאָקטער לייגט צו דעם פאָנענדאָסקאָפּ צו אוועראָווס פּלייצע, און אליין קוקט ער, דוכט זיך, אף מיר...

— איר טוט זיך אָן, — באַפוילט ער אוועראָוון, — און דו, — זאָגט ער צו קר־זיען, — קום אהער! — ער הייסט אים פארמאכן די אויגן, אויסציִען די הענט. ער נעמט ארויס פון טאש א קליין הילצערן העמערל און טוט מיט דעם א קלאַפּ אין קוזיעס רעכטער קני.

איך שטיי מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. עס ווילט זיך איצט קיינעם ניט זען. נאָר איך דערהער, ווי עמעצער קומט אריַין.

— גוטען טאג, הער ארצט!

איך דערקען די שטים. ס'איז גיונטער. נאָר שפּעט, גיונטער, שפּעט ביסטו גע־קומען...

איך זע, ווי גיונטער גייט צו צום טיש, רוקט אָפּ אין א זיַיט דעם דאָקטערס אַפּיר־צערן־היטל און לייגט אוועק אף דעם זעלבן אָרט זיַין סאָלדאטישע פּילאָטקע און דאָס נאָזטיכל, מיט וועלכן ער האָט אויסגעווישט דעם שוויס פון פּאָנעם.

באַם דאָקטער האָט א ציטער געטאָן די אייבערשטע ליפּ. נאָר גיונטער קוקט ניט אף אים. ער טוט א זאָג:

— וואסער! — און צום דאָקטער: — ביטע, ריין וואסער!

— אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש, — שריַיט דער האופּטמאַן צו זיַין געהילף, וואָס געפינט זיך אין צווייטן צימער. — ברענגט אהער וואסער. א דיַיטש וויל א טרונק.

אין א מינוט ארום שטייט שוין אפן טישל וואסער אין א גראפין מיט אן אָפּגע־האקט העלדזל.

גיונטער נעמט ארויס פון רוקזאק א קארטאָן־פּושקעלע און שטעלט עס אוועק לעבן גראפין, דרייט אָפּ פון זיַין פּעלדפלאש דאָס דעקל, מיט וועלכן ער באנוצט זיך, ווי מיט א גלאָז, און הייסט ברענגען נאָך צוויי גלעזער. אָנשטאָט גלעזער ברענגט דער דאָקטער א קוואָרט און א מענזורקע. גיונטער נעמט באלעבאטעווען. ער צעגיסט דאָס וואסער אין די קיילים, נעמט ארויס פון פּושקעלע א קליין היל־צערן לעפעלע און ווארפט אריַין אין די קיילים רויטלעכע טאבלעטקעס. דאָס וואַ־סער האָט אָנגעהויבן זידן און איז געוואָרן רויז.

— טרינקט! — האָט ער אופגעהויבן זיַין קווערטל.

די דאָקטוירים האָבן זיך איבערגעקוקט.

— טרינקט! — האָט ער איבערגעכאַזערט. — צי עפּשער איז איַיך ניט באוווּסט דאָס געזעץ פון קריגס־ציַיט?

ווענן וואָס פּאר א געזעץ ער האָט גערעדט, איז קלאָר געווען אלעמען: אף אן אָקופּירטער טעריטאָריע קאָן יעדער ברונעם זיַין אָפּגעסאמט. דערפאר טאקע דארף דער באלעבאָס, איידער ער איז מכאבעד זיַין גאסט, אליין זיך אָנטרינקען פונעם ברונעם.

אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש האָט ניט געטרונקען, ער האָט געזופּט טראָפּנוויַיז. דער קאָלעגע זיַינער האָט מיט איין אָטעם אויסגעטרונקען די גאנצע קוואָרט. און אָפּ־ווישנדיק די ליפּן, צופרידן א זאָג געטאָן:

— אף מיַין לעבן האָב איך נאָך אזא מין געשמאק געטראנק ניט פארזוכט. זעט איר, אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש, וואָס אזוינס איז מיַירעוו־ציוויליזאציע?

די דאָקטוירים זײַנען אופגעשטאַנען, באַדאַנקט גיונטערן, נאָר דער גאַסט האָט ניט געוואָלט זיך געזעגענען. ער האָט זיי נאָך מעכאַבעד געווען מיט רוסישן „סאַמאָסאַד״, פון וועלכן עס רײַסט אַזש אין האַלדז, און גענומען ריידן גיך־גיך:

— טו נאָר באַ זיי אַ פרעג, — האָט ער אַ ווונק געטאָן צו אוועראָוון, — פון ווען אָן האָבן זיי אופגעהערט צו גלייבן אין דער דײַטשישער מעדיצין? צי עפשער טרויען זיי ניט אָן דעם באַוווּסטן דאָקטער לעאָן?

— ניכט פערשטיין, — האָבן זיי ביידע געמאָלדן, ווי נאָר אוועראָוו האָט זיי איבערגעזעצט גיונטערס רייד.

— אַזוי גאָר? — האָט גיונטער זיך געכידעשט. — שוין זשע האָט איר ניט געהערט וועגן דעם מיליטערישן דאָקטער לעאָן? דאָס האָט ער אַליין פון הונדער־טער געפאַנגענע אויסגעקליבן אָט די עטלעכע מענטשן, — האָט ער שוין ווייכער צוגעגעבן. — דאָקטער לעאָן איז מײַנער אַ לאַנדסמאַן און גאַנץ מעגלעך, אַז ער זאָל גיך ווערן דער אָבער־אַרצט פון אײַער גאַרניזאָן.

אוועראָווס אויגן שײַנען — ער באַמיט זיך צוקלײַבן די געהעריקע רוסישע ווערטער, קעדיי ניט אָפּשוואַכן דעם אײַנדרוק פון גיונטערס רייד.

שוין גרייט אוועקצוגיין, פרעגט גיונטער באַ די דאָקטוירים, וווהין ער זאָל אונדז אָפּפירן. פאַריינס דערמאָנט ער זיי, אַז אוועראָוו איז אַ הויכגעבילדעטער מענטש און אַז דעם דאָקטער לעאָן איז ער ביז גאָר געפעלן.

— אאופווידערזען, הערן.

— אאופווידערזען. אַ דאַנק פאַר די טאַבלעטקעס.

ווידער שײַנט די זון. מיר גייען פאַמעלעך איבערן הויף, יעדערער מיט זײַנע מאַכשאָווע. גיונטער באַפוילט אוועראָוון:

— איר פירט זיי אוועק צום טורעם. און ער, — באַווײַזט גיונטער אָף מיר, — וועט מיר העלפן טראָגן דעם רוקזאַק ביזן אַרויסגאַנג.

אָט איז זי, די באַקאַנטע וואַכטיאַרקע. גיונטער זעצט זיך צו אָף דער שוועל, שלעפּט אַראָפּ זײַנע גרויסע סאָלדאַטישע שטיוול. לאַנגזאַם וויקלט ער איבער די אָנטשעס. איך שטיי אין אַ ווינקל און קוק אָף אים.

— נו? — טוט ער אַ פרעג.

וואָס זאָל איך אים ענטפערן? איך קערעווע אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זײַט. אין האַלדז וואָרגט עפּעס. גיונטער טוט אָן די שטיוול, שטעלט זיך אוף, טוט מיך אַ טרייסל פאַר די אַקסלען. דערנאָך לייגט ער צו די פינגער צו די ליפּן און זאָגט:

— שווײַג, מענטש. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וויאַזוי דו וועסט זיך מיט מיר באַגיין, ווען איך וועל אַרײַנפאַלן צו אײַך. אַנו, דערלאַנג נאָר די האַנט, אָט אַזוי. אַ שאָד, אויב מיר וועלן ניט בלײַבן לעבן. איך קלער, אַז מער קיין מילכאָמעס וועלן שוין ניט זײַן, און דו וועסט זיך מער ניט דאַרפן אויסבאַהאַלטן.

פרײַנט מײַנער, גיונטער פורגעל! ווי מיר ווילט זיך וויסן, צי דו לעבסט, ווי מיר ווילט זיך, דו זאָלסט וויסן, אַז איך לעב. אין די שפּעטערדיקע צײַטן האָב איך גע־וואָרנט יעדן איינעם, וועמען כ׳האָב נאָר געקענט: אויב איר וועט ערגעץ באַגעג־נען אַ געפאַנגענעם דײַטשישן סאָלדאַט מיטן נאָמען גיונטער פורגעל, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז אונדזערער אַ גוטערפרײַנט.

דער געפאַנגענער אָדלער

דאָ איז ענג. אַזוי ענג, אַז קוים האָסטו אופגעהויבן א פוס, איז שוין אומעגלעך אים אוועקשטעלן אפן פריערדיקן אָרט. גרויסע פליגן זשומען אָן אופהער און זעצן זיך אָן שרעק אפן פּאָנעם, פאַרקלײַבן זיך אין די אויערן און אפילע אונטערן העמד. ס'איז הייס, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען.

מע שטייט פלייצע צו פלייצע, און כאָטש מע באַוועגט קוים מיט די איבערגע־טריקנטע ליפּן, איז די לופט פול מיט א דולן הו־הא.

ווער ס'איז געווען שטאַרקער, האָט פאַרכאַפּט די אונטערשטע נאַרעס. אף די מיטלסטע האָט מען נאָך געקאָנט געפינען א פרײַ אָרט, אָבער אף די אייבערשטע, סאַמע אונטערן אָנגעגליטן דאַך, האָט קיינער זיך ניט אײַנגעשטעלט אַרופקריכן.

אוועראָוו סאָפּעט שווער און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געשטאַנען אף דער אויבערדעק פון א שיף בײַם א שטורעם. דאָס פּאָנעם איז באַ אים רויט, פאַרפּאַליעט. אפן האַלדז האָבן זיך אָנגעבלאָזן בלויע אָדערן. ער פרעגט באַ זײַן שאָכן, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט:

— פאַרוואָס האַלט איר פאַרמאַכט די טירן?

יענער צעעפנט ברייט די אויגן און קוקט פאַרכידעשט אף אוועראָוון.

— ביסט פון הימל אַראָפּגעפאַלן, צי וואָס? דו ווייסט דען ניט, אַז אפילע אַרויס־גיין און אַרײַנגיין דאַרף מען אַזוי, אַז וואָס ווייניקער פליגן זאָלן אַרויספליִען פון באַראַק? פאַרוואָס פרעגסטו? כאָטש די קאַזאַרמע פון די פריצן איז ווײַט פונדאַנען, ציטערן זיי פאַר דיזענטעריע.

איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס די דײַטשן האָבן דאָ באַפוילן אופהענגען קלעפּיקע פּאַפּירענע סטענגעס.

דער פּאָליצײַ טוט א קלאַפּ אין דעם שטיק רעלס, וואָס הענגט באַם אַרײַנגאַנג אף א סלופּ. עס ווערט גלײַך שאַ־שטיל. ער רעדט ניט, דער פּאָליצײַ, נאָר ער בילט אַרויס קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— סאַניטאַרן פון מאָלעווער לאַגער, שנעלער נעמט די קעסעלעך און מאַרש נאָך באַלאַנדע!

ווײַזט אויס, אַז אין אַלע לאַגערן קאָכט מען די באַלאַנדע לויט איינעם און דעם זעלבן רעצעפּט: ברודיק וואַסער, שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, א ביסל קלײַען, און א סאַך זאַמד, וואָס בלײַבט דערנאָך איבער אפן דעק פון קעסעלע. באַלאַנדע! סאַראַ וואָרט. מאַמעש ניט צו באַנעמען, אַז א געקעכץ זאָל מען אַזוי אָנרופן. נאָר ווער ס'האָט געהאַט די „זכיה" אָט דאָס מײַכל צו פאַרזוכן, יענער ווייסט, אַז אפן טאָם איז עס נאָך פיל ערגער, ווי דער נאָמען. אָבער דערפאַר איז די פּײַקע ברויט דאָ גרעסער, ווי אין מאָלעוו, און בעסער אויסגעבאַקן. אוועראָוון רוק איך שטילער־הייט אונטער א שטיקל ברויט מיט פּוטער — איינס פון די צוויי, מיט וועלכע עס האָט מיך מעכאַבעד געווען גיונטער. אוועראָוו קוקט אף מיר, ווי איך וואָלט פון זינען אַראָפּ.

— האָסט אויסגעהאַלטן? ניט אופגעגעסן? וואַרט א רעגע, איך שטויס זיך אָן, אַז גיונטער האָט דיר מיסטאַם דערציילט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען נעכטן אין אָוונט.

ווי פאַרשיידן, טראַכט איך, עס זײַנען מענטשן. ניקאָלײַ סערגייעוו האָט זיך אפילע ניט פאַרכידעשט, ווען נאָך אַזויפיל טעג הונגער האָבן מיר אין סוכיניטשער לאַגער זיך געטיילט מיט אים מיט אונדזער ערשטער פּאָרציע באַלאַנדע, און אין

קריטשעוו — מיט דער ערשטער פּײַקע ברויט. ס'איז אָבער געקומען א צײַט, ווען ער אליין איז ניט בעקויעך געווען האלטן וואָרט און איבערלאָזן עפּעס פון זײַן כיילעק.

פּעדיע פּימענאָוו, אליין א האָר פון טויט, איז געווען טיף באליידיקט, ווען איך האָב זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן נעמען בא אים א כיילעק. „אַף קאַפּאַרעס דארף איך דײַן ראכמאָנעס. איך ווייס, אז ביז איך לאָז עפּעס איבער פונדעסטוועגן, בין איך נאָך א מענטש״, — האָט ער געטײַנעט.

און קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש קאָן זיך אפילע ניט פאַרשטעלן, אז אין געפאַנ־גענשאַפט זאָל זיך עמעצער אָן א פאַרוואָס טיילן מיט א שטיקל ברויט.

— איך פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס דו רעדסט, — זאָג איך, — דער דײַטש האָט מיר געגעבן צוויי שטיקלעך ברויט. איינס פאר מיר, און איינס האָט ער געהייסן איבערגעבן דיר.

— ערשטנס, — זאָגט ער מיר, — איז ער ניט קיין דײַטש, נאָר אַן עסטרײַכער. און, צווייטנס, ווען היטלערס גאנצע ארמיי זאָל באַשטיין פון אַזעלכע סאָלדאַטן, וואָלט דער פיורער שוין פון לאַנג פאַרשפּילט די מילכאָמע.

„מיט אַזא ארמיי וואָלט ער זי ניט אָנגעהויבן״, ווילט זיך מיר אים פאַריכטן, נאָר איך דערלויב זיך נאָר א צוק טאָן מיט די אַקסלען, וואָס מע קאָן טײַטשן, ווי מע וויל: אי ווער ווייסט, אי ניט אונדזער זאַך.

— און איך, — זעצט פאָר אוועראָוו, — וואָלט דאָס שטיקל ברויט ניט דער־טראָגן. אָט אפילע איצט, — האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר די פרײַע האַנט, — גיב מיר א שטיקל פון דײַן פּײַקע, וועל איך עס אויך גלײַך אופעסן.

זײַן האַנט האָט א ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט אַפּאַנעמעסן געוואָלט ארויס־רײַסן בא מיר דאָס ברויט.

— פאָרזיכטיקער, אויב דיר גלוסט זיך ניט באַקומען הײַנט א צווייט מאָל אין באַק.

בענעגייע אוועראָוון האָב איך זיך אַזוינס נאָך קיינמאָל ניט דערלויבט.

— לאָזט זיך אויס, דו בײַסט זיך.

ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר זיך פאַרקליבן אַף די אייבערשטע נאַרעס. צו אַלץ דארף מען, ווײַזט אויס, געוווינט ווערן. אַנדערע ליגן, ווישן מיטן ארבל דעם שווייס פונעם פּאָנעם, און גאָרניט — מע קלאָגט זיך ניט. איך האָב שוין צעכראַסטעטע דאָס העמד אַף דער ברוסט און אַלצייינס ניט געהאַט מיט וואָס צו עטעמען. עס וואַרגט אין האַלדז, שווינדלט אין די אויגן, הלושעט אין די אויערן. אַזוי דארף מיסטאַמע זיך פילן א פיש, ווען מע וואַרפט אים ארויס אַפן זאַמד. עס זאָל זײַן מײַן דייע, וואָלט איך באַדײַ אָפּגעשטאַנען א נאַכט אַף די פיס, נאָר זיך ניט פאַרקליבן אונטערן אָנגעגליטן בלעכענעם דאַך. האָט אָבער אוועראָוו מוירע, אז אים וועט קומען זוכן דער פּאָליצײַ, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט צעפּאַטשט.

לעבן מיר ליגט א מענטש, בא וועלכן עס פעלן די פּאָדערשטע ציין. די הענט האַלט ער צונויפגעלייגט, ווי ער וואָלט טפילע געטאָן. ער רײַסט ניט אָפּ די אויגן פון א פאַרגעלטער פּאַטאָ. ריבוינעשעלוילעם, ווי דאַר ער איז! די געלע, דין־פאַר־מעטענע הויט אַפן פּאָנעם איז אַזוי אָנגעצויגן, אז עס איז נאָר א וווּנדער, וואָס זי פּלאַצט ניט. וויפל איז ער אַלט?

— איר ווילט א קוק טאָן אַף מײַן פרוי? — פרעגט ער שעמעוודיק און דער־לאַנגט מיר א פּאָטאָ־קאַרטעלע. ער וואָרנט שטיל: — פּאָרזיכטיק, איך בעט אײַך. מער פאַרמאָג איך גאָרניט.

איך האָב זיך ניט געקליבן אָנקניפּן קיין נײַע באַקאַנטשאַפטן, איז צוליב וואָס געוואָען דאָס זאָגן:

— איך פאַרמאָג דאָס אויך ניט.

ער פּרוּווט זיך נאָך א ווײַל טאָן:

— קיין פרוי צי קיין קאַרטל?

— ניט דאָס און ניט יענץ.

דאַכט זיך, גענוג. מע קאָן דערמיט ענדיקן. נאָר קיין כאַזער טאָר מען אויך ניט זײַן. טראָג איך צו די פּאָטאָ נענטער צו די אויגן און דערזע א מילדן, שמייכלענ־דיק פּאָנעם, צעכוואַליעטע האָר. אויב זיי זײַנען אין איין עלטער, איז אים איצט בא די פינף און דרײַסיק. און איך קאָן זיך אים אפילו ניט פאָרשטעלן א יונגן. עפּ־שער איז עס דערפאַר, ווײַל דער לאַגער־פאַבריקמאַכער האָט אים אָפּגעסקובעט אַזוי, אַז אפן קאָפּ זײַנען געבליבן בלויז סיווע טרעפּ. איך וויל אומקערן די פּאָטאָ, איז מיר אָבער א שאָד אים אופּוועקן — ער איז, דוכט זיך, אַנדרעמלט געוואָרן, א שמייכל האָט אפילו פאַרבלאָנדזשעט אף זײַנע אײַנגעפאַלענע שוואַרץ־פאַרבאַקענע ליפּן. עפּשער איז אים צו כאַלעם געקומען די פרוי, און עפּשער איז ער אַזוי פאַר־טראָגן פון היץ. איך טאָרע אים:

— בא מיר אין קעסעלע איז נאָך פאַרבליבן א ביסל וואַסער, עפּשער ווילט איר א טרונק?

— א דאַנק. כ׳וועל בעסער אײַנעצן דאָס שמאַטקעלע און צולייגן צום שטערן.
נו, — פרעגט ער מיט נאַיוון שטאָלץ, — ווי געפעלט אײַך מײַן פרוי?

— שיין ווי גאָלד.

— איר האָט עס באַמערקט? — לויכטן זײַנע אויגן פון פרייד. — און אַנדערע לאַכן פון מיר. ווו איז זי איצט? — האָט ער א טיפן זיפץ געטאָן. — הײַנט ווערט מײַן מיזינקע צוויי יאָר. פאַראיאָרן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן שיקן איר א באַגריי־סונג־טעלעגראַם, כ׳האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— איר זײַט געזעסן? — האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך אוועראָוו. דאָס קלינגט ניט ווי קיין פראַגע, נאָר ווי א קאָנסטאַטאַציע. און איך האָב געמיינט, אַז אוועראָוו דרעמלט. נאָרוואָס האָט אים אַזוי געשלעפערט, אַז ער האָט דעם קאָפּ ניט געקאָנט האַלטן.

— ניין, — ענטפערט אים אונדזער נײַער באַקאַנטער, — געפלויגן אף א פאַר־ניכטלער.

אין זײַן טאָן קלינגט אן אײַנגעהאַלטענער ווייטעק. ניט גלייבן זײַנע קאַרגע ווערטער קאָן מען ניט. פאַרוואָס זשע האָט זיך מיר געוואָלט פרעגן בא אים, צי איז ער ניט קיין פּילאָט? אַגעוו, וואָס האָט ער זיך צערעדט אַזוי אָפן וועגן זײַן פריִערדיקער פּראָפעסיע? מע מוז אים דערמאָנען, אַז דאָ דאַרף מען זײַן פאָרזיכטי־קער.

— פונדאַנען האָט מען דען ניט צוגענומען די קאָמאַנדירן און די פליִער?

— יאָ, שוין פון לאַנג, נאָר איך האָב ניט וואָס מוירע צו האָבן. ווי זאָגט מען עס, א דערטרונקענער שרעקט זיך שוין ניט פאַר דער טליִע. איר זעט?

ערשט איצט דערזע איך, אז אַנשטאָט דעם רעכטן פוס באַמבלט זיך א פוסטער פּלודער.

— דער שעף פון דער פּאָליציי ווייסט גוט, ווער איך בין; די אויסגעזעצטע ציין — דאָס איז זײַן שטיקל ארבעט.

קאזימיר וולאדימיראָוויטש איז בעטעווע א נײַגעריקער מענטש. אויך איצט וויל ער זיך דערוויסן וואָס מער.

— איר האָט געדינט מיטן שעף אין איין טייל?

— ניין. אָט ער, זעט איר, איז גראָד געזעסן, ווען איך בין געפלויגן.

אוועראָוו איז אָנגעשפּיצט, ווי א הונט, וואָס האָט דערפילט פרישע שפּורן פון א האָז. באלד וועט ער זיך נעמען פאר זײַן באליבטער טעמע.

— איך האָב טאקע אזוי געטראכט. געוויס האָט מען אים געהאט אומזיסט און אומנישט ארײַנגעזעצט. פאר ווייטעק און פארדראָס איז ער מיסטאמע געוואָרן אזא, ווי ער איז, און מיר ווונדערן זיך נאָך, פונוואנען קומט עס.

דער פליִער האָט זיך האסטיק אופגעזעצט און אויסגעקערעוועט צו אוועראָוון דעם קאָפּ.

— איר האָט זיך שוין אויסגערעדט? — האָט זײַן שטים מיטאמאָל זיך אָנגעגאָסן מיט שטײַפקײַט. — איז הערט, פאר וואָס דער פארשוין איז געזעסן. איך גיב איבער וואָרט אין וואָרט, ווי יענער אליין האָט עס צענדליקער מאָל דערציילט. ער איז פון ראָסטאָוו. צו אכצן יאָר איז ער שוין אף זײַן גאס באוווּסט געווען ווי א דעבאָשיר און א ליבהאָבער אויסצוטרינקען. איינמאָל איז דער באָכער ארײַן אין ביר־פּאַווילִיאָן און געקויפט זיך הונדערט פּופציק גראם בראנפן. ער האָט נאָך ניט באוויזן נעמען די גלאָז אין דער האנט, ווי עס האָט זיך אונטערגערוקט א שיקער, א כאפּ געטאָן די גלאָז און אין איין אויגנבליק אויסגעזשליאָקעט דעם בראנפן. דערפאר האָט אונדזער הולטײַ אים א זעץ געטאָן, אז יענער איז ארויסגעפלויגן אף דער ברוקירטער גאס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס איז נאָך ווינציק, איז ער ארויס און צוגעגעבן. קורץ, ווען עס איז געקומען די „גיכע הילף”, איז שוין ניט געווען וועמען צו העלפן. ווי איר זעט, איז אים אליין נאָך ניט אײַנגעפאלן ארופּ־צִיִען אף זיך א מאסקע פון א מארטירער. איז וואָס קאָרטעט אײַך צו מאכן פון אים א געליטענעם, נעבעך?

בא אוועראָוון איז דער קארק רויט געוואָרן.

א קריג הייבט זיך אָפּט אָן פון א קלייניקײַט, פּונקט ווי א שטיין־געוואלגער אין די בערג. און ווי א שטיין־געוואלגער, איז זי קיינער צומאָל שוין ניט בעקויעך אָפּצושטעלן. מעגלעך, אויך דאָס מאָל וואָלט אזוי געווען, נאָר א קלאפּ אינעם רעלס האָט געוואָרנט: אויב איר ווילט ניט כאפּן קיין קלעפּ, טוט שנעל אויס די שטיוול, דאָס אויבערהעמד, ווערט אנשוויגן און מאכט אָן אָנשטעל, אז איר שלאָפט.

בא מיר זײַנען די פיס אזוי געשוואָלן, אז באם אָנטאָן און אויסטאָן די צעריסע־נע שטיוול קריץ איך אזש מיט די ציין. נאָר א ברייִרע האָב איך. צוגויפגעדרייט אינדרײַען פון שארפן ווייטעק, ציִ איך אראָפּ די שטיוול און פארמאך די אויגן.

שפּעטע נאכט. אין די שלייפן האקט. אין די אויערן א טעמפער רויש. איך וויש אָפּ פון פּאָנעם דעם קלעפּיקן שוויס און שטעל זיך אף די קני לעבן קײַלעכדיקן פענצטערל. עפּשער וועט כאָטש אף א מינוט זיך אײַנגעבן באפרײַען פונעם איפּעש, וואָס האָט זיך פארקליבן אין די נאָזלעכער, אין מויל און, דוכט זיך, אין די געדע־רים. א שטארקער ווינט טרײַבט אָן אופהער שווארצע געשוואָלענע וואָלקנס. א

בליץ נאָך א בליץ. פֿײַערדיקע זיגזאַגן פּאַסעווען אָן אופהער דעם בלײַענעם הימל. פונדאַנען זע איך דעם שפּיץ פון א הויכן בוים. ער הוידעט זיך און סקריפּעט, ווי א פלאַגשטאָק אף אן אונטערגייענדיקער שיף.

מײַן שאָכן, דער פליִער, שלאָפט אומרויִק. בא דער שײַן פון די בליצן זע איך, ווי ער קײַט און באַלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּן. זײַן פוסטער פלודער האָט זיך צונויפגעדרייט אין א קנויל.

איך טראַכט: פארן גאַנצן לעבן האָב איך ניט געהאַט אזויפיל באַגעגענישן און צעשיידונגען, אזויפיל פײַנט און פרײַנט. אויך אָט דער מענטש... מער וועל איך אים עפשער ניט באַגעגענען און זײַן עמעסן נאָמען זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, דאָך וועל איך אף לאַנג אים פארגעדענקען.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אף טאָג, האָט זיך עמעצער ארײַנגעריסן אין באַראַק מיט א טומל, מיט א געפּילדער. אין קאָפּ האָט זיך מיר נאָך אַלץ גע־באָמבלט א שטיק פון מײַן כאַלעם. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אז יאַם־פּיראַטן האָבן אונדז גענומען אף אבאַרדאַזש. מע האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן. די עלעקטרישע לעמפּלעך אונטער דער סטעליע בלענדן די אויגן. איבער די נאַרעס נישטערן פּאָ־ליצײַען. זיי רײַסן אראָפּ די שינעלן, קוקן זיך אײַן אין די פּענעמער. זיי זוכן עמעצן.

— עפשער מיך? — רוימט מיר אײַן אווראָוו אין אויער.

מע וואָרנט אונדז: קיינער טאָר זיך ניט רירן פון אָרט. ווער עס וועט איצט פּרוּוון אויסטאָן די שטיוול אָדער דאָס איבערהעמד, דער וועט הענגען אף דער טליִע. נאָך דעם, ווי מע האָט דורכגעקאָנטראָלירט די, וועלכע זײַנען געלעגן אף די ערשטע נאַרעס, קומט א באַפעל: אראָפּקריכן פון די צווייטע נאַרעס. ענדלעך דער־גייט די ריי צו אונדז. איינער פון די פּאָליצײַען נעמט ניט אראָפּ קיין אויג פונעם פליִער, וואָס שטייט, ווי א באָטשאַן, אף איין פוס.

— ביסט געשלאָפן? — פרעגט ער.

— ווי א קינד נאָך א באָד.

מעגלעך, אז ווען דער פליִער זאָל געוווען פארלעשן דעם כויזעק־גלאַנץ אין די אויגן, וואָלט אַלץ אדורך גלאַט. אזוי האָט ער געכאַפּט א מוירעדיקן פליאַסק. דער פּאָליצײַ האָט זיך ווילד צעשריִען:

— אויב דו וועסט ניט אופהערן צו פּלאַפּלען, וועל איך דיר די צונג אויס־שנײַדן.

מע האָט געפונען צוויי מענטשן, וועלכע זײַנען געשלאָפן אינעם אָנטאָן. דער פּאָליצײַ, וואָס האָט נאָרוואָס אזוי „העפלעך" געשמועסט מיט אונדזער שאָכן, פרעגט באַם דעזשורנע, וואָס שטייט אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט אײַנגעשלונגען א שטעקן:

— ווער פון זיי איז נאָרוואָס ארײַנגעלאָפן?

— פאר דער גאַנצער נאַכט האָב איך קיינעם ניט ארײַנגעלאָזט און קיינעם ניט ארויסגעלאָזט.

— אזוי גאָר? איז קום, זײַ מויכל, צוזאַמען מיט זיי.

קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש איז צופרידן, וואָס ניט אים האָט מען עס געמיינט. ער העלפט אפילע דעם פליִער ארופקלעטערן אף זײַן אָרט. פאַריינס אינטערעסירט ער זיך:

— דאָס איז דער שעף פון דער פּאָליציי?

— ניין, זײַן געהילף. צווערשט האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אַ הונט, וואָס בילט און בײַסט ניט, נאָר איצט ווייסן מיר, אַז ער קאָן ניט נאָר געבן פּעטש, נאָר אויך קוילען.

ווידער ווערט מען פאַרזונקען אין אומרויִקן שלאָף. שומאַוו כראָפּעט. ווי אָף דער וואָר מורמלט ער דורך די פאַרשטשעמעטע ציין: „פאַרגיב, גאָט". אוועראַוו מאַכט דעם אָנשטעל, אַז אים אינטערעסירט ניט דער געשפּרעך, וועלכן עס פירן שטילערהייט אונדזערע שכיינים.

איז אָט אין וואָס עס שטעקט די סיבע פונעם פּאָליציי־באַזוך.

אין לאַגער, ווײַזט זיך אַרויס, פאַרנעמט מען זיך מיט פאַנגען „נעשאָמעס". אַ גרופּע פאַרעטער ווערבירט צווישן די געפאַנגענע „פרײַוויליקע" אָף צו קעמפן קעגן די פּאַרטיזאַנער.

אין גאַנג איז געלאָזט אַלץ: הונגער, פּעטש, דאַרשט, רעכילעס, זיסע רייד, צו־זאָגן. די דײַטשן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי שטייען אין אַ זײַט און מיט דעם איניִען פאַרנעמט זיך בלויז די אָרטיקע פּאָליציי. עס מאַכט זיך אַפּילע, אַז ווען די פּאָליציײַען גיבן שוין צופיל קלעפּ, קומט צום סאָף פון דער עקזעקוציע אַ דײַטשי־שער אָפיצער און פּרווט אַפּעלירן צו זייער געוויסן:

— ניט גוט, — טײַנעט ער, — איר האָט דאָך געהאַט אין זינען ווערבירן פרײַ־וויליקע...

נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק איז אַ שטיקל פּאַפּיר געווען מיט גאָלד גלײַך. איצט האָבן זיך באַוויזן צײַטונגען, פּלאַקאַטן, אויפרופן, פלוגבלעטלעך. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פּרעך און נאַריש. זייערע מעכאַברים זײַנען, קענטיק, זיכער, אַז וואָס פאַנטאַסטישער ס'איז דער ליגן, אַלץ גיכער וועט מען אין אים גלייבן. עס טרעפט אָבער, אַז אין די שרײַבעכצן פּילט זיך די האַנט פון אַ געניטן פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער ווייסט אויסגעצייכנט, וואָס עס באַטײַט פאַר די געיאָגטע און געפּלאָגטע מענטשן אַ גוט וואָרט.

אין אַזעלכע ווענדונגען ווערט אַפּילע ניט דערמאָנט וועגן קאַמף קעגן די פּאַר־טיזאַנער, וועגן דעם, אַז וועסט דאַרפן אָנטאָן די פאַרהאַסטע גרוי־גרינע אוניפאָרם, דערפאַר איז דאָרט פאַראַן אַזוינס: „וואַרט ניט. אײַל זיך צו, ניץ אויס די איינציקע מעגלעכקײַט אַרויסצורײַסן זיך פון געפאַנגענשאַפט". אָף אַ קאָלירטן פּלאַקאַט איז אָנגעמאָלט אַ קוכער אין אַ ווײַס מיצעלע. זײַן זאַט, גוטמוטיק פּאָנעם שמייכלט. אין די הענט — טעלערלעך מיט געשמאַקע מײַכאָלים, און ערגעץ אין דער ווײַט — שטעכדראָט און סילועטן פון אויסגעהונגערטע מענטשן. ער רופט זיי, דער קוכער: ביטע, עסט, און זאָל אײַך וווּיל באַקומען.

בא מענטשן, וועלכע שטאַרבן פון הונגער, אויב נאָר דער גײַסט זייערער איז שוואַך, פאַראַנקערט זיך אַזאַ רוף אין אונטערבאַוווסטזײַן, און אָף אַ געוויסן עטאַפּ באַקומט ער אַ היפּשן קויעך. און דאַן — היט זיך, ווײַל דו האָסט זיך שוין פאַר־פּלאָנטערט אין דעם קלעפּיקן, קויטיקן שפּינוועבס, וואָס ס'האָט אויסגעפּלאָכטן פאַר דיר דער צווייפיסיקער שפּין. דײַן נעשאָמע איז אין סאַקאָנע, איר דראָעט ערגערס פון טויט, אויב נאָר עמעצער, אַ דרייסטער און מוטיקער, וועט, קעדיי דיך צו פאַרהיטן, ניט לאָזן זיך פּויזען אין אַ כווישעכדיקער נאַכט פון וואַנט צו וואַנט און מיט אַ שטיקל שוואַרצער קויל, ווײַל קיין בלײַער האָט ער ניט, אין אײַלעניש און אין שרעק ניט אָנשרײַבן אָף די דאָזיקע פּלאַקאַטן: אָף איינעם — „ביזוואַנען דו ביסט נאָך ניט געוואָרן קיין פאַרעטער, באַטראַכט זיך!". אָפן צווייטן: „בעסער טויט,

איידער פאַראַט". אפן דריטן: „די פּרײַז פון זייער אָנבײַסן — דאָס לעבן פון דײַן ברודער".

אף די טליִעס באַמבלען זיך געפאַנגענע. דער קאַרצער איז איבערגעפּולט. מע טרײַבט די מענטשן פון איין לאַגער אין צווייטן. אין די באַראַקן דעזשורען פּאָליציײַען. עס איז באַפוילן אף באַנאַכט זיך אויסטאָן. און דאָך ווערט דער קאַמף פון די קוים לעבעדיקע, אויסגעהונגערטע מענטשן קעגן די אויסגעפּאַשעטע, באַוואָפנטע אָקופּאַנטן און זייערע מעשאָרסים פאַרגעזעצט. די פאַשיסטישע בלעטלעך רײַסט מען אַראָפּ. עמעצנס האַנט שרײַבט אף זיי אופרופן צו די געפאַנגענע.

דער ווינט האָט זיך הײַנט צעהוליעט ניט אף קיין קאַטאָוועס. ער בייגט נידעריק צו דער ערד די ביימער, פאַרטרײַבט פון זיי די קראָען, וואָס טראָגן זיך אַרום, ווי דולע, צעכראַסטעט באַם וואַכמאַן די פּאָלעס פון שינעל, פאַרשיט מיט שטויב זײַן הויכן הוט, פאַרקלײַבט זיך אין א קוימען און פײַפט דאָרט אויס זײַנע ווילדע ניגונים. נאָר אָט האָבן די וואָלקנס פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, זיך צונויפגעזאַמלט אין גראָבע שיכטן און אָפּגיך, איידער זיי האָבן פאַרן אוועקגיין באַוויזן דער ערד די גרויע קײַלעכדיקע פלייצעס, זיך באַפרײַט פון זייער שווערער, פײַכטער לאַסט.

פון די ביימער און דעכער האָבן נאָך ניט אופגעהערט צו טריפן דורכזיכטיקע טראָפּנס, און אפן הימל האָט זיך שוין באַוויזן א רעגנבויגן, דערנאָך ערשט האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגערוקט די זון, די זעלבע זון, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אופגעגאַנגען איבער מאָסקווע.

נאָך מיט זיבן שאָ פריִער האָבן אירע ערשטע שטראַלן באַגריסט די ווײַטמיזרעכדיקע טײַגע, דערנאָך די סיבירער ראַכוועסן, אוראַלער דאָמנעס, אזערבײַדזשאַנער נאַפט־טורעמס; אָנגעהויבן פון דער פראָנט־ליניע באַגיסט די זון מיט פּאַסמעס שײַן און דעמאַסקירט אעראָפּלאַנען, טאַנקען, האַרמאַטן, פּאַנצערצוגן, קוילנוואַרפער, ביקסן...

די זון אײַלט אף מײַרעוו. נאָר אפילע אין צוויי שאָ אַרום וועט זי אָנשטאָט וואַרעמען טוווּעס אף די פעלדער, בלומען אין די סקווערן, וואַסערן אין די טײַכן, נאָך אַלץ באַלויכטן אָן א שיר דײַטשישע קאַסקעס. אזוי וועט זײַן אין בודאַפּעשט און אין בעלגראַד, אין וואַרשע און אין ווין, אין פּראָג און אין בריסעל און שוין אוואַדע אין בערלין. און אזוי וועט דערווײַל זײַן טאָג־אײַן, טאָג־אויס...

אוועראָווס „קאַריערע"

צוערשט האָט זיך באַוויזן א שטיבל, וואָס איז געשטאַנען, ווי אין עק וועלט, און עס האָט אָן אָטעם געטאָן מיט וואַרעמע געקעכצן, א צי געטאָן מיטן רייעך פון קריפּ, מיט אומדערוואַרטער געמיטלעכקײַט; צום דאַך איז געווען צוגעקלאַפּט א הילצערנער האָן מיט א רויטן קאַם. באַם פאַרקן איז אין א ברייט קאָפּטל געשטאַנען א שוואַנגערע פרוי, וואָס אויב ניט הײַנט, וועט זי מאָרגן מיט וואַרעמער זאָרג זיך פאַרקלערן, וויִאזוי אָנצורופן איר קינד. אין הויף אַרום דעם דעמב מיט די האָלץ־געשווירן אפן שטאַם — א גערטנדל. די ערד איז דאָ אָנגעשאָטן אין א הויך בערגל, וואָס דערמאָנט א קייווער. הינטערן שטיבל — א שמאָל געסל.

דערנאָך איז אונדז אנטקעגנגעקומען די שטאָט.

יעדע שטאָט, ווי יעדער מענטש, האָט זיך איר כאַראַקטער. בלויז רויִנען האָבן אַלע איין פּאָנעם. כורוועס, פּאַרוואַקסענע מיט גראָז, איַינגעפאַלענע ווענט און צעקאַרדאַשעטע שטיינערנע טרעפּ דערמאָנען אין אַלטע מאַצייוועס.

די שטאָט, וואָס געפינט זיך אויפן רעכטן ברעג טײַך, האָט שטיל אַרײַנגענומען אין זיך די גרופּע געפאַנגענע מיט רויטע קרייצן אויף די אַרבל, וועלכע עס האָבן באַגלייט צוויי פּאָליציאַנטן, און האָט עס פאַרשריבן אין דעם היפּשן צעטל פון די אומגליקן, פאַרברעכנס, וואָס די פאַשיסטן זײַנען דאָ באַגאַנגען. די פאַרבײַגייער אָבער קוקן זיך אפילו ניט אום. פאַר דער צײַט פון דער אָקופּאַציע האָט מען דאָ אַזוינס איבערגעלעבט, געזען און געהערט, אַז נאָך עטלעכע געפּלאָגטע מענטשן זײַנען שוין ניט בעקויעך צוציִען עמעצנס אויפמערקזאַמקײַט.

איבער דער ברוקירטער גאַס שפּאַנט אַ ראָטע „פרײַוויליקע", שוין איבערגע־טאָנענע אין די גרין־גרויע מונדירן. דוכט זיך, ווען דאָס זאָלן זײַן מאַרסיאַנער, וואָלטן זיי אויך ניט אַרויסגערופן אַזאַ איבעראַשונג. אַלע, וואָס זײַנען געווען אויף דער גאַס, האָבן אויסגעקערעוועט די קעפּ. אין די פענצטער האָט מען גענומען צערוקן די פאָרהענגלעך.

אויף די קוקט מען! מע נעמט פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּ. אונדז האָט די באַ־פעלקערונג קיינמאָל מיט אַזעלכע בליקן ניט באַגעגנט און די פאַשיסטן ניט באַגלייט. אויף אונדז קוקט מען מערסטנטייל מיט ראַכמאָנעס און זעלטן־ווען גלײַכ־גילטיק. אויף די דײַטשן — אָפטער מיט באַהאַלטענער סינע. אויף די, וואָס זײַנען גע־גאַנגען אונדז אַנטקעגן, האָט מען געקוקט ווער מיט האַס, ווער מיט כשאַד, נאָר אַלע מיט פאַראַכטונג און עקל.

— אָדלערס, העכער די קעפּ! — פאָדערט זייער אָפיצער, אַ מענטש מיט איי־ליקע, ניט זיכערע באַוועגונגען. און כאָטש ער קאָמאַנדעוועט אויף אַ גוטן רוסיש, קלינגען די ווערטער פרעמד.

— איינס, צוויי, דרײַ! איינס, צוויי, דרײַ! מאַלינין, פאַרצי אַ ליד.

און מאַלינין הייבט אָן זינגען.

מאַלינינס פּאָנעם האָט מיר אויסגעוויזן צו זײַן באַקאַנט, נאָר וויפל איך האָב זיך ניט באַמיט, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו דערמאָנען, ווען און ווו איך האָב אים געזען.

די ראָטע באַגלייטן עטלעכע דײַטשישע אָפיצערן און סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן. ווי עס שײַנט, ווילן די באַלעבאַטים דיריזשירן, בלײַבנדיק אַליין אין שאָטן.

מיר גייען לענגאויס הויכע הײַזער, נידעריקע שטיבלעך, ביז מיר קומען צו אַ געדיכטער אַליי פון הויכע טאָפּאָלן. פון ביידע זײַטן שטייען פיר סטאַנדאַרטע צווײשטאָקיקע רויטע מויערן. באַם צווייטן פון לינקס פאָרען זיך עטלעכע געפאַנ־גענע.

— סאַשע! זע נאָר, מיר האָבן מיט מאַזל געעסט, — שרײַט אויס אַ באָכער, פאַר־רײַסנדיק דערבײַ דעם קאָפּ אין דער הייך, און באַווײַזט, ווי קורץ און קירפּאַטע עס איז זײַן נאָז. סאַשע געפינט זיך, ווײַזט אויס, ערגעץ אויפן צווייטן שטאָק אָדער אויפן בוידעם. פון דאָרטן דערטראָגט זיך:

— און אונדז וועט מען דורכטרײַבן? טו באַ זיי אַ פרעג, פּעטקע.

פעטקע וואָלט עפשער זיך געוועגדט צו אונדז מיט דער פראגע, נאָר אווערײאָוו האָט אָנגעכמורעט די גערדיכטע בייזע ברעמען, און יענער איז ווי אויסגערונען צו־זאמען מיט דער לאָפּעטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— וועמען האָט איר אהער געבראַכט? — פרעגט זיך נאָך בא די פּאָליצייען א יונגערמאַן מיט א צעקנייטשט געשוואָלן פּאָנעם און רויטע אויגן־לעפּלעך. גע־קליידט איז ער אין א פאַרלאַטעטן דײַטשישן מונדיר.

די פּאָליצייען צוקן מיט די אַקסלען. זיי איז באַפוילן ברענגען אונדז אהער, און מער ווייסן זיי גאָרנישט. וואָס צו טאָן ווײַטער, וועט מען זיי זאָגן דאָ. אווערײאָוו מישט זיך אַרײַן:

— מיר זײַנען מעדיקער, נאָר דערווײַל וועלן מיר העלפן די בויער רעמאָנטירן דעם שפּיטאָל.

זײַנען דאָ אָבער שוין ניטאָ קיין בויער. די ווענט און די סטעליעס זײַנען אויס־געקאַלכט. אפן ערשטן שטאָק זײַנען שוין אפילע די דילן אָפּגעפאַרבט. די טעלעכע געפאַנגענע, וואָס אַרבעטן דאָ, שלעפּן זיך אַרום ווי שלעפּעריקע פליגן. זייער אַרבעט איז אַראָפּטראָגן ליים, קאַלך און מיסט פונעם צווייטן שטאָק. אָף די פריש געפאַרבטע דילן לאָזן זיי איבער פלעקן. אָט דאָ באַווײַזט אווערײאָוו, ווער ער איז. ווי נאָר מע האָט אונדז אַרײַנגעפירט אינוווייניק, האָט קאַזימיר אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער פּעטיען, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן, און מאָלע־רעציכע אויסגעשריגן:

— דײַן שטיקל אַרבעט? ווער האָט דיר דערלויבט קריכן אהער?

פּעטיע — ניט ער פאַרענטפערט זיך, ניט ער באַמיט זיך צו באַפרײַען. ער שטייט מיט אַן אַרײַנגעצויגענעם קאָפּ אין די אַקסלען. אַז ער קומט א ביסל צו־זיך, הייבט ער אָן דערשראָקן שרײַען:

— סאשע, וואָס וויל ער פון מיר, סאשע?

אין צימער איז א פאַרסאָפּעטער אַרײַנגעלאָפן סאשע. ער איז אָף א גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון זײַן כאַווער. דורך די צעריסענע אַרבל קוקן אַרויס דאַרע, בלויע עלנבויגנס. בלויז איין רעגע איז פאַר אים גענוג אָף אָפּשאַצן די לאַגע. דער, וואָס האַלט פּעטיען פאַרן קאָלנער, איז טאַקע א קרעפּטיקער, נאָר ער איז ניט קיין דײַטש און ניט קיין פּאָליצײַ. אויב אַזוי, קאָן מען אָף אים וואַרפן א מאַמזערישן בליק, וואָס וואָרנט: „הייב זיך בעסער ניט אָן, אַניט וועסטו האָבן צו זינגען און צו זאָגן"... אויך די צונג איז בא אים ניט געליימט:

— אַנו, לאָז אים נאָר אָפּ!

אווערײאָוו האָט אים גלײַך געפּאָלגט.

— און דו, — האָט סאשע מיט א כויזעק־שמייכל גענומען זיך נאָכקרימען פּע־טיען, — „סאשע, סאשע". די הענט זײַנען בא דיר אין קימפּעט? שטייט מען ניט ווי קיין יאָסעם, נאָר מע דערלאַנגט אים מיט דער לאָפּעטע אין שאַרבן, ער זאָל די הענט האַלטן בא זיך.

אין די ווערטער גופע, אין דעם, ווי זיי זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, פילט זיך זײַן צוגעבונדנקײַט צו פּעטיען.

איך ווייס ניט, וואָס וואָלט ווײַטער געווען, נאָר אָף דער שוועל האָט זיך באַ־וויזן דער דאָקטער קראַמעץ.

— ווער טומלט דאָ?

— הער האָופּטמאַן, — טוט א שפּאַן פאָרויס אווערײאָוו, — דערלויבט.

— שווײַגן! — האָט קראַמעץ א ריטשע געטאָן. — איר וועט ענטפערן, ווען

מע וועט בא אײַך פרעגן. איר, פעלדשער, — ווײַזט ער אָן מיטן פינגער אַף דעם באָכער מיטן געשוואָלענעם פּאָנעם, — דארפט ראַפּאָרטירן.

— אנטשולדיקט. אויך אין אונדזער ארמיי האָט מען מיך שטענדיק געזידלט דערפאר...

— ניט אין אונדזער, נאָר אין דער רויטער, — האָט אים פאריכט דער האופּט־מאַן. — אָן איבעריקע רייד דערציילט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— אָט דער־אָ האָט אָנגעכאפּט פארן קאָלנער יענעם דערפאר, ווײַל ער צעטראָגט דעם שמוץ איבער די פּאלאטעס.

— „דער", „יענער"... עס שמעקט פון אײַך אַף א מײַל מיט ציווילקײַט. איך באַפויל: יעדן איינעם, ווער עס וועט מיט קויטיקע פיס ארײַנגיין אין א ריינער פּאלאטע, גלײַך אָפּשיקן אין לאגער. ווער איז בא אײַך דער עלטסטער?

— איך, הער האופּטמאַן.

— איר האָט געהערט מײַן באַפעל?

— געהערט. עס וועט אויסגעפילט ווערן, הער האופּטמאַן.

— הערט ווײַטער. אלע דארפן זיי ארבעטן און ניט ארומגיין פּוסט־און־פּאס. אָט דעם גוילעם, וואָס שטייט מיט דער לאָפּעטע, איבערלאָזן אָן אָנבײַסן. קלאָר?

— קלאָר, הער האופּטמאַן.

— פעלדשער, צוויי טעג צײַט גיב איך אײַך, אז אין שפּיטאָל זאָל אלץ פינקלען. דעם ערשטן שטאָק זאָל מען נאָך הײַנט אופראמען. דערנאָך וועט איר זיי ווײַזן, ווו צו מאכן די גרוב פארן פונדאמענט פון דער דעזינפעקציע־קאמער.

— דערלויבט פרעגן: וואָס וועט זײַן מיט די פענצטער?

— און מיר, — האָט קראַמעץ א זאָטן געגעץ געטאָן און א קוק געגעבן אַפן פעלדשער, ווי אַף א ליימענער ליאַלקע, וואָס האָט מיטאמאָל באַקומען לאָשן, — און מיר האָט זיך געדאכט, אז אײַך אינטערעסירט אבסאָליוט גאָרניט. א קאסטן מיט גלאָז שטייט אַפן בוידעם. א גלעזער וועל איך אײַך אין א פּאָר טעג ארום צו־שיקן. און איר, וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן? — האָט ער זיך געווענדט צו אווערַאָוון.

קאזימיר וולאדימיראָוויטש האָט האַכנאָעדיק א הוסט געטאָן.

— איך בעט מיך פארצײַען, נאָר איך וואָלט געייצעט פריִער אופראמען דעם צווייטן שטאָק, אַניט וועט די ארבעט זיך פארציִען. די שטיקער ציגל און די ליים דאַרף מען שיטן ערגעץ ווײַטער, דער שטויב זאָל ניט גיין צוריק אין די צימערן.

— גוט. נאָר פארגעדענקט: דאָ זײַנען ניט קיין צימערן, נאָר פּאלאטעס און קאַ־בינעטן. ווי איז אײַער פאמיליע? אווערַאָוו? פעלדשער, פארשרײַבט: ער ווערט באַשטימט פארן עלטסטן און איז פאר אלץ פאראנטוואָרטלעך. איז האָט איר זינען: צוויי טעג צײַט!

מיך האָט ניט געארט, גראָד אווערַאָוו און ניט עמעצער אנדערש זאָל זײַן דער עלטסטער. עס וועט עפּשער לײַכטער זײַן זוכן פארבינדונגען און מאכן פּלייטע.

דער כיטרער און דורכגעטריבענער אווערַאָוו האָט גוט געוווּסט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. באַזונדערס האָט ער אויסגענומען בא קראַמעצן מיט זײַנע באַ־מערקונגען וועגן דעם קאבינעט פארן הויפּט־דאָקטער.

— אין די פּאלאטעס, — האָט ער כניפעדיק אײַנגעטײַנעט מיט קראַמעצן, —

דארפֿן די טירן זײַן אָפֿן העלפֿט אָנגעגלאָזט. זאָלן די קראַנקע וויסן, אַז מע זעט, מיט וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך. אָבער אין קאַבינעט פֿון דעם הויפּט־דאָקטער — בעשום־אויפֿן ניט. מאַלע וועד פֿון די דײַטשן קאָן ווען אַרײַנקומען צו אײַך. מע דאַרף ניט קיין איבעריקע אויגן. איך וואָלט אײַער טיר אַרומגעקלעפּט מיט ברוינעם דערמאַטין. אָט ווען איר קריגט נאָך לאַטון־טשוועקלעך מיט ברייטע קעפּלעך. און די ווענט, צוליב וואָס זיי קאַלכן? אויב עס איז אומעגלעך קריגן אייל־פֿאַרב, איז כאָטש קאָלירטע קליי־פֿאַרב אָדער טאַפּעטן. דאָס וועט זײַן אָנגענעמער אײַך און אײַערע באַזוכער.

איבערמאַכן די טיר האָט דער „אָבער־אַרצט” אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש ניט געוואַגט, נאָר דערפֿאַר האָט ער געקראָגן פֿאַר זײַן קאַבינעט ציצענע פֿאָרהענגלעך. אָנשטאָט פֿאַרב און טאַפּעטן האָבן אים די דײַטשן געגעבן אַ פּאָר בלויע פּראַשקעס. אוועראָוו האָט זיי צעמישט מיט קרײַד און אַליין אויסגעפֿאַרבט קראַמעצעס קאַבינעט.

נאָך דער געשיכטע מיטן גלאָז האָט קראַמעץ ענדגילטיק באַזײַטיקט דעם פֿעלדשער פֿון ווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

אַלע טאָג, ווען מע פֿלעגט אונדז ברענגען אַהער, זײַנען אין איינער פֿון די פּאַלאַטעס אויסגעזעצט געווען די שויבן.

אין שכײנעסדיקן מויער זײַנען אײַנגעשטאַנען בעלגישע סאָלדאַטן. זיי האָבן געשיקערט, צוגעשטאַנען צו פֿאַרבײַגייענדיקע פֿרויען. באַזונדערס האָבן זיי ליב געהאַט צו שפּילן אין פּילקע. דער פֿעלדשער האָט זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז זיי זעצן עס אויס די שויבן.

איינמאָל האָט זיך דער האָופּטמאַן אָנגענומען מיט מוט און אין אוועראָווס באַגלייטונג אַלס איבערזעצער אַוועק צו די שכײנים, פֿון דאָרט האָבן די בעלגיער זיי אַרויסגעמעשאַלייעכט מיט אַ געפֿילדער און פֿײַפֿערײַ.

— ווילדע ברוים, — האָט זיך קראַמעץ געזידלט. — נאָר מיר שפּײַען אָפּ אײַך. גלאָז איז בא אונדז פֿאַראַן, וועלן מיר אָנגלאָזן די פֿענצטער, ווען דאָ וועט שטיין אַ שטענדיקע וואַך.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך געמיינט, אַז די טאַפּליעס ברעכן די פֿריילעכע שכײנים. נאָר צופֿעליק בין איך געווען אָן איידעס, ווי סאַשע האָט מיט אַ שטעקן אויסגעזעצט אַ מאַטעווע שויב. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געבליבן שטיין אַ פֿאַרציטערטער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּאָנעם.

שוין פֿון דער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך אַזוי דרייסט אײַנגעשטעלט פֿאַר זײַן כאַוועד פּעטיע וועטלוגין, האָט זיך מיר געוואָלט נעענטער באַקאַנען מיט אים. נאָר סאַשע האָט געקוקט אָף מיר בייז און מיט אומצוטרוי. אָף מײַנע פֿראַגן האָט ער שטענדיק געענטפֿערט ניט גערן, גערעדט מיט מיר זעלטן און ווייניק. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל צו מיר האָט זיך ניט שלעכט באַצויגן אוועראָוו. און אָט איצט...

„וועסט מאַסערן?” — האָבן מיט פֿאַראַכטונג געברענט זײַנע אויגן.

אין דער נאָענט איז קיינער ניט געווען.

— גיב אַהער דעם שטעקן. גיכער.

אויסזעצן אַ פּאָר טאַפּליעס איז ניט קיין גרויסע טירכע. דער שאָדן פֿאַרן דײַטש איז אַזאַ נישטיקער, אַז עס וואָלט ניט געלוינט וועגן דעם צו דערציילן. נאָר דער־

פאַר איין באַוועגונג — און אונדזער פריַינטשאַפט איז געשלאָסן. א ביסל שפּעטער האָט סאַשע זיך געקלאָגט פאַר אוועראָוון און מיך ארויסגעשטעלט פאַר אן איידעס, אז פאַרבײַגייענדיק האָבן די ווילדע ברוזים ווידער א ציילעם געטאָן אונדזערע שויבן.

— ברענען זיי אַפן פײַער! — האָט קאַזימיר זיך געזידלט. — מיט זיי קאָן מען ריידן סײַדן מיט קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן.

ס'איז געקומען דער גלעזער. פון ערגעץ האָט מען געבראַכט א לייטער, און מיר זײַנען ארויף אַפן בוידעם, וואָס איז געווען פאַרוואַלגערט מיט פאַרשיידן אַלטוואַרג. דער גלאָז־קאַסטן איז געלעגן באַם קוימען, דאָס גלאָז אין אים איז געווען צעבראָכן אַף פּיק־פּיצלעך.

עס איז קעדײַ געווען א קוק צו טאָן אַפן הער האַופּטמאַן, ווען מע האָט אים וועגן דעם געמאָלדן. מיט דער פלינקײַט פון א קאַץ איז ער ארויף אַפן בוידעם, דער־נאָך אראָפּגעלאָזט זיך א בלאַסער, ווי די וואַנט, געלאָפן, ווי ער וואָלט זיך אָפּ־געריסן פון א קייט, פון איין צימער אין צווייטן, געשריגן, אז מיר אליין האַקן אונטער די צווײַג, אַף וועלכער מיר זיצן, געשפּיגן, געדראָעט אונדז אלעמען גלײַך ארײַנזעצן אין קאַרצער. דעם פעלדשער האָט ער דערלאַנגט א פּאַטש אין באַק, דערנאָך זיך געזעצט שרײַבן א ראַפּאָרט „נאַטשאַלסטווע". אונדז האָט ער באַפוילן לאָזן אָן אָנבײַסן.

מער פאַר אלעמען האָט זיך געהיצט שומאָוו. ער איז געקראָכן פון דער הויט, געוואָלט דערווײַזן, אז ער איז ניט שולדיק.

— דאָס האָט עמעצער פון אײַך אָפּגעטאָן, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אונדז אלע־מען. — איז זאָל מען אופהענגען דעם פאַרברעכער, און איך וויל ניט לײַדן אומ־זיסט.

אוועראָוון האָט, קענטיק, פאַרדראָסן, וואָס שומאָוו האָט אים צוגערעכנט צו אונדזער קאָמפּאַניע. אופגעשטאַנען פון אָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו סטיאָפּען, זיך אָנגעבויגן צו יענעמס אויער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים אײַנרוימען א סאָד, און געזאָגט העכער, ווי געוויינלעך:

— וואָס פלאַפּלסטו, סמאַרקאַטש איינער! אז א מענטש מאַכט קוילעס: „כאַפּ דעם גאַנעוו!", איז ער גיכער פון אלץ אליין דער גאַנעוו. עפּשער ביסטו גראָד דער, איבער וועמעס שולד מיר אלע דאַרפן לײַדן? דוכט זיך, דיך האָב איך מיט א פּאָר טעג צוריק געשיקט אַפן בוידעם נאָך א שמאַטע אַף וואַשן דעם דיל.

— אוועראָוו, אײַך רופט פּיפּין דער קורצער.

— ווער? — האָט אוועראָוו פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט באַם פעלדשער.

— דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל, — קוים האָט שוין דער פעלדשער דער־לאָזט פאַר אלעמען אין די אויגן אזא אומפּאָרזיכטיקײַט, ווי געבן דעם האַופּטמאַן א צונאָמען, האָט ער ניט וואָס צו פאַרלירן און פירט מיט אוועראָוון אין אונדזער אָנוועזנהײַט אן אָפענעם געשפּרעך. — געדענקט, איר איינער קאָנט אַף אים ווירקן, ער זאָל ניט אָפּשיקן דעם ראַפּאָרט. טאָמער שיקט ער אים אוועק, וועט מען אונדז אלעמען שלאָגן ביז טויט.

כאָטש ווײַט ניט אלע האָבן געוווּסט, צי דער צונאָמען פּאַסט דעם הויפּט־דאָק־טער, דאָך האָט ער זיך צו אים גלײַך צוגעקלעפּט, און הינטער די אויגן האָט מען שוין קראַמעצן אנדערש ניט גערופן, ווי „פּיפּין דער קורצער".

קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש האָט זײַן מיסיע אויסגעפּילט. דעם ראַפּאָרט האָט ער איבערגעזעצט אַף דײַטש, נאָר פּיפּינען האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אז אין דער

ערשטער ריי וועט זיך עס אויסלאָזן צום הויפּט־דאָקטער. וואָס איז שייַך אים, אווערעאָוון, איז ער זיכער, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן די בעלגישע סאָלדאַטן. הייַנט גאַנצפרי זייַנען זיי אוועקגעפאָרן און די גאַנצע נאַכט פאַר דעם אַזוי געהוליעט, אַז אין דעם מויער, ווו זיי זייַנען אייַנגעשטאַנען, איז קיין איין גאַנצע שויב ניט פאַרבליבן.

באַם הויפּט־דאָקטער איז אַראָפּ אַן אָל פונעם קאָפּ. ער האָט זיך נאָך קלוימערשט געקווענקלט, קיין אַנדער אויסוועג האָט ער אָבער ניט געהאַט. קאַזימיר וולאַדימי־ראָוויטשן האָט ער געמאָלדן:

— אויב די מייַסע מיטן גלאָז וועט אַדורך בעשאָלעם, איז אייַער קאַריערע געזיכערט. איך וועל אייַך דאַן אָנמערקן אַלס עלטסטן פונעם שפּיטאָל. אַליין וועל איך זיך פאַרנעמען מיט היילן די קראַנקע, מיטן איבעריקן — איר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אווערעאָוון ערגעץ אוועקגעפירט. מיר זייַנען געזעסן אויפן דיל, געזופּט די מוטנע פליסיקייַט מיט די אַרומשווימענדיקע בלעטלעך קרויט און געבראָכן זיך דעם קאָפּ, וואָס האָט געקאָנט געשען. פּלוצעם עפנט זיך די טיר, און אין צימער קומט אַרייַן אַ דייַטשישער אונטער־אָפיצער. באַגלייט פון אַלעמענס בליק, איז ער פאַוואָליע, ווי עס וואָלטן אים געמוליעט די שיך, אונדז פאַרבייַגעגאַנגען.

דער ביסן איז מיר געבליבן שטיין אין האַלדז. די צונג איז ווי צוגעקלעפּט גע־וואָרן צום גומען. ס'איז מיר אַזש ניט גוט געוואָרן. דאָס איז געווען אווערעאָוו.

סאָף טאָג האָט ער מיך אַרייַנגערופן צו זיך. איצט האָט ער געהאַט אַן אייגע־נעם צימער, דאָרט איז געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואַלגערט: אייַזערנע בעטלעך, קישנס, קאָלדרעס, לייַלעכער און אַ ביסל מעדיקאַמענטן — אַלץ פאַר די קראַנקע, וואָס וועלן דאָ ליגן. אַליין איז ער געזעסן, אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, די אויגן אָנגעגאָסן מיט היץ.

— הער אונטער־אָפיצער, איך בין געקומען לויט אייַער באַפעל.

— וואָס בעבעסטו? געגנוג זיך נאַריש מאַכן, זעץ זיך, — האָט ער מיר באַוויזן אויף אַ צעפאָרן בענקל. איך בין געשטאַנען און ניט גערירט זיך פון אָרט. — קוקסט אויף מיר, ווי איך וואָלט ערשט פון דער לעוואָנע אַראָפּגעפאַלן? צי עפּשער קלייַבסטו זיך איזדיעקעווען איבער מיר?

— גאָט באַהיט, איר זייַט אַן אונטער־אָפיצער פון דער דייַטשישער אַרמיי, און איך — אַ קריגסגעפאַנגענער.

עטלעכע מינוט שווייַגט ער, דערנאָך וואַרפט ער אויף מיר אַ קרומען בליק און זאָגט:

— ניט יעדערער, אויף וועמען די הינט בילן, איז אַ גאַנעוו, און דו ביסט נאָך צו יונג, זאָלסט מיך לערנען סייכל. איך לייג דיר פאָר צום לעצטן מאָל: זעץ זיך.

ווען איך וואָלט געווען רויקער און אויפמערקזאַמער, וואָלט איך געוויס באַ־מערקט: ווייַטער קעגנשטעלן זיך איז געפערלעך. אווערעאָוו האָט אַזוי אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש, אַז די אייַזערנע קוואָרט, וואָס איז דאָ געשטאַנען, איז אַראָפּגעשפּרונגען אויפן דיל און וואָסער אין גראָפין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אונטערגעשפּרונגען צום העלדזל. מיך האָט ער איבערגעציילעמט מיט אַ דריי־גאָרנדיקער און מיט קויעך אוועקגעזעצט אויפן בענקל.

— פּערד וואָס דו ביסט. איך האָב אויף דיר ראַכמאָנעס, זאָג: דו ווילסט עסן צו זאַטס?

פון אים האָט געאוּוערט מיט בראַנפן.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר. מיינט ניט, אַז עמעצער איז אײַך מעקאַנע. איר זײַט שיקער.

— אַזאַ איז די פּירעכץ באַ זיי, צוזאַמען מיטן טיטל גיבן זיי בראַנפן. איין וואַקאַנט אָרט איז נאָך באַ אונדז פאַראַן, עס פאָדערט זיך אַן עלטערער סאַניטאַר. פּאַר געציילטע עטלעכע מינוט פויעל איך עס באַ פּיפּינען, און דו ביסט אײַנגעאָרדנט. אָט צוליב וואָס איך האָב דיך גערופן.

דאָס האַרץ האָט באַ מיר אַ טיאַקקע געטאָן. איבערן לײַב איז דורכגעגאַנגען אַ קעלט. ווען ער וואָלט מיר געוועזן מעלדן: „איך ווייס, אַז דו ביסט אַ ייִד", וואָלט עס מיך אַזוי ניט אופגערודערט.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, איר האָט דאָך צוגעזאָגט מיר ניט טאָן קיין שלעכטס און ניט קריוודען. איז האַלט וואָרט, קאַזימיר...

— איך בין שוין העכער פּערציק יאָר קאַזימיר. ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זײַן.

— אוּוועראָוו, — בין איך גוויוער די אייגענע שוואַכקײַט, — אײַך וועל איך ניט דערלויבן אַזוי באַגיין זיך מיט מיר.

— אַזוי גאָר? דו מיינסט, אַז איך האָב פאַרגעסן, אַז ביסט באַוואָפּנט מיט אַ נאָדל און מיט אַלוואַרדיאַנס גאַל־מעסערל? דאָס, באָכערל, האָסטו אין זינען, יאָ?

— דאָס אָדער עפּעס אַנדערש, ניט וויכטיק. איך גלייב, איר געדענקט נאָך, אַז איך אַליין האָב אײַך דערציילט וועגן דעם. כ'האָב געוואָלט, איר זאָלט וויסן, אַז איך בין גרייט זיך אײַנשטעלן פאַר אײַך, איר מעגט מיר גלייבן, אַזוי וואָלט געוועזן.

— איך גלייב, און איך האָב ניט פאַרגעסן דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער. פאַרשטייסט, — לייגט ער מיר אַוועק די האַנט אַפן אַקסל, — אָף דעם פּאָסטן פּרעטענדירט שומאָוו. איך האָב אים פּײַנט!

— עפּשער איז דאָ נאָך עמעצער, וואָס וואָלט וועלן ווערן עלטסטער סאַניטאַר?

— ערשטנס, האָט מיר וועגן דעם קיינער ניט געמאָלדן, און, צווייטנס, מאַלע וואָס עמעצער וויל. ניט אַלעמען וויל איך. אָט סאַשע מוראַשאָוו, אַשטייגער, איך זאָג דיר אָפן — מיר געפעלט ניט דײַן כאַווערן זיך מיט אים, און דאָס, וואָס דער טאַמעוואַטער וועטלוגין גייט אים נאָך, ווי אַ קאַלב אַ קו, געפעלט מיר אויך ניט.

— אַ שאָד, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, מוראַשאָוו איז זייער אַ ווילער באָכער.

ער האָט מיר דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט וועטלוגינען. ביידע זײַנען זיי פון קאַזאַן, און געדינט האָבן זיי אויך אין איין טייל. איז אָט, ווען זיי זײַנען געווען אין אַרומרינגלונג, האָט סאַשע אַרויסגעשלעפּט וועטלוגינען אַ קאָנטוזיעטן פון פײַער. געמאַטערט זיך, נאָר געטראָגן, ביז אים אַליין האָט געטראָפן אַ קויל. און דאַן האָט פּעטיע מיט די לעצטע קויכעס געטראָגן דעם כאַווער, דערשלעפּט צום וואַלד און עטלעכע מעסלעס ניט אָפּגעטראָטן, ביז סאַשע איז ניט געקומען צו־זיך. צוזאַמען זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. איז וואָס איז דער כידעש, וואָס זיי האַלטן זיך איינער פאַרן צווייטן? פאַרשטייט זיך, פאַר קיין עלטערן סאַניטאַר טויג סאַשע ניט, ער איז צו יונג און צו היציק, דערצו האָט ער ניט, פּונקט ווי איך, קיין שום מעדיצינישע בילדונג.

— געגנוג, — האָט אוּוועראָוו אַרויסגעזײַט דורך די פאַרשטשעמעטע ציין. — מיין נאָר ניט, אַז איך בין אַזוי שיקער, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו האָסט אין זינען. דאָס איינציקע, וואָס איך זאָג דיר צו: הײַנט וועל איך מיט קראַמעצן וועגן

דיר ניט ריידן. וואָס שפּעטער וועט זײַן, וועלן מיר שפּעטער זען. עפּשער דאַרפסטו א רעפוע?

— אויב מע קאָן, איז עפּעס צום הוסט. דער פלײַער ווערט צעריסן, אזוי פאַר־גייט ער זיך.

— דײַן פלײַער איז ניט קיין פּאַשעטער פויגל. נאָר מיילע, אויב דיר ווילט זיך, קאָן איך דיר געבן א גוטע רעפוע. אָן דאָרט ליגט קאָדעין. נעם און גיב אים איבער א גרוס. וועגן מיר זאָלסטו אים ניט דערציילן.

— קאזימיר וולאדימיראָוויטש, אײַך איז דען ניט אלציינס?

— אז איך בעט, איז, אפּאַנעם, מיר ניט אלציינס.

— אויב אזוי, גלייב איך, אז מער וועלן מיר זיך צו דעם דאָזיקן געשפּרעך ניט אומקערן.

אויך דאָס מאָל האָב איך אווערעאָוון ניט צעקײַט ביזן סאָף.

א פּײַערל אין דער פינצטערניש

קראַמעצן, דעם הויפּט־דאָקטער, האָט געגעבן א צונעמעניש דער פעלדשער, מיר — שומאָוו. צענדליקער מאָל א טאָג פלעגט אים ניט דערעסן ווערן שרײַען צו מיר:

— היי, כאָסן, די קאלע ווארט אָף דיר.

סטיאָפּע פלעגט דערבײַ שטשירען זײַנע לאנגע שארפע ציין און פרעך אונטער־ווינקען, ווי ער וואָלט וועלן דערמאָנען אין עפּעס א מיִעסער מײַסע, וועגן וועלכער עס ווייסן בלויז צווייען — ער און איך.

כאָסן הײַנט, כאָסן מאָרגן, און צוביסלעכווײַז האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן, אז איך האָב אמאָל געהאט א נאָמען מיט א פאמיליע. פאַר מיר איז עס עפּשער בע־סער, נאָר צי וועט פון דעם ניט לײַדן זי? אויך צו איר האָט דאָך שומאָוו שוין ניט איין מאָל געשריִען:

— ווארט, קאלע, באלד וועל איך דיר שיקן דעם כאָסן.

מײַן „קאלע" איז אלט קנאַפּע זעקס יאָר. זי איז קליין און דאַר, כאָטש אונטער א זיפּ ארונטערצונעמען. זי פארשטייט ניט, אז שומאָוו וויל זי באליידיקן. אפילע די באדײַטונג פון דעם וואָרט גופא „כאָסן" איז זי נאָך ניט בעקויעך צו פארשטיין. איינס איז זי זיכער — „כאָסן" רופט מען דעם פעטער, וועלכער האָט זי שטארק ליב.

באקאנט האָב איך זיך מיט איר גלײַך אינעם ערשטן טאָג, ווען מע האָט אונדז געבראכט אין שפּיטאָל. פון יענער זײַט שטעכדראָט, מיט וועלכן עס איז געווען ארומגעצוימט אונדזער הויף, אין שאָטן פון די טאָפּאָלן איז געווען א ריוו. אונטן, ווו דאָס גראָז איז באזונדערס גרין און זאפטיק, האָט זיך געפּאַשעט א שווארצע ציג, און כאָטש זי האָט א גאנצן טאָג זשעדנע געצופּט דאָס גראָז, זײַנען אירע זײַטן דאָך געווען אײַנגעפאלן און די ריפּן האָבן געסטאַרטשעט... מאלעגיירענדיק האָט זי יעדער רעגע צעצויגן א מעקע געטאָן און זיך אומגעקוקט אָף דער באלעבאָסטע, וואָס איז שא־שטיל, ווי א צופעליק פארפלויגן פלאטערל, דאָ געזעסן, דאָס קעפּל אָנגעבויגן צום אקסל.

פאַרוואָס, האָב איך מיט ביטערניש געטראַכט, קוקט זיך דאָס דאַרע זשוואַווע מיידעלע אַפילע ניט אום אויף אונדז? די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, אָדער זי איז אַליין געפאַלן אויפן סייכל, אַז מיט אונדז איז בעסער זיך ניט אײַסעקן? ווי גרויס איז געווען מײַן שׂימחה, ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז שולדיק אין דעם איז איר באָבע. די סטאַרטשענדיקע ווייצענע צעפּעלעך האָט די באָבע איר אַזוי פאַרפלאָכטן און פאַרבונדן, אַז זי, די קליינע, האָט, נעבעך, ניט געקאָנט קיין ריר טאָן מיטן קעפּל.

עס איז די צײַט, ווען מיר וואַרטן אויפן אָנבײַסן. אָט די מינוטן ציִען זיך שטענדיק, ווי אַ שווערע קרענק. איך און קוזיע ליגן אין שאָטן לעבן פּאַרקן. כאָטש די האַרטע וואָרצלען פון די ביימער האָבן זיך מיר אײַנגעשניטן אין פּלייצע, ווילט זיך מיר ניט אָפּרוקן, ווײַל ווײַטער איז מער ציגל-שטויב און פון דער ערד שטעקט אַ פּניאַק, אַן אָנגעפּיקעוועטער מיט לעכעלעך, ווי אַ רעשעטע, — געוויס איז דאָרטן פול מיט מורעשקעס.

סײַ איך, סײַ קוזיע קוקן אין איין און דער זעלבער ריכטונג. זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין, נאָר קיין איין וואָרט הער איך ניט. שוין אַזויפיל צײַט, ווי מיר האָבן נאָענט קיין קינדער ניט געזען, און דאָ — אָט זיצט זי אַ פאַרברוינטע, אין אַ געבלימלט ציצן קליידעלע אויף שמאָלע שלייקעלעך, אויפן קעפּל — אַ פּאַפּירן מיצל, זי זיצט קינדעריש אײַנגעהויקערט. די פיסלעך לאַנגע, דאַרע, ווי שטעקעלעך. אַליין אַ דינינקע, אַ בייגעוודיקע, ווי אַ צווײַגל. זי שמייכלט צו זיך אַליין, און אויף די באַקן באַווײַזן זיך כיין-גריבעלעך.

קוזיע שלאָפט שוין. די ברעמען זײַנען בײַ אים ווײַסע, ווי צוגעפּרוירענע. אונטער די אויגן — בלויע קרײַזן.

דאָס מיידעלע פאָרעט זיך אין גראָז, גראַבט מיט אַ צווײַגל די ערד. אָט נעמט זי אַרויס פון קעשענע אַ פענעצל ברויט, וואָס איז גרוי, ווי שטיין. אַ קניפּעלע זאַלץ. איך פאַרשטיי, אַז זי ווייסט, אַז איך שפּיר נאָך איר נאָך. אויב ניט, איז וואָס זשע איז עס פאַרגעקומען מיט אָט דעם קליינעם מענטשעלע? פאַרוואָס זשע האָט זי אַ ציטער געטאָן, אויסגעקערעוועט דאָס קעפּל? פאַרוואָס בײַסט זי די ליפּן?

מע־ע־ע, — וויינט און רופט די ציג. דער שטריק האָט זיך פאַרדרייט אַרום פּלאָקן. שטייט זי, די ציג, אײַנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און קאָן זיך פון אָרט ניט רירן. — מע־ע־ע.

אויספּלאָנטערן זי איז גאָר ניט אַזוי לײַכט. צום אַלעם ערשטן קלעקט ניט דעם מיידעלע קיין קויעך אויף אָפּשטופּן די ציג און אַפילע אויף צעבינדן דעם קנופּ, מיט וועלכן זי איז צוגעבונדן צום פּלאָקן. אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען, דאָס פּאַסטעכל.

— דערלויבט, — בעט איך באַם פּאָליצײַ, — כ׳וועל דאָס מאַכן פאַר איין מינוט.

דעמלט טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידעלע רופט מען טאָמע און די ציג — מורקע.

אויף מאָרגן האָט מיר טאָמע, שוין ווי אַן אַלטן גוטנפרײַנט, מיט שרעק אין די אויגן, דערציילט, אַז די באָבע האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן ניט אויפגעהערט צו וויינען. פאַרוואָס? דערפאַר ווײַל די מאַמע מיטן עלטערן ברודער זײַנען אַוועק צו דער מומע אין דאָרף, און אָט זײַנען שוין פאַריבער דרײַ טעג, און זיי זײַנען נאָך אַלץ ניטאָ. די באָבע זאָגט, אַז אויב אַפילע מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער, וועט זי אַלציינס מער די מאַמע פון שטוב ניט אַרויסלאָזן. אויף מײַן פראַגע, וווּ איז איר

טאטע, האָט טאָמע ניט געענטפערט און, בײַסנדיק די נעגל, אָנגעבויגן דאָס קעפּל אַזוי נידעריק, אַז די שלאָסביינער האָבן נאָך מער אַרויסגעסטאַרטשעט.

צי פאַרשטייט זי, אַז די פּאַשיסטן האָבן זי באַרויבט — צוגענומען בײַ איר די קינדהײַט? דערווײַל נאָך עפּשער ניט, נאָר ווען עס וועט קומען די צײַט, וועט שוין ניט מעגלעך זײַן אומקערן אָט די טעג — די טעג, פון וועלכע אַלץ הייבט זיך אָן. זי וועט שוין ניט שפּילן מיט אירע כאַווערטעס אין קלאַסן, ניט צייכענען מיט קרײַד אויפן טראָטואַר אַכט קוואַדראַטן און, שפּרינגענדיק אויף איין פוס, ניט שטופּן אַ שטיינדל אין „גאַניידן" אָדער אין „גיהענעם".

בײַ מיר אין קעשענע איז געלעגן אַ דין שטריקל. האָב איך צונויפגעבונדן ביידע עקן, אָנגעצויגן עס אויף די פינגער און אַרויסגערוקט די הענט פון יענער זײַט דראָט.

— ווילסט, — האָב איך געזאָגט, — מאַכן אַ בעטל, רוק פאָרזיכטיק אַרײַן די פינגער אָט אַהער. ניין, ניט אַזוי. האַלט די הענט, וועל איך דיר אָנטאָן אויף די פינגער דאָס שטריקל און באַווײַזן, ווי מע דאַרף עס איבערכאַפּן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ בעטל.

די שפּיל איז איר געפעלן. אַ שאָד, וואָס דער איבעררײַס איז געווען אַ קורצער. און דאָס פּײַפל האָט דערווײַל מיט גוטן דערמאָנט: „צו דער אַרבעט".

דערנאָך איז טאָמע מיט דער ציג נעלעם געוואָרן. וואָס נאָר האָב איך ניט איבערגעטראַכט! עפּשער איז מיט איר מאַמען און מיטן ברודער אויף אַן עמעס עפּעס געשען? צי עפּשער האָבן די דײַטשן בײַ איר צוגענומען די ציג? וויינען אויף אַ קאָל האָט זי מיניאַסטאַמע מוירע, האַלט זי זיך בײַ דער באָבעס קלייד. און עפּשער איז זי גאָר פאַרשלאָפט געוואָרן?

און פּלוצעם האָט פאַר די אויגן אַזוי קלאָר און דײַטלעך אויפגעטויכט מײַן היים אין סטעפּישן דאָרף. איך בין געווען דעמלט אין טאָמעס עלטער. דער טאַטע פלעגט איין מאָל אין כוידעש, אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, פאָרן אין שטאָט, בײַ פערציק קילאָמעטער, אויפן מאַרק. ווינטער, אין די וואָכעדיקע פריי־מאָרגנס, קעדײַ דער אַזוי אויך קליינער טאָג זאָל ווערן נאָך קלענער, פלעג איך ליגן ביז שפּעט אונטער דער איבערבעט. אויב דער אָוונט איז צוגעפאַלן און דער טאַטע האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט, פלעג איך שטיין בײַם פענצטער און בלאָזן אויף די קווייטן, וואָס דער פראָסט האָט אָנגעמאָלט, ביז אויף דער שויב פלעגט זיך באַווײַזן אַ קײַלעכדיק „אייגל". אַז עס זאָל ווידער ניט פאַרפרוירן ווערן, האָב איך עס אָן אויפהער געווישט מיטן פינגער. דורך אָט דעם פיצינקן פענצטערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין דער פינצטערער אָוונטיקער וועלט אַרײַן, האָב איך נאָכגעשפּירט, ווי לאַנגזאַם עס דרייען זיך אין דער לופט די שנייעלעך און לייגן זיך דערנאָך מיד אויפן שאָכנס דאַך, אויף דער סקירדע היי בײַ אונדז אין הויף, אויף דער פאַרפרוי־רענער ערד.

ווײַסע פּאַלמעס אויף די שויבן, פּאַלנדיקע קרישטאָלענע שטערנדלעך... איך פלעג פאַרגעסן, צוליב וואָס איך שטיי לעבן דעם יערושע־קאַסטן און קוק אַרויס אין פענצטער. דער מאַמעס פראַגע פלעגט מיר דערמאָנען:

— הערסט, עס סקריפּעט, דוכט זיך, ס'איז דער שליטן אָדער דער ווינט?

— דער ווינט קוויטשעט, מאַמע.

שפּאַנט זי ווידער אום פון ווינקל אין ווינקל, לייגט אַוועק לעבן דער באַקדייזשע דעם פלעדערוויש, מיט וועלכן זי האָט זיך געקליבן אַ ביסל אויספּוצן דעם דאָלעס, ברעכט די פינגער און זידלט דעם רעצייעך דעם פראָסט, וואָס רוקט דינע שפּיזלעך

אין לײַב, דעם װײנט, װאָס האָט, זעט אױס, באַם טאַטן פֿון אונטער דער נאָז צוגע־גאַנװעט דעם װעג. איר אומרו פֿלעגט זיך איבערגעבן מיר, און װײַל מײַן קינדער־שע פֿאַנטאַזיע האָט ניט געהאַט קײן גרענעץ, פֿלעג איך זיך אױסמאָלן אײן בילד שרעקלעכער פֿאַרן צװײטן. אָט שלאָג איך זיך מיטן קרירעדיקן װינט, װאָס טראָגט זיך מיר אַנטקעגן מיט אַ געהענעמדיקן ראַש, װאַרף אים צוריק זײַן שטעכיקן שנײ, שטעל אָפּ דעם װײַסן שטױב, װאָס ער יאָגט, און אָט דערזע איך — ניט דעם טאַטן, װי ער שפּאַנט אין די גרױסע יוכטענע שטיװל, נײן, איך דערזע זײַן נאָז, װעלכע װעט אָט־אָט פֿאַרפֿרױרן װערן, װײַל דער װינט דער רעצײעך האָט צוגע־גאַנװעט דעם װעג. אַ דערשראָקענער טרעט איך אָפּ פֿון פֿענצטער און קלאַמער זיך אײַן אין דער מאַמען.

— װײ איז מיר, — שרײַט זי מיט נאָך מער מוירע אין די אױגן, און עס פֿאַר־טיפֿערן זיך די קנײטשן אױף איר שטערן און באַ דעם מױל, — װער האָט עס אָנגע־שראָקן דאָס קינד? װילסט, װעלן מיר פֿאַרלעשן דאָס קאַנעצל און אָנצינדן דעם הענגלאָמפּ. איך װעל דיר געבן אַ פֿלעצעלע, װאָס איז נאָך ניט שטאַרק אַלטגע־באַקן, און אַ שטאַרקע גלאָז טײ מיט אַ שטיקעלע צוקער.

מײַן שטענדיק פֿאַריאָגטע מאַמע, װאָס װײסט יעדעס פֿינטעלע אױף מײַן לײַב, באַטאַפּט מיך, װי זי װאָלט װעלן געפֿינען דאָס אָרט, װוּ עס באַהאַלט זיך ערגעץ די שרעק, און דורכטרײַבן זי. אַלע אירע אַנדערע זאָרגן האָט זי איצט פֿאַרגעסן.

פֿאַרװאָס האָב איך זיך גראָד איצט דערמאָנט װעגן דעם? מיסטאָמע דערפֿאַר, װײַל איך בין פֿול מיט זאָרג װעגן טאַטן און װעגן איר מאַמען, װעלכע איך האָב נאָך, אַגעװו, קײנמאָל אין די אױגן ניט געזען...

דעם קאַבינעט פֿונעם הױפּט־דאָקטער רעמאָנטירט מען װידער לױט אװעראָװס אַ שפּאָגל־נײַעם פּלאַן. מיט אַ דין װענטל טײלט מען אָפּ אַ װינקל, װוּ עס װעט שטײן קראַמעצעס בעטל. איך און סאַשע מוראַשאָװ טראָגן אַהין געהילץ. װען מיר גײען צוריק, פֿילן מיר אָן די טראָגברעטלעך מיט אָפּגעפֿאַלענעם טינק, סטרוזשקעס און מיסט. נאָך אױף די טרעפּ, װאָס סקריפּען צום טאַקט פֿון אונדזערע טריט, דער־הער איך שומאָװס שטים:

— כאָסן, עפּן טיר־און־טױער! די קאַלע מיט דער שװיגער זײַנען אַראָפּגעקו־מען צוגאַסט.

סטיאָפּע, נאַר אײנער, װאָס גלעטסטו מיט אַזאַ האַנאָע די דינע שיטערע װאָנ־צעלעך, װאָס פּאַסמאַקעװעסטו אַזױ, װי דו װאָלסט געזאָגט אַ גרױסע כאָכמע? אױב ס'איז עמעס, װײסטו גאָר ניט, װי דו האָסט מיך אָט דער בסורע דערפֿרײט.

ס'איז עמעס. אױף דעם אָרט, װוּ טאָמע פֿלעגט געװײנלעך פּאַשען די ציג, ליגט אױסגעשפּרײט אַן אַלטער צעריסענער זאַק און אױף אים זיצט, שטיפֿעריש אָנגעבלאָזן די ליפּן, דאָס מײדעלע און אַ פּרוױ מיט ליכטיק־בלאָנדע האָר, דאָס איז זיכער איר מאַמע. זי זיצט אַ ביסל אָנגעבױגן אין אַ זײַט, און דערפֿאַר דאַכט זיך, אַז אײן אַקסל איז באַ איר עטװאָס העכער. ניט נאָר דאָס מײדעלע, נאָר אַפֿילו מורקע קערװעט אױס דעם קאָפּ און קוקט אין אונדזער זײַט. אױך מיט דער ציג זײַנען מיר שױן גוטעפֿרײַנט. זי האָט ניט אײן מאָל מיט אירע פֿײַכטע ליפּן גענומען פֿון מײַן אױסגעשטרעקטער האַנט אַ ביסל הײ, װאָס איך האָב אױפֿגעקליבן אין הױף.

פֿון פֿאַרקן טײלט מיך אָפּ אַ פּױלע קלאָץ, אַ פּוסטע הילצערנע פּאַס און אַ

טראָגבּרעטל, וואָס שטייט אַף א זײַט. מײַן קאָפּ סטאַרטשעט צווישן די הענטלעך פונעם טראָגבּרעטל, ווי אין א רעמל. איך קוק זיך ארום אַף רעכטס, אַף לינקס. מע זעט ניט קיינעם, פאר וועמען מע זאָל זיך דאַרפן היטן.

— מאַמע, — הער איך טאָמעס קאָל, — אָט איז ער. דו זעסט?

— א גוט־העלף! — באַגריס איך זי. — איר האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם?

— א גוט־העלף! — מײַן פראַגע האָט זי אָדער ניט דערהערט, אָדער ניט פאַר־שטאַנען. דערנאָך האָט זי זיך געכאַפּט און א דראַיע געטאָן דער טאָכטער מיטן פינגער. — אַך דו, פּלוידערזאַק, זאָג, וואָס נאָך האָסטו באַוויזן דערציילן דײַן כאָסן? איר ווייסט, — ווענדט זיך די פרוי צו מיר, — איך געדענק שוין ניט דעם טאָג, ווען איך האָב אזוי געלאַכט, ווי הײַנט. פאַרטאָג האָט די מויד זיך פאַרקליבן צו מיר אין בעט, זיך צוגעדריקט און שעפּטשעט: „מאַמע, איך האָב א פעטער א כאָסן. אָט וועסטו זען, ער איז א גוטער, נאָר זייער אַן אָפּגעריסענער און א הונגערי־קער״. דערנאָך האָט זי זיך גענומען באַרימען מיט די מאַטאַנעס, וואָס איר האָט איר געשענקט: מיטן שיפעלע פון פאַפּיר, מיטן שטריקל און דעם מיצעלע, וואָס איר האָט אופגענייט. זי איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטן, ביז איך האָב איר ניט צוגעזאָגט, אז איך וועל גיין זיך באַקאַנען מיט אײַך.

איך הער און טראַכט בייסמײַסע: אויב די פרוי וועט מער אהער ניט קומען, איז ווען נאָך וועל איך האָבן א געלעגנהײַט צו ריידן מיט א מענטשן פון דער פרײַ? דערצו נאָך אזא, וואָס גייט פון שטאָט אין דאָרף? באַ איר איז א שטרענג פּאָנעם, וואָס רופט אָבער ארויס צוטרוי. דאָס אלטע ריין אויסגעוואַשענע קליידל איז אַקוראַט פאַרלאַטעט. איך ווייס שוין, אז זי איז א מוטער פון דרײַ קינדער. איך האָב ניט וואָס צו פאַרלירן און שטעל זיך אײַן:

— זאָגט מיר, אַפן וועג צום דאָרף זײַנען פאַראַן וועלדער?

— ווי דען? אָט וועלן מיר צוטרײַבן נעענטער די ציג, וועל איך אײַך דערציילן. אונדזער קאַנט קען איך זייער גוט. טאָמע, גיב דעם פעטער דאָס קריגעלע מיט די פּאַזעמקעס און קום גלײַך צוריק.

— א דאַנק. א דאַנק אויך פאַר דער הירזשענער קאַשע. פאַר די קאַרטאָפל־לאַטקעס. איינע האָב איך געגעבן מײַן שאָכן, א קראַנקן פּליער. ער האָט אויך געבעטן אײַך איבערגעבן א דאַנק.

לויטן אויסדרוק פון אירע אויגן זע איך, אז זי ווייסט פון גאָרנישט ניט. דאָס האָט דאָס מיידעלע, באַ וועלכן מע קאָן אפילע פונדערווײַטן איבערציילן אלע ריפּן, געבראַכט אונדז פון איר עסן. טאָמע האָט אזוי פאַרדריקט דער מאַמעס האַנט, אז אירע פינגער זײַנען בלאָוו געוואָרן.

— מיר האָט איר דערווײַל ניט פאַר וואָס צו דאַנקען. בעסער הערט. די וועל־דער פאַרנעמען העכער א דריטל פון אונדזער געגנט. אָט דאָרטן, — ווײַזט זי מיר מיט דער האַנט אהין, ווו דער קלויסטער־שפּיץ בליצט מיט זײַן מעש אַף דער זון, — איז סטאַראָבין, גלוסק, — איצט זיצט זי אזוי נאָענט פון מיר, אז איך פאַר־שפּאָר ריידן, איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, זי זאָל וויסן, אז איך פאַרשטיי. — מײַן שוועסטער וווינט אין קליטשעווער ראַיאָן. ניט ווײַט איז אָסיפּאָוויטשער און סטאַ־ראָדאָראָזשסקער. אלע דרײַ ראַיאָנען שטעמען מיט זייערע וועלדער. העכער א העלפט פון זיי זײַנען סאָסנאָוועס. נאָר עס טרעפט אויך בערעזע, אָלכע, דעמב, אָסינע, גראַב איבערגעמישט מיט ליפּע, יאַסען, קליאָן. זעט איר, סאָרא וואַלד־ספּעציאַליסט איך בין?

— יאָ, ווירקלעך. אין דאָרף גייט איר עפּעס אויסבײַטן?

— אַזוי איז געווען פריִער. נאָר פון קיין פּוסטן ברונעם וועסטו קיין וואַסער ניט אַרויסציִען. איצט האָב איך שוין ניט וואָס צו בײַטן. אָט נעכטן האָב איך געבראַכט אַ גרויסן קויש שוואָמען. גוט, וואָס עס איז געווען אַ רעגן און די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. איר ווייסט, בעסער פאַר אַלץ איז קלײַבן שוואָמען גאַנצפרי, ווי נאָר זיי באַווײַזן זיך. איר האָט ווען־ניט־איז געקליבן שוואָמען? ניין? איז אָט, פרעגט בא טאָמען, וועט זי אײַך דערציילן, אַז פון דער ערד טאָר מען זיי ניט אַרויסרײַסן, אַניט וועלן זיי מער ניט וואַקסן. יעדער שוואָם דאַרף מען אַראָפּנע־מען זייער פאָרזיכטיק. די קינדער האָב איך אויך אויסגעלערנט, ווי־אַזוי מע דאַרף קלײַבן שוואָמען.

יעדער מינוט קאָן עמעצער שטערן אונדזער געשפּרעך, און איך מוז בא איר זיך עפּעס דערוויסן. שלאָג איך זי איבער:

— און איר האָט ניט מוירע, אַז מע זאָל אײַך אָפּשטעלן?

— ווער?

— אין קליטשעוו, זאָגט מען, זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער.

— פאַראַן. נאָר זיי זײַנען אַזעלכע, ווי איר, ווי אײַער פליִער, נאָר מיסטאָם מער דרייסטע. איינער פון זייערע קאָמאַנדירן איז אײַנגעשטאַנען בא מײַן שוועס־טער. ווינטש איך זיך, אַז מײַן זון זאָל זײַן אין אים געראָטן. זײַן באַליבט שפּריכ־וואָרט איז: „דער טויט איז מיט אונדז ניט קיין מעכוטן”. נו, זײַט געזונט, אין דער היים וואַרט אויף מיר אַ וועלט מיט אַרבעט. — זי האָט זיך אופגעהויבן, און אין אירע גרויסע אויסגעקרימטע שיך האָט זי אַוועקגעשפּאַנט גרינג און האַסטיק.

עס איז געווען פּונקט צו דער צײַט. פונדערווײַטן האָט אַ גלאַנץ געטאָן פּיפּין דעם קורצנס פליך.

מע זאָגט, אַז אַ גוטן טאָג קאָן מען דערקענען לויטן אופגאַנג פון דער זון. הײַנט גראָד האָט זי זיך קימאַט ניט באַוויזן, און פון גאַנצפרי קערט דער ווינט דעם שטויב. איצט האָט דער ווינט זיך אַפילע נאָך מער פאַרשטאַרקט און זינגט זיך זײַן ליד אָן וואָרטער. נאָר ווען מען אָרט עס, אויב פאַר מײַנע אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ווײַט־שווינדלענדיק פײַערל? די גרענעצן פון דער נעבעכדיקער וועלט, אין וועלכער איך בין פאַרקלעמט, קאָנען זיך עפּשער צערוקן...

די זומערדיקע נאַכט זעט אויס נאָך קירצער, ווען נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג פאַלסטו אַ מידער אָף דער נאַרע. עס דוכט זיך דיר, אַז די נאַרע הוידעט זיך, ווי דו וואָלסט געפאָרן אין אַ שנעלצוג. באַווײַזסט ניט אויסציִען די פיס, ווי אין קאָפּ איז שוין אַ נעפל. ווי לאַנג אָבער ציט זיך די זומערדיקע נאַכט, אויב אַפילע דו פאַרזשמורעסט ביז ווייטעק די אויגן, און אַלציינס ציטערן בא דיר די ווי־עס און קיין שלאָף קומט ניט צו דיר, ווײַל עס שווימען אויף אַלץ נײַע מאַכשאָוועס, וואָס שטעכן ווי נאָדלען?

אייגנטלעך גערעדט, וואָס בין איך אַזוי אופגערודערט? ס׳איז דאָך דערווײַל ניט מער ווי אַ מײַסעלע מיט אַ גוטן אָנהייב, און דו ווייסט נאָך ניט, ווי־אַזוי וועט זיך עס ענדיקן... אַ פרוי האָט מיר געזאָגט עטלעכע ווערטער. די פרוי האָט אַ שוועסטער אין דאָרף. בא דער דאָזיקער פויערטע איז אײַנגעשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז

איצט א פּאַרטיזאַנער. דער מענטש איז אין וואַלד. באַוואָפנט. ער איז פריַי, ווי דער ווינט, וואָס בלאָזט איצט אין גאַס. און איך בין אין געפאַנגענשאַפט.

ניין, ס'איז ניט אַזוי. היַינט איז אַפּאַנעמעסן געשען עפּעס זייער וויכטיקס. קיין שום רעפּועס וואָלטן מיך אַזוי ניט אָפּגעמינטערט, ווי די עטלעכע ווערטער, וואָס טאָמעס מאַמע האָט געלאָזט פאַלן. וועגן א בעסערער באַקאַנטשאַפט, ווי מיט אָט דער פרוי, האָב איך אַפילו טרוימען ניט געקאָנט. די דאַנקבאַרקיַיט צו איר וועל איך היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. קוים האָט זיך בא מיר אויסגעפּיקט א האָפענונג, זע איך שוין, פונוואַנען עס קאָן זיך ציִען דאָס פעדעמל, וואָס זאָל מיך פאַרייניקן מיט די נעקאָמענעמער. איצט, ווען עס איז אַפילו שטאַרק פינצטער, איז דער וואַלד־מענטש פאַר מיר ניט קיין סילועט, נאָר א קאָנקרעטער מענטש מיט א גוף און מיט א נעשאָמע. איך זע אים אַזוי בוילעט, אַז אויב איר ווילט, קאָן איך אים איַיך אויסמאָלן. די פרוי האָט מיך ווי פאַרייניקט מיט אים אין איין עלעקטרישער קייט.

טרוימען, טרוימען... ווי זייפן־בלאָזן קאָנען זיי פּלאַצן איינער נאָכן צווייטן. איז ווּ געפינט מען יענעם דרייסטן און דערפאַרענעם מענטשן, וועלכער זאָל מיר אונטערזאָגן, וויאַזוי איַיך צו פאַרווירקלעכן? ווייס איך דאָך שוין — איך אַליין דאַרף זיַין דער דרייסטער און דערפאַרענער. די פרוי — דאָס איז א גליקלעכער צופאַל, אויב נאָר איך וועל אים קאָנען אויסנוצן. דער וואַלד — ער איז פון מיר אַזוי באַענגט און אַזוי וויַיט...

גאַנצפרי, ווי נאָר מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אַף דער אַרבעט, רופט מיך אַרויס צו זיך אוועראָוו. אין זיַין טונקעלן צימער, ווו ער זיצט בריַיטלעך אַפן טאַ־בורעט, איז נאָך ווי פול מיט שלעפערדיקער כראָפּעניש. ער אינטערעסירט זיך:

— וועגן וואָס האָסטו נעכטן גערעדט מיט דיַין „שוויגער״?

— דאָס איז א פאַרהער?

— ניין, דו הער מיך אויס. דער עלטסטער סאַניטאַר וועט זיַין שומאָוו. פּיפּין האַלט, אַז דו און קוזיע זיַיט א פּאָר גלאָמפּן. אין דיַינע אויגן, זאָגט ער, האָט ער גליַיך באַמערקט ניט קיין גוט פּיַיערל. ניט אַזוי פאָשעט איז מיר אָנגעקומען אים איַינריידן, אַז ער זאָל איַיך איבערלאָזן אַלס אופּראַמערס. אַלע איבעריקע, וואָס אַרבעטן דאָ, וועלן זיַין סאַניטאַרן. די טעג וועלן אָנהייבן אָנקומען קראַנקע.

ער האָט גענומען אונטערפּיַיפן. איך האָב באַמערקט, אַז ער קווענקלט זיך עפּעס. דוכט זיך, אַז ער רעדט וועגן איינס און האָט אין זינען „די שוויגער״.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, וואָס פאַר א שיַיכעס האָט עס צום קינד, צו איר מאַמען?

— צום מיידעלע האָט עס טאַקע ניט קיין שום שיַיכעס. צו איר מאַמען קאָן עס האָבן.

— איך פאַרשטיי איַיך ניט.

— באַלד וועסטו פאַרשטיין. — אַליין איז ער שטיל, אַף די שפּיץ פינגער, צוגע־גאַנגען צו דער טיר, מיסטאָם קעדיי זיך איבערצוצַיַיגן, אַז קיינער הערט ניט אונ־טער. — מיך וואָלט ניט געאַרט, אַז מיט א טייל פון אָט די מעדיקאַמענטן זאָלן זיך באַנוצן ניט די קראַנקע, וועלכע וועלן זיך דאָ היילן.

— ווער דען?

— דער, ווער עס איז בעקויעך גוט צו באצאָלן.

— קלאָר, נאָר די פרוי, דוכט זיך, איז זייער אָן אָרעמע.

— דערפאר טאקע וועט זי מוזן ריזיקירן. אָפּנארן זי, ווי דו פארשטייסט, קלײַב איך זיך ניט.

— און ווי, אויב א דורכפאל? זי איז א מוטער פון דרײַ קליינע קינדער.

— אויב מע זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין גלאָמפּן, ווי פּיפּין האָט אײַך אָנגערופן, איז א דורכפאל אויסגעשלאָסן. איך, אשטייגער, וואָרן דיך: פון מײַן האנט וועט זי קיינמאָל גאָרנישט ניט באקומען. טאָמער וואָס, ביסטו דער גאנעוו און דער ספּעקוליאנט.

— א וואזשנע געשעפט לייגט איר מיר פאָר.

— דערפאר אָבער לוינט עס, ס'זיכערט דיר שפּײַז צו זאט. דײַן זאך איז שוין צוטראכטן, וויאזוי ארויסגיין א טרוקענער פון וואסער און דער שולדיקער זאָל זײַן עמעצער אנדערש.

— פאר מיר, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, איז דאָס א קנאַפּע טרייסט.

— מיט קיין ענטפער כאַפּ זיך ניט. האָב אין זינען: אויב עפּעס וואָס, וועט זײַן, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר דיר.

— איר האָט דאָך מיך נאָרוואָס געוואָרנט...

— ניט איך האָב צוגעטראכט אָט דאָס געשעפט.

— ווער זשע נאָך, אכוץ אײַך, ווייסט וועגן אָט דער פרוי?

— פאראן אזא מענטש. נאָר באומרויִק זיך ניט. ער איז געווען צו ווײַט, קעדיי באמערקן, מיט וועמען זי האָט געשמועסט. און גראָד ער וואָלט דערווידערט, איך זאָל פירן מיט דיר דעם דאָזיקן שמועס.

אָט איז עס, דאָס קליינע רינגעלע פון דער גרויסער קייט פארברעכנס. וואָלט זיך ניט געהאנדלט וועגן מעדיקאמענטן, וואָלט איך אים גלײַך געזאָגט, אז ער זאָל זיך זוכן אן אנדער שוטעף. נאָר מעגלעך, אז די פּארטיזאנער נייטיקן זיך אין זיי? אלציינס דארף מען גוט א קלער טאָן. אזוי טאקע ענטפער איך:

— איר ווייסט, דאָ דארף מען גוט א קלער טאָן. ביז איך וועל ניט וויסן, מיט וועמען איך האָב צו טאָן, וועל איך מיט איר קיין וואָרט וועגן דעם ניט ריידן. נאָר אויב אזא געשפרעך וועט ווען־עס־איז פאָרקומען, איז וועגן וואָס פארא רעפּועס האנדלט זיך?

— אָט דאָס, זעסטו, איז שוין צו דער זאך. דערווײַל וועגן וואלעריאן־טראָפּנס, ביטער־זאלץ, קאָדעיִן, טראָפּנס פון דענישן קיניג.

מײַנע פארמאקאָלאָגישע ידיעות זײַנען גאנץ אויבערפלעכלעכע, נאָר דאָך פארשטיי איך, אז ניט די דאָזיקע רעפּועס זײַנען וויכטיק פאר קעמפער.

— איך מיין, אז אף הוסטן, אף א שלעכטן מאָגן און אפילע אף הארץ־קראנקײַט לייגט מען איצט ניט איבעריקס קיין אכט. ס'איז ניט אזא צײַט. אן אנדער זאך איז סולפידין, סטרעפּטאָציד, יאָד, איבערבינד־מאטעריאלן, וואטע.

— אין דעם, מיינסטו, נייטיקן זיי זיך מער? — קוקט ער אף מיר, ווי מיר דוכט, פארדעכטיק.

— אף זיכער ווייס איך ניט. נאָר מענטשן קילן זיך צו, באקומען לונגען־אָנצינדונגען. קימאט אלע זײַנען איצט געצוווּנגען מײַסטרעווען, צעקלאפּט מען זיך א האנט, און די הויפּט־זאך — וואטע און מארליע דארף מען אף אופנייען ווארעם אָנטאָן.

— גאנץ מעגלעך, אז דו ביסט גערעכט. נאָר דאָס איז שוין ניט אין מיר גע־וועןדט.

איך האָב באשטימט: טאָמער מאמען וועל איך דערוויַיל וועגן דעם ניט זאָגן.

קארלס באפעל

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט דער הויפּט־דאָקטער און זײַן געהילף געטאָגט און גענעכטיקט אין שפּיטאָל. נאָכגעקוקט, אז אין הויף זאָל קיין שפּענדעלע, קיין שטרויעלע זיך ניט וואלגערן. אין דער באגלייטונג פון א פּאָליצײַ האָט מען אונדז געשיקט צום טײַך נאָך זאמד און באפוילן באשיטן די סטעזשקע. פּיפּין אליין פלעגט, ווי א וואָרעם, ארײַנקריכן אין יעדן ווינקעלע, טאפּן מיטן פינגער דאָס מעבל, די שויבן, געפּאָדערט, אז די אײַזערנע הענטלעך פון די טירן זאָלן זײַן אויסגעשײַערט, ווי דאָס מעש אף א שיף. שומאָוו האָט באקומען א פאראָרדענונג: פון צווייטן שטאָק נאָכשפּירן נאָכן וועג, און ווי נאָר עס וועט זיך באווײַזן הויכע נאטשאלסטווע, גלײַך געבן צו וויסן.

דעם ערשטן פאָרשטייער, ועמען די דײַטשישע קאָמאנדשאַפט האָט צוגעשיקט דורכקאָנטראָלירן, צי דער שפּיטאָל און זײַן פּערסאָנאַל זײַנען גרייט אופצונעמען קראנקע, איז געווען... דער איין־אויגיקער קארל. א טאָעס האָבן איז געווען אומעג־לעך, ווײַל אזא כײַע־ראָע, אויב דו האָסט איין מאָל זי געזען, פארגעדענקסטו זי אפן גאנצן לעבן. עפּעס האָט ער זיך געענדערט. אָנשטאָט דעם שווארצן בענדל — א גלעזערן אויג. מיסטאמע פון סאָלידקײַט וועגן טראָגט ער קורצע וואָנצעלעך, פּאָגאָנעס פון א פעלדפעבעל און א צייכן, אז ער איז געווען צוויי מאָל פארוווּנדעט.

קארל איז געקומען ארום האלבן טאָג. קיינעמס אופמערקזאמקײַט האָט ער ניט צוגעצויגן. שטיל און אומבאמערקט איז ער דורכגעגאנגען דעם הויף, זיך אופגעע־הויבן אף די עטלעכע טרעפּ און ניט אנדערש, ווי דער וואָלפישער כוש וואָלט אים אונטערגעזאָגט, האָט ער זיך געלאָזט אין עקסטן צימער, ווו קוזיע איז געזעסן און זיך געלויזט. ווען ער קומט מיט עטלעכע מינוט פריִער, וואָלט ער אלע סאניטארן געטראָפן בא דער זעלבער ארבעט.

וויאזוי די באגעגעניש איז פאָרגעקומען, האָט קיינער פון אונדז ניט געוווּסט, ווײַל מיר זײַנען געקומען שוין נאָך דעם, ווי עס האָט זיך דערהערט א טומל און קוזיעס געשריי. מיר האָבן דערזען, ווי א געזונטער, צעבושעוועטער פּאשיסט מיט א נײַעם סקריפּענדיקן רימען אין דער האנט יאָגט זיך, ווי א היצעל, נאָך דעם נאקעטן און אויסגעדארטן קוזיען, שלאָגט אים איבער דער אײַנגעבויגענער פּלייצע און שרײַט עפּעס אף א מעשונעדיקער שפּראַך, וואָס די דײַטשן אליין, דוכט זיך, וואָלטן זי ניט פארשטאנען. אָפּשטעלן קארלען האָט דער הויפּט־דאָקטער ניט גע־וואגט. ער האָט בלויז געהייסן אוועראָוון זיך נאָכפרעגן, וואָס אזוינס איז געשען, מיט וואָס האָט זיך קוזיע פארזינדיקט?

— דאָנערוועטער! מיט וואָס? — מיט זײַן געזונטן אויג קוקט זיך קארל אײַן אין דעם, וואָס האָט אים געשטעלט די פראגע. דער אונטער־אָפיצער, לאָזט זיך אויס, איז פון די געפאנגענע, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאנג קאָנוואָירט. איז אָט מיט וועמען מע וויל אים, דעם אריער, שטעלן אף איין ברעט? קארלס פּאָנעם ברענט, ווי א שײַטער אפן ווינט. ער עטעמט שווער, אָפּגעהאקט. האסטיק הייבט ער אוף זײַן רימען, נאָר באטראכט זיך אין דער לעצטער רעגע און לאָזט אים

ווידער אראָפּ אויף קוזיעס בינטל ביינער. דאָס איינציקע וואָרט, וואָס מע קאָן פֿאַרשטיין, איז „שמוץ". דער הויפּט־דאָקטער, וואָס איז שוין נישט נאָר קיין באַלע־באָס ניט, נאָר אַפֿילו קיין גאַסט ניט, פֿאַרגלאָצט די אויגן און ווערט פֿאַרציטערט:

— ווו?

איצט פֿאָדערט זיך ניט קיין איבערזעצער. ווו עס קלעקט ניט קיין ווערטער, באַווײַזט קאַרל מיט די הענט.

— אָט דער רוסישער שווײַן איז געזעסן, — און מיט די נעגל באַווײַזט ער, מיט וואָס קוזיע האָט זיך פֿאַרנומען.

— אײַ, אײַ! — כאַפּט זיך קראַמעץ פֿאַרן געגאָלטן קאָפּ. — אַזאַ סקאַנדאַל.

ער איז אַזוי אויפֿגערודערט, אַז זײַנע גרויסע סטאַרטשענדיקע אויערן זײַנען רויט געוואָרן. ער האַלט אין איין פֿינטלען מיט די מוטנע בלויע אויגן און טופּעט מיט די פֿיס:

— שנעל טו אָן דײַנע שמאַטעס — און וואָן, מער זאָל איך אים דאָ ניט זען! איר הערט?

צו וועמען ווענדט ער זיך? צו זײַן געהילף אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש, באַ וועמען די דינע טרוקענע ליפּן זײַנען, ווי געווייַנלעך, פּעסט צונויפֿגעשלאָסן, צו אָווראָוון, וואָס דעם אויסדרוק פֿון זײַנע אויגן פֿאַרשטעלן די געדיכטע ברעמען, אָדער צו אונדז אַלעמען? נאָך עמעצן זוכט ער מיט די אויגן. פֿאַר מיר, מיין איך, וועט זײַן בעסער, אויב איך וועל זיך באַצײַטנס אָפּטראָגן און זיך פֿאַרשטעקן אַפֿן בוידעם אָדער ערגעץ אין אַן אַנדער ווינקל. שוין פֿונדערווײַטן הער איך, אַז קאַרל באַשטעטיקט דעם באַפֿעל, נאָר מיט אַ טנאַי, דער פּאָליציי זאָל אָפּפֿירן קוזיען ניט אין די אַלגעמיינע באַראַקן, נאָר אין קאַרצער. איצט, ווייס איך, וועט שוין קוזיען קיינער ניט העלפֿן, ניט קאָנען פֿאַרלינדערן זײַן וויי. עפּעס אַ קליינקייט, אַ באַפֿעל פֿון קאַרלען אַליין, וועלכער פֿילט זיך דאָ, ווי אַ גענעראַל אויף אַ פּאַראַד.

פֿון דעם בוידעם זע איך קוזיען אין אײַנגעהויקערטן, אַ בלייכן. ער שאַרט מיט די באָרוועסע פֿיס די ערד. עס צוקן זײַנע ווײַסע איבערגעטריקנטע ליפּן. אָט טוט ער אַ שמאָרע מיט דער נאָז, קאָן זײַן, אַז ער וויינט שטיל, פֿאַרשטיקט. נאָר אויף זיכער שעלט ער די פּײַניקער און מערדער.

קוזיע, קוזיע, דוכט זיך, אַז אונדזביידן איז צוזאַמען געווען אַ ביסל היימלעכער.

לאַנגע, פֿאַמעלעך קריכנדיקע טעג. אויב מע זאָל גלייבן קאַזימירן, האָט דער הויפּט־דאָקטער אים עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז דאָ איז פֿאַראַן נאָך איינער, וועמען עס איז בעסער אַפּריִער דורכטרײַבן אין לאַגער. אַליין קראַמעץ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ביז קאַרלס באַזוך האָט ער ניט באַמערקט, אַז מיר אַלע זײַנען אָנגעטאָן ווי סטראַשידלעס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, קויטיק און פֿאַרלײַזיקט. איצט איז ער געוואָרן געצוווּנגען עפּעס פֿאַרנעמען: דער ערשטער סעאַנס פֿון דער דעזקאַמערע איז באַשטימט פֿאַר אונדז — פֿאַר דעם באַדינונגס־פּערסאָנאַל פֿון שפּיטאָל, דערנאָך האָט מען אונדז געגעבן צו וויסן, אַז מער וועט מען דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל ניט טרײַבן אויף באַנאַכט אין לאַגער. נעכטיקן וועלן מיר דאָ, אין עקסטן צימער, ווו מע האָט אָוועקגעשטעלט צווייגאָרנדיקע נאַרעס.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע קראַנקע, און פּיפּין האָט נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט אויף דער קאָמיסיע. ווײַנען אַהער האָט ער זיך איבערגעקליבן מיט זײַן

גרויען קאָטער וואַסקע, וואָס פלעגט אים שטענדיק נאָכגיין, ווי א שאָטן. סאשע מוראַשאָוו האָט געהאַלטן, אז דער קאָטער און זײַן באַלעבאָס זײַנען ביז גאָר ענלעך איינער אפן צווייטן: ביידע באַלעקן זיי זיך אָפט, שלאָפן לאַנג און פעסט, נאָר פון קראַמעצן שמעקט מיט בראַנפן, פונעם קאָטער — מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס.

ס׳איז געווען נאָך איין סיבע, צוליב וואָס וואַסקע פלעגט זעלטן זיך באַווײַזן אָן זײַן באַלעבאָס: דאָס, וואָס מע האָט געוווּנטשן דעם הויפּט־דאָקטער, האָט מען אויסגעלאָזט צו זײַן פירפיסלדיקן באַגלייטער. איינמאָל האָט אים פּיפּין קוים א לעבעדיקן ארויסגעשלעפּט פון דײַר דעזקאַמערע. אין א פּאָר טעג ארום — געפונען אין א פאַרנייטן מאַטראַץ. הערכער א מעסלעס איז דער קאָטער געהאַנגען א פּאָר־בונדענער אין א טאָרבע. דערנאָך האָט אים עמעצער אָפּגעשוירן די וואָנצעס. וויפל מאָל האָט דער קאָטער זיך ארומגעטראָגן ווי א דולער — ניט געקאָנט באַ־פרײַען זיך פון דער קאָנסערוון־פּושקע, וואָס איז צוגעבונדן געווען צו זײַן עק. ווען מע האָט ארויסגעגעבן א בײַסיקע שמירעכץ קעגן קרעץ, איז ניט ווייניקער פון א העלפט אויסגעשמירט געוואָרן אף דער פעל פון קראַמעצעס ליבלינג. מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס האָט אים געגומען מעכאַבעד זײַן ניט נאָר זײַן באַלעבאָס. צו דעם געטראַנק האָט מען נאָך צוגעמישט ריצנייל, ביטער־זאַלץ...

איין מאָל אין וואָך פלעגט בייסן „רונדגאַנג״ פון די דאָקטוירים בײַזײַן קאַרל. געהייסן האָט עס, אז ער, דער גרויסער באָקי אין מעדיצין־וויסנשאַפטן, דאַרף נאָכקוקן, אז דאָ זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן קיין סימוליאַנטן. די עמעסע סיבע, צוליב וואָס ער פלעגט אָפּט באַזוכן דעם שפּיטאָל, האָב איך זיך דערוווּסט העט־שפּעטער. דאָס האָט ער פאַרפירט די גאַנצע „קאָמערציע״ מיט די מעדיקאַמענטן.

— אָט דער, — האָט דער הויפּט־דאָקטער אָנגעוויזן קאַרלען אף איינעם פון די קראַנקע, — איז שוין געזונט.

— ניין, — האָט דער קראַנקער געענטפערט מיט א שוואַך קאָל, — דער בויך טוט ווי ניט צום איבערטראָגן.

קראַמעץ איז אַמאָל געווען א ציינדאָקטער. נאָר פּונקט ווי קאַרל, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר א מייוון אף אַלע קרענק.

— שרײַב אין דעם מעדיצין־קאַרטל, — האָט ער באַפוילן דעם פעלדשער, — דער בויך — א ווייכער, אין די אויגן טרערן.

זײַן געהילף, אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש, האָט מיט א גיפּטיקן שמייכל אונטערגע־וווּנקען דעם פעלדשער.

— פאַרשטייט זיך, א ווייכער, — האָט באַשטעטיקט דער קראַנקער. — ווי דען אַנדערש, אז מיר קריכן ניט ארויס פון קלאָזעט. און אַלץ איבער וועמען? איבער אָט דעם פּאַסקודסטווע קאָטער, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אף וואַסקען, וואָס האָט זיך מיט פאַרגעניגן אויסגעצויגן לעבן פּיפּינס פיס. — איבער אים לײַדן מיר פון מאָגן־קרענק, שמירן זיך און קראַצן זיך.

— אויסשרײַבן! — האָט דער האויפּטמאַן זיך צעשריִען. — אויסשרײַבן און מי־טיילן, אז ער איז א סימוליאַנט.

קאַרל האָט זיך אָנגעשפּיצט. פּאַסקודנע, ווען מע רעדט אף א שפּראַך, וועלכע דו פאַרשטייסט ניט. ווען די דייע זאָל זײַן באַ אים, וואָלט ער אף דער גאַנצער וועלט פאַרבאָטן רעדן אף א וועלכער־ניט־איז שפּראַך, אויסער דײַטש. ווער אָט די רוסן זאָלן ניט זײַן, נאָר גלייבן זיי וועט ער קיינמאָל ניט. ווײַזט אויס, מע דרייט אים דאָ א ספּאָדעק און מע רעדט ניט וועגן קרענק, נאָר וועגן נעכטיקע טעג,

וועגן דעם אלטן קאַטער. דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, באַ־שטעטיקט, אַז דאָ סימולירט מען. ווי דען אַנדערש? אין די אויגן פון דעם, וואָס האָט גערעדט מיט אַ ווייִנענדיק קאָל, לײַכט גאָר איצט אַ כּוױזעק־פּײַערל.

— קאָם היר, — רופט ער אוועראָוון. מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט באַפוילט קארל, אַז אַלע זאָלן אָפּטרעטן אין אַ זײַט, און אוועראָוון הייסט ער: — זעץ איבער פינקטלעך וואָרט בײַ וואָרט, וואָס דער קראַנקער האָט געזאָגט. וואָס טראַכטסטו אַזוי לאַנג?

דאָס איינציקע, וואָס האָט טיילווײַז באַרויִקט קארלען, איז דאָס, וואָס אויך אוועראָוו האָט דערמאָנט אין וואַסקען.

— זאָלסט ניט וואַגן! — האָט קראַמעץ אַ געשריי געטאָן אויף אוועראָוון.

— וואָרום? — האָט קארל בייז אַ קוק געטאָן אויפֿן דאָקטער. — נו רייד! — האָט ער באַפוילן דעם קראַנקן.

— הער פעלדפעבעל! דער קאַטער שלעפּט זיך אַרום איבער די פּאַלאַטעס, פאַר־קלײַבט זיך אויף די געלעגערס. ער איז קראַנק אויף דיזענטעריע און קרעץ. ביז מע וועט אים ניט דורכטרײַבן, וועלן מיר ניט אַרויסקריכן פון די פּאַסקודנע שלאָפקײַטן.

מעגלעך, אַז קיין איין קאַטער אויף דער וועלט האָט ניט אַרויסגערופן אַזויפיל מאַכלויקעס, ווי וואַסקע, וואָס איז געלעגן, ווי ניט אים מיינט מען, געדרייט מיטן עק און נאָכגעשפּירט נאָך אַ פליג, וואָס האָט אַרומגעפּויזעט איבערן דיל. פונוואַנען זאָל ער געוווּסן וויסן, אַז אין דער מינוט ווערט געלייזט זײַן גורל?

— זאָגט איר, — האָט קארל זיך געווענדט צו דעם געהילף פון דעם הויפּט־דאָקטער, — דער קאַטער איז אַ קראַנקער?

אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש, וועלכער האָט געוווינט מיט קראַמעצן אין איין צימער, האָט מער פאַר אַלעמען געליטן פון וואַסקען. דערצו נאָך האָט ער, זעט אויס, אַ קלער געטאָן, אַז איצט איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט אַ שטעך טאָן זײַן שעף...

— קראַנק, — האָט ער באַשטעטיקט. — וועגן דעם האָב איך ניט איין מאָל גע־וואָרנט דעם הער האָופּטמאַן.

— איז אָט מיט וואָס, דאָקטער, איר פאַרנעמט זיך! — האָט קארל אָפּגעמאָסטן קראַמעצן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט שוין געשאַרפט אין געדאַנק דאָס מעסער.

קארל באַפוילט פאַרמאַכן טיר־און־פענצטער און אַליין בייגט ער זיך אָן צו וואַסקען.

פאַרוואָס זאָגט מען „אַ קעצענער מויעך"? וואַסקע האָט זיך גלײַך דערמאָנט אַלע ליידן, וואָס ער האָט דאָ געהאַט אויסצושטיין. נאָך איצט פילט ער פון ביידע זײַטן די קורצע פיס פון זײַן שטענדיקן פאַרטיידיקער. אויב אַזוי, וועט ער ניט אַנטלויפן. אפילו אונטערן בעטל וועט ער זיך ניט פאַרקלײַבן. זאָל דער, וואָס וויל אים טאָן בייז, אַליין דערפילן, אַז וואַסקעס אָוועס זײַנען די בלוטדאָרשטיקע טי־גערס. וואַסקע איז פלינק אופגעשפּרונגען, באַוויזן, אַז אויך ער האָט אַ הויכן האָרב, גרינע פײַערלעך אין די אויגן, שאַרפע ציין און נעגל און צישען קאָן ער, ווי אַ שלאַנג. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער פּראָנט. נאָר אויך וועגן „טיל" האָט וואַסקע ניט פאַרגעסן. זײַן עק האָט זיך איצט ניט געבאָמבלט, ער האָט אים אונ־טערגעצויגן און אויסגעבויגן, ווי אַ פראַגעצייכן. ער האָט ווי גערייצט זיך מיט קארלען: אַדרבא, ריר מיך אָן, אויב דו ביסט אַזאַ העלד!

קיין העלד איז קארל קיינמאָל ניט געווען. פאַר אָט דער ווילדער קאָץ האָט זיך איצט איבערגעשראָקן ניט נאָר די פליג אפן דיל, נאָר אויך דער העלדישער פעלדפעבעל. קארל איז אָפּגעטראָטן אף צוריק. ער האָט געהאַלטן, אַז באַליידיקט האָט מען ניט בלויז אים, קארלען, נאָר די גאַנצע דײַטשישע ארמיי און אפילע דעם פיורער, וועלכן ער שטעלט דאָ פאָר. אזוינס פארבײַגיין האָט ער ניט קיין רעכט, און ער האָט באַפוילן:

— הער האופטמאַן, אין א מינוט ארום זאָל דער קאָטער הענגען אף אָט דעם בוים, — האָט ער אָנגעוויזן דורכן פענצטער.

— דערלויבט, — האָט דער הויפּט־דאָקטער זיך פארהוסט מיט א שווערן מאַ־כאָרקע־הוסט.

— איך דערלויב ניט. איך באַפעל!

קראַמפּעץ האָט צעשפּרייט די הענט, וואָס זײַנען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט לאַנגע געלע העריעלעך.

— איך פאַרשטיי, הער פעלדפעבעל, נאָר איר זעט דאָך אַליין, אַז ער לאָזט צו זיך ניט צו קיין פרעמדן.

— דאַן וועט איר אים באַלד אַליין אופהענגען. איר הערט? איך וואַרט!

אַן עמעסע געשיכטע

נאָך אין מאַלעווער לאַגער האָט דער דאָקטער זאַרינקין געזאָגט: בא אַזאַ מין הונגער פאָדערן זיך גאָר אַנדערע קאַלענדאַרן. איצט איז שוין אומעגלעך רעכענען די צײַט אף טעג און וואָכן. אזעלכע צײַט־אָפּשניטן דערמאָנען אסטראָנאָמיש גרויסע צאָלן. דאָ ציִען זיך אומענדלעך לאַנג מינוטן, ווײַל יעדער רעגע פארשאַפט אומדערטרעגלעכן ווייטאָק.

אָבער ווען אַלוואַרדיאַן האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט דער דאָקטער זאַרינקין, וואָס האָט שוין אַליין קוים באַוועגט מיט די ליפּן, אײַנגעטײַנעט מיט אים:

— פאַראַן אזוינס, וואָס איז נאָך שרעקלעכער פון הונגער. דאָס איז פאַרצווייפלונג, האָפנונגלאָזיקײַט, ווען אין דײַן אויסגעמאָגערטן קערפּער איז מער ווי פאַר שרעק קיין אָרט ניטאָ. דאָס טרעפט דאַן, ווען דו ביסט שוין ניט פייִק צו באַנעמען, אַז די קראַפט פון לעבן איז טאַקע אומבאַזיגבאַר, אַז פאַראַכטונג איז שטאַרקער פון טויט, אַז קיינמאָל טאָר מען ניט זאָגן — אַלץ איז פאַרענדיקט. ווײַל עס קאָן אָנקומען דאָס, וואָס מע רופט „דער צווייטער אָטעם־צוג“.

ווי קאָן מען עס ניט דערמאָנען אָט די עטוואָס פײַערלעכע, נאָר פון הארצן געזאָגטע ווערטער, ווען דו זעסט ארום זיך מענטשן, וואָס אף צו ראַטעווען דעם גוף פארקויפן זיי די נעשאָמע.

ווי עס זאָל ניט זײַן אומגלייבלעך, נאָר די, וואָס היילן זיך דאָ אין שפּיטאָל, האָבן פארביטן זייערע האַרטע, שטעכיקע, נאָר אזעלכע לײַבלעך־אייגענע שינעלן אף עטוואָס ווייכערע, נאָר פאַרהאַסטע גרוי־גרינע. באַטאָג, ווען זיי ציִען אָן אף זיך אָט די אוניפאָרם, בין איך זיכער, אַז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיי אײַנטונקען די הענט אין בלוט פון זייערע ברידער. אין אָט די שאָען איז מיר דאָס לעבן ניט ליב. איך טראָג ארויס דאָס מיסט, וואָש די דילן — באַדין מײַנע פײַנט.

קומט אָבער אָן די נאכט, איז ווי מע וואָלט מיט אייניקע פון זיי אָפּגעטאָן א קישעף. ווײַזט אויס, אז גראָד די פינצטערניש העלפט זיי זיך באפרײַען ניט נאָר פונעם אָנטאָן. איין אָוונט, א צווייטער, איך הער זיך צו און גלייב ניט מײַנע אויערן. נעכטן האָט איינער ארויסגעזאָגט אף א קאָל דאָס, וואָס, מעגלעך, אויך אנדערע פון זיי טראכטן. מיט א טיפן קרעכץ האָט זיך בא אים ארויסגעריסן: „בעסער וואָלט איך אומגעקומען אין לאגער”.

דאָ גייט א הארבע קריג. ניט וויכטיק, וואָס ניט אלע וואגן וועגן דעם מעלדן אף א קאָל, וואָס ניט זעלטן דינט די צונג, קעדיי ארויסבאהאלטן געדאנקען. דאָ רעדט אמאָל א זשעסט, א ווונק, א ווערטל פיל מער, ווי ערגעץ־ווו א לאנגע רעדע.

אף עמעצנס א רעפליק, אז נויט ברעכט אײַזן, דערהערט זיך גלײַך פון צווייטן עק פאלאטע א דערווידערונג:

— ניט שטענדיק. באלד וועל איך זיך אומקערן, איז אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן אן עמעסע געשיכטע.

וואָס ווייס איך וועגן דעם מענטשן, וואָס קלײַבט זיך דערווײַזן, אז עס איז פאראן עפּעס שטארקערס פון נויט? ער איז ענלעך אף א פויער. א שטילער, א באשיידענער, מיט א פלינקן געדאנק און א גוטמוטיקן שמייכל. טוט ער א שמייכל, טוען בא אים אין מויל א שעמעריר די ציין, וואָס דערמאָנען געשיילטן קנאָבל. נאָר איך פארשטיי, אז דאָס איז נאָך קארג אף צו אורטיילן, וואָס פאר א מענטש דאָס איז. זײַן פאמיליע איז כראָמאָוו. איוואן כראָמאָוו. פאר די פּאָר טעג, וואָס ער געפינט זיך דאָ, האָט ער באוויזן פאריכטן דעם שאָכנס זייגער, דעם פעלדשערס שפּריץ, אויסשניצן פון האָלץ ציגעלעך פאר דאָמינאָ. מיט עטלעכע שאָ צוריק האָט ער אזוי פארבענקט געטעסעט א שטיק האָלץ מיט דער האק, אז מע האָט אים געמעגט מעקאנע זײַן.

נאָר דער זעלבער כראָמאָוו איז אָנגעמערקט בא די „פּרײַוויליקע” אלס קאָמאנדיר פון אן אָפּטיילונג. ווי אווראָוו, טראָגט ער פּאָגאָנעס פון אן אונטעראָפיצער. איז וועלכער פון די ביידע כראָמאָווס וועט איצט נעמען די אויבערהאנט? וואָס וועט ער באלד דערציילן?

איך ליג אפן דיל באם פענצטער, דורך וועלכן די לעוואָנע האָט ארײַנגעשיקט א שמאָלן פּאס ליכט. אויב פארזשמורען די אויגן און לאנג זיך אײַנקוקן אין בלייכן לעוואָנע־אָפּשײַן, הייבן אָן די זילבער־שטויבעלעך צו פינקלען, ווי דער געדיכטער צוויט אין א פריילינגדיקן סאָד. אין דרויסן שווימט די נאכט. ארום איז שטיל. כראָמאָוו ציט זיך אויס אף זײַן בעטל, פארייכערט. דער ציגאר באלײַכט זײַנע האלב־פארמאכטע אויגן און די קנייטשן אפן שטערן. עפּשער האָט ער כאַראָטע אף זײַן צוזאָג? נאָר ער האָט שוין, ווײַזט אויס, קיין שליטע איבער זיך ניט, און כאָטש ער געדענקט מיסטאמע, אז יעדער איבעריק וואָרט איז אן אײַנשטעלעניש, האָט ער דאָך שוין ניט געקאָנט אײַנהאלטן דאָס, וואָס האָט זיך געקנוילט אין זײַן נעשאָמע.

— געדינט האָב איך אין א קוילנווארפער־ראָטע, — האָט אָנגעהויבן כראָמאָוו, — זי איז געשטאנען ניט ווײַט פון מאָסקווע, אין סערפּוכאָוו. אליין בין איך פון א פארוואָרפן דאָרף הינטער קאָסטראָמא. ארום־און־ארום — וואלד. ווו דו זאָלסט ניט א קוק טאָן, איז וואלד און וואלד. ביז דער ארמיי בין איך קיינמאָל אין קיין גרויסער שטאָט ניט געווען. די מיליטער־דינסט, באזונדערס די ערשטע צײַט, איז מיר אָנגעקומען שווער. מע דערציילט מיר וועגן שלאָס פון קוילנווארפער „מאק־

סים", און מײַנע געדאַנקען זײַנען אַף אַ הוליאַנקע אין אַ שכײנעסדיקן דאָרף. נאָכן קאַראַנטין בעטן זיך די רויטאַרמײער, מע זאָל זײ אָפּלאָזן אין שטאָט, און איך זוך מיר אַ װינקל, װוּ עס איז שטילער און פֿינצטערער.

— נו, ער האָט שוין אַף אַ גאַנצער נאַכט פֿאַרפּירט זײַן שאַרמאַנקע, — האָט עמעצער געבורמען בורטשען, — דער זײגער איז שוין באַלד צװעלף.

פֿאַר כראַמאָװן שטעלט זיך אײַן זײַן שאָכן, אַ געװעזענער מאַטראָס:

— װילסט ניט הערן, איז דעק זיך איבער מיט דער קאָלדרע און שלאָף.

נאָר דער אומצופֿרידענער גיט זיך ניט אונטער. ער זאָגט אָפֿן, אַז מאָרגן װעט ער זיך קלאָגן פֿאַרן דאָקטער.

— אויב דאָס לעבן איז דיר נימעס, קאָנסטו פּרוּװן, — װאָרנט אים דער מאַט־ראָס. און צו כראַמאָװן: — פֿאַר װײַטער, און װעמען עס געפֿעלט ניט, זאָל ער פֿאַרשטעקן די אויערן מיט װאַטע.

װי נאָר עס איז שטיל געװאָרן, האָט כראַמאָװ אָנגענומען לופֿט אין די לונגען, װי ער זאָל זיך קלײַבן שפּרינגען אין טיפֿן װאַסער, און פֿאָרגעזעצט:

— געװען באַ אונדז אין װזװאָד אַ רויטאַרמײער באָריס מעדװעדיעװ. זײַנע עלטערן האָבן געװױנט אין צװײטן עק שטאָט. װי איצט, געדענק איך: סאָף טאָג, שאַבעס איז עס געװען, גײט צו מיר צו מעדװעדיעװ און באַװײַזט אַן אורלויב־שײַן — פֿאַר זיך און פֿאַר מיר. „קום, — זאָגט ער, — מיט מיר. דער קאָמיסאַר האָט געהײסן, איך זאָל דיך אײַנלאַדן צו זיך אַהײם". מיר, װאַלד־מענטשן, זײַנען בע־טעװע שעמעװדיקע. דערצו, קומט אויס, בין איך נאָך ניט קײן געבעטענער גאַסט, נאָר גײ טו עפּעס, אויב דער קאָמיסאַר האָט געהײסן.

באַקומען האָט זיך, אַז נאָך אָט דעם שאַבעס האָט מיך שוין מעדװעדיעװ מער ניט געדאַרפֿט בעטן, איך זאָל גײן צו אים אַהײם. אַ גאַנצע װאָך האָב איך זיך באַמיט קײן אײן באַמערקונג ניט באַקומען, זיך אופֿמערקזאַם צוגעהערט צו דעם, װאָס די קאָמאַנדירן האָבן דערקלערט, און אַלץ דערפֿאַר, װײַל איך האָב ניט װײניקער, װי באָריס אַלײן, אַרויסגעקוקט אַף דער שאַ, װען מיר װעלן זיך צוזאַ־מען לאָזן צו אים אַהײם.

אַ קאָל פֿון װינקל רײַסט איבער די פּאַוזע:

— זאָג דעם עמעס, כראַמאָװ, באַ דײַן מעדװעדיעװן איז קײן שװעסטער ניט געװען?

— נײן. ניט געװען. נאָר דאָרט איז געװען אַ קלײן גערטנדל, עטלעכע בײמער, אַ שטאַל, װוּ מיר פֿלעגן זעגן און האַקן האָלץ. אַף די פֿענצטער, נידעריקער, װי באַ אונדז אין דאָרף, האָבן געדרײַפּט פֿאָמידאָרן. נאָר דעריקער האָט מיך געצויגן אַהין זײַן מאַמע און דער רײעך פֿון זעגעכץ. ניט אײן מאָל האָב איך געטראַכט: װען דער קאָמיסאַר זאָל װיסן, װי מעדװעדיעװס מאַמע איז אומצופֿרידן מיט אַלץ אין דער װעלט...

— מיסטאַמע דאָרט, װוּ באַם קאָמיסאַר האָט אויסגעזען אַלץ גלאַט, האָט זי אײַנגעזען גריבער און ריװן, — האָט אים געפּרוּװט העלפֿן אַ צװײטער שאָכן, אַ געװעזענער אויטאָמעכאַניקער.

— איך װעל עס אײַך מיסטאַמע אויך איצט ניט קענען דערקלערן, נאָר איך מײן, אַז זי האָט פֿאַשעט געװאָלט, אַלע זאָלן זײַן בעסער, װי זײ זײַנען. שטרענג און בײז איז זי נאָך עפּשער דערפֿאַר געװען, װײַל זי האָט זיך געשעמט אַרויס־װײַזן איר גוטסקײַט. אויך באָריס פֿלעגט אַמאָל אַן אומצופֿרידענער בורטשען,

גענעצן אױף די פּאָליט־לימודים. מיר דאַכט, אַז ער איז געװען דער אײנציקער אין אונדזער װזװאָד, װאָס איז ניט אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג.

דער זעלבער, װאָס האָט זיך געקלאָגט, אַז כּראַמאָװ „האָט אױף אַ גאַנצער נאַכט פֿאַרפֿירט זײַן שאַרמאַנקע", האָט זיך װידער אַרײַנגעמישט:

— דײַן מעדװעדיעװ װאָלט לאַנג ניט געטראַכט און גלײַך זיך פֿאַרשריבן פֿאַר אַ „פּרײַװיליקן".

— כאַפּ ניט די פֿיש פֿאַר דער נעץ! ליג און הער.

איצט זײַנען אױך אַנדערע געװען ניט צופֿרידן:

— צי ניט די נעשאָמע, כּראַמאָװ, דערצײל װײַטער.

— װײַטער? װען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן, האָב איך שױן געדינט פֿיר יאָר אין דער אַרמײ און געװען בין איך דער סטאַרשינאַ פֿון דער זעלבער קױלנ־װאַרפֿער־ראָטע. מאָדנע, נאָר ביז אונדזער טײל איז ניט צעקלאַפּט געװאָרן, האָב איך אין די שלאַכטן קימאַט קײן אָנטײל ניט גענומען. הינטער מאַלעװו, װו אָפּ־טרעטן איז שױן געװען אומעגלעך, האָב איך מיט אַ הײַפֿעלע רױטאַרמײער אָנגע־צילט די קױלנװאַרפֿערס און באַגעגנט די דײַטשן מיט אַ געדיכט פֿײַער. קימאַט אַלע רױטאַרמײער זײַנען אומגעקומען אין שלאַכט. איך בין געװען פֿאַרװונדעט. די פֿריצן האָבן געמײנט, אַז איך בין שױן טױט. מע האָט מיך געטאָפּטשעט, געטראָטן מיט די פֿיס.

אין געפֿאַנגענשאַפֿט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין צען טעג אַרום, און דער ערשטער באַקאַנטער, װאָס איך האָב באַגעגנט אין מאָלעװער טפֿיסע, װוהין מע האָט אונדז געבראַכט, איז געװען מײַנער אַ געװעזענער סאָלדאַט, װעלכער האָט שױן באַװיזן זיך דאָ אײַנאָרדענען אַלס איבערזעצער. אַ שטיק ברױט האָב איך בײַ אים גענומען, נאָר רײדן מיט אים האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. דערפֿאַר האָב איך פֿאַרגעדענקט זײַנע װערטער: „באַריס מעדװעדיעװן האָב איך אײַנגעאָרדנט אין אַ קאָלאָנע, װעלכע מע האָט אָפּגעפֿירט אין באָריסאָװער לאַגער".

װיאַזױ איך האָב אַהין געטראָפֿן, איז לאַנג צו דערצײלן; װאָס דאָרט איז אױס־געקומען אױסצושטײן, װײסט איר אַלײן. ניט באָריסן, ניט קײנעם פֿון אונדזער טײל האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו געפֿינען. טיף האַרבסט בין איך קראַנק געװאָרן אױף פֿלעקטיפֿוס, פֿאַרלױרן דעם באַװוסטזײַן. עמעצער האָט מיך אװעק־געטראָגן און אײַנגעאָרדנט אין שפּיטאָל. דער עמעצער איז געװען מעדװעדיעװ און זײַנער אַ כאַװער, װעלכער איז איצט דאָ און קאָן אײדעס זאָגן, אַז אַלץ, װאָס איך װעל דערצײלן װײַטער, איז עמעס.

יענעם װינטער זײַנען מיר געבליבן לעבן, װײַל אײנעם פֿון אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן אָנקומען אױף אַרבעט אין קיך. דערנאָך האָט מען אָנגעהױבן װערבירן אַהער, אין דעם באַטאַליאָן קעגן די פּאַרטיזאַנער.

װיפֿל עס איז נאָר געװען קױעך, האָבן מיר זיך געהאַלטן. דעם ערשטן האָט מען אײַנגעבראָכן פּאַװלען, אונדזער כאַװער. מיך דעם צװײטן. באָריסן האָבן מיר לאַנג אײַנגערעדט, אַז מיר טאָרן זיך ניט צעשײדן. האַקלאַל, סאָפֿקאָלסאָף האָט ער געפֿױעלט בײַ זיך גײן מיט אונדז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען געקומען עטלעכע דײַטשישע אָפֿיצערן זיך באַ־קאַנען מיט די „פּרײַװיליקע". די „געסט" האָט באַגלײט דער קאָמענדאַנט, דער שעף פֿון דער פּאָליצײ און די װערבירער — רוסישע װײַסגװאַרדײער. פֿון אײן זײַט

פלאַץ שטייען מיר, פון דער צווייטער — אַלע געפאַנגענע פון לאַגער. און אַט באַווײַזט א ווײַסגוואַרדייער אַף אונדז און ווענדט זיך צו די איבעריקע געפאַנגענע:

— קוקט, זיי דערוואַרט א גוט לעבן. און אײַך וועלן די לײַז אופעסן לעבעדי־קערהייט. פון הונגער וועט איר אַלע פּייגערן. צום לעצטן מאָל ווענד איך זיך צו אײַך: ווער עס וויל זיך פאַרשרײַבן אַלס פּרײַוויליקער, דער זאָל מאַכן דרײַ שפּאַן פאָרויס.

פיר מענטשן זײַנען איבערגעגאַנגען פון דער אַלגעמיינער קאָלאָנע צו אונדז.

— ווער נאָך? — האָט איבערגעפרעגט דער ווײַסגוואַרדייער.

— איך! — האָט עמעצער לעבן מיר אויסגעשריגן. — און איידער איך האָב באַ־וויזן אויסקערעווען דעם קאָפּ, האָט מעדוועדיעוו געמאַכט דרײַ שפּאַן פאָרויס. — איך וויל ניט זײַן קיין פאַרעטער.

— צוריק! — דער ווערבירער האָט אים א דראָע געטאָן מיט דער פויסט. — דו ביסט שוין פאַרעכנט אין די צעטלען פון די פּרײַוויליקע, אַזוי אַז באַ דיר פרעגט קיינער ניט.

באָריס איז געשטאַנען, ווי א געפּלעפּטער. דערפאַר זײַנען יענע, וואָס זײַנען גרייט געווען פאַרשרײַבן זיך, אַוועק און צוריק אויסגעמישט זיך אין דער קאָלאָנע.

— דערקלערט אים, — האָט א דײַטשישער אָפיצער אויסגעצישעט דורך די ציין, — אַז עס איז שוין שפּעט כאַראָטע צו האָבן. אַף דעם פאָדערט זיך א וויכ־טיקע סיבע.

— פאַראַן א וויכטיקע סיבע, — האָט באָריס געענטפערט, נאָך איידער דער איבערזעצער האָט אים דערקלערט, וועגן וואָס עס גייט א רייד. — איך בין א קאָמוניסט.

א גרויל איז אַדורך איבער מײַן לײַב. און איך האָב דערפילט, אַז דאָס האַרץ וועט באַלד באַ מיר אַרויספאַלן. געגנוג געווען, אַז מע זאָל אַף עמעצן אָנווײַזן, אַז דאָס איז א קאָמוניסט, ווי יענער פלעגט נעלעם ווערן. און דאָ זאָל א מענטש אַליין אַף זיך אויסטראַכטן אַזאַ בילבול!

אין פאַלאַטע איז געוואָרן טומלדיק. עמעצער האָט א פײַף געטאָן:

— נו, ברודערקע, אַזוינס טרעפט נאָר אין א מײַסעלע.

— און וואָס זאָג איך? — האָט פאָרגעזעצט כראָמאָוו. — און דאָך איז עס אַזוי געווען. די פּאָליצײַען האָבן זיך א וואָרף געטאָן בינדן אים די הענט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און א געשריי געטאָן: „הערט מיך אויס, מיר זײַנען פון איין טייל. איך שווער, אַז ער איז קיינמאָל אַפילע קיין קאָמיוניסט ניט געווען. אויב איך לײַג, האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ". און דאַן האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קאָ־מענדאַנט. די אַלגעמיינע קאָלאָנע האָט ער באַפוילן אוועקפירן און מעדוועדיעוון שלאָגן, ביז ער וועט זיך ניט אָפּזאָגן פון זײַנע ווערטער. גאָט מײַנער! ווי מע האָט אים געפּאַסעוועט! נאָך יעדע צען שמיץ פלעגט מען אים באַגיסן מיט קאַלטן וואַסער, אַוועקשטעלן אַף די פיס און פרעגן:

— נו?

— א קאָמוניסט.

ווען ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאַט צו עפענען דאָס מויל, האָט ער נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ. דער שעף פון דער פּאָליציי האָט איבערגעפרעגט: „דו נעמסט דײַנע ווערטער צוריק?" מעדוועדיעוו האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין. פאַלנדיק אַף דער ערד, האָט ער שטיל געזאָגט: „א קאָמוניסט!" מע האָט

אונדז אוועקגעפירט צום וואָקזאַל. בלויז באָריס איז געבליבן ליגן אַף דער ערד אָן באַוווּסטזײַן.

— שלאָפֿן! — שרײַט אוועראַוו פֿון זײַן צימער. — שלאָפֿן! אויב דער הויפּט־דאָקטער וועט דערהערן, וועט ער אײַך מאָרגן אַלעמען אויסשרײַבן.

איך צווייפֿל ניט, אַז דאָס, וואָס כראַמאַוו האָט דערציילט, איז אַן עמעס. נאָך מער — ער האָט אַפֿילע רעכט צו זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז מעדוועדיעוווס אַ כאַווער, שוין אַליין דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט מוירע אַזוינס דאָ צו דערציילן.

פֿאַרטאָג. אין לאַזאַרעט שלאָפֿט מען נאָך. איך און סאַשע מוראַשאָוו וואַשן די דילן. מיר עפֿענען שטילערהייט די טיר פֿון צימער, וווּ עס ליגן די מעדיצינישע קאַרטלעך פֿון די קראַנקע. מיר בלעטערן זיי, ביז איך געפֿין, וועמען איך דאַרף: „כראַמאַוו איוואַן פֿעדאָסייעוויטש, געבוירן אין 1916 יאָר אין דאָרף נ. פּאַוולאָווקע, קאָסטראָמער געגנט. דינט אין וועלאָסיפּעדן־ווזוואָד. די:אַגנאָז: דיזענטעריע". באַנאַנד שטייט אַ פּראַגעצייכן, געמאַכט מיט אַ רויטן בלײַער.

וואָס דאָס באַטײַט — ווייסן מיר. פֿאַראַן אַ כשאַד, אַז ער איז אַ סימוליאַנט. אויב דאָס וועט זיך באַשטעטיקן, וועט אים קראַמעץ אויסשרײַבן, און אַף זײַן מעדיצין־קאַרטל, וואָס וועט דערנאָך איבערגעשיקט ווערן צום באַטאַליאָן־דאָקטער, וועט זײַן אָנגעשריבן אַף לאַטײַן: „סימוליאַצי:וס". אויב אַזוי, וועלן מיר, ווי נאָר שומאַוו וועט אופֿשטיין, זיך קלאָגן פֿאַר אים, אַז פֿון כראַמאָוון איז ניט אויסצוהאַלטן. אַלע האַלבע שאָ לויפֿט ער אין קלאָזעט.

נאָך איין קראַנקער אינטערעסירט מיך. דאָס איז מאַלינין. נאָך דאַן, ווען מע האָט אונדז צום ערשטן מאָל געטריבן אַהער, האָב איך אים באַמערקט אין דער מאַרשירנדיקער קאָלאָנע פֿון די „פּרײַוויליקע", און ביז איצט קאָן איך זיך ניט דערמאָנען, ווען און ווו איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט. סאַשע זאָגט אויך, אַז פֿאַר אָט דעם־אָ טיפּ דאַרף מען זיך היטן.

זײַן מעדיצין־קאַרטל דערציילט: מאַלינין וואַסילי וואַסיליעוויטש. געבוירן אין 1914 יאָר. אין קאַלינין. שטיי, זיך דערמאָנט! ניט מאַלינין, נאָר דובינין. אויב, פֿאַרשטייט זיך, ער האָט אונדז דעמלט ניט אָפּגענאַרט. איך געדענק, ווי ער האָט מיט אונדז אײַנגעטײַנעט, אַז אַ געפֿאַנגענער מוז אַלץ קענען און דאַרף זיך פֿאַר גאָרניש ניט אָפּשטעלן. דאָס האָט ער באַרויבט אַ רויטאַרמייער, וועלכן דער דײַטשישער קאָנוואָ:ר האָט דערנאָך דערשאָסן. איז אָט ווו־הין זײַן קרעדאָ האָט אים געבראַכט!

אומזיסט האָט אונדזער קאָמאַנדיר, דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין, אים בלויז אָנגעשראָקן, באַדאַרפֿט געוווען אים נאָך דעמלט דערשטיקן. איז וואָס זשע פֿאַר אַ קרענק האָט אים אַהער געבראַכט? דער זעלבער די:אַגנאָז: „דיזענטעריע". קיין פֿעלדשער בין איך ניט, נאָר עפֿענען דעם מיטלסטן שופֿלאָד פֿון טיש, אַרויסנעמען דעם רויטן בלײַער און אוועקשטעלן אַ פּראַגעצייכן — דאָס קען איך. ביז וואָס־ווען איז זײַ אויך אונטער אַ כשאַד.

אין דרויסן שײַנט די זון, עס ריידן זיך איבער די טונקל־גרינע בלעטער פֿון די טאָפּאָלן. און דאָ, אין אוועראַווס צימער, כאָטש דאָס פֿענצטער קוקט אַרויס אַף דאָרעם, איז טונקל, ווי ביינהאַשמאָשעס. דורך די געדיכט־פֿאַרשטויבטע שויבן קוקט

אריַין א שמאָלער פאַס שײַן. אַט ווו מע וואָלט באַדאַרפט אויסזעצן די טאַפּליעס. אַף די פּאָליצעס פונעם לאַנגן און שמאָלן צימער ליגן די זאַכן פון די קראַנקע. אין ווינקל שטייט א פּײַער־קאַסע, אין וועלכער עס געפינען זיך די מעדיקאַמענטן, עט־וואָס ווײַטער — אַן אײַזערן בעטל, אַף וועלכן אווערױוו שלאָפט. דאָס איינציקע, וואָס צעשטערט די שטילקײַט, איז דאָס מאָנאָטאָנע טיקען פונעם אָפּגעבליאַקעוועטן „כאָדיק”, וואָס הענגט איבערן בעטל.

אווערױוו זעט אויס קאַלט און פאַרשלאָסן, ווי די אַלטע פאַרזשאַווערטע אײַזער־נע קאַסע, אין וועלכער ער שטייט אָנגעשפּאַרט. איך פאַרשטיי אָבער, אַז אויך אים איז גוט אָנגעזאָלעט אַף דער נעשאָמע. אַף זײַן פאַרוואַקסן פּאָנעם זעען זיך באַ־זונדערס אָן די אָנגעשוואָלענע זעקעלעך אונטער די אויגן. הונגערן הונגערט ער איצט ניט, אָבער אפילע אין מאָלעווער לאַגער איז ער געווען האָפּערדיקער, ווי איצינד. באַ מיר פרעגט ער:

— וואָס האָט מען אַזוי געטומלט באַנאַכט?

— מע דערציילט מײַסעס איינער דעם צווייטן.

— מײַסעס, זאָגסטו? איך האָב געהערט דעם סאָף פון איינער א מײַסע, און, ווי דו זעסט, האָב איך זיך ניט אופגעהאַנגען, זיך ניט אָפּגעסאַמט, כאָטש איך האָב מיט וואָס, — א ווײַלע שווײַגט ער, און דערנאָך זעצט ער פאָר: — פאַרוואָס, וואָלט איך וועלן וויסן, שווײַגסטו?

מיר שטייען אַזוי נאָענט, אַז איך פיל אַף מײַן פּאָנעם זײַן אָטעם. ניט בלויז דאָס פּײַערל אין זײַנע אויגן גיט איצט אויס זײַן אומרו. אונטער דער הויט, אַף די באַקן באַוועגן זיך אָן אופהער קליינע קנײַלעכלעך.

— באַ אײַך, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, איז הײַנט א שלעכטע שטימונג.

— דאָס ווייס איך אָן דיר. מיט דער „שוויגער” האָסטו גערעדט?

— ניין, איך טרוי איר ניט.

— לײַגסטו! אומזיסט מיינסטו, אַז מיך איז אַזוי גרינג אָפּצונאַרן. נאַריש זעט אויס דער מענטש, וואָס גיט זיך אויס ניט פאַר דעם, וואָס ער איז.

מיט א פאַרשטאָרבן האַרץ און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ וואַרט איך, וואָס נאָך וועט ער מיר זאָגן. זען זע איך ניט, נאָר איך פיל, אַז ער קוקט אָנגעשטרענגט אַף מיר.

— און נאָך וואָלט איך וועלן וויסן, פונוואַנען קומט צו דיר אָט די אידיזאָטישע טעווע ניט קוקן א מענטשן גלײַך אין די אויגן? צי עפּשער ווילסטו, אַז איך זאָל דיך האַלטן פאַר א געהאָרכזאַם שעפּעלע? אַן אַנדערער אַף מײַן אָרט וואָלט דיר שוין לאַנג געגעבן מיט דער קני אין הינטן. נאָר כאַפּט דיך דער וואַטנמאַכער. אין אײַך ניי־טיקט זיך שוין קיינער ניט. מעגלעך, אַז מע באַגייט זיך אפילע אָן מיר אויך.

כאָטש איך צווייפל נאָך אַלץ, צי גיט ער מיר ניט אָנצוהערן, אַז ער ווייסט, ווער איך בין, צווינג איך זיך נעמען אין די הענט, און אַף וויפל דאָס איז מעגלעך, ענט־פער איך רויִק:

— איך מיין אויך אַזוי.

— וואָס ווייסטו, דו זאָלסט קאָנען מיינען?

— נאָך יעדער באַזוך פון דער הענדלערקע, וועלכע קאַרל האָט באַפוילן דורכ־לאָזן, זײַנען באַ פּיפּינען רויט די אויגן פון שיקרעס.

— זע, כאָסן, — טײַטלט ער אָף מיר מיט א פינגער, — זאָלסט פאר דער צײַט ניט גראָוו ווערן, אָדער פּיפּין זאָל דיר ניט אָפּהאקן דײַן קורנאָסע נאָז.

— פארוואָס? איך שטעק זי דען וווהין מע דארף ניט?

— נו, געַנוג. זאָג מיר בעסער, דיר איז ניט שווער צו ראמען און דעזשורען אַלע נאכט?

מיר גלוסט זיך אזש א שמייכל טאָן — וואָס איז ער עס מיטאמאָל אזוי גוט גע־וואָרן צו מיר?

— ניין, ניט שווער.

— רוים אײַן א סאָד דעם ליבהאָבער פון דערציילן מײַסעלעך, ער זאָל בעסער ניט פּלאפּלען.

— דאָס איז ניט מײַן זאך. איך בין דאָ נאָר אן אופּראמער.

א מידער, אן אײַנגעבויגענער, לאָז איך זיך אראָפּ פון די טרעפּ, די הענט און די פיס זײַנען ווי פון וואטע און פאָלגן ניט. באלד וועל איך פארקערעווען אָף לינקס אינעם קאָרידאָר צום צימער, ווו עס געפינען זיך אונדזערע נארעס. א לײַכטער פײַף צווינגט מיך אויסקערעווען דעם קאָפּ. דער דעזשורנע, וואָס שטייט בא דער ארײַנ־גאנג־טיר, רופט מיך. לעבן דער שוועל שטייט א וועלאָסיפּעדיסט אין א דײַטשי־שער אוניפאָרם. דער דעזשורנע ווײַזט אים אָן אָף מיר:

— אָט ער וועט איבערגעבן די סיגארעטן. מיך רופט מען צו דער קאליטקע, — זאָגט דער דעזשורנע און לאָזט זיך גיין.

— וועמען איבערגעבן? — פרעג איך.

— כראָמאָוון.

— פון וועמען?

— ער וויסט.

— אײַך רופט מען פּאוועל?

— פונוואנען ווייסטו?

— כראָמאָוו האָט דערציילט וועגן מעדוועדיעוון.

— ער איז פון זינען אראָפּ צי וואָס? — האָט דער וועלאָסיפּעדיסט זיך ארומ־געקוקט א דערשראָקענער. — זאָג אים, אז ער זאָל אופהערן פּלאפּלען.

— שרעקט זיך ניט. נאָר אײַער ביטע וועל איך אים איבערגעבן.

— דו רייכערסט? — פרעגט ער בא מיר.

— ניין.

— נא, — שטופּט ער מיר ארײַן אין האנט אן אָנגעהויבן פּעקל סיגארעטן. — נעם, נעם, וועסט עס אָף עפּעס אויסבײַטן.

אין עטלעכע רעגעס ארום וועק איך כראָמאָוון און זאָג אים, אז מע האָט מיר באפוילן אים באגלייטן אין קלאָזעט. ער קוקט אָף מיר א פארשלאָפענער און פאר־שטייט ניט, וואָס איך וויל פון אים.

— וואָס ווילסטו? גיי בעסער אוועק פונדאנען.

— מאכט ניט קיין גוואלדן, דער הויפּט־דאָקטער אינטערעסירט זיך מיט אײַער דיזענטעריע.

— וואַ־אָס?

כאָטש פּלאַץ, ווייס איך ניט, וואָס ווײַטער אים צו זאָגן. מײַן גליק, וואָס ער וואָרט ניט אָף קיין ענטפער. ער טוט אָן אָף די באָרוועסע פיס די שטיוול און לאָזט זיך אין אונטערוועש אהין, וווהין איך פיר אים.

אין קלאָזעט פארשליס איך די טיר אפן קייטעלע, הייב אוף מיטן פינגער דאָס צינגל פון דער וואש־פושקע, דאָס וואסער זאָל מיט א גערויש זיך גיסן איבערן בלעך, און זאָג אים:

— וואש זיך און הער אופמערקזאַם. דיך איז מען כוישעד, אז דו סימולירסט. דעם פעלדשער זאָלסטו זאָגן, אז באנאכט ביסטו אָן אופהער געלאָפן... מיט קיין איבעריקע ווערטער ווארף זיך ניט. היט זיך פאר מאלינינען פון דער פערטער פאלאטע.

— און ווער ביסטו? — כאפט ער מיך אָן מיט די נאסע הענט.

איך רוק אים אריַין אין בוזעם פונעם העמד מײַנע און זײַנע סיגארעטן.

— פאוועל האָט געבעטן זיי איבערגעבן דיר.

ער לאָזט מיך ניט אָפּ. זײַנע אויגן האָבן זיך אין מיר אײַנגעגעסן. זיי פאָדערן אַן ענטפער.

— לאָז אָפּ. עמעצער גייט. איך בין דײַן פרײַנט.

עס האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז קראמעצן נעמט מען אראָפּ פון דער ארבעט. ווען קארל איז געקומען אין שפיטאָל, האָט מאלינין בא אים א פרעג געטאָן:

— הער פעלדפעבעל, זאָגט, ביטע, די אופראמער האָבן רעכט נאָכשפירן נאָך אונדז?

ווי שטענדיק, האָט דעם געשפרעך איבערגעזעצט אווראָוו.

— קאָנקרעטער, אין וואָס באשטייט אײַער אָנקלאָגע?

— מע האָט מיר דערציילט, אז דער אופראמער האָט אופגעוועקט דעם אונטער־אָפיצער כראָמאָוון און אים געזאָגט: „דער הויפּט־דאָקטער האָט באפוילן באגלייטן אײַך אין קלאָזעט”.

— איך? — האָט קראמעץ אָנגעוויזן אף זיך מיט דער האַנט און א פארכידעש־טער איבערגעפרעגט. — איך?

— צוליב וואָס פארענטפערט איר זיך, דאָקטער? — האָט קארל בייז א קוק געטאָן אף קראמעצן. — באווײַזט מיר נאָר זייערע מעדיצין־קאַרטלעך.

— ביטע! — האָט שומאָוו א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאסן. אויסגעדרייט זיך און אוועק. אין א מינוט ארום האָט ער די קארטלעך איבערגעגעבן דעם דײַטש.

בא כראָמאָוון איז דער פראגעצייכן געווען איבערגעציילעמט מיט טינט. בא מאלינינען האָבן געשײַנט דרײַ פראגעצייכנס איינער גרעסער פונעם צווייטן.

— אויסשרײַבן און אָפּפירן אין קארצער! — האָט קארל אָנגעוויזן אף מאליני־נען. — וויל עפּשער נאָך עמעצער זיך אָנקלאָגן?

ניין. מער קיין אָנקלאָגעס זײַנען ניט געווען.

ווען אווראָוו קומט אריַין אין וואנע־צימער, שטיי איך און וואש דאָס ביטל. ער מאכט צו נאָך זיך די טיר. לויט זײַן אויסזען איז קאָנטיק, אז קיין גוטע נײַס קלײַבט ער זיך מיר ניט אָנזאָגן.

— הער נאָר, קראמעץ האָט דיר טאקע באפוילן באגלייטן כראָמאָוון?

— ניין.

— ווער דען?

— איר.

— איך? — ווערט זײַן פּנים גרוי, ווי אש.
— איר אַליין האָט מיר געהייסן וואָרענען שטילערהייט דעם ליבהאָבער פון דערציילן מײַסעלעך, ער זאָל ווייניקער ריידן. צי דען, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, געדענקט איר ניט?
— איך געדענק. האָסט זיך ניט שלעכט אויסגעדרייט.
ס'איז באַנאַכט. אין די פּאַלאַטעס איז קלוימערשט שטיל, נאָר אינדערעמעסן קאָכט דאָ, ווי אין אַ קעסל. מעגלעך, אַז ווען קאַרל זאָל ניט געווען דורכטרײַבן מאַלינינען, וואָלטן געווען פיל געליטענע. עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין קאַר־צער האָט מען מאַלינינען ניט אַרײַנגעזעצט. דער שעף פון דער געסטאַפּאָ מיראָנאָוו האָט מיט די דרײַ פינגער, וואָס האָבן זיך פאַרהיט אַף זײַן רעכטער האַנט, דער־לאַנגט מאַלינינען אין באַק און אים געמאָלדן, אַז עס וועט זײַן אָד־און־וויי צו אים, אויב ער וועט נאָך ווען־ניט־איז זיך פאַרזינדיקן.
אויך כראָמאָוון האָט מען לאַנג אין לאַזאַרעט ניט געהאַלטן. די מעדיקער האָבן אײַנגיכן באַמערקט בא ניקאָלײַען אַ „פאַרבעסערונג" און אין אַ פּאָר טעג אַרום אים אויסגעשריבן און אָפּגעשיקט צוריק אין באַטאַליאָן.
איבער פאַרשיידענע סיבעס האָבן מיר, איך און סאַשע מוראַשאָוו, געוואָלט בעסער דעזשורען באַנאַכט, איידער שלאָפן מיט אַלעמען צוזאַמען אַף די נאַרעס אין צימער. סאַשע אַליין האָט מיך געוואָרנט:
— היט זיך פאַר מיר. פאַרטרוי מיר ניט קיין סודעס. איך רעד אָפּט פון שלאָף, פּלאַפּל וואָס מע דאַרף און מע דאַרף ניט.
— אין מאָלעוו, — זאָג איך אים, — איז געווען מיט מיר מײַנער אַ כאַווער, אַלוואַרדיאַן, פלעגט ער אין שלאָף האַלטן גאַנצע דראָשעס.
— מיסטאָם אויך נאָך אַ קאָנטוזיע?
— ניין. אַזוי איז אים געפעלן.
— און איך האָב מוירע אײַנצושלאָפן. האָסט מיסטאָם געהערט, ווי פּיאָטער וועקט מיך?
— איך האָב געהערט, ווי דו קריצסט מיט די ציין און בורטשעסט עפּעס.
ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר איך האָב אָט דעם האַרציקן קאַזאַנער באַכער, וואָס איז אַפילע בייז געווען אַף אַ גוטמוטיקן אויפן, ניט דערציילט פיל פון דעם, וואָס אין אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן אים פאַרטרויט.
הײַנט האָט מען מיר און מוראַשאָוון צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן צו שטיקלעך זייף. ס'איז קעדײַ געווען צו זען, ווי סאַשע האָט זיך דערפרייט.
— פאַרשטייסט, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — אָט די־אָ האַנט דאַרף איך הײַנט וואַשן און וואַשן.
— מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרזינדיקט?
— פּיפּין האָט אַ שיקערער זי פּעסט אַ דריק געטאָן.
די זייף איז געווען פאַרוויקלט אין אַ שיין פּאַפּירל. זי האָט אַפילע געשמעקט. נאָר פון איר האָט זיך געשאָטן זאַמד, געוויינלעכער זאַמד.
— אָט הער, — האָט סאַשע גענומען דערציילן, — געדענקען אַלץ קאָן מען ניט, נאָר איך געדענק, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליינינקער, האָבן מיר געלעבט אין אַ גרויס דאָרף. ניט ווײַט פון אונדז האָט געוווינט אַן אַלטער פעלד־שער. איינמאָל, דאָס איז געווען שניט־צײַט, ווען אַלע דערוואַקסענע זײַנען געווען אין פעלד, קומט צו מיר צו לויפן אַ שנעק, אַזאַ ווי איך, און שרײַט: „סאַשע, קום

גיכער, וועסט זען א מאכשייפע״. א מאכשייפע, ווי דו פארשטייסט, איז ניט פון די געסט, וועלכע מע קאָן זען אלע טאָג. פײַל־אויסן־בויגן האָב איך זיך געלאָזט פון הויף אין גאס. און דאָרט טוט זיך שוין כוישעך. מיט א געפילדער לויפט דאָס קליינווארג, און פון הינטן מיט א בילערײַ די הינט פון גאנצן דאָרף. איך בין געוועזן דער קלענסטער, און דערפאר איז מיר געוועזן אזוי שווער דערקלײַבן זיך נעענטער צום וואָגן, וואָס איז געשטאנען אין הויף באם פעלדשער. אפן וואָגן איז געלעגן אן עלטערע פרוי, דאָס קלייד און דאָס העמד צעכראסטעט, די האָר צעשויבערט. מיט אלע קויכעס האָט זי זיך באמיט אופשטיין, געשריִען עפּעס אומפארשטענדלעכס, זיך געזידלט. נאָר וויפל זי האָט זיך ניט באמיט, האָט זי אופשטיין ניט געקאָנט. די הענט און פיס זײַנען בא איר געווען געבונדן מיט האנטעכער. כוץ דעם, איז זי נאָך געווען, ווי מיט א נעץ, פארפלאָנטערט מיט שטריק.

א דערשראָקענער בין איך געשטאנען, און מײַן קינדערשער מויעך האָט ניט געקאָנט באנעמען, וואָס קומט דאָ פאָר. ניט געווען, ווער עס זאָל מיר אונטערזאָגן, אז דאָס איז א פסיכיש־קראנקער מענטש. כאָטש דעמלט האָב איך נאָך פון אזעלכע ווערטער ניט געהערט. דער פויער, וואָס האָט זי געבראכט אהער, האָט אויסגעשפאנט דאָס פערד און אליין זיך אויסגעצויגן אפן גראָז, ווארטנדיק, ביז דער פעלדשער וועט זיך אומקערן פון עפּעס א ווײַט דאָרף. ווען מיר האָבן שוין גאָר זיך צעטומלט, האָט ער אף אונדז אָנגעשריִען און גענומען פאָכן מיט דער בײַטש. איך בין געזעסן רײַטנדיק אפן פלויט, פונקט דאָרט, ווו עס איז געשטאנען די פור. מיטאמאָל האָט זיך די קראנקע א ריס געטאָן, אופגעהויבן דעם קאָפּ און א שפּײַ געטאָן אף מיר. פון שרעק בין איך אראָפּגעפאלן פון פארקן. לויפן צוזאמען מיט אלעמען האָב איך ניט געקאָנט, ווײַל די פיס האָבן זיך בא מיר אונטערגעהאקט. און דער פויער, ביז הײַנט פארשטיי איך ניט פארוואָס, האָט א זאָג געטאָן: „איצט ביסטו, יינגעלע, א פארפאלענער. אויב זי האָט אין דיר געטראָפן, וועסטו קראנק ווערן, ווי זי״.

דאָ בין איך שוין גאָר געבליבן א געפלעפטער פון שרעק. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזערן א ווײַטן קאָרעוו, וואָס איז געשטאָרבן, ווײַל אים האָט א מעשוגענער הונט א ביס געטאָן. איך האָב ניט געדענקט, וויאזוי איך האָב זיך דערקליבן אהיים. א ברונעם וואסער האָב איך אויסגעגאָסן אף זיך, קעדיי אָפּוואשן פון זיך דאָס שפּײַעכץ. בארויִקן מיך האָבן ניט געקאָנט ניט טאטע־מאמע, ניט דער פעלדשער. עטלעכע יאָר נאָכאנאנד האָב איך זיך שטארק פארהיקעט.

— איז וואָס, סאשע, האָסטו עפשער מוירע, אז פון דעם, וואָס קראמעץ האָט זיך צוגערירט צו דײַן האנט, וועסטו זיך ווידער אָנהייבן פארהיקען?

— מוירע האָב איך ניט, נאָר עס עקלט מיך מער, ווי פון יענעם שפּײַ.

סטעפאן שומאָוו האָט ניט נאָר זייער גיך זיך צוגעוווינט צום דײַטשישן מונדיר. ער האָט נאָך געקראָגן ערגעץ א פוסטע אָפּגעבליאקעוועטע קאָבורע און זי אופגעהאנגען אף דעם שמאָלן רימען פון די גאליפע־הויזן, וועלכע זײַנען באפוצט געווען מיט לעדערנע פאסן אפן געזעס. סטיאָפּע איז, ווײַזט אויס, געווען געקנאָטן פון א באזונדער מין טייג. ער האָט אפילע ניט באמערקט די גיפטיקע בליקן ארום זיך און איז, ווי א מאניאק, ארומגעגאנגען מיט א פאריסענעם קאָפּ.

דארף זיך טרעפן: סטיאָפּע כאפּט זיך אוף פון שלאָף, טוט זיך א צי צום רימען,

צו דער קאָבורע, נאָר א נעכטיקער טאָג — זי איז אויסגערונען געוואָרן. ווען ער פרעגט ניט, ווייסט קיינער ניט פון וואָס צו זאָגן. איך בין בעשאַסמיַיסע דאָ ניט געווען, נאָר מע האָט מיר דערציילט, אז שומאָוו איז צוגעשטאַנען צו סאשע מוראַשאָוון:

— ווער ס'האָט דעזשורעט, יענעמס ארבעט איז עס!

סאשע האָט געשמאַק א גענעץ געטאָן. א שפּײַ געטאָן צווישן די ציין. דערנאָך האָט ער אים באוויזן זײַן פויסט און פאָרגעלייגט א צי טאָן מיט דער נאָז, וועט ער וויסן, מיט וואָס עס שמעקט.

מיך האָט שומאָוו געפונען אפן בוידעם.

— זאָג, — טאָרקעט ער מיך, — ווער האָט גענומען דעם רימען?

— וועלכן רימען? — איך פארשטיי ניט, פארוואָס זײַנען בא אים אזוי אופגעבלאָזן די נאָז־לעפלעך און וואָס וויל ער פון מיר.

ער נישטערט אין אלע ווינקעלעך, און ווען ער לאָזט זיך שוין אראָפּ פון די טרעפּ, זאָגט ער מיר:

— בעסער מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע, פּאַסקודנער ייד.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז קראַמעץ האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט שומאָוון, ער זאָל ניט טראָגן די קאָבורע, נאָר ווײַל יענער האָט ניט געפאָלגט, האָט ער באנאַכט, ווען אלע זײַנען געשלאָפן, צוגענומען די קאָבורע צוזאמען מיטן רימען.

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר איך האָב שוין אײַנשלאָפן ניט געקאָנט. זאָל עס טאַקע באַטײַטן, אז שומאָוו האָט דאַן אין וואַגאָן געהערט דעם געשפּרעך, וועלכן עס האָבן געפירט צווישן זיך הובערט און גיונטער? צי עפּשער האָט אווראָוו אים דערציילט? אָ, ניין! וואָלט שומאָוו געגלייבט, אז איך בין א ייד, וואָלט עס שוין פון לאַנג פאר קיינעם קיין סאָד ניט געווען. ער אליין וואָלט מיך איבערגעגעבן קראַמעצן. פּיפּינען וואָלט עס זיכער פארוואונדערט ניט ווייניקער, ווי ער זאָל דערזען א מענטשן פון יענער וועלט.

עמעס, קלוימערשט אין א שפּאַס האָט מיך שומאָוו שוין ניט איין מאָל א פרעג געטאָן: „זאָג, דו ביסט ניט קיין ייד?" פון וואָס דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, געדענק איך, ווי דאָס וואָלט אָט ערשט פּאָרגעקומען.

ס'איז געווען אין מאַלעוו, אין ערשטן קריגס־ווינטער, פאר נײַ־יאָר. מיר, סאַניטאַרן פון דער צווייטער פּאַלאַטע, ווו עס זײַנען געלעגן קראַנקע אף פלעקטיפוס, האָבן געקויפט באַם פעלדשער גובאַריעוו דעם עק פון א געפּייגערט פערד. פון דער „מעציע" האָבן מיר קיין האַנאָע ניט געהאַט. אײַנבײַסן דאָס דאָזיקע „פלייש" איז געווען אוממעגלעך. ס'איז געווען א גרויער ווינטערדיקער באַגינען. אפילע אין דער פּאַלאַטע האָט זיך געקנוילט און געפּלאָנטערט א פראָסטיקער ווינט. מיר זײַנען געזעסן באַם אָנגעגליטן אײַוועלע, געקאָכט דאָס „פלייש" און דערציילט ווילדע מײַסעס. פּארבײַ אונדז איז אונטערהינקענדיק דורכגעגאַנגען א קראַנקער. זײַן מעשונע־אויסטערלישע שינעל איז צונויפגעשטוקעוועט געווען פון קאָלערליילאַטעס. דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך פאַרגעדענקט אפן גאַנצן לעבן.

— כאַפּ נאָר א קוק אף דער „לאַטע", — האָב איך א ווונק געטאָן צו סטיאָפּען.

צום אלעם ערשטן האָט ער זיך צעשמייכלט, דערנאָך פרעמד און שטרענג אף מיר א קוק געטאָן און דורכגעזיפּט דורך די ציין:

— וואָס איז עס פאר א וואָרט „לאַטע"? א יידישס?

פון שומאָוון האָב איך שוין צו יענער צײַט אראָפּגעשלונגען ניט ווייניק אור־לעס, און דאָך האָב איך געמיינט, אז יענער פארטאָג האָט אף שטענדיק אײַנגע־שלונגען זײַן געפּערלעכע פאר מיר פראגע. אָבער ארויסגעוויזן האָט זיך...

צוויי אָדער דרײַ טעג זײַנען פארבײַ, זינט סטיאָפּע האָט מיך דאָס לעצטע מאָל אָנגעשראָקן. געווען איז עס פארנאכט, ווען די ווײַטן גיסן זיך אָן מיט געדיכטער בלויקײַט. איך לאָז זיך נאָך עפּעס אין צימער. אין קאָרידאָר יאָגט מיך אָן פּעטיע און רוימט מיר אײַן א סאָד:

— גיי, גיי, וועסטו זען, וואָס פאר א מאָטאָנע שומאָוו האָט פאר דיר צוגעגרייט.

בא דער טיר שטייט, ווי פון שטיין אויסגעהאקט, סטעפאַן. מיר ווילט זיך איבערכאַפּן זײַן בליק, נאָר דאָס גיט זיך ניט אײַן. מיר גייט נאָך פּעטיע. די „מאָ־טאָנע" באמערק איך נאָך פונווײַטנס, און עס הייבן אָן ציטערן מײַנע וויִעס. מיט אלע כּושים פיל איך, אז עס קאָן באלד זײַן א סאָף צו מײַן נעבעכדיקער וועלט, אין וועלכער איך בין פארקלעמט. אף מײַן נארע ליגט א פּאַשיסטישער פּלאקאט, געדרוקט אין רוסיש. אין צענטער פונעם פּלאקאט — א מאָגנדאָוויד. אינווייניק איז אָנגעמאָלט א קאָפּ פון א מענטשן אין א הויכן צילינדער. איין אויג האלב צו־געמאכט, אין דער האנט האלט ער זײַן שיטער בערדל. אפן פּלאקאט זײַנען איבער־גערעכנט עטלעכע צענדליק פראגן. נאָך יעדער פראגע קומט איין ענטפער: „יִדן".

„ווער האָט צוגעגרייט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע? — ייִדן".

„ווער איז שולדיק, וואָס צו דער מאכט זײַנען געקומען די באָלשעוויקעס? — ייִדן"...

קעדיי דער ווינט, וואָס בלאָזט ארײַן דורכן אָפענעם פענצטער, זאָל ניט אוועק־טראָגן דעם פּלאקאט, האָט שומאָוו אף אים אוועקגעלייגט צוויי שטיקער ציגל. ארום הערשט א בייזוווּנדערדיקע שטילקײַט. מיר איז קלאָר — שווײַגן טאָר מען ניט. איך בייג זיך אָן, קלוימערשט אף אײַנקוקן זיך אין דעם פּלאקאט. כאַפּ א שטיק ציגל, טו זיך א שארפן קער, און מיטן גאנצן קויעך טו איך אים א שלײַדער אין שומאָוון, וואָס שטייט נאָך אלץ בא דער שוועל. סטיאָפּע טוט א שאַרפן שמאָרע מיט דער נאָז. זײַן אויסגעטריקנט קאלך־ווײַס פּאָנעם גיסט זיך אָן מיט בלוט. ער שלינגט די לופט און שפּײַט מיט רויטס, באלד טוט ער זיך א וואָרף צו מיר מיט פארבײַלטע פויסטן. צווישן אונדז וואקסט אָבער אויס אוועראָוו.

— שטייט! — שרײַט ער. — ווער ס'וועט אופהייבן א האנט, וועט האָבן צו טאָן מיט מיר. — זײַנע טיפע פעך־שווארצע אויגן קוקן אף אונדז דורך א וואָלקנדל בלויען רויך, וואָס ציט זיך פון זײַן סיגארעט. ער טראָגט ארויס זײַן פּסאַקדין:

— איצט זײַט איר קוויט!

אונדז האָבן ארומגערינגלט אלע סאניטארן. שומאָוו האלט נאָך אין איין שפּײַען און דראָען, אז קארל וועט וועגן דעם שוין וויסן.

— דאָס איז דײַן זאך, — זאָגט מוראשאָוו, — נאָר איך וואָלט עס דיר ניט געעצעט. פאר אזא זאך, ווי דו האָסט אָפּגעטאָן, וואָלסטו בא אונדז אין קאזאן פאר־בליבן א קאליקע אפן גאנצן לעבן.

אין פּעטיעס טונקל־בלויע אויגן, וואָס זײַנען שטענדיק ווי פארוויינט, האָט זיך אָנגעצונדן א שמייכלענדיק פײַערל. ער פרעגט איבער און ענטפערט מיט כויזעק:

— בא אונדז אין קאזאן? אוואדע.

סטיאָפּע האָט נאָך א פּאָר טעג געקוקט אף מיר בייז, דערנאָך האָט ער מיט מיר גענומען ריידן, ווי ער וואָלט פארגעסן אין דער גאנצער מײַסע.

„טראַ-ליאַ-ליאַ"

אין לאַזאַרעט האָט מען געבראַכט צו פירן דעם עלטסטן פונעם מוזיקאַלן וווואָד בא די פּריווויליקע — אַ לאַנגפיסיקן באָכער מיט אַ געדיכטער טשופּרינע פלאַקסענע האָר, ווי פּרוזשינקעלעך. דאָס איז געווען אַ זשוואַווע, שטאַרקער יונג. אין עטלעכע שאָ ארום זײַנען שוין מיט אים פול געווען אַלע פּאַלאַטעס. אָט האָט ער זיך נאָרוואָס געוויצלט אין איין פּאַלאַטע, און אָט דערטראָגט זיך שוין זײַן קאָל פון אַ צווייטן עק קאָרידאָר. ענג פאַרצויגן מיטן רימען, פאַרשפּיליעט אף אַלע קנעפּ און העקעלעך, האָט ער דאָך אַן אויסזען פון אַ צעכראַסטעטן פלאַפּלער — וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג. „מיט אים ווערסטו קיין ערנסטן געשפּרעך ניט פאַרפירן, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — דער וועט ווי אַ פליג זיך אויסדרייען. ווי קומען עס צו אַזאַ פלאַטערל אָט אַזעלכע טיפע אויגן און אַזאַ הויכער, קלוגער שטערן?" — האָב איך ווײַטער געקלערט.

וועגן וואָס ער זאָל ניט געווען ריידן, האָט ער זיך אומגעקערט צו איינס און דעם זעלבן: מיידלעך. מיט זיי איז פול געווען זײַן האַרץ, זײַן מויל, אַלע איבורים. ס'איז ניט שווער געווען צו גלייבן אים, אַז זיי צאָלן אים מיט דעם זעלבן — בענקען און ציִען זיך צו אים. אַליין דער הויפּט-דאָקטער האָט זיך צוגעזעצט אף אַ בעטל און זיך געגומען צוהערן. לאַכן מיט אַלע צוזאַמען פּאַסט אים ניט, כיכיקעט ער מיט איין זײַט מויל.

— כע-כע-כע! נו, דאָן-זשואַן, עפּשער ווערסטו אונדז נאָך עפּעס דערציילן?

„דאָן-זשואַן" האָט נאָך אַ מײַלע, ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. אָט די געשיכטעס, אויסגעטראַכטע צי עמעסע, קאָן ער דערציילן טויזנט פאַר איין נאַכט.

מיך האָט מען געשיקט אויסלאָדן אַ וואָגן האָלץ, וועלכן ס'האָט געבראַכט אַ נידעריקער, פולבלעכער פויער מיט אַראָפּהענגענדיקע סיווע וואָנצעס. אָנגעטאָן איז ער אין פּאָסטעלעס און אין אַ העמד פון היימישער לײַוונט. אין די הענט האַלט ער אַ שטיק ברויט און אַ טונקעלע פלאַש מילך. דאָס האָלץ, וואָס דערמאָנט דעם געערוך פון הילצערנע שיסל און לעפל, איז שוין אויסגעלאָדן. איצט וואַרט ער, מע זאָל אים אַרויסטראָגן אַ דאָקומענט, אַניט וועלן אים די שיידים ניט גלייבן. דערווײַל העלפט ער מיר אָפּטראָגן און צונויפלייגן דאָס האָלץ. מײַן אופמערקזאַמקײַט ציט צו אַ יונגע פרוי, וואָס איז אונטערגעשוירן ווי אַ ייִנגל, זי שטייט בא דער קאַליטקע, קנאַקט שוואַרצע קערלעך און שפּײַט געשיקט די לושפּײַקעס. אירע ליפּן זײַנען אַזוי אָנגעפּאַרבט, אַז עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע צײַט שמייכלט זי. פון אירע אויערן הענגען אַראָפּ צוויי גלאַנציקע גרויסע מעשענע אוירינגלעך. זי בעט מיך אַרויסרופן קאָנסטאַנטין מאַלצעוון. איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן — דאָס מוז זײַן דער עלטסטער פון מוזיקאַלן וווואָד.

געפונען האָב איך אים אין דער פּאַלאַטע פאַר שווער-קראַנקע. די, וואָס ליגן דאָ, זײַנען ענלעך אף מייסים. בא אָט די כמורע, שווײַגנדיקע מענטשן וואָלטן זײַנע באַרימערײַען און וויצן קיין דערפּאָלג ניט געהאַט. נאָר זעט אויס, אַז אויך ער האָט עס פאַרשטאַנען. אין דער האַנט האַלט ער עטלעכע פאַרגעלטע בלעטלעך פון גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ", וואָס סאַשע מוראַשאָוו האָט פּאַריקע וואָך געפונען אפן בוידעם.

איך בלײַב שטיין אף דער שוועל און הער זיך אײַן. ער לייענט וועגן דעם, ווי פיר טעג נאָכאַנאַנד האָט דער אַלטער אַטאַמאַן און זײַנע קאָזאַקן מיט שטיינער

און ציגל פון דער אײַנגעפאַלענער פעסטונג זיך אָפּגעשלאָגן פון פּײַנט. וואָלט ער זיך ניט געווען פאַרהײַעט, קעדיי אָפּזוכן אין גראָז די פאַרלוירענע ליולקע, וואָלט, מעגלעך, טאַראַס זיך געראַטעוועט. נאָר דער אַטאַמאַן האָט ניט געוואָלט, אַז אַפּילע די ליולקע זײַנע זאָל אַרײַנפאַלן צו די פּײַנטלעכע ליאַכעס אין די הענט.

„האָט מען אים פאַרכאַפּט און צוגעקרעמפּעוועט מיט אײַזערנע קייטן צום שטאַם פון א בוים, אים אוועקגעשטעלט אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען, ווי מע קלאַפּט אַרײַן א צוויאַק אין זײַן האַנט. אונטער אים האָט מען צעלייגט א שײַטער. נאָר ניט וועגן פּײַער, אָף וועלכן מע האָט זיך געקליבן אים פאַרברענען, האָט געטראַכט טאַראַס. ער האָט געקוקט אַהין, וווּ עס האָבן זיך געשלאָגן זײַנע קאַזאַקן. פון דער הייך האָט ער געזען אַלץ אַרום און הויך אָף א קאָל קאָמאַנדעוועט, מיט וועלכע וועגן זיי זאָלן זיך ראַטעווען.

...און דאָס פּײַער האָט זיך שוין אופגעהויבן איבערן שײַטער, פאַרכאַפּט זײַנע פיס און געשפּרייט זיך איבערן בוים. נאָר צי וועלן זיך דען געפינען אָף דער וועלט אַזעלכע פּײַערן, לײדן און אַזאַ קראַפט, וואָס זאָלן זײַן שטאַרקער פון דעם רוסישן קויעך".

געלייענט האָט ער לאַנגזאַם. אַפּילע זײַן שווײַגן איז געווען באַדײַטנדיק, ווי ער וואָלט געגעבן די צוהערער צײַט זיך אַרײַנטראַכטן אין יעדן וואָרט. איך האָב געוואַרט, ביז ער האָט פאַרענדיקט, און דאַן געפרעגט:

— איר זײַט קאָנסטאַנטין מאַלצעוו?

ער איז אופגעשטאַנען, אויסגעגלײַכט די ביינער, און איבער מיר האָט זיך א גליטש געטאָן א גלײַכגילטיקער בליק. איצט איז שווער געווען צו גלייבן, אַז דאָס איז דער זעלבער מענטש, וואָס האָט ערשט אַזוי אויסדריקלעך געלייענט גאָגאָלן.

— און אויב יאָ, איז וואָס? עפּשער ווילסטו, כ'זאָל דיר אומקערן דעם פאַראיאָריקן כויוו?

— גאָרניט וויל איך ניט פון אײַך. א פּרווי רופט אײַך.

— טראַ־ליאַ־ליאַ, — האָט ער לײַכט אונטערגעהוסט, ווי קיין גליקלעכערער פון אים וואָלט גאָר אָף דער וועלט ניט געווען. — אַזעלכע בסורעס האָב איך ליב. — ער האָט אַרויסגעכאַפּט א קעשענע־שפּיגעלע, א קעמעלע און גענומען פאַרריכטן זײַנע געקרײַזלטע האָר, די וואָנצעס. מיך האָט ער דעריאָגט אָף די טרעפּ.

— זאָג, ווער מייַנסטו, בין איך געווען ביז דער מילכאָמע?

— א קלאָון אין א פּראָווינציעלן צירק.

— מאַלאַדיעץ. נו, און אין אַרמיי?

— מיסטאָמע א מוזיקאַנט.

— פעכטאָטע, שטיי און הער. געווען בין איך אַן אַגראָנאָם, און אין אַרמיי א סאַפּיאָר. איך זע, דו גלייבסט מיר ניט, מיינסט געוויס, אַז איך בין געקומען אַהער אָף אַן עקיפּאַזש מיט ווייכע רעסאָרן? האָסטו, ברודערל, א טאָעס. אין פּראָטאָקאָל וועלן מיר פאַרשרײַבן: „יעדערער איז געבליבן בא זײַן מיינונג". און איצט שווים אָפּ, מאַטילדע וואַרט אָף מיר.

אין דער זעלבער צײַט, ווען מאַלצעוו האָט זיך מיט א פרייילעך לידל באַוויזן אין הויף, האָט שומאָוו מעכאַבעד געווען מאַטילדען מיט א סיגאַרעט און פאַריינס זי אָנגערירט באַם נאַקעטן עלנבויגן.

— פאַרשווינד, באַכערעץ, — האָט אים מאַלצעוו גוטמוטיק דורכגעטריבן, און מאַטילדען, כאָטש עס איז קאָנטיק געווען, אַז זיי פאַרשטייען זיך אָפּן ווונק, האָט

ער הויך אף א קאָל געהייסן אָפּטרעטן ווײַטער פון דער קאַליטקע, ווײַל „דאָרט, ווו ליבע, איז א דריטער איבעריק״.

— גיך האָסטו זיך מיט איר צונויפגערעדט, — האָט אים דערנאָך שומאָוו מיט קינע א לויב געטאָן.

— וואָס פאר א ווערט האָט עס בא אונדז? איינס, צוויי און פּאַרטיק. מע דאַרף, באָכערל, קאָנען. אָט אזוי!

מאַלצעוו איז צוגעגאַנגען צום פויערס וואָגן, וואָס איז נאָך אלץ געשטאַנען אין הויף, א גלעט געטאָן דאָס פערד, באַטראַכט די ווײַסע בעלמע אף זײַן לינק אויג, פון וועלכן עס האָבן געטריפט טרערן, ארײַנגעקוקט דעם פערד אין מויל, באַטאַפּט זײַנע פאָדערשטע פיס.

— וואָס, יונגערמאַן, עפּשער קלײַבט איר זיך קויפן מײַן פערדל? — האָט דער פויער, ארויסציִענדיק פון דער קעשענע א קרעסאַלע מיט א קנייטל, בייז א פרעג געטאָן.

— ניין, פּעטערל, — האָט מאַלצעוו פארזשמורעט די אויגן, — אזא פערד קויף איך ניט. עס שפּאַנט ניט אהין ווו מע דאַרף, — האָט ער זיך צעלאַכט. — האַקלאַל, זאָג בעסער, פונוואַנען איז דאָס געהילץ?

איך האָב דאַן אפילע קיין טראַכט ניט געטאָן, אז מאַלצעווס ווערטער האָבן גאָר אַן אנדער מיין. דער פויער האָט א קוק געטאָן אף אים פון דער זײַט און אָן כיישעק געענטפערט:

— פון וואַלד.

— דאָס, פּעטערל, פארשטייען מיר. איך בין אליין פון א וואַלד־קאַנט. דו זאָג בעסער, ווי ווײַט איז פונדאַנען דײַן וואַלד?

— וואָס איז דיר דער כילעק? זשאַלעוועסט מיך?

— פארוואָס ניט?

דער פויער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ביטער א שמייכל געטאָן און ווי צו קיינעם ניט א זאָג געטאָן:

— א וואָלף האָט אַמאָל ראַכמאָנעס געהאַט אף א שקאָפּע... דו האָב בעסער אף זיך אליין ראַכמאָנעס. וויאָ, גניעדאָי, — האָט ער א צי געטאָן די האָריקע ראָגזשענע לייצעס און אזוי א געשריי געטאָן, אז באַם פערד האָט א ציטער געטאָן די פעל.

מיט א שײַטל האָלץ אף דעם אַקסל האָב איך זיך אויסגעגלײַכט און ארײַנגעקוקט מאַלצעוון אין פּאָנעם. נאָר בעסער וואָלט איך עס ניט געטאָן. קיין שום שפּורן פון כאַראָטע. אָט באַלד, דוכט זיך, וועל איך פון אים ווידעראַמאָל דערהערן זײַן זאָרגלאָז־פריילעכן „טראַ־ליאַ־ליאַ״. נאָר ניין, ער פרעגט בא מיר:

— פונוואַנען ביסטו?

— פון מאָסקווע.

— ווי רופט מען דיך?

איך דריי זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע, קלוימערשט נאָך א צווייט שײַטל האָלץ, און ענטפער אים:

— אזוי ווי מע האָט מיר א נאָמען געגעבן.

מײַן ענטפער באַליידיקט אים ניט. ער טוט זיך זײַנס.

— צוליב וואָס האָט מען געבראַכט אהער דאָס האָלץ?

— אָט גייט דער אונטער־אָפיצער אוועראָוו, ער איז דער עלטסטער פון לאַזאַרעט, איז פרעגט בא אים.

מאלצעוו אָבער איז אַן אקשן. ער שטייט ניט אָפּ פון מיר:
— ווי אָבער, אויב איך וויל מיט אים ניט ריידן?
— און מיט מיר ווילט איר?
— כ׳וויל.
— מאָדנע.
— פיו־ו־ו!—האָט ער א פּײַף געטאָן.— און וואָס האָסטו געמיינט? איצט איז א צײַט, ווען מע טאָר ניט אָנעמען אלץ פאר א ריינער מאטבייע. איך פרעג בא דיר נאָכאַמאָל — צוליב וואָס האָט מען געבראכט אהער דאָס האָלץ?
איך קאָפּ האָבן זיך בא מיר געגומען פלאָנטערן געדאנקען. עפּשער מאכט ער זיך נאָר פאר א „פיו־פא”, ער איז שוין, דוכט זיך, גאָרניט קיין פוסטער באָכער. ארײַנקוקן קאָן מען דאָך בלויז אין די אויגן, אָבער ניט אין דער נעשאָמע. איך ענטפער אים:
— מע קלײַבט זיך אספאלטירן דעם דיל אין דער דעזקאמערע.
— מיט האָלץ? — פארזשמורעט ער די עטוואָס אָפּשפּעטערישע אויגן.
אָט א צוטשעפּעניש! עס פעלט מיר נאָר, איך זאָל דורכפאלן, ווי מיטן וואָרט „לאטע”. אין געפאנגענשאפט, ווי אין ערגעץ ניט, האָב איך זיך באמיט אפּרי׳ער באטראכטן ניט נאָר יעדן שפאן מײַנעם, נאָר יעדער וואָרט. קומט אָבער אויס, אז מע קאָן קיין קלוגער ניט זײַן. איך דערקלער אים:
— אין שײַער שטייט א קאסטן גודראָן. מע דארף נאָך ברענגען זאמד און א קעסל אָף צו קאָכן דעם גודראָן.
— באָנזשור, פאָקעדאָוואַ!—געזעגנט ער זיך אָפּ מיט מיר און טוט א מאך מיט דער האנט. — כ׳האָב אמאָל זייער ליב געהאט צו סמאָלעווען סלופּעס, און נאָך האָב איך ליב געהאט שלאָפן אין וואלד, זיך צוהערן, ווי עס קרעכצן די ביימער, ארײַנעטעמען דעם רייעך פון די סאָסנעס. עך, פעכאָטע, פעכאָטע, דו ווייסט מיסטאם אפילו ניט, אז קאָרן־בלימלעך שמעקן מיט האָניק און אז וואלד־גלעקעלעך זײַנען בלוי.
מאלצעוו האָט קוים באוויזן אוועקגיין, ווי אָף זײַן אָרט איז אויסגעוואקסן שו־מאָוו.
— וועגן וואָס האָט איר עס אזוי לאנג געפּלוידערט?
צו דעם דאָזיקן ליבהאָבער זיך ארײַנמישן אין פרעמדע געשעפטן בין איך שוין געוווינט.
— וועגן וואָס? וועגן טרא־ליא־ליא.
— פסו,— קאָן ער ניט אײַנהאלטן זײַן געלעכטער, — ווי געפעלט אײַך דער פירשט אין די צעריסענע פלודערן?

קראמעץ, אווערוואָ, שומאָוו און א פּאָר „אריסטאָקראטן” פון די קראנקע „שנײַדן זיך” ביז שפּעט אין דער נאכט אין איין־און־צוואנציק. די קראנקע באמי׳ען זיך, אז פיפין זאָל בא זיי געווינען, נאָר א פּאָר מאטבייעס ווילט זיך זיי פּאָרט איבערלאָזן אָף מאָרגן. זיי ווייסן, אז דער הויפּט־דאָקטער האָט פּײַנט אויסשרײַבן פון לאזארעט קאָרטן־שפּילער, וועלכע פארמאָגן נאָך געלט אין קעשענע. מאלצעוו האָט אָפּגע־געבן פיפינען זײַנע עטלעכע צעקנייטשטע פּאפּירלעך, וואָס ער האָט פארמאָגט, אבי ער זאָל אים אָפּלאָזן אָף זײַן ליבע־באגעגעניש. אזוי טאקע האָט ער געזאָגט:

— פאר מײַן פארגעניגן װעל איך צאָלן מיט דײַטשישע מארקעס. איר װילט װיסן, װו װעל איך זײ נעמען? איז דער ענטפער: „װער קאָן מיט מאטילדען זיך גלײַכן, װער קאָן?״

װען דו גײסט ארײַן אין דער פאלאטע פאר שװער־קראנקע, נעמט זיך דיר דוכטן, אז ס'איז פּאַשעט א פארברעכן צו זײַן געזונט. דאָ ליגן דרײַ אױסגעדײ־װערטע, צונױפגעשרומפּענע מענטשן. זײ זײַנען אזױ שװאַך און אומבאהאָלפן, אז קעדײ מאכן א פּאָר שפּאַן, מוזן זײ זיך דראפּען בא די װענט, זיך אָנכאפּן פאר די בעטלעך, פאר דער טיר, נאָר אױך די ביינערדיקע פינגער פאָלגן ניט. אין װאָס באשטײט זײער קראנקײַט? בא יענעם, װאָס ליגט לעבן פענצטער, — זײַן פאמי־ליע איז זאבארע, — איז טובערקוליאָז. צײַטנװײַז נעמט זיך דוכטן, אז אים װערט לײַכטער. דאָס איז דאַן, װען דער פעלדשער זשאלעװעט אים ניט קײן קאָדעין און ציט ארױס מיט א שפּריץ דעם אײטער פון צװישן זײַנע ריפּן. לעצטנס האָט קרא־מעץ אָפּגעשאפט די דאָזיקע פּראָצעדור. װײַל צוליב דעם איז נײטיק עפּעס א פּלי־סיקײַט, װאָס מע קאָן באקומען אין יעטװידן דײַטשישן לאזארעט, נאָר ניט דאָ. און װײַטער װער װײסט, מעגלעך, אז פּיפּין באקומט דעם פּרעפּאראט און זוכט פאר אים א קונע.

אײן־און־אײנציקער פאל איז מיר באװוסט, װען קארל האָט ארױסגעװיזן אינ־טערעס צו אָט דעם קראנקן. אין פאלאטע איז ער ניט ארײַנגעגאנגען, ער איז גע־שטאנען לעבן דער שװעל בא דער אָפענער טיר און ניט אױפגעהערט פארגעבן אײן פראגע נאָך דער אנדערער אנאטאָלי לעאָנידאָװיטשן, קראמעצעס פארטרעטער:

— פונװאנען נעמט זיך אזא קראנקײַט? אָף װאָס רופט זיך עס אָפּ?

— פון הונגער, קעלט, פײַכטקײַט, שמוץ. בא אים רופט זיך עס אָפּ אָפן הארצן. אָפן אלגעמײנעם טאָנוס פון אָרגאניזם.

— דאָקטער, — האָט אים דער היטלעראָװעץ מיט קאס איבערגעשלאָגן, — אזעלכע באַבעמײַסעס קאָנט איר דערצײלן אן אנדערן, אָבער ניט מיר. איך בין געװען אין די אָקאָפּעס און װײס: װער עס האָט נאָר אױסגעהאלטן, דעם שאטן ניט די דאָזיקע זאכן. זאָגט מיר בעסער, װאָס פּאָדערט זיך, ער זאָל שנעלער גע־זונט װערן און ניט ליגן דאָ, װי באם טאטן אין װײַנגארטן?

— װאָס? די זעלבע װײַנטרויבן, װעגן װעלכע איר האָט דערמאָנט. װיטאמינען פּאָדערן זיך, מילך, סמעטענע. נאָך בעסער איז קומיס, און די הױפּט־זאַך — פרישע לופט און פולשטענדיקע רו. איך װאָלט אײַך געבעטן, מע זאָל אים כאָטש צײַטװײַ־ליק איבערפירן אין א דײַטשישן לאזארעט, װײַל עס פּאָדערט זיך אן אָפּעראטיװע כירורגישע ארײַנמישונג.

אװעראַװ האָט ניט געקאָנט באשליסן — זאָל ער אלץ איבערזעצן? דעריבער קלײַבט ער לאנגזאם אונטער די נײטיקע װערטער.

— אױסגעשלאָסן. געװנוג! — קארלס אױג האָט א בלישטשע געטאָן מיט אן אומהײמלעך פײַערל. — מילך און סמעטענע קלעקן ניט פאר אונדז, דײַטשן. איך בין ניט זיכער, צי ער פארדינט װאסער. זאָגט, אלײן װעט ער זיך ארױסקאראב־קען? צי װעט ער נאָך טױגן אין ארמײ?

— עס טרעפט, װען דער אײטער פון דעם פּלעװרע־כאָלעל עפּנט זיך אין בראָנך און מע כראקעט אים ארױס...

— פלעוורע־שמעוורע, וואָס איז דאָס פאר א פויגל־שפראך? איך פרעג, וואָס טוט איר, קעדיי זיך איבערצײַיגן, אהין אָדער אהער?

— עסן און טרינקען באקומט ער בא אונדז נאָר קאלטס. אָט זעט איר, עס שטייט לעבן אים א גלאָז וואסער, צעפירט מיט א לעפעלע זאלץ. ער באקומט אויך א מיקסטור, זייער א ביטערע, דאָס איז, דוכט זיך, אלץ.

— קלאָר. ער איז אומנוציק, ווי א שפילקע אָן א קעפל. אף ווײַטער שיט וואָס ווייניקער זאלץ. די מיקסטור גיט אים זעלטענער. אזוי זעצט פאָר, ביז איך וועל אײַך ניט מיטיילן, וואָס דער שעף האָט באשלאָסן.

בא די איבעריקע צוויי קראנקע, וואָס ליגן אין דער פאלאטע, איז פארבליבן דער דיאגנאָז, מיט וועלכן מע האָט געבראכט אהער צענדליקער יונגעלײַט, — „דיסטראָפיע". אזוי הייסט עס מיסטאמע אף לאטײַן. אף פראָסט מאמעלאָשן איז דאָס א קרענק, וועלכע נעמט זיך פון לאנג הונגערן. איצט, ווען זיי האָבן שוין ברויט, קאשע, קריכט זיי דער ביסן ניט אין מויל ארײַן. צו זיי שטייט אלץ צו. זיי קאָנען זיך בעשום־אויפן ניט באפרײַען פון צינגא און פון דיזענטעריע. זיי, די צוואנציקיאָריקע באָכערים, זײַנען טויט־בלייך און זעען אויס ווי אײַנגעבראָכענע זקיינים. וואָס עס זאָל ארום זיי ניט פאָרקומען, ליגן זיי פארטראָגענע, מיט א טרוקענער היץ אין מויל. ניט מע שלאָפט, ניט מ'איז וואך, שטענדיק ליגן זיי אײַנגעדעקט, דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, און פרעגט זיי עפּעס, איז ניט ווי זיי מיינט מען. פינף מאָל האָב איך זיך געווענדט מיט איין און דער זעלבער פראגע, ביז דער קראנקער האָט נאָך מער פארקרימט די ליפן און געענטפערט:

— די פיס, זיי זײַנען שווער און טוען ווי.

אנומלטן איז אויסגעקומען בינדן דעם קראנקן, וואָס ליגט אין ווינקל. א שאָ נאָכאנאנד האָט ער מיט פארטײַעטן ציטער אזוי געוויינט, אז עס האָט זיך געדאכט, עס וועט ניט נעמען קיין סאָף צו זײַנע טרערן, וואָס פליסן פון די אויסגעסטארטשעטע אויגן. דערנאָך האָט ער גענומען רײַסן אף זיך דאָס אָנטאָן, גראבלען די קויטיקע שטשעטינע אף די באקן. דער פעלדשער האָט געזאָגט, אז בא אים זײַנען האַליוצינאציעס. דער דאָקטער — „א שארפער פסיכאָז". איך ווייס ניט דעם כילעק צווישן אָט די צוויי באגריפן, נאָר ווי מע זאָל עס ניט רופן, ווינטש איך עס טאקע נאָר אונדזערע סאָנים.

אין מאָלעוועלער לאגער פלעגט מען פאר אזעלכע קראנקע קאָכן א געטראנק פון סאָסנע־נאָדלען, בערעזע־בלעטער, קאָרע פון דעמב. דאָ באקומען זיי אפילע דאָס אויך ניט. זעלטן ווער פון די מעדיקער קומט ארײַן אהער. ניט איך איינער האָב געהערט, ווי קאָרל האָט געפרעגט בא קראמעצן:

— אויב פאר דער ארמיי וועלן זיי שוין ניט טויגן, איז צוליב וואָס דארף מען זיי דאָ האלטן?

אין די פרײַע שאָען בין איך אָדער אפן בוידעם, ווו איך פארמאָג מיר א קליין אָפגעזונדערט ביסעלע שטילקײַט, אָדער דאָ אפן דיל פון אָט דער פאלאטע. דאָ פיל איך זיך זיכערער, ווי אף די נארעס אין צימער פאר די סאניטארן. מיר ווילט זיך אָפט, אז אפילע אויך באטאָג זאָל א געדיכטער נעפל אײַנהילן אלץ. אויך איצט ליג איך שא־שטיל אײַנדערפינצטער און קלער. ווען די לעוואָנע קוקט ארײַן אין פענצטער און צווישן די אײַזערנע בעטלעך צעציט זיך א בלייכער ליכט־פאס, וואָס זעט מיר אויס, ווי א גרויער וואסער־שטעג, פארוק איך זיך אין סאמע ווינקל.

טראכטן איז דאָ וועגן וואָס. אפילו א קנויל פון פעדעם קאָן זיך אזוי פארפּלאָנ־טערן, אז עס זאָלן זיך פאָדערן שאָען אף אים צעוויקלען, הײַנט געדאנקען... מע זאָגט, די טעג וועלן די „פּרײַוויליקע" צום ערשטן מאָל אָנטײלנעמען אין אן אָפּע־ראַציע קעגן די פּארטיזאנער. איז ווי וועלן זיך אופירן אָט די נעכטיקע סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע?

מיר דוכט, אז קיינמאָל האָט זיך מיר ניט געוואָלט אזוי ארײַנקוקן צו יענעם אין דער נעשאָמע, ווי צו די קראנקע, וואָס ליגן דאָ אין די פּאלאטעס.

עפּשער, טראכט איך, איז שוין פאראן אן אונטערערדישע גרופּע, עפּשער ווערט מען לויט זייער באפעל פארניכטן די דײַטשישע אינסטרוקטאָרן און די „קלאָ־פּערס" — מאלינינען, מיראָנאָווען מיט זײַן קאָמפּאניע, די קאָפּטע ווײַסגווארדייער. איך מעג שווערן, אז וועגן דעם טרוימט אויך כראָמאָוו. און עפּשער נאָך עמעצער.

אויב אין די לאגערן פלעגט מען שטענדיק קלערן און ריידן וועגן עסן, האָט מען דאָ, אין לאזארעט, שטענדיק גערעדט וועגן די פּארטיזאנער. אלעמען ווילט זיך וויסן, וואָס טראכט וועגן דעם זײַן שאָכן. דאָ זײַנען קימאט אלע ליבהאָבער פון שטעלן פראגן.

איך דערמאָן זיך, אז בא קיינעם האָט ניט ארויסגערופן קיין כשאד, ווען כראָ־מאָוו האָט גענומען דערציילן וועגן די מידעס פון וועלף.

— זומער פארקלײַבן זיי זיך אין שוואר־צוטריטלעכע, געדיכטע, טויבע „טשאַ־שטשעס", — האָט ער דערציילט, — אין טיפע פארוואקסענע באלקעס. דוכט זיך, אז קיין שום כײַע זידלט מען ניט אזוי, ווי דעם וואָלף. נאָר זייער ווייניק מענטשן וויסן, ווי דער וואָלף איז זיך מאקריוו פאר זײַן פרײַהײַט. ווער פון אײַך ווייסט, פארוואָס מע שטעלט ניט קיין קאפּקאן פאר וועלף? איר שווײַגט? איז זײַט וויסן. מיט מײַנע אויגן האָב איך געזען שטעקן אין קאפּקאן א וואָלפישן פוס. מיט די אייגענע ציין האָט ער זיך איבערגעהריזעט די הויט, די אָדערן, דעם ביין — און אוועק. באטראכט זיך נאָר, סארא ווייטעק ער איז אויסגעשטאנען, אבי ניט ארײַנ־פאלן אין געפענקעניש.

דער זעלבער כראָמאָוו, וואָס איז, דוכט זיך, מאסקים געווען מיט מאלינינען, אז ווי נאָר עס וועלן א נעם טאָן די פרעסט, וועלן די פּארטיזאנער זיך צעלויפן, האָט נאָכדעם דערציילט א געשיכטע, ווי אים איז אויסגעקומען א צײַט ווינען ווינטער אין א בײַדל, וואָס איז געווען באדעקט מיט בלעטער און מיט מאָך, און ווי ער האָט איינמאָל בייס א גרויסן פראָסט פארבלאָנדזשעט. נו, איז וואָס? ער האָט צעשארט דעם שניי צווישן די קוסטעס, אויסגעבעט צווײַגן אין דער גרוב און, ווי איר זעט, אויסגעהאלטן, ניט פארפרוירן געוואָרן.

און נאָך טראכט איך וועגן סטעפּען — וועגן טאָמעס מאמע, פארוואָס קומט זי ניט. מע וואָלט באדארפט מיט איר א שמועס טאָן. עפּשער וואָלט זי געפונען א מיטל אף צו וואָרענען די פּארטיזאנער...

— דו שלאָפסט? — פרעגט בא מיר שטיל זאבארע.

— ניין.

— העלף מיר, ברודערקע, צום לעצטן מאָל זיך ארומוואשן.

— באלד. נאָר פארוואָס, אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, צום לעצטן? אָדער עפּשער האָט אף אײַך געווירקט קראמעצעס פלאפלערײַ וועגן גוירל?

— נארישקײַטן. אפילו דער ניוועזניק פּיפין ווייסט, אז דער גוירל קומט ניט

פון זיך אליין. פֿאַשעט, די טעג וועט מען אונדזער גאַנצע פּאַלאַטע ערגעץ אַוועקפֿירן.

— וווהין?

— מעגלעך, צוריק אין אַ לאַגער פֿאַר געפֿאַנגענע, — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפֿערט, — גיכער פֿאַר אַלץ וועט מען אונדז ערגעץ אין אַ ריוו דערשיסן.

— פּוסטע רייד. אָדער איר רעדט פֿון היץ. גיט מיר נאָר איצטער האַנט.

— די טעמפּעראַטור איז בײַ מיר אַזאַ, ווי שטענדיק אין די שאָען. זאָגן אַ ליגן אַן אייגענעם מענטשן, ווען איך בין שוין מיט איין פֿוס אין קייווער, וועל איך ניט.

— אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, איך פֿאַרשטיי ניט, פֿונוואַנען ווייסט איר דאָס. קאַרל האָט אײַך דערציילט אָדער קראַמעץ?

— אַ גוטער מענטש האָט מיך געוואָרנט. דו, ברודערקע, נערוויר זיך ניט. איך האָב וועגן דיר אויך גערעדט מיט אים.

— איר זײַט זיכער, אַז דאָס איז אַ גוטער מענטש? אויב דאָס איז דער לעץ מאַלצעוו, וועלכן איך האָב הײַנט בײַ אײַך געטראָפֿן, איז נאָך אַ צווייפֿל. יענער קאָן, דוכט זיך, פֿאַר אַ נעקייווע פֿאַרקויפֿן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

— האָסט אַ גרויסן טאָעס. האָב אין זינען — אַ שווערע קרענק עפּנט אַמאָל אַ מענטשן די אויגן. דײַן פֿאָרזיכטיקײַט געפֿעלט מיר, נאָר דאָ איז גרינג צו ווערן אַ פּאַכדן, וואָס שרעקט זיך פֿאַר זײַן אייגענעם שאָטן. איבעריקע פֿאָרזיכטיקײַט קאָן אַמאָל קאַליע מאַכן.

— וואָס קאַליע מאַכן, אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש?

— פֿאַרגיב ניט קיין איבעריקע פֿראַגן.

— יאָ, און דאָך איז פֿאַר מיר זייער וויכטיק צו וויסן דעם עמעס וועגן אָט דעם מענטשן.

— איך מיין, אַז דו וועסט מוזן בײַטן די מיינונג וועגן אים. ער זינגט טאַקע, ווי אַ נאַכטיגאַל, און בײַסן בײַסט ער, ווי אַ וואָלף. און ער ווייסט, וועמען מע דאַרף בײַסן. וועסט זיך נאָך אין דעם אַליין איבערצײַגן. דערווײַל, וועט ער בײַ דיר עפּעס בעטן, איז באַמי זיך ניט אָפּזאָגן, זאָל זײַן, אַז דו טוסט עס צוליב מיר.

באַנאַכט האָט מיך זאַבאַרע געבעטן, איך זאָל זיך אַראָפּלאָזן אָפֿן ערשטן שטאָק אין דער קליינער פּאַלאַטע און אַ קוק טאָן, צי האָט זיך אומגעקערט מאַלצעוו.

— זאָלסט גוט אַ קוק טאָן, ווײַל אָנשטאָט אים קאָן ליגן אונטער דער קאָלדרע זײַן צונויפֿגעדרייטע שינעל.

גוט, וואָס ער האָט מיך געוואָרנט. אונטער זײַן קאָלדרע איז געשלאָפֿן גאָר אַ זײַטיקער מענטש, אַ שוואַרצער באָכער מיט אַ צעפּאַטלטער טשופּרינע, מיט אַ ביסל אַ פֿאַריסענער נאָז, וועלכן איך זע דאָ צום ערשטן מאָל.

אַ געשפּרעך באַם שײַטער

אין אַלע פּאַלאַטעס ווייסט מען שוין, אַז מאָרגן וועט מען אַלעמען אויסשרײַבן פֿון לאַזאַרעט. מע קלײַבט זיך ווי אָף אַ יאַריד, מיט אַ רויש און מיט אַ טומל. די דרײַ שווער־קראַנקע וועט מען ערגעץ אַריבערפֿירן. צוליב דעם וועט אַהער קומען דער דײַטשישער שעף, וואָס איז דער הויפּט־באַלעבאָס איבער די פֿאַרעטער.

פּיפּין איז צעטראָגן. ער לויפֿט אַרום אַ צעפּאַליעטער, ווי ער זאָל זײַן אָנגע־

לאָדן מיט פּולווער. ווי אַפּצולאָכעס, האָט פון די ווענט און פון דער סטעליע זיך געגומען שיטן דער קאַלך. ניט נאָר מיר, איך, וועטלוגין און מוראַשאָוו, נאָר אויך שומאָוו און אַפּילו דער פעלדשער וואַשן די דילן. אָווראָוו שטייט אויך אַף אַ טאַבורעט און ווישט מיט פּאַפּיר די שויבן.

ערשט נאָך זון־פאַרגאַנג האָט מען געבראַכט אַ וואָגן מיט זאַמד. ביז פאַרטאָג דאַרף דער דיל אין דעזקאַמערע און אין וואַנע־צימער זײַן אַספאַלטירט. דאָס, וואָס עס וועט אויסקומען אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, איז פאַר מיר גראָד ניט שלעכט. אָווראָוו זאָגט, אַז מאָרגן, ווען דער שעף מיט זײַן סוויטע וועט אַהער קומען, וועט ער מיך זיך לאָזן אויסשלאָפן. פאַר מיר איז אָוואַדע בעסער זיך פאַרקלײַבן אין אַ טיף פאַרבאָרגן ווינקל ערגעץ אַפן בוידעם און קיינעם ניט מאַזאַליען די אויגן. ערגער איז דאָס, וואָס דער קעסל, אין וועלכן מיר דאַרפן קאָכן דעם גודראָן, איז צו קליין און עס וועט אים אויסקומען עטלעכע מאָל שטעלן אַפן פײַער.

באַווײַזן אונדז, ווי מע דאַרף אַספאַלטירן, האָט זיך פרײַוויליק אונטערגענומען קאָנסטאַנטין מאַלצעוו. איצט זע איך, אַז ער איז טאַקע פלינק, ווי אַ פיש אין וואַסער. דעם טשוהונענעם קעסל אײַצעט ער אופהענגען אַף דעם לאַנגן אײַזער־נעם שטעקן איבער דער טיפער גרוב, וווּ מיר פלעגן לעשן קאַלך. ער לערנט אונדז, וויאַזוי צעלייגן אַ פײַער. הייסט אונדז צונויפקלײַבן וואָס מער טרוקענע שפּענער, צווײַגן, קאָרע פון בערעזע. אונטערצינדן, וואָרנט ער אונדז, דאַרף מען פון דער זײַט, פונוואַנען עס בלאָזט דער ווינט.

צוערשט לייגן מיר קליינע שטיקלעך האָלץ, און ווען עס באַווײַזן זיך צעגליטע קוילן, ברענגען מיר צו שלעפּן היפּשע קלעצער און אַפילו אַ בערדיקן פּניאַק, וועלכן די מורעשקעס האָבן אַזוי באַאַרבעט, אַז ער איז דורכגעלעכערט ווי אַ רעשעטע.

— ווייסט, — דערקלערט ער אונדז, — פון צופיל האָלץ לעשט זיך דאָס פײַער. מאַלצעוון האָט פּיפּין אַרויסגעטראָגן אַן אַלטן כאַלאַט און מיטגעטיילט, אַז אַ דערלויבעניש אַף אָנצינדן באַנאַכט פײַער איז שוין באַקומען געוואָרן. אַליין איז ער, קלוימערשט, שטאַרק מיד און וועט זיך הײַנט לייגן פרי שלאָפן. אַף מאַלצעוון פאַרלאָזט ער זיך, ווי אַף זיך אַליין. דערפאַר וועט ער אים מיט דער צײַט ווי געהעריק אָפּדאַנקען.

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — באַרויִקט אים מאַלצעוו, — דאָס איינציקע, וואָס איך וויל אײַך בעטן, איז אַרויסגעבן מיר אַ דאָקומענט מיט אַ שטעמפּל, אַנדערש וועט מאַטילדע מיר ניט גלייבן און ס'וועט אויסקומען זיך זוכן אַן אַנדערע.

— קומט מיט מיר, — שמייכלט דער דאָקטער, — וועט אײַך אָווראָוו געבן דעם שליסל פון דער קאַמער.

ווען זיי זײַנען אַוועק, האָט סאַשע מוראַשאָוו מיר אַ זאָג געטאָן:

— אָט דער פּיזשאָן, מאַלצעוו, איז, דוכט זיך, גאָרניט אַזאַ פּוסטע קיילע.

— דו מיינסט? און עפּשער איז ער גאָרניט קיין פּיזשאָן? פונעם ערשטן קוק איז שווער צו זאָגן מעווינעס.

— ווער דען? — האָט ער מיטן אַרבל אַ וויש געטאָן דעם פײַכטן שטערן.

— איך ווייס? שווײַג. ער גייט אַהער.

קאָנסטאַנטין רופט מיך, איך זאָל אים באַווײַזן, וווּ עס ליגט דער גודראָן. קעדיי זיך ניט צעבײַלן דעם קאָפּ אין דער נידעריקער סטעליע פונעם שײַער, קומט אים

אויס זיך אָנבייגן. מיר פארקלײַבן זיך אינעם ווינקל, ווו עס ליגן פאפירענע זעק מיט צעמענט.

— זאבארע, — זאָגט ער, — האָט צו דיר א ביטע. ווי נאָר עס וועלן זיך באם שײַטער צונויפזאמלען מענטשן, איז גיב אים צו וויסן, אויב עס וועט נייטיק זײַן — העלף אים אראָפּלאָזן זיך פון די טרעפּ.

— דאָס קאָן איך ניט טאָן.

— האָסט מוירע פאר קראמעצן צי פאר שומאָוון?

דערווײַל, באשליס איך, איז בעסער ניט מאכן קיין ווענן פון זײַנע רייד.

— בא זאבארען, — ענטפער איך מאלצעוון, — איז א הויכע טעמפּעראטור. אין גאס איז א ווינט. איר ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן?

— פארזאָרג אים ניט, ער ווייסט אליין וואָס צו טאָן. איצט איז ניט קיין צײַט פאר איבעריקע רייד. איך וועל אים אָפּטרעטן מײַן אָרט באם שײַטער. און דו וועסט אים ארויסטראָגן די קאָלדרע און אים גוט אײַנדעקן. ווארט, אײַל זיך ניט, דײַן כאווער, מיט וועלכן דו ארבעטסט, פארטרויסטו?

ווען זאבארע זאָל מיך פריִער ניט געווען וואָרענען, אז ער וועט בא מיר עפּעס בעטן, וואָלט איך מאלצעוון אָפּגעשיקט העט ווײַט, אָבער אזוי ענטפער איך:

— יאָ.

— איינער פון אײַך דארף שטיין באם ארויסגאנג פון לאזארעט און מיט א פײַף וואָרענען, אויב עס וועט זיך באווײַזן א פארדעכטיקער. פארגעדענק, מיר האָבן געשמועסט וועגן אספאלט, מער וועגן גאָרניט.

— גוט.

ס'איז שווער צו זאָגן, ווער עס רייכערט מער: דער שײַטער אָדער די, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט. מאלצעוו זיצט רײַטנדיק אף א קלאָץ, פיל פון די, וואָס האָבן זיך אהער צונויפגעקליבן, האָבן, דוכט זיך, שוין באוויזן פארזוכן דעם ביטערן טראָפּן.

פאר מײַנע אויגן, ווי אף א קינאָ־עקראַן, טראָגן זיך דורך מענטשן געקליידט אין דער טײַוול־אוניפאָרם. כ'קאָן אפילע אף קיין רעגע ניט פארגעסן, אז דאָס זײַנען ניט קיין אויסגעטראכטע שאָטנס, נאָר רעאלע באשעפענישן. וואָלט עמעצער פון זיי זיך בעסער צוגעקוקט צו מיר, וואָלט ער עפשער מיט פארגעניגן מיך איבערגעגעבן אין מיראָנאָווס הענט. איך ווייס, אז פריִער צי שפּעטער, נאָר דע־מאסקירן וועט מען מיך אלציינס.

מאלצעוו האלט זיך אין איין וויצלען. א באָכער מיט שווערע הענט און מיט א שווערן בליק בעט זיך בא אים:

— קאָנסטאנטין, דערצייל עפּעס וועגן מאטילדען.

וויל ער אָבער ניט. און כאָטש ער שווײַגט, ווייס איך, דוכט זיך, וועגן וואָס ער טראכט און וואָס ער וועט באלד ענטפערן.

— דערצייל, טײַוול איינער, — שטייט יענער ניט אָפּ פון מאלצעוון.

קאָנסטאנטין בייגט זיך אָן און רוימט אים אײַן א סאָד. אין א רעגע ארום פארגייט זיך דער באָכער אין א געלעכטער.

א צווייטער טײַנעט מיט א הייזעריקער שטים:

— איך שפּײַ אַף אַלעמען און נעם פון לעבן וואָס עס לאָזט זיך. מיר איז אַלציינס — בערעזעס צי ווילדע באַרנביימער. אַז מע וועט מיר הייסן, וועל איך זיי אַלע אויסהאַקן. זאָל מען מיך נאָר האָדעווען. געלט שמעקט ניט, איין מאָל געלעבט.

— און אויב מאָרגן וועט א פּאַרטיזאַנער, וואָס האַלט זיך צווישן די בערעזעס, דיר אַרײַנזעצן א קויל אין קאָפּ?

— פאַרוואָס עפּעס אין מיר און ניט אין דיר?

— וואָס פאַר א נאַפּקעמינע?

— „וואָס פאַר א נאַפּקעמינע״? ווי געפעלט אײַך דער יאַלדאַק? אין וועמען עס וועט טרעפן די קויל, דעם וועט מען באַגראָבן. אָט זיצט מאַלצעוו. ער, זײַנע כעווריע מיט די טרומייטן האָבן שוין אויסגערעפּעטירט וואָס צו שפּילן אין לעצטן וועג פאַר יעדערן פון אונדז.

— היי, שאַקאַלן, וועמען לאָזט עס ניט צורו מײַן פּערזאָן? אויב די פּאַרטיזאַנער, וועגן וועלכע מע זאָגט, אַז זיי זײַנען ניט קיין שלעכטע סנײַפּערס, וועלן אַלעמען אונטערשיסן, איז וויפל מאָל וועל איך זיך דאַרפן שלעפּן אַפן צווינטער? און וועגן מײַנע פּיס האָט איר א קלער געטאָן?

— שווײַג שוין, שפּילפויגל, — בייזערט זיך ניט אַף קיין קאַטאָוועס דער הייזעריקער, — אונדז שיקט מען אין פײַער, און דו פוילסט זיך אַן איבעריקן בלאָז טאָן אין דײַן מעשענער טרויב. צוליב וואָס זשע פאַר א טײַוול דאַרף מען אײַך דאָ?

— אָט וועל איך דיר באַלד דערקלערן. אין לאַגער פאַר געפאַנגענע ביסטו געווען? דאַרפסטו דאָך וויסן, אַז אַפילע דאָרט האָבן די דײַטשן געפאָדערט, אַז דו זאָלסט ניט האַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מאָרגן וועסטו שטאַרבן פון הונגער, פון פּעטש, די וואָך־הינט וועלן דיך אַף שטיקער צערײַסן, אָבער דערווײַל זײַ האָפערדיק, זינג. ביפראַט נאָך דאָ, מיט מוזיק וועלן מיר אײַך באַגלייטן. ווער עס וועט לעבן בלײַבן, דעם וועלן מיר ווידער מיט מוזיק באַגעגענען. עס איז אויך, מיין איך, ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַזא ווי דו זאָל באַקומען א ציילעם... אַף דער ברוסט, מיין איך. איז ביטע. ווידעראַמאָל — מוזיק.

„אין לאַגער פאַר געפאַנגענע״... קוים האָט מען דערמאָנט דעם לאַגער, איז שוין שווער צו ריידן און צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. צו פריש איז נאָך די וווּנד. אַפילע באַם „הייזעריקן״ טויכט אויף אין זיקאָרן דאָס פאַרגאַנגענע און דער פּאַריבל קוקט אַרויס פון זײַנע שוואַרצאַפּלען.

— געוועזן א צײַט, — דערמאָנט ער מיט א זיפץ, — ווען איך האָב שוין ניט געקאָנט גיין אָן עמעצנס הילף. טימאָשע, האָב איך צו זיך געזאָגט, ביסט קאַפּוט. אָבער איצט וויל איך און מוז בלײַבן לעבן.

— די פראַגע איז אָבער, וויאַזוי לעבן: ווי א מענטש צי ווי א פּאַכדן?

דאָס האָט געזאָגט זאַבאַרע, וועלכער האָט זיך ניט דערוואָרט אַף מיר און איז אַליין געקומען צום שײַטער. מאַלצעוו טרעט אים אָפּ דאָס אָרט און אַליין נעמט ער מיט א שטעקן קאַליטשען דעם שײַטער. אָנגעגליטע קוילעכלעך שפּרינגען מיט א טראַסק צום באַנאַכטיקן הימל און צייכענען אין דער פינצטער א פײַער־בויגן.

טימאָשע פאַרשטייט ניט, וואָס זאַבאַרע האָט געמיינט, נאָר ער פילט, אַז דער מענטש וויל אים מיט עפּעס באַליידיקן. פאָדערט ער:

— דו דריי מיר ניט דעם וואָרעטשעק. ווער איז א פּאַכדן? איך?

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש ענטפערט רויִק. ער קערעוועט אַפילע ניט אויס דעם קאָפּ צו אים.

— אַף זיכער ווייס איך ניט. דערווײַל אייצע איך דיר האַלטן די הענט אין די קעשענעס, זיץ און היץ זיך ניט. וואָלסט געמעגט פאַרשטיין, אַז אומזיניקײַט און געוואַגטקײַט זײַנען גאָר פאַרשיידענע זאַכן. וועגן דעם, אַז מיר זײַנען פּאַכדאַ־נים, זאָגן איידעס די מונדירן, וואָס מיר האָבן אַרופגעצויגן אויף זיך. אַדרבה, זײַ אַ בעריע און דערווײַז מיר, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

ניט טימאַשען, װעלכער איז געשטאַנען און געפינטלט מיט די אויגן, האָט דער ענטפער פאַרדראָסן, אופגעכאַפּט האָט זיך פון אָרט אַן אַנדערער, מאַראַזאָוו, וועלכן מע האָט די טעג אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט. באַ אים האָבן די ציין אַזש גענומען קריצן פון כּעס.

— פאַר אַזעלכע ווערטער, — האָט ער זיך צעשריִען, — קאָנען מיר דיך מאַכן אויף אַ קאָפּ קירצער.

מאַראַזאָווס קורצזיכטיקע ליכטיק־גרינע אויגן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן פאַר־גליווערט, ווי צוויי שטיקלעך אײַז. איז אָט ווער אָט דער שטאָלטנער און באַשיי־דענער באַכער איז! זאָל זײַן, אַז קיין פּיאָנער, קיין קאָמיוגיסט איז ער ניט געווען, נאָר פון דער ערשטער מינוט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן דאָך זײַנע טאַטע־מאַמע געטרוימט, אַז זייער זון וועט אויסוואַקסן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. און ער — ווער איז ער? אַ פּאַכדן? ניין. אַ פּאַכדן, זאָגט מען, הייבט אָן בייס אַ געפאַר קלערן ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט די פיס. עפּשער האָט אים דער לאַגער דערפירט צו דעם? ניין, דאָס קאָן ניט זײַן...

אין געפאַנגענשאַפט האָט מאַראַזאָוו געהאַט גענוג צײַט זיך פאַרטראַכטן וועגן זײַן לעבן. איז אָט צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט! ווײַזט אויס, אַז קיין רעפּוע אויף היילן פאַרעטער האָט נאָך דערווײַל קיינער ניט צוגעטראַכט. אַזאַ מין באַשע־פעניש דאַרף מען אויסוואָרצלען, ווי ווילדגראָז.

צוויי וועלטן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די, וואָס זײַנען איצט אָנגעשטרענגט־פּײַנטלעכע געשטאַנען איינע קעגן די צווייטע. עס האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז זיי ריידן אויף פאַרשיידענע לעשוינעס. באַ זאַבאַרען, וואָס איז געזעסן אָן אַ היטל, האָט דער ווינט געפּאַטלט די גראָווע האָר. עס האָט אים געפיבערט. זײַנע דאַרע ביינערדיקע הענט האָבן געציטערט. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז גרייט צו אומדערוואַרטקײַטן.

— קיין העלדן, מאַראַזאָוו, זאָלסטו וויסן, ווערן ניט געבוירן. ווען דו פאַרמאָגסט כאָטש אַ קאַפּעטשקע מענטשלעכן געוויסן, וואָלסטו עפּשער אויך געקאָנט ווערן אַ שטיקל העלד. מײַן טאַטע פלעגט זאָגן: פאַרפלאַנצן אַ בוים איז נאָר אַ האַלבע זאַך, דער בוים דאַרף זיך נאָך אָנעמען, אויסשטיין קאָלערליי געפאַרן: ווינטן, פאַרטריי־קעניש, פרעסט. און מיר זײַנען ניט בײַגעשטאַנען, מיר פוילן, ווי אונטערגעהאַקטע ביימער. זעץ זיך צו, באָכער, דו שרעק מיך ניט מער. גלייב מיר, ס'איז אומזיסט דײַן טירכע. ווילסט, קאָנסטו פאַרשרײַבן מײַן פאַמיליע, מײַן נאָמען. זאַבאַרעו אַלעקסיי רופט מען מיך. אַ זעצער בין איך געווען. מײַן היימישן אַדרעס קאָן איך דיר אויך געבן. קימער זיך ניט, איך וועל שוין אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. דו זעסט, איך כראַקע מיט בלוט. — זאַבאַרעון איז באַפאַלן אַ שווערער הוסט. אויף זײַנע באַקן האָבן זיך באַוויזן בלויע אָדערלעך. ער האָט אויסגעשפּיגן אין אַ שמאַטקעלע דעם לייכעץ און ווידער זיך גענומען פאַר מאַראַזאָוון: — שעם זיך ניט. לויף נאָך מיראַ־נאָוון. ווען דעם באַלעבאָס כאַפּט דער מאָגן, האַלט זיך דער מעשאָרעס פאַר די פלודערן... וואָס שווײַגסטו? דו ציטערסט, האָסט מוירע, אַז דו וועסט אַרײַנפאַלן

צו די פּאַרטיזאַנער? איז וואַרט ניט, אַז עמעצער זאָל דיך מוטיקן און טרייסטן. עס עקלט פון דיר, ווי פון אַ שפּין. ווייס, אויב אַפילו די נעקאָמענעמער וועלן פון דיר די הויט אַראָפּרײַסן, וועלן זיי אויך זײַן גערעכט.

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש האָט גלענצנדיק אויסגעפּילט די ראָל פון אַ סטאַר־טיאַר, עס האָט זיך בלויז געפאָדערט אַ סיגנאַל, אַז עס זאָלן זיך צעבינדן די ציינגער באַם אוילעם. איצט האָט פון ערגעץ זיך דערטראָגן אַ גרילצערײַ פון טאַנקען און דערנאָך אַ שטיל געזאַנג, וועלכן די נאַכט האָט אײַנגעשלונגען. דאָס האָט עפּעס אַ פּרוי געזונגען אַן אומעטיק־בענקענדיקע ליד. דער ניגן האָט גוט געפּאַסט צו דער שטימונג פון די מענטשן אַרום שײַטער. בלויז מאַלצעוו האָט נאָך פון צײַט צו צײַט קלוימערשט ייִנגלש פאַרשײַט זיך געוויצלט און אונטער־געהעצט איין גרופּע קעגן דער צווייטער, נאָר אַז אויך אים איז ניט פריילעך געוועזן, האָט שוין געקאָנט אײַנזען אַפילו אַ בלינדער.

— וואָס כקירעסטו? — פרעגט ער באַ יענעם, וואָס שפּאַנט הין און צוריק לעבן דעם שײַטער, ווי אַ זאַטע כײַע. — דיר האָט מען דאָך שוין געזאָגט, אַז דײַן קאָפּ איז נאָר אַף טראָגן אַ היטל. קיין סאָלדאַט דאַרף ניט קלערן, — און גלײַך כאַפּט מאַלצעוו אונטער די ווערטער פון אַ צווייטן: — ווייסט ניט, וואָס עס וועט אַרויס־קומען פון דעם, וואָס דער באַטאַליאָן פאַרמאָגט צוויי קאָמאַנדירן — אַ רוסישן און אַ דײַטשישן? באַלד וועל איך דיר דערמאָנען: אַן אייזל, וואָס פאַרמאָגט צוויי באַלעבאַטים, פייגערט גיך.

עס איז שוין באַלד האַלב־נאַכט. די שײַן אין די אַרומיקע הײַזער איז פון לאַנג אויסגעלאָשן. ערגעץ וויינט אַ קינד. אַף דער אויסגעבראָקירטער פּאָסטער גאַס הערן זיך זעלטן ווען טריט פון אַ פאַרשפּעטיקטן דורכגייער. ס'איז ניט שווער צו דער־קענען, אַז דאָס שפּאַנען סאָלדאַטישע שטיוול. פון צײַט צו צײַט קוקט אַרויס פון אונטער די וואָלקנס די לעוואָנע. אַפילו די שפּיר־הינט האָוקען ניט אַף איר, דערפאַר ווילט זיך עמעצן פון די וואַך־לײַט זי פאַרהוילן מיט דרײַ העל־געלע ראַקעטעס, וואָס רײַסן זיך פּלוצעם אויף אין הימל.

פון שײַטער ווילט זיך קיינעם ניט אוועקגיין. דאָס אויג איז נאָך אַלץ ניט זאַט מיט דער שפּיל פון די פײַער־צונגען, וואָס דערעסט קיינמאָל ניט, פּונקט ווי דער אומופּהערלעכער געלויף פון יאַם־וועלן. איך דערמאָן זאַבאַרען:

— קראַנקער, שוין צײַט אין פּאַלאַטע. קומט.

מע נעמט זיך קלײַבן אין וועג. ניט שפּעטער פון צוועלף איז באַפוילן זיך מעלדן אין די קאַזאַרמעס. אַ באָכער אַן אַטלעט, מיט אַ פּאָר האָריק־אָדערדיקע הענט, מיט אַ בראָנזעווע־ברוין פּאָנעם, ציט זיך, ווי אַ קאַץ. גאָר אומדערוואַרט באַווײַזט זיך אין זײַן אויג אַ טרער, זי טוט אַ ציטער און נעמט זיך קײַקלען איבער זײַן פאַרוואָקסענער באַק. ער טוט אַ שפּײַ דורך די ציין אין פײַער אַרײַן און זאָגט:

— מיך וואָלט ניט געאַרט אַנשלאָפן ווערן דאָ באַם שײַטער און מער שוין ניט אופשטיין.

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, וואָס שטייט שוין באַ דער שוועל, דרייט אויס דעם קאָפּ און ענטפערט:

— נאַרישקײַטן רעדסטו, דאָס עגבערט דיך דאָס ווערעמל פון שרעק. גיב גוט אַ טראַכט, וועסטו זיך איבערצײַגן, אַז אַלץ איז אין דיר אַליין געווענדט. מע דאַרף נאָר ניט זײַן קיין שטרויענע ליאַלקע, וועלכע מע קאָן קערעווען אין אַלע זײַטן.

עס איז ניט די צײַט און דאָס אָרט צו זאָגן זאַבאַרען, ווי איך בין אים דאנקבאר דערפאר, וואָס ער האָט ניט מוירע געהאט זאָגן דעם עמעס אפילע פאר אזא אוילעם. קיין פעדעמל צווישן זאבארען און מאַראַזאָוון האָט זיך, פארשטייט זיך, ניט גע־קאָנט אָנקניפּן. זאבארע האָט אים גלײַך צעקײַט, באוויזן, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, און ניט פארלוירן דעם גלויבן אין די, וואָס קענען נאָך צוריק ווערן מענטשן.

...קראמעץ האָט געלײַגט, ווען ער האָט געזאָגט, אז ער גייט זיך לייגן שלאָפן. אָט זיצט ער ברייטלעך בא דעם לאנגן טיש און שפּילט אין קאָרטן. איין ברעם איז בא אים אונטערגעהויבן. ער קאָן ניט אײַנזיצן אפן בענקל, אלע מינוט שפרינגט ער אוף פונעם אָרט, נעמט זיך וויגן אף זײַנע קורצע פיס. אפאָנעם, אז ער האָט שוין צו גראָב געפעלשט אין דער שפּיל. מיט א שמייכל אין די מויל־ווינקלען און מיט א כניפעדיק קאָל זאָגט אים אווראַוו:

— הער האופטמאַן, אזוי איז ניט אָרנטלעך.

זאבארע איז זייער פארמאטערט. אוואדע נייטיקט ער זיך אין רו, נאָר איך ווייס, אז צוזאמען וועלן מיר זײַן ניט מער ווי א פיר־פינף שאָ, און מיר ווילט זיך נאָך אזויפיל דערוויסן זיך בא אים. כ׳ווייס, אז איך זינדיק, דאָך טו איך א פרעג:

— אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, צי דען וועלן זיי ניט איבערגיין אף דער זײַט פון די פארטיזאנער?

זײַן שווײַגן האָט זיך איימעדיק־לאנג געצויגן. איך האָב שוין פארלוירן די האָפענונג צו דערווארטן זיך אף אן ענטפער. נאָר איך האָב אים באקומען.

— דו פארשטייסט? מיר דוכט, אז לײַטישע מענטשן זײַנען זייער אָפט ענלעך איינער אפן צווייטן... דערפאר איז יעדער פאסקודניאק אן אָריגינאל, און ס׳איז קימאט אומעגלעך פאָרויסזאָגן, וואָס אזא טיפ קאָן אָפטאָן. א פאסקודניאק טראכט בלויז וועגן זײַן אייגענער פעל.

איך בין מיט אים מאסקים, און דאָך שטעל איך אים ווידער די זעלבע פראגע. זאבארע טוט א זופ פון קעסעלע די ביטערע גערשטן־קאווע און זאָגט:

— דאָס איז געווענדט אין א סאך זאכן. דערווײַל, מיין איך, וועלן זיך פּרוּוון בלויז אײַנציקע. גאָט באהיט, אז די פארטיזאנער זאָלן זיי אלעמען באטראכטן ווי אונטערגעשיקטע שפּיאָנען.

— וואָלט מען געדארפט זיי וואָרענען וועגן דעם.

— מע האָט געפּרוווט, — ענטפערט ער מיט א טיפן קרעכץ, — נאָר דערווײַל אָן דערפאָלג. זיי, די, וואָס געפינען זיך אין וואלד, קאָן מען פארשטיין: א פארע־טער אין דער ראָל פון א נעקאָמענעמער — דו האָסט א באגריף, וואָס דאָס הייסט?

— אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, — שעפּטשע איך אים אפן אויער, — איך קלײַב זיך אנטלויפן. אויב ס׳וועט זיך מיר אײַנגעבן, וועל איך זיי אלץ געענוי דערציילן.

— וועגן דעם דארפסטו רעדן מיט מאלצעוון. איך האָב אים אויך אזוי פאָר־געלייגט.

איך דריק זאבארען זײַן פּײַכטע, קאלטע האנט און שעפּטשע:

— א רויִקע נאכט אײַך, פרײַנט מײַנער.

— א רויִקע זאָגסטו? רויִקע נעכט וועלן ערשט שפעטער קומען, אומבאדינגט קומען.

אז אזעלכע מענטשן, ווי זאבארע, זײַנען פאראַן, אין דעם האָב איך קיינמאָל ניט געצווייפלט, נאָר אז אזא מענטשן וועל איך געפינען דאָ, דאָס איז מיר אפילע אפן געדאנק ניט געקומען. פאר דער מילכאָמע, — טראכט איך, — האָט אזא מיס־טאמע געלעבט שטיל און אומבאמערקט. ער דערמאָנט אָן א שטערן, וואָס שײַנט בלויז אין דער פינצטער.

דעם געשפרעך מיט מאלצעוון האָב איך באשלאָסן ניט אָפצולייגן. געטראָפן האָב איך אים זיצנדיק א פארקלערטן באם שײַטער.

— קאָנסטאנטין, — האָב איך גלײַך אָנגעהויבן פונעם איקער, — העלף מיר זיך ארויסרײַסן פונדאנען.

ער האָט מיטן בליק מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און רויִק געזאָגט:

— לויפן אליין איז קיין קונץ ניט.

— איך וועל דאַרטן ברענגען מער נוצן.

— דערווײַל ביסטו אונדז נייטיק אין לאזארעט.

— פארשטיי מיך, קאָנסטאנטין, איך קאָן דאָ שוין מער ניט בלײַבן.

— אנומלטן, דוכט זיך, האָב איך דיר שוין געזאָגט, אז אין ארמיי בין איך געווען א מיניאָר.

— נו, איז וואָס? — האָב איך ניט פארשטאנען, וואָס ער מיינט דערמיט. בא אָן אָנגעגליט קוילעכל האָט ער צוגערייכערט א פאפיראָס, זיך שטארק פארצויגן און שטיל פאַרגעזעצט:

— דער קאָמאנדיר פון אונדזער טייל איז געווען א געבילדעטער און קלוגער מענטש. ער פלעגט אונדז אָפט דערמאָנען, אז א מיניאָר דארף האָבן געדולד, ווי א בײן־שניצער.

— וואָס דארף איך טאָן?

— צו דיר וועט זיך עפּשער ווענדן איינער, גאניטשעוו, פון מוזיקאלן וווואָד. דאָס איז אונדזערער א מענטש. רוף מיר אָן א מאָסקווער גאס, וועלכע דו קענסט גוט.

— פיראָגאָווסקאיא...

— דיך וועט ער רופן „זעמליאק”. און דו פרעג אים: „אף וועלכער גאס האָסטו געוווינט?”. אויב ער וועט דיר ענטפערן: „אף פיראָגאָווסקאיא”, איז מעגסטו אים גלייבן. ער איז אין דײַן עלטער. א ביסל העכער פון דיר. א געזונטער און אויך א שווארצער, ווי דו. ער רעדט לאנגזאם און זעט אויס, ווי א פארשלאָפענער. איך מיין, דאָס איז גענוג, אז דו זאָלסט קיין טאָעס ניט האָבן.

— מיר דוכט, איך האָב אים שוין אמאָל געזען.

— ווו?

— באנאכט אף דײַן געלעגער.

— זעסטו, ווי מע דארף זײַן פאָרזיכטיק. אָבער דעמלט האָבן מיר קיין אנדער ברייִרע ניט געהאט, — מאלצעוו כאפט ארײַן אין מויל א גרעזל, נעמט עס קײַען. — האָבן מיר מיט דיר אָפּגערעדט? איצט וועק אוף מוראשאָוון. איך גיי שלאָפן.

פון דעם הימל זײַנען אנטרונען די לעצטע שטערן. דער שײַטער האָט שוין געגויסעסט. פון מאָל צו מאָל האָט א קליין פלעמעלע א לעק געטאָן די האָלאָ־ווענשקעס, אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט איצט געלויכטן א שמאָלער פאס שײַן, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם פענצטער, ווו עס זײַנען געזעסן די קאָרטנ־שפּילער. עס איז קאָנטיק געווען, אז באלד וועט אָנהייבן גרויען אף טאָג.

ווידער שומאָוו

וואָס מער פאַניבראַט אוועראָוו ווערט מיט קראַמעצן, אַלץ פרעמדער ווערט ער מיר. איצט, דוכט מיר, פאַרדריסט שוין אוועראָוון, וואָס איך רוף אים „קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש" און ניט „הער אונטער־אָפיצער". אָט זיצט ער, ווי אַ פאַרעץ — די הענט אין די קעשענעס, און איך שטיי פאַר אים אויסגעצויגן. עפּשער שטויסט ער זיך נאָך אַליין ניט אָן, אַז איך האָב פאַר אים ווידער מוירע. אוועראָוו וויל וויסן, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען באַם שײַטער. מעגלעך, אַז ער ווייסט, נאָר אים ווילט זיך מיך אויספרווון.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, — ענטפער איך אים, — וואָס ווילט איר פון מיר? פון איין אָקס קיין צוויי פעלן קאָן מען דאָך ניט אָפּשינדן. מיסטאָמע ווייסט איר אויך, אַז אין איין לעכל קאָן מען ניט פאַרשפּיליען אַלע קנעפּלעך. מע זאָגט שוין אַף מיר אַזוי אויך, אַז איך שלאָף שטייענדיק. באַם שײַטער האָט מען זיך געאַמ־פּערט. וועגן וואָס, ווילט איר וויסן? דער טײַוול ווייסט זיי! פרעגט זיי אַף טשי־קאַוועס, וועלן זיי אײַך אַליין ניט קענען ענטפערן. זיי זײַנען געווען שיקער און האָבן אונדז נאָר געשטערט אַרבעטן.

— ווער האָט געהאָלפן זאַבאַרען אַראָפּגיין פון די טרעפּ?

— קיינער ניט. איך אַליין בין דערשטוינט געווען, ווען איך האָב אים דערזען באַם שײַטער.

— נאָך וואָס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט?

— „ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען", — האָט ער זיך געקלאָגט.

— פאַרוואָס האָסטו אים גלײַך ניט אָפּגעפירט צוריק אין פּאַלאַטע?

— איך בין געווען פאַרנומען. דערנאָך האָב איך זיך צוגעזעצט אַף איין רעגע איבערכאַפּן דעם אָטעם, און ניט אַנדערש, ווי כ'בין אַנדרעמלט געוואָרן. ווי נאָר איך האָב זיך אופגעכאַפּט, האָב איך אים אָפּגעפירט אין דער פּאַלאַטע. אײַנגעדעקט, צוגעלייגט אים צו די פיס אַ וואַרעם־פלאַש. עס האָט אים שטאַרק געפיבערט. ער האָט געוויס געהאַט באַ פערציק.

— באַדאַרפט געווען מיר אָדער שומאָוון גלײַך מיטיילן וועגן דעם.

— וועגן וואָס? אַז באַנאַכט איז באַ דעם קראַנקן די טעמפּעראַטור אַ הויכע, ווייסט איר אָן מיר. באַ אַזאַ היץ קאָן אַ מענטש אָנהייבן ריידן נאַרישקײַטן.

באַ אוועראָוון טוען זיך אַ ריגעווע די געדיכטע ברעמען. מיטן בלײַענעם קע־מעלע פאַריכט ער די לאַנגע, אַף אַרוף פאַרקעמטע האָר, פאַרייכערט דעם ציבעק, און גלײַך ווי ניט איך אײַנער וואָלט דאָ געשטאַנען, נאָר אַ האַמוין, שרײַט ער און טײַטלט אַף מיר מיטן פינגער:

— זעט נאָר, ווי באַשיידן ער פרעפּלט. טוט אים נאָר אָן אַ ריאַסע, האָבן מיר אָן אייגענעם גאַלעך. דו ביסט מעכוייעוו געווען מיטיילן עמעצן פון אונדז, אַז אַ שווער־קראַנקער איז אַרויס אין הויף.

באַלד, טראַכט איך, וועל איך מיט מײַן ענטפער דיך אויך אַ גוטן שטאָך טאָן.

— אַזוי טאַקע, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, האָב איך געוואָלט טאָן, נאָר אַלע זײַט איר געווען שטאַרק פאַרנומען, שטאַרק פאַרטראָגן. איר געדענקט דאָך מיס־טאָמע, אַז איר האָט געשפּילט אין קאָרטן?

— דאָס איז ניט דײַן אייסעק! — האָט ער זיך נאָך מער אָנגעכמורעט. — דו טו

נאָר א קוק, אַף וועמען דו ביסט ענלעך. ערגער פון א מאַלפּע. א קוימענקערער איז ריינער פון דיר.

— ווידער שולדיק! מיר איז באַפוילן ראַמען, וואַשן, אַספאַלטירן דעם דיל, באַדינען די קראַנקע. פונוואַנען זאָל איך נאָך נעמען צײַט אַף וואַשן זיך?

— אוך, ווי דו ביסט מיר דערעסן! עס דאַרף באַלד קומען א קאָמיסיע, זאָלט איר ביידע — דו מיט מוראַשאָוון — אויסגערונען ווערן. הערסט, וואָס איך זאָג דיר? אַפן בוידעם זאָלט איר זיך באַהאַלטן. איך פאַרשטיי ניט, ווו איז געווען מאַלצעוו? ער האָט דאָך צוגעזאָגט קראַמעצן, אַז אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, איז ווי האָט ער עס דערלאָזט צו אַזאַ סקאַנדאַל?

מיטאַמאָל איז מיר ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. וועמען־וועמען, נאָר קאָנסטאַנטינען וועט מיר זײַן ניט שווער צו פאַרענטפערן.

— וואָס כידעשט איר זיך, איר קענט ניט מאַלצעוון? אַלע ווייסן, אַז אים פעלט א קלעפקע אין קאָפּ. ער איז ווי א ווינט אין פעלד. דער לעץ ווייסט זיך זײַן טראַ־ליאַ־ליאַ, און ווײַטער, זאָגט ער, איז אַלץ בלאָטע.

— דאָס הארץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דו און מוראַשאָוו וועלן כראָפּען, מאַלצעוו וועט זיך זינגען זײַן טראַ־ליאַ־ליאַ, און איך מיטן הויפּט־דאָקטער וועלן דערנאָך דאַרפן פאַר אײַך אָלעמען אָפּקומען. זאַבאַרעס מאַזל איז, וואָס מע האָט נאָך פאַרטאָג אים ערגעץ אוועקגעפירט צוזאַמען מיט די שווער־קראַנקע. בא מי־ראַנאָוון איז קיין הויכע טעמפּעראַטור קיין טערעץ ניט. זײַ זיכער, ער וואָלט אים אַזוי געגנומען אַפן צימבל, אַז אַלץ וואָלט אַרויס, ווי בוימל אַפן וואַסער. דאָ איז שוין געווען מיראַנאָווס א שאַליעך, ער פאָדערט, אַז איך מיט קראַמעצן זאָלן קומען צו אים. גיי טרעף, וואָס ער דאַרף אונדז. נו, וואָס שטייסטו? גיי!

איך מיט מוראַשאָוון האָבן טאַקע גלײַך אויסגעפּילט אוועראָווס באַפעל און זיך פאַרקליבן אַפן בוידעם. כאָטש אין אַלע מײַנע גלידער פּיל איך א נאָגנדיקע מיד־קײַט, דאָך גיי איך צו צום פענצטערל און זע א סאַמעט־בלויען הימל, א געדיכט באַגרינטן הויף, א דאַך, וואָס מע וואָלט שוין באַדאַרפט איבערדעקן, א הילצערנעם פּלויט, וואָס כאָטש ער איז אײַנגעוואַקסן אין דער ערד, דאָך האַלט ער באַם אײַנפאַלן. בא דער פּריזבע שטייט א באָרוועסע פרוי אין א בלוי קליידל מיט ווײַסע אַרבעסלעך. פּונקט ווי אַמאָל בא אונדז אין שטעטל, צעבלאָזט זי דעם סאַמאָוואַר מיט א כאָליעווע פון א שטיוול.

נאָך זע איך א שיטער יאָדלע־וועלדל. א טײַך — אָן שיפן, אָן באַרזשעס, אָן פּליטן. אין א זײַט — אַן אַלטער טיף־סאָפּענדיקער לאָקאָמאָטיוו, וואָס אָטעמט אַרויס א געקרײַזלטע גריוווע רויך.

שטיל, ווי די מײַזלעך, שפּאַנען מיר פון איין עק בוידעם צום צווייטן. קעדיי כאָטש א ביסל צו פאַרטרײַבן די שווערע מאַכשאָוועס אונדזערע, האָבן מיר שוין אונטער אָט די פאַרצויגענע מיט געדיכטן שפּינוועבס קראָקוועס דורכגעמאַכט וועגן ווייסט וויפל קילאָמעטער.

די כאָפּטע פּאַשיסטן דערזע איך, ווען זיי זײַנען שוין גאָר נאָענט. דער ערשטער שפּאַנט א פּעטלײַביקער אָפּיצער. די גרויסע האָרן־ברילן פאַרשטעלן א האַלב פון זײַן פּאָנעם. קראַמעץ, וואָס פאַרמאָגט שוין אויך א היפּש אויסגעפּאַשעט בײַכל, אײַלט אים אַנטקעגן מיטן ראַפּאָרט. דער הויכגעשטעלטער דײַטש באַגריסט אים, צולייגנדיק א פינגער צום דאַשעק פון דעם היטל, וואָס זיצט אַף זײַן קאָפּ, ווי א שפּאַרבער.

זיי שמועסן וועגן עפּעס. קאַרל, וואָס געפינט זיך אויך צווישן דער סוויטע, דראָעט עמעצן מיט זײַן שווערן פויסט. שלעכט. דאָס איז פּעטיע וועטלוגין. אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, א קויטיקער, ווי דער שטויב פון אַלע שטאָטישע כורוועס וואָלט אים באַדעקט, שטייט ער, וועטלוגין, מיט אופגעריסענע אויגן און ווישט די הענט אין זײַן דורכגעלעכערטער גימנאַסטיאָרקע; וואָלט די גימנאַסטיאָר־קע געווען א לעבעדיקע, וואָלט זי מיסטאמע געשריִען פון ווייטעק.

בא דער צווייטער זײַט פון פענצטערל שטייט שוין מוראַשאָוו. איך דאַרף אים אײַנהאַלטן, אַז ער זאָל צופיל ניט אָרויסשטעקן דעם קאָפּ. ער זידלט וועטלוגינען, לעמיז יענער האָט גענומען פאַרבינדן דעם צעלאָזטן וויקלשנור אַפן פוס אַנשטאָט זיך גיכער אָפּטראָגן. איצט, ווען אַליין דער שעף האָט באַמערקט וועטלוגינען, איז שוין שפּעט עפּעס פאַרנעמען. מיט א בייז קאָל פרעגט דער שעף בא קראַמעצן:

— פונוואַנען קומט אהער אין לאַזאַרעט אָט דער שלעפּער? ווער איז ער, פרעג איך אײַך?

פּעטיע האָט אונדז דערנאָך דערציילט, אַז ניט נאָר בא אים, נאָר אויך בא קראַמעצן האָט פון שרעק זיך אָפּגענומען דאָס לאָשן. וואָס פּיפּין האָט געשטאַמלט, איז שווער געווען צו פאַרשטיין, זײַן גלאַנציקער פּליך אַפן קאָפּ איז באַדעקט געוואָרן מיט גרויסע טראָפּנס שווייס. צוהילף איז אים געקומען קאַרל:

— דערלויבט מיטיילן. ער הייצט דאָ דעם קעסל, ראַמט דעם קלאָזעט.

— א צווייט מאָל זאָל איך דאָ מער אַזעלכע ניט טרעפן. שיקט אים אָפּ צוריק אין לאַגער אָדער טוט אים עפּעס אָן. אײַער גליק, וואָס מיט מיר איז ניט געקו־מען דער אָבערסט.

...אין לאַזאַרעט איז געוואָרן פּוסט, ווי אין א ברויט־קאַמער פאַרן אַראָפּנעמען די גערעטעניש. אַלע לײַכט־קראַנקע האָט מען אויסגעשריבן און אָפּגעשיקט אין די קאַזאַרמעס. דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז, „שלעפּערס", אוועקגעפירט אין א הויף, ווו צוואַנציק פרויען זײַנען געזעסן און איבערגעקליבן סאָלדאַטישע אָנ־צוגן, שוכוואַרג. אהער זײַנען אַרײַנגעפאַלן נאָר זייער קויטיקע און צעריסענע זאַכן, אָפּגעבליאַקעוועטע פון זון, ווינט און רעגן. פון די שמאַטעס האָט פאַר א מײַל געאָווערט מיט פאַרטריקנט בלוט, שווייס, שימל. אף עטלעכע ניי־מאַשינעס האָבן די פרויען געלאָטעט דאָס אַלטוואַרג.

— פונוואַנען האָט מען אײַך געבראַכט אהער? — פרעגט בא אונדז שטיל א מיידל מיט א גראָב אַקשאָנעסדיק נעזל און לאַנגע בלאָנדע צעפּ.

זייער אופזעערן איז אין דער צײַט געשטאַנען אין צווייטן עק וואַרשטאַט און מיט א האַרנאָדל פאַריכט דעם שווערן קובליק, דאָך האָט זי דערהערט און מיט ברייטע, קימאַט מאַנצבלשע שפּאַן געלאָזט זיך אהער. דאָס בלייכע פּאָנעם בא דער נייטערן איז געוואָרן נאָך בלייכער.

— דו ווילסט אײַנעמען שטומעניש? אָדער איך וועל הײַנט נאָכאַמאָל זאָגן וועגן דיר דעם שעף.

וואַרט נאָר וואַרט, האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן, דאָס איז דאָך די זעלבע סע־דעכע, וואָס קומט אַרײַן צו קראַמעצן, וואָס ברענגט אים ספּירט און טראָגט אוועק אין איר קויש רעפּועס.

ווען זי גייט אוועק צו די שוסטערס, וואָס אַרבעטן אין דער צווייטער אָפּטיי־לונג, אין א הילצערן האַלב־אײַנגעזונקען הײַזל, פרעג איך זיך נאָך בא א פרוי, בא וועלכער דאָס פּאָנעם איז פאַר דער צײַט באַדעקט מיט טיפע קנייטשן:

— איר זײַט אויך קריגסגעפאנגענע?

— ניין, וואָס רעדט איר? איך בין נאָך קיין אכצן יאָר ניט אלט. אהער האָט מען אונדז געשיקט פון דער ארבעט־בירזשע.

— און אף דער בירזשע האָט איר זיך אליין געמאָלדן?

— אליין, — ענטפערט זי, אראָפּלאָזנדיק נאָך נידעריקער דעם קאָפּ. — בא מיר איז די מאמע קראנק און איך האָב נאָך א קליין שוועסטערל.

— און ווער איז בא אײַך געווען דער פארדינער ביז דער מילכאָמע?

זי קוקט אף מיר פארכידעשט.

— וואָס הייסט ווער? דער טאטע איז געווען א קאפּיטאן פון א טײַך־שיף. און די מאמע איז געווען געזונט, — זי סילעט ארײַן אין דער מאשין־נאָדל א פאָדעם און דערציילט מיר ווײַטער: — עס זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס זײַנען אפילע מיר מעקאנע. קעדיי אָנקומען אהער, דארף מען האָבן אן אייגענע ניי־מאשין. מײַנע א כאווערטע האָט מען געכאפּט אין גאס און זי ערגעץ אוועקגעשיקט. שוין צוויי כאדאָשים, און קיין בריוו איז נאָך פון איר אלץ ניטאָ.

— און אײַער עלטסטע, זי איז אויך פון דער בירזשע?

— אָט די מאכשייפע? זי איז געקומען אהער פון מאָלעוו. זי העלפט דעם פעלד־פעבעל קארל ספּעקולירן מיט אונטערוועש, שוכווארג.

— מאריע רופט מען זי?

— יאָ. מאריע פּעטראָוונע. פונוואנען ווייסט איר?

איך דערמאָן זיך, אז אזוי האָב איך זיך טאקע פאָרגעשטעלט אָט די מאריע, ווען קארל האָט וועגן איר אין וואגאָן דערציילט גיונטערן. איצט האנדלט זי ניט מיט קיין סאכארין, נאָר מיט שמאטעס פון די געהארגעטע פריצן, מיט מיקסטורן. אלעקסיי זאבארע און מאָראָזאָוו האָבן גערעדט אף איין שפּראך — און זײַנען גע־ווען אזוי ווײַט איינער פון צווייטן. די סעדעכע און קארל ריידן אף פארשיידענע שפּראכן — און זײַנען אזוי געקניפּט און געבונדן, אז קיין שום וואסערן קאָנען זיי ניט צעשיידן.

פון די דײַטשישע מונדירן עקלט מיך. כ׳וואָלט בעסער געגאנגען א נאקעטער. נאָר וואָס טוט מען? שומאָוו, וואָס האָט אונדז געבראכט אהער, שרײַט שוין אזוי אויך אף מיר:

— וואָס זשע שטייסטו, כאָסן, ווי א כאָסן? עפּשער מיינסטו, מע וועט דיר ארויסטראָגן א נײַינקן מונדיר, לאקירטע שטיוול? — ער טוט א הייב אן אקסל און צעשמייכלט זיך. ער ווייסט, אז אים הערט דאָס שלאנקע מיידל, פון וועלכער ער לאָזט קיין אויג ניט אראָפּ. אויב אזוי, וועט זי זיך באלד איבערצײַגן, אז ער קאָן נאָך בעסער ארײַנזאָגן. — שטיוול מיט שפּאָרן עפּשער, הא? דו דארפסט דאָך מיס־טאמע, אז זיי זאָלן קלינגען און קיינער זאָל ניט הערן, ווי אָנשטאָט איין מאָל „קו־קו־רו־רו־זא“ וועסטו בעסער צוויי מאָל זאָגן „פּששאָנקא“, „פּש־שאָנקא“. אנו, פּירשט, דעקלאמיר נאָר דורך אף א קאָל, אז אלע זאָלן הערן:

На горе Арарат
Растет красный крупный виноград [1].

---

[1] אפן בארג אראראט וואקסן רויטע גרויסע ווײַנטרויבן.

עס פאלט מיר אײַן דאָס הארץ. כאָטש איך ווייס, אז די אלע ווערטער קאָן איך אויסריידן ניט ערגער פון שומאָוון, פארוואָס זשע שטיי איך, ווי א טאם — ניט טויט, ניט לעבעדיק און קוק מיט אויגן פון א ניט־דערקוילעטן מענטשן, ווי דער פאסקודניאק שמאָרעט פון פארגעניגן מיט דער נאָז? וואָס, זאָל איך ווידער אים ווארפן א שטיקל ציגל אין דער מאָרדע אריַין? ניין, דאָס איז איצט געפערלעך. עס קאָן אריַינקומען קארל אָדער עמעצער פון דער וואך. זיי האָבן געווער, נאָר אויך זיי וועלן גליַיך ניט שיסן. זיי זיַינען ליבהאָבער פון ראפינירטע פּיַיניקונגען. איין אויסוועג — מאכן זיך ניט הערנדיק, פארשוויַיגן. שמייכלען, ווי אנדערע, קאָן איך ניט. אף דעם וועט בא מיר פּאָשעט קיין מוט ניט קלעקן.

דוכט זיך, אז אלע נייטערנס קוקן אף מיר, נאָר מוראשאָוו שטייט שוין באנאנד מיט מיר און ועטלוגין ווארפט א בליק אף דער גרויסער שער, וואָס ליגט אפן עק טיש. סאשע זאָגט אים:

— רויק, פּעטיע, רויק! אויב מיר אינדריַיען וועלן באשטימען, אז איין הנידע דארף קירצער ווערן אף א קאָפּ, וועלן מיר זיך יאקאָס ספּראווען. עמעס, פּעטיע?

פּעטיע ענטפערט ניט. ער טוט א שפּיַי דורך די ציין און צעריַיבט דאָס שפּיַיעכץ מיטן שפּיץ פון שווערן שוך.

שומאָוו גייט צו נעענטער צו סאשען, שטעלט זיך אין דער פּאָזע פון א באָק־סיאָר און באפעלט:

— כאזער נאָר איבער, וואָס דו האָסט נאָרוואָס געזאָגט!

דאָס מיידל מיט די בלאָנדע צעפּ שפּרינגט אוף פון אָרט און שריַיט אויס:

— כעוורע, געַנוג צו פּילדערן! באלד וועלן מיר אייך עפּעס אויסזינגען. ליאָליע, הייב אָן!

ליאָליע הייבט אָן שטיל צו זינגען. די פרויען כאפּן אונטער. איך שטיי א פארגאפטער. ניט נאָר די איינזאמקיַיט, נאָר, דוכט זיך, אויך די קויטיקע ווענט אנטרינען. און אפילע ווען איך בין שוין אין לאזארעט אפן בוידעם און קיינער זינגט שוין ניט, קלינגט מיר נאָך אלץ אין די אויערן ליאָליעס ליד און טראָגט מיך אוועק אינעם קליינעם ייִשעוו, וואָס איז ערגעץ פארלוירן אין די ראכוועסדיקע סטעפּעס פון אוקראַינע. אהין איז אונדזער מישפּאָכע געקומען מיט די ערשטע איבערוואנדערער. טאטע־מאמע, מיר — זיבן קינדער — האָבן געקנאָטן מיט די באָר־וועסע פיס די נאסע ליים, געמישט מיט סיטשקע. מיר האָבן אויסגעבויט א שטוב, פארפלאנצט א וויַינגאָרטן, אין דער טיף פונעם צימער, וואָס האָט בא אונדז גע־הייסן „סטאָלאָווע", אוועקגעשטעלט א וויַיס־געקאלכטן אויוון, און אלע האָבן מיר ליב באקומען דעם סטעפּ מיט זיַינע קורגאנעס.

געוועזענע שוסטערס, שניַידערס, קליינהענדלער האָבן זיך געלערנט בא די אוקראַינישע שכיינים. איינער באם צווייטן פלעגט מען איבערנעמען גוטע און אויך שלעכטע מידעס. זייער גיך האָבן זיך געפונען אן אלגעמיינע שפּראך ניט נאָר די אָרעמע פּויערים פונעם אוקראַינישן דאָרף און פונעם ייִדישן ייִשעוו, נאָר אויך די באלעגופים. אויך בא זיי איז געווען אכדעס.

זומער, אין די אָוונטן, ווי נאָר עס פלעגן זיך באוויַיזן די ערשטע שטערן, פלעגט זיך צונויפזאמלען יונגוואַרג און ביז קאיאָר מעסטן אהין און צוריק די איינציקע לאנגע גאס. עמעצער טראָגט ארויס א קאָרנבערויט, באשיט מיט קימל. ס'איז שטיל, ווארעם. אין סטאַוואָק, וואָס איז ארומגערינגלט מיט הויכן אָטשערעט, פּליושקעט זיך דאָס וואסער און עס קוואקען אָן אופהער די זשאבעס. דער האר־

מאַניסט טראָפּים טשומאַק האָט גוט גערעדט אַף ייִדיש און נאָך בעסער געזונגען ייִדישע לידער. אָפט פלעגט ער זיך בעטן בא די ייִשוווּניקעס: „און איצט דאָס, וואָס איך האָב ליב, — די „קרענעצע״. און עמעצער פלעגט פאַרציִען:

דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסער,
שטייט א קרענעצע פאַרטראַכט,
קומען מיידלעך שעפן וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

צי דערפאַר, ווײַל די איינציקע קרענעצע אין טאָל איז מיט איר סטאַרטשענדיקן זשוראַוול אַף אַן עמעס געשטאַנען, ווי א פאַרטראַכטע, און די גראָזן אַרום איר זײַנען טאַקע געווען נאַס פון טוי, צי עפּשער דערפאַר, ווײַל די מיידלעך פלעגן ערשט צום סאָף פון דער הוליאַנקע זיך כאַפּן, אַז מע האָט זיי פאַרנאַכט געשיקט נאָך וואַסער, איז די ליד פאַר אונדז געווען ניט נאָר קיין ליד, וואָס א דיכטער האָט אָנגעשריבן, נאָר עפּעס לעבעדיקס, וואָס קומט פון דער נעשאָמע.

אַזוי פלעגט טאַקע זײַן. פאַרן צעגיין זיך האָבן מיר, באַרוישטע פון גליק, זיך געלאָזט צו דער קרענעצע, און דער זשוראַוול פלעגט מיט א גרילצנדיקן קרעכץ זיך אַראָפּלאָזן אַלץ טיפער און טיפער, ביז עס האָט זיך דערהערט א טויבער פּליוך, און דערנאָך פלעגט ער מיטן זעלבן גרילץ זיך אופהייבן צוריק אין דער הייך.

אין הויף פלעג איך אַרײַנגיין שאַ־שטיל. קלאַפּן אין פענצטער, מע זאָל עפענען, האָט מען ניט געדאַרפט. דעם עמער שטעלסטו אַוועק בא דער טיר באַנאַנד מיטן מילך־שעפל, און אַליין טוסטו זיך א וואָרף אַרײַן אין סטויג היי. און אין א רעגע אַרום ווערסטו אַנשלאָפן.

דערמאָנונגען... איינע ציט נאָך זיך די אַנדערע.

מײַן עלטסטער ברודער מאָטיע, וואָס האָט איינער פון די ערשטע אין קאַנט זיך אַוועקגעזעצט אַף א טראַקטאָר, וואָלט זיך מיסטאַמע דערמאָנט אינעם ערשטן פאַרזיי אַף דער צעלינאַ. און עפּשער אינעם געשלעג אַף דער מעזשע, צי אין דער שטורמישער פאַרזאַמלונג, ווו עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָרגאַניזירן א קאָלווירט. אָבער פאַר מײַנע אויגן שטייט דאָס בולאַנע לאָשעקל מיטן ווײַסן פלעק אַפן שטערן, דער באַנאַכטיקער סטעפּ, ווו מיר האָבן געפּאַשעט די פערד; עס שטייט פאַר די אויגן די סרייפע, ווען עס האָט געברענט די ערשטע קאָלווירטישע פערמע; דאָס דעמבל באַם גאָרטן, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך ציִען אין דער הייך. דאַן האָב איך דאָך נאָך ניט געוווּסט, אַז שטאַרקע ביימער וואַקסן זייער פּאַמעלעך, זיי דאַרפן פריִער לאָזן טיפע וואָרצלען, דערקלײַבן זיך צו די קוואַלן...

דערמאָנונגען... איר זײַט ווי פײַערלעך אין א געדיכטן נעפּל. ביז איצט האָב איך אײַך פאַרגעדענקט. פאַרגעדענקט מײַן היים. ווײַזט אויס, א מענטש אָן א היים, אָן א טרוים איז אינדערעמעסן ווי א פויגל אָן פליגל...

דער געסטאַפּאָוועץ מיראָנאָוו האָט ניט אומזיסט געדראָעט. ער האָט טאַקע אַרויסגערופן קראַמעצן און אוועראַוון און, דוכט זיך, זיי פּײַן אָנגעשראָקן. וואָס ער האָט זיי אַזוינס געזאָגט, האָט מיר, פאַרשטייט זיך, קיינער ניט דערציילט, אָבער הײַנט שפּילט מען מער ניט אין קאָרטן. מיט שטילע ווייכע טריט, ווי ער וואָלט שוין מוירע געהאַט פאַר זיך אַליין, בלאָנקעט פּיפּין אַרום פון איין פּאַלאַטע אין דער צווייטער. אין דעם איבערבינד־צימער פאַרהאַלט ער זיך, און נאָכדעם, ווי

ער מעסט אויס עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד די לענג, די ברייט, שטעלט ער זיך אָפּ באַם מעטאַלענעם קעסטל, אין וועלכן עס געפינען זיך די כירורגישע אינסטרומענטן. ער הייבט אויף דאָס דעקל, און אַ שטראַל פון דער פאַרגייענדיקער זון רירט זיך צו און באַפאַרבט מיט בלייכער ראָזקייט אַ שטיק גלאַנציקן ניקל. זײַנע קורצע, גראָבע פינגער האָבן געהאַלטן די אינסטרומענטן, ווען אַפן הויכן און לאַנגן אָפּעראַציע־טיש איז אַ פאַרכאַלעשטער געלעגן אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש זאַבאַרע. ער זאָל ניט אַרײַנטראָגן קיין אינפעקציע אין דער וווּנד, האָט דאַן קראַמעץ לאַנג געוואַשן די הענט מיט זייף, זיי געריבן מיט נאַשאַטיר, אײַנגעווייקט די פינגער אין יאָד. צוליב וואָס, פרעגט זיך, האָט ער עס געטאָן? צוליב וואָס, אויב הײַנט איז ער צוזאַמען מיט מיראָנאָווען און דעם איין־אויגיקן קאַרל געווען זאַבאַרעס הענקער?

פּיפּין אַליין פאַרקלערט זיך געוויס אַפילע ניט וועגן דעם. גלעטנדיק דאָס קורצע געכאָליעטע בערדל, טוט ער אַ געשמאַקן גענעץ און לאָזט זיך געלאַסן צו זיך אין צימער. אין עטלעכע מינוט אַרום שלאָפט ער שוין. אַפילע אין קאָרידאָר הער איך, ווי ער כראָפּעט.

זיכער קאָן איך דאָ זײַן נאָר מיטן טויט, און שומאָוו שיט מיר נאָך זאַלץ אַף די וווּנדן. איך גיי אַרום אַ פאַרכושטשער און ווייס ניט, וואָס פאָרצונעמען, וויאַזוי צו נייטן דעם ביטערן יונג, ער זאָל אופהערן פּלאַפּלען. עפשער אויסוואַשן, פאַריכטן און אוועקגעבן אים. דאָס וועש, וואָס איך האָב הײַנט באַקומען? ניין, דאָס איז געפערלעך. קוים וועט ער זיך אָנשטויסן, אַז איך האָב טאַקע פאַר אים מורע, בין איך שוין זיכער אַ פאַרפאַלענער. דערשטיקן אים? ס'איז לײַכט צו זאָגן. כאָטש נעם און שנײַד אים אָפּ די לאַנגע צונג, וואָס איז נאָך ערגער, ווי די ציין באַ אַ וואָלף. איין אויסוועג בלײַבט — וואָס גיכער אַנטלויפן. בלײַבן דאָ אָן איבעריקע רעגע קאָן קאָסטן דאָס לעבן. אָבער וויאַזוי פירט מען אונטער מאַלצעוון? איך האָב דאָך אים געגעבן אַ וואָרט. ער, מאַלצעוו, ריזיקירט דאָך ניט ווייניקער פאַר מיר. ווען מיר גיט זיך הײַנט אײַן אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען, וואָלט איך עס ניט געטאָן. דאָס וואָלט באַטײַט פאַראַטן מײַנע פרײַנט. מאַלצעוון און זאַבאַרען האָב איך באַדאַרפט זאָגן, אַז איך בין אַ ייִד. איצט פאַרשטיי איך, אין וואָס מײַן פעלער שטעקט.

דער איינציקער, ווער עס קאָן ווירקן אַף שומאָוון און צו וועמען איך קאָן זיך נאָך עפשער ווענדן, איז אוועראָוו. ער און קראַמעץ זײַנען איצט, דוכט זיך, ווי אַן אויג מיט אַ ברעם. עמעס, איך ווייס נאָך ניט, וויאַזוי און וואָס איך וועל אים זאָגן, נאָר מײַנע פיס פרעגן ניט און טראָגן מיך צו אוועראָוון. די טיר איז באַ אים פעסט פאַרשפּאַרט. אָנקלאַפּן וואַג איך ניט. עפשער שלאָפט ער? איך וועל אַ פּרוּוו טאָן. אויב ס'איז ניט פאַרשלאָסן, וועל איך בעטן אַ דערלויבעניש אַרײַנצוגיין. איך ווייס, אַז אויב איך זאָל דאָ שטיין נאָך עטלעכע רגעס, וועל איך איבערקלערן. אַפילע איצט ווילט זיך מיר, אַז עס זאָל זײַן פאַרשלאָסן. איך טו אַ דריק אַף דער טיר, זי עפנט זיך שטיל, איך בלײַב שטיין אַף דער שוועל און גלייב ניט מײַנע אייגענע אויגן.

אַף אַ טאַבורעט שטייט קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש מיט דער פּלייצע צום אַרײַנגאַנג. צו דער וואַנט איז צוגעקלאַפּט אַ פּאָרטרעט פונעם פירער, וועלכן איך האָב ביז אַהער דאָ קיינמאָל ניט געזען. אוועראָוו האַלט אין דער האַנט אַ בלאַנקענדיק מעסער. באַ היטלערן איז איין אויג אויסגעשטאָכן. איצט צילט אוועראָוו אין צווייטן.

א גוטער צענדליק פאַשיסטישע פּאָרטרעטן און פּלאַקאַטן וואַלגערן זיך צעשניטענע אױפֿן דיל.

א זעץ מיטן מעסער, און דאָס צווייטע אויג איז אויסגעפּיקט, נאָר פֿון בענקל קריכט ער ניט אַראָפּ. אים ווילט זיך בעסער באַטראַכטן זײַן אָפּגעטאָן שטיקל אַרבעט, און דערפֿאַר קערעוועט ער אָפּ אַ ביסל אין אַ זײַט דאָס פּאָנעם, וואָס איז מאָדנע פֿאַרקרימט אין אַ ווילדער גרימאַסע. דערווײַל איז מיר קלאָר — ער איז בעגילופֿן. ווי זאָל איך עס אויסטײַטשן? „וואָס בא אַ ניכטערן אַף דער לונג, איז בא אַ שיכּורן אַף דער צונג"? איינס פֿון דיביידע: אָדער ער איז צו קלוג, אָדער איך בין צו נאַריש. ס'איז שוין אַוועק געגנוג צײַט, און ביז איצט האָב איך אים נאָך אַלץ ניט צעקײַט.

אָוועראָוו האָט דערפֿילט, אַז עמעצער איז דאָ פֿאַראַן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. גוט, וואָס איך האָב באַוויזן אים אונטערצוכאַפּן, אַניט וואָלט ער געבראָכן האַלדז־און־נאַקן. אים, מיין איך, האָט זיך אַפּילע געוואָלט אָנהייבן שרײַען, קעדיי מיטן געשריי אַ ביסל פֿאַרטעמפּן די אָנגעלאָפֿענע שרעק.

— וואָס טוסטו דאָ? — פֿרעגט ער בא מיר אַ טויט־בלאַסער.

— אינצווייען איז היימלעכער. וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? זעסט דאָך, איך האַלט צו די טיר. דיך דאַרף מען דאָך אָפּהיטן.

— זי איז דען געווען ניט פֿאַרשלאָסן?

— זעט אויס, אַז ניט.

— ס'קאָן ניט זײַן.

— אויב אַזוי, בין איך צו דיר אַרײַן דורכן קוימען. שטיי ניט ווי קיין גלאָמפּ. שנעל נעם צונויף די פּאַפּירן, עמעצער קאָן אַרײַנקומען.

פֿון אײַלעניש צי פֿון שרעק ציטערן בא אים די הענט. ער זעט אויס אומבאַ־האָלפֿן, ווי אַ קינד אין דער פֿרעמד. מיט אַ בערשטל פֿאַרקערט ער אין ווינקל די לעצטע פּאַפּירן און האַלט זיך אין איין פֿאַרענטפֿערן:

— איך הייב ניט אָן צו באַנעמען, וואָס מיט מיר איז פֿאָרגעקומען. איך בין שטאַרק שיכּער.

איך באַמערק, אַז דער טאָן זײַנער ענדערט זיך. ווײַזט אויס, אַז ער האָט שוין עפּעס צוגעטראַכט. אויב אַזוי, דאַרף מען זײַן פֿאָרזיכטיק.

— זעסט? — באַווײַז איך אים דעם פּאָרטרעט אַף דער וואַנט. — ווער האָט אָפּ־געטאָן דאָס שטיקל אַרבעט?

— ווער? — פֿרעגט ער טאַמעוואַטע.

— איך.

— צוליב וואָס?

— געגנוג, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, צו דרייען אַ לירע. דו ביסט טאַקע אַ האַרט ניסל און האָסט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז דער עמעס איז געשטאָרבן און קיינעם טאָר מען ניט גלייבן. נאָר ס'איז פֿאַראַן נאָך איין איידעס, וואָס האָט געזען, ווער עס האָט אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט.

ער איז גלײַך ניכטער געוואָרן, מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ האַנט.

— איך בעט דיך, זאָג. קראַמעץ?

— נאָר אָן געשריי, פּיפּין שלאָפֿט.

— שומאָוו?

— ניין. נאָר מער פֿרעג ניט, ווײַל איך וועל דיר אַלציינס ניט זאָגן.

— אויב סטיאָפּע, בין איך א פאַרפאַלענער. פאַר א נאַר איז ניטאָ קיין סאָד. איך מיין, אז דאָס האָט ער געמאסערט זאַבאַרען.

— דאָס איז ניט עמעס. יענעם גאַנצן אָוונט איז שומאָוו קיין איין מאָל ניט אַרויס אין גאַס און אַפילע ניט געוווּסט, אז זאַבאַרע זיצט באַם שטײַער.

— פונוואַנען ווייסטו? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אז דו ביסט זיצנדיק אײַנגע־שלאָפן. א ליגנער מוז האָבן א גוטן זיקאָרן.

— אויב, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, דו געדענקסט אַזעלכע אײנצלהײַטן, ביסטו שוין גאָר ניט אַזוי שיקער און דו פאַרשטייסט אַוודע, אז איינער דעם צווייטן קאָנען מיר שוין ניט סטראַשען. איך קלײַב זיך ניט דערגיין, וואָס בא דיר אונ־טער די נעגל טוט זיך, און אין קאָפּ זײַנען קיין פּענצטער ניטאָ, נאָר איך זע דאָך, די נעשאָמע קאָנסטו ניט אויסשפּײַען. איז ווי קומט עס, וואָס דו כאַווערסט זיך מיט קראַמעצן? ער האָט דאָך ניט די ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים. פאַר אים איז דער טויט ווייניק, און דו ביסט איבערגליקלעך, וואָס דער „הער האָופּטמאַן" שפּילט מיט דיר אין קאָרטן. וואָס שוויַיגסטו?

— דאָס גליק, פלעגט מײַן מאַמע זאָגן, איז ווי א שנירל פּערל. רײַסט זיך עס איבער, צעשיטן זיך אַלע. דו ווילסט וויסן, פאַרוואָס איך כאַווער זיך מיט קראַ־מעצן? איז הער: אין וואָסער וואַסער מע שווימט, די טרינקט מען.

— איז עפּשער, קאַזימיר, דאַרפסטו פאַרקערעווען צו אַן אַנדער ברעג?

אַף אַזוינס האָט ער זיך, ווײַזט אויס, ניט געריכט. די אויגן האָבן זיך בא אים בייז אָנגעכמורעט, און געמיינט האָב איך, אז ער וועט באַלד ווידער לייקענען שטיין און ביין. נאָר — ניין. זײַן ענטפער האָט מיר גראָד אויסגעזען צו זײַן אָפּריכטיק. ער האָט געזאָגט:

— געבאָרגענער סייכל איז קיין סייכל ניט. מירן לעבן, וועלן מיר זען.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט סאַשע מוראַשאָוו מיך געפרעגט:

— דו ווייסט ניט, וואָס איז געשען מיט אוועראָוון? ער ציטערט, ווי א הונט אין קראַפּעווע. מיטאַמאָל איז ער צו מיר געוואָרן אַזוי ווייך, אז כאָטש לייג אים צו צו א בלאָטער. ווי מיינסטו, דאָס איז אַף לאַנג?

— אַף לאַנג, סאַשע, אַף לאַנג. בא א צופאַל, ווען איר וועט זײַן אויג־אַף־אויג, מעגסטו אים דערמאָנען, אז דו האָסט פאַר אים ניט וואָס מוירע צו האָבן.

— אַזוי גאָר?

דער לעצטער צופאַל האָט מיך ניט דערנעענטערט מיט אוועראָוון. נאָר מוירע פאַר אים האָב איך שוין ניט געהאַט. איצט בין איך זיכער געוועזן, אז קיין בייז וועט ער מיר ניט טאָן.

דער הער מאַיאָר

א שאַרפער בליץ האָט זיגזאַגאַרטיק דורכגעשניטן די נידעריקע נאַסע וואָלקנס, און ס'האָט א גאַס געטאָן, ווי פון א צאַפּן. ערשט אין א מעסלעס אַרום האָט אָפּן אויסגעלײַטערטן הימל זיך באַוויזן א רעגנבויגן, ס'האָט נאָך אַלץ מאַראַקעט, נאָר מע האָט שוין געקאָנט זען, ווי עס פאַלן באַזונדערע טראָפּנס און ווי יעדער ריטש־קעלע כאַפּט אין זיך אַרײַן איר אייגענע זון.

די ריין אויסגעבאָדענע גראָזן און בלעטער זײַנען געוואָרן נאָך גרינער, און דאָך האָט שוין ווי אַן אָטעם געטאָן מיט הארבסט. נעכטן האָט די ראבינע אויסגעזען גאָר אנדערש. הײַנט זײַנען נאָך מער געוואָרן רויט די פארפּעלעך, מיט וועלכע איר קרוין איז געדיכט באהאנגען. גאָר אינגיכן וועלן זיך מיסטאמע באווײַזן די ער־שטע געלע בלעטער אף דיביימער.

ווער האָט עס ניט ליב דעם אָנהייב הארבסט! ווען ענג, פליגל צו פליגל, זעצן זיך אויס אף די זיך הוידענדיקע טעלעגראַף־דראָטן די פייגל! זיי שווײַגן. דאָס, זאָגט מען, איז דערפאר, ווײַל כאָטש עס איז נאָך ווארעם, פילן זיי שוין די אָנגרײַפנדיקע קעלטן. זיי פליִען ניט אוועק, ווײַל זיי איז שווער זיך צעשיידן מיט די זיסע שמעקנ־דיקע קערנער פון די סאָסנע־שישקעס.

ווען עס וועלן קומען די ערעוו־ווינטערדיקע טעג, ווען מען שוין פונדאנען ניט זען דעם זוים פון וואלד. אף יענעם אָרט ווען דער הימל זיך צונויפגיסן מיט דער ערד. אויב ביז דעמלט וועט זיך מיר ניט אײַנגעבן צו אנטלויפן, מעג איך זיך געזעגענען מיטן געדאנק וועגן ראטעווען זיך.

אהער, צום לאזארעט, קומט סטעפע, טאָמעס מאמע, זייער זעלטן. שוין ניט איין מאָל האָט זי ארויסגעוויזן איר מיטגעפיל צו מיר. נאָר דערווײַל קאָן זי מיר מיט גאָר־ניִשט ניט העלפן. אין דאָרף, ווו עס וווינט איר שוועסטער, שטייט איצט אײַן א דײַ־טשישער גארניזאָן, און אויב פארטיזאנער קומען אהין, איז נאָר באנאכט.

הײַנט איז טאָמע געקומען. פאר דער צײַט, וואָס איך האָב זי ניט געזען, האָט זי זיך עפּעס געענדערט. אויסגעוואקסן? ס׳איז שווער נאָכצושפּירן, וויאזוי א יונגביימל נעמט אָן קויעך. א שטילע, א בענימעסדיקע, זיצט זי, טאָמע, אָנגעבויגן, און מיט טרויִ־ער אין די אויגן דערציילט זי מיר, אז בא זיי אין שטוב איז געשען אן אומגליק. וואָס האָט געטראָפן? איר עלטסטער ברודער האָט זיך אָנגעדונגען פאשען צוויי פרעמדע ציגן. ווען ער האָט זיי פארטריבן אף פאשע, זײַנען פון א פארבײַפאָרנדיקער לאסט־מאשין ארויסגעשפרונגען היטלעראָווצעס און צוגענומען די ציגן.

— וואָס זשע וועט זײַן? — פרעג איך.

— שלעכט, פעטער. די מאמע זאָגט, אז אויב עס וועט איר ניט געלינגען ערגעץ לײַען געלט, וועט מען בא אונדז צונעמען מורקען.

קעדיי זיך ניט פאנאנדערוויינען, פארשטשעמעט זי די דינע ליפּן. די ציג, ווי זי זאָל זיך אָנשטויסן, אז מע רעדט וועגן איר, הערט אוף צו שטשיפּען דאָס גראָז און קערעוועט אויס דעם קאָפּ צו איר באלעבאָסטע. טרייסטן טאָמען האָב איך ניט מיט וואָס, נעם איך לויבן אין טאָג ארײַן מורקען:

— זעסט, טאָמקע, זי הערט זיך צו. א קלוגע ציג בא דיר.

— ס׳איז דערפאר, — דערקלערט מיר טאָמע, — ווײַל זי האָט דערהערט איר נאָמען. באלד וועט זי אײַך עפּעס באווײַזן. מורקע, ווו בײַסט דיך? — טאָמע לאכט. — און ווו נאָך?

די ציג קראצט זיך מיט די הערנער אין איין זײַט, דערנאָך אין דער צווייטער. טאָמע האָט שטארק האנאָע. איך שטעל זיך פאָר, וויפל מי און געדולד עס האָט געקאָסט דעם קינד אויסדרעסירן די ציג.

אינמיטן העלן טאָג ארומגיין שלינג־און־שלאנג טאָר איך ניט. דעריבער נעם

איך זיך פאַרן בעזעם און הייב אָן אויסקערן די טרעפּ באַם אַרײַנגאַנג. פון ערגעץ האָט דער שוואַרציאַר אָנגעטראָגן שומאָוון. ער שרײַט צו מיר נאָך פונדערווײַטן:

— כאָסן, גיי, דער הויפּט־דאָקטער זוכט דיך. ער וויל דיר אָנרײַבן די ביינער.— דער ניוזעק מיינט אַף אַן עמעס, אַז ער איז אַ גאַנצער יאַטעבידאַם.

איך ווייס זייער גוט, אַז עס האָט באַ אים אַ ווערט מיך אָנשרעקן, ווי צען מאָל גאַרנישט, און דאָך — וואָס קאָן עס באַטײַטן? צוליב וואָס דאַרף מיך פּיפּין און פּאַרוואָס האָט ער דאַפקע געשיקט נאָך מיר שומאָוון? איך פיל, ווי דאָס האַרץ הייבט מיר אָן צו ציטערן: עפּשער...

אַליין גייט סטיאָפּע פּאַמעלעך, שטיל, און מיך טרײַבט ער אונטער:

— לעבעדיקער, פּירשטו! דו גייסט, ווי אַף קוליעס. עפּשער קוועטשן דיר די שיך, איז בעט, מע זאָל זיי דיר פאַרבײַטן אַף פּריש אויסגעפּלאַקטענע פּאַסטעלעס. שאַ־שאַ! בייזער זיך ניט. איך שפּאַס דאָך. איז אָפּגעווישט די וואָנצעס און געשוויגן.

וואָלט שומאָוו אָנגערעדט אַף מיר, — טראַכט איך, — וואָלט ער זיך געהאַלטן פונדערווײַטן. אין קאָרידאָר באַ דער אָפענער טיר בלײַב איך שטיין. שומאָוו טרעט אַריבער די שוועל און ראַפּאָרטירט:

— הער האופּטמאַן, אײַער באַפעל איז אויסגעפילט. איך קאָן זײַן פרײַ?

— יאָ, — ענטפערט קראַמעץ, — און ער, — ווײַזט ער אָן אַף מיר, — זאָל ער דערווײַל גיין אין וואַנע־צימער.

איך האָב באַמערקט, אַז באַ קראַמעצן אין קאַבינעט זיצט אַ געשטופּלטער דײַטשישער אָפיצער אין אַ נײַעם מונדיר, ערשט פון נאָדל אַרויס. ווער איז ער? נאָך וואָס איז ער געקומען און פאַרוואָס שיקט עס מיך קראַמעץ אין וואַנע־צימער? ווען סטיאָפּע זאָל מיך ניט געווען באַגלייטן, וואָלט איך זיך מיטן וועג אַרופּגעכאַפּט אַפן בוידעם נאָכן מעסער, וואָס איז באַהאַלטן צווישן די קראָקוועס.

פונקט אין אַזאַ מין וואַנע־צימער מיט הילצערנע שטאַכעטלעך אַפן דיל און מיט צוויי בענק באַ דער וואַנט האָט מען אונדז, די ייִדן פון סוכיניטשער לאַגער, גע־האַט פאַרטריבן. קאָנוואָירט האָט אונדז אַ ווײַסגוואַרדייער, אַ דײַטשישער סאָלדאַט און אַ פּאָליצײַ מיט אַ גומי־טרײַבל אין די הענט. קומט אויס, אַז דער קרײַז האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן און ווידער בין איך געקומען צום זעלבן. נאָר דאַן האָבן מיך געראַטעוועט מײַנע פרײַנט פעדיע פּימענאָוו און ניקאָלײַ סערגייעוו. אָבער וואָס קאָן איך דערוואַרטן פון שומאָוון?

אָט עפנט ער די טיר און זאָגט צו מיר מיט אַ כויזעק־שמייכעלע:

— רו זיך אָפּ, פּירשט, און וואַרט אַף ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען.

די סאַמע ערגסטע באַליידיקונג איז די, אַף וועלכער דו קאָנסט ניט אָפּענטפערן.

סטיאָפּע האָט זיך זײַנס אָפּגעזאָגט און אַוועק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פון יענער זײַט פאַרשפּאַרט די טיר אַפן פאַרוקער. קעדיי זיך איבערצײַגן אין דעם, גיב איך זי אַ שטופּ מיטן אַקסל. די טיר צעעפנט זיך, טוט אַ סקריפּ, ווי אַ שטילן זיפץ. אַרויסגיין אָבער פון וואַנע־צימער איז שוין שפּעט — עס גייט אַהער דער אָפיצער, וועלכן איך האָב באַמערקט באַ קראַמעצן אין קאַבינעט. לאַנג ווישט ער די אויסגעפּוצטע שטיוול אין דער פּײַכטער שמאַטע, וואָס ליגט באַ דער שוועל פון פּאָדערצימער, דערנאָך פאַרשליסט ער אַליין די טיר אַפן אינווייניקסטן קייטעלע, און איך דערהער:

— איז וועלן מיר זיך, הייסט עס, אויסבאָדן?

אַט ווו דער הונט איז באַגראָבן!.. איצט הייבט זיך ערשט אָן דאָס רעכטע געדיכטע. עפּעס וואָלט איך גלײַך באַדאַרפֿט פֿאַרנעמען. און ווי איך וואָלט זיך געקליבן ווידע זאָגן, שטיי איך נאָך דערווײַל ווי א צוגעשמידטער און ריר זיך ניט פֿון אָרט. ער איז קליין, דאַר און עלטער פֿון מיר אַף א יאָר דרײַסיק. די ברוסט איז בא אים ווי בא א שפּערל. דאָס לעבן אין די לאַגערן האָט געוויס בא אים אַרויסגעזויגן דאָס ביסל כּײַעס, מיט וועלכן די נאַטור האָט אים אַזוי שפּאָרעוודיק באַשאָנקען. אַט דעם ניוזעק קאָן מען דערטרינקען אין א לעפֿל וואַסער. נאָר ער זאָל אפילע געזונט זײַן, ווי א מויער, וואָלט איך זיך אויך לײַכט ניט אונטערגעגעבן. אפילע א פֿליג שטעלט זיך קעגן, ווען זי דערפֿילט א געפֿאַר, — זי זשומעט, פּאַטשט מיט די פֿליגעלעך, דראַפּעט מיט די פֿיסלעך. ניין, אַזוי לײַכט וועל איך ניט אָפּגעבן דאָס לעבן. כ׳וועל אים איבערהריזען דעם גאָרגל.

אַף דער עטוואָס פֿײַכטער באַנק שפּרייט ער אויס א צײַטונג, זעצט זיך צו, שפּאַרט אָן א פֿוס אַף א פֿוס און נעמט אַראָפּצי̢ען די ענגע כראָמעווע שטיוול. די מולטענע אָנעטשעס לייגט ער אַקוראַט צונויף און פֿאַרוקט זיי אין די כאָליעוועס. דערנאָך נעמט ער מיט צונויפֿגעקאָרטשעטע פֿינגער אַראָפּצי̢ען די שקאַרפּעטן. דעם טאַשן־זייגער פֿאַרבאַהאַלט ער אין טײַסטער. זײַנע געלאַסענע באַוועגונגען באַרוי̢קן מיך א ביסל און וועקן אויף א פֿונק פֿון האָפֿענונג. די גאַנצע מײַסע איז, דוכט זיך, ווערט א שמעק טאַבעק. ווער בין איך עס אַזוינס, וואָס קעדיי זיך איבערצײַגן, צי איך בין א ייִד, איינער פֿונעם פֿאָלק, וואָס לויט די פֿאַשיסטישע געזעצן דאַרף עס אומבאַדינגט פֿאַרניכטעט ווערן, — זאָל ספּעצי̢על קומען אַהער א הויכגעשטעלטער אָפֿיצער און אַליין אָנטיילנעמען אין דער שפּיל מיטן אויסטאָן זיך? איך פּרוּוו באַרוי̢קן זיך אַליין: „כאַפּ ניט, ברודערקע, זע, דו זאָלסט זיך אַליין ניט אָנטאָן קיין צאָרעס“. מאַכנדיק זיך האַרץ, פֿרעג איך בא אים הויך אַף א קאָל, ווי בא א שטאַרק טויבן:

— זאָל איך אָנגיסן וואַסער, העער מאַיאָר?

— ביטע, אָבער איך האָב ליב א הייסע וואַנע. דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, אַז אײַער כאַוועער, וואָס אַרבעט דאָ, קאָן מיך הײַנט ניט באַדינען, ווײַל ער האָט זיך צעשניטן א האַנט. מיט אים זײַנען מיר שוין באַקענט.

איך טו א שמייכל צו זיך אַליין — ווי האָב איך זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן, אַז מע האָט מיך געשיקט אַהער, ווײַל פּעטיע וועטלוגין האָט זיך טאַקע נעכטן צעשניטן א האַנט. קראַמעץ, וואָס שפּילט שטענדיק פֿאַר א העכערן טשין די ראָל פֿון א גאַסטפֿרײַנטלעכן באַלעבאָס, האָט אַליין מיך אַרויסגערופֿן, ווײַל אוועראָוון האָט מען נאָך עפּעס אַוועקגעשיקט אין דײַטשישן לאַזאַרעט.

פֿאַר אַזאַ „פּאַצי̢ענט“, האָב איך געמיינט, וועט מיר אויסקומען ציטערן. דער אָבער האָט ווי א ווילדערצויגענער מיר געזאָגט „ביטע“ און אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז עס איז אַף דער וועלט פֿאַראַן א וואָרט „כאַוועער“. פֿונדעסטוועגן, האָב איך באַשלאָסן, אַז מע דאַרף זיך פֿון אים וואָס גיכער אָפּטשעפּען.

— דאָס ביטל איז גרייט, העער מאַיאָר.

— איך גיי, איך גיי, — ענטפֿערט ער פֿון פֿירהויז, — מיר רופֿט מען פֿיאָדער טאַראַסאָוויטש, — זאָגט ער, אַרײַנקריכנדיק אין ביטל, — און אײַך?

איך רוף שטיל אָן מײַן נאָמען, וואָס קלינגט מיר שוין אַליין אָפּגעפֿרעמדט, און שטייענדיק צו אים מיט א זײַט, טו איך נעבעכדיק א מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „האָט קיין פֿאַריבל ניט, נאָר צוליב וואָס זאָלט איר פֿאַטערן אײַער צײַט אַף שמועסן מיט אַזאַ ווייניקײַט, מיט אַן אופּראַמער, בעסער טוט אײַך אײַער

זאַך. איר זעט דאָך צוליב דעם אהער געקומען, ווײַל די שטאַטישע באָד איז נאָר פאַר דײַטשן...״

אין אזא הייס וואסער וואָלט איך קיין רעגע ניט אויסגעהאלטן, און ער האָט זיך צונויפגעדרייט, ווי א בייגל, און קוויקט זיך, בלויז דער קאָפּ שטעקט ארויס פונעם פולן ביטל, ווי פון אַן אָקאָפּ. ער באַדויערט, וואָס דאָס וואסער איז נאָך ניט גענוג הייס. כאַטש נעם און באַגיס אים מיט אָקרעפּ. עפּשער איז אים פּיפּין מעכאבעד געווען מיט ניט קיין פּאָשעט וואסער? ניין, מיט קיין בראַנפן שמעקט ניט. מײַן פּאַציִענט איז זייער באַריידעוודיק. איך ווייס שוין, אז פאַר דער מילכאָמע האָט זײַן טאַכטער כאַסענע געהאַט פאַר א סטודענט פון דניעפּראָפּעטראָווסקער באַרג־אינסטיטוט, אז זײַן זון איז אַן אַרטילעריסט און אליין איז ער א געוועזענער מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי. איך ווייס נאָר ניט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרקויפט צו די, וועלכע ווילן אונטערצינדן די וועלט פון אַלע פיר עקן. באַ מיר וויל ער וויסן, אין וועלכער טייל איך האָב געדינט, ווען און ווו און ווו בין איך אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן.

אוואַדע קאָן איך אים ענטפערן ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, נאָר זיכערער וועט זײַן זיך האַלטן וואָס נעענטער צום עמעס.

— א קורסאַנט פון דער פּאָדאָלסקער אינפאַנטעריע־שול. דאָס איז געשען דעם זיבעצעטן אָקטיאַבער 1941, הונדערט פּופציק קילאָמעטער פון מאָסקווע.

איך האָב עס אויסגעפּויקט, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם. מער האָב איך ניט געקאָנט ריידן. די ליפּן זײַנען פון זיך אליין פאַרקלעמט געוואָרן. און פון זיך אליין זײַנען אופגעשווומען די ערשטע שורעס פון א ליד, וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, אויף שטענדיק פאַראַנקערט אין מײַן זיקאָרן:

Тревога, тревога, тревога!
Россия курсантов зовет![1]

עפּשער האָט ער עפּעס איבערגעלייענט אויף מײַן פּאָנעם, זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס ליגט אפן שפּיץ פון מײַן צונג, ווײַל אויך ער האָט זיך פאַרקלערט:

— אזוי, אזוי... איך געדענק. דער זיבן־און־פּופציקסטער מאָטאָריזירטער קאָרפּוס איז געקראָכן פון דער הויט, נאָר געוואָלט דער ערשטער אַרײַנטרעטן קיין מאָסקווע. קיין קויכעס אויף אָפּשטעלן אים האָט מאָסקווע ניט געהאַט, האָט מען אהין געשיקט קורסאַנטן. מ׳האָט מיר דערציילט, אז זיי האָבן זיך ניט שלעכט געשלאָגן. ס׳איז עמעס?

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, געקענט אַרײַנזאָגן דעם הער מאַיאָר. נאָר מע קאָן נאָך טרעפן, ווי א בלינד פערד אין גרוב אַרײַן. מאַלצעוו איז דאָך אויך א כוואַט א יונג. ווי זשע וואָלט ער זיך געהאַלטן? מע דאַרף פּריִער א טאַפּ טאָן באַ אים דעם דויפעק. דער „הער מאַיאָר״ איז, דוכט זיך, א פּילבאַרער טאַטע, איז בעסער פון אַלץ א שפּיל טאָן אויף אָט דער סטרונע.

— מיט אונדז צוזאַמען זײַנען געווען יונגע אַרטילעריסטן, קימאַט אַלע זײַנען זיי אומגעקומען...

מײַן „פּאַציִענט״ טוט א דריגע מיט די פיס אזוי, אז דאָס וואסער פּליושקעט זיך אויס פון ביטל. ער כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט.

— זאָגט מיר, אָבער דעם עמעס, עמעצער פון אײַערע קאָמאַנדירן וואָלט געגאַנגען דינען דעם דײַטש, קעדיי ניט שטאַרבן פון הונגער?

[1] אַליאַרם, אַליאַרם, אַליאַרם! רוסלאַנד רופט די קורסאַנטן!

— כ'האָב וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט.

וויל ער אָבער פון מיר זיך ניט אָפּטשעפּען. זײַן בליק האָט זיך אײַנגעזויגן אין מיר, ווי א פּיאַווקע, און ער פּאָדערט:

— און דאָך, ענטפערט מיר אַף דער פראַגע.

אלצײַנס גיי איך, ווי אַף אַן אָנגעצויגענעם שטריק און מײַן לעבן האָט קיין קאָפּעקע ניט די ווערט, איז זאָל ער הערן:

— איך מיין, אז ניט. דעם עמעס געזאָגט, איז מיר אפילע שווער זיך פאָרצו־שטעלן אזעלכס.

— אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס ס'איז שווער... זײַט אזוי גוט און רײַבט מיר אָן מיט דער ראַגזשע די פּלייצע. שעמט זיך ניט רײַבן. רײַבט! אנומלטן האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז איך בין אפן שלאַכטפעלד און אין מיר צילט זיך, ווייסט איר ווער? מײַן אייגענער זון. רײַבט, רײַבט שטאַרקער. צי איר ווילט עפּעס פרעגן?

— יאָ, נאָר...

— האָט ניט קיין מוירע, פרעגט.

— איך האָב געוואָלט זאָגן, אז אזוינס קאָן דאָך מיט עמעצן פון אײַך אפּאַנעמעסן פּאַסירן.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך. עפּעס ענלעכס האָט ניט לאַנג צוריק געטראָפן מיט אונדזערן א סאָלדאַט. דערלאַנגט מיר א שיסל וואַסער, די זייף שנײַדט אין די אויגן. נו, און דער הויפּט־דאָקטער אײַערער איז א שטרענגער?

מע קאָן טײַטשן זײַנע ווערטער ווי מע וויל. נאָר איצט, מיין איך, וויל ער מיר פאַריידן די ציין. אויב אין אים האָט זיך נאָך פאַרהיט עפּעס מענטשלעכס, דאַרף ער אליין פאַרשטיין, אז אזא, ווי קראַמעץ, האָט גאָר ניט געדאַרפט געבוירן ווערן.

איך וואַש דאָס עמאַלירטע ביטל, און ער האָט, ווי א צעבונדענער זאַק, זיך צו־געשפּאַרט אַף דער שמאָלער באַנק. זײַנע צעפּאַרעטע הענט הענגען מיד אַראָפּ. ער ליגט שאַ־שטיל, טוט ניט קיין ריר מיט קיין איינווער. די אויגן קוקן פאַרשטאַרט אין איין פּינטל. ווײַזט אויס, אז נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעביטן דעם הוסט אַף קאַדאָכעס, האָט ער זיך ניט וווהין צו אײַלן.

— פּיאָדער טאַראַסאָוויטש, אַנטשולדיקט, וואָס איך באַומרויִק אײַך, נאָר איר קערט דאָך וויסן, וואָס עס הערט זיך אפן פראָנט.

— די דײַטשן, — זאָגט ער, קוקנדיק אַף דער סטעליע, — האָבן אײַנגענומען ראָסטאָוו, וואָראָשילאָווגראַד. שלאַכטן קומען פאָר אפן וואָראָנעזשער פראָנט. הײַנט האָב איך געלייענט, אז בייס די אָנפליִען אַף קעניגסבערג, דאַנציק און אנדערע שטעט פון מיזרעך־פּרײַסן האָט די סאָוועטישע אוויִאַציע בלויז פאַר צען טעג פאַר־לוירן הונדערט זעקס און דרײַסיק עראָפּלאַנען.

אז אונדזערע פליִער באָמבאַרדירן אזוי אָפט די דײַטשישע שטעט, — דאָס איז בא מיר געווען די בעסטע דערפרייענדיקע בסורע.

— וויפל זשע זײַנען עס געווען עראָפּלאַנען, אויב מע האָט אראָפּגעקלאַפּט הונ־דערט זעקס און דרײַסיק?

— וויפל עראָפּלאַנען ס'האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן, איז ניט געזאָגט געוואָרן. איך ווייס נאָר, אז אויך איצט שטײַגן די דײַטשן איבער די סאָוועטן סײַ אין דער צאָל מענטשן, סײַ אין דער טעכניק. מעגלעך, אז ניט אזוי גיך, ווי אייניקע מיינען, נאָר אלצײַנס איז פאַר די סאָוועטן פאַרגאַנגען די זון.

— איר, פיאָדער טאַראַסאָוויטש, האָט שוין קינדער, וואָס זײַנען עלטער פון מיר. איז זאָגט מיר, איר ווייסט עס טאַקע אַף זיכער, אַז דאָס איז אַזוי? צי עפּשער איז די אײַנריידעניש ערגער פון דער קרענק?

— אַף זיכער ווייס איך נאָר איינס — ביז די רעפּוע וועט פאַרטיק ווערן, וועט שוין ניט זײַן, ווער עס זאָל זי אײַנעמען.

דאָס מאָל האָב איך געהערט פון אים קלאָרע דיבורים. און ווײַל ער גלייבט ניט, אַז די רויטע אַרמיי זאָל זיך ספּראַווען מיט די דײַטשן, איז צוליב וואָס זאָל איך זיך מיט אים שפּאַרן?

אין אַ וואָך אַרום איז דער מאַיאָר פיאָדער טאַראַסאָוויטש באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד.

אַף טויט אָפּגעסאַמטע

אַף די טאָפּאָלן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ טומלדיק און פריילעך געזינדל שפּערלעך. אַז מע זאָל זיך גוט אײַנקוקן, זײַנען זיי גאָר ניט קיין גרויינקע, אַף די פליגעלעך שנײַדט זיך דורך אַ גרינבלעך פּאַסיקל און אַף די העלדזלעך ווײַסע פלעקן, וואָס זײַנען אַרומגעצוימט מיט אַ טונקעלער פּאַטשיילקע. מיט זייערע דינע קעלכלעך האַלטן זיי זיך אין איין איבעריידן:

— זומער־לעב, האַ?..

זיי פליִען פון איין צווײַג אַף דער צווייטער, ביז פון סאַמע שפּיץ בוים טוען זיי אַ פאַל, ווי אין וואַסער אַרײַן. אָבער ניט צורירנדיק זיך צו דער ערד, הייבן זיי אָן אָפּסנײַ די שפּיל. זיי איז דאָ גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן. פאַרוואָס זשע זײַנען זיי מיטאַמאָל פאַרציטערט געוואָרן און אַוועק צו דער הימל־בלויקײַט, וואָס קוקט אַרויס צווישן די שטיקער וואָלקנס?

דאָס האָט אוועראָוו זיי קאַליע געמאַכט די שפּיל. אין די אונטערגעקאָוועטע שטיוול טרעט ער שוין ניט אַזוי לײַכט און שטיל, ווי אַ באַרג־מענטש. ער שפּאַנט גיך און ראַשיק, די הענט זײַנע הוידען זיך אַזוי, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך, דוכט זיך, אָפּרײַסן. דער דאַשעק איז אָנגערוקט איבער די אויגן, און דאָס פּאָנעם איז פאַרשוויצט. דאָס קערט ער זיך אום פון שטאָט. פאַרבײַגייענדיק, טוט ער אַ זאָג צו מיר:

— איך האָב פאַר דיר אַ גרוס.

— פון וועמען, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש?

— זעסט דאָך, אַז איך אײַל זיך! האָב געדולד. מאָרגן, מעגלעך, וועסטו אַליין זײַן בא אים.

דעם קורצן געשפּרעך אונדזערן האָט אויך געהערט סאַשע מוראַשאָוו, זיצן מיר ביידע און קאָנען זיך ניט אָנשטויסן, ווו איז ער עס געווען, אוועראָוו, און ווער האָט עס מיר איבערגעגעבן אַ גרוס. אין שטאָט, אויסער טאָמען און סטעפּען, קען איך קיינעם ניט, און סטעפּע, בין איך זיכער, וועט מיט אוועראָוון און ביכלאַל מיט קיינעם מיר קיין גרוס ניט איבערגעבן. און בא וועמען וועל איך עס מאָרגן זײַן? וואָלט די נײַס, וואָס אוועראָוו האָט מיר געבראַכט, געווען פאַרבונדן מיט אַ ריזיקע פאַר מיר, וואָלט ער אַליין אויך געווען צערודערט...

— כאָסן, צום הויפּט־דאָקטער!

אָט אָן אַנשיקעניש אַף מײַן קאָפּ. שוין דאָס צווייטע מאָל שיקט הײַנט דער דאָקטער דעם העפקער־יונג שומאָוו צו מיר. סאַשע נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט.

— וואָס ביסטו רויט געוואָרן, ווי א בוריק? ברענען זיי אַלע! זאָלן זיי איינער דעם אַנדערן אײַנשלינגען און איינער מיטן אַנדערן זיך דערוואָרגן. מע דאַרף זיי אַלעמען אופהענגען אַף איין שטריק. מיסטאָם האָט פּיפּין ערגעץ דערזען שטויב אַף א בעטל אָדער מיסט אין א ווינקל. איז לייג איבער די שולד אַף מיר.

קראַמעץ האָט מיר געהייסן וואַרטן. איז וואַרט איך. נאָר וואָס פאַר א מעגילע שרײַבט ער עס אַזוי לאַנג? די ברילן זײַנען בא אים פאַרוקט אַפן שטערן, און ווי א מענטש, וואָס האַלט אינמיטן א גראָטעסקער אַרבעט, נעמט ער אַרויס פון קעשענע די צינדמאַשינקע, א סיגאַרעט און פאַרייכערט. די ציין זײַנען בא אים לאַנגע און שמאָלע, ווי בא א סוסליק. צווי גרויסע מײַלעס פאַרמאָגט פאַר מיר זײַן פּאַרצעף: מע קאָן אַף אים לאַנג ניט קוקן, און פון דעם עקל, וואָס ער רופט בא מיר אַרויס, פאַרגייט דער פאַכעד.

אַפן טיש ליגן א פּאָר מעדיצינישע ביכער. ס׳איז נאָר צום כידעשן זיך, וואָס קאַרל האָט ניט באַפוילן זיי אַרויסוואַרפן. ער קאָן ניט אַריבערטראָגן, ווען ער זעט א געדרוקט וואָרט און דערצו נאָך ניט אַף דײַטש. לאַנגזאַם הייבט זיך קראַמעץ אויף פון בענקל. עס ווילט זיך אים ריידן מיט מיר, שפּאַנענדיק איבערן צימער, נאָר די פיס פאָלגן אים ניט — ער שאָקלט זיך פון איין זײַט אין דער צווייטער, און ער מוז זיך ווידער צוזעצן. ערשט דאַן נעמט ער זיך שפּילן מיט די גרויסע נעגל פון די מינדסטע פינגער און הייבט אָן גאָר פון ווײַט:

— איז ווי גייט עס דיר אין דײַן נײַער פּראָפעסיע?

— אָוועלכע פּראָפעסיע, הער האופטמאַן? — פרעג איך פאַרכידעשט.

— כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דיך, באַלוואַן, דאַרף מען לערנען ווי דעם בער פון וואַלד. מיט וואָס האָסטו זיך הײַנט פאַרנומען?

— איך? — ווײַז איך אַף זיך מיטן ציײג־פינגער.

— ניין, אַלעקסאַנדער סערגייעוויטש פּושקין! — אָפּגעזאָגט און זיך אַליין צעשמייכלט פון דער כאָכמע. — זאָג מיר, וואָס איז עס מיט דײַן זיקאָרן? ווי דו וואָלסט פאַרמאָגט ניט קיין קאָפּ, נאָר א רעשעטע. קינדוויײַז האָט מען דיך צופעליק פון וויגעלע ניט אַרויסגעוואָרפן? אָט פּרווו דערמאָן זיך, ווער איז הײַנט געווען א בעדער — דו צי איך? ווער האָט הײַנט אָנגעריבן דעם הער מאַיאָר די פּלייצעס? ווער?

— ער אַליין האָט געבעטן רײַבן וואָס שטאַרקער.

— גלאָמפּ איינער, גראָד דער הער מאַיאָר איז מיט דײַן אַרבעט צופרידן.

— און ווער איז ניט צופרידן?

— נו, נו! — האָט ער, ווי א צעבושעוועטע כײַע, א דראָע געטאָן מיטן פויסט. — מער קיין פרעגן זאָלסטו מיר ניט שטעלן. אויס דעמאָקראַטיע, אויס! פרעגן וועל איך, און דו פּרווו נאָר זאָגן א ליגן, וועט מען דיר באַווײַזן, ווער עלטער איז. האָסט פאַרשטאַנען? אָט אַזוי! און איצט ענטפער מיר, ווען און ווו האָסטו זיך באַקאַנט מיט כראָמאָוון?

אין האַרץ טוט א טיאָכקע. ווען אוועראָוו האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר א גרוס, האָט ער געוויס אין זינען געהאַט כראָמאָוון. אויב אַזוי, קומט אויס, אַז צו די פּאַרטיזאַנער איז איוואַן ניט אַנטלאָפן. און איך האָב געמיינט... און עפּשער איז ער אַרײַנגעפאַלן צו מיראָנאָוון אין די הענט? אויב דאָס איז אַזוי, דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען.

— כראָמאָוו? ס'איז, דוכט זיך, געווען אזא קראַנקער בא אײַך אין לאזארעט?
— הער, דו, איך בין טאקע הײַנט א מענטש אָן א גאל, נאָר איך וועל דיר באלד פארפאָרן אין באק אַרײַן. אויב „דוכט זיך", איז פונוואנען קען ער דיך אזוי גוט?
— פונוואנען זאָל איך וויסן, הער האופטמאן? דאָ זײַנען איבערגעווען אזויפיל קראנקע, אז אלעמען געדענקען דארף מען האָבן אן אײַזערנעם קאָפּ.
— ניט „אלעמען", נאָר די פּריװוּיליקע. ווען ניט זיי, וואָלסטו שוין פון לאנג געשוואָלן געוואָרן, ווי א בארג. וואָן פונדאנען! ווארט צו. פארמאך די טיר און קום אהער נעענטער. ווי רופט איר מיך הינטער די אויגן? פיפין, יאָ? זאָג, פינטל ניט מיט די אויגן און שעם זיך ניט, אניט וועל איך באלד ארויסרופן שומאָוון, וועט ער מיר זאָגן דעם עמעס.
— הער האופטמאן, איך אנערקען, ס'איז עמעס... אנטשולדיקט מיר, נאָר פּי־פּין, זאָגט מען, איז אמאָל געווען א גרויסער קייסער, און שומאָוו אליין האָט ליב אלעמען געבן צונעמענישן.
קראמעץ האָט פילדײַטיק איבערגעקרייצט די הענט אף דער ברוסט, אראָפּגע־בלאָזן דעם שטויב פונעם טיש, אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צום וואנט־שפּיגעלע, א פּאָר מאָל לײַכט א הוסט געטאָן און קימאט היימיש, אפילע מיט א ווונק, א פרעג געטאָן:
— און מיט וואָס פאר א צונעמעניש האָט ער דיך געקרוינט? איך וויל וויסן, צי האָט ער געטראָפן אין פינטל. ווּיאזוי רופט ער דיך? אויב די צונג קערעוועט זיך בא דיר אזוי שווער, קאָן איך דיר אָנגיסן א ביסל ספּירט. קיין סאך טאָר מען ניט, ווײַל דער „סוטשאָק" איז פון זעגעכץ און דו קאָנסט צו אלע דײַנע מײַלעס נאָך בלינד ווערן אויך.
— א דאנק. איך וועל אײַך אזוי אויך זאָגן. אמאָל רופט ער מיך כאָסן.
ער שטשירעט מיט די ציין און פרעגט:
— פארוואָס עפּעס כאָסן?
— איך האָב אמאָל א שמייכל געטאָן צו א פינפיאָריק מיידעלע.
— האָסטו, הייסט עס, ליב קינדער. פיַין, נאָר פארגעדענק, אז פון קליינינקע ווערן גרויסע. אלע מיידלעך זײַנען קאלעס. און ווי נאָך רופט ער דיך?
— נאָך האָב איך מוירע צו זאָגן, אָפטער רופט ער מיך פּירשט.
מעגלעך דערפאר, וואָס פארן לעצטן יאָר האָב איך זעלטן געהערט, ווי מענטשן לאכן, נאָר איך האָב געמיינט, אז צו פיפינען איז געקומען א סאָף. דער פּליך אפן קאָפּ און דאָס גערונצלטע פּאָנעם איז בא אים געוואָרן בונט־רויט. פון זײַנע אויגן האָבן זיך, ווי ציגענע ביבקעס, געקײַקלט טרערן. די קורצע פיס האָט ער מיטביידע הענט צוגעדריקט צום בויך און א דולער געלאכט, געקאטשעט זיך פון געלעכטער.
ער האָט זיך אף א ווײַלע בארויקט, אָנגעוויזן אף מיר מיטן פינגער און צעצויגן ארויסגעבראכט: „פּי־ר־ש־ט!" און דאן ווידער זיך פארגאנגען אין זײַן ווערעמדיקן געלעכטער, ביז ער האָט ניט אָנגעהויבן צו שלוקערצן. איך בין שוין גרייט געווען דערלאנגען אים א ביסל וואסער, נאָר פיפין האָט אונטערסאָפּענדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניין. ער, דער מעדיקער, ווייסט בעסער, ווי פּאָטער ווערן פון אזא אָנשיקעניש. פיפין האָט טיף אָן אָטעם געטאָן, שטארק פארקוועטשט די ליפּן, אזוי אז זיי זײַנען אזש בלוי געוואָרן. פּלוצעם האָט זיך פון אים ארויסגעריסן א קווי־טשענדיקער גרעפּץ, און דאן האָט ער זיך בארויקט. דאָך האָט ער עפּעס אויסגע־

טרונקען, און ווי מיט אים וואָלט נאָרוואָס געשען א נעס, האָט ער, ווישנדיק מיטן האַנטעך דעם שווייסיקן שטערן, דעם געקנייטשטן האַלדז־און־נאַקן, אָנגעהויבן דעם שמועס, צוליב וועלכן ער האָט מיך ארויסגערופן:

— אין קאַמף קעגן די וואַלד־באַנדיטן האָבן ניט ווייניק פרײַוויליקע זיך ארויס־באַוויזן פאַר עמעסע העלדן, און צווישן זיי דער אונטער־אָפיצער איוואַן כראַמאָוו. די פּאַרטיזאַנער האָבן אים פאַרוווּנדעט, ליגט ער אין דײַטשישן לאַזאַרעט און בעט דיך אָפּלאָזן אַף עטלעכע שאָ, אז דו זאָלסט אים באַדינען. האָסט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, הער האופּטמאַן.

— אהין וועט דיך אָפּפירן אוועראָוו. נאָר פאַרגעדענק: קוים נעמסטו רוקן דײַן קורנאָסע נאָז ווײַטער פון דער נאָכאָפּעראַציאָנס־פּאַלאַטע, ווו עס ליגן די פרײַ־וויליקע, קאָנסטו כאַפּן פּעטש. כראַמאָווס שאָכן וועט מען מאָרגן אַמפּוטירןביידע פיס. איז אויב עס וועט זיך נאָך פאָדערן, וועסטו אויך אים באַדינען. אנו, באַווײַז מיר נאָר דײַנע הענט.

פון אָפּט וואַשן די דילן איז די הויט אַף מײַנע הענט געוואָרן צעשפּאָלטן, צע־טרעסקעט, נאָר קוים איז עס ניט קיין קרעץ, אַרט עס אים ניט. געפעלן איז אים ניט די פּאַטלע מײַנע.

— צו דײַנע האָר האָסטו דאָס גאַנצע לעבן זיך מיסטאַם ניט צוגערירט מיט קיין קעמעלע. און דאָס אָנטאָן! אַזוי גייסטו, אַזוי שלאָפסטו. אַזעלכע פינצטערע ברוים זײַנען מעגלעך נאָר בא אונדז, אין רוסלאַנד. דעם „אָנצוג״ וועט דיר אוועראָוו איבערבײַטן, און זאָל שומאָוו דיך אָפּשערן. ווי רופט ער עס דיך? פּירשטו! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ. שטאַרבן קאָן מען. נאָר פאַרוואָס האָסטו מוירע געהאַט אָנרופן דײַן טיטל? צי דו מיינסט אוודע, אַז דאָס איז א זידלוואָרט?

— ניין, הער האופּטמאַן, איך האָב ניט געוואָלט באַליידיקן אײַער טיטל, מיט וועלכן עמעצער האָט אײַך געקרוינט.

דוכט זיך, אַז באַלד וועט פּיפּין מאַכן פון מיר אַש. נאָר ניין, ס׳איז אַלציינס ווי קיצלען א טויטן. ער פאַרמאָגט אין זיך נאָפּאָלעאָנס זיכערקײַט. ער וויל נאָר וויסן, צי בין איך ניט פון דעם סאָרט ליגנער, וועלכע מע גלייבט אפילע ניט, ווען זיי זאָגן דעם עמעס. באַקומענדיק פון מיר דעם געגאַרטן ענטפער, גיסט ער זיך אָן א גלעזעלע „סוטשאָק״ און הייסט מיר פאַרמאַכן די טיר פון יענער זײַט.

אַף די טרעפּ וואַרט שוין אַף מיר מוראַשאָוו. אין די הענט האַלט ער צוויי קעסעלעך. דאָס האָט ער באַקומען פאַר אונדז ביידן דעם אָנבײַסן. „נו, וואָס?״ — פרעגן זײַנע אויגן.

— קום, סאַשע, באַם עסן וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

— אויב אַזוי, איז אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז דער הונגער קערט זיך אום צוזאַמען מיט דער רויקײַט.

אויב, טראַכט איך, ער איז גערעכט, איז נאָר טיילווײַז. פאַרן לעצטן יאָר איז געווען הונגער אָן א מאָס, און מיט קיין רויקײַט האָט אפילע ניט געשמעקט.

אוועראָוו האָט ניט אומזיסט געפאָדערט בא קראַמעצן א דאָקומענט, אַז אים איז באַפוילן מיך באַגלייטן צום דײַטשישן לאַזאַרעט. היטלעראָווצעס אין שטאָט זײַנען דאָ אַזויפיל, אַז מע קאָן פון זיי מאַכן א בריק. ווי נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן אַף

דער גאַס, איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַן עסעס־פּאַטרול מיט האַקנקרייצן אויף די אַרבל.

— פּאַסיר־שײַן!

מיט קאַלטער סינע אין די אויגן האָט זיך דער עסעסאָווער אײַנגעגעסן ניט נאָר אין פּאַפּירל, נאָר אויך אין מיר. דאָס פּאַפּירל איז אים נאָך ווייניק, ער דאַרף נאָך מיך גוט באַטראַכטן. עס איז גענוג אַ ציטער צו טאָן, דו זאָלסט בײַ אים אַרויס־רופן אַ פאַרדאַכט. אָווערעאָוון, זע איך, איז אויך די דאָזיקע שטרענגקייט ניט געפעלן געוואָרן, נאָר מיטן אָבער־יעפרייטאָר, וואָס האָט מיט גײַווע אַרויסגע־שטעלט דעם לינקן פוס פאָרויס, רעדט ער מיט האַכנאָע.

ווײַטער גייען מיר שוין מיט זײַטיקע געסעלעך, וואָס באַהאַלטן זיך אין גע־דיכטן שאָטן פון די ביימער, נאָר אויך דאָ טרעפן מיר אָן אויף אַ פּאָליצײַ, וואָס קלאַפּט מיטן גומענעם שטעקן אין אַ פאַרשלאָסענער קאַליטקע. אָווערעאָוו זאָגט מיר:

— שטענדיק זוכן זיי עמעצן, די היצליעס.

מיר קומט אויפן געדאַנק: „און ווען מיר וועט אויסקומען אַנטלויפן, וויאַזוי וועל איך זיך דורכשמוגלען דורכן צענטער פון דער שטאָט?"

צום וואָקזאַל צײַען זיך לאַסטמאַשינעס, געלאָדענע מיט יונגע קאַרטאָפליעס, מעבל. אין איינעם אַ קוזאָוו שטייען עטלעכע אויסגעמאָגערטע בעהיימעס.

שוין העכער אַ יאָר, ווי עס באַלעבאַטעווען דאָ די היטלעראָווצעס, און פּונקט ווי עס וואָלטן נאָך געברענט די ערשט אונטערגעקלאַפּטע טאַנקען און עס וואָלטן זיך נאָך גערייכערט די וואַראָנקעס, האַלטן זיי אין איין אַרויספירן אונדזער גוטס. שלעפּן אַלץ, וואָס עס קאָן זיי צוניץ קומען.

צו אַ טויבער ציגלנער וואַנט פון אַן אײַנגעוואָלגערט הויז, וווּ די טרעפּ זײַנען שוין פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, איז צוגעקלעפּט אַ פּלאַקאַט, אויף וועלכן עס איז אָנגעמאָלט אַ פּויער מיט לאַנגע וואָנצעס, אין אַן אויסגענייט ווײַסרוסיש העמד. אויבן גלייבן דער אָפּשריפט פונעם פּלאַקאַט, איז בײַ דער נײַער דײַטשישער אָר־דענונג דער פּויער לעבעדיקערהייט אַרײַנגעפאַלן גלײַך אין גאַניידן אַרײַן.

פון קאַזימיר וולאַדימיראָוויטשן דערוויס איך זיך, אַז היטלער האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן באַפעל וועגן אָפּשאַפן די קאָלווירטן און האָט צוגעזאָגט צעטיילן די פּויערים די ערד. נאָר עס איז געשען אַזוינס, וואָס די פריצן קאָנען ניט פאַר־שטיין, — זיי האָט מען דאָך אײַנגערעדט, אַז אין די קאָלווירטן האָט מען די פּויע־רים פאַרטריבן מיט גוואַלד, און אין די דערפער זאָגט מען זיך אָפּ פון היטלערס „מאַטאָנע". קראַמעץ זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל די פּויערים האָבן מוירע פאַר די פּאַרטיזאַנער.

— און ווי קלערט איר? — פרעג איך בײַ אָווערעאָוון, כאָטש איך ווייס, אַז אים קיין פינגער אין מויל טאָר מען ניט אַרײַנלייגן.

— פון פיל קלערן קאָן מען גיך אַלט ווערן.

— גענוג, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש. מע זאָגט אײַך פיש, ענטפערט איר פּעט־רישקע. איר ווייסט דאָך, אַז פיפין האָט אָפּגעטאָקט אַ ליגן. מיר מיט אײַך זײַנען דאָ אויג־אויף־אויג, איז צוליב וואָס מאַכן מיר זיך נאַריש?

— וואָס זשע מיינסטו? אַז מע שנײַדט אָן פּעטרישקע און מע באַשיט מיט איר די יויך פון פריש־צאַפּלדיקע פיש, באַקומט זיך טאַקע ניט קיין שלעכט מײַכל. פאַרגעס ניט, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן געוווּער.

— נו, און ווער זײַנען זיי אַליין, די פּאַרטיזאַנער?

— באַ מיר אין צימער ליגן דײַטשישע פלוגבלעטלעך, איז אויב דיך אינטערעסירט עס אַזוי, קאָנסטו זיי איבערלייענען. דאָרט שטייט געשריבן, אַז די וואַלד־באַנדיטן זײַנען קאָמוניסטן און ייִדן. נאָר גענויער, מיין איך, וועט דיר דערציילן איוואַן כראָמאָוו. ער ווייסט דאָך, ווער עס האָט אין אים געשאָסן. אָט אין יענעם מויער געפינט זיך דער דײַטשישער לאַזאַרעט.

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַף שטיינערנע טרעפּ. וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ טונקעלער.

אין דער נאָז טוט א זעץ א זיסלעך־איבערגעפוילטער איבלדיקער רייעך — א געמיש פון אייטער, אייל־פּאַרב און עפּיר. אין קאָרידאָר הערט מען, ווי אייניקע כאַלאָ־ים פּלאַפּלען. אַנדערע כריפּען און הוסטן. אוּוועראָוו האָט מיך צוגעפירט צו עפּעס א טיר, און אַליין איז ער ערגעץ פאַרשווּנדן. די שוועל בין איך אַריבערגעטראָטן, נאָר ווײַטער זע איך ניט, ווו א פוס אַוועקצושטעלן.

— כראָמאָוו, ווו ביסטו? — שרײַ איך אַרײַן אין דער פינצטערניש.

איך דערהער, ווי עמעצער קרעכצט, כאָרכלט, זידלט זיך מיט א פאַרלעגערט קאָל. סאָפּקאָלסאָף קלײַב איך פאַנאַנדער עטלעכע באַזונדערע ווערטער:

— די פינגער, פאַרוואָס טוען מיר אַזוי וויי די פינגער פון די פיס?

נאָר אַפילע אַהער, אין דער פאַרקלעמטער טונקלעניש, רײַסט זיך אויך אַרײַן א ביסעלע שײַן. א שמאָלער שטראַל, א דורכגעזאַפּטער מיט אָן א שיר פילפאַרביקע שטויבעלעך, וואָס באַוועגן זיך ווי לעבעדיקע, האָט זיך דורכגעשמוגלט דורך די צוויי שײַבעלעך, וואָס זײַנען דאָ קימאַט סאַמע אונטער דער סטעליע. אָט באַווײַזט זיך דאָס שטראַלכל, אָט באַשײַנט עס קוים א שטיקל פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט און אָט פאַרשווינדט עס.

איצט זע איך שוין, אַז עס שטייען דאָ דרײַ בעטלעך. איינס איז פּוסט, נאָר די קישן איז צעקנייטשט, ווי עמעצער וואָלט נאָרוואָס אָנגעשפּאַרט אַף איר דעם קאָפּ. דער קראַנקער, וואָס ליגט אַנטקעגן, זידלט עמעצן און פּרוּווט זיך אַנטלויפן. ער איז אָבער צוגעבונדן מיט ברייטע רימענס צום בעטל. אין אַנדערן ווינקל ליגט נאָך עמעצער. דעם קאָפּ האַלט ער אונטער דער קאָלדרע. איך לאָז זיך אַהין.

— איוואַן, דאָס ביסטו? — טו איך אים א טאָרקע.

— האַ? זדאָראָוואָ! כ'האָב איבערגעדעקט דעם קאָפּ, אַבי פאַרהלושען דאָס וואָיען פון אָט דעם מעשוגענעם הונט.

— שטילער. דער קראַנקער שלאָפט ניט, ער האָט זיך נאָרוואָס געקלאָגט, אַז אים טוען וויי די פינגער פון די פיס.

— זײַנע פיס וואַלגערן זיך שוין אין מיסטקאַסטן. מע האָט זיי אים אָפּגעשניטן, נאָר ער ווייסט נאָך דערפון ניט. איך וועל אים דער ערשטער אָנזאָגן די בסורע.

איך פאַרמאַך די טיר, דערנאָך זעץ איך זיך צו אַף כראָמאָווס בעטל און פרעג שטילערהייט:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי אין קאַס אַף אים?

— קוק זיך צו אים בעסער צו. דערקענסט? דאָס איז מאַראַזאָוו. פון מיראָנאָווס קאָמפּאַניע. ער האָט דערשאָסן פּאַוולען. די גאַנצע צײַט איז ער צוגעשטאַנען צו פּאַוולען ווי א קלעק, אַז ער שיסט ניט אין די פּאַרטיזאַנער, נאָר העכער די צווײַגן. און אין דרײַ טעג אַרום, ווען אין געציילטע עטלעכע מעטער פון וואַלד האָט פּאַוועל אַוועקגעוואָרפן דעם וועלאָסיפּעד און געלאָזט זיך לויפן, האָט אָט דער הונט אָנגעצילט זיך און אַוועקגעלייגט אים אַפן אָרט.

מאַראַזאָוון איז טאַקע ניט צו דערקענען. אונטער דער קאָלדרע סטאַרטשעט א פאַרבאַנדאַזשירטער ברייטבייניקער גוף, ווי א קלאָץ. דער קאָפּ איז אומגעהייער גרויס, דאָס פּאָנעם געשוואָלן. איך קער זיך ווידער אויס צו כראַמאָוון און פרעג אים אפן אויער:

— ווי זײַנען דײַנע געשעפטן, וואַניע?

— ערגער קאָן שוין ניט זײַן.

— מיר האָט קראַמעץ געזאָגט, אז דו וועסט אינגיכן געזונט ווערן.

— ניט וועגן דעם רייד איך.

— איז וועגן וואָס?

— איך האָב אזוי געשרי̇ען צו די פּאַרטיזאַנער: „ברידער, שיסט ניט!", אז זיי האָבן באַדאַרפט געוועזן דערהערן, און דאָך...

— זיי זײַנען אָפּגעטראָטן?

— פּאַרשטייסט, די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געפונען אין א קליין וועלדל, וואָס טיילט פאַנאַנדער צוויי ניט קיין גרויסע דערפער. פון דאָרט זײַנען זיי מאַמעש פאַר געציילטע מינוטן איבערגעגאַנגען אין א געדיכטן וואַלד־מאַסיוו. און גיי זוך זיי.

— עמעצער האָט א פאַרדאַכט, אז דו האָסט געוואָלט צו זיי איבערלויפן?

— איך מיין, אז ניט. איך בין אומגעפאַלן, זיך צוגעדריקט צו דער ערד, נאָך איידער די קויל האָט אין מיר געטראָפן, און דער, וואָס האָט מיך געבראַכט צוריק אין דאָרף, האָט, דוכט זיך, אליין געזוכט דעם וועג אין וואַלד ארײַן. — כראַמאָוו האָט ארופגעלייגט די האַנט צו מיר אף דער קני. — וואָס האלטסטו זיך אין איין ארומקוקן? קיינער דאַרף אונדז דאָ ניט האָבן. פון די דײַטשן איז שוין אָפּגערעדט, באַר אויך אונדזערע פרויען, די אופראַמערנס, באַהאַלטן ניט אויס זייער סינע צו די פאַרעטער. מאַראַזאָוו האָט נעכטן בא איינער א פרעג געטאָן: „מיר מיט דיר גלייבן דאָך אין איין גאָט, איז וואָס קוקסטו אף מיר אזוי בייז?" ווייסטו, וואָס זי האָט אים געענטפערט: „גאָט איז אין הימל, און דו ביסט אף דער ערד. מײַנע צוויי ברידער זײַנען אפן פראָנט, איז ווי ווילסטו, זאָל איך אף דיר קוקן?"

— דו וואָלסט באַדאַרפט איר געבן אָנצוהערן, ווער מאַראַזאָוו איז.

— הײַנט האָב איך עס געטאָן. האָט זי מיר געזאָגט, אז אויב ער וועט זיך וועלן קלאָגן אף איר, איז וועט ער עס שוין מוזן טאָן אף יענער־וועלט.

איך האָב דערציילט כראַמאָוון וועגן מײַן נעכטיקן שמועס מיטן מאיאָר. נאָר ווי איך האָב זיך ניט באַמיט אים אויסמאָלן, האָט כראַמאָוו זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, ווער דער פיאָדער טאַראַסאָוויטש איז. דערפאַר אָבער האָב איך זיך געענוי דערוווּסט אַן אַנדער געשיכטע — וועגן סאָלדאַט, וועלכן פיאָדער טאַראַסאָוויטש האָט געהאַט דערמאָנט.

מיט א צײַט צוריק האָבן די פאַרעטער געמאַכט א זאַסאַדע אף א דאָרפישן צווינטער. וואַרטן איז זיי אויסגעקומען זייער לאַנג, און אומזיסט. ניט אַנדערש, אז עמעצער האָט געוואָרנט די פּאַרטיזאַנער און קיינער פון זיי האָט זיך אפן וועג ניט באַוויזן.

פאַרטאָג האָט איין סאָלדאַט געזאָגט צום צווייטן:

— טיאַבליקאָוו, דאָ, אפן צווינטער, ליגט באַגראָבן א טיאַבליקאָוו. איז עפּשער ווילסטו א קוק טאָן אף זײַן קייווער?

אָניסים טיאַבליקאָוון איז, וויַ̇זט אויס, געוועזן גוט אָנגעזאָלעט אפן האַרצן, האָט ער בייז אָפּגעשיקט זײַן כאַווער אין די ווײַטע מעקוימעס... ווען די זאַסאַדע איז

אָפּגעשאפן געוואָרן און דער ראָטנע האָט באפוילן זיך לאָזן צוריק אין דאָרף, איז אָניסים אָן א דערלויבעניש ארויס פון דער ריי און אפגיך געגומען שפאנען צום צווינטער. קיינער האָט אים ניט געגייט זיך אומקערן צוריק, אָבער דער קאָמאנ־דיר פון זײַן ווזוואָד האָט באקומען א באפעל נאָכשפּירן טיאבליקאָוון.

אָניסים האָט אזוי לאנג געבלאָנקעט צווישן די קוואָרים, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אף אן אָרט, ווו עס האָט זיך געוואלגערט א צעבראָכענע מאציייווע מיט א שטערן, וואָס עמעצער האָט מיט ליבע אויסגעשניטן פון האָלץ. דער קייוועה איז געווען צעטראָטן, די פעלד־בלומען צעטאָפּטשעט. אינעם גראָז האָט ער געפונען א ברעטל, אף וועלכן ס׳זײַנען געווען אויסגעשניצט די ווערטער: „אייביקער רום דעם פאָלקס־בעקאָמענעמער, דעם יינגערן לייטענאנט סאווא טיאבליקאָוו. העלדיש אומגעקומען אין קאמף קעגן די דײַטשישע אָקופּאנטן. 1916 — 1942”.

אָט דאָס ברעטל האָט ער, ווי ער זאָל זײַן א קורצזיכטיקער, צוגעטראָגן נאָענט צו די אויגן, עס דורכגעלייענט איין מאָל און א צווייט מאָל. דערנאָך האָט ער צעשפּיליעט דעם ברעזענטענעם טשעכאָל, ארויסגענומען דעם סאָלדאטישן זאסטופּ און געגומען פאנאנדערשיטן די ערד פונעם קייווער.

— מאך זיך ניט נאריש, — האָט א געשריי געטאָן דער ווזוואָדנע, וואָס איז שטיל געשטאנען אונטער א געדיכטן בוים. — דו ווייסט, וויפל טיאבליקאָווס עס זײַנען פאראן אין רוסלאנד? פונוואנען, יעוודאָקימאָוויטש, ביסטו?

— פון מיטל־אזיע.

— און אָט דער טיאבליקאָוו איז גאָר א היגער. ער האָט געדינט אין דער מיליציע. איצט פארשטייסטו שוין, אז דו זוכסט דעם פאראיאָריקן שניי?

— פונוואנען ווייסט איר עס?

— דאָס, זעסטו, איז שוין מײַן זאך. קום, אניט ווערן מיר פארשפּעטיקן צום פרישטיק. דו האָסט געמיינט, אז ס׳איז דײַנער א ברודער? ער איז דען געווען א קאָמאנדיר?

— איצט פארשטיי איך שוין, אז דאָס איז ניט ער. אפן פראָנט האָב איך באקו־מען פון דער מאמען א בריוו, זי האָט געשריבן, אז דער ברודער ארבעט אלס טראקטאָריסט. ער האָט אין דער ארמיי קיינמאָל ניט געדינט. דער טאטע איז יונגערהייט געשטאָרבן, האָט מען אים, דעם עלטסטן, אף קיין מיליטער־דינסט ניט גענומען.

אָניסים האָט אָפּגענארט דעם ווזוואָדנע. ער האָט שוין געהאט באשלאָסן, וואָס צו טאָן. שטילערהייט האָט ער זיך גענומען נאָכפרעגן בא די דאָרפישע אײַנוווינער וועגן דעם אומגעקומענעם פארטיזאן טיאבליקאָוו. נאָר רייד צום לאָמפּ. די דאָרפס־לײַט האָבן פארטרויט די רוסיש־רײדנדיקע היטלעראָווצעס נאָך ווייניקער פון די דײַטשן. אף אלע פראגן האָבן זיי געהאט איין ענטפער: „ניע וויעדאיעם”[1].

א פּאָליציי פון שכיינעסדיקן גארניזאָן האָט אָנגעוויזן טיאבליקאָוון אף אן אָפּגעברענט הויז, ווו די דײַטשן האָבן דערשאָסן דעם פארטיזאן סאווע טיאבליקאָוו. אין דאָרף זײַנען דעמלט געווען דרײַ פּארטיזאנישע אויסשפּירער, צווייען פון זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צו אנטלויפן. דעם דריטן, זייער קאָמאנדיר, האָט מען פאר־וואונדעט אין דער פּלייצע. זיי האָבן אים געוואָלט נעמען א לעבעדיקן, נאָר גיי

---

[1] מיר ווייסן ניט.

פרווו, אז שיסן שיסט ער, ווי א טײַוול, און מיט יעדער קויל לייגט ער עמעצן אוועק. האָבן זיי אים דורכגעשטעפּט מיט א האַנט־קוילנוואַרפער.

דער זעלבער פּאָליציַי האָט דערציילט אָניסימען, אז דאָס הויז האָבן די דײַטשן דערנאָך פאַרברענט, די פרוי מיט איר טעכטערל — דאָ טאַקע אין הויף דערשאָסן, און פון דער מישפּאָכע איז אין דאָרף געבליבן איין טויבע אַלטיטשקע, וואָס וווינט איצט בא אירע קרויווים אין דער עקסטער שטוב. זי האָט נאָך צוויי זין, נאָר יענע זײַנען שוין פון לאַנג בא די פּאַרטיזאַנער.

אָניסים איז אוועק צו דער אַלטער. ער האָט גערעדט מיט איר מיט גוטן און מיט בייזן, נאָר זי האָט געהאַלטן די אויגן האַלב פאַרמאַכט און געטײַנעט איינס: קיינעם פון די פּאַרטיזאַנער האָט זי ניט געקענט און וויל ניט קענען. צי טרעפט, אז זיי קומען אין דאָרף? יאָ, עס טרעפט, נאָר זי פאַרקלײַבט זיך דעמלט אפן אויוון און האָט אפילע מוירע אָן אָטעם צו טאָן.

טיאַבליקאָוו האָט זיך שוין געקליבן אוועקגיין מיט גאָרניט, נאָר די אַלטע האָט אים פּלוצעם צוריקגערופן:

— זאָג מיר נאָר, סאָקאָליק, וואָס מאָזאָליעסטו אומזיסט די צונג, וואָס גייט דיר אזוי אָן דער פרעמדער קייווער?

— מײַן פאַמיליע איז אויך טיאַבליקאָוו, און מיר דוכט זיך, אז דאָס האָט מען אומגעבראַכט מײַן ברודער.

— דו זאָלסט זיך אפילע איבערציילעמען, וועל איך דיר אויך ניט גלייבן. דער אומגעקומענער, האָט מען דערציילט, איז פון גאָר ווײַט, נאָך ווײַטער פון טאַשקענט.

— ער! — האָט אָניסים אויסגעשריִען.

איצט איז שוין די אַלטע צו אים צוגעשטאַנען:

— אף וויסטע וועלדער, אף פּוסטע פעלדער! דאָס לעבן שטראָפט די, וואָס גייען ניט מיט קיין גלײַכן וועג. און דו האָסט שוין ניט פון וועמען כויזעק צו מאַכן, נאָר פון מיר, א וויסטער זקיינע, וואָס דערלעבט אירע לעצטע טעג. אַנו, זאָג מיר, וועלכע אויגן זײַנען געווען בא דײַן ברודער?

— אַזעלכע ווי בא קיינעם ניט. איין אויג — א ליכטיק־בלויס, דאָס אַנדערע — א קאַרע, קימאַט א שוואַרצס.

— יאָ, דאָס איז ער. אויב דו נאַרסט מיך ניט און דו ביסט אף אָן עמעס זײַן ברודער, איז וויין, ווײַל איך האָב שוין אַלע טרערן אויסגעוויינט. גיי נאָכאַמאָל אפן בעסוילעם, וועסטו זען, אז באַנאַנד מיט אים ליגט באַגראָבן מײַן טאָכטער און מײַן אייניקל. גאָט מײַנער, ווי גאַליע און סאַווע האָבן זיך ליב געהאַט! קינדער בלײַבן קינדער. זיי האָבן געמיינט, אז איך, די אַלטע, הער ניט, שטויס זיך אפילע גאָרנישט ניט אָן. איך האָב געוווּסט, אז זיי האָבן זיך צונויפגערעדט נאָך דער מילכאָמע כאַ־סענע האָבן און פאָרן צו זײַנע עלטערן צוגאַסט. זיי האָבן ניט געוווּסט, אז בא א טויבער מאַמען זײַנען די אויערן אין די שפּיץ פינגער. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב פון ערשטן טאָג אָן געפילט, אז עס וועט געשען אָן אומגליק. די צונג האָט מיך ניט געפאָלגט, און איך האָב זיי גאָרנישט ניט געזאָגט, מיר האָט זיך ניט גע־וואָלט זיי שרעקן.

סאַווע פלעגט צווישן נאַכט און טאָג זיך אָפּט אופהאַלטן בא אונדז אין שטוב, און איך פלעג אַרויסגיין אין הויף און מיט די טויבע אויערן אײַנהערן זיך. ווילסטו — גלייב, ווילסטו — גלייב ניט, נאָר וואָס ווײַטער און שטילער דער פרעמדער שאָרך איז געווען, אַלץ גיכער פלעג איך אים דערהערן. וויינסט? וויין, וויין! דו כידעש זיך

ניט, וואָס איך פּלאַפּל אַזויפיל. איך האָב שוין אַזוי לאַנג מיט קיינעם ניט גערעדט. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איר, באַנדיטן, קלײַבט זיך אַרײַנקומען אין דאָרף, האָב איך אַלעמען אַרויסגעטריבן פון דער שטוב אין וואַלד. סאַוועץ, וואָס איז גע־גאַנגען מיט אַ גלײַכן וועג, וואָלט איך מיסטאָם געוועזן ניט קיין שלעכטע שוויגער, נאָר פאַר דיר טאָר מען זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין איבעריק וואָרט. דו ביסט ווי אַ פרעמדער לעפל, וואָס רײַסט דאָס מויל. ווי איז מיר, ווײ איז מיר, נאָר דײַן מאַמען איז ניט גרינגער — זי איז שוין געפרוווּט געוואָרן... וויש אויס, באַנדיט, דײַנע ציבעלע־טרערן און גיי פונדאַנען. גיי, נאָר פאַרטאָפּטשע כאָטש ניט די בלי־מעלעך אויף די קוואַרים. גאַליע האָט זיי זייער ליב געהאַט. איז טו מיר כאָטש דאָס צוליב און טשעפּע ניט די ראָמאַשקעס.

אַ דערשיטערטער האָט טיאַבליקאָוו אַרומגעבלאָנקעט דעם גאַנצן טאָג, און אין אָוונט איז ער געקומען צו זײַן וווּזאָדנע און זיך דאָרט דערשאָסן.

— דו ווייסט, — זאָג איך צו כראַמאָוון, — איך האָב ערגעץ געלייענט אָדער געהערט, אַז קעדיי אָפּטאָן דעם סוינע אַפּצולאָכעס, איז בא די יאַפּאַנער סאַמורײַען געווען אַ מין מינהעג קומען צום הויז, ווו עס האָט געוווינט דער גרעסטער פײַנט זײַערער, און בא יענעמס שוועל זיך איבערשעכטן דעם גאָרגל אָדער זיך אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין האַרצן. דײַן טיאַבליקאָוו האָט אויך אַזוי אָפּגעטאָן.

— ער איז מײַנער, ווי דײַנער, נאָר עס איז בא מיר געווען אַ מאָמענט, ווען אויך איך האָב שיר ניט געמאַכט די כאַראַקירי „דעם סוינע אַפּצולאָכעס". עמעס, עמעצן פון זיי וואָלט איך זיכער מיטגענומען מיט זיך, נאָר ווען דעם וועלן מיר מער ניט ריידן. זאָג, דו זעסט פאַר מיר אַן אַנדער אויסוועג?

— געוויס! מיר מיט דיר וועלן אָפּצײַען צוזאַמען, און דאַפּקע דורך די זעלבע דערפער, ווו דו ביסט ניט לאַנג געווען.

— איצט וועלן מיך די פּאַרטיזאַנער שוין זיכער אופּהענגען.

— ניט עמעס. הער, וואַניע, איך האַלט דיך פאַר אַ פרײַנט, נאָר ביז אַ צײַט באַהאַלט איך אויס פון דיר אַ סאָד. פרעג בא מיר גאָרניט, נאָר ווייס, אַז מיר וועט מען גלייבן און איך בין גרייט פאַר דיר גאַראַנטירן מיט מײַן אייגענעם קאָפּ. און נאָך וויל איך דיר זאָגן, אַז ס׳איז שוין גלײַכער אַ שלייף אויפן האַלדז, איידער דינען דעם סוינע.

אין כראָמאָווס בליק האָב איך אויסגעלייענט, אַז ער האָט שוין אַלץ באַשלאָסן, אַז ער איז מאַסקים. דאַן האָב איך פאַרגעזעצט:

— קיין פּאַרזיכטיקײַט דאַרף איך דיך ניט לערנען. דו דאַרפסט זיך דערוויסן, צי קאָן אונדז ניט העלפן די אָפּראַמערן, דאָס מיידל, וואָס אַרבעט בא אײַך. און נאָך דאַרפסטו זען וואָס גיכער זיך באַפרײַען פון די קוליעס.

עס האָט זיך צעעפנט די טיר. אויף אַ הויך שפּיטאָל־וועגעלע האָט מען אַרײַנגע־פירט אַן אײַנגעטונקענעם אין שווייס און אין בלוט דעם דריטן קראַנקן פון דער פּאַלאַטע. צוזאַמען מיט מאַראַזאָוון איז ער געפאָרן אויף אַ לאַסטמאַשין, וואָס האָט זיך אופגעריסן אויף אַ פּאַרטיזאַנישער מינע. אים האָט אַ שפּליטער געטראָפן אין בויך, די אָפּעראַציע האָט געדויערט העכער צוויי שאָ. די סאַניטאַרן, וואָס האָבן אים געבראַכט אַהער אויף דעם וועגעלע, האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז דער נאַרקאָז האָט אים ניט גענומען, ווײַל זײַן אָרגאַניזם איז אָפּגעסאַמט פון אַלקאָהאָל. ביז אַהער האָב איך וועגן אַזעלכע פאַלן ניט געהערט, נאָר ווער ווייסט, עפּשער איז עס עמעס.

— א טרונק, — האָט ער, צומאַכנדיק די אויגן, געבעטן, — איר זײַט דאָך מענטשן. א ביסל וואסער.

„זעסט, — האָב איך א קלער געטאָן, — אפילע אזא צאַצע אפעלירט אויך צום געוויסן".

— מאמע טײַערע, — האָט ער, ווארגנדיק זיך, געכליפּעט, — כאַטש א טראָפּן וואסער!

אין פּאלאטע בין איך איצט דער איינציקער, וואָס וואָלט אים געקאָנט העלפן — אײַנעצן די צונג און די איבערגעטריקנטע ליפּן. אָבער צוויי געפילן אמפּערן זיך אין מיר. איז וועלכער וועט איבערוועגן? פאַרשטייט זיך, אז אפן פראָנט וואָלט איך אין אזא טיפּ געשאָסן. נו, און מיט וואָס איז דאָ ניט קיין פראָנט? זיצנדיק אף דער לאַסטמאַשין, האָט ער דאָך געשאָסן אין די פּארטיזאנער. נו, און מיר וואָלט ער געהאָלפן? ניין. פאַרשטייט זיך, אז ניין. איז וואָס זשע קאָן איך ניט אײַנזיצן אף כראָמאָווס בעטל? פאַרוואָס זשע שפּאַן איך אזוי אומרויִק פון איין וואנט צו דער צווייטער? וואָס וואָלט אין אזא פאַל געטאָן פעדיע פּימענאָוו, דער דאָקטער אלעקסאנדער איוואנאָוויטש זאַרינקין? זיי זײַנען דאָ ניטאָ, און דער קראנקער פאַכט מיט דער נעשאָמע — ער קײַט די אויסגעטריקנטע צונג, דרייט מיטן קאָפּ... בין איך דאָך ניט מער ווי א מענטש און אפן ארבל טראָג איך א בענדל מיט א רויטן קרייץ. כאַפּ איך דאָס מענזורקעלע מיט וואסער, גיב א גאָס אפן עק פון האנטעך און, ניט ארײַנקוקנדיק אין דעם קראנקנס אופגעריסענע אויגן, טו איך א וויש זײַנע הייסע ליפּן.

כראָמאָוו, וואָס האָט די גאנצע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך מיר, קערט זיך אויס צו דער וואנט, און איך דערהער זײַן קאָל:

— מיינסט, אז איך וואָלט ניט געטאָן אזוי?

ווען איך נעם זיך א צווייט מאָל פאַרן האנטעך, באַווײַזט זיך אין פּאלאטע אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש. ער ציט אראָפּ די דינע גומענע הענטשקעס פון די הענט, כאַפּט א קוק אפן קראנקן. ווײַזט זיך ארויס, אז ניט קיין דײַטשישע דאָקטוירים, נאָר ער איינער אליין אָפּערירט די „פריַיוויליקע". ער טאַפּט באַם קראנקן דעם פּולס, און צו מיר זאָגט ער:

— גוט טוסטו. מיר, רוסישע, דארפן העלפן איינער דעם צווייטן.

„מיר, רוסישע"... ס'איז געוועזן א צײַט, ווען ער האָט געמיינט, אז ווײַל בא אים איז, ווי בא אן אריער, א לענגלעכער שארבן, העלע אויגן, וועט מען אים אוועקזעצן בא איין טיש מיט די דײַטשישע אָפיצערן. דעמלט איז ער אָן שום וואקלעניש גרייט געווען צו פארגעסן, ווער ער איז. איך געדענק נאָך גוט, מיט וואָס פאר א גײַווע ער פלעגט טראָגן דאָס דײַטשישע היטל אפן קאָפּ. אָבער וואָס עמעס איז עמעס — אויב דער אויסוואורף קראמעץ איז ביז איצט פארבליבן אזא ווי ער איז געוועזן, האָט זײַן פארטרעטער אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש מיט יעדן טאָג זיך געענדערט. איך האָב עס באמערקט נאָך פאר דעם, ווי ער האָט אין קארלס אָנוועזנהײַט געפּרוווט פאַרטיידיקן זאַבארען. אויב צוזאמען מיטן סייכל וועט זיך בא אים אומקערן דער געוויסן, איז קאָן נאָך פון אים עפּשער זײַן א לײַט.

פריִער פלעגט אנאטאָלי לעאָנידאָוויטש קיינמאָל ניט ענטפערן אף מײַן באגריסונג, און הײַנט רעדט ער מיט מיר, ווי איך וואָלט אף אן עמעס געווען זײַנער א קאָלעגע.

— דער, — זאָגט ער, שאַרף זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ לעווײַע־פערד, — דער קאָן זיך נאָך עפּשער ארויסדראפּען, נאָר מיט מאַראַזאָוון האלט שלעכט. בא אים איז אַ בלוט־אָנצינדונג. איך האָב געבעטן, אַז מע זאָל מיר דערלויבן אים אָפּערירן, ווי נאָר מע האָט אים געבראַכט אהער. האָט מען מיר געענטפערט, אַז דער אָפּעראַציע־זאַל איז פאַרנומען. און הײַנט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דרײַ טעג האָט מען ביכלאַל קיינעם ניט אָפּערירט.

בא כראַמאָווס בעטל האָט דער דאָקטער זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער. ער האָט אים שטאַרק געלויבט, כראַמאָוון: „אָט דאָס הייסט רוסישע אויסגעהאַלטנקײַט! בײַס דער אָפּעראַציע האָט ער אַפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן”. איצט האָט ער צוגעזאָגט כראַמאָוון גאָר אינגיכן אים איבערפירן צו זיך אין לאַזאַרעט.

מאָדנע זאַכן קומען פאָר אַף דער וועלט. אַ מענטש שטרײַכט אַלעמאָל אונטער, אַז ער איז אַ רוסישער, און אַליין דינט ער דעם סאַמע גרעסטן סוינע פון זײַן פאָלק.

צוגאַסט בא פרײַנט

ניט איך אַליין האָב עס באַמערקט, ווי אוועראָוו סטאַרעט זיך, אַז קראַמעץ זאָל אים וואָס אָפטער שיקן אין שטאָט ארײַן. צו וועמען עס ציט אים אַזוי, האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, נאָר ווען ער האָט מיך ווידער געפירט אין דײַטשישן לאַזאַרעט, האָט ער אַנערקענט, אַז ער טוט עס נאָר דערפאַר, ווײַל אַנדערש וואָלט אים דער הויפּט־דאָקטער ניט אָפּגעלאָזט אין שטאָט ארײַן.

איוואַן כראַמאָווס שכיינים האָבן שוין באַוויזן זיך איבערקלײַבן אַף יענער־וועלט, און זייערע בעטלעך האָבן איצט פאַרנומען אַנדערע קראַנקע. סוידען זיך דאָ האָבן מיר שוין מער ניט געקאָנט, און דאָך האָט איוואַן מיר מיטגעטיילט, אַז די אָפּעראַ־מערן האָט אים צוגעזאָגט באַקאַנען מיט אירער אַ כאַווערטע, אַ געוועזענע פּיאַ־נער־אָנפירערן, וואָס אַרבעט איצט אין דײַטשישן „זאָלדאַטן־הײַם”.

וואַניע האָט מיך ווידער אָנגעהאָדעוועט צו זאַט. פּראָדוקטן האָט ער איבערגענוג. אין שופלאָד פון זײַן שאַפּקעלע ליגט אַ גוטער צענדליק האַנטזייגערלעך, אַ שפּאַק־טיוו און אינסטרומענטן פון אַ זייגערמאַכער. קיין געלט פאַר דער אַרבעט האָט כראַמאָוו ניט גענומען, נאָר פון קיין ברויט, סאַכאַרין זאָגט ער זיך ניט אָפּ.

און אָט שפּאַן איך ווידער איבער די טראָטואַרן פון די שוין באַקאַנטע גאַסן. סטאַרע זיך ניט אָפּשטיין פון אוועראָוון. באַם ראָג, וווּ עס שטייט אַ בעטלער מיט אַן אויסגעשטרעקטער צעקאַליעטשעטער האַנט, פאַרלאַנגזאַמט אוועראָוו די טריט, און ווען מיר זײַנען שוין אין געסל, שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט מיר מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַפריִער גוט באַקלערט יעדער וואָרט:

— פאַרשטייסט, אויב קראַמעץ וועט מיך דערזען, קאָן ער מיך אַ רוף טאָן, און איך דאַרף זיך נאָך ארײַנכאַפּן אין איינעם אַן אָרט, איז עפּשער וועסטו אַף מיר צוואַרטן בא דײַן „שוויגער”? זי וווינט, דוכט זיך, אין אָט דער שטוב. ווילסט?

אַ פראַגע, צי איך ווילי! איך געדענק אָבער, אַז עס קאָן זיך מאַכן, אַז סטעפּע זאָל זײַן דער מענטש, וואָס וועט מיך פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער, דעריבער דאַרף איך ניט, עמעצער זאָל וויסן, אַז איך בין ווען־ניט־איז איבערגעטראָטן איר שוועל.

— ניין, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, אַהין וועל איך ניט גיין.

— ביסט פון זינען! פאַרשטייסט דען ניט, אַז אויב עפּעס וואָס, בין איך פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דיר. געדענק, אַז צו מיר וועסטו נאָך דאַרפן ניט איין מאָל אָנקומען. אין אָנדערהאַלבן שאָ אַרום וועל איך נאָך דיר קומען. כ׳וועל אָנקלאַפּן אין דער פירטקע. וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ פּאַראַליזירטער? גיי, כ׳וועל דאָ צוווארטן, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז מע האָט דיך אַרײַנגעלאָזט.

טאָמע האָט מיר אַזויפיל דערציילט וועגן זייער הויז, אַז מע זאָל מיר אַפילע פאַרבינדן די אויגן, וועל איך אויך גלײַך טרעפן צו זייער טיר. נאָר די קאַליטקע איז פון אינווייניק פאַרשלאָסן און מיר קומט אויס לאַנג זיך פּאָרקען, ביז איך טאַפּ אָן דעם פאַרוקער. ווען איך וואָלט אויסגעצויגן די רעכטע האַנט, וואָלט זי אָנגערירט די עטלעכע זון־רויזן, וואָס ציִען זיך אין דער הייך. ווי אַן אינווייניקסטער פאַרקן זוימען זיי אַרום דאָס ביסל קאַרטאָפל, ציבעלעס, קנאָבל און די דרײַ יונגע נידעריטשקע עפּלביימלעך. מיט די פּרוכטן פון די ביימלעך האָט מען מיך שוין אַ פּאָר מאָל מעכאַבעד געווען.

אין דעם שכײַנעסדיקן הויף, בא די שיטערע שטאַכעטן, שטייט אַ שלעפּעריק־דערשראָקן נעפּעשל מיט אַ ברייטער צוגעפּלעטשטער נאָז. פון זײַן פאַרשמאָלצע־וועט צעריסן העמד קוקן אַרויס דאַרע און בלויע עלנבויגנס. אוואַדע וואָלט ער איצט געיאָגט אַ רייף, געקלעטערט אַף ביימער, נאָר צוליב דעם דאַרף מען אים פריִער אָנהאָדעווען. גוט וואָלט נאָך געווען אים אָפּשערן, אויסוואַשן און אָנטאָן. נאָר מיטאַמאָל פאַרײַסט ער דעם קאָפּ צום הימל און מיט פאַרזשמורעטע אויגן נעמט ער שרײַען:

— באָטשאַן, באָטשאַן, דײַן שטוב ברענט!

ווען איך בין געווען אין זײַן עלטער, האָבן די פּעטליוראָווצעס פאַרברענט אונדזער שטוב, נאָר פּונקט, ווי ער, האָב איך ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען און בין מיסטאָם אויך געשטאַנען מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ צום הימל און געשריִען צו די פאַר־בײַפליִענדיקע פייגל:

— באָטשאַן, באָטשאַן, דײַן שטוב ברענט!

מיט דער ריין־צוגעקערטער שמאָלער סטעזשקע לאָז איך זיך צו די הילצערנע טרעפּ. אָנקלאַפּנדיק אין דער טיר, פרעג איך:

— מע מעג?

קיינער ענטפערט ניט. איך קוועטש אָן אַף דער קליאַמקע, גיי אַרײַן אין אַ קיך, ווו עס שטייט אַ גרויסער רוסישער אויוון, פון דאָרט — אין טונקעלן קאָרידאָר, און דאָ פאַרטשעפּע איך מיטן אַקסל עפּעס אַ זאַך, וואָס פאַלט מיט אַ טראַסק אַראָפּ אַפן דיל און פאַרגייט זיך אין אַ צעצויגענעם קלאַנג, גלײַך איך וואָלט צעהוידעט דאָס צינגל פון אַ קלויסטער־גלאָק.

עס עפנט זיך אַ טיר, און איך דערזע אַ צימער, וואָס איז ניט קיין סאַך ברייטער פון דעם קאָרידאָר. פון אַלע דאַליעסדיקע ווינקעלעך באַפאַלט מיך אַ נאָענטע היימישקײַט. און מיר, אַ מענטש, וואָס האָט פון לאַנג פאַרלאָרן די האָפענונג אַריבערצוטרעטן אַ היימישע שוועל, ווילט זיך פון פרייד כאָטש אַ זיפּץ טאָן.

מיט אויסגעצויגענע צעשפּרייטע הענט, אַף וועלכע עס איז אַרומגעוויקלט אַ הויפן בײַוואָל, זיצט טאָמע קינדעריש אײַנגעהויקערט אַף אַ קאַסטן, און איר מאַמע פלאָנטערט פאַנאַנדער ברוינע פאָדעם און וויקלט זיי אָן אין אַ קנויל. טאָמעס אויגן פינקלען מיט דער שײַן פון דורכגעלויכטענעם פיש־ביין. זי קלאַפּט אַזוי מיט

די באָרוועסע פיס אין דעם געקאָוועטן קאַסטן, אַז די צעלאָזטע צעפּלעך אירע נעמען זיך טרייסלען. אירע דינע רויטע קאַרעל־ליפּן צעציִען זיך, און זי נעמט גאַדלעסדיק שרייַען אַף אַ קאָל:

— מייַן פּעטער איז געקומען! מייַן פּעטער איז געקומען!

איר קלענער ברודערל, זשאַרע, ווייסט ניט, צי אויך ער דאַרף זיך פרייען, קוקט ער פאַרשעמט מיט זייַנע ליכטיק־ברוינע אויגן אַף דער מאַמען און כאַזוערט איבער מיט אַ שמייכלענדיק קיינדל בלויז דאָס לעצטע וואָרט:

— געקומען, געקומען!

מער פון אַלעמען איז פאַרכידעשט סטעפע. דעם קנויל בייַוול לייגט זי אַוועק אַפן פּירקאַנטיקן טיש, וואָס איז באַדעקט מיט אַ גראָבן ריין אויסגעוואַשענעם טישטעך, און פרעגט מיך:

— איר זייַט אַנטלאָפן?

— דערוויַיל ניט. איך האָב אייַך אָנגעשראָקן?

— דעם עמעס געזאָגט, יאָ, נאָר מיינט ניט, אַז מיר וואָלטן אייַך דורכגעטריבן. באַלד וועט טאָמע אַריַינרופן מייַן מאַמען, וועט איר שוין זייַן באַקאַנט קימאַט מיט אונדזער גאַנצער מישפּאָכע.

דער האַלב־אייַנגעבויגענער באָבען מיט די קאַליע אויגן און רויט־אויפגעלאָפענע וויִעס איז שוין אַוואַדע מער פון זיבעציק, די קנייטשן אַף איר געזיכט זייַנען טיפע, ווי שראַמען, נאָר זי איז נאָך אַ זשוואַווע. די אויפגעלאָפענע אָדערן אַף אירע הענט, וואָס האָבן דעם קאָליר פון דער ערד, אין וועלכער זיי פאַרקען זיך, זייַנען פאַרצווייַגט, ווי וואָרצלען פון אַן אַלטן בוים. זי באַגריסט זיך מיט מיר, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן, און פאַר געציילטע מינוטן דערמאָנט זי אַלע נאָענטע קרויווים, וואָס ווער ווייסט, ווו זיי זייַנען אַצינד, און גלייַך פאַרפירט זי אַ געשפּרעך וועגן די צוגעגאַנוועטע ציגן:

— ס'איז נאָך אַ דאַנק גאָט, וואָס גוטע הענט האָבן אָפּגעפירט פון אונדז דאָס בייז. בייס אַן אומגליק דערקענט מען אַן עמעסן פרייַנט. איז וויל זי, — ווייַזט די אַלטע אָן אַף סטעפען, — נאָכאַמאָל אויספּרוּוון דאָס מאַזל. זי קלייַבט זיך ווידער שוין אין דאָרף אַריַין. איך זאָג איר, אַז באַ זיך אין דער היים איז יעדערער נאָך אַ שטיקל מענטש.

— מאַמע, גענוג. וואָס פאַרקלאָגסטו מיך צו אַ פרעמדן מענטשן?

— איר זעט, — פאַרוקט די זקיינע די שפּיצן פון דער אָפּגעבליאַקעוועטער פאַטשיילע הינטער די אויערן, — קיין וואָרט קאָן מען מיט איר ניט אויסריידן. דו שרייַ בעסער אָן אַף דייַן טאַטען, זי זאָל ניט קריכן אַף די הענט צו קיין פרעמדן מענטשן. זשאַרע איז דאָך קלענער פון איר, און ער שטייט זיך שטיל אין אַ זייַט, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אַף אים.

אַז דער מיזיניק זשאַרע איז דער באָבעס ליבלינג, האָב איך שוין אויך געוווּסט.

טאָמע וויל, אַז איך זאָל אויסהערן נאָר זי. איך זאָל מיט קיינעם מער ניט ריידן. מיר איז שווער צו באַשליסן, וואָס האָט דאָס קינד אויסגעטראַכט און וואָס איז אַפּאַנעמעסן געשען. זי רעדט אַזוי גיך, אַז זי פאַרכלינעט זיך אַזש:

— פּעטער, האַ, פּעטער, איינער אַ דייַטש האָט געמיינט, אַז אונדזער זשאַרע איז אַ ייִד. יאָ, יאָ. אַף אַן עמעס. ווען ניט די באָבע, וואָלט ער שוין פון לאַנג געווען אין יעלאָוויקע. די באָבע האָט אַזוי געשריִען, אַז דאָס גאַנצע געסל איז זיך

צונויפגעלאָפן. איר זעט, אָט האָב איך עס אים דערמאָנט, וועט ער זיך באַלד צעוויינען.

זשאָרע סאָפּעט טאַקע צו אָפּט מיטן נעזל, נאָר דאָך פאַרשטייט ער, אַז איצט וועט אים קיינער ניט טשעפּען. טאָמען ענטפערט ער:

— אַליין וועסטו באַלד וויינען. און דער פעטער איז ניט דײַנער! באָבע, זאָג איר, זי זאָל זיך אָפּרוקן.

— סטעפע, — האָט שוין די אַלטע ניט אויסגעהאַלטן, — עפּשער וועסטו סאָפּ־קאַלסאָף אָנפּאַטשן טאָמען, זי זאָל מער ניט שרעקן דאָס קינד מיט יעלאָוויקע.

סטעפע, וואָס פּאָרעט זיך אין קיך, איז, דוכט זיך, ניט אויף קיין קאַטאָוועס בײַז געוואָרן. זי קומט אַרײַן מיט אַ לאַנגן האַנטעך, וואָס איז צונויפגעלייגט אינצווייען. די באָבע האָט אַ דערשראָקענע אָפּגעשטופּט זשאָרען אין אַ ווינקל און, ווי אַ קוואָקע מיט צעשפּרייטע פליגלען, זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן איר טאָכטער:

— נו, נו! וואָס ברענסטו אַזוי? גלײַך זאָלסטו אָוועקלייגן דעם האַנטעך! טוט נאָר אַ קוק, ווי עס האָבן זיך באַ איר אָנגעצונדן די אויגן! דער טאַטע מיט די ביינער. לאָזט זי נאָר, וועט זי זיי מיימעסן.

איך דערמאָן זיך, ווי־אַזוי עס פלעגט מיר אָפּפאַלן דאָס האַרץ, ווען מײַן מאַמע פלעגט זיך נעמען קריגן מיטן טאַטן. גאָר אומגעריכט דערזע איך, ווי סטעפּעס ליפּן הייבן אָן שמייכלען. און באַ אַלעמען ווערט לײַכטער אויפן האַרצן. נאָר מער פאַר אַלעמען איז צופרידן די באָבע. די אַלטע, קאָנטיק, איז זיכער, אַז זי איינע האָט נאַרוואָס אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג.

— איך זאָג אײַך, מעשוגע קאָן מען פון זיי ווערן. מיט צען אויגן קאָן מען זיי ניט אײַנהיטן, — קלאָגט זיך סטעפע, — און אַזוי טאָג־אײַן, טאָג־אויס. ווי נאָר זיי קומען זיך צונויף, ווערט אַ קריג. טאָמען טרײַב איך אויף דער גאַס שפּאַצירן, ווײַל זי ניט גיין. אים האָב איך מוירע אַרויסלאָזן, ווײַל ער דאַפקע ניט זיצן אין שטוב. — זי הייבט ווידער אויף די מידע הענט מיטן האַנטעך. — שוין זאָלט איר אַנשוויגן ווערן, אַניט וועל איך אײַך...

דאָס מאָל ווייסן אַלע, אַז איר פּאָכן מיטן האַנטעך אינדערלופטן וועט קיינעם ניט שאַטן. מע ווייסט, ווײַל איר גוטן בליק דאַרף מען אויסטײַטשן: לאָמיר זיך איבערבעטן. נאָר די באָבע גיט זיך נאָך אַלץ ניט אונטער, עס געפעלט איר, אפּאָ־נעם, דאָס בורטשען:

— האָט איר געזען? ווי עפּעס־וואָס, כאַפּט זי זיך פאַרן האַנטעך. עפּשער האָסטו זיך עס באַ מיר אויסגעלערנט?

— ניט אויסגעלערנט, ווײַל אויף דײַן פאַרמעגן האָסטו קיינמאָל קיין האַנטעך ניט פאַרמאָגט, — האָט סטעפע שוין געלאַכט.

דאָס וואָרט „יעלאָוויקע" איז דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנט געוואָרן. דאָס מאָל האָט זיך עס צוזאַמען מיט אַ טיפן קרעכץ אַרויסגעריסן פון סטעפעס מויל. לעבן אָט דעם יישעוו, האָט זי מיר דערציילט, איז געווען אַ טיפער ריוו. דאָרט האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט צוואַנציק טויזנט יידן. אויף לאַסטמאַשינעס האָט מען זיי אַהין געפירט און פאַרטיעסווײַז דערשאָסן. ווען דער ריוו איז שוין פול געווען, האָט מען אים פאַרשאָטן און אַ שווערער טאַנק האָט פאַרפּרעסט די ערד.

די אַלטע ווישט די קאַליע אויגן און זאָגט:

— נאָר דאָ איז דען אַזוי געווען! אויף דער סטאַראָבינער בוינע האָבן זיי באַגאָסן מיט בענזין און אונטערגעצונדן זיבן הונדערט יידן. אין שקלאָוו, האָט מען

אונדז דערציילט, האָבן זיי אָפּגעווישט פון דער ערד זעקס טויזנט מענטשן. די קינדער האָט מען דאָרט פאַרגראָבן לעבעדיקערהייט. דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך דאָרט געוויגט די ערד.

— איר ווייסט,— מישט זיך אַרײַן סטעפּע,— בײַ אייניקע מענטשן איז אַזוי וויסט געוואָרן דאָס האַרץ, אַז זיי האָבן אַפילו געמיינט, אַז די ייִדן וועט מען אויסקוילען און אונדז וועלן זיי ניט טשעפּען. איצט פרעגן זיי, מיט וואָס איז אונדז בעסער? די מאַמע האָט צו מיר טײַנעס, פאַרוואָס איך ריזיקיר אַזוי און גיי מיט דער טאָרבע אין דאָרף. לעבן „סוועטים דוכאָם"[1] קאָן מען דאָך ניט. איז וואָס, זאָל איך לאָזן מײַנע קינדער שטאַרבן פון הונגער? אַפילו די, וואָס אַרבעטן בײַ די דײַטשן, באַקומען הונדערט דרײַסיק גראַם ברויט אַ טאָג. מײַנע אַ באַקאַנטע צאַנקט מאַמעש און קאָן זיך ניט לייגן אין שפּיטאָל — פאַר יעדן מעָסלעס דאַרף מען צאָלן צען רובל. כּוץ דעם, דאַרף זי נאָך באַצאָלן דעם דאָקטער פאַר דער אָפּעראַציע, דעם אַפּטייקער פאַר די מעדיקאַמענטן.

— און וויאַזוי לעבט מען אין דאָרף? — טו איך אַ פרעג.

— ווען מע זאָל ניט האַלטן אין איין שיסן, וואָלט מען אין וואַלד געקאָנט געפינען אַ שוואָם, אַ פּאָזעמקע. הײַנט די שטײַערן? מע דאַרף זײַן מיט טויזנט קעפּ, קעדיי זיך אָנשטויסן, וואָס די דײַטשן קאָנען צוקלערן. אין איינעם אַ דאָרף האָט דער אָרטיקער קאָמענדאַנט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז בײַ וועמען עס איז מער פון איין פענצטער, דער דאַרף אַרײַנטראָגן הונדערט רובל. אין אַן אַנדער אָרט זײַנען אײַנגעשטעלט ספּעציִעלע שטײַערן פאַר האַלטן הינט, קעץ.

מיט די עקן פונעם קאָפּטיכל ווישט די אַלטע די פײַכטע ווינקלען פון מויל, דערנאָך פאַריכט זי דעם טישטעך און נעמט דערציילן:

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ברײַען? יעדערער האָט זיך זײַן פּעקל צאָרעס. און דעריקער איז, וואָס מע זעט גאָר ניט קיין סאָף צו דער מילכאָמע. מײַנע אַ שכיינע, זי איז עלטער פון מיר אויף אַ יאָר צען, האָט מיר בעסאָד־סוידעס דערציילט, אַז עס זײַנען פאַראַן צוויי פראָנטן — ניט ווײַט פון סטאַלינגראַד און בײַ צאַריצין. אויף איינעם שלאָגן אונדזערע די דײַטשן, און אויפן צווייטן — פאַרקערט. וואָס שמייכל־סטו? — וואַרפט זי אַ בייזן בליק אויף סטעפּען און קערט ווידער אויס דעם קאָפּ צו מיר. — איר ווייסט, ווען מײַן טאָכטער איז געווען אַ באַלעבאָסטע פון וואָלאָסט, האָט זי דאָפּקע געהאַט צײַט צו ריידן מיט מיר, און איצט, זינט דער מילכאָמע, היט זי זיך פאַר מיר מיט אַ וואָרט.

— אוי, מאַמע, ווי מע דאַרף מיט דיר זײַן פאָרזיכטיק! שווײַג שוין בעסער.— סטעפּע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געגומען דערציילן:— אין אונדזער קאַנט בין איך, דוכט זיך, געווען די ערשטע פרוי — אַ פאָרזיצערן פון אַ דאָרפסראַט. דערנאָך האָט מען מיך געשיקט לערנען אין מינסקער קאָמוניסטישן אוניווערסי־טעט. דעמלט טאַקע איז געבוירן געוואָרן מײַן עלטערער זון, עדיק,— סטעפּע האָט איבערגעכאַפּט מײַן בליק.— קוקט ניט אַזוי וואַנטזייגער. ווען־ניט־ווען האָט ער ליב אַ שטיף צו טאָן, און דו, זשאָרע, לאָז אָפּ דער באָבעס פאַרטעך.

— איר האָט ניט מוירע, אַז עמעצער זאָל אײַך מאַסערן?

— איז וואָס קאָן איך טאָן? דאָ, אין שטאָט, ווייסט מען ווייניקער וועגן דעם. אויף דער שכיינעסדיקער גאַס וווינט אַ געוועזענער באַלעגוף, אים גייט איצט אויך

[1] מיטן הייליקן גײַסט (פּויליש).

דורך טיר און דורך טויער, נאָר גראָד פאר אים האָב איך ניט וואָס מוירע צו האָבן. זײַן איינציקער זון, א שאָפער, איז פון די ערשטע אוועק צו די פארטיזאנער. דאָ איז אויך פאראן א לערערן פון אונדזער דאָרף, נאָר איר גלייב איך פונקט ווי זיך אליין. אָט, זעט איר, ווען איך קום אין דאָרף, ציטער איך. אין גארניזאָן האָבן זיך באוויזן עטלעכע אויסוואורפן, וואָס דינען אין פאָליציי, נאָר איך קלער, אז זיי געדענקען מיך ניט.

סטעפען פארטרוי איך, ווי מע קאָן נאָר פארטרויען א ביז גאָר נאָענטן מענטשן, נאָר אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן אנטלויפן אָן איר הילף, וועל איך זי אפילע ניט וואָרענען וועגן דעם. אזוי וועט פאר איר זײַן זיכערער. און דאָך פרעג איך בא איר:

— סטעפאניא אנטאָנאָוונא, וואָס טוט מען?

מײַן פראגע פארכידעשט זי ניט. זי פארשטייט זייער גוט, וואָס עס קימערט מיך.

— ענטפערן אײַך איז מיר אי לײַכט, אי שווער. לײַכט, ווײַל אן אויסוועג איז פאראן בלויז איינער. שווער, ווײַל איך קאָן אײַך נאָך ניט זאָגן וויאזוי. דערווײַל וואָלט איך אײַך געייצעט זײַן זייער פאָרזיכטיק. באם ארײַנגאנג האָט איר פארטשעפעט א מעשענעם טאָץ, און וועלכן איך האָב אמאָל געפרעגלט ווארעניע, האָט איר דאָך געהערט, ווי די פוסטע קיילע האָט זיך צעטומלט. בא מיר זײַנען די פענצטער פארמאכט און פארהאנגען, און דאָך הער איך, וואָס עס טוט זיך אף דער גאס. אָט איצט, אשטייגער, קלאפט עמעצער אין דער קאליטקע. דאָס איז מיסטאם אווראָוו געקומען נאָך אײַך.

סטעפע האָט אראָפגענומען פון דער וואנט און מיר דערלאנגט א קרענצל פארפאליעט־אויסגעטריקנטע צוגעפלעטשטע שוואָמען. זיי האָבן נאָר פארלוירן אין וואָג, נאָר פארהיט דעם טאַם. די שוואָמען זײַנען שוין בא מיר אין קעשענע, און איך וואָלט אוואדע באדארפט איר שטארק אָפדאנקען. נאָר עפשער ווײַל אווראָוו שטייט דאָ ערגעץ גאָר נאָענט, צי עפשער צוליב עפעס אנדערש, נאָר דאָס, וואָס איך זאָג, איז ניט צום אָרט און קלינגט, ווײַזט אויס, נאריש.

— בא אײַער זשאָרען, — זאָג איך, — זײַנען נאָך מער זומער־שפרענקלעך, ווי בא טאָמען, נאָר בא אים זײַנען זיי ליכטיק־געלע, און בא איר טונקל־ברוינע.

איר ענטפער דערגייט צו מיר, ווען איך בין שוין בא די טרעפ:

— מע זאָגט, אז זומער־שפרענקלעך זײַנען א סימען פון מאזל. האלעווײַ זאָל עס עמעס זײַן.

ביזן פארקן באגלייט מיך טאָמע, און ווײַטער איז שוין אווראָוו באלעבאָס איבער מיר. ער וויל וויסן, צי בין איך געווען אן אָנגעלייגטער גאסט און ווי לעבט זיך דער מישפּאָכע. איך ענטפער אים מיט די ווערטער, וואָס איך האָב הײַנט געהערט פון סטעפעס מאמע:

— אף צאָרעס לעבט מען.

די פאלאטע פון „מאלאָכים"

אין לאזארעט זײַנען ווידער אלע בעטלעך פארנומען. ווער זײַנען עס די קראנקע? לײַכט־פארוווּנדעטע בייס דער אָפעראציע קעגן די פארטיזאנער. און אויך אזעלכע, וואָס לײַדן פון פורונקוליאָז, געלזוכט, קרעץ. צוויי פאלאטעס זײַנען אויס־

געטיילט פאַר מאָגן־קראַנקע און דרײַ פאַר די „מאַלאָכים״, וואָס פאַרהאַלטן זיך דאָ ניט לאַנג. דאָ צעשיידן זיי זיך מיט אַן אונטערגעכאַפּטער װענערישער קרענק, ביז מע װעט זיי אַ צווייט מאָל ניט באַשענקען מיט דעם גוטס.

אַלע די, וואָס קלאָגן זיך אַף בויך־ווייטעק, זײַנען אונטער אַ פאַרדאַכט. מע איז זיי כּוישעד, אַז זיי סימולירן. מע וואַרט, אַז ניט הײַנט־מאָרגן וועט אַהער קומען אַ באַוווּסטער דײַטשישער ספּעציאַליסט, וואָס קאָן גלײַך פון דער שוועל אָנווײַזן מיטן פינגער אַף דעם, וועמען עס טוט אַף אַן עמעס ווײ דער בויך. דערמלט מעג מען שוין ניט מעקאַנע זײַן יענע, וואָס דרייען אומזיסט אַ ספּאָדעק. ביז וואָס־ווען באַקומט קיינער ניט קיין מעדיקאַמענטן, כּוץ איינעם, סעליוואַנאָוו איז זײַן פאַמיליע, אים איז דערלויבט דערלאַנגען אַ וואָרעם־פלאַש, מע גיט אים אויך אַמאָל בעלאַ־דאָנע. איינמאָל האָט מען אים מען אַפילע געגעבן אויסטרינקען פון דער מענזורקע אַ ביסעלע ספּירט, צעמישט מיט קאַלט וואַסער.

מיטן גרעסטן קאָוועד פלעגט פּיפּין באַגעגענען די וועגעריקער. די האָבן געקענט אַהער קומען אין אַ באַליביקער שאָ. אייניקע האָבן אָבער געמאַכט פון דעם אַ סאָד. דאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אויסזוכן אַלע וועגעריקער און זיי אָפּפירן צו קראַמעצן. סטעפּאַן שומאָוו האָט זיך באַרימט, אַז ער איינער האָט אַנטדעקט אַ טוץ „מאַלאָכים״.

וויאַזוי קראַמעץ, דער געוועזענער דאַנטיסט, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אַף שאַנקער, ווייסן שוין אַלע. בייזע צינגער דערציילן, אַז ער האָט דער ערשטער אײַנגעהאַנדלט די „מעציִע״. אים, קראַמעצן, האָט געהיילט אַ פּריוואַטער דאָקטער, און בא יענעם, ווײַזט אויס, האָט ער זיך עס אויסגעלערנט די מעלאָכע. אַז פּיפּין הוליעט שוין פון לאַנג, איז שוין אויך קיין סאָד ניט. אַלע שאַבעס נאָך מיטיק פּוצט ער זיך אויס אין עסיק און אין האָניק און גייט ערגעץ אַוועק. אומ־קערן קערט ער זיך אום ערשט זונטיק פאַרנאַכט. אין זײַן אָפּוועזנהײַט איז דער עלטסטער אין לאַזאַרעט אָווראָוו.

קאָנסטאַנטין מאַלצעוון האָב איך שוין אַ לענגערע צײַט ניט געזען, נאָר צווישן די מאָגן־קראַנקע געפינט זיך זײַן פרײַנט יורע גאַניטשעוו. פאַר דער צײַט, זינט איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען, האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ געדיכט בערדל, וואָס האָט אַרומגעזוימט זײַן פּאָנעם. די עטלעכע טעג, וואָס ער איז דאָ, וואַרט איך אַלץ, אַז ער זאָל מיך אָנרופן „זעמליאַק״, דאַן וואָלט איך בא אים געפרעגט, אַף וועלכער גאַס ער האָט געוווינט. נאָר דערווײַל דאַרף ער מיך האָבן נאָר פאַר אַן אופּראַמער, און אויב ער רעדט עפּעס מיט מיר, איז אַלץ קידער־ווידער.

אַף גאַניטשעוון בין איך אויך אין קאַס דערפאַר, ווײַל ער לאָזט מיך ניט רוען דורך די נעכט. ווי נאָר איך נעם דרעמלען, אַזוי הייבט ער אָן צו קאַניוטשען: „אַ וואָרעם־פלאַש! אַ וואָרעם־פלאַש!״

קיין האָן, וואָס זאָל געבן צו וויסן, אַז עס קומט דער פאַרטאָג, איז דאָ נאָענט ניט פאַראַן. נאָר איך ווייס פּינקטלעך, אַז באַלד וועט שאַרײַען אַף טאָג, און אַן אײַנגעקאָרטשעטער פון קעלט ליג איך אַפּן דיל אין ווינקל, און עס ווילט זיך מיר זיך אַליין אײַנריידן, אַז יורען וועט דערעסן ווערן דאָס קרעכצן. נאָר דער טײַוול נעמט אים ניט! וואָס ווײַטער, שרײַט ער אַלץ העכער און העכער. ער קאָן נאָך אופוועקן דעם פעלדשער אָדער גאָר קראַמעצן... מוז מען שוין גיין צו אים

אין דער שכיינעסדיקער פּאַלאַטע. קיין שׂינ צינד איך ניט אָן, און דאָך באַמערק איך, אַז ער שטייט אויף די קני און דעם קאָפּ האָט ער פאַרגראָבן אין קישן. איך טו אים אַ טאָרקע:

— וואָס שרײַסטו? דו ווייסט דאָך, אַז איך קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפן. דו וועסט אַ גאַנצן טאָג כראָפּען, און איך דאַרף וואַשן און ראַמען. כ׳בעט דיך, לאָז מיך נאָך אַ ביסל אַ דרעמל טאָן.

— דער בויך ווערט מיר צעריסן, שטעל מיר אַ קליזמע.

— אָן דער דערלויבעניש פונעם פעלדשער טאָר איך ניט.

— עך, דו, — ענטפערט ער מיר מיט פאַרדראָס, — און נאָך אַ זעמליאַק.

אָנשטאָט זיך צורוקן נעענטער צו גאַניטשעוון בין איך גאָר אופּגעשטאַנען פון זײַן בעטל. ס׳איז בײַ מיר אַ גרויסער צווייפל, צי דאַרף איך אָט די נאַטירלעכע און אַזוי צום אָרט געזאָגטע ווערטער אָנעמען פאַר אַ פּאַראָל. און דאָך פרעג איך:

— פונוואַנען ביסטו?

— וואָרט, זאָל אַ ביסעלע איבערגיין דער ווייטעק. אוי, אוי, פאַרברענט זאָל עס ווערן! איך האָב דיר שוין, דוכט זיך, איינמאָל געזאָגט, אַז פון מאָסקווע.

— מאָסקווע איז ניט קיין דאָרף. אויף וועלכער גאַס האָסטו דאָרט געוווינט?

— אויף פּיראָגאָווסקאַיאַ. דיר איז קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן דאָרט?

— אויסגעקומען.

— אָט זעסטו, און דו זשאַלעוועסט מיר אַ ביסל וואַרעם וואַסער אויף אַ קליזמע.

— נו, מיילע, קום מיט מיר אין פּראָצעדור־צימער. נאָר אויב עמעצער פון דײַנע שכיינים וועט מיך „פאַרקויפן”, קאָן מען מיך דורכטרײַבן צוריק אין לאַגער.

ווי עס פאָדערט זיך פון אַ קראַנקן, לייגט ער זיך אַוועק אויף דער קושעטקע, וואָס איז ביז האַלב פאַרדעקט מיט אַ צעראַטע, און איך נעם זיך אָנוואַרעמען וואַסער. אויב, טראַכט איך, ס׳וועלן זיך דערהערן טריט אין קאָרידאָר, וועל איך אים אויף אָן עמעס מוזן שטעלן אַ קאַנע. איז אויף וואָס וואַרט ער?

— וואָס שטייסטו? — פרעגט ער בייז. — דו זעסט דאָך, אַז איך קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן.

— גאַניטשעוו, — זאָג איך אים, — גענוג זיך נאַריש מאַכן. האָסטו מיר וואָס צו זאָגן, איז רייד צו דער זאַך.

— גוט, איך וועל דיר זאָגן. דו ביסט אַן אייזל, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען, גיי פונדאַנען, און איך וועל זיך שוין ווי־ניט־איז באַגיין אָן דײַן הילף.

— פאַר מיר איז גענוג, וואָס דו ביסט אַזאַ קלוגער, נאָר ווייס: פון דער ערשטער מינוט, וואָס דו האָסט זיך געיאָוועט אַהער, האָב איך באַמערקט, אַז דו סימולירסט.

— באַמערקט? זײַ אַ מענטש און קריג אַ פּאָר פּראָשקעס בעלאַדאָנע.

— פאַר וועמען?

— פאַר יעקאַטערינע דער צווייטער. ניט אַנדערש, ווי דו האָסט אויף דײַן לעבן קיין ווייטעק ניט געפילט.

עפשער מיינט ער טאקע, אז איך בין אזוי נאריש, און דערפאר שפּילט ער זיך מיט מיר, ווי א קאץ מיט א מויז. זאָל זײַן אזוי, שלאָפן וועל איך שוין אלציינס ניט, ווײַל דער כוישעך פון דער נאכט ווערט אנטרונען און עס מערקט זיך שוין א סימען אף טאָג. און דעם פארגעניגן פון א קאנע קאָן איך אים פארגינען. אָט וועל איך אויסקערן דעם קאָרידאָר און דערנאָך אים אָפּפירן צוריק אין פּאלאטע. נאָר איצט, ווען עס איז געוואָרן א ביסל ליכטיקער, קאָן שוין אפילע א בלינדער זען, אז ער איז בלייך ווי די וואנט.

— אנטשולדיק מיר, יורע, דו ביסט ערנסט קראנק?

— יאָ, נאָר קיינער טאָר ניט וויסן וועגן דעם.

— פארוואָס?

— דו געדענקסט אלעקסיי זאבארעון?

— אוואדע. נאָר היילן דארפסטו זיך דאָך?

— מיט וואָס? צי עפשער מיינסטו, אז די פריצן וועלן מיך האלטן אף ד'יעטע.

— דאָס איז עמעס. זאָג, וואָס פארא מעדיקאמענטן דארפסטו, וועל איך פּרווון זיי קריגן.

— אויב מע דארף זיי גאנוועגען, לוינט ניט ריזיקירן. זשעניע סעליוואנאָוו גיט מיר אָפּ אלע זײַנע פּראָשקעס.

— סעליוואנאָוו? — כידעש איך זיך. — ער אליין איז דאָך א שווער־קראנקער.

— אָט, אָט. דו ביסט אזא מייוון, פונקט ווי קראמעץ. לויט פיפינס רעצעפּט גיט מען מיר דרײַ מאָל א טאָג צו א לעפל דיסטילירטע וואסער, און ער איז זיכער, אז ער נארט מיך. עמעס, זײַן פארטרעטער איז, דוכט זיך, קליגער פון אים. סעליוואנאָוו ווערט פון הײַנט אָן זיך אָנהייבן פילן בעסער. קום, דו זעסט ניט, אז עס טרעפט בא מיר קיין צאָן אף קיין צאָן ניט?

אלע דרײַ ווארעם־פלעשער, וואָס עס פארמאָגט דער לאזארעט, האָב איך אָנגע־גאָסן מיט הייס וואסער און זיי אוועקגעלייגט יורען הינטער דער קאָלדרע. ס'וואָלט שוין צײַט געווען זיך נעמען פאר דער ארבעט, און איך קאָן ניט, עס פעלט מיר אלץ פון די הענט. גאָט מײַנער, דאָס לעבן האָט שוין מיט מיר אזויפיל מאָל אײַנגעקנעלט, און פונדעסטוועגן קאָן מען מיך נאָך אלץ נארן. אליין מאלצעוו האָט דאָך מיר דערציילט, ווער גאניטשעוו איז, און אלציינס איז ער פאר מיר דערשינען, ווי אן אקטיאָר, וואָס שפּילט א ריזיקאלע ראָל. אינעם צימער, וועלכן די קראנקע רופן „קליזמאָגראד", האָט ער, ווי ערשט פון דער בינע, אף א רעגע אראָפּגע־וואָרפן דעם פרעמדן אָנצוג, דעם פּאריק, אָפּגעווישט דעם גרים.

פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מעדיצינישער רונדגאנג, האָב איך קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון גאניטשעוון, נאָכגעפאָלגט יעדע באוועגונג זײַנע. מיטאָ־מאָל האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, באקומען א בראַוון אויסזען. אפילע א הויכ־טאלאנטירטער ארטיסט וואָלט געמעגט אים מעקאנע זײַן.

— נו, גאניטשעוו, ווי פילט איר זיך?

— א דאנק, דאָקטער, בעסער.

— איז זאָל איך אײַך עפשער אין א פּאָר טעג ארום אויסשרײַבן?

— גוט, דאָקטער, נאָר אָן דער מיקסטור, וואָס איך באקום דאָ, וועל איך פאר־פאלן ווערן.

— איצט זעט איר? — האָט קראַמעץ גאַדלעסדיק אַ זאָג געטאָן צו אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטשן. — בלויז סעליוואַנאָוו העלפן ניט קיין שום רעפּועס. איר האָט באַמערקט, ווי די נאָז איז באַ אים פּאַרשפּיצט געוואָרן?

— אַ טיפּישער יאַזווענִיק.

— דאָקטער, — דערלויבט זיך סעליוואַנאָוו אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט, — איך פֿיל זיך הײַנט אויך בעסער.

קראַמעץ האָט אָף אַ רעגע אופגעהערט צו מאַלעגיירען דעם סיגאַרעט. ער האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די ווִיִעס, אויסגעסטאַרטשעט די אויגן און אַ שטאָלצער אַ שפּאַן געטאָן איבערן אָנגעוועקסלטן דיל.

— וואָס הער איך? באַווײַזט מיר נאָר אײַער בויך. אָטעמט, שטאַרקער, בייגט אײַן די קני. אָט דאָ טוט ווי, ניין? און דאָ? אויסגעצייכנט! מאָלאָדיעץ! איר זעט, קאָלעגע, ווי גוט עס טאַפּט זיך באַ אים דורך דער בויך. און מיט אַ וואָך צוריק האָט ער זיך ניט געלאָזט צורירן אַפילע. איך ווייס ניט, ווי אײַך, — רעזומירט קראַמעץ, — נאָר מיר איז אַלץ קלאָר. די מאָגן־קראַנקע דאַרף מען היילן מיט ספּירט. ס׳וואָלט נאָך גוט געווען אונטערשיטן אַ גוטע פּאָרציע פּעפּער. איר, אָווערקאָוו, וועט הײַנט אָנשרײַבן אַ געגויעם ראַפּאָרט. זייער זאַך איז געבן די רעפּוע, און איך גאַראַנטיר אויסהיילן אַלע, ביז איינעם. קומט.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מיר גאַניטשעוו איבערגעגעבן: פון די קאַזאַרמעס, וווּ עס געפינען זיך די פּאַרעטער, לאָזט מען איצט קיינעם ניט אָפּ אין שטאָט אַרײַן, און מאַלצעוו מוז זיך דאָ מיט עמעצן טרעפן. מע דאַרף אומבאַדינגט אים העלפן זיך לייגן אָף צוויי טעג אין לאַזאַרעט.

וואָס טוט מען? עפּשער שאַבעס, נאָך מיטיק, ווען קראַמעץ וועט אַוועק אין שטאָט, זיך ווענדן צו אָווערקאָוון. מעגלעך, אַז קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש זאָל אַלץ אײַנאָרדענען. נאָר ער וועט געוויס פרעגן, וואָס פאַר אַ שײַכעס איך האָב צו מאַלצעוון. שלעכט! אַזוי טויג ניט. אָף דעם ריכטיקן געדאַנק בין איך געפאַלן ערשט באַנאַכט, איך בין שוין, דוכט זיך, געשלאָפן. און ווי האָב איך זיך פריִער ניט דערטראַכט דערצו? סטעפאַן שומאָוו! נאָר איין וואָרט, און ער וועט אַלץ אליין אָפּטאָן.

ווען סטעפאַן מיט צוויי סאַניטאַרן זײַנען שאַבעס נאָך האַלב־טאָג אַוועק אין די קאַזאַרמעס באַקומען שפּײַז פאַר די קראַנקע, האָט אים מאַלצעוו אָפּגערופן אין אַ זײַט און אײַנגערוימט אָפן אויער, אַז ער וואָלט זיך געקאָנט ווענדן צו קראַמעצן, נאָר גיכער פאַר אַלץ איז עס אַן אומזיסטער איבערשרעק און ער וויל ניט, אַז נאָך עמעצער זאָל וויסן וועגן זײַן קרענק. איז עפּשער וועט ער זײַן אַזוי גוט, סטיאָפּע, אים ברענגען עפּעס אַ מיקסטור?

אָוואַדע איז שומאָוו אַ צופרידענער גלײַך אַוועק צום הויפּט־דאָקטער. ער האָט אָבער ניט אויסגערעכנט, אַז קראַמעץ זאָל אים אונטערשטעלן אַ פּיסל — אים אליין באַפוילן ברענגען מאַלצעוון.

— זאָרג זיך ניט, סטעפאַן, — האָט פּיפּין אים באַרוִיקט, — מאַלצעוו האָט אַ קאָפּ אָף די פּלייצעס, ער וועט דיך מיט קיין פינגער ניט אָנרירן.

מאַלצעוון האָט פּיפּין באַגעגנט ווי אַן אַלטן גוטנפרײַנט.

— ביז אַהער, — האָט ער געזאָגט, — בין איך געווען דײַנער אַ באַלכויוו, און איצט וועלן מיר זײַן קוויט. איך כידעש זיך נאָר, וויאַזוי ביסטו, דאָן־זשואַן איינער,

אזוי שפּעט אַרײַנגעפֿאַלן צו מיר אין די הענט? אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיך דער־ווײַל אומקערן צו דײַן קאָפּעליע אין קאַזאַרמע. אויב ניט, גיי אין יענער פּאַלאַטע, וווּ דו ביסט דאָס פֿאַריקע מאָל געלעגן. הײַנט האָב איך פֿון דאָרט אויסגעשריבן אַלע קראַנקע. אויב ס'וועט דיר זײַן אומעטיק, איז טו א בעט שומאָוון, וועט ער דיר אונטערזוכן א שאָכן. אָפּגערעדט?

— יאָ, — האָט מאַלצעוו געשמאַק א גענעץ געטאָן און מיט א פֿײַף א שפּײַ געטאָן צווישן די ציין, — אײַער שומאָוו איז פֿון די, וואָס וואַקסן אָן א רעגן. גיכער וועלן שוין טשוועקעס בליִען, איידער איך וועל אים עפּעס בעטן. אָט, זעט איר, די ריפּן וואָלט איך אים, דעם פֿויקער, מיט פֿאַרגעניגן איבערגעציילט. נאָר קיינער וועט אים ניט טשעפּען, ווײַל מע ווייסט, אַז קיין זאַק מיט ציבעלעס וועט איר פֿאַר אים ניט אָפּגעבן. ערגער איז דאָס, וואָס איר גייט אוועק און בא קיין אַנדער דאָקטער, אויב איך בין טאַקע קראַנק, וועל איך זיך ניט היילן.

— זאָרג זיך ניט. די קרענק בעט קיין עסן ניט. מאָנטיק גאַנצפֿרי ביסטו מײַן ערשטער פּאַציִענט, און אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו ווידער זינגען דײַן „טראַ־ליא־ליא". דערווײַל שפּײַ טאַקע אָף אַלץ און היט דאָס געזונט.

טכילעס אָוונט איז מאַלצעוו נעלעם געוואָרן. אומגעקערט האָט ער זיך שפּעט. מיר זײַנען לאַנג געזעסן אינדערפֿינצטער אָף זײַן בעטל און שטילערהייט געשמועסט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן דורכגעריסן דעם פֿראָנט אָפּן דאָן און גרײַפֿן אָן אָף סטאַלינגראַד. אַז נאָך איין פּרוּוו אַריבערפֿעקלען א מענטשן אין וואַלד איז דורכגעפֿאַלן. וואָס וועט ווײַטער זײַן? מאָרגן דאַרף מאַלצעוו אליין זיך טרעפֿן מיט א פּאַרטיזאַנישן פֿאַרבינדלער. צום אָנבײַסן וועט ער זיך באַמיִען אומקערן, נאָר אויב ער וועט ניט קומען נעכטיקן, האָב איך אָף אים מער ניט וואָס צו וואַרטן, און עס וועט אפֿילע בעסער זײַן, אויב איך וועל וואָס גיכער זיך אליין דורכשלאָגן א וועג.

— קאָנסטאַנטין, — האָב איך זיך דערקונדיקט, — וויִאזוי דאַרף איך עס פֿאַרשטיין?

— רוסיש פֿאַרשטייסטו דאָך? איז פֿאַרשטיי בוכשטעבלעך, ווי איך האָב דיר נאַרוואָס געזאָגט. דו האָסט דאָך געבעטן, איך זאָל דיר העלפֿן אַנטלויפֿן פֿונדאַנען? איז אויב איך וועל עפּעס קאָנען אופֿטאָן פֿאַר דיר, וועסטו מאָרגן וועגן דעם וויסן. קוים ניט, ווינטש איך דיר דערפֿאָלג.

— א דאַנק, נאָר עפּעס ביסטו הײַנט צערודערט.

— זאָגן דיר, אַז ניין, וועסטו ניט גלייבן. כאָטש איך קאָן דיר גלײַך אויסזינ־גען מײַן „טראַ־ליא־ליא".

— קאָסטיע, איך בעט דיך, מע דאַרף ניט.

— וואָסי?

— כ'ווייס אליין ניט.

— ווייסט ניט, איז רעד בעסער ניט. א שפּאַרבער, זאָג מיר, האָסטו אַמאָל געזען? ווייסטו דאָך, אַז נאָר א מעווע פֿליט אזוי שיין, ווי ער. נאָר ווער קאָן עס פֿאַרגלײַכן אָט די צווײ פֿייגל? איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז פֿייגל אַנטלויפֿן ניט פֿונעם ווינטער, נאָר זיי טראָגן אוועק דעם זומער. איצט ווייס איך, אַז פֿון דעם ווינטער קאָן מען אַנטלויפֿן, נאָר פֿאַרכאַפּן מיט זיך דעם זומער — דאָס ניט. נאָר לאָמיר בעסער אופֿהערן צו כקירען. אין אָט די וועגט האָב איך זיך צוגעוווינט פֿלאַפּלען נאַרישקײַטן. א גוטע נאַכט. ס'וועט בעסער זײַן, אַז מע וועט אונדז ניט טרעפֿן צוזאַמען.

אף מאָרגן איז קאָנסטאַנטין מאַלצעוו אַוועק פון לאַזאַרעט, און מער האָב איך אים שוין קיינמאָל ניט געזען.

ווי א דולער בין איך אַרומגעגאַנגען, ניט געקאָנט אַרבעטן. וואָס האָב איך נאָר ניט איבערגעטראַכט? אויב מאַלצעוו האָט זיך אומגעקערט אין קאַזאַרמע, האָט ער שוין געוויס אויך דאָרט בא עמעצן אין האַרצן אָנגעצונדן א פֿײַער. נאָר אויב ער איז דורכגעפאַלן און די מערדער קאַטעוועון אים? איך וויל גלייבן, אַז אַזאַ, ווי קאָנסטאַנטין, וועט קיינעם ניט אויסגעבן... און עפשער איז שוין מאַלצעוו אין וואַלד, בא די פּאַרטיזאַנער? דעמלט וועט זיך געוויס יאַוועון אַהער זײַנער א מענטש.

אַנטלאָפֿן

גרויס האָפֿענונג לייג איך אויך אף כראָמאָווס נײַער באַקאַנטער. אויב איר גלייבן, ווייסן שוין די פּאַרטיזאַנער וועגן אונדז און אין מעשעך פון דער קאָמענדי־קער וואָך וועלן זיי מיטיילן, ווי אַזוי און ווּהין מיר זאָלן האַלטן דעם וועג. וואַניע האָט זיך שוין איבערגעפירט צו קראַמעצן אין לאַזאַרעט, און די דאָקטוירים זײַנען אַנציקט פון דעם, ווי ער טרענירט דעם קראַנקן פוס. צוויי מאָל א וואָך לאָזט מען אים אָפּ אף א שפּאַציר אין שטאָט, און דאָס גיט אים א מעגלעכקײַט טרעפֿן זיך מיט דער פאַרבינדלערן.

הײַנטיקס מאָל האָט ער זיך פאַרזאַמט מער ווי שטענדיק. נאָר אָט האָט ער זיך באַוויזן. כאָטש בא יעדער טראָט שפּאַרט ער זיך אָן אַפּן שטעקן מיטן קונציק־אויסגעשניצטן הענטל, באַמערק איך פונדערווײַטנס, אַז עס טראָגט אים, ווי עמע־צער וואָלט אים אונטערגעטריבן. סאַשע מוראַשאָוו טוט מיך א טאַרקע מיטן עלנבויגן. הײַנט גאַנצפרי האָט ער, צוקוקנדיק, ווי וואַניע גייט, געצומען אים נאָכ־קרימען און אָפּשפּעטן: „פאַר יעדן טראָט בוקט ער זיך צום קראַנקן פוס, אַנדערש פאָלגט ער ניט". איצט זאָגט מיר סאַשע, אָנווײַזנדיק אף כראָמאָוון:

— זע נאָר, ווי ער מעסט עס די טראָטוּאַרן?! אף דעם קלעקט אים קויעך, און צוגיין פון בעט אין איינעם אָן אָרט פוילט ער זיך. טראָג אים אונטער די „אוטקע".

— פלאַפּל ניט קיין נאַרישקײַטן, — זאָג איך מיט האַרץ, — דו ווייסט דאָך, אַז איוואַן איז ניט פון יענע.

— איך מעסט זיי אַלעמען אף איין אַרשין. אויב ער איז ניט פון יענע, איז פאַרוואָס איז ער דאָ?

— דאָס ווייס איך ניט. נאָר אויב אַזוי, איז ענטפער מיר בעסער, פאַרוואָס ביסטו נאָך דאָ?

— צוגעגלײַכט! כראָמאָוו איז דאָך געווען אין וואַלד, און צוויי גראַנאַטעס מיט אַן אָנגעלאָדענעם קאַראַבין האָט ער אויך געהאַט מיט זיך, איז טוט מען זיך א דריי צווישן דיביימער און פּיפּטער. איצט וועלן שוין גיכער זײַנע דלאָניעס פאַר־וואַקסן ווערן מיט האָר, איידער ער וועט צוריק ווערן א מענטש. וואָס איז שײַעך מיר, איז פון פינף פינגער קאָן מען מער ווי קיין פֿײַג ניט מאַכן. און דאָך האָב איך פעסט באַשטימט, אַז אויב עמעצן וועט זיך עס אײַנגעבן, וועל איך זײַן דער

צווייטער. וואָס האָסטו אָף מיר אויסגעשטעלט דייַנע קוקערס? גלייבסט מיר ניט?

— ווען איך זאָל ניט גלייבן, וואָלט איך מיט דיר ניט גערעדט, נאָר איך מיין, אַז ווער עס מוז, דער קען. אָבער פון הימל פאַלט גאָרנישט ניט אַראָפּ.

פאַרן אַרייַנגיין אין הויף האָט כראָמאָוו זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם און געוויס אייַנגעשלונגען די ווערטער, וואָס ער האָט מיר אין מוראַשאָווס אָנווענזהייַט ניט געקאָנט זאָגן. ערשט אין אַ שאָ אַרום, ווען אונדז האָט זיך אייַנגעגעבן פאַרבלייַבן אַליין, האָט ער מיר געזאָגט:

— טאַנץ, ברודערקע, — מיר האָבן אַ בריוו פון וואַלד. שאַבעס אָפּדערנאַכט וועט אין דאָרף, באַם טייַך, וואַרטן אָף אונדז אַ מענטש.

— דער בריוו איז באַ דיר?

— ניין. איך האָב מוירע געהאַט אים טראָגן מיט זיך. וועסט לאַכן, נאָר מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָף מייַן פּאָנעם איז אָנגעשריבן, וואָס איך פאַרמאָג אין קעשענע.

— מאַטער ניט און דערצייל גיכער, וואָס איז דאָרט געשריבן.

— אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, האָט מייַן באַקאַנטע זיי אַלץ דערציילט וועגן מיר.

— זעסטו?

— דערווייַל איז עס נאָר אָף פּאַפּיר. בייזער זיך ניט. איך בין ניט פון די, וואָס קאָנען איבערקלערן. פּונקט ווי דיך, שרעקט מיך נאָר איין זאַך — ניט אַרייַנפאַלן קיין לעבעדיקער ווידער צו די דייַטשן אין די הענט. די פּאַרטיזאַנער פאָדערן, איך זאָל קומען מיט געווער. איז ווי באַקומט מען אַרויס די ביקס? און ווען איך זאָל זי שוין אַפילע האָבן, קאָן איך סייַוויסיי מיט איר ניט דורכגיין די שטאָט.

— באַ אוּוואַראָוון אין צימער ליגן צוויי גראַנאַטעס.

— וואָס זשע שווייַגסטו? — האָט כראָמאָוו זיך אַזש אויפגעזעצט אין בעטל. — אין דער לעצטער שאָ דאַרף מען אומבאַדינגט אַלץ אַרויסבאַקומען. זעסט, אָט דאָס פלעשעלע סאַמאָהאָן וויל איך שענקען פּיפּינען. נאָר פריִער פון אַלץ דאַרף איך זיך גוט באַקאַנען מיט די געסעלעך און הויפן, דורך וועלכע ס'וועט אויסקומען דורכגיין, אָבער דאָס וועלן מיר נאָך גוט באַקלערן.

גראָד אין דער לעצטער נאַכט האָט מיר דאָ קיינער ניט געשטערט גוט זיך אויסשלאָפן. צום ערשטן מאָל האָט אַ גוטער כאָלעם פאַרבלאָנדזשעט אין מייַן אופגערודערטן מויעך, נאָר אופגעשפּרונגען בין איך אַזוי פרי, אַז ביז עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אָף טאָג, האָב איך זיך שיר ניט אויסגעקוקט די אויגן. שאָענלאַנג האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּוועגדן פון די טונקעלע שויבן, ביז איך האָב ניט דערזען די אומקלאָרע קאָנטורן פון וואַלד.

נאָך איידער די קראַנקע זייַנען אופגעשטאַנען, האָב איך באַוויזן אויסקערן און אויסוואַשן די דילן, אַרומווישן דעם שטויב פון די בעטלעך, פון די שאַפּקעלעך, און ווייַל קיין לענגערער שאַבעס איז נאָך אָף דער וועלט ניט געווען, האָב איך געגומען העלפן מוראַשאָוון אופראַמען זייַנע פּאַלאַטעס. דערנאָך האָב איך זיך פאַרקליבן אָפן בוידעם, ווידער געשאַרפט דאָס מעסער, נאָר ווייַטער וואָס צו טאָן האָב איך שוין ניט געוווּסט.

אך, ווי עס ווילט זיך, אז עס זאָל שוין זײַן מאָרגן! נאָר לויטן שאָטן, וואָס גייט איצט נאָך פּוסטריט שומאָוון, וועלכער שפּאַנט איבערן הויף, ווייס איך, אז ס'איז ערשט האַלב־טאָג.

אויב עס וועט אונדז אַלץ אָפּגיין גלאַט, וועט מען צום אַלעמערשטן דאַרפן העלפן מוראַשאָוון און וועטלוגינען. מעגלעך, אַז קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש און אַפילע אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש זײַנען נאָך ניט אײַנגאַנצן קיין פּאַרפאַלענע מענטשן. קראַמעצן, אָט דער טעמפּער איבערגעפּרעסענער כײַע, בין איך אַ דאַם־סוינע. אָבער סטיאָפּע שומאָוון, ניט געקוקט אויף זײַן קנעכטישן שמייכל, ניט געקוקט אויף אַלץ, וואָלט מען אויך באַדאַרפט אויסשטרעקן אַ האַנט. טפו זאָל עס נעמען! מע דאַרף נאָך דרײַ מאָל אויסשפּײַען איבערן לינקן אַקסל, אַז אונדזער פּלייטע זאָל זיך אײַנגעבן, און איך טראַכט שוין וועגן שומאָוון, וואָס האָט די ווערט, מע זאָל אים געבן מיט אַ פלאַקן איבערן קאָפּ.

און וואָס זאָל איך זאָגן טאָמען, אויב זי וועט קומען אַהער מיט איר ציג? דאָ קאָן איך בײַ אַ נויט פּרוּוון אָפּנאַרן וועמען איר ווילט, נאָר ניט קיין קינד. איך וועל בעסער זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. אַ שאָד, וואָס בײַ סטעפּען איז ניט פאַר־בליבן מײַן היימישער אַדרעס. זי האָט דאָך מיר אַנומלטן אַליין געזאָגט, אַז ווען יעדער איינער זאָל דערציילן וועגן זײַנע כאַווירים, וואָלט ניט געווען קיין „אומ־באַוווּסט פאַרפאַלענע". אויב מיר וועט הײַנט זיך ניט אײַנגעבן אַרויסרײַסן פון קלעם, וועלן מײַנע אייגענע אַפילע ניט וויסן, ווו מײַן געביין איז אַהינגע־קומען.

מײַנע אייגענע... אין דער פעסטונג האָב איך באַגעגנט איינעם אַ געפאַנגענעם, וואָס האָט זיך געפּרוּווט דערקלײַבן פון דאָרעם־אוקראַיִנע קיין ווײַסרוסלאַנד. עס האָט אים ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן אַהיים, קעדיי אָפּגעבן דאָס לעבן דאָרט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. געכאַפּט האָט מען אים שוין גאָר נאָענט פון זײַן דאָרף. און איך האָב עס באַדאַרפט אויסהערן, ווי ער האָט דערציילט זײַנעם אַ שאָכן וועגן די יידישע קאַלאָניעס, ווו מײַנע עלטערן, מײַן שוועסטער מיט איר פאַמיליע האָבן געוווינט. אַ פאַרוווּנדעטער, האָט ער זיך דאָרט באַהאַלטן אין סטעפּ און ווייסט, אַז נאָכן אַראָפּנעמען דאָס ברויט און די ווײַנטרויבן האָט מען די פרויען מיט די קינדער צעשאָסן אין די באַלקעס, און די מאַנצבלען לעבעדיקערהייט פאַר־גראָבן אין אַ פאַרלאָזטער שאַכטע.

עמעצער קריכט אַפּן לייטער. ווען כ'דערהער אַ פּײַף, ווייס איך שוין — סאַשע זוכט מיך. איך באַמערק, אַז ער איז באַשאָטן מיט עפּעס ווײַס, ווי אַ מילנער. לאָזט זיך אויס, אַז אוווראַוו האָט אים געהייסן צונויפלייגן די פאַרבליבענע זעק מיט קאַלך. שלעפּן די פּאַפּירענע זעק איבערן דיל קאָן מען ניט, ווײַל דאָס פּאַפּיר רײַסט זיך, אופהייבן זיי קלעקט אים ניט קיין קויעך. קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש האָט אים געייצעט נעמען עמעצן צוהילף. דערפאַר טאַקע זוכט ער מיך.

סאָפּקאָלסאָף האָט געגומען דעמערן. די קאָרטנשפּילער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפקלײַבן צו זייער טיש. איך האָב גענומען אַן עמער הייס וואַסער, אַ שמאַטע און זיך געלאָזט צו אוווראַווס צימער.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, איך וועל בײַ אײַך אופראַמען, — האָב איך גע־זאָגט, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון זײַן צימער.

— זע נאָר, ווען ער האָט זיך עס דערמאָנט וועגן דעם! — און זײַנע געדיכטע ברעמען האָבן זיך א הייב געטאָן.

— גאנצפרי האָב איך אײַך ניט געוואָלט וועקן. באַטאָג איז בא אײַך קראַמעץ געזעסן. פאר זײַן אוועקגיין פון לאַזארעט האָט ער מיך געוואָרנט, אז מאָרגן זאָל ער בא אײַך קיין שטויבעלע ניט געפינען.

איך ווייס שוין, אז הײַנט וועט אוועראָוו אויסשפּילן, הײַנט וועט אים גיין די קאָרט און ער וועט א כאַפּ טאָן א היפּשע פּויטעקע. נאָר ער ווייסט דאָך ניט דער־פון. די פּײַכט־גלאַנציקע אויגן זײַנען בא אים פארלאָפן מיט קאַס. אים ווילט זיך גיכער אָפּטשעפּען פון מיר.

— וועסט מאָרגן אופראַמען, און איצט גיי כאַפּ א דרעמל.

אים איז לײַכט צו זאָגן „מאָרגן״, נאָר איך טאָר פון אים ניט אָפּשטיין, ווי ער זאָל זיך ניט בייזערן. ער קאָן זיך דאָך עפּעס אָנשטויסן. צײַטנווײַז דוכט זיך מיר, אז איך שטיי פאר אים, ווי פאר א רענטגען־אפּאַראַט, און ער זעט מיך אַף דורך־און־דורך.

— איר, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, האָט מיסטאמע פארגעסן, אז זונטיק איז ניטאָ קיין הייס וואַסער און בא אײַך אין צימער שמעקט שוין מיט הערינג. דער־לויבט, — כאַפּ איך בייסמײַסע די נאַסע שמאַטע און טו זי א פליוך אַזוי, אז אַפּן דיל ווערט א היפּשע קאַליוזשע, — זאָרגט זיך ניט, עס וועט דאָ באַלד אַלץ פינקלען. די טיר וועל איך אליין פארשליסן און דעם שליסל אײַך אָפּטראָגן.

אז אַלץ וועט מיר קומען אַנטקעגן, האָב איך זיך ניט גערעכנט, נאָר איך האָב אויך ניט געקלערט, אז שוין פון סאַמע אָנהייב וועט עס מיר אָנקומען אַזוי שווער. מײַלע, איך בין אים מוחל די דרײַגאָרנדיקע קלאָלע, מיט וועלכער ער האָט מיך באַשאָנקען פארן אוועקגיין.

פון אונטערן בעטל שלעפּ איך ארויס א פארשטויבט פּאַניער־קעסטל, אין וועלכן עס זײַנען אָנגעשטאָפּט קויטיקע וויקלשנורן, א צעריסן וואַטאָווע לײַבל — און, א דאַנק דיר גאָט, די גראַנאַטעס זײַנען אויך דאָ. ווען עס גליקט מיר נאָך אַפּ און עס טוט א גאָס פון הימל א מאַבל. נאָר ניין, עס שמעקט אפילע ניט מיט קיין רעגן. אין עטלעכע שאָ ארום וועט די לעוואָנע מיסטאַם, ווי אַפּצולאָכעס, ארויס־שטעקן איר נאָז.

די עטלעכע צענדליק שפּאַן ביז כראָמאָווס פּאַלאַטע ציִען זיך אומענדלעך לאַנג. דאָרט, אין דער פּאַלאַטע, איז קיינער ניטאָ. אין דער פינצטערניש טאַפּ איך אָן אונטער זײַן קישן דעם אופגעלאָפענעם פעלד־טאַש. צווישן די אינווייניק־סטאַר־טשענדיקע קאַרטאָנדלעך, וועלכע כראָמאָוו האָט אומיסטן ארײַנגעשטופּט, ליגט שוין מײַן מעסער. די גראַנאַטעס לאָז איך אויך אראָפּ אהין.

ווען אוועראָוון גייט א שלעכטע קאָרט, איז ער אויסערלעך רויק. קיין איבעריק וואָרט וועט איר פון אים דעמלט ניט הערן. הײַנט איז ער אַזוי פארהאַוועט, פאר־טראָגן, אז מיר קומט אויס א צווייט מאָל איבערכאַזערן:

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, אָט איז אײַער שליסל.

צוזאַמען מיטן היפּשן פּעקל דײַטשישע מאַרקעס, וואָס ער האָט נאָרוואָס אויס־געשפּילט בא כראָמאָוון, פארוקט ער אין קעשענע דעם שליסל, און ווי נאָר איוואַן שפּאַרט זיך אָן אין זײַן שטעקן און הייבט זיך אויף פון אָרט, אַזוי שטייט אויך אויף אוועראָוו און פרעגט בא אים:

— ווּ זשע איז דער בראַנפן, וואָס דו האָסט אונדז הײַנט צוגעזאָגט? דו ווייסט דאָך, אַז מײַנע בעסטע מײַכאָלים זײַנען אַ שטאַרקע גלאָז בראַנפן און אַ שטאַרקע גלאָז טיי. אויב דו האָסט קיין געלט ניט, איז שעם זיך ניט, כ'וועל אויסלייגן.

— זאָרגט זיך ניט, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, פאַר די זייגערלעך קומט מיר נאָך געגוג, נאָר דער קראַנקער פוס האָט זיך פּלוצעם צעפּעסטעט, און גיין דאַרף איך איבער קרומע געסלעך, דאָרט איז פינצטער, כאָטש נעם זיך אַרויס די אויגן. סײַדן „מײַן דענשטשיק",— באַוויזט ער אָף מיר,— זאָל מיך באַגלייטן. איז אָבער די אורלויב־שײַן בלויז פאַר מיר. עפּשער וועט איר עפּעס צושרײַבן אָף מײַן פּאַפּירל?

אַלע קאָרטנשפּילער וואַרטן מיט אומגעדולד אָף אוועראָווס ענטפער. נאָר בײַ יענעם איז די צונג ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. פּלוצעם האָט ער מיט צעהווידעטע טריט אַ מעסט געטאָן דעם דיל, אַ שויבער געטאָן די ניט צוגעקעמטע האָר און מיט אַ קאָל, וואָס דערלאָזט ניט קיין דערווידערונג, אַ זאָג געטאָן:

— צושרײַבן? דאָס איז אויסגעשלאָסן! נאָר אויב דו זאָגסט צו באַלד זיך אומקערן, קאָן איך אײַך ביידן אַרויספירן פון לאַזאַרעט־הויף און אַפילו אַ ביסל באַגלייטן. געמאַכט?!

— געמאַכט,— ענטפערט כראָמאָוו, און מיר הייסט ער אַרײַנגיין צו אים אין דער פּאַלאַטע און פאַרכאַפּן זײַן פעלד־טאַש, וואָס ליגט בײַ אים אונטערן קישן.

דער אימפּעט טראָגט אונדז טאַקע, נאָר כראָמאָוו, וואָס פאַרמאָגט דאַפקע אַ ביז גאָר שאַרפע ריִע, פאַרגלייבט מער די אויערן, ווי די אויגן. ער האָט זיך שוין ניט איין מאָל איבערצײַגט, אַז ווען עס פאַלט צו די נאַכט, האַלטן זיך די דײַטשן וואָס ווײַטער פון די טויבע פאַרקנס מיט די שמאָלע קאַליטקעס. אַפילו די פּאַטרולן שפּאַנען ניט איבער די טראָטואַרן, נאָר אין דער מיט פון גאַס. נאָך יעדע עטלעכע טריט שטעלן מיר זיך אָפּ און הערן זיך אײַן אין דער אָוונטיקער שטילקײַט. אינעם געסל שטייען די הילצערנע שטיבער אַזוי געדיכט, אַז עס דוכט זיך — כאַפּ זיך נאָר אַרוף אָף איינעם פון די דעכער, וועסטו שוין דערנאָך קאָנען אַריבערשפּאַנען פון איין שטוב אָף דער צווייטער און ניט נאָר פון הויז צו הויז, נאָר פון קוואַרטאַל צו קוואַרטאַל.

ניט דערגייענדיק צום ראָג, ווו עס הייבט זיך אָן דער הויפּט־טראַקט, פאַרטײַע איך זיך צווישן דיביימער, ביז אין דער שטילקײַט דערטראָגט זיך צו מיר ניט כראָמאָווס הוסט. און אָט זײַנען מיר ווידער אין אַ שמאָל פינצטער סיטקעלע. אויב עס צאַנקט ערגעץ אין אַ שטוב אַ לאָמפּ, זײַנען די פענצטער פאַרהאַנגען, די לאָדן פאַרהאַקט. ווען איך זאָל דאָ זײַן איינער אַליין, וואָלט איך מיסטאָם באַדאַרפט טאַפּן מיט די הענט די לופט, נאָר אַלציינס וואָלט איך ניט געטראָפן צום אָרט, ווו עס דאַרף אָף אונדז וואַרטן דער פּאַרטיזאַנישער שאָליִעד.

איצט גייען מיר גיך. דעם שטעקן האָט כראָמאָוו אַוועקגעוואָרפן. איך הער, ווי ער סאָפּעט שווער. לויט מײַן כעזשבן, האָבן מיר שוין בײַ צוויי קילאָמעטער דורכגעמאַכט. דוכט זיך, אַז מיר זײַנען שוין פאַרבײַגעגאַנגען דעם האָלץ־קאָמבינאַט. „דוכט זיך", ווײַל אַליין בין איך דאָ קיינמאָל ניט געווען און גלײַכער איז דערווײַל זיך אָפּהאַלטן פון רייד. דער קאָמבינאַט שטייט אויך באַם טײַך, נאָר דאָרט, ווייסן מיר, איז אַרויסגעשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך.

מײַן כעזשבן איז א ריכטיקער. ווײַל אָט שפאנען מיר שוין איבער דער שמאָלער אײַזנבאן־קאָלייע. אויב אפילע דאָס איז אונדזער לעצטער וועג, זײַנען מיר שוין אלציינס אריבערגעטראָטן פון איין לעבן אין א צווייטן. קיין לעבעדיקע וועלן מיר זיך ניט אונטערגעבן. וועט עמעצער פון דער וועלפישער האָרדע פרווון אונדז אָפשטעלן, לאָזן מיר גלײַך אין גאנג א גראנאטע.

פון ערגעץ דערטראָגן זיך פארטויבטע קלאנגען, דאָס בילן פון הינט. די נאכט איז קיל, נאָר ניט גענוג נעפלדיק. מיטאמאָל ווערט צעשניטן די כאשכעס, ווי דער הימל וואָלט זיך געשפאָלטן. מיר זײַנען שוין אין פוסטן פעלד, און די בלענדיקע שײַן פון די פראָזשעקטאָרס קאָן זיך פארטשעפען בלויז אין אונדז. מיר פאלן צו צו דער ערד. אך, ווען זי וואָלט זיך איצט געשפאָלטן, די ערד, און אונדז אויסבאהאלטן כאָטש אף עטלעכע מינוט!.. נאָר קיין ניסים געשעען ניט, דאפקע ווען דו דארפסט.

מיטאמאָל ווערט פינצטער, און באלד רײַסט זיך ווידער דורך דער שטראל און פארבלענדט מיר די אויגן. אזוי כאזערט זיך איבער צוויי, דרײַ, פיר מאָל... ווי פארסאמטע לאָזן מיר זיך לויפן. וואניע איז, דוכט זיך, ארײַן אין א ריוו. לויטן קלאנג פון זײַן שטילן פײַף פויזע איך צו אים, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפ פון דער ערד.

לאנג זיך פארהאלטן טאָרן מיר ניט. זאָל זײַן אף אלע פיר, נאָר וואָס גיכער אוועק פונדאנען.

דער מענטש פון וואלד, וואָס באגעגנט אונדז אפן אָפגערעדטן אָרט, איז פעטיע — א צוועלפיאָריק ייִנגל, וואָס האלט א וועסלע אין דער האנט. אָן איבעריקע רייד פירט ער אונדז איבער א גאָרטן, דערנאָך איבער א פרוכט־סעדל. מיר מאכן עטלעכע צענדליק טריט בארג־אראָפ, און אָט שפאנען מיר שוין איבערן אײַנגעטאָפטשעטן זאמד באם ברעג טײַך, ביז מיר טרעפן אָן אף א שיפל, וואָס ליגט איבערגעקערט מיטן דנאָ ארוף. אפילע אין אָט דער טויטער שטילקײַט הערט מען קוים, ווי עס פליעסקעט זיך דער שלעפעריקער טײַך.

פאָרזיכטיק־שטיל קערן מיר איבער דאָס שיפל און שטופן עס אָפ אין טײַך ארײַן. פאר געציילטע עטלעכע מינוט האָט זיך אין דעם אָנגענומען אזויפיל וואסער, אז כאָטש טשערפע מיט אן עמער. אף אזא צעטרעסקעטער „מולטער" וועלן מיר אָט דעם ברייטן טײַך געוויס ניט איבערשווימען. דעריבער מוזן מיר פאָלגן אונדזער יונגן פרײַנט און זיך לאָזן צום שכיינעסדיקן דאָרף, וואָס ליגט אויך אפן רעכטן ברעג. דאָרט, זאָגט ער, זײַנען פאראן עטלעכע שיפלעך, און כאָטש אלע זײַנען זיי צוגעקייטלט און פארשלאָסן אף שלעסער, וועט ער דאָך זיך געבן אן אייצע. ניט ווײַט פון טײַך וווינט זײַנער א קאָרעוו, און אין א נויט וועט ער קומען צוהילף.

און אָט שטייען מיר פאר א דאָרפיש־ברייטער טיר, וואָס וועט, דוכט זיך, קיינמאָל פאר אונדז זיך ניט אופעפענען. צולייגן ווי געהעריק צו איר א פויסט האָבן מיר מוירע, אז עמעצער זאָל ניט דערהערן, אָבער שטילערהייט שקראבען אין פענצטער קאָן מען ביז פארטאָג. צום גליק אָבער האָב איך דאָס מאָל ניט געטראָפן. דער באלעבאָס איז, ווײַזט אויס, ניט פון די כאפנדיקע. צו אונדז דערטראָגן זיך ניט געײַלטע שארנדיקע טריט. מיר הערן, ווי דער מענטש פארגייט זיך אין א לאנגן גענעץ, ער פארגינט זיך אויך אויסזידלען די ניט געבעטענע

געסט. ער קאָן זיך עס פארגינען, ווײַל ניט קיין פּאָליצײַ און ניט קיין דײַטש וואָלט אזוי דעליקאט אים ניט געוועקט.

נאָך שווערער איז עפּעס דערשלאָגן זיך בא דעם מענטשן. אויב איר ווילט, איז ער אפילע גערעכט. די וואכלײַט אף דער בריק, וואָס איז גאָרניט אזוי ווײַט פונדאנען, פארמאָגן ניט נאָר ראקעטניצעס, נאָר אויך א קוילנוואָרפער. איז ווי קאָן ער, א טאטע פון קינדער, די שוועל אפילע אריבערטרעטן? מיילע, דאָס שיפל, וואָס איז אים גאָרניט אזוי גרינג אָנגעקומען, איז ער שוין גרייט אָפּצוגעבן, — ברענט עס אפן פײַער, נאָר נישט דעם שליסל, נישט די וועסלעס וועט ער אונדז ניט געבן. ער קאָן דאָס ניט טאָן, ווײַל, זאָגט ער, אפילע א באָק וועט זיך אָנשטויסן, אז אזעלכע זאכן וואלגערן זיך ניט אפן ברעג און ס'איז ניט אזוי לײַכט זיי צוגאנגווענען פון דער שטוב.

לאנג אמפּערן זיך קאָנען מיר ניט. די צײַט שטייט ניט. און אויך דער באלעבאָס וויל וואָס גיכער פון אונדז פּאָטער ווערן. וועגן דעם דערמאָנט אים אויך זײַן פרוי. ער קווענקלט זיך נאָך א רעגע און גיט אונדז אליין א גוטע אייצע:

— דאָס עקסטע רינגעלע פון דער קייט קאָן מען אפילע מיט די הוילע הענט צערוקן, איז נאט אײַך אן אָפּצווענגע, נאָר ארויסוואַרפן זאָלט איר זי אינמיטן טײַך.

קימאט ביז די קני אין קאלט וואסער, טו איך מיט די לעצטע קויכעס א שטופּ דאָס שיפל, און מיט מאטערניש וואלגער איך זיך ארײַן אין דעם.

דער אופגעוועקטער טײַך שווײַגט ניט. אויב מע זאָל זיך גוט אײַנהערן, ווי מיר אליין טוען עס, קאָן מען מיסטאם פון העט־ווײַט אופכאפּן דעם געפּליעסק פון דער וועסלע און דאָס טויבע כליופּען פונעם טונקעלן וואסער, וואָס איך טרײַב מיטביידע הענט. ווי בא א לעבעדיקער באשעפעניש, בין איך גרייט זיך בעטן בא דעם טײַך בערעזינא: „בייזער זיך ניט און גיב אונדז ניט אויס מיט דײַן טומל"...

— רודערט גיכער! — זאָגט פּעטיע שטיל צו כראָמאָוון.

איך רוק זיך צו נעענטער צו וואניען און כאפּ זיך אָן פארן גלאט־פּאָלירטן הענטל פון דער וועסלע. ס'איז פּונקט צו דער צײַט, ווײַל א ריפּטל לעוואָנע מיט די צוויי הערנער אף ארופצו קלײַבט זיך שוין אויך ארײַנפאלן אין דער בערעזינא. דערווײַל ראנגלט זיך די לעוואָנע מיט צוויי שטיקער וואָלקנס, וואָס ווילן זי ניט ארויסלאָזן אף דער פרײַ. נאָר דאָס קאָן דאָך זײַן ניט אף לאנג, און מיר דארפן נאָך אײַנעמען קי־מאט א דריטל פונעם טײַך. און מיטאמאָל — א העלער ליכט־פּאס פליט ארוף צום הימל, שטעלט זיך אָפּ אף א ווײַלע און פארשווינדט. נאָך דער ערשטער ראקעטע — א צווייטע, וואָס צעשיט זיך ווי א בעזעמל. מיר ווייסן, אז לאָזן פייערווערק קאָנען זיך די היטלעראָווצעס פארגינען אויך גלאט אזוי. נאָר אין די הענט קומט צו אזא קויעך, אז די הילצערנע וועסלע האלט ניט אויס און צעברעכט זיך אפּצווייען.

צום גליק האָבן די פיס אָנגעטאפּט דעם גרונט. שווימען אינעם אָנטאָן איז אונדז ניט אויסגעקומען, אָבער צום ברעג האָבן מיר זיך דערקליבן שוין פיטש־נאסע.

ווײַטער האָט אונדז פּעטיע אָן א וועג, אָן א שטעג געבראכט צו א לאָנקע, ווו די בלאָטע איז געווען געדיכט, צו א טאָל, וואָס איז פארוואקסן געווען מיט געדיכטע קוסטעס, און ערשט דערנאָך, ווען מיר זײַנען דורכגעגאנגען א שטיק פעלד, זײַנען מיר ארײַן אין אן עמעסן וואלד.

כאָטש מיר האָבן נאָך געשפּאַנט געהיט, ווי מע וואָלט אויך דאָ געלאָקערט נאָך אונדז, איז די סטעזשקע, וואָס פּעטיע האָט געזוכט און געפונען, פאַר אונדז געווען טויזנט מאָל טײַערער, ווי ווען מיר וואָלטן אַנטפּלעקט אַ נײַע פּלאַנעטע אין וועלט־רוים.

וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ וועג פון אַ גוטע צוואַנציק קילאָמעטער. שוין אַף דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע האָבן מיר פון מידקײַט זיך אַ וואַל־גער געטאָן אַפן גראָז. איך האָב אײַנגעטעמט אַ פולע ברוסט מיט פרישער פּאַרטאַ־גיקער לופט, און מיר האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט אַ ווילדן געשריי טאָן. אַ געשריי טאָן מיט סינע, מיט צאָרן... אָדער גאָר אַ פאַרשטומטער זיך צורירן מיט די ליפּן צו יעדער בוים, צו אָט דעם אַראָפּגעפאַלענעם געלן בלאַט און שעפּטשענדיק אָנזאָגן: איך בין אַנטלאָפן! איך בין אַנטלאָפן און וועל נעקאָמע נעמען.

דאָס איז געווען אין אָנהייב האַרבסט פון יאָר 1942.

אַרום־און־אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז מע האָט געקאָנט ביט נאָר זען, נאָר הערן, ווי די נאַכט טרעט אָפּ.

קימאט א לעגענדע



אין פינצטערן קעלער איז געווען אזוי ענג, אז בלויז אפן פינפטן אָדער אפן זעקסטן טאָג, ווען דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע מע האָט פארטריבן אהער, איז שוין אומגעקומען, האָט מען געקאָנט געפינען אן אָרט אף זיך צולייגן, דערבײַ בלויז אף א זײַט און ניט מער, ווי אף א פּאָר שאָ.

יעדער מאָל, ווען מע פלעגט עפענען די טיר אף ארויסטראָגן די געשטאָרבענע, האָט דער וואכמאן געפרעגט:

— נאָך לאנג צו ווארטן, ביז איר וועט אלע אויספּייגערן?

— לאנג, — פלעגט שטענדיק ענטפערן איין און דער זעלבער מענטש.

איינמאָל האָט דער עלטסטער וואכמאן א זאָג געטאָן:

— איר זײַט אונדז שוין דערעסן, נאָר ס׳איז ניטאָ קיין באפעל מאכן קאפּוט מיט אײַך. איז עפשער געגנוג צו ציִען? דערשטיקט איינער דעם צווייטן, און אן ענדע זאָל נעמען!

דער זעלבער מענטש, וואָס פלעגט ענטפערן: „לאנג!", האָט פון דער פינצטער א געשריי געטאָן:

— אַף דעם וועט איר זיך ניט דערוואַרטן!

דעם דאָזיקן מענטשן האָבן די פאַרורטיילטע ניט אויסגעוויילט פאַר זייער עלטסטן. ניט אַלע האָבן אַפילו געוווּסט זײַן נאָמען. בלויז באָריס ציבולסקין און שלומע לייט־מאַנען האָט ער געזאָגט, אַז ער הייסט אַלעקסאַנדער און זײַן פאַמיליע איז פּעטשער־סקי. אין לאַגער פאַר די קריגסגעפאַנגענע האָט מען אים גערופן סאַשקאָ.

ניין, קיין עלטסטער איז ער ניט געווען, נאָר געפאָלגט האָבן אים אַלע.

ווי נאָר מע האָט זיי פאַרטריבן אַהער, האָט איינער פון די אסירים מיט אַ געפּאַ־לענער שטים געזאָגט:

— מיר דאַרפן נאָך דאַנקען די דײַטשן, וואָס זיי האָבן אונדז גלײַך ניט דער־שאָסן...

אָט דאַן האָט מען צום ערשטן מאָל דערהערט סאַשקאָס שטים:

— הער נאָר דו! אויב דו ווילסט ניט, איך זאָל זיך אַ נעם טאָן צו דיר, איז ווער בעסער גלײַך אַנשוויגן!

און אַנדערשמאָל האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן אַזוי דאָ אַלע פון זינען אַראָפּ: זיצן און וואַרטן אויפן טויט. זאָל יע־דערער דערציילן עפּעס, וועט כאָטש די צײַט זיך אַ רוק טאָן.

אין קעלער איז געוואָרן אַ גערודער. דער וואַכמאַן האָט גענומען קלאַפּן מיט דער ביקס אין טיר.

— טומלט ניט, — האָט סאַשקאָ באַרויִקט די מענטשן, — צײַט קומען צו־זיך. אַפילו באַ אַ לויט האָפענונג טאָר מען ניט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ. לאָמיר זיך צוערשט צווינגען אַרויס פון הינערפּלעט. פאַראַן באַלאָנים אָנצוהייבן? ניטאָ, וועל איך זײַן דער ערשטער...

וועגן וואָס האָט ער געזאָלט דערציילן? אַרום אים זײַנען געזעסן ניַין און צוואַנ־ציק קריגסגעפאַנגענע. אַהער אינעם פינצטערן קעלער, וואָס צווישן זיך האָבן זיי אים גערופן „מינסקער קאַרצער" און באַ די דײַטשן האָט ער געהייסן „יודען־קעלער", האָט מען זיי אַלעמען געבראַכט אַף צו פאַרניכטן. אין אויגוסט 1942 האָט מען פון די לאַגערן פאַר סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע אָנגעהויבן אָפּטער אָפּשיקן גרעסערע פּאַרטיעס אַף צוואַנגס־אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. פאַרן אָפּפירן צום וואָקזאַל פלעגט מען ווידער אַלעמען אונטערזוכן, עס זאָל כאָלילע זיך ניט דורכשמוגלען אין „פאַטער־לאַנד" קיין ייִד. אָט אַזוי האָט מען די דרײַסיק געכאַפּט, און פאַר זיי הונדערטער, וואָס זײַנען שוין אַף דער וועלט ניטאָ.

ער האָט דערציילט וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז דאָס איז זײַן כויוו צו דערציילן, — פאַרוואָס געפינט ער זיך איצט אין געפאַנגענשאַפט.

אין עלטער פון זיבעצן יאָר האָט סאַשע פּעטשערסקי געאַרבעט אין די ראָסטאָ־ווער אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן און איינצײַטיק פאַרענדיקט די מוזיקאַלע שול. זײַן לע־רער, אַ באַיאַרטער מאַעסטראָ, האָט געזאָגט, אַז מיט דער צײַט וועט אָט דער ווויק־סיקער, שטאַלטנער באָכער זײַן אַ ווירטואָז צווישן פּיִאַניסטן. די וואַרשטאַטן האָט סאַ־שע ניט פאַרלאָזט, כאָטש אַליין האָט ער געמיינט, אַז שיר ניט דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז האַרמאָניע, ריטם, מאָס. דאַן האָט ער זיך אַפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי גרויליק עס קאַווטשען די מינעס.

וועגן דעם האָט ער זיך דערוווּסט שוין אויפן צווייטן טאָג, ווי ס'איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. אַף די קרעגעלעך פון זײַן גימנאַסטיאָרקע האָבן געבלאַנקט צו צוויי קוביקעס. געדינט האָט ער אין 596־טן אַרטילעריע־פּאָלק.

דער אומגליק האָט דעם לייטענאַנט פּעטשערסקי געטראָפן אָנהייב אָקטיאָבער 1941. שלאַכטן, שלאַכטן... פון איין אַרומרינגלונג זיך אַרויסגעריסן, אין א צווייטער אַריינגעפאַלן.

לעבן וויאַזמע האָט ער און זיין כאַווער דער פּאָליטרוק פיאָדער פּושקין באַקומען א באַפעל אַרויסטראָגן פון אַרומרינגלונג דעם שווער־פאַרווונדעטן קאָמי־סאַר פון פּאָלק. דער קאָמיסאַר איז אויפן צווייטן טאָג געשטאָרבן, און זיי זיינען אַריינ־געפאַלן צו די דייטשן אין די הענט.

דערנאָך האָבן דערציילט ווײַספּאַפּיר, ראָזענפעלד...

אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר איז געבוירן געוואָרן אין דער אַלטער יידישער קאָלאָניע באַבראָווי קוט לעם כערסאָן. דאָרט זיינען אויך געבוירן געוואָרן זיין זיידע דער שמיד, זיין טאַטע דער קאָלווירטישער בריגאַדיר. דאָרט האָט אַרקאַדי פאַרענדיקט די צעניאָריקע שול, און פון דאָרט איז ער ערעוו דער מילכאָמע אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. געדינט האָט ער אויף דער גרענעץ, ניט ווײַט פון ברעסט. צום ערשטן מאָל אין אַטאַקע איז ער געגאַנגען לעבן קאָוועל.

הינטער טשערניגאָוו איז ער אין איין שלאַכט צוויי מאָל פאַרווונדעט געוואָרן. זײַנער א כאַווער האָט אים איבערגעבונדן די ווונד און אויף זיך געטראָגן ביז דעם דעסנע־טײַך. אויף א שטיקל צײַט האָט אַרקאַדי פאַרלאָרן דעם באַוווסטזײַן. ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער זיך א ריס געטאָן נאָך דער ביקס, נאָר דערפילט אין אַלע אייוורים א בראַנד־פײַער, א שאַרפן ווייטעק און א פײַכטע קעלט. איבערן טײַך האָט זיך געקײַקלט דער עכאָ פון האַרמאַט־זאַלפן. לעבן ברעג טײַך איז געלעגן טויט אַרקאַדיס כאַווער, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט צו טראָגן.

מיט די דלאָניעס האָט ער צוגעדעקט דאָס ברענענדיקע פּאָנעם. ווי דערקלײַבט מען זיך צום וואַסער, כאָטש די איבערגעטריקנטע ליפּן צו באַנעצן? אַרקאַדי האָט זיך געפּרוווט אויפשטיין, נאָר גלײַך איז ער ווידער אומגעפאַלן. עטוואָס לײַכטער איז אים געוואָרן, ווען עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָפּבינדן דאָס שטיקל צײַג, מיט וועלכן דער כאַווער האָט אים איבערגעבונדן, און אַרויסלאָזן א ביסל בלוט פון די ווונדן.

עס האָבן זיך באַוויזן דײַטשן. זיי האָבן אַרופגעוואָרפן אַרקאַדין אויף אן אָפענער לאַסטמאַשין, ווו עס זײַנען געלעגן נאָך אַכט פאַרווונדעטע רויטאַרמייער.

וואָס ווײַטער? ווײַטער — האָמליער לאַגער, באָברויסקער, מינסקער.

...ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז סעמיאָן ראָזענפעלד נאָך ניט אַלט געווען קיין נײַנצן יאָר. ער האָט באַוויזן ענדיקן אין שטעטל טערנאָווקע, ניט ווײַט פון וויניצע, די צעניאָריקע שול און געדינט אין דווינסקער 152־טן באַזונדערן אַרטילעריע־פּאָלק. וועגן דעם, אַז די פאַשיסטן זײַנען איבערגעגאַנגען די גרענעץ, האָט ער זיך דערוווּסט ניט דורך ראַדיאָ, נאָר פון דעם ערשטן שאָס.

אָפּטרעטנדיק, האָבן די רעשטן פון זײַן פּאָלק זיך אָפּגעשטעלט לעבן א שאָסיי, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דײַטשישע לאַסט־אויטאָמאָבילן. די פאַשיסטן האָבן זיך געפילט אַזוי זיכער, אַז אויף די קאַסטנס מיט סנאַריאַדן, וואָס זיי האָבן געפירט צום פראָנט, האָבן זיי אָוועקגעשטעלט פּאַטעפאָנען, און צוזאַמען מיטן רעווען פון די מאָטאָרן האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון רוסישער מוזיק.

— ביז איצט קאָן איך ניט פאַרשטיין, — האָט דערציילט ראָזענפעלד, — פון־וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען דער קויעך. אין איין אויגנבליק האָבן מיר באַ־

לאגערט דעם וועג, און מאמעש אין געציילטע מינוטן איז אלץ, וואָס אפן שאָסיי, געווען איין שטיק פּײַער. אָט האָט איר אײַך רוסישע מוזיק!

אָבער ווײַט אוועק פון דעם וועג האָט זיך ראָזענפעלדן ניט אײַנגעגעבן. א פאר־ווונדעטער און א קאָנטוזיעטער איז ער אַרײַנגעפאלן צו די דײַטשן.

די דײַטשישע אימפּעריע האָט פארלאנגט ניט נאָר קוואָרים, נאָר אויך קנעכט. אָפט פלעגט געשען, אז מע האָט דרינגענדיק געדארפט וואָס מער קנעכט. יענעם טאָג האָט זיך אין זיי געניטיקט דער קאָמענדאנט פונעם מינסקער ארבעטס־לאגער וואקס. ער האָט אראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און העפלעך געבעטן די טעלעפאָניסטקע, זי זאָל אים פאררייניקן מיטן „וואלד־לאגער" (אזוי האָט ער גערופן דעם פינצטערן קעלער, וואָס האָט זיך געפונען זיבן קילאָמעטער פון שטאָט).

— האלאָ, עס רעדט וואקס. וויפל יידן זײַנען בא אײַך פארבליבן? האלאָ, ביסט שיקער צי וואָס? ערשט האָסטו געזאָגט, אז דו האָסט דרײַסיק, דערנאָך, אז דו קאָנסט פון זיי מאכן פינף און צוואנציק, איצט דערציילסטו מיר גאָר, אז ביז אָוונט וועט אלץ זײַן פארטיק... גענוג! צום סאָף טאָג זאָלן די פינף און צוואנציק זײַן בא מיר אין קאָמענדאטור.

אין דעם „וואלד־לאגער" האָט דער שעף פון דער וואך נאָך לאנג געהאלטן דאָס טרײַבל אין די הענט. דערנאָך האָט א שמייכל זיך באוויזן אף זײַן געפאקט פּאָנעם. דער קאָמענדאנט איז גערעכט. וואָס איז דאָ צו קלערן? אין וועג וועט ער פינף יידן דערשיסן, וועלן בלײַבן פינף און צוואנציק. דעם וואכמאן, וואָס איז געשטאַנען באם גאנעק, האָט ער באפוילן:

— די יידן פון קארצער ארויספירן, געבן יעדן א פּײַקע ברויט און א פּאָרציע באלאנדע. וואָס שטייסטו, ווי א ליימענער גוילעם, האָסט געהערט מײַן באפעל?

דער וואכמאן האָט צעפראלט די טיר און געהייסן אלעמען ארויס פון קעלער. דעם באפעל האָט ער איבערגעכאזערט נאָכאמאָל, נאָר קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. אלע זײַנען געווען זיכער, אז ער וועט זיך באלד כאפּן פאר דער ביקס. נאָר ניין. ער האָט פון קעשענע ארויסגענומען א פּײַפל און גרילציק זיך צעפּײַפט. די פּאָליצײַען זײַנען זיך צונויפגעלאָפן און גענומען שלעפן צום ארויס־גאנג די, וואָס זײַנען געווען נעענטער צו דער טיר.

— קומט, — האָט סאשקאָ פארגעלייגט. — ווערן זיך האָט קיין זין ניט.

צוויי און צוואנציק שטיינערנע טרעפּ... צוויי און צוואנציק טריט. ס'איז ניט קיין זומפּ, נאָר אלציינס קאָן מען ניט אָפּרײַסן דעם פוס און מאכן א שפּאַן.

אין הויף האָט פעטשערסקי זיך צוגעשפּארט צו דער וואנט און איז לאנג גע־שטאנען מיט פארזשמורעטע אויגן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, זײַנען געווען די שווימענדיקע וואָלקנדלעך אין זומערדיקן הימל. זיי זײַנען געווען דין און לײַכט, זאָל א בלאָז טאָן, האָט זיך אויסגעוויזן, א שטארקער ווינטל, און זיי וועלן זיך צעדריבלען אף מיליאסן פעדעמלעך און פארפּאָראָשען די ערד.

— ברויט! — האָט עמעצער אויסגעשרײַען און געלאָזט זיך לויפן.

א שאָס.

ווען מע האָט אויסגעשטעלט די אסירים, זײַנען זיי שוין געווען נײַן און צוואנציק.

די פיס האקן זיך אונטער, נאָר מע גייט. מע גייט, ווי אַף דער אייגענער לע־ווייַע. אַלעקסאנדער האָט א קוק געטאָן אַף זייַנע שכיינים אין דער ריי. אַף דער פריי זעסטו פארשיידענע פּנעמער, און דאָ זייַנען אַלע פּנעמער אַלצייַנס, אָן פארב, אָן א לעבעדיק פייַערל אין די אויגן.

פון „וואַלד־לאגער" האָט מען די געפאַנגענע ארויסגעפירט גאַנצפרי, נאָר אַף שיראָקע־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דער ארבעטס־לאגער, האָבן זיי זיך דער־קליבן ערשט שפּעט באַנאַכט. אין וועג האָט מען נאָך פיר מענטשן דערשאָסן.

אין מינסקער עסעסישן ארבעטס־לאגער האָבן זיך געפונען באַ נייַן הונדערט מענטשן. קוואַליפיצירטע שוסטערס, שנייַדערס, טעסליערס, סטאָליערס, וועלכע מע האָט געבראַכט אַהער פון מינסקער געטאָ. געווען אויך א היפּשע גרופּע ווייַסרוסן, רוסן און אוקראַיִנער, וועלכע האָבן ארויסגערופן פארדאַכט באַ דער געסטאַפּאָ. פאַר די לעצטע טעג האָט מען געבראַכט צו פירן באַ הונדערט יידן קריגסגעפאַנגענע.

צו פּעטשערסקין און לייטמאַנען איז צוגעגאַנגען א מענטש מיט א געלער לאַטע און שטיל א זאָג געטאָן:

— אַז מע וועט באַ אייַך פרעגן, וואָס פאַר אַן ארבעט קענט איר, זאָגט, אַז איר זייַט סטאָליערס.

— איך האָב אין לעבן קיין הובל אין האַנט ניט געהאַלטן, — האָט געזאָגט פּעטשערסקי.

— דאָס איז ניט אייַער דייַגע. די ערשטע צייַט וועלן מיר פאַר אייַך ארבעטן.

— א דאַנק, כאַווער, ווער זייַט איר?

— ליפשיץ, לעאָניד ליפשיץ. א מינסקער סטאָליער. מייַן פרוי האָט מען דער־שאָסן אין געטאָ. פארבליבן דאָרט דאָס יינגל מייַנס, צוועלף יאָר איז אים...

סעמיאָן ראָזענפעלד האָט דאַפקע געשטאַמט פון עכטע סטאָליערס און געוווסט, וואָס א הובל איז, נאָר מיט אים האָט געהאַלטן זייער שלעכט. אין קאָרצער האָט זיך באַ סעמיאָנען געעפנט די וווּנד, און נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעמאַכט די זיבן קילאָמעטער, האָט ער זיך מער ניט געקענט רירן. עמעצער האָט אים געבראַכט א טאָרבעלע פּראָסע, איז ער געלעגן אַף דער הילצערנער נאַרע און אָן אופהער געזיאַמקעט מיט די ציין (דערפאַר האָט מען אים געגעבן א צונאָמען זיאַמע). עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגן אים באַפאַלן היץ־האַליוצינאַציעס, און דאַן איז אפילע קוקן אַף אים געווען שווער. געראַטעוועט האָט אים דער מינסקער דאָקטער בער־מאַן, וואָס איז געווען באַפרייַנדעט מיטן קאַפּאָ בלאַטמאַן. באַ בלאַטמאַנען, א שווערלייַביקן מענטשן מיט ברייטע צוואָרפענע אַקסלען, ער איז אַמאָל אין פּוילן געווען א באַקסיאָר, האָט בערמאַן זיך א סאַך געקאָנט דערשלאָגן. דער קאַפּאָ האָט אריבערגעפירט זיאַמען אין איזאָליאַטאָר.

אויב אַרקאַדי ווייַספּאַפיר, וואָס האָט אויך קוים געזשיפּעט, איז יענעם ווינטער געבליבן לעבן, האָט ער עס אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם קאַפּאָ שלוימע בלאַטמאַן. דאָס האָט ער געהייסן פארעכענען אַרקאַדין אין דער קאָמאַנדע, וואָס די דייַטשן האָבן ניט פארשטענדלעך פארוואָס גערופן „גענעראַל־גובערנאַטאָר־שאַפט", און אָנגעזאָגט דעם עלטסטן:

— ביז דאָס באַכערל וועט ניט קומען צו־זיך, באַהאַלט אים אויס בייס דער ארבעט צווישן געהילץ. נאָר פארגעסט ניט אויסטיילן אים א פּאָרציע באַלאַנדע.

אין הויף, ווו די נײַנציק מאַן פון דער קאָמאַנדע „גענעראַל־גובערנאַטאָרשאַפט" האָבן געזעגט און געהאַקט האָלץ, האָט זיך געפונען א געוווער־סקלאַד. א גרופּע געפאַנגענע האָט זיך פאַרקליבן אַפן בוידעם פונעם סקלאַד, דורכגעקלאַפּט אין סטע־ליע א לאָך, ארויסגענומען א היפּשע צאָל ביקסן און קוילן און צײַטווײַליק פאַר־באַהאַלטן אין כאָרעווען מויער ניט ווײַט פון דער עלעקטרישער זעג. מיט א ציווילן שאָפער, וואָס האָט געאַרבעט בא די דײַטשן, האָט מען אָפּגעמאַכט, אז ער וועט אַף זײַן לאַסטמאַשין ארויספירן דאָס געוווער אין א זיכער אָרט. מעגלעך, אז דער שאָפער איז געווען א פּראָוואָקאַטאָר. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, די מאַשין האָט מען ארומגערינגלט, דערשאָסן זעקס מענטשן בא דער זעג און צוואַנציק אין גאַראַזש. ווײַספּאַפיר און ציבולסקי האָבן זיך צופעליק געראַטעוועט, ווײַל גראָד דעם טאָג האָט מען זיי אריבערגעפירט אין אן אנדער קאָמאַנדע.

אַלע איבעריקע האָט מען דערנאָך ארומגעטריבן איבער דער שטאָט מיט אופ־געהויבענע הענט. אין הויף פונעם אַרבעטס־לאַגער געשלאָגן זיי ביז טויט. באָריס קאַהאַנען פון טולע, א קריגסגעפאַנגענעם רויטאַרמייער, האָט מען באַגאָסן מיט זודיקן וואַסער, דערנאָך מיט קאַלטן און נאָך א לעבעדיקן ארויסגעוואָרפן אַפן שניי, ווו ער איז פאַרפרוירן געוואָרן. דעם קאַפּאָ בלאַטמאַן האָט מען אַרעסטירט און אוועק־געשיקט אינעם טויט־לאַגער סאָביבור. פּעטשערסקי און זײַנע כאַווײרים האָבן נאָך דעמלט ניט געוווסט, אז אינגיכן וועלן זיי אויך אַהין ארײַנפאַלן.

פון דאָרעם האָבן זיך אומגעקערט די פייגל. אפילע אונטערן זעגעכץ איז צעגאַנ־גען דער שניי. די זון האָט אויסגעטריקנט די ברודיקע ריטשקעלעך. אַף די צווײַגן האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קנאָספּן, ארום איז געווען אַזויפיל זון און שײַן! און נאָר די לאַגערניקעס האָבן נאָך געטראָגן אַף זיך די צעריסענע לײַזיקע וואַטניקעס.

פּעטשערסקי, לייטמאַן, ציבולסקי און ליפשיץ האָבן זיך געגרייט אַנטלויפן. ראָ־זענפעלדן און ווײַספּאַפירן האָט מען פאַרעכנט אין אן אַרבעטס־קאָמאַנדע, וואָס מע האָט אָפּגעשיקט אַף עטלעכע כאַדאָשים בויען אין א הינטערשטאָטישן וואַלד א נײַעם לאַגער. זיי האָבן דאָרטן געוואַלגערט ביימער. פאַרבליבן זײַנען אין דעם וועלדל בלויז פאַרטריקנטע, פאַרקוילטע שטאַמען.

ווען ווײַספּאַפיר און ראָזענפעלד האָבן זיך אומגעקערט אַף שיראָקע־גאַס, האָט זיך זיי גלײַך געוואָרפן אין די אויגן, אז דאָ איז שטאַרק ענג געוואָרן. פון מינסקער געטאָ האָט מען געטריבן אהער איין פּאַרטיע פאַרורטיילטע נאָך דער אנדערער. מע האָט אויך געבראַכט עטלעכע עשעלאָנען דײַטשישע ייִדן.

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט מען קיינעם אַף דער אַרבעט ניט געטריבן. אַפן פערטן, דעם 18 סענטיאַבער קאַיאָר, האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט אין הויף, און אַליין דער קאָמענדאַנט וואַקס האָט געמאָלדן:

— אײַך האָט אָפּגעגליקט. דער פיורער האָט געפונען פאַר מעגלעך צו שענקען אײַך דאָס לעבן. אַלס הויכקוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן ווערט איר געשיקט אַף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד, מיט אײַך וועלן פאָרן אײַערע פאַמיליעס. איר קאָנט נע־מען מיט זיך אַלע זאַכן.

צי האָט עמעצער געגלייבט וואַקסן? קאָן זײַן...

עס זײַנען צוגעפאָרן שווערע לאַסטמאַשינעס און אוועקגעפירט די פרויען מיט די קינדער צום וואָקזאַל. די מאַנצבלען האָט מען אויסגעשטעלט אין א קאָלאָנע,

און עסעסאָווצעס מיט הינט האָבן זיי געגומען טרײַבן דורך דער שטאָט. ווען די קאָלאָנע איז פאַרבײַגעגאַנגען די געטאָ, האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— מע פירט אײַך צום טויט! איר הערט? צום טויט!

די געטאָ־אײַנוווינער, אליין לעבעדיקע סקעלעטן, האָבן געוואָרפן אין דער קאָלאָנע ווער א געקאָכטע קאַרטאָפל, ווער א בורעק, א מער, א היפּשל קרויט.

אין פעלד, ווײַט פון וואָקזאַל, איז געשטאַנען אן עשעלאָן פון פינף און צוואַנציק פראַכט־וואַגאָנעס. אין יעדן וואַגאָן, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אף צו טראַנספּאָרטירן אַכט פערד, האָט מען אַרײַנגעשטופּט צו אכציק מענטשן. א וואכמאַן האָט מיט א פּרוטיע א פּיר געטאָן איבער די אײַזערנע גראַטעס פונעם קליינעם פענצטערל. אויב די גראַטעס זײַנען אָנגעזעגן, וועט ער עס גלײַך דערשפּירן לויטן קלאַנג.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט העכער פיר מעסלעס. פאַר דער גאַנצער צײַט האָט מען די מענטשן ניט געגעבן קיין ברעקל ברויט און קיין טראָפּן וואַסער. לעבן פּעטשערסקין איז געשטאַנען א יונגע פרוי מיט א דרײַיאָריק מיידעלע אף די הענט. דאָס קינד האָט פּעטשערסקי באַמערקט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אף שיראָקע־גאַס. עמעצער האָט אים געזאָגט, אז מע רופט זי עטעלע פון געטאָ, אז איר טאַטע איז געווען א מיליטער־דאָקטער און די מאַמע — א סטודענטקע פון מינסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. באַם קינד זײַנען געווען גאָלד־געלאָקטע האָר, בלויע אויגן און געטאָקטע ווײַסע ציינדלעך.

— ווי רופט מען דיך? — האָט פּעטשערסקי געפרעגט בא איר.

— עטעלע.

— קום צו מיר, דײַן מאַמען איז דאָך שווער דיך האַלטן די גאַנצע צײַט אף די הענט.

דאָס מיידעלע האָט אויסגעשטרעקט די דאַרע הענטעלעך און אַרומגעכאַפּט פּעטשערסקין פאַרן האַלדז, זי האָט אײַנגעדרעמלט. שוין צום צווייטן מאָל האָט עטעלעס מאַמע געבעטן אים אומקערן איר דאָס קינד, און ער האָט איר אַלץ געענטפערט מיט א שאָקל פון קאָפּ: ניין, ער איז נאָך ניט מיד.

עטעלעס קעפּעלע האָט געוואַרעמט זײַן ברוסט, און אים האָט זיך געדוכט, אז דאָס פילט ער די וואַרעמקײַט פון זײַן עלאָטשקען, זײַן איינציק טעכטערל, וועלכע איז מיט עטעלען אין איין עלטער. צו עלאָטשקען איז איצט ווײַטער, ווי צו דער לעוואָנע. זי איז פאַרבליבן מיט דער מאַמען אין ראָסטאָוו. צי האָבן זיי באַוויזן זיך עוואַקוירן, ווייסט ער ניט. באַ וועמען אין די הענט איז איצט ווידער ראָסטאָוו? גאָרנישט, גאָרנישט ווייסט ער ניט. נאָר ערגעץ גייען דאָך שלאַכטן. הוידענדיק עטעלען אף די הענט, האָט אַלעקסאַנדער געטראַכט וועגן דעם, אז ער מוז זיך דערקלײַבן אהין, ווו עס גייט דער גרויסער געראַנגל פאַרן לעבן פונעם לאַנד, פון עלאָטשקען, פון עטעלען. אַנטלויפן מוז מען. אין אַרבעטס־לאַגער האָט זיך עס ניט באַקומען. דאַרף מען ווידער פּרווון. אויב ניכטער אָפּוועגן, איז דאָך קלאָר, אז ווי די ריזיקע זאָל ניט זײַן גרויס, איז דאָס דער איינציקער שאַנס לעבן בלײַבן און נעקאָמע נעמען.

דאָס קינד האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט.

— איך בין דאָ, לעבן דיר, — האָט זי די מאַמע באַרויִקט.

— מאַמע, מיר איז הייס. איך וויל אהיים.

— און ווו איז דײַן היים? — האָט פּעטשערסקי געפרעגט.

— אין געטאָ. דאָרט האָבן מיר א נאַרע און א סאַך — א סאַך שמאַטעס.

פעטשערסקי האָט איר דערלאַנגט א געקאָכטע קאַלטע קאַרטאָפל און געגעבן א ביסל וואַסער פון דער פעלד־פלאַש, וואָס ער האָט באַהאַלטן אונטערן העמד.

פון אים איז עטעלע איבערגעגאַנגען צו שלוימען ליטמאַנען, דערנאָך צו דעם שנײַדער באָריס עסטרין, צו דעם עקאָנאָמיסט לייב סראַגאָוויטש, צו דעם אײַזנבאַן־אינזשעניער אַלעקסאַנדער שובײַעוו, צו באָריס ציבולסקין.

— פינקעוויטש, — האָט ציבולסקי א טאָרע געטאָן זײַן שאָכן, — נעמט א ביסל דאָס קינד.

— איך שטיי אַליין קוים אָף די פיס, — האָט יענער אים געענטפערט.

— אַלע שטייען מיר קוים אָף די פיס. איך האָב טאַקע אַזוי געמיינט, אַז גראָד איר וועט זיך אָפּזאָגן.

העכער צען שאָ איז דער עשעלאָן אָפּגעשטאַנען אין לובלין. ערשט דעם 22 סענטיאַבער איז ער אָנגעקומען אָפן פּאָלוסטאַנאָק סאָביבור. פון איין זײַט האָט זיך געצויגן א וואַלד, פון דער צווייטער — דער לאַגער, אַרומגעצוימט מיט פיל רייען שטעכדראָט. אין די דראָטן זײַנען געווען אײַנגעפלאָכטן צווײַגן. פון ערגעץ האָט געשמעקט מיט סמאַלינע. א פײַף פון לאָקאָמאָטיוו, און די טויערן האָבן זיך ברייט צעעפנט. ווען די עקסטע זעקס וואַגאָנעס פונעם עשעלאָן זײַנען שוין געווען אָף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער, האָט דער צוג־וואַכמאַן זיי אָפּגעקייטלט, און די טויערן האָבן זיך ווידער פאַרמאַכט. נײַנצן וואַגאָנעס זײַנען געבליבן פון יענער זײַט.

פון א הויז אַנטקעגנאיבער איז אַרויס א גרופּע דײַטשישע אָפיצערן. איינער פון זיי האָט עפּעס באַפוילן דעם וואַכמאַן, און יענער האָט זיך געלאָזט לויפן. אין עט־לעכע מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט מיט א גרופּע ייִנגלעך און געמאָלדן:

— הער אָבערשאַרפירער! די באַנהאָף־קאָמאַנדע איז גרייט!

מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך די באַנהאָף־קאָמאַנדע, האָט מען זיך גלײַך געקאָנט אָנשטויסן לויט די זאַכן, וואָס די ייִנגלעך האָבן געהאַלטן אין די הענט. דאָס זײַנען געווען עמערס, בעזעמער, בערשטלעך. נאָר דער אויסזען פון די כעוורע איז געווען ניט צו באַגרײַפן. אַלע אין עלטער פון פופצן־זעכצן יאָר, אַלע אין געלע פּוילישע קאָנפעדעראַטקעס, אין אָנצוגן, נאָרוואָס פון דער נאָדל אַרויס, אין הויזן מיט געלע קאַנטן, אין טונקעלע רעקלעך מיט פאַרביקע לאַצקאַנעס און אין ווײַסע הענטשקעס. און דעריקער — קיין שום סימאָנים פון הונגער אָף די פּענעמער. און שיין זײַנען זיי געווען, ווי מע וואָלט זיי אָפּגעקליבן פון הונדערטער טויזנטער.

ליטמאַן האָט שטיל א זאָג געטאָן צו פעטשערסקין:

— ווי געפעלט דיר דער ספּעקטאַקל? ווען ניט דער טרויער אין זייערע אויגן, וואָלט מען געמעגט מיינען, אַז מיר האָבן געטראָפן גלײַך אין גאַניידן אַרײַן...

דער זעלבער אָבערשאַרפירער (ציבולסקי האָט אים גלײַך א נאָמען געגעבן אָבער־מאַלכעהאַמאָוועס) איז צוגעגאַנגען נעענטער און באַפוילן, אַז די סטאָליערס און טעסליערס, וואָס האָבן ניט קיין מישפּאָכעס, זאָלן אַרויסגיין. פעטשערסקי, ליט־מאַן, ראָזענפעלד, ווײַספּאַפּיר, ליטווינאָווסקי, ציבולסקי, שובײַעוו האָבן געמאַכט עטלעכע שפּאַן פאָרויס. מע האָט גלײַך זיי אוועקגעפירט אין אַן אַנדער הויף, וואָס איז אויך געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכדראָט. דאָ האָבן לאַגערניקעס געטראָגן און צונויפגעלייגט קלעצער. ראָזענפעלד איז צוגעגאַנגען צו זיי, נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט ניט אָף דער באַגריסונג, ניט אָף די פראַגן.

צו די נײַ־אָנגעקומענע האָט זיך דערנעענטערט א מענטש מיט א געשוואָלן פּאַ־נעם און אַף שטומלאָשן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זאָלן זיך אויסקערעווען מיט די פּלייצעס צום עשעלאָן. וויפל מע האָט אים ניט געבעטן, ער זאָל כאָטש זאָגן, ווּהין זײַנען זיי עס אָנגעקומען, האָט ער קיין וואָרט ניט ארויסגעבראכט.

עמעצער האָט זיך אויסגעזידלט, א צווייטער האָט באמערקט, אַז ריידן צו די דאָזיקע מענטשן איז אַלציינס ווי צו דער וואנט. א דריטער האָט א פרעג געטאָן, צי מע האָט דאָ בא זיי די צינגער ניט אויסגעשניטן? יענער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אוועק.

מיטאמאָל איז געוואָרן שווער צו עטעמען, ביז דערשטיקט צו ווערן. אַף העכער א האלבן קילאָמעטער האָט זיך צעשפּרייט א שווארצער, געדיכטער רויך. אינדער־לופטן האָט זיך באוויזן א פלאַם. עס האָט זיך דערהערט א שרעקלעכער טומל: עס האָבן געגראַגערט הונדערטער געענדז.

ווען אלע זײַנען שוין געווען אין באראַק, איז ארײַן דער קאַצעטניק, וואָס האָט זיי געהייסן, זיי זאָלן זיך אויסקערעווען מיט די פּלייצעס צום עשעלאָן. ער האָט זיך ארומגעקוקט און געפרעגט:

— פונוואַנען קומען יידן?

— פון מינסק, — האָט אים לייטמאַן געענטפערט. — נאָר צוערשט דערציילט, פאַרוואָס שווײַגן דאָ אַלע?

— אזא באַפעל.

— פאַרוואָס?

— ווײַל מע האָט נאָך ניט אַלעמען פון אײַער עשעלאָן פאַרברענט. אײַך האָט מען איבערגעלאָזט, איר זאָלט פאַרענדיקן בויען דעם פערטן לאגער, דעם נאָרד־לאגער.

אַף א ווײַלע איז געוואָרן טויט־שטיל. פּעטשערסקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער נארע. הייסט עס, עטעלע, איר מאמע, זײַנע לאַנדסלײַט לייב סראַגאָוויטש, באָריס עסטרין און אַלע, אַלע... איז אָט פונוואַנען עס שמעקט מיט סמאַלענעס.

אין דעם טאָג האָבן זיי פון באָרעכן, אזוי האָט געהייסן דער אַלטער קאַצעטניק, זיך דערוווּסט: סאָביבור איז א קליינינקע סטאַנציע, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין די וועלדער צווישן וולאַדאַווע און כעלם. אַפילו ווען פוילן איז שוין געווען אָקו־פּירט, איז דאָ, ווי אַף אן איינזאַם אינדזל, נאָך אַלץ געווען שא־שטיל. די ווײַטע אופרײַסן האָבן זיך אהער ניט דערטראָגן. די דווירעסדיקע סאָסנעס און יעלן האָבן זיי אײַנגעשלונגען. די אָקופּאַנטן האָבן פאַר איין מאָל באַרויבט די ארומיקע ווײַט־צוואָרפענע כוטאָרס און מער, האָט זיך געדוכט, האָבן זיי דאָ ניט וואָס צו טאָן. ס'איז אַפילו געוואָרן נאָך שטילער, ווי געווען, ווײַל די צוגן האָבן אָנגעהויבן קורסירן שיטערער.

מיט דער צײַט האָבן די פאַשיסטן אָפּגעשאַצט אָט דאָס פאַרוואָרפענע ווינקעלע. לויט הימלערס א געהיימען באַפעל האָט מען דאָ אויסגעבויט א טויט־לאגער ספּע־ציעל פאַר יידן. מיט דער בויונג האָט אָנגעפירט דער הויפּט־אינספּעקטאָר פון די טויט־לאגערן גאָלצײַמער. דעם פּראָיעקט פון די גאַז־קאַמערעס האָט צונויפגעשטעלט דער ספּעציאַליסט אַף אָט די זאכן לאַמבערט. זײַן קאָלעגע, דער דעקאָראַטאָר באַרבעל, האָט זיך באַשעפטיקט דערמיט, זיי זאָלן אויסזען ווי געוויינלעכע בעדער. די מאָטאָרן אַף טרײַבן שטיק־גאַז האָט אײַנגעשטעלט דער מעכאַניקער פוקס. דעם 8 מײַ 1942

האָט דער טויט־קאָנווייער אָנגעהויבן פונקציאָנירן. אין מאַרט 1943 האָט אַליין הימלער באַזוכט דעם לאַגער, און נאָך זײַן וויזיט האָט מען אָנגעהויבן פאַרברענען ביז פופצן טויזנט מענטשן אַ טאָג.

דער סאָביבורער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט פיר רייען שטעכדראָט העכער דרײַ מעטער די הייך, מיט אַ ריוו, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַסער, און מיט אַ מינען־פעלד. אין לאַגער גופא געפינט זיך אַ היפּשע צאָל וואַך־טורעמס און וואַך־פּאָסטנס. סאָביבור באַשטייט פּאַקטיש פון דרײַ לאַגערס. אין ערשטן לאַגער, ווו זיי געפינען זיך איצט, זײַנען פאַראַן שוסטער־, שנײַדער־ און מעבל־וואַרשטאַטן. דאָ שטייען אויך צוויי הײַזער פאַר די דײַטשישע אָפיצערן. פונדאַנען איז פאַראַן אַ דורכגאַנג אין צווייטן לאַגער, ווו מע סאָרטירט און מע פּאַקט די זאַכן פון די, וואָס ווערן אָפּגעפירט דורך דער אַזוי־גערופענער „הימל־שטראַסע” אין דריטן לאַגער. דאָרט האָט מען שוין אומגעבראַכט העכער אַ האַלבן מיליאָן ייִדן. קיין סאָביבור קומען אָן קימאַט יעדן טאָג אַנדערהאַלבן — צוויי טויזנט מענטשן פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, האָלאַנד, פראַנקרײַך, עסטרײַך און אַנדערע אָקופּירטע לענדער. פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז דאָס דער ערשטער עשעלאָן.

אָנהייב פרילינג האָט אַ פּאַרפאַלק געפּרוווט אַנטלויפן. מע האָט זיי דערשאָסן צוזאַמען מיט נאָך הונדערט פופציק מענטשן, וואָס האָבן דאַן געאַרבעט אין זעלבן לאַגער. געווען איז אויך ניט קיין געלונגענער פּרווו זיך דורכלייגן אַ וועג אונטער דער ערד. געווען אַ פאַל, ווען צוויי ייִדן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געאַרבעט אין נאָענטן וואַלד, האָבן דערשטיקט דעם וואַכמאַן און זײַנען אַנטלאָפן. די אַרבעטס־קאָמאַנדע האָט מען געבראַכט צוריק פון וואַלד און אַלעמען דערשאָסן.

עטלעכע און זיבעציק מאַן פון האָלאַנד האָבן באַשטימט אונטערקויפן אַ וואַכמאַן. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען אַ זשורנאַליסט, וועמען זיי פלעגן שטילערהייט רופן „הער קאַפּיטאַן”. וויפל די דײַטשן האָבן זיך דערנאָך איבער אים ניט איזדיעקעוועט, האָט ער קיינעם ניט אויסגעגעבן און ביז דער לעצטער רעגע געשטײַנעט, אַז לויפן האָט ער זיך געקליבן איינער אַליין. פון דעמלט אָן ציילט מען די לאַגערניקעס איבער ניט ווייניקער ווי דרײַ מאָל אַ טאָג. דאָס טוט ניט אַבי־ווער, נאָר דער הויפּט־שעף אַליין, דער אָבערשאַרפירער קאַרל פרענצעל.

באַרעך, וואָס האָט דאָס אַלץ דערציילט, איז געווען פון די איינצלנע, וועמען עס איז געלונגען פאַרהיטן דאָס לעבן שוין העכער אַ יאָר צײַט. ער איז אַ מענער־שנײַדער, דער עלטסטער פון דער גרופּע, וואָס אַרבעט אינעם צווייטן לאַגער.

באַנאַכט האָט פּעטשערסקי אַזוי געשריִען פון שלאָף, אַז ציבולסקי און לייטמאַן, וואָס זײַנען געלעגן באַנאַנד מיט אים, האָבן אים גענומען וועקן.

— ווער אַנשוויגן, — האָט אים באָריס פאַרשטעלט דאָס מויל, — דו שרײַסט אַזוי, אַז דער אָבער־מאַלכהאַמאָוועס פרענצעל קאָן דערהערן.

אַלעקסאַנדער האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך:

— מיט דײַנע יאָדאַיִם קאָנסטו דערשטיקן אַפילע אַ פערד.

— אַמאָל בין איך טאַקע געווען אַ פורמאַן און, דוכט זיך, דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט ניט באַדאַרפט קיין בײַטש. איצט בעט איך דיך, פאַרצי ניט אויף לאַנג, הייס מיר נאָר, וועסטו זען, ווי איך וועל זיי שטיקן.

פּעטשערסקי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— פּלאַפּל ניט, שלאָף.

שפעטער, ווען ציבולסקי האָט שוין אונטערגעכראָפּעט, האָט לייטמאַן זיך אָנגעבויגן צו פּעטשערסקין:

— סאַשע, געטרויסט אים ניט?

— איך גלייב אים, ווי זיך אַליין. נאָר דערציילן פאר דער צײַט א סאָד איז ניט קעדײַ. זאָג מיר, שלוימע, בעסער אָט וואָס: דער טיפּ, וואָס איז דאָ הײַנט געווען, האָט אונדז ניט געוואָלט אָנשרעקן?

— מעגלעך, נאָר דאָרפסט פארשטיין, אז איבעריקער פארדאכט איז א געפערלעכע קרענק. באָרעך ווייסט דאָך, אז ער וועט אויך ניט אויסמײַדן די „הימלשטראַסע".

— האָסט מיך ניט איבערצײַגט. דערמאָן זיך בעסער אין דעם פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט דיך, דעם קאָמוניסט, ארײַנגעזעצט אין ווארשעווער טפיסע. איר האָט דאָך שוין געהאט א כשאד אף אים. פאַרוואָס זשע האָט איר אים באצײַטנס ניט אָפּגעראַמט פון וועג?

— טאַקע דערפאר, ווײַל דאַן איז עס געווען ניט מער ווי א כשאד. וואָס איז שײַעך באָרעכן, וועלן מיר גאָר אינגיכן זיך דערוויסן, צי דאָס, וואָס ער האָט אונדז דערציילט, איז עמעס. איך מיין, אז עמעס. אויב אַזוי, פארשטיי איך, וואָס ער וויל.

— איז לאָמיך אויך וויסן.

— באָרעך האָט געגעבן אָנצוהערן, אז די גאַנצע האָפענונג איז אף די סאָוועטישע מענטשן און אז מיר טאָרן ניט קלערן לאַנג און בלויז וועגן זיך. אויב לויפן, דאַרפן אַלע מיטאַמאָל. וואָס שווײַגסטו? ענטפער.

— דאָס איז ניט באָרעכס, נאָר מײַן געדאַנק. צו דעם מענטשן וועלן מיר זיך באַק צוקוקן.

אין דרויסן האָט עמעצער פינף מאָל א קלאַפּ געטאָן מיט א שטיק אײַזן אין א רעלס. פּונקט פינף אזייגער מיט פינף מינוט זײַנען שוין אַלע געווען אף די פיס. באַם באַקומען די פּײַקע די ברויט און דאָס קענדל זודיק וואַסער האָט מען אַלעמען איבערגעציילט. באַם לאָזן זיך אף דער ארבעט — א צווייט מאָל.

אין נאָרד־לאַגער, וווּהין מע האָט זיי געבראַכט, איז געבליבן ארבעט ניט מער, ווי אף א כוידעש.

אין דעם טאָג האָבן פּופצן פון די נײַ־אָנגעקומענע באַקומען צו פינף און צוואַנציק שמיץ. געשלאָגן האָט מען מיט דראָט, ארומגעוויקלט מיט גומי, דערבײַ האָט דער געשמיסענער באַדאַרפט הויך אף א קאָל ציילן די שמיץ. קוים האָט ער געהאַט א טאָעס, האָט מען אָנגעהויבן די עקזעקוציע פונסנײַ.

אפן צווייטן טאָג האָבן פינף און צוואַנציק מענטשן באַקומען צו פינף און צוואַנציק שמיץ. איינעם האָט מען דערשאָסן דערפאר, ווײַל ער איז צוגעגאַנגען צו דעם שטעכדראָט.

אפן דריטן טאָג האָט פרענצעל אַליין פארשמיסן ביז טויט דעם קעכער, ווײַל יענער האָט ניט באַוויזן פאר צוואַנציק מינוט אויסטיילן אַלעמען די באַלאַנדע.

אפן פערטן טאָג האָט בלויז א גליקלעכער צופאַל געראַטעוועט פּעטשערסקין פון טויט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק מענטשן איז ער געשטאַנען אין הויף פון נאָרד־לאַגער און געהאַקט מיט א טעמפּער האַק דעמבענע סוקעוואַטע קלעצער. אַלעקסאַנדערס שאָכן, א געוועזענער נאָטאַריוס פון האָלאַנד, האָט פארן

זיך נעמען האקן די קלאָץ, אויסגעווישט די ברילן, געשטאַנען א פּאָר רעגעס און געטראַכט, ווי מע נעמט זיך עס צו אזא אקשן. פּרענצעל, אין א שווארצער אוני־פאָרם, האָט מיטן גאנצן קויעך אראָפּגעלאָזט זײַן גומענעם שטעקן אף דעם נאָטאַ־ריוּסעס קאָפּ. דעם האָלענדערס ברילן זײַנען אראָפּגעפאלן און זיך צעבראָכן אף פּיצלעך. דער האָלענדער — א פּאָך מיט דער האק, פּרענצעל — א פּאָך מיטן שטעקן. וואָס ווײַטער, אלץ אָפטער. נאָר דער פּניאַק גיט זיך ניט אונטער, און דער לאגער־ניק באַגיסט זיך מיט בלוט.

פּעטשערסקי האָט שוין, דוכט זיך, געמעגט וויסן: ער דארף מאכן דעם אָנשטעל, אז ער איז פארטיפט אין זײַן ארבעט און באַמערקט ניט, וואָס ארום טוט זיך. איז ניין. דאָס הארץ פּאָלגט ניט. ער שטייט און לאָזט קיין אויג ניט אראָפּ פון זיי ביידן — פּרענצעלן און דעם נאָטאַריוּס, ביז צוויי בליקן קרייצן זיך ניט איבער. און דאַן...

— רוס, קאָם!

דער קאַפּאָ בזשעצקי דערקלערט פּעטשערסקין:

— דער אָבערשארפיורער גיט דיר פינף מינוט אף צעהאקן די קלאָץ. וועט זיך עס דיר אײַנגעבן, באַקומסטו א פּעקל סיגארעטן. אויב ניט, שלאָגט ער דיך ביז טויט. גרייט זיך צו.

אלעקסאנדער האָט צעשטעלט די פיס, א רײַב געטאָן די הענט, פארהויבן די האק און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו פּרענצעלן. יענער האָט אָנגעטאַפּט די קאָבורע און איז אײַליק אָפּגעטראָטן אף צוריק, ער האָט אויך אופגעהויבן די האנט, אף דער זון האָט א שעמעריר געטאָן דער גאָלדענער בראַסלעט פון זײַן זייגער.

— אָנגעהויבן!

אין אָט די פינף מינוט האָט די קלאָץ פארשטעלט פּעטשערסקין די גאנצע וועלט. א האק — פאראן דער ערשטער קארב. נאָך א האק — און דער קארב ווערט טיפער. די שווערע קלאָץ טוט א קרעכץ. און דאָ האָט פּעטשערסקי אָפּגעווישט מיטן ארבל דעם שווייס און, אומבאַוווּסט צו וועמען, א געשריי געטאָן: „לײַגסט!״ אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך צעשפּאָלטן די קאָרע, ס׳האָט זיך דערהערט א טראַסק, די האק איז געבליבן שטעקן. איצט האָט שוין פּרענצעל ניט מוירע צוגיין נעענטער. ער שמייכלט צופרידן.

אלעקסאנדער האָט זיך געשטעלט אף דער רעכטער קני, א רײַב געטאָן מיט די הענט די זאמדיקע ערד, דערנאָך לאנגזאם זיך אופגעהויבן צוזאמען מיט דער קלאָץ און מיט וואקלענדיקע טריט צוגעגאנגען צום שטיין, שארף א קער געטאָן דעם פּניאַק מיט דעם האקשטיל אראָפּ און אָפּגעגעבן דעם לעצטן קויעך זײַנע הענט.

וואָס איז געווען נאָך דעם? גאָרנישט, עס זײַנען געפלויגן האָלץ־שפּליטערס.

— פיר מינוט מיט דרײַסיק סעקונדעס, — האָט פּרענצעל קאָנסטאַטירט. — באַקום דײַן פּעקל סיגארעטן.

— א דאנק, איך רייכער ניט.

דער שעף פון לאגער האָט עפּעס א זאָג געטאָן בזשעצקין, און יענער איז פאר־שווונדן. אומגעקערט האָט ער זיך מיט א האלב לעבל ברויט און מיט א פּעקל מארגארין. דוכט זיך, אז פּעטשערסקי האָט געהאט גענוג צײַט אף צו באַקלערן זײַן ענטפער. מעגלעך, אז טאַקע דערפאר האָט ער געזאָגט דעם הענקער:

— איך בין זאַט.

פארוואָס האָט דער אָבערשאַרפיורער אַרײַנגעלייגט צוריק דעם פּאַראַבעלום אין קאַבורע? שווער צו זאָגן...

קיינער ווייסט ניט, צי האָט פרענצעל דערציילט זײַנע אָפיצערן וועגן דעם פאַל. נאָר די נײַס האָט ווי א פּרילינג־דונער זיך צעטראָגן צווישן די לאַגערניקעס. ווען דער קאַפּאָ שמידט האָט פאַרהויבן זײַן שטעקן אַף סעמיאָן ראָזענפעלדן, איז צוגעלאָפן בזשעצקי און האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— טשעפּע אים בעסער ניט, ער איז א רוסישער...

באָרעך איז געקומען צו פּעטשערסקין מיט אַזאַ באַקאָשע:

— אין פרויען־באַראַק האַלט מען אין איין ריידן וועגן אײַך. די פרויען בעטן אײַך קומען הײַנט אין אָוונט. איך וועל אײַך דורכפירן.

אַלעקסאַנדער האָט א קוק געטאָן אַף שלוימען. יאָ, זאָל פּעטשערסקי גיין, נאָר מיט איין טנאַי, אַז ער גייט אויך מיט.

אַלע הונדערט פופציק פרויען האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו די אַרײַנגעקומענע. אַף דער באַגריסונג ענטפערט מען — ווער אַף יידיש, ווער אַף רוסיש, ווער אַף פּויליש, אַף טשעכיש, רומעניש, דײַטש, פראַנצויזיש, האָלענדיש... צוריק מיט עט־לעכע שאָ האָט מען פונדאַנען צוגענומען אין דריטן לאַגער די, וועלכע זײַנען שוין ניט בעקויעך צו אַרבעטן באַם סאָרטירן און פּאַקעווען די קליידער. ווער פון די איבערגעבליבענע פרויען איז זיכער, אַז מאָרגן וועט זי זיך ניט פאַרשטעכן קיין פינגער, ניט אויסגליטשן זיך, ניט באַקומען קיין לונגען־אָנצינדונג, זיך ניט אָנ־שטעקן מיט פלעקטיפוס, — און דאַן וועט שוין ניט שפּעטער ווי אַפן דריטן טאָג אויסקומען שפּאַנען איבער דער „הימל־שטראַסע". פּעטשערסקי קוקט אַף זיי און טראַכט: פון וואָס הייבט מען אָן דעם שמועס? זײַן בליק איז געפאַלן אַף ניט קיין הויכער יונגער פרוי מיט קורץ־געשוירענע קאַשטאַנעווע האָר, מיט גרויסע טרויע־ריקע אויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זי האָט זיך א רוק געטאָן, באַפרײַט אַן אָרט, ער זאָל זיך צוזעצן.

— ווי רופט מען אײַך? — האָט ער זיך געווענדט צו איר אַף רוסיש.

— וואָס?

פּעטשערסקי קען א ביסל דײַטש. כאַזערט ער איר איבער די פראַגע. זי ענטפערט אים:

— ליוקע. דערציילט אונדז, וואָס הערט זיך אַפן פראָנט? די גאַנצע האָפענונג איז דאָך בלויז אַף די רוסן.

דערציילט ער, און שלוימע מיט באָרעכן זעצן איבער אַף אַנדערע שפּראַכן, וועגן דעם, אַז מע האָט צעקלאַפּט די דײַטשן הינטער מאָסקווע, לעבן דער וואָלגע, הינטער קורסק, אַז די סאָוועטישע דיוויזיעס דערנעענטערן זיך צום דניעפּער. פאַראַן, דערציילט ער, א סאַך פּאַרטיזאַנישע מאַכנעס אין ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּוילן. געווען אַן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. עמעס, ער אַליין ווייסט זייער ווייניק, נאָר די, וואָס הערן אים, ווייסן נאָך ווייניקער.

ערגעץ פון א ווינקל פרעגט מען:

— אויב עס זײַנען יאָ פאַראַן אַזויפיל פּאַרטיזאַנער, פאַרוואָס פאַלן זיי ניט אָן אַף אונדזער לאַגער און באַפרײַען אונדז ניט? צום וואַלד איז דאָך מיט דער האַנט צו דערלאַנגען...

— באפרײַען אונדז וואָלטן די פּארטיזאנער עפּשער געקאָנט, נאָר פאַרגעסט ניט, אז די פאשיסטן האָבן נאָך א מעכטיקע ארמיי, און ארויספירן פון די אָקופּירטע ראיאָנען אזויפיל מענטשן קאָנען ניט די פּארטיזאנער... פאַר זיך דאַרפן מיר אליין זאָרגן.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דעם ענטפער אף דער לעצטער פראַגע האָבן ניט נאָר די פרויען געהערט, נאָר אויך דער קאַפּאָ בזשעצקי, וואָס איז מיט א פּאָר מינוט פריִער שטילערהייט ארײַן אין באראַק.

באַרעך האָט מיט יעדן טאָג ארויסגערופן אלץ מער צוטרוי. אָט האָט ער אין א פּאַסיקן מאָמענט פאַרפירט מיט פעטשערסקין אזא געשפּרעך:

— לאָמיר שפּילן אן אָפענעם זעקס־און־זעכציק. איך ווייס, אז איר, סאָוועטישע, וועט ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, קאָן דאָך ניט זײַן, אז אליין זאָלט איר לויפן און אונדז איבערלאָזן אף אומקום...

— איר זײַט דאָ מער ווי א יאָר צײַט, וואָס האָט איר געטאָן?

— אײַך פאַרטרוי איך. געטאָן... נאָר מיר דאַרפן אזא מענטשן, ווי איר. מיר בעטן, אז אין קאָמיטעט זאָל אויך ארײַנגיין אײַער כאַווער שלוימע לייטמאן.

אלעקסאנדער האָט אָנגעכאפּט באַרעכן פאַר דער האנט.

— אין לאַגער איז פאַראן אן אונטערערדישער קאָמיטעט?

— ניין, נאָר ס'איז פאַראן א גרופּע. טאַקע זי האָט מיך באפולמעכטיקט, איך זאָל זיך פאַרבינדן מיט אײַך.

— ווער גייט ארײַן אין דער גרופּע?

— לעאָן פעלדהענדלער, וועלכער ארבעט צוזאמען מיט מיר אין צווייטן לאַגער, דער עלטסטער פון שנײַדער־ווארשטאַט יוזעף, דער שוסטער יאַקוב, דער סטאָליער יאַנעק.

— איר ווייסט, וויאזוי דאָס פעלד איז מינירט?

— יאָ. ווי א שאָך־ברעט. איך אליין האָב געגראָבן די גריבלעך. די מינעס זײַנען צעשטעלט אף א ברייט פון פופצן מעטער.

— די ברייט פון מינען־פעלד, זאָגט איר, איז פופצן מעטער, די דראָט־פאַרצוימונגען פאַרנעמען פיר מעטער, איז נײַנצן. פון די פאַרצוימונגען ביז צום אויוון אין סטאָליער־ווארשטאַט איז פונקט צוועלף מעטער, באַטרעפט עס, אין סאַכאַקל, איין און דרײַסיק. מיר וועלן רעכענען פינף און דרײַסיק. דער ריוו, וואָס מע דאַרף אויסגראָבן, מע זאָל קאָנען דורכקריכן, דאַרף האלטן דרײַ פערטל מעטער אין דער ברייט און קימאַט אזויפיל אין דער טיף. הייסט עס, וועט אויסקומען אויסגראָבן...

— כ'וועל אײַך איבערשלאָגן די רייד. ענטפערט מיר פריִער אף אזעלכע פראַגן: וויפל צײַט וועט אָפּנעמען אזא ארבעט? וווהין וועט איר אהינטאָן די אויסגעגראָבענע ערד און וויפל דאַרף געדויערן, אז קריכנדיק אף אלע פיר איינער הינטער דעם אנדערן, זאָלן זעקס הונדערט ווײסטע קאַליקעס זיך דערקלײַבן צום ריוו, אים אריבערקומען און נאָך קאָנען אָפּלויפן פון יענער זײַט?

— צײַט אף גראָבן — בא צוויי וואָכן. די ערד וועלן מיר שיטן אונטערן דיל פונעם סטאָליער־ווארשטאַט. נו, און דעם ריוו וועלן מיר אריבערקומען פאַר עט־לעכע שאָ.

— כאַלוימעס.

— פארוואָס?

— איר מיינט דאָך ניט, אַז אַלע דײַטשן האָבן בעלמעס אַף די אויגן און די אויערן זײַנען בא זיי פאַרשטאָפּט מיט קלאָטשע. — באָרעך האָט פאַריכט זײַן הויך מיצל, וואָס האָט אויסגעזען ווי א קאָנפּעדעראַטקע, דער פאַרבויגענער דענעק האָט אים געשטערט אַרײַנקוקן פּעטשערסקין אין די אויגן, — קיין צווייטן פּלאַן פאַרמאָגט איר ניט?

— פאַר דעם צווייטן פאָדערט זיך בא הונדערט שאַרפע העק און מעסערס און, פאַרשטייט זיך, מענטשן, וואָס זאָלן מיט זיי האַקן, שטעכן.

— בעט איך אײַך, אַזוי זאָלט איר מיט מיר שטענדיק ריידן. גלייבט מיר, אַז איך קאָן אײַך זייער גוט צוניץ קומען, און ניט נאָר מיט אַן אייצע.

— מאַסקים. וואָס פאַר א צווייטשטאָקיקע כורווע שטייט עס פון יענער זײַט צוים, דאָס איז ניט קיין פאַרמאַסקירטער וואַך־פּונקט?

— איך מיין, אַז ניט. אַמאָל איז דאָרט געווען א מיל.

— באָרעך, זאָגט מיר, איר האָט אויך באַמערקט, אַז די דײַטשן פאַרטרויען ניט די וואַכלײַט?

— אַוואַדע. מע גיט זיי אַרויס בלויז צו פינף קוילן, ווען זיי גייען אַפן פּאָסטן. די קוילן האַלטן די דײַטשן אין דער געבײַדע פון קאָמוטאַטאָר, ניט ווײַט פון צענטראַלן טויער. דאָרט שטייט א דײַטשישער וואַכמאַן. אויב מע דאַרף זיך נאָך עפּעס דערוויסן, זאָגט, מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס איר וועט הייסן.

— שפּירט נאָך נאָך דער מיל, צי גייט ניט עמעצער אַהין. דאָס קאָן מען טאָן פון סטאָליער־וואַרשטאַט, פון בוידעם. דערוויסט זיך, צי בײַט זיך די וואַך שטענדיק אין איין און דער זעלבער צײַט. אַף ווײַטער וועלן מיר זיך טרעפן מיט אײַך אין פּרויען־באַראַק, בא ליוקען. דאָס, וואָס זי קען קיין רוסיש ניט, איז אַפילע א מײַלע.

איינמאָל, ווען עס איז אָנגעקומען א נײַער עשעלאָן, איז אַף דער סטאַנציע עפּעס געשען און אַלע דײַטשן האָבן זיך געלאָזט אַהין. אַף דער וואַך זײַנען פאַרבליבן בלויז פינף סאָלדאַטן. דער גרעסטער טייל קאַצעטניקעס האָט זיך דאַן געפונען אין נאָרד־לאַגער. פּעטשערסקי, ציבולסקי און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן רעמאָנטירט דעם באַראַק, ווו זיי האָבן געוווינט. ציבולסקי האָט גענומען זיך בעטן:

— סאַשע, לאָמיר לויפן! מיט די פינף וועלן מיר זיך ספּראַווען.

— וואָס מיינסטו, זיי וועלן אונדז צולאָזן אַזוי נאָענט, אַז מיר זאָלן זיי קאָנען שטילערהייט אַוועקלייגן אַף טויט? און די דראָט־פאַרצוימונגען, די מינעס? נאָר לאָמיר זאָגן, אַז עמעצן פון אונדז וועט געלינגען ראַטעווען זיך, די איבעריקע וועט מען דאָך דערשיסן. ניין, אַזוי טאָר מען ניט.

אַן אַנדערשמאָל איז אָבער אויסגעקומען אַרויסצושטעלן אַן אייגענע וואַך, קעדיי ניט דערלאָזן, אַז א קליינע גרופּע זאָל פּרווון איבערשנײַדן די דראָט־פאַרצוימונגען און אַנטלויפן. איינער פון דער גרופּע האָט זיך מאַמעש געוואָרפן אַף פּעטשערסקין מיט די פויסטן:

— ווער ביסטו, — האָט ער געשריִען, — וואָס דו נעמסט זיך דאָס רעכט אונדז צו באַפוילן?

— א סאָוועטישער אָפיצער.

— און אויב איך וועל דיך ניט פאָלגן?

— דערפאַר שטייט טאַקע אונדזער וואַך...

...פעטשערסקי איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין פּרויען־באראק. ער האָט שוין געוווּסט, אַז ליוקע איז געבוירן געוואָרן אין האמבורג און דאָרט געלעבט, אַז איר פּאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער רעוואָליוציאָנערער טוער. ווען די פאשיסטן זײַנען געקומען צו דער מאכט, איז ליוקעס טאטע, ווי די גאנצע פּארטיי, אַוועק אין אונטערערד. ס'איז ניט איבערצוגעבן, ווי מע האָט געפּײַניקט די מאמע און זיי, די קינדער, זיי זאָלן זאָגן זײַן אדרעס, אָנרופן די פאמיליעס פון די, וואָס פלעגן ארײַנקומען צו זיי אין שטוב. מיט דער הילף פון דעם פאָטערס פּארטיי־כאווײרים האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אריבערפאָרן קיין האָלאנד, און אין א צײַט ארום איז אַהין געקומען אויך דער טאטע.

אין אָקופּירטן האָלאנד האָט מען זיי געפּאקט, ווי זיי הערן ראדיאָ פון מאָסקווע. ליוקעס טאטע און צוויי ברידער האָט מען פארברענט אין סאָביבור. פון דער גאנצער מישפּאָכע זײַנען געבליבן זי און די מוטער.

ליוקעס ארבעט איז האָדעווען קראָליקעס. אמאָל גיט זיך איר אײַן צוגאנווענען א בלעטל קרויט, א מערל, אפילע א שטיקל ברויט. פון דער „הימל־שטראסע" איז דער הויף, ווו זי ארבעט, אָפּגעטיילט מיט א הילצערנעם פּלויט, אין וועלכן עס זײַנען פאראן שפּעלטעלעך. זעט זי, ווי מע לאָזט צוערשט ארויס די דרײַ הונדערט גענדז. זיי גייען אזוי מאיעסטעטיש... נאָך די גענדז ציִען זיך שאָענלאנג נאקעטע אײַנגעהויקערטע מענטשן, און איר דוכט זיך, אַז זי הערט, ווי ציינער קלאפּן אין ציינער. מע טרײַבט זיי פּארטיעסווײַז צו אכט הונדערט מיטאמאָל. אוודע זעען זיי ניט, אַז ליוקע קוקט זיי נאָך. ליוקע ווייסט, ווען מע פארטרײַבט זיי אין דער ציגלנער געבײַדע און ווען מע פארמאכט נאָך זיי די אײַזערנע טויערן, זי ווייסט, ווײַל דאן ווערט אײַנגעשלאָסן דער דיזעל, וואָס טרײַבט דעם שטיק־גאז...

...פעטשערסקי און לייטמאן האָבן אָנגעהויבן אָפּט ארײַנקומען צו די שלאָסערס און שמידן. אין איינעם א פארנאכט, ווען זיי זײַנען ארײַן אין קוזניע, איז באם טיש געזעסן דער קאפּאָ בזשעצקי. אף דער רעכטער האנט — דאָס צוגענייטע בענדל, דאָס אויסגערונענע אויג פארמאכט, דאָס געזונטע פארזשמורעטע אויג לויפט איבער פון איין מענטש צום צווייטן.

— סאשע, קום צו די שלאָסערס, עפּשער וועלן זיי אונדז געבן פארייכערן, — האָט שלוימע א שלעפּ געטאָן פעטשערסקין פאר דער האנט, ווי נאָר ער האָט דערזען בזשעצקין.

— גיי אליין, — האָט אים געענטפערט דער קאפּאָ. — איך דארף מיט דעם באָכער א שמועס טאָן.

אַז בזשעצקי האָט ליב צו געבן פעטש, דאָס האָבן אלע געוווּסט. אַז די דײַטשן גלייבן אים — דאָס אויך. נאָר אַז ער איז א מאָסער, דאָס האָט נאָך וועגן אים קיינער ניט געזאָגט. ווען ער מיט פעטשערסקין זײַנען פארבליבן אויג־אף־אויג, האָט ער א זאָג געטאָן:

— איר זײַט ניט פאָרזיכטיק. די מײַסע מיט פרענצעלן, אײַער געשפּרעך אין פּרויען־באראק... איר מיינט, איך פארשטיי ניט, אַז ליוקע איז ניט מער, ווי א שירמע? אײַער רעכטע האנט איז שלוימע לייטמאן. קורץ גערעדט, איך וויל אײַך זאָגן, אַז ווען איך וואָלט געווען א קעלעוו, וואָלט איך אײַך שוין לאנג פארקויפט. נאָר איך פארשטיי, אַז אויך מיך וועט מען פארברענען. דער „אייביקער לאגער", ווי א סאך רופן אים דאָ, וועט אייביק ניט עקזיסטירן, און קיין לעבעדיקע איידעס וועלן זיי ניט איבערלאָזן...

— גוט, וואָס איר פאַרשטייט, — האָט אים פּעטשערסקי איבערגעשלאָגן. — נאָר פאַרוואָס זאָגט איר עס גראָד מיר?

— סאַשע, לאָמיר ניט פאַטערן אומזיסט קיין צײַט. געדענקט, איר קאָנט א סאַך געווינען און א סאַך פאַרלירן. אונדז, די קאַפּאָס, פאַרטרויען די דײַטשן. איך גיי אַרום פראַנק־און־פרײַ אומעטום, אויסער דעם דריטן לאַגער. קורץ, איר נעמט אונדז אַרײַן אין אײַער געשעפט?

— ווער איז עס דער „אונדז"?

— איך און דער קאַפּאָ פון דער באַנהאָף־קאָמאַנדע טשעפּיק. פאַרן קאַפּאָ שמידט האָב איך אַליין מוירע. איך ווייס, אז איר וועט מיר גלײַך ניט ענטפערן, איז באַקלערט זיך און טאָקע וואָס גיכער. דערווײַל האָט מיר א גוטע נאַכט.

דעם 12 אָקטיאַבער אין אָוונט זײַנען אף דער וואַך אין סאָביבורער טויט־פאַבריק געשטאַנען ניט נאָר די פאַשיסטן, נאָר אויך די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר, וואָס האָט נאָכגעשפּירט נאָכן הויף, און סעמיאָן ראָזענפעלד, וואָס האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון דעם צענטראַלן טויער, האָבן באַקומען א באַפעל, טאָמער וועלן זיי באַמערקן עפּעס פאַרדעכטיקס, זאָלן זיי טייקעף געבן א סיגנאַל.

אָבער אפילו זיי האָבן ניט געוווּסט, אז אין דער מינוט, ווען דער וואַכמאַן קלאַפּט נײַן מאָל נאָכאַנאַנד מיט זײַן אײַזערנעם שטעקל אין רעלס, האָבן זיך אין סטאָליער־וואַרשטאַט צונויפגענומען נײַן מענטשן, וואָס דערווײַל אַמפּערן זיי זיך, צי זאָל מען אײַנלאַדן נאָך איינעם, א צענטן, צי ניין. וואָס וואָלט געזאָגט אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר, ווען ער ווייסט, אז דער צענטער — דאָס איז דער קאַפּאָ בזשעצקי, וואָס האָט אים צוריק מיט צוויי וואָכן אזוי געמיימעסט, אז ער פּילט עס נאָך איצט.

פּעטשערסקי האָט געשיקט נאָך בזשעצקין. און ווען דער קאַפּאָ האָט זיך באַוויזן אף דער שוועל, האָט ער אים געמאָלדן:

— מיר הייבן אָן די באַראַטונג.

בא בזשעצקין איז דאָס רעקל געווען שטענדיק צעכראַסטעט. איצט האָט ער עס פאַרשפּיליעט אף אלע קנעפּ, זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס, סאַשע, איר ווילט מיך אויספּרווון צי בלויז וואָרענען?

— ס'איז ניט קיין צײַט איצט פאַר פּוסטע רייד. איר האָט טאָקע פאַרדינט, מע זאָל אײַך מישפּעטן, און דאָך פאַרטרויען מיר אײַך דאָס לעבן פון זעקס הונדערט מענטשן. צוליב וואָס וואָרענען? איר אַליין ווייסט גוט, וואָס אײַך דערוואַרט, אויב איר וועט פאַראַטן... און איצט — וועגן דעם פּלאַן פון אופשטאַנד.

אף מאָרגן גאַנצפרי איז צו די סטאָליערס אַרײַנגעקומען בזשעצקי און אָנגעשריִען אף יאַנעקן, פאַרוואָס אין דער קאַזאַרמע, ווו די וואַך געפינט זיך, פאַרשליסן זיך שלעכט די טירן.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט זיך יאַנעק פאַרענטפערט. — מיר האָבן דאָך אַהין קיין צוטריט ניט.

— שטענדיק איז בא אײַך גרייט א טערעץ. גיט מיר עמעצן פון אײַערע באַלמעלאָכעס, וועל איך אים גלײַך אַהין אָפּפירן.

ס'איז לײַכט זיך אָנצושטויסן, אז דער באַלמעלאָכע, וואָס האָט גענומען דאָס קעסטל מיט אינסטרומענטן אין האַנט, איז געווען פּעטשערסקי. אין די פּוסטע צײַ־

מערן פון דער קאַזאַרמע האָט ער, קלוימערשט קעדיי אויספּרוּוון די שלעסער, צוגע־מאַכט די טירן און דאָ טאַקע אָפּגיך געעפנט די שאַפעס, ווו עס שטייען די ביקסן. פאַר עטלעכע מינוט האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז די ביקסן־מאַגאַזינען און די פּאַטראָנטאַשן זײַנען פּוסט.

נאָך מיטיק האָט ער מיט שלוימען זיך פאַרקליבן אויפן בוידעם און לאַנג געקוקט צום נאָענטן וואַלד אויף רעכטס פונעם טויער.

דאָס שטעכדראָט האָבן זיי באַשטימט איבערשנײַדן לעבן דעם אָפיצערן־הויז. דער גרעסטער טייל מינעס, וואָס זײַנען דאָ פאַרגראָבן, האָבן זיי געוווּסט, זײַנען ספּעציעלע אַליאַרם־מינעס, אויפרײַסן זיי וועט זײַן לײַכט מיט די שטיינער, וואָס זײַנען שוין פאַרפריִער געווען פאַרגרייט. זיי האָבן אויך פאַרגרייט טרוקענעם זאַמד אויף צו שיטן די וואַכלײַט אין די אויגן.

דאָ, אויפן בוידעם, איז באַשטימט געוואָרן, אַז דער אָנהייב דאַרף געמאַכט ווערן אין צווייטן לאַגער. דאָרט געפינען זיך שטענדיק פיר עסעס־אָפיצערן. זיי מוז מען די ערשטע אַנטוואָפענען און פאַרניכטן. וועט זיך עס ניט אײַנגעבן, איז אַלץ פאַר־פאַלן. מיטן שרעקלעכסטן טויט וועט מען אומברענגען אַלע זעקס הונדערט לאַגער־ניקעס, וואָס לעבן נאָך היינט־צו־טאָג. ווער זשע וועט זײַן דער, וואָס וועט דער ערשטער אויפהייבן די שאַרפע האַק — און דאָס וועט דינען אַלס סיגנאַל צום אויפ־שטאַנד? שלוימע וויל, אַז סאַשע זאָל אָנרופן אָט דעם מענטשן. טראַכט ער, סאַשע, קלײַבט ווידער איבער אין געדאַנק אַ נאָמען נאָך אַ נאָמען.

שובײַעוו איז אפילו דאָ אין לאַגער פאַרבליבן שלאַנק און פלינק. ווי אַלע באַרג־לײַט, שטעלט ער שטילע טריט, גלײַך זײַנע צערעפּעטע שקראַבעס וואָלטן געווען אונטערגעבעט מיט קישעלעך. באַ אים איז אַ רענדל אַ וואָרט. אויב אים באַפוילן „גיי!", וועט ער בלויז אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ" און זיך ניט פאַרהאַלטן קיין איבעריקע רגע. ער וועט גיין אין שנײַדער־וואַרשטאַט.

אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר טראַגט אין זיך אַזויפיל האַס, אַז זײַנע גרויסע בלויע אויגן וועלן נאָר אַ בלישטשע טאָן, ווען מע וועט אים זאָגן „גיי!". ער וועט גיין צו די שוסטער.

אויף סעמיאָן ראָזענפעלדן קאָן מען זיך אויך פאַרלאָזן. כאָטש ער איז נאָך זייער יונג. נעכטן, קלערנדיק, ווּהין אים שיקן, האָט ער, סאַשע, אַ פרעג געטאָן באַ זיאַ־מען, וויפל איז ער אַלט. צו אַזעלכע פראַגן איז מען דאָ ניט געוווינט. זיאַמע האָט זיך פאַרכידעשט: „פונוואַנען ווייסט איר, אַז פונקט מאָרגן קאָן מיר ווערן איין און צוואַנציק יאָר?". ער האָט געזאָגט: „קאָן מיר ווערן". ווי אַנדערש לאָזט זיך ענט־פערן אין סאָביבור? ראָזענפעלד וועט גיין מיט שובײַעוון. באַ אַלעקסיי ווייצענען וועט אויך די האַנט ניט קיין ציטער טאָן. אים וועט ער שיקן איבערשנײַדן דאָס שטעכדראָט לעבן דעם אָפיצערן־הויז.

„איז ווער זשע? — טראַכט פּעטשערסקי. — צוריק מיט עטלעכע טעג, ווען עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין נאָרד־לאַגער, איז אָנגעקומען אַן עשעלאָן מיט מוטער־נאַקעטע מענטשן. אַזוי האָט מען זיי געפירט, קעדיי קיינער זאָל אין וועג ניט אַנטלויפן. איך און ציבולסקי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט הינטערן ראָג פון באַראַק, פונוואַנען מע זעט דעם דריטן לאַגער מיט די גאַז־קאַמערעס. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ האַרצרײַסנדיקער געשריי פון אַ קינד: „מאַמע! מאַ..." אין דער רגע איז קלאָר אויפגעקומען דער געדאַנק: אויב מיר וועלן אַנטלויפן און ניט אויסהאַר־גענען די הענקער פון סאָביבור, וועלן מיר ניט די ווערט זײַן צו טרעטן אויף דער

ערד. איך האָב אזוי א קלער געטאָן, און באָריס ציבולסקי האָט עס געזאָגט אף א קאָל..."

— שלוימע, מיט דער גרופּע, וואָס וועט גיין אין צווייטן לאגער, וועט אָנפירן באָריס ציבולסקי. אים קען איך מער פון אלעמען. פאר אים בין איך אָרעוו. זײַן קלאפּ וועט זײַן דער ערשטער.

ס'זײַנען ענדגילטיק אָנגעמערקט געוואָרן די מענטשן, וואָס וועלן ליקווידירן די וואך און צערײַסן די טעלעפאָן־ און עלעקטרע־דראָטן. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס — אָנהייבן דעם אופשטאנד מאָרגן, דאָנערשטיק, דעם 14 אָקטיאבער, 4 אזייגער באטאָג, ווען די דײַטשישע אָפיצערן קומען אין די ווארשטאטן מעסטן זייערע קליידער און שוכווארג. פארענדיקן האָט מען אלץ געמוזט ביז פינף אזייגער — צו דער שאָ פון אפּעל. היינט באנאכט האָבן די סאמע זיכערע מענטשן באַדארפט באקומען די זיבעציק שארפע מעסערס און די העק, וועלכע די שמידן און שלאָסערס האָבן בישטיקע געמאכט.

אהער אפן בוידעם האָט זיך פון לאגער די גאנצע צײַט ניט דערטראָגן קיין איין קלאנג. מיטאמאָל האָט זיך דערהערט דאָס גראגערן פון די גענדז. צום הימל האָבן זיך גענומען ציִען שווארצע וואָלקנס רויך.

די נאכט־פינצטערניש האָט געטעמט מיט פײַכטקײַט און מיט קעלט. דאָ, אין באראק, איז געווען אזוי שטיקנדיק הייס, אז אף דער איינציקער שויב, וואָס הינטער די גראטעס, האָבן זיך באוויזן טראָפּנס שווייס. ס'איז שוין שפּעט. נאָר פּעטשערסקי מיט לייטמאנען האלטן זיך נאָך אין איין סוידען. שלוימע פאָדערט:

— לייג זיך צו, דו מוזט זיך אויסרוען.

— באלד, — ענטפערט סאשע, — נאָר גיב אן אייצע. איך וויל פאַרלייגן פינקעוויטשן, ער זאָל ארויספירן די קאָלאָנע פון לאגער. ער איז דאָך פונדעסטוועגן א מאיאָר, און זײַן דערפארונג קאָן צוניץ קומען.

— זאָלסט ניט וואגן. צו אים קוק איך זיך צו די גאנצע צײַט. מעגסט מיר גלייבן, ער איז א פאכדן. צוריק מיט א פּאָר טעג האָב איך אים געגעבן אָנצוהערן, אז מע דארף עפּעס טאָן, האָט ער געענטפערט, אז אין קיין אוואנטיורעס וועט ער קיין אָנטייל ניט נעמען.

— עפשער, שלוימע, פארטרויט ער דיר ניט?

— נארישקײַטן, נאָך אין מינסק אף שיראָקע־גאס האָט ער מיר געזאָגט, אז בא פּילסודסקין, זעסטו, האָט מען נאָך געקאָנט זײַן א קאָמוניסט און בא היטלערן ניט. כאפּט אים דער וואטנמאכער. שלאָף!

זעלטן טרעפט, אז אין אָקטיאבער כוידעש זאָל אין אָט די קאנטן אויספאלן אזא ווארעמער און זוניקער טאָג. מע האָט באקומען די באלאנדע און געווארט אפן סיגנאל זיך לאָזן צו דער ארבעט. בזשעצקי האָט געהאלטן אין דער האנט דאָס גומענע רערל פון א גאז־מאסקע. הײַנט האָט ער געווילדעוועט, ווי קיינמאָל ניט. דער שעף פון דער וואך גריישוץ האָט אים צוגערופן און דערלאנגט א פּעקל סיגארעטן.

פעטשערסקי און נאָך זיבן מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין קליינעם סטאָליער־ווארשטאט. פון דאָרט זעט מען דעם ערשטן לאגער, ווי אף דער דלאָניע. אין דעם גרויסן ווארשטאט איז היינט דער עלטסטער ניט יאנעק, נאָר לייטמאן. צוזאמען מיט אים האָבן אין באראק זיך געפונען צוואנציק קריגסגעפאנגענע, וואָס האָבן אויסבאהאלטן אונטער די העמדער מעסערס.

דריי אזייגער מיט דרייסיק מינוט האָט בזשעצקי געזאָלט אָפפירן אין צווייטן לאגער ציבולסקין. צו אים וועלן זיך דאָרט פארייניקן לעאָן און באָרעך. זיי וועלן אנטוואָפענען און טייטן די פיר פאשיסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. אָבער מיט אָנדערהאלבן שאָ פריִער איז ארייַנגעקומען אָן עסעסאָוועץ און באפוילן בזשעצקין נעמען מיט זיך דריי מענטשן און גיין מיט אים. אָט ווען פעטשערסקין האָט באגאָסן א קאלטער שווייס. ער איז גלייך אוועק אין גרויסן סטאָליער־ווארשטאט און געהייסן יאנעקן און דעם קאפּאָ טשעפּיק זיך דערוויסן, וווהין מע האָט יענע אוועקגעפירט. אויסגעלאָזט האָט זיך, אז זיי זיינען אין נאָרד־לאגער און לייגן צונויף געהילץ אין שטאבעלן. פעטשערסקי האָט צוגערופן ציבולסקין:

— אין צווייטן לאגער וועט אייך פירן טשעפּיק.

— אויסגעשלאָסן! — האָט טשעפּיק אויסגעשריִען. — אָן קיין דערלויבעניש טאָר איך אהין ניט גיין. מיר מוזן אלץ אָפּלייגן אף מאָרגן.

— וואָס? איר וועט ניט אויספילן מיין באפעל?

געענטפערט האָט ציבולסקי:

— אלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

די דייטשישע אָפיצערן האָט מען איבערגעגעבן, אז מע פארבעט זיי צו א באַשטימטער צייט קומען מעסטן די קליידער און די שטיוול, וואָס מע מאכט פאר זיי. דער הענקער נוימאן האָט באדארפט קומען אין שניידער־ווארשטאט דער ערשטער — צו פיר אזייגער באטאג. ער איז געקומען צו רייטן אף א פערד מיט צוואַנציק מינוט פריִער. דער עלטסטער שניידער יוזעף, די „שניידער" שובייעוו און ראָזענפעלד האָבן אים באגעגנט און געבעטן אויסטאָן דעם מונדיר. נוימאן האָט אראָפּגענומען און אוועקגעלייגט אפן טיש דעם רימען מיטן פאראבעלום.

— ביטע! — האָט אים יוזעף אנטקעגנגעטראָגן א נייענקן אָנצוג, — ביטע, דרייט זיך אויס צו דער שיין.

אין דער רעגע האָט ראָזענפעלד ארופגעלייגט זיין האנט אף נוימאנס געווער און שובייעוו האָט א כאפּ געטאָן די האק, וואָס איז געשטאנען א פארדעקטע לעבן פיסל פון טיש...

נוימאן האָט אזא רעווע געטאָן, אז זיין פערד אין הויף האָט זיך געטאָן א ריס פון אָרט. צום גליק, האָט זיך איינעם פון דער באנהאָף־קאָמאנדע איינגעגעבן אָנכאפּן דאָס פערד פארן צייַמל און אָפּפירן עס אין א זייט. נוימאנען האָט מען פארדעקט מיט א קאָלדרע און די בלוט־פלעקן אפן דיל באשאָטן מיט זאמד. שובייעוו איז אוועק אָנזאָגן פעטשערסקין די יעדיִע און אים איבערגעבן דעם ערשטן טראָפיי.

פיר אזייגער מיט פינף מינוט איז געקומען נאָך זיינע שטיוול דער באלעבאָס פון דער „הימל־שטראסע", דער געהילפס־שעף פון דעם דריטן לאגער געטינגער. מיט אים האָט זיך ספּראוועט ארקאדי ווייספּאפּיר.

פיר אזייגער מיט צען מינוט האָט געעפנט די טיר פונעם שניידער־ווארשטאט דער שעף פון דער לאגער־וואך גריישוץ. געעפנט און גלייך אומגעפאלן. אים האָט באגעגנט סעמיאָן.

אין דער צײַט האָט זיך פונדערווײַטן באַוויזן דער עסעסאָוועץ גאָלשטיק. ער איז געגאַנגען צום צווייטן לאַגער, פונוואַנען פּעטשערסקי האָט נאָך קיין שום ידיעה ניט געהאַט. אים אַנטקעגן איז אַרויסגעלאָפן לייטמאַן.

— הער אָפּיצער! אונדז איז באַפוילן הײַנט פאַרענדיקן די נאַרעס, און מיר האָבן ניט קיין פּינקטלעכע אָנווײַזונגען. די סטאָליערס שטייען אָן אַרבעט. עפּשער וועט איר אַף אַ מינוט אַרײַנגיין?

שלוימע האָט אים אָפּגעטראָטן דעם וועג און געלאָזט אים צוגיין צו די נאַרעס. פון דעם ערשטן קלאַפּ איז גאָלשטיק אומגעפאַלן מיט צעשפּרייטע הענט.

פיר אַזייגער מיט צוואַנציק מינוט איז צו פּעטשערסקין געקומען צו לויפן ציבולסקי און ראַפּאָרטירט:

— אַלע פיר אָפּיצערן זײַנען טויט. דאָס געווער האָבן מיר צוגענומען. די טעלעפאָן־פאַרבינדונג און די סיגנאַליזאַציע איבערגעריסן. די באַלעבאַטים פונעם צווייטן לאַגער זײַנען איצט לעאָן און באָרעך.

אין הויף זײַנען אַרײַנגעקומען עטלעכע בלעכער מיט צינקענע רינוועס אין די הענט. אין די רינוועס זײַנען געלעגן זעקס דײַטשישע ביקסן און קוילן צו זיי.

פיר אַזייגער מיט דרײַסיק מינוט האָט זיך אומגעקערט בזשעצקי מיט זײַן גרופּע. ער האָט דערציילט, אַז דער לאָדזשער שלאָסער הענריך הענגעל האָט אין גאַראַזש מיט אַן אײַזערנעם פּרענט אָוועקגעלייגט דעם אונטערשאַרפירער בעקמאַן און צוגענומען זײַן אַווטאָמאַט.

שוין צײַט געבן דעם סיגנאַל צום אַלגעמיינעם שטורעם. נאָר פּעטשערסקי וואַרט. עס לעבט נאָך פרענצעל, דער הויפּט־שעף פון סאָביבורער טויט־לאַגער. ס'איז, דוכט זיך, געווען פעסט באַוואָרנט, אַז ער זאָל אַרײַנקומען אין קליינעם סטאָליער־וואַרשטאַט אַ קוק טאָן אַף די נײַע שאַפעס. אים טייטן האָט באַדאַרפט אַליין פּעטשערסקי. פאַרוואָס איז ער נאָך ניטאָ? מע האָט זיך נאָך דערווײַל ניט צעצאָלט מיט די סאַמע בלוטדאָרשטיקע מערדער פון סאָביבור — מיטן עסעס־שטאַבספיורער ווערנער דיובואַ און מיטן אונטערשאַרפיורער פראַנץ וואָלף.

און דאָך מוז מען אָנהייבן. פּעטשערסקי באַפוילט בזשעצקין געבן אַ סיגנאַל און אויסשטעלן אַלעמען אין איין קאָלאָנע.

פאַרויס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט זיבעציק סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע, וואָס האָבן געדאַרפט אָנפאַלן אַף דעם געווער־סקלאַד. לעאָן פעלדהענדלער האָט פון דעם צווייטן לאַגער געבראַכט צו פירן אַ קאָלאָנע פון הונדערט פופציק מענטשן. עס איז געוואָרן אַ טומל. עפּעס האָט מען זיך גענומען אָנשטויסן. און יעדערער האָט געוואָלט זײַן וואָס נעענטער צום טויער.

אין דער מינוט איז צוגעקומען דער שעף פון קאַראַול. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס קלײַבט מען זיך צום אַפּעל מיט אַזאַ טומל, און גענומען אַרודעווען מיט דער בײַטש אַף רעכטס און אַף לינקס. דוכט זיך, אים האָט זיך שוין קימאַט אײַנגעגעבן אויסשטעלן אַלעמען צו פינף אין אַ ריי. נאָר מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז אויסער בזשעצקין גייען אים נאָך פוסטריט נאָך עטלעכע לאַגערניקעס.

— זע, קאַפּאָ, ווי זיי וועלן באַ מיר באַלד אַלע שטיין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך גענומען צו דער קאָבורע.

ראָזענפעלד און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן אופגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט זייערע העק. אײַנהאַלטן דעם אוילעם איז שוין געוואָרן אומעגלעך. און דאָ האָט זיך דערהערט פּעטשערסקיס באַפעל:

— כאווירים! צום אָפּיצערן־הויז! רײַסט דאָרט איבער די דראָטן.

ערשט איצט האָט מען זיך אף די וואך־טורעמס געכאפּט, אז אין לאגער קומט עפּעס פאָר.

עס איז געוואָרן א שיסערײַ. פּינקעוויטש און נאָך אים א סאך אנדערע האָבן זיך געלאָזט לויפן צום צענטראלן טויער. דעם וואכמאן באם טויער האָט פארשלונגען דאָס געדראנג פון מענטשן. אָבער צום וואלד זײַנען פיל פון זיי ניט דערלאָפן. זיי האָבן זיך אופגעריסן אף די מינעס.

די סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע מיט פּעטשערסקין בערֹאש האָבן זיך געלאָזט צום געווער־סקלאד, נאָר א שקוואל פײַער האָט זיי צוגעדריקט צו דער ערד. אהער, צום געווער־סקלאד, זײַנען געלאָפן עסעסאָווצעס. די אופשטענדלער האָבן פארמאָגט געציילטע עטלעכע ביקסן און פּיסטאָלעטן, דאָס איז געווען גענוג צו צווינגען די היטלעריסטן פויזען אף אלע פיר, נאָר וויניק אף צו פארכאפּן דעם געווער־סקלאד.

פרענצעלן, דעם הויפּט־שעף פון סאָביבור, האָט פּעטשערסקי באמערקט, ווען יענער האָט זיך פויזענדיק דערקליבן קימאט צו דער טיר פון געווער־סקלאד. פּעטשערסקי האָט אויסגעשאָסן, נאָר צי האָט ער אין אים געטראָפן?..

— איינציקוויַיז צום אָפּיצערן־הויז! רײַסט די דראָטן און אפגיך צום וואלד, — באפעלט פּעטשערסקי.

אליין וועט ער דאָ נאָך בלײַבן מיט עטלעכע באוואָפנטע מענטשן, דער סוינע זאָל ניט קאָנען פארפאָלגן די ניט־באוואָפנטע אופשטענדלער.

— כאווער קאָמאנדיר, — האָט זיך צו אים עמעצער געווענדט, — שוין צײַט אָפּטרעטן.

„כאווער קאָמאנדיר" — דאָס הארץ האָט א צאפּל געטאָן. צום ערשטן מאָל פאר צוויי יאָר רופט מען אים אזוי אָן. כאָטש ער איז נאָך אין טויט־לאגער און אפילע זײַן שאָטן איז נאָך ניט פון יענער זײַט שטעכיק דראָט, איז ער שוין דאָך ניט קיין לאגערניק!

באם ראנד וואלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט איבערכאפּן דעם אָטעם. אהער, האָט ער באמערקט, לויפן נאָך מענטשן. קוילן פײַפן אלץ אָפטער. אָט איז מיטן פּאָנעם אראָפּ געפאלן איינער, אן אנדערער האָט אָנגעטראָטן אף א מינע, און אָט פאלט ווי אן אונטערגעשניטענע א פרוי, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט פונדאנען...

מע לאָזט זיך אין וועג. נאָך דעם זידנדיקן קעסל, פונוואנען זיי האָבן זיך נאָרוואָס ארויסגעריסן, האָט זיך געדוכט, אז דער וואלד דרעמלט. פון לאגער דערטראָגט זיך נאָך די שיסערײַ, און עס הוידען זיך פּאמעלעך די צווײַגן און שיידן זיך שטילערהייט מיט די לעצטע בלעטער.

געגאנגען איז מען איינער הינטער דעם אנדערן. פּעטשערסקי דער ערשטער, נאָך אים ציבולסקי. געשלאָסן די גרופּע האָט ווײַספּאפּיר.

פארלאָזן דעם וואלד איז געווען, ווי פארלאָזן א פעסטונג. ווײַטער האָט זיך געצויגן א פעלד, און שוין גאָר אומגעריכט — א ברייטער טיפער ריוו, פול מיט וואסער. עפּעס האָט ווײַספּאפּיר דערהערט, און גלײַך גיט איינער איבער א צווייטן:

— אכטונג! דאָ איז פאראן נאָך עמעצער!

אף דעם זעלבן אויפן באקומט ווײַספּאפּיר דעם קאָמאנדירס באפעל:

— דערוויסן זיך!

ארקאַדי פּויזעט אַפן בויך. ער הערט — עמעצער רעדט מיט א קאַווקאַזער אַק־צענט. אַזוי קאָן ריידן נאָר שוביישוויליע. און טאַקע: ער און זײַן גרופּע האָבן שוין באַוויזן אפּגיך מאַכן אַ מין פּליט. מע איז שוין בעשאָלעם אויף דער צווייטער זײַט. און ווידער ציט זיך וואַלד. וואָס זשע איז פּעטשערסקי אַזוי דערשלאָגן? שוביישוויליע האָט געבראַכט די ידיעה, אַז לייטמאַן איז שווער פאַרוווּנדעט. שלוימע, לעאָן און באַרעך האָבן געדאַרפט אָפּזוכן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער. און איצט ליגט ער, שלוימע לייטמאַן, אויף אַ טראַגבערעטל און ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָך. שרײַענדיק צו די, וואָס האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די טויערן, האָט ער פאַרלוירן די שטים, און איצט זײַנען שוין מיסטאָם זײַנע ליפּן טויט.

פּעטשערסקי גייט און טראַכט: אַזויפיל טעג אין לאַגער, טעג, וואָס זײַנען גע־גליכן צו יאָרן, אָפּגעלעבט זײַט־בײַ־זײַט מיט לייטמאַנען און זיך קיינמאָל ניט פאַר־טראַכט, ווי ליב און טײַער שלוימע איז אים. גענוג געווען, לייטמאַן זאָל אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ", און פּעטשערסקי האָט שוין געוווּסט, אַז אַנדערש קאָן גאָרניט זײַן.

מיט שוביישוויליען האָט שלוימע אים איבערגעגעבן זײַן לעצטן גרוס און זײַן דאַנק. זײַן דאַנק... וועמען, אויב ניט שלוימען, קומט דער ערשטער דאַנק פאַר דעם, וואָס זיי זײַנען איצט פרײַ? דאָס האָט ער דאָך געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן די ווערטער: „ניט מיט טרערן צאָלן, נאָר מיט געווער". וויפל ער, פּעטשערסקי, וועט לעבן, וועט ער אים ניט פאַרגעסן. נאָר מער זינקען אין שווערע געדאַנקען האָט פּעטשערסקי קיין רעכט ניט. ער מוז קלערן וועגן די זעכציק מענטשן, וואָס גייען הינטער אים. ער ווייסט: מיט אַזאַ גרויסער גרופּע איז קימאַט אוממעגלעך זיך אויס־באַהאַלטן, אוממעגלעך זיך דורכשמוגלען אומבאַמערקט.

אַ שאָרך, און אַלע פאַרטײַען דעם אָטעם. ס'איז ווידער שטיל. גוט, וואָס די שרעק איז אַן אומזיסטע. מע לאָזט זיך ווײַטער, און דאָ צעשרײַט זיך אַ ייִדענע, ווי זי זאָל זײַן בײַ זיך אין אַלקער:

— מוישע, ווו ביסטו?

עמעס, קיינער האָט ניט געהערט, אַז מוישע זאָל איר ענטפערן. דערפאַר האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז אויף מײַלן אַרום האָט זיך צעטראָגן איר „מוישע, ווו ביסטו?". איז וואָס? דורכטרײַבן זי? שלוימע וואָלט געוויס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין".

פאַרטאָג האָבן זיך אומגעקערט די אויסשפּירער. זיי וואָלטן געמעגט אָנזאָגן בעסערע בסורעס. וואָס נעענטער צו דער אײַזנבאַן־ליניע, אַלץ שיטערער ווערט דער וואַלד.

וואָס טוט מען? בלײַבן אין וואַלד? דאָ וועט מען זיי דאָך געוויס זוכן. מע האָט צוגעפּויזעט נעענטער צו דער סטאַנציע און זיך פאַרקליבן אין די קוסטעס. צום גליק האָט דאָס עסעריקע ווינטל ניט צעטריבן די וואָלקנס און פון גאַנצפרי אָן האָט געגומען טריפן אַ נודנע רעגנדל. בלויז סאָף טאָג האָבן זיך אין הימל באַוויזן אַעראָפּלאַנען. אין די אַרומיקע וועלדלעך האָבן גענישטערט דײַטשן און פּאָליצײַען. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ, אַ בילן פון הינט.

קוים דערלעבט די נאַכט, האָט מען אַריבערגעפּויזעט די רעלסן און זיך געלאָזט ווײַטער. אין וואַלד האָבן זיי באַגעגנט נאָך צוויי סאָביבאָראָווצעס:

— איר גייט צום בוג? קערט זיך אום. מע האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָרט איז פול מיט דײַטשן.

פעטשערסקי מיט נאָך אכט מענטשן האָבן באַשטימט ניט ענדערן דעם מאַרשרוט און גיין צו דער סאָוועטישער גרענעץ, צו די פּאַרטיזאַנער. אויף אַ קליינער וואַלד־לאָנקע האָט מען זיך צום לעצטן מאָל צונויפגענומען אַלע אינאיינעם.

— כאַווערים, — האָט געזאָגט פעטשערסקי, — מיר צעטיילן זיך אויף זעקס גרופּעס. איך ווינטש אַלעמען אַ גליקלעכן וועג. זײַט מאַצליעך און נעמט נעקאָמע!

מענטשן האָבן אים אַרומגענומען, געקושט, געשעפּטשעט:

— אַ דאַנק דיר, סאַשקאַ! מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

אין פיר טעג אַרום, שפּעט אין אָוונט, האָבן נײַן מענטשן זיך שטילערהייט גע־גאַנוועט צו אַ כוטאָר, וואָס איז באַשטאַנען סאַכאַקל פון איין הויף. נאָך דעם כוטאָר האָבן זיי נאָכגעשפּירט עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד. דאָ האָט מען געדאַרפט זײַן באַזונ־דערס פאָרזיכטיק — דער בוג איז נאָענט.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. עמעצער האָט אָפּגערוקט דאָס פאָרהענגל. אין אַ רעגע אַרום האָט זיך די טיר געעפנט. אין שטוב זײַנען אַרײַן פעטשערסקי, ציבולסקי, שובײַעוו און ווײַספּאַפּיר. די איבעריקע זײַנען פאַרבליבן אויף דער וואַך. דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם כוטאָר, בײַ דער סאַמע גרענעץ צווישן פוילן און ווײַסרוסלאַנד, האָט מען שוין געהערט, אַז ערגעץ לעבן כעלם אָדער לעבן מײַדאַנעק איז געשען אַ נעס.

— מע זאָגט, — דערציילט דער באַלעבאָס פון הויז, — אַז פון די אויוונס, אין וועלכע די פאַשיסטן פאַרברענען מענטשן, האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַרויסשפּרינ־גען לעבעדיקע מייסים און גענומען כאַפּן די דײַטשן פאַר די גאָרגלען. וועמען גע־כאַפּט — דעם דערשטיקט. נאָך זאָגט מען, אַז דאָרט ניט ווײַט איז געשטאַנען אַ גאַנצער פּאָלק דײַטשן. צוערשט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אַ כאַפּ געטאָן די ביקסן, דערנאָך, זאָגט מען, האָבן זיי פאַר שרעק געוואָרפן דאָס געווער און געלאָזט זיך לויפן, וווהין די אויגן טראָגן.

ווי דאַן, אין הויף פון מינסקער קאַרצער, איז פעטשערסקי געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אין דער וואַנט, די אויגן פאַרזשמורעט. עפּענען זיי האָט ער פּאַשעט מוירע געהאַט. עפּשער האָט ער מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז ער איז שוין ניט קיין געפאַנגע־נער? עפּשער איז דאָס טאַקע ניט מער, ווי אַ לעגענדע, אַ גוטער כאָלעם? שטילער־הייט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— העלפט אונדז אַריבערגיין דעם בוג...

דער באַלעבאָס האָט פאַריכט דעם קנויט פון קאַנעץ, מיט אַ קאָלדרע פאַרדעקט דאָס פענצטער און געענטפערט:

— גאָט אַליין העלפט אײַך, איז ווי זשע קאָנען מיר אָפּזאָגן? — און צו זײַנע קינדער: — יאַדזשע, דערלאַנג צום טיש. און דו, טאַדעק, טו אָן די שטיוול און גרייט זיך אין וועג.

אין דער נאַכט אויפן 20 אָקטיאַבער האָבן זיי שוין באַטראָטן די ווײַסרוסישע ערד. זי איז נאָך געווען אָקופּירט. איצט איז פאָרגעשטאַנען זיך דערשלאָגן צו די פּאַר־טיזאַנער. ס'איז געשען אָן אומגליק מיט באַריסן. באַם איבערגיין דעם בוג האָט ער זיך צוגעקילט. ער האָט געבערענט פון היץ און ווײַטער גיין ניט געקאָנט. פון פיר אויסגעהאַקטע דעמבענע ביימלעך האָט מען געמאַכט אַ טראָגבערעטל און אַזוי

זיך דערקליבן מיט אים צו א כוטאָר, וואָס איז שוין געווען אין דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע. דאָ האָט מען אים געמוזט איבערלאָזן.

אין צוויי טעג ארום האָבן זיי ניט ווײַט פון ברעסט באַגעגנט די ערשטע פּאַרטיזאַנער. זיבן מאַן זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין אָטריאַד אף קאָטאָווסקיס נאָמען. פּעטשערסקי איז אוועק מיט אַן אַנדער מאַכנע, אף שטשאָרס׳ נאָמען, ווײַל דאָרט האָט מען אים צוגעזאָגט פאַרעכענען אין א דיווערסאַנטן־גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט די טעג זיך לאָזן אף דער אײַזנבאַן אופרײַסן א פײַנטלעכן עשעלאָן.

אלעקסאַנדער פּעטשערסקי האָט זיך דערוואַרט ביז דעם טאָג, ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרייניקט מיט דער סאָוועטישער אַרמיי, דאָס רויטע פּאַסיקל אפן היטל האָט ער פאַרביטן מיט א שטערנדל, און ווידער שלאַכטן. סאָף אווגוסט איז פּעטשערסקי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין לאַזאַרעט, ווו ער איז אָפּגעלעגן פיר כאַדאָשים, אין דעם רעזערוו־פּאָלק און דערנאָך אין ראָסטאָוו, זײַענדיק שוין א ציווילער, האָט ער אַלץ זיך נאָכגעפרעגט וועגן זײַנע פרײַנט, די אופשטענדלער.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז נאָך אין דעם זעלבן אָוונט, ווען זיי זײַנען אַנטלאָפן פון לאַגער, איז מיטן אײַזנבאַן־טעלעגראַף אוועק אַן אַליאַרם־דעפּעש: „דרינגענדיק אַרויסשיקן מיליטער און אָניאָגן די אופשטענדלער״. א יונגע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אפן כעלמער וואָקזאַל אַלס טעלעגראַפיסטן, האָט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, איבערגעגעבן די דעפּעש דעם דײַטשישן פאַרבינדלער מיט א פאַרשפּעטיקונג אף העכער פיר שאָ...

דעם 16 אָקטיאַבער איז קיין סאָביבור אָנגעקומען א ספּעציעלע סאַפּיאָרן־טייל. מיט דינאַמיט האָט מען אופגעריסן אַלע געבײַדעס און די וואַך־טורעמס. פון דער ערד האָט מען אַרויסגעריסן די סטויפּעס מיט דעם שטעכדראָט. מע האָט אָנגעלאָדן אף פּלאַטפאָרמעס און אוועקגעפירט די עקסקאַוואַטאָרן, וואָס האָבן געגראָבן די גריבער פאַרן אַש פון די פאַרברענטע, די טראַנספּאָרטיאָרן, אף וועלכע עס זײַנען נאָך געלעגן טויטע קערפּערס, די דיזעל־מאָטאָרן, וואָס האָבן געטריבן דעם שטיקגאַז. אפילע די גענדז און די קראָליקעס האָט מען אפן אָרט געשאָכטן.

פון בערלין איז געקומען א געהיימער און שטרענגער באַפעל: אום יעדן פרײַז פאַרניכטן די אופשטענדלער. ניט ווייניק פון די אַנטלאָפענע האָט מען טאַקע געכאַפּט. פיל אָבער האָבן געפונען דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער. אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בא די פּוילישע פּויערים.

הײַנט צו טאָג לעבט אלעקסאַנדער אַראָנאָוויטש פּעטשערסקי אין ראָסטאָוו־דאָן, ווו ער אַרבעט אַלס טעכניקער־דיספּעטשער אף איינעם פון די דאָרטיקע זאַוואָדן, כאָטש די מעלוכע האָט אים אויסגעטיילט א פּערסאָנעלע פּענסיע. פון דער גרופּע, וואָס איז דערמאָנט אַריבער צוזאַמען מיט פּעטשערסקין דעם בוג, האָבן צוויי ניט דערלעבט ביזן טאָג פון ניצאָכן: באָריס ציבולסקי איז אַזוי טאַקע ניט געקומען צו־זיך און געשטאָרבן פון א לונגען־אָנצינדונג אין דעם ווײַסרוסישן כוטאָר, ווו מע האָט אים איבערגעלאָזט; אלעקסאַנדער שובײַעוו איז געפאַלן מיט א העלדישן טויט אין 1944 בייס א שלאַכט אין הינטערלאַנד פון סוינע. די איבעריקע כאַווײרים זײַנע האָט פּעטשערסקי נאָך דער מילכאָמע אויסגעזוכט, און ס׳איז געוואָרן בא זיי א טראַדיציע יעדע פינף יאָר זיך צונויפנעמען אַלע איניינעם אין ראָסטאָוו, בא סאַשען, ווו ס׳וואַרטן אף זיי געדעקטע טישן. אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר איז א הויפּט־אינזשעניער

פון א זאוואָד אין דאָנבאַס, יעפים ליטווינאָווסקי — א שערער אין קוּבישעוו, אַלעקסיי ווייצען ווינט אין ריאזאַן. ניט געקוקט אף זײַן עלטער, איז ער נאָך איצט אַן אינ־סטרוקטאָר פון פאַראַשוט־ספּאָרט. נאָום פּלאָטניצקי איז א סטאָליער אין פּינסק. באָריס טאַבאַרינסקי אַרבעט אַלס שלאָסער אף דעם זעלבן מינסקער זאוואָד, וואָס פאַר דער מילכאָמע.

נו, און סעמיאָן ראָזענפעלד, וואָס איז מיט אים געוואָרן? ער לעבט, ער קומט אויך קיין ראָסטאָוו. אין א שאָ דרײַ אַרום נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער האָט ער דער־פילט א שאַרפן ווייטעק אין רעכטן פוס. ער מיט צוויי ייִנגלעך, די ברידער מאָנעק און יוזיק, זײַנען אָפּגעשטאַנען פון באָרעכס גרופּע און זיך געלאָזט אף דאָרעם צו די סאָווינער וועלדער. דאָרט, האָט מען זיי געזאָגט, אָפּעריִרט א פּאַרטיזאַנישע מאַכנע. צוויי וואָכן האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד, ביז זיי האָבן לעבן כוטאָר יאַנאָוו אָנגעטראָפן אף א פאַרלאָשענעם שײַטער. פאַרדעקט מיט צווײַגן איז לעבן שײַטער געשטאַנען א ברייטע און בײַכיקע מאַקרעטע, פול מיט געקאָכטן אַרבעס. קלאָר, אַז עמעצער מוז דאָ זײַן. א מעטער הונדערט פון דעם אָרט האָבן זיי געפונען א בליג־דאַזש, וווּ עס האָבן געווינט פינף סאָביבוראָווצעס, וואָס זײַנען געקומען אַהער מיט צען טעג פריִער, און דרײַ טשעכישע ייִדן, זיי זײַנען אַנטלאָפן פון אַן אַנדער לאַגער.

אָנהייב דעקאַבער איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. ווײַזט אויס, אַז טאַקע לויט די שפּורן אפן שניי האָט אַהער זיך דערקליבן א גרופּע באַוואָפנטע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן — „אַקאָווצעס". פון די זעקס מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרײַנלויפן אין בלינדאַזש, האָבן זיי פינף דערשאָסן (איינעם האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן). מיט א גראַנאַטע, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעוואָרפן אין בלינדאַזש, האָבן די באַנדיטן געהאַרגעט נאָך איינעם. זיי האָבן שוין גענומען שלעפּן די קלעצער פון דער סטעליע.

בא ראָזענפעלדן אין קעשענע זײַנען געלעגן דרײַ פּאַטראָנעס. ער האָט זיי אָפּ־גיך צונויפגעבונדן, אוועקגעלייגט אף די באַלקנס, אונטער זיי אײַנגעמאָסטעט א ברענענדיקע ליכט, און, שווער זיך פאַרשטעלן, די פּאַטראָנעס האָבן אויסגעשאָסן. דאָס איז געווען גענוג, אַז די באַנדיטן זאָלן זיך צעלויפן.

פאַרבליבן זײַנען אין בלינדאַזש פיר מענטשן. קימאַט זיבן כאָדאָשים האָבן זיי זיך דערנאָך אויסבאַהאַלטן בא גוטעפּרײַנט אף די כוטאָרס צווישן לובלין און כעלם.

אין דער צווייטער העלפט יול 1944 האָט די רויטע אַרמיי באַפרײַט כעלם. בא ראָזענפעלדן האָט די וווּנד נאָך אַלץ געייטערט, נאָר ער איז אַוועק צום סאָוועט־טישן קאָמענדאַנט און געפאָדערט:

— שיקט מיך גלײַך אפן פראָנט.

בא לאָדזש — א סאָלדאַט. בא פּויזן — א סערזשאַנט. ווידער פאַרוווּנדעט אין רעכטן פוס און אין דער רעכטער האַנט. און צוריק קיין לאָדזש אין שפּיטאָל. דאָס מאָל אָבער ניט אף לאַנג. ווען דער רײַכסטאַג איז נאָך געווען פאַרהילט אין רויך, איז בא איינער פון זײַנע ווענט, באַגלײַך מיט טויזנטער אַזוינע, ווי ער, געשטאַנען א מענטש, וואָס האָט בלויז אף א מינוט איבערגעכאַפּט דעם אויטאָמאַט אין דער לינקער האַנט. דאָס איז געווען סעמיאָן ראָזענפעלד, צו קנאַפּע דרײַ און צוואַנציק יאָר א ווײַס־באַזילבערטער, מיט טיפע קנייטשן אפן שטערן. מיט א שפּליטער האָט ער אויסגעקריצט: „באַראַנאָוויטש — סאָביבור — בערלין".



די יוגנט=יאָרן פּון זשאק אלבראָ

ЦИРК

וועגן איין זאַך דאַרף איך צו וויסן געבן דעם לייענער: זשאַק אַלבראַ איז ניט דערווירקלעכער נאָמען פון מײַן העלד. אָבער ניט איך האָב צוגעטראַכט אָט דעם נאָמען און אַפילו ניט דער העלד אַליין.

די צײַט, דאָס לעבן האָט געגעבן דעם ייִדישן באָכער דאָווידל גאָלדפאַרב דעם ניט געוויינלעכן נאָמען זשאַק אַלבראַ.

וועגן דעם, וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, וויל איך אײַך דערציילן.

וויאַזוי כאַיִם־בער פלעגט אופוועקן די וועלט

עס איז שוין טאַקע ניט נאַכט, נאָר עס איז נאָך ניט טאָג, כאָטש פון דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס אָטעמט מיט פײַכטקײַט און מיט קעלט, שווימען שוין אַרויס די ערשטע ליכטיקע פלעקן. אין אָט דער פריִער שאָ, ווען בלויז די פויגלען צעשטערן די שטילקײַט, דערהערט זיך אַ גרילצנדיקער סקריפּ פון דעם פאַרזשאַווערטן אײַזערנעם טויער, כאַיִם־בערס הייזעריקער „קכע־קכע”, דערנאָך זײַן באַסאָווע אויסגעשריי:

— וויאָ, נעווילע, גענוג געדרעמלט.

דאָווידל נאָסן־עליעס איז געווען זיכער, אז ניט נאָר בא זיי, אין אָלינאָוועס הויף, וואָס געפינט זיך אין עק פון דוואָריאַנסקע, ניט נאָר אין כערסאָן, נאָר אין אַלע שטעט און דערפער, אף די פעלדער, אין די וועלדער, אפן נאָענטן ברייטן דניעפער און אף די ווײַטע יאַמען — מיט איין וואָרט, אף גאָר דער וועלט הייבט זיך אָן דער נײַער טאָג מיט כאַים־בערס „וויאָ, נעווײלע, גענוג געדרעמלט״.

ער וואָלט געקאָנט שווערן, אז ערשט נאָך דעם, ווי כאַים־בער דער באַלעגאָלע גיט א פײַף מיט דער בײַטש, באַהאַלט זיך ערגעץ די לעוואָנע, עס פארשווינדן די שטערן, עס צעגייט דער לײַכטער פארטאָגיקער נעפּל, דער ווינט נעמט אראָפּ טרייסלען פון די הויכע אַקאַציעס די דורכזיכטיקע טראָפּנס טוי, פון די טאָפּאָלן דעם פּוך, און אפן שאָכנס רויט־געפארבטן דאַך טוט זיך שעמעוודיק א גליטש דער ערשטער זונען־שטראַל.

אפילע אַזאַ אַקשן, ווי פוגע — דאָווידלס הינטל, האָט אויך אָן שום קונצן געפאָלגט דעם באַלעגאָלע. ווי נאָר עס דערהערט זײַן ערשטן „קכע־קכע״, קריכט דאָס הינטל גלײַך ארויס פון דער בודקע, טרייסלט אָפּ פון זיך מיט א ציטער דעם שלאָף, און גלײַך נאָך דעם געשמאַקן גענעץ לאָזט עס זיך הענדעם־פּענדעם צו דער קאַליטקע, ווײַל אף דער פּוסטער גאַס האָט זיך שוין באַוויזן א דורכגייער אָדער א פערד־און־וואָגן. אויב דער אָנטרײַבער זיצט אפן וואָגן, טוט פוגע עטלעכע מאָל שטיל א האַווקע. קוים אָבער גייט דער פורמאַן לעבן דעם וואָגן און האַלט נאָך דערצו די בײַטש אין דער האַנט, טוט זיך פוגע א וואָרף צום פּאַרקן, שפּרינגט ארויס אפן טראָטואַר און באַגלייט מיט א ווילדער בילעניש דעם „סוינע״ אַזש ביזן דריטן זאַווולעק.

איינס האָט דאָווידל ניט פארשטאַנען: „נו, און שאַבעס? שאַבעס שפּאַנט דאָך כאַים־בער ניט די שקאַפּע און וועקט ניט מיט א קאָל, ווי פון א האָרן ארויסגעשאַלט, די וועלט מיט זײַן „גענוג געדרעמלט״. אָבער פרעגן בא דעם באַלעגאָלע, וואָס טראָגט אף זיך אַזאַ אָל פאַר דער וועלט, אז די ברייטע פּלייצע איז בא אים אײַנגעהויקערט געוואָרן, האָט דאָווידל זיך ניט אײַנגעשטעלט.

מיט דער צײַט איז ער אַליין געקומען צום סייכל: אַזאַ אויסזען האָט ער טאַקע, דער שאַבעסדיקער טאָג! שטיין שטייט מען אוף, ווען ווער עס וויל. מע אַרבעט ניט. מע שלאָגט בײַדעקעס. אפילע די מאַמע זײַנע, בא וועלכער די פארהאָרעוועטע הענט זײַנען שטענדיק פארנומען, שטעלט ניט זידן דעם טשוהון וואַסער אף טיי, לאַטעט ניט איר פּליושענעם סאַק, ליאַמעוועט ניט די ציכלעך, קעדיי צופוצן דעם דאַלעס, זי זיצט גאָר מיט דער שכיינע ראָכעלע אף דער פּריזבע און בײדע קנאַקן זיי געפּראַזשעטע קאַבאַק־קערלעך.

ווען כאַים־בער פלעגט פאַרטאָג אופוועקן די וועלט, פלעגט דאָווידל יאָ הערן און ניט הערן. אין די דאָזיקע רעגעס פלעגט ער זיך צונויפקאָרטשען אין א קנויל, צודריקן די קני צום בויך, ארײַנצײַען דעם קאָפּ אין די אַקסלען און נאָך שטײַפער זיך אײַנגיורען אין דעם טאַטנס אַלטער שינעל, וואָס האָט כוץ א לאַנגן שפּאַלט נאָך פארמאָגט ניט ווייניקער פון א צענדליק היפּשע לעכער.

געטאָן האָט עס דאָווידל ניט דערפאַר, ווײַל ער האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיטן שלאָף. ער האָט ניט געוואָלט, אז אפילע כאַים־בער, וועמען עס פאָלגן אַלע, זאָל זײַן אף אים דער באַלעבאָס. ניט אומזיסט רופט אים, דאָווידלען, זײַן ברודער לייווי „דאָווידל־קאַפּויר״, „דאָווידל־צולאָכעסניק״.

לייווי וואָלט געוואָלט, אז אלע זאָלן אופשטיין באגלײַך מיט אים. ער שטעלט זיך ניט פאָר, דער דראָנג (מיט דער דאָזיקער צונעמעניש האָט אים געקרוינט די שכיינע ראָכעלע), וואָס עס וואָלט זיך געטאָן, ווען אין די צוויי צימערלעך פון זייער קעלער וואָלט אין איין און דער זעלבער צײַט אופגעשטאנען די גאנצע מישפּאָכע — טאטע־מאמע מיט אלע צוועלף קינדער... אפילע אין דרעמל לייגן זיך צונויף דאָ־ווידלס פּוכקע ליפּן אין א שמייכל: אלץ וואָלט געגאנגען כאָדאָראָם, דער הענגלאָמפּ וואָלט זיך אזש געהוידעט.

אז דאָס זאָל ניט פּאסירן, איז אײַנגעשטעלט געוואָרן איינמאָל פאר אלעמאָל — דער „געגנוג געדרעמלט" קער זיך אָן נאָר צו דער מאמען. ערשט ווען די הירזשענע קאשע איז שוין אָפּגעקאָכט, די טיי אופגעזאָטן, גייט זי צו צו דעם טאטנס בעט און זאָגט שטיל, קוים צו הערן:

— נאָסן־עליע...

דאָס ווערט געזאָגט אזוי, ווי זי זאָל ניט זײַן זיכער, צי אין דער צעפּאָרענער הילצערנער בעט שלאָפט טאקע איר מאן, צי גאָר אן אָנגעלייגטער אוירעך, וועמעס נאָמען זי האָט גאָר ניט פארדינט דעם קאָוועד אָנצורופן.

דער טאטע שלאָפט אזוי, אז עס מעג דונערן און בליצן, וועט ער זיך ניט אופּ־כאפּן, אָבער דער מאמעס קאָל דערהערט ער גלײַך. ער זעצט זיך צו אף דער איבער־בעט, גיט א גלעט זײַן קאָמעץ־בערדל און ענטפערט טאקע, ווי אן אוירעך:

— א גוט־מאָרגן, באסשעווע!

די מאמע טוט א שאָקל מיטן קאָפּ. זי לאָזט זיך אין קיך און ברענגט פון דאָרט די הויכע מעשענע קוואָרט פאר נעגל־וואסער. דערנאָך לייגט זי ארײַן צווישן צוויי ריפּטלעך קאָרנברויט א שטיקל הערינג, א ציבעלע, אמאָל א געקאָכט שטיקל פלייש, דער טאטע זאָל האָבן אף דער ארבעט וואָס איבערצובײַסן. אין א פּוסט קעסטעלע פון שוועבעלעך שיט זי ארײַן א פינגערהוט זאלץ און פארבינדט עס מיט א דינעם פאָדעם.

זי האָט נאָך עפּעס אין זינען אים מיטגעבן, נאָר ער רופט זי:

— באסשעווע, עפּעס זע איך ניט דאָס שארפע מעסער אפן טיש.

— נאָ! — זי גלײַכט אויס די צעראטע און לאָזט זיך ווידער אין קיך ארײַן.

— זעץ זיך מיט מיר עסן.

— איך בין שוין א געגעסענע, — טוט זי צו אים א שמייכל מיט אירע נאָך אלץ גלאנצנדיקע שווארצע אויגן.

דעם טאטן פארדריסט עס.

— זינט איך געדענק דיך, ביסטו שטענדיק א געגעסענע. זאָג מיר, כ'בעט דיך, פון וואָס לעבסטו?

— רייד ניט, נאָסן־עליע, קיין נארישקײַטן. איך עס, וואָס דען טו איך? איר זײַט, דאנקען גאָט, בא מיר דרײַצן, איז ווי זשע? זאָל איך זיך מיט יעדן פון אײַך זעצן צום טיש?

געזאָגט און גלײַך כאראָטע געקראָגן, זי ווייסט דאָך, אז יעדעס מאָל, ווען זי דערמאָנט די צאָל דרײַצן, בלײַבט בא אים שטעקן דער ביסן אין האלדז. כאָטש וואָס איז ער שולדיק? א מענטש האָט א פּאָר גאָלדענע הענט, האָרעוועט פון גאנצ־פרי ביז שפּעט אין דער נאכט, איי, עס סטײַעט ניט? לעבן דאָך אייניקע נאָך ער־גער... יאָ, זיך דערמאָנט, זי וועט אים מיטגעבן א פּאָר לעפּעלעך סאָדע. עס ברענט אים דאָך נעבעך שטענדיק אפן הארצן, און צו גינזבורגן דעם רופע וויל ער ניט

גיין. ער וויל ניט... עס רעדט זיך אזוי, ניטאָ פּאַשעט די דרײַ גילדן אף באַצאָלן. עמעס, גינזבורג דער רופֿיפע קאָן קומען צו א קאַפּצן און ניט נאָר זיך אָפּזאָגן פֿון דעם, וואָס עס קומט אים, נאָר איבערלאָזן אייגן געלט אף א רעפּוע. אָבער איר נאָסן־עליע איז ניט פֿון יענע קאַפּצאָנים. איז צוליב וואָס זאָל זי אים נאָך הריזען?

ווי נאָר דער טאַטע מאַכט צו נאָך זיך די טיר און עס דערוויטערן זיך זײַנע טריט, נעמט די מאַמע וועקן לייווין. ער ארבעט דאַפּקע ניט ווײַט פֿון שטוב אין א בעקערײַ, נאָר ער מוז קומען קאיאָר אײַנהייצן דעם אויוון. די מאַמע וואָלט עס גערן אליין געטאָן פֿאַר אים, נאָר זי האָט מוירע פֿאַר נאָסן־עליען. אנומלטן האָט זי זיך ארויסגעכאַפּט וועגן דעם מיט א וואָרט, האָט ער אזא קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, אז די גלאָז טיי איז אזש אונטערגעשפּרונגען. זי האָט גאָרניט גע־ווּסט, אז נאָסן־עליע קאָן אזוי אין קאַס ווערן. ער ווייסט ניט, אז אופּוועקן לייווין איז איר שווערער, ווי אײַנהייצן דרײַ אויוונס. עס קומט איר אויס לאַנג אים טאָר־קען און אמאָל אפילע א דריי טאָן בא דער נאָז. דוכט זיך, שוין אופגעשטאַנען, אָנ־געטאָן זיך, פֿונדעסטוועגן טאָר מען פֿון אים קיין אויג ניט אראָפּלאָזן. גייט זי אף א מינוט אוועק, ליגט ער שוין ווידער אפֿן קאַסטן מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט.

דערפֿאַר אָבער האָט דער ברודער מאָטל געקאָנט זיצן א טאָג מיט א נאַכט איבער א סייפֿער און זיך ניט צולייגן אפילע אף קיין מינוט. שכיינים פֿלעגן זאָגן דער מאַמען:

— דער איז בא אײַך, באַסשעווע, אַן עווען־טאָוו, ער וועט אויסוואַקסן א לאַמדן, וואָס די וועלט האָט נאָך אזוינס ניט געזען.

די מאַמע פֿלעגט אָפּווישן מיטן פֿאַרטעך אַן אָנגעלאָפֿענע טרער. אָפּטער אָבער פֿלעגט זי אוועקשטעלן אנטקעגן מאָטלען דאָס קײַלעכדיקע שפּיגעלע און מאַמעש זיך בא אים בעטן:

— טו א קוק, ווי דו זעסט אויס, האָב אף זיך ראַכמאָנעס. וויפֿל איז דער שיר שמאַכטן איבער דער געמאָרע? ס'איז דיר ווייניק דאָס לערנען אין דער יעשיווע? פֿאָלג מיך, לייג זיך שלאָפֿן.

...דאָווידלס ערשטער פֿאַרדראָס אף כאַים־בערן: קוים איז ער בעקויעד אופּוועקן א גאַנצע וועלט, איז פֿאַרוואָס זאָל ער ניט צוליב טאָן דער מאַמען און ניט מאַכן אזוי, אז מאָטל זאָל, ווי אלע מענטשן, זיך לייגן שלאָפֿן צו דער צײַט?

דאָווידל לאָזט זיך צום עק הויף, ווו עס ליגן צונויפגעלייגט באַם פּלויט דער באַלעבאָסטעס ברעטער, בערוועגעס, ארומגעבונדענע מיט גראָבן דראָט. ער פֿוי־זעט אף אלע פֿיר, ביז ער דערקלײַבט זיך אין זײַן קיניגרײַך, וואָס איז פֿאַרוואַקסן מיט קראָפּעווע און טישעבאָוועדיקע בוזיקעס. צוערשט קאָן זיך אויסדאַכטן, אז דאָ איז שטאָקפֿינצטער, נאָר אויב דו וועסט איין אויג צומאַכן אינגאַנצן און דאָס צווייטע האַלטן האַלב אָפֿן, וועסטו זען, ווי עס גאַנוועגען זיך אהער ארײַן פֿון דרויסן דינע פֿאַסיקלעך שײַן און אין זיי דרייט זיך א קאַראַהאָד לויכטנדיקע שטויבעלעך. ווילסטו, קאָנסטו האַלטןביידע אויגן אָפֿן, נאָר דעמלט דאַרפֿסטו צושטעלן צו זיי א גרין שטיקעלע גלאָז אָדער א רויטס. קוקסטו אין גרינעם — ווײַזט זיך דיר אויס, אז אלץ ארום איז פֿאַרצויגן מיט א גרויסער שוואַרצער כמאַרע און אָט־אָט וועט א גאַס טאָן א שלאַקסרעגן, א מאַבל, און דאַן וועט ער, דאָווידל, מאַכן אפּגיך פֿון די קלעצער א פּליט (גרויסע צוועקעס, א העמערל, א צעבראָכענע וועסלע און אפילע צוויי פּעקלעך שוועבעלעך זײַנען שוין בא אים פֿון לאַנג פֿאַרגרייט). קוידעמקאָל וועט ער ראַטעווען די מאַמע מיט איר גרויסן שוואַרצן טשוהון, אָן

װעלכן זי װעט זיך ניט װעלן רירן פֿון אָרט. דערנאָך דעם טאַטן מיט זײַן געצײַג, די שװעסטער, די ברידער (מיט לייװין װעט ער זיך נאָך א רייץ טאָן), דערנאָך כאַזים־בערן, ער זאָל קאָנען אױך װײַטער װעקן די װעלט. אװאדע װעט די באַלע־באָסטע פֿון הױז פֿאָדערן פֿאַר זיך דעם אױבנאָן, נאָר ער הערט זי מיטן גראָגער. דאָס בעסטע אָרט װעט ער אָפּטרעטן ניקיפֿאָרן דעם פֿישער, װאָס ברענגט אים קי־מאַט יעדן טאָג עטלעכע קליינע פּלאָטעצעס. בלױז אים אין די הענט װעט ער איבערגעבן די װעסלע. ניקיפֿאָר װעט זײַן דער קאַפּיטאַן, און ער, דאָװיד, זײַן געהילף.

ראָכעלעס מאַן, איסערל דעם זאַיקע, װעט ער אױך מיטנעמען. יענער טרינקט זיך אַפֿילע אָף דער יאַבאַשע, װאָס זשע װעט שױן זײַן מיט אים בייס א מאַבל? אָן דעם װײַבס האַסקאָמע װעט ער ניט װאָגן זיך אָנכאַפּן אַפֿילע אין א שטרוי און װעט דערטרונקען װערן. נאָר מיילע, דאָװידל װעט צװוארטן, ביז ראָכעלען װעט דער־גיין דאָס װאַסער צום האַלדז, און דאַן װעט ער א שפּײַ טאָן דורך די ציין און א געשריי טאָן:

— קריך שױן אַרוף, שלאַק, אָפּן פֿליט און געדענק, מער זאָלסטו קיינמאָל זיך ניט טשעפּען ניט צו מיר און ניט צו איסערן!

װאַרט נאָר, װאַרט, װער קריכט עס נאָך אַהער צו די קלעצער? דאָס קאָן זײַן נאָר פּוגע. מאַכטייסע, זאָל דאָס הינטל אױך א ביסל האַנאָע האָבן פֿונעם לעבן. דאָװידל שטעלט צו דאָס רױטע גלעזעלע צו פּוגעס אױג.

— זעסט, פּוגע, עס ברענט! לאָמיר לױפֿן לעשן די סריייפֿע.

נאָר װאָס פֿאַרשטייט א הינטל, אַפֿילע אַזאַ, װי פּוגע? עס טוט א לעק דאָ־װידלען דעם פֿאַרשטױבטן באָרװעסן פֿוס, און גלײַך װערט אױס מאַבל און אױס סרייפֿע. באַ ביידן נאָגט אונטערן האַרצן. אױ, װי עס װילט זיך עסן! װען דאָװידל האָט איצט דאָס פֿאַרטריקנטע ריפּטל ברױט מיט קנאָבל, װאָס ער האָט נאָך נעכטן אָפּגעגעסן!

דאָװידל נעמט אַרױס פֿון קעשענע זײַן בלעכן פּושקעלע. ס'איז אן אױסטערליש פּושקעלע! דאָס דעקעלע — ניט ס'פֿאַרמאַכט זיך, נאָר עס פֿאַרוקט זיך. דאָרט גע־פֿינען זיך אין געפּענקעניש עטלעכע גרױסע, זלידנע פֿליגן און צװיי געשײַערטע מעשענע קנעפּ, װאָס ער קלײַבט זיך אױסבײַטן אָף א שטיקל ברױט, באַשאָטן מיט מעלעץ. צום אױער צולייגן דאָס קעסטעלע פֿאַרשפּאָרט ער. מע הערט אַפֿילע פֿונ־דערװײַטן — זיי זשומען, די פֿליגן. װײַזט אױס, זיי יאָגן אַרום אין דער פֿינצטערניש, און דערפֿאַר װאַרפֿט עס מיט די קנעפּלעך, װי אין קאַדאָכעס.

פֿון צװישן די קלעצער שלעפּט דאָװידל אַרױס א האַלב־פֿאַרטריקנט קוסטיקל מיט קאַלאַטשיקעס. די קאַלאַטשיקעס זײַנען גרייטע רעדעלעך. שטעכלקעס, װאָס װאַקסן געװיינלעך באַם פּלױט אָדער ערגעץ־װוּ אין א װינקל, האָט ער דאָ אױך. הײַנט װער װייסט ניט, אַז יעדער שטעכלקע קאָן װערן אן אַקס, א דישל. צװיי קאַלאַטשיקעס מיט א שטעכלקע — א בײַדאַרקע. פֿון פֿיר קאָן מען שױן מאַכן א װאָגן אָדער גאָר א פֿאַעטאָן און אײַנשפּאַנען אַהין די פֿליגן. מאַכט ער אן אַרױס־פֿאָר אָף גאַנצע זעכצן רעדער. אָט דעם געשפּאַן װעט ער באַלד לאָזן אָף ראָכעלעס פֿענצטער. אױב כאַזים־בער װעט שטיין דערבײַ, אַרט עס אים אױך ניט. אַדעראַבע, זאָל ער קוקן און מעקאַנע זײַן. באַ אים, באַ דאָװידלען, סקריפּען ניט די רעדער און די פֿליגן טראָגן זיך אָן א „װיאָ, נעװײלע, גענוג געדרעמלט!"

...פון יענער צײַט איז שוין אוועק א יאָר מיט א מיטוואָך. אַלינאָווע האָט גע־קויפט נאָך א הויז. בא ראָכעלען האָט שוין צוביסלעך געמומען וואַקסן א גוידער. נאָר ווי פריִער, האָט זי א טעווע זיך אונטערגאַנוועגן שטילערהייט אף די שפּיץ פינגער צו א פרעמדער טיר, און ווי אפצולאָכעס גראָד דאַן, ווען זי וואָלט געמעגט זײַן אין אַן אנדער אָרט.

כאַיִם־בער האלט זיך אין איין קלאָגן, אז עס ברעכן אים די קריזשעס. גינזבורג דער רויפע זאָגט, אז דאָס איז אישיאַס. עס טרעפן טעג, ווען דער באַלעגאָלע קאָן זיך פון געלעגער ניט אופהייבן, נאָר מיילע, ער האָט שוין אזוי צוגעווינט די וועלט, אז זי שטייט יאַקאָס אוף אָן אים.

דאָווידל איז שוין אלט גאַנצע זיבן יאָר, און ס'איז עפּשער בעסער, וואָס ער פאַרשטייט ניט, אז גאָרניט קינדערש האָט ער איבערגעהיפּערט די בעסטע קינ־דערשע יאָרן. איצט איז ער ניט אף קאַטאָוועס א פאַרנומענער מענטש. אפילע ראָכעלע האָט באַמערקט, אז עפּעס איז דער טאַכשיט מיטאַמאָל סטאַטעטשנע גע־וואָרן: ער כאַפּט מער ניט קיין פליגן, לאָזט ניט קיין זייפן־בלאָזן, יאָגט ניט קיין פרעמדע טויבן. און די מאַמע האָט מיט ניט פאַרבאַהאַלטענעם נאַכעס געזען אירס — דאָס אָנטאָן אף דאָווידלען האָט אופגעהערט אזוי צו ברענען. ווער האָט עס פריִער געקאָנט גלייבן, אז דאָס איינציקע פאַרלאַטעטע אָנצוגל וועט ער טראָגן וואָכנווײַז און עס וועלן ניט צוקומען קיין נײַע לעכער, אז פון די סאַנדאַליקעס, וואָס מע האָט זיי פאַריכט נאָך פאַר פייסעך, וועלן ניט אַרויסקוקן די פינגער?

טאַטע־מאַמע האָבן געוווּסט, אז זייער מיזיניק כאַוועט זיך מיטן פישער ניקי־פאָר. אָבער אז יענער האָט געבראַכט דאָווידלען א פאָר לאַנגע פלודערן, א כאַקי־העמדל און אז דאָווידלס היימיש אָנטאָן ליגט צונויפגעלייגט און אַרומגעבונדן מיט די שלייקעלעך — דאָס האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט וויסן.

דער דניעפּער איז פאַרהילט אין א געדיכטן נעפּל פון באַנאַכטיקן טוי, עס ווייעט נאָך מיט קאַיאָריקער פרישקײַט, נאָר ניקיפאָר מיט דאָווידלען הוידען זיך שוין אפן שמאָלן שיפל. הײַנט, האָפן זיי, וועט זיך זיי אײַנגעבן כאַפּן א פולן קויש מיט פיש. פאַרוואָס גראָד הײַנט? דערפאַר, זאָגט ניקיפאָר, ווײַל עס איז נאָך זייער פרי, ווײַל באַנאַכט איז דער הימל געווען באַלאַגערט מיט שווערע וואָלקנס און עס האָט געטריפט א דריבנע רעגנדל, ווײַל דער ווינט בלאָזט פון דאָרעם און ווײַל אף פאַרנאַרן די פיש האָבן זיי א וועלט מיט נאַשערײַען. אין בלעכענע פּושקעס ליגן ווערעם, קײַלעכלעך פון טייג און פון ברויט און אפילע געקאָכטע ווייצענע קער־נער. בלײַבט בלויז אויסזוכן א רעכט אָרט. ניט נאָר ניקיפאָר, נאָר אפילע דאָווידל ווייסט, אז אף אזא גרויסן טײַך, ווי דער דניעפּער, איז בעסער זיך פאַרקלײַבן אין א שמאָל ערטעלע, נעענטער צו די קעסלגריבער, צו די פאַרטרונקענע קוסטעס.

זיי זײַנען שוין העט־ווײַט, און אין קויש וואַרפן זיך דערווײַל נאָר עטלעכע שלײַענס און קאָרעסלעך, צוויי העכט און א קאַרפּ. ניקיפאָר גלײַכט אויס די פלייצע. ער נעמט אַרויס דאָס טאַרבעלע מיט מאַכאָרקע, שטאָפּט אָן און פאַררייכערט דעם ציבעק, טוט א גלעט די פאַרגעלטע וואָנצעס, אין וועלכע ס'האָט זיך פאַרפּלאָנטערט דער מאַכאָרקע־רויך, און זאָגט:

— דאַווידקאָ, הײַנט איז טאַקע זונטיק, נאָר וואָס טויג אונדז דאָס קלינגען אין די גלעקער, אויב עס איז ניט יאָמטעוו? זעץ זיך, ברודערקע, צו די וועסלעס און הײַדא צו אלעשקאָווער וואַלד.

אַליין נעמט זיך ניקיפאָר פאַר דער באַלאַלײַקע. דער טײַך און דער אַרום ווערן פול מיט קלאַנגען. דאָווידל הערט אויף צו רודערן, קעדיי דאָס פּליעסקען פון די וועסלעס זאָל קיינעם ניט שטערן הערן, ווי ניקיפאָר זינגט אַ געזאַנג אָן ווערטער. דאָווידלען דוכט זיך, אַז צו אָט דעם זיס־פאַרבענקטן געזאַנג הערן זיך צו ניט נאָר די שמעטערלינגען און באַבעלעך, נאָר אַפילו די גראָזן אין וואַלד.

אין וואַלד האָבן זיי אַן אייגן אָרט. די פיש קאָכן זיך שוין. דאָווידלס אָנטאָן איז נאַס, רוקט ער זיך נעענטער צום פײַער. ניקיפאָר שמייכלט:

— טו זיך אויס, שעם זיך ניט. הענג אויף די זאַכן אויף די קוסטעס.

אָפּגעגעסן צו זאַט, ליגן זיי און הערן זיך אײַן, ווי עס צוויטשערן די פייגעלעך, ווי די ביימער שושקען זיך. בלויז פונדערווײַטן דוכט זיך, אַז די ערד אין וואַלד איז דורכויס באַדעקט מיט אַ גרינעם טעפּיך. אַז מע קוקט זיך אײַן פון דער נאָענט, זעט מען צווישן די גרינע שפּראָצונגען פאַרטריקנט גראָז, געלע נאָדלען, פאַר־וועלקטע בלעטער, אַראָפּגעפאַלענע צווײַגעלעך, סאָסנע־בערעלעך. דער ווינט האָט געבראַכט אַהער אַ ברוין בלעטל, עס דערמאָנט אין אַ דלאָניע פון אַ זאָקן. עס האָט זיך נאָך ניט צעוואַקסן ווי געהעריק, נאָר עס איז שוין דורכגעלעכערט אין עטלעכע ערטער און עס סטאַרטשען באַ דעם די אָדערן. עטוואָס ווײַטער וואַקסט נידעריק באַ דער ערד אַ געדיכט קישעלע מאָך. דאָווידל פילט זיך ניט און לאָזט זיך אַהין. ער בייגט זיך אָן און צופּט אָן אַ פולע זשמעניע. אין האַנט באַ אים — אַ צעפּלאָנטער־טער קנויל גרינלעכע און ווײַסע פעדעמלעך. נאָך אַ זשמעניע — און דער מאָך איז שוין ענלעך אויף לאַנגע בערדיקע וואַסער־געוויקסן. ער טרעט מיט די באָרוועסע פיס אויפן מאָך — ס'איז ווייך און קיל, כאָטש די היץ אין דרויסן ווערט אַלץ שטאַרקער.

פון די נאָדל־ביימער רינט דער זאַפט, וואָס שמעקט מיט סקיפּידאַר. אויף איין צווײַגל פון אַ יאָדלע איז אויסגעוועבט פון שפּינוועבס אַ מין בעטל. אויף אַ צווייטן — הענגט אַ פּיצינקע ווײַסע שישקע. פון איר שטעקן אַרויס העל־גרינע נאָדלען. אויף אַ פּיריי־גרעזל, וואָס זעט אויס, ווי אַ קלייניניק סאָסנעלע, פויזעט גאָטס קיעלע. דאָווידל וויל אַרויסרײַסן דאָס גרעזל, נאָר עס נעמט זיך גאָר אַרויס, ווי פון אַ שיידל. ערשט ווען דאָס באַשעפענישל דערשפּירט, אַז עס דראָעט דעם אַ געפאַר, נעמט זיך עס רוקן, ווי אַן אַלטע באָבעשי, אַהין און צוריק פון איין עק גרעזל צום צווייטן. אָט איז עס אַריבערגעקראָכן אויף דאָווידלס האַנט. וויפל האָט ער זיי שוין געהאַלטן אין די הענט, די דאָזיקע טשיקאַווע באַשעפענישלעך, נאָר ערשט איצט באַמערקט ער, אַז אויף די פליגעלעך פאַרמאָגט דאָס קיעלע צו דרײַ קײַלעכדיקע שוואַרצע כיין־פּינטעלעך. אַלע רעגע שטעלט זיך עס אָפּ, בייגט אײַן מיט די פאָדערשטע פיסלעך דאָס קעפּל אַזוי, אַז עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זיך עס אָפּרײַסן. קאָן זײַן, אַז גאָטס קיעלע וואַשט זיך. וויפל איז אָבער דער שיר! גענוג! ער קערט עס איבער אויף דער פּלייצע. עס באָמבלט זיך אומבאַהאָלפן און דריגעט מיט אַלע זעקס פיסלעך. הער אַ מײַסע! אַ באַשעפעניש, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ זעלטן שיינעם פאַנצער — פון אויבן אַ גלאַנציק־רויטן, פון אונטן אַ פעך־שוואַרצן — און נאָך אַ פּאָר פליגעלעך דערצו, זאָל זיך גאָר ניט פאַרוון ראַטעווען.

— טו עס אַ שטאָך מיט אַ סאָסנע־נאָדל, — לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ניקיפאָר נעמט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ. — ווי געפעלט עס דיר? פאַרמאָגט פליגעלעך און פליט

ניט. אָט א פאכדן! דאווידקאָ, מיינסט, אז עס זײַנען ניטאָ אזעלכע מענטשן? געווען בא אונדז אין פּאָרט־ארטור אף דער שיף, ווו איך האָב געדינט, אזא אָפיצער. אײנ־מאָל האָב איך ניט אויסגעהאלטן און אים געזאָגט: „הער אָפיצער! מיט אזא פּאָר־זיכטיקײַט וועלן מיר דאָך אפילע קיין קאליוזשע ניט אריבערשווימען". ווען ניט מײַנע כאווירים די מאטראָסן, וואָלט איך דאן שלעכט אָפּגעשניטן.

דאָווידל זעצט זיך צו נעענטער צו ניקיפאָרן. אָנעם העמד זעט ניקיפאָר אויס, ווי ער וואָלט געווען פון אײנע מוסקולן, וואָס הערן ניט אוף צו באוועגן זיך אונטער דער גלאנציקער הויט. ערשט איצט זעט מען, ווי פארברוינט עס איז זײַן געשטופּלט פּאָנעם. אפן רעכטן אקסל — א פארצויגענע ווונד. ער ליגט ניט ווײַט פון א זאמד־בערגל, וואָס איז אָנגעשפּיקעוועט מיט מורעשקעס. דאָווידלען ווילט זיך, אז ניקיפאָר זאָל אים נאָך דערציילן וועגן זיך, וועגן זײַנע כאווירים די מאטראָסן. האָט זיך אָבער ניקיפאָר גאָר פארקוקט אף די מורעשקעס. אויב אזוי, וועט דאָווידל זיי באלד צעטאָפּטשען מיט די פיס. לאָזט אים ניט ניקיפאָר:

— דו מיינסט, אז דאָס לויפן זיי ארום הין און צוריק גלאט אזוי? דאָס פּויזען טרעגער, וועכטער, בויער, וועבער, יעגער, פאסטעכער. גלייבסט ניט? איז קוק זיך אליין צו. מורעשקעס זײַנען פאראן טויזנטער מינים. איין מוראשניק פארניכטעט א וועלט מיט שעדיקער. טאָר מען זיי, דאווידקאָ, ניט טשעפּען. וואָס שווײַגסטו?

דאָווידל צעלאכט זיך. שיין וואָלט ער אויסגעזען אין ניקיפאָרס אויגן, ווען ער דערציילט אים, וועגן וואָס ער האָט א קלער געטאָן: ווען עס וואָלט אפּדערעמעסן געווען א מענטש, וואָס וועקט די וועלט, וואָלט עס געווען ניט דער באלעגאָלע כאַים־בער, נאָר ניקיפאָר. אלץ קען ער, דער מאטראָס, אלץ ווייסט ער. אלץ? ניין! ווי שטארק ער, דאָווידקע, האָט אים ליב — דאָס ווייסט ניקיפאָר ניט.

מיטן קאָפּ אראָפּ

א כאָפּטע ייִנגלעך לויפן בארג־ארוף, איבעריאָגנדיק איינער דעם אנדערן, אזש דער שטויב רייכערט זיך אונטער זייערע פיס. העט הינטן איז פארבליבן דער אלעקסאנדער־פּארק, און אָט איז שוין דער מארק־פּלאץ, דער פּײַערלעשער־טורעם, אנטקעגן וועלכן מע בויט אַן „אײַזערנעם צירק".

פארסאָפּעטע און פארשוויצטע שטייען זיי, די ייִנגלעך, און גלייבן ניט די אייגענע אויגן. עמעס! אלץ, וואָס עלעק דער ליגנער האָט געזאָגט, איז עמעס. כעוורע זוכן אים מיט די אויגן, נאָר עלעק האָט ניט געסטײַעט. איינס פון די צוויי — אָדער ער שלעפּט זיך נאָך ערגעץ, דער פּעמפּיק, אין פּארק, אָדער מע האָט אים שוין אזוי אײַנגערעדט, אז ער איז א ליגנער, אז ער גלייבט זיך אליין ניט און וועט אינגאנצן ניט קומען.

א בלאָנדער יונגערמאן אין א שטרויענעם בריל און אין מעשונע־מאָדנע גע־קעסטלטע הויזן גיט זיי גרויסע עמער און ווײַזט אָן, פונוואנען זיי דארפן טראָגן אהער שווארצע ערד און זעגעכץ.

— ארבעט, — זאָגט ער, — וועט קלעקן פאר אלעמען אף גאנצע צוויי טעג.

פון אָנהייב האָט זיך דאָווידל געבעטן: „שיט אָן נאָך א לאָפּעטע". און מיטן פולן עמער איז ער ניט געגאנגען, נאָר געלאָפן. איצט טראָגן זיי שוין אינצווייען

איין עמער און קאָנען זיך ניט דערוואַרטן, ווען דער „געקעסטלטער" וועט זאָגן: „האָדי, מער דאַרף מען ניט".

דער געקעסטלטער אָבער האַלט נאָך ניט דערבײַ. ער איז פאַרהאַוועט, פאַר־טראָגן. איינעם שטופּט ער אונטער, אַף א צווייטן שרײַט ער. הײַנט וואָס פאַרא ווערטער! גיי ווייס, אַז א פּאַרקן הייסט בא אים „באַריער". דער פּלאַץ, אַף וועלכן זיי שיטן די ערד און וועלכער איז ענלעך אַף א גרויסער שאָל, — „אַרענע" אָדער גאָר „מאַנעזש". אַז ער ווערט רעכט אין קאַס, כאַפּט ער א בײַטש און טוט זי א טרייסל: „דו זעסט דעם שאַמבאַריער?"

ווען אַלץ איז געווען גרייט און דער ברעזענט איז שוין געווען אָנגעצויגן אַפן אײַזערנעם קאַרקאַס, איז דער געקעסטלטער מיטאַמאָל נעלעם געוואָרן. מע האָט אים געזוכט, גערופן, נאָר יענער איז ווי אין וואַסער אַרײַן. דאַן איז מען אַוועק צו וואָלאָשינען — דעם באַלעבאָס פון צירק. וואָלאָשין, וואָס איז געווען צירלעך אויסגעפּוצט, אין א פראַק, מיט א מאַנישקע און א שניפּס, האָט מיט אַלע פינף פינגער א קעם געטאָן זײַנע געדיכטע האָר און מיט א כויזעק־שמייכעלע קלוימערשט פאַר־כידעשט א פרעג געטאָן:

— איר זאָגט — א בלאָנדער? אין געקעסטלטע הויזן? צום ערשטן מאָל הער איך וועגן אַזא קאָמעדיאַנט.

איז געוואָרן א טומל, א געפילדער, און דאָ האָט וואָלאָשין שוין ניט אַף קאַטאָ־וועס זיך צעבייזערט.

— שנעקעס! — האָט ער זיך צעשריִען. — ווער האָט אײַך גערופן אַהער? מײַנע אָדלערס ספּראַוועון זיך מיט דער גאַנצער אַרבעט פאַר עטלעכע מינוט, און דאָ האָט עפּעס א לעץ צונויפגעטריבן א גאַנצע כאַליאַסטרע, און דו צאָל זיי. גייט פונדאַנען!

שוין באַם אַרויסגאַנג האָט ער זיי אָפּגעשטעלט און מיט א ווייך קאָל געזאָגט:

— אָט וואָס, קינדער! זאָל צו מיר אַרײַנקומען אײַער כאַווער, עלעק, דוכט זיך, הייסט ער, וועל איך אים געבן צען קאָנטראַמאַרקעס. נו, איצט זײַט איר צופרידן?

אָט ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז עלעק האָט געוווּסט: פאַר דער אַרבעט וועט מען זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט באַצאָלן.

לאַנג האָט מען זיך געייצעט, און מע האָט באַשטימט: זאָל זײַן פון א כאַזער א האָר, מע וועט כאַטש א קוק טאָן, וואָס פאַרא קונצן זיי באַווײַזן. און נאָך האָט מען זיך צונויפגערעדט, אַז די צוויי כעוורע, וואָס וועלן גיין צו עלעקן נאָך די קאָנטראַ־מאַרקעס, זאָלן אים גוט אָנבייקערן די ביינער.

אין א פּאָר טעג אַרום איז צו באַסשעווען געקומען עלעקס מאַמע, פייגע די קורעלאַפּניטשקע, מיט א געוויין, אַז איר בעניאָכיד איז נעבעך געפערלעך קראַנק. אינמיטן העלן טאָג איז אַף אים אָנגעפאַלן א באַנדע ייִנגלעך, און דאָווידל האָט אים שיר ניט אויסגעהאַקט אַן אויג.

— גאָט איז מיט אײַך, פייגע, וואָס הייסט מײַן דאָווידל איז אָנגעפאַלן מיט א באַנדע אַף אײַער זון?

— זע נאָר, מיט א גוט וואָרט וויל זי מיר פאַרקויפן שלעכטע סכוירע. וואָסי, איך פּעלש מיט א מיין און איר גלייבט מיר ניט? איז עפּשער זאָל איך טאַקע גיין צום ראַוו אָדער גאָר צום גאָראָדאָוואָי?

פארן מאלעכהאמאָוועס האָט באַסשעווע אַזוי ניט מוירע געהאַט, ווי פאַרן גאָ־ראַדאָוואָי. איינמאָל איז דער רעצייעך מיט די מעשענע קנעפּ שוין געקומען צו איר אין קעלער זוכן באַ די קינדער פאַרבאָטענע ביכלעך. יענעם טאָג וועט זי געדענקען, וויפל זי וועט לעבן. און דאָך האָט זי אַ קנייטש געטאָן מיטן אַקסל און שטיל געענטפערט:

— קינדער שפּילן זיך, קינדער קריגן זיך. היינט צעפּאַטשט מען זיך און מאָרגן איז מען ווידער כאַווער. דאָווידל איז אָך אַ קאָפּ נידעריקער פון עלעקן, ווי זשע האָט ער אים געקאָנט שלאָגן? דאָס איז דאָך, פּייגע טייערע, קעגן פאַר־שטאַנד.

— „ווי האָט ער אים געקאָנט שלאָגן?"— האָט פּייגע אַזש אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.— עפּשער וועט איר נאָך שווערן, אַז דאָווידל האָט אים ניט אָנגע־רירט? צי איר וועט גאָר זאָגן, אַז מיין עלעקל האָט זיך אַליין אָוועקגעשטעלט אַ גוליע אונטערן אויג?

— מאַמע, שווער זיך ניט!— האָט דאָווידל נאָך פון דער שוועל אויסגעשריען. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב און זיך אָוועקגעשטעלט לעבן דער מאַמען.— עלעק איז אַ ליגנער, ער האָט אונדז אַלעמען אָפּגענאַרט. און איך האָב אים טאַקע געשלאָגן. עמעס, ניט אין אויג, נאָר אין... מער וועל איך מיט אים קיין כאַווער ניט זיין. הערסט, קיינמאָל ניט!

אַוואַדע האָט ראָכעלע אַלץ אונטערגעהערט. ווי נאָר פּייגע איז אָוועק, האָט זי גלייך אַריינגעשטעקט די נאָז אין אַלקער און, ווי איר טעווע איז, געפּרוווט צולייגן אַ קנייטל:

— באַסשעווע־לעבן, אויב איר ווילט ניט, אַז אייער קינד זאָל זיצן הינטער די גראַטעס, איז שווייגט אים ניט. איך זע שוין לאַנג, אַז עס זיצט אין אים אַ דיבעק, אים טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פון אויג, ווייל דאָס וואַקסט אַ קאַטאָרזשניק.
באַסשעווע האָט אופגעהויבן איר פויסט און אים גלייך אַראָפּגעלאָזט.

— פריער בעט באַם אייבערשטן,— האָט זי געזאָגט ראָכעלען,— ער זאָל דיר מויכל זיין דיינע זינד און זאָלסט ווערט זיין האָבן קינדער, און דערנאָך וועסטו קומען מיט דיינע אייצעס... און איצט גיס ניט קיין בוימל אָפּן פייער. גיי!
דערנאָך האָט זי אָוועקגעלייגט די האַנט אָף דאָווידלס אַקסל, אים אַ צי געטאָן צו זיך און כאָלילע ניט געשלאָגן, ניט געסטראַשעט, נאָר מאַמעש זיך געבעטן:

— נאַרעלע, ווייסט דען ניט, אַז מע טאָר קיינעם ניט פאַרשאַפן קיין ווייטעק? אויב דו מוזט שוין יאָ עמעצן אָפּענטפערן, האָט דיר גאָט געגעבן אַ קאָפּ אָף די פּלייצעס און אַ צונג אין מויל. ניט צוליב דעם זיינען די הענט. זאָג מיר, דאָווידל, צו, אַז דו וועסט זיך מער קיינמאָל ניט שלאָגן.

— גוט, מאַמע,— און שוין פון יענער זייט טיר:— אויב מע וועט מיך ניט נאַרן.

נאַכט. אַלץ זעלטענער און זעלטענער דערטראָגט זיך אַהער, אין קעלער־שטוב, דער אָפּהילך פון איינלנדיקע טריט פון פאַרשפּעטיקטע דורכגייער. אַפילע אין זאַל באַ אַלינאָוועןן איז שוין אויסגעלאָשן די קרישטאָלענע ליוסטרע, שאַ־שטיל אין גאַס. שטיל אין הויף. נאָר דער אַלטער וואַנטזייגער לאָזט זיך הערן.
דאָווידל ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן. אַזוינס האָט

נאָך מיט אים קיינמאָל ניט געטראָפֿן. ניט נאָר אף דער וואָר, נאָר אפילע אין כאָלעם האָט ער ניט געזען, אז קינדער זאָלן גיין אף די הענט. און אלע זײַנען זיי ביייגעוודיק, ווי פרוזשינעס: ווילן זיי — פליִען זיי אינדערלופטן, ווילן זיי — ווארפן זיי זיך און דרייען זיך אין א ווילדן קאראהאָד. דערבײַ שרײַען זיי עפּעס. ווײַזט אויס, אז טאקע אין דעם געשריי שטעקט דער קונץ. מאָרגן, ווען ער וועט ווידער זײַן אין צירק, מוז ער זיך דערוויסן דעם סאָד. ער וועט זיך שוין גוט צוהערן, וואָס זיי שרײַען, און דאַן...

לאָזט זיך אויס, אז דעם טאטנס אלטע שינעל בײַסט זיך. די צעמאָלטע שטרוי אין זאק, אף וועלכן דאָווידל ליגט, סטארטשעט ארויס פון די לעכלעך און שטעכט. ס'איז שוין גאָר ניט אזוי שטיל, ווי אים האָט זיך געדוכט. ערגעץ גרילצט א גריל. דער טאטע כראָפּעט. מאָטל שרײַט פון שלאָף, און די מאמע לאָזט אלעמאָל ארויס א טיפן זיפץ.

וואָלט בא דאָווידלען עמעצער פריִער געפרעגט, מיט וואָס איז בעסער די נאכט פונעם טאָג, וואָלט ער זיך אף קיין רעגע ניט פארטראכט און גלײַך געענטפערט: מיט דעם, וואָס באנאכט ווילט זיך ניט עסן. איצט איז שטאָקפינצטער, און אוי ווי ס'ווילט זיך אים עסן!.. אויב אזוי, ווייסט ער שוין גאָר ניט, צוליב וואָס דארף מען זי, די נאכט.

דורך דעם שטיקל פארגראטעוועטן פענצטער, וואָס קוקט ארויס אף א טויבער וואנט, זעט ער, אז עמעצער אין דרויסן האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע. ווידער פינצטער. נאָר אלעמאָל טוט א בלענד א פײַערל פון א פאפיראָס. עפּשער איז עס ניקיפאָר? הײַנט איז שוין דער פערטער טאָג, אז זיי האָבן זיך ניט געזען, קאָן ער דאָך ווער ווייסט וואָס איבערטראכטן. נארישקײַטן. פונדאנען צו ניקיפאָרס הויז איז פּאָלג מיך א גאנג! איז וואָס וועט ער זיך אינמיטן דער נאכט שלעפּן אהער?

דאָווידל באטראכט זיך, אז אלציינס דארף ער פאריכטן דאָס געלעגער, לאָזט ער זיך שטיל צום פענצטער. הייבט זיך אוף אף די שפּיץ פינגער, און אָט האָסטו דיר! מע קושט זיך... מע שושקעט זיך, מע שושקעט זיך, און מע נעמט זיך ווידעראמאָל קושן. ווער דאָס איז, זעט ער ניט, נאָר וואָס איז אים די נאפקעמינע? באלד וועט ער אנשלאָפן ווערן.

ער דעקט זיך אײַן מיט דער שינעל איבערן קאָפּ און לאָזט א קליין שפּעלטעלע אף צו כאפּן לופט. ווען ער איז געווען נאָך גאָר א קלייניקער, האָט ער ליב געהאט שפּילן אין באהעלטעניש. איינמאָל האָט מען אים מיט א טיכל שטײַף פארבונדן די אויגן און געהייסן צוערשט ציילן צען מאָל צו צען און דערנאָך גיין זוכן. האָט ער אזוי טאקע געטאָן. ער האָט זיך פּאמעלעך אראָפּגעלאָזט אף די קני, זיך אָנגעשפּארט אין דער וואנט און ציילנדיק אנשלאָפן געוואָרן.

זאָל ער איצט פּרוּוון ציילן? עפּשער וועט דאָס העלפן? אָבער עס גייט אים ניט ארויס פון קאָפּ וואָלאָשין. אוך, ווי ער זיצט עס אפן זאָטל! שפּרינגט אראָפּ און ארוף! נאָר וואָס וואָלאָשין? די גאנצע כאָכמע ליגט אין די פערד. אף זיי איז ער, דאָווידל, דאָך אוואדע א מייוון! ווער האָט עס געזען, אז פערד זאָלן אזוי טאנצן, האלטן אזוי הויך דעם האלדז, לויפן אזוי אין גאלאָפּ, זיך שטעלן אף די קני און זיך בוקן? וואָס מיינען די מוזיקאנטן, זיי וועלן אים אָפּנארן? ניט זיי קאָמאנדעווען מיט די פערד, נאָר זיי שפּילן דאָס, וואָס די פערד ווילן. דאָס קישעף־שטעקעלע

איז ניט בא דעם, וואָס פירט אָן מיטן אָרקעסטער, נאָר טאַקע פּאָרט בא וואָלאָשי־נען. איצט ווייסט ער שוין, וואָס עס הייסט א שאַמבאַריער, מיט וועלכן דער גע־קעסטלטער האָט זיי געסטראַשעט.

אין טעלער ליגן עטלעכע קאַלטע קאַרטאָפליעס. דאָווידל האָט זיך מיט זיי אָפּגעפּאַרטיקט איינס און צוויי, און ס'האָט געהאָלפן בעסער, ווי דאָס ציילן. ער איז טאַקע באַלד אנשלאָפן געוואָרן.

ס'האָט געפּאַליעט א טאַמעוזדיקע היץ. דאָווידל איז געווען רויט ווי א צוויק. ער האָט שווער געעטעמט. די הענט זײַנען געווען צעדראַפּעט. אַף איין ווײַלע האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. מיט די אויגן געמאָסטן, וויפל ער איז דורכגע־גאַנגען. ווייניק! הײַנט איז שוין דער דריטער טאָג, ווי ער לערנט זיך גיין אַף די הענט. פון אָנהייב האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּיס אין דער וואַנט, דערנאָך געמאַכט דעם ערשטן ניט זיכערן שפּאַן. הײַנט — שוין פופצן נאָכאַנאַנד. נאָר דאָס איז ווייניק. ער מוז זיך אויסלערנען דורכגיין אַף די הענט דרײַסיק שפּאַן. דרײַסיק, ווײַל די קינדער, וואָס טרעטן ארויס אין צירק, גייען אַזויפיל דורך פון איין עק טעפּיך צום צווייטן. ער האָט שוין ניט איין מאָל געציילט: דרײַסיק מאָל שטעלן זיי איבער די הענט.

פון דעם קריגל, וואָס ער האָט געבראַכט אהער, גיסט ער אָן אין דער זשמעניע וואַסער, טוט א שווענק דאָס צעהיצטע פּאָנעם, רוקט אָן דעם קאַשקעט מיט דעם צעבראָכענעם קאַרטאָנענעם דאַשעק אַפן שטערן, און, כאָטש ער איז שוין גוט מיד, הייבט ער אָן אַלץ פון אָנהייב.

— וואָס טוסטו דאָרט, דאָווידל?

אָט האָסטו דיר! ווער האָט עס געבעטן די מאַמע, זי זאָל אומגעריכט ארויסקוקן פון פענצטערל?

— איך? גאָרניט.

— זע, דו זאָלסט זיך ניט צענעריקן.

עס ברענט אים טאַקע גוט די פּלייצע. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, און אין די אויערן טומלט, ווי דאָרט וואָלטן פליגן געזשומעט. נאָר פונוואַנען ווייסט זי עס? עפּשער טאַקע ניט געדאַרפט געווען שלאָגן עלעקן? אָט האָט ער אליין דאָך נאָרוואָס אָפּגעטאָקט א ליגן. דאָס איז אָבער גאָר פון אַן אַנדער סעדרע. ווען מע וועט אים צונעמען אין צירק, וועט ער דער מאַמען דער ערשטער דערציילן וועגן דעם. זײַן „מאַנעזש" וועט איצט זײַן א ביסל ווײַטער פון פענצטער. עמעס, אהין קוקט ארײַן די זון מיט איין אויג, נאָר עס מאַכט ניט אויס.

דער גרויסער מאַרק־פּלאַץ איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, וועגענער, סכוירעס. עס הודעט, ווי אין א בינשטאָק.

דאָווידל איז צוגעוווינט צו דעם הו־האַ. ניט איין מאָל האָט ער דאָ א הונגערי־קער געטאַנצט פאַר א שטיקל ברויט צי פאַר א פּאָר גראָשן. באַזונדערס פײַנט האָט ער די מויכער־טוועניקעס און די ליוועראַנטן. צווישן זיי וואָלט אפילו עלעק געווען א צאַדיק. זיי דינגען זיך פאַר א קאָפּעקע און נאַרן אָפּ אַף א הונדערטער.

אינמיטן העלן טאָג קאָן איינער באַגאַזלענען א צווייטן. דערפאַר פּרווו נאָר א כאַפּ טאָן בא א סעדעכע א ווערעמדיק עפּעלע, וועט זיך טאָן כוישעך.

די דאָזיקע לײַט דאַרף ער ניט. דאָווידל גייט אָפּ עטלעכע טריט ווײַטער. אָט דאָ, צווישן דעם וועג, וואָס פירט צו דער פאַרצײַטיקער מיליטערישער פעסטונג און צום צירק, וועט ער באַווײַזן, וואָס ער קאָן.

עמעצער האָט א פײַף געטאָן. דאָווידל, וואָס שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, טוט זיך א הוידע אף די הענט. נאָר ער פאַרהיט דאָס גלײַכגעוויכט. אכצן שפּאַן האָט ער געמאַכט און פילט זיך בעקויעך דורכמאַכן נאָך אַזויפיל. ווער פײַפט עס? ער זעט בלויז א פּאָר ווײַסע שיכעלעך אף הויכע קנאַפּל, וואָס שטייען באַם ראַנד פון וועג. זאָלן זיי שטיין. אָט וועט ער אָפּרײַסן די רעכטע האַנט פון דער ערד און זי לײַכט אוועקשטעלן פאַרויס. ער טוט א דריי מיטן קאָפּ — באַרעכהאַבאָ. צוויי שוואַרצע יוכטאָווע שטיוול. אויב אַזאַ שטיוול וועט דיר געבן א טשמעל, וועסטו שוין דער־נאָך אפילע אף די פיס ניט גיין. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָווידל האָט זיך אומ־זיסט דערשראָקן. דאָס איז ניט דער סטראַזשניק. נאָר גיי זײַ א כאַכעם. אפילע ניט יעדער פּאָנעם זאָגט דיר עפּעס. הײַנט אַז דו זעסט נאָך אַלץ קאַפּויר און דערצו בלויז פיס? דאָס האָט געפּײַפט א הויכער סאָלדאַט אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע.

— זע, — ווײַזט דער סאָלדאַט אף דער שטויביקער ערד, וואָס איז באַדעקט מיט בלוט־פלעקן, — אַנו, באַווײַז נאָר דײַנע הענט. — ער קוקט מיט אַזוינע גוטע, וואַ־רעמע בלוי־גרויע אויגן, אַז עס דוכט זיך: נאָך א רעגע, און ער וועט א בלאָז טאָן אף די וווּנדן און זאָגן, ווי אַמאָל די מאַמע: „דאָווידקע, אויס וואַווע".

— עס טוט ווײ, ברודערקע? — טוט א פרעג דער סאָלדאַט.

— העט!

— ווי רופט מען דיך?

— דאָווידקע.

— דאַווידקאָ! מײַן יינגל רופט מען סאַשקאָ. ער איז אין דאָרף. ווײַט־ווײַט פונדאַנען.

— פאַרוואָס זשע, פעטער, פאָרט איר ניט אַהיים?

— פאַרוואָס? — האָט דער סאָלדאַט א זיפץ געטאָן. — זעסט א פּאַסיקל אָפּן פּאָ־גאָן? דאָס באַטײַט: דרײַ יאָר אָפּגעדינט בא ניקאָלײַען פּאַר א סאָלדאַט און דין ווײַטער. וווהין זאָל איך פאָרן? אף א שטיקל ערד, וואָס דו, דאַווידקאָ, קאָנסט עס דורכגיין אף די הענט, זײַנען מיר פיר ברידער. וווהין זשע זאָל איך פאָרן?

— מײַן טאַטע איז אויך געווען א סאָלדאַט. איך דעק זיך נאָך ביז איצט צו מיט זײַן שינעל. דער קעלער איז בא אונדז א נאַסער, און די שינעל וואַרעמט נאָך א ביסל.

— זעסטו, דאַווידקאָ, ווײַזט אויס, אַז די גאַנצע וועלט גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווו אַרבעט דײַן טאַטע?

— אין א וואַרשטאַט. ער איז א טאָקער. אָט דאָס פּושקעלע האָט ער געמאַכט.

— פײַן געמאַכט!

דער יעפרייטאָר האָט א קוק געטאָן אף דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט א קוים דורכזיכטיקן בלוי־פּיאָלעטן פּאַס, און מיט ברייטע טריט אוועק מעסטן דעם שליאַך, וואָס פירט צו די קאַזאַרמעס.

די גאנצע וועלט שפּילט טעאַטער

אין צירק האָבן אַלע געוווּסט, אַז אויב אין דער קאַסע פאַרקויפן זיך שלעכט די בילעטן, איז בעסער זיך ניט ווײַזן דעם באַלעבאָס פאַר די אויגן.

הײַנט איז אַפּילע אויסגעקומען אָפּשאַפן די אָוונטיקע פאָרשטעלונג. וואָלאָשין, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין פערד־שטאַל, איז געזעסן אַ מידער און אַ צעבראָכענער אויף אַן איבערגעקערט פּוסט קעסטל אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ. דער אַרײַנגעקומענער פּרימאַדאָנע אַנטואַנעטע קיס האָט ער אַפּילע ניט געענטפערט אויף דעם „גוט־מאָרגן". דאָס האָט איר אָבער ניט געשטערט זיך ווענדן צו אים:

— הער וואָלאָשין, טוט נאָר אַ קוק אויף דעם יינגל, וואָס איך האָב אײַך געבראַכט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע נאָכגיביקע גלידער, וואָס זאָלן זיך לאָזן אַזוי ציִען.

— אַנטואַנעטע, לאָזט מיך צורו, — האָט וואָלאָשין געענטפערט מיט אַ קאָל, פול מיט גאַל.

— הער וואָלאָשין, איך בעט אײַך...

— אומזיסט אײַער טירכע. מיר אַלע ווייסן, אַז איר פאַרמאָגט אַ ווייכע, גוטע נעשאָמע, נאָר איר זײַט ווײַט פון לעבן, איר זײַט ניט קיין פּראַקטישער מענטש. איך קען זיי שוין, די ווונדערקינדער. זעלטן ווען עס באַקומט זיך עפּעס פון זיי. דערווײַל, ווי איר זעט, האָב איך ניט קיין אַרבעט פאַר אײַערע דרײַ...

יעדער אַקטיאָר פון זײַן טרופּע וואָלט עס אים פאַרשוויגן. אָבער ניט אַנטואַנעטע. וואָלאָשינען איז גאָרניט אַזוי לײַכט אָנגעקומען שליסן דעם קאָנטראַקט מיט די קיסעליאָווס. דעם סטאַנדאַרטן אָפּמאַך מיט די באַוווּסטע פּופּצן פאַראַגראַפן, וואָס גיבן אַלע רעכט דעם באַלעבאָס פון צירק און קיין שום רעכט ניט דעם אַרטיסט, האָבן זיי טאַקע אונטערגעשריבן, נאָר די קיסעליאָווס האָבן זיך דערשלאָגן אַן אויסנאַם: זיי איז דערלויבט פאַרלאָזן דעם צירק, ווען זיי וועלן עס האַלטן פאַר בייטיק. אָט פאַרוואָס אַנטואַנעטע האָט אים געקאָנט ענטפערן:

— אויב איר דערלייגט צו מײַנע קינדער, קאָנען מיר זיך אַן אייצע געבן.

— איך בעט בא אײַך קיין אייצעס ניט. נו, צוליב וואָס, פרעג איך אײַך, האָט איר געבראַכט אהער אָט דאָס דאַרע ציגײַנערל?

דאָווידלען האָט אַזש פאַרקלעמט באַם האַרצן פון בושע, ער האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דער טיר, נאָר אַנטואַנעטע האָט אים פאַרהאַלטן. זי האָט אים אַ שויבער געטאָן מיט דער האַנט די געקרײַזלטע האָר און אַן ווערטער, נאָר מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, געגעבן אַ צייכן: באַווײַז, וואָס דו קענסט.

דורכגיין צוויי מאָל אויף די הענט די שטאַל, טראַכט דאָווידל, איז קיין קונץ ניט. נאָר ווי דרייט מען זיך אויס אויף צוריק? מיילע, ער וועט זיך סטאַרען. אַלצייַנס וויל מען אים ניט נעמען, וועט ער כאָטש באַווײַזן, וואָס ער קען.

ניט אַנדערש, ווי אַ גוטער מאַלעך האָט אים געהאָלפן: אַזוי פלינק איז ער נאָך קיינמאָל אויף די הענט ניט געגאַנגען. אָפּגעשטעלט זיך, צעשפּרייט די פיס אין דער ברייט, זיך ווידער אויסגעגלײַכט, דערנאָך שנעל אָפּגעריסן די הענט פון דעם דיל און, דורכמאַכנדיק אַ האַלבן קרײַז אינדערלופטן, געבליבן שטיין.

— קום צו נעענטער, — האָט וואָלאָשין אים צוגערופן. — פאַרוואָס באַהאַלטסטו

עפּעס די הענט? צעבלוטיקט? דו קענסט נאָכאמאָל דורכגיין אזוי? וויפל שפּאַן דו וועסט מאכן, אזויפיל קאָפּעקעס באקומסטו.

— אוואדע קען איך. אויב איך וועל זיך נאָר א ביסל אָפּרוען, קאָן איך פון דרויסן ארומגיין דעם גאנצן צירק. איך וועל עס טאָן אומזיסט.

— ווארט א ווײַלע,— אנטואנעטע איז ערגעץ ארויסגעלאָפן און זיך גלײַך אומ־געקערט. זי האָט געבראכט א פלעשעלע מיט א טונקל־ברוינער פליסיקײַט, וואָס האָט געשמעקט מיט בראנפן און מיט פרישע מעטאלענע סטרוזשקעס. אָנגעוויקלט אף א שוועבעלע א שטיקל וואטע, האָט זי עס אײַנגעטונקען אין פלעשעלע און באשמירט דאָווידלען די צעראצטע הענט.

— עס בריט?

— א ביסל.

— זאָלסט עטלעכע טעג זיך ניט דערוועגן גיין אף די הענט. דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? און איצט קום, וועל איך דיך באקענען מיט מײַנע קינדער. מיר וועלן אָפּעסן מיטיק, וועסטו גיין אהיים.

— אנטואנעטע!— האָט זי וואָלאָשין א רוף געטאָן.— אײַער ציגײַנערל וועט מען דארפן פונדאַסנײַ לערנען, ער גייט שלעכט.

— פריִער דארף מען זיך דורכריידן מיט זײַנע עלטערן.

— ער איז מיסטאם דער זיבעטער...

דאָווידל האָט אויך ארײַנגעשטעלט א וואָרט:

— ניין, פעטער, דער צוועלפטער.

— איז נעם איך אים אין צירק,— האָט וואָלאָשין לײַכט א ביס געטאָן די ליפּן און דערבײַ ניט אויסבאהאלטן זײַן שמייכל.

דאָווידל שפּאנט איבער דער אליי פון דעם אלעקסאנדער־פּארק, און פון גרויס פרייד פילט ער ניט די ערד אונטער די פיס. פון די אפישן, וואָס זײַנען צעהאנגען אף יעדן ראָג, קוקן אף אים די שמייכלענדיקע פּנעמער פון אלעקס און אנטוא־נעטע קיס — דאָס זעלבע פּאָרפּאָלק, וואָס גייט איצט באנאנד מיט אים.

א שאָד, וואָס קיינער פון זײַנע כאוויירים קומט ניט אָן אנטקעגן. אײַ, וואָלטן זיי אים מעקאנע געווען! ווער עס נעמט פון אים יאָ קיין אויג ניט אראָפּ, דאָס איז די זון. זי איז שוין נידעריק, נידעריק, נאָר וויל, ווײַזט אויס, ניט פארגיין, ביז ער וועט ניט אָנזאָגן דער מאמען די גוטע בסורע. א דינער שטראל פארהאלט זיך אף זײַן פּאָנעם, און דאָווידל טוט א ווונק צו אים: „ווער־ווער, נאָר מיר פארשטייען איינער דעם צווייטן".

אויב זיי וועלן גיין אזוי פּאמעלעך, וועט די געשוואָלענע זון זיך טאקע ניט דערווארטן. מיט איין האלב איז זי שוין אף „יענער־וועלט".

קימאט בא דעם סאמע טויער שטעלן זיי זיך אָפּ. אלעקס האָט גאָר כיישעק פארקערעווען אף צוריק. ער בעט זיך מאמעש בא זײַן פרוי:

— אניע, ווער האָט אונדז געגעבן דאָס רעכט? באטראכט זיך, ביזוואנען ס'איז נאָך ניט שפּעט.

אנטואנעטע־אניע האלט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט דער ווײַסער טופליע אפּן הויכן אָפּצאס שארט זי דעם זאמד אף דער ערד. וואָס כמורעט זי די ברעמען, וואָס טראכט זי אזוי לאנג? וואָלאָשינען האָט זי דאָך געווּסט, ווי קורץ און שארף

אָפּצוּוּענטפערן. פאַרוואָס זשע איז בא איר איצט די צונג אין גאָלעס? אויב אַזוי, וועט ער, דאָווידל, אַליין זײַן שטעטל באַשטיין. ער גייט צו צו איר און, אַרײַנ־קוקנדיק איר אין די גרויסע פּיאָלעט־בלויע אויגן, זאָגט ער:

— א גרויסן דאַנק אײַך. אויב די מאַמע וועט מיך ניט אָפּלאָזן, וועל איך אַלציינס אַנטלויפן פון שטוב.

געזאָגט און זיך געלאָזט גיין. ווען ער איז שוין געווען פון יענער זײַט פאָרטקע, האָט ער דערהערט אַנטואַנעטעס קאָל:

— קום, סאַשע!

דאָווידל גייט און הערט, ווי הינטער אים קלאַפּן אין די שטיינער אַניעס אָפּ־צאַסן — צאָק־צאָק. אַלעקס, א דאַרער, הויט און ביין, שפּאַנט אַזוי לײַכט, אַז מע הערט ניט זײַנע טריט.

די מאַמע איז שטאַרק פאַרכידעשט, נאָר זי רײַסט ניט אָפּ די הענט פון פּאָנעם. הײַנט איז פרײַטיק, בענטשט זי ליכט. מאָטל האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין „זאַל" און אָנגעוויזן די געסט אַף דער באַנק. אַניע און סאַשע זײַנען צוגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער און זיך שטיל אַוועקגעזעצט.

— א גוט־שאַבעס אײַך! — האָט די מאַמע אויסגעדרייט צו זיי דעם קאָפּ. — איר דאַרפט אַוודע מײַן מאַן? ער וועט באַלד קומען.

— א גוטן־אָוונט! — האָבן זיי איר געענטפערט אַף רוסיש.

— מאַמע, — האָט דאָווידל זיך אַרײַנגעמישט, — דאָס זײַנען אַרטיסטן, זיי פאַר־שטייען ניט קיין ייִדיש.

— אַרטיסטן? — האָט די מאַמע איבערגעפרעגט און גענומען ריידן אַף א מאָדנעם לאָשן, אין וועלכן עס האָבן זיך צונויפגעמישט רוסישע, אוקראַיִנישע און ייִדישע ווערטער. — איר זוכט מיסטאָמע א צימער? בא אונדז אין הויף איז ניטאָ, נאָר אונדזער שכיינע דאַרף וויסן, ווער עס וויל פאַרדינגען.

בא אַלעקסן, וואָס פילט זיך אַזוי פרײַ אַף דער באַלויכטענער אַרענע, האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. אַנטואַנעטע איז עטוואָס רויט געוואָרן. זי האָט זיך אַפילע אופגעהויבן פון דער באַנק און זיך פאַרנייגט פאַר דער מאַמען.

— א דאַנק, מיר זוכן ניט קיין צימער, מיר זײַנען אײַך געקומען דערציילן, אַז אײַער ייִנגל פאַרמאָגט אויסערגעוויינלעכע פייִקײַטן.

— זייער אָנגענעם צו הערן, נאָר פונוואַנען ווייסט איר עס?

— ער האָט הײַנט אויסגעהאַלטן בא אונדז אין צירק א מין עקזאַמען. וואָלאָשין, אונדזער דירעקטאָר, איז א גוטער מייוון, און אויב ער איז אים גרייט נעמען צו זיך, הייסט עס, אַז אײַער זון איז עס ווערט.

באַסשעווען האָט א שטאָך געטאָן אין האַרצן. עפּעס פּאָטויפען זיך ניט אין איר מויעך די ווערטער, וואָס זי האָט נאָרוואָס אויסגעהערט. נאָר פאַרשטאַנען האָט זי — א געפאַר דראָעט איר מיזיניק, דאָווידלען. און ווי אַפּצולאָכעס איז נאָסן־עליע ניטאָ. אין שטוב איז נאָר איין מאָטל, וואָס ווייסט פון גאָרניט און וויל פון גאָרניט ניט וויסן, אויסער זײַנע ספרים. די שיינע אַרטיסטקע זעט אויס צו זײַן אַן איידעלע פרוי. בא איר איז א טרוקענע ברוסט, נאָר דער שמייכל איז ווי בא א מאַמע. איז וואָס וויל זי האָבן פון באַסשעווס פינצטער לעבן? ווייניק צאָרעס, איז נא דיר נאָך אַזא אָנשיקעניש. עפּשער, טראַכט באַסשעווע, איז גאָר בעסער, וואָס נאָסן־עליע איז ניטאָ. ער איז דאָך א קאַעסניק, און קאַס ברענגט קיינמאָל ניט צו קיין גוטס. ביז וואָס־ווען דאַרף מען ערגעץ מעשאַלייעד זײַן דאָווידלען. וווהין שיקט מען אים?

— דאָווידל, גיי גלײַך אין שול און זאָג דעם טאַטן, אַז ער זאָל באַלד נאָכן דאַוונען קומען אַהיים.

— שפּעטער אַ ביסל, עס איז נאָך פרי. מיר זײַנען דיר, מאַמע, געקומען זאָגן, אַז מע נעמט מיך אין צירק.

— זײַ ניט קיין אַזעספּאָנעם! געהערט? פאַרגעס אין די קינדערשע פּוסטע זאַ־באַוועס. דו ביסט שוין, דאָוויד, ניט קיין קליינינקער, און דאָרט, אין צירק, האָט ניט וואָס צו טאָן אַ מענטש, וואָס דאַרף לערנען טוירע. אייניקע, — האָט זי פון אונטער די ברעמען אַ קוק געטאָן אויפן פאָרפאָלק, — האָבן ליב טרײַבן לייצאָנעס פון אָרע־מעלײַט, איז אויף זיי די זינד. גיי, דאָווידל, גיי זאָג דעם טאַטן, וואָס איך האָב דיר געהייסן.

— מאַמע, איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיר ניט גלייבן. ס'עמעס. פרעג בא זיי. ווילסט, וועל איך דיר באַווײַזן, ווי איך גיי אויף די הענט. דאָרט וועט מען מיך לערנען, און איך וועל זײַן אַן עמעסער אַרטיסט.

אַ קינד בלײַבט אַ קינד. איז וואָס זאָל זי טאָן — נעמען גוואַלדעווען, שרײַען? צי עפּשער גאָר באַווײַזן די געסט, ווו די טיר עפנט זיך? ניין, זי וועט גרייטן צום טיש, און זיי, ווי זיי ווילט זיך...

נאָסן־עליע איז אַרײַנגעקומען מיט אַ ברייטן גוט־שאַבעס. ניט ווייסנדיק נאָך, ווער די פרעמדע מענטשן זײַנען און צוליב וואָס זיי זײַנען געקומען צו אים, האָט ער זיי גלײַך פאַרבעטן צו דער וועטשערע און, ווי ער זאָל זײַן אין עפּעס שולדיק, זיך פאַרענטפערט, וואָס די פיש זײַנען ניט קיין געפילטע און וואָס די קוילעטשן זײַנען ניט פון קיין שטאַרק ווײַסער מעל.

— דערפאַר, — האָט ער געזאָגט, — וועט די באַלעבאָסטע אונדז באַלד דערלאַנגען געבראָטענע קאַרטאָפל מיט זויערמילך. מיר וועלן אויסטרינקען לעכאַיִם, — און גלײַך אויפן אָרט האָט ער דערקלערט די געסט, אַז „לעכאַיִם" באַטײַט צום לעבן, צום געזונט.

מיט נאָסן־עליען האָט זיך אַלעקס גלײַך דערפילט היימיש. ער האָט זיך פאָרגע־שטעלט מיט זײַן פולן נאָמען:

— מיך רופט מען אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש קיסעליאָוו. און דאָס איז מײַן פרוי אַניע, אַנע איוואַנאָוונע, — און ווי דאָס וואָלט געווען אַ סאָד, וואָס ער טרויט אָן בלויז דעם באַלעבאָס פון שטוב, האָט ער שטילערהייט צוגעגעבן: — מיר האָבן דרײַ קינדער, וואָס מיינען מיסטאָם, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיי אוועקגעוואָרפן. אונדזער קליינינקער זשאָרע קלײַבט זיך שוין געוויס רײַטנדיק אויף אַ בעזעם אונדז דעריאָגן און שטרענג באַשטראָפן.

צי ווײַל נאָסן־עליע איז געקומען פון שול אָן אויפגעלייגטער, צי דאָס פאָרפאָלק איז אים געפעלן געוואָרן, נאָר ער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— דרײַ איז קיין קונץ ניט. אָט פרוווט, ווי מיר, האָדעווען צוועלף פּיקערס.

— בא אונדז פאַרדינען זיי אַליין אויף ברויט און אַפילע צום ברויט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך אַנע איוואַנאָוונע און צי פון קעלט, צי פון מאָטלס בליק צוגעדעקט מיטן לופטיק גרינגן טיכל די נאַקעטע אַקסלען.

— טאַקע רײַטנדיק אויף בעזעמער? — האָט זיך אַ וויצל געטאָן נאָסן־עליע.

— מיר זײַנען צירק־אַרטיסטן. — אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט, ווײַזט אויס, אַליין געוואָלט פאַרזעצן דעם שמועס.

רוזקער פון אלעמען האָט זיך געהאלטן גראָד נאָסן־עליע. מער פון אלעמען האָט זיך געהיצט מאָטל. מיט א טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קיין דערווידערונגען, האָט ער געמאָלדן:

— אונדז, ייִדן, איז ניט נאָר פארבאָטן צו זײַן וויצן־זאָגער, כויזעק־מאכער, בוידריידער, נאָר לויטן מינהעג, וואָס גייט איבער פון דאָר צו דאָר, טאָרן מיר אפילע ניט באזוכן טעאטער און צירק.

— פארוואָס? — האָט קיסעליאָוו זיך צוגערוקט נעענטער צו מאָטלען. — זײַט וויסן, אז נאָך מײַן עלטערזיידע איז געווען א וואנדער־אקטיאָר און עס זײַנען מיר באקאנט אײַערע פורים־שפּילער, די ייִדישע קאפּעלעס און אקטיאָרן־טרופּעס. איך ווייס, אז אפילע אײַערע כאכאָמים האָבן גאָרנישט ניט געהאט קעגן די דאָזיקע מאסקאראדן. עמעס, זיי האָבן, דוכט זיך, פארווערט די מאנצבלען זיך איבערטאָן אין פרויען־קליידער. איך האָב אויך געלייענט וועגן דעם באוווסטן צירקארטיסט סימאָן לאקיש, וואָס איז דערנאָך געוואָרן בא אײַך אן אָנגעזעענער געלערנטער. איך מיין, אז איר האָט געוויס געהערט וועגן דעם פּרעכטיקן צירק און קאָלאָסאלן היפּאָדראָם, וואָס שלוימע־האמעלעך האָט אויסגעבויט אין יערושאָלאַים בא זײַן פּאלאץ...

מאָטל האָט פאריכט די יארמלקע, א גלעט געטאָן די לאנגע געקרײַזלטע פּייעס און, העלפנדיק זיך מיט די הענט, גענומען דערקלערן:

— שוין דערפאר אליין, וואָס אין צירק פלעגן ארויסגעשטעלט ווערן געצן...

קיסעליאָוו האָט געפּרוווט אים אָפּשטעלן, נאָר אומזיסט. מאָטל איז טאַקע בעטעווע א שווײַגער, נאָר קוים צערעדט ער זיך, איז אים שוין שווער אָפּצושטעלן. ער ווייסט אפריִער, וואָס יענער האָט אים צו זאָגן. ער ווייסט, אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו הערן.

— אירווילט דערווידערן, אז דאָס זײַנען געווען ניט קיין געצן, נאָר טראָפּייען? איר ווייסט, אז דאָס איז איינס און דאָס זעלבע. נאָר פאר אײַך איז עס דאָך מיסטאם ווייניק, איז ווי קוקט איר אף דעם, וואָס וועספּאסיאן און טיטוס פלעגן אײַנאָרדענען אין צירק מאסן־מאָרדן? איר ווייסט כאָטש, אז אונדז, ייִדן, פלעגט מען שלעפּן אין צירק אוןווארפן אין די שטײַגן? די ווילדע כײַעס פלעגן אונדז רײַסן אף שטיקער, און די ווילדע ברויִם, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען מענטש, האָבן געקליבן נאכעס, געהאט האנאָע. איצט פארשטייט איר, אז בלויז אפּיקאָרסים, אויסגעלאסענע לײַט קאָנען פארגעסן דעם פארבאָט און אריבערטרעטן די שוועל פון צירק?

אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש האָט אים געהערט מיט אינטערעס. עס איז אָבער געווען קאָנטיק, אז ער קלײַבט זיך ניט אונטערגעבן. דערווײַל האָט אים אינטערעסירט אָט וואָס:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, ווער און ווען האָט עס אײַך פארבאָטן? ניט לאנג צוריק האָב איך אין איינעם פון די בעסטע צירקן, בא קראָטיקאָוון אין „היפּאָ־פּאלאַס״, געזען ארויסטרעטן א ייִדישן באָכער, דעם רינגען־קעמפער מוישע סלוצקין. פאכלײַט זאָגן, אז דאָס וועט מיט דער צײַט זײַן אן ארטיסט מיט א וועלט־נאָמען. עפּעס איז דער סלוצקי ניט ענלעך אף קיין אויסגעלאסענעם יונג, און ס׳איז ניט געווען צו מערקן, אז אים זאָל קימערן עמעצנס א פארבאָט.

— ווער, פרעגט איר? אונדזערע גײַסטיקע פירער, די כאכאָמים. — מאָטל איז אוועק אין צווייטן צימער און אפגיך זיך אומגעקערט מיט א דיקן סייפער. — אָט דאָ וואָלט איר געקאָנט איבערלייענען די טפילע, ווו דער טאנע דאנקט גאָט דער־

פאַר, וואָס ער האָט אים באַשטימט זײַן אָרט אין בייס־האַמעדרעש צווישן די לאָמדייטוירע און נישט אין די טעאַטערס און צירקן, מאַכמעס די טוירע־לערנער וועלן באַקומען דעם סכאַר אין גאַנײדן. דאַקעגן, די טעאַטער־באַזוכער אַרבעטן פאַר זייער אייגענעם אונטערגאַנג.

— פון דעם איז געדרונגען, — האָט אים קיסעליאָוו קימאַט אין דעם זעלבן טאָן געענטפערט, — אַז שוין אין יענע צײַטן זײַנען געווען ניט ווייניק ייִדן, וואָס האָבן מיט פאַרגעניגן „געאַרבעט פאַר זייער אייגענעם אונטערגאַנג". נאָר אויב איר זײַט שוין יאָ אַזאַ באַהאַוונטער מענטש, איז דאַרף אײַך זײַן באַוווּסט, אַז אין די שטײַגן צו די כּײַעס האָט מען געוואָרפן ניט נאָר ייִדן, נאָר אויך קריסטן, און אַז צוליב די געצן האָבן אַמאָל אויך די קריסטן פײַנט געהאַט דעם צירק. נאָר וואָס דאַרפן מיר ריידן וועגן דעם, וואָס אַמאָל־אַמאָל איז געווען? די ענגלישע פוריטאַנער פון שעקספּירס צײַטן האָבן זיך דען צו אונדז, אַקטיאָרן, באַצויגן בעסער? און דאָך האָט זיך ניט זיי, ניט די גאַלאָכים און ראַבאָנים ניט אײַנגעגעבן צו דערשטיקן די צירק־קונסט. אין דער זעלבער צײַט, ווען די פוריטאַנער האָבן געוואָלט אונדז פאַרשטייערן, האָט מען אויפן פאַסאַד פונעם לאָנדאָנער „גלאָב־טעאַטער" אַרויסגעשטעלט די סקולפּטור פון הערקולעסן, וואָס האָט אויף זײַנע ברייטע אַקסלען געטראָגן ניט מער און ניט ווייניקער ווי דעם ערד־קוגל, אויף וועלכן עס איז געווען בוילעט אָנגעשריבן: „די גאַנצע וועלט שפּילט טעאַטער".

ווי אַן אָפּגעבריטער, האָט מאָטל צוגעכאַפּט דעם סייפער און איז מיט פּײַנלעך־צוגעזשמורעטע אויגן אָפּגעשפּרונגען פונעם אַרטיסט.

— איז וואָס ווילט איר, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אין די מאַסן־מאָרדן? אונדזערע ברידער האָט מען דאָרט געקוילעט, און מיר זאָלן גיין אַהין זיך לוסטיק מאַכן?

מאָטלען האָט אָפּגעענטפערט נאָסן־עליע:

— ס'איז, — האָט ער געזאָגט, — זון מײַנער, קיין מאָשל ניט. דו געדענקסט, ווי מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, נאָכן מעלדן דעם מאַניפעסט, איז געווען בײַ אונדז אין שטאָט אַ פּאָגראָם? נו, איז וואָס איז פון דעם געדרונגען? אויב פאָלגן דיך, דאַרפן מיר, די זיבעצן מיט אַ האַלבן טויזנט ייִדן, וואָס וווינען אין כערסאָן, פאַרשעלטן אָט די שטאָט און אַנטלויפן פונדאַנען... דיר ווילט זיך ניט, אַז אונדזער דאָווידל זאָל זײַן אַן אַרטיסט. איז פרעג איך בײַ דיר: און מײַנע אָװעס זײַנען דען געווען טאָקערס? דאָווידלען, — האָט ער פאַרענדיקט, — איז שוין גענוג אַרומצולויפן פּוסט־און־פּאַס.

מיט אַלעמען וואָלט מאָטל געקאָנט פירן אַ וויקועך, נאָר ניט מיטן טאַטן. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— איך זאָג עס דען? ניט וועגן דעם גייט דאָך אַ רייד.

אין דעם אָוונט האָט מען נאָך געשמועסט זייער אַ סאַך. באַסשעווע האָט געוויינט און געטײַנעט צו זיך אַליין: „אַ קלאָג צו מײַנע ביינער, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן בײַ ייִדן?" דאָווידלען זײַנען אויך געשטאַנען טרערן אין האַלדז. אַז קיינער זאָל ניט הערן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: „אויב מע וועט מיך ניט אָפּלאָזן, וועל איך אַנטלויפן". די קיסעליאָווס האָבן עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: „אײַער ייִנגל וועט זײַן זאַט, אָנגעטאָן, לערנען וועט מען אים אומזיסט, און אין אַ יאָר אַרום וועט ער שוין עפּשער קאָנען אויך אײַך מיט עפּעס העלפן".

דער סאָף איז געווען, אַז נאָסן־עליע האָט געגעבן די האַסקאָמע. עמעס, מיט אַ טנײַ, אַז דערווײַל גיט ער אָפּ דאָווידלען נאָר אויף די צוויי כאָדאָשים, וואָס דער

צירק וועט זײַן אין כערסאָן. נעכטיקן וועט דאָווידל קומען אלע טאָג אהיים. פון קיין שום וואָלאָשינען וויל ער ניט וויסן. ער פארלאָזט זיך נאָר אויף די קיסעליאָווס, וואָס זײַנען, ווי אים דוכט זיך, אָנשטענדיקע, אָרנטלעכע מענטשן.

דער טאטע האָט קיין טאָעס ניט געהאט. די קיסעליאָווס האָבן צו דאָווידלען זיך באַצויגן ווי צו זייערע אייגענע קינדער, ער האָט מיט זיי צוזאמען געגעסן, צוזאמען גערוט. אין די פרײַע מינוטן פלעגט אנע איוואנאָוונע צונויפנעמען די גאנצע מיש־פּאָכע און לייענען פאר די קינדער דעם דיסעלדאָרפער זשורנאל „דער ארטיסט". דאָווידל פלעגט זיצן פארגאפט, מאמעש שלינגען די ווערטער.

די לימודים פלעגן זיך אָנהייבן נאָך פארן פרישטיק. מיט דאָווידלען (אים האָט מען גלײַך געקרוינט מיטן נאָמען טאָדיע) האָט געלערנט אלעקס. בלויז די ערשטע איבונגען זײַנען געווען לײַכטע. דערנאָך האָט שוין דער לערער ניט געשאנעוועט ניט זיך, ניט דעם שילער. גלײַך אין די ערשטע טעג האָט ער א זאָג געטאָן:

— טאָדיע, קוק ניט אויפן קונצנמאכער, וואָס ציט די סטענגעס פונעם ארבל. געדענק, אז אפילע די, וואָס באזוכן אונדזערע רעפּעטיציעס, ווייסן ניט, וויפל מי עס פאָדערט זיך, קעדיי די צושויער זאָל זיך אויסדוכטן, אז עס האָט קיין שום ווערט ניט אויסצופילן די שווערע קאסקאדן (דאָס וואָרט „קאסקאדן", ווי פיל אנדערע נײַע ווערטער, האָט שוין טאָדיען ניט אויסגעזען ווילד־פרעמד). אן ארטיסט מוז האָבן שטײַפע מוסקולן, ער דארף פּינקטלעך אויסרעכענען די מינדסטע באוועגונג. פארן פּובליקום דארפן מיר, פארטער־אקראָבאטן, שטענדיק זיך באווײַזן מיט א פריילעכן שמייכל אויף די ליפּן, כאָטש דאָס העמדל, טאָדיע, וועט נאס זײַן פון שווייס...

דערפאר אָבער אין א פּאָר וואָכן ארום, ווען עמעצער פון די אקטיאָרן האָט א זאָג געטאָן, אז באם ייִנגל זײַנען ניט גענוג אָפּגעשליפן די באוועגונגען און אז עס פעלט אים ריטם, האָט אלעקס מיט קאס געענטפערט:

— קיין נאר ווײַזט מען ניט קיין האלבע ארבעט.

וואָלאָשין האָט ניט געוואָלט לאנג ווארטן. שוין נאָך דער ערשטער וואָך האָט ער געפאָדערט, אז אויף די אפישן זאָל זײַן אָנגעשריבן „פארטער־אקראָבאטן זעקס־קיס־זעקס". אָבער אנטואנעטע האָט אײַנגעבעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל דערלויבן טאָדיען רעפּעטירן כאָטש נאָך א טעג צען.

ווען א קינד קומט אויס צום ערשטן מאָל אין לעבן ארויסלויפן אויף דעם העל־באלויכטענעם מאנעזש, איז אים א סאך לײַכטער, איידער א דערוואקסענעם. טאָדיע האָט ניט געפילט קיין שרעק פאר דעם גרויסן עולעם. אים האָט זיך נאָר שטארק געוואָלט, אז אלעקס און אנטואנעטע זאָלן זײַן פון אים צופרידן.

ווארטנדיק אינעם שמאָלן דורכגאנג אויפן סיגנאל, זײַנען די זעקס קיס ניט אײַנ־געשטאנען אויף אן אָרט, געהאלטן אין איין אונטערשפּרינגען. אנטואנעטע, וועלכע האָט אין דעם נומער קיין אָנטייל ניט גענומען, האָט אלעמאָל פאריכט טאָדיען דעם קאָסטיום, וואָס האָט ביזן סאמע האלדז פעסט ארומגעצויגן זײַן דאר באוועגלעך קערפּערל.

ענדלעך האָט וואָלאָשין געגעבן א צייכן. גלײַך פון אָרט האָבן די ארטיסטן זיך צעשאָטן איבערן מאנעזש. פון פאָרנט די קלענערע, און פון הינטן די עלטערע קי־סעליאָווס — אלעקס און זײַן ברודער. די דערוואקסענע האָבן צוערשט נאָכגע־שפּירט, ווי דאָס יונגווארג האָט אויסגעפּילט עטלעכע עקוויליבריסטישע טריוקן, דער־נאָך איז מען צוגעטראָטן צו דעם הויפּט־נומער — צו די פּיראמידעס. פארגאפטע האָבן די צושויער געקוקט, ווי די קיסעליאָווס שפּרינגען און מאכן סאלטאָס אינדער־לופטן, זיי האָט פארכאפּט דער אומופהערלעכער פּולסירנדיקער ריטם. עמעצער, וואָס איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, האָט א שעפּטשע געטאָן צו זײַן שאָכן:

— מאמעש לעבעדיקע אראבעסקן...

אליין אלעקס האָט ניט געמאכט קיין איין אקראָבאטישן שפּרונג, און דאָך איז קלאָר געווען, אז ער איז די נעשאָמע פון אָט דעם פּרעכטיקן אנסאמבל, ער רעגו־לירט דאָס גלײַכגעוויכט פון דער גאנצער קאָלאָנע.

ווען דער נומער האָט זיך פארענדיקט און די אקראָבאטן האָבן זיך געלאָזט לויפן פון מאנעזש, האָט וואָלאָשין זיי פארשטעלט דעם ווענג. דער זאל האָט שטארק אפּ־לאָדירט, געשרײַען ביס. אלעקס האָט גענומען טאָדיען פאר דער האנט און אים צו־געפירט צום סאמע באריער.

טאָדיע וואָלט געמעגט שווערן, אז ער האָט געהערט, ווי עמעצער אף דער גא־לעריקע האָט אויסגעשריַען:

— זע נאָר, זע, דאָס איז דאָך דאָווידל נאָסן־עליעס.

הינטער די קוליסן האָט דער קלאָון מיטן הויקער א זאָג געטאָן ווי צו זיך אליין:

— ס'איז זיי ווייניק די אייגענע, האָבן זיי געבראכט פון דער גאס נאָך א שלעפּער...

עפּשער טאקע דערפאר האָט אנע איוואנאָוונע צוגעדריקט טאָדיען צו זיך און אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש האָט אים, ווי זײַנס א גלײַכן, א נעם געטאָן בא די שמאָלע אקסלען און צום ערשטן מאָל א לויב געטאָן:

— פײַן! ערשט איצט וועלן מיר זיך מיט דיר נעמען פאר דער ארבעט. און דעם קלאָונס ווערטער, אויב זיי זײַנען דיר ארײַן אין איין אויער, איז לאָז זיי ארויס דורכן צווייטן. ער איז פון יענע מענטשן, וואָס מע קאָן זיי קיינמאָל מיט גאָר־נישט פארכידעשן.

די טעג זײַנען געגאנגען גיך. אָט האָט טאָדיע זיך געלייגט שלאָפן זומער און איז אופגעשטאנען הארבסט. א גאנצע נאכט האָט פון דניעפּער געבלאָזן א קאלטער ווינט און געהוי͏ּעט דאָס ציטערנע פאָרהענגל אפן פענצטער. דוכט זיך, ערשט ניט לאנג האָבן די בלעטער אף די ביימער גענומען בײַטן דעם קאָליר, אין דער לופט איז געפלויגן שפּינוועבס, און אָט ליגט שוין אפן שאָכנס דאך דער ערשטער טוי־געפריר.

די סאנדאליקלעך בא טאָדיען האָבן זיך אינגאנצן צעריסן, פון דעם אָנצוגל איז ער פאָשעט ארויסגעוואקסן און עס וויל שוין ניט דערווארעמען די דערפראָרענע ביינער.

די קיסעליאָווס האָבן זיך לאנג געייצעט, צוערשט צווישן זיך און דערנאָך מיט אנדערע ארטיסטן. צו וואָלאָשינען האָבן זיי, ווײַזט אויס, ניט געוואגט זיך ווענדן.

עס איז ניט געווען קיין האָפענונג, אַז דער קאַסיר זאָל היינט אויספאַרקויפן די בילעטן.

באַטאָג, ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל ווארעמער, זיינען אַלע קיסעליאָווס אוועק אין סאַמע בעסטן קליידער־מאַגאַזין. דער מיליון איז געווען אַלעקס, נאָר געדונגען האָט זיך אַנטואַנעטע. טאָדיע איז פון דאָרט אַרויס ניט צו דערקענען: אין אַ נייעם קאָסטיום, אין אַ נייעם מאַנטל, אין אַ קאָלירט העמדל, אין שווארצע שיך און טונקל־גרויע שקאַרפעטן. אונטער דער האַנט האָט ער געהאַלטן פאַרוויקלט זיינע אַלטע בגדים. פון דאָרט זיינען זיי אוועק קויפן אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

טאָדיע האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. די קיסעליאָווס זיינען געבליבן שטיין אַפן ראָג און אים לאַנג נאָכגעקוקט.

— פאַניטש, — האָט באַ טאָדיען אַ פרעג געטאָן אַלינאָוועס דוואָרניק, — צו וועמען דאַרפט איר?

— ווי איז צו מיר, — האָט אים די מאַמע באַגעגנט אַף דער שוועל, — ווו האָסטו דאָס אַלץ גענומען?

דער טאַטע איז אוועק צו די קיסעליאָווס זיך נאָכפרעגן, צי האָט כּאָלילע זיין יינגל באַ קיינעם גאָרנישט צוגעגאַנוועט.

טאָדיע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס פרייט זיך קיינער ניט באַ זיי אין שטוב. איצט וועט ער דאָך שוין אַף געוויס זיין אַן אַרטיסט. די מאַמע האָט אַפילע קיין שמייכל ניט געטאָן. זי האָט זיין ניי העמדל באַנעצט מיט אַ ווארעמער טרער און בלויז אַ שעפּטשע געטאָן:

— צערייס עס, דאָווידל, געזונטערהייט.

ווי נאָענטע פריינט

פון די פריש אויסגעקלעפּטע אַפישן האָט נאָך געשמעקט מיט פאַרב. די גרויסע קוואַדראַטע אויסיעס האָבן ווי געוווינקען און גערופן. ניט ווילנדיק האָט יעדער דורכגייער געמוזט אויסדרייען דעם קאָפּ און לייענען: „מאַלטשיקי־שאַריקי[1] — ווילי, זשאָרא אי טאָדיא קיס".

איבער די גאַסן און געסלעך זיינען אַרומגעלאָפן ספּעציעל געדונגענע „שרייער" און ביז הייזעריק צו ווערן אָנגעזאָגט דעם עולם וועגן די ווונדער, וואָס דערוואַרטן זיי, אויב זיי וועלן באַזוכן די לעצטע גאַסטראָלן פון די באַוווּסטע צירק־אַרטיסטן קיס. איבער די מערק און לעבן די איינפאָר־הייזער זיינען יינגלעך אַרומגעגאַנגען אַף הויכע שטאָלצן, געשאָסן אין דער לופט פון פּיסטוילן, און פון בלעכענע רופאָרס געפּרווט איבערשרייען דעם טומלדיקן עולם. אייניקע מענטשן האָבן טאַקע אַף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין זייערע דייגעס און אַ טראַכט געטאָן, אַז אין צירק איז דאָך דער אָרעמאַן פונקט אַזאַ יאַכסן, ווי דער גוויר. איז עפּשער טאַקע קעדייַ צו פּאַטערן אַ גילדן, אַבי געניסן אַ קאַפּעלע פרייד.

דער איינציקער, וועמען די נייעס, אַז דאָס זיינען די לעצטע גאַסטראָלן פון די קיסעליאָווס, האָט ניט דערפרייט, נאָר דערשיטערט, איז געווען טאָדיע. דאָס לעבן אין קעלער אַף דוואָריאַנסקע האָט אים איצט אויסגעוויזן ווי אַ שטייענדיק וואַסער.

[1] יינגעלעך־פּילקעלעך.

די עמעסע הײם זײַנע איז אַצינד געווען בלויז אין צירק — בא די קיסעליאָווס. האָט זיך אָבער אומגעריכט אָנגערוקט איבער טאַדיעס קאָפּ א שווארצע כמארע.

קיסעליאָווס ייִנגלעך ווילי און זשאָרע האָבן זיך ערגעץ אָנגעשטעקט מיט דיפּ־טעריט. געקרענקט האָבן זיי שווער, און אין מעשעך פון צוויי וואָכן זײַנען די על־טערן קימאַט ניט אָפּגעטראָטן פון די קינדער. אלעקס און אנטואַנעטע האָבן זיך געווענדט צו וואַלאָשינען מיט א באַקאָשע, אַז ער זאָל זיי דערלויבן קומען צו דער צווייטער אָפּטיילונג, אין וועלכער זיי טרעטן ארויס, קעדיי גלײַך נאָך דעם זאָלן זיי קאָנען גיין אהיים.

וואַלאָשינס דינע ליפּן זײַנען געוואָרן נאָך דינער. אים האָט שוין פון לאַנג פאַרדראָסן, וואָס ניט ער, נאָר די קיסעליאָווס האָבן זיך גענומען ארויסרוקן אפן ערשטן אָרט. אף צו באַרוישן דאָס פּובליקום און פאַרדינען געלט זײַנען בא אים פאַראן גענוג קונצנמאכער, לופט־שפּרינגער, שטריק־טענצער כוץ זיי. די קיסע־ליאָווס האָט ער אײַנגעלאַדן, ווײַל ער האָט געוואָלט מיטגיין מיט דער מאָדע. ווען ער מיטגיין, ביז עס לוינט אים. אזוי האָט ער זיי טאַקע געענטפערט:

— איר פאַרגעסט, אַז איך בין א דירעקטאָר און ניט קיין מעצענאַט. זײַט אזוי גוט און לייענט איבער דעם קאָנטראַקט, וואָס איר האָט אונטערגעשריבן. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז איר זײַט מעכויעוו זיך יאַווען, אויב אפילע איר נעמט ניט קיין אָנטייל אין דער פּראָגראַם. וו׳אזוי זשע קומט איר עס צו מיר מיט אזא ביטע?

די קיסעליאָווס האָבן אף דעם גאָרניט געענטפערט דעם באַלעבאָס, נאָר יעדן אָוונט פלעגן זיי דאָך קומען צו דער צווייטער אָפּטיילונג, אויספילן זייערע נומערן און אוועקגיין אהיים. פאַר די צוויי וואָכן, וואָס די קינדער האָבן געקרענקט, האָט וואַלאָשין אפילע קיין קאָפּעקע ניט באַצאָלט אלעקסן און אניען. אלעקס האָט אײַנ־געגעבן אין געריכט.

דער געריכט־זאַל איז געווען פול געפּאַקט. עס איז געקומען די גאַנצע טרופּע. פיל ליבהאָבער פון צירק האָבן איידעס געזאָגט, אַז אין יענע טעג האָבן זיי געזען די קיסעליאָווס אפן מאַנעזש. אליין וואַלאָשין איז ניט געקומען. זײַנע אינטערעסן האָט פאַרטיידיקט דער אדוואָקאַט וואַרשאַווסקי. ווען דער דאָקטער האָט גענומען דערציילן, ווי שווער עס האָבן געקרענקט קיסעליאָווס קינדער, האָט וואַרשאַווסקי אים גלײַכגילטיק און טרוקן איבערגעשלאָגן:

— דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צום איניען.

עמעצער האָט אויסגעשריִען פון זאַל:

— און דאָך האָבן זיי געאַרבעט!

דער אדוואָקאַט האָט גלײַך געפּאָדערט, אַז מע זאָל דעם טומלער ארויספירן פון זאַל. עס איז געוואָרן א טומל. דער ריכטער איז אופגעשטאַנען, גענומען קלינ־גען מיטן גלעקל, און דאָ איז צו וואַרשאַווסקין צוגעלאָפן טאַדיע און א געשריי געטאָן:

— איר זײַט א צווייפּענעמדיקער, א פאַלשער מענטש, איר זײַט נאָך ערגער פון עלעק דעם ליגנער. מע וואָלט אײַך אויך געדאַרפט גוט אָנבייקערן די ביינער!

דער קלאָון אין צירק וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען דער אוילעם זאָל אזוי לאַכן פון זײַנע כאָכמעס, ווי מע האָט געלאַכט דאָ, אין געריכט־זאַל.

— מאַלאַדיעץ! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען. — זאָג אים אריַין!

א זשאַנדאַרם האָט אָנגעכאַפּט טאַדיען פאַרן אויער און, ווי א הינטל, ארויסגעוואָרפן פון יענער זײַט טיר.

אוואדע האָט דער געריכט זיך אָנגענומען וואָלאַשינס קריוודע! באַם ארויסגאַנג האָט ווארשאַווסקי דערזען, ווי טאָדיע שטייט און רײַבט דעם אויער. ער האָט זיך געשמאַק צעלאַכט:

— נו, „אַדוואָקאַט", ווער[ע]מען האָט מען אָנגעבייקערט די ביינער?

טאָדיע האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען זוכן א שטיין, נאָר אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר א האַנט און א צי געטאָן צו זיך:

— קום, נאַרעלע...

דאָס יינגל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָכגעשריִען ווארשאַווסקין:

— ווען איך זאָל זײַן אַן אַדוואָקאַט, וואָלט איך געזאָגט דעם עמעס!

די קיסעליאָווס וואָלטן נאָך עפּשער ניט אַזוי גיך זיך צעשיידט מיט וואָלאַשינס צירק, נאָר גראָד דעמלט האָבן זיי אומגעריכט באַקומען א היפּשן פּאַקעט מיט עט־לעכע טריוואַקס־שטעמפּלען. אָנגעקומען איז ער אַזש פון עסטרײַך, און געווען איז דאָרט אַן אײַנלאַדונג און א קאָנטראַקט, וואָס דער ווינער צירק האָט זיי פאָרגעלייגט אונטערשרײַבן.

געוויס האָט וואָלאַשין געמאַכט נאָר אַן אָנשטעל, ווען ער האָט געפּרוּווט אָפּריידן די קיסעליאָווס פון פאָרן אין דער פרעמד. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט וועגן גוטן שעם פון די קיסעליאָווס, באַדויערט, וואָס זיי וועלן זײַן ווײַט פון דער היים. ער האָט זיך גענומען קלאָגן אויף דער קאָנקורענץ, וואָס אים קומט אויס אויסצו־שטיין, און האָט זיי געטיצעט גוט באַקלערן דעם איניען. אינדערעמעסן אָבער האָט דער דירעקטאָר באַדאַרפט אויסשפּילן צײַט אויף אונטערזוכן אַקטיאָרן, ביז עס וועט ניט אָנקומען דער „סעזאָן מאַרט"—דער טויטער סעזאָן, ווען אין צירק ווערט מיטאַמאָל אויף א פּאָר כאָדאָשים קימאַט פּוסט.

מע איז זיך צונויפגעגאַנגען אויף דעם, אַז די קיסעליאָווס וועלן זיך אויף א שטיקל צײַט פאַרהאַלטן, און דערפאַר וועלן זיי האָבן זייערן א בענעפיס.

— און וואָס וועט זײַן מיט טאָדיען? — האָט אַנע איוואַנאָוונע א פאַרזאָרגטע שוין דאָס וויפלטע מאָל געפרעגט באַ איר מאַן.

טאָדיע אַליין איז די לעצטע צײַט ארומגעגאַנגען ווי א פאַריאָסעמטער. „צי דען,—האָט ער געטראַכט, — וועלן זיי מיך דאָ איבערלאָזן און אַליין אוועקפאָרן?"

— טאָדיע, — האָט איינמאָל באַם אָוונט־ברויט געפרעגט אַלעקס, — דו ווילסט פאָרן מיט אונדז קיין ווין?

דאָווידל האָט נאָר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

— אויב אַזוי, דאַרף מען גיין צו דײַנע עלטערן זיך דורכריידן.

שפּאַנען זיי ווידער אינדרײַען איבער דער לאַנגער דוואָריאַנסקע.

ווער האָט עס געקאָנט אונטערזאָגן פּוגען, אַז באַלד וועט קומען אַזאַ אָנגעלייג־טער גאַסט? אָט לויפט פּוגע מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. גענומען דרייען מיטן עק, געמאַכט א פּאָר ניט זיכערע שפּאַן און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. זײַן פרײַנט און באַלעבאָס האָט זיך עפּעס שטאַרק געענ־דערט. ער ווערט ערגעץ אויף גאַנצע כאָדאָשים פאַרפאַלן. עמעס, אַז ער קומט, איז ער אים גוט מעכאַבעד. גלעט אים און צערטלט אים. נאָר דאָך איז עס ניט ווי אַמאָל, ווען זיי האָבן זיך אַזוי גוט פאַרשטאַנען אָפּן וווּנק. פונדעסטוועגן וואָלט פּוגע אים אַלץ מויכל געווען, ווען ניט די נײַע פרעמדע רייכעס. עס טראָגט פון אים מיט שטאַל, פריִער האָט פון אים דאָך שטענדיק געשמעקט מיט טײַך און מיט ווינט. ווי א וויכער פלעגט פּוגעס באַלעבאָס ארײַנפליִען אין הויף און גלײַך זיך

לאָזן צו דער בודקע. איצט גייט ער אַזוי סטאַטעטשנע. אָנגעטאָן איז ער אַזוי, אַז דו ווייסט שוין ניט קיין שפּרונג טאָן מיט די שטיביקע לאַפּעס אױף זײַן ברוסט. אױף די פּיס טראָגט ער עפּעס אַזױנס, וואָס סקריפּעט. און טוסטו עס אַ לעק, ווערט דיר קאַלט און טערפּקע, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אויסגעטריקנטע פעל אין בוינע.

— פוגע! קום אַהער!

דאָס איז דאָך דאָווידלס שטים! פוגע טוט אַ קאַניוטשע און נעמט פויזען פון פרייד אױפן בויך, ווי אַמאָל, ווען נאָר זיי ביידע און מער קיינער ניט איז אויף דער וועלט ניט געווען.

די ערשטע נאָך פוגען האָט זייער קומען באַמערקט ראָכעלע. זי זיצט באַם אָפּגע־נעם פענצטער און שטריקט פאַר זיך קאָלירטע הענטשקעלעך. מיסטאָם איז זי איצט, ווי שטענדיק, אָנגעטאָן אין די הויכע שיך, פאַרשנורעוועטע קימאַט ביז צו די קני. טאַדיע כאַפּט אויף איר אַ קוק. „נישקאָשע, ער וואַקסט באַ איר, דער גוידער״. ער כאַפּט אויך אַ קוק אין עק פון הויף. די בערווענעס און די ברעטער זײַנען טונקע־לער געוואָרן, נאָר זיי ליגן אױפן זעלבן אָרט. דאָס שטיבל, וווּ כאַיִם־בער וווינט, איז פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס, און ביידע לאָדנס זײַנען פאַרהאַקט. טאַקע דאָ ניט ווײַט וואַלגערן זיך די רעשטלעך פון כאַיִם־בערס וואָגן — צוויי צעטראַסקעטע רעדער, אַ פאַרזשאַווערטע אַקס און אַ צעריסענע יוכטאָווע שלייע. ער ווייסט נאָך ניט, טאַ־דיע, אַז דער באַלעגאָלע איז אינגאַנצן געליימט געוואָרן און די באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן אים אָפּגעפירט אין מוישעוו־זקיינים. דאָרט, אין העקדעש, האָט מען אים באַרויִקט, ווען ער ניט האָבן ווײַטער מעקאַנע צו זײַן.

כאָטש די מאַמע שטייט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און קנעט ערשט אין דער באַקדייזשע דאָס געדיכטע טייג, דאָך ווײַזט זיך דאָווידלען אויס, אַז אין קעלער שמעקט שוין מיט פרישע־געבאַקן ברויט. עס ווילט זיך אים אַ געשריי טאָן: „גיב מיר, מאַמע, אַ פרישן פּידפּאַלעק מיט מילך!״

דער מאַמעס מידע אויגן שמייכלען:

— סאַראַ אָנגעלייגטע געסט!

זי ווייסט ניט, וווהין זאָל זי אַהינטאָן די הענט, וואָס זײַנען ביז די סאַמע עלנ־בויגנס אין טייג. זי ציט אויס דאָס פּאָנעם, און איר מיזיניק לויפט צו צו איר, טוט זי אַ קוש אין באַק, דאָרט, וווּ ס'וואַקסט באַ איר אַ קליין בראָדעווקעלע מיט צוויי קורצע דינע הערעלעך. די מאַמע איז ווי פאַרשעמט. זי זוכט מיט די אויגן אַ ריין אָרט, וווּ די געסט זאָלן זיך קאָנען צוזעצן. אין שטוב איז ניט אויפגעראַמט.

טאַדיע כאַפּט אַ קוק אויף די שטשערבאַטע ווענט, וואָס זײַנען אין די ווינקלען באַדעקט מיט אַ געדיכטער נעץ דינע, גרויע פעדעמלעך שימל. די מאַמע פאַרענטפּערט זיך:

— לייווי איז שוין לאַנג אָן אַרבעט. אים איז שוין געווען זייער גוט. ער האָט זיך געקויפט אַ פּאָר נײַע שיך, מיר אַ מולטן קלייד. ער האָט זיך אַפילו געהאַט צונויפגערעדט, אַז מע זאָל אַרומשאַליעווען די נאַסע ווענט, אויסקלעפּן זיי מיט טאַפּעטן. האָט זיך אים אָבער מיטאַמאָל פאַרוואָלט, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים העכערן די סכירעס.

טאַדיע פאַרשטייט שוין, אַז די מאַמע האָט אַ גרויסן פאַרדראָס, און אַנע איוואַ־נאָוונע, וואָס איז, דוכט זיך, ניט קיין נאַר, צעבלאָזט נאָך דאָס פײַער:

— פאַרוואָס טאַקע ניט?

— פאַרוואָס ניט? — פרעגט איבער די מאַמע, און איר פּאָנעם פאַרקרימט זיך,

ווי פון עפּעס שטאַרק זויערס. — דערפֿאַר, ווײַל צו גוטס און שלעכטס איז קיין שיר ניטאָ. „לייווי, — האָב איך זיך באַ אים געבעטן, — ס'איז פֿאַר אונדז נאָך ניט געקומען די צײַט. צען מאָל זאָלסטו אָפּמעסטן און איין מאָל אָפּשנײַדן". פֿאָלגן זיי דען, די קינדער? — די מאַמע האָט דערווײַל פֿון אַ זײַט אַ קוק געטאָן אויף דאָ־ווידלען. — ווען לייווי האָט זיך אין דעם פֿינצטערן טאָג אומגעקערט פֿאַר דער צײַט אַהיים, האָב איך נאָך פֿונדערווײַטן דערזען, אַז די „גוטע" בסורע שפּאַנט אויף אַ מײַל פֿאַר אים.

— מאַמע, ווו איז ער, לייווי?

— ווו זאָל ער, קינד מײַנס, זײַן? ער זוכט אַרבעט.

ווען דער טאַטע איז געקומען און די קיסעליאָווס האָבן אים געזאָגט, אַז זיי זײַנען מאַסקים נעמען מיט זיך טאָדיען קיין ווין, האָט ניט באַסשעווע, נאָר נאָסן־עליע גלײַך געמאָלדן, אַז וועגן דעם קאָן אַפֿילע קיין רייד ניט זײַן. און נאָך האָט ער געזאָגט:

— פֿאַר אײַער גוטסקײַט קומט אײַך אַוואַדע אַ דאַנק, נאָר פֿונעם צירק וועל איך אים מיט דער צײַט צונעמען. איך וויל ניט, אַז מע זאָל אויף מיר טײַטלען מיט די פֿינגער...

די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו אַנע איוואַנאָווגע, זי אַרומגענומען, און, אויב גלייבן ראָכעלען, האָבן זיי זיך אַפֿילע צעקושט.

— נישקאָשע, — האָט איר דערנאָך די מאַמע געזאָגט, — זיי זײַנען מיר טײַער, ווי נאָענטע פֿרײַנט. — און ווען די שכיינע האָט פֿאַרשנורעוועט דאָס מויל און אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען, האָט באַסשעווע צוגעגעבן: — זאָג מיר, כ'בעט דיך, וואָס קומט מיר אַרויס דערפֿון, וואָס די מאַדאַם אַלינאָווע איז אַ ייִדישע?..

נאָך איידער די קיסעליאָווס זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, איז פֿון אָדעס געקומען אַ נײַע אַרטיסטקע, „לויזע די פֿריילעכע" האָט מען זי גערופֿן. לויזע האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אין איין קײַען קאָנפֿעטן, און, מעגלעך, דערפֿאַר האָט זיך טאָדיען אויסגעוויזן, אַז איר פּאָנעם זעט אויס וואָקסעדיק־פּראָסט. מיט אַנטואַנעטען האָט זי זיך באַגעגנט, ווי מיט אַן אַלטן גוטנפֿרײַנט. אַלעקס האָט געקוקט אויף לויזען פֿון אונטער די געדיכטע ברעמען. אים זײַנען אַפֿילע ניט געפֿעלן געוואָרן אירע לאַנגע קאַשטאַנעווע האָר, דער גרויסער פּוקסן־קאָלנער אויפֿן הויכן האַלדז, איר שיינע, קליינגעוודיקע שטים.

לויזע האָט געזוכט פֿאַר זיך אַ געהילף — אַ רירעוודיק, דאַר ייִנגל, וואָס זאָל האָבן „אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס".

— ווייסט, — האָט אַנע איוואַנאָווגע זיך געווענדט צו איר מאַן, — לויזע איז אַ גוטע פֿרוי און האָט ליב קינדער.

— עמעס, — איז ער קלוימערשט מאַסקים געווען און גלײַך צוגעגעבן: — זי האָט זיי ליב צוליב זיך. און עפּשער אויך דערפֿאַר, ווײַל זיי דערמאָנען איר די אייגענע פֿאַרלוירענע קינדהײַט.

— אויב אַפֿילע אַזוי, איז וואָס? דו ביסט איצט אין אַ שלעכטער שטימונג, ווילסטו ניט פֿאַרשטיין, אַז קיין אַנדער ברייערע האָט דערווײַל טאָדיע ניט. דיר געפֿעלן ניט קיין איליוזיאָניסטן, עס געפֿעלן דיר ניט זייערע פֿאַלשע פֿאָרשטעלונגען, איך, ווי דו ווייסט, האַלט אויך ניט פֿון די „גײַסטער", „טיש־קלאַפּער" און בכלל פֿון די

אלע מיסטישע קונצן, און דאָך מיין איך, אַז זיי האָבן מער רעכט אַרויסטרעטן אין צירק, ווי די סאַלאָן־שטאַנגיסטן, שפּאַנישע טענצערנס, פּרויען־קאַפּעלעס, טי־ראָלער כאָרן. פאַר די עסטראַדניקעס איז דאָס אָרט אין שאַנטאַן און אין וואַריעטע.
וואָס האָט ער איר געקאָנט ענטפערן? אַנע איוואַנאָוונע איז דאָך געווען גערעכט...
אַרויסבאַגלייטן די קיסעליאָווס האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער גאַנצער צירק. ווען די טשעמאָדאַנעס זײַנען געווען צונויפגעלייגט אַפּן וואָגן און דער פאָרמאַן האָט אָנגעצויגן די לייצעס, האָט זיך באַוויזן וואָלאָשין. ווי שטענדיק, זײַנען בײַ אים דער קאָלנער, די מאַנזשעטן און די מאַנישקע געווען שניי־ווײַס. די האָר האָבן געגלאַנצט פון ברילייאַנטין. באַנאַנד מיט אים איז געגאַנגען אַ הויכער, דאַרער מאַנצביל מיט אײַנגעפאַלענע באַקן.
— זע, — האָט אַנע איוואַנאָוונע אָנגעכאַפּט דעם מאַן בײַ דער האַנט, — דאָק־טער קוק!
ניט ווילנדיק האָט אויך טאָדיע אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעקוקט — אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, עמעס, בײַ אים איז געווען אַן אויסגע־צויגענער שאַרבן, מוטנע בלויע אויגן. אין די לאַנגע דינע פינגער האָט ער געהאַלטן אַ לײַכט שטעקעלע.
די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, און דאָווידל האָט דערהערט אַנע איוואַנאָוונעס וואָרענונג:
— טאָדיע, היט זיך פאַר אים, הערסט? היט זיך!
...לויזעס אַרויסטרעטונגען זײַנען ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין ריזיקע. זי האָט זיך אויך ניט באַנוצט, ווי אַנדערע איליוזיאָניסטן, מיט די לעצטע דערגרייכונגען פון אָפּטיק, אַקוסטיק, מעכאַניק, כימיע — און דעריבער זיך באַגאַנגען אָן קאָמפּלי־צירטער אַפּאַראַטור.
לויזע האָט אַרײַנגעפירט טאָדיען אין פוסטן גרימיר־צימער, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך אַרויסגענומען פון איר רידיקיול אַ צעראַטענעם סאַנטי־מעטער און גענומען מעסטן טאָדיען — זײַן הייך, די ברייט פון די פלייצעס. דוכט זיך, אַז אַלץ איז איר געפעלן. נאָר ווען זי האָט אַרומגעוויקלט מיטן סאַנטימעטער זײַן קאָפּ, האָט זי זיך פאַרקרימט און אומצופרידן אַ זאָג געטאָן:
— ניט גוט. פאַר אַ ספינקס איז בײַ דיר צו אַ גרויסער קאָפּ.
— פאַר אַ וואָס? — האָט טאָדיע איבערגעפרעגט.
— פאַר אַ ספינקס. דו האָסט אַמאָל געזען בײַ אַ מויער אויסגעהאַקט פון שטיין אַ לייב מיט אַ קאָפּ פון אַ מענטשן? דאָס הייסט עגיפּטישער ספינקס, און דו וועסט בײַ מיר זײַן אַ גריכישער ספינקס. וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי מיט דײַנע שוואַרצע אויגן, ווי איך וואָלט טאַקע אָפּדערעמעסן געווען אַ קישעפּמאַכערן? נו, נו, בייזער זיך ניט און הער בעסער ווײַטער. בײַ די אַמאָליקע גריכן איז געווען אַזאַ מײַסעלע וועגן אַ סוידעספּולער באַשעפעניש מיט לאַפּעס פון אַ לייב, אַ גוף פון אַ הונט, מיט אַ פרויען־קאָפּ און אַ פרויען־ברוסט און נאָך מיט פליגלען דערצו. די געטער האָבן אַראָפּגעשיקט אויף די גריכן די דאָזיקע באַשעפעניש פאַר זייערע זינד. דער ספינקס פלעגט פאַרגעבן רעטענישן, און ווער ס'האָט ניט געקאָנט ענטפערן, דעם פלעגט ער אויפעסן. בײַ דיר ציטערן ניט פאַר שרעק די קני? מאַלאָדיעץ. אונדזער ספינקס וועט ניט פרעגן קיין רעטענישן, נאָר ענטפערן אויף זיי.
טאָדיע האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אויף זיך אין דעם גרויסן שפּיגל. לויזע האָט אופגעעפנט די טיר און געבעטן דעם אוניפאָרמיסט אַרײַנטראָגן איר קעסטל

און דאָס טישל. דאָס איז געווען ניט קיין געוויינלעך טישל און ניט קיין געוויינלעך קעסטל.

— זעסט, — האָט לויזע צערוקט דאָס דעקל פון דעם טישל. — אָט דאָ וועסטו זיצן, און קיינער וועט דיך ניט זען...

— אפילו ווען עמעצער פון די צושויער וועט עפענען דאָס דעקל?

— מע זאָל אפילו צען מאָל עפענען. די פיסלעך פונעם טיש זיַינען אויסגעהוילט, און דיַינע פיס וועלן דאָרטן זיַין פאַרבאָהאַלטן. איך ווייס נאָר ניט, וואָס טוט מען מיט דיַין קאָפּ. ער דאַרף זיַין פאַרוקט אין קעסטל, איז ער אָבער צו גרויס און וועט ניט אַריַין אהין. וואָס זשע טוט מען מיט דיר?

טאָדיע האָט פיַינט, ווען מע קאָמאַנדעוועט מיט אים, נאָר קוים האַלט מען זיך מיט אים אָן אייצע, איז אַדרבא, ביפּראַט נאָך, אַז דאָ איז ניטאָ וואָס צו קלערן.

— מיט מיַין קאָפּ וועט איר שוין גאָרנישט ניט מאַכן. נאָר עפּשער קאָן דער סטאָליער עפּעס טאָן מיטן קעסטל?

לויזע האָט מאַמעש אָנגעקוועלט פון נאַכעס. זי האָט אַריַינגעכאַפּט אין מויל צוויי קאָנפעטן און אומגעריכט א קוש געטאָן טאָדיען אין באַק.

— ניט אומזיסט האָסטו אַזאַ גרויסן קאָפּ. א קאָפּ, ווי בא א מיניסטער. דו וועסט נאָך ווערן בא מיר אָן עמעסער ספינקס, וואָס ענטפערט אױף אַלע פראַגן פונעם געערטן פובליקום.

טאָדיע האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, וואָס לויזע מיינט. זי וויל, אַז פון זיַין באַ־העלטעניש זאָל ער, טאָדיע, דער „ספינקס", ענטפערן אױף די פראַגן, וואָס די צו־שויער וועלן שטעלן, און וואָס צו ענטפערן וועט ער שוין וויסן לויט אירע פראַגן. אָבער וויאַזוי וועט עס פאַרקומען?

און פאַרגעקומען איז עס אַזוי:

נאָך דעם, ווי דער שפּרעכשטאַלמייסטער האָט געמאָלדן, אַז באַלד וועט די וועלט־באַרימטע לויזע יאַקאָ אויספילן איר פרימאַ־נומער, וואָס פאָדערט אַבסאָליוטע שטיל־קיַיט, איז אין זאַל געוואָרן נאָך טומלדיקער.

לויזע האָט זיך ניט געיַילט. זאָלן זיי טומלען.

אָנגעטאָן איז זי אין א לאַנגן שוואַרצן קלייד, וואָס איז פאַרשפּיליעט ביזן האַלדז. אירע בלאָנדע געלאָקטע האָר גלאַנצן ווי גאָלדענע. אפן מאַנעזש ווערט איר אויס־געצויגן, שמאָל פּאָנעם זייער ערנסט. פרעגט בא איר איצט, וועט זי אײַך אפּאָנע־מעסן שווערן, אַז זי איז בעקויעך צווינגען דעם ספינקס ענטפערן אױף אירע פראַגן. זי האָט נאָך דאָס מויל ניט געעפנט, און דער אוילעם אַפּלאָדירט שוין. ניט אומזיסט האָט דער שפּרעכשטאַלמייסטער זי היַינט אָנגערופן „וועלט־באַרימטע".

אין דער מינוט, ווען אַלע פּראָזשעקטאָרן זיַינען געווענדט אױף לויזען, טראָגט דער אוניפאָרמיסט אַרויס דאָס טישל מיטן ספינקס. לויזעס פינגער רירן קוים אָן דאָס טישל, זי בלאָזט פון דעם אַראָפּ א שטויבעלע און בעט זיך מאַמעש:

— ספינקס, זיַי אַזוי גוט און זאָג מיר, ווער זיצט אפן צוואַנציקסטן אָרט אין דער פופצעטער ריי און וואָס איז דער מענטש אָנגעטאָן?

טאָדיע האָט גוט איַינגעכאַזערט דעם „שליסל" און ווייסט וואָס צו ענטפערן — אין דער פופצעטער ריי זיצט א מאַנצבל אין א ברוינעם אָנצוג.

אויב טאָדיע כאַפּט ניט גליַיך אוף דעם ענטפער, כאַזערט לויזע איבער די

פראַגע א צווייט מאָל און א דריט מאָל. די צושויער דערקלערט זי, אז אײַנבעטן זיך באַם ספינקס, ער זאָל איר ענטפערן, איז גאָרניט אזוי לײַכט.

דער סעאַנס איז פאַרענדיקט. דער אוניפאָרמיסט טראָגט אוועק דאָס טישל. טאָ־דיע, וואָס איז געזעסן אין געהאַקטע וווּנדן, קריכט אפּגיך ארויס. עס גייט אוועק א היפּשע צײַט, ביז עס גלײַכן זיך אויס זײַנע פאַרגליווערטע אייוורים.

— בראַוואָ! ביס! — גוואַלדעווען די צושויער פון היספּײַלעס.

די, וואָס זשאַלעווען זייערע הענט, קלאַפּן מיט די פיס אין דיל, פּײַפן.

לויזע באַווײַזט זיך ווידער אפן מאַנעזש. דאָס מאָל ברענגט זי אליין דאָס טישל מיטן קעסטל. זי פאַרבעט עטלעכע צושויער צו זיך און לייגט זיי פאַר א קוק טאָן אין קעסטל, אין טישל. די נײַגעריקע באַשטעטיקן, אז אויסער א ביסל אש איז דאָרט גאָרנישט ניטאָ.

— פרײַנט מײַנע! מיר איז אליין א שאָד, נאָר הײַנט וועל איך זיך שוין פון דעם ספינקס גאָרנישט ניט דערשלאָגן. ער איז פאַרברענט געוואָרן... — זי זאָגט ארויס די ווערטער מיט אזא פאַרכושטקײַט, ווי זי וואָלט נאָך אלץ געשוועבט אין ווײַטע אוילאָמעס.

אלץ איז ביז א צײַט

טאָדיע האָט אָנגעהויבן אריבערגיין פון איין ארטיסט צום צווייטן. אָט דעמלט האָט ער ערשט דערפילט, ווי גוט ס'איז אים געווען בא די קיסעליאָווס. מיט א צו־פעליקער טרופּע אקראָבאַטן און זשאָנגליאָרן פלעגט ער ארויסטרעטן אין די מאַרק־באַלאַגאַנען אזוי לאַנג, ביז די ארטיסטן פלעגן זיך נעמען קלײַבן איבערגיין די גרענעץ פון רוסלאַנד. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, נאָר אלע פלעגן זיי שטערבן קיין רומעניע. אים אָבער האָט דער טאַטע זײַנער שטרענג פאַרבאָטן אפילע טראַכטן וועגן אריבערטרעטן די גרענעץ.

דער קלאָון קאָסאָפאַרדי האָט געזוכט א ייִנגל פאַר אן אסיסטענט. עמעצער האָט אים אָנגעוויזן אף טאָדיען. גאָלדענע בערג האָט אים דער קלאָון צוגעזאָגט. אין צירק האָט נאָך דערווײַל טאָדיען קיינער ניט אָפּגענאַרט. האָט דאָווידל אים געגלייבט און צוזאַמען מיטן קלאָון זיך געלאָזט איבער די נאָענטע שטעט און שטעטלעך.

קאָסאָפאַרדי פלעגט בעקיוון אונטערשטרײַכן זײַן אויסלענדישן אקצענט. זײַנע וויצן און קאַטאָוועסלעך פלעגט ער שעפּן פון דער געוויסער ליטעראַטור, וואָס איז אויסגערעכנט אף ארויסצורופן די סאַמע נידעריקע אינסטינקטן, ער פלעגט זיי דער־ציילן ווי א סאָד, אָבער אזוי, אז אלע זאָלן הערן. ער האָט ליב געהאַט פאַרדרייטע צווייטײַטיקע אויסדרוקן, ניבלפּע, ניט קיין אָנשטענדיקע באַוועגונגען און טנועס. אף זײַנע ארויסטרעטונגען האָט מען עפּשער געקאָנט לאַכן, נאָר ניט פריילעך ווערן.

אפן מאַנעזש פלעגט ער זיך באַווײַזן מיט א הויקער אפן רוקן. דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען טויט־בלאַס און די האָר פלאַמיק־רויט. מיט דעם פּאַריק האָט קאָסאָ־פאַרדי געגעבן אָנצוהערן, אז ער איז דער שאָליעך פון גענעם.

דאָס אלץ האָט טאָדיע פאַרשטאַנען ערשט שפּעטער. פיל מער האָט אים געאַרט, וואָס ווי נאָר עפּעס, כאַפּט זיך קאָסאָפאַרדי פאַר זײַן באַמבוק־שטעקן. איינמאָל האָט שוין טאָדיע אומזיסט און אומגישט פון אים ארײַנגעכאַפּט און האָט באַשטימט, אויב יענער וועט אים נאָכאַמאָל אָנרירן, וועט ער...

דאָס איז געשען אין ניקאָלײַעוו.

קיין שום זאַך האָט קאַסאָפּאַרדי אַזוי ניט אָפּגעהיט, ווי זײַן שוואַרצן קאַפּעליוש, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ היטל צוקער. ווען ער פלעגט זײַן בעגילופן, פלעגט ער האַלטן אין איין מעסטן דעם קאַפּעליוש, אים גלעטן, רייניקן און פּוצן, ריידן צו אים צאַרטע ווערטער, ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין הוט, נאָר זײַנס אַ קינד. אַזוי האָט געדויערט, ביז ער פלעגט אײַנשלאָפן. דאַרף זיך טרעפן, אַז עמעצער איז אַרײַנגעקומען אין גרימיר־צימער, ווו קאַסאָפּאַרדי האָט געוווינט, און זיך אוועקגעזעצט אויף זײַן הוט...

טאָדיע איז געשטאַנען אין הויף און זיך געוואַרעמט אויף דער זון, ווען קאַסאָפּאַרדי איז אין זײַן לאַנגן צעכראַסטעטן כאַלאַט צוגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז מאַמעש אויף צו דערשטיקן. דאָס ייִנגל האָט זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין דעם קלאָונס האַנט. קאַסאָפּאַרדי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש און איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זײַט.

— אַזוי גאָר? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום זיך ווידער אַ וואָרף געטאָן צו אים.

— אַזוי! — האָט טאָדיע געענטפערט. אין דער האַנט האָט ער שוין געהאַלטן אַ היפּשן סוקעוואַטן דראָנג.

טאָדיע האָט אַפּגיך אויפגעקליבן זײַנע זאַכן אין דעם קליינעם רענצל און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— מיין ניט, אַז עס וועט דיר אָפּגיין גלאַט, איך וועל זיך נאָך מיט דיר צערעכענען, — האָט קאַסאָפּאַרדי אים נאָכגעשריִען.

אַהיים קיין כערסאָן איז ער געקומען אַ טויט־מידער, אַ הונגעריקער.

— ווי איז מיר, פון וועלכן קוימען ביסטו עס אַרויסגעקראָכן? — האָט די מאַמע אים באַגעגנט מיט אַ געשריי און גלײַך געשטעלט וואַרעמען דעם טשוהון מיט וואַסער. זי איז אַרויסגעלאָפן בײַ עמעצן אַנטלײַען אַ שטיקל טרייפע זייף און פאַרייבּ־וועגס אַרײַנעמען פון דער קאַמער די גרויסע באַליע.

דאָס מאָל האָט מען פון דאַווידלען ניט געדאַרפט ציִען קיין ווערטער. ער האָט אַליין דערציילט אַלץ, ווי עס איז געווען. בײַ דעם טאַטן האָבן זיך אַזש אָנגעגאָסן די שוועדע פויסטן. ער האָט אַזאַ קריץ געטאָן מיט די ציין, אַז די קינבאַקן האָבן זיך פאַרשטשעמעט. ווען אין דעם טאַטן „צעקאָכט זיך דער סאָלדאַט”, האָט די מאַמע מוירע אים צו טשעפּען, און דאָך האָט זי זיך אײַנגעשטעלט:

— נאָסן־עליע, וואָס טוט זיך עס מיט דיר? מע קאָן מיינען, אַז אַט לויפסטו זיך שלאָגן מיט אים.

— וואָס דען, איך וועל שווײַגן דעם רעציידעך? — איז ער שוין אין קאַס געוואָרן אויף דער מאַמען. — דו ווילסט, אַז מע זאָל מײַן קינד מיימעסן און איך זאָל שטיין און קוקן? ס'איז העפקער אַ וועלט? שיין וואָלטן מיר, אַרבעטער, אויסגעזען, ווען מיר זאָלן לאָזן יעדן איינעם אונדז כאַפּן פאַרן גאָרגל.

אַזוינס האָט שוין אַפילע די מאַמע ניט געקאָנט פאַרלײַדן.

— איך ווייל? וואָס ביסטו, כאָלילע, כאַסערדייע, צי וואָס?.. „מיר, אַרבעטער”! מע קאָן מיינען, אַז ווייניק פאַרט מען אויף אײַך רײַטנדיק...

דער טאַטע האָט אַ גרויסע מײַלע — ער קילט זיך גיך אָפּ. אויך דאָס מאָל האָט ער גלײַך באַהאַלטן די הענט אונטערן טיש און מיט אָפּשײַ, ווי ער רעדט געוויינלעך מיט דער מאַמען, אַ זאָג געטאָן:

— נאָך אַ מין פאָרן! מע ציט אַרויס די קליי פון די ביינער, און טאָרסט נאָך

דערבײַ קיין פּיפּס ניט טאָן. נאָר פאַרגעדענק, באַסשעווע, מײַנע ווערטער: אַלץ איז ביז אין אַ צײַט, לאַנג קאָן עס אַזוי ניט זײַן. ווי אַן אָרנטלעכער באַלכוויו זאַמלט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אַף צו פאַנאַנדערצאָלן זיך, אַזוי פאַרגעדענקען די אַרבעטער אוולע נאָך אוולע, קעדיי זיך צערעכענען, ווען עס וועט קומען די צײַט.

אַזעלכע ווערטער האָט טאָדיע פון זײַן טאַטן נאָך קיינמאָל ניט געהערט. קוקט ער אַף אים מיט פאַרכידעשטע אויגן. נאָסן־עליע טוט בייסמײַסע אַ טראַכט: זײַן מיזיניק איז אויסגעוואַקסן... אויב עס האָט אים געקלעקט קויעך און סייכל אַ כאַפּ טאָן אַ דראָנג, וועט ער שוין געוויס אויך ווײַטער ניט פאַרפאַלן ווערן. דערווײַל איז אָבער שלעכט. ווו נעמט מען אַף דער הויצאָע? לייווי האָט זיך קוים אײַנגעבעטן אַף אַרבעט צו נאַפּטאָלע דעם צוקערניק, איז אָט האָסטו דיר! נאָך איין לעפל צו דער שיסל. ער האָט אָבער גלײַך כאַראָטע אַף דעם פּאַסקודנעם געדאַנק. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז נויט ברעכט אײַזן. ס'איז דאָך זײַן בלוט און פליייש. צו קנאַפּע אַכט יאָר האָט ער אים אָפּגעלאָזט נאַקעט און באָרוועס פון שטוב. דאָס האָט געהייסן: גיי פאַרדין זיך אַף אַ שטיקל ברויט. ער האָט דען ניט געוווסט, אַז קיין האָניק וועט דאָס יינגל ניט לעקן? די עלטערע קינדער האָבן כאָטש געלערנט אין כיידער. און דעם האָט נאָך דער דארדעקע־מעלאַמעד ניט געוויזן קיין אַלעף. מע וועט דאַרפן אַ קלער טאָן... דערווײַל האָט ער פאַר דאָווידלען אַ גוטע נײַס.

— דו ווייסט, דאָווידל, — זאָגט ער צו אים, — ווער עס אַרבעט בא אונדז? דײַן ניקיפאָר. איך לערן אים צוביסלעך טאָקערײַ. אַ שאַרפער קאָפּ בא דעם מענטשן.

אין טאָדיעס אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פײַערל:

— ניקיפאָר? ער איז דאָך געוועזן אַ מאַטראָס!

— נו, איז וואָס, אַז אַ מאַטראָס? מיסטאָם דאַרף מען אַזוי.

— איז וועל איך טאַקע באַלד גיין צו אים!

— גלײַך! וואָס מיינסטו, ער זיצט אין שטוב און קוקט אַרויס אַף דיר? ער האָט זיך זײַן אַרבעט. נאָר אויב דיר ווילט זיך אַזוי, וועל איך אים מאָרגן אַ פרעג טאָן.

און אָט שפּאַנט ער, טאָדיע, צום דאָרף, ווו עס וווינט ניקיפאָר. אין סטעפּ שמעקט שוין ניט מיט היי, נאָר מיט אָנגעגאָסענע קערנער אין די זאַנגען. דאָס דאָרף איז ניט ווײַט פון דער שטאָט. אָט זעט מען שוין די ווינטמיל. עס דוכט: די פליגל פון דער מיל האָבן זיך אײַנגעשניטן אין די וואָלקנס. פון פעלד טרײַבט מען שוין די טשע־רעדע. בא די בעהיימעס באָמבלען זיך די פולע אײַטערס. לעבן ברונעם שטייט אַ יונגע פויערטע אין נײַע פּאָסטעלעס, אין אַ ווײַס אויסגענייט העמד, מיט אַ בונטער בײַטש קאַרעלן אַפן האַלדז. מיט דער קאָראָמיסלע פאַרטשעפּעט זי אַזוי קונציק די צוויי פולע עמער, אַז דאָס וואַסער טוט זיך אַפילע קיין הוידע ניט. אַף די פּלויטן טריקענען זיך בײַכיקע מאַקרעטעס. קינדער באָרבלען זיך אַפן שטויביקן וועג.

— קום אַרײַן, לאָמיר נאָר, דאָווידקאָ, אַף דיר אַ קוק טאָן! מאָלאָדיעץ, אַ גאַנצער פּאַרובאָק געוואָרן! עס פעלט דיר נאָר אַ פּאָר וואָנצעס, דעמלט וואָלסטו שוין אויס־געזען ווי אַן עמעסער מאַנצבל. נו, דערצייל, ווי לעבן עס די צירקאַטשעס, וואָס הערט זיך בא דיר גוטס?

— גאָרניט.

— פון גאָרניט, זאָלסטו וויסן, קומט אַרויס גאָרניט. גאָרניט גייט גיך פאַרבײַ. מאַסקים?

אַ מאָדנע זאַך, פאַרן אייגענעם טאַטן שעמט זיך דאָווידקע, און מיט ניקיפאָרן פילט ער זיך קימאַט ווי מיט זײַנס אַ גלײַכן.

בא ניקיפאָרן אין כאַטע איז פריש אויסגעשמירט דער ערדענער דיל. אַף די פענצטער שטייען וואַזאָנעס. דער גרויסער טיש איז פאַרדעקט מיט א גראָבן ריינעם טישטעך. מיסטאָם האָט אים אויסגעשטריקט ניקיפאָרס מאַמע אָדער זײַן ווײַב קסעניע, וואָס זיצט אַפן יערושע־קאַסטן און בראָקט קרויט אַף צו זײַערן.

— דאַווידקאָ, שטעל נאָר אַוועק דעם רעכטן עלנבויגן אַפן טיש, און לאָמיר זיך א באָרע טאָן. אָט אַזוי־אָ! מיט אַזעלכע מוסקולן וועסטו בא זיי אין צירק ווײַט פאַרפאָרן...

— פעטער ניקיפאָר, איך בין שוין טאַקע אַזוי ווײַט פאַרפאָרן, אַז איך האָב זיך קוים אומגעקערט אַהיים.

— אַזוינס טרעפט אויך. נאָר איך זע, אַז בא דיר איז ניט שלעכט געפּיקט די צונג. פאַר דעם דאַרפסטו אויך דאַנקען דײַן קיסעליאָוון.

— איר קענט אים דען? די קיסעליאָווס האָבן מיך קיין שלעכטס ניט געלערנט.

— איך זאָג עס ניט. מע האָט מיר וועגן זיי א סאַך דערציילט. דו ווייסט, דײַן טאַטע האָט גאָלדענע הענט. לאָז אים נאָר, וואָלט ער ווײַט אַוועק. אַפילע איצט קאָן ער פאַרשטעקן אין גאַרטל דעם מעכאַניקער.

— דער מעכאַניקער איז בא אײַך א בייזער?

— ניין, ער איז דאַפקע ניט קיין שלעכטער, — ניקיפאָר האָט ארומגענומען דאָווידלען פאַר די אַקסלען און פאַרגעזעצט: — קום, וועל איך דיר באַווײַזן מײַן טאַטנס סאָד. ער לאָזט אים קיינעם ניט ריינעקן, ווער רעדט שוין פון אונטערשערן אָדער אויסקאַלכן דיביימער!

שלאָפן האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין קלוניע אַפן היי. די לופט איז געווען פריש און קיל, און זיי האָבן זיך אײַנגעדעקט מיט א גרויסן ראָמאַנאָווער פעלץ. דורך דער אָפענער טיר זעט מען, ווי עס האָט זיך אינמיטן הימל באַוויזן די לעוואָנע, זי האָט אויסגעלייגט א זילבערנע סטעזשקע און באַלויכטן אַלץ ארום. דערנאָך האָט זי זיך ווידער באַהאַלטן. די האַרבסטיקע נאַכט האָט געעטעמט מיט פײַכטקײַט און מיט קעלט. ערגעץ אין עק דאָרף האָבן זיך פלוצעם צעבילט די הינט.

טאָדיע איז געלעגן און געטראַכט: וואָס האָט עס דער פעטער ניקיפאָר געמיינט, ווען ער האָט, גייענדיק איבערן סאָד, א זאָג געטאָן: „פון א דעמב פאַלן דעמלט אַראָפּ די בלעטער, ווען עס הייבן זיך אָן דורכשלאָגן נײַע". געדעדט האָבן זיי גאָר וועגן וואָלאָשינען, וועגן דעם אַדוואָקאַט וואַרשאַווסקי, וועגן דעם באַלעבאָס, בא וועמען זײַן טאַטע און ניקיפאָר אַרבעטן. און מיטאַמאָל...

אין לעבן, פונקט ווי אין צירק, ריידן אָפט די דערוואַקסענע אַזוי, אַז מע קאָן קוים־קוים פאַרשטיין, וואָס זיי מיינען. ער וואָלט זיך ניט געשעמט און איבערגעפרעגט בא ניקיפאָרן, נאָר לויט דעם, ווי יענער עטעמט, פאַרשטייט דאָווידקע, אַז ער שלאָפט שוין.

בא טאָדיען אַליין האָבן זיך שוין אויך צוגעמאַכט די אויגן. פון דער קלוניע טראָגט עס אים אַוועק ווײַט אין וואַלד, ווו ער קלײַבט צונויף גלאַנציק־ברוינע דעמבענע ניסלעך. די מאַמע וועט פון זיי מאַכן געשמאַקע קאַווע. איז פאַרוואָס רופט מען זיי כאַזער־ניסלעך? עמעס איז, אַז אויך ווינטער הענגען אַף די גראָבע, אויסגעקרימטע דעמבענע צווײַגן א סאַך פאַרדאַרטע, פאַרטריקנטע בלעטער... דער דעמב איז זייער א פעסטער בוים. האָט עפשער ניקיפאָר דאָס טאַקע געהאַט אין זינען?

...ס'איז דורכגעגאַנגען א ווינטער, און ווען עס איז גוט וואַרעם געוואָרן, ווען די שטוב־באַלעבאָסטעס האָבן גענומען וואַשן די טאַפּליעס און די יינגלעך — צוקלאַפּן פויגל־נעסטן, איז קיין כערסאָן ווידער געקומען וואָלאָשין מיט זײַן צירק. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז טאָדיע אַרומגעגאַנגען, ווי אין א כאָלעם. די מאַמע האָט שוין א קלער געטאָן, אז מע וועט מוזן צוגיין מיטן יינגל צום רופא.

וואָלאָשין האָט באַגעגנט טאָדיען, ווי ער וואָלט זיך מיט אים ערשט נעכטן צעשיידט. אײַלנדיק ערגעץ, האָט ער אים א נעם געטאָן בא דעם אַקסל און אַפּגיך א זאָג געטאָן:

— איך נעם דיך צו זיך פאַר א שילער.

טאָדיע האָט פאַרשטאַנען: „א שילער" באַטײַט, אז קיין אָפּמאַך וועט מיט אים קיינער ניט שליסן און פאַר דער אַרבעט וועט ער קיין געלט ניט באַקומען. נאָר אַף קיין בעסערס האָט ער זיך ניט גערעכט. צוערשט וועט אים וואָלאָשין מינאַסטאַם לערנען וואָלטיזשירן. מיט אָט דעם ניט זייער שווערן, נאָר ביז גאָר שיינעם נומער הייבן זיך געוויינלעך אָן און עס פאַרענדיקן זיך די פאָרשטעלונגען אין צירק. אפילע מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט טאָדיע זיך פאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער וועט בײַטן די פאָזעס אַפּן לויפנדיקן פערד, שפּרינגען איבער די באַריערן אַזוי, אז באַם אוילעם זאָל פאַרכאַפּן דעם אָטעם. יאָ, ער וועט ווערן אַן עמעסער זשאָקיי.

טאָדיע זעט זיך שוין אין א זײַדענער זשאָקיי־קורטקע, ווײַסע גאַליפע־הויזן, לאַקירטע שטיוועלעך אָן אָפּצאַסן. זײַנע שוואַרצע האָר זײַנען פאַרוקט אונטער א פאַרביקער קעפּי. ער כאַפּט א קוק אין שפּיגל און זעט זיך אַזאַ, ווי אים ווילט זיך. דעמלט טוט ער א פיר מיט דער האַנט איבער דער לופט — דאָס גלעט ער זײַן פערד. אַפּן מאַנעזש פאָרט ער אַרויס, זיצנדיק אַף א לײַכטן בונטן זאָטל. די פיס — אין די סטרעמענעס. די ווישקעס — אין די הענט. ווען דאָס פערד פליט שוין אין גאַלאָפּ, שטעלט ער זיך אוף אַפּן זאָטל און באַווײַזט ערשט, וואָס ער קען...

אין זאַפּאָראָזשיע האָבן זיך די גאַסטראָלן פאַרצויגן ביז שפּעט אין האַרבסט אַרײַן. בא די רעגן פון דניעפּער האָט זיך שוין באַוויזן דאָס ערשטע אײַז. דער פײַכטער ווינט האָט ניט געלאָזט צורו די נאַקעטע ביימער.

אין איינעם א קאַלטן אָוונט האָט וואָלאָשין זיך אומגעקערט פון שטאָט מיט עפּעס אַן אונטערהינקענדיקן מענטשן, וואָס איז געווען פיטש־נאַס.

— זאָל מען דעם מענטשן גוט אָנהאָדעווען און לאָזן איבערנעכטיקן, — האָט וואָלאָשין באַפוילן דעם וועכטער און אַליין, אָן א „זײַ־געזונט", אוועק צו זיך.

דאָס, וואָס דער באַלעבאָס האָט געבראַכט אַהער אין דעם גרויסן גרימיר־צימער א ווילד־פרעמדן און ניט פאַרגעסן, אז א הונגעריקן דאַרף מען געבן עסן, האָט אַלעמען פאַרכידעשט. דער גאַסט האָט זיך צוגעזעצט באַם עק טיש, אויסגעווישט מיט די פינגער די גלעזלעך פון די ברילן, זיך אַרומגעקוקט און, ווי עמעצער זאָל דאָס בא אים פאָדערן, זיך פאָרגעשטעלט:

— אַלבערט כייפעץ. געוועזענער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

דער האַרבאַטער קלאָון, וואָס איז דאָ בײַגעווען, האָט ניט אויסבאַהאַלטן זײַן שמייכל:

— ציילן, הייסט עס, איז שוין דאָ ווער, איצט דאַרף מען נאַר, אַז עס זאָל זײַן, ווער עס זאָל גוט צאָלן...

יאָ, ציילן האָט אלבערט כייפעץ געקענט. פאַר א פאָר סעקונדעס האָט כייפעצעס זיקאָרן זיך ספּראַוועט מיט די סאַמע קאָמפּליצירטע כעזשבוינעס. זײַנע ארויס־טרעטונגען אין צירק האָבן טאַקע אַרײַנגעבראַכט וואָלאַשינען א היפּשע פּויטעקע.

עס זײַנען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, פאַרוואָס מע האָט כייפעצן אַרויסגעטריבן פון אוניווערסיטעט, אליין האָט ער וועגן דעם קיינמאָל ניט דער־ציילט. אלע האָבן געוווּסט, אַז די לעצטע עטלעכע טעג רופט מען אים ערגעץ אַרויס. ער קערט זיך אום אַן אופגערודערטער, א דערשלאָגענער. מעגלעך, אַז וואָלאַשין האָט יאָ געוווּסט, אַז מיטן פּראָפעסאָר אינטערעסירט מען זיך אין פּאָלי־ציי־באַצירק, דאָך האָט ער אים איינמאָל אָפּגעשטעלט און א פרעג געטאָן:

— אויב ס'איז ניט קיין סאָד, זאָגט מיר, כייפעץ, וווהין לויפט איר עס אַלע טאָג?

— Pro domo sua, — האָט יענער אים אָפּגעענטפערט, ווי ער וואָלט זיך גע־ריכט אויף דער דאָזיקער פראַגע, און זיך גלײַך געכאַפּט: — אַנטשולדיקט, הער וואָ־לאָשין, איך האָב פאַרגעסן, אַז איר פאַרשטייט ניט קיין לאַטײַן. ווי זאָל איך עס אײַך דערקלערן. Pro domo sua באַטײַט פּינקטלעך — פאַר מײַן אייגענער שטוב. אויב איר ווילט וויסן גענויער — ס'איז א פּערזענלעכע פראַגע. איך פאַרטיידיק זיך און מײַנע איניאָנים.

צו כייפעצעס לאַטײַנישע ווערטלעך האָט טאָדיע זיך שוין א ביסל צוגעוווינט. נאָך דעם ערשטן טאָג, ווען דער פּראָפעסאָר האָט צונויפגענומען די ייִנגלעך און מיידלעך פון צירק און אָנגעהויבן מיט זיי לערנען, האָט כייפעץ מיט א שטיקל קרײַד שיין און קלאָר אָנגעשריבן אויפן טאָוול: Nulla dies sine linea און דערקלערט, אַז דאָס מיינט — קיין איין טאָג אָן לערע.

וואָס מער טאָדיע האָט זיך צוגעקוקט צו דעם פּראָפעסאָר, אַלץ מער האָט ער זיך געכידעשט. אָט שטייט ער איצט, דער לערער, ווי שטענדיק, א פאַרמאַטערטער, אַן אויסגעשעפּטער. פּרוּווט אים אָבער איבערלאָזן אליין מיט זײַנע שילער, ווערט איר אים ניט דערקענען. די דערוואַקסענע גלייבן ניט, אַז אלבערט כייפעצעס דינע ליפּן, זײַנע קורצזיכטיקע פאַרטרערטע אויגן קאָנען אַזוי שמייכלען. ווען די דאָזיקע מענטשן זאָלן כאָטש איין מאָל הערן, ווי ער לערנט מיט די קינדער, ווי ער דער־ציילט וועגן די לענדער, אין וועלכע ער איז געווען, ווען זיי זאָלן הערן, ווי עס וויינט און לאַכט זײַן פידל, וואָלטן זיי געוויס ניט געשפּעט פון זײַנע טיפע קלאָגן, פון זײַן טעווע צו ריידן מיט זיך אליין, און, ווי די קינדער, וואָלטן זיי אים מיט ייִראַס־האַקאָוועד גערופן „פּראָפעסאָר“ אָדער „מאַעסטראָ“ און ניט „אלבערט דער צעשטרייטער“.

א מענטש — א שפּין

מיט קיינעם פון די קינדער אין צירק איז טאָדיע ניט געווען אַזוי באַפרײַנדעט, ווי מיט ליאָניע סמיגעלסקי. ליאָניע און זײַן טאַטע יוזעף זײַנען געווען לופט־גימ־נאַסטן. זייער נומער פלעגט דויערן ניט מער ווי צען־צוועלף מינוט. נאָר טאָדיע וואָלט געקאָנט שאָענוויַז שטיין מיט א פאַריסענעם קאָפּ און נאָכשפּירן, ווי קימאַט אונטערן סאַמע קופּאָל פליט ליאָניע פון איין טראַפּעציע צו דער צווייטער.

ער האָט שוין, דוכט זיך, אַף אויסווייניק געוווּסט יעדע מינדסטע באַוועגונג, וואָס זײַן כאַוער וועט מאַכן, און דאָך האָט ער יעדעס מאָל באַמערקט עפּעס נײַס. צום סאָף, ווען דער באַראַבאַנען־שרויט פּלוצעם צערײַסן די טויטע שטילקײַט און ליאָניע איז, ווי אַ שטיין, געפאַלן פון דער הייך מיטן קאָפּ אַראָפּ, קעדיי אַ מעטער פון דער שוץ־נעץ בליץ־שנעל זיך אויסגלײַכן, פלעגט אַף טאָדיען אָנפאַלן אַ פּאַכעד און ער האָט קוים געקאָנט זיך דערוואַרטן, אַז די צוויי מעשענע טעלער זאָלן קלינגענדיק אָנזאָגן די גליקלעכע בסורע: די געפאַר איז פאַרבײַ! אין זײַן בונטן אָנצוג האָט ליאָניע, ווי אַ פאַנטאַסטיש פּילפאַרביק פישל, זיך געפּליעסקעט אין דער נעץ, דערנאָך אַרויסגעשפּרונגען פון איר און געלאָזט זיך לויפן פון מאַנעזש.

ליאָניעס קלײַענדיק פּאָנעם האָט שטענדיק געשטראַלט מיט אַזאַ זיכערקײַט, אַז טאָדיען פלעגט פאַרדריסן אַף זיך אַליין, וואָס עס פעלט אים גאָר אײַן, אַז מיט זײַן פרײַנט קאָן עפּעס געשען שלעכטס.

אויסער טאָדיען און ליאָניעס טאַטן, פלעגט נאָך איין מענטש שטענדיק שטיין באַם פאָרהאַנג, ווען אַפן מאַנעזש פלעגט אַרויסלויפן דער יונגער סמיגעלסקי. דאָס איז געווען דער וועכטער פון צירק סידאָר סטעפּאַנאָוויטש, אַ טויבער זאָקן, באַ די אַכציקער, וואָס האָט געדינט נאָך באַ וואָלאָשינס זיידן.

סידאָר סטעפּאַנאָוויטשן איז פאַר די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר קיינער פון די אַרטיסטן ניט געווען געפעלן.

— עט! — פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער אויסגעדאַרטער, ציטערנדיקער האַנט. — אַמאָל, ווען איך בין געווען אין אײַערע יאָרן, האָב איך געזען דעם וועלט־באַרימטן לופט־אַקראָבאַט עמיל גראַוועלע. בלאָנדען האָט ער געהייסן אַף די אַפישן. איך האָב געזען אַקראָבאַטן, וואָס פלעגן טאַנצן אַף שטריק. די שטריק זײַנען געווען אָנגעצויגן צווישן הויכע הײַזער, שטאָט־טורעמס, איבער אַ טײַך, נאָר קיינער האָט ניט געוואַגט אָנצי:ען אַ שטריק אַף אַזאַ הייך, ווי בלאָנדען! און וואָס, מיינט איר, האָט ער אָפּגעטאָן? אים איז איינמאָל אײַנגעפאַלן אויסקלײַבן פאַר אַן אַרענע דעם ני:אַגאַרער וואַסערפאַל! די אַמעריקאַנער טומל־מאַכער האָבן ספּעצי:על אויסגעבויט טריבונעס פאַר העכער פינף און צוואַנציק טויזנט מענטשן. עמיל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער סאַמע מיט פון דעם קאָכעדיקן וואַסערפאַל און גענומען ווײַזן, ווי מע דאַרף פּרעגלען אַ פּרעזשעני:צע... אָט דאָס הייסט צירק! און איצט? פון אַלע זײַטן דריקן אַף דיר די ווענט, און פון אויבן קוועטשט אַף דיר דער קופּאָל. ניין, אַזוי פלי:ען אינדערלופטן איז קיין קונץ ניט...

און דאָך האָט סידאָר סטעפּאַנאָוויטש אין איינעם אַ פאַרנאַכט ניט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן צו ליאָניעס טאַטן:

— ווייסט, יוזעף, פון דײַן יינגל קאָן אויסוואַקסן אַן עמיל בלאָנדען. — געזאָגט און גלײַך געוואָרנט: — שאַ, שאַ! אַניט וועלן באַ אים נאָך מער נעמען סטאַרטשען זײַנע גרויסע אויערן.

קאָן זײַן, אַז ליאָניעס אויערן האָבן זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן דערפאַר, ווײַל זײַנע אַלע איבעריקע אייוורים זײַנען געווען ווי אויסגעטאָקט.

אַלבערט כייפעץ פלעגט אָפט ריידן מיט ליאָניען אַף פויליש. איינמאָל האָט ער אים צוגעפירט צום פענצטער און געזאָגט:

— שטיי, ליאָניע, אַנטקעגן דער שײַן. איך וועל דיך פּרוּוון אָנמאָלן. זאָלסט זיך נאָר ניט איבערנעמען, אָבער אַזאַ פיגור, ווי באַ דיר, טרעפט זיך זייער זעלטן.

טאָדיע איז געשטאַנען פון דער זײַט און ניט אָפּגעריסן דעם בליק פון דעם מאָלבערט. דאָס געמעל איז אים ניט געפעלן. וואָס מיינט ער, דער מאַטעמאַטיקער, אַז פון פּאַסיקלעך און דרײַדעלעך וועט זיך באַקומען אַ לעבעדיקער ליאָניע? אַדע־ראַבע, זאָל אים דאָס פּאַפּיר זאָגן, מיט וואָס עס שמעקן זײַן כוואַרעס האָר. כּייפעץ קאָן אים ענטפערן, אַז מיט ווײַס פּאַפּיר און מיט שוואַרצן גריפעל. נאָר נאַרישקײַטן. איין טאָדיע ווייסט, מיט וואָס עס שמעקן ליאָניעס האָר.

ווי נאָר יוזעף און ליאָניע סמיגעלסקי זײַנען אַרויס אויפן העל־באַלויכטענעם מאַ־נעזש, האָבן עטלעכע שיקערע יאַם־אָפּיצערן, וועלכע זײַנען געזעסן אין די ערשטע רייען, גענומען טומלען און שרײַען, אַז דאָס איז ניט קיין צירק, נאָר אַ געמיינער באַלאַגאַן, ווו מע נאַרט דאָס פּובליקום.

אויף דער אַרענע האָט זיך באַוויזן וואָלאָשין. ער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט. ווער־ווער, נאָר ער האָט דאָך גוט געוווּסט, אַז דאָ האָט ער ניט וואָס מוירע צו האָבן, אַז דער נומער פון די סמיגעלסקיס איז אַפּילע פאַר די בעסטע צירקן אַ מעציע. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס עס טומלט דער פּאַרטער. וואָלט דאָס געווען די גאַליאָרקע, וואָלט מען גלײַך גענומען די כאַליאַסטרע פאַר די קעלנער און — מאַרש פון יענער זײַט טיר.

— הערן אָפּיצערן! באַרויִקט זיך, ביטע. ווער פון אײַך עס האָט פּרעטענזיעס, קאָן נאָך דער פאָרשטעלונג אַרײַנקומען צו מיר, אָדער זאָל עמעצער פון אײַך שוין זאָגן, מיט וואָס זײַט איר ניט צופרידן.

קוים שטייענדיק אויף די פיס, האָט איינער פון די אָפּיצערן אויסגעשריִען:

— וואָס איז עס פאַר אַ קונץ, אויב אונטן הענגט אַ שוץ־נעץ? הײַנט וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַסטבוים? אַפּילע בײַ אונדז אויף דער שיף איז ער העכער!

די קריג האָט זיך פאַרצויגן. וואָלאָשין איז אין כּאַס געוואָרן ניט אויף קיין קאַ־טאָוועס:

— אויב מיר געפעלן אײַך ניט, קאָנט איר, הער אָפּיצער, פאַרלאָזן דעם צירק.

אָט ווען די גאַליאָרקע האָט ניט געקאַרגט קיין אַפּלאָדיסמענטן. בײַ דער כאַ־ליאַסטרע מיט די געשליפענע צינגער האָבן זיך ערשט געעפנט די מײַלער. וואָלאָ־שין איז געשטאַנען אויפן מאַנעזש אַ טויט־בלאַסער און ניט געוווּסט, וויאַזוי שאָלעם צו מאַכן צווישן ביידע צדדים.

אויף מאָרגן האָט דער דירעקטאָר אַרויסגערופן יוזעפן און אים געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן ניט מאַכן העכער דעם מאַסטבוים און ניט צונעמען די שוץ־נעץ, וועט ער זיי צאָלן צוויי מאָל ווייניקער.

קיין נאָענטע קרובֿים האָבן די סמיגעלסקיס אין ערגעץ ניט געהאַט. נאָר יעדן כּודעש פלעגט יוזעף אַוועקגיין אויף דער פּאָטשט און אָפּשיקן עמעצן קיין פּוילן אַ היפּשן כײלעק פון זײַן פאַרדינסט. דאָס איז געווען זײַן סאָד, און דאָס, ווײַזט אויס, האָט אים געצוווּנגען ריזיקירן, גיין וואַ־באַנק, אָבער אין קאָן איז אַוועקגע־שטעלט ניט קיין געלט, נאָר דאָס לעבן אַליין... יוזעף האָט אָנגענומען וואָלאָשינס פאָדערונג. עמעס, מיט אַ טנײַ, אַז די שוץ־נעץ וועט מען צונעמען דאַן, ווען נאָר ער איינער וועט זיך געפינען אונטערן קופּאָל. אין אַ וואָך אַרום איז ליאָניע פאַר־בליבן אַ קײַלעכדיקער יאָסעם.

א היפּשע צײַט האָט ליאָניע ניט געאַרבעט. וואָלאָשין איז געווען אַזוי „גוטהאַרציק”, אַז ער האָט אים צוערשט דערלויבט נעכטיקן אין צירק און עסן אין דער אַלגעמיינער קיך. עפּעס האָט מען געמוזט צוטראַכטן, און ליאָניע האָטווידער גענומען אַרויסטרעטן אין צירק צוזאַמען מיט דעם איטאַליענישן אַרטיסט דזשאָני.

לאַנג האַלטן זיך אויף איין אָרט האָט דזשאָני ניט געקאָנט. ווי נאָר ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר וואָכן, פֿלעגט עס אים אַ צי טאָן צום ביטערן טראָפּן, און דעמלט האָט מען אים געקאָנט געפֿינען צוזאַמען מיט זײַן באַליבטער מויל־האַרמאָניק, מיט וועלכער ער פֿלעגט זיך קיינמאָל ניט שיידן, ערגעץ אין אַ ריוו אָדער אונטער אַ פּאַרקן.

עס איז געווען אַ מאַרק־טאָג, און דער צירק איז געווען פֿול מיט פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער. דזשאָני, עטוואָס בלייכער ווי געוויינלעך, האָט צוגעפּעסטיקט צו זײַן רימען די שטאַנג, און ליאָניע איז אַרויף אויף דזשאָניס קני, אויף זײַן אַקסל און דערנאָך זיך אַ צי געטאָן צום סאַמע שפּיץ פֿון דער שטאַנג. די שטאַנג האָט אַ ציטער געטאָן. ליאָניע האָט אָנגעשטרענגט די שטײַפֿע מוסקולן און זיך אויסגעצויגן האָריזאָנטאַל, ווי אַ סטרונע. דער אוילעם אין זאַל האָט מיט שפּאַנונג נאָכגעשפּירט נאָך דעם ייִנגל. די שטאַנג האָט זיך ווידער אַ שאָקל געטאָן. דאָס מאָל האָט דער שיקערער דזשאָני ניט באַוויזן אײַנהאַלטן דאָס גלײַכגעוויכט...

די דאָקטוירים און די קראַנקע פֿון כערסאָנער שפּיטאָל פֿאַר אָרעמעלײַט זײַנען שוין געוווינט געווען צו דעם, וואָס באַ סמיגעלסקין אויפֿן בעטל זיצט קימאַט שטענדיק זײַן כאַווער טאָדיע. צוערשט האָט דער דאָקטער פּעסקער זיך געבייזערט, געזידלט די קראַנקן־שוועסטער, פֿאַרוואָס עס דרייען זיך דאָ אַרום זײַטיקע מענטשן. איצט, ווי נאָר דער דאָקטער פֿלעגט עפֿענען די טיר פֿון דער פּאַלאַטע, האָט ער שוין געזוכט מיט די קורצזיכטיקע אויגן דעם שטענדיקן גאַסט. אָפֿט פֿלעגט ער אַפֿילע מיט אַ שמייכל אונטערוויינקען:

— ווי קלערט איר, יונגעלײַט, מיר וועלן נאָך שפּילן אין צירק?

טאָדיע האָט באַמערקט, אַז צו וואָלאָשינען אין צירק האָט גענומען אָפֿט אַרײַנגיין דער דאָקטער ווילהעלם קוק. דעם ייִנגל האָט זיך געדוכט, אַז אַליין וואָלאָשין האָט מוירע פֿאַר קוקן, און כאָטש ער טראָגט אים שטענדיק אַנטקעגן דעם ברייטן גוט־מאָרגן, דאָך איז ער מער צופֿרידן, ווען דער דאָקטער, וואָס האַלט שטענדיק, ווי אַ קעמל, אויסגעצויגן דעם קאָפּ, נעמט דאָס שטעקעלע אונטערן אָרעם און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג.

סידאָר סטעפּאַנאָוויטש און ווילהעלם קוק האָבן פֿאָנעם צו פּאָנעם זיך באַגעגנט לעבן וואָלאָשינס טואַלעט־צימער. דער דורכגאַנג איז דאָ געווען אַ שמאָלער, און אויסמײַדן איינער דעם צווייטן האָבן זיי ניט געקאָנט. דער דאָקטער האָט אַ טוציע געטאָן מיט זײַנע דינע פֿינגער דעם צירק־וועכטער אין דער ברוסט:

— דו לעבסט נאָך, אַלטער?

— אהיך, ווילהעלם קאַרלאָוויטש, פֿאַרשפּעטיקט מען קיינמאָל ניט, און דער טויט, זאָגט מען, קוקט ניט שטענדיק אַרײַן אין קאַלענדאַר. איך וועל נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן.

— וואַרט, וואַרט. ווען דו וועסט זיך אין מיר נייטיקן, איז שעם זיך ניט און גיב צו וויסן. מיר זײַנען דאָך עפּעס אַלטע גוטעפֿרײַנט.

סידאָר סטעפּאַנאָוויטש האָט אַ דריי געטאָן מיטן גראָוון קאָפּ, אַרויסגענומען פון קעשענע די טאַבאַקערקע און, זעענדיק, אַז דער דאָקטער וואַרט נאָך אַלץ אויף זײַן ענטפער, גענומען קלוימערשט זוכן דעם בעזעם אויף צו פאַרקערן דעם דיל. קוק האָט זיך דערנעענטערט צו אים און, צולייגנדיק די האַנט צום מויל, אים אַרײַנגעשריִען קימאַט אין סאַמע אויער אַרײַן:

— גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביסט שוין פון לאַנג טויב. איך זאָג: מיר מיט דיר זײַנען דאָך אַלטע גוטעפרײַנט...

— עמעס, דאָקטער, טויב, כאָטש איך, דער אַלטער נאַר, מיין, אַז איין אויג איז אַמאָל מער ווערט, ווי צוויי אויערן. איר געדענקט עפּשער, דאָקטער, מײַן שוואַרצן הונט, שאַריקן. ווי ער איז עס מיר געווען געטרײַ! און דאָך איז ער איין מאָל אויף מיר אין קאַס געוואָרן און אַ כאַפּ געטאָן מײַן האַנט צוזאַמען מיטן ביין, וואָס איך האָב אים דערלאַנגט.

— עס האָט דיר, סטעפּאַניטש, ווײַזט אויס, גוט ווי געטאָן, אויב דו געדענקסט עס נאָך ביז איצט?

— „ווי געטאָן”... ניין, ניט דאָס, צו ווייטעק זײַנען מיר געוווינט. קיין אוולע לאָזט זיך ניט פאַרגעסן!..

— און וויאַזוי זשע האָסטו באַשטראָפט דײַן שאַריקן?

— מיט דער גרעסטער שטראָף. איך האָב אים אויף שטענדיק פאַרטריבן פון מײַנע אויגן.

— נו־נו! — האָטווילהעלם קוק מער דראָענדיק, ווי פאַרכידעשט, אַ ברום געטאָן און אָפּגעיך אוועקגעשפּאַנט מיט זײַנע לאַנגע פיס צו וואָלאָשינס טיר...

דער צופעליק אונטערגעהערטער געשפּרעך צווישן קוקן מיט סידאָר סטעפּאַנאָוויטשן האָט טאָדיען דערמאָנט אין אַנטואַנעטעס וואָרענונג: „היט זיך פאַר אים”. אויף טאָדיען איז אָנגעפאַלן אַ מוירע, ווען ער האָט איצט דורך דער גלעזערנער טיר דערזען, ווי קוק טײַנעט עפּעס אײַן מיט דעם הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל.

— ווייסט, טאָדיע, — האָט אים ליאָניע נאָך פונוויַיטן אָנגעזאָגט די נײַס, — מע פירט מיך מאָרגן קיין אָדעס צו אַ פּראָפעסאָר.

— קיין אָדעס? דער דאָקטער פּעסקער האָט דאָך געזאָגט, אַז ער קלײַבט זיך דיך אינגיכן אויסשרײַבן.

— דער דאָקטער פּעסקער איז טאַקע קעגן, נאָר מיך האָט הײַנט צוויי מאָל באַזוכט דער צירק־דאָקטער קוק, און ער זאָגט, אַז דער שלאָסביין איז זיך שלעכט צונויפגעוואַקסן.

— ליאָניע, פאָלג מיך, פאָר ניט קיין אָדעס. אויב דו ווילסט, וועט נאָך דיר קומען מײַן מאַמע, וועסטו דערווײַל וווינען בא אונדז.

— ניין, טאָדיע, דזשאָני איז דאָך מײַן אָפּעקון, און ער האָט איבערגעגעבן זײַנע רעכט דעם דאָקטער קוק. פאַרשטייסט, איך וויל ניט בלײַבן קיין קאַליקע. ער וועט מיך אויסהיילן.

אין פּאַלאַטע איז אַרײַנגעקומען דער הויפּט־דאָקטער מיט קוקן, ביידע זײַנען זיי געווען אין ווײַסע כאַלאַטן. טאָדיע האָט מער גאָרנישט ניט באַוויזן צו זאָגן זײַן כאַווער.

— גיי, גיי, — האָט אים קוק אויסגעדרייט צו דער אָפענער טיר, — אויב דו דאַרפסט, קום מאָרגן צו דער שיף. דאָרט וועט איר זיך דורכשמועסן...

וואָס בעסער עס זײַנען געגאַנגען בא וואָלאָשינען די געשעפֿטן, אַלץ קאַרגער איז ער געוואָרן. מיט טאָדיען האָט ער אַלץ ניט געוואָלט שליסן קיין שריפֿטלעכן קאָנטראַקט. צאָלן פֿלעגט ער אים קאָפּעקעס.

ענדלעך האָט טאָדיע ניט אויסגעהאַלטן און איז אוועק פֿון וואָלאָשינען צו דעם ראַליק־לויפֿער, דעם ענגלענדער דזשאָן גאַסטאָן. דזשאָן האָט זיך באַצויגן צום ייִנגל, ווי אַמאָל קיסעליאָוו. אַפֿילו מיט זײַן אויסערלעכן אויסזען האָט ער מיט עפּעס דערמאָנט אַלעקסן.

נאָך דעם, ווי זיי זײַנען אַ פּאָר יאָר אַרומגעפֿאָרן איבער פֿאַרשיידענע שטעט, זײַנען זיי געקומען קיין קיִעוו אויף גאַסטראָלן אין דעם צירק „קיסאָ". דזשאָן, וואָס פֿלעגט אויף זײַנע ראָליקעס זיך יאָגן איבער אַ הויך־אָנגעצויגענעם דראָט, האָט דערצו נאָך אַרופֿגעזעצט טאָדיען צו זיך אויף די אַקסלען און אַזוי דורכגעפֿירט זײַן ריזי־קאַלישן נומער.

נאָך איידער זיי זײַנען אוועקגעפֿאָרן פֿון קיִעוו, האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן אַפֿישעס, אַז אין די נאָענטסטע טעג קומט דער ווונדער פֿון דער נאַטור, „אַ מענטש — אַ שפּין". אַזעלכע ווונדער האָט שוין טאָדיע ניט איין מאָל געזען. ער האָט גע־וווּסט, אַז דער נומער איז געבויט אויף אָפּטישע און דעקאָראַטיווע קונצן און אַז דעם פּובליקום באַווײַזט מען נאָר דעם קאָפּ פֿון דעם „שפּין". דעם גאַנצן קערפּער זעט מען ניט, ווײַל ער איז, קלוימערשט, פֿאַרהילט אין שפּינוועבס, מעגלעך, אַז דאָס איז גאָר אַ דראָטענע ליאַלקע, וואָס ווערט דורך עמעצן געבראַכט אין באַוועגונג.

טאָדיע האָט אָנגעטאָן זײַן יאָמטעוודיקן אָנצוג און איז אוועק אויף קרעשטשאַטיק צו דעם רײַך־איליומינירטן הויז, וווּ עס איז אַרויסגעטראָטן „דער ווונדער פֿון דער נאַטור".

דאָס ערשטע, וואָס האָט אים פֿאַרכידעשט, איז געווען דאָס, וואָס די ווײַסע סטעליע אין זאַל איז אינגאַנצן פּוסט; בלויז אין רעכטן ווינקל איז געהאַנגען אַ מין פֿויגל־נעסט. אָהער, צו דער נעסט, איז פֿון ערגעץ געוועזן אָנגעצילט אַ בלויער שטראַל פֿון אַ פּראָזשעקטאָר. אין דער מיט פֿון דער בינע איז געשטאַנען אַ גרויסע ביר־פֿאַס. אויף דער פֿאַס — צוויי פּוסטע ביר־קופּלען, ליסקע פֿון טאַראַנקעס, רעשט־לעך פֿון וווּרשט, קעז, ברעקלעך ברויט. אין זאַל ווערט פֿינצטער. עס הייבט אָן דער פֿידל, דערנאָך מישט זיך אַרײַן די פֿלייטע, און אָט לויפֿט אַרויס אויף דער בינע אַ מיידעלע — אַ פֿליג. זי פּאַכט מיט די שוואַרצע גלאַנציקע פֿליגעלעך און זשומעט, זשומעט, אירע באַוועגונגען זײַנען ווייך און פּלאַסטיש. זי „פֿליט" אַרום און אַרום דער פֿאַס, אָבער ווי נאָר זי שטעלט זיך אוועק אויף דער פֿאַס, אַזוי דערהערט זיך פֿון ערגעץ אַ שיפּען, לאַנגזאַם צעעפֿנט זיך די פֿויגל־נעסט, און די צושויער, וואָס זיצן אין דעם פֿינצטערן זאַל, דערזעען, ווי איבער דער סטעליע פּויזעט עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער ענלעך אויף אַ שפּין, ווי אויף אַ מענטשן. די פֿליג „פֿליט" אוועק פֿון דער בינע, — אַלציינס אינטערעסירט זי איצט קיינעם ניט. אַלע שפּירן נאָך, ווי דער שפּין שטעלט זיך אָפּ. צוזאַמען מיט זײַן שאָטן ווײַזט ער זיך אַ מינוט אײַנדערלופֿטן און לאָזט זיך ווײַטער פּויזען. נאָך אים בלײַבט איבער אַ גאָלדענע שפּינוועבס־נעץ.

דער אוילעם איז שוין לאַנג זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, און טאָדיע שטייט נאָך אַלץ לעבן דער בינע אַ געפּלעפֿטער. מיילע, ווי עס ווערט געמאַכט דער שפּור פֿונעם שפּינוועבס, וואָס בלײַבט נאָך דעם שפּין, דאָס פֿאַרשטייט ער. געוויס איז די סטעליע באַדעקט מיט דינע דראָטעלעך, וואָס זײַנען באַשמירט מיט עפּעס, און אַז

דער „שפּין" רירט זיך צו צו זיי מיטן בויך, באַווײַזט זיך דאָס שפּינוועבס. נאָר וואָס איז דאָס פאַר א שפּין?

עמעצער רוקט א ביסל אָפּ דעם פאָרהאַנג און פרעגט:

— טאָדיע, דאָס ביסטו?

— איך, — ענטפערט ער א דערשטוינטער. — דו קענסט מיך?

— יאָ.

— ווער ביסטו?

— ליאָניע. שוין זשע דערקענסטו מיך ניט? איך בין דאָך ליאָניע סמיגעלסקי.

אַף טאָדיען איז אָנגעפאַלן א ציטערניש. ער קאָן קיין וואָרט ניט ארויסברענגען.

— שרעק זיך ניט, — זאָגט ליאָניע, — גיי ארויס פון זאַל, אונטער דער ארקע פון רעכטס איז פאַראַן א טיר. קום ארײַן צו מיר.

אין טואַלעט־צימער איז ליאָניע געווען ניט אליין. לעבן די צוויי פידלען מיט דער פּלייטע, וואָס זײַנען געשטאַנען אין ווינקל, האָט זיך געפּאָרעט די „פליג" — א מיידעלע פון א יאָר פינף, אָנגעטאָן אין א שטאַרק אָנגעקראָכמאַליעט קליידעלע. טאָדיע האָט געוואָלט און ניט געקאָנט דערלאַנגען די האַנט ליאָניען. בא זײַן כאַ־ווער זײַנען די הענט און די פיס געווען מעשונעדיק אויסגעדרייט. די נאָז איז געווען צוגעפּלעטשט צום פּאָנעם, בלויז די גרויסע אויערן האָבן בא אים געסטאַר־טשעט, ווי אַמאָל. די אויערן... עפּשער איבער זיי טאַקע האָט זיך עס אָנגעהויבן... ווען ליאָניע האָט גענומען איבערטאָן דעם כאַלאַט, האָט טאָדיע דערזען אַף זײַן פּלייצע א גלאַנציקן שפּין־צײַלעם.

— באַקען זיך, טאָדיע, דאָס איז אונדזער אַלעטשקע.

— אַלאַ ברונאָווא, — האָט זיך דאָס מיידעלע אוועקגעשטעלט אין א פּאָזע, ווי זי וואָלט געשיקט דעם זאַל „קאָמפּלימענטן".

— טאָדיע, זעץ זיך. אַלעטשקע וועט ארויסגיין אין הויף שפּאַצירן.

א היפּשע צײַט האָבן זיי ביידע געשוויגן, ביז טאָדיע האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס שווײַגסטו? דערצייל...

— וואָס זאָל איך דערציילן? זעסט אליין!

— שוין לאַנג?..

— דו געדענקסט דאָך, טאָדיע, דעם כערסאָנער שפּיטאָל. פון דאָרט האָט מען מיך אוועקגעפירט אַף א פור. ערגעץ אין סטעפּ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און גענומען עסן פרישטיק. כוץ דעם באַלעגאָלע איז מיט אונדז געווען נאָך א פאַר־שוין, וואָס איך האָב אים ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען. מיר האָט מען געגעבן א היפּשן שטיק הערינג מיט ברויט און דערנאָך א קוואָרט קאַלטע טיי. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די טיי איז ניט נאָר זיס, נאָר אויך ביטער. ווײַטער... ווײַטער געדענק איך ניט, וואָס ס'איז געווען מיט מיר, איך בין אנשלאָפן געוואָרן, און אופגעכאַפּט האָב איך זיך א פאַרבאַנדאַזשירטער, אין גיפּס. איך האָב געפילט איין אומדערטרעגלעכן ווייטעק איבערן גאַנצן קערפּער, נאָר אפילו קיין קויעך ניט געהאַט א קרעכץ צו טאָן. דערנאָך האָט מען מיר דערציילט, אַז די פערד האָבן זיך פאַר עפּעס איבערגעשראָקן, א ריס געטאָן זיך אין א זײַט, און דער וואָגן האָט זיך אַף מיר איבערגעקערט.

— וואָרט, ליאָניע, ווו איז דאָס געווען?

— פּינקטלעך ווייס איך ניט. נאָר ניט שטאַרק ווײַט פון דער שטאָט. אופגעכאַפּט האָב איך זיך אין איינעם פון פּאָטערײַקינס ערדשטיבלעך, וואָס געפינען זיך א

ביסל נידעריקער פון קוזנעטשנע, אין טאָל. איך האָב גלײַך דערקענט דאָס אָרט, מיר זײַנען דאָרט אמאָל מיט דיר געווען. געדענקסט? נידעריקע ערדשטיבלעך, ווו עס וווינען די גרעסטע אָרעמעלײַט. די דעכער זײַנען דאָרט אויך פון ערד, זיי זײַנען באוואקסן מיט גראָז. איך בין געלעגן אף צוויי צונויפגעשטעלטע בענק, אויסגעבעטע מיט שמאטעס. דורכן קליינעם פענצטער האָב איך גלײַך דערזען, אז דאָס זײַנען פאָטערײַקינס שטיבלעך.

— און ווער האָט דיך געהיילט? דאָקטער קוק?

— ער איז געקומען צו מיר א סאך שפּעטער, נאָר מיר האָט מען געזאָגט, אז דאָס האָב איך אים צו פאַרדאנקען, וואָס איך בין געבליבן לעבן.

טאָדיע איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. צי דען פאַרשטייט ליאָניע אויך איצט ניט, ווער און צוליב וואָס האָט פון אים געמאכט א קאַליקע?

— וווהין, ליאָניע, פאָרט איר פונדאנען?

— קיין אָדעס, יעקאטערינאָסלאוו. דערנאָך, אין אווגוסט, קיין כערסאָן.

— אין כערסאָן וועלן מיר זיך מיט דיר ווידער טרעפן. נו, זײַ געזונט, ליאָניע...

— איך וועל אף דיר וואַרטן, טאָדיע.

צו גאסטאָנען איז טאָדיע ניט געגאנגען, נאָר געלאָפן. ער האָט אים אָנגעכאפּט פאַר דער האנט און געהאלטן אין איין איבערכאזערן:

— דזשאָן, איר מוזט מיך אויסהערן, איר מוזט!

— וואָס איז עס מיט דיר אזוינס געשען? איך הער, אוואדע הער איך...

גאסטאָן האָט זיך אפילע ניט פאַרכידעשט. ער האָט געענטפערט:

— אף וויפל מיר איז באוווסט, איז דײַן ליאָניע דער פערטער. פאַראן שוין אזעלכע שפּינען אין אינדיע, פראנקרײַך און איטאַליע. דאָס איז אלץ ווילהעלם קוקס ארבעט.

— איך וועל עס אים ניט פאַרשווײַגן! — האָט טאָדיע א געשריי געטאָן.

— ביסט א נאַיוו קינד, וויאזוי וועסטו עס דערווײַזן?

— איך וועל דערווײַזן!

קיין כערסאָן איז די שיף אָנגעקומען פאַרטאָג. טאָדיע איז גלײַך פון דעם האפן אוועק אף דער גרינער גאניבאלאָווער גאס, וואָס ציט זיך ביזן טאָרגאָווע געסל.

אין יעדער טיר וואָלט טאָדיע אָנגעקלאפּט. נאָר צורירן זיך צום ווײַסינקן קנעפּעלע פון אָט דעם עלעקטרישן גלעקל האָט ער ניט געוואגט. צו מענטשן אין ווײַסע כאלאטן האָט ער זיך פון קינדווײַז אָן באצויגן מיט א באזונדערן אָפּשײַ. עטלעכע מאָל איז ער ארומגעגאנגען ארום דעם שפּיטאָל, ביזוואנען עס האָט זיך באוויזן דער הויפּט־דאָקטער, וואָס האָט רויק געשפּאנט אף דער ארבעט.

אוואדע וואָלט אים טאָדיע געקאָנט דערזאָגן, נאָר ווי לויפט מען עס אינמיטן גאס נאָך א דאָקטער? די קראנקן־שוועסטער האָט פאַרהאקט די טיר פאַר טאָדיעס נאָז. זי האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ דורך דעם לופטשיק און בייז א זאָג געטאָן:

— גיי שלאָף זיך אויס. וועסט קומען שפּעטער.

טאָדיע האָט געוויס געמיינט, אז פון זײַן געשפּרעך מיטן הויפּט־דאָקטער איז אָפּהענגיק ליאָניע סמיגעלסקיס גורל. מיט יעדע העגט האָט ער געגומען פויקן אין דער דעמבענער טיר. אופגעהערט האָט ער ערשט דאן, ווען ער האָט דערהערט די עטוואָס הייזעריקע שטים פון דעם הויפּט־דאָקטער:

— ווער קלאַפּט עס אַזוי?

— אַ ייִנגל. ער זאָגט, אַז ער דאַרף אײַך עפּעס זאָגן.

— איז לאָזט אים אַרײַן.

טאָדיע איז נאָך די שוועל ניט אַריבערגעטראָטן, ווי ער האָט גלײַך אויסגעשאָסן:

— איר ווייסט, דאָקטער...

— אַוואַדע ווייס איך. דו זאָג מיר נאָר, ווער ליגט דאָ בא אונדז — דײַן מאַמע צי דײַן טאַטע?

— קיינער ניט. בא אײַך האָט זיך געהיילט מײַן כאַווער, איך מוז אײַך וועגן אים עפּעס דערציילן...

— איז וועלן מיר עפּשער דעם שמועס אָפּלייגן אף אַ ביסל שפּעטער?

— ניין, דאָקטער. מע טאָר ניט!

— אַזוי? נו, איז קום צו מיר אין קאַבינעט.

טאָדיע האָט געפילט, אַז דער דאָקטער, כאָטש ער הערט אופמערקזאַם, גלייבט ניט קיין איין וואָרט זײַנס. ער האָט אים טאַקע אַזוי געזאָגט, דער דאָקטער:

— דאָס, וואָס דו דערציילסט מיר, איז אַ טשיקאַווע געשיכטע, נאָר געוויס אָן אויסגעטראַכטע. איך געדענק גוט דײַן כאַווער. זאָג מיר נאָר, אין וועלכער שטאָט געפינט ער זיך איצט?

— דאָ, ניט ווײַט פון אײַך. קומט, וועל איך אים אײַך ווײַזן.

דער דאָקטער האָט אַ רוף געטאָן די זעלבע שוועסטער, וואָס האָט ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן טאָדיען אין שפּיטאָל, און איר געהייסן אַרויסנעמען פון אַרכיוו ליאָניע סמיגעלסקיס מעדיצין־קאַרטע. אף די טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעטאָן די פּענסנע און אפגיך דורכגעבלעטערט די עטלעכע זײַטלעך.

אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי, ווי טאָדיע האָט פאַרטראַכט. בא אַ האַלבער שאָ האָט קיינער אין צירק ניט געשטערט דעם דאָקטער צו שמועסן אויג־אף־אויג מיט ליאָניען. ווען טאָדיע האָט פונווײַטן דערזען דעם צערודערטן דאָקטער, האָט ער פאַרשטאַנען: איצט גלייבט ער...

ווי שטאַרק דער דאָקטער האָט זיך ניט געײַלט, האָט ער דאָך געהייסן דעם קוטשער אים פריִער אָפּפירן אהיים. ער האָט זיך אפגיך איבערגעטאָן אין אַ שוואַרצן אָנצוג און אין לאַקירטע טופליעס. צו דעם פאָטיאָמקין־בולוואַר, וווּ אַנטקעגן דעם שטאָט־טעאַטער האָט זיך געפונען דעם גובערנאַטאָרס הויז, האָבן זיי זיך גיך דערקליבן. דערפאַר אָבער איז זיי אויסגעקומען לאַנג זיצן אין וועסטיביול, ביז מע האָט זיי אַרײַנגעלאָזט צום גובערנאַטאָר.

טאָדיע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און באַטראַכט דעם גובערנאַטאָר, וואָס האָט געשפּאַנט איבער דעם גרויסן קאַבינעט. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט באַם שוואַרצן שרײַבטיש און אף אַ שטיקל פּאַפּיר אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער. די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם בלײַער, האָט ער אופגעהויבן אין דער הייך און נאָך אַ לענגערער פּאַוזע געמאָלדן:

— די שולדיקע וועלן באַשטראָפט ווערן. שטרענג באַשטראָפט ווערן. קומט צו מיר אַרײַן אין דרײַ טעג אַרום.

טאָדיע איז גרייט געווען אַ געשריי טאָן אַזוי, אַז גאַסטאָן זאָל עס דערהערן אַזש אין אָדעס, ווו ער געפינט זיך: „נו, דזשאָן, איך האָב דערוויזן?"

ווען טאָדיע מיטן דאָקטער זײַנען אין דרײַ טעג אַרום נאָכאַמאָל געקומען צום גובערנאַטאָר, האָט מען זיי אין קאַבינעט ניט פאַרבעטן. דער טשינאָווניק מיט די

ברייטע באַקענבאַרדן האָט דעם דאָקטער אַפּילו ניט פֿאַרגעלייגט קיין שטול אָף זיך צוזעצן.

דער דאָקטער האָט שוין ניט איין מאָל אויסגעמאָסטן דעם אופֿנאַם־צימער אין דער ברייט און אין דער לענג. דער פּאַרקעט האָט דאָ אַזוי געגלאַנצט, אַז אין אים האָט זיך, ווי אין שטייענדיק וואַסער, אָפּגעשפּיגלט דער וואַנטזייגער, דעם קייסערס פּאָרטרעט און די רײַך־באַפּוצטע סטוליע. די ווײַסע, מיט גאָלד באַזוימטע טיר האָט זיך צעעפֿנט, און אָף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער וויצע־גובערנאַ־טאָר — דער קאַמערהער פֿון קייסערלעכן הויף קרייטאָן.

דער געשפּרעך האָט געדויערט ניט מער ווי צוויי מינוט. דער וויצע־גובערנאַטאָר, אַן אויפֿגערעגטער און אַ בייזער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווי קומט עס, דאָקטער, איר זאָלט גלייבן אין אַזאַ בילבול אָף אײַערן אַ קאָ־לעגע? הער קוק איז אונדז באַוווּסט אַלס אַנהענגער פֿון דער אידיי וועגן דער ספּעציעלער מיסיע פֿון דײַטשישן פֿאָלק אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט, אָבער ער האַלט זיך אומעטום און שטענדיק אין די גרענעצן פֿון געזעצלעכקײַט.

— אײַער עקסעלענץ, אַנטשולדיקט מיר, נאָר איך האָב זיך אַליין אין דעם איבערצײַגט...

— פּוסטע רייד. מיר האָבן אַלץ אויסגעקלאָרט. מיטן ייִנגל איז געשען אַן אומ־גליק, און ער מעג זײַן דאַנקבאַר, וואָס מע האָט אים אויסגעהיילט, ער וועט ניט דאַרפֿן שטיין באַם קלויסטער און בעטלען...

— פֿאַרוואָס האָבן זיי אים ניט אָפּגעפֿירט אין קיין שפּיטאָל?

— דאָס איז שוין די זאַך פֿון זײַן אָפּעקון. דאָקטער קוק איז אַן עכטער אינ־טעליגענט, און איך פֿאַרוואָר אײַך ריידן וועגן אים אַזוי...

ערשט אין הויף האָט דער דאָקטער ווידער באַקומען לאָשן:

— פֿאַרשטייסט, — האָט ער געזאָגט טאַדיען, — איך וואָלט אים באַדאַרפֿט געוועזן ענטפֿערן, אַז ניט אַלע מענטשן, וואָס טראָגן טיטלען, ניט אַלע, וואָס זײַנען געביל־דעט און קענען שפּראַכן, זײַנען אינטעליגענטן.

אָף דער גאַס האָבן זיי זיך געזעגנט. טאַדיע איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועק צום האַפֿן און פֿון דאָרט, מיט אַ בילעט פֿון דריטן קלאַס, אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס צו דזשאָן גאַסטאָנען.

דער קיניג פֿון די לייצים און זשאַק אַלבראַ

אײנמיטן העלן טאָג האָט זיך באַם טײַך מאָלאָטשנאַיאַ, ניט ווײַט פֿון מעליטאָפּאָל, דערהערט אַ האַרצרײַסנדיקער געשריי: ראַטעוועט! לענגויס דעם ברעג האָט אַהין און צוריק זיך געטראָגן אַ כאָפּטע דערשראָקענע קינדער. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווען פֿון די נאָענטע קוסטעס איז אַרויסגעלאָפֿן אַ יונגער באָכער און זיך האַסטיק געלאָזט שווימען צו דער מיט טײַך, ווו עס האָט זיך געטרונקען אַ מיידעלע.

ביז דער שווימער האָט זיך אַהין דערקליבן, איז שוין דאָס מיידעלע ניט גע־סטײַעט. צוויי מאָל נאָכאַנאַנד האָט דער באָכער זיך אַראָפּגעלאָזט ביז דעם דעק פֿון טײַך און זי טאַקע אַרויסגעטאַסקעט.

דער שווימער, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס קינד, איז געווען טאַדיע. מיט אַ צײַט צוריק איז ער צוזאַמען מיט גאַסטאָנען ווידער אָנגעקומען צו וואָלאָשינען

אף אַרבעט. קעדיי זיך נעענטער באַפרײַנדן מיט זײַן פערד, פלעגט ער עס אַליין באָדן.

ווען דער אוילעם באַם ברעג טײַך האָט זיך שוין גענומען פאַנאַנדערגיין, איז אָנגעפאָרן אַ פאַעטאָן, אף וועלכן ס׳איז געזעסן דער „גאָראָדסקאָי גאָלאָווא“. די רעדער האָבן זיך נאָך געדרייט, ווען ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אף דער ערד און זיך צעשריִען:

— ווער האָט צונויפגענומען אַ מיטינג?

אַ גימנאַזיסטל אין אַ ווײַסן קיטעל מיט מעשענע קנעפּ האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס און אָנגעוויזן אף טאָדיען:

— אָט יענער, לעבן פערד, וואָס ציט אף זיך אַרוף דאָס העמדל...

דער שטאָט־באַלעבאָס האָט אַרויסגעריסן באַם קוטשער די בײַטש און מיטן גאַנצן קויעך אַ שמיץ געטאָן טאָדיען איבער דער פּלייצע.

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ זשאַנדאַרם און זיך אַ וואָרף געטאָן אף טאָדיען, ניט געלאָזט זיך אים שטעלן אף די פיס.

ווען איינער אַן עלעגאַנט־געקליידעטער פרוי האָט זיך סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגעבן דערקלערן דעם שטאָט־באַלעבאָס, אין וואָס עס באַשטייט די „שולד“ פון דעם באָכער, איז שוין טאָדיע געלעגן אַ צעמיימעסטער. די, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער, האָבן געהערט, ווי ער האָט אַ רוף געטאָן: „לאַסטיקאָ!“ אַז דאָס פערד איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער שטיל עפּעס אַ מורמל געטאָן. „לאַסטיקאָ“ האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אף די פאָדערשטע פיס, אויסגעצויגן די לאַנגע מאָרדע אַזוי, אַז דעם ייִנגל זאָל לײַכט זײַן זיך אופזעצן אף זײַן רוקן.

אין צירק האָט די ווילדע געשיכטע אַלעמען אופגערודערט, אַפילע וואָלאָשינען האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט געמאָלדן, אַז כאָטש טאָדיע האָט ניט קיין שום דאָקומענטן, וועט ער עס ניט פאַרשווײַגן. ווי נאָר עס וועלן זיך דאָ פאַרענדיקן די גאַסטראָלן, וועט ער אומבאַדינגט אָנשרײַבן אַן אָנקלאָגע.

דזשאָן גאַסטאָן האָט געבעטן וואָלאָשינען, ער זאָל זיך ניט אַרײַנמישן אין דעם איניען.

— טאָדיע, — האָט ער געזאָגט, — איז מײַן געהילף, און מיט מײַן אויסלענדישן פּאַס וועל איך זיך גיכער עפּעס דערשלאָגן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דזשאָן אוועק מיט טאָדיען אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דאָרט האָט גאַסטאָן באַוויזן זײַן וויזיט־קאַרטל, אף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעוויזן זײַן לאָנדאָנער אַדרעס. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען אים פאַרבעטן אין קאַבינעט.

— סער, — האָט דזשאָן רויִק אָנגעהויבן, — איך בין אַן ענגלענדער, און דער באָי, מײַן געהילף, איז אַ פראַנצויז. מיר זײַנען אויסגעוועזן ווו די וועלט האָט אַן עק, נאָר אַזאַ ווילקיר, ווי באַ אײַך אין שטאָט, האָבן מיר נאָך אין ערגעץ ניט באַגעגנט. ניט געקוקט דערוף, וואָס אונדזערע לענדער זײַנען איצט פאַרבינדעטע אין דער מילכאָמע, וועלן מיר זײַן געצוווּנגען מיטיילן וועגן דעם אינצידענט אונדזערע געזאַנדשאַפטן אין פּעטראָגראַד.

— אַנטשולדיקט, — איז דער שטאָט־באַלעבאָס אופגעשטאַנען פון זײַן שטול, — איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ מיספאַרשטייעניש. צי לוינט אונדז טאַקע איצט, ווען אונדזערע סאָלדאַטן שלאָגן זיך צוזאַמען קעגן דעם דײַטש, פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע קלייניקײַטן? אײַך, אונדזערע פרײַנט, קאָן איך אויס־

זאָגן דעם סאָד, און איר וועט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז פאָרגעקומען דער אינ־צידענט, וועגן וועלכן איך באַדויער. איר האָט געוויס געהערט וועגן אַזעלכע רוסישע שטעט, ווי קאָסטראָמאַ, איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק? דאָרט איז די לעצטע צײַט געווען אומרויִק. קעדיי בא אונדז זאָל אַזוינס ניט פּאַסירן, מוזן מיר שטענדיק זײַן וואַכזאַם. דערפאַר האָב איך שטרענג פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען, מיטינגען. און גראָד אין דעם טאָג, ווען עס איז געוואָרן א יאָר, זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, — אַזאַ אָנגעלויף... איך מיין, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען.

— יאָ, סער, נאָר זשאַק אַלבראַ איז דערווײַל געוואָרן א קאַליקע. און איך ווייס ניט, ווען ער וועט זיך קאָנען אומקערן צו דער אַרבעט.

— עס טרעפט. נאָר איך גלייב, אַז אַלץ וועט זיך פאַרהיילן. און אַלע פאַרלוסטן קאָנען מיר קאָמפּענסירן.

— א דאַנק, סער, קיין געלט פאָדערן מיר ניט. עס ווילט זיך נאָר, אַז אַזוינס זאָל מער ניט געשען. אַגעוו, בייס דעם אינצידענט האָט מען בא זשאַקן צוגעשלעפּט זײַן צײַגעניש, אַז ער איז א פראַנצויזישער בירגער. אויב ער זאָל זיך ווענדן צו זײַן געזאַנדשאַפט, וועט ער זײַן געצווונגען מיטיילן, בא וועלכע אומשטענדן דאָס איז געשען.

דער הויפּט פון שטאָט האָט זיך צעשמייכלט:

— די פּאָליציי וועט זיך באַמיִען אופזוכן זײַן פּאַסיר־שײַן. דערווײַל וועלן מיר אים אַרויסגעבן א פּאַפּיר, אַז דער צירק־אַרטיסט זשאַק אַלבראַ איז א פראַנצויזישער בירגער. איך קלער, אַז דער דאָקומענט וועט אײַך באַפרידיקן.

אַזוי איז טאָדיע, דאָווידל נאָסן־עליעס מיזיניק, געוואָרן א פראַנצויז מיטן נאָמען זשאַק אַלבראַ. דעמלט האָט ער נאָך אַליין ניט געוווּסט, ווי דאָס וועט אים צוניץ קומען אין לעבן.

זשאַק האָט שוין פון לאַנג געטרוימט ווערן א קלאָון. פון אָנהייב זײַנען אים פּאַשעט געפעלן געווען די לייצים, וואָס האָבן מיט זייערע וויצן פריילעך געמאַכט דעם עולעם. נאָר ווען ער האָט דערזען אף דער אַרענע די ברידער וולאַדימיר און אַנאַטאָלי דוראָוו, האָט ער ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז זײַן באַרוף איז קלאָונאַדע.

טאָדיע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג פון די דוראָווס.

וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש האָט אים אָפט געטראָפן הינטער די קוליסן. ער פלעגט גאַנץ גוטברודעריש א שפּאַס טאָן מיט דעם טשיקאַווען באַכערל און אַלעמאָל זיך נאָכפרעגן אף זײַן טאַטן. טאָדיע האָט גאָרניט געוווּסט, אַז נאָסן־עליע איז געווען בא וולאַדימיר דוראָוון, אים בעטן, ער זאָל אָפּריידן זײַן ייִנגל פון צירק. וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש האָט צוערשט גערעדט מיט אים גרויסהאַלטעריש, אָפּגעענטפערט מיט א כויזעק־ווערטל, מיט א וויץ, ווי ער וואָלט גערעדט מיט א טיפּעש, וועלכן מע קאָן פירן אין באָד אַרײַן. נאָסן־עליען האָט עס ניט אף קאַטאָוועס פאַרדראָסן. ער איז אופגעשטאַנען פון בענקל און אָפּגעענטפערט:

— הער דוראָוו, איך בין א פּאָשעטער אַרבעטער, א טאָקער, נאָר איך וואָלט ניט געוואָלט זײַן קיין לעץ אַפילע בא דעם קייסער.

— פײַן! — האָט אים דוראָוו פאַרשטעלט דעם וועג צום אַרויסגאַנג. — אויב שוין יאָ אַזוי, דאַרפט איר וויסן, איך בין א קיניג בא די לייצים, נאָר ניט קיין לעץ בא די קייסאָרים. און איצט וועגן אײַער באָכערל. מײַן טאַטע האָט אויך ניט געוואָלט,

אַז זײַנע זין זאָלן ווערן צירקאַטשעס. פונדעסטוועגן בין איך צו פופצן יאָר צוזאַ־מען מיט מײַן ברודער אַנאַטאָלי אַנגעקומען צו דעם מאָסקווער באַלאַגאַנשטשיק ווײַנשטאָק. עפּשער האָט איר געהערט וועגן אים? איך וויל, איר זאָלט פאַרשטיין, דאָס איז ניט קיין פּוסטע זאַך. אויב אײַער ייִנגל איז ניט קיין צופעליקער גאַסט בײַ אונדז, איז אומזיסט אײַער טירחה. אַן עמעסער צירק־אַרטיסט פאַרלאָזט גע־ווײנלעך דעם מאַנעזש נאָר ווען ער ווערט אַ קאַליקע.

דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן. עמעצער איז אַרײַנגעקומען מיט אַ נײַס, אַז אין וועג איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ שרויף פון די שטאָלענע טראַפּעציעס און קיינער קאָן אים ניט מאַכן.

— אויב איר ווילט, — האָט נאָסן־עליע געזאָגט, — קאָן איך אַ קוק טאָן.

פאַר דער צײַט, וואָס נאָסן־עליע האָט זיך געפּאָרעט, איז דוראָוו אַ פּאָר מאָל אַרײַנגעקומען, געשטאַנען שטילערהייט און אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט, ווי יענער אַרבעט גיך און געשיקט מיט דער פײַל. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דוראָוו אים פאַרבעטן צו זיך אין טואַלעט־צימער, ווו אַכוץ זייביידן איז נאָך געווען דור־ראָווס אַן אַסיסטענט — אַ קאַרליק. וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש האָט זיך צוגעזעצט לעבן טואַלעט־טישל, גענומען באַם אַסיסטענט דעם גרים־בלײַער און, אַרײַנקוקנדיק אין שפּיגל, אַ זאָג געטאָן:

— מיר דוכט, אַז איר אַליין זײַט אויך אַן אַרטיסט. יאָ, יאָ, שמייכלט ניט. שוין לאַנג, אַז איך זוך אַ גוטן מײַסטער, און דוכט זיך, אַז הײַנט האָב איך אים געפונען. איך וויל אײַך בעטן, איך זאָלט מיר מאַכן לויט מײַן צייכענונג אַ פּאָרטסיגאַר. ער דאַרף ניט זײַן קיין גאָלדענער און אַפילו ניט קיין זילבערנער. זאָל ער זײַן פון פּאָשעטן מעטאַל. איר זײַט מאַסקים?

— איך וועל פּרוּוון.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש איז אַ קאַפּריזער קליִענט. אים זײַנען ניט געפעלן די צוויי גראַשנס, וואָס זײַנען געווען אײַנגעמאָנ־טירט אינווייניק אין דעקל. דוראָוו האָט פאַרלאַנגט, אַז די גראַשנס זאָלן זײַן פון אַ באַשטימט יאָר. ווען אַלץ איז שוין געווען, ווי אים האָט זיך געוואָלט, האָט ער געבעטן, אַז נאָסן־עליע זאָל צו אים ברענגען אַ גוטן גראַווירער.

נאָסן־עליע איז אַוועק צו סימכע ראַגאָזינען אַף סוואָראָווסקע. אײַנרייִדן דעם בעסטן גאָלדשמיד פון שטאָט, ער זאָל צוליב אַ קלייניקײַט פאַרמאַכן דעם וואַר־שטאַט און זיך לאָזן אין צירק, איז געווען גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן. נאָסן־עליע האָט עס אָבער געפּויעלט בײַ סימכען.

— קומט אַרײַן, — האָט זיי דוראָוו פאַרבעטן צו זיך אין צימער. פּלוצעם האָט ער אויסגעגלאָצט די אויגן אַפן גאָלדשמיד: — זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, וואָס טוט איר, אַז די וואָנצעס זאָלן זיך בײַ אײַך אַזוי האַלטן?

— זיי געפעלן אײַך ניט?

— וואָס רעדט איר! איך טראַכט נאָר, פאַרוואָס קומט אַזאַ שיינעם יונגנמאַן נאָך אַזוינע פײַנע וואָנצעס. איך וואָלט בײַ אײַך נאָך עפּעס געפרעגט, נאָר מיר דוכט, אַז איר זײַט פון די, וואָס ווייסן וואָס צו ענטפערן און ניט שטענדיק זאָגן זיי, וואָס זיי ווייסן...

ראַגאָזין האָט פאַרכידעשט געקוקט אַף דוראָוון. וועגן די דוראָווס האָט ער אַ סאַך געהערט, באַזונדערס וועגן וולאַדימיר לעאָנידאָוויטשן. ער האָט געוווּסט, אַז

דער לעץ האָט א ליכטיקן קאָפּ און א שארפע צונג. נאָר פארוואָס רעדט ער מיט אים האלב פארשטעלט?

כאָטש סימכע איז שטענדיק פארנומען מיט זײַנע שפאקולן, פינגערלעך, ברײ־ליאנטן, זייגערס, דאָך האָט ער ליב צו טראכטן אויך וועגן פארשיידענע וועלט־זאכן, ער טראכט, אשטייגער, אז ווערטער זײַנען באשאפן געוואָרן, קעדיי זיי זאָלן טרעפן ניט נאָר אין מויעך, נאָר אויך אין הארצן. וועגן דעם האָט ער טאקע געזאָגט וולאדימיר לעאָנידאָוויטשן. דוראָוו איז צוגעגאנגען און אים דערלאנגט די האנט.

— איר זײַט גערעכט. אָבער איך האָב נאָך ליב ווערטער, וואָס טרעפן אין ציל, ווי א פײַל. טאקע דערפאר וויל איך אײַך בעטן אָט וואָס: איר זעט דעם פּאָרטסי־גאר? איז שרײַבט אָן אזוי, אז מע זאָל קענען פונדערווײַטן איבערלייענען — אונטער איין גראָשן: Царской совести цена [1] און אונטער דעם צווייטן גראָשן: Цена царской совести [2]. אויב איר זײַט מאסקים, איז לאָמיר זיך בעסער צוזעצן. עפּעס פיל איך זיך הײַנט, ווי איך וואָלט געשלעפּט א שווערן וואָגן.

ראָגאָזין האָט צו אים א שמייכל געטאָן:

— הער דוראָוו, אפילע צופוס גיין איז גוט לעבן א שווערן וואָגן... זײַט אזוי גוט און פארשליסט אײַער טיר.

ווען אלץ איז שוין גרייט געווען, האָט וולאדימיר לעאָנידאָוויטש אוועקגעשטעלט א פלאש ווײַן און אָנגעגאָסן דרײַ פולע גלעזלעך.

דעם פּאָרטסיגאר האָט וולאדימיר לעאָנידאָוויטש ארומגעטראָגן שטענדיק מיט זיך. די פּאפּיראָסן פלעגן בא אים ליגן צוגעפּלעטשט מיט א גומעלע צו דעם אונ־טערשטן דעקל. שמועסנדיק מיט עמעצן פון די אָנגעזעענע לײַט, פלעגט ער ארויס־נעמען דעם פּאָרטסיגאר, עפענען דאָס דעקל און לאָזן באקענען זיך מיט דער פּרײַז פונעם קייסערס געוויסן, ער פלעגט מאמעש זיך בעטן:

— ביטע, זײַט זיך מעכאבעד!

ווער דארף די מילכאָמע?

א פארסאָפּעטער איז זשאק אלבראָ געלאָפן איבער די טרעפּ. ער האָט שוין געהאט אויסגעשטרעקט די האנט, קעדיי מיט קויעך א ריס טאָן די טיר פון וואָלאָ־שינס צימער, נאָר דאָ איז בא דעם רעפּערטואַר־טאָוול אויסגעוואקסן דער טויבער ווערכטער און אים פארשטעלט דעם וועג.

— לאָזט, סידאָר סטעפּאנאָוויטש, איך וועל אים צווינגען, ער זאָל מיר באצאָלן אלץ, וואָס מיר קומט. איר הערט? מער וועט ער מיך ניט נארן. גענוג!

— אוואדע וועל איך דיך לאָזן, נאָר ניט איצט, ווען דו ביסט געקומען צו לויפן ווי א ווילדער אָקס. אים, — האָט ער אָנגעוויזן אף וואָלאָשינס טיר, — וועט קיין שום כוואָראָבע ניט נעמען, און דיר, נארעלע אײנער, וועט מען ווײַזן ווו דער שווארצער פעפער וואקסט...

---

[1] פון קייסערס געוויסן די פּרײַז; [2] די פּרײַז פון קייסערס געוויסן.

— שרעקט מיך ניט. ס'איז ניט די צײַט.

— אזוי? דו מיינסט אוואדע, אז אָרעם און רײַך זײַנען שוין גלײַך... גענוג, וואָס כ'האָב ניט פארהיט ליאָניע סמיגעלסקין. קום, זאָג איך דיר, וואָלאָשין איז ערגעץ אוועקגעגאנגען. פאר די גוטע נעכט האָט ער איצט שלעכטע טעג. בא אים אין ציי־מער באלעבאטעוועט איצט די נײַע פרימאדאָנע. מיט איר, מיין איך, האָסטו ניט וואָס צו ריידן.

— זאָל זײַן אן אנדערשמאָל, נאָר איך וועל אים אלצדינג זאָגן.

— „זאָגן"... דו ביסט גרייט זיך ווארפן אף אים מיט די פויסטן. מיינסט, אין דײַ־נע יאָרן בין איך געווען קליגער פון דיר? איך האָב זיך אויך אמאָל געוואָרפן אף מײַן באלעבאָס, האָט מען מיך דערפאר אזוי געמיימעסט, אז איך בין אף שטענדיק טויב געוואָרן. דו ווייסט ניט מינאסטאמע, אז איך בין אויך געווען א לופט־אקראָ־באט און אפילע געטרוימט זיך פארמעסטן מיט עמיל גראוועלע... וואָס קוקסטו אף מיר אזוי? גיי בעסער עפן מײַן רענצל און נעם ארויס ברויט און ווורשט.

— סידאָר סטעפאנאָוויטש, — האָט טאָדיע אין א רעגע ארום, נאָך אלץ אן אופ־גערעגטער, געריבן אף ביידע באקן און אײַנגעטײַנעט מיטן טויבן וועכטער, — די דרײַ רובל, וואָס דער קאסיר האָט מיר געגעבן, וועל איך אומקערן וואָלאָשינען. זאָל ער זיך ווארגן מיט זיי. מאָרגן פאָר איך קיין פעטראָגראַד.

— נו, יאָ, פאר גרויס בושע וועט ער טאקע גלײַך אפן אָרט פארברענט ווערן. און דערווײַל גיב איך דיר אן אייצע: פרווו זיך מיט גוטן באקומען דאָס, וואָס דיר קומט...

ווען וואָלאָשין האָט זיך דערוווסט, נאָך וואָס טאָדיע איז צו אים געקומען, האָט ער ארויסגענומען זײַן טאשן־זייגער, א קוק געטאָן אף די ווײַזערס און, אופשטייענ־דיק פון בענקל, א זאָג געטאָן:

— אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, דארפסטו איצט זײַן אף דער רעפעטיציע, איז גיי און דריי מיר ניט קיין קאָפּ. ווען איך וועל דיך דארפן, וועל איך נאָך דיר שיקן.

— הער וואָלאָשין, מער ארבעט איך בא אײַך ניט. זײַט אזוי גוט און צערעכנט זיך מיט מיר.

דער דירעקטאָר איז צוגעגאנגען צום טיש. ער האָט אָפּגערוקט אין א זײַט דעם זילבערנעם אש־בעכער, וואָס איז געווען פול מיט ניט קיין דערייכערטע פאפיראָסן, אופגעעפנט דעם שופלאָד און ארויסגענומען א ריין שטיקל פאפיר.

— איך וויל דיר דערמאָנען, אז דו ביסט ניט דוראַוו און אפילע ניט דער קלאָון לאקינדראָש. ס'איז מילכאָמע־צײַט, עס וועט זײַן גענוג אָנשרײַבן אין פאָליציי, אז דו ביסט א פארדעכטיקער שלעפער, אָן שום דאָקומענטן...

— שרײַבט, — האָט אים טאָדיע איבערגעשלאָגן, — נאָר פריִער טוט א קוק אף אָט דעם דאָקומענט. איר זעט ניט פונדערווײַטן? וועל איך אײַך איבערלייענען. „דער צירק־ארטיסט זשאק אלבראָ, דער פראנצויזישער בירגער"... פאראן אן אונ־טערשריפט, וואָס איז באשטעטיקט מיט א הערב־שטעמפל. איך זע, אז איר זײַט ניט מאסקים, איז קלאָגט זיך אף דעם הויכגעשטעלטן מאן, וואָס האָט מיר ארויסגעגעבן דעם דאָקומענט. און איצט נעמט ארויס פון בוזעם־קעשענע דעם טײַסטער און בא־צאָלט דעם „פארדעכטיקן שלעפער", וואָס האָט אזויפיל יאָר אָפּגעארבעט בא אײַך אומזיסט.

זשאַק האָט ביז איצט גאָר ניט געוווּסט, אַז וואַלאַשין קאָן זיך אַזוי זידלען. אָבער דאָך האָט דער באַלעבאָס געמוזט זיך צעשיידן מיט עטלעכע ביינקע קאָנקאַנדיקע אַסיגנאַציעס.

זשאַק איז געשטאַנען אויפֿן פּאַרשנייטן פּעראָן און געקוקט אויפֿן צוג, וואָס האָט געזאַלט אָט־אָט אַוועקגיין. אַ הויכער סאָלדאַט מיט אַ שראַם אויפֿן שטערן האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויף זיין מיליצע און מיט דער אַנדערער זיך געפּרוּווט אָנכאַפּן פֿאַרן הענטל פֿון וואַגאָן־טרעפּל.

אַ צווייטער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אין טאַמבור, האָט ביי אַ געשריי געטאָן אויף אים: „אַנו, פֿאַרנעם זיך פֿונדאַנענ!" — און האָט מיט דער קאָלבע פֿון דער ביקס אַ שטויס געטאָן דעם אינוואַליד אַזוי, אַז יענער איז אומגעפֿאַלן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע.

אין איין אויגנבליק האָט זשאַק זיך אַרופֿגעכאַפּט אויפֿן וואַגאָן־טרעפּל, אָבער די טיר איז שוין געווען פֿאַרהאַקט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פֿייף געטאָן, און דער פּאַסאַזשיר־צוג האָט זיך גערירט פֿון אָרט.

— דיין מאַזל, — האָט דער אינוואַליד געזאָגט זשאַקן, — דו וואָלסט ניט באַוויזן זיך צורירן צו אים, ווי ער וואָלט אויסגעשאָסן. אַזאַ קנעכט איז ערגער פֿון אַ באַלעבאָס. ניט אומזיסט האַלטן זיי אים דאָ און ניט אין די אָקאָפּעס. קום פֿונדאַנען.

אַ טאָג און אַ נאַכט האָבן זיי זיך געוואַלגערט אויפֿן וואָקזאַל. פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט דער קאַסיר קיין איין מאָל ניט געעפֿנט זיין פֿענצטערל.

דער אינוואַליד האָט דערציילט, און זשאַקן, וואָס איז געזעסן טראַכט־פֿאַרטראַכט, האָט זיך געדוכט, אַז אָט זעט ער אים, דעם ריאַזאַנער פּויער, ווי ער שטייט אַ פֿאַרשוויצטער אין פֿעלד און פּירט מיטן שאַרפֿשטיין איבער דעם דינעם שטאָל פֿון דער בלאַנקענדיקער קאָסע. פֿון ערגעץ לויפֿט אָן אַ ווינטל, און דער יאַם מיט קאָרנע זאַנגען נעמט זיך לאַנגזאַם כוואַליען. די דערוואַרעמטע ערד שמעקט, ווי אַ לעבעדיק לייב, מיט דאַמפּיקן שווייס. פֿאַר דער מינדסטער האַרעוואַניע צאָלט זי, די דאַנקבאַרע ערד, מיט גוטסקייט, נאָר קעדיי פֿאַרזייען, אויסכאַוועןן און אַראָפּנעמען אָט די רייפֿע קאָרענע קערנער, פֿאָדערן זיך הענט. און אָט הענט ווערט אין די דערפֿער מיט יעדן טאָג ווייניקער. צו מיטיק איז נאָך ווייט. וואָס זשע לויפֿט מען אַהער פֿון דאָרף? ער לייגט אַוועק די קאָסע אויף דער סטערניע, שטעלט צו די האַנט צום שטערן, און ביז ווייטעק אין די אויגן קוקט ער זיך איין אין דער ווייט. דער רייטער, וואָס האָט אַלעמען איבערגעיאָגט, פֿאָכט מיט דער בייטש און שרייט עפּעס. ער דערקענט אים, דאָס איז דער סטאַראָסטע.

— דו הערסט מיך? — טוט דער אינוואַליד אַ טאָרע זשאַקן באַם אַקסל. — טאַקע דאָרט אין פֿעלד האָב איך באַקומען די פּאָוועסטקע.

דער סאָלדאַט טראָגט צו צום מויל דעם פֿאַרדרייטן ציגאַר און נעמט קייען דאָס שטיקל האַרטע פּאַפּיר מיט די ציין. דערנאָך טוט ער עס אַ שמיר מיט דער אַרויסגעשטעקטער צונג און באַטראַכט ניט געאיילט דאָס שטיקל אַרבעט.

אַלץ הייסט הערן! צוזאַמען מיט יענעם קאַזיאָנעם פּאַפּיר, וואָס רופֿט זיך „פּאָוועסטקע", גייט זיך זשאַקן איבער דעם סאָלדאַטס אומרו. זשאַק זעט מאַמעש, ווי עס שיטן זיך פֿון די צייטיקע זאַנגען די טרוקענע קערנער. ווער קאָן זיך דען מיט זיי פֿאַרנעמען, אַז העכער פֿופֿצן מיליאָן געזונטע מאַנצבלען שלעפּן זיך איבער

אומצאָליקע שטויביקע, בלאָטיקע, פאַרפרוירענע וועגן צום פראָנט און זיי באַגלייט א יאָמערדיק געוויין פון פרויען און קינדער?

— דו זעסט דעם געאָרגי? — האָט דער אינוואליד ווײַטער פאָרגעזעצט. — איך האָב אים באַקומען פאַר ברענגען א „צונג". ווי ער האָט זיך ניט געבריקעוועט, האָב איך אים געבראַכט צו שלעפּן פון יענער זײַט פראָנט. אין פּוסטן קאָפּ האָב איך אויסגעלאָזט צו אים מײַנע צאָרעס. ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער איז פּונקט אַזאַ באַטראַק, ווי איך. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אין דאָרף א ווײַב מיט צוויי קליינע קינדער. זיי, די דײַטשישע סאָלדאַטן, האָט דער קײַזער געזאָגט, אַז דאָס רוסישע כאַיל האָט זיך אומגעריכט אַרײַנגעריסן צו זיי אין לאַנד.

— איז ווער, — פרעגט זשאַק, — דאַרף האָבן די מילכאָמע?

— ווער? נעם באַהאַלט, — האָט דער סאָלדאַט, אַרומקוקנדיק זיך, דערלאַנגט זשאַקן א צעקנייטשטע צײַטונג, — וועסט איבערלייענען די „אָקאָפּנאַיאַ פּראַוודאַ", וועסטו וויסן, ווער עס דאַרף האָבן די מילכאָמע.

א מענטש מיט א געלן באַשליק אויפן קאָפּ און אין א קורצער שוואַרצער טוזשור־קע איז צוזאַמען מיטן פּראָסט אַרײַן אין דעם האַלב־פינצטערן וואַקזאַל און אָנגע־זאָגט די יעדיעע, אַז פון דער דעפּאָ וועט אינגיכן אָפּגיין א מיליטערישער צוג, צו וועלכן מע האָט צוגעטשעפּעט עטלעכע פּוסטע פּראַכט־וואַגאָנעס.

און אָט שלעפּט ער זיך, דער צוג, פון איין פּאַלוסטאַנעק צום צווייטן. זשאַק מיטן סאָלדאַט זיצן אויפן הוילן דיל און ציטערן פון קעלט. דורך דער וואַגאָן־וואַנט, וווּ עס איז אויסגעבראָכן א שטיק ברעט, זעט זשאַק דעם דרויסן. אָט האָסטו דיר די ווערט פון א ווינטערדיקן טאָג. זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, און די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. מע קאָן שוין ניט אונטערשיידן די נאַקעטע בערעזעס פון די אָנגעפּעלצטע נאָדלביימער. דער ווינט טרײַבט לענגאויס דעם צוג א פּאַסמע שניי. דער צוג גייט איבער א בריק. אָט טראָגט זיך פאַרבײַ א סטאַנציע, און שמאָלע פּאַסן שײַן רײַסן זיך אַרײַן אין וואַגאָן, זיי כאַפּן אַרויס פון דער פינצטערניש א שטיקל וואַנט און ווערן גלײַך אויסגעלאָשן. אַנטקעגן אײַלט א צוג מיט העל־באַלויכטענע פּאַסאַ־זשיר־וואַגאָנעס. בײַ די טישלעך זיצן אָפיצערן און שפּילן אין קאָרטן. א פרוי שטייט, אָנגעשפּאַרט מיטן שטערן צום פענצטער, און קוקט זיך אײַן אין דער פינצטער...

זשאַק האָט זיך געלאָזט קיין פּעטראָגראַד, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט גע־פינט זיך איצט זײַן לערער דזשאָן גאַסטאָן. ער איז געווען זיכער, אַז יענער וועט אים העלפן זיך אײַנאָרדענען אין הויפּטשטאָטישן צירק. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז גאַסטאָן אַליין נייטיקט זיך אין הילף. געטראָפן האָט ער גאַסטאָנען ליגן מיט א צעקאַליעטשעטן פוס אין א פײַכטן, קאַלטן צימער, וווּ פון יעדן ווינקעלע האָט אַרויסגעקוקט דער וואָכעדיקער אומעט. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן פאַר זשאַקן, איז אָפּטרעטן אים אַן אָרט אויף דער צעריסענער קאַנאַפּע.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? — האָט דזשאָן מיט א צוגעקילטער הייזעריקער שטים געפרעגט. — דו ווייסט דען ניט, אַז צאָרעס לייגן זיך צורעשט אויפן פּאָנעם?

— דזשאָן, — האָט זשאַק געזאָגט, — פריִער פאַר אַלץ דאַרף איך זיך אויס־שלאָפן, דערנאָך וועלן מיר שוין זען. איך וועל אָנקומען אין צירק. נישקאָשע, מיר וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן.

אָבער אײַנשלאָפֿן האָט זיך זשאַקן ניט אײַנגעגעבן. צו דזשאָנען איז אַרײַנגעקומען זײַן שאָכן, לעאָניד לאַגוטין, אַ שלאָסער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד.

— נו, וואָס פֿאַר אַ נײַס האָט איר אונדז געבראַכט? — האָט דזשאָן געפֿרעגט.

— גוטע נײַס. אין שטאָט שטרײַקן הײַנט צוויי הונדערט טויזנט מענטשן.

דזשאָן האָט גלײַכגילטיק געפֿרעגט:

— איר האָט זיי אַליין איבערגעציילט?

לאַגוטין האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ צעבאַלעוועט קינד. ער האָט גענומען אַ טאַבורעט און זיך צוגעזעצט נעענטער צו דער קאַנאַפּע.

— דזשאָן, צוריק מיט אַ וואָך האָב איך אײַך דערציילט, אַז בײַ אונדז אויפֿן זאַוואָד האָבן די אַרבעטער געמאָלדן אַ שטרײַק און אַז דער דירעקטאָר דראָעט אוועקשיקן די בונטאָווטשטשיקעס אויפֿן פֿראָנט. איר זײַט געווען זיכער, אַז די אַרבעטער וועלן מוזן זיך אונטערגעבן. איצט זעט איר, אַז איר האָט אַ טעות געהאַט?

— פֿאַרוואָס זשע, מענטש איינער, האָב איך אַ טעות געהאַט? — האָט דזשאָן זיך אונטערגעהויבן אויפֿן געלעגער און זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן עלנבויגן. — דער דירעקטאָר האָט דאָך טאַקע פֿאַרמאַכט דעם זאַוואָד און אײַך אַלעמען דורכגעטריבן.

— דערפֿאַר זײַנען מיר, דרײַסיק טויזנט פּוטילאָווצעס, אַרויס אויף אַ דעמאָנסטראַציע. און וואָס האָט די וועלט דאָס, וואָס סאַך טאָג האָבן שוין אויף פּופּציק פּעטראָגראַדער אונטערנעמונגען געשטרײַקט נײַנציק טויזנט אַרבעטער? טוט אַ קלער: נעכטן — נײַנציק טויזנט, הײַנט צוויי הונדערט טויזנט. עס שמעקט מיט אַן אויפֿשטאַנד. און איר טײַנעט אַלץ, אַז מיר האָבן אַ טעות אין כעזשבן...

דזשאָן האָט אָנגעכאַפּט לאַגוטינס האַנט:

— איר האָט געהערט וועגן דעם ענגלענדער טאָמאַס מאָר? עפּעס? אַ שאָד. דער דאָזיקער מענטש האָט נאָך מיט פֿיר הונדערט יאָר צוריק אין זײַן פֿאַנטאַסטישן ראָמאַן באַשריבן דאָס גליקלעכע אינדזל אוטאָפּיע. דער טײַטש פֿון דעם וואָרט „אוטאָפּיע" איז — אַן אָרט, וואָס איז ניטאָ אויף דער וועלט. איז מיילע, טאָמאַס מאָר האָט אונדז דערציילט אַ שיינעם כאָלעם. נאָר ווי קומט עס, אַז איר, לאַגוטין, זאָלט זיך פֿאַרנעמען מיט פּוסטע טרוימען? די ביקסן זײַנען דאָך דערווײַל ניט בײַ אײַך. עפּעס איז ווייניק דאָס בלוט, וואָס גיסט זיך אויף די פֿראָנטן? אײַך פֿעלן נאָך אומזיסטיקע קאָרבאָנעס? איך גלייב ניט, אַז אַנדערע שטעט זאָלן אײַך נאָכגיין. איך רייד שוין ניט פֿון דעם פּויער, אים וועט איר דאָך מיט קיין פּראָקלאַמאַציעס פֿון זײַן שטיקל ערד ניט רירן?

לאַגוטין האָט זיך אויפֿגעהויבן:

— וואָס פֿאַר אַן ערד, וווּ האָט דער פּויער ערד? און נאָך, טײַערער דזשאָן, האָט איר פֿאַרגעסן, אַז ווען אײַער טאָמאַס מאָר האָט געלעבט, זײַנען נאָך ניט געווען קיין פּוטילאָוור־זאַוואָדן... איר ווייסט, גאַסטאָן, איר זײַט אַ טשיקאַווער מענטש. אין צירק ריזיקירט איר אַפֿילע מער, ווי מע דאַרף. און דאָ האָט איר פֿאַר אַלץ מוירע...

זשאַק האָט צוגערוקט דאָס בענקל, אויף וועלכן ס'איז געלעגן זײַן אָנטאָן, און אַרויסגעשלעפּט פֿון דער בוזעם־קעשענע די „אָקאָפּנאַיאַ פּראַוודאַ".

— דזשאָן, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אָט די צײַטונג האָט מיר צוריק מיט אַ פּאָר טעג געגעבן אַ ריאַזאַנער פּויער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מיל־

כאַמע א קאַליקע. ער וועט שוין מיט זײַן פּאַרעץ בעשאָלעם ניט לעבן... מײַנע צוויי ברידער, וועלכע געפינען זיך דאָס דריטע יאָר אפן פראָנט, וועלן אין אזעלכע, ווי מײַן טאטע, ניט שיסן... זיי וועלן ניט צעטרײַבן די פרויען, וואָס מאָנען ברויט פאר זייערע קינדער... דזשאָן, איר מיינט, איך האָב פארגעסן מײַן כאווער ליאָניע סמיגעלסקי? דעם כערסאָנער גובערנאַטאָר, דעם מעליטאָפּאָליער שטאָט־באלעבאָס? און מיט אײַך איז מען זיך באַגאנגען בעסער, איידער מיט די פּוטילאָווצעס?

לאגוטין האָט א ווונק געטאָן צו זשאקן:

— מאָלאָדיעץ! א שאָד, נאָר איך מוז אוועקגיין, איך וועל נאָך צו אײַך ארײַנקומען...

אין פּעטראָגראַד

א מידער און א הונגעריקער האָט זשאק זיך אומגעקערט פון שטאָט און געוואָלט וואָס גיכער זיך דערקלײַבן צו דער קאנאַפּע. נאָר עמעצער האָט שטארק גענומען קלאפּן אין דער טיר.

דזשאָן האָט זיך דערפרייט:

— אזוי טומלען קאָן בלויז דער קלאָון לאקינדראָש. עפן די טיר, אניט וועלן באלד אלע שכיינים זיך צונויפלויפן, ווי אף א סרייפע.

שוין פון דער שוועל האָט לאקינדראָש גענומען פילדערן:

— וואָס האָט איר אויסגעגלאָצט אף מיר די אויגן? אז די נאָז איז בא מיר א בלאָווע און א שפּיצעכיקע, ווייסט איר דאָך, און אויב איר ווילט נאָך זען דעם פליך אף מײַן קאָפּ, וועט אײַך אויסקומען צוווארטן, ביז איך וועל אראָפּנעמען דעם גרויסארטיקן צילינדער. נאט, נעמט בא מיר בעסער צו די פּעקלעך, נאָר פּאָרזיכטיק: אינעם קעסטל ליגן אייער. און צו דער פלאש פארוואָר איך אײַך זיך צורירן אפילע...

— לאק, — האָט גאסטאָן געזאָגט קלוימערשט מיט קאס, — אָן אָנשטענדיקער מענטש קלאפּט אָן איין מאָל אין טיר, און דערנאָך שטייט ער שטיל און וואַרט, ביז מע עפנט אים.

— אזוי?.. אניט ווייסטו ניט, אז וואָס איין קלאפּ איז ניט בעקויעך צו מאכן, קאָן אופטאָן א צווייטער.

— לאק, זײַ באקאנט. דאָס איז זשאק אלבראָ. איך האָב דיר וועגן אים דערציילט. אים קאָנסטו פארבינדן די הענט און די פיס, און פונדעסטוועגן וועט זיך בא אים די טיר עפענען.

— פון אינוויייניק, פארשטייט זיך.

— ניין, לאק, פון דרויסן.

— אויב אזוי, — האָט לאקינדראָש א ווונק געטאָן מיט זײַנע שעלמיש־לאכנדיקע אויגן, — נעם איך די פלאש צוריק אין קעשענע. אזוי וועט זײַן זיכערער. איר, זשאק, ווי אלע פאקירן, זײַט מיסטאַם א גאנצן טאָג געזעסן אף הייסע קוילן און געשלונגען צעגליטע צוועקעס, און איצט ברענט אײַך אפן הארצן, און מײַן פלעשל וועט אײַך קלעקן נאָר אף א לעק צו טאָן. איך האָב ליב אזוינע מענטשן, וואָס שעפּן ווײַן מיט א גאָפּל, און אויב עס נעמט זיך צופיל אָן, טוען זיי נאָך דעם גאָפּל א גוטן טרייסל...

— זשאק, גיכער וועט לאגוטין אראָפּוואַרפן דעם קייסער, איידער עס וועט נעמען א סאָף צו לאקינדראָשס רייד. זאָל ער זיך האלטן מיט זײַן פלאש. מיר מיט דיר זעצן זיך עסן.

עמעצער אף זשאקס אָרט וואָלט זיכער דערפילט, אז פון לאקינדראָשן שמעקט מיט ביליקן אָדעקאָלאָן. ער אָבער האָט צוערשט דערשפירט דעם רייעך פון גרים. אין דער רעגע איז זשאק גרייט געווען ארופציִען אף זיך אפילע דעם אָנצוג פון אן אוניפאָרמיסט, אבי שטיין אפן מאנעזש, הערן דעם גערויש פון צירק, קוקן אף דעם פארגאפטן אוילעם.

ווען עמעצער זאָל איצט פרעגן בא זשאקן, צי געפעלט אים לאקינדראָש, וואָלט ער מיסטאם ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. דערווײַל זעט לאקינדראָש אים אויס עפּעס מאָדנע. צוליב וואָס, פרעגט זיך, האָט ער א צי געטאָן דעם געפּעס־האנטעך און מיט די לאנגע דינע פינגער געגומען פונדאַסנײַ אויסווישן די ריינע גלאָז? לאקינדראָש עסט און טרינקט געשמאק, לאכט געשמאק, נאָר אלץ אף זײַן אייגענעם אויפן. אפילע די פלאש ווײַן האָט ער אופגעעפנט ניט ווי געוויינלעך. ער האָט זי איבערגעקערט מיטן העלדזל אראָפּ און מיט אן אומבאמערקטער באוועגונג אזוי ארויסגעצויגן דעם קאָרעק, אז אפילע קיין טראָפּן האָט זיך ניט אויסגעגאָסן.

דזשאָן איז שוין, ווײַזט אויס, געוווינט צו לאקינדראָשן. ער מישט מיטן לעפעלע די הייסע טיי און דרייט אפילע ניט אויס דעם קאָפּ צו אים.

לאקינדראָש האָט אָפּגערוקט פון זיך די פוסטע פלאש און זיך א נעם געטאָן צו זשאקן.

— אז א מענטש טוט גאָרנישט, הייבט ער אָן צו זשאווערן, ווי א לעמעך נאָך א רעגן. איך פארשטיי, אז קינדער טרוימען ווערן צירק־ארטיסטן. נאָר איר זײַט דאָך שוין א כאָסנבאָכער, איז מײַן אייצע — קערט זיך אום אין שטעטל, זוכט זיך אָפּ א קאַלע מיט לאנגע שווארצע צעפּ און ווערט אן איידעם אף קעסט...

גאסטאָן האָט זיך שארף א קער געטאָן אף דער קאנאפּע און, ליגנדיק שוין מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, באפוילן:

— זשאק, פארלעש די שײַן און לייג זיך שלאָפן.

אין צימער איז מיטאמאָל געוואָרן אזוי שטיל, אז זשאק האָט דערהערט, ווי עס שלאָגט באם שאָכן דער וואנטזייגער. מאָדנע, נאָר דעם קלאָונס ווערטער האָבן אים גאָר ניט אזוי שטארק באליידיקט. אָט האָט ער דאָך ערשט הײַנט אליין א קלער געטאָן, אז זײַנע פלענער ווערן צעקראָכן, ווי שפּינוועבס. וואָס קאָן ער איצט טאָן אין צירק? דעם אויבנאָן פארנעמען דאָרט איצט ניט די פארווײַלונגס־קאָמיקער, נאָר די, וואָס קאָנען בייז, סארקאסטיש באווײַזן די פארדאָרבנקײַט פון דער „הויכער" געזעלשאפט, פון דער מאכט, מיט איין שלאָג־וואָרט אויסדריקן דעם איקער. מיט גרויס פארשטאנד, דערפינדעריש, פריש טוען עס די סאטירע־קאָמיקער, אזעלכע, ווי לאקינדראָש. ער, דערציילט מען, פארמאָגט א וועלט מיט האמצאָעס. זײַנע מאָ־נאָלאָגן זײַנען ניט קיין אויסגעטראכטע, די העלדן — קאָפּירט פון לעבעדיקע מענטשן. דער צושויער דערקענט זיי. איז ניטאָ זיך וואָס צו כידעשן, וואָס זײַנע ווערטער האָבן אויך איצט געטראָפן אין פינטל ארײַן. נאָך דערציילט מען, אז זייער אָפט פירט מען לאקינדראָשן פון מאנעזש גלײַך אין פּאָליציי־באצירק. דאָרט קאָן מען זיך פון אים קיין וואָרט ניט דערשלאָגן...

די טאבורעטקע האָט א סקריפּע געטאָן, און ווי פון ערגעץ זייער ווײַט האָט זיך דערהערט לאקינדראָשס קאָל:

— דזשאָן, דו מיינסט טאַקע, אַז איך האָב געהאַט אין זינען שלעכטס?
און צו זשאַקן:
— זשאַק, דו האָסט כאָטש פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב קיין שלעכטס ניט געמיינט?
זשאַק האָט אים געענטפערט:
— פאַרשטאַנען. איך ווייס, אַז איר זײַט מיר ניט קיין סוינע...
לאַקינדראַש זאָל זיך ניט פוילן, וואָלט ער געמעגט פאַר אַזא ענטפער זיך אַראָפּ־לאָזן אין קלייט נאָך אַ פלעשל ווײַן. יאָ, ער וועט טאַקע אַזוי טאָן. נאָר אַהער וועט ער קומען מאָרגן, און אויב נאָר דער באַכער האָט אין זיך אַ פונק, אויב ער וויל ווערן אַ קלאָון, וועט שוין לאַקינדראַש ווי־ניט־איז אים העלפן זיך אומקערן אַפּן מאַנעזש. טאַקע ער אַליין, לאַקינדראַש, וועט זײַן דער רעזשיסער פון זשאַקס ער־שטער קלאָון־פּראָגראַם אין פּעטראָגראַד.

דער צירק איז געפּאַקט. דער פּאַרטער איז, ווי שטענדיק, פול מיט רײַך־געקליי־דטע דאַמען און הערן. אַף דער גאַליאָרקע — אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן.
די אוניפאָרמיסטן האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסגלײַכן דעם טעפּיך, ווי אַפּן מאַ־נעזש איז אַרויסגעלאָפן דער קלאָון זשאַק אַלבראָ. זײַן ברייט מויל איז ניט צעצויגן אין קיין שמייכל. ער איז ערנסט. אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ שאַכטל קאָנ־סערוון. עס באַווײַזט זיך דער שפּרעכשטאַלמייסטער.
— זאָג מיר נאָר, טײַערער, — ווענדט זיך צו אים זשאַק, — מיט וואָס שיידט זיך אונטער די צײַטווײַליקע רעגירונג פון אָט די קאָנסערוון?
דער שפּרעכשטאַלמייסטער שטייט ווי געפּלעפּט. ער ציט אַרײַן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, צעשפּרייט די הענט און פרעגט פאַרכידעשט דעם קלאָון:
— ווי קאָן מען פאַרגלײַכן אַ רעגירונג מיט סאַרדינען?
זשאַק נעמט אַרויס פון דער טיפער קעשענע אַ שליסעלע אַף עפענען די קאָנ־סערוון און הייבט אָן מיט דעם דרייען, ווי ער זאָל אָנציִען אַ זייגער. און אָט איז דאָס בלעכענע דעקל אופגעעפנט.
— איר זעט? די סאַרדינען זײַנען אָן קעפּ, נאָר זיי ליגן אין אָרדענונג. די לײַט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָבן דאַפקע קעפּ, נאָר קיין אָרדענונג איז ניטאָ...
די גאַליאָרקע קײַכט פון געלעכטער. עס דערהערט זיך אַ געשריי:
— וואָן פון צירק, באָלשעוויסטישער אַגענט!
דאָס שרײַט עמעצער פון די ערשטע רייען. באַם זײַטיקן אַרויסגאַנג, לעבן דעם פײַערלעשער מיטן מעשענעם העלם אַפּן קאָפּ, שטייט אַ סטודענט און פאַכט אײַנ־דערלופטן מיט זײַן בלוי היטל. ער פאָדערט, אַז דער קלאָון זאָל נעמען צוריק זײַנע ווערטער און בעטן אַנטשולדיקונג.
די גאַליאָרקע שטורעמט.
— שטילער! — בעט זיך זשאַק בײַ דעם עולם. — איך מוז זיך טאַקע אַנטשול־דיקן, ווײַל ס'איז פאַראַן נאָך איין כילעק צווישן די סאַרדינען און דער צײַטווײַ־ליקער רעגירונג... — ער טראָגט אונטער די פּושקע צו זײַן לאַנגער גומאָזע־נאָז. — אַך, ווי גוט עס שמעקן די סאַרדינען...
לויט דעם, ווי זײַנע קאָלעגן האָבן זיך געזעגנט מיט אים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מער האָט ער זיך ניט וואָס אומצוקערן אַהער.

אין פעטראָגראַד זײַנען געווען נאָך צוויי צירקן און עטלעכע באַלאַגאַנען. די נומערן, וועלכע זשאַק האָט באַוויזן, האָבן אויסגענומען בײַ די אימפּרעסאַריער. אָבער ווי נאָר די באַלעבאַטים פּלעגן זיך דערוויסן, אַז ער האָט ניט קיין קלאָון־אַנצוג, האָט מען אים געענטפערט:

— אַ קלאָון אָן אייגענעם רעקוויזיט איז קיין קלאָון ניט.

שפּאַנט ער, זשאַק, איבער די טומלדיקע גאַסן, צום הויז, וווּ עס געפינט זיך דער פּעטראָגראַדער סאָוועט. ער וועט זיך דערשלאָגן צום פּאַרזיצער טשכעידזע[1] און אַלץ אים דערציילן...

אין דעם געראַמען קאַבינעט האָט זשאַק זיך אַרײַנגערוקט אַזוי שטיל, אַז טשכעי־דזע האָט עס ניט באַמערקט. אויף דעם גרויסן טיש מיט די געטאָקטע פיס זײַנען געלעגן אַ סאַך פּאַפּירן. דער פּאַרזיצער איז געווען פאַרטיפט אין לייענען אַ צײַ־טונג. זשאַק האָט נאָכאַמאָל אופגעעפנט און מיט אַ קלאַפּ צוגעמאַכט די טיר. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז טשכעידזע האָט אַפילע אַ ציטער געטאָן און מיט די אויגן אים באַפוילן בלײַבן שטיין בײַם אַרײַנגאַנג.

— ווער האָט אײַך אַרײַנגעלאָזט צו מיר?!

— אַנטשולדיקט, איך האָב געוואָלט בײַ אײַך פרעגן, ווי באַציט זיך די רעוואָ־ליוציע צו אונדז, צירק־אַרטיסטן?

— וואָ־אָס? — האָט טשכעידזע זיך עטוואָס אופגעהויבן פון דעם שטול און, אַרומקוקנדיק זיך, ווי ער וואָלט וועלן פרעגן בײַ עמעצן אַן אייצע, צי זאָל ער גלײַך דורכטרײַבן דעם מאָדנעם פּאַרשוין, אָדער אים אָפּרײַער גוט אויסזידלען, האָט ער פאַרגעזעצט: — ווי די ציגײַנער, האָט איר, צירקאַטשעס, זיך שטענדיק אַרומגע־שלעפּט איבער דער וועלט. איר זײַט פרײַ, ווי די פייגל. איז וואָס נאָך פעלט אײַך?

נאָך אַזאַ ענטפער האָט זשאַק אויף קיין גוטס ניט געוואַרט. איצט האָט ער שוין געקוקט ניט אויף טשכעידזעס פּאָנעם, וואָס איז אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרצער באָרד, נאָר אויף זײַן האַנט, וועלכע איז געבליבן הענגען אינדערלופטן.

— מע נעמט מיך ניט אויף קיין אַרבעט בלויז דערפאַר, ווײַל איך האָב ניט קיין אייגענעם קלאָון־אַנצוג.

— אַזוי? — האָט ווידער אין טשכעידזעס אויגן זיך באַוויזן אַ בייז פײַערל. — און דו ווילסט מינאַסטאַמע, אַז די מעלוכע זאָל דיר גלײַך אונטערטראָגן אַ נײַ־בקן אַנצוג? דו פאַרשרײַב זיך בעסער פרײַוויליק אויפן פראָנט, און ווען מיר וועלן זיגן, וועלן מיר דאַן אונטערעכענען, וויפל באַלאַגאַנשטשיקעס מיר פאַרמאָגן און צי דאַרפן מיר האָבן נאָך לייצים...

— אין דער צײַטונג, — האָט זשאַק אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע די „אָקאָפּ־נאַיאַ פּראַוודאַ", — שרײַבט מען: „נידער מיט דער מילכאָמע! די אַרבעטנדיקע פון רוסלאַנד און דײַטשלאַנד זײַנען ברידער און דאַרפן ניט הארגענען איינער דעם צווייטן". איז אויף וואָס פאַר אַ פראָנט שיקט איר מיך?

אַזוינס צו הערן דאָ אין קאַבינעט האָט טשכעידזע זיך ניט געריכט. ביז ער האָט באַוויזן אויסמעסטן די לענג פונעם צימער, איז זשאַק שוין געווען פון יענער זײַט טיר.

[1] נ. ס. טשכעידזע — לידער פון דער דומע־פּראַקציע פון די מענשעוויקעס. פון פעווראַל ביז אויגוסט 1917 געווען פּאַרזיצער פון פּעטראָגראַדער סאָוועט. אַן אָנהענגער פון אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע.

...זשאק האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָלדרע און מיטביידע פויסטן גענומען רײַבן די פאַרשלאָפענע אויגן. גאַסטאָן, א פּריש־אויסגעראַזירטער, אין א ווײַס, שטאַרק אָנגעקראַכמאַלעט העמד, איז געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

— דזשאָן, וואָס האָט איר עס גאַנצפרי צעעפנט די פענצטער? עס בלאָזט דאָך.

— נאַרעלע, אפילו די נעווא עטעמט שוין מיט פרילינג. זעסט, ווי די פייגל קלײַבן זיך אַפּן וועג, ווי זיי זוכן און געפינען שפּײַז אפילו אין די שטיינערנע געדערים פון דער שטאָט. מיר מיט דיר זײַנען ניט ערגער און ניט בעסער פון זיי. גיי וואַש זיך אַרום, ווײַסטו מיט מיר צוגיין אין איינעם אָן אָרט.

— וווהין? — האָט זשאַק ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז עס פאַר דער נאַכט פאָרגעקומען מיט גאַסטאָנען.

— צו א באַקאַנטן הענדלער, ער וווינט ניט ווײַט פונדאַנען. דעם ווינטערדיקן מאַנטל דאַרף איך שוין ניט, און מע קאָן באַקומען פאַר אים עטלעכע רובל. פאַראַן בא מיר נאָך זאַכן, אָן וועלכע איך וועל זיך באַגיין. און מיר מיט דיר דאַרפן איצט האָבן געלט. וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? אַוועקפאָרן פונדאַנען קלײַב איך זיך ניט. איך וויל זען, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן לאַגוטינס שפּיל...

— דזשאָן, אויב די מעניע איז נאָר אין דעם, לוינט ניט צו פאַרהאַלטן זיך.

— דו מיינסט אַזוי?

— ווי דען? ווו איר זאָלט ניט זײַן — אין ענגלאַנד צי ערגעץ אַנדערש — וועט איר זיך שוין דערוויסן.

— און אויב איך וויל אַליין אונטערשטעלן א פּלייצע... פונדערווײַטן, פאַרשטייסטו, וועט עס זײַן שווערער צו טאָן...

— אַזוי גאָר? וואָס זשע האַלט איר מיך אין איין אײַנריידן, אַז בא מיר איז צו א הייסער טעמפּעראַמענט, און אַליין קלײַבט איר זיך פאָרנעמען א טראַט, וואָס איז געפערלעכער פון א סאַלטאָ־מאָרטאַלע?

— ווייסטו דאָך, אַז מיר אין צירק זײַנען געוווינט צו ריזיקירן... נעם דעם טשע־מאָדאַן און קום.

זשאַק גייט און טראַכט, אַז ווען די מאַמע זאָל דאָ זײַן, וואָלט זי מיסטאָמע גע־זאָגט: „א וועלט מיט וועלטעלעך"... כאָטש ניין, איצט, ווען זי מיטן טאַטן זײַנען דאָרט פאַרבליבן אַליין, ווען מאַטל און לייווי ליגן אין די אָקאָפּעס, וואָלט זי זיך עפּשער ניט געכידעשט און מאַסקים געווען מיטן טאַטן, אַז „אַפילו א קנויל האָט אויך אַן עק". און נאָך האָט זשאַק א טראַכט געטאָן: אוי, מוז זיי דאָרטן זײַן ביטער! וואָלט ער כאָטש ניט געווען אַזאַ שלימאַזל, וואָס לעבט אַף פרעמדע קעסט... זאָל ער נאָר באַקומען דאָס ערשטע געלט, וועט ער עס צעטיילן אַף דרײַ גלײַכע כאַלאָ־קים: דער מאַמען, דזשאָנען און זיך.

לאָזט זיך אויס, אַז עפּעס פאַרקויפן איז גאָר ניט אַזוי גרינג. עמעס, פאַר דעם גאָלדענעם זייגער האָט גאַסטאָן גלײַך באַקומען מעזומען געלט. נאָר דעם גרויען ווינטערדיקן מאַנטל, דעם קימאַט נײַעם וואָלענעם סוויטער האָט דער הענדלער גענומען אין די הענט מיט אַזאַ אויסדרוק אַפּן פּאָנעם, ווי דאָס זאָלן זײַן שמאַטעס, וועלכע מע מעג אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן.

— הײַנט, — זאָגט ער, — איז שוין דער דריטער אַפּרעל. איז ווער קויפט איצט אַזעלכע זאַכן? גראַשנס האָבן זיי די ווערט. נאָר אײַך, הער גאַסטאָן, וועל איך דאָך עפּעס פאַר זיי באַצאָלן.

זשאַק איז גרייט געווען אַרויסרײַסן די זאַכן פונעם איבערקויפערס הענט. נאָר דזשאָן האָט אַפילע זיך ניט געדונגען. דאָס געלט האָט ער אַרײַנגעלייגט אין טײַ־סטער און באַם אָוועקגיין נאָך געווונטשן דעם הענדלער האַצלאָכע.

אויף די טראָטואַרן קלעקט שוין ניט קיין אָרט פאַר די דורכגייער, באַזונדערס פול איז אויף דער זוניקער זײַט. פון די ברייטע פּראָספּעקטן דערטראָגן זיך אַהער קלאַנ־גען פון דער מאַרסעליעזע, וואָס איז איצט געוואָרן זייער פּאָפּולער. דער קרעמער, וואָס האָט באַגלייט דעם הער גאַסטאָן צום אַרויסגאַנג, האָט זיך אַרומגעקוקט, און איבערגעשראָקענער זיך געלאָזט צוריק אין שטוב אַרײַן און פאַרהאַקט די לאָדן.

דזשאָנען האָט פאַרדראָסן, וואָס גראָד הײַנט, ווען אין צימער איז אויפגעראַמט און וואַרעם, ווען אויפן אײַזערנעם אײַוועלע קאָכט זיך אַ געשמאַקע וועטשערע און צוגאַסט דאַרף קומען לאַקינדראַש מיט נאָך אַ פּאָר כאַווײַרים, קלײַבט זיך זשאַק אַוועקגיין.

— דאָס, וואָס איך קאָן לאַגוטינען ניט כאַפּן, פאַרשטיי איך נאָך: הײַנט, זאָגט מען, קומט קיין פּעטראָגראַד לענין. נאָר ווהין אײַלסטו זיך? ווערסט זיך דאָך אַהין ניט דורכשלאָגן.

— איך וועל פּרווון...

ס׳איז געווען אַ וואַרעמער אָפּדערנאַכט. דעם טאָג האָט קיינער ניט געאַרבעט, די צײַטונגען זײַנען ניט דערשינען, און דאָך האָבן שוין אַלע אין דער הויפּטשטאָט געוווּסט, אַז לענין קומט צו פאָרן.

מיט זײַטיקע געסלעך האָט זשאַק זיך דערקליבן צו קשעסינסקעס פּאַלאַץ, וווּ עס זײַנען געשטאַנען אויף דער וואַך די סאָלדאַטן פון דעם באַוווּסטן פּאַנצער־דיוויזיאָן, וואָס האָט נאָך אין פעברואַר פאַרכאַפּט דאָס דאָזיקע הויז און עס איבערגעגעבן די באָלשעוויקעס. וואָס נעענטער צום פינלענדישן וואָקזאַל, אַלץ געדיכטער איז גע־וואָרן דער עולם. זשאַק האָט אַ פאַרכידעשטער געקוקט אויף דער קאָלאָנע, ווו צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון פּעטראָגראַדער ראַיאָן האָט מאַרשירט דער גוואַר־דייִשער גרענאַדיאָרן־פּאָלק; אין אַ צווייטער קאָלאָנע האָט דער געוועזענער מאָ־סקווער לייב־גוואַרדיע־פּאָלק געשפּאַנט צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון וויבאָרגער ראַיאָן, די דאָזיקע קאָלאָנע האָט פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ.

זשאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, נאָר אַ נײַע מענטשן־כוואַליע האָט אים אונטערגעכאַפּט ווי אַ שפּענדל און אָפּגעטראָגן צום פעראָן. איצט איז ער געשטאַנען צווישן די סעסטראָרעצקער אַרבעטער, וועלכע זײַנען געקומען אַהער פון אַן אַנדער עק שטאָט. זיי איז אויסגעפאַלן דער קאָוועד די ערשטע צו באַגעגענען לענינען.

„גאַסטאָן איז געווען גערעכט, — האָט זשאַק אַ טראַכט געטאָן. — אויסער קעפּ און פּלייצעס, וועל איך דאָ גאָרנישט ניט זען". זײַן בליק איז געפאַלן אויפן טעלע־גראַף־סלופּ, לעבן וועלכן ער איז געשטאַנען, און אין איין אויגנבליק האָט ער זיך אויף אים אַרויפגעדראַפּעט.

— היי, פּאָלונדראַ! — האָט צו אים אַ געשריי געטאָן אַ מאַטראָס. — קריך אַרויף העכער און זאָג, וואָס דו זעסט.

— איך זע מענטשן, פאָנען, לאָזונגען...

— איז לייען, וואָס איז דאָרט אָנגעשריבן.

— וואַרט אַ ווײַלע. איך וועל נאָר דערוואַרעמען די הענט. עס איז אָנגעשריבן: „זאָל לעבן לענין!‟, „זאָל לעבן די רעוואָליוציע!‟, „די ערד די פּויערים!‟, „נידער מיט דער מילכאָמע!‟

— אָט דאָס דאַרפֿן מיר טאַקע. נו, און פֿון דײַן פֿויגל־נעסט זעט מען נאָך ניט דעם צוג?

— ניין, איך זע צוויי בראָנעוויקעס.

— היי, דו, אַקראָבאַט, פּאַרוואָס זאָלסטו ניט געבן קיין צייכן דעם מאַשיניסט, אַז ער זאָל ניט זשאַלעווען די רעדער און וואָס גיכער ברענגען לענינען?

— שוין פֿון לאַנג געגעבן, נאָר עפּעס פֿאָלגט ער מיך ניט...

דער זייגער אַפֿן וואָקזאַל האָט באַוויזן האַלב צוועלף. באַ זשאַקן זײַנען די הענט און די פֿיס אַזוי פֿאַרגליווערט געוואָרן, אַז ער האָט מוירע געהאַט: אָט־אָט פֿאַלט ער אַראָפּ. און מיטאַמאָל... ניין, דאָס איז ניט געווען קיין געוויינלעכער קורצער אָפּגע־האַקטער פֿײַף. דאָס מאָל האָט די לאָקאָמאָטיוו־סירענע הויך און דורכדרינגלעך גע־מאָלדן: לענין קומט!

אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע האָט דערהערט, ווי עס קלאַפּן די רעדער איבער די רעלסן. ווען דער צוג איז שטיין געבליבן, האָט די שײַן פֿונעם פּראָזשעק־טאָר זיך אַ קער געטאָן צום טאַמבור, וווּ עס איז געשטאַנען לענין. אַ דינער שטראַל האָט באַלויכטן לענינס שמייכלענדיק פּנים, זיך איבערגעוואָרפֿן אויף זײַן ווײַסן קעלנערל, אַ גלעט געטאָן זײַן טונקעלע פּאַלטאָ און זיך אָנגעהויבן שפּיגלען אין די ריין־אויסגעפּוצטע שטיבלעטן.

אַ פֿאַרגאַפֿטער האָט זשאַק זיך אײַנגעהערט אין דער רעדע, וואָס לענין האָט געהאַלטן, שטייענדיק אין דער וואַגאָן־טיר.

עטלעכע סעסטראָרעצקער אַרבעטער האָבן אויפֿגעהויבן לענינען אויף די הענט און אים דערטראָגן ביז דעם געוועזענעם קייסערלעכן פּאַוויליאָן, וווּ עס האָט אויף אים געוואַרט אַ דעלעגאַציע פֿון פּעטראָגראַדער סאָוועט.

צו לענינען איז זשאַקן איצט געווען מאַמעש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. אָט שטייט לענין לעבן דער דעלעגאַציע, דאַרט געפֿינט זיך אויך טשכעידזע, נאָר לענין דרייט אויס דעם קאָפּ צום אוילעם.

פֿײַל־אויסן־בויגן לאָזט זיך זשאַק אַראָפּ פֿון דעם טעלעגראַף־סלופּ. די צוויי שפּאַן, וואָס טיילן אים אָפּ פֿון לענינען, גיט זיך אים טאַקע ניט אײַן צו מאַכן. דערפֿאַר שרײַט ער אויס אויף אַ קאָל:

— וולאַדימיר איליטש! דערלויבט אײַך פֿרעגן.

— פֿרעגט, — האָט לענין פֿרײַנטלעך אַ קוק געטאָן איבער די קעפּ אויף דעם יונגן באָכער.

— איך בעט אײַך, איר זאָלט דערקלערן, וואָס האָט די רעוואָליוציע געגעבן אונדז, צירק־אַרטיסטן? נאָך לאַנג וועלן די באַלעבאַטים זיך איזדיעקעווען איבער אונדז?

— וווּ אַרבעט איר?

דער אוילעם האָט זיך אַ רודער געטאָן, און זשאַקן האָט זיך אײַנגעגעבן דערנעענ־טערן צו לענינען.

— איך בין אַ וואַנדער־אַרטיסט.

לענין האָט אַרופֿגעלייגט די האַנט זשאַקן אויפֿן אַקסל:

— דאָס פּאָלק האָט ליב צירק און נייטיקט זיך אין אים. איך בין פון קינדווייז פאַרליבט אין צירק. וולאַדימיר דוראָוון קענט איר? — זשאַק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ". — באַמיט זיך אים אָפּזוכן. איך מיין, אַז ער וועט אייַך העלפן.

...עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. זשאַק האָט געבלאָנקעט איבער די גאַסן און פּראָספּעקטן, און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער פילט נאָך אַלץ די וואַרעמ־קייט פון לעניס האַנט.

פּאַרזיכטיק האָט ער אופגעשלאָסן און אופגעעפנט די טיר פון צימער, זיך שטיל אויסגעטאָן. צו דער קאַנאַפּע איז ער צוגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער און פלוצעם הויך אַף א קאָל א געשריי געטאָן:

— דזשאָן! איך האָב גערעדט מיט לעניען!

זורך דעם ווינט אין פעלד

דער זעלבער לאַקינדראַש, וואָס האָט אַנומלטן געייצעט זשאַקן ווערן אַן איי־דעם אַף קעסט, האָט איצט אַן אופגערעגטער געשפּאַנט איבערן צימער און גע־האַלטן אין איין אייַנטענען, אַז זשאַקס אָרט איז אַפּן מאַנעזש.

— פּאַרשטייסט, — האָט ער א רייַב געטאָן דעם געקנייטשטן האַלדז זייַנעם, — איך האָב פייַנט, ווען מע באַווייַזט מיר פליגן און מע וויל מיר אייַנריידן, אַז דאָס זייַנען צירק־עקוויליבריסטן. איך האָב ליב עקסטראַ־קלאַס. גאַסטאָנען האָב איך ליב, ווייַל ער איז פּינקטלעך, ווי א זייגער, אָבער אויך ער האָט א כיסאָרן — אים פעלט די פּאַרזיכטיקייט פון א כירורג. דזשאָן, געדענקסט, איך האָב עס דיר נאָך מיט צען יאָר צוריק געזאָגט.

— עמעס, האָסט א גוטן זיקאָרן.

— ווען ניט דער זיקאָרן, וואָלטן מיר ניט אַזוי גיך אַלט געוואָרן. איז אָט, זשאַק, מייַלעס האָסטו גענוג, דו דאַרפסט כאָטש אַף א צייַט אַרייַנפאַלן אין רעכטע הענט. אַפילע באַם באַרימטן טשיניזעלין אין צירק איז איצט ניטאָ אַזא מענטש, וועלכער זאָל דיך אויסמושטרירן.

— וואָס לייגסטו פאָר? — האָט אים דזשאָן איבערגעשלאָגן.

— איך לייג פאָר, אַז זשאַק זאָל זיך ניט קלייַבן, ווי אַף א יאַריד. געלט אַף א בילעט האָבן מיר, איז זאָל ער גלייַך פאָרן. דוראָוו, זאָגט מען, איז איצט אין קרים.

— גוט, — האָט זשאַק געענטפערט, — מאָרגן וועלט איר פון מיר פּאָטער.

— דזשאָן, דו האָסט כאָטש געהערט? ניט אומזיסט זאָגט מען: וואַרף א הונט א ביין, וועט ער דיך נאָך א ביס טאָן. א שאָד, וואָס מיר האָבן ניט קיין סאַרדינען אַף צו פאַרבייַסן. איר זעט דעם בראַנפּן? שטאַרק, ווי ספּירט, און ריין, ווי קוואַל־וואַסער.

דרייַ גלעזער האָבן זיך באַגעגנט מיט א שטילן קלונג. דרייַ פרייַנט האָבן זיך געווונטשן גליק.

אין וועלכער שטאָט צי שטעטל פון דער רוסלענדישער אימפּעריע זייַנען ניט געווען קיין שמאָלע, קרומע געסלעך? נאָר אַזעלכע, ווי אין יעווּפּאַטאָריע... אין א געסלע, גרויס ווי א גענעץ, איז פון הויף צו הויף אַרומגעגאַנגען א קוטשעראַווע ייִנגעלע פון א יאָר זיבן און געפירט פאַר דער האַנט א בלינדן קאַטערינשטשיק.

זשאַק איז געשטאַנען אין אַ זײַט און צוגעקוקט, ווי דער בלינדער דרייט די קאַטערינקע. פּונקט אַזוי, ווי אַמאָל ער, דאָווידל, איז דאָס קוטשעראַווע יינגעלע, אָנגעטאָן אין קרוע־בלוע, געגאַנגען אַף די הענט און דערבײַ געהאַלטן אין די ציין אַ היטל — עפּשער וועט עמעצער אַרײַנוואַרפֿן אַ פּאָר גראָשנס, אַ שטיקל ברויט אָדער אַ קאַרטאָפל.

פֿון איבער דער שכיינעסדיקער נידעריקער וואַנט, אַף וועלכער ס'האָבן זיך געטריקנט אָן אַ שיר ווינדעלעך, האָט זיך באַוויזן אַ מיידלשער קאָפּ אין אַ פּאַטשיילע, פֿון וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט אַ פּאָנעם, באַזוימט מיט בלאָנדע האָר, און אַ פּאָר אויגן, ווי צײַטיקע קאַרשן.

— כאַנע, וואָס שטייסטו? — האָט דאָס מיידל אויסגעשריען. — עפּעס אַ סאָלדאַט וויל שלאָגן דײַן טאַטן.

כאַנע, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער קאַטערינקע, האָט אַפּגיך אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם פֿאַרשמאָלצעוועטן פֿאַרטעך, אַרופֿגעכאַפּט אַף די באָרוועסע פֿיס אַ פּאָר מאַנצבלשע סאַנדאַלן, פֿאַרוואָרפֿן אַפֿן ברייטן אַקסל די קאָראָמיסלע און אַ געשריי געטאָן:

— קום, פּראָסיע!

אין עק געסל האָבן זיך צעבוצקעט יונגע דעם וואַסערפֿירערס בורע קליאַטשע מיט אַ שוואַרצן אָגער, וואָס איז געווען אײַנגעשפּאַנט אין אַ לײַכטן פֿאַעטאָן.

— לאָז דורך! — האָט דער קוטשער פֿון פֿאַעטאָן געשריען.

דער וואַסערפֿירער האָט אַוועקגעשטעלט אַף דער ערד די צוויי גרויסע פּוסטע עמער און, ווי ניט אים מיינט מען, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פּאַס און גענומען פֿאַרדרייען אַ ציגאַר פֿון מאַכאָרקע.

— היי דו, בינדיוזשניק, — האָט זיך צעהיצט דער אָפֿיצער, וואָס איז געזעסן אין פֿאַעטאָן, — פֿאַרקערעווע דײַן קאָלימאַגע אין אַ הויף און לאָז דורכפֿאָרן!

— ראַשיד, — האָט דער וואַסערפֿירער אַ רוף געטאָן אַ געזונטן געלן באָכער, — ווי געפֿעלן דיר די פּריצים? זיי מיינען, אַז זיי זײַנען נאָך אַלץ אין פּעטראָגראַד. נאָך גוט, וואָס מענטשן הערן, איז דאָ ווער עס זאָל לאַכן. פּרוּוו אַליין פֿאַרקערעווען. די רעדער פֿאַרטשעפּען אַזוי אויך די וואַנט. סאָלדאַט! — האָט יונגע זיך שוין געווענדט צום קוטשער. — האָדיע פֿאַטערן צײַט אומזיסט. נעם אַף צוריק, און לאָמיר זיך צעפֿאָרן.

דער סאָלדאַט, ווי עמעצער וואָלט אים אין טאַטן געשאָלטן, איז צוגעלאָפֿן און פֿאַרהויבן די געפֿלאָכטענע בײַטש אַפֿן וואַסערפֿירער.

— נו, נו, פּעטערקע, שטילער, — האָט ראַשיד אַרויסגעריסן די בײַטש באַם סאָלדאַט און זי פֿאַרוואָרפֿן אַף אַ דאַך.

ווען כאַנע, פּראָסיע און זשאַק זײַנען געקומען צו לויפֿן, האָט ראַשיד געהאַלטן דעם אָפֿיצער בײַ די לאַצן און אים, ווי אַ מאַנעקען, געטרייסלט אַף רעכטס און אַף לינקס. דער וואַסערפֿירער האָט זיך געראַנגלט מיטן סאָלדאַט.

— טאַטע, שלאָג אים ניט! — האָט כאַנע אַ געשריי געטאָן.

— זעסט דאָך, אַז איך נעם אַפֿילע ניט דעם עמער אין דער האַנט. אַדעראַבע, זאָג אים, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פֿון מיר, אַניט וועל איך פֿון אים מאַכן טיל־און־טעל.

אין דער רעגע האָט דער סאָלדאַט אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער, נאָר ווען ער האָט זיך געוואָלט אויסגלײַכן, האָט אים זשאַק קונציק אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל.

— הייב זיך אוף און קריך מער ניט.

זשאק האָט אים געהאָלפן אופשטיין. כאַטש דער סאָלדאט האָט זיך נאָך אלץ גע־זידלט, דאָך האָבן זיי צוזאמען אָפּגעפירט דעם פּאַטאַן אף צוריק ביז צום ראָג, און ערשט דאַן האָט ראשיד אָפּגעלאָזט דעם אָפיצער.

— ראשיד, — האָט כאַנע א שמייכל געטאָן, — דער אָפיצער האָט דאָך געקאָנט דיך שיסן.

— זאָרג זיך ניט, פון אָנהייב האָב איך אים אָט אזוי א גלעט געטאָן און באַלד פארשטאנען, אז, אכוץ א פליך אפן קאָפּ, שפּאַקולן און א נאָז־טיכעלע, האָט ער גאָרנישט.

— פראָסיע, זאָג אים, דעם גאַלן, אז ער זאָל האַלטן די הענט אין די קעשענעס און גלעטן זאָל ער אָפיצערן.

— זאָג אים אליין, איר האָט זיך דאָך שוין איבערגעבעטן, — האָט פראָסיע אָפּ־געענטפערט כאַנען און געכאַפּט א קוק אף זשאַקן.

יוינע דער וואַסערפירער, כאַנעס טאַטע, איז שוין געווען מיט די פולע עמער ערגעץ אין א הויף. פון דאָרט האָט זיך געהערט זײַן שטים:

— כאַנע, הא, כאַנע, גיי אהיים און שטעל אוועק אפן אָרט די קאָראָמיסלע, פאַר־געס ניט, אז דו האָסט א באַרג מיט ארבעט. און איר, כעוורע, טראָגט זיך וואָס גי־כער אָפּ פונדאַנען.

זשאַקן האָט זיך ניט געוואָלט אוועקגיין, נאָר גיי טו עפּעס, אז עס פּײַפט שוין פּאָליציע. ראשיד האָט מאַמזעריש פארזשמורעט דאָס רעכטע אויג, געשמאַק א שפּײַ געטאָן דורך די ציין און, לײַכט אָנרירנדיק זײַן נײַעם באַקאַנטן, מיט א באַסאָווער שטים א זאָג געטאָן:

— זאָלן זיי זוכן דעם ווינט אין פעלד. קום!

ערשט אינמיטן זומער, ווען זשאַק האָט שוין פארלוירן די האָפענונג טרעפן זיך מיט דוראָוון, איז וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש געקומען קיין יעווּפּאַטאָריע.

— שקעט, — האָט דוראָוו אים א דראָע געטאָן מיטן פינגער, — זאָג נאָר, וואָס האָסטו געטאָן אין פּעטראָגראַד?

— איר ווייסט דאָך שוין, וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש.

— אוואַדע ווייס איך. און וואָס טוסטו דאָ?

— א פּאָר כאַדאָשים בין איך ארויסגעטראָטן פארן אָנהייב פון די סעאַנסן אין קינעמאַטאָגראַף. איצט האָט וואָלאָשין מיט מיר געשלאָסן א קאָנטראַקט...

— איז דאָך ווידער גוט. און אף ווײַטער וועלן מיר מיט דיר עפּעס צוקלערן.

באַם ארויסגאַנג פון צירק האָט זשאַק דערזען ראשידן. יענער האָט געהאַלטן אין דער האַנט א שווער הילצערן קעסטל, אַן ארומגעקלאַפּטס מיט בלעך.

— זשאַק, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן.

— איז וועד לאָזט דיך ניט?

— איך האָב אײנעם א מענטשן דערציילט וועגן דיר...

— פראָסיען?

— פראָסיע איז ניט אזא שלאַק, ווי כאַנע, און מיט איר קאָנסטו אליין ריידן. הער, דער דאָזיקער מענטש וועט, מעגלעך, איניכן קומען צו דיר. פארגעדענק: ער

איז א מיטלוווקסיקער, מיט א געל בערדל. אויב ער וועט דיך עפּעס בעטן, זאָלסטו אַלץ טאָן, וואָס דו וועסט נאָר קענען.

— הייבט מען אָן, דאַרף מען ענדיקן. וואָס וועט ער בעטן, ווי רופט מען אים?

— קאַריִעוו.

— ער איז אויך א טרעגער? צי עפּשער דײַנער א לאַנדסמאַן פון קאַזאַן?

— דאַוויד קאַריִעוון קען מען דאָ. ער איז א באָלשעוויק. אליין איז ער א באַב־רויסקער. א מאַליער. אהער איז ער געקומען פון באַטום. איך האָב שוין דיר אמאָל דערציילט, אַז איך בין געווען אין דזשאַנקאָי א פּאַסטעך, און קאַריִעוו מיט זײַן ווײַב האָבן דאָרט געאַרבעט די צימערן בא די רײַכע דײַטשישע קאָלאָניסטן. דער־נאָך איז ער געווען א שטיינהעקער, א גערטנער, געאַרבעט אף דער בויונג פון דער אײַזנבאַן־ליניע יעווּפּאַטאָריע — סאַראַבוז. דאָס האָט ער מיך אויסגעלערנט לייע־נען, געשענקט גאָרקיס בוך „די מוטער". איצט ווייסטו שוין, וואָס פאַר א מענטש דאָס איז?

— קלאָר!

— קאַריִעוו האָט געבעטן באַהאַלטן אָט דאָס קעסטל, אבי ווּעמען קאָן מען אַזא זאַך ניט פאַרטרויען.

— גוט.

זשאַק איז געשטאַנען און געקוקט, ווי ראַשיד שפּאַנט מיט ברייטע טריט צום מאַרק. אָט דער געראָטענער באָכער מיט דעם קופּער־ברוינעם פּאָנעם איז אים גע־פעלן פון דער ערשטער מינוט. נאָר צעקײַט האָט ער אים ערשט איצט. אַז ראַשיד נעמט לײַכט אף דער פּלייצע צוויי פּולע זעק מעל, דאָס האָט זשאַק געוווּסט, נאָר אַז ער איז באַפרײַנדעט מיט אַזא מענטשן, ווי קאַריִעוו, דאָס איז פאַר אים געווען אַן אומדערוואַרטע נײַס.

נאָך מער איז אים געפעלן, וואָס דער כאַווער זײַנער האָט אים קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דעם. אָט איז ער, זשאַק, שוין עטלעכע מאָל געווען בא ראַשידן צו־גאַסט אַפּן בוידעם. אַפילע געגעכטיקט בא אים. נאָר ביז איצט ווייסט ער ניט זײַן פאַמיליע. ראַשיד רופט ער אים, ווי אַלע.

אין צוויי טעג אַרום איז צו זשאַקן אין צירק צוגעגאַנגען א מענטש און אים שטיל א זאָג געטאָן: קאַריִעוו.

— קומט, — האָט אים זשאַק אָפּגעפירט אין א זײַט.

— אין שטאָט איז אָן אָבלאַווע. מעגלעך, אַז דעם צירק וועט מען אויך אַרומ־רינגלען. ווּהין האָט איר אהינגעטאָן דאָס קעסטל?

— אונטער מײַן בעטל.

— איר ווייסט, אַז דאָרטן ליגן פּיסטאָלעטן? און מיך קענט איר דאָ אף א פּאָר שאָ באַהאַלטן?

— צווישן די צושויער.

— שלעכט, אין זאַל וועלן זיי געוויס נישטערן.

— אויב אַזוי, קומט מיט מיר.

וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש איז געזעסן אין זײַן אַרטיסטישן צימער און געבלע־טערט אַן איליוסטרירטן זשורנאַל. זשאַקן האָט ער ניט געלאָזט לאַנג ריידן. ער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דו, שקעט, גיב מיר ניט קיין אייצעס. אמאָל איז די רעפּוע ערגער פון דער קרענק. קיין אייַנצלהײַטן אינטערעסירן מיך ניט. דו גיי דיר דײַן וועג, און איר, —

האָט ער זיך געווענדט צו קאַרײַעוון, — קום זײַט איר מײַן גאַסט, איז ווייסט, אַז צו דוראָוון קומט מען ניט מיט קיין אונטערזוכונגען. נעמט בעסער דעם זשורנאַל, וועט איר זען, סאַראַ שיינע פרויען עס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט, און איך וועל גיין זאָגן מײַן אַסיסטענט, אַז ער זאָל באַוואָרענען אײַער קעסטל.

קאַרײַעוו איז געווען גערעכט. העכער אַ שאָ צײַט האָט מען באַ די צושויער פון צירק קאָנטראָלירט די דאָקומענטן. עטלעכע מענטשן האָט מען פאַרהאַלטן און צווישן זיי איינעם דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַלטן מיט זיך אַ באַרשט און זײַן רעקל איז געווען פאַרשמירט מיט פאַרב.

ווען ס׳איז שוין גוט טונקל געוואָרן און זשאַק האָט זיך איבערצײַגט, אַז לעבן צירק דרייען זיך ניט אַרום קיין פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, איז ער אַוועק צו דוראָוון. וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש איז געשטאַנען אינמיטן צימער און אופמערקזאַם גע־הערט קאַרײַעוון:

— ...אַהער, קיין קרים, זײַנען זיי געקומען פון די צענטראַלע געגנטן. אייניקע האָפּן דאָ בלויז איבערוואַרטן די שווערע צײַטן, אַנדערע זוכן אַ וועג, ווי אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, נאָר דער גרעסטער טייל נישטערט איבערן האַלב־אינדזל, ווי וועלף. זיי וואַרטן אויף אַ מאָמענט, ווען מע וועט קאָנען איבערהריזען דעם האַלדז די באָל־שעוויקעס. צו זיי ציִען זיך די אָרטיקע מענשעוויקעס און עסערן...

וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו זשאַקן:

— און ווי מיינסטו, קאָנספּיראַטאָר? ווען אַלע זאָלן ציִען אין איין זײַט, וואָס וואָלט געוואָרן מיט דער וועלט? זי וואָלט זיך געמוזט איבערקערן...

זשאַק האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: דוראָוו בלײַבט דוראָוו.

פון צירק איז זשאַק אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט קאַרײַעוון. אין גאַס האָט גע־טריפט אַ וואַרעם רעגנדל און ס׳האָט געשמעקט מיט יאַם און מיט סטעפּ. אַ שאַר־פער בליץ האָט צעשניטן דעם הימל און אויף אַן אויגנבליק באַלויכטן די בוכטע און דעם פאָרט. ניט ווײַט פון בולוואַר האָט קאַרײַעוו זיך געזעגנט מיט זשאַקן.

אין דרויסן איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען צו דער קאַליטקע פון דער הינטערשטאָטישער דאַטשע, ווו פאַר די אָפּיצערן פונעם היגן גאַרניזאָן איז אײַנ־געאָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט, זײַנען צוגעגאַנגען צוויי יינגלעך פון אַ יאָר צען־צוועלף און געבעטן דעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, ער זאָל אַרויסרופן דעם אָפיצער באַראָדולין.

איינע אַ דאַמע, האָבן זיי אין איין קאָל געטײַנעט, האָט זיי געהייסן איבער־געבן דעם אָפיצער אַ צעטעלע.

— פאַרנעמט זיך פונדאַנען! — האָט דער סאָלדאַט אויף זיי אָנגעשריִען. — קיין שום באַראָדולין איז דאָ ניטאָ.

— וואָס הייסט ניטאָ? די דאַמע האָט אונדז געזאָגט, אַז ער וועט אונדז גוט באַצאָלן.

— איך וועל אײַך אַליין באַלד גוט באַצאָלן! — האָט דער וואַכמאַן אויף זיי אָנ־געשטעלט די ביקס.

— וואַרט, וואַרט, פעטערל, — האָבן די יינגלעך זיך געבעטן, — זי האָט געזאָגט, אַז מיר מעגן איבערגעבן דאָס צעטעלע דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן וואַלדעמאַר רובצאָוו.

— וואָלדעמאר רובצאָוו,— האָט זיך דער סאָלדאט צעלאכט,— אזא איז שוין גראָד פאראן. צו אײַער גליק איז ער הײַנט דעזשורנע, נאָר אויב אײַער צעטעלע וועט אַרײַנפאלן צו וולאדימיר אינאָקענטיעוויטשן אין די הענט, מעג זיך אײַער באַראָדולין געזעגענען מיט זײַן דאמע. אנו, שטייט א ווײַלע דאָ,— האָט ער אראָפּגעלאָזט די ביקס,— און לאָזט קיינעם ניט צו אהער. באלד וועל איך אים צורופן.

ווען אין הויף האָבן זיך דערהערט טריט, זײַנען בא דער קאַליטקע, גלײַך מע וואָלט זיי דאָ געהייסן היטן דעם ארײַנגאנג, געשטאנען ניט די צוויי ייִנגלעך, נאָר ראשיד און זשאק. רובצאָוו און דער וואכמאן האָבן דערזען פאר זיך צוויי אָנגעצילטע רעוואָלווערן.

ביידע האָבן גלײַך פארשטאנען, וואָס מע וויל פון זיי. אָן איבעריקע ווערטער האָט איינער געלאָזט אויסליידיקן זײַן קאָבורע און דער צווייטער האָט אָפּגעגעבן די ביקס. ראשיד האָט זיך העפלעך א נייג געטאָן און פריילעך געזאָגט:

— איצט קענט איר ווײַטער הוליען. אדיע.

אין דער זעלבער נאכט האָט אן אנדער גרופּע באקומען פון קארײַעוון א פאראָרדענונג ארומרינגלען דאָס הויז פונעם ווײַנשענקער אכמעד יאפּאראָוו. אליין קארײַעוו האָט זיך ניט געריכט אף אזא „געראַטעניש". פון די גרויסע ווײַן־פעסער האָט מען ארויסבאקומען בא צוויי צענדליק ביקסן, עטלעכע קעסטלעך מיט קוילן און גראנאטעס און אפילע א קוילנוואַרפער. דאָס געווער האָט מען דערווײַל באַהאלטן אפן צוועקעס־זאוואָד, ווו קארײַעוו האָט געהאט זיכערע מענטשן.

וואָלאָשין, וואָס פלעגט פריִער זעלטן־ווען פארלאָזן דעם צירק, האָט די לעצטע צײַט אָנגעהויבן פארפאלן ווערן. ער האָט זיך איבערגעקליבן אין האָטעל. אפן מאנעזש פלעגט ער זיך באווײַזן נאָר דאן, ווען אין פארטער זײַנען געזעסן כאָשעווע געסט. נאָך איינער א פאָרשטעלונג האָט ער צונויפגערופן די טרופּע און געמאָלדן, אז מאָרגן דארפן אלע אומבאדינגט אָנטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראציע, וועלכע ווערט אָרגאניזירט דורך די אָרטיקע מענשעוויקעס.

קיינער האָט אים ניט דערווידערט, נאָר קיינער האָט אויך ניט געגעבן די האסקאָמע אָנטיילצונעמען אין דער דעמאָנסטראציע. בלויז דער פארטער־אקראָבאט באנסי האָט זיך אָפּגערופן:

— איך מיין, אז אויב דער הער דירעקטאָר וועט אונדז באצאָלן, ווי פאר א פאָרשטעלונג, וועט זיך קיינער ניט אָפּזאָגן.

עמעצער האָט א לאנגן פײַף געטאָן. זשאק האָט אויסגעשריִען:

— ווער האָט אײַך געגעבן די רעכט ריידן אין אלעמענס נאָמען?

— שווײַג!— האָט וואָלאָשין אופגעהויבן זײַן שאמבאריער.— באנסי איז אן אויסלענדער, איז אים פרעמד דאָס געפיל פון פאטריִאָטיזם צו רוסלאנד. און דו מיין ניט, אז מיר וועלן דיך לאָזן פירן באָלשעוויסטישע אגיטאציע. זע בעסער, אז זאָלסט דערנאָך קיין כאראָטע ניט האָבן.

— הער וואָלאָשין, שרעקט מיך ניט. איך בין שוין ניט קיין קליין ייִנגעלע, און וואָס איז שײַעך פאטריִאָטיזם, האָבן מיר שוין עפּעס לאנג ניט געזען בא אײַך דעם דאָקטער קוק... מיר האָבן געהערט זאָגן, אז ווילהעלם קארלאָוויטש קוק איז ארעסטירט. כוץ אלע איבעריקע מײַלעס איז ער נאָך געווען א דײַטשישער שפּיאָן.

— זשאַק, ווער אַנשוויגן. אָדער איך וועל דיך נאָך הײַנט דורכטרײַבן פֿון צירק. דו ווייסט דאָך גוט, אַז קוק פֿלעגט אַרײַנגײן צו סידאָר סטעפּאַנאָוויטשן און ניט צו מיר. נאָר ניט וועגן דעם ריידן מיר. אויב מיר וועלן בלײַבן אין אַ זײַט, וועט אונדז די אינטעליגענץ פּאַשעט באַיקאָטירן. הײַנט האָב איך אַליין אָנטיילגענומען אין דער צירק־פּראָגראַם, און דאָך איז דער פּאַרטער געווען האַלב־פּוסט. אַז איר ווילט מיך ניט פֿאָלגן, וועט אײַך זאָגן וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש...

וואָלאָשין איז טאַקע גלײַך אַוועק צו דוראָוון. נאָר וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש האָט אים בייז אָפּגעענטפֿערט:

— מיט מיר זאָלט איר וועגן אַזעלכע זאַכן ניט ריידן.

זשאַק, ראַשיד, פּראָסיע, כאַנע און נאָך עטלעכע כעוורע פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון אַרבעטער־יוגנט זײַנען געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר און געקוקט אויף דער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט געשפּאַנט איבער דער צענטראַלער גאַס. פֿאָרויס איז געגאַנגען דער מיליטערישער אָרקעסטער, נאָכן אָרקעסטער — די באַלעבאַטים פֿון שטאָט. קימאַט אַלע זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן אין פֿראַקן מיט רויטע באַנטן אויף די לאַצן. ווײַטער — די אייגנטימער פֿון אונטערנעמונגען, מאַגאַזינען, רעסטאָראַנען, און אויך אָנגעשטעלטע. אויף די לאָזונגען און פּלאַקאַטן איז מיט גרויסע בוכשטאַבן געווען אָנגעשריבן: „קריג ביז צום זיג!".

אין סאַמע עק פֿון קאָלאָנע האָט זיך געשטויסן דער פּאַשעטער אוילעם. אומגעריכט פֿאַר אַלעמען האָט זיך איבער דער לעצטער ריי באַוויזן אַ רויט שטיק לײַוונט, אויף וועלכער עס איז מיט קרײַד געווען אָנגעשריבן: „דו הונגער, אַז זיי זאָלן זיך פֿרייען!".

עטלעכע אָפּיצערן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די כוצפּעניקעס און אַרויסגעריסן פֿון זייערע הענט דעם לאָזונג. אויף אַ ווײַלע האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פֿאַרכליינעט. באַ איין ראָג האָט דער אָרקעסטער געשפּילט אַ בראַוון מאַרש, און באַם צווייטן איז שיר ניט דערגאַנגען צו קיין געשלעג. די דייעזאָגער האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז עס פּאַסט ניט אין אַזאַ פֿײַערלעכן מאָמענט דערלאָזן צו אַ סקאַנדאַל, און גענומען אײַנריידן די אָפּיצערן, זיי זאָלן זיך „ניט לאָזן פּראָוואָצירן".

פּראָסיע · מיט כאַנען זײַנען טייקעף נעלעם געוואָרן. די קאָלאָנע האָבן די צוויי מיידלעך דעריאָגט ערשט אין אַ האַלבער שאָ אַרום. זיי האָבן געבראַכט אַ דיקן בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז מיט שוואַרצן קויל געווען אָנגעשריבן דער זעלבער לאָזונג: „דו הונגער, אַז זיי זאָלן זיך פֿרייען!".

ווען זשאַק האָט דערציילט וועגן דעם דוראָוון, האָט וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש אויף אַ ווײַלע זיך פֿאַרטראַכט און אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס וואָלסטו געזאָגט, זשאַק, אויף אַזאַ געדאַנק? דו זאָלסט צונויפֿנעמען דײַנע כאַווײרים פֿון שטאָט, און איר זאָלט פֿאַר עטלעכע טעג צוגרייטן אַזאַ פּאַנטאָמימע, אַז אַפֿילו קאַרײַעוו זאָל זיך פֿאַרכידעשן.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען וואָלאָשין מיט אַ טייל פֿון זײַן טרופּע זײַנען אַוועקגעפֿאָרן קיין סימפֿעראָפּאָל, האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן אַפֿישעס וועגן אַ נײַער צירק־פּאַנטאָמימע. אין דער פֿאָרשטעלונג, איז געמאָלדן געוואָרן, וועלן אָנטיילנעמען העכער הונדערט מענטשן. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, אַז די

אַנטיילנעמער זײַנען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן, אַז דאָס זײַנען שוסטערס, שנײַדערס, שערערס, סטאָליערס, אַרבעטער פון דער אײַזנבאַן און פון פּאָרט.

זשאַקן איז אויסגעקומען גוט א האַרעווע טאָן מיט די כעוורע. פינף נעכט נאָכאַנאַנד האָבן זיי רעפּעטירט די פאָרשטעלונג, ביז דוראָוו, וואָס האָט זיך באַוויזן היגטערן פאָרהאַנג, האָט מיט א שאָקל פון קאָפּ געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז צופרידן.

...אין זאַל און אַפן מאַנעזש איז מיטאַמאָל געוואָרן אינגאַנצן פינצטער. דערנאָך האָט דער פּראָזשעקטאָר געוואָרפן א דינעם פאַס שײַן און באַלויכטן זשאַקן, וואָס איז דאָס מאָל געווען אָנגעטאָן אין א קאָמבינעזאָן פון אַן אַרבעטער. זשאַק האָט געמאָלדן, אַז די פּראָגראַם, וואָס וועט באַלד באַוויזן ווערן, הייסט „דו הונגער, אַז זיי זאָלן זיך פרייען!".

ווען די שײַן האָט זיך ווידער אָנגעצונדן, האָבן די צושויער דערזען אין דער לינקער זײַט פון דער אַרענע סאָלדאַטן אין אָקאָפּעס, פון רעכטס זײַנען געשטאַנען אַרבעטער בא וואַרשטאַטן. די מיט פון דער אַרענע האָט פאַרגעשטעלט א גרויסאַר־טיקן זאַל, וווּ עס האָבן געהוליעט און געטאַנצט רײַכע לײַט, אָפיצערן.

פון דער אַרענע האָט זיך קיין איינציקער קלאַנג ניט דערטראָגן, בלויז לויט די באַוועגונגען איז קאָנטיק געווען, אַז אָט־אָט וועט עפּעס געשען. זשאַנדאַרמען האָבן זיך מיט ווילדער רעציכע א וואָרף געטאָן אף די מענטשן, וועלכע האָבן מיט צאָרן עפּעס דערקלערט די אַרבעטער און סאָלדאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג. ראַשיד, וואָס האָט אויסגעפּילט די ראָל פון א וווּכערניק, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ענגן פּראַק, דעם הויכן צילינדער און פאַרהויבן א פויסט. שיר־שיר וואָלט ער אף אַן עמעס פאַרפאָרן זײַן שאָכן דעם „פאַבריקאַנט" אין פאַרצעף אַרײַן.

עס האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע", און אַפן מאַנעזש האָט זיך באַוויזן א רויטע פאָן. דער אוילעם אין זאַל איז אופגעשפּרונגען פון די ערטער און מיט אַפּלאָדיסמענטן באַגלייט די אַרטיסטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פון דער אַרענע צום צענטראַלן אַרויסגאַנג.

די פּראָגראַם האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט, ווען אין צירק איז געקומען א פאָרשטייער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

— ווער איז דאָס זשאַק אַלבראָ? — האָט ער געפרעגט בא דעם פאַרטער־אַק־ראָבאַט באַנסי.

— לויט די דאָקומענטן א פראַנצויז.

אַפן צווייטן טאָג האָט זשאַק באַקומען א פאַראָרדענונג זיך מעלדן אין פּאָליציי־באַצירק.

וולאַדימיר לעאָנידאָוויטש האָט אים געייצעט זיך ניט אײַלן.

— זאָל וואָלאָשין זיך מאַטריעך זײַן און אליין גיין, — האָט ער אים געזאָגט, — אויב ס'וועלן אים ניט העלפן קיין ציבעלע־טרערן, וועט אים העלפן דער טײַסטער.

און דאָך איז זשאַקן אויסגעקומען זיך צעשיידן מיט דעם יעווּפּאַטאָריער צירק.

פאַרנאַכט האָט זשאַק זיך געדאַרפט טרעפן באַם וואָקזאַל, היפּש ווײַטלעך פון דער שטאָט, מיט ראַשידן און נאָך א כאַוועך. ער איז געקומען עטוואָס פריִער פון דער אָנגעמערקטער צײַט, געשטאַנען און געוואַרט אף זײַנע כאַווײרים און ניט באַמערקט, ווי לעבן אים איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן א פּאַטרול — צוויי מיליטער־

לייַט. איינער פון זיי, מיט א ברייטן שראַם אפן האַלדז, וויַיזט אויס, דער עלטערער לויטן ראַנג, האָט געהייסן זשאַקן, ער זאָל באַווייַזן זייַנע דאָקומענטן.

— ביטע, — האָט זשאַק דערלאַנגט זייַן מעליטאָפּאָליער צייַגעניש.

— זשאַק אַלבראָ, — האָט דער אָפיצער איבערגעלייענט דעם פּאַפּיר און אים גלייַך אַרייַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע. — דיך טאַקע דאַרפן מיר. דו היט אים ווי געהעריק, — האָט ער זיך געווענדט צום סאָלדאַט, וואָס איז געווען מיט אים, — און איך וועל זיך אָפּ א ווייַלע אַרייַנכאַפּן אָנקלינגען אין דער קאָמענדאַטור.

זשאַק איז געשטאַנען און געטראַכט: „מיט איינעם וואָלט איך זיך ספּראַוועט, נאָר ווער ווייסט, וויפל סאָלדאַטן עס קאָנען זיך א שאָט טאָן אהער פון וואָקזאַל... אָט ווען ראַשיד זאָל דאָ זייַן...״

ווען דער אָפיצער האָט זיך אומגעקערט, האָט זיך זשאַקן אויסגעדוכט, אז לעבן וואָקזאַל האָט זיך באַוויזן ראַשיד. נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק איז יענער ניט געוואָרן. דער אָפיצער האָט מיט קויעך א שטופּ געטאָן זשאַקן אין דער פּלייצע:

— גיי, גיי!

וויאַזוי זייַנע כאַווײרים זייַנען אים און זייַנע קאָנוואָירן פאַרלאָפן דעם וועג, האָט זשאַק ניט פאַרשטאַנען. נאָר שוין ניט וויַיט פון די ערשטע שטאָטישע הייַזער האָט ער זיי דערזען אָנקומען אנטקעגן.

די ביקס באַם סאָלדאַט האָט ראַשיד אָנגעכאַפּט אַזוי אומגעריכט, אז יענער האָט אַפילע ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד.

— אויב איר ווילט לעבן, זאָלן מיר פון אייַך קיין פּיפּס ניט הערן! — האָט ראַשיד געוואָרנט דעם פּאַטרול נאָך דעם, ווי מע האָט ביידע פאַרשווינען געבונדענע אַוועקגעלייגט אָפ דער ערד. — בעסער וועט זייַן פאַר אייַך, איר זאָלט ליגן שטיל און זיך אופהייבן ניט פריִער, ווי אין א שאָ אַרום.

אין א פאַרוואָרפן געסל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט: קיין שום פאַרדעכטיקע קלאַנגען.

זיי האָבן זיך בעשאָלעם דערקליבן צו קאַרייַעוון. ער האָט זיי געזאָגט, ווען איבערגעבן דאָס געווער און געייצעט זיך צייַטווייַליק איבערקלייַבן אָפ א קאָנס־פּיראַטיווער קוואַרטיר אין עק שטאָט.

— דאַוויד לוואָוויטש, וואָס איז דאָ פאַר זיי מוירע צו האָבן? — האָט ראַשיד דערווידערט. — זאָלן זיי איצט זוכן דעם ווינט אין פעלד.

קאַרייַעוו האָט געענטפערט שטרענג:

— ביזוואַנען איך וועל אייַך ניט רופן, זאָלט איר זיך ניט דערוועגן באַווייַזן אין שטאָט. קלאָר?

צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט געגאָסן א רעגן. אין די קאַנאַוועס האָט דאָס וואַסער אַריבערגעפּליוצט די ברעגן. ערשט ווען עס איז גוט טונקל געוואָרן, האָט א צאָפנדיקער ווינט צעטראָגן די כמאַרעס און אפן אויסגעלייַטערטן הימל האָבן זיך באַוויזן שטערן.

ראַשיד, זשאַק און יוינע דער וואַסערפירער זייַנען געגאַנגען צו דער מוינאַקער אָזערע, ווו עס האָט אָפ זיי געוואַרט קאַרייַעוו. זיי האָבן געקנאָטן די געדיכטע בלאָטע. פאָרויס איז געגאַנגען ראַשיד. פון מאָל צו מאָל האָט זשאַק אופגעהויבן די אויגן און געזען פאַר זיך ראַשידס ברייטע פּלייצע, זייַן אָפּגעבליאַקעוועטע טיר־

בעטייקע, מיט וועלכער ער האָט זיך ניט געוואָלט שיידן אפילע איצט, ווען אין דרויסן שמעקט שוין מיט פּאַרוועלקטע גראָזן און מיט שניי.

הינטער זשאַקן איז געגאַנגען יוינע דער וואַסערפירער. זשאַק האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז כאַנעס טאַטע איז באַריידעוודיק ווי אַ ייִדענע. לאָז אים זײַן נאָר, וועט ער אפילע איצט, ווען מע דאַרף זײַן שאַ־שטיל, דערציילן טויזנט מײַסעס.

יוינע קען די שטאָט, ווי זײַנע פינף פינגער, נאָר בלינד איז ער, ווי אַ פלעדערמויז, און אים דוכט זיך אַלץ, אַז אינדערפינצטער קאָנען זיי פאַרבלאָנדזשען. האַלט ער אין איין פרעגן בײַ ראַשידן:

— מיר האָבן זיך ניט אַראָפּגעשלאָגן פונעם וועג?

— ער האָט אײַך שוין געענטפערט, — זאָגט זשאַק מיט פאַרדראָס.

כליופּ, כליופּ... דאָס האָט יוינע פּלוצעם פאַרקערעוועט אין אַ זײַט און איז אַרײַן מיט ביידע פיס אין אַ קאַליוזשע. דאָס וואַסער איז ביז די כאָליעוועס, נאָר דאָס שטערט אים ניט פאַרזעצן דעם געשפּרעך:

— בעסער צוויי מאָל פרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

בײַ אַ שטיבל, ניט ווײַט פון דער אָזערע, האָט זיי באַגעגנט קאַרײַעוו. ער האָט אָפּגעפירט יוינען אין אַ זײַט און שטיל בײַ אים עפּעס געפרעגט. ערשט אין אַ וואָכן צוויי אַרום האָט זשאַק זיך דערוווּסט, וועגן וואָס זיי האָבן זיך דאָרט געסוידעט: יוינע, וואָס פלעגט באַזאָרגן מיט וואַסער די „עסקאַדראָנצעס" פון דעם קריימער קאַוואַלעריע־פּאָלק, האָט געהאַט וואָס צו דערציילן קאַרײַעוון.

אין דער פּאָסטער שטוב, וווּ זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, איז געווען אַזוי אָנגערייכערט, אַז דער לאָמפּ האָט זיך מאַמעש געלאָשן. בײַ זשאַקן זײַנען די פיס פיטשנאַס. מע וואָלט געדאַרפט אַראָפּציִען די שטיוול און אויסדרייען די אָנעטשעס, נאָר גיי טו עפּעס, אַז עס איז אַזוי ענג, פון אָרט זיך ניט צו רירן.

עס רעדט קאַרײַעוו. זשאַק קוקט אויף אים, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. מע זאָגט, אַז נאָך סעוואַסטאָפּאָל איז די יעוופּאַטאָריער באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע די גרעסטע אין קרים. זי ציילט העכער צוויי הונדערט מיטגלידער, און פון אַלעמען פון זיי האָט מען אים איינעם, קאַרײַעוון, דעלעגירט אויף דער ערשטער פּאַרטיי־קאָנפערענץ פון טאַווריער גובערניע.

זשאַק וואָלט אַ באַלן געוואָלט וויסן, ווער פון די, וואָס זײַנען געקומען אהער אפן פּראָפּאַריין־אַקטיוו, זײַנען באָלשעוויקעס. ער מיינט, אַז זאַכאַר זאַרובין, דער מאַשיניסט, ווען מע האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט באַם טיש, איז געוויס אַ באָלשעוויק. נו, און יוינע? דער וואַסערפירער, וואָס קראַצט איצט מיט דער האַנט די פּאָטיליצע און האַלט אין מויל אַ שטרויעלע, איז מיסטאָם בלויז אַ מיטפילנדיקער, נאָר לויט זײַן פּאָנעם איז צו זען — זאָל אים נאָר קאַרײַעוו הייסן, וועט ער גיין אין פײַער און אין וואַסער.

יוינע האָט צוגעלייגט די האַנט צום אויער און הערט זיך אײַן, ווי קאַרײַעוו דערציילט:

— איצט ווייסן שוין אַלע, אַז פון דעם, וואָס אפן אָרט פונעם גובערנאַטאָר דעם מאָנאַרכיסט האָט מען אוועקגעזעצט אַ קאָמיסאַר פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג — אַ קאַדעט, האָט זיך ווייניק־וואָס געענדערט...

אוואַדע איז יוינע מאַסקים מיטן רעדנער. ער אַליין האָט וועגן דעם אַנומלטן געזאָגט צו זײַן טאָכטער: „כאַנע, האַ, כאַנע, דאָס איז די זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט". יאָ, איז וואָס זאָגט ער, קאַרײַעוו?

— אין סימפעראָפּאָל האָבן די פאַבריקאַנטן און פּריצים געשאַפן א „ראַט פון פאָלקס־פאַרשטייער", נאָר אין דעם דאָזיקן ראַט וועט איר ניט געפינען קיין איין ארבעטער, קיין איין פּויער. ווער זשע, קאָנט איר פרעגן, האַלט אונטער דעם ראַט? אים האַלט אונטער דער „פאַרייניקטער קרימער שטאַב" מיט זײַנע זעקס טויזנט קאַוואַלעריסטן־עסקאַדראָנצעס און אָפּגעקליבענע מיליטער־טיילן, וואָס באַשטייען פון איינע אָפיצערן און יונקערס, צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס און עסערן. זיי שיקן זייערע פאַרשטייער קיין קובאַן, אויפן דאָן, וווּ עס באַלעבאַטעווען די רײַכע קאָזאַקן.

אַליין יוינע כידעשט זיך: הער א מײַסע, מע רעדט וועגן אזא איידעלער מאַ־טעריע, וועגן פּאָליטיק — און אַלץ איז אים קלאָר און פאַרשטענדלעך. ער איז אויך מאַסקים מיט קאַרײַעוון, אַז מע דאַרף שאַפן באַוואָפנטע ארבעטער־דרוזשינעס. אוואַ־דע איז ער גערעכט. ער, יוינע, האָט אויך פאַרבאַהאַלטן אַן אָברעז. מיט קיין האַ־לאָבליעס וועסטו גאָרנישט ניט מאַכן קעגן די עסקאַדראָנצעס...

איינס פאַרשטייט ניט דער וואַסערפירער. אין סעוואַסטאָפּאָל איז שוין די וולאַסט בא די באָלשעוויקעס. ער אַליין האָט געזען, ווי פון דאָרט איז אָנגעקומען די מיליי־טערישע שיף „פידאָניס", נאָר אָנשטאָט דעם, אַז זי זאָל אָנצילן די האַרמאַטן אויף די בורזשויען, האָט מען גאָר פאַרפירט א געשפּרעך מיטן גראַף טאַטישטשעוו, און דער גראַף האָט זיי טאַקע אָפּגענאַרט. דעם זעלבן טאָג האָט „פידאָניס" אויפגעהויבן דעם אַנקער און זיך געלאָזט צוריק אהיים קיין סעוואַסטאָפּאָל...

ניט נאָר יוינע, קאַרײַעוו אַליין האָט עס ניט געקאָנט באַנעמען. ער האָט געהאַט א פאַרדאַכט, אַז אין דער קאָמאַנדשאַפט פון דעם שווארציאַמישן צענטראָפּלאָט האָבן זיך דורכגעשמוגלט עסערן. עפּשער טאַקע דערפאַר האָט ער איצט וועגן דעם דערציילט מיט א האַלב מויל.

צעגאַנגען איז מען זיך שפּעט באַנאַכט. צווישן די, וואָס האָבן פון דרויסן געהיט די פאַרזאַמלונג, זײַנען אויך געווען כאַנע און פראָסיע. כאַנע איז אַפילע ניט צוגע־גאַנגען צום טאַטן. זי האָט געשפּאַנט באַנאַנד מיט ראַשידן. זאָל זי נאָר קומען אהיים, וועט יוינע איר שוין אַזוי אַרײַנזאָגן, אַז איר וועט זיך מער ניט גלוסטן נאָכגיין אָט דעם ראַשידן, ווי א שאָטן.

סערגיי איוואַנאָוויטש קוליקאָוו איז געקומען קיין יעווּפּאַטאָריע מיט א ספּעציע־לער שליכעס פון דער סעוואַסטאָפּאָלער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, און אָט זיצן זיי ביידע, קוליקאָוו מיט קאַרײַעוון, בא אַראָפּגעלאָזטע פאָרהענגלעך אינמיטן העלן טאָג. „גוט, — טראַכט קאַרײַעוו, — וואָס מע האָט אהער געשיקט קוליקאָוון און ניט קיין אַנדערן. מיר זײַנען אַלטע גוטעפרײַנט און פאַרשטייען זיך אויפן ווונק".

אויף דער נײַס, וואָס סערגיי האָט אים געבראַכט, האָט קאַרײַעוו שוין פון לאַנג געוואַרט. סעוואַסטאָפּאָל שיקט אהער קיין יעווּפּאַטאָריע א רויטן דעסאַנט. איצט שטעלן זיי צונויף דעם פּלאַן פון דער שלאַכט־אָפּעראַציע. די מינדסטע קלייניקײַט מוז מען אָפּוועגן און אָפּמעסטן. דערווײַל ענטפערט קאַרײַעוו אויף קוליקאָווס פראַגן. ער באַשטעטיקט:

— די יעווּפּאַטאָריער ברעג־באַטאַרייעס וועלן די עסקאַדרע ניט באַגעגענען מיט קיין פײַער. פאַרקערט, די אַרטילעריסטן וועלן קעמפן פאַר דער סאָוועטנמאַכט. אויך

אין אנדערע טיילן פון דעם גארניזאָן זײַנען פאראן רעוואָליוציאָנער געשטימטע סאָלדאטן און מאטראָסן. די ארבעטער־דרוזשינעס האָבן אָבער ווינציק געווער.

ערשט ווען קוליקאָוו איז אוועק, האָט קארײַעוו זיך געכאַפּט: סערגיי איז געווים הונגעריק. ווי איז אים ניט אײַנגעפאלן כאָטש מיט עפּעס מעכאבעד זײַן אזא אָנגעלייגטן גאסט?

זשאק און ראשיד האָבן באמערקט, אז מיט קארײַעוון קומט עפּעס פּאַר. ער גייט ארום א בלאסער און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. זיי ווייסן ניט, אז די עסקאדרע פון סעוואסטאָפּאָל האָט שוין פון לאנג געדארפט זײַן דאָ און איז נאָך אלץ ניטאָ. וואָלט דער יאם געשטורעמט, וואָלט מען עס געקאָנט פארשטיין, איז ניין! די כוואַליעס הוידען זיך שטיל און רויק.

און דעם צוועלפטן יאנוואר איז געשען אָט וואָס. אן אָפיצערן־באטאליאָן צוזאַמען מיט אן עסקאדראָן קאוואלעריסטן און אן אָטריאד באוואָפנטע גימנאזיסטן האָט אומגערינגלט די ברעג־באטאריע. אָנגעפירט מיט דער אָפּעראציע האָט דער גראף טאטישטשעוו און דער קאפּיטאן נאָוויצקי.

צוהילף די ארטילעריסטן האָט זיך געלאָזט קארײַעוו מיט א פּאָר צענדליק דרוזשיניקעס. נאָר וואָס האָט געקאָנט אופּטאָן א הײַפעלע שוואך באוואָפנטע מענטשן קעגן אזא קויעך? דאוויד קארײַעוו, דער אָנפירער פון די יעווּפּאטאָריער באָלשעוויקעס, איז ארײַנגעפאלן צום סוינע אין די הענט.

שפּעטער איז באוווּסט געוואָרן, מיט וואָס פאר אן אכזאָריעס נאָוויצקי און טאַטישטשעוו האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער קארײַעוון. א טאָג מיט א נאכט האָט מען אים געשלאָגן, געבראָכן די הענט. קיין איין וואָרט האָבן זיי פון אים ניט ארויסבאקומען. פארטאָג, נאָך איידער עס איז ליכטיק געוואָרן, האָט מען אוועקגעשלעפּט קארײַעוון צום יאם און ניט ווײַט פון דעם קייסערס דאטשע א לעבעדיקן ארײַנגעוואָרפן אין א גרוב און זי פארשיט מיט ערד.

אין צוויי טעג ארום האָבן די סעוואסטאָפּאָליער מאטראָסן און די יעווּפּאטאָריער ארבעטער באפרײַט די שטאָט. צווישן די פינף הונדערט אָפיצערן און עסקאדראָנצעס, וואָס זײַנען ארײַנגעפאלן אין געפאנגענשאפט, האָבן זיך אויך געפונען קאַרײַעווס הענקער.

קיינמאָל האָט נאָך די שטאָט ניט געזען אזא דעמאָנסטראציע, ווי די, וואָס איז פאָרגעקומען דעם אכצעטן יאנוואר 1918 יאָר. די צענטראלע גאס, וואָס האָט שוין געטראָגן קארײַעווס נאָמען, איז געווען פארפלייצט מיט מענטשן. דאָס האָבן די יעווּפּאטאָריער פּראָלעטאריער באגלייט אין לעצטן וועג זייער העלדישן כאַווער.

גאָלדענע עפּאָלעטן

דער ווינטער איז געווען א קאפּריזער. דער פראָסט פלעגט ניט באווײַזן אויסמאָלן זײַנע געמעלן אף די שויבן, ווי די אײַז־פּאלמעס פלעגן שוין אָנהייבן גיסן טרערן. אין דער דאָזיקער נאכט האָט פון יאם געבלאָזן אן עסעריקער ווינט. די טעלעגראף־דראָטן האָבן אן אופהער געהודעט. זשאק איז איצט געווען דער עלטסטער פון א פּאטרול: ראשיד, פיר דרוזשיניקעס און צוויי מאטראָסן רויטגווארדייער. דורך

א שמאָל פינצטער געסל האָבן זיי זיך געלאָזט צו זאַליגינס איינפאָר־הויז. אין אַלע פענצטער פון זאַליגינס שטוב איז געווען פינצטער, בלויז דורך איין פאַרמאַכטן לאָדן האָט זיך דורכגעריסן א שמאָל פּאַסיקל שיין. לאַנג איז זיי אויסגעקומען צו קלאַפּן, ביז דער באַלעבאָס האָט געעפנט די טיר.

— איר וועט דאָ ניט געפינען קיינעם פון די, וואָס איר זוכט, — האָט זאַליגין זיי געוואָרנט, — די, וואָס דאַרפן פאַר אייך מוירע האָבן, זיינען שוין פון לאַנג אַנטלאָפן. וואָס שלאָפט איר ניט? א גוטער באַלעבאָס וואָלט אין אַזא וועטער ניט אַרויסגעלאָזט זיין הונט אויף דער גאַס.

— געגנוג צו וואָרטשען, — האָט איינער פון די מאַטראָסן אים אָפּגערוקט פון וועג, — מיר וועלן זיך ווי־עס־איז באַגיין אָן דיין ראַכמאָנעס.

— איר וועט זיך באַגיין, נאָר איבער אייך וויל צו מיר קיינער ניט פאַרפאָרן. איך בין דאָך ניט קיין בורזשוי, איז פון וואָס וועל איך לעבן?

אַלע בעטלעך אין הויז זיינען געווען פּוסט, נאָר אין איין גרויסן צימער זיינען געזעסן עטלעכע באַיאָרטע מאַנצבלען און עפּעס געכעזשבנט. באַם עק טיש, אין שאָטן, האָט א לייביקער פאַרשוין מיט א פּאָר גראָווע וואָנצעס פאַרטיפט אַריינ־געקוקט אין א דיקן קאָנטאָר־בוך.

— ווער זייט איר? — האָט זשאַק געפרעגט.

— מיר זיינען ווייַנהענדלער, קאָמערסאַנטן פון סימפעראָפּאָל, — האָט איינער געענטפערט. — כאָטש די צייט איז אַן אומרויקע, נאָר צו אונדז, ווי איר זעט, האָט עס ניט קיין שייכעס. מיט קיין פּאָליטיק פאַרנעמען מיר זיך ניט. אונדז אינטערע־סירט בלויז דעבעט און קרעדיט. מיר זיינען געקומען שליסן נייע קאָנטראַקטן און זיך צערעכענען מיט די היגע ווייַנשענקער, מיט די פּרוכט־הענדלער.

— מיט וועמען האָט איר זיך דאָ באַגעגנט?

— ביטע, — האָט געענטפערט דער זעלבער, — טוט א קוק אין אונדזערע קאָנטאָ־ביכער, וועט איר וויסן, מיט וועמען מיר האָבן דאָ צו טאָן.

ראַשיד האָט זיך ניט געפוילט און א בלעטער געטאָן די פּאַפּירן. ער האָט געשוויגן, נאָר ער וואָלט געקאָנט באַשטעטיקן, אַז די מענטשן, וואָס זיינען פאַר־שריבן בא זיי אין די ביכער, האַנדלען טאַקע מיט ווייַן און מיט פּרוכטן. די דאָקו־מענטן זיינען אויך געווען בא אַלעמען אין אָרדענונג.

בא דער שוועל האָט זשאַק, וואָס האָט די גאַנצע צייט עפּעס מאָדנע געצויגן מיט דער נאָז, זיך אָפּגעשטעלט.

— עפּשער וועלן מיר גיין ווייטער? — האָט ראַשיד געזאָגט.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, מיט וואָס שמעקט עס דאָ בא אייך?

— מיט טאַבעק. מיט ווייַן. מיט וואָס נאָך קאָן שמעקן דאָרט, וווּ עס קומען זיך צונויף מאַנצבלען? אויב איר ווילט, קאָנען מיר אייך מעכאַבעד זיין.

אין דרויסן האָט זשאַק זיך ווידער אָפּגעשטעלט:

— כעוורע, זיי האָבן אונדז אָפּגענאַרט. ניט נאָר מיט טאַבעק און מיט ווייַן שמעקט דאָרט בא זיי.

— מיט וואָס דען?

— איך ווייס נאָך ניט, נאָר מיר איז דער רייעך עפּעס זייער א קענטלעכער. לאָמיר זיך אומקערן.

— אויב דו ווייסט ניט, — האָט איינער פון די מאַטראָסן, א היציקער באָכער,

אים בייז געענטפערט, — איז ניטאָ וואָס זיך אומצוקערן. זאָג בעסער, אז דיר איז קאַלט און עס ווילט זיך דיר צוריק אין דער וואַרעם.

דאָס האָבן די דרוזשיניקעס ניט געקאָנט פאַרשווייַגן. עס איז שיר ניט דערגאַנגען צו א קריג. נאָר זשאַק האָט זיך אַרייַנגעמישט:

— כעווורע, איך פאַרשטיי ניט, וויאַזוי איך האָב זיך גלייַך ניט געכאַפּט, אז עס שמעקט מיט גרים. אָט וועט איר זען, אז די וואַנצעס באַם גראָבן קאָמערסאַנט זייַנען צוגעקלעפּטע. אויב ס'איז טאַקע אַזוי, הייסט עס, אז מיר האָבן אָנגעטראָפן אַף א מאַלינע. קומט גיכער!

דער באַלעבאָס פון אייַנפאָר־הויז איז דאָס מאָל, דוכט זיך, ניט אַף קיין קאַטאָ־וועס אין קאַס געוואָרן, ער האָט אפילו געדראָעט, אז גאַנצפרי וועט ער גיין זיך קלאָגן, אז מע האָט אים א גאַנצע נאַכט ניט געלאָזט שלאָפן. עמעצער האָט אים אָפּגעענטפערט:

— איר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אז אין אַזא וועטער לאָזט מען ניט אַרויס קיין הונט אַף דער גאַס. און בא אייַך איז וואַרעם, עס שמעקט מיט וויין. קומט מיט אונדז!

— די הענט אין דער הייך! — האָט זשאַק באַפוילן. — אָט אַזוי. געוועזן האָט איר? א ווייַלע איז געווען שטיל.

— יאָ, די צייַט איז אַן אומרויִקע, — האָט געזאָגט איינער פון די קאָמערסאַנטן, — און מיר פירן מיט זיך געלט, א סך געלט.

דערבייַ האָט ער געוואָלט אַראָפּלאָזן די רעכטע האַנט, נאָר דער מאַטראָס, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט אָנגעצילט דעם נאַגאַן:

— מיר זייַנען שוין אָנגעלערנטע, מאַך ניט קיין פוילע שטיק!

ווען די קעשענעס בא די „קאָמערסאַנטן" זייַנען שוין געווען אויסגעליידיקט, האָט זשאַק באַפוילן זיך שטעלן אין ווינקל לעבן דער שאַפע. דעם דיקן „קאָמער־סאַנט" האָט ער צוגעפירט נעענטער צו דער שייַן און לייַכט א ריס געטאָן די גראָווע וואַנצעס. זיי זייַנען פאַרבליבן בא זשאַקן אין דער האַנט.

— איצט, מיין איך, וועט איר אונדז דערציילן, ווער זייַט איר און נאָך וואָס זייַט איר אהער געקומען.

— מיר האָבן אייַך שוין דערציילט...

לאַנג איז אויסגעקומען צו נישטערן אין די טשעמאָדאַנעס. געפונען האָט מען א טאָפּאָגראַפישע קאַרטע און עטלעכע דאָקומענטן, וואָס זייַנען געווען גאַנץ ווייַט פון קאָמערציע. אין א שאַפע פונעם שכיינעסדיקן צימער זייַנען געלעגן עטלעכע אַקוראַט צונויפגעלייגטע אָפיצערישע אָנצוגן, צווישן זיי א קיטעל מיט עפּאָלעטן פון א גענעראַל. זשאַק וואָלט ניט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס די עפּאָלעטן האָבן אים אויסגעזען צו זייַן עפּעס פאַרדעכטיק. עפּשער זייַנען זיי געווען צו האַרט. ער האָט זיי אַראָפּגענומען און אַרייַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע. דער „קאָמערסאַנט", בא וועלכן זשאַק האָט אַראָפּגעריסן די וואָנצעס, האָט זיך האַסטיק א ריס געטאָן פון אָרט:

— איך בעט אייַך, נעמט, וואָס איר ווילט, נאָר די עפּאָלעטן גיט מיר אָפּ. זיי זייַנען מייַנע. איר זעט, איך האָב זיך מיט זיי ניט צעשיידט, כאָטש איר האָט שוין פאַרכאַפּט די שטאָט.

— דאָס ניט, גענעראַל, מיר וועלן אייַער גוטס צוזאַמען מיט אייַך איבערגעבן אין אונדזער שטאַב, און דאָרט וועט מען זיך שוין פאַנאַנדערקלייַבן.

אין שטאב האָט זשאַק פּאַרזיכטיק צעטרענט די עפּאָלעטן. אין איינעם פון זיי האָט ער געפונען א צונויפגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר, אף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן:

מיכאַיל עדי!

באַקומען אײַער ראַפּאָרט, האָב איך זיך דייער דערפרייט, וואָס די אינזשאַנים האָבן אָנגענומען אזא ווענדונג. איך בעט האַנדלען אומאָפּהענגלעך.
איך דאַנק אײַך.

ניקאָלײַ

— ניי־קאָ־לײַ?

דער שעף פון שטאַב סערגיי וואַסיוטין האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם נאָמען: „ניי־קאָ־לײַ", אַרויסריידנדיק בוילעט אלע טראַפּן.

— ווער האָט געשריבן דעם בריוו?

באַם גענעראַל האָבן א ציטער געטאָן די בלויע ליפּן:

— איך ווייס ניט. יעדנפאַלס איז דער בריוו געשריבן ניט צו מיר.

— איר ווייסט ניט? אויב אזוי, וועל איך אײַך מוזן אָפּשיקן קיין סעוואַסטאָפּאָל, און דאָרט וועט מען אײַך אָפּפרישן דעם זיקאָרן.

אין דער רעגע האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. דער דעזשורנע האָט איבער־געגעבן דאָס טרײַבל וואַסיוטינען:

— האַלאָ! איך הער. אין דזשאַנקאָי, זאָגט איר?.. קלאָר! וואַרט אף א גרופּע פון צען מענטשן... ניין, מער קאָן איך ניט... גוט, ראַשיד וועט קומען מיט דער גרופּע... ער קען דאָרט אַלעמען.

— שיקט מיך מיט ראַשידן, — האָט זשאַק זיך געווענדט צום שעף.

— ניין, — האָט וואַסיוטין געענטפערט, — איך מוז אײַך צעשיידן מיט ראַשידן. איך האָב איצט ניט קיין צײַט צו שרײַבן פּראָטאָקאָלן... דו, זשאַק, וועסט אָפּפירן די דאָקומענטן מיט די אַרעסטירטע און אַלץ אליין געגוי דערציילן. אָט וועל איך נאָר אָנשרײַבן א קורץ צעטעלע מײַן כאַווער אין רעווקאָם, ער זאָל וויסן, וועמען איך שיק צו אים. — פון פעלדטאַש האָט ער אַרויסגענומען א צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר, א בלײַער. די ערשטע עטלעכע ווערטער האָט ער אָנגעשריבן זייער גיך, דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט...

— זשאַק, פונוואַנען ביסטו צו אונדז געקומען?

— פונוואַנען? — האָט זשאַק א קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס. — פון צירק.

ראַשיד האָט אונטערגעזאָגט:

— פון פּעטראָגראַד. זשאַק האָט אליין גערעדט מיט לענינען.

— קלאָר. אזוי וועל איך טאַקע אָנשרײַבן. און איצט געזעגנט זיך, און הײַדא אין וועג.

מיט ראַשידן האָט זשאַק זיך שוין מער קיינמאָל ניט באַגעגנט. אין א יאָר אַרום איז זײַן כאַווער אומגעקומען אפן פראָנט.

...עטלעכע טעג זײַנען אַדורך, ביז מע האָט פעסטגעשטעלט, ווער עס זײַנען די אַרעסטירטע ווײַסגוואַרדייִשע יאַם־אָפיצערן.

אין א וואָך אַרום האָט דער מיטגליד פון סעוואסטאָפּאָליער רעווקאָם יעווגעני פּאַוולאָוויטש סעניִן אַרויסגערופן זשאַקן און אים געזאָגט:

— דעם בריוו, וואָס איר האָט געפונען, האָט געשריבן ניקאָלײַ דער צווייטער[1]. דער „קאָמערסאַנט“ מיט די צוגעקלעפּטע וואָנצעס איז דער גענעראַל מיכאַיִל עד. וועגן זײַן מיסיע האָבן אַפילו ניט אַלץ געוווּסט די אָפיצערן, וואָס זײַנען געווען צוזאַמען מיט אים. זיי האָבן געדאַרפט אויספילן דעם קייסערס באַפעל וועגן אַרויס־פירן די קריגס־שיפן פון סעוואסטאָפּאָל און זיי איבערגעבן אין רעשוס פון דער אַנטאַנטע. אונדז וואָלט זיך געוואָלט אײַך אָפּדאַנקען. איז עפּשער וועט איר אַליין זאָגן, מיט וואָס?

— שיקט מיך אין א רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד, — האָט זשאַק שטאָלץ אופגע־הויבן דעם קאָפּ.

— וויפל זײַט איר אַלט?

— אַכצן.

— אין איין עלטער מיט מײַן זון. ער איז אויך א הויכער, א דאַרער. צוריק מיט א כוידעש האָט מען אים שווער פאַרוווּנדעט. איצט ליגט ער אין לאַזאַרעט... נאַ, — האָט ער אַרויסגענומען פון סייף די עפּאָלעטן מיט דעם בריוו און זיי דערלאַנגט זשאַקן, — ווען דו וועסט שוין זײַן א טאַטע אָדער גאָר א זיידע, וועסטו האָבן וועגן וואָס צו דערציילן די קינדער און די אייניקלעך. און איצט קום, וועל איך דיך באַ־קאַנען מיט איינעם א כאַווער. עמעס, ער איז זייער א שטרענגער, נאָר עפּשער וועסטו אים געפעלן.

אין עק פונעם קאָרידאָר, אין א ווינקל באַ דער טיר, איז זשאַק געשטאַנען און געהערט, ווי יעווגעני פּאַוולאָוויטש רעדט מיט עמעצן וועגן אים. אייגנטלעך, האָט ער געהערט נאָר דעם ענטפער: „ווייסט דאָך, סעניִן, אַז קיין מענטשן פון דער גאַס נעם איך ניט“. נאָך די דאָזיקע ווערטער וואָלט זשאַק שוין געמעגט אַוועקגיין, נאָר ווי גייט מען עס אַוועק אָן א זײַ־געזונט?

באַ דער וואַנט איז געשטאַנען א פאָטערשטול, פון וועלכן עס האָבן געסטאַרטשעט געפּלאַצטע פּרוזשינעס. זשאַק האָט זיך צוגעזעצט און אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין אופגעהויבענעם קאָלנער. ווען ער וואָלט געקאָנט אָנשקראַבן אין די קעשענעס א ביסל מאַכאָרקע אַף א ציגאַר, וואָלטן די אויגן זיך עפּשער אַזוי ניט געקלעפּט און ס׳וואָלט אַזוי ניט געגנאַגט אונטערן לעפעלע. ער געדענקט ניט, ווען האָט ער דאָס לעצטע מאָל צו זאַט געגעסן. אַהאַ, זיך דערמאָנט! באַ כאַנען אין שטוב איז עס געווען. זי האָט זיי דאַן דערלאַנגט צוויי פולע טעלער מיט הירזשענער קאַשע, אים און ראַשידן, און דערנאָך צוגעטראָגן הייסע טיי. פאַרשטייט זיך, אַז ניט קיין צו־קער, ניט קיין האָניק האָט כאַנע ניט געהאַט. דערפאַר האָט יוינע זיי עטלעכע מאָל דערמאָנט:

— קאַלויצעט, קינדער, קאַלויצעט. אָט וועט איר זען, ווי די טיי וועט ווערן זיס.

ראַשיד האָט זיך פון דער קאַשע אָפּגעזאָגט, און זשאַקן האָט נאָכדעם באַנק געטאָן, וואָס ער האָט צו פרי געזאָגט א דאַנק. עטלעכע מאָל האָט ער געוואָרפן

---

[1] ניקאָלײַ דעם צווייטנס בריוו, וואָס זשאַק האָט אַרויסבאַקומען פונעם עפּאָלעט באַם גענעראַל מיכאַיִל עד, האָט ער אין פערציק יאָר אַרום נאָך די דאָזיקע געשעענישן איבערגע־געבן אין צענטראַלן היסטאָרישן מעלוכע־אַרכיוו פון פּסםר, וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז דער דאָקומענט איז אַן עכטער אויטאָגראַף פונעם רוסישן צאַר.

א בליק אַף ראַשידס טעלער, אין וועלכן די קאַשע האָט זיך פאַרצויגן מיט א דין הײַטעלע און נאָך מער רייצנדיק געשמעקט.

און נאָך קומט אפּן זינען.

קאַרײַעוו פלעגט אמאָל אינמיטנדערינען אָנכאַפּן ראַשידן פאַר דער האַנט און, לײַכט פאַרזשמורענדיק דאָס רעכטע אויג, א זאָג טאָן: „מײַן ליזע האָט מיך שוין ניט איין מאָל געפרעגט: וואָס עסטו? ווי נעכטיקסטו?" אין דעם טאָג, ווען ער, זשאַק, און ראַשיד האָבן דאָס לעצטע מאָל זיך געזען מיט קאַרײַעוון, האָט יענער זיך ווידער דערמאָנט, אז ליזע וויל וויסן, פאַרוואָס זעט מען ניט ראַשידן, פאַרוואָס קומט ער ניט עפּעס אָפּעסן.

ראַשיד האָט אָפּגעטאָקט א ליגן:

— דאַוויד לוואָוויטש, זאָגט אײַער פרוי, אז איך מיט זשאַקן עסן אַלע טאָג א הירזשענע קאַשע און טרינקען טיי מיט סאַכאַרין.

אז זשאַק דערמאָנט זיך וועגן יעווּפּאַטאָריע, קומט אים אפּן געדאַנק פּראַסיע. א שיין מיידל פּראַסיע... און וואָס האָט די ווערט דאָס כיין־פּינטל אַף דער אייבער־שטער ליפּ, די געטאָקטע ציין, די פּיצינקע גריבעלעך אין די פאַרויטלטע באַקן. פאַר זײַן אוועקפאָרן זײַנען זיי ביידע — ער און פּראַסיע — געזעסן בא איר אין שטוב אפּן גרויסן קאַסטן. ווען מע האָט אָנגעצונדן דעם קאַנעץ, האָבן זיך איבערן דיל און איבערן קאַסטן געצומען הוידען מעשונעדיקע שאָטנס. איצט דוכט זיך אים, אז ער זעט ווידער, ווי די שאָטנס הוידען זיך, הוידען זיך...

א זײַטיקן האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז דער באָכער, וואָס האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אַף דעם פּאָטערשטול בא דער וואַנט, איז אַנשלאָפן געוואָרן. נאָר זשאַק האָט דורכן דרעמל נאָך אַלץ געהערט די שטים פון דעם מענטשן, וואָס האָט אים ניט געוואָלט נעמען צו זיך אין אָטריאַד. ווו האָט ער געהערט די דאָזיקע שטים? זי איז אים אַזוי באַקאַנט... יאָ, יאָ, פאַר די פאַרמאַכטע אויגן שווימט אוף א ווײַטער זומער־פרי־מאָרגן. איבערן דניעפּער איז געהאַנגען א ווייכער מילך־ווײַסער נעפּל. דאָס שיפל האָט זיך געוויגט... און מיטאַמאָל — ווער טאָרעט עס אים, ווער רופט עס אים בא זײַן ייִנגלשן נאָמען — דאַווידקאָ!

מיט פאַרמאַכטע אויגן רוקט זשאַק אָפּ עמעצנס האַנט.

— דאַווידקאָ! צירקאַטש! דערקענסט מיך ניט?

זשאַק האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט:

— פּעטער ניקיפאָר, איר?

— וואָס דען מיינסטו, עס כאַלעמט זיך דיר?

יעווגעני פּאַוולאָוויטש, וואָס שטייט אין א זײַט, טוט א זאָג מיט א שמייכל:

— אָט האָסטו דיר א מענטש פון דער גאַס.

ניקיפאָר האָט מיט דער רעכטער האַנט אַרומגעכאַפּט זשאַקן און אים לאַנג ניט אָפּגעלאָזט פון זיך.

— דו שווײַג בעסער, — זאָגט ער צו סעניגען, און זײַנע אויגן לײַכטן פון פרייד. — די עפּאָלעטן האָסטו געמעגט אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן, צום אַלעמערשטן האָסטו אים געדאַרפט אָנהאָדעווען.

— ביסט געראָכט, ניקיפאָר. קומט צו מיר. עפּעס וועלן מיר צוקלערן...

זיצן זיי איצט אפּן ברייטן דיוואַן, און עס גלייבט זיך ניט, אז זיי האָבן זיך אַף אַן עמעס באַגעגנט. ניקיפאָר איז געקומען אהער אַף געציילטע טעג, קעדיי פאָרמירן

א קאָמאַנדע פאַר א פאַנצערצוג. ער איז געווען אין כערסאָן און וויסט, אז דאַ־ווידקעס טאַטע, נאָסן־עליע, איז געשטאָרבן. ניקיפאָר דערמאָנט זיך אין עפּעס און פרעגט:

— דו מיינסט, אז איך האָב זיך באַקאַנט מיט דײַן טאַטן, ווען איך בין צו אים אָנגעקומען אלס שילער? ניין, דאַווידקאָ, מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט א סאַך יאָרן פריִער. איך בין נאָך דאַן געווען א יונגער באָכער. איינמאָל פאַרטאָג גיי איך מיט א קעסטל, פול מיט פלוגבלעטלעך. איך האָב קוים באַוויזן צוקלעפּן דאָס ערשטע בלעטל צו א וואַנט, ווי מיך האָט אָנגעיאָגט א מענטש און שטיל געזאָגט: „מע שפּירט אײַך נאָך. מײַן פאַמיליע איז גאָלדפאַרב. איך בין א טאָקער, אַרבעט דאָ ניט ווײַט אין א וואַרשטאַט. ווי נאָר מיר וועלן פאַרקערעווען אין געסל, קאָנען מיר זיך בײַטן מיט די קעסטלעך". אַוודע האָט מען מיך באַם ראָג אָפּגעשטעלט און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־באַצירק. דער שפּיק, וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען, האָט געריבן די הענט פון פאַרגעניגן. „איך ווייס ניט, זאָגט ער, וויפל פלוגבלעט־לעך עס ליגן דאָ בא אים, נאָר איך האָב אליין געזען, ווי ער האָט ארײַנגעשטעלט אין קעסטל א באַנקע מיט קליי און א בערשטל". דער זשאַנדאַרם האָט שוין אפילע צוגעגרייט פּאַפּיר אַף צונויפשטעלן א פּראָטאָקאָל. „אַנו, עפן נאָר דאָס קעסטל. באַווײַז דײַן סכוירע", — זאָגט ער צו מיר. און איך שטיי מיר רויִק. „עפנט, זאָג איך, אויב איר דאַרפט. איך ווייס אַזוי אויך, וואָס דאָרט ליגט". לאַנג האָבן זיי זיך געפּאָרעט מיטן שלאָס, ביז מע האָט אים אראָפּגעריסן. וואָס אין קעסטל איז גע־לעגן, געדענקט איך, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען. א פּאָר אינסטרומענטן, צווישן צוויי ריפּטלעך ברויט — א שטיקל הערינג, א ציבעלע, און אין א פּעקעלע פון שוועבעלעך — א ביסל זאַלץ.

דער זשאַנדאַרם איז אַזוי אופגעבראַכט געוואָרן, אז זײַנע רויטע אויגן זײַנען נאָך רויטער געוואָרן. מיטן שטיוול האָט ער אַזא זעץ געטאָן אין קעסטל, אז מיר איז דערנאָך אויסגעקומען לאַנג פּויזען איבערן דיל, ביז איך האָב צונויפגענומען דײַן טאַטנס גוטס.

אפדערנאָכט האָב איך זיך געלאָזט אָפּזוכן מײַן רעטער. נאָר ער איז ווי אין וואַסער ארײַן. דאַן בין איך אוועק צו אונדזערן א כאַווער, וואָס האָט געאַרבעט אין איין וואַרשטאַט מיט דײַן טאַטן. „אפן טאָקער גאָלדפאַרב קאָן מען זיך פאַר־לאָזן?" — פרעג איך.

— פאַרלאָזן זיך אַף אים וואָלט מען געקאָנט, נאָר ער איז פון די, וואָס אויסער דער אַרבעט ווילן זיי פון גאָרנישט ניט וויסן. ער וועט קיינמאָל ניט ריזיקירן.

— האָסט א גרויסן טאָעס, — האָב איך געענטפערט מײַן כאַווער. — ער ריזיקירט שוין דאפקע יאָ.

איך האָב אײַנגעבעטן מײַן כאַווער, אז ער זאָל געפינען עפּעס א טערעץ און ארויסרופן פון שטוב נאָסן־עליען.

— איר זעט, — זאָג איך דײַן טאַטן, — דער זשאַנדאַרם האָט צעבראָכן דעם שלאָס פון אײַער קעסטל.

— מיילע, — ענטפערט ער מיר, — בא מיר האָט עס ניט קיין ווערט.

זשאַק האָט געהערט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז ער זעט איצט זײַן טאַטן, אָבער ניט אַזא, ווי ער האָט אים פאַרגעדענקט, שטענדיק א פאַרהאָרעוועטן, א פאַרכמורעטן, פאַרטאָן אין וואָכעדיקע דײַגעס, נאָר גאָר אַן אַנדערן...

נאָך האָט ער זיך דערוווּסט פון ניקיפאָרן, אַז דער עלטערער ברודער זײַנער, לייווי, איז אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און געפינט זיך איצט אין עסטרײַך, און אַז מאָטל, וואָס פלעגט טאָג און נאַכט זיצן איבער דער געמאָרע, האָט זיך אומגעקערט פון פראָנט א הייסער באָלשעוויק.

פון דעם טאָג אָן איז שוין זשאַק מיט ניקיפאָרן געווען צוזאַמען אויף דעם פּאַנצערצוג „גראָזני". ניקיפאָר האָט דאָ קאָמאַנדעוועט, זשאַק האָט געדינט אַלס אויס־שפּירער.

מיט ניקיפאָרן

אויף דער סטאַנציע דזשאַנקאָי זײַנען זיי לאַנג געשטאַנען. דאָ האָט מען באַדאַרפט פאַרגרייטן הייצונג פאַרן לאָקאָמאָטיוו. דער וואָקזאַל איז געווען פּוסט, נאָר אין איין ווינקל איז אויפן הוילן דיל געשלאָפן א יונג מיידל.

א מאַטראָס, בא וועלכן דער בושלאַט איז געווען אונטערגעגאַרטלט מיט א קוילן־וואַרפער־לענטע, האָט צו איר א געשריי געטאָן:

— שטיי אויף! זע, סאַראַ כאַסאַנים עס זײַנען אַהער געקומען. זיך אויסגעשלאָפן? און איצט באַווײַז דײַנע דאָקומענטן. מע האָט זיי, זאָגסטו, בא דיר צוגעגאַנוועט? דאָס איז שוין ערגער. אָט קוק איך אויף דיר און טראַכט, אַז אַזאַ שיינהײַט מיט סטענגעס אין די צעפּ וואָלט געדאַרפט שלאָפן אויף א ווייכער איבערבעט, און דו וואַלגערסט זיך ווי א היימלאָזע. ווער ביסטו?

— אַן אַרטיסטקע. איך בין געקומען מיטן אַגיטצוג פון סימפעראָפּאָל.

— אַן אַרטיסטקע? אָט וועל איך א רוף טאָן אַהער אַן עמעסן אַרטיסט, וועלן מיר זען, ווער דו ביסט.

— אָקסאַנע! — האָט זשאַק אויסגעשריִען, ער האָט נאָך פונווײַטנס דערקענט די יונגע באַגאַבטע זינגערין פון כערסאָן בוטענקאָ, מיט וועלכער ער איז געווען באַ־פרײַנדעט. — וואָס פאַר א ווינט האָט עס דיך אַהער פאַרטראָגן? אָן דאָקומענטן, אָן וואַרעמע בגאָדים וועסטו פאַרפאַלן ווערן. קום צו אונדזער קאָמאַנדיר.

לאַנג איז אים אויסגעקומען בעטן ניקיפאָרן, ער זאָל דערלויבן נעמען אָקסאַנען אויפן פּאַנצערצוג. דאָס, וואָס זשאַק קען זי ווי אַן אַקטריסע, איז פאַרן קאָמאַנדיר געווען א קלײנער באַווײַז, אַז מע מעג איר פאַרטרויען. סאָפּקאָלסאָף איז ניקיפאָר אײַנגעגאַנגען.

דער זעלבער מאַטראָס, וואָס האָט געצווייפלט, צי איז אָקסאַנע טאַקע אַן אַר־טיסטקע, האָט דערנאָך ניט איין מאָל געשפּילט אויף זײַן האַרמאָניק, ווען אָקסאַנע האָט געזונגען.

און מיטאַמאָל אַן אַליאַרם!

דאָס איז געווען לעבן אַלעקסאַנדראָווסק. די קאָמאַנדע פון פּאַנצערצוג האָט געפירט א שלאַכט מיט א ווײַסגוואַרדייִשער באַנדע. ווען „גראָזני" האָט זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג, האָט זיך שוין קיינער צו דער האַרמאָשקע ניט צוגערירט. איר באַלעבאָס, דער מאַטראָס, האָט זי צוזאַמען מיט זײַן קוילן־לענטע איבערגעגעבן זײַן כאַווער. אַליין איז ער געלעגן שווער פאַרוווּנדעט און שטיל געקרעכצט.

אויף דער סטאַנציע סינעלניקאָוואָ האָט אָקסאַנע דעריאָגט איר אַגיטצוג און זיך געזעגנט מיט אירע נײַע פרײַנט.

...ס'איז געווען א הייסער זומער־טאָג. אפֿן הימל האָט מען ניט געקאָנט געפֿינען קיין שפּרענקעלע. אין גרינעם ווייץ, ניט ווײַט פֿון דער סטאַנציע טשערסקאיא, איז געלעגן זשאַק. דעם באַוווּסטזײַן האָט ער ניט פֿאַרלאָרן, נאָר די ערד מיטן הימל, האָט זיך אים געדוכט, זײַנען פֿאַרצויגן מיט איין מוטנעם נעפּל.

זשאַק האָט געהערט דעם אָפּהילך פֿון די סנאַריאַדן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אפֿן פּאַנצערצוג „גראָזני", וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון קלעם און זיך איצט געטראָגן צו צאַריצין. ער האָט דאָס געוווּסט, און דאָך האָט ער געמורמלט: „ניקי־פּאָר, ניקיפּאָר"...

און ווי ער וואָלט דערהערט ניקיפּאָרס באַפֿעל, האָט ער מיט די לעצטע קויכעס זיך אָנגעשפּאַרט אפֿן עלנבויגן, אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס מעסערל, צעשניטן די כאַליעווע פֿון שטיוול, שטײַף איבערגעבונדן די וווּנד און געפּרוווט זיך אופֿשטעלן... וואָס ווײַטער איז געווען, געדענקט ער ניט, נאָר עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער גייט איבערן ערשטן דינעם אײַז, וואָס האָט פֿאַרצויגן דעם דניעפּער, און ניט דאָס אײַז, נאָר ער אַליין ברעכט זיך אײַן און גייט צום גרונט. עס דוכט זיך אים, אַז ער וויל זיך פֿאַר עפּעס אָנכאַפּן, נאָר א שאַרפֿער ווייטעק האָט אים אָפּגעמינטערט. א וואַרעמער ווינט האָט דערטראָגן אַהער קלאַנגען פֿון א האַרמאָניק און דעם ביטערן גערוך פֿון רויך. קיין פֿײַער האָט ער ניט געזען, נאָר, ווײַזט אויס, ערגעץ האָט געברענט א שטוב.

לאַנג האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו דער אײַזנבאַן־בודקע. דער באַלעבאָס האָט זיך ניט דערשראָקן, זיך אַפֿילע ניט פֿאַרכידעשט. ער האָט אָף אים אָנגעשטעלט זײַן לאַמטערן און געפֿרעגט:

— נו, וואָס וועלן מיר ווײַטער טאָן?

גיי ענטפֿער אָף אזא פֿראַגע. דערווײַל וואָלט ער געבעטן א קוואָרט וואַסער. אָט איז אים פֿון דעם קאַלטן טרונק, דוכט זיך, א ביסל לײַכטער געוואָרן. איצט, אַז די שײַן פֿון לאַמטערן שנײַדט אים ניט די אויגן, זעט ער, אַז דאָ איז נאָך עמעצער פֿאַראַן. דער פֿעלץ אָף דער באַנק האָט זיך א ריר געטאָן, און פֿון אונטער אים האָבן זיך אַרויסגערוקט א פּאָר ייִנגלשע באָרוועסע פֿיס. זשאַק האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט, וויאַזוי אָנהייבן דעם געשפּרעך. נאָר דער אײַזנבאַן־וועכטער, קענטיק, א מענטש, וואָס רעדט געוויינלעך זעלטן און קאַרג, האָט אים שטרענג געפֿרעגט:

— קלײַבסט זיך דאָ נאָך לאַנג זיצן?

— אויב מע טאָר ניט, קאָן איך אַוועקגיין.

— אַוואַדע טאָר מען ניט. נאָר ווער וועט דיר לײַען א פֿוס? פֿעדיע, שטיי אוף און פֿיר אים אָפּ צום פֿעלדשער, — האָט דער אַלטער אויך שטרענג געזאָגט צו דעם ייִנגל מיט די באָרוועסע פֿיס.

— צום פֿעלדשער? — האָט זשאַק איבערגעפֿרעגט. — אַהין טאָר איך ניט גיין.

— טאָרסט ניט? דאַן וועט דיר אויסקומען גיין נאָך ווײַטער. באַם גאַלעך יעווּלאַמפּי איין שטוב נעכטיקט דער שטאַבס־ראָטמיסטער, קלאַפּ אָן אין פֿענצטער און זאָג: אַזוי און אַזוי, איר האָט מיך געזוכט, איז אָט בין איך אַליין געקומען. פֿעדיע, גיין זאָלסטו מיט דער סטעזשקע לעבן דער קלוניע. און גיכער, די נאַכט שטייט ניט.

אויב גלייבן דעם דרײַצניאָריקן פֿעדיען, קאָן מען זיך אָף דעם טויבן פֿעלדשער פֿאַרלאָזן. ווער עס קאָן זיך פֿאַרלאָזן, האָט פֿעדיע ניט געזאָגט. נאָר קיין אַנדער אויסוועג האָט זשאַק ניט געהאַט.

אָנשטאָט אויסבאהאלטן זשאקן ערגעץ אין א קעלער אָדער אף א בוידעם, האָט דער פעלדשער אים אריַינגעפירט צו זיך אין שלאָפצימער און געזאָגט:

— זיַי רויק, אהער וועט קיינער, אויסער מיר און מיַין שוועסטער, ניט אריַינקומען, דעם שפּליטער וועל איך ארויסשלעפּן. ווי נאָר עס וועט מעגלעך זיַין, וועל איך דיך אריבערפּעקלען קיין צאריצין אין שפּיטאָל.

דער פעלדשער כריסטאָפאָר מיכיַילאָוויטש האָט געהאלטן וואָרט. ערגער איז געווען, וואָס גאנץ אָפט פלעגט צו אים אריַינקומען דער גאלעך יעוולאמפּי. יאוועןן פלעגט ער זיך גאנצפרי, ווען די ערשטע שטראלן פלעגן זיך א שפּיגל טאָן אין די טראָפּנס טוי אף די שפּיץ ביימער. ווי שטארק די ווייטעקן זיַינען ניט געווען, פלעגט זשאק ליגן אומבאוועגלעך און ניט וואגן אפילע א פּיפּס טאָן. ניט איין מאָל האָט ער געהערט, ווי דער גאלעך זאָגט צום פעלדשער:

— וואָס שמעקט עס בא דיר אזוי מיט לאזארעט?

— מיט וואָס דען זאָל שמעקן? — פלעגט אים כריסטאָפאָר מיכיַילאָוויטש ענטפערן. — איך האָב דאָך צו טאָן ניט מיט קיין הייליק וואסער.

— דו זינדיקסט, כריסטאָפאָר.

— עמעס, — איז דער פעלדשער מאסקים מיטן גאלעך, — אזויפיל קראנקע, צעקאליעטשעטע, און מיט וואָס העלף איך זיי?

שטיל. אין דער רעגע האָט מיסטאם דער פאָטער יעוולאמפּי איַינגעטונקען דאָס ציגעלע צוקער אין דער הייסער טיי, אָפּגעביסן א שטיקל און צוגעטראָגן די גלאָז צום מויל. נאָך א פּאָר שלונג האָט ער פאָרגעזעצט:

— איך האָב, כריסטאָפאָר, א כשאד, אז דו וואָלסט געהיילט אפילע אזעלכע, וועלכע מע טאָר ניט היילן.

— ווער־ווער, נאָר איר דארפט וויסן: ניטאָ קיין לעבעדיקע נעפאשעס, וועמען א פעלדשער, פּונקט ווי א דאָקטער, מעג אָפּזאָגן אין הילף.

— נו, און די אנטיכריסטן, די באָלשעוויקעס?

— די באָלשעוויקעס? — כידעשט זיך דער פעלדשער, ווי ער זאָל צום ערשטן מאָל אין לעבן הערן אזא וואָרט. — זיי, זאָגט מען, נעמט ניט קיין קויל, ניט קיין קרענק. נאָך זאָגט מען, אז אפילע שטארבן שטארבן זיי שטייענדיקערהייט.

— כריסטאָפאָר! — האָט דער גאלעך מיט א קלאפּ אוועקגעשטעלט די גלאָז אפן טיש. — דו זינדיקסט.

ניט אנדערש, אז כריסטאָפאָר מיכיַילאָוויטש האָט געוווּסט עפּעס וועגן דעם פאָטער יעוולאמפּי אזוינס, אז עס איז גענוג געווען, ער זאָל אים בלויז געבן וועגן דעם אָנצוהערן, דער גאלעך זאָל גליַיך אנשוויגן ווערן.

— איך זינדיק מיט דער צונג, און איר מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע, — האָט דער פעלדשער שטיל געזאָגט. און דאָס איז געווען גענוג.

באנאכט האָט זשאק דערהערט, אז עמעצער גייט ארום לעבן דער שטוב. ער האָט אופגעוועקט כריסטאָפאָר מיכיַילאָוויטשן. דער פעלדשער האָט אף זיך ארופּגעוואָרפן דעם מאנטל, אריַינגעקראָכן אין די שטעקשיך און איז ארויסגעגאנגען אין דרויסן. אין הויף איז קיינער ניט געווען. נאָר לעבן טויער איז געלעגן א שטיקל טליִענדיקער ציגאר.

אין א שאָ ארום האָט פעדיע ארויסגעפירט זשאקן פון דעם פעלדשערס הויז און באגלייט קיין וואָראָפּאנאָוואָ צום אָרטיקן דאָקטער. בא א נויט האָט זשאק געהאט א צעטל, אז ער איז אן איַיזנבאן־ארבעטער און האָט זיך צעקאליעטשעט א פוס

בייסן אויסלאָדן א וואגאָן. דער וואָראָפּאנאָוער דאָקטער האָט אים געהאָלפן דער־קלײַבן זיך קיין צאריצין.

דער בירגערקריג האָט זיך שוין פון לאנג פארענדיקט. און זשאק מאטערט זיך נאָך אלץ מיט דעם פארוואונדעטן פוס. דאָס פינפטע מאָל פירט מען אים צום אָפּע־ראציע־טיש. ער הערט, ווי די דאָקטוירים אמפּערן זיך — אמפּוטירן דעם פוס צי ניין? איינעם פון די דאָקטוירים, גראָד דעם, וועלכער האָט געייצעט נאָך צוווארטן, האָט זשאק אָנגעכאפּט פאר דער האנט. און, ווי יענער זאָל זײַן אין אלץ שולדיק, האָט זשאק געשריִען אף אים:

— איר זאָלט ניט וואגן! איך בין אן ארטיסט! ווער וועט מיך דארפן אין צירק מיט א קוליע?!

עס קאָן אפילע זײַן, אז דאָס האָט געהאָלפן. מע האָט אים געדלובעט דעם ביין, און א מעדיצין־שוועסטער האָט מיט א פּײַכט שטיקל מארליע באנעצט זײַנע ליפּן.

אַלע צען שכיינים, וואָס ליגן מיט זשאקן אין איין פּאלאטע, הערן, ווי דער דאָקטער סאָלאָוויאָוו, דער שעף פון לאזארעט, וואָס האָט אים געבראכט א פּעקל ביכער, זאָגט:

— נא, לייען, אין צירק וועט דיר שוין מיסטאם ניט אויסקומען ארויסטרעטן...

אין אָוונט צינדט מען ניט אָן קיין שײַן. מע ליגט אינדערפינצטער, און עס שפּינט זיך א געשפּרעך. דער געוועזענער קאוואלעריסט, זשאקס שאָכן, דימע, וואָס האָט אין שלאכט פארלאָרן ביידע הענט, איז אזוי יונג, אז זײַנע ליפּן זײַנען נאָך קינדערש פּוכקע. דימע טוט א טיפן קרעכץ און פארציט שטיל א ליד:

דאָס ווײַב וועט זיך א מאן געפינען,
דעם זון — די מאמע קיינמאָל ניט...

— דימע, — בעט זיך בא אים זשאק, — זינג בעסער א פריילעכע ליד.

דימע לאָזט זיך לאנג ניט בעטן. ביפראט נאָך, אז די ליד, וואָס ער קלײַבט זיך אויסזינגען, געפעלט אלעמען, אפילע דער דאָקטער סאָלאָוויאָוו ברומט אָפּט אונ־טער די ווערטער פון דער „רויטער קאוואלעריע".

די קראנקן־שוועסטער נאדיע ברענגט דימען א גלאָז וואסער, שטעלט זיך אני־דער בא דער שוועל, גרייט צו הערן.

זאָל שאלן ברייט אין ראטנלאנד
דער רויטער לויב!

כאָטש זשאקן טוט וויי דער פוס, דאָך כאפּט ער אונטער מיט אלעמען צוזאמען:

מיר זײַנען העלדן מוטיקע,
און אונדזער לעבן איז איין גרויסער קאמף.

אין פּאלאטע ווערט שטיל. בא דער שוועל שטייט די מעדיצין־שוועסטער ווי א צוגעשמידטע, און ס'דוכט זיך איר, אז אינדערלופטן קלינגט נאָך די ליד.

...זשאקן וואָלט מען אזוי גיך ניט אויסגעשריבן פון לאזארעט, ער האָט אָבער באַ־קומען פון כערסאָן א יעדיִע, אז די מאמע איז געפערלעך קראנק, אז זי בעט זיך ראכמים, ער זאָל קומען כאָטש אף א טאָג.

דער באַלעגאָלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן זײַן בריטשקע באַם כערסאָנער וואָק־זאַל, האָט געהריזשעט אַ שטיק מאַקוכע. דאָס פֿערד האָט געקוקט אויף אים מיט הונ־געריקע אויגן. זשאַקן האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טאָן: „זײַ אַ מענטש און גיב כאָטש אַ שטיקל מאַקוכע דעם באַלעכײַ!" אויף דער פֿראַגע, צי וועט דער באַלעגאָלע אים אָפּפֿירן אויף דוואָריאַנסקע, האָט יענער ניט געענטפֿערט. אין דער מינוט האָט דער באַלעגאָלע געקוקט אויפֿן רוקזאַק, וואָס איז געהאַנגען אויף זשאַקס פּלייצע. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט געפּרוווט לויטן רייעך זיך אָנשטויסן, וואָס ליגט דאָרט. זשאַק האָט אים אַ צי געטאָן פֿאַרן אַרבל.

— רעב ייִד, איך בין דאָך ניט קיין קאַלע און איר זײַט ניט קיין כאָסן, וואָס איר קוקט אויף מיר אַזוי. נעמט די ווישקעס אין די הענט, און לאָמיר פֿאָרן..

זשאַק איז שוין געזעסן אויף דער בריטשקע, ווען דער באַלעגאָלע האָט זיך אויס־געדרייט צו אים און געוואָרנט:

— פֿאַר קיין געלט פֿיר איך ניט.

— פֿאַר וואָס דען פֿירט איר?

— פֿאַר וואָס עס זאָל ניט זײַן. קיין האָבער פֿאַר מײַן שקאַפּע, פֿאַרשטייט איך, איז בײַ אײַך ניטאָ. אויב איר קאָנט מיר געבן אַ שטיקל ברויט, וועל איך אײַך זאָגן אַ דאַנק. איז צו וועמען פֿאָרט איר?

זשאַק האָט אַרויסגענומען פֿון רוקזאַק אַ לעבל ברויט. ער האָט עס צעשניטן אויף צוויי גלײַכע כאַלאַקים און איין העלפֿט דערלאַנגט דעם אַלטן.

— איך פֿאָר צו דער מאַמען. באַסשעווע נאָסן־עליעס, וואָס וווינט אין אַלינאָוועס הויז, קענט איר?

— אַ פֿראַגע, צי איך קען זי! אַ שטילע טויב, נאָר זי צאַנקט, נעבעך. נאַ, נעם צוריק דײַן ברויט. נעם, און מיך לאָז בעסער טאָן אַ פּאָר צי פֿון דעם ציגאַר. דו ביסט מיסטאָמע דער, וואָס פֿלעגט שפּילן אין צירק. ווער האָט עס דיך אַזוי צעמאַ־זיקט? ס'הייסט, וואָס פֿרעג איך, ווער? מײַנע באָנים האָבן זיך אײַנגאַנצן ניט אומגע־קערט. וויאָ, וויאָ! קוים וואָס זי רירט זיך, די שקאַפּע. נעם, באָכער, אַליין די וויש־קעס אין די הענט, און איך וועל צולויפֿן צו דײַן מאַמען און איר אָנזאָגן די גוטע בסורע. לאָמיך כאָטש פֿאַרדינען אַ מיצווע.

ווי זשאַק האָט ניט געיאָגט די שקאַפּע, האָט דער באַלעגאָלע אים פֿאָרט אַריבער־געיאָגט.

מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ איז זשאַק געבליבן שטיין אויף דער שוועל, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף ביידע קוליעס אונטער די פּאַכוועס. ער האָט בלויז געקאָנט אויסריידן:

— מאַמע!

באַסשעווע האָט געפּרוווט אים ענטפֿערן מיט אַ שמייכל:

— זעסט, מײַן זון, איך האָב זיך דערוואַרט אויף דיר.

— מאַמע!

— שרעק זיך ניט, דאָווידל, — האָט זי אים אַ גלעט געטאָן מיט די אויסגעדאַרטע פֿינגער, וואָס האָבן זי שוין ווייניק געפֿאָלגט, — קאָן זײַן, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אײַנריידעניש. לייג אוועק אין אַ זײַט די מיליצעס און זיץ אַ ביסל לעבן מיר. דער טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט ביז דער לעצטער מינוט דיך דערמאָנט. איך האָב מער מאַזל פֿון אים. — זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פֿאַרגעזעצט: — קינדער, דאָווידל איז דאָך פֿון אַ ווײַטן וועג, גיט אים עפּעס עסן.

...אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען באַסשעווען געבראַכט צו קוורע.

זשאַק האָט זיך פאַרהאַלטן אין כערסאָן. דער דאָקטער סאָלאָוויאָוו האָט אים געשריבן, אַז דימע איז שוין איצט אין כאַרקאָוו. ער וועט זיך לערנען אין אַ ספּעציִעלער שול פאַר מילכאָמע־אינוואַלידן. ער האָט אויך מודיִע געווען, אַז אים, זשאַקן, וועט דער פאָלקאָמבילד איִנגיכן שיקן זיך לערנען.

גאַנצפרי איז זשאַק אַוועק צום מאַרק־פּלאַץ, וווּ מיט העכער פופצן יאָר איז ער צום ערשטן מאָל אין לעבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון צירק. פון דאָרט איז ער אַוועק צום שפּיטאָל, וווּ ס'איז אַמאָל געלעגן ליאָניע סמיגעלסקי. אים האָט זיך אַפילע געגלוסט אַרייַנקוקן אין דער פּאַלאַטע, וווּ זייַן כאַווער איז געלעגן, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אייַנגעגעבן. אַלע שויבן זייַנען געווען פאַרקלאַפּט מיט פּאַפּיער.

ווען דער פוס זאָל אים אַזוי ניט וויי טאָן, וואָלט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צום דניעפּער און פון דאָרט זיך דערקליבן צום אָלעשקאָווער וואַלד. וויִאַזוי האָט עס אים אַמאָל געזאָגט ניקיפאָר? „פון אַ דעמב פאַלן דעמלט אַראָפּ די בלעטער, ווען עס הייבן זיך אָן דורכשלאָגן נייַע".

ניטאָ ניקיפאָר. אין סטעפּ, ניט ווייַט פון דער וואָלגע, האָט זיך צו אַ קורגאַן צוגעמאָסטעט אַ קליין בערגעלע, וווּ ס'רוט דער רויטער קאָמאַנדיר — דער געוועזענער מאַטראָס ניקיפאָר.

דאָרט, וווּ עס איז געשטאַנען כאַיִם־בערס שטיבל, וווּ עס זייַנען געלעגן דער באַלעבאָסטעס בערווענעס און ברעטער, איז צעגראָבן די ערד. דער טויבנשלאַק איז פּוסט. נאָר אָט שטייט אַ יִינגל, און, ווי דאָווידל אַמאָל, האַלט ער אין דער האַנט אַ קאַשקעט מיט אַ צעבראָכענעם דאַשעק. אַף אַ נאַקעטן בוים שאַרפט אַ קראָ דעם שנאָבל אין אַ צווייַג. דאָס יִינגל פאָכט מיטן היטל און שרייַט: „הולי! הולי!"

עס איז די צייַט, ווען פייגל פאַרלאָזן די אייַנגעזעסענע ערטער און לאָזן זיך אַף דאָרעם — אַהין, וווּ עס איז וואַרעם, וווּ ס'איז פאַראַן שפּייַז פאַר זיי. זיי פליִען אין אָן אייַנגעשטעלטן סיידער: די גראַקן — טשאַטעסווייַז, די בושלען, ווילדע גענדז — צוגנווייַז. שלעכט דאַרף זייַן די פייגל, וואָס פליִען אונטער די ווייַסע וואָלקנס אייינציקווייַז...

— זעסט, — באַווייַזט זשאַק דעם יִינגעלע, — זיי פליִען באַטאָג, ווען עס שייַנט די זון, באַנאַכט — בא דער שייַן פון די שטערן, און אַפילע דאַן, ווען אַלץ איז אייַנגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל...

דאָס יִינגל פאַרטראַכט זיך אַף אַ ווייַלע, דערנאָך פרעגט ער:

— וויִאַזוי געפינען זיי דעם וועג? — ער כאַפּט אַ קוק אַף זשאַקס בודיאָנאָווקע. — איך האָב אויך אַ שטערנדל...

פון די פריש־אויסגעקלעפּטע אַפישן האָט זשאַק זיך דערוווּסט, אַז אָקסאַנע בורטענקאָ שפּילט אין כערסאָנער טעאַטער. דעם זעלבן אָוונט האָט אָקסאַנע מיט אירע כאַווערטעס באַגלייט זשאַקן צום באַן. דאָס איז געווען אָנהייב ווינטער.

דער גרויער הימל איז געהאַנגען נידעריק. אָבער ווי נאָר עס איז אויסגעפאַלן אַ שניי, איז גלייַך ליכטיק געוואָרן. די שנייעלעך האָבן זיך געדרייט אין דער לופט און מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די פּלויטן, אַף די גאַסן. די, וואָס האָבן ניט באַוויזן צוטוליען זיך צו עפּעס, האָט דער ווינט פונדאָסנייַ פאַרדרייט אין אַ קאַראַהאָד.

דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. און צוזאַמען מיט זשאַקן האָבן אַנדערע פּאַסאַזשירן אונטערגעכאַפּט די לעצטע ווערטער פון דער ליד, וואָס אָקסאַנע מיט אירע כאַווערטעס האָבן פאַרצויגן:

זאָל דונערן און בליצן,
זאָלן סרייפעס הוליען,
מיר זײַנען העלדן מוטיקע,
און אונדזער לעבן איז איין גרויסער קאמף.

* * *

א זון מיט א רעגן. מיר שטייען אונטער א טאָפּאָל באַם ראָג פון קיִעווער קרע־שטשאטיק און שעווטשענקאָ־בולוואר און קוקן, ווי לעם טראָטואר בלעזלט זיך דאָס וואסער אין די ריטשקעלעך און איבערן פײַכטן אספאלט הייבט זיך אוף א דורכזיכ־טיק רויכל.

— איר זעט, ווי די טראָפּנס לויכטן זיך? יעדער טראָפּנדל איז אליין ווי א זון.

דאָס זאָגט מיר זשאק אלעקסאנדראָוויטש גאָלדפארב. זײַנע געדיכטע ברעמען, די לאַנגע האָר, וואָס הענגען אראָפּ קימאט ביז דער פּלייצע, זײַנען גראָוו. אפן פּאָנעם — קארבן, פאסן, קנייטשן און קנייטשעלעך. די בלויע אָדערן אף די הענט זײַנען איבערגעפלאָכטן, ווי וואָרצלען בא א דעמב.

דער רעגן האָט אופגעהערט. מיר לאָזן זיך גיין מיטן בולוואר צום פּלאץ, ווו עס שטייט דער נײַער קיִעווער צירק, ארומגערינגלט מיט יונגע קאשטאנען. די בײי־מער זײַנען אײַנגעטונקען אין ווײַס־ראָזלעכע קריגעלעך. פון זיי טראָגט זיך א לײַכטער האָניק־גערוך. אינעם אָפּגלאנץ פון דער זון שעמערירן די געשליפענע קיזל־שטיינער, דער קופּאָל פון דער הויכער געבײַדע. עס גיט א בלישטשע זשאק אלעק־סאנדראָוויטשעס זילבערנער צייכן, אף וועלכן ס׳איז אויסגעקריצט: „דעם העלד פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג 1917—1918״.

זשאק גאָלדפארב שפּילט שוין לאנג ניט אין צירק, נאָר עס ציט אים אהער, צו אָט דעם פּלאץ מיטן קופּאָל, וואָס שטייט אף דעם זעלבן אָרט, ווו עס איז אמאָל געווען דער גרעסטער קיִעווער מארק „יעווּבאז״. אין יענע צײַטן זײַנען דאָ געשטא־נען צירק־באלאגאנען, געדעקטע מיט צעריסענע, פארביקע לײַוונטן. דאָ איז ניט איין מאָל ארויסגעטראָטן זשאק אלבראָ.

זשאק אלעקסאנדראָוויטש דערציילט, און מיר דוכט זיך, אז די צײַט האָט מיטאמאָל זיך א רוק געטאָן אף העכער פופציק יאָר צוריק.

— נאָכן צירק, — זאָגט ער לאַנגזאם, באטראכטנדיק יעדער וואָרט, ווי ער וואָלט פארסאכאקלט זײַן גאנצע לעבנס־געשיכטע, — האָב איך געבענקט. שטענדיק גע־בענקט. אפילע ווען כ׳בין געווען אפן פראָנט. סײַ בייסן בירגערקריג, סײַ בייס דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, ווען כ׳האָב צוזאמען מיט מײַן זון, אין איין טייל, גע־קעמפט קעגן די דײַטשישע פאשיסטן. נאָר וואָס איז איצט דאָ צו ריידן, ווען דאָס וויכטיקסטע אין לעבן איז שוין געגומען געוואָרן און געגעבן געוואָרן...

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אין זײַנע אויגן איז אָנגעלאָפן דער ציטער פון א טרער, וועלכע איז ניט געוואָרן פול, צײַטיק אף אראָפּצופאלן, נאָר גאָר פלוצעם האָט אין זיי א בלענד געטאָן מיט אן אומעטיקן שמייכל. ניט אנדערש, אז זשאק גאָלדפארב האָט שוין דאן געוווּסט, אז ער איז געפערלעך קראנק און ווי ער זאָל זיך ניט אקשענען, וועט ער אויסדינגען באַם טויט ניט מער ווי עטלעכע געציילטע כאדאָשים...

שפּעט אין אָוונט האָב איך אים באגלייט אהיים. באַם שיידוועג, ווו ס׳האָט גע־פינטלט דער סוועטאָפאָר, האָבן מיר זיך אף שטענדיק געזעגנט.

אינהאלט

אזוי איז געווען

ערשטער טייל. קורסאנטן 7

צווייטער טייל. ווען ניט די פרײַנט מײַנע . 101

קימאט א לעגענדע 295

די יוגנט־יאָרן פון זשאק אלבראָ . . 323

Лев Михаил Андреевич

ПОЧТИ ЛЕГЕНДА

(на еврейском языке)

М. «Советский писатель» 1973. 408 стр. План выпуска 1973 г. № 213. Художник *Е. Ф. Капустин.* Редактор *М. Я. Шульман.* Худож. редактор *В. И. Морозов.* Техн. редактор *Р. Я. Соколова.* Корректор *А. Б. Стрельник.* Сдано в набор 22/XI 1972 г. Подписано к печати 17/VII 1973 г. Бумага 60×84¹/₁₆ № 1. Печ. л. 25,5 (23,72). Уч.-изд. л. 29,33. Тираж 2 500 экз. Заказ 1919. Цена 96 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер. 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.